STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 00220

IDN IN ERETS-YISROEL

Abraham Revusky

Permanent preservation of this book was made possible by
Sylvia B. Eisenberg
in memory of
David & Mamie Budgar

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידן אין ארץ־ישראל

מאפע פון ארץ־ישראל און די נייע קאלאניעס
געגרינדעט צווישן 1936 און 1944.



אברהם רעוואוצקי, ז״ל

1946 — 1889

א. רעוואוצקי

אידן אין ארץ-ישראל

איבערזעצט פון ל. שפיזמאן

פאַרלאַג „שרון"
(געגרינדעט פון דער פועלי-ציון אָרגאַניזאַציע)
ניו-יאָרק, 1947

Copyright, 1947, *by*
SHARON BOOKS, INC.
NEW YORK, N. Y.

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

צו

מ ר י ם

אין אָנדענק

אינהאַלט

זייט

פון די אַרויסגעבער xi
הקדמה פון א. רעוואוצקי xiii
אברהם רעוואוצקי און זיין „ארץ־ישראל בוך פון חיים גרינבערג xv

קאַפּ.

1. די טרייבנדיקע כחות 1
עקאָנאָמישע אורזאַכן, 2; אַנטיסעמיטיזם און אויסוואַנדערונג, 3; אידעאָלאָגישע איינפלוסן, 4.

2. ארץ ישראל פאַרן קריג 8
די ערשטע קאָלאָניעס, 9; באַראָן ראָטשילד און זיין קאָלאָניזאַציע, 10; פון באַראָן ראָטשילד צו „איק״א״, 11; די האַלטונג פון טערקיי, 12; דער פּאָליטישער ציוניזם, 13; די פּראָגראַמען פון 1905 און ארץ ישראל, 15; אָנהייב פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, 17; די גרינדונג פון תּל־אביב; קולטורעלע טעטיקייט, 17; ארץ ישראל ערב דעם קריג, 19; די פּעלקער־שלאַכט אין ארץ ישראל, 20.

3. נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע 21
די ווירקונג פון דער דעקלאַראַציע, 22; הערבערט סעמועל, 23; סעמועלס אַראַבישע פּאָליטיק, 24; די באַנייאונג פון אויפבוי־אַרבעט, 25; העברעאישער אוניווערזיטעט, 26; „בום״ און קריזיס, 27; די אידישע אַגענטור, 29; די אַגיטאַציע אַרום כותל מערבי, 30; דער אויסברוך פון 1929, 31; די שאָו־קאָמיסיע און דער סימפּסאָן־באַריכט, 32; נייע אַנטוויקלונגען, 34; די איינוואַנדערונג פון דייטשלאַנד, 35; פּאָליטישע שטערונגען, 36; פּאַשיסטן און אַראַבישער טעראָר, 37; דער פּלאַן וועגן צעטיילונג, 39.

4. ארץ ישראל אין צווייטן וועלט־קריג 41
די באַשטימונגען פון ווייסן פּאַפּיר, 43; אָפּרוף פון אידן און אַראַבער, 45; דער ווייסער פּאַפּיר און דער פעלקער־בונד, 47; די פּאַרווירקלעכונג פון ווייסן פּאַפּיר, 48; די „אומלעגאַלע״ אימיגראַציע, 49; די טראַגעדיע פון „פּאַטריאַ״, 51; ארץ ישראלס אַנטייל אין קריג, 53; אויפבוי אין מלחמה־צייט, 57; ענגלישע פּאָליטיק אין מלחמה־צייט, 59.

5. אידען אַלס פּאַרמער 63
פּאַרבעסערונגען און רעזולטאַטן, 64; שטח און קלימאַט, 66; מעגלעכקייטן פון באַוואַסערונג, 67; אידישע פּאַרמערס און די אַראַבער, 68; די פּלאַנצונג פון וועלדער, 68; דער פּאַרנעם פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט, 69; לאַנדווירטשאַפטלעכע אינוועסטמענטס, 70; ציטרוס־פּלאַנצונגען (פּרדסים), 72; אַנדערע פּרוכט־קולטורן, 73; תבואה, מילכיקס און עופות, 75; מילכיקס, מילך־ווירטשאַפט און עופות, 76; גרינס־ווירטשאַפט, 77; אַנדערע פּאַרם־פּראָדוקטן, 78; טעכנישע קולטורן, 78; פיש־פאַנג, 79; אימפּאָרט פון פּאַרם־פּראָדוקטן, 80.

קאַפּ. זייט

6. די אינדוסטריאַליזאַציע פון ארץ ישראל........................ 82

עלעקטריפיקאַציע פון ארץ ישראל, 85; די קאָנצעסיע פון ים המלח, 86; די פּאַרטיילונג פון די אינדוסטריעז, 88; די אינדוסטריע אין חיפה׳ער געגנט, 89; תל־אביב אַלס אינדוסטריע־צענטער, 91; אינדוסטריאַליזאַציע פון דערפער, 93; אינדוסטריע אין ירושלים, 94.

7. האַנדל, טראַנספּאָרט און פינאַנסן........................ 97

דער אויסלענדישער האַנדל, 98; די צעטיילונג פון אימפּאָרטירטע סחורות, 100; אויסלאַנד־האַנדל און דער מאַנדאַט, 102; דער אומגלייכער האַנדלס־צושטאַנד, 103; אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט, 105; אינדוסטריע און אויס־לענדישער האַנדל, 106; שיפס־פאַרקער און האַפנס, 110; באַנען און שאָ־סייען, 114; געלט־פאַרקער און קרעדיט, 115; קרעדיט און בענק, 116; אַרטיקע בענק, 118; פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, 120; קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט, 121.

8. אידן אַלס בויער פון שטעט........................ 122

אויסברייטערונג און איבער־ספּעקולאַציע, 125; שטאָט און פאָרם אין ארץ ישראל; תל־אביבס עקאָנאָמישע יסודות, 127; דער האַפן פון תל־אביב, 128; שפּראַכן אין תל־אביב; דער שפּראַכן־געמיש, 129; תל־אביב און יפו; דער קאָנטראַסט, 130; דאָס נייע ירושלים, 131; דער וואוקס פון חיפה, 132; די שטעט פון גליל, 134.

9. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין ארץ ישראל........................ 136

לאַנדווירטשאַפטלעכער אָפּזאַץ, 137; „תנובה״, 138; קאָאָפּעראַטיווע קראָ־מען, 139; פּראָדוציר־און באַדין־קאָאָפּעראַטיוון, 141; קאָנטראַקט־קאָאָפּעראַ־טיוון; דורכפאַל און ווידער־אויפלעבונג, 143; פון קאָאָפּעראַטיוון צו קאָלעק־טיווער עקאָנאָמיע, 146; באַוואַסערונגס־קאָאָפּעראַטיוון, 148; קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־פאַרזיכערונג, 149; קרעדיט־פאַראיינען, 151; הייזער־בויענדע פאַריי־נען 151; קאָאָפּעראַציע צווישן אַראַבער, 153.

10. די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן........................ 155

דאָס אינערלעכע לעבן אין די קבוצות, 156; דאָס פּראָבלעם פון קינדער, 157; די פּרוי אין דער קבוצה, 158; דאָס פּראָבלעם פון פאַרוואַלטונג, 159; דאָס מענטשן־מאַטעריאַל, 161; די אַנטשטייונג פון די קבוצות, 161; קליינע און גרויסע קבוצות, 165; קבוצה און קבוץ, 165; די פּראָבלעמען פון קבוץ, 167; הילף פאַר קרובים, 168; צענטראַלע קבוצים, 170; ארגון און מושב עובדים, 171; געלט פון אויסלאַנד אין קבוץ, 172; די קבוצות און דער מיטל־קלאַס, 173; קריטיק פון דער קבוצה, 174.

11. דערציונג און קולטור........................ 177

די אידישע שולן, 178; דער שול־בודזשעט, 179; די אויפלעבונג פון העב־רעאיש, 181; העברעאיש אין גלות, 182; די פּרעסע און די ליטעראַטור, 183; עוואָלוציע פון אידיש, 184; אַנטוויקלונג פון העברעאיש אין ארץ ישראל, 185; שול־פּראָגראַם, 187; לאַנדווירטשאַפטלעכע דערציונג, 189; פאַך־ביל־דונג, 190; דער העברעאישער אוניווערזיטעט, 191; קריטיק פון אוניווער־זיטעט, 193; טעאַטער אין ארץ ישראל, 195; מוזיק, מאַלעריי, סקולפּטור, 197; פּרעסע, פאַרלאַגס־טעטיקייט, ראַדיאָ, 198.

קאַפּ. זייט

12. אידישע מעדיצינישע טעטיקייט אין ארץ ישראל............ 201

דערגרייכונגען פון „הדסה", 202; די קופת חולים — קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות, 203; פריוואַטע און רעגירונגס־שפּיטאָלן, 205; די געזונט־הייטס־תנאים אין ארץ ישראל און אין די שכנותדיקע לענדער, 208; ארץ ישראל אַלס אַ קור־פּלאַץ, 209; ים המלח אַלס באָד־פּלאַץ, 211.

13. אידישע אויטאָנאָמיע און פּאַרטייען.................... 213

די כנסת ישראל, 215; דער ועד הלאומי און די אידישע אַגענטור, 216; לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, 217; דער משפט השלום, 218; רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, 218; פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּן, 220; די אַרבעטער־פּאַרטיי, 222; די ראָל פון דער אַרבעטערשאַפט אין נאַציאָנאַלן לעבן, 222; „אַלגעמיינע ציוניסטן", 223; די רעוויזיאָניסטן, 224; ציוני־זם און רעליגיע, 227; וואָס מיינט אומטאָלעראַנץ ?, 228; אגודת ישראל, 229; די לינקע אָפּאָזיציע — די פּועלי־ציון, 232; השומר הצעיר, 233; די קאָמוניסטן, 234; פּאַרטייען און נאַציאָנאַלע אייניקייט, 235.

14. די ציוניסטישע באַוועגונג.......................... 237

דער כוח פון ציוניזם, 239; די סטרוקטור פון ציוניזם, 240; ציוניסטישע דיסציפּלין, 241; פינאַנסיעלע מיטלען; דער קרן היסוד, 242; דער קרן קימת, 245; אידישע קאָלאָניאַל־באַנק, 248; די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, 249; אויסקלייב און צוגרייטונג פון אימיגראַנטן, 249; דער מאָראַלישער כוח פון דער חלוצישער באַוועגונג, 251; הכשרה, 252; אימיגראַציע פון קאַפּיטאַליסטן, 255; אימיגראַציע, 257; קאָלאָניזאַציע־אַקטיוויטעטן, 258; קריטיק און פאַרטיידיקונג פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק, 260; ציוניזם און פּריוואַטע איניציאַטיוו, 261; די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונז, 261.

15. די אַרבעטער־באַוועגונג.............................. 263

די צילן פון דער הסתדרות, 264; די „רעליגיע פון אַרבעט", 265; די אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישע אַרבעטער; ברית פּועלי ארץ ישראל, 266; די אַראַבישע פּאָליטיק פון דער הסתדרות, 269; די מיטגלידערשאַפט פון דער הסתדרות, 271; לוינען און סטרייקן, 273; אַרבעטער־ביוראָען, 274; פרויען אין דער הסתדרות, 275; שולן, מיידל־פאַרמס, 276; די אַרבעטער־יוגנט, 277; די פאַך־ערציונג פון אונטערוואַקסנדן דור, 279; די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער הסתדרות, 280; „ניר", 281.

16. אידן אין ענגלאַנד.................................. 284

וואַד על אַריש און אוגאַנדאַ, 286; ערשטער וועלט־קריג און ציוניזם, 288; בריטישע אויפפאַסונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, 289; ציוניסטישע פּאָליטיק נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, 291; די „אידישע קאָמיסיע", 292; דער מאַנדאַט, 293; נאָכן וואפנשטילשטאַנד, 295; הערבערט סעמועל און די אומרועען אין 1921, 296; דאָס „ווייסע פּאַפּיר" פון 1922, 297; ארץ ישראלס הויך־קאָמיסאַרן, 298; די פּאָליטיק פון קאָלאָניאַל־אָפיס, 300; אידישע פעלערן און דער ענגלישער אָפּרוף, 301; די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, 303; סימפּסאָנס באַריכט, 305; ארץ ישראל און די בריטישע זיכערקייט, 307; אימיגראַציע און וואוילשטאַנד, 308; די אימיגראַציע־פּאָליטיק, 310; באָדן־פּאָליטיק, 312; איבערגעטריבענער יושר, 314; עפנטלעכע אַרבעטן, 316; די רעגירונג אַלס אַרבייטסגעבער, 317; רעגירונגס־ביודזשעט און אימיגראַציע, 319.

קאַפּ. | זייט

17. אידן און אַראַבער 321

דאָס אַראַבישע פּראָבלעם אין 19־טן יאָרהונדערט, 322; די אַראַבער און דער ערשטער וועלט־קריג, 323; אויסלענדישע איינפלוסן, 324; דער וואַטיקאַן און דער ציוניזם, 325; מאָסקווע און ארץ ישראל, 326; די אינערלעכע מאָטיוון פון דער אַראַבישער באַוועגונג, 328; די מעטאָדן פון דער אַראַבישער באַוועגונג, 329; אַראַבישער איינפלוס אויף אימיגראַציע און באָדן־פּאָליטיק, 331; אַראַבישע אַרגומענטן קעגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע, 333; ארץ ישראל, עבר הירדן און סיריע, 334; אידישע ווירקונג אויף אַראַבער, 334; אַראַבישע אימיגראַציע קיין ארץ ישראל, 338; אידישע אימיגראַציע און אַרבעטסלאָזקייט, 340; די „לאַנדלאָזע" אַראַבער, 341; פּאָליטישע טענות, 343; די מאָראַלישע פּראַגע, 344; דער וועג צו אַ פאַרשטענדיקונג, 345.

18. עבר הירדן 347

שטח און באַפעלקערונג, 348; לעבנס־סטאַטיסטיק; די אויסזיכטן פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין עבר הרדן, 351; האַנדל און רעגירונגס־ביודזשעט, 352; ווי ארץ ישראל דעקט עבר הירדנס דעפיציט, 354; מעגלעכע ענדערונגען; אַבדאַלאַס אַמביציעס, 356; דער אקאבא־פּראָיעקט, 357.

19. ארץ ישראלס שכנים 360

עגיפּטן, דאָס לאַנד פון בייוול, 362; דער האַנדל פון עגיפּטן מיט ארץ־ישראל, 363; דער טאַריף־בונד מיט סיריע, 367; סיריעס אויסערן־האַנדל, 367; פאַרבינדונגען מיט סיריע, 368; באַפעלקערונג און פּאָליטישער סטאַטוס, 368; ציפערן און ארץ ישראל, 372; די אַנטוויקלונג פון איראַק, 373; פרוכטבאַרקייט און באַוואַסערונגס־אויסזיכטן, 374; אויסערן־האַנדל, 376; טערקיי און אירע עקאָנאָמישע אַמביציעס, 377.

20. די אויפנאַמס־פעאיקייט פון ארץ ישראל 380

אור־אַלטע קולטור און איצטיקע ירידה, 381; באַדייטנדע אידישע דערגרייכונגען, 382; באַוואַסערונגס־מעגלעכקייטן, 383; דאָס קולטיווירן די בערג, 389; די אינדוסטריאַליזאַציע פון ארץ ישראל, 385; מינעראַלע אוצרות, 386; אָרטיקע און אימפּאָרטירטע רוי־מאַטעריאַלן, 388; אידן אַלס אינדוסטריע־בויער, 389; ים־אַקטוויטעטן, 390; ארץ ישראל אַלס טוריסטן־צענטער, 391; אַלגעמיינע מסקנות, 392; די מעגלעכקייטן נאָכן קריג, 393.

פון די אַרויסגעבער

איבערגעבנדיק אין די הענט פון אידישן לעזער די אידישע איבערזעצונג פון סטאַנדאַרד ווערק פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר, אברהם רעוואוצקי ז״ל, „אידן אין ארץ־ישראל״, פירן מיר דערמיט אויס דעם וואונטש פון פאַרשטאָרבענעם, וועלכער האָט זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן געטריי געדינט אין וואָרט און שריפט דער פאַרשפּרייטונג פון די אידייען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם און זייער רעאַליזירונג.

דאָס בוך „אידן אין ארץ־ישראל״, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1935 און אויסגעהאַלטן צוויי אויפלאַגן, איז דערשינען אין אַ פולשטענדיק־רעווידירטער און באַדייטנד־אויסגעברייטערטער אויסגאַבע אין ענגליש אין 1945, אַרויסגעגעבן פון דער בלאָך פּאָבלישינג קאָמפּאַני. דאָס בוך פון אברהם רעוואוצקי האָט סיי אין אידיש און סיי אין ענגליש זיך קונה שם געווען אַלס דאָס סטאַנדאַרד־בוך אויפן געביט פון אַלזייטיקער ארץ־ישראלדיקער אינפאָרמאַציע און איז געוואָרן אַזוי אָפּגעשאַצט דורך דער אידישער און ענגלישער פּרעסע.

אַ געווּיסן טייל פון דער אידישער איבערזעצונג האָט באַוויזן צו מאַכן רעוואוצקי אַליין. דאָס גאַנצע בוך האָט איבערגעזעצט חבר ל. שפּיזמאַן. דורך די „באַמערקונגען פון איבערזעצער״ האָט חבר שפּיזמאַן דערגענצט דאָס בוך מיט די נייעסטע פאַקטן און ציפערן, וואָס ער האָט צוגעפירט ביז מיטן 1947. אַזוי אַרום וועט דער אידישער לעזער האָבן די מעגלעכקייט צו האָבן אַ פולן, אַקטועל בילד איבער די וויכטיקסטע געביטן פון דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט ביז דער סאָמער לעצטער צייט. מיר האָפן, אַז דאָס בוך „אידן אין ארץ־ישראל״ וועט ווערן אַ האַנטבוך ביי אַלע אידישע לעזער, וואָס האָבן אַ לעבעדיקן, אינטימען אינטערעס פאַרן לעבן און קאַמף פון נייעם ארץ־ישראל, וועמענס ראָל און באַדייטונג אין אידישן לעבן האַלט אין איין שטייגן.

די לייטונג פון „שרון״ פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך צוזאַמען מיטן א. רעוואוצקי בוך־קאָמיטעט, וואָס איז אַנטשטאַנען גלייך נאָכן טויט פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר, מיטן צוועק אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן. מיר דריקן אויס אַ דאַנק דעם דאָזיקן קאָמיטעט, ווי אויך דער לייטונג פון דער „הדסה״, וואָס האָבן מאַטעריעל מיטגעהאָלפן צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון בוך.

לייטונג פון ביכער־פאַרלאַג „שרון״

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1947.

הקדמה

צו דער ענגלישער אויסגאַבע

דער איצטיקער וועלט־קריג, דער צווייטער אין אַ דור, האָט געשטעלט אין צענטער פון דער עפנטלעכער אויפמערקזאַמקייט פּראָבלעמען, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין פון צווייטראַנגיקער באַדייטונג אין נאָרמאַלע צייטן. די צו־קונפט פון ארץ ישראל איז איינע פון די דאָזיקע פראַגן. דער שרעקלעכער גורל פון די אידישע קהילות אויפן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט און די וויכטי־קע ראָל וואָס ארץ ישראל וועט האָפנטלעך שפּילן אין זייער רעטונג און רעאַביליטאַציע, פאַרוואַנדלט די דאָזיקע פראַגע אין אַן אינטעגראַלן באַשטאַנד־טייל פון אויסזען פון דער נאָך־מלחמה׳דיקער וועלט. ארץ ישראלס אַנטייל אין קריג און די לעצטע אויסברוכן פון טעראָריזם אין רעזולטאַט פון אָפּ־געגנאַרטע האָפענונגען, האָבן נאָך געמאַכט אַקטועלער דאָס פּראָבלעם, וואָס קען ניט ווערן איגנאָרירט דורך דער עפנטלעכער מיינונג פון די ציוויליזירטע לענדער.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן, האָב איך געפילט די נויטווענדיקייט אַרויסצוגעבן אַ נייע און פולשטענדיק רעווידירטע אויסגאַבע פון „די אידן אין ארץ ישראל״, וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1935, און איז איבעראַל געוואָרן אנערקענט אַלס דאָס סטאַנדאַרד־ווערק פון אינ־פאָרמאַציע איבער ארץ ישראל.

צוגרייטנדיק די איצטיקע דריטע אויפלאַגע, האָב איך זיך אָבער אָנ־געשטויסן אין אומדערוואַרטעטע שוועריקייטן. די מלחמה, וואָס האָט זיך אין אַ געוויסער צייט צוגערוקט געפערלעך נאָענט צו די גרעניצן פון ארץ ישראל, האָט איבערגעלאָזט טיפע שפורן אויף אַלע פאַזן פון לעבן פון לאַנד. ווענדיק צופירן דאָס בוך ביז צום היינטיקן טאָג, האָב איך זעלבסטפאַרשטענד־לעך ניט געקענט איגנאָרירן די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין די מלחמה־יאָרן; פון דער צווייטער זייט האָב איך ניט געקאָנט פאַרגעסן אַז פיל ענדערונגען זענען נאָר צייטווייליקע און זיי קאָנען נאָר אַריינפירן אין אַ טעות. ווען, למשל, געלט האָט פאַרלוירן זיין פאַרמלחמה׳דיקן ווערט, מוזן די ציפערן וועגן דער פּראָדוקציע, ווען זיי זיינען אויסגעדריקט אין געלטווערט־באַגריפן, וואָס איז דער געוויינלעכער סטאַטיסטישער מעטאָד אין נאָרמאַלע צייטן, געבן אַן איבערגעטריבענעם איינדרוק פון פּראָגרעס און וואוילשטאַנד פון לאַנד. פאַר אַ פּראָפּאַגאַנדיסט מעג עס זיין אַ ברכה פון הימל, אָבער אַ מחבר וואָס וויל קודם כל געבן דעם לעזער אַ געטריי בילד פון לאַנד, מוז אויסמיידן אַזעלכע סטאַטיסטישע פאַרדעקטע גריבער, וואו מען קען נאָר אַריינפאַלן.

אַ ענלעך פּראָבלעם שטעלט מיט זיך פאָר די מלחמה־סטאַטיסטיק פון אויסלאַנדס־האַנדל. האַנדלס־ציפערן זענען ווערטפול נאָר דאַן ווען זיי דער־מעגלעכן אַן אמתדיקן פאַרגלייך מיט די ציפערן פון פריערדיקע יאָרן. אָבער ווען די וויכטיקסטע האַנדלס־קעגנשטאַנדן ווערן אויסגעשלאָסן פון די

לעצטע קריגס־סטאַטיסטיקס, ווייל זיי ענטהאַלטן מיליטער־סודות, און די פּרייזן פון אַנדערע סחורות האָבן דורכגעמאַכט פאַנטאַסטישע ענדערונגען, דאַן פאַרלירט יעדע באַדייטונג אַ פאַרגלייך צווישן די האַנדלס־ציפערן פון 1938 און 1943.

צוזאַמענקלויבנדיק דאָס מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער צווייטער אויפלאַגע, האָב איך דערפאַר זיך באַמיט צו דערגרייכן אַ דעליקאַטע גלייכגע־וויכט. ברענגענדיק די פאַקטן און ציפערן ביז 1943 און אין פיל פאַלן ביז 1944, האָב איך זיך גלייכצייטיק באַמיט צו געבן דעם לעזער אַ פול בילד פון אידישן ישוב אין ארץ ישראל, ווי ער האָט אויסגעזען פאַר דעם אויסברוך פון קריג. אַזוי אַרום שטעלט מיט זיך דאָס בוך פאַר ניט נאָר אַ פאָטאָגראַ־פיש בילד פון ארץ ישראל אין מאָמענט, ווען איך שרייב די שורות, נאָר אויך אַ גענויע איבערזיכט פון די פּראָבלעמען און ענטוויקלונגען במשך פון אַ לענגערן צייט־פּעריאָד.

די שנוים, וואָס כ׳האָב אַריינגעפירט אין דער איצטיקער דריטער אויפ־לאַגע פון בוך זענען אַזעלכע גרויסע, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער מחבר שוין געהאַט בדעה עס אַרויסצוגעבן אַלס אַ גאַנץ ניי בוך אונטער אַן אַנדער נאָמען. ניט נאָר האָב איך געמוזט גרינטלעך איבערשרייבן יעדעס קאַפּיטל, אַן אויסנאָם, נאָר אַ צאָל קאַפּיטלען פון די פאַריקע אויפלאַגעס האָבן געמוזט ווערן אינגאַנצן באַזייטיקט און אַנדערע האָבן געמוזט ווערן צוגעגעבן.

ביים שרייבן דאָס בוך האָב איך אויסגעמיטן יעדע דעפיניטיווע פאַ־רויסזאָגונג וועגן ארץ־ישראלס פּאָליטישער צוקונפט. כ׳האָב זיך באַמיט אויפן בעסטן אָביעקטיווסטן אופן צו רעפערירן די באַזונדערע שטאַנדפונקטן, ווען איך האָב באַהאַנדלט געוויסע שטרייט־פראַגן.

די דאָזיקע באַמיונג זיך צו האַלטן ביי דער ליניע פון אומפּאַרטייאיש־קייט דאַרף ניט ווערן אויסגעטייטשט ווי אַ מאַנגעל פון פּערזענלעכע איבער־צייגונגען. דער מחבר גלויבט פעסט, אַז די שאַפונג פון ארץ ישראל אַלס אַ אי־דישע נאַציאָנאַלע היים איז אַ גערעכטער און פּראָגרעסיווער ציל, וואָס וועט אין דער לעצטער שורה זיין אַ ברכה פאַר די אַראַבער פונקט ווי פאַר די אידן. ער איז אויך איבערצייגט אַז זאָל ווערן געשאַפן אַ בעסערע וועלט אין וועל־כער די העכסטע אינטערעסן פון דער מענטשהייט וועלן שטעלן אין שאָטן די שמאָלקעפיקע נאַציאָנאַליזמען פון עגאָיסטישע פעלקער, וועט נישט זיין שווער צו דערגרייכן אַ אידיש־אַראַבישע פאַרשטענדיקונג.

טריי זייענדיק שטאַרק מיינע דאָזיקע איבערצייגונגען, האַלט איך פונ־דעסטוועגן אַלס מיין חוב ניט אָנצוואַרפן מיינע אַנשויאונגען די לעזער. דאָס בוך האָט אין דער ערשטער רייע דעם ציל צו פּרעזענטירן פאַקטן און אויפ־קלערן סיטואַציעס. דער לעזער האָט די פולשטענדיקע פרייהייט צו מאַכן זיי־נע אייגענע אויספירן.

א. רעוואוצקי

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1945.

חיים גרינבערג

אברהם רעוואוצקי און זיין ארץ־ישראל בוך

פאָרוואָרט צו דער אידישער אויפלאַגע פון „אידן אין ארץ־ישראל"

דאָס בוך וואָס מיר לייגן דאָ פאַר דעם לייענער נייטיקט זיך ניט אין קיין אַריינפיר אָדער ספּעציעלער הקדמה. חבר רעוואוצקיס אַרבעט רעדט פאַר זיך אַליין. זי איז אַ פּראָדוקט פון אַן ערנסטן און געוויסנהאַפטן שטודיום אין וועלכן דער פאַרפאַסער האָט אַריינגעלייגט אַ סך וויסן און פלייס. אין זיין ענגלישן אָריגינאַל איז דאָס בוך פאַרשפּרייט געוואָרן, סיי אין אַמעריקע און סיי אין ענגלאַנד, אין אַ באַדייטנדיקער צאָל עקזעמפּליאַרן, און פאַר אַ סך שרייבער, זשורנאַליסטן און פּראַקטישע טוער — אידן און ניט־אידן — האָט עס אין משך פון אַ צאָל יאָרן געדינט אַלס אַ סטאַנדאַרד־ווערק וועגן אידישן אויפטו אין ארץ־ישראל.

חבר רעוואוצקין האָט אַ לענגערע צייט געערגערט דער פאַקט וואָס זיין פאָרשונג וועגן דער אידישער ארץ־ישראל איז ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך אין אידיש. ווי באַשעפטיקט ער איז ניט געווען און באַלאַסטעט מיט פליכטן, וואָס אָפטמאָל האָט ער זיי אַליין אויף זיך אַרויפגעצוואונגען, האָט ער פונדעסטוועגן אויף זיך גענומען איבערצוזעצן דאָס בוך אויף אידיש. זיין פריצייטיקער טויט איז געווען די איינציקע סיבה, וואָס בלויז אַ טייל פון דעם בוך איז איבערזעצט געוואָרן פון אים אַליין. עס קומט דערפאַר אַ דאַנק יענער גרופּע פריינט, וואָס האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער חוב צו דערפילן חבר רעוואוצקיס ווילן און באַזאָרגן אַ אידישע אויפלאַגע פון די „אידן אין ארץ־ישראל."

דאָס בוך וועט זיכער באַגריסט ווערן פון אַ סך אידיש־לייענער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, און ספּעציעל אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. טויזנטער און טויזנטער פון אונזער שארית־הפליטה אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, ווי אויך אין אונגאַרן און רומעניע — וואָס לעבן מיט זייער עקשנותדיקער האָפענונג, אַז סוף־כל־סוף וועט זיי געלינגען צו פאַרווירקלעכן זייער חלום און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, וועלן איצט זיין באַזונדערס דאַנקבאַר פאַר אַ בוך אויף זייער אייגענעם לשון, דורך וועלכן זיי וועלן זיך נעענטער באַקענען מיט די פאַקטן און די ספּעציפישע דערשיינונגען אינעם אידישן היימלאַנד.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז געווען באַפריינדעט מיטן פּראָפעסאָר פונעם בוך אין משך פון אַ סך יאָרן, פריער אין רוסלאַנד, נאָכ־דעם אין אַמעריקע. זאָל אים דערפאַר דערלויבט זיין, ביי דער געלעגנהייט, צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן חבר רעוואוצקיס פּערזענלעכע אייגנשאַפטן.

אינעווייניקסטע פריהייט איז ניט שטענדיק „אַ מתנה פון אויבן״, וואָס מ׳קריגט זי, אַזוי צו זאָגן, אומזיסט. פון אַ סך אַ העכערער מדרגה איז אפשר יענע פריהייט וואָס דער יחיד קעמפט פאַר זיך אויס מיט מי און געראַנגל. חבר רעוואוצקי איז געוואַקסן אין אַ דור און אין אַ סביבה, אין וועלכע ס׳איז גאָרניט געווען אַזאַ לייכטער ענין צו קוקן אויף זאַכן מיט אייגענע אויגן און באַנעמען פּראָבלעמען מיטן אייגענעם שכל און לויט אייגע־נער, פריער אויפפאַסונג. ער האָט זיך אייסגעכאַוועט אין אַ סביבה, אין וועל־כער מאַרקסיזם פון אַ באַשטימטן סאָרט — מאַרקסיזם אַלס אַ מין נייע דאָג־מאַטישע „טעאָלאָגיע״, ניט בלויז אַלס אַ מעטאָד וואָס קען פּרוכטבאַר אָנגעווענדט ווערן פאַרן אַנאַליז פון געווי׳סע סאָציאַלע דערשיינונגען — איז געווען אַ קאַנאָניזירטער נוסח און מאָדע. עס איז ניטאָ קיין גרעסערער טיראַן ווי אַ אינטעלעקטועלע מאָדע, און נאָר שטאַרקע, זעלבסטשטענדיקע נאַטורן זיינען מסוגל מיט אייגענע אָנשטרענגונגען פון אַזאַ מאָדע זיך צו באַפרייען. אַזאַ נאַטור איז געווען חבר רעוואוצקי. ער האָט אַ צאָל יאָרן „געצאָלט זיין צינז״ דער סביבה און אַרויסגעוויזן ניט ווייניק שאַרפזין (אין זיינע שפּע־טערע יאָרן פלעגט ער עס אַליין באַצייכענען אַלס „פּרוכטלאָזע אַקראָבאַטיק״) אין דעם ענגן תחום פון געפּענטעטער „דיאַלעקטיק״. זיין געזונטער לעבנס־אינסטינקט און ערלעכקייט מיט זיך אַליין האָבן אים אָבער ניט געלאָזט רוען. לויט נאַטור אַ פּראַגמאַטיקער, האָט ער געזוכט אַ פרייערן, ווייניקער דאָגמאַ־טישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען, און ער איז מיט דער צייט געקומען צום שלום, אַז שכל הישר „גייט אויך ניט צופוס״; און אַז מיט לערנען זיך פון דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, פון מענטשלעכן טאָן מיט זיינע דערגרייכונגען און נידערלאַגן, איז כלל ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. לויט זיין אַלגעמיינער וועלט־אָנשויאונג איז ער אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געבליבן אַ מאַרק־סיסט; מאַרקסיזם איז אָבער ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דענק־מעטאָד, מיט וועלכן עס לוינט צו עקספּערימענטירן אין דער אָפּשאַצונג פון סאָציאַלע אַנטוויקלונגען, און האָט אויפגעהערט פאַר אים צו זיין אַ מין קאַטעכיזיס, וואָס יעדעס וואָרט איז אין אים הייליק, אָדער אַ מורה־דרך וואָס אויב מ׳זאָל אים פאָלגן, איז ניטאָ יענער לאַבירינט אין וועלכן מ׳זאָל קענען פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

ער איז געווען, ווי ס׳איז שוין באַמערקט געוואָרן, צו ערלעך מיט זיך, כדי צו זיין דאָגמאַטיש־פרום. מיט ניט אָרטאָדאָקסישע אויגן האָט ער אָנגע־הויבן זעלבסטשטענדיק באַאָבאַכטן און אַנאַליזירן, און איז מיט דער צייט

אויסגעוואַקסן אין אַ פרייען און פרוכטבאַרן פובליציסט. ער האָט ניט מורא געהאַט דורכצופירן אַן ערנסטע רעוויזיע אין זיינע סאָציאַליסטישע אָנשוי־אונגען און קומען צום שלוס, ווי ער האָט זיך פאַר מיר אַ פּאָר מאָל אויסגע־דריקט, אַז „אייניקע רעוואָלוציעס זיינען אין גרונט ניט מער ווי מפּיל־עוואָלוציעס", און אַז אַקושערן פון דער געשיכטע דאַרפן די געזעלשאַפט פון אַזעלכע „אַבאָרטן" זוכן צו פאַרהיטן. ספּעציעל אין אידישן לעבן האָט ער מיט דער צייט אָפּגעשאַצט די ווילנס־דינאַמיק פון חלוצישן ציוניזם, אין וועלכן ער האָט דערזען ניט קיין קאַפּריז אָדער לוקסוס, ניט קיין עפּיזאָד, נאָר אַ שעפערישן פּראָצעס, וואָס טראָגט אין זיך די זריעה פון גרויסע פאָלקס־דערגרייכונגען אין דער צוקונפט.

אַנדערע וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים אויפגעוואַקסן אין איין סביבה און אין איין גייסטיקן קלימאַט, האָבן זיך נאָך אַלץ געחקרנ'ט, צי דער „סטיכישער פּראָצעס" האָט שוין אָנגעפאַנגען זיין ווירקונג, און צי דער אַזוי־גערופענער אָביעקטיווער צוואַנג האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין סוביעקטיוון ווילן. חבר רעוואוצקי האָט אויף אַזעלכע חקירות אָנגעהויבן קוקן ווי אויף פּוסטער אינטעלעקטועלער גימנאַסטיק. דער לעבעדיקער פּראָ־צעס פון שלאָגן וואָרצלען אין ארץ־ישראל, פון שאַפן ווערטן דורך טעג־טעגלעכער אַרבעט און אונטערנעמונגס־גייסט, איז פאַר אים געווען גענוג כדי צו זיין איבערצייגט, אַז דורך קויפן און באַזעצן באָדן אין ארץ־ישראל, דורך שאַפן נייע ישובים — אַלץ איינס, צי קיבוצים אָדער מושבים, אָדער גאָר פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס — דורך בויען אַ אידישע אינדוסטריע, סיי פאַר היימישן געברויך און סיי פאַר עקספּאָרט, ווערן מאַניפעסטירט גרויסע, „איבעראינדיווידועלע" היסטאָרישע כוחות. מיט יענע היסטאָרישע כוחות, מיט דעם עקשנותדיקן טאָג־טעגלעכן פּראָצעס פון אויפבוי, און מיט דעם ציל־באַוואוסטן ווילן וואָס ווערט אין דעם אויפבוי אַריינגעלייגט, האָט ער זיך מיט דער צייט פולשטענדיק אידענטיפיצירט. אויסער ארץ־ישראל איז חבר רעוואוצקי אין משך פון די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר געווען אפשר דער איינציקער זשורנאַליסט וואָס האָט מיט אַן אומגעבראָכענער התמדה נאָכגעפאָלגט יעדע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל, ווי גרויס אָדער ווי קליין זי זאָל ניט זיין אין איר היקף. אויך אין אַנטוויקלונגען פון אַן ענגן פאַרנעם האָט ער געזען די פעאיקייט צו זען ניט נאָר זייער דערווייליקן, באַגרענעצטן ווערט, נאָר אויך זייערע פּאָ־טענצן — וואָס מ'וועט קענען לערנען פון זיי פאַר אַ סך גרעסערע אַנטוויק־לונגען אָדער אונטערנעמונגען אין דער צוקונפט. מ'דאַרף זיך דערפאַר ניט וואונדערן וואָס מיט דער צייט האָט חבר רעוואוצקי דערגרייכט די מדרגה פון אַן עקספּערט אין ארץ־ישראל פראַגן, און עס איז פאַראַן ניט ווייניק

גרונט צו באַדויערן, וואָס ניט שטענדיק האָט מען ביי אונז פאַרשטאַנען אין דער פולער מאָס אויסצונוצן זיין וויסן און קאָנסטרוקטיוון דענקען.

„דער סטיל איז דער מענטש" — אַזוי האָבן אונז געלערנט די פראַנצויזן. כ'האָב מערערע מאָל געטראַכט אַז דער דאָזיקער אַפּאָריזם נייטיקט זיך אין אַ שטיקל אויסברייטערונג אָדער פירוש. לויטן סטיל קען מען מסתמא, אין די מייסטע פאַלן, אורטיילן וואָס פאַר אַ מענטש עס שטייט הינטער אים. במה דברים אמורים? ווען דער וואָס אורטיילט איז אַזעלכער, וואָס מ'קען אים ניט אָפּנאַרן, וואָס איז פעאיק צו לייענען ניט נאָר צווישן, נאָר אויך הינטער די שורות. חבר רעוואוצקיס סטיל איז געווען איינפאַך, זאַכלעך, אַקצענטירט־„פּראָזאַאיש", און פאַר מאַנכע אויגן — גראַ'לעך. ניט אַלע האָבן געוואוסט אָדער געפילט אַז הינטער דעם דאָזיקן „פּאָסאַד" באַהאַלט זיך אַ צאַרטע, טרוימערישע, אין אַ געוויסן זינען אַ לירישע נאַטור. פיל מאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז דער אַזוי־צו־זאָגן „חאַרעפּאַשנע" ריטם פון זיין רעדן און שרייבן איז אַ מין מאַסקע — אַ מאַסקע וואָס ער האָט אפשר גענוצט בלא יודעים. ער האָט פון זיך אָפּגעשטויסן אַלץ וואָס ס'האָט געשמעקט מיט „דעקאָראַציע"; אין גרונט אַ צוריקגעהאַלטענער און „שעמעוודיקער" מענטש, האָט ער דאָס לירישע און צאַרטע אין זיך באַהאַלטן, ווי עפּעס צו אייגנס און אינטימעס.

חבר רעוואוצקי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אומגעוויינלעכער אַרבעטס־פעאיקייט און פלייס. ער האָט געהאַט פלענער וועגן אַ צאָל ערנסטע פאָרשונגען, פאַר וועלכע ער איז געווען באַרופן און פאַר וועלכע ער האָט מיט גרויס התמדה געזאַמלט רויען מאַטעריאַל. אַפילו ווען עס איז שוין געווען קלאָר אַז ער איז ערנסט ניט־געזונט, האָט ער ניט אויפגעהערט אי געוויסנהאַפט צו טאָן זיינע רוטין־פליכטן, אי זיך גרייטן פאַר פלענער פון ספּעציעלע און גרעסערע אַרבעטן. נאָר דער פּריצייטיקער טויט האָט גורם געווען, אַז יענע ערנסטע פלענער זאָלן ניט מקוים ווערן. זאָל זיין אָנדענק בלייבן מיט אונז אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

אידן אין ארץ־ישראל

קאַפּיטל איינס

די טרייבנדיקע כוחות

אינם לויף פון לאַנגן כמעט צוויי־טויזנט יאָריקן גלות, האָבן אידן, וואַנדערנדיק פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן, שטענדיק אָנגעהאַלטן אַ געוויסע פאַרבינדונג מיטן לאַנד פון זייערע אָבות. ארץ־ישראל איז דערמאָנט אין זייערע תפילות, און דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע לעבן פון אידן אין גלות איז באַזירט געווען אויפן משיח־געדאַנק, אויף דער רעליגיעז־פאַרוואָרצלטער שטרעבונג צו דעם אויפלעבן פונם אידישן פאָלק אינם לאַנד פון זייערע אור־עלטערן.

די אידישע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל האָט זיך אָבער נישט באַשרענקט מיט גייסטיקע און רעליגיעזע פעדים. קיינמאָל אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע איז נישט געווען קיין צייט, ווען עס זאָל דאָרט נישט עקזיסטירן כאָטש אַ קליינער אידישער ישוב. פרומע לייט האָבן געטרוימט וועגן אָפּלעבן זייערע לעצטע יאָרן אינם הייליקן לאַנד, און אָפטמאָל איז זייער טרוים מקוים געוואָרן. אָפּפאָרנדיק קיין ארץ־ישראל, זענען זיי דאָרט געשטיצט געוואָרן פון זייערע קינדער, וואָס זענען פאַרבליבן ביי זייערע געשעפטן אין גלות, אָדער פון דער „חלוקה", וואָס איז געשיקט געוואָרן פון אידישע קהילות אין גאָר דער וועלט צו זייערע תורה־לערנדיקע לאַנדסלייט אין ארץ־ישראל.

נישט קוקנדיק אויף אַזאַ שטאַרקן אידישן געפיל פאַר ארץ־ישראל, איז אָבער אין די פריערדיקע דורות נישט געמאַכט געוואָרן קיין איין ערנסטע, אָנהאַלטנדיקע אָנשטרענגונג אויסצונוצן דאָס דאָזיקע געפיל אַלס אַקטיוון אינסטרומענט פאַר דער שאַפונג פון אַ רעאַלער אידישער היים אין ארץ־ישראל. ערשט אין די לעצטע צוויי דורות איז דאָס דאָזיקע געפיל געוואָרן אַ קאָנסטרוקטיווער פאַקטאָר פון פאַלעסטינע־קאָלאָניזאַציע.

פרעגט זיך במילא אַ קשיא: פאַרוואָס האָט די קאָלאָניזאַציע זיך אָנגעהויבן אַזוי שפּעט? איז דער טיף־רעליגיעזער איד פון אַמאָל געווען ווייניקער געבונדן צום לאַנד פון זיין היסטאָרישן אורשפּרונג, איידער זיין סקעפּטישער און אָפטמאָל אַפּיקורסישער איניקל פון היינטיקן טאָג? אָדער זיינען באמת אין דער פריערדיקער אידישער געשיכטע נישט געווען קיין געלעגנהייטן צו

פאַרווירקלעכן דעם אַלטן אידישן טרוים? פאַרוואָס האָט זיך דער ציוניזם אַלס אַקטיווע באַוועגונג פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל אָנגעהויבן גראָד אין דער איצטיקער היסטאָרישער עפּאָכע, ווען רעליגיעזע און אַנדערע טראַדיציעס זיינען שוואַכער געוואָרן אין דער ברייטער וועלט, און ווען דער ווידערשטאַנד צו אידישע באַשטרעבונגען אין ארץ־ישראל גופא שיינט גאָר צו זיין שטאַרקער, איידער ער וואָלט געווען מיט דורות צוריק?

עקאָנאָמישע אורזאַכן

די וויכטיקסטע דערקלערונג פון דער דאָזיקער שיינבאַרער רעטעניש ליגט אין די טיפע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין אידישן עקאָנאָמישן לעבן בערך מיט זעכציק יאָר צוריק. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין זיין מאָדערנער אינדוסטריעלער פאָרם, האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, וואו עס איז דעמאָלט קאָנצענטרירט געווען דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם אידישן פאָלק *). ער האָט באַלד גענומען אונטערגראָבן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון אידן, וועלכע האָבן אַלס שטאָטישע קליין־הענדלער און האַנטווערקער צום שאַרפסטן דערפילט אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס די גאַנצע קראַפט פון זיין זיגרייכן אָנגריף. זיי האָבן אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס אָנגעהויבן פאַרלירן זייערע אַמאָל איינגעפונדעוועטע פּאָזיציעס, און אין דער זעלבער צייט זענען זיי נישט אימשטאַנד געווען אַריינצודרינגען אין אַ געהעריקן פאַרנעם אין די נייע באַשעפטיקונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אינם פּראָצעס פון דער געקומענער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

אַ טיפּישערביישפּיל פון דעם, איז דער פריהערדיקער און איצטיקער פּלאַץ פון אידן אויפן עקאָנאָמיש־וויכטיקן פעלד פון טראַנספּאָרט. מיט אַ יאָר־הונדערט צוריק האָבן אידן אין מזרח־אייראָפּע פאַרנומען אינם דאָזיקן ווירטשאַפטס־צווייג אַ גאַנץ גרויסן פּלאַץ אַלס בעלי־עגלות, פּאָסט־האַלטערס, בעלי־אכסניות, אאַז״וו. מיטן אָנקום פון די אייזנבאַנען האָבן די דאָזיקע אידן מערסטנס פאַרלוירן זייערע אַלטע באַשעפטיקונגען, קיין מעגלעכקייט פון

---

*) אינם יאָר 1880 האָבן לויטן חשבון פון יעקב לעשטשינסקי, געלעבט אויף דער גאַנצער וועלט בלויז 7.663.000 אידן, פון וועלכע נישט ווייניקער פון 5.726.000, דאָס הייסט גאַנצע 75 פּראָצענט האָבן זיך געפונען אין מזרח־אייראָפּע: רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און רומעניע. ווייניקער פון פערצן פּראָצענט פונם וועלט־אידנטום האָבן דעמאָלט געלעבט אין אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, און בלויז דריי פּראָצענט אין צפון־און דרום־אַמעריקע.

ביים היינטיקן טאָג געפינען זיך אין מזרח־אייראָפּע בלויז פערציק פּראָצענט פון אידישן פאָלק, בעת 21 פּראָצענט פון אים וואוינט אין מיטל־און מערב־אייראָפּע, און נישט ווייניקער פון דרייסיק פּראָצענט אין ביידע אַמעריקעס.

אומשיכטונג איז אָבער פאַר זיי נישט געווען, ווייל די אײַזנבאַנען, קאָנטראָ־לירט פון פרעמדן גרויס־קאַפּיטאַל און פון אַנטיסעמיטישע רעגירונגען, האָבן נישט געגעבן קיין שטעלעס צו אידן, אפילו ווען זיי זיינען צוליב זיי אויסגע־וואָרצלט געוואָרן פון זייער פריערדיקער פרנסה איפן פעלד פון טראַנספּאָרט.

נאָך גרעסער איז געוואָרן די צאָל פון בעלי־מלאכות. ווענענס פּרי־מיטיווע ווערקשטאַטן זיינען רואינירט געוואָרן צוליב דעם זיגרייכן מאַרש פון דער מאַשין. די טויערן פון די נייע פאַבריקן זיינען מערסטנס פאַרמאַכט געווען פאַר די קוואַליפיצירטע אידישע בעלי־מלאכות צוליב דער נישט־גלייכער קאָנקורענץ פון די פיזיש־שטאַרקערע און ווייניקער פאָדערנדיקע פּויערים, וואָס זענען געטריבן געוואָרן אין שטאָט דורך די זעלבע עקאָנאָ־מישע כּוחות.

ס׳וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז יידן זענען געווען די איינציקע קרבנות פון דער „אינדוסטריעלער רעוואָלוציע״ אין מזרח־אייראָפּע. עס איז אָבער קיין ספק נישטאָ, אַז צוליב ריין־עקאָנאָמישע אורזאַכן — לאַזנדיק אין אַ זייט אפילו די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון די רעגירונגען, — האָבן אידן, וואָס האָבן געהאַט צווישן זיך אַ פּיל גרעסערן פּראָצענט פון האַנטווערקער און קליינע קרעמער, איידער זייערע מערסטנס אַגראַרישע שכנים, געליטן פון דעם אין אַ סך, אַ סך־גרעסערער מאָס.

אַנטיסעמיטיזם און אויסוואַנדערונג

די לאַגע איז נאָך ערגער געוואָרן צוליב דעם אויפקומען פון אַ נייעם סאָרט אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דירעקט געצילט קעגן די אידישע עקאָנאָ־מישע פּאָזיציעס. אין קעגנזאַץ צום אידנהאַס פון מיטלאַלטער איז דער נייער אַנטיסעמיטיזם בעיקר באַזירט נישט אויף רעליגיעזן אָבערגלויבן, נאָר אויף דער אָפּענער שטרעבונג אַרויסצוטרייבן אידן פון זייערע אַלטע פּאָזיציעס אין האַנדל, האַנטווערק און פרייע פּראָפעסיעס, און פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין די דאָזיקע וויכטיקסטע צווייגן.

דער דאָזיקער סאָרט אַנטיסעמיטיזם שטאַמט פון דער אינערלעכער עוואָלוציע פון די אַגראַרישע מזרח־אייראָפּיאישע פעלקער, וועלכע האָבן ביים סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פון זיך אַן אַלץ־גרעסערע צאָל פון אייגענע הענדלער, האַנטווערקער און מיטגלידער פון פרייע פּראָפעסיעס. די היסטאָריש־איינגעפונדעווע‌טע פּאָזיציע פון אידן אין די דאָזיקע באַשעפטיקונגען האָט געשיינט צו זיין אַן ערנסטע מניעה צו זייער דערפאָלג. אַנטיסעמיטיזם איז ביי אַזעלכע אומשטענדן געוואָרן אַ מיטל איינצופלאַנצן אין די שטעט אַן „אייגענעם״ מיטל־קלאַס. נאַטירלעך, האָט מען די דאָזיקע ריין־מאַטעריאַליסטישע מאָטיוון אָפּט פאַרשלייערט מיט „פּאַטריאָ־

טישע" אַגיטאַציע וועגן דער געפאַר פאַר דער מלוכה, וואָס קאָן אַרויסקומען פון לאָזן וויכטיקע צווייַגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט אין „פרעמדע" הענט.

זיך אָנהייבנדיק אין די 70־קער און 80־קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט דער דאָזיקער מאָדערנער סאָרט פון אַנטיסעמיטיזם געהאַט די שטאַרקסטע און צום מערסטן פאַרניכטנדיקע ווירקונג אויפן אידישן לעבן פון די לעצטע פאַר דורות. אין דער צייט אָבער, וואָס אין פריערדיקע צייטן איז ער געהאַלטן געוואָרן אין צוים דורך דעם בערך ליבעראַלן גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער וועלט, האָט אָבער דער גרויזאַם־הפקרות׳דיקער כאַראַקטער פון דער היינטיקער עפּאָכע, וואָס האָט זיך הויפּטזעכלעך אויסגעדריקט אין פאַשיזם, באַפרייט דעם אַנטיסעמיטיזם פון אַלע פּייגנבלעטלעך מיט וועלכע ער האָט זיך געזוכט צו באַפּוצן אין אַמאָליקע יאָרן. אין די הענט פון דער מעכטיקער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע איז אַנטיסעמיטיזם באַנוצט געוואָרן אויף צו פאַרגיפטיקן די מוחות פון פילע מיליאָנען אויסער די גרענעצן פון היטלערס „רייך". אין דער זעלבער צייט האָבן די נאַציס, מיט אַ רציחה און ציניזם, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער וועלט־געשיכטע, זיך געשטעלט די דירעקטע אויפגאַבע פון פיזישער אויסראָטונג פון די אידן, וואָס זענען אַריינגעקומען אונטער זייער מאַכט.

אָבער נאָך פאַר דעם ווי היטלער האָט זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער סצענע פון דער וועלט, איז דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם פון דער היינטיקער צייט געוואָרן גענוג שטאַרק, כדי אונטערצוגראָבן די אַלטע יסודות פונם אידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. ער האָט געבראַכט צו אַ גרויסער כוואַליע פון אידישער עמיגראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, און האָט דערגרייכט איר גרעסטן פאַרנעם אין די לעצטע יאָרן פאַרן וועלט־קריג. בעיקר איז די דאָזיקע עמיגראַציע געגאַנגען קיין אַמעריקע, וועלכע איז דעמאָלט געווען דער מקום־מקלט פון אונטערדריקטע און גע׳רודפ׳טע אין גאַר דער וועלט. אין די פופציק יאָרן פון 1880 ביז 1929 האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַריינגענומען 2,885,000 אימיגראַנטן, הויפּטזעכלעך פון מזרח־אייראָפּע.

אַ טייל — צוערשט אַ קליינער טייל — פון דער גרויסער אידישער אימיגראַציע איז אָבער גלייך אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו זי האָט געלייגט דעם יסוד פאַר איר איצטיקן אויפבוי.

אידעאָלאָגישע איינפלוסן

גלייך אין אָנהויב זענען די אידישע אימיגראַנטן אין ארץ־ישראל דורכגעדרונגען געווען מיטן אידעאַל פון אַ אידישער היים. אויסער די טראַדיציאָנעל־יידישע סענטימענטן זענען זיי געווען אונטער דעם שטאַרקן איינ־

פלוס פון דער באַוועגונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט פריער איבערגעמאַכט די געאָגראַפישע קאַרטע פון אייראָפּע. דער טריאומף פון נאַציאָנאַליזם איבער סעפּאַראַטיסטישע אינטערעסן פון פעאָדאַלע הערשער אין איטאַליע און דייטשלאַנד האָט דערמונטערט די שוואַכע פעלקער, וואָס זענען אין לויף פון דורות אונטערדריקט געווען דורך די גרויסע אימפּעריעס פון מזרח־אייראָפּע.

דער טריאומף פון דער נאַציאָנאַלער אידייע אין מיטל־אייראָפּע האָט אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק געמאַכט אויף דעם טייל פון דער אידישער יוגנט, וואָס האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך די אייראָפּעאישע קולטור דורך איר וועלטלעכער דערציאונג אין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. די דאָזיקע יוגנט האָט אינסטינקטיוו דערפילט די פונדאַמענטאַלע שוואַכקייט פון די אידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין גלות, און אַ טייל פון איר, גייסטיק געדריקט דורך דעם ווידער־אויפוואַכנדיקן אַנטיסעמיטיזם, האָט אָנגעהויבן טרוימען וועגן איבערשטעלן דאָס אידישע לעבן אויף אַ מער־געזונטן און זעלבסטשטענדיקן פונדאַמענט. דער אידעאַל פון אַ נאַציאָנאַלער היים אויף אַן אייגענער טעריטאָריע — צום בעסטן אין ארץ־ישראל — האָט אויסגעקוקט ביי אַזעלכע אומשטענדן צו זיין די בעסטע און די לאָגישסטע לייזונג פון דער אידן־פראַגע.

די דאָזיקע איבערצייגונג איז אויף אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטן אופן אויסגעדריקט אין פּינסקערס בראָשור „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע“, וואָס איז פּובּליקירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אינם יאָר 1882. לעאָן פּינסקער, אַ דאָקטאָר אין אָדעס, איז שפּעטער געוואָרן דער וויכטיקסטער פירער פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג, אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן חלק — מאַטעריעל און באַזונדערס אידעאָלאָגיש — אינם אָנהויב פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

אידן, זאָגט פּינסקער, זענען אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג צווישן אַנדערע פעלקער. דאָס אידישע פאָלק איז נישט לעבעדיק, אין דעם זין, ווי עס לעבט אַ נאָרמאַלע נאַציע. עס האָט נישט קיין אייגן לאַנד, קיין געמיינזאַמע שפּראַך, קיין אַלגעמיין־אָנערקענטע מלוכה־אינסטיטוציעס. אין דער זעלבער צייט איז עס אויך נישט אונטערגעגאַנגען נאַציאָנאַל, ווי מ׳האָט געקאָנט, אייגנטלעך, דערוואַרטן פון אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי פיל יאָרן אָפּגעריסן געווען פון אייגענעם באָדן. אידן זענען אייגנטלעך אַ פאָלק, וואָס שוועבט צווישן לעבן און טויט. עס איז אַ געשפּענסטער־נאַציע, וואָס רופט אַרויס מורא און דעריבער אויך האַס צווישן די אַרומיקע נאָרמאַלע פעלקער . . .

די אידישע פראַגע קאָן געלייזט ווערן בלויז אויף צוויי אופנים: אָדער דורך אויסגעהאַלטענער ברייט־געפּלאַנטער אַסימילאַציע, אָדער דורך ווידער־אויפבוי אַלס אַ פאָלק צווישן פעלקער. אַסימילאַציע איז אָבער זעלבסטמאָרד,

און זי איז פשוט אוממעגלעך אין אַווירקלעך גרויסן נאַציאָנאַלן פאַרנעם. די אַנדערע פעלקער קענען נישט — און זיי ווילן אויך נישט — איינזויגן אין זיך די מיליאָנען פון אַזאַ ספּעציפישן, שטאַרק כאַראַקטעריסטישן פאָלק. בלייבט דעריבער בלויז איין וועג — דער וועג פון אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, די אויפשטעלונג פון אַ אידיש היים־לאַנד דורך אַ קאָנצענטרירטער, פּאָליטישער און פינאַנציעלער אַקציע פונם גאַנצן אידישן פאָלק . . .

די ערשטע פאַנען־טרעגער פון ציוניזם זענען געטריבן געוואָרן צו דער דאָזיקער נייע אידייע, נישט נאָר דורך רדיפות און דער אַלץ שטאַרקערער כוואַליע פון עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם, — נאָר אויך דורך אַ טיפן, מאָראַלישן ווידערשטאַנד קעגן דער אַגרעסיווער, זיך זעלבסט פאַרלייקנדיקער אַסימילאַציע פון יענער צייט. זיי האָבן פשוט פאַראַכטעט דעם איד, וואָס לייקנט זיין נאַציאָנאַלן אורשפּרונג און פּרוּווט צו פאַרמיידן די געמיינזאַמקייט פון שיקזאַל מיטן צעשפּרייטן און צעזייטן אידישן פאָלק.

די שאַרפסטע קריטיק פון דער סאָרט אַסימילאַציע איז אַנטהאַלטן אין די העברעאיש־געשריבענע ווערק פון אחד העם, וואָס האָט געשאַפן דאָס געפליגלטע וואָרט וועגן „עבדות בתוך חרות״ — קנעכטשאַפט אין פרייהייט. דער זין פון דעם איז געווען, אַז די עמאַנציפּירטע אויבערשטע שיכט פון די אידן אין מערב־אייראָפּע האָט געקויפט איר אויסערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג מיטן טייערן פּרייז פון אינערלעכער פאַרשקלאַפונג. זיי האָבן מקריב געווען זייער אינערלעכע נאַציאָנאַלע ערלעכקייט כדי אָנגענומען צו ווערן דערפאַר — אָן באַזונדערן ענטוזיאַזם — אין דער אַרומיקער נישט־אידישער „געזעלשאַפט״...

באַזונדערס שאַרף האָט אחד־העם קריטיקירט די אַסימילאַטאָרישע „עמאַנציפּאַציע״ פון די דייטשע אידן. מיט ממש אַ נביאישער וויטזיכטיקייט האָט ער דערקענט איר אינערלעכע פוילקייט און שוואַכקייט.

די פאַרשפּרייטונג פון ציוניסטישע אידייען צווישן דער יונגער אידישער אינטעליגענץ — באַזונדערס אין רוסלאַנד — איז אויך אומדירעקט געשטיצט געוואָרן דורך דעם איינפלוס פון די ראַדיקאַלע רוסישע שרייבער פון יענער צייט. טאָלסטאָי, למשל, האָט גראָד דעמאָלט אָנגעהויבן פּרעדיקן דאָס פּראָסטע לעבן פונם רוסישן פּויער, וועמען ער האָט אידעאַליזירט פאַר זיין ערלעכקייט און מאָראַלישן לעבן. די רוסישע פאָלקס־סאָציאַליסטן פון יענער עפּאָכע, די נאַראָדניקעס, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט טאָלסטאָין אין זייער אידעאַליזאַציע פונם פּויער און זייער שטאַרקן ליבּ פאַרן „מיר״, דער פּרימיטיווער לאַנד־קאָמונע פונם רוסישן דאָרף. די דאָזיקע, אַביסל פאַרשוואומענע סאָציאַלע אידייען האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף די יונגע אידישע מוחות, וואָס זענען געשטופּט געוואָרן צום געדאַנק וועגן איבערבויען זייער לעבן אויף מער־גערעכטע און נאַטירלעכע יסודות. כאָטש

ביי יענער צייט — מיט פינף און פופציק יאָר צוריק — האָט נאָך נישט עקזיס־טירט קיין סיסטעמאַטיש־אויפגעבויטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע לערע, ווי זי איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן אין די ווערק פון ד״ר נחמן סירקין און בער באָראָכאָוו — זייענדיק פונדעסטוועגן די פירנדע גייסטער צווישן די ערשטע פּיאָ־נערן קיין ארץ־ישראל שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן נישט נאָר פון נאַציאָ־נאַלן אידעאַל, נאָר אויך פון סאָציאַלע שטרעבונגען. ציוניזם האָט אין זייערע אויגן אויסגעקוקט צו זיין אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון די „נאַראָדניקעס״ אין אַ ריין אידישער סביבה.

דער ערשטער פּראַקטישער רעזולטאַט פון די דאָזיקע פאַרשידנאַרטיקע עקאָנאָמישע אורזאַכן און אידעאָלאָגישע מאָטיוון איז געווען די באַוועגונג פון „בילו״ (בית יעקב לכו ונלכה), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון יונגע סטודענטן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זייערע לער־בענקלעך און ווערן די פּיאָנערן פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל *).

דעם לעצטן שטופּ צו דער שאַפונג פון דער „בילו״־אָרגאַניזאַציע האָבן געגעבן די פּאָגראָמען פון 1881, וועלכע זענען געקומען נאָך אַן עפּאָכע פון בערכדיקער שטילקייט און זיכערהייט און האָבן געמאַכט אויף דער אידישער באַפעלקערונג דעם איינדרוק פון אַ פּלוצימדיקן דונער. נאָך די דאָזיקע פּאָגראָמען האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע, און זיי האָבן אויך געגעבן דעם אַנטשיידענעם אימפּולס צום ערשטן אַקטיוון און סיסטעמאַטישן פאַרזוך אויפצובויען ארץ־ישראל אַלס די אידישע נאַציאָנאַלע היים.

---

*) די זעלבע עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע איינפלוסן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער גרינדונג פון „עם עולם״, אַ באַוועגונג פאַר סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע אין אַמע־ריקע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער זעלבער צייט, ווי „בילו״. צווישן די דאָזיקע צוויי באַוועגונגען איז געווען אַ טיפע אינערלעכע ענלעכקייט. ביידע זענען געגרינדעט געווען פון סטודענטן און אינטעליגענטן, וואָס האָבן געטרוימט וועגן אַ ראַדיקאַלן איבערבוי פונם אידישן פאָלק. ביידע האָבן געהאַט אין זייער אידעאָלאָגיע סיי נאַציאָנאַלע און סיי סאָציאַלע עלעמענטן, כאָטש מען קאָן זאָגן, אַז אין „בילו״ האָבן איבערגעוואויגן די ערשטע, בעת דער „עם עולם״ איז געווען מער סאָציאַליסטיש און ווייניקער נאַציאָנאַל. זיי זענען יעדנ־פאַלס צוויי צווייגן פונעם זעלבן בוים, כאָטש דער אונטערשייד אין די פּראַקטישע מיטלען האָט זיי מיט דער צייט ווייט אַוועקגעפירט איינער פונעם אַנדערן.

קאַפּיטל צוויי

ארץ ישראל פאַרן קריג

אין אָנהויב פונם יאָר 1882 זענען די ערשטע „בילו"־פּיאָנערן אָנגעקו־מען קיין ארץ ישראל. זיי האָבן געפונען אַ שטאַרק־צוריקגעשטאַנען לאַנד, וואָס האָט אין פיל ערטער אויסגעקוקט ווי אַן אמתער מדבר. די בערג, אַמאָל באַדעקט מיט בוימער, זענען געווען נאַקעט און וויסט, און די טאָלן זע־נען פול געווען מיט בלאָטעס, נעסטן פון געפערלעכן פיבער. די גאַנצע באַ־פעלקערונג פון ארץ ישראל האָט דאַן אויסגעמאַכט 350.000 נפשות, מערסטנס אַראַבישע פעלאַכן (פויערים) און וואַנדערנדע בעדואינער מיט זייער אַ ווילדן און פרימיטיוון לעבנס־שטייגער. די טערקישע באַאַמטע פונם לאַנד זענען געווען ברוטאַל און פאַרקויפלעך, און זייער קולטור־צושטאַנד איז נישט פיל העכער געווען פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. בלויז די קריסט־לעכע מיסיאָנערן און אַ הייפעלע פון רייכערע סוחרים אין די שטעט זענען געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופע פון ציוויליזאַציע.

די אידישע באַפעלקערונג פון לאַנד איז דאַן באַשטאַנען פון דרייסיק טויזנט נפשות. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען עלטערע לייט, וואָס האָבן געלעבט פון „חלוקה", צוגעשיקט פון גלות. די איבעריקע, בערך גלייך צוטיילט אויף אשכנזים און ספרדים, האָבן קוים געמאַכט אַן אָרעמען לעבן מיט האַנדל און האַנטווערק אין פרימיטיוון לאַנד. כמעט אַלע זענען זיי געווען עקסטרעמע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן זיך שטאַרק געווערט קעגן מאָדערנער דערציונג און קולטור. נאַטירלעך האָבן די אָנגעקומענע „בילויצעס" אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי געפערלעכע אפיקורסים, מיט וועל־כע מען טאָר נישט האָבן דעם קלענסטן מגע־ומשא.

די איינציקע אַגריקולטורעלע דערגרייכונג פון אידן אין ארץ־ישראל איז דאַן געווען די לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע „מקוה־ישראל", נישט ווייט פון יפו, וואָס איז מיט צען יאָר פריער געגרינדעט געוואָרן דורך דער פאַ־ריזער „אַליאַנס איזראַעליט" („כל ישראל חברים"). מיט אַ פּאָר יאָר פאַרן אָנקום פון די „בילויצעס" האָבן אויך ירושלימער יידן געקויפט אַ שטח זומ־פּיקן באָדן אין דער געגענד פון דער איצטיקער „פּתח תקוה". ווען די „בי־לויצעס" זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איז דער דאָזיקער באָדן שוין פאַרלאָזן געוואָרן פון די ווייניקע אידישע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פאַר דעם פאַרניכטנדן פיבער, וואָס האָט געבושעוועט אין דער געגנט.

די ערשטע קאָלאָניעס

נישט קוקנדיק אויפן שווערן איינדרוק, וואָס דאָס פאַרלאָזענע לאַנד האָט געמוזט אויף זיי מאַכן, האָבן די בילו־פּיאָנערן, געשטיצט פון אַ פּאָר „חובבי־ציון"־געזעלשאַפטן אין רוסלאַנד, זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן געקויפט אַ שטיק לאַנד דרום פון יפו, דעמאָלט דעם וויכטיקסטן פּאָרט פון לאַנד און געגרינדעט דאָרט אַ קאָלאָניע וועלכע זיי האָבן אָנגערופן מיטן נאָמען „ראשון לציון". זיי האָבן אויפגעשטעלט פאַר זיך הילצערנע באַראַקן און אָנגעהויבן באַאַרבעטן דאָס לאַנד אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון שטייגער.

אין קורצן נאָך דער גרינדונג פון ראשון־לציון האָבן זיך קיין ארץ ישראל אַ לאָז געטאָן קליינע גרופּן פון רומענישע אידן, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען דורך אַנטיסעמיטישע רדיפות. אין אַ יאָר נאָך דעם אָנקומען פון די ערשטע בילו־פּיאָנערן זענען שוין אינם לאַנד געווען אַרום הונדערט רומענישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געגרינדעט צוויי אייגענע קאָלאָניעס. איינע מיטן נאָמען „סאַמאַרין" — שפּעטער זכרון־יעקב, — איז געגרינדעט געוואָרן אויף דעם ראַנד פון די שומרון־בערג, נישט ווייט פונם מיטלמער. די אנדערע, „ראש־פּנה", געפינט זיך צווישן די מאַלערישע בערג פון גליל, צום צפון פון ים כנרת.

גלייכצייטיק מיט דער גרינדונג פון די דאָזיקע נייע קאָלאָניעס האָבן אָנגעקומענע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד איבערגענומען די פאַרלאָזענע קאָלאָניע פון ירושלימער אידן, און האָבן איר געגעבן איר איצטיקן נאָמען „פּתח תקוה". בסך־הכל זענען אין זומער 1883 שוין געווען אין לאַנד זעקס לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, מיט אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 200 משפחות.

באַלד זענען אָבער די דאָזיקע ערשטע קאָלאָניעס אַריינגעפאַלן אין ערנסטע געלט־שוועריקייטן. זייערע גרינדער האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע עקאָנאָמישע פּלענער פאַר דער צוקונפט. אידעאַליסטיש געזאָנען, אָבער אָן דער מינדעסטער פּראַקטישער ערפאַרונג, האָבן זיי זיך גענומען זייען ווייץ און קאָרן אויפן זעלבן אופן ווי זיי האָבן געזען פויערים דאָס טאָן אויף די ברייטע פעלדער פון מזרח־אייראָפּע. זיי האָבן אָבער באַלד אויסגעפונען — אויפן גרונד פון דורכפאַלן און אַנטוישונגען — אַז דער גרעסטער טייל פונם ארץ ישראלדיקן באָדן טויג גאָר נישט פאַר תבואה. דערוויל זענען די ווינציקע מיטלען, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים אויסגעגאַנגען, און די נעבעכדיקע שטיצע, וואָס איז זיי געשיקט געוואָרן דורך די אָרעמע און אומפּראַקטישע חובבי־ציון־פאַריינען אין רוסלאַנד און רומעניע, האָט נישט געקאָנט פאַרבעסערן די לאַגע. אַזוי אַרום זענען די קאָלאָניעס אַריינגעפאַלן אין אַ שווידערליכן קריזיס, און די אָנגעהויבענע אַרבעט איז געווען אין געפאַר אָפּגעשטעלט צו ווערן.

באַראָן ראָטשילד און זיין קאָלאָניזאַציע

שטייענדיק פאַר אַזאַ ערנסטער לאַגע, האָבן די „חובבי־ציון" אין גלות אָנגעהויבן זוכן נגידים און פילאַנטראָפּן, וואָס זאָלן ראַטעווען די קאָלאָניעס פון דער דראָענדער קאַטאַסטראָפע. אין דער זעלבער ריכטונג האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די בילויצעס אַליין, וואָס האָבן ביים מיטן 1883 אַרויסגעשיקט אַן אייגענעם דעלעגאַט קיין מערב־איירָאָפּע נאָך הילף. זיי איז ענדלעך געלונגען צו פאַראינטערעסירן אין זייער אַרבעט דעם באַראָן עדמונד ראָטשילד פון פאַריז. נישט באַגנוגנדיק זיך מיט באַלדיקער שטיצע פאַר די פאַריאושטע קאָלאָניסטן האָט זיך ראָטשילד אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט זייערע פּראָבלעמען אין אַ גרעסערן פאַרנעם. ער האָט אַוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל עקספּערטן אויף צו שטודירן די אַגריקולטורעלע מעגלעכקייטן פונם לאַנד בכלל. אויפן גרונט פון די דאָזיקע באַריכטן איז ער געקומען צום אויספיר אַז מען מוז ענדערן די עקאָנאָמישע גרונטלאַגע פון די קאָלאָניעס דורך פאַרבייטן זייער תבואה־ווירטשאַפט אויף ווייןבוי. ער האָט סובסידירט דאָס פלאַנצן פון וויין־גערטנער, און האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיך גענומען בויען אַ פּאָר גרויסע קעלערס פאַר דער פּראָדוקציע פון וויין.

וואָס זענען געווען די אינערלעכע מאָטיוון, וואָס האָבן געשטופּט דעם פראַנצויזיש־יידישן באַראָן צו זיין קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אין ארץ ישראל ?

אַ פאַרזוך צו ענטפערן אויף דער פראַגע וואָלט אונז פאַרפירט צו ווייט. ס'איז אָלנפאַלס אַ פאַקט, אַז ראָטשילדס אינטערעס אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל איז נישט געווען קיין צייטווייליקער קאַפּריז. אָנהויבנדיק מיט דער הילף פון ראשון לציון, האָט ער מיט יעדן יאָר פאַרברייטערט דעם פאַרנעם פון זיין טעטיקייט. ער האָט מיט דער צייט געקויפט אַ סך לאַנד, און אָנגעהויבן שאַפן אייגענע דערפער. ביים סוף פון ניינצעטן יאָרהונדערט זענען שוין אונטער זיין פאַרוואַלטונג געווען נישט ווייניקער פון פופצן קאָ־לאָניעס אין פאַרשידענע טיילן פונם לאַנד.

דערווייל איז די חובבי־ציון געלונגען צו לעגאַליזירן זייער טעטיקייט אין רוסלאַנד דורך דער שאַפונג פון דער „געזעלשאַפט צו שטיצן אידישע ערד־אַרבעטער און האַנטווערקער אין סיריע און פּאַלעסטינע", מיטן הויפּט־זיץ אין אָדעס. די דאָזיקע געזעלשאַפט באַקאַנט אונטער דעם קורצערן נאָמען „אָדעסער קאָמיטעט", איז געווען אַ וויכטיקע דערגענצונג צו ראָטשילדס אַר־בעט. מיט דער הילף פון קלענערע חובבי־ציון־פאַריינען אין אנדערע לענדער האָט דער „אָדעסער קאָמיטעט" געשטיצט אייניקע קאָלאָניעס, וואָס האבען זיך געגרינדעט אומאָפּהענגיק פונם באַראָן, און געשאַפן אַ פּאָר אַרבעטער־זידלונגען אַרום די עקזיסטירנדע קאָלאָניעס. דער אָדעסער קאָמיטעט האָט זיך אויך

שטאַרק אינטערעסירט מיט דער קולטורעלער זייט פונם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי, שטיצנדיק פאָלקס־שולן און אַנדערע דערציונגס־אַנשטאַלטן.

אינם יאָר 1899 זענען שוין אין ארץ ישראל געווען 22 לאַנדווירטשאַפט־לעכע ישובים מיט א באַפעלקערונג פון צוזאַמען 5000 נפשות און מיט א שטח באָדן פון 300,000 דונאַמס. *).

דער הויפּט־חסרון פון דער דעמאָלסדיקער אידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז הויפּטזעכלעך אָנגעפירט געווען פונם באַראָן, איז געווען איר פילאַנטראָפּישער כאַראַקטער, וואָס האָט דערשטיקט די פּערזענלעכע איניציאַטיוו פון די קאָלאָניסטן און אָפּגעשוואַכט זייער שאַפנדן גייסט. די קאָלאָניעס האָבן אָנגעווירן זייער אינערלעכע אויטאָנאָמיע, און די גאַנצע דעה איז אריבער צו די באַאַמטע פונם באַראָן, וועלכע האָבן מערסטנס נישט געהאַט קיין אינערלעכע באַציונג צום גאַנצן ענין, און זענען אויך גאַנץ אָפט נישט געשטאַנען פּער־זענלעך אויף דער נויטיקער מאָראַלישער הויך... די קאָלאָניסטן פון זייער זייט האָבן אָנגעהויבן באַשעפטיקן ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, באַשרענקנדיק זייער אייגענע טעטיקייט מיט אויפזיכט און שקלאַפן־טרייבעריי. זיך פאַרלאָזנדיק אויף דער איבערטריבענער איינקויפט פון זייערע ווייַנטרויבן, פאַר וועלכע דער ברייט־האַרציקער באַראָן האָט געצאָלט אַ הויכן פּרייז, וואָס איז בשום אופן נישט געווען באַרעכטיקט דורך די ווייַן־פּרייזן אויפן וועלט־מאַרק, האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט אַלע הילפס־צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט. זיי האָבן געמוזט קויפן מילך, אייער, גרינס פון זייערע אַראַבישע שכנים. זייערע פרויען און קינדער האָבן נישט גענומען קיין אַקטיוון אנטייל אין דער ווירטשאַפט. דער גאַנצער וואוילשטאַנד פון די קאָלאָניסטן איז באַזירט געווען אויף קינסטלעך־איבערטריבענע פּרייזן, וועלכע ראָטשילד האָט געצאָלט פאַר זייערע ווייַנ־טרויבן.

פון באַראָן ראָטשילד צו „איקא"

אַזאַ לאַגע האָט נישט געקאָנט דויערן לאַנג. נאָך פופצן יאָר פון קאָלאָני־זאַטאָרישע עקספּערימענטן איז באַראָן ראָטשילד געקומען צום אויספיר, אַז אַ קינסטלעך־סובסידירטע לאַנדווירטשאַפט האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג. די קאָלאָניעס, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, מוזן פון איצט אָן געשטעלט ווערן אויף די אייגענע פיס. זיי מוזן עקזיסטירן אויף נאָרמאַלע פּרייזן, וואָס זענען באַגרינדעט אויפן פאַקטישן מאַרק־ווערט פון זייערע פּראָדוקטן. ער האָט דעריבער אינם יאָר 1899 אָפּגעשטעלט זיין יערלעכע סובסידיע פאַר דער ארץ־ישראלדיקער ווייַן־ווירטשאַפט; אין איין וועג האָט ער זיך אויך אָפּגעזאָגט

*) אַ דונאַם איז אַ צענטל העקטאַר, אָדער אַרום אַ פערטל אַקער.

פון דער דירעקטער פאַרוואַלטונג פון זיינע קאָלאָניעס, און איבערגעגעבן זיי אין די הענט פון „איקא" *).

די פלוצימדיקע אָפּשטעלונג פונם באַראָנס סובסידיעס איז געווען פאַר די קאָלאָניסטן אַ שרעקלעכער קלאַפּ. צוליב דער שטאַרקער ירידה פון די פרייזן, וואָס זיי האָבן איצט אָנגעהויבן קריגן פאַר זייערע ווייַנטרויבן, האָבן זיי געמוזט אויסוואָרצלען אַ גרויסן טייל פון זייערע ווייַנשטאָקן, און פאַרביטן זיי מיט פלאַנטאַציעס פון מאַנדלען און אָליווו־בוימער. דער דאָזיקער שריט איז דיקטירט געוואָרן פונם געדאַנק, אַז געמישטע ווירטשאַפט, וואָס איז באַזירט אויף עטלעכע מינים פלאַנצונגען, גיט מער זיכערהייט קעגן פלוצימדיקע וואַק־לונגען פון מאַרק־פרייזן.

איבערגעבנדיק די פאַרוואַלטונג פון זיינע קאָלאָניעס צו דער „איקא", האָט ראָטשילד פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט זיך אַקטיוו צו אינטערעסירן אינם ארץ ישראלדיקן אויפבוי. ער האָט פאַקטיש פינאַנסירט די גאַנצע ברייטע „איקא"־טעטיקייט אין ארץ־ישראל, און די דאָזיקע הילף איז אויך פאָרטגע־זעצט געוואָרן, ווען די אַרבעט פון דער „איקא" איז שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ ספּעציעל־געשאַפענער געזעלשאַפט „פּיקאַ" (פּאַלעסטינער „איקא").

צום אונטערשיד פונם באַראָן אין די ערשטע יאָרן פון זיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, האָבן „איקא" און „פּיקאַ" ווייניק געגלויבט אין די מעגלעכקייטן פון אַ ברייטער ווייַן־קולטור אין ארץ־ישראל, און זיי האָבן דעריבער קאָנצענ־טרירט זייער אַרבעט אויף פּראָסטן אַקערבוי, אויף ברויט־ווירטשאַפט. כמעט אַלע קאָלאָניעס, וואָס זענען פון זיי געגרינדעט געוואָרן צווישן 1900 ביזן אויס־ברוך פון וועלט־קריג, זיינען געלעגן אין גליל אין אויבערשטן טייל פון עמק־הירדן, וואו דער באָדן איז מער פּאַסנדיק פאַר ברויט־ווירטשאַפט, איידער אין די מערסטע אַנדערע געגנטן פונם לאַנד.

די האלטונג פון טערקיי

אין די ערשטע יאָרן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז די שטעלונג פון דער טערקישער מאַכט געווען נייטראַל און אַמאָל אפילו פריינטלעך. ווען אָבער די קאָלאָניזאַציע האָט אָנגענומען אַ גרעסערן פאַרנעם, איז מען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געוואָרן אומרואיק. אינם יאָר 1890 איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, וואָס האָט פאַרווערט די אימיגראַציע פון רוסישע, רומענישע און עסטרייכישע אידן קיין ארץ־ישראל. די „טאַבו", די ביוראָ פאַר

*) די „איקא" (אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט), געגרינדעט געוואָרן מיט צען יאָר פריער דורך אַן אַנדער גרויסן אידישן פילאַנטראָפּ, באַראָן מאָריס הירש, האָט ביז צו יענער צייט זיך אָפּגעגעבן כמעט אויסשליסלעך מיט אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

רעגיסטראַציע פון לאַנד־קניות, האָט געקריגן אַ באַפעל נישט איבערצוטראָגן קיין לאַנד אויף זייערע נעמען.

צוליב דער אַלגעמיינער שוואַכקייט פונם טערקישן רעגירונגס־אַפּאַראַט זיינען אָבער די דאָזיקע גזירות מערסטנס געבליבן אויפן פּאַפּיר. חוץ דעם איז דער רעזשים פון קאַפּיטולאַציעס, וואָס האָט געשטעלט אויסלענדער אין דער טערקיי אונטער דער יוריסדיקציע פון זייערע קאָנסולן, געווען אַ שטאַרקע מניעה קעגן יעדן פּאַרזוך אָפּצושטעלן די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל דורך באַפעלן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פּראַקטיש האָט יעדער איד, וואָס האָט געוואָלט זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל פאַרן קריג, געקאָנט דאָס טון, אויב נאָר ער האָט געהאַט אין זיין רשות די נויטיקע געלט־מיטלען אָדער די געהעריקע אַרבעטס־קראַפט.

דער פּאָליטישער ציוניזם

מיט דער צייט איז אין דער „חובבי־ציון״־באַוועגונג אין גלות פאַרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. זייענדיק אין אָנהויב אַן ענין פאַר יחידי־סגולה, אַן אַקטיווער פאַרבינדונג מיט די מאַסן, איז זי אינם יאָר 1897, אונטער דער גלענצענדער פירערשאַפט פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער פאָלקס־באַוועגונג, מיט אַ ברייטערן פאַרנעם און גרעסערע השגות. ד״ר הערצל, אַ ווינער זשורנאַליסט, וועלכער איז צוגעקומען צום אידישן לעבן נאָך אַ רייע ביטערע אַנטוישונגען אין דער מעגליכקייט פון אידישער אַסימילאַציע, איז געווען דער שאַפער פונם „פּאָליטישן ציוניזם״, וועלכער האָט צום אונטערשיד פון די אַמאָליקע חובבי ציון געלייגט דעם גרעסטן געוויכט אויף די פּאָליטישע באַדינגונגען פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די אידייען פון ד״ר הערצל, וועלכע זענען צוערשט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין זיין בוך „יודענשטאַאַט״ (1896), און זענען שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן אין „אַלטנייַלאַנד״, האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף די אידישע מוחות, און איבער־נאַכט איז דער ביז אַהער אומבאַקאַנטער זשורנאַליסט געוואָרן דער אומבאַשטריטענער פירער פון דער שטאַרקסטער באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אינם אידישן פאָלק פאַר די לעצטע עטלעכע דורות.

דער גרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם האָט נישט געגלויבט אין דער צוועקמעסיקייט פון ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע אין אַ קליינעם פאַרנעם, אָן אַן אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענטן „טשאַרטער״, וואָס זאָל געבן דער אידישער קאָלאָניזירנדער אַגענטור וויכטיקע רעכט און אַ באַשטימטע מאַכט אינם לאַנד. אונטערן וואָרט „טשאַרטער״ האָט ער פאַרשטאַנען אַ ברייטע קאָנצעסיע לויטן מוסטער פון די קאָנצעסיעס, וועלכע ענגלאַנד פלעגט אַמאָל געבן צו די גרויסע קאָמפּאַניעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר האַנדל און קאָלאָניזאַציע

אין אָפּגעלעגענע קאָלאָניעס, — למשל, „איסט־אינדיע־קאָמפּאַני״, „האָדסאָן בעי קאָמפּ.״ און אַזוי ווייטער. באַלדיקע קליין־קאָלאָניזאַציע אָן אַזעלכע רעכט־לעכע גאַראַנטיעס איז פון אים באַטראַכט געווען אַלס אַ פאַרשווענדונג פון ענערגיע, וואָס וועט אָפּציען די ציוניסטישע באַוועגונג פון איר דירעקטן פּאָ־ליטישן וועג צו דערפאָלג.

האַלטנדיק זיך ביים דאָזיקן געדאַנק, האָט ד״ר הערצל אָנגעהויבן פאַר־האַנדלען וועגן אַ טשאַרטער אויף ארץ־ישראל מיטן טערקישן סולטאַן אַבדול האַמיד, און געזוכט אין דער זעלבער צייט צו קריגן די שטיצע פון אייראָפּעאי־שע גרויס־מאַכטן, וועמענס וואָרט ס׳האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן באָספּאָר. זיין מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט האָט אים געשאַפן אַ סך סימפּאַטיע אין די הויכע קרייזן און אַרויסגערופן אפילו געוויסע אומבאַשטימ־טע צוזאָגן. צו קיין תכלית איז עס אָבער נישט געקומען. טערקיי איז געבליבן קעגנעריש צום ציוניזם, און די גרויסמאַכטן האָבן אויך נישט איינגעזען, ווי אַזוי מען קאָן איינשפּאַנען די דאָזיקע יונגע באַוועגונג אין זייער פּאָליטישן וואָגן. איבעריקנס האָט זיי ד״ר הערצל נישט געקאָנט ווי געהעריק אימפּאָנירן, ווייל ער איז נישט געווען אימשטאַנד צו געווינען פאַר זיינע פּראָיעקטן די יידי־שע מיליאָנערן, אויף וועלכע ער האָט געהאָפט אין אָנהויב פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט.

נאָך אַ רייע פון שווערע אַנטוישונגען האָט ד״ר הערצל פאַרלאָרן די האָ־פענונג אויף אַ באַלדיקן טשאַרטער, און זייענדיק ווי פריער סקעפּטיש צום געדאַנק וועגן „קליין־קאָלאָניזאַציע״, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ „נאַכט־אַזיל״ אין אַן אַנדער לאַנד, וואו אידישע מאַסן געטריבן פון אייראָפּע, זאָלן דערווייל קאָנען בויען אַ צייטווייליקע היים. די אידייע וועגן „נאַכט־אַזיל״, האָט אין יאָר 1903 געקראָגן אַ קאָנקרעטע פאָרם דורך ענגלאַנדס פאָרשלאָג וועגן באַזעצן אידן אין אוגאַנדאַ, אַ קאָלאָניאַלן שטח אין אַפריקע. ער האָט אָבער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע פון די אַמאָליקע „חובבי־ציון״, וואָס האָבן עס באַטראַכט אַלס אַ פאַרראַט קעגן ארץ־ישראל. אמת, אונ־טער דעם איינפלוס פון הערצלס שטאַרקער פּערזענלעכקייט, האָט דער זעקס־טער קאָנגרעס (באַזעל 1903) אָנגענומען דעם פאָרשלאָג אין פּרינציפּ, און באַ־שלאָסן צו שיקן אַן אויספאָרשונגס־עקספּעדיציע קיין אוגאַנדאַ. דער באַריכט פון דער עקספּעדיציע איז אָבער נישט געווען קיין גאָר גינסטיקער, און דער־ווייל האָט די אָפּאָזיציע צו אוגאַנדאַ אַרומגענומען די מערהייט פון די ציוניס־טישע פאַריינען. גראָד אין דער דאָזיקער קריטישער צייט איז הערצל גע־שטאָרבן — אין עלטער פון 44 יאָר, — און אויף דעם נעכסטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט צוריקגעוויזן געוואָרן מיט אַ ריזיקער מערהייט. פון יענער צייט אָן איז ציוניזם אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן געדאַנק וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים אויסשליסלעך אין ארץ־ישראל.

גלייכצייטיק מיט זיינע דיפּלאָמאַטישע אָנשטרענגונגען האָט דער פּאָלי־טישער ציוניזם אונטער דעם איינפלוס פון די אַמאָליקע חובבי־ציון, וואָס האָבן געפאָדערט די באַלדיקע קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל, נישט וואַרטנדיק אויפן טשאַרטער, אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין אַן אַלץ גרעסערן פאַרנעם אינם פּראַקטישן אויפבוי פונם לאַנד. דער וויכטיקסטער שריט אין דער ריכ־טונג איז געטאָן געוואָרן דורך דער שאַפונג פונם נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אינם יאָר 1901 אַלס אַן ענגלישע געזעלשאַפט מיטן זיץ אין לאָנדאָן. דער ציל פונם נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס איז באַזירט אויף נדבות, איז צו קויפן לאַנד אין ארץ־ישראל, אַלס אַן אייביקער באַזיץ פון אידישן פאָלק. זיינע סטאַטוטן פאַרווערן דעם פאַרקויף פון לאַנד, און דערלויבן בלויז צו פאַר־דינגען עס אויף לאַנגע טערמינען צו אידן, וואָס זיינען גרייט צו קולטיווירן דעם באָדן אָן פרעמדער אַרבעט.

מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט די „אידישע קאָלאָניאַל באַנק״, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן נאָך אינם יאָר 1898 אַלס דער פינאַנציעלער הויפּט אינסטרו־מענט פון ציוניסטישער פּאָליטיק, געשאַפן אַ טאָכטער־געזעלשאַפט, די „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין קאָמפּאַני״ (א. פּ. ק.) מיטן צוועק צו פאַרנעמען זיך מיט באַלדיקע באַנק־געשעפטן אין ארץ־ישראל. די א. פּ. ק. האָט געגרינדעט עטלעכע צווייגן אין די וויכטיקסטע שטעט פונם לאַנד, און זי האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַן אַלץ מער אָנגעזעענעם פּלאַץ אינם עקאָנאָמישן לעבן פונם לאַנד.

די פּאָגראָמען פון 1905 און ארץ ישראל

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אויסברוך פון יאָר 1905 האָט געגעבן אַ נייעם און מעכטיקן שטויס צו אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די צאַרישע רעגירונג האָט אין איר פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג זיך ברייט באַנוצט מיטן אַלט־אויסגעפּרואווטן מיטל פון אידי־שע פּאָגראָמען. אין אָקטאָבער 1905, בעת דעם סאַמע ברען פון דער שפּעטער אונטערדריקטער רעוואָלוציע, זיינען הונדערטער אידן ברוטאַל דערהרגעט געוואָרן דורך די „שוואַרץ־מאהניקעס״, וואָס זענען אַקטיוו געשטיצט געווען פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי, דער באַרימטער „אָכראַנע״. די פּאָגראָ־מען האָבן אַרויסגערופן אַ נייע כוואַליע פון אידישער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, און האָבן פאַראורזאַכט נייע אָנשטרענגונגען צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד.

די מערסטע אימיגראַנטן פון יאָר 1905 זענען דורכגעדרונגען געווען מיט סאָציאַלע אידייען אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם און אויף אַ סך אַ קלאָרערן אופן, איידער זייערע פאָרגענגער פונם יאָר 1882. צום גרויסן טייל זענען זיי אין דער היים געווען מיטגלידער פון פאַרשידענע גרופּן, וואָס זענען געווען ציוניסטיש און סאָציאַליסטיש אין דער זעלבער צייט. די דאָזיקע גרופּן, באַ־קאַנט אונטער דעם געמיינזאמען נאָמען פון „פּועלי־ציון״, זענען דאָן פאַראייניקט

געוואָרן אין יעדן לאַנד אין אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אָנגענומען די אידייע פונם ארץ־ישראלדיקן צענטער אַלס די באַלדיקע לייזונג פון דער אידן־פראַגע. די אידעאָלאָגיע פון פּועלי־ציון איז אַמבעסטן פאָרמולירט געוואָרן פונם פאָרשטאָרבענעם בער באָראָכאָוו (1880־1917), וועלכער האָט באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון ארץ־ישראל פאַרן אידישן אַרבעטער פונם שטאַנדפּונקט פון זיינע קלאַסן־אינטערעסן. ער האָט באַטראַכט דעם דראַנג צו ארץ־ישראל אַלס אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, וואָס ווערט דיקטירט דורך אַן עקאָנאָמישן דרוק, וואָס האָט זיינע טיפע וואָרצלען אינם גאַנצן בוי פון אונזער איצטיקער געזעלשאַפט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרווירקליכונג פון ציוניזם, אַלס אַ סטיכישן פּראָצעס, וואָס ווערט געשטופּט דורך די פאַרשידענע כוחות אינם אידישן פאָלק, און האָט געזען די ראָלע פון די אידישע אַרבעטער אין דעם קלאַסן־קאַמף און קלאַסן־טעטיקייט, וואָס זיי וועלן אָנפירן אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אין אירע פאַרשידענע פאָרמען און אָפּצווייגונגען, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויפן גאַנצן כאַראַקטער פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. זי האָט בעיקר זיך אָפּגעשפּיגלט אינם גרויסן פלאַץ, וואָס די קאָאָפּעראַציע האָט פאַרנומען אינם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי.

כאָטש די גרעסטע מערהייט פון די דעלעגאַטן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן איז ווייט געווען פון סאָציאַליזם, האָבן זיי פונדעסטוועגן אָפט אַרויסגעוויזן אַ פריינטלעכע באַציונג צו פאָרשלאָגן וועגן נייע סאָציאַלע פאָרמען אינם אויפבוי פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט. אפילו די שטאַרקסטע אינדיווידואַליסטן צווישן זיי האָבן געמוזט צוגעבן, אַז אין די ערשטע שטופן פון קאָלאָניזאַציע האָט אָפט די קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פון אַ גרופּע אַ בעסערן שאַנס אויף דערפאָלג, איידער די צעשטרייטע באַמיאונגען פון איינצלנע קאָלאָניסטן. הוץ דעם, האָט די דערפאַרונג פון דער ראָטשילד־קאָלאָניזאַציע באַוויזן, אַז איינצלנע קאָלאָניסטן, איינגעאָרדנט אויפן יסוד פון פריוואַטן קאַפּיטאַליזם, ווערן צו אָפט דעגענערירט אין טיפּישע פּלאַנטאַטאָרס, וואָס שטעלן זייער פּערזענלעכן געווינס איבער די אַלגעמיינע אינטערעסן פונם אידישן כלל. אַזעלכע קאָלאָניסטן עקספּלואַטירן געווינלעך ביליקע אַראַבישע אַרבעט, און מיידן אויס דעם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער מיט זיין העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט. ס'איז קלאָר, אַז קאָלאָניעס, וואָס זענען געבויט אויף אַזעלכע יסודות, שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין באַזע פאַר ווייטערדיקער אידישער עמיגראַציע, און זיי האָבן דעריבער פון אַ ריין־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט זעהר אַ באַשרענקטן ווערט *).

---

*) אין זייער פריינטלעכער באַציאונג צו סאָציאַלע שטרעבונגען אין ארץ־ישראל זענען די „אַלגעמיינע" ציוניסטן אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַלטע לאַנד־געזעצן אין חומש

אָנהויב פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע

אונטער דעם דרוק פון דער דאָזיקער לאַגע, האָט דער ניינטער ציוניס־טישער קאָנגרעס (1909) באַשלאָסן דורכצופירן אַן עקספּערימענט פון קאָאָפּע־ראַטיווער קאָלאָניזאַציע לויט פּראַנץ אָפּענהיימערס פּלאַן פון „זידלונגס־ גע־נאָסנשאַפט". די צענטראַלע אידייע פון פּראָפעסאָר אָפּענהיימער איז די נויטיקייט פון אַ פאַכמענישער פירונג אין דער קאָאָפּעראַציע; די מיטגלידער פון זיין זידלונגס־גענאָסנשאַפט מוזן בעת אַ געוויסן איבערגאַנגס־פעריאָד באַ־האַנדלט ווערן ווי געוויינלעכע לוין־אַרבעטער אויף אַ גרויסן גוט, און ערשט מיט דער צייט זאָלן זיי צוביסלעך אַליין איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון זייער קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט.

דער אָפּענהיימער־עקספּערימענט איז געפירט געוואָרן אין מרחביה אויף אַ באַדייטנדן שטח לאַנד, וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַר דעם צוועק פון נאַ־ציאָנאַל־פאָנד אינם הארץ פון עמק־יזרעאל. ער האָט נישט געבראַכט דעם געוווּנטשטן דערפאָלג. ווי עס זעט אויס, איז דער פאַרוואַלטונגס־געדאַנק פון פּראָפ. אָפּענהיימער ניט צוגעפּאַסט געווען פאַרן אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער פון די אידישע קאָאָפּעראַטאָרס, בפרט אין ארץ־ישראל.

אינם זעלבן יאָר, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די אָפּענהיימערישע זיד־לונגס־גענאָסנשאַפט אין מרחביה, האָבן אַ גרופּע פון אידישע אַרבעטער גע־גרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אויף זייער אייגענעם שטייגער. זיי האָבן אָפּגעדונגען ביים נאַציאָנאַל־פאָנד אַ שטח פון באָדן אין עמק־הירדן, באַלד ביי זיין אויספלוס פון ים־כנרת, און האָבן דאָרט געשאַפן אַ זידלונג מיטן נאָמען „דגניה". די דאָזיקע זידלונג, די ערשטע „קבוצה" אין לאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פולער דערפאָלג. נישט קוקנדיק אויפן גאָר הייסן קלי־מאַט פונם נידעריק־געלעגענעם ירדן־טאָל, און די אָפטע פיבער־קראַנקהייטן, האָבן די דגניה־לייט אויסגעבויט צוביסלעך אַ זעלבסט־דערהאַלטענדע קאָאָפּע־ראַטיווע זידלונג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ מוסטער און וועג־ווייזערין פאַר ווייטערדיקע אונטערנעמונגען פון דעם מין.

די גרינדונג פון תל־אביב; קולטורעלע טעטיקייט

גלייכצייטיק מיט וויכטיקע שאַפונגען אויפן פעלד פון לאַנדווירטשאַפט, איז אין דער עפּאָכע גלייך פאַרן וועלט־קריג געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר אַ שטאָטישער זידלונג, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו דער גרעסטער

מיט זייער קלאָרער נייגונג צו גלייכהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט. למשל, דער גרונד־פּרינציפּ פונם „נאַציאָנאַל פאָנד" ניט צו פאַרקויפן קיין לאַנד, נאָר צו פאַרדינגען עס אויף לאַנגע טערמינען צו די וועלכע באַארבעטן זי, האָט פאַרקערפּערט די גרונד־אידייע פונם יובל־יאָר, ווען דאָס לאַנד האָט געזאָלט צוריקקומען צו זיינע אַמאָליקע באַזיצער.

שטאָט פון לאַנד. נאַטירלעך, מיינען מיר דערמיט תל־אביב, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן אינם יאָר 1911 פון אַ גרופּע אידן אין יפו, וועלכע האָבן געוואָלט שאַפן פאַר זיך מער סאַניטאַרישע לעבנס־באַדינגונגען, איידער דאָס איז מעג־לעך געווען אין דער אַלטער אַראַבישער האַפן־שטאָט. האָבן זיי געקויפט אַ שטח באַדן צווישן די זאַמד־בערגלעך צום צפון פון יפו און אויסגעבויט דאָרט אַ פּאָר הונדערט וואוין־הייזער, מיט אַ גימנאַזיע „הרצליה" אין דער מיט. אין אָנהויב האָט זייער אונטערנעמונג אַרויסגערופן אַ היבש ביסל חוזק צווישן מער „ניכטערנע" און פּראַקטישע מענטשן, און ס׳איז אויסגעקומען זייער שווער צו געפינען בעלנים אויף צו קויפן בוי־פּלעצער אין דער צוקונפטיקער שטאָט. איצט אָבער איז תל־אָביב מיט אירע 220.000 איינוואוינער די בליענדסטע און מאָדערנסטע שטאָט אין נאָענטן מזרח.

חוץ תל־אביב איז אין די עטלעכע יאָר פאַרן וועלט־קריג געשאַפן געוואָרן אויך דער אָנהויב פון וויכטיקע אידישע פאָרשטעט ביי חיפה (הדר הכרמל און נוה־שאנן), און ס׳איז אָנגעהויבן געוואָרן אַ לעבעדיקע בוי־טעטיקייט אין ירושלים אַרום דער אַלטער שטאָט. אין יענער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ מאָדערנע אידישע פאָרשטאָט ביי דער אָפּגעשטאַנענער טבריה (קרית שמואל).

די יסודות פון דער איצטיקער העברעאישער קולטור אין ארץ־ישראל זענען אויך געלייגט געוואָרן נאָך פאַרן קריג. אונטער דער פירערשאַפט פון דעם פאַרשטאָרבענעם אליעזר בן יהודה, דעם מחבר פון דעם פונדאַמענטאַלן ווערטער־בוך פון דער העברעאישער שפּראַך, זענען פעאיקע שפּראַך־קענער און איבערגעגעבענע לערער אומדערמידלעך באַשטרעבט געווען אויפצולעבן די אַלטע שפּראַך פון תנ״ך און צופּאַסן זי צו די באַדערפעענישן פון מאָדערנעם לעבן. געשטיצט פון די חובבי־ציון אין גלות, וועלכע האָבן באַטראַכט דעם אויפבוי פון אידישן צענטער אין ארץ־ישראל אַלס אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער אויפלעבונג פון העברעאיש, איז זיי געלונגען צו זיכערן פאַר דער דאָזי־קער שפּראַך דעם הערשנדן פּלאַץ אין די ארץ־ישראלדיקע שולן און אַריינ־ברענגען זי צוביסלעך אינם טאָג־טעגלעכן לעבן פונם ישוב *).

די דאָזיקע אומגעווינלעכע אויפגאַבע האָט נאַטירלעך געפאָדערט אַ ריי־זיקע ענערגיע און אַ היפּש ביסל פון שפּראַכלעכן פאַנאַטיזם. די פּיאָנערן פון העברעאיש אין ארץ־ישראל האָבן פאַרביטערט געקעמפט קעגן יעדן פאַרזוך אַריינצופירן וועלכע ס׳איז אַנדערע שפּראַך אין די דערציונגס־אַנשטאַלטן פונם

*) די איינפירונג פון העברעאיש אין ארץ־ישראל איז דערלייכטערט געוואָרן דורך דער שפּראַכלעכער פאַרשידנקייט צווישן די אָנקומענדיקע אידישע אימיגראַנטן, ווי אויך דורך דעם פאַקט, וואָס די מערסטע אָנהענגער פון אידיש, אַלס שפּראַך פון אידישן פאָלק, האָבן ביי יענער צייט ווייניק געגלויבט אין דער צוקונפט פון ארץ־ישראל און האָבן נישט אַריינ־געלייגט אין איר קיין באַזונדערע מי, סיי אויפן מאַטעריעלן און סיי אויפן קולטורעלן געביט.

לאַנד. באַזונדערס שטאַרק איז געווען זייער קאַמף קעגן דעם פאַרזוך פונם אַסימילאַטאָרישן „הילפס־פאַריין דער דויטשער יודען" אַריינצופירן דייטש אַלס די אָפיציעלע לערן־שפּראַך פונם טעכניקום, וואָס איז פון אים דעמאָלט געבויט געוואָרן אין חיפה. דער דאָזיקער קאַמף, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פונם גאַנצן דעמאָלסדיקן ישוב און דורך אַ ברייטער פּראָטעסט־באַוועגונג אויסערן לאַנד, האָט זיך געענדיקט מיט אַ נייעם טריאומף פאַר העברעאיש אַלס די אָפיציעלע שפּראַך פונם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

ארץ ישראל ערב דעם קריג

בדרך כלל האָט ארץ־ישראל געמאַכט אַ גאַנץ באַדייטנדן פּראָגרעס אין די לעצטע יאָרן פאַרן וועלט־קריג. דאָס שפּיגלט זיך דייטלעך אָפּ אינם אויסער־לעכן האַנדל פונם לאַנד. אינם יאָר 1911 האָט דער עקספּאָרט דורך יפו באַ־טראָפן 682.000 ענגלישע פונט אין פאַרגלייך מיט 264.000 פונם יאָר 1900. פאַר דער זעלבער צייט איז דער אימפּאָרט דורך דעם יפוער פּאָרט געוואַקסן, פון 380 טויזנט פונט ביז איבער אַ מיליאָן! דער דאָזיקער פּראָגרעס, שטעלט פעסט אַן ענגלישער אָפיציעלער האַנדלס־באַריכט פון יענער צייט, איז הויפּט־זעכלעך צו פאַרדאַנקען דער אידישער אימיגראַציע...

ערב דער ערשטן וועלט־קריג איז די אידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל געווען קרוב צו 100.000. די פולע העלפט פון זיי האָבען געלעבט אין ירושלים, וואו אידן זיינען שוין דעמאָלט געווען דער אבסאָלוטער רוב פון דער באַפעלקערונג. דעם נעכסטן פּלאַץ לויט דער צאָל פון זייערע אידישע איינ־וואוינער האָבן פאַרנומען צפת, טבריה און חברון, וואָס ווערן באַטראַכט צוגלייך מיט ירושלים אַלס די „הייליקע שטעט" פונם לאַנד. אין יפו און חיפה זענען אידן דעמאָלט געווען קליינע מינדערהייטן. אַלע 5 לאַנדווירטשאַפטלעכע ישו־בים, וואָס האָבן עקזיסטירט ביי יענער צייט, האָבן געהאַט צוזאַמען אַ באַפעל־קערונג פון 12,000, און זייער געמיינזאַמער שטח האָט באַטראָפן אַרום 400,000 דונאַם.

גראָד ערב דעם וועלט־קריג האָט זיך אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן אַ נייע כוואַליע פון אידישער איינוואַנדערונג, און אינוועסטמענטס אינם לאַנד זענען געמאַכט געוואָרן אין אַ גרעסערן פאַרנעם, איידער ווען נישט איז פריער. די אַלטע קאָלאָניעס האָבן זיך כסדר אויסגעברייטערט, נייע האָבן געהאַלטן ביי גע־שאַפן ווערן, און אַ לעבעדיקע בוי־באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט אין דער נאָר־וואָס געגרינדעטער פאַרשטאָט תל־אביב.

דער איינדרוק, וועלכן ארץ־ישראל האָט געמאַכט אין יענער צייט, ווערט פּינקטלעך באַשריבן פון נאַרמאַן בענטוויטש, דעם שפּעטערדיקן יוסטיץ־סעק־רעטאַר פון ארץ ישראל אין זיין בוך „ארץ־ישראל און די אידן" (זייט 179):

„אין אָנהויב זומער 1914 האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אין די אידי־שע זידלונגען פון ארץ־ישראל, און איך האָב זיך אָנגעשטעקט פון דער אַלגע־מיינער איבערצייגונג, אַז עס הויבט זיך אָן אַ ליכטיקע עפּאָכע פון פּראָגרעס. די לופט אין די קאָלאָניעס איז ממש אָנגעזאָפּט געווען מיט פּלענער וועגן קויפן באָדן, פאַרגרעסערן דעם שטח פון אידישער אַגריקולטור און שאַפן נייע גאָרטן־שטעט. עס האָט זיך געפילט דער אָנהויב פון אַן ארץ־ישראלדיקן „בום"...

די פעלקער־שלאַכט אין ארץ־ישראל

דער וועלט־קריג, וואָס איז טיילוויז אויסגעקעמפט געוואָרן אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן, האָט אָפּגעשטעלט די דאָזיקע טעטיקייט און פאַראורזאַכט אפילו אַן ערנסטן שטויס אויף צוריק. אַ גרויסע צאָל אידן, בירגער פון די אַנ־טאַנט־מלוכות, וואָס זענען אַריין אין קריג מיט טערקיי, האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד נאָך זיין אויסברוך; אַנדערע זענען געצוואונגען געווען אָננעמען טער־קישע בירגערשאַפט, און טראָגן אויף זיך די גאַנץ שווערע לאַסטן פון קריג.

מיטן צורוקן זיך פון דער בריטישער ארמיי צום צפון איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון יפו — תל־אביב עוואַקואירט געוואָרן אויפן באַפעל פון דער טערקישער מיליטערישער מאַכט. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָבן עטלעכע טויזנט אַנדערע אידן, בירגער פון די צענטראַלע מלוכות, פאַדלאָזן דאָס לאַנד ביים אָנקום פון די ענגלענדער קיין גליל. חוץ דעם איז די שטערבלעכקייט אין דער צייט פון קריג געווען אומגעהויער גרויס, צוליב די כל־ערליי עפּידעמיעס, וואָס האָבן געקראַגן אַ גינסטיקן באָדן אין דעם אויסגעהונגערטן לאַנד.

אַלס פועל־יוצא פון די אַלע אורזאַכן האָט די אידישע באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל געציילט בעת דעם וואָפן־שטילשטאַנד אַרום 60,000 נפשות. מיט 40 פּראָצענט ווייניקער, איידער עס האָט באַטראָפן איר צאָל ערב דעם וועלט־קריג.

בדרך־כלל האָבן אידן אין ארץ־ישראל שטאַרק געליטן פונם וועלט־קריג. אויסער די אַלגעמיינע ליידן, וואָס ווערן פאַראורזאַכט פון יעדן קריג, האָבן אידן נאָך ספּעציעל געליטן פון דער פייַנטלעכער באַציונג פון דער טערקישער מיליטער־מאַכט, מיטן באַרימטן דזשעמאַל פּאַשאַ אין דער שפּיץ. ס'איז דע־ריבער נישט קיין וואונדער, וואָס דער אָנקום פון דער ענגלישער מאַכט איז באַגריסט געוואָרן דורך די מערסטע פון זיי, אַלס דער אָנהויב פון אַ נייער בע־סערער צייט.

קאַפּיטל דריי

נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויפגעלעבט די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פון פעלקער, וואָס זענען אין לויף פון פריערדיקע דורות פאַרשטופט געווען צו די הינטערשטע טרעפ פון דער געשיכטע. אינם פאַרביטערטן קאַמף פון ריזן האָבן ביידע צדדים נישט געקאַרגט מיט צוזאָגן צו קליינע פעלקער, וועמענס הילף זיי האָבן דעמאָלט געזוכט. באַזונדערס ברייט־האַרציק מיט זייערע פאַרשפּרעכונגען זענען געווען די מאַכטן פון דער אַנטאַנט, וועלכע האָבן סיסטעמאַטיש אונטערגעגראָבן די ווידערשטאַנד־קראַפט פונם שונא דורך צוזאָגן פרייהייט צו די פעלקער, וואָס האָבן זיך געפילט געדריקט אונטער דער מאַכט פון די צענטראַלע אימפּעריעס.

ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די ציוניסטישע פירער האָבן געשטרעבט אויסצונוצן די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע לאַגע, כדי אריינקריגן אין זייערע הענט עפּעס, וואָס זאָל ענליך זיין צום לאַנג געטרוימטן „טשאַרטער״. דער רעזולטאַט פון זייערע באַמיאונגען איז געווען די באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 2־טן נאָוועמבער 1917 אין לאָנדאָן. איר נוסח איז פאָלגענדער:

„די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז סימפּאַטיש צו דער שאַפונג אין פּאַלעסטינע פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישן פאָלק, און זי וועט זיך באַמיען גרינגער צו מאַכן די פאַרווירקליכונג פונם דאָזיקן ציל. דערביי ווערט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז עס וועט גאָרנישט געטאָן ווערן, וואָס זאָל אָנרירן די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון די עקזיסטירנדע נישט־אידישע געמיינדן אין פּאַלעסטינע, אָדער די רעכט און פּאָליטישן סטאַטוס פון אידן אין וועלכן ס׳איז אַנדערן לאַנד״.

ס׳איז דאָ אַ מיינונג, אַז די פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַרגיכערט געוואָרן צוליב דער דעמאָלסדיקער לאַגע אין רוסלאַנד, וואו די קערענסקי־רעגירונג, וועלכע איז געווען שטאַרק איבערגעגעבן צו די אַליאירטע, האָט געהאַלטן ביים פאַלן צוליב דעם אַלץ שטאַרקערן באָלשעוויסטישן אָנגריף. מען זאָגט, אַז אייניקע ענגלישע שטאַאַטסלייט האָבן זיך דעמאָלט איינגערעדט, אַז די שטיצע פון די פיר מיליאָן רוסישע אידן, וואָס האָט געזאָלט געוואונען ווערן דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וועט העלפן צו פאַר־

לענגערן די עקזיסטענץ פון קערענסקי־רעזשים, וועלכער איז בשעת מעשה זייער וויכטיק געווען פאַר די אַליאירטע אינטערעסן. נאָך מער באַגרינדעט איז די מיינונג, אַז די ענגלענדער האָבן זיך ביי דער פאַרעפנטלעכונג פון דער דעקלאַראַציע גערעכנט מיט עצות פון אַמעריקע, וואו מען האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ פּאָליטישער שריט קאָן העלפן צו שאַפן אַביסל מער קריג־ענטוזיאַזם צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן, וואָס זענען ביז דעמאָלט מערסטנס געווען ווייניק באַגייסטערט פאַרן קריגס־אַנטייל פון אַמעריקע אויף דער זייט פון די אַליאירטע.

די ווירקונג פון דער דעקלאַראַציע

ס'איז אַלנפאַלס אַ פאַקט, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט יאָ געגעבן די אַליאירטע וועזנטלעכע נוצן. זי האָט גינסטיק באַאיינפלוסט די אידישע עפנטלעכע מיינונג, ספּעציעל אין נייטראַלע לענדער, און אין דעמאָלסדיקן מאָמענט, ווען די וואָגשאָלן פון קריג האָבן זיך שטאַרק געוואַקלט, און אפילו געהאַלטן ביים איבערוועגן אויף דער זייט פון די צענטראַלע מאַכטן, איז יעדעס ביסל הילף גענומען געוואָרן אין חשבון. די דעקלאַראַציע האָט אויך געגעבן אַ שטופּ צו דער שאַפונג פונם „אידישן לעגיאָן", וואָס האָט זיך באַטייליקט, אונטער אַלענביס קאָמאַנדע, אין די לעצטע שלאַכטן פאַר דער דעראָבערונג פון ארץ־ישראל.

עס שיינט אָבער, אַז די ענגלישע אָפיצערן, וואָס האָבן איבערגענומען די מאַכט איבער ארץ־ישראל נאָך דער נידערלאַגע פון די טערקן, האָבן נישט באַטראַכט די באַלפור־דעקלאַראַציע פאַר אַן ערנסטן ענין. נישט קוקנדיק אויף דער ציוניסטישער קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל אין אָנהויב 1918 אַלס אָפיציעלע אנערקענונג פון אידישן אינטערעס אין דער צוקונפט פונם לאַנד, האָבן בריטישע קאָמאַנדירן אין לאַנד נאָך אַלץ באַטראַכט די באַלפור דעקלאַראַציע אלס אַ פּאָליטישן וויץ, מיט וועלכן זיי מוזן זיך נישט רעכענען אין זייערע פּראַקטישע האַנדלונגען. איינער פון זיי, דעמאָלט דער מיליטערישער גאָווערנער פון יפו, האָט אפילו פּראָקלאַמירט אראַביש פאַר דער איינציקער אָפיציעלער שפּראַך פון זיין דיסטריקט.

די ציוניסטישע פירער, געשטיצט פון דעם גרעסטן טייל פון דער אידישער און נישט אידישער עפנטלעכער מיינונג, זענען אָבער ניט גרייט געווען צו לאָזן פאַרוואַנדלען די באַלפור־דעקלאַראַציע אין נאָך אַ „שטיקל פּאַפּיר"... אַ דאַנק זייערע אומדערמידלעכע אָנשטרענגונגען איז געלונגען אַריינצונעמען די באַלפור־דעקלאַראַציע אינם נוסח פונם פעלקערבונד־מאַנדאַט, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איבערגעגעבן ארץ־ישראל אונטער דער פאַרוואַלטונג פון ענגלאַנד. זי איז אויך איינגעשלאָסן געוואָרן אינם אָפּמאַך פון סאַן רעמאָ,

וואָס האָט פאַרטיילט די דעראָבערטע געגנטן פונם נאָענטן אָריענט צווישן די אַליאירטע מאַכטן.

אָריינגעטאָן מיטן קאָפּ אין זייערע פּאָליטישע באַמיאונגען, האָבן אָבער די ציוניסטישע פירער פון יענער צייט געגעבן פיל ווייניקער אויפמערקזאַמקייט צו די עקאָנאָמישע מיטלען, וואָס זאָלן זיכערן די ממשותדיקע פאַרווירקלעכונג פון זייער אידעאַל. זיי זיינען דעריבער נישט אימשטאַנד געווען אָנצונעמען דעם אָנבאָט פון פיל אַראַבישע גרויסע גרונט־באַזיצער, וועלכע מורא האָבנדיק פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַגראַרישער געזעצגעבונג, זענען דעמאָלט גרייט געווען צו פאַרקויפן זייער לאַנד פאַר פּרייזן, וואָס קוקן אויס אין פאַרגלייך מיט היינט אַלס אומגלויבלעך קליין. אנשטאָט צו באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער גרויסער געלעגנהייט, האָבן די ציוניסטישע פירער גאָר באַגריסט די פאַרלענגערונג פונם פאַרבאָט פון לאַנד־טראַנזאַקציעס, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן גלייך נאָך אַלענביס איינטריט קיין ירושלים. זיי האָבן זיך אויך נישט געפילט בכוח צו שטיצן אַ באַלדיקע מאַסן־אימיגראַציע, אָדער אפילו דערמוטיקן די אידישע לעגיאָנערן, וואָס זענען שוין סיי־ווי געווען אין לאַנד, צו בלייבן דאָרט אויף שטענדיק.

הערבערט סעמיועל

ערשט אין זומער 1920 מיט דער איינפירונג פון אַ ציווילער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד, איז דער פאַרבאָט פון לאַנד־איינקויף און אימיגראַציע פאַרענדיקט געוואָרן. סער הערבערט סעמיועל, דער אַמאָליקער אינערן־מיניסטער פון ענגלאַנד און אַליין אַ איד, איז געוואָרן דער ערשטער הויי־קאָמישאָנער פון ארץ־ישראל.

אין די אַנדערטהאלבן יאָר זינט דעם וואפנשטילשטאַנד און דעם אָנהויב פון סעמיועלס אַדמיניסטראַציע האָט זיך אָבער די לאַגע אינם לאַנד שטאַרק פאַרענדערט, און די ענדערונגען זענען נישט געווען גינסטיק פאַר אידישע באַשטרעבונגען.

בעיקר האָבן זיך די דאָזיקע ענדערונגען אַרויסגעוויזן אין דער נייער שטעלונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג צו די אידישע שטרעבונגען אין ארץ־ישראל. אַמאָל נייטראַל און אפילו פריינטלעך, האָבן די אַראַבער איצט אָנגעהויבן שטאַרק באַאיינפלוסט ווערן דורך אַנטי־אידישער און אַנטי־ציוניסטישער אַגיטאַציע, וואָס איז געקומען פון פאַרשידענע קוועלן. טיילווייז האָט די דאָזיקע אַגיטאַציע געשטאַמט פון אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן דערזען אין דעם אידישן ארץ־ישראל אַ שטאַרקע מניעה פאַר זייער טרוים וועגן אַן אַל־אַראַבישער מלוכה־פעדעראַציע. ס'איז אָבער אויך קיין ספק נישטאָ, אַז הינטער דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע זענען אויך געשטאַנען געוויסע אייראָפּעאישע

כוחות, וואָס האָבן צוליב דער אָדער אַנדערער אורזאַכע זיך קעגנעריש באַצויגן צו דער עצם־אידייע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים.

אין אַפּריל 1920 האָט די דאָזיקע אַגיטאַציע געבראַכט צו אַ פּאָגראָם, דעם ערשטן זינט הונדערטער יאָרן אַנטי־אידישן פּאָגראָם אין ארץ־ישראל. צום גליק איז ער דאָס מאָל געבליבן באַשרענקט אין פאַרנעם. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט ירושלים, וואו זעקס אידן זענען דערהרגעט געוואָרן און אַרום הונדערט פאַרוואונדעט, און מיטן סאַמע צפונדיקן שפּיץ פון ארץ ישראל, וואו צוויי פאַרוואָרפענע „קבוצות" האָבן צייטווייליק געמוזט עוואַקואירט ווערן צוליב דעם אַראַבישן אַנגריף. אין איינער פון זיי, תל־חי, האָבן די אַנגרייפער זיך אַנגעשטויסן אויף אַ העלדישן ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיי געקאָסט אַ היפּש ביסל קרבנות. די אידישע פאַרטיידיקער האָבן דערביי אַנגעוואוירן ניין הרוגים, מיט יוסף טרומפּלדאָר אַן דער שפּיץ.

פיל גרעסער אין פאַרנעם איז געווען דער אויסברוך פון מאַי 1921, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ בלוטיקן פּאָגראָם אין יפו און אין עטלעכע שטאַרקע אָנפאַלן אויף שכונתדיקע אידישע קאָלאָניעס. די אָנפאַלן האָבן אָבער זיך אַנגעשטויסן אויף אַזאַ שטאַרקער אידישער פאַרטיידיקונג, אַז יאָרן לאַנג נאָך דעם איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך זיי איבערצוחזרן. בסך־הכל זענען אין זיי דערהרגעט געוואָרן 95 פּערזאָן, — 47 אידן און 48 אַראַבער, און אַ גרעסערע צאָל פוןביידע צדדים איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

סעמיועלס אַראַבישע פּאָליטיק

נאָכן אויסברוך פון 1921 האָט הערבערט סעמיועל, דער דעמאָלסטיקער הויי־קאָמישאָנער, באַשלאָסן איינצושטילן די אַראַבישע אומצופרידנהייט דורך אַ רייע פון פּאָליטישע הנחות. ער האָט צייטווייליק אָפּגעשטעלט די אידישע אימיגראַציע, און האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַ נייעם פירוש צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט באַדייטנד פאַרשמעלערט איר אורשפּרינגלעכע באַדייטונג. זיין פירוש איז געווען אַז די אידישע אימיגראַציע מוז באַשרענקט ווערן לויט דער אויפנאַם־פעאיקייט פונם לאַנד. טעאָרעטיש דאַרף טאַקע די דאָזיקע אויפנאַם־פעאיקייט אָפּהענגען בלויז פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אינם לאַנד. די פּראַקטיק האָט אָבער שפּעטער באַוויזן, אַז ביי איר באַשטימונג האָט זיך די ענגלישע אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז אין דער פראַגע דער פּוסק אחרון, — גערעכנט נישט נאָר מיט עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, נאָר אויך מיט דער קראַפט פון דער אַנטי־אידישער אַגיטאַציע אינם געגעבענעם מאָמענט.

סער הערבערט סעמיועל האָט זיך אויך באַמיט איינשטילן די אַראַבער דורך איבערגעבן זיי די בעסטע רעגירונגס־באָדנס אין לאַנד (אַרום בית שאן) און דורך אַ פּלאַן פון אַ געזעצגעבערישן ראַט, וואָס זאָל זיין דער ערשטער צו־

גאַנג צו אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. דער געזעצגעבערישער ראַט האָט געזאָלט צונויפגעשטעלט ווערן טיילווייז פון באַאַמטע, וואָס זענען באַשטימט פון דער רעגירונג, און טיילווייז פון דעפּוטאַטן, וואָס דאַרפן אויסגעקליבן ווערן אין באַזונדערע וואַל־קערפּערשאַפטן („קוריעס") דורך די דריי וויכטיקסטע רע־ליגיעזע געמיינשאַפטן אין לאַנד, — אידן, מאַכמעדאַנער און קריסטן.

אָבער צו סעמיועלס פּלאַן פון לעגיסלאַטיוון ראַט האָבן די אַראַבער אַרויס־געוויזן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט. זיי האָבן זיך פאַרשטייפט אויפן פאַרלאַנג פון אַ מערהייט, וואָס זאָל נישט באַלאַנסירט ווערן דורך ענגלישע מיטגלידער, באַ־שטימט פון דער רעגירונג. זיי האָבן דעריבער סעמיועלס אָנבאָט צוריקגעוויזן, און אַ שפּעטערדיקער פאַרזוך דורכפירן די וואַלן צו אַ געמישטן ראַט — האַלב־אויסגעקליבן, האַלב־באַשטימט, — אָן זייער צושטימונג, האָט זיך אָנגעשטויסן פון זייער זייט אויף אַ באָיקאָט. דער פּלאַן איז אויפגעגעבן געוואָרן.

בכלל זענען די געשעענישן פון 1921־1920 געווען העכסט שעדלעך פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן זיך אפשר נישט אָפּגערופן ערנסט אויף די זאַמלונגען פאַר די ציוניסטישע פאָנדן, אָבער זיי האָבן שטאַרק אָנגעשראָקן די פּריוואַטע איניציאַטיוו, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן אינטערעסירן אין פאַרשידענע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פונם לאַנד, און האָבן געשטערט צו דער אַריינדרינגונג פון אידישן קאַפּיטאַל אויף אַ ווירקלעך ברייטן פאַרנעם. ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז אָן די דאָזיקע טרויעריקע געשעענישן, וואָלט די אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל אַוועק מיט גיכערע שריט.

די באַנייונג פון אויפבוי־אַרבעט

דער אינערלעכער דראַנג פון אידן צו אַ נאַציאָנאַלער היים האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן שטאַרקער, איידער די שטערונגען און שוועריקייטן. ווייניקער ווי אין אַ יאָר נאָך דעם יפוער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אידישע קאָלאָניזאַציע אין עמק יזרעאל, וואָס איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אָממערסטן געשלאָסענעם אידישן באַזעצונגס־שטח אינם לאַנד. טויזנטער אָנ־געקומענע חלוצים האָבן זיך מיט זעלטענער ענערגיע גענומען צו אַרבעטס־צווייגן, וואָס זענען ביז אַהער געווען זייער אומגעוויינלעך פאַר אידן. זיי האָבן געשאַפן גרופּן און „אַרטעלן" אויף צו טריקענען בלאָטעס, דורכפירן שאָסייען, ברעכן שטיינער, גראָבן באַוואָסערונגס־קאַנאַלן און בויען הייזער און פאַבריקן. זייער אידעאַליסטישער גייסט האָט פאַרשטאַרקט זייער אויסדויער, און די איינ־געבוירענע אינטעליגענץ און בילדונג האָבן געהאָלפן פיל פון זיי צו ספּעציאַלי־זירן זיך אין פאַרשידענע פעלדער פון מענטשלעכער אַרבעט. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבן זיך אין ארץ ישראל מיט דער צייט געשאַפן קאַדרען פון גוט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין פאַרשידענע פאַכן, — וואָס איז אַ גרויסע מעלה פאַרן אויפבוי פון אַ לאַנד.

אין דער זעלבער צייט זענען געמאַכט געוואָרן שטאַרקע אָנשטרענגונגען צו קריגן עקאָנאָמישע קאָנצעסיעס פאַרן אידישן קאַפּיטאַל. בעיקר באַציט זיך דאָס אויף דער עלעקטרישער קאָנצעסיע, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם איב־זשינער פנחס רוטענבערג, און די פּאָטאַש־קאָמפּאַניע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פונם רוסיש־אידישן עקספּערט נאָוואָמעיסקי. רוטענבערגס קאָנצעסיע נעמט אין זיך אריין די אויסנוצונג פון דער וואַסער־קראַפט פונם ירדן, און די פאַר־זאָרגונג פון ארץ־ישראל (חוץ ירושלים) מיט עלעקטרישן שטראָמפון אַלע מעג־לעכע קוועלן. נאָוואָמעיסקיס קאָנצעסיע באַשטייט אין דער אויסנוצונג פון די פאַרשידענע מינעראַלן (בעיקר פּאָטאַש און בראָם), וואָס זענען אויפגעלייזט אינם וואַסער פון ים־המלח, אָדער אָפּגעלאַגערט אויף זיין גרונט.

אין דעם זעלבן פעריאָד איז געלונגען צו אָרגאַניזירן די ארץ־ישראלדיקע אידן אויף אַ פּאָליטישן פונדאַמענט. באַוועגט פון דער אידיי פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס איז באַלד נאָכן קריג געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אידי־שע מינדערהייטן אין אייראָפּע, האָבן די ארץ־ישראלדיקע אידן אויסגעקליבן אינם יאָר 1920 אַן אייגענע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט, אספת הנבחרים״, וועמענס שטענדיקער קאָמיטעט, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „ועד הלאומי״ (נאַציאָנאַל־ראַט), איז אַנערקענט געוואָרן אַלס די אָפיציעלע פאָרטרעטערשאַפט פון ארץ־ישראלדיקע אידן אין זייערע אָרטיקע באַציאונגען מיט דער מאַנדאַט־מאַכט. מיט דער צייט האָט דער ועד־הלאומי געקריגן אין זיין רשות אַלץ אַ גרעסערע קאָמפּעטענץ, וואָס באַציט זיך באַזונדערס אויף קהלה־וועזן, דער־ציונג, געזונדהייט און סאָציאַלע הילף.

העברעאישער אוניווערסיטעט

בערך אין דער זעלבער צייט זענען אויך געמאַכט געוואָרן ענערגישע שריט צו רעאַליזירן דעם טרוים פון פיל אידישע געלערטע וועגן אַ טעמפּל פון הע־כערער בילדונג אין ארץ־ישראל.

נאָך אין דער צייט פון וועלט־קריג איז אויפן הר הצופים, אַ מאָלערישער באַרג ביי ירושלים, געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פון דעם העברעאישן אוניווערסיטעט. ביי יענער צייט, ווען מען האָט נאָך אויפן פּלאַץ פון קומענדיקן אוניווערסיטעט געקאָנט הערן דעם ווייטער דונער פון קאַנאָנען, איז די דאָזיקע צערעמאָניע, דורכגעפירט פון ד״ר חיים ווייצמאַן אין דער אָנוועזנהייט פון פעלדמאַרשאַל אַלענבי, געווען נישט מער ווי אַ פּאָליטישער זשעסט. עס האָט גענומען זיבן יאָר ביז מען איז אימשטאַנד געווען צו טאָן דעם נעכסטן שריט, אויפבויען אַ פּאָר באַשיידענע געביידעס און מאַכן מעגלעך די אָפיציעלע דער־עפענונג פון דעם קומענדיקן אוניווערסיטעט. ער איז געפייערט געוואָרן אינם יאָר 1925, אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם פאַרשטאָרבענעם לאָרד באַלפור, דעם „פאָטער״ פון דער באַרימטער דעקלאַראַציע.

אַנגעהויבן אין זייער אַ באַשיידענעם פאַרנעם, האָט דער העברעאישער אוניווערסיטעט זיך מיט דער צייט אויסגעברייטערט און פאַרבעסערט. ער האָט אַ סך געוואונען מיטן צוקומען פון אַ רייע באַדייטנדע וויסנשאַפטס־לייט, וואָס האָבן געהאַט פאַרלאָזט דייטשלאַנד, צוליב דעם היטלער־רעזשים.

„בום" און קריזיס

אינעם יאָר 1925 איז ארץ־ישראל צום ערשטן מאָל געוואָרן דער מיטל־פונקט פון אַ מאַסן־אימיגראַציע. נישט ווייניקער פון 33,801 אידישע אימיגראַנטן זענען אַריין במשך פון יענעם יאָר אין לאַנד. די מערסטע פון זיי זענען געווען מיטל־קלאַס־מענטשן פון פוילן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע באַשעפטיקונגען דורך עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעדריקט אין מאָנאָפּאָלן און פאַרניכטנדיקע שטייערן.

די מאַסן־אימיגראַציע פונם יאָר 1925 האָט אַוועקגעשטעלט די ציוניסטישע פירערשאַפט פאַר אַ שווערן עקזאַמען. די מיטל־קלאַס־אימיגראַנטן, באַגלייט מערסטנס פון גרויסע פאַמיליעס, האָבן נישט געקאָנט זיך אַריינפּאַסן אינעם לעבנס־שטייגער פון חלוצים, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע פערזענלעכע אַמביציעס און באַקוועמלעכקייטן פאַרן כלל. די מערסטע פון זיי זענען נישט צוגעפּאַסט געווען, גייסטיק און אָפט אויך פיזיש, פאַר שווערער אַרבעט. זייערע בליקן זענען געווען געריכטעט צו שטאָטישע פרנסות אין האַנדל און אינדוסטריע. ס'איז פונדעסטוועגן געווען צווישן זיי אויך אַ באַדייטנדיקער עלעמענט, וואָס וואָלט גערן געקויפט לאַנד אויף אויסצאָלן און זיך באַזעצט דאָרט אַלס קאָלאָניסטן.

לײדער האָט דער דאָזיקער מין אימיגראַנטן ניט באַקומען קיין געהעריקע ערמוטיקונג. ציוניסטישע פירער זענען אין יענער צייט ווייניק באַקאַנט געווען מיט די אויסזיכטן פון האַנדל און אינדוסטריע, און אייניקע פון זיי האָבן בכלל געצווייפלט אויף וויפיל מיטל־קלאַס אימיגראַנטן קענען מיטהעלפן דעם אויפבוי פונם לאַנד.

איבערגעלאָזט צו זייער אייגענעם גורל, זענען די מיטל־קלאַס־אימיגראַנטן פונם יאָר 1925 באַלד אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם טומל פון ספּעקולאַציע, וואָס האָט אַרויפגעשרויפט אָן אַ שיעור די פרייזן פאַר הייזער און בוי־פּלעצער, ספּעציעל אין דעם גיך־וואַקסנדיקן תל־אביב. אמת, די בוי־באַוועגונג אין די שטעט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, און דער אַלגעמיינער פּראָגרעס פונם לאַנד איז צייטווייליק אַוועק מיט גיכערע שריט. פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער דער „בום" זיך געמוזט ערגעץ ווו ענדיקן, און דער קאַצניאַמער, וואָס איז געקומען נאָך אים, איז געווען זייער שמערצלעך פאַר פיל פון די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע באַשרענקטע מיטלען אין ספּעקולאַ־

ציעס, אין וועלכע זיי האָבן גאַנץ אָפט איבערגעשטיגן די גרענעצן פון זייערע אייגענע כוחות.

די שלעכטע לאַגע, אין וועלכע עס זענען אריינגעפאַלן די דאָזיקע אימיגראַנטן, האָט, נאַטירלעך, געמאַכט אַן אומגינסטיקן איינדרוק אין גלות. אַלס פּועל־יוצא פון דעם איז די אידישע אימיגראַציע פאַרן נעכסטן יאָר — 1926 — געפאַלן ביז 13.081, און די צוריק־וואַנדערונג פון ארץ־ישראל האָט דערגרייכט דעם מאַקסימום פון 7365. אינם יאָר 1927 האָט די צאָל פון אידישע צוריק־וואַנדערער פון ארץ־ישראל — 5071 — אפילו איבערגעשטיגן די צאָל פון ניי־אָנגעקומענע — 2713. דאָס איז זיכער געווען דאָס ערגסטע יאָר אין דער געשיכטע פון דעם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי.

אַלס פּועל־יוצא פון דער שאַרפער ירידה אין דער אימיגראַציע און בוי־טעטיקייט האָט זיך דעמאָלט אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן פילן אַ גרויסע אַר־בעטסלאָזיקייט. אין די יאָרן 1927 און 1928 האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די מאָראַלישע און אפילו יורידישע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אידישער אימיגראַציע קיין ארץ ישראל, געמוזט שאַפן פרייע קיכן און אַנדערע פאָרמען פון דרינגענדער הילף פאַר אַ גרויסער צאָל פון נויט־ליידנדע פערזאָנען.

צוביסלעך האָבן אָבער די צוערשט־פאַרטומלטע אימיגראַנטן געפונען זייער פלאַץ אינם עקאָנאָמישן לעבן פונם לאַנד. פיל פון זיי פאַרנעמען איצט גאַנץ וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע פון ארץ־ישראל, וועמענס אַנטוויקלונג איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען זייער ענערגיע און איני־ציאַטיוו. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז די דאָזיקע מיטל־קלאַס־אימיגראַנטן, וואָס זענען אין אָנהויב געווען ווי אַ שיף אָן אַ רודער, און זענען דעריבער גרינג פאַרפירט געוואָרן אויפן געפערלעכן וועג פון ספּעקולאַציעס, האָבן זיך מיט דער צייט אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גאַנץ וויכטיקער געווינס פאַרן עקאָנאָמישן אויפבוי פונם לאַנד. ביים היינטיקן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אין דער וועלט קאָן מען נישט, זעט אויס, אויסקומען מיט דער האַנט דעם מיטל־קלאַס אַלס אומפּראָדוקטיוון עלעמענט. אונטער אַ געהעריקער פירערשאַפט קאָן אויך דער סאָרט אידן, מיט זייער פריערדיקע וואָרטפולע דערפאַרונגען אויפן פעלד פון עקאָנאָמישער טעטיקייט, ווערן אַ נוצלעכער עלעמענט אינם אויפבוי פונם לאַנד.

ביים סוף 1928 זענען די שלעכטע ווירקונגען פון דער כאַאָטישער אימיג־ראַציע פון 1925 שוין ליקווידירט געוואָרן. דער קריזיס איז פאַרשוואונדן, און אַ דאַנק נייע אינוועסטמענטס פון קאַפּיטאַל, ספּעציעל אין הייזער־בוי און אָראַנ־זשען־גערטנער, איז ארץ ישראל ווידער גרייט געווען אַריינצונעמען אַ נייעם שטראָם פון אימיגראַציע. אַלע סמנים האָבן געצייגט אויף אַ נייעם און נאָך גרעסערן אויפשוואונג.

די אידישע אַגענטור

די האָפענונגען אויף אַ נייעם אויפשוואונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע זענען באַזונדערס געשטיצט געוואָרן אויף די באַמיאונגען פון די ציוניסטישע פירער אַוועקצושטעלן די אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל אויף אַ ברייטערן פונדאַמענט. ביים אָנהויב פון 1929 איז זיי געלונגען צו פאַראינטערעסירן אין דער דאָזיקער אַרבעט איינפלוסרייכע נישט־ציוניסטישע גרופּן, וואָס זענען ביז דעמאָלט נישט באַטייליקט געווען אינם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי. די „נאָן־זייאָניסטס״, וואָס פאַרטרעטן בעיקר די רייכערע און מער־אַסימילירטע קרייזן פונם אידישן פאָלק, זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דער ניי־געשאַפענער „אידישע אַגענטור״, וואו מען האָט זיי געגעבן פופציק פּראָצענט פון מאַכט און שטימען. די איבעריקע פופציק פּראָצענט זענען געבליבן אין די הענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז פאַר דער שאַפונג פון דער „אידישער אַגענטור״ געווען די איינציקע פּאָליטישע פאַרטרעטערין פון אידישע אינטע־רעסן אין ארץ־ישראל פאַר דער מאַנדאַט־מאַכט און פעלקער־בונד.

די הויפּט ראָלע אין דער שאַפונג פון דער אידישער אַגענטור געהערט דעם באַקאַנטן ציוניסטישן פירער פּראָפ. ח. וויצמאַן, וועלכער האָט געמוזט דערביי בייקומען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד פיל פון זיינע אייגענע אָנהענגער. אַ באַזונדערס פיינטלעכע שטעלונג צו דער שאַפונג פון דער אידישער אַגענטור האָבן גענומען די „רעוויזיאָניסטן״, דער עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישער פליגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן באַגרינדעט זייער קעגנערשאַפט מיט דער מורא, אַז דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער ארץ־ישראלדיקער אויפבוי־אַרבעט וועט פאַרווישט ווערן אונטער דעם איינפלוס פון די האַלב אַסימילאַטאָרישע „נאָן־זייאָניסטס״. די דאָזיקע מורא איז ביי יענער צייט גע־טיילט געוואָרן פון פיל אַנדערע ציוניסטן, וועלכע זענען בדרך־כלל נישט נוטה געווען צו פאָלגן די רעוויזיאָניסטישע פירערשאַפט.

אין אויגוסט 1929 איז די „אידישע אַגענטור״ געגרינדעט געוואָרן אָפיציעל אויף אַ קאָנפערענץ אין צירין, וואָס איז באַצייכנט געווען פון אירע איניציי־אַטאָרן אַלס אַן אָנזאָג פון אַ נייער אידישער אייניקייט און אַן אָנהויב פון אַ ניי־ער עפּאָכע אינם אויפבוי פון ארץ־ישראל. לואי מאַרשאַל און פעליקס וואָרבורג פון אַמעריקע און אָסקאַר וואַסערמאַן פון דייטשלאַנד זענען געווען די אָממער־סטען אָנגעזעענע „נישט־ציוניסטישע״ פירער, וואָס זענען דאָרט געוואונען געוואָרן פאַר אַן אַקטיווער באַטייליקונג אין דעם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי.

נאָך לאַנג פאַר דער ציריכער קאָנפערענץ האָט הערבערט סעמיועל, דער ערשטער ענגלישער היי־קאָמישאַנער פון ארץ־ישראל פאַרלאָזן זיין שטעלע. אינם יאָר 1925 איז זיין פּלאַץ פאַרנומען געוואָרן דורך פעלדמאַרשאַל פּלומער, וועלכער האָט רעגירט דאָס לאַנד אין לויף פון די נעכסטע דריי יאָר. נישט

זייענדיק קיין דערפאַרענער שטאַאַטסמאַן, האָט ער אָבער געהאַט איין וויכטיקע מעלה: ער האָט באַהערשט דאָס לאַנד מיט אַן איזערנער מיליטערישער האַנט, נישט צולאָזנדיק, אַז אונטערערדישע־קאָכנדיקע ליידנשאַפטן זאָלן אויסברעכן אין בלוטיקע פאָרמען.

מיט לאָרד פּלומערס רעזיגנאַציע האָט זיך די לאַגע אין דעם פּרט באַ־דייטנד פאַרערגערט. זיין נאָכפאָלגער, סער דזשאָן טשענסלאָר, איז, זעט אויס, נישט אימשטאַנד געווען צו שאַפן אין לאַנד אַ געהעריקן רעספּעקט צו דער ענגלישער מאַכט. אין לויף פון זיין ממשלה האָבן זיך נייע וואָלקנס באַוויזן אויפן פּאָליטישן הימל.

די אַגיטאַציע אַרום כותל מערבי

דאָס מאָל האָבן די עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע אַראַבישע פירער געפונען אַ נייעם און געוויסנלאָזן, אָבער אויך זייער אַ ווירקזאַמען מיטל, צו דערגרייכן זייערע פּאָליטישע צוועקן. זיי האָבן אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש אויפבלאָזן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די אומאַנטוויקלטע אַראַבישע מאַסן ריכטנדיק אים קעגן די אידן. איניקע אידישע גרופּקעלעך האָבן ליידער געגעבן די דאָזיקע געוויסנלאָזע העצער דעם געהעריקן ברענשטאָף דורך אויפהויבן די פראַגע וועגן כותל מערבי, וואָס ווערט באַטראַכט ביי אידן אַלס אַ רעשט פון דעם אַמאָ־ליקן בית־המקדש *). אַראַבישע אַגיטאַטאָרן האָבן דאָס קונציק אויסגענוצט אַלס אַ געלעגנהייט צו טענה׳ן, אַז די אידן פאָדערנדיק דאָס רעכט צו דאַוונען בצבור ביי דער פאַרהייליקטער וואַנט, האָבן דערמיט אין זינען צו פאַרכאַפּן דעם גאַנצן היסטאָרישן פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳איז אַמאָל געשטאַנען דער בית־המקדש. דער דאָזיקער פּלאַץ איז איצט ווי עס איז באַקאַנט, פאַרנומען פון דעם באַרימטן מעטשעט פון אָמאַר, וועלכער איז איינער פון די גרעסטע הייליק־טימער פון איסלאַם. דער אויספיר פון דעם איז, נאַטירלעך, געווען, אַז גלוי־ביקע מאַכמעדאַנער מוזן זיך נעמען צום שווערד כדי אויסהרגענען די יעניקע, וואָס קלויבן זיך צו פאַרכאַפּן זייערע הייליקע פּלעצער...

ס׳שיינט, אַז די דעמאָלסטיקע ענגלישע מאַכט אין א״י האָט נישט גענומען קיין ערנסטע שריט אָפּצושטעלן די דאָזיקע בייזוויליקע און געפערליכע אַגי־טאַציע. איניקע קריטיקער פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע באַהויפּטן אפילו, אַז הערי ליוק, דעמאָלט דער ציווילער סעקרעטאַר פון דער פּאַלעסטי־נער רעגירונג, וואָס האָט אין דער אָפּוועזנהייט פון דעם היי־קאָמישאָנער טשענ־סלאָר, געהאַט אין יענעם מאָמענט די לייצעס אין זיינע הענט, האָט פאַרויסגע־

*) נייעסטע היסטאָרישע און אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען שיינען נישט צו באַשטעטיקן דעם דאָזיקן טראַדיציאָנעלן גלויבן. ס׳איז אַ סברה, אַז דער כותל מערבי איז געבויט גע־וואָרן אין דער צייט פון קעניג הורדוס און האָט נישט קיין דירעקטע שייכות צום בית־המקדש.

זען די רעזולטאַטן פון דער מערדערישער אַגיטאַציע און האָט דאָך נישט גע־האַלטן פאַר נויטיק עפּעס צו טאָן קעגן דעם. דער חשד איז אַרויסגעזאָגט גע־וואָרן, אַז אייניקע ענגלישע באַאַמטע, פאָלגנדיק דעם אַלטן פּרינציפּ וועגן „צעטייל און הערש", האָבן גאָר באַטראַכט, אַז אַ בלוטיקער צוזאַמענשטויס צווישן אידן און אַראַבער וועט אין לעצטן סך־הכל העלפן צו פאַרשטאַרקן די בריטישע הערשאַפט אינם לאַנד.

למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז שפּעטערדיקע אויספאָרשונגען האָבן נישט אַרויסגעבראַכט קיין באַווייזן, וואָס זאָלן אונז דערלויבן אָננעמען די דאָ־זיקע שווערע באַשולדיקונג פאַר אַ באַוויזענעם פאַקט. ריכטיק איז אַלנפאַלס, אַז די בריטישע באַאַמטע פון יענער צייט האָבן גענומען אַ שוואַכע און נאָכלע־סיקע שטעלונג צו די אָנקומענדיקע געשעענישן.

דער אויסברוך פון 1929

די כסדרדיקע אויפהעצונג פון די אַראַבישע רעליגיעזע געפילן האָט גע־בראַכט די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן. דעם 23־טן אויגוסט 1929, האָבן טוי־זנטער אַראַבער, וואָס זענען געקומען קיין ירושלים פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך מיטן צוועק צו „פאַרטיידיקן די מאַכמעדאַנישע הייליקטימער קעגן אידן", אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף די אידישע קוואַרטאַלן פון דער היסטאָ־רישער שטאָט.

אין אַ מעת לעת נאָך דעם אויסברוך פון דעם פּאָגראָם אין ירושלים האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטי־אידישע אויסברוכן אין פאַרשידענע טיילן פונם לאַנד. אויסער דער אָרטיקער אַראַבישער באַפעלקערונג האָבן זיך אין זיי באַטייליקט אייניקע שבטים פון עבר־הירדן, וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן פון דאָרט דורך די נאַציאָנאַליסטישע העצערס. גראָד אין יענעם מאָמענט איז אין ארץ־ישראל נישט געווען קיין באַדייטנדער מיליטערישער גאַרניזאָן, און די פּאָליציי, וואָס באַשטייט מערסטנס פון אַראַבער, איז געווען לחלוטין נישט צופאַרלעסיק. די לאַגע, וואָס האָט אינם מאָמענט אויסגעקוקט צו זיין זייער ערנסט, איז אָבער געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ העלדישער אידישער זעלבסטשוץ. מיט דער אויסנאַמע פון חברון און צפת, וואו די אידישע באַפעלקערונג איז מערסטנס באַשטאַנען פון פרומע און עלטערע לייט, וואָס זענען געקומען אָפּלעבן זייערע לעצטע יאָרן אין ארץ־ישראל, האָבן אידן אומעטום אַרויסגעוויזן אַ זעלטן־שטאַרקן און אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד. זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייערע פּאָ־זיציעס עטלעכע טעג, ביז ס'איז אָנגעקומען אַ גענוגנדע מיליטערישע מאַכט אויף איינצושטעלן אַן ענדגילטיקע אָרדענונג אין לאַנד.

בסך־הכל זענען אינם אויסברוך פון 1929 דערהרגעט געוואָרן 132 אידן. די מערסטע קרבנות זענען געפאַלן אין חברון, וואו דער פּאָגראָם אויף דער

הילפלאָזער אידישער מינדערהייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווידערלעכער שחיטה, וואָס האָט געקאָסט זעכציק קרבנות. חוץ דעם זענען 198 אידן פאַרוואונדעט געוואָרן גענוג ערנסט, כדי אַנצוקומען צו באַהאַנדלונג אין שפּיטאָלן. די צאָל פון די אָפיציעל־פעסטגעשטעלטע אַראַבישע פאַרלוסטן איז 87 טויטע, און 187 באַהאַנדלטע אין שפּיטאָלן. עס שיינט אָבער, אַז אין אייניקע פאַלן האָבן בעדואינישע אָנפאַלער, כדי צו פאַרדעקן זייער שולד, שטילערהייט מקבר געווען זייערע טויטע, און קורירט די פאַרוואונדעטע מיט היימישע מיטלען אין זייערע געצעלטן.

די שאָו־קאָמיסיע און סימפּסאָן־באַריכט

די פּאָליטישע רעזולטאַטן פון די דאָזיקע טרויעריקע געשעענישן זענען פונם אידישן שטאַנדפּונקט געווען נאָך אַ גרעסערער קלאַפּ איידער זייערע דירעקטע קרבנות. פלענער פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין גאָר אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס זענען גראָד ערב די דאָזיקע געשעענישן באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער ציריכער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער „אידישער אַגענטור״, האָבן געמוזט אויפגעגעבן ווערן. דערצו האָט נאָך ענגלאַנד, זיך פאַררופנדיק אויף דער כלומרשטער ווירקונג פונם אויסברוך אין ארץ־ישראל אויף אינדיע און אַנדערע ענגלישע טעריטאָריעס מיט אַ גרויסער מאָכמעדאַנישער באַפעלקערונג, אָנגעהויבן צו רעווידירן איר ארץ־ישראלדיקע פּאָליטיק אין אַן אויסגעשפּראָכן אַנטי־אידישער ריכטונג.

די שאָו־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו אונטערזוכן די געשעענישן אין ארץ־ישראל האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנטשידענע פּראָ־אַראַבישע שטעלונג. זי האָט אַרויפגעלייגט די מערסטע אחריות פאַר דעם בלוטיקן אויסברוך אויף אידן, וואָס זאָלן האָבן אויפגערעגט די אַראַבער דורך באַשטייען אויף זייערע רעכט צו דאַווענען ביים כותל־מערבי. נאָך שמערצלעכער איז געווען די באַהויפּטונג, אַז אידן, אָפּקויפנדיק כסדר אַראַביש לאַנד, נעמען צו ביי אַראַבישע פויערים די מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ, און שאַפן דערמיט צווישן זיי אַ פאַרצווייפלטע שטימונג. די קאָמיסיע האָט דעריבער רעקאָמענדירט נאָך שאַרפערע מיטלען קעגן דער אידישער איינוואַנדערונג, און האָט אויך געראַטן ווירקזאַם צו באַשרענקען דעם אידישן באָדן־איינקויף*). די אויספירונגען פונם שאָו־באַריכט ווערן אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם איבערגעחזרט אין אַ

*) דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע איז נישט געווען קיין איינשטימיקער. ער ווערט שטאַרק קריטיקירט אינם מינדערהייטס־באַריכט פון אַ לייבאָר־מיטגליד, לאָרד סנעל. לאָרד סנעלס איבערצייגנד געשריבענע מינדערהייטס־מיינונג ווייזט צוריק די אָנקלאָגן קעגן דער אידישער לאַנד־איינקויף־פּאָליטיק, און ער שטרייכט אויך אונטער די דירעקטע אחריות פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל פאַר די בלוטיקע געשעענישן פון אויגוסט 1929.

„ווייסן פּאַפּיר", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַלד נאָך דעם פונם דע־מאָלסטיקן קאָלאָניאַל־מיניסטער לאָרד פּאַספילד (אַמאָל — סידני וועב).

אַלס רעזולטאַט פונם שאָו־באַריכט האָט דער קאָלאָניאַל־אַפּיס אַוועקגע־שיקט קיין ארץ־ישראל סער דזשאָן סימפּסאָן, אַ באַקאַנטן עקספּערט איבער קאָלאָניזאַציע ענינים, מיטן אויפטראַג צו שטודירן די מעגלעכקייטן פון אַרטי־קער קאָלאָניזאַציע און פאָרשלאָגן קאָנקרעטע מיטלען צו באַוואָרענען די אַראַ־בישע אינטערעסן. סימפּסאָנס באַריכט, וואָס שיינט אויך צו זיין באַאיינפלוסט פון אַ פאָראורטייל קעגן ציוניזם, האָט רעקאָמענדירט, אַז די רעגירונג זאָל איינקויפן לאַנד מיטן צוועק ווידער צו באַזעצן די אַראַבער וואָס זאָלן האָבן פאַרלאָרן זייער גרונט און באָדן צוליב דער אידישער קאָלאָניזאַציע. דער זעל־בער פאָרשלאָג ווערט אויך געמאַכט אינם שפּעטער אַרויסגעגעבענעם דער־געגנצונגס־באַריכט פון מר. לואי פרענטש, אַן ענגלישער קאָלאָניזאַציאָנס־פאַכ־מאַן פון אינדיע. זיין „אַנטוויקלונגס־פּלאַן" האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּאַלעסטינער רעגירונגס־אַנלייהע מיטן צוועק צו פאַרגרעסערן די אַגריקולטורעלע מעגלעכ־קייטן פונם לאַנד דורך אויסבעסערונגס־אַרבעטן אין אירע פאַרנאַכלעסיקטע און אָפּגעלאָזטע געגנטן. די אויסבעסערונגס־אַרבעטן, וואָס דאַרפן געבן אַ מעגלעכקייט צו באַאַרבעטן אַזעלכע שטרעקן לאַנד, וואָס זענען איצט אומצו־גענגלעך פאַר לאַנדווירטשאַפט, דאַרפן אין דער ערשטער רייע באַנוצט ווערן אויף ווידער צו באַזעצן די לאַנדלאָזע אַראַבער. דער אַנטוויקלונגס־פּלאַן וואָלט אָבער אויך, לויט די ווערטער פון זיין אויטאָר, געשאַפן ביז אַ געוויסן גראַד נייע קאָלאָניזאַציאָנס־שאַנסן פאַר אידן.

דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע, פּאַספילדס „ווייסער פּאַפּיר" און דער סימפּסאָן־פּלאַן האָט געשאַפן אַ טיפע אויפרעגונג צווישן די אידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט. די ענגלישע רעגירונג איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּראָ־טעסטן פון אידישע און ניט־אידישע קרייזן. איינפלוסרייכע ענגלישע צייטונ־גען, אָפּשפּיגלענדיק די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פונם לאַנד, האָבן געפאָ־דערט אַ מער פריינטלעכע פּאָליטיק צו אידן.

אונטער דעם דרוק פון די פּראָטעסטן האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויס־געלאָזט אַ נייעם דאָקומענט וועגן די ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען אונטער דער פאָרם פון אַ בריוו פון דעם פּרעמיער מאַקדאָנאַלד, צום פּרעזידענט פון דער אידישער אַגענטור ד״ר חיים וויצמאַן. צווידייטיק געשריבן אין איניקע טיילן, איז דער דאָזיקער בריוו פונדעסטוועגן גענומען אַלס אַ גאַנצער, געוועזן אַ צוריק־טריט פון דער אַנטי־אידישער פּאָזיציע, וואָס איז אַרויסגעוויזן גע־וואָרן פונם קאָלאָניאַל־אַפּיס גלייך נאָך די געשעענישן פון אויגוסט 1929. דער צוועק פון דעם בריוו איז געוועזן צוריק צו ברענגען די באַציונגען אין ארץ־ישראל צום „סטאַטוס קוואָ אַנטע", ד. ה. צו דער לאַגע, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר די דאָזיקע טרויעריקע געשעענישן.

באַזונדערס וויכטיק איז געווען די בפירושע דערקלערונג פון מאַקדאָ־נאַלדס בריוו, אַז אידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האַלטן ביי גרינדן נייע אינדוס־טריעלע אָדער לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען זענען באַרעכטיקט צו ברענגען פאַר זיך אידישע אַרבעטער פון חוץ־לארץ, אומאָפּהענגיק פון דער מעגלעכער אַרבעטלאָזיקייט צווישן די אָרטיקע אַראַבער. אַן אַנדערע וויכטיקע הנחה איז געווען דער צוזאָג צו באַשעפטיקן אויף עפנטלעכע אַרבעטן אין א״י אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אידישע אַרבעטער, נעמענדיק אין באַטראַכט נישט נאָר די צאָל פון אידן אין לאַנד, נאָר אויך זייער ביישטייער צו די פינאַנציעלע רעסורסן פון דער רעגירונג.

אין פאַרבינדונג מיטן בלוטיקן אויסברוך פון 1929 האָט די אידישע קאָלאָ־ניזאַציע אין ארץ־ישראל ווידער געקראָגן אַ שמערצלעכן קלאַפּ. נאָך אַ צייט־ווייליקן שטילשטאַנד האָט אָבער דער שאַרפער אידישער באַדאַרף אין אַ נאַ־ציאָנאַלע היים זיך ווידער אָנגעהויבן אָפּשפּיגלען אין אַקטיווער אויפבוי־אַרבעט.

נייע אַנטוויקלונגען

דער נייער אויפשוואונג פון אידישער אויפבוי־אַרבעט איז געשטיצט געוואָ־רען דורך פאַרשידענע אומשטענדן. גראָד די פּאָגראָמען פון 1929 האָבן באַ־וואויגן פיל שטאָטישע אידן צו פאַרלאָזן די אַראַבישע קוואַרטאַלן, וואו זיי האָבן פריער געוואוינט אין געדונגענע דירות, און דאָס האָט נאַטירלעך זיך באַלד אָפּ־געשפּיגלט אין אַ פאַרשטאַרקטער בוי־טעטיקייט. די פלאַנצונג פון אָראַנזשן גערטנער („פּרדסים״) איז דערמונטערט געוואָרן דורך פעסטע פּרייזן אויפן אייראָפּעאישן פרוכט־מאַרק און דורך דער וואַקסנדיקער נאָכפראַגע אויף ארץ־ישראל פרוכט. ענגלאַנדס אָראָפּגיין פון גאָלד־סטאַנדאַרט (סעפּטעמבער, 1931) איז געווען אַ ווייטערדיקער שטופּ צו קאָנסטרוקטיווע אינוועסטמענטס אין ארץ־ישראל. פאַרמעגלעכע אידן פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער, וואָס זע־נען נאָך דעמאָלט געבליבן אויפן גאָלד־סטאַנדאַרט, האָבן איצט דערזען אַ גע־לעגנהייט צו קויפן לאַנד אין ארץ־ישראל פאַר בערך ביליקע פּרייזן און פלאַנצן דאָרט פּרדסים מיט קלענערע הוצאות. אויך דאָס געלט, וואָס איז געלעגן אָן נוצן אין די ארץ־ישראל־בענק, האָט איצט אָנגעהויבן זוכן אַ קאָנסטרוקטיווע פאַרווענדונג, כדי צו פאַרמיידן די ווייטערדיקע אַנטווערטונג פונם ענגלישן פונט.

אויסער דעם בוי פון הייזער און דער פלאַנצונג פון פּרדסים, האָט די אויפ־בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל זיך אויסגעדריקט אין דער כסדרדיקער פאַרגרע־סערונג און אויסברייטערונג פון דער דאָרטיקער אינדוסטריע. די מערסטע פריערדיקע פאַבריקן זענען אויסגעברייטערט געוואָרן. די צעמענט־אינדוסט־

ריע, זאָקן־פאַבריקן, טעקסטיל, לעדער־ווארן און אַנדערע האָבן געקראָגן אַ אַלץ ברייטערן מאַרק אין די שכנותדיקע לענדער פונם נאָנטן מזרח.

דער כסדרדיקער שטראָם פון נייעם קאַפּיטאַל האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקען פאַרלאַנג נאָך פאַרגרעסערטער אימיגראַציע. פאַר די יאָרן צווישן 1920 און 1932 האָט די דורכשניטלעכע צאָל פון אידישע אימיגראַנטן קיין ארץ־ישראל קוים דערגרייכט 10.000. אינם יאָר 1933 איז די דאָזיקע צאָל אַרויפגעשפּרונגען צו 30.327. אינם יאָר 1934 איז זי ווייטער געשטיגען צו 42.359, און אין 1936 האָט זי דערגרייכט איר גרעסטן רעקאָרד פון 61.854. דערצו דאַרף מען נאָך צורעכענען אַ געוויסע צאָל פון „אומלעגאַלע" אימיגראַנטן, וואָס זענען אויסגעלאָזט געוואָרן פון דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. זייער צאָל האָט וואַרשיינלעך דערגרייכט צו 5.000 אַ יאָר אין דער אויפבלי־צייט פון 1933־1935.

אָבער אויך אין די יאָרן פון גרעסטער אימיגראַציע, האָט די צאָל פון די וואָס האָבן געשטרעבט צו קומען קיין ארץ־ישראל אַ סך איבערגעשטיגען די צאָל פון די וועמען די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט אַהין אַריינגעלאָזט. ניט נאָר האָט אַ גרעסערע צאָל פון אייראָפּעאישע אידן געזוכט אין ארץ־ישראל אַ מקום מקלט פון די כסדר שאַרפערע רדיפות, נאָר ארץ־ישראל אַליין האָט צוליב איר גיכן עקאָנאָמישן וואוקס געפילט אַ שטאַרקן באַדאַרף אין אַרבעטס־הענט, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן דעם שטראָם פון ערלויבטער אימיגראַציע.

די איינוואַנדערונג פון דייטשלאַנד

אינם אָנהויב פון 1933 (ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד), האָט ארץ־ישראל אָנגעהויבן צוציען אַ באַדייטנדע צאָל פון דייטש־אידישע פּליטים. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען העכסט קוואַליפיצירטע פאַכלייט, אַרכיטעקטן, אינזשינערן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, וויסנשאַפטסלייט, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער נוצלעך פאַרן ווייטערדיקן אויפבוי פון דער אידישער היים.

די פאַרגיכערטע אימיגראַציע פון 1933־1935, סיי פון אַרבעט און סיי פון קאַפּיטאַל, האָט געבראַכט צו באַדייטנדע אינוועסטמענטס אין לאַנד, און אַ פאַרגרעסערונג פון דער צאָל געביידעס, פאַרמס, פאַבריקן א. אַז. וו. און האָט פאַרוואַנדעלט ארץ־ישראל אין אַן אינזל פון וואוילשטאַנד אין מיטן פון אַ וועלט וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין די נעגעל פון אַ קריזיס. די דאָזיקע אימיגראַציע און בוי־טעטיקייט האָט אָנגעפילט די קאַפּערס פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג, און זי איז אימשטאַנד געווען אָנצוקלייבן איבערפלוסן אין דער צייט, ווען פיל גרעסערע און רייכערע לענדער האָבן געליטן פון שטייגנדע דעפיציטן.

אַ טייל פון די דאָזיקע איבערפלוסן איז באַנוצט געוואָרן אויף צו בויען אַ מאָדערנעם פּאָרט אין חיפה, אַ נעץ פון אויטאָמאָביל־וועגן, און א רייע פון אַנדערע עפנטלעכע פּראָיעקטן.

די גרעסטע קאָלאָניזאַטאָרישע דערגרייכונג פון די לעצטע יאָרן פאַרן איצטיקן קריג איז געווען די געווינונג פון דער חולה־קאָנצעסיע, וואָס מיינט די אויסטריקענונג און געדיכטע באַזעצונג פון אַ בלאָטיקער געגנט אַרום דעם ביבלישן ים מרום. אונטער דער דאָזיקער קאָנצעסיע וועט אַ פלאַץ וואָס איז געווען פאַר דורות די ערגסטע קוועלע פון טויט־ברענגענדער מאַלאַריע, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַוואָסערטן גאָרטן מיט אַ געדיכטער אידיש־אַראַבישער אַרבעטענדער באַפעלקערונג, וואָס וועט ערנערן צען מאָל מער מענטשן איידערביים היינטיקן טאָג.

פּאָליטישע שטערונגען

פאַרשטאַרקנדיק די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים האָט די פאַרשטאַרקטע אימיגראַציע געגעבן אין דער זעלבער צייט אַ שטאַרקן שטויס די אַנטי־אידישע אַרויסטרעטונגען סיי אין ארץ־ישראל, און סיי אין לאָנדאָן. ביים סוף פון 1935 האָט די ענגלישע רעגירונג, נאָכגעבנדיק דעם דאָזיקן אַנטי־יידישן דרוק פון די אַראַבער און זייערע ענגלישע פריינט, באַשלאָסן צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ „געזעצגעבנדן ראַט". ווען די מערסטע אידן האָבן צוריק געוויזן אַזאַ ראַט, אַלס אַ פאַרלעצונג פונם מאַנדאַט, און פיינטלעך צו די אידישע אינטערעסן, האָט די אַדמיניסטראַציע אין ירושלים אָנגעהויבן פאַרשאַרפן די פריערדיקע באַשרענקונגען פון אימיגראַציע און אידישע לאַנד־קניות. די דאָזיקע אַדמיניסטראַטיווע גזירות האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם פאַרנעם פון אידישע אינוועסטמענטס, און ביים אָנהויב פון 1936 האָט די הייזער־בוי־טעטיקייט, וועלכע איז דער ריכטיקסטער באַראָמעטער פון ארץ־ישראלס עקאָנאָמישן קלימאַט, אָנגעהויבן גייען אויף צוריק. די עקאָנאָמישע לאַגע איז דערצו נאָך מער פאַרערגערט געוואָרן צוליב דעם ענטוישענדיקן רעזולטאַט פון ארץ־ישראלס ציטרוס־עקספּאָרט. ארץ־ישראלדיקע מאַראַנצן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטייגנדיקע קאָנקורענץ פון לענדער מיט ביליקערע אַרבעטס־קאָסטן — שפּאַניע און איטאַליע, און זי האָט דערצו נאָך געליטן צוליב דעם אומגלייכן האַנדלס־סטאַטוס פונם לאַנד, וואָס האָט ניט ערלויבט צו שליסן געגנזייטיקע האַנדלס־אָפּמאַכן מיט אַנדערע לענדער.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז אויסגעבראָכן אַ נייע כוואַליע פון אַראַבישן טעראָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל 1936, און האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרלענגערטן געריליאַ־קאַמף. אויפן גרונט פון פריער־

דיקע ערפאַרונגען האָבן די אַראַבישע טעראָריסטן דאָס מאָל נישט געוואָגט צו באַפאַלן די שטאַרק־פאַרטיידיקטע אידישע ישובים און זיי האָבן זיך צופרידנ־געשטעלט מיט אַטאַקירן גרופן און איינצעלנע אידן, וואָס האָבן געמוזט צוליב זייער באַשעפטיקונג און אַרבעט אַרויסקומען פון די גרענעצן פון זייערע שטעדט און קאָלאָניעס. און זיי האָבן אַטאַקירט אידן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען איבער אַראַבישע דערפער, אָדער אידישע באַסעס, וואָס האָבן געמוזט פאַרבייפאָרן אַראַבישע דערפער, זיך באַנוצנדיק דערביי מיט דער פינצטערניש פון דער נאַכט, כדי אונטערצוצינדן אידישע פעלדער, אַרויסהאַקן בוימער פון אידישע פלאַנטאַציעס, ברעכן באַוואַסערונגס־רערן, באַשעדיקן ברונעמער, פאַנאַנדער־צוואַרפן טשוועקעס איבער שאָסייען, אַוועקלייגן באָמבעס אויף שאָסייען, און אַזוי ווייטער. זיי האָבן אפילו אויסגעלערנט קינדער צו וואַרפן טשוועקעס אי־בער די וועגן און סאַבאָטאַזשירן דערמיט דעם אויטאָמאָביל־פאַרקער.

אין דער זעלבער צייט האָבן די עקסטרעמע אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, אונטער דער פירערשאַפט פון ירושלימער מופטי (וועלכער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין היטלערס אַ פאַרטרוילעכער אַגענט), און אונטער די אָנ־ווייזונגען פון פאַשיסטן און נאַציס, פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק מיטן פאַרלאַנג, אַז די רעגירונג זאָל אָפּשטעלן די אידישע אימיגראַציע און פאַרווערן דעם פאַרקויף פון לאַנד צו אידן. און כאָטש דער גענעראַל־סטרייק איז אין עטלעכע וואָכן אַרום אויפגעגעבן געוואָרן אַלס אַ דורכפאַל, איז אָבער די טע־ראָריסטישע טעטיקייט אָנגעגאַנגען ווייטער. זי האָט זיך געצויגן אין אַ קלע־נערן אָדער גרעסערן פאַרנעם ביז אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון לעצטן וועלט־קריג.

פאַשיסטן און אַראַבישער טעראָר

צוויי אורזאַכן האָבן געהאָלפן אָנהאַלטן דעם טעראָר אַזוי לאַנג. די ערשטע און די וויכטיקסטע איז געווען די פינאַנציעלע שטיצע מצד דער פאַשיסטי־שער איטאַליע, און טיילווייז אויך מצד נאַצי־דייטשלאַנד. די צווייטע איז געווען די וואַקלדיקע שטעלונג פון דער בריטישער רעגירונג. די מיליטער־רישע כוחות, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל האָבן געהאַט אַ שטרענגן באַפעל ניט צו שיסן, סיידן זיי אַליין ווערן אַטאַקירט. אַ מאַסן־זוכע־ניש פון אַראַבישן וואָפן איז אויסגעמיטן געוואָרן, כדי ניט אויפרייצן די באַ־פעלקערונג... ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אייניקע אָפיצערן האָבן זיך באַ־קלאָגט, אַז פאָליטיק לאָזט זיי נישט שנעל אונטערדריקן די טעראָריסטישע באַנדעס *)

*) איינער פון די ענגלישע אָפיצירן, וואָס האָט קריטיקירט די מילדע באַציאונג פון זייער רעגירונג צו די אַראַבישע טעראָריסטן, איז געווען מעידזשאָר לאָרד ווייגעיט, וועלכער איז

בלויז דאָן, ווען די טעראָריסטן, וואָס האָבן פריער זיך באַגנוגנט מיט באַפאַלן אידן, האָבן, ערמוטיקט פון דער וואַקלדיקער האַלטונג פון ענגלאַנד, זיך גענומען צו אַטאַקירן די ענגלישע פּאָליציי, און אפילו איזאָלירטע איינ־צלנע מיליטערישע אָפּטיילונגען, האָט מען גענומען אָנווענדן קעגן זיי מער־ענערגישע שריט. קיין ארץ־ישראל איז געשיקט געוואָרן גענעראַל אָרטשי־באַלד וויוועל, מיט ברייטערע רעכט ווי פריער. אונטער זיין פירערשאַפט האָט מען אַרויפגעלעגט אויף דערפער די פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זיכערהייט אין זייער ארומיקער געגנט. מען האָט אָנגעהויבן ענער־גישער זוכן באַהאַלטענע וואָפן, און די אַראַבישע באַנדעס זענען צום ערשטן מאָל פאַרטריבן געוואָרן אין ווייניק־צוגענגלעכע בערגיקע געגנטן.

נאָכן ערשטן יאָר פונם טעראָר האָבן פרידלעכע אַראַבישע פויערים אָנ־געהויבן ליידן פון אים מער איידער די אידישע דערפער, קעגן וועלכע ער איז לכתחילה געווען געריכטעט. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די טעראָ־ריסטן, וועלכע האָבן לכתחילה זיך פאָרגעשטעלט צו זיין א מין „נאַציאָנאַלע אַרמיי״, זענען אין לויף פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַנדיטן, וואָס האָבן געראַבעוועט וואו נאָר זיי האָבן געקענט. זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ס׳איז גרינגער צו שלעפּן שפּייז און געלט פון די אומבאַשיצטע אַראַבישע דערפער איידער פון די שטאַרק־פאַרטיידיקטע אידישע ישובים. וואַרשיינלעך האָט דער מאַנאַטליכער געהאַלט, וואָס די טעראָריסטן האָבן אין אָנהויב געקראָגן פון זייערע נאַציאָנאַליסטישע פירער, — וואָס זענען וואַרשיינלעך סובסידירט פון פאַשיסטישע קוועלן, אויפגעהערט צו קומען אויפן צווייטן יאָר פון טעראָר. צי זענען די אויסלענדישע ארויסהעלפער מיד געוואָרן פון געבן, אָדער זייערע סובסידיעס זענען געבליבן שטעקן אין די ברייטע קעשענעס פון די אַראַבישע מנהיגים, ווייסן מיר נישט. דער פאַקט איז אָלנפאַלס, אַז מיט דער צייט זע־נען די טעראָריסטישע באַנדעס געוואָרן איינגאַנצן אָנגעוויזן אויף די „מתנות״ און „שטייערן״, וואָס זיי האָבן געקאָנט אַרויסשלעפּן פון דער אָרטיקער אַראַ־בישער באַפעלקערונג. אין דער צייט אָבער ווען רייכערע אַראַבער אין די שטעדט האָבן געפונען פאַרשידענע מיטלען אויף אַרויסצודרייען זיך פון די דאָזיקע „שטייערן״, איז די גאַנצע לאַסט פון אויסהאַלטן די טעראָריסטן גע־פאַלן אויף די דערפער. זיך אָנשטויסנדיק אויף אַן אַלץ גרעסערן ווידער־שטאַנד צו זייערע פאָדערונגען און אַרויספּרעסונגען, האָבן די טעראָריסטן זיך גענומען אויסהרגענען גאַנצע פאַמיליעס, כדי אָנצושרעקן די אַנדערע פאַר־

שפּעטער אַלס גענעראַל געוואָרן וועלט־באַרימט מיט זיין קאָמאַנדע ביים אָנפירן די בריטישע „קאָמאַנדאָס״ אין בורמאַ, וואו ער איז דערהרגעט געוואָרן אינם יאָר 1943. אין דער צייט פון די ארץ־ישראלדיקע אויסברוכן האָט ער קאָמאַנדירט אַן אָפּטיילונג פון פרייוויליקע, מערסטנס אידן, — וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אויף צו באַשיצן די פּאַיפּ־לאַין, וואָס האָט געפירט אויל פון די מאָסול־קוואַלן צום פּאָרט פון חיפה.

אַרעמטע דאָרפס־לייט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די צאָל פון די אַראַ־בישע קרבנות פון די טעראָריסטן האָט אָנגעהויבן איבערשטייגן די צאָל פון די אידישע און ענגלישע פאַרלוסטן. ווען די אַראַבישע פויערים האָבן סוף כל סוף אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן און געבן די טעראָריסטן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, האָט דער טעראָר זיך פאַרוואַנדלט אין אייניקע געגנטן אין אַ מין בירגער־קריג, און דאָס האָט האָט אַ סך געהאָלפן צו זיין ענדגילטיקער מפּלה.

דער פּלאַן וועגן צעטיילונג

דער וואַקסנדיקער ווידערשטאַנד פון די אַראַבישע פויערים צו די טע־ראָריסטישע באַנדעס האָט געגעבן דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע אַ זעלטענע געלעגנהייט אָפּצורייסן די אַראַבישע מאַסן פון זייערע עקסטרעמיסטישע פי־רער און אָוועקלייגן דעם יסוד פאַר זייער דויערנדער קאָאָפּעראַציע מיט די ענגלענדער און די אידן. דער דאָזיקער שאַנס איז אָבער נישט אויסגענוצט געוואָרן. די פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירער פון דער ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל האָבן געצילט צו „העכערע" צוועקן. פיל פון זיי זענען פון לאַנג געווען געשטימט קעגן אידן און ציוניזם, און זיי האָבן געזוכט אויסצונוצן די אַראַבישע אויסברוכן אַלס אַ באַרעכטיקונג פון דער פּאָליטיק פון כסדרדיקער ליקווידאַציע פון דער אידישער היים. דער ערשטער שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען די באַשטימונג פון אַ „קעניגלעכער קאָמיסיע" אויף צו אונטערזוכן די לאַגע אין ארץ־ישראל און מאַכן פאָרשלאָגן וועגן דער צוקונפט. נאָך אַ לענגערן פאַרהער אין ירושלים, איז די קאָמיסיע געקומען צום אויספיר, אַז דער מאַנדאַט, ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן אינם יאָר 1922, „אַרבעט ניט", און אַז די בעסטע לייזונג וועט זיין אַ מין צעטיילונג פון ארץ־ישראל. איר באַריכט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יולי 1937, האָט פאָרגע־שלאָגן, אַז ארץ־ישראל זאָל צעטיילט ווערן אין דריי טיילן, אַן אַראַבישע מלוכה, אַ אידישע מלוכה און אַ שטענדיקע מאַנדאַט־געגנט. די אַראַבישע מלוכה האָט געזאָלט איינשליסן דעם עבר־הירדן, דעם צענטראַל בערגיקן טייל פון לאַנד און דעם זידלעכן ברעג פונם מיטלענדישן ים, מיט זיין הינטערלאַנד, דעם „נגב". די אידישע מלוכה האָט געזאָלט באַשרענקט ווערן צום פלאַכן לאַנד ביים ים, דעם עמק יזרעאל און דעם גרעסטן טייל פון גליל. די שטענדיקע מאַנדאַט געגנט האָט געזאָלט איינשליסן ירושלים און איר סביבה און די מער־סטע אַנדערע הייליקע פלעצער.

דער פּלאַן פון צעטיילונג האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט, סיי פון אידן, און סיי פון אַראַבער. דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז פאָר־געקומען אין אויגוסט, 1937 אין ציריך, האָט אָבער גענומען אַ שטעלונג, וועל־כע האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן, אַלס די אָננאַמע פונם פּלאַן אין פּרינ־

ציפ. כאָטש ער האָט צוריקגעוויזן דעם קאָנקרעטן צעטיילונגס־פלאַן פון דער קאָמיסיע, האָט אָבער זיין מערהייט אויסגעדריקט איר גרייטשאַפט צו באַטראַכטן אַ צעטיילונגס־פלאַן, וואָס זאָל זיין מער אָננעמבאַר פאַר אידן. די קעגנערשאַפט פון די אַראַבער איז געווען אַ סך שאַרפער. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט בכלל צו באַטראַכטן דעם פרינציפ פון צעטיילונג. ערמוטיקט דורך דער וואַקעלדיקער פאָליטיק פון לאָנדאָן, האָבן זייערע פירער מיטן פאַנאַטישן מופטי אין דער שפיץ שוין דעמאָלט געלייגט אַלע זייערע האָפענונגען אויף אַ קומענדיקן זיג פון דער „אקס“. נאַטירלעך, האָבן זיי אין אַזעלכע אומשטענדן נישט געוואָלט הערן וועגן קיינע פשרות, ווי גינסטיק זיי זאָלן נישט זיין פאַר זיי.

שטייענדיק פאַר אַזאַ סאָרט קעגנערשאַפט, האָט די ענגלישע רעגירונג געגעבן דעם צעטיילונגס־פלאַן אַן ערנהאַפטע קבורה דורך שיקן קיין ארץ־ישראל אַ נייע קאָמיסיע אויף צו שטודירן די פראַקטישע פרטים פונם פלאַן. די דאָזיקע קאָמיסיע, אונטער דער פירערשאַפט פון מר. וואודהעד, האָט באַריכטעט וועגן אַ מאַסע שוועריקייטן, און האָט סוף כל סוף פאָרגעשלאָגן אַ נייעם פלאַן וואָס האָט נאָך מער באַשרענקט דעם שטח פון דער געפּלאַנטער אידישער מלוכה. דער נייער פאָרשלאַג האָט פאַרשאַרפט די אידישע אָפּאָזיציע, אָבער ער האָט נישט געשאַפן קיין פריינט צווישן די אַראַבער. האָט דעריבער די טשעמבערלעין־רעגירונג, וועלכע איז דאַן געווען ביי דער מאַכט, אינגאַנצן אָפּגעלאָזט די אַלע צעטיילונגס־פּלענער, און האָט באַשלאָסן צו „אפיזן“ די אַראַבער אויף אַ מער דירעקטן אופן. איר פלאַן איז געווען צו פאַרוואַנדלען די ארץ־ישראל־דיקע אידן אין אַ שטענדיקע מינדערהייט און איבערגעבן צוביסלעך דעם קאָנטראָל פונם לאַנד אין אַראַבישע הענט. אַזוי אַרום איז די בריטישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, נאָך צוואַנציק יאָר פון כסדרדיקער פאַרשמעלערונג פון אידישע רעכט, צוגעקומען צו איר לאָגישן אויספיר — דעם ווייסן פּאַפּיר.

קאַפּיטל פיר

ארץ ישראל אין צווייטן וועלט־קריג

ערב דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט די שטרעבונג צו כסדרדיקער ליק־ווידאַציע פון די פּרינציפּן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ קורצער צייט נאָך איר פאַרעפנטלעכונג, דערגרייכט איר העכסטן אויסדרוק. זיך שטיצנדיק הויפּטזעכלעך אויף דער איינגעוואָרצלעטער אַפּאַזיציע פונם בריטישן קאָלאָניאַל־אַפּיס צום גאַנצן געדאַנק פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, האָט די דאָזיקע שטרעבונג געקראָגן איר שטאַרקסטע ער־מוטיקונג אין די יאָרן פון אייראָפּעאישן אַפּיזמענט. נאָך דעם ווי מען האָט מקריב געווען טשעכאָסלאָוואַקיע אין מינכן, מיט דער האָפנונג, אַז מען קויפט דערמיט „שלום פאַר אונזער צייט״, האָט אויסגעקוקט גאַנץ לאָגיש און באַ־רעכטיקט צו מקריב זיין די אידן אין ארץ־ישראל, כדי צו געווינען דערמיט די פריינטשאַפט פון די שיינבאַר־שטאַרקערע אַראַבער. ביים סוף פון 1938 איז די אַלטע קעגנערשאַפט צו דער אידישער היים, קאָמבינירט מיט דער אַלגע־מיינער אַפּיזמענט־פּאָליטיק, געוואָרן אַ ריזיקע קראַפט, געריכטעט קעגן אידי־שע באַשטרעבונגען אין ארץ־ישראל. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קאָמ־בינאַציע איז געווען דער „ווייסער פּאַפּיר״ פון מאַי, 1939.

פאַרן ארויסגעבן דעם ווייסן פּאַפּיר האָט די ענגלישע רעגירונג אויסגעע־דריקט איר וואונטש צוזאַמענצורופן אַ „ראָונד טייבל״ קאָנפערענץ פון אידן און אַראַבער, מיטן צוועק צו געפינען אַ געמיינזאַמע לייזונג פון דער ארץ־ישראל־דיקער פראַגע. דער דאָזיקער באַשלוס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן גלייכצייטיק מיט דער פאַרעפנטלעכונג פונם באַריכט פון דער וואודהעד קאָמיסיע, וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צום צעטיילונגס־פּלאַן מיט וועלכן לאָנדאָן האָט זיך פריער אַרומגעטראָגן. אין דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ זענען צום ערשטן מאָל אַריינגענומען געוואָרן, אַלס אַ גלייכער שותף, די אַראַבישע מלוכות פונם נאָענטן מזרח. כאָטש זייער אַריינמישונג האָט נישט געהאַט דעם מינדעסטן לעגאַלן יסוד אינם מאַנדאַט און זי האָט לכתחילה איבערגעוואויגן די וואָגשאָל צוגונסטן די אַראַבער, האָט די אידישע אַגענטור נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם און באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ. די אַראַבישע מלוכות, פון זייער זייט, האָבן אויך אָנגענומען די איינלאַדונג און האָבן גענו־מען אויף זיך די אויפגאַבע צו איבערצייגן די אַראַבישע עקסטרעמיסטן פון ארץ

ישראל מיטן אַנטלאָפּענעם מופטי אין זייער שפּיץ צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ. דער מופטי האָט ענדלעך דערלויבט זיינע אָנהענגער צו באַטייליקן זיך, אָבער אונטער דער באַדינגונג, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין דירעקטע אידיש־אַראַבישע זיצונגען, און אַז די קאָנפערענץ זאָל פּאַקטיש באַשטיין פון צוויי באַזונדערע פאַרהאַנדלונגען: צווישן אידן און ענגלאַנד פון איין זייט, און פון ענגלאַנד און אַראַבער פון דער אַנדערער זייט. לאָנדאָן האָט באַלד אָנגענומען דעם דאָזיקן תנאי, און די אַזוי גערופענע „ראונד טייבעל" קאָנפערענץ האָט זיך פאַרוואַנדלט פּאַקטיש אין צוויי באַזונדערע קאָנפערענצן: אַן ענגליש־אידישע און אַן ענגליש־אַראַבישע.

די פראַגע וועגן דעם, ווער עס זאָל פאַרטרעטן די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קריגערייַ צווישן זיי. דער פאַרצויגענער טעראָר, וועלכער האָט אין זיין לעצטן יאָר זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַראַבישן בירגער־קריג, האָט געשאַפן אַ טיפע קעגנערשאַפט צווישן פאַרשידענע אַראַבישע גרופן אין ארץ ישראל. דער וואַקסנדער ווידערשטאַנד, וואָס די פויערים האָבן אַרויסגעוויזן צו די טעראָריסטן, האָט פאַרשטאַרקט די בערך מעסיקע „נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונגס־פּאַרטיי". די דאָזיקע פּאַרטיי, כאָטש ווייט פון צו זיין פריינטלעך צו אידן, איז אָבער שטאַרק פאַרביטערט קעגן דעם מופטי, און די שטאַרקע פאַרביטערונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיי קעגן דעם מופטי האָט זיי געמאַכט מער גענייגט זיך צוצוהערן צו פאַרשלאָגן וועגן אַ פרידלעכן אידיש־אַראַבישן אויסגלייך. איר פירער, ראַגעב נאַשאַשיבי, אַן עקס מעיאָר פון ירושלים, האָט געלעבט אין קאַירא, עגיפּטן, וואוהין ער איז אַוועק פון ארץ ישראל, כדי זיך צו ראַטעווען פון די קוילן פון מופטיס מענטשן... ער האָט געטענהט, אַז ער האָט אונטער זיך די מערהייט פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער און ער האָט אויפן דאָזיקן גרונט פאַרלאַנגט, אַז ביידע אַראַבישע פּאַרטייען פונם לאַנד זאָלן זיין גלייך פאַרטראָטן אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ. זיין פאַרלאַנג האָט געהאַט הינטער זיך אַ גרויסע מאָס פון באַרעכטיקונג. אָבער די ענגלישע רעגירונג, צוליב אירע אייגענע טעמים, האָט נישט געוואָלט אונטערגראָבן דעם פּרעסטיזש פון מופטי, און זי האָט פּאַקטיש איהם געלאָזט דיקטירן דעם באַשטאַנד פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל. צו יענער צייט האָט דער מופטי, וועמענס פאַרבינדונגען מיט די נאַציס זענען שוין מער נישט געווען קיין סוד, געלעבט אַלס אַ פליכטלינג אין לבנון, וואוהין ער איז אַנטלאָפן פון די ארץ־ישראלדיקע געריכטן. צוערשט האָט ער זיך געשטעלט קעגן יעדער באַטייליקונג פון די „מעסיקע", אָבער סוף כל סוף האָט ער מסכים געווען אַריינצונעמען אין די דעלעגאַציע צוויי מעסיקע, אָבער אונטער דער באַדינגונג אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן דער נאַציאָנאַליסטישער מערהייט.

אונטער די דאָזיקע אומשטענדן איז די קאָנפערענץ ביים „קיילכדיקן טיש"

פון אָנהויב אָן פאַרמשפּט געווען צו דורכפאַל. די אַראַבער, האָבנדיק אַז אויג אויפן קומענדיקן קריג, האָבן נישט געוואָלט זיך קאָמפּראָמעטירן אין די אויגן פון זייערע מעגלעכע צוקונפטיקע אַליאירטע, די נאַציס. זיי האָבן אויך נישט געזען פאַרוואָס זיי זאָלן מאַכן הנחות צו אידן אין דער צייט וואָס ענגלאַנד ווייזט אַרויס אַזאַ קלאָרע אומווילינקייט צו פאַרווירקלעכן די פּראָ־אידישע צו־זאָגן פונם מאַנדאַט. בלויז זייער אָן אַנטשידענע שטעלונג מצד ענגלאַנד וואָלט געקאָנט צווינגען די אַראַבער צו אַנערקענען די אידישע רעכט, און אַזאַ סאָרט שטעלונג האָט מען נישט געקאָנט ערוואַרטן אין די פינצטערע חדשים צווישן דער מינכענער קאָנפערענץ און היטלערס אַריינמאַרש קיין פּראַג.

נאָך דעם ווי די ענגלענדער האָבן געפּטרט פינף וואָכן אויפן אָנשטעל פון פאַרהאַנדלונגען מיטביידע צדדים, איז די קאָנפערענץ אויפגעלייזט געוואָרן און דער בריטישער קאַבינעט האָט ערקלערט, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַן אייגענע פּאָליטיק, וועלכע ער גייט דורכפירן אומאָפּהענגיק פון דער שטע־לונג פון די אידן, אָדער אַראַבער. די דאָזיקע פּאָליטיק איז אויסגעדריקט געוואָרן אינם ווייסן פּאַפּיר, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 17־טן מאַי, 1939.

די באַשטימונגען פון ווייסן פּאַפּיר

דער ווייסער פּאַפּיר הויבט זיך אָן מיט דער אַלגעמיינער הנחה, אַז ענג־לאַנד האָט שוין ערפילט איר פאַרפליכטונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און מאַנדאַט צו שטיצן אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. דאָס לאַנד דאַרף דעריבער באַהאַנדלט ווערן פון איצט אָן אַלס אַ געוויינלעכע מאַנדאַט־טעריטאָריע, וועלכע איז רייף פאַר זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דער ווייסער פּאַפּיר ערקלערט ווייטער, אַז „ענגלאַנד האָט נישט בדעה, נישט איצט און נישט ווען עס איז אין דער צוקונפט צו שטעלן די אַראַבישע באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל אונטער דער מאַכט פון אַ אידישער מלוכה". זי איז נישט ווילי̇ק מער צו ערלויבן קיין ווייטערדיקע אידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל קעגן דעם ווידערשטאַנד פון די אַראַבער. די אידישע באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל וועט דעריבער פון איצט אָן באַשרענקט זיין צו אַ דריטל פון איר גאַנצער באַפעל־קערונג און דאָס לאַנד וועט ווערן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה אין וועלכער די אינטערעסן פון די אידן און אַראַבער וועלן ווערן געזיכערט דורך אַ קעגנזיי־טיקער פאַרשטענדיקונג.

כדי דורכצופירן די דאָזיקע פּאָליטיק ערקלערט דער ווייסער פּאַפּיר ענגלאַנדס באַשלוס צו פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה אינם לויף פון צען יאָר. איר בונד מיט ענגלאַנד וועט געזיכערט זיין דורך אַן

אַפּמאַך וועלכער וועט אויך גאַראַנטירן מינדערהייטס־רעכט פאַר אידן, און אַנטהאַלטן באַשטימונגען וועגן דעם שוץ פון די הייליקע פלעצער.

דער צוזאָג פון אומאָפּהענגיקייט פאַר ארץ־ישראל איז אָבער באַגלייט געווען מיט אַ פּאָר רעזערוואַציעס. איינע פון די באַדינגונגען איז די „איינ־שטעלונג פון אַזעלכע באַציונגען צווישן אַראַבער און אידן, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן אַ גוטע רעגירונג". די צווייטע רעזערוואַציע אַנטהאַלט די באַדינגונגען, אונטער וועלכע ענגלאַנד קאָן באַטראַכטן פאַר נויטיק אָפּצולייגן די אומאָפּ־הענגיקייט פונם לאַנד, אָדער גאָר אָננעמען אַ נייע פּאָליטיק. אָט איז זי:

„אויב ביים סוף פון די צען יאָר וועט די רעגירונג פון זיין מאַיעס־טעט קומען צום אויספיר, אַז אין קעגנזאַץ צו אירע האָפענונגען, פאַר־לאַנגען די אומשטענדן די אָפּלעגונג פון דער שאַפונג פון אַן אומאָפּ־הענגיקער מלוכה, וועט זי זיך באַראַטן מיט די פאַרטרעטער פון דער ארץ־ישראלדיקער באַפעלקערונג, מיטן ראַט פון פעלקער־בונד און מיט די שכנותדיקע אַראַבישע מלוכות איידער זי וועט באַשליסן אַזאַ אָפּלעגונג. אויב די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט קומען צום אויספיר, אַז אַזאַ אָפּלעגונג איז אומפאַרמיידלעך, וועט זי איינלאַדן די קאָאָפּעראַציע פון די דאָזיקע קערפּערשאַפטן אין אויסאַרבעטן פּלע־נער פאַר דער צוקונפט מיטן צוועק צו דערגרייכן דעם געוואונשענעם ציל אין דער מעגלעך פריעסטער צייט".

אַן שום לעגאַלן גרונד מאַכט זיך די דאָזיקע באַשטימונג אין גאַנצן נישט ווייסנדיק וועגן דער עקזיסטענץ פון דער אידישער אַגענטור, וועלכע האָט גע־קראָגן באַשטימטע רעכט לויטן מאַנדאַט, און שליסט אנשטאָט דעם איין די אַראַבישע מלוכות, וועלכע האָבן קיינמאָל אַזעלכע רעכט נישט געקראָגן. זי גיט אויך דער ענגלישער רעגירונג די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטראָל איבער ארץ־ישראל, אפילו אויב דער ווייסער פּאַפּיר זאָל ווייטער בלייבן איר אָפיציעלע פּאָליטיק.

כאָטש ענגלאַנד האָט זיך איבערגעלאָזט אַ לעגאַלן אויסוועג, וואָס זאָל איר ערלויבן אויסצומיידן די איינשטעלונג פון אַן אַראַביש־קאָנטראָלירטער מלוכה, האָט זי זיך אָבער מיטן ווייסן פּאַפּיר ענדגילטיק פאַרפליכטעט אָפּצו־שטעלן דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. די אי־דישע אימיגראַציע האָט לויטן ווייסן פּאַפּיר געדאַרפט אָפּגעשטעלט ווערן נאָך דעם ווי 75,000 אידן וועלן אַריינגעלאָזט ווערן אין לויף פון 5 יאָר ביזן ערשטן אַפּריל 1944. דער אידישער לאַנדקויף איז שטרענג באַשרענקט געוואָרן. פּאַ־לעסטינער איינוואוינער, הויפּטזעכלעך אַראַבער, דאַרפן צוביסלעך אַריינגע־בראַכט ווערן אין העכערע רעגירונגס־שטעלן, און דאָס רעכט פון מוניציפּאַלע און געגנט־רעגירונגען דאַרף אויסגעברייטערט ווערן.

אָפּרוף פון אידן און אַראַבער

נישט קוקנדיק אויף די גרויסע הנחות וואָס דער ווייסער פּאַפּיר האָט געמאַכט צו די אַראַבער, איז ער צוריקגעוויזן געוואָרן פונם מופטי און זיינע אַנהענגער אַלס נישט צופרידנשטעלענד. דזשעמאַל הוסייני, דער פּלימעניק פונם מופטי און דער וואָרטזאָגער פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע אין לאָנדאָן, האָט אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ פאַרלאַנגט, אַז די שאַפונג פון דער אומאָפּהענגיקער מלוכה זאָל פעסטגעשטעלט ווערן פאַר אַ באַשטימטן טערמין, אומאָפּהענגיק פון די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען צו יענער צייט. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז די אידישע אימיגראַציע זאָל אָפּגעשטעלט ווערן גלייך און נישט נאָך אַ פינף יאָריקן איבערגאַנגס־פּעריאָד.

ס'איז אַ ספק צי די דעלעגאַטן פון די אַראַבישע מלוכות זענען באמת איינפאַרשטאַנען געווען מיט דער עקסטרעמער אָפּאָזיציע פונם מופטי צום ווייסן פּאַפּיר. עס שיינט, אַז אייניקע פון זיי זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז די פאָרמעלע אָננאָמע פונם ווייסן פּאַפּיר דורך די אַראַבער וועט פאַרשטאַרקן די פאַרפּליכטונגען פון דער ענגלישער רעגירונג צו זיי. זיי האָבן אָבער געהאַלטן פאַר ראַטזאַם צו לאָזן די ארץ־ישראלדיקע פירער באַשטימען די אָפיציעלע אַראַבישע פּאָליטיק. אויסער דעם זענען זיי אַלע געווען איבערצייגט, אַז אַ נייע וועלט־מלחמה רוקט זיך אָן און די גאַנצע לאַגע אינם נאָענטן מזרח קאָן נאָך געענדערט ווערן. זיי האָבן אויך נישט געזען קיין גרונד צו אָננעמען אונטער אַזעלכע אומשטענדן אָפיציעל די הנחות, וואָס דער ווייסער פּאַפּיר האָט זיי געגעבן סיי ווי...

בעת די אַראַבישע אָפּאָזיציע צום ווייסן פּאַפּיר איז הויפּטזעכלעך געווען דיקטירט פון טאַקטישע אויסרעכענונגען, איז אָבער די אידישע קעגנערשאַפט געווען פונדאַמענטאַל און פול מיט פאַרביטערונג. קיין ציוניסט האָט נישט געצווייפלט, אַז אויב דער ווייסער פּאַפּיר וועט דורכגעפירט ווערן, וועט דער ווייטערדיקער וואוקס פון דער אידישער היים זיך אָפּשטעלן, און אפילו די אידן וואָס געפינען זיך שוין אין ארץ־ישראל וועלן זיין אין אַן ערנסטער סכנה. דער שלעכטער רעקאָרד, וועלכן די ניי געשאַפענע אַראַבישע מלוכות האָבן אין דער באַהאַנדלונג פון זייערע מינדערהייטן (ס'איז גענוג צו דערמאָנען די שחיטה פון די קריסטלעכע אַסיריער אין איראַק נאָך דעם ווי דאָס דאָזיקע לאַנד האָט געקראָגן איר אומאָפּהענגיקייט) באַרעכטיקט די ערגסטע ערוואַרטונגען. ס'איז אַלנפאַלס אַ גרויסער ספק צי אַ אידישע מינדערהייט אין אַן אַראַביש ארץ־ישראל וועט געניסן פון ווירקלעכער גלייכהייט, אפילו ווען אידן זאָלן זיך צופרידנשטעלן מיט זייער סטאַטוס אַלס אַ שטענדיקע מינדערהייט.

די ארץ־ישראלדיקע אידן זענען טיף איבערצייגט, אַז אַרויסגעבענדיק דעם ווייסן פּאַפּיר האָט ענגלאַנד נישט נאָר געבראָכן אירע פריערדיקע פאַרפּליכ־

טונגען, נאָר אַז דער ווייסער פּאַפּיר אַלס אַ גאַנצער איז אַן אומלעגאַלער דאָקו־מענט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אָן דער צושטימונג פון פעלקערבונד. די דאָזיקע איבערצייגונג האָט אומגעהויער פאַרשטאַרקט דעם אידישן ווידער־שטאַנד און האָט געגעבן אַ לעגאַלן גרונד פאַר די אידישע באַמיאונגען צו באַ־קעמפן ווי ווייט עס לאָזט זיך, די באַשרענקונגען אויף אימיגראַציע און לאַנד־איינקויף. לויטן אידישן שטאַנדפּונקט, איז הילף וואָס ווערט געגעבן „אומלע־גאַלע" אימיגראַנטן צו לאַנדן באַהאַלטענערהייט אויפן ברעג פון ארץ־ישראל, נישט קיין אומגעזעצלעכע האַנדלונג, נאָר די אויסנוצונג פון אידישע רעכט וואָס זענען אומגעזעצלעך געבראָכן געוואָרן פון אַן אומפּריינטלעכער רעגירונג.

אויך אין ענגלאַנד האָט די עפנטלעכע מיינונג זיך אַרויסגעוויזן צו זיין קעגנעריש צום ווייסן פּאַפּיר. אמת, דער פּאַרלאַמענט, ווען מען קאָנסערוואַ־טיווע מערהייט האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַ קאַבינעט־קריי־זיס פון דער רעגירונג אין די שיקזאַל־שווערע חדשים נאָך היטלערס אַריינ־מאַרש קיין פּראַג און די מיט פולווער אָנגעלאָדענע חדשים פאַרן אויסברוך פונם קריג, האָט גוטגעהייסן דעם ווייסן פּאַפּיר און אויסגעדריקט איר צוטרוי צו דער רעגירונג נאָך אַ שטורמישער דעבאַטע וועגן ווייסן פּאַפּיר. די אָפּשטי־מונג איז געווען 268 קעגן 181, מיט 110 אָפּגעהאַלטענע פון שטימען. די ווירק־לעכע קראַפט פון דער אָפּאָזיציע צום ווייסן פּאַפּיר האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזן אינם פאַקט, וואָס בלויז 268 פון די 413 רעגירונגס־אָנהענגער האָבן גע־קאָנט באַוואויגן ווערן צו שטיצן דעם רעגירונגס־פּראָיעקט וועגן ווייסן פּאַפּיר, און אויסער דעם האָט די שטיצע וועלכע די אָפּאָזיציע האָט געקראָגן דורך דער קעגנערשאַפט וואָס ס'האָבן אַרויסגעוויזן אין דער דאָזיקער דעבאַטע די סאַמע איינפלוסרייכע מיטגלידער פונם פּאַרלאַמענט, איינשליסלעך אויך פיל קאָנסער־וואַטיווע, שטאַרק אָפּגעשוואַכט די מאָראַלישע וואָג פון דער געצוואונגענער גוטהייסונג פונם ווייסן פּאַפּיר. אגב, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל באַטייליגט זיך אין דער דאָזיקער דעבאַטע מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן דעם ווייסן פּאַפּיר און ער האָט געשטימט מיט דער אָפּאָזיציע טראָץ זיין אָנגעהעריקייט צו דער רע־גירנדער פּאַרטיי.

עס שיינט, אַז נעוויל טשעמבערלעין, וועלכער האָט אַלס פּרעמיער גענומען אויף זיך די אחריות פאַרן ווייסן פּאַפּיר, האָט געפילט די פונדאַמענטאַלע שוואַכ־קייט פון זיין גייסט און ער האָט גאַנץ עפנטלעך צוגעגעבן די מעגלעכקייט פון זיין שפּעטערדיקער רעוויזיע. אין אַ סטייטמענט וואָס ער האָט געמאַכט אויף אַ זיצונג פון פּאַרלאַמענט, דעם 7־טן יוני, 1939, האָט ער אויסגעדריקט זיין גרייטשאַפט איבערצוגעבן די פראַגע וועגן ארץ־ישראל „אין פאַל פון אַ שטרייט צווישן די, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אינם מאַנדאַט, צו דער אַנטשיידונג פונם שטענדיקן וועלט געריכט אין האַאַג". דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער סטייטמענט איז געמאַכט געוואָרן שוין נאָכדעם ווי דער ווייסער פּאַפּיר איז גוט־

געהייסן געוואָרן דורך אַ צוטרוי־אָפּשטימונג אין פּאַרלאַמענט, פּאַרגרעסערט שטאַרק זיין פּאָליטישע און מאָראַלישע וואָג. אַזוי ווי טשעמבערלעין האָט דאָס נישט געמאַכט אויף ווייכער צו מאַכן די אָפּאָזיציע און געווינען אַ צוטרוי־אָפּ־שטימונג אין פּאַרלאַמענט, האָט זיין סטייטמענט געמוזט אָפּשפּיגלען עכטע ספקות אין די מוחות פון די אויטאָרן פונם ווייסן פּאַפּיר.

ס׳איז אַ ספק צי טשעמבערלעין האָט אין זינען געהאַט אריינצונעמען די אידישע אַגענטור אַלס איינע פון די כוחות וואָס זענען „פּאַראינטערעסירט אינם מאַנדאַט". אין אַ גויט־מאָמענט האָט ענגלאַנד געקאָנט פּאַררופן זיך אויף די סטאַטוטן פונם וועלט־געריכט לויט וועלכע ער דאַרף באַטראַכטן אַ „קעיס" בלויז אינם פאַל, ווען זי ווערט אים איבערגעגעבן פון אַ זעלבסשטענדיקער מלוכה. אָבער כאָטש די אידישע אַגענטור איז ניט קיין מלוכה, איז איר אינ־טערעס אינם מאַנדאַט אויסער יעדן ספק. מיט אַ קורצער צייט פאַרן אויסברוך פון קריג האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז אַן אינטערעסירטע רעגירונג איז וויליק צו פאַרטרעטן דעם אידישן שטאַנדפּונקט וועגן ווייסן פּאַפּיר פאַרן וועלט געריכט. די מלחמה איז אויסגעבראָכן פריער ווי אַזאַ פּלאַן האָט געקאָנט פאַר־ווירקלעכט ווערן, אָבער דאָס לעגאַלע פּראָבלעם פונם ווייסן פּאַפּיר קען ווערן זייער וויכטיק אינם פאַל, ווען דער דאָזיקער דאָקומענט זאָל איבערלעבן דעם וועלט־קריג, און ס׳איז וואַרשיינלעך אַז אַ נייער וועלט־געריכט וועט געשאַפן ווערן אַלס אַ טייל פון דער אָרגאַניזאַציע צו באַוואָרענען דעם צוקונפטיקן וועלט־שלום.

דער ווייסער פּאַפּיר און דער פעלקערבונד

די מאַנדאַט־קאָמיסיע פונם פעלקערבונד, וועלכע דאַרף לויטן מאַנדאַט גוטהייסן יעדע ענדערונג אינם סטאַטוט פון ארץ־ישראל, האָט אויף איר לעצ־טער פאַר־מלחמה־זיצונג, אין אויגוסט, 1939, געגומען אַ שאַרף־קעגנערישע שטעלונג צום ווייסן פּאַפּיר. נאָך אַ גרינטלעכער דעבאַטע איז די קאָמיסיע גע־קומען צו אַן איינשטימיקן באַשלוס, אַז די פּאָליטיק פון ווייסן פּאַפּיר איז ניט אין איינקלאַנג מיט די אָריגינעלע באַשטימונגען פונם ארץ־ישראלדיקן מאַנ־דאַט. די איינציקע מיינונגס־פאַרשידנהייט אין דער קאָמיסיע איז געווען, צי די אומשטענדן אין וועלכע די נייע פּאָליטיק איז אָנגענומען געוואָרן, זענען גענוג ערנסט צו באַרעכטיקן אַ ווענדונג צום פעלקערבונד־ראַט וועגן אַן ענדערונג אין די באַשטימונגען פונם מאַנדאַט. אַזאַ רעזאָלוציע איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן פונם ענגלישן מיטגליד פון דער קאָמיסיע און זיין פאַרשלאָג איז געווען גע־שטיצט פון איר פראַנצויזישן און פּאָרטוגעזישן מיטגליד. אירע אַנדערע פיר מיטגלידער, וואָס האָבן פאַרטראָטן בעלגיע, האָלאַנד, נאָרוועגיע און די שווייץ האָבן האַלבנדיק אין זינען זייערע אייגענע קאָלאָניאַלע פּראָבלעמען געשטימט

קעגן דעם. אַזוי ארום האָט די קאָמיסיע מיט פיר שטימען קעגן דריי באַשלאָסן, אַז ס'איז נישטאָ קיין גילטיקע אורזאַכע צו לעגאַליזירן דעם געשעענעם פאַקט, וועלכן זיי האָבן איינשטימיק אָנערקענט אַלס ווידערשפּרעכנדיק די באַשטימונגען פונם מאַנדאַט.

דער ראַט פונם פעלקערבונד פאַר וועמען די פראַגע וועגן ווייסן פּאַפּיר איז פאָרגעלעגט געוואָרן אין זומער 1939, האָט באַשלאָסן צו פאַרהאַנדלען זי אויף זיין נעכסטער סעסיע אין סעפּטעמבער. די דאָזיקע סעסיע איז קיינמאָל נישט צושטאַנד געקומען.

די פאַרווירקלעכונג פון ווייסן פּאַפּיר

דער ווייסער פּאַפּיר איז אָפיציעל אריין אין קראַפט גלייך נאָך זיין פאַרעפנטלעכונג. נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פאַר דעם, דעם 22־טן מערץ 1939, האָט דער הויי־קאָמישאַנער, סער מיי הערעלד מעק מייקעל אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט וואָס האָט פאַרשאַרפט די שטראָף פאַר אומלעגאַלער אימיגראַציע. די ארץ־ישׂראלדיקע אַדמיניסטראַציע האָט געקראָגן די פולמאַכט צו באַשטראָפן אַזעלכע אימיגראַנטן מיט טורמע איידער זיי ווערן אַרויסגעשיקט פון ארץ־ישׂראל.

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט מען אָפיציעל פאַרעפנטלעכט די אימיגראַציע־קוואָטעס פאַר די נעכסטע פינף איבערגאַנגס־יאָרן. זיי האָבן באַטראָפן צען טויזנט אימיגראַנטן אַ יאָר, און אויסער דעם האָט מען באַשטימט אַ פליכטלינג־קוואָטע פון 25.000 פאַר די פינף יאָר, אַלס אַ ספּעציעלן ביישטייער צוליב דער נויט־לאַגע פון די אידן אין איראָפּע.

דער נעכסטער שריט איז געמאַכט געוואָרן דעם 28־טן פעברואר 1940, ווען ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקרעט, וואָס האָט שאַרף באַשרענקט דעם אידישן באָדן־קויף. לויטן דאָזיקן דעקרעט איז ארץ־ישׂראל צעטיילט געוואָרן אין דריי זאָנעס. אין דער זאָנע א' איז פאַרבאָטן געוואָרן יעדער באָדן־פאַרקויף פון אַן אַראַבער צו אַ איד. אין דער זאָנע ב' האָט באָדן געקאָנט פאַרקויפט ווערן בלויז מיט דער צושטימונג פונם הויי־קאָמישאַנער, וואָס האָט געזאָלט געבן די דערלויבעניש צוליב עטלעכע באַשטימטע גרונדן, ווי, למשל, די קאָנסאָלידאַציע פון באַשטייענדיקע אידישע ישובים, אָדער די דורכפירונג פון באַוואָסערונגס־אַרבעטן. אין דער זאָנע ג' זענען קיינע באַשרענקונגען נישט איינגעפירט געוואָרן, אויסער די אַלטע באַשטימונגען וועגן שוץ פון די אַרענדאַטאָרן.

די זאָנע א', וואָס נעמט אַרום 63 פּראָצענט פונם ארץ־ישׂראלדיקן שטח, באַשטייט פון די בערגיקע געגנטן פון ארץ־ישׂראל און די דיסטריקטן פון עזה און באר שבע אין נגב. די זאָנע ב', וועלכע נעמט אַרום 32 פּראָצענט פונם לאַנד, באַשטייט פונם עמק יזרעאל, דעם מזרחדיקן גליל, און דעם פלאַכן לאַנד

ביים ים צווישן חיפה און טאַנטורא אין צפון און רמלה און באר טוביה אין דרום. די זאָנע ג׳, שליסט איין די גרעסטע שטעט פון ארץ־ישראל מיט זייער געמישטער באַפעלקערונג און דעם מיטלסטן טייל פונם פלאַך־לאַנד ביים ים, צווישן טאַנטורא און רמלה. די דאָזיקע „פרייע״ זאָנע איז די קלענסטע: זי נעמט ארום בלויז פינף פראָצענט פון ארץ־ישראלס לאַנד־שטח.

די דריטע באַשטימונג פונם ווייסן פּאַפּיר וועגן בריטערער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג, איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. מיט זייער גאַנצן פאַר־אורטייל קעגן די אידן, האָבן די ענגלענדער זיך געהיט פון איבערגעבן די אַראַבער אַ גרעסערן חלק אין דער פאַרוואַלטונג פונם לאַנד. די דאָזיקע פאַר־זיכטיקייט איז נישט מער ווי נאַטירלעך. די ענגלענדער האָבן נישט געקאַנט האַנדלען אַנדערש נעמענדיק אין באַטראַכט די גלייכגילטיקייט וועלכע די אַראַ־בער פון ארץ־ישראל און די אַרומיקע לענדער האָבן אַרויסגעוויזן צו די אַלי־אירטע, און זייער גרייטקייט צו שטיצן די נאַציס ווי נאָר ס׳האָט זיך זיי אויס־געדוכט, אַז היטלער גייט געווינען דעם קריג. אמת, אַ פּאָר אָרטיקע דיסטריקט צענטערן זענען איבערגעפירט געוואָרן פון אידישע אין אַראַבישע זידלונגען, אָבער זייער קאָנטראָל איז געבליבן אין ענגלישע הענט. די זעלבע אַפּוואַר־טנדיקע באַציאונג איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אין דער פראַגע וועגן דער באַטיי־ליקונג פון ארץ־ישראלדיקע מיטגלידער אינם עקזעקוטיוון ראַט.

די „אומלעגאַלע״ אימיגראַציע

זייענדיק איבערצייגט אינם אומלעגאַלן כאַראַקטער פונם ווייסן פּאַפּיר, האָבן די אידן פון ארץ־ישראל זיך נישט געהאַלטן מאָראַליש פאַרפליכטעט צו האַלטן זיך ביי זיינע באַשטימונגען. דאָס באַציט זיך בפרט אויף די אימיגראַ־ציע־גזירות קומענדיק אין אַ צייט, ווען די אידישע רדיפות אין אייראָפּע האָבן דערגרייכט צו זייער העכסטן גראַד, און ווען טויזנטער פּליטים האָבן גע־שטרעבט צו דערגרייכן די טויערן פון ארץ־ישראל, האָט די פאַרעפנטלעכונג פונם ווייסן פּאַפּיר געגעבן אַ סיגנאַל צו אַ פאַרשטאַרקטער „אומלעגאַלער״ אימיגראַציע. אין אמתן האָט אַזאַ באַהאַלטענע אימיגראַציע זיך אָנגעהויבן נאָך לאַנג פאַרן ווייסן פּאַפּיר. יעדעס מאָל ווען די בריטישע אדמיניסטראַציע האָט צוליב פּאָליטישע אורזאַכן געשניטן די אימיגראַציע־קוואָטעס אונטער דער עקאָנאָמישער אויפנאַמס־פעאיקייט פונם לאַנד, איז אַ געוויסע צאָל אימיג־ראַנטן אַריינגעשמוגלט געוואָרן בלא יודעים.

די באַהאַלטענע אימיגראַציע איז לכתחילה געווען באַשרענקט צו יחידים אָדער קליינע גרופּן. אָבער אינם יאָר 1938, ווען די נאַצי־פאַרפאָלגונגען זענען געוואָרן אומדערטרעגלעך און די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג האָט אין דער זעלבער צייט שאַרף געשניטן די צאָל פון סערטיפיקאַטן, האָט די אומלעגאַלע

אימיגראַציע אַנגענומען אַ ברייטערן און מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. גרויסע גרופּן פון פּליטים, וואָס זענען צוליב מאַנגעל פון וויזעס, געבליבן שטעקן אין פאַרשידענע האַפּענס פון מערב־איראָפּע, האָבן זיך צונויפגענומען, געדונגען עפּעס אַן אַלטע שיף, און זיך אָוועקגעלאָזט צום אַמאָל צוגעזאָגטן לאַנד. אייניקע אַ זעלכע גרופּן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פון פּריוואַטע געשעפטסמאַכער, אַנדערע פון פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די שיפן, וועלכע מען האָט געקאָנט דינגען פאַר אַזאַ צוועק זענען געווען אַלטע פּראַכטשיפן, אָדער שיפן וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויפן וואַסער. מען האָט זיי איבערגעלאָדן מיט פּליטים, און גערייסן איבערגעטריבענע פּרייזן.

די ערשטע געלעגנהייט צו באַנוצן זיך מיט די נייע אימיגראַציע־גזירות איז געקומען דעם 2־טן אַפּריל, 1939, ווען די ארץ־ישראלדיקע ברעג־היטער האָבן געכאַפּט אַ גריכישע שיף וואָס האָט געפירט 681 פּאַסאַזשירן אָן וויזעס, בעת זי האָט געוואַרט נישט ווייט פונם אידישן שטעטל נתניה אויף אַ געלעגנהייט צו לאַנדן זיי אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. כאָטש דער אויבן־דערמאָנטער דעקרעט פון 22־טן מערץ, 1939, האָט געגעבן דעם היי־קאָמישאַנער דאָס רעכט אַריינצוזעצן די דאָזיקע אימיגראַנטן אין טורמע, האָבן אָבער די פאַרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט פאַרשטאַנען, אַז ס׳וועט זיין אַ סך שווערער זיי צו דעפּאָרטירן נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרבראַכט אַ צייט אין אַן ארץ־ישראלדיקער געפענגעניש. מען האָט דעריבער געבראַכט די שיף מיט אירע פּאַסאַזשירן אינם פּאָרט פון חיפה, קיינעם פון איר נישט אַראָפּגעלאָזט, און אין אַ פּאָר טאָג שפּעטער געהייסן איר קאַפּיטאַן אָפּפאָרן. וואָס איז דערנאָך געוואָרן מיט די פּאַסאַזשירן ווייסט מען נישט.

נאָך דעם דאָזיקן פאַל האָט זעלטן געטראָפן, אַז עס זאָל אַריבער אַ וואָך, אין וועלכער מען האָט נישט געכאַפּט אין די ארץ ישראלדיקע וואַסערן, אַ גרעסערע אָדער קלענערע שיף מיט אומלעגאַלע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געזוכט צו לאַנדן אינם פאַרבאָטענעם לאַנד. אָפטמאָל האָט מען געהייסן אַזאַ שיף אָפּפאָרן, און דאָס האָט פּאַקטיש געמיינט אַ געלעגנהייט פאַר אַ נייעם פּאַרזוך צו לאַנדען... אין אַנדערע פאַלן האָט מען די פּאַסאַזשירן גענומען אין אימיגראַציע לאַגערן, און נאָך אַ פּאָר חדשים פון שטרענגער אויספאָרשונג זיי באַפרייט אויף דער אחריות פון דער אידישער אַגענטור. אין אַזאַ פאַל איז זייער צאָל אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַלגעמיינער סומע פון די 75,000 אימיגראַנטן וואָס דער ווייסער פּאַפּיר האָט ערלויבט פאַר די פינף יאָר, זינט זיין פּובליקאַציע.

אין מיטן פון 1940 האָט די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג באַשלאָסן אָנצונעמען שאַרפערע מיטלען קעגן די „אומלעגאַלע" עולים.

די הויפּט שוועריקייט מיט די אומלעגאַלע, פונם שטאַנדפּונקט פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זיי נישט געקאָנט צוריקשיקן צו זייערע היימלענדער. די לענדער פון וואַנען זיי זענען

געקומען האָבן נישט געוואָלט זיי אָננעמען צוריק, און אויב זיי וואָלטן געצוואונגען געווען דאָס צו טון, וואָלט מען זיי אַריינגעזעצט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן אָדער גאָר באַשטראָפט מיט טויט. אגב האָבן די פליכטלינגע אַליין פאַרניכטעט אַלע זייערע פּאַפּירן נאָכן צוקומען קיין ארץ ישראל, כדי מען זאָל זיי נישט קאָנען צוריקשיקן.

נאָך אַ יאָר פון ווייניק ערפאָלגרייכן קאַמף קעגן אומלעגאַלער אימיגראַציע האָט די ארץ ישראלדיקע רעגירונג זיך אַנטשלאָסן אויף אַ שאַרפערן מיטל. נישט קאָנענדיק צוריקשיקן זיי אין זייערע אַמאָליקע היימען, האָט זי באַשלאָסן פאַרשיקן זיי אין ווייטע טראָפּישע אינזלען, אין פאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער בריטישער אימפּעריע.

די טראַגעדיע פון „פּאַטריאַ״

דער ערשטער פאַרזוך דורכצופירן די דאָזיקע נייע פּאָליטיק האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ שוידערלעכער טראַגעדיע. די „פּאַטריאַ״ איינע פון די גרעסטע שיפן, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי די ברעגן פון ארץ־ישראל, איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט 1771 פּליטים, וואָס האָבן געזאָלט פאַרשיקט ווערן אויפן אינזל מאריציוס אין אינדישן אָקעאַן בעת די שיף איז אָבער נאָך געווען אינם האפן פון חיפה, איז זי געזונקען פון אַן אויפרייס, און 250 פון אירע פּאַסאַזשירן זענען אומגעקומען. די אַלגעמיינע מיינונג אין ארץ ישראל איז, אַז דער אויפרייס איז געווען די אַרבעט פון פאַרצווייפלטע פּליטים, וואָס האָבן בעפאָרצוגט טויט צו דעפּאָרטאַציע פון ארץ ישראל.

אַ שטיקל צייט שפּעטער איז געמאַכט געוואָרן אַ נייער פאַרזוך פונם זעלבן מין. דאָס מאָל האָט די ענגלענדער זיך יאָ איינגעגעבן צו דעפּאָרטירן קיין מאַריציוס 1584 פּליטים. מען האָט זיי אינמיטן נאַכט איבערגעפירט פון אַן עמיגראַציע־לאַגער, וואו זיי האָבן זייט חדשים געוואַרט אויף זייער באַפרייאונג, אין צוויי שיפן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיי אינם האפען פון חיפה, און פריער ווי עס האָט געטאָגט זענען זיי שוין געווען אין מיטן ים.

דער פּאַטריאַ־אומגליק האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון פּראָטעסטן סיי אין ארץ ישראל, און סיי אין אויסלאַנד. די ענגלישע רעגירונג האָט ענדלעך נאָכגעגעבן דעם מאָראַלישן פּראָטעסט פון דער ציוויליזירטער וועלט, און די וואָס האָבן איבערגעלעבט די „פּאַטריאַ״ קאַטאַסטראָפע האָבן געקראָגן די ערלויבניש צו בלייבן אין ארץ ישראל. נייע מאַסן־פאַרשיקונגען זענען מער נישט פאָרגעקומען. פון יענער צייט אָן האָט די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג געזוכט צו באַקעמפן די אומלעגאַלע אימיגראַציע דורך נוצען כל־ערליי מיטלען, וואָס האָבן געזאָלט שווערער מאַכן דאָס צוקומען פון פּליטים־שיפן צו די ארץ ישראלדיקע ברעגן. מען האָט, למשל, געמאַכט אַ שטאַרקן דרוק אויף טערקיי

זי זאָל נישט דורכלאָזן דורך די דאַרדאַנעלן קיין פּליטים־שיפן, וואָס זענען אָנגעקומען פון די באַלקאַנען. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן זייער רייזע זענען די שיפן געצוואונגען געווען זיך אומקערן אין די לענדער פון וואַנען זיי זענען געקומען.

די דאָזיקע גרויזאַמע פּאָליטיק האָט געבראַכט דעם טויט פון אַן אומבאַ־קאַנטער צאָל פּליטים, וואָס זענען אומגעקומען אויף זייערע איבערגעלאָדענע אַלטע שיפן נאָך אומזיסטע פּאַרזוכן צו דערגרייכן ארץ ישראל. די טראַגעדיע פון „סטרומאַ" איז איינער פון די דאָזיקע פאַלן. אָנגעלאָדן מיט 768 פּליטים פון רומעניע איז די „סטרומאַ" געזונקען דעם 24־טן פעברואַר, 1942, אין שוואַרצן ים, נאָך דעם ווי די שיף איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פונם האַפן פון איסטאַמבול, ווען די ארץ ישראלדיקע רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן איר אַן ערלויבעניש נאָך עטלעכע האַרץ־רייסנדע אַפּילן וועגן אַריינלאָזן זי. אַ צאָל פון אַנדערע שיפן, וואָס זענען געווען אָנגעלאָדן מיט פּליטים און גע־מוזט פאַרברענגען לאַנגע חדשים אויפן ים, ווייל מען האָט זיי נישט אַריינגע־לאָזט קיין ארץ־ישראל, זענען צעבראָכן געוואָרן אין ים־שטורעמס, אָדער אַרויפגעטריבן געוואָרן אויף די שאַרפע פעלזן אויפן מיטללענדישן ברעג. אין אייניקע פאַלן זענען די פּליטים געראַטעוועט געוואָרן, און זייערע טראַגישע איבערלעבונגען זענען באַקאַנט געוואָרן אין דער דרויסנדיקער וועלט. אין די מערסטע פאַלן זענען זיי אָבער פאַרשוואונדן אָן אַ שפור. אויב די פולע געשיכ־טע פון דער אומלעגאַלער אימיגראַציע וועט אַמאָל געשריבן ווערן וועלן אפילו די סאַמע גלייכגילטיקע הערצער אויפגעשוידערט ווערן פון דער ריזיקער מאָסע פון ליידן, וואָס אירע אָנטיילנעמער האָבן דורכגעמאַכט.

כאָטש די אידישע עפנטלעכע מיינונג האָט קיינמאָל נישט אָנערקענט דעם ווייסן פּאַפּיר אַלס געזעצלעך און מאָראַליש בינדענד, מיינט דאָס אָבער נישט, אַז די אומלעגאַלע אימיגראַציע איז מערסטנס אָרגאַניזירט געוואָרן מיטן צוועק צו ברעכן די פּאָליטיק פונם ווייסן פּאַפּיר. די אומלעגאַלע אימיגראַציע איז בלויז געווען דער לאָגישער רעזולטאַט פון אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. דער אמת איז, אַז די מערסטע נסיעות מיט די שיפן פון די אומלעגאַלע זענען נישט אָראַנ־זשירט געוואָרן פון געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און אין אייניקע פאַלן זענען די פּליטים שטאַרק עקספּלואַטירט געוואָרן פון טונקעלע אונטערנעמע־רישע ספּעקולאַנטן, געוויסנלאָזע „אונטערנעמער", פּראָפיט־מאַכער. געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אַריינגעמישט אין דער לאַגע, ווען זיי זענען אָנגעקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשאַפענער לאַגע, און זייער הויפּט־ציל איז געווען צו פאַרקלענערן די ליידן פון די אימיגראַנטן און שיצן זיי קעגן עקספּלואַטאַציע און שווינדל. די וואָרצלען פון דער באַוועגונג ליגן אויס־שליסלעך אין די שוידערלעכע ליידן פון די אייראָפּעאישע אידן, און אין זייער

טיפער איבערצייגונג, אַז זיי האָבן אַ מאָראַליש רעכט אויף אַ מקום מקלט אין ארץ ישראל.

מיט דער צייט האָט די אומלעגאַלע אימיגראַציע אָנגעהויבן קלענער ווערן, און אין מיטן 1942 האָט זי זיך פּאַקטיש אָפּגעשטעלט. דאָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי די לענדער דורך וועלכע די מערסטע פּליטים פלעגן זיך ראַטעווען, זענען אַריין אין קריג. אונטער דעם דרוק פון בערלין האָבן רומעניע און אונגאַרן געמאַכט אַלץ שווערער פאַר די פּליטים זיך אַרויסצורייסן פון דאָרטן, בפרט ווען דאָס האָט געמיינט נוצן אַלטע און וואַקלדיקע שיפן, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן איבערן וואַסער. דערצו האָבן די נאַציס, וואָס האָבן צו יענער צייט באַהערשט קרעטאַ און אַלע אַנדערע אינזלען אינם עגעאישן ים, דורכגעפירט אַזאַ ווירקזאַמע בלאָקאַדע פון די באַלקאַן־ברעגן, אַז קיין איין שיף האָט פון דאָרטן נישט געקאָנט דורכפאָרן קיין ארץ ישראל. מען קאָן זאָגן, אַז די נאַציס האָבן דערגרייכט דאָס, וואָס די ענגלענדער האָבן נישט געקאָנט באַווייזן: זיי האָבן דאָס פּאַקטיש אָפּגעשטעלט די אומלעגאַלע אימיגראַציע קיין ארץ ישראל.

ארץ ישראלס אָנטייל אין קריג

נישט קוקנדיק אויף זייער שטאַרקער פאַרביטערונג קעגן דער פּאָליטיק פונם ווייסן פּאַפּיר, האָבן די ארץ־ישראלדיקע אידן אָנגעבאָטן ענגלאַנד זייער פולע און אַקטיווע שטיצע גלייך נאָך דעם ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן. אין סעפּטעמבער 1939, האָט די אידישע אַגענטור אָנגעבאָטן דער לאָנדאָנער רעגירונג די שאַפונג פון אַ אידישער אַרמיי אין ארץ ישראל, וואָס באַשטייענדיק צום גרויסן טייל פון ארץ־ישראלדיקע אידן זאָל זי אויך אַריינעמען אַ גרויסע צאָל פון וואָלונטירן פון נייטראַלע אָדער נאַצי־אָקופּירטע לענדער. דער אָנבאָט איז צוריקגעוויזן געוואָרן אונטער פאַרשידענע תרוצים. די אמתע סיבה איז געווען די מורא, אַז אַ אידישע אַרמיי וועט דורך איר עקזיסטענץ אַליין צונישט מאַכן די פּאָליטיק פון ווייסן פּאַפּיר.

דער ישוב האָט אָבער נישט געוואַרט אויף ענגלאַנדס ענטפער און גלייך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זיינע כוחות פאַר אַקטיווער מלחמה־באַטייליקונג. 136.000 מענער און פרויען האָבן זיך רעגיסטרירט פאַר אַקטיוון מלחמה־דינסט און אַ דריטל פון זיי זענען געווען פּאַסיק פאַר קאַמף אויפן פראָנט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסנהאַפטע אויסבילדונג פון וואָלונטירן פאַר דער אָרטיקער וואַך, („האָום גאַרד") און דאָרפישער פּאָליציי.

אין דעם ערשטן יאָר פון דער מלחמה, פאַרן פאַל פון פראַנקרייך, האָט ענגלאַנד נישט נאָר צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט פון אַ אידישער אַרמיי, נאָר זי איז אפילו געווען אומווילליק אָנצונעמען אַ גרויסע צאָל ארץ־ישראלדיקע אידן

אַלס איינצלנע וואָלונטירן. מען מוז אָנערקענען, אַז די דאָזיקע שטעלונג האָט געשטאַמט נישט נאָר פון ארץ ישראלדיקער פּאָליטיק נאָר אויך פון אַלגעמיי־נעם קוק, וואָס האָט געהערשט צו יענער צייט וועגן קריג. ס׳איז געווען די צייט, ווען די ענגלענדער און אויך די פראַנצויזן האָבן גערעכנט צו געווינען דעם קריג דורך אויסמאַטערן דייטשלאַנד מיט אַ ים־בלאָקאַדע, און אין דער זעלבער צייט פאַרטיידיקן פראַנקרייך אויף די מאַזשינאָ ליניע. מען האָט דע־ריבער נישט געזען אין לאָנדאָן קיין גרויסן באַדאַרף צו שאַפן אַ ווירקזאַמע אַרמיי אויפן נאָענטן מזרח. מען האָט רעקרוטירט אין ארץ ישראל בלויז עט־לעכע אַרבעטס־אָפּטיילונגען פון אידן און אַראַבער, וועלכע מען האָט אַוועק־געשיקט קיין פראַנקרייך. כאָטש שלעכט אויסגעבילדעט און נאָך ערגער באַ־וואָפנט האָבן די דאָזיקע אָפּטיילונגען גענומען אַ העלדישן אָנטייל און זיך העל־דיש פאַרטיידיקט ביי זייער צוריקטריט צום ברעג, און די מערסטע פון זיי האָבן אויסמיידנדיק דייטשע געפאַנגשאַפט באַוויזן צו ראַטעווען זיך און זיך דער־שלאָגן צום האפען פון דיעפּ פון וואַנען זיי האָבן זיך געראַטעוועט קיין ענג־לאַנד.

נישט נאָר האָבן די ענגלענדער אין אָנהויב קריג נישט ערמוטיגט די רעק־רוטירונג פון פרייוויליקע אין ארץ ישראל, נאָר זייערע העכערע באַאַמטע דאָרט האָבן דערזען אינם קריג־צושטאַנד וועלכן מען האָט אויסגערופן אין ארץ ישראל אַ גוטע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון דער אידישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג, דער „הגנה״. גרופּן פון הגנה־מיטגלידער זענען אַרעסטירט געוואָרן בעת וואָפן־איבונגען אין דער שכנות פון יידישע קאָלאָניעס. מען האָט זיי געשטעלט פאַר מיליטערישע געריכטן, וואָס האָבן זיי פאַרמשפּט צו לאַנגע טורמע־טערמינען פאַר אומלעגאַלן באַזיץ פון וואָפן. אַרום הונדערט יונגע לייט זענען אַזוי פאַרמשפּט געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון קריג. ערשט שפּעטער, ווען די מלחמה לאַגע האָט זיך געענדערט און ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן זוכן סאָלדאַטן אין ארץ ישראל, האָט מען זיי שטילערהייט באַפרייט און אַריינגעצויגען אין די ענגלישע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

די ענדערונג פון ענגלאַנדס שטעלונג און די אַקטיווע רעקרוטירונג פון פרייוויליקע אין ארץ ישראל האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָכן פאַל פון פראַנק־רייך, ווען איטאַליע איז אַריין אין קריג, און האָט געשאַפן דערמיט אַ נייעם פראָנט ביים מיטלענדישן ים. דערזעענדיק אַן ערנסטע סכנה פאַר זייערע לעבנס־וויכטיקע פּאָזיציעס אינם נאָענטן מזרח, זענען די ענגלישע קאָמאַנדירן אין מזרח געוואָרן וויליק אויסצונוצן אַלע אידישע פרייוויליקע, וואָס זיי האָבן געקאָנט קריגן אין ארץ ישראל. אָבער אויך אין דער דאָזיקער קריטישער לאַגע האָט די ציווילע אַדמיניסטראַציע פון ארץ ישראל נישט אויפגעהערט צו שפּילן פּאָליטיק. נאָכגעבנדיק דעם פאַרלאַנג פון דער מיליטערישער מאַכט, האָט זי אין דער זעלבער צייט דעקרעטירט, אַז די צאָל אידישע פרייוויליקע דאַרף נית

איבערשטייגען די צאָל פון די אַראַבישע. שפּעטער איז די דאָזיקע באַשרענקונג פּאַקטיש איגנאָרירט געוואָרן. לויט די לעצטע אָפיציעלע ציפערן פון מערץ 1944, האָט די צאָל פון די ארץ ישראלדיקע פרייוויליקע אין דער בריטישער אַרמיי באַטראָפן 32.068, פון וועלכע נישט ווייניקער פון 23.323 זענען געווען אידן. מיט אַנדערע ווערטער, כאָטש דער פּראָצענט פון אידן אין ארץ־ישראל איז 33, איז זייער אַנטייל אין באַוואָפנטע כוחות נישט ווייניקער פון 73 פּראָצענט! *)

דער דאָזיקער הויכער אַנטייל פון אידן צווישן די ארץ־ישראלדיקע פרייוויליקע איז באַזונדערס מערקווירדיק דערפאַר, ווייל די ענגלענדער, וואָס האָבן זיך פאַרעקשנט צו באַהאַנדלען ארץ ישראל אַלס איינע פון זייערע אָפּגעשטאַנענע קאָלאָניעס, האָבן זיך ניט גערעכנט מיטן אידישן לעבנס־סטאַנדאַרט און זיי האָבן געשטיצט די פאַמיליעס פון די אידישע וואָלונטירן אויפן „אַפריקאַנער" פאַרנעם. אין דער צייט ווען די לעבנס־קאָסטן אין ארץ ישראל זענען געווען דאָפּלט ווי פאַרן קריג, און די שפּייז־פרייזן האָבן אפילו אַרויפגעקלעטערט העכער ווי אין אַמעריקע, איז די אָפיציעלע שטיצע פאַר סאָלדאַטישע פאַמיליעס דאָרט געווען לעכערלעך קליין. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער ארץ־ישראלדיקער ישוב, וועלכער איז סיי ווי איבערגעלאָדן מיט כל־ערליי קהלישע לאַסטן, האָט געמוזט זאַמלען אַ פאַנד פאַר אַ דערגענצנדער שטיצע פאַר סאָלדאַטישע פרויען און זייערע קינדער, וואָס וואָלטן בשום אופן נישט געקענט אויסקומען מיט זייער אָפיציעלער אונטערשטיצונג.

אַן אַנדער שטערונג פאַר אַ גאַר גרויסן אָפּרוף פון פרייוויליקע איז געווען די ווייט־פאַרשפּרייטע פאַרביטערונג צוליב דער פריערדיקער צוריקווייזונג פונם אָנבאָט פון אַ אידישער אַרמיי. „אויב זיי ווילן אונז ניט האָבן אַלס אַן אַרמיי, מעגען זיי אויסקומען אָן אונז אַלס יחידים", איז געווען דער נאַטירלעכער געפיל פון פיל יונגע לייט. די פירער פונם ישוב האָבן געמוזט זיך שטאַרק אָנשטרענגען, כדי צו באַקעמפן די דאָזיקע סאָרט קעגנערשאַפט.

---

*) די אויבן־געבראַכטע ציפער שעפּט נישט אויס דעם פולן אַנטייל פון ארץ־ישראלס אידישע וואָלונטירן אין דער מלחמה. זי דריקט אויס בלויז די צאָל פון די סאָלדאַטן וועלכע זיינען אין אַ געוויסן מאָמענט געווען איינגעשלאָסן אין ענגלאַנדס באַוואָפנטע כוחות. זי אַנטהאַלט אָבער נישט די סאָלדאַטן, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון די רייען צוליב טויט, שווערע וואונדן, אָדער געפאַנגענשאַפט. זי לאָזט אויך אַרויס די פרויען פרייוויליקע אין די „פּאטס" (פּאַלעסטיניען טעריטאָריעל סוירוויס), די וואָלונטירן פון ארץ־ישראל אין די אַנדערע אַליאירטע אַרמייען, און די טויזנטער דאָרף־וועכטער און היים־היטער, וואָס האָבן אין די שווערע יאָרן פון 1941 און 1942 געקראָגן אַ גרינטלעכע מיליטערישע דערציאונג און זענען גרייט געווען צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, ווען מען האָט מורא געהאַט פאַר ראָמעלס דורכברוך איבער עגיפּטן און דעם סועץ־קאַנאַל. די אַלגעמיינע צאָל פון אידישע פרייוויליקע פון פאַרשידענע מינים האָט דערגרייכט צו פערציק טויזנט, און זיי האָבן אַלע געטאָן זייער פליכט.

אויב מען נעמט אין אנבאַטראַכט די דאָזיקע מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטערונגען, איז דער פרייוויליקער בייטראָג פון די ארץ־ישראלדיקע אידן צום קריג קעגן די נאַציס געווען זייער אַן אַנגעזעענער. קיין פאָלק האָט נישט דער־גרייכט אַזאַ הויכן פּראָצענט פון רעקרוטן אויף אַן אויסשליסלעך פרייוויליקן יסוד. קיין צוואַנגס־דינסט איז אין ארץ ישראל נישטאָ אויפן גרונד פונם מאַנדאַט.

די ארץ־ישראלדיקע אידן האָבן נישט נאָר וואָלונטירט אין אַ פיל גרעסע־רער צאָל איידער די מער צאָלרייכע אראַבער, נאָר זייערע מיליטערישע לייס־טונגען זענען אויך געווען אויף אַ פיל העכערער מדרגה. כאָטש אָפיציעל האָבן ענגלישע קאָמאַנדירן נישט דיסקרימינירט קעגן די אַראַבישע פרייוויליקע, האָבן זיי אין דער זעלבער צייט זיך אויסגעהיט פון נוצן זיי ערגעץ לעבן דעם פראָנט. די אידן אָבער, כאָטש די מערסטע פון זיי זענען אָפיציעל פאַררעכנט געווען אין כל־ערליי הילפס־אָפּטיילונגען, האָבן פאַקטיש געקעמפט ביי פיל געלעגנהייטן מיט דער גרעסטער העלדישקייט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין וויוועלס ערשטער אָפענסיווע אין ליביע און אין זיין ערָאָבערונג פון עריט־רעאָ און אַביסיניע. 1500 פון זיי זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אין גריכנלאַנד נאָכן טראַגישן צוריקטריט פון דער ענגלישער אַרמיי אין 1941, און זיי זענען געבליבן געפאַנגען פון די נאַציס. אידישע אינזשינער־און פּיאָנער־אָפּטיילונ־גען האָבן אויך געשפּילט אַ גרויסע און געפערלעכע ראָל אין מאָנטגאָמעריס אַנטשיידענער אָפענסיווע נאָך אַלאַמעין, וועלכע האָט געבראַכט זיין אַכטע אַר־מיי צו די טויערן פון איטאַליע. זייער קאָמאַנדיר, בריגאַדיר גענעראַל קיש, וועלכער איז געווען דער הויפּט אינזשינער פון דער אַכטער אַרמיי, איז דער־הרגעט געוואָרען פון אַ נאַצישער מינע אין טוניס. די איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט פון ארץ־ישראלס אידישע סאָלדאַטן איז ניט איינמאָל עפנטלעך געלויבט געוואָרן פון ענגלישע מיליטערישע פירער, איינשליסלעך וויוועל, מאָנטגאָמערי, און מאַיטלאַנד ווילסאָן.

דער פיינער מלחמה־רעקאָרד פונם אידישן ארץ־ישראל האָט סוף כל סוף געצוואונגען די ענגלישע רעגירונג זיך בעסער צוצוהערן צו די כסדרדיקע פאָ־דערונגען וועגן שאַפן אַ אידישע מיליטער־מאַכט. אַ באַשיידענער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון אַ „פּאַלעסטינער רעגימענט״ אינם יאָר 1943. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין זומער 1944, האָט מען אָפיציעל פּראָק־לאַמירט די גרינדונג פון אַ אידישער בריגאַדע, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער קאָמאַנדע פונם ענגליש־אידישן בריגאַדיר־גענעראַל בענדזשאַמין. כאָטש די דאָזיקע בריגאַדע איז ווייט פונם פאַרלאַנג פון אַ אידישער אַרמיי, וואָס דער ארץ־ישראלדיקער ישוב האָט אַנגעבאָטן אין אָנהויב קריג, איז זי פונדעסטוועגן אָנגענומען געוואָרן אין אידישע קרייזן אַלס די אָנערקענונג פונם

טעות, וועלכן די ענגלישע רעגירונג איז פריער באַגאַנגען און אַלס אָנזאָג פון אַ מער פריינטלעכער באַציאונג צו אידן און צום ציוניזם.

ארץ־ישראלס אידישע אינדוסטריע האָט אויך גענומען אַ היפשן חלק אין דער מלחמה קעגן נאַציזם. באַלד נאָכן אָנהויב פון קריג זענען פיל פאַבריקן איבערגעשטעלט געוואָרן אויף מלחמה־אַרבעט, און אינם יאָר 1942 האָבן אַרמיי באַשטעלונגען אויסגעמאַכט כמעט אַ העלפט פון איר גאַנצער פּראָדוקציע, וועלכע האָט דאַן באַטראָפן 25 מיליאָן פונט. די צאָל פון די אַרבעטער וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע איז פאַרדאָפּלט געוואָרן זייט 1939, און איר פּראָדוקציע באַטרעפט איצט דריי מיליאָן פונט אַ חודש. געוויסע אינ־דוסטריעלע פּראָדוקטן פון ארץ ישראל זענען באַשטעלט געוואָרן פון דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר רוסלאַנד, עס זענען אויך אַהין געשיקט געוואָרן ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן אַלס אַ טייל פון ענגלישן לענד ליס, אָדער אַלס בייטראָג פון ארץ־ישראלס אידישן ישוב.

די העברעאישע אוניווערסיטעט האָט פּראָדוצירט סערומס און אַנדערע מע־דיצינישע פּרעפּאַראַטן פאַר די אַליאירטע אַרמייען אין מזרח און דער טעכניקום אין חיפה האָט זייט דעם אָנהויב קריג געווידמעט דער מלחמה זיינע לאַבאָראַ־טאָריעס און דעם פאַכמענישן וויסן פון זיינע ספּעציאַליסטן.

אויפבוי אין מלחמה צייט

דער קריג האָט ניט אָפּגעשטעלט די אידישע אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די קאָלאָניזאַציע איז אָנגעגאַנגען ווייטער, כאָטש זי איז געשטערט געוואָרן צוליב דעם שאַרפן מאַנגעל פון אַרבעטס־קראַפט. זייט דעם אויסברוך פון קריג זענען געגרינדעט געוואָרן פופציק נייע קאָלאָניעס מיט 3000 פאַמי־ליעס. כמעט אַלע זענען געבויט געוואָרן אויפן לאַנד פון נאַציאָנאַל־פאָנד, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן פונם קרן היסוד. די מערסטע פון די דאָזיקע נייע ישובים זענען געשאַפן געוואָרן אין געאָגראַפיש וויכטיקע געגנטן פון גליל, און אין דעם פלאַכן לאַנד צווישן עזה און באר שבע אין נגב. אַ צאָל ישובים זענען אויך געגרינדעט געוואָרן אין דעם צפון מערבדיקן ווינקל פון שומרון, וואו זיי דינען אַלס אַ מין בריק צווישן די אידישע ישובים אין עמק יזרעאל, און דעם ציטרוס־גאַרטעל פון שרון. נישט נאָר פאַרשטאַרקן די דאָזיקע נייע ישובים די באַשטייענדיקע דערפער, נאָר זיי שטעלן אָפּט פאָר מיט זיך נייע טיפּן פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער שאַפונג. למשל, אייניקע פון די נייע ישובים פאַרייניקן לאַנד־ווירטשאַפט מיט פישער־פאַנג, בעת אַנדערע פאַרנעמען זיך מיט אינדוסטריע גלייכצייטיק מיט זייער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער באַוואָסערטער שטח פון די דערפער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט געמיש־

טער לאַנדווירטשאַפט איז פאַרדאָפּלט געוואָרן זייט אָנהויב קריג, און זייער אַלגעמיינע שפּייז־פּראָדוקציע איז געשטיגען מיט 35 פּראָצענט.

כאָטש אַ גרויסער טייל פון ארץ־ישראלס אינדוסטריעלן וואוקס אין דער מלחמה־צייט איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די מלחמה־באַדערפעניש, זע־נען אָבער פיל פון די נייע אינדוסטריען, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן אין די לעצטע פאַר יאָר געשאַפן געוואָרן מיט אַן אויג פאַר דער נאָך־מלחמה צוקונפט. אַזעלכע אינדוסטריען זענען, למשל, די דיאַמאַנטן וואַרשטאַטן, די פאַרמאַצעווו־טישע אינדוסטריע, די פּראָדוקציע פון ווערקצייג און אָפּטישע אינסטרומענטן. די געווינונג פון מינעראַלן פון די וואסערן פונם ים־המלח, איז מער ווי פאַר־דאָפּלט געוואָרן, און דאָס ווערט באַטראַכט אַלס אַן אָנזאָג פון אַ גרויסער אַנט־וויקלונג פון דער כעמישער אינדוסטריע נאָכן קריג. אידישע אינדוסטרי־אַליסטן, וואָס האָבן איינמאָל באַוויזן זייערע פעאיקייטן אין שווערע צייטן, האָבן שוין אויסגעאַרבעט באַשטימטע פּלענער פאַר דער איבערפירונג פון זיי־ערע פאַבריקן צו פרידלעכער פּראָדוקציע.

די ערציערישע און קולטורעלע אַקטיוויטעטן פונם אידישן ישוב האָבן אויך נישט געליטן פונם קריג. כאָטש אייניקע אידישע לער־אנשטאלטן האָבן פאַרלאָרן די געלט־שטיצע, וואָס זיי פלעגן אַמאָל רעגלמעסיק קריגן פון איי־ראָפּע, איז דער ישוב בדרך כלל אימשטאַנד געווען ווייטער אָנצוגיין מיט זיין ערציערישער טעטיקייט און אפילו זי פאַרגרעסערן און אויסברייטערן. די פאָלקס שולן, וואָס ווערן פאַרוואַלטעט פונם ועד־לאומי, האָבן איצט מער שילער איידער פארן קריג. די העברעאישע אוניווערסיטעט, דער טעכנישער אינסטיטוט, און אַנדערע העכערע לער־אַנשטאַלטן האָבן זיך ווייטער אַנטוויקלט. אַ צאָל פון ישיבות, וועמענס תלמידים צוזאַמען מיט די לערער זענען אַנטלאָפן פון פוילן און ליטע, זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל. די מער־סטע פון זיי רעכענען דאָרט צו בלייבן אויף שטענדיק און דאָס גיט ארץ־ישראל דעם שאַנס ווידער צו ווערן דער רעליגיעזער צענטער פונם וועלט־יידנטום. אַכט העברעאישע טעגליכע צייטונגען ערשיינען טעגליך אין תל אביב און ניט קוקנדיק אויפן מאַנגל פון פּאַפּיר און דער שליסונג פון אויסלענדישן מאַרק, דרוקט מען נישט ווייניקער ביכער ווי אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג. טעאַטער און מוזיק זענען אָנגעגאַנגען ווי פריער און עס מערקט זיך לעצטנס אפילו אויף דעם פעלד אַ באַדייטנדע אויפלעבונג.

די פאַרקערטע זייט פון דער מטבע איז דער גרויסער יקרות, וואָס הערשט אין ארץ ישראל זייט אָנהויב קריג. במשך די ערשטע פאַר מלחמה־יאָרן האָט די רעגירונג גאָרנישט געטאָן צו קאָנטראָלירן און באַשרענקן די פּרייזן און מען האָט זיי געלאָזט דערגיין צו זייער אַ הויכער מדרגה. אין מאַי 1943 איז דער אינדעקס פון די לאַחדים פּרייזן דערגאַנגען ביז 297 (אָננעמענדיק פאַר 100

די פּרייזן פון סעפּטעמבער 1939). כאָטש דער אַרבעט־לוין איז אויך באַדייטנד געשטיגן זייט דעם אָנהויב קריג, איז ער אָבער אין די מערסטע ווירטשאַפט־צווייגן געבליבן הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט די פּרייזן און דאָס האָט אַראָפּגעדריקט דעם לעבנס־סטאַנדאַרט צו אַ נידריגערער מדרגה איידער פאַרן קריג. פאַרן לעצטן יאָר האָבן אָבער די פּרייזן זיך מער סטאַביליזירט, און ס׳איז דאָ אַ האָפענונג אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט דער יקרות אין ארץ ישראל נישט זיין גרעסער ווי אין די אַרומיקע לענדער און דאָס וועט גרינגער מאַכן דעם איבערגאַנג צו שלום־ווירטשאַפט.

ענגלישע פּאָליטיק אין מלחמה צייט

זייענדיק לכתחילה געצילט קעגן דעם וואוקס פון דער אידישער היים אין ארץ ישראל, האָט דער ווייסער פּאַפּיר אין זיין פּראַקטישער אָנווענדונג זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שעדלעך פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם לאַנד בכלל. וואָלט די אידישע אימיגראַציע ניט באַקעמפט געווען, וואָלט ארץ־ישראלס פּראָדוקציע פון שפּייז־און מלחמה־מאַטעריאַלן געווען אַ סך גרעסער. ס׳איז אויך זייער וואַרשיינלעך, אַז די מלחמה אַרום מיטלענדישן ים וואָלט פון אָנהויב אָן געטנומען אַן אַנדער ווענדונג, ווען דער אָנבאָט וועגן אַ אידישער אַרמיי וואָלט אָנגענומען געוואָרן אין סאַמע אָנהויב קריג, פאַרגרעסערנדיק דערמיט די ענגלישע כוחות אין און אַרום דעם סועץ־קאַנאַל.

אָבער וואָס געווען איז געווען. די קורצזיכטיקע באַהאַנדלונג פונם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז געווען נישט דער איינציקער פעלער, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין לויף פון קריג. אָבער טראָץ אַלע פעלערן, איז דער זיגרייכער סוף פונם קריג איצט זיכער. די הויפּט פראַגע, וואָס אינטערעסירט איצט דעריבער די אידישע פירער פון ארץ־ישראל, איז דער גורל פונם לאַנד נאָכן קריג. דער ישוב איז איבערצייגט, אַז דאָס לאַנד קאָן נישט פּראָגרעסירן אָן אַ גרויסער נאָך מלחמה אימיגראַציע. די דאָזיקע אימיגראַציע איז נויטיק ניט נאָר צוליב דער שווערער לאַגע פון די אויסגעוואָרצלטע אידן אין אייראָפּע, נאָר אויך צוליב די עקאָנאָמישע נויטן פון ארץ ישראל אַלס אַ לאַנד. דער גאַנצער ביז אַהעריקער פּראָגרעס פון ארץ ישראל ערקלערט זיך מיטן אַריינשטראָם פון אַקטיווע, ענערגישע און אינטעליגענטע אימיגראַנטן, וואָס האָבן געהאָלפן צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד. אויב דער דאָזיקער שטראָם וועט אָפּגעשטעלט ווערן, וועט נישט נאָר דער ווייטערדיקער פּראָגרעס ווערן אוממעגלעך, נאָר אפילו אויך די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען וועלן זיין אין דער גרעסטער געפאַר. ארץ־ישראל איז אַ לאַנד, וואָס מוז גיין פאָרויס, אויב מען וויל נישט אַז עס זאָל גיין צוריק.

אינם מאָמענט ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות (נאָוועמבער, 1944) ווייסט

קיינער נישט, וואָס עס וועט זיין די ענגלישע פּאָליטיק אין ארץ ישראל נאָכן קריג. פּאַר אַ צייט האָט עס אויסגעקוקט אַז די ענגלענדער זענען פעסט אַנט־שלאָסן ווייטער אָנצוגיין מיט דער פּאָליטיק פון ווייסן פּאַפּיר. דאָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעדריקט אין די וואָפן־משפטים פון 1943, און אין די מאַסן־זוכונגען פון וואָפן אין אַפּגעזונדערטע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע זענען ניט איינמאָל געווען דער ציל פון בלוטיקע אַראַבישע אָנפאַלן. מען האָט געזוכט פון איין זייט צו אַנטוואָפּנען דעם ישוב, כדי צו מאַכן אים אומעכטיק און פון דער אַנדערער זייט איבערצייגן די עפנטלעכע מיינונג פון ענגלאַנד און אַמעריקע, אַז אידן זענען אַ שטערנדער עלעמענט אינם נאָענטן מזרח, און אַז זייער אַנטייל אין קריג איז געווען דיקטירט נישט פונם וואונש צו העלפן די אַליאירטע, נאָר פון דער שטרעבונג צו פאַרכאַפּן די מאכט אין ארץ ישראל פאַר זייערע איי־גענע צוועקן. דער ישוב, פאַרשטייענדיק די כוונות פונם דאָזיקן ווייט אויס־געטראַכטן קאַמפּיין, האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד און מיט דער הילף פון די ליבעראַלע און יושרדיקע טיילן פון דער עפנטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע, האָט זיך אים סוף כל סוף איינגעגעבן אָפּצושרייען דעם געפערלעכן אַנטי־אידישן אָנגריף.

אַן אַנדער געפערלעכער אָנגריף אויפן ישוב איז געמאַכט געוואָרן אויפן עקאָנאָמישן פעלד. ס׳איז אַ סברה, אַז די גלייכגילטיקע שטעלונג וואָס די ארץ ישראלדיקע רעגירונג האָט אין די ערשטע פאַר יאָרן פונם קריג אַרויסגעוויזן צום שטייגנדיקן יקרות אינם לאַנד, איז פון אָנהויב אָן דיקטירט געוואָרן פונם וואונטש שווערער צו מאַכן דעם איבערגאַנג פון ארץ־ישראל צו אַ פרידלעכערווירטשאַפט נאָכן סוף פון קריג. נאַטירלעך, וואָלט אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס אין ארץ ישראל געווען דער בעסטער אַרגומענט קעגן דער עפענונג פון די טויערן פונם לאַנד פאַר אידישע אימיגראַנטן. נאָך קלאָרער איז דער דאָזיקער ציל פאַרפאָלגט געוואָרן אין אַנטוויקלונגס־פּלאַן מיט וועלכן דער פריערדיקער היי־קאָמישאָנער העראַלד מעק מאיקעל איז אַרויסגעקומען אינם זומער 1943. דער גרונד־געדאַנק פונם דאָזיקן פּלאַן איז געווען, אַז ארץ־ישראל איז לויט איר נאַטור אַן אַגריקולטורעל לאַנד און אַז אנשטאט צו אַנטוויקלען ווייטער די אינדוסטריע וואָס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אין דער מלחמה־צייט, דאַרף מען איר גרעסטן טייל ליקווידירן און אָוועקשטעלן דאָס לאַנד אויף אירע „נאַטירלעכע יסודות“...

דער „אַנטוויקלונגס־פּלאַן“, וואָס איז שאַרף צוריקגעוויזן געוואָרן פון אַלע אידישע קרייזן אין ארץ־ישראל, איז געווען דער לאָגישער פועל־יוצא פונם ווייסן פּאַפּיר, וואָס קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן, ווען מען עס פאַרווירקלעכונג פאָדערט די צוריקשטופּונג פונם לאַנד, אָן וועלכער אַזאַ רעאַקציאָנערע עקאָנאָ־מישע פּאָליטיק קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן. ער איז דערפאַר שאַרף צו־ריקגעוויזן געוואָרן פון אַלע אידישע קרייזן אין ארץ־ישראל.

אין דער צייט, ווען די איבערוויגנדיקע מערהייט פונם אידישן ישוב, אונטער דער פירערשאַפט פונם ועד־הלאומי, האָט אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן דעם ווייסן פּאַפּיר אויף אַ ווירדיקן און ציוויליזירטן וועג, האָט אַ קליינע אונטערערדישע גרופּע, וואָס רופט זיך ארגון צבאי לאומי (נאַציאָנאַלע מיליטער אָרגאַניזאַציע), זיך אָוועקגעלאָזט אויפן וועג פון טעראָר. רעגירונגס־אָפּיסעס אין ירושלים, תל אביב און חיפה זענען אויפגעריסן געוואָרן מיט באָמבעס, פּאָליס־לייט זענען אַטאַקירט געוואָרן, און אַן אַטענטאַט איז געמאַכט געוואָרן אויפן לעבן פון הויי־קאָמישאָנער מעק מאַיקעל, שוין נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט רעזיגנירט פון זיין פּאָסטן. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער פונם אידישן ישוב, איינשליסלעך אפילו די רעוויזיאָניסטן, צו וועלכע די טעראָריסטן האָבן אַמאָל באַלאַנגט, האָבן זיך עטלעכע מאָל פון זיי אָפּגעטרייסלט און לעצטנס האָט דער ישוב באַשלאָסן אָנצופירן זיין אייגענעם אַקטיוון קאַמף קעגן זיי.

אין די לעצטע עטלעכע חדשים האָט דער פּאָליטישער ווינט אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט פאַר די לעצטע צוויי יאָר כסדר געבלאָזן אין אַן אַנטי־אידישער ריכטונג, אָנגעהויבן צו פאַרקערעווען זיך אויף דער אַנדערער זייט. די אַנטשידענע פאַרטיידיקונג פונם אידישן ישוב, און זיין פעאיקייט זיך אַרויסדרייען פון שיינבאַר־קונציקע פּאַסטקעס, אין וועלכע אַן אומפריינטלעכע אַדמיניסטראַציע האָט געזוכט אים אַוועקשטעלן, האָט סוף כל סוף איבערצייגט די מערסטע ענגלישע פּאָליטיקער, אַז די אידן אין ארץ־ישראל קאָן מען ניט סתם צוטרעטן מיט די פיס, און אַז מען מוז ביז אַ געוויסער מאָס זיך רעכענען מיט זייערע רעכט.

אויסער דער עטוואָס פּאַרשפּעקטיקטער שאַפונג פון אַ „אידישער בריגאַדע" איז די דאָזיקע נייע פּאָליטיק געקומען צום אויסדרוק אין דער רעזיגנאַציע פון דעם אַנט־ציוניסטישן הויי־קאָמישאָנער סער העראָלד מעק מאַיקל און דער באַשטימונג אויף זיין פּלאַץ פון מאַרשאַל גאָרט, איינעם פון ענגלאַנדס גרעסטע מיליטערישע פירער אינם איצטיקן קריג. מאַרשאַל גאָרט, וועלכער איז געקומען קיין ארץ ישראל אין אָנהויב נאָוועמבער, 1944, איז אויפגענומען געוואָרן פונם אידישן ישוב מיט באַדייטנדער צופרידנהייט אויף אַ פריינטליכן שטייגער. מען האָפט, אַז ער וועט זיין אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש, און דאָס איז אַלץ וואָס די אידן אין ארץ־ישראל ערוואַרטן איצט. מאַרשאַל גאָרט איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין אָנהויב נאָוועמבער, 1944, און ס'איז נאָך פריצייטיק אַרויסזאָגן אַ באַשטימטע מיינונג וועגן זיין פּאָליטיק. דער אידישער ישוב איז אָבער געניגט צו באַטראַכטן אים אַלס אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש און נאָך מעק מאַיקעלס רשעותדיקן רעזשים, איז דאָס אַ גרויסער שריט פאָראויס.

די שיינבאַרע פאַרבעסערונג פון די ענגליש־יידישע באַציאונגען אין ארץ ישראל שפּיגלט אויך אָפּ אין אַ גרויסער מאָס די פּראָ־ציוניסטישע שטימונגען

אין אַמעריקע, וואוביידע הויפּט פּאַרטייען, די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער און זייערע פּרעזידענט קאַנדידאַטן האָבן בעת די לעצטע וואלן זיך אַרויסגעזאָגט צו גונסטן פון אַ אידישער קאָמאָנוועלט. צי וועט אָבער די נייע ענגלישע פּאָליטיק גייען אַזוי ווייט, איז אַ פראַגע וועלכע מען קאָן נאָך דערווייל נישט פּאָרענטפערן. ס'איז אַ סברה, אַז אין לאָנדאָן איז מען מער גרייט זיך צופרידנשטעלן מיט אַ אידישער קאָמאָנוועלט אויפן קלענערן טייל פון ארץ־ישראל, אויפלעבנדיק דערמיט דעם צעטיילונגס־פּלאַן, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון פּילס קעניגלעכער קאָמיסיע אין 1937. אַן אַנדער מעגלעכקייט איז, אַז ענגלאַנד זאָל זיך אומקערן צום מאַנדאַט־רעזשים, ווי ער האָט עקזיסטירט פאַרן ווייסן פּאַפּיר, מיט אַ באַשרענקטער אימיגראַציע, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן דעם ווייטערדיקן, ווען אויך לאַנגזאַמען אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים.

אַלנפאַלס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די תקופה פון ווייסן פּאַפּיר האַלט ביי איר סוף, און אַז ארץ ישראל טרעט אריין אין אַ נייעם און מער קאָנסטרוקטיוון פּעריאָד פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

קאַפּיטל פינף

אידן אַלס פּאַרמער

בעת דעם אָנהייב פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע איז ארץ־ישראל געווען אין זייער אַן אָפּגעלאָזענעם צושטאַנד. די טעראַסן, וואָס זענען ברייט באַנוצט געוואָרן אין די ביבלישע צייטן אויף אויסצוגלייכן די אַראָפּגאַנגען פון די בערג און נישט לאָזן די רעגנס אַראָפּוואַשן זייער אויבערשטן פרוכטבאַרן באָדן, זענען כמעט אומעטום פאַרשוואונדן. אין די דורות פון פאַרנאַכלעסיקונג האָבן די שטאַרקע ווינטער־רעגנס אַראָפּגעשווענקט דעם אויבערשטן באָדן פון די בערג, אַנטפּלעקנדיק דעם שטייניקן אונטער־גרונט און מאַכנדיק זיי וויסטער און נאַקעטער מיט יעדן יאָר.

די וועלדער, וואָס האָבן אין אַמאָליקע צייטן באַדעקט א גרויסן טייל פונם לאַנד, האָבן מער נישט עקזיסטירט. סטאַדעס פון ציגן, געטריבן דורך גלייכגילטיקע אַראַבישע פּאַסטוכער האָבן צו ביסלעך פאַרניכטעט זייער מעגלעכן נאָכוואוקס. די שטאַרקע ווינטן פון ים, נישט באַגעגנדיק קיין ווידערשטאַנד פון וועלדער און גערטנער, האָבן כסדר געטריבן די זאַמד־בערגלעך (דיונעס) אינעם אינערן טייל פון לאַנד. באַגעגנדיק אַלץ אַ געדיכטערע וואַנט פון זאַמד־דיונעס, האָבן די טייכלעך, וואָס פליסן צום מיטל־מעער, זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין גרויסע בלאָטעס ביים צוקומען צום ים־ברעג. די דאָזיקע בלאָטעס האָבן נישט נאָר פאַרמינדערט די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוויטעט פון ארץ־ישראל, נאָר זיי זענען אויך געוואָרן די קוועלע פון אַן אַלגעמיין־פאַרשפּרייטער מאַלאַריע, וואָס האָט פאַרוואַנדלט פיל פרוכטבאַרע לאַנד־שטרעקן אין אַ פּלאָג פאַר זייערע איינוואוינער.

אין לויף פון הונדערטער יאָרן איז דער ארץ־ישראלדיקער באָדן אויסגעמאַטערט און אויסגעשעפּט געוואָרן דורך פּרימיטיווער באַאַרבעטונג, און גאָרנישט איז געטאָן געוואָרן צו באַנייען זיין פרוכטבאַרקייט. פיל אַראַבישע דערפער זענען ממש אויסגעבויט געוואָרן אויף פלאַסטן פון בהמות־מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דאָרט אין לויף פון דורות: די אומוויסנדע פעלאַכן האָבן עס קיינמאָל נישט באַנוצט פאַר זייערע פעלדער...

קיין באַוואַסערונג פון פעלדער האָט כמעט אין ערגעץ נישט עקזיסטירט. די מילך־און עופות־ווירטשאַפט זענען געשטאַנען אויף זייער אַ נידריקער מדרגה. אַ דורכשניטלעכע קו האָט געגעבן נישט מער ווי 800 ליטער מילך

אַ יאָר און אַ הון האָט געלייגט נישט מער ווי 70 אייער יערלעך. די ווייץ־ערנטע האָט זעלטן ווען איבערגעשטיגן 650 קילאָגראַם אויף אַ העקטאַר.

די אַראַבישע פויערים, די פעלאַכן, האָבן געלעבט אויף זייער אַ פּרימי־טיוון אופן. לויט זייער גאָר נידריקן לעבנס־סטאַנדאַרט האָט מען זיי געקאָנט פאַרגלייכן מיט די אָרעמסטע פויערים פון אינדיע און כינע.

פאַרבעסערונגען און רעזולטאַטן

עס וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז די דאָזיקע אַלע חסרונות זענען שוין באַזייטיקט געוואָרן, און אַז גאַנץ ארץ ישראל האָט זיך ראַדיקאַל געענ־דערט פאַר די לעצטע פופציק יאָר. אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג וואָלט געפאָ־דערט די אַרבעט פון דורות. דאָך איז דער דערגרייכטער פּראָגרעס אומגע־הויער גרויס. אַ דאַנק די אומדערמידלעכע אָנשטרענגונגען פון אידישע לאַנד־ווירטן, זענען גרויסע שטרעקן לאַנד אַרויפגעבראַכט געוואָרן צו אַ העכער מדרגה פון פּרוכטבאַרקייט און צו אַ גוטן סאַניטאַרישן צושטאַנד. פאַר די לעצ־טע צען יאָר אַליין האָבן אידישע עפנטלעכע אינסטיטוציעס אויסגעגעבן איבער זעקס מיליאָן גאָלד־דאָלאַר אויף פונדאַמענטאַלע אַגריקולטורעלע אויסבעסע־רונגען, ווי, למשל, אויסטריקענונג פון בלאָטעס, דרענאַזש, ווידער־באַוואַלדונג און דורכפירונג פון דאָרפישע וועגן. אין די מערסטע פאַלן זענען אַזעלכע צוגרייטונגס־אַרבעטן געווען אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר זיכערער און אויס־זיכטסרייכער קאָלאָניזאַציע.

כדי צו העכערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארץ ישראלדיקער לאַנד־ווירטשאַפט האָבן אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטן איינגעריכטעט עטלע־כע עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס. זייער אויפגאַבע איז אויסצוגעפינען און איינפירן בעסערע מעטאָדן פון אַגריקולטור, אויספּרובירן נייע און מער פּראָ־דוקטיווע סאָרטן פון תבואה און פּרוכט און אויפהאָדעווען בעסערע ראַסן פון הויז־בהמות און עופות. זייער אַרבעט ווערט שטאַרק געשטיצט דורך די אי־דישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און איינצלנע קאָלאָניסטן.

אַ דאַנק די דאָזיקע אַלע אָנשטרענגונגען באַטרעפט איצט די דורכשניט־לעכע ווייץ־ערנטע אין אידישע זידלונגען אַרום 1300־1400 קילאָגראַם אויף אַ העקטאַר, אַנשטאָט דעם פריערדיקן אַראַבישן סטאַנדאַרט פון 700 — 750 קילאָגראַם. דער ערטראַג פון אַנדערע קולטורן, וואָס ווערן פאַרזייט אויף באַ־וואַסערטן באָדן, איז נאָך פיל העכער. אַ באַוואָסערטער העקטאַר פון בוריקעס וואָס ווערן באַנוצט אַלס קאָנצענטרירטע שפּייז פאַר בהמות, גיט אַ גרעטעניש פון 120 און אַמאָל 140 טאָן! אַ פינפטל העקטאַר פון באַוואָסערטן לאַנד גיט גענוג בהמה־פוטער, מערסטנס לוצערנע און קלעווער, אויף אויסצוהאַלטן אַ קו. קלעווער, קולטיווירט אויף באַוואָסערטן באָדן אין ארץ ישראל, איז גע־

שניטן געוואָרן אַכט מאָל אַ יאָר, און האָט געגעבן בסך־הכל ביז 85 טאָן אַ העקטאַר. אין שכנותדיקן עגיפּטן, וואָס געניסט נאַטירלעכע באַוואַסערונג פונם ניל, ווערן פינף ערנטעס אַ יאָר מיט אַן אַלגעמיינעם ערטראַג פון זיבעציק טאָן, באַטראַכט אַלס זייער אַ גוטער רעזולטאַט! *).

זייער וויכטיקע רעזולטאַטן זענען דערגרייכט געוואָרן אויפן פעלד פון מילך־ווירטשאַפטן און עופות־צוכט. די מעלקנדיקע בהמות אין די אידישע ישובים זענען שטאַרק אויסגעבעסערט געוואָרן דורך קרייצן אָרטיקע און סי־רישע ראַסן מיט אימפּאָרטירטע האָלענדישע און פריזישע מינים. די דורכ־שניטלעכע מילך־קו אין אַ אידישער ווירטשאַפט גיט שוין איצט אַרום 3500 ליטער מילך אַ יאָר, אַ פאַרגלייך מיט די 700 — 800 ליטער פון אַ געוויינלעכער אַראַבישער קו. אין נהלל, אַ מושב־עובדים אין עמק יזרעאל, האָט אַ בהמה, געבוירן אין ארץ ישראל פון סירישע און האָלענדישע עלטערן, געגעבן נישט ווייניקער פון 8402 ליטער אין 323 מעלק־טעג פון אַ יאָר!

אַ דאַנק דער דערפאָלגרייכער אַקלימאַטיזאַציע פון בעסערע מינים הינער אין די אידישע ווירטשאַפטן, גיט איצט אַ דורכשניטלעכע הון אין אַ אידישן ישוב — 150 אייער אַ יאָר. דאָס איז נאָענט צום אַמעריקאַנער סטאַנדאַרט און צוויי מאָל מער, איידער עס פלעגט געבן די מינדערוועדטיקע הון פונם אַראַ־בישן פעלאַך...

זעקס יאָר נאָך דעם פלאַנצן פון אַ פּרדס, נעמט מען פון אים אַראָפּ אַרום 70 קעסטלעך מאַראַנצן אויף אַ דונאַם (700 קעסטלעך פון אַ העקטאַר). דאָס איז מיט פערציק פּראָצענט מער איידער אין קאַליפאָרניע, ווו מען באַגנוגנט זיך אויפן זעלבן יאָר מיט אַן ערטראַג פון 200 קעסטלעך אויף אַן אַקער (50 קעסטלעך פון דונאַם **).

די הערפאַרונג פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל האָט איבערצייגנד באַוויזן, אַז די אַגריקולטורעלע מעגלעכקייטן פון ארץ ישראל זענען בכלל העכער פון די פריערדיקע אָפּשאַצונגען. אמת, ארץ ישראל איז לויט איר קלימאַט און געאָגראַפישע לאַגע נישט באַזונדערס פּאַסיק פאַר גע־ווינלעכער תבואה. טרוקענע לאַנדווירטשאַפט לויטן אויסטראַלישן אָדער אַר־גענטינער מוסטער לוינט זיך דאָרט נישט אַזוי שטאַרק. אויסער דעם זענען די קאָסטן פון לאַנד אין ארץ ישראל פיל העכער, איידער אין די פרייע פעלדער פון דער נייער וועלט, און דער שטח, וואָס קאָן דאָרט אויסגענוצט ווערן פאַר אַגריקולטור, איז בכלל מער באַשרענקט. דערצו וואָלט אַ טרוקענע לאַנדווירט־שאַפט, וואו גרויסע שטחים לאַנד ווערן באַאַרבעט מיט אַ סך מאַשינען און ווייניק

---

*) ש. צמח, דאָס אידישע דאָרף, ירושלים 1933, זייט 11.

**) אין ארץ ישראל פלאַנצט מען געוויינלעך פופציק ביימער אויף אַ דונאַם בעת אין קאַליפאָרניע באַגנוגנט מען זיך מיט דרייסיק. אין שפּעטערדיקע יאָרן איז דעריבער דער אונטערשיד פונם ערטראַג פיל קלענער.

אַרבעטס־הענט, ניט געקאָנט ווערן קיין באַזע פאַר אַ באַדייטנדער אידישער איינוואַנדערונג.

שטח און קלימאַט

דער גאַנצער שטח פון ארץ ישראל איז 10.100 קוואַדראַט מייל וואָס אַנט־האַלט אין זיך 26.319.400 דונאַם, אָדער 2.631.940 העקטאַר. מינדעסטנס אַ העלפט פונם דאָזיקן שטח איז פּאַסיק פאַר אַגריקולטור.

אמת, דער אָפיציעלער באַריכט פונם לאַנד־קאָמישאַנער פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג, וואָס איז דערשינען אינם יאָר 1930, שאַצט אָפּ דעם קולטיווירבאַרן שטח פון ארץ ישראל אין בלויז 12.233.000 דונאַם. דערביי באַטראַכט ער אָבער אַלס קולטיווירבאַר נאָר אַזעלכע באָדנס, וואָס וואָלטן געקאָנט באַאַרבעט ווערן מיט די געוויינלעכע מיטלען פון אַן ארץ ישראלדיקן אַראַבישן פעלאַך. דאָס שליסט נאַטירלעך אויס די מערסטע בלאָטעס, די זאַמד־דיונעס אויפן ים־ברעג, דיווילדענישן פון יהודה און די מדבר־שטרעקן צום דרום פון באר שבע. אידישע פאַכמענער זענען דעריבער איבערצייגט, אַז מיט סיסטעמאַטישער אויסבעסערונגס־אַרבעט און דעם ווידער־אויפבוי פון די טע־ראַסן אין אייניקע באַרגיקע געגנטן, וועט מען דעם אַלגעמיינעם שטח פון באָדן, דערברענגען מינדעסטנס צו פערצן מיליאָן דונאַם. אייניקע פון זיי גלויבן אפילו, אַז די ברייטע טרוקענע געגנטן צווישן באר שבע און דעם ים־איינגוס פון אַקאַ־באַ אַנטהאַלטן א סך אונטערערדישע וואַסער, און קאָנען געניצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפט. זיי זענען דעריבער גענויגט צו שאַצן דעם אַלגעמיינעם שטח פון לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן אין ארץ ישראל אויף בערך 15 מיליאָן דונאַם. פון דער אַנדערער זייט איז פאַראַן אַ באַריכט פונם דירעקטאָר פון לאַנד־מעס־טונגען, וועלכער שאַצט אָפּ דעם קולטיווירבאַרן שטח פונם לאַנד אויף בלויז 8.044.000. די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז מערסטנס דערגרייכט געוואָרן אויפן גרונט פון אַן אַעראָפּלאַן־איבערזיכט פון טיפּישע בערג־געגנטן, און זי פאַר־דינט דעריבער נישט קיין ערנסטע באַציונג.

דער שטח באָדן, וואָס ווערט באמת קולטיווירט ביים היינטיקן טאָג, באַ־טרעפט פון זיבן ביז אַכט מיליאָן דונאַם. בערך אַ פינפטעל פון דעם ווערט באַ־אַרבעט פון אידן.

דער קלימאַט פון די מערסטע געגנטן אין ארץ ישראל, אַ לאַנד, וואָס ליגט צווישן דעם 30־טן און 34־טן גראַד פון נאָרדלעכער ברייט, קאָן גיכער באַצייכנט ווערן אַלס סובטראָפּיש אײדער מעסיק. די רעגנס הויבן זיך גע־וויינלעך אָן אין אָקטאָבער — נאָוועמבער און ענדיקן זיך אין אַפּריל־מאַי. געוויינלעך איז צווישן יוני און סעפּטעמבער ניטאָ קיין רעגן, אָבער דער וואוקס פון פלאַנצונגען ווערט אין דער צייט אונטערגעהאַלטן דורך אַ שטאַרקן טוי.

מיט אויסנאַמען פון די העכערע בערג איז אין ארץ ישראל נישטאָ קיין שניי און די טעמפּעראַטור פאַלט כמעט קיינמאָל נישט אַראָפּ ביז צו אַ פראָסט. דער דורכשניטלעכער כמות פון רעגן־וואַסער איז אַרום 580 מילימעטער (23 אינטשעס) אַ יאָר, און די דורכשניטלעכע טעמפּעראַטור עטוואָס אונטער צוואַנציק גראַד צעלזיוס (68 פאַרנהייט). די צאָל פון די רעגנדיקע טעג אינם לויף פון יאָר איז אין תל־אָביב 60, און אין ירושלים — 51. דער יערלעכער דורכשניט פון רעגנדיקע טעג פאַרן גאַנצן לאַנד איז בערך 55.

אַ דאַנק זיין קלימאַט איז ארץ־ישראל זייער גוט צוגעפּאַסט פאַר פאַרשיידענע פּרוכט־ביימער און פאַר אינטענסיווער גאָרטן־ווירטשאַפט אויף באַוואַסערטן באָדן. גראָד די שאַרפע צוטיילונג פונם יאָר אין אַ רעגנדיקן און טרוקענעם פּעריאָד גיט כל־ערליי פּרוכטן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער פיינסטן אַראָמאַט, אָן זיין אָפּשוואַכונג דורך רעגנס.

מעגלעכקייטן פון באַוואַסערונג

אַ גוטע העלפט פון די ארץ ישראלדיקע באָדנס קאָן באַוואַסערט ווערן דורך אונטערערדישע וואַסער, אָדער דורך צופירן דאָס וואַסער פון אַרומיקע טייכלעך און קוואַלן. אמת, די קאָסטן פון געפונען דאָס וואַסער און ברענגען עס אין די פעלדער זענען אַמאָל צו הויך. פונדעסטוועגן איז קיין ספק נישטאָ, אַז די טייערע באָדן־פרייזן און דער אַלץ שטאַרקערער דראַנג פון אידן צו באַזעצן זיך אויף אַ נאַטירלעך באַשרענקטן שטח וועט צווינגען זיי צו באַנוצן זיך מיט דער באַוואַסערונג אין אַן אַלץ גרעסערן פאַרנעם. גראָד אין די לעצטע פאַר יאָר האָט מען אַ דאַנק מאָדערנערע בויער־מאַשינען געקריגן א סך אונטער־ערדיש וואַסער אין געגנטן, וועלכע געאָלאָגן האָבן ביז אַהער געהאַלטן פאַר האָפענונגסלאָז. די דאָזיקע וואַסער־אַנטדעקונגען שיינען צו באַשטעטיקן די מיינונג, אַז דער נאָך ווייניקער באַזעצטער זידלעכער טייל פון דער שפלה, דעם פלאַכן לאַנד ביים מיטל־מער, קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַרטזעצונג פון די בליענדע גערטנער פון שרון.

פאַכמענער רעקאָמענדירן אויך דעם בוי פון דאַמבעס, וואָס זאָלן פאַרהאַלטן דאָס רעגן־וואַסער פון אייניקע טאָלן צווישן די בערג און קאַנען באַנוצט ווערן אין זומער פאַר באַוואַסערונג. ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז טויזנטער דונאַם אין די בערגיקע טיילן פון לאַנד, וואָס ווערן איצט באַטראַכט פאַר לחלוטין ווערטלאָז, וואָלטן דורך אַזאַ מיטל געקאָנט באַפלאַנצט ווערן מיט פּרוכט־ברענגענדע בוימער און גרינסן.

נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר באַוואַסערונג ווערן פאַראויסגעזען אינם פּלאַן פון ד״ר לאָודערמילק, איינעם פון די גרעסטע באָדן־עקספּערטן אין אַמעריקע. זיין פּלאַן, וואָס איז אַנטהאַלטן אין אַ בוך, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1944, שלאָגט פאַר די שאַפונג פון אַ ירדן וואַלי אָטאָריטי,

לויטן ביישפיל פון דער טענעסי וואלי אָטאָריטי אין אַמעריקע. ער וויל אויס־נוצן דעם פאַקט, וואָס דער ים המלח איז מיט 1291 פוס אונטער דעם שפיגל פון מיטלענדישן ים אויף צו גראָבן אַ קאַנאַל פונם מיטלענדישן ים צום ים המלח, און אויסנוצן אים פאַר פּראָדוצירן מער עלעקטרישע קראַפט, איידער מען וואָלט געקאָנט קריגן פונם ירדן. דאָס וועט געבן די מעגלעכקייט אויסנוצן דאָס וואסער פונם ירדן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע צוועקן פאַרגרעסערנדיק דערמיט דעם אַלגעמיינעם שטח פון באַוואָסערטן באָדן אין ארץ־ישראל ביז איבער פינף מיליאָן דונאַם. ביים היינטיקן טאָג איז פאַקטיש דער באַוואָסער־טער שטח ווייניקער ווי אַ צענטל פונם שטח וואָס קאָן באַוואָסערט ווערן.

אידישע פאַרמערס און די אַראַבער

די פאַרבעסערונגען וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן פון די אידישע פאַר־מערס אין ארץ ישראל, האָבן שוין אָנגעהויבן קריגן אַ ווירקונג צום גוטן אויף דער לאַנדווירטשאַפט פון זייערע אַראַבישע שכנים, און זיי האָבן אויך אַ וויר־קונג אויף דער אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג פון די אַרומיקע אָריענטאַלישע לענדער. די סיריער קויפן יעדעס יאָר ביי אידישע קאָלאָניסטן אַ באַדייטנדע צאָל פון ראַסיגע הינער מיטן צוועק צו פאַרבעסערן דערמיט די קוואַליטעט פון זייערע אייגענע עופות. די עגיפּטישע רעגירונג שיקט יעדעס מאָל אירע אַגראָנאָמען קיין ארץ ישראל צו שטודירן די נייסטע דערגרייכונגען פון די ידישע פאַרמערס און נאָכמאַכן אייניקע פון זייערע מעטאָדן אין עגיפּטן. אַ געוויסע צאָל פון האָלענדישע קי, וואָס זענען אויסגעוואָקסן און אַקלימאַטיזירט זיך אין ארץ־ישראל, זענען, למשל, געקויפט געוואָרן פאַר אַ פּריוואַטן עקספּע־רימענטאַלן גוט פונם עגיפּטישן קעניג.

די ארץ ישראלדיקע רעגירונג נוצט אויס פון איר זייט די קוואַליטאַטיווע דערגרייכונגען פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אַלס אַ ביישפיל און אויס־גאַנג־פּונקט פאַר אירע באַמיאונגען צו פאַרבעסערן די אַגריקולטורעלע מעטאָדן פון די אַראַבישע פויערים. אירע עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס, — די וויכ־טיקסטע פון זיי, ביי עכו, איז די גרעסטע אינם נאָענטן מזרח — פאַרשפּרייטן אָפט אידישע זריעה און יונגע בוימלעך אויף צו פאַרשפּרייטן אין די אַראַבישע דערפער.

די פלאַנצונג פון וועלדער

אין פיל אַראַבישע דערפער, וואָס גרעניצן זיך מיט אידישע קאָלאָניעס, מערקט מען גלייך די גוטע ווירקונג פון זייערע מער קולטורעלע שכנים. אנשטאָט די ליימענע כאַלופּקעס, וואָס זענען אַמאָל געווען די אויסשליסלעכע וואוינונגען פון אַראַבישן פעלאַך, טרעפט מען דאָרט גאַנץ פיינע הייזלעך פון

שטיין אָדער געברענטע ציגל מיט פֿאַרביקע ציגל־דעכער און מיט באַוואַסערטע גרינס־גערטנער און סעדער ארום זיי. די פעלדער אַרום אַזעלכע דערפער ווערן קולטיווירט אויף אַ מער אינטענסיוון שטייגער, און מיט בעסערע מעטאָדן איידער אין די פּראָווינצן ווינקלען פונם לאַנד, וואו דער אידישער איינפלוס איז ווייניקער קאַנטיק.

באַזונדערס וויכטיק איז די אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אינם לאַנד אויפן געביט פון וועלדער פלאַנצונג. דער צוועק פון דעם איז צוריקצוגעבן ארץ ישראל כאָטש אַ טייל פון די גרויסע וואַלד־שטחים, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט אין די ביבלישע צייטן. דאָס וואָלט פאַרבעסערט דעם קלימאַט פונם לאַנד און אויך געהאָלפן בעסער צו פאַרטיילן די פייכטקייט איבערן יאָר.

דער אָנהויב פון וואַלד־פלאַנצונג איז געמאַכט געוואָרן פונם יידישן נאַציאָנאַל פאָנד, וועמענס וואַלד־שטרעקן, וואָס פאַרנעמען אַ שטח פון בערך 10.000 דונאַם, זענען די בעסטע אין לאַנד. די רעגירונג טוט אָבער איצט די דאָזיקע אַרבעט אין אַ גרעסערן פאַרנעם. זי האָט אויסגעטיילט 236 וואַלד־רעזערוון, מיט אַן אַלגעמיינעם שטח פון 740.432 דונאַם. אַ טייל פונם דאָזיקן שטח איז שוין פאַרפלאַנצט געוואָרן.

וואַנדערנדיק איבער די בערג פון ארץ ישראל, האָב איך זיך נישט איינמאָל אָנגעשטויסן אויף ניי־געפלאַנצטע בוימער, וואָס וואַקסן זיך פאַנאַנדער צווישן ווילד־אָפּגעלאָזענע פעלזן. די דאָזיקע פלאַנצונגס־אַרבעט איז דאָס בעסטע וואָס דער בריטישער רעזשים האָט אויפגעטאָן אין ארץ ישראל, און דאָס איז מכפּר אין מיינע אויגן אַ טייל פון זיינע אַנדערע חסרונות. לײדער איז אָבער די דאָזיקע אַרבעט אונטערגעבראָכן געוואָרן אין דער צייט פון די לעצטע אַראַבישע אומרוען פון 1936־1938, ווען די פּויערים האָבן אין אייניקע געגנטן אויסגענוצט דעם אָפּגעשוואַכטן רעגירונגס־קאָנטראָל, כדי צו ברעכן די דראַטענע פּלויטן, וואָס האָבן געשיצט די ניי פאַרפלאַנצטע בערג־שטחים, און אַרויפגעלאָזט אויף זיי זייערע ציגן... און וואו עס באַלעבאַטעוועט אַ הונגעריקע אַראַבישע ציג קאָן קיין יונגער וואַלד נישט וואַקסן...

דער פאַרנעם פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט

אינם אָנהויב פון 1942 האָט ארץ־ישראל פאַרמאָגט 265 אידישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ישובים, מיט אַ באַפעלקערונג פון 140.000 און אַ לאַנד שטח פון 1,594.000 דונאַם. ביים היינטיקן מאָמענט, סוף 1944, איז די צאָל פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אָפּגעשאַצט געווען אין 300, מיט אַ באַפעלקערונג פון 146.000, און אַ לאַנד שטח פון 1.700.000 דונאַם. דער פּראָצענט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג צווישן דעם גאַנצן אידישן ישוב איז אַרום 24 פּראָצענט.

נישט אַלע איינוואוינער פון די דערפער זענען אָבער דירעקט פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. איניקע פון די עלטערע און גרעסערע דערפער, אַנהאַלטנדיק אַ קערנדל פון פאַרמערס, ווערן אָבער אין דער זעלבער צייט פאַרוואַנדלט אין אינדוסטריעלע שטעטלעך. אפילו די קיבוצים, וואָס זענען לכתחילה געבויט געוואָרן אויסשליסלעך אויף לאַנדווירטשאַפט, פאַרמאָגן איצט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין וועלכע ס'איז באַשעפטיקט אַ טייל פון זייערע מיטגלידער. צווישן די אידישע פאַרדינער אינם לאַנד מאַכן אויס די לאַנדאַרבעטער פון 18 ביז 20 פראָצענט.

דאָך איז דער אָנטייל פון די ארץ־ישראלדיקע אידן אין דער לאַנדווירטשאַפט פיר ביז פינף מאָל גרעסער איידער פון יעדן אַנדערן יידישן קיבוץ אין דער וועלט. אידן אין ארץ־ישראל זענען צוטיילט אויף אַ מער נאָרמאַלן אופן צווישן שטאָט און דאָרף, איידער אין יעדן אנדערן לאַנד אין דער וועלט.

כאָטש לאַנדווירטשאַפט פאַרנעמט צווישן אידן אין ארץ־ישראל אַ סך אַ גרעסערן פלאַץ, איידער אין אַלע גלות־לענדער, זענען אָבער וויטאַליסטיקע ציוניסטישע פירער שטאַרק באַזאָרגט צוליב דער שטרעבונג פון דער פאַרגרעסערטער אימיגראַציע פון די לעצטע עטלעכע יאָרן פאַרן קריג זיך צו קאָנצענטרירן אין די פּאָר גרעסערע שטעט, ווידער שאַפנדיק אַן איינזייטיקע עקאָנאָמישע סטרוקטור. מען האָט באַזונדערס מורא, אַז די דאָזיקע שטרעבונג זאָל זיך אַרויסווייזן אויפסנײַ, ווען עס וועט זיך אָנהויבן די מאַסן־אימיגראַציע, אויף וועלכע מען ריכט זיך נאָכן איצטיקן קריג. אַזאַ אַנטוויקלונג ווערט באַטראַכט אַלס געפערלעך און מען זוכט זי צו פאַרמיידן דורך נייע אָנשטרענגונגען צו פאַרגרעסערן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן טייל פונם אידישן ארץ־ישראל.

דער כסדרדיקער וואוקס פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל שפיגלט זיך אָפּ אין דער פאָלגענדער טאַבעלע:

יאָר	צאָל ישובים	צאָל איינוואוינער	שטח (אין דונאַמען)
1899	22	5,000	300,000
1914	43	12,000	400,000
1922	73	15,000	600,000
1930	107	45,000	1,050,000
1933	135	52,000	1,260,000
1936	204	95,000	1,480,000
1942	265	146,000	1,594,000
1943	276	152,000	1,640,000

לאַנדווירטשאַפטלעכע אינוועסטמענטס

דער סך־הכל פון די אידישע אינוועסטמענטס אין ארץ־ישראלס אַגריקולטור באַטרעפט ארום 120 מיליאָן גאָלד דאָלאַר. כמעט אַ העלפט פון דער דאָזיקער סומע, איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין ציטרוס־פּלאַנטאַציעס. (פּרדסים).

אין דער צייט, וואָס די מערסטע אינוועסטמענטס אין די פּרדסים זענען פּריוואַטער קאַפּיטאַל, זענען די מערסטע אַנדערע צווייגן פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט הויפּטזעכלעך פינאַנסירט געוואָרן פון נאַציאָנאַלע פאָנדן, וואָס זענען בייגעטראָגן געוואָרן פאַרן ישוב אין ארץ ישראל. דער גרעסטער פון די דאָזיקע פאָנדן איז „דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד" (קרן קימת לישראל), וואָס האָט זייט דעם לעצטן קריג אויסגעגעבן 32.000.000 דאָלאַר אויף איינקויפן באָדן. אין דער זעלבער צייט האָבן די אַגריקולטורעלע אינוועסטמענטס פונם קרן היסוד, וואָס פאַרנעמט זיך אויסער מיט לאַנדווירטשאַפט מיט אַנדערע קאָלאָניזאַטאָרישע און אַנדערע אויפגאַבן, באַטראָפן 18 מיליאָן דאָלאַר. די פּיקא, וועלכע האָט אינם יאָר 1900 איבערגענומען די ארץ ישראלדיקע טעטיקייטן פון באַראָן ראָטשילד, האָט צוזאַמען מיט די פריערדיקע אינוועסטמענטס פונם נדיב הידוע, אַריינגעלייגט אין די ארץ ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט די סומע פון 14.000.000 דאָלאַר.

דער נאַציאָנאַל פאָנד און די פּיקא באַזיצן צוזאַמען דעם גרעסטן טייל פונם אידישן באָדן אין ארץ־ישראל. אין אויגוסט 1943 האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד פאַרמאָגט 657.267 דונאַם, און זיין היינטיקער לאַנד־באַזיץ (ענדע 1944) באַטרעפט ביי 700 .000 דונאַם. אַזוי אַרום פאַרמאָגט דער נאַציאָנאַל פאָנד אַליין אַרום פערציק פּראָצענט פונם גאַנצן אידישן לאַנד־שטח. די פּיקא, וועלכע האָט, צום אונטערשיד פונם נאַציאָנאַל פאָנד, כמעט אָפּגעשטעלט איר באָדןקויף אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, האָט ביזן יאָר 1935 אָפּגעקויפט בסך הכל 498.000 דונאַם. אַ טייל פונם דאָזיקן לאַנד איז אָבער אין די לעצטע יאָרן איבערגעשריבן געוואָרן אויפן נאָמען פון איינצלנע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אָפּגעצאָלט זייערע אַמאָליקע חובות. דאָך פאַרמאָגט נאָך פּיקא די גרעסטע העלפט פונם באָדן וואָס זי און אירע פאָרגענגער האָבן איינגעקויפט.

צום אונטערשיד פון דער פּיקא, פאַרקויפט דער נאַציאָנאַל פאָנד קיינמאָל נישט קיין באָדן. ער פאַרדינגט עס בלויז צו אַ מאַקסימום פון 49 יאָר מיטן רעכט צו באַנייען דעם קאָנטראַקט צו אַזעלכע אידישע פאַרמערס, וואָס פאַרפליכטן זיך צו באַאַרבעטן עס מיט זייערע אייגענע אָדער לכל הפּחות אידישע הענט.

כאָטש אידן פאַרמאָגן בלויז 18 פּראָצענט פון ארץ־ישראלס קולטיווירטן באָדן, איז דער ווערט פון די פּראָדוקטן, וואָס זיי קריגן אַרויס פון זייערע פאַרמס, כמעט דרייסיק פּראָצענט פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע אין לאַנד. זיי פאַרנעמען אַ באַזונדערס וויכטיקע פּאָזיציע אין די יעניקע צווייגן פון אַגריקולטור, וואָס פאָדערן אַן אינטענסיווע באַאַרבעטונג. אַזוי אַרום געבן זיי אַרויס 55 פּראָצענט פון ארץ ישראלס מאַראַנצן און גרייפּפרוכט, 30 פּראָצענט פון איר הינער־ווירטשאַפט און דרייסיק פּראָצענט

פון איר מילכיקס. דערפאַר אָבער פּראָדוצירן זיי בלויז זעקס פּראָצענט פון דער תבואה, וואָס ארץ ישראל גיט אַרויס.

ציטרוס פלאַנצונגען (פּרדסים)

ווי געזאָגט, האָבן ציטרוס־פלאַנצונגען (פּרדסים) אַריינגעצויגן דעם מערסטען פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וואָס אידן האָבן אַריינגעלייגט אין דער לאַנדווירטשאַפט. דער שטח פון די אידישע פּרדסים באַטרעפט איצט 160 טויזנט דונאַם. דער שטח פון די אַראַבישע פּרדסים איז 120.000 דונאַם.

דער עקספּאָרט פון ציטרוס־פּרוכט אין די לעצטע דריי פאַר־מלחמה־יאָרן האָט באַטראָפן אין קעסטלעך:

יאָרן (סעזאָן)	צאָל פון קעסטלעך
1937—1936	10,795,894
1938—1937	11,444,408
1939—1938	15,264,776

נײַנציק פּראָצענט פון די עקספּאָרטירטע ציטרוס־פּרוכט באַשטייט פון מאַראַנצן, ניין פּראָצענט פון גרעיפּ־פּרוכט, איין פּראָצענט פון לימענעס. דורכשניטלעכע מאַראַנצן גיין 120 אין אַ קעסטל, גרעיפּ־פּרוכט — 80, לימענעס — 150.

ארץ ישראל האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען דעם צווייטן פּלאַץ צווישן די ציטרוס־עקספּאָרטירנדע לענדער, נאָך שפּאַניע. דער דאָזיקער עקספּאָרט האָט אויפגעהערט, ווען די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט דעם האַנדלס־פאַרקער איבערן מיטלענדישן ים. די ציטרוס־פלאַנצערס האָבן פון דעם געהאַט אַ סך היזק און פיל זענען רואינירט געוואָרן; אַ טייל פון די פּרדסים זענען אויסגעוואַרצלט געוואָרן, כדי צו פאַרבייטן זיי מיט גרינס־גערטנער. אין ארץ ישראל האָפט מען אָבער, אַז ווען דער שיף־פאַרקער איבערן מיטלענדישן ים וועט ווערן נאָרמאַל, וועלן ארץ ישראלדיקע מאַראַנצן און גרעיפּ־פּרוכט ווידער פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אויף די אייראָפּעאישע מערק. די פירער פון די פּרדסנים זענען איבערצייגט, אַז דער נאָך־מלחמה פאַרלאַנג נאָך פּרוכט, וואָס אַנטהאַלטן וויטעמינס, וועט צוריק שטעלן די ציטרוס־אינדוסטריע אויף אַ געזונטן פונדאַמענט.

דער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אַריינגעלעגט אין אַ דונאַם פון פּרדס, האָט פאַר דער מלחמה באַטראָפן פון 75 ביז 90 ענגלישע פונט. דאָס האָט איינגעשלאָסן דעם פּרייז פונם לאַנד, די אינסטאַלירונג און ליפערונג פון וואַסער, און די באַאַרבעטונג פונם יונגן פּרדס ביז די ערשטע פּרוכט.

ס'איז אַ ספק, צי ערגעץ־וואו אין דער וועלט ווערן ציטרוס־ביימער קול־

טיווירט אויף אַ מער אינטענסיוון און מער וויסנשאַפטלעכן אופן, איידער אין ארץ־ישראל. די ארץ־ישראלדיקע ציטרוס־עקספּערטן נוצן און פאַרבעסערן אַליין די בעסטע און נייסטע מעטאָדן פון אַנדערע לענדער. זיי געבן ספּעציעל אַכטונג אויף יעדן בוים באַזונדער. אין אַ פּאָר פון די גרעסטע פּרדסים ווערט אפילו געפירט אַ פולשטענדיקע קאַרטן־סיסטעם (קאַרטאָטעק). יעדער איינציקער בוים איז רעגיסטרירט אויף אַ באַזונדער קאַרטל, וואו ס׳איז פּינקטלעך פאַרשריבן יעדע סאָרט אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן ארום אים, די כמות פון קינסטלעכן מיסט, וואָס מען האָט אים געגעבן און יעדע סאָרט קראַנקהייט אָדער אומנאָרמאַלקייט, וואָס איז אויף אים באַמערקט געוואָרן. אין פּרדס אַליין ווערט יעדער בוים באַצייכנט מיט אַ נומער, דעם זעלבן נומער, אונטער וועלכן ער איז פאַרשריבן אין דער ביוראָ פון דער פּלאַנטאַציע. מיט איין וואָרט, ארץ ישראלדיקע אַגראָנאָמען אויף אַזעלכע מאָדערנע פּלאַנטאַציעס האָבן פאַר זיך די פולע געשיכטע פון איינצלנע בוימער און זיי נוצן זי אויפן זעלבן אופן, ווי אַ געוויסנהאַפטער דאָקטאָר באַנוצט זיך מיט דער קראַנקן־געשיכטע פון זיינע פּאַציענטן.

דער געוויינלעכער ארץ ישראלדיקער מאַראַנץ („שאַמוטי״) איז עטוואָס גרעסער און לענגער פון דער קאַליפאָרניער פּרוכט. זיין ערנטע הויבט זיך אָן אין דעצעמבער און ענדיקט זיך אין אַפּריל.

אין איניקע געגנטן פון ארץ ישראל ווערט ערפאָלגרייך קולטיווירט אַן אַנדער סאָרט מאַראַנץ, וואָס הייסט וואַלענסיאַ, וועמענס ערנטע הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט אַ חודש שפּעטער. מען זוכט אויך איינצובירגערן פריערדיקע סאָרטן מאַראַנצן, וואָס זאָלן געבן זייער ערנטע מיט אַ חודש שפּעטער, איידער דער געוויינלעכער ארץ ישראלדיקער פּרוכט. דער געדאַנק איז דערביי אויסצוציען ווי וויט מעגלעך דעם אָראַנזש־סעזאָן, פאַרקלענערן דערמיט דעם סעזאָן־דוחק אין אַרבעטס־כוחות און פאַרגרעסערן די אויפנאַמס־פעאיקייט פונם אייראָפּעאישן מאַרק. נאָך דער מלחמה וועלן די דאָזיקע רעפאָרמען וואַרשיינלעך איינגעפירט ווערן אין אַ גרעסערן פאַרנעם.

גרעיפּ־פּרוכט וואַקסט אויף אַ שווערערן באָדן איידער מאַראַנצן און דעריבער ווערן זיי קולטיווירט אין עמק יזרעאל, וואו מאַראַנצן זענען נישט קיין ערפאָלג. דער שטח פון פאַרפלאַנצטע לימענעס איז זייער קליין, אָבער מען רעכנט, אַז ס׳וועט אויך אויף זיי זיין אַ גרעסערער פאַרלאַנג איידער ביז אַהער.

אַנדערע פּרוכט־קולטורן

די פלאַנצונג פון וויינטרויבן, וועלכע האָט אַמאָל געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער אידישער לאַנדווירטשאַפט פון ארץ־ישראל, איז שטאַרק געפאַלן פאַרן לעצטן דור. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן די ארץ ישראלדיקע

וויינגערטנער געליטן אַ שווערן קלאַפּ צוליב דער שליסונג פונם רוסישן מאַרק, און די אַמעריקאַנער פּראָהיבישאָן האָט זיי אויך פאַראורזאַכט אַ באַדייטנדן היזק. צוזאַמען מיט דער איבערפּראָדוקציע פון וויין אין פראַנקרייך, איטאַליע און שפּאַניע, האָט דאָס געצוואונגען פיל ארץ־ישראלדיקע וויין־פּלאַנצער אויס־צוהאַקן זייערע וויינגערטנער און פאַרבייטן זיי מיט פּרדסים, אָדער גרינס־גערטנער.

אין פיל פון די פאַרבליבענע וויין־גערטנער האָט מען די וויין סאָרטן פון פּרוכט פאַרביטן מיט טיש־סאָרטן, וואָס ווערן געברויכט אַלס שפּייז. להיפּוך צו דער ירידה פונם וויין־מאַרק אין אויסלאַנד האָט זיך אין לאַנד זעלבסט געשאַפן אַן אַלץ־ברייטערער מאַרק פאַר וויינטרויבן אַלס עס־מיטעל. דער דאָזיקער אַרטיקער פאַרלאַנג האָט געבראַכט צו אַ נייער אויסברייטערונג פונם שטח, וואָס איז פאַרפלאַנצט מיט וויינטרויבן. ער באַטרעפט איצט אַרום 60.000 דונאַם אין פאַרגלייך מיט 21.000 דונאַם אינם יאָר 1923. דערפאַר איז אָבער דער שטח פון וויינגערטנער, וואָס ווערן גענוצט פאַר וויין איצט נישט מער ווי 15.000 דונאַם, אין פאַרגלייך מיט 28.000 דונאַם אינם יאָר 1900.

אַ שטאַרקע ירידה איז אויך פאַרגעקומען אין דער קולטיווירונג פון מאַנדלען, אויף וועלכע מען האָט אויך אַמאָל געלייגט באַדייטנדע האָפענונגען, אין איניקע קאָלאָניעס האָט מען די מאַנדל־פּלאַנטאַציעס סיסטעמאַטיש אויס־געהאַקט און פאַרביטן מיט מער לוינענדע ציטרוס־פּלאַנצונגען.

די טראַדיציאָנעלע פּרוכטן פון ארץ־ישראל — פייגן און אַליון — האָבן קיינמאָל נישט פאַרנומען קיין באַדייטנדן פּלאַץ אין דער מאָדערנער אידישער לאַנדווירטשאַפט, כאָטש זיי ווערן גאַנץ ברייט קולטיווירט אין די אַרומיקע אַראַבישע דערפער. דער אַליוו־בוים פאָדערט אַרום אַכט יאָר ביז דער ערשטער ערנטע, און די אידישע קאָלאָניסטן, וואָס מוזן זיך שטאַרק רעכענען מיטן פּראָצענט אויפן אַריינגעלעגטן קאַפּיטאַל, האַלטן אים פאַר נישט־לוינענד. אויי־סער דעם, זענען די ארץ ישראלדיקע מינים פון פייגן און אַליוון אַ סך ערגער אידער די פּרוכטן פון גריכנלאַנד און טערקיי און זיי קאָנען דעריבער נישט קאָנקורירן אויף די אויסלענדישע מערק. די וויניקע פאַרזוכן צו אַקלימאַטי־זירן אין ארץ־ישראל בעסערע אויסלאַנד־סאָרטן פון די דאָזיקע בוימער, — און ספּעציעל די באַרימטע סמירנאַ־פייגן, — האָבן דערוויל נישט געגעבן קיין גוטע רעזולטאַטן.

אין דעם צפון טייל פונם לאַנד, וואו דער קילערער וועטער דערלויבט צו קולטיווירן די פּרוכטן פון מעסיקן קלימאַט, האָט מען זיך אין די לעצטע יאָרן גענומען אין אַ גרעסערן פאַרנעם צו פּלאַנצן אַזעלכע בוימער, ווי עפּל, באַרן, פלוימען, אַבריקאָסן און פערסיקעס (פּיטשעס). מען האָפט, אַז מיט דער צייט וועט ארץ־ישראל עקספּאָרטירן אַ געוויסע צאָל פון די דאָזיקע

מינים פרוכטן, בפרט אין די חדשים, ווען זיי זענען נאָך נישט פּאַרטיק אין אייראָפּע. דערווייל אימפּאָרטירט מען די מערסטע פון די דאָזיקע פרוכטן. פרישע פרוכטן קומען מערסטנס פון סיריע, און קאָנסערווירטע — פון אַמע־ריקע.

א געוויסע באַדייטונג האָט לעצטנס דערגרייכט די קולטיווירונג פון באַנאַנעס, אַ פרוכט וועגן וועלכער דאָס אידישע ארץ ישראל האָט גאָר נישט געוואוסט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. טויזנטער דונאַם ווערן יערלעך פאַר־פלאַנצט מיט דער דאָזיקער זייער נאַרהאַפטער פרוכט, וואָס ווערט מערסטנס פאַרברויכט אויפן אינערלעכן מאַרק.

אין דער לעצטער צייט מאַכט מען אין ארץ ישראל וויכטיקע פאַרזוכן מיט נייע סאָרטן פרוכט, וואָס וועלן אפשר מיט דער צייט קריגן אַ גרויסע עקאָנאָמישע באַדייטונג. אין דעם גייט אַריין דער פּעקאַן־בוים, אַ סאָרט נוס־בוים, וואָס פאַרנעמט אַ גרויסן פּלאַץ אין די וואַרעמערע געגנטן פון אַמעריקע, און די אַוואָקאַדאָ, אַן אַמעריקאַנער פרוכט, וואָס הויבט לעצטנס אָן קריגן אַ מאַרק אין אייראָפּע. באַזונדערע האָפענונגען לייגן אייניקע אַג־ראָנאָמען אויפן פּיסטאַשקעס־בוים, וואָס שיינט צו זיין גוט צוגעפּאַסט צו די בערגיקע טיילן פונם לאַנד, ווען־מענס לאַנדווירטשאַפטלעכע דעראָבערונג שטייט איצט אויפן סדר־היום פונם פאַרויס־שטרעבנדן ארץ ישראל.

תבואה־קולטורן

די תבואה־קולטורן פאַרנעמען אין דער אידישער לאַנדווירטשאַפט פון ארץ ישראל אַ בערך באַשיידענעם פּלאַץ. ס'איז דאָרט אַלגעמיין פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז דאָס לאַנד איז צוליב קלימאַטישע און באָדן־באַדינגונגען נישט באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר תבואה־פעלדער אין אַ ברייטן פאַרנעם, ספּעציעל, ווען די תבואה פון לענדער, וואו זי קאָן פּראָדוצירט ווערן אַ סך ביליקער, ווערט פריי אימפּאָרטירט קיין ארץ ישראל. עס זענען דאָך פאַראַן אייניקע קאָלאָניעס און נאָך אַ גרעסערע צאָל פון קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן (קבוצות), וואָס זענען מערסטנס איינגעשטעלט אויף דער פלאַנצונג פון ווייץ. אָבער אויך אין אַזעלכע קאָלאָניעס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז ווען מען וועט קריגן גענוג אונטערערדישע וואַסער אין זייער באָדן און פאַרמאָגן די מיטלען פאַר די אינסטאַלאַציעס, וואָס זענען נויטיק פאַר קינסטלעכער באַוואַסערונג, וועט מען זיך אָפּגעבן מיט מער אינטענסיווע קולטורן, וואָס לאָזן אַרויסקריגן מער פּראָדוקטן פון זייער באַשרענקטן שטח. אויסער פרוכטן און גרינס באַלאַנגען צו אַזעלכע אינטענסיווע קולטורן די פוטער־פלאַנצונגען פאַר בהמות און עופות. זייער שטח אין די אידישע ישובים וואַקסט פון יאָר צו יאָר.

די לאַגע האָט זיך אין דעם פּרט שטאַרק געענדערט אין די מלחמה־יאָרן,

ווען דאָס לאַנד, אָפּגעשניטן פון דרויסנדיקן תבואה־עקספּאָרט, מוז האָבן וואָס מער אייגענע ווייץ, און די רעגירונג האָט דעריבער אָנגעהויבן צאָלן באַדיי־טנדע סובסידיעס צו ווייץ־פּלאַנצערס. די דאָזיקע מלחמה־פּאָליטיק וועט אָבער זיכער אויפהערן נאָך דער שליסונג פון שלום, ווען די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט וועט ווידער אָנועקגיין אויף איר נאַטירלעכן וועג, צו אינ־טענסיווע קולטורן, וואָס גיבן די מעגלעכקייט צו באַשעפטיקן די מעגלעכסט גרעסטע צאָל פון אַרבעטס־הענט אויפן מעגלעכסט־קלענסטן שטח.

אין דער מלחמה־צייט האָט מען אויך אָנגעהויבן פלאַנצן רייז און פּינאַטס, וועלכע זענען פריער נישט קולטיווירט געווען אין לאַנד אויף אַ באַדייטנדן פאַרנעם. עס קוקט אויס, אַז זיי וועלן בלייבן שטענדיקע צווייגן פון דער ארץ ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט אויך נאָכן קריג.

ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען געהאַלטן, אַז ארץ ישראל פּאַסט זיך נישט פאַר קאַרטאָפלעס, ווייל מען האָט נישט געפונען קיין מיטלען צו פאַרהיטן, אַז זיי זאָלן נישט שפּראָצן ווען מען לייגט זיי אַוועק פאַרן ווינטער. מען איז אָבער לעצטנס בייגעקומען די דאָזיקע שוועריקייט, דורך אַנטדעקן אַ ספּעציעלע מעטאָדע אויף צו האַלטן זיי, און דער שטח, וואָס איז פאַר־פלאַנצט מיט קאַרטאָפל וואַקסט איצט פון יאָר צו יאָר מיט דער גרעסטער גיכקייט.

מילכיקס, מילך־ווירטשאַפט און עופות

מילכיקע פּראָדוקטן, מילך־ווירטשאַפט און עופות־צוכט פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אויף די אידישע פאַרמס און זיי שפּילן די גרעסטע ראָל אין דער שפּייז־פאַרזאָרגונג פון די אידישע שטעט. די „תנובה", דער גרעסטער פאַרקויף קאָאָפּעראַטיוו פון די אידישע פאַרמערס, האָט פאַרגרעסערט זיין אומזאַץ פון 141.856 פונט אינם יאָר 1931 ביז 695.931 פונט אין 1940 און 1.022.191 פונט אין 1941. און זיין אומזאַץ פאַרן יאָר 1944 באַטרעפט 4.133.000 פונט.

און די דאָזיקע ציפערן שליסן נאָך נישט איין די גרויסע מאַסע פון פּראָדוקטן, וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרן פון קלענערע קאָאָפּעראַטיוון און דירעקט פון פאַרמערס צו שפּייז־קרעמער, אָדער מאַרקעטס. מיר האָבן אויך נישט קיין ציפערן וועגן דעם געברויך פון מילכיגס און אייער אין די דערפער אַליין.

ערשט מיט פופצן יאָר צוריק איז דער מערסטער אידישער שפּייז־באַ־דאַרף געדעקט געוואָרן פון אַראַבער, אָדער אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. פאַר־גרעסערנדיק אָבער כסדר זייער פּראָדוקציע זענען אידישע פאַרמערס אימ־שטאַנד געווען צו באַזאָרגן דעם ישוב מיטן גרעסטן טייל פון זיינע באַדער־

פּעניש. אינם יאָר 1942 האָבן זיי געליפערט 58 פּראָצענט פונם מילך, וואָס איז פאַרברויכט געוואָרן פון אידן, 64.6 פּראָצענט פון דעם אייער־פאַרברויך, 63 פּראָצענט פון די גרינס און 54 פּראָצענט פון די קאַרטאָפּעל.

דאָס האָדעווען פון בהמות פאַר שלאַכט־הייזער פאַרנעמט נישט קיין באַדייטנדן פּלאַץ אין דער ארץ ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט. פי־צוכט פאַר פליש פאָדערט ביליקן באָדן און ברייטע שטחים לאַנד, וואו די בהמות זאָלן קאָנען פריי אַרומוואַנדערן אין דער זוכעניש פון פּאַשע. אויסער דעם, וואָלט אַן ארץ־ישראלדיקער פי־צוכטער געמוזט האָדעווען זיינע בהמות במשך פון עטלעכע חדשים פון יאָר, ווען עס הערשט דאָרט אַ שאַרפער מאַנגל אין נאַטירלעכער פּאַשע. דאָס אַלץ שטעלט דעם ארץ ישראלדיקן פי־צוכטער אין אַן אומגינסטיקער לאַגע אין פאַרגלייך מיט זיינע קאָנקורענטן אין אייניקע אַנדערע לענדער.

עטוואָס בעסערע אויסזיכטן שיינען צו זיין פאַר שאָף־צוכט, ספּעציעל אין די בערגיקע געגנטן פון לאַנד. פאַרזוכן זענען אויך געמאַכט געוואָרן צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון דער אָרטיקער שאָף דורך קרייצן זי מיט אימפּאָרטירטע בעסערע ראַסן. גאָר אין דער לעצטער צייט האָט מען זיך אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט קאַראַקולענע שעפּסן, וואָס שטאַמען פון פּערסיע. די פעלצן פון דעם דאָזיקן מין שעפּסן ווערן הויך געשעצט אין דער פוטער־וואַרן־אינדוסטריע, און זייער צוכט קאָן זיך אַרויסווייזן אַלס גאַנץ לוינענד.

גרינס־ווירטשאַפט

מיט יאָרן צוריק האָבן אידישע לאַנדווירטן אין ארץ־ישראל באַטראַכט די קולטיווירונג פון גרינסן פאַר אַ צווייט־קלאַסיקער באַשעפטיקונג. איצט אָבער הויבט אָן די גרינס־ווירטשאַפט צו פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ אין דער איינקונפט פון די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן און איינצלנע לאַנדווירטן. זי לוינט זיך באַזונדערס אין דעם עמק־הירדן, וואו די מערסטע גרינסן ווערן צוליב דעם הייסן קלימאַט רייפער מיט עטלעכע וואָכן פריער, איידער אין די אנדערע געגנטן פונם לאַנד. דגניה און אנדערע קבוצות אין עמק־הירדן שיקן אפילו זייערע פריערדיקע גרינס־פּראָדוקטן במשך אַ געוויסן טייל פונם יאָר קיין דמשק, דער הויפּט־שטאָט פון סיריע, וועלכע איז אַליין באַרימט מיט אירע פּראַכטפולע גרינסן און פרוכטן.

אידישע לאַנדווירטן האָבן אַריינגעפירט אין ארץ־ישראל אייניקע נייע מינים גרינסן, וואָס זענען ביז אַהער ווייניק באַקאַנט געווען אין ארץ־ישראל. דער גרעסטער פיין־שמעקער וואָלט זיך איצט נישט געקאָנט באַקלאָגן אויף דעם מאַנגל פון פרישע און פאַרשידענע גרינסן אין לאַנד, אַ קלאָגע, וואָס וואָלט געהאַט אַ געוויסע באַגרינדונג מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

אַ פּאָר פאַבריקן זענען לעצטנס געגרינדעט געוואָרן פאַר קאָנסערווירן פּרוכטן און גרינס. די דאָזיקע אינדוסטריע איז נאָך אין איר אָנהויב, אָבער מיט דער אויסברייטערונג פונם אידישן אַגריקולטורעלן שטח, האָט זי גאַנץ גוטע אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט.

דער שטח וואָס איז פאַרנומען מיט גרינס־גערטנער איבערשטייגט 500.000 דונאַם, און פון דעם איז אַ דריטל אונטער קינסטלעכער באַוואָסערונג. דעם ערשטן פּלאַץ צווישן ארץ ישראלדיקע גרינס פאַרנעמען קאַווענעס (מעלאָנעס) און דיניעס. דערנאָך קומען טאָמייטאָס, אוגערקעס, ציבעלעס, ברונזשינעס (עגפלענטס), קרויט און בלומען־קרויט (קאַליפלאַורער).

אַנדערע פאַרם־פּראָדוקטן

גאָר לעצטנס האָבן די אידישע פאַרמער אין ארץ ישראל אָנגעהויבן פּלאַנצן צוקער־בוריקעס און צוקער־רוירן (קענס).

אין עמק יזרעאל ווערט איצט געבויט אַ צוקער פאַבריק און אין פאַר־בינדונג דערמיט האָט מען דאָרט אָנגעהויבן פּלאַנצן צוקער־בוראַקעס אויף אַ געשעפטלעכן פאַרנעם. אינם דערבייאיקן טאָל פון בית שאן, וואו דער קלי־מאַט איז א סך הייסער, פּלאַנצט מען איצט צוקער־רוירן. אַזוי ווי ביידע מינים צוקער־פּלאַנצן ווערן געשניטן אין פאַרשידענע צייטן פונם יאָר, האָט די נייע צוקער פאַבריק די בעסטע שאַנסן אויף ערפאָלג.

אין דער צייט פון דער מלחמה האָט מען אויך אָנגעהויבן פּלאַנצן האַנף, אויף דער באַשטעלונג פון אַן אָרטיקער שטריק־פאַבריק. די רעזול־טאַטן זענען געווען גינסטיק, כדי צו ריכטן זיך, אַז דער דאָזיקער צווייג פון לאַנדווירטשאַפט וועט ווייטער קולטיווירט זיין נאָכן קריג.

די קולטור פון טאַבאַק האָט ביז אַהער נישט באַרעכטיקט די אַמאָלי־קע ערוואַרטונגען. כאָטש דער ארץ ישראלדיקער טאַבאַק האָט געוויסע מעלות, איז ער אָבער נישט איינהייטלעך אין זיין גוטסקייט, און ס׳איז נישט געלונגען צו שאַפן פאַר אים אַ גוטן אויסלענדישן מאַרק. ס׳רוב טאַבאַק אין ארץ־ישראל ווערט געפּלאַנצט פון אַראַבער און עס ווערט געמישט אין אָרטיקע פאַבריקן מיט אימפּאָרטירטן טאַבאַק.

טעכנישע קולטורן

אייניקע פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אַריינצופירן אין ארץ ישראל די קולטיווירונג פון כל־ערליי פּלאַנצן, וועמענס פּרוכט, בלעטער, וואָרצלען אָדער בלומען ווערן באַנוצט פאַר דער אויסאַרבייטונג פון עטערישע אייל, פּאַרפומען און פאַרמאַצעווטישע פּראָדוקטן. אין אייניקע פאַלן, ספּעציעל אין דער אויסאַרבייטונג פון עטערישע אייל, זיינען יאָ דערגרייכט געוואָרן פּראַק־טישע רעזולטאַטן, אָבער אין אַנדערע צווייגן פון דער דאָזיקער פיל־פאַר־

שפּרעכנדער לאַנדווירטשאַפט איז מען נאָך נישט אַרויס פון דער שטופּע פון עקספּערימענטן. די דאָזיקע עקספּערימענטן האָבן באַוויזן, אַז די מערסטע פּאַרפומערישע און מעדיצינישע פּלאַנצן, וואָס ווערן קולטיווירט אַרום דעם מיטל־מער, געראָטן אין ארץ ישראל אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן. אַזאַ סאָרט לאַנדווירטשאַפט וואָלט זיך אויך גוט אַריינגעפּאַסט אין דער אַלגעמיינער טענדענץ פון דער ארץ ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט אַרויסצוקריגן דעם מעגלעך־גרעסטן רעזולטאַט פון מעגלעך־קלענסטע שטחים באָדן.

ס'איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַ מיינונג, אַז די קולטיווירונג פון אַזעלכע מינים פּלאַנצן וועט זיך קוים לוינען אין ארץ ישראל צוליב דער גרויסער כמות פון האַנט־אַרבעט וואָס מען מוז אַריינלייגן, ספּעציעל ביים אָראָפּנעמען די בלעטער אָדער בלומען. סקעפּטיקער האַלטן, אַז די בערכדיקע טייערקייט פון דער אידישער אַרבעט שליסט אויס דעם דערפאָלג פון אַזעלכע קולטורן, וועלכע, ביי אַלע פאָרצוגן פון באָדן און קלימאַט, וועלן דאָך מוזן קאָנקורירן מיט ענלעכע פּראָדוקטן פון פראַנקרייך, אַלזשיר, זיד־איטאַליע, וואו די פּוי־ערים נוצן אויס פאַר דעם צוועק אין גאַר אַ ברייטער מאָס די הילפס־אַרבעט פון זייערע קינדער. כל זמן דער אידישער לאַנדווירט אין ארץ־ישראל, וואָס איז דערצויגן אויף מער קולטורעלע לעבנס־באַגריפן, וועט ניט בייקומען זיין אינערלעכן ווידערשטאַנד צו באַשעפטיקן ביי אַזעלכע אַרבעטן זיינע מינ־דעריעריקע קינדער, — וועלן אַלע קולטורן וואָס פאָדערן אַ סך האַנט־אַר־בעט ביי זייער ערנטע, נישט קאָנען פאַרנעמען קיין באַדייטנדן פּלאַץ אין דער ארץ ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט.

אַ באַדייטנדער ביי־פּראָדוקט פון דער ארץ ישראלדיקער לאַנדווירט־שאַפט איז האָניק, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין אַן אַלץ גרעסערן פאַרנעם און האָט אַן אויסגעצייכנטע רעפּוטאַציע צוליב זיין אויסערגעוויינלעכן אַראָמאַט און גוטסקייט. די האָניק־קולטור איז אויך נוצלעך פון ריין־אַגראָנאָמישן שטאַנדפּונקט: בינען צעטראָגן בעסער דעם באַפרוכפּערנדערן שטויב פון די בלומען און זיכערן דערמיט אַ גרעסערע ערנטע.

לויט דער אויסרעכענונג פון פאַכלייט, איז דער איצטיקער שטח פון די אידישע פּרדסים אַליין גענוג אויף אויסצואַרבייטן נישט ווייניקער פון זיבן מיליאָן פונט האָניק. בלויז די היינטיקע האָניק פּראָדוקציע באַטרעפט 1.250.000 פונט אַ יאָר, און זי ווערט מערסטנס פּראָדוצירט פון אידן.

פיש־פאַנג

פיש־פאַנג, אַ באַשעפטיקונג, וואָס האָט פיל געמיינזאַמעס מיט אַג־ריקולטור, ווייל זי נוצט אויס דירעקט די נאַטירלעכע רייכטימער־קוועלע פון שפּייז, האָט ביז די לעצטע יאָרן נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָל אין ארץ

ישראל. די ים־ברעגען פון ארץ ישראל זיינען אָרימער אין פיש איידער געווי־סע אַנדערע געגענדן פונם מיטלענדישן ים און די עטלעכע הונדערט אַראַ־בישע פאַמיליעס, וואָס פאַרנעמען זיך דאָרט מיט פיש־פאַנג האָבן געמאַכט זייער אַן אָרימען לעבן..

ווען די אידן זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אָריינגעקומען אין די דאָ־זיקע פאַר זיי נייע באַשעפטיקונגען האָבן זיי אָנגעהויבן נוצן מאָטאָר־שיפן און מאָדערנע מכשירים און זיך גענומען כאַפּן פיש אין ווייטערדיקע שטרעקן פונם ים. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען פיש־פאַנג אינם ים כנרת, וואָס איז באַקאַנט פון אַלטע צייטן מיט זיין פיש־רייכטום. מען פּלאַנט אויך אָרגאַניזירן מאָדערנע פישעריי אויפן רויטן ים (ים סוף), וואָס שיינט צו זיין אין דעם פּרט איינער פון די רייכסטע ימים אין דער וועלט.

אַן אָריגינעלער אויפטו אויף דעם דאָזיקן פעלד איז געווען די גרינדונג פון אידישע פישער־דערפער, וואָס פאַרנעמען זיך גלייכצייטיק מיט אַגריקול־טור און פישעריי. דאָס גיט זיי אַ מער געזיכערטן עקאָנאָמישן פונדאַמענט. אַן אַנדער אינטערעסאַנטער אויפטו זיינען די קינסלעך־געגראָבענע אָזיערעס, וואו מען האָדעוועט קאַרפּן, העכטן און אַנדערע סאָרטן פיש, וואָס פאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ אין דער אידישער טראַדיציע. ס'איז דאָ אַ פּלאַן צו פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן ים כנרת אין אַ ריזיקן צוכט־פּלאַץ פאַר פיש. פאַר דער דורכפירונג פונם דאָזיקן פּלאַן, וואָס וואָלט געמאַכט ארץ ישראל אומאָפּהענגיק פון אויס־לענדישן פיש־אימפּאָרט, וואָלט אָבער נויטיק געווען אַן ענגע עקאָנאָמישע קאָ־אָפּעראַציע מיט דער דערבייאיקער סיריע, וועלכע באַזיצט דעם מזרחדיקן טייל פונם היסטאָרישן לעיק.

אימפּאָרט פון פאַרם־פּראָדוקטן

נישט קוקנדיק אויף די גרויסע ערפאָלגן פון דער אידישער לאַנדווירט־שאַפט, איז זי נאָך ווייט־ווייט פון האָבן אויסגעשעפּט אירע פולע מעגלעכקייטן. זי האָט נאָך פאַר זיך אַ סך גרעסערע אויפגאָבן און מעגלעכקייטן. דאָס ווערט באַזונדערס באַוויזן דורך דעם גרויסן אימפּאָרט פון פאַרם־פּראָדוקטן פון אַנ־דערע לענדער. באַזונדערס איז ארץ ישראל אָפּהענגיק פון אויסלאַנד אין דער פאַרזאָרגונג פון פלייש און ווייץ. אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט דער אימפּאָרט פון פאַרם־פּראָדוקטן באַטראָפן פון צוויי ביז דריי און אַ האַלב מי־ליאָן פונט אַ יאָר. פון דעם זענען זעכציק פּראָצענט פון דאָזיקן אימפּאָרט פּראָדוקטן, ווי ווייץ, מעל, און פלייש, וואָס עס וואָלט שווער געווען צו פּראָ־דוצירן אינם לאַנד וואָס דאַרף דערפאַר באַטראַכט ווערן אַלס נאַטירלעך. אפילו ווען ארץ ישראל זאָל שטאַרק פאַרגרעסערן איר אַגריקולטורעלע פּראָדוקציע,

וועט זי וואַרשיינלעך נישט קענען פּראָדוצירן די דאָזיקע פּראָדוקטן אַזוי ביליק ווי איניקע אַנדערע לענדער, וואָס פּאַסן זיך בעסער פאַר ווייץ־קולטור און פּי־צוכט. עס ווערן אָבער אויך אימפּאָרטירט פּראָדוקטן, וועלכע ארץ ישראל האָט ווי פולע מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן אויף אַן עקאָנאָמישן שטייגער. דאָס זיינען פּוטער, אייער, פיש, פרוכט און קאַרטאָפּעל. די אידישע פּאַרמערס וועלן מוזן געפינען די מעגלעכקייטן צו פּראָדוצירן די דאָזיקע פּראָדוקטן אין אַ פיל גרע־סערן פּאַרנעם און אויסמיידן דערמיט אַן אימפּאָרט אָן וועלכן מען וואָלט זיך געקענט באַגייען.

קאַפּיטל זעקס

די אינדוסטריאַליזאַציע פון ארץ ישראל

מיט זעכציק יאָר צוריק ביים אָנהויב פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע איז ארץ ישראל געווען אַ צוריקגעשטאַנענע אַגראַרישע מדינה. איר גאַנצע אינדוסטריעלע טעטיקייט האָט זיך באַשרענקט מיט אַ פּאָר זייף פאַבריקן אין נאַבלוס, (שכם) און אַ פּאָר מילן אין יפו און חיפה. עס זענען אויך געווען אַ פּאָר הונדערט אַראַבישע און אידישע וואַרשטאַטן, מערסטנס אין ירושלים און בית לחם, וואו מען האָט פאַבריצירט שמוק־זאַכן און געשניצטע אַרטיקלען פון פּערלמוטער און אָליוו־האָלץ, צו פאַרקויפן זיי אַלס אָנדענק פונם הייליקן לאַנד צו טוריסטן און פּילגרימען. די דאָזיקע אָנדענק־אַרטיקלען, טיילווייז אידישע און מערסטנס קריסטלעכע, זיינען אויך פאַרקויפט געוואָרן פון פעדער־לער פון ארץ ישראל צו פרומע מענטשן אין פאַרשידענע לענדער און זיי האָבן פאַרנומען שיר ניט דעם ערשטן פּלאַץ אינם קליינעם עקספּאָרט־האַנדל פון אָרי־מען לאַנד.

אין איר אָנהויב האָט זיך די אידישע קאָלאָניזאַציע באַשרענקט מיט אַג־ריקולטור און ערשט שפּעטער זיינען צוגעקומען עטלעכע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען. ניינציק פּראָצענט פון ארץ ישראלס אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען זענען געגרינדעט געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג.

אויך איצט איז ארץ־ישראל ווייט פון צו זיין אַן אינדוסטריעל לאַנד אינם פולן זין פונם וואָרט. אויך איצט איז די גרעסטע מערהייט פון איר אַלגעמיינער באַפעלקערונג נאָך פאַרנומען אין לאַנדווירטשאַפט. דער גרויסער פּראָגרעס פון אינדוסטריע אינם לעצטן דור איז מערסטנס צו פאַרדאַנקען דער אידישער אימיגראַציע. די צאָל פון אידן, וואָס אַרבעטן אויף פאַבריקן שטייגט שוין איצט איבער די צאָל פון אידישע פאַרמערס און אַלע סימנים ווייזן אויף אַ נאָך גרע־סערער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט.

דער גיכער וואוקס פון דער אידישער אינדוסטריע אין ארץ־ישראל ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער פאָלגענדער טאַבעלע, וואָס איז באַזירט אויף די אויספאָרשונגען פון דער אידישער אַגענטור:

יאָר	אונטערנעמונגען	אַרבעטער	גרונד־קאַפּיטאַל (אין פונטן)
1922	1,850	4,434	585,000
1929	2,475	10,968	2,235,000
1933	3,388	19,595	5,371,000
1937	6,506	30,040	11,637,300
1942	6,600	56,000	18,500,000

די ציפערן פאַר 1922, 1929, 1933 און 1937 זיינען באַזירט אויף אַ צענזוס, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון דער אידישער אַגענטור, בעת די ציפערן פאַר 1942 שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָפּשאַצונג, וואָס איז געבויט אויף פאַרלעסלעכע באַריכטן פון ארץ־ישראל. אין די אויבן געבראַכטע ציפערן זיינען צוזאַמען מיט פאַבריקן איינגעשלאָסן אַ סך קליינע וואַרשטאַטן. זיי שליסן אָבער נישט איין דעם בוי־פאַך, וואָס האָט אין נאָרמאַלע צייטן אַ געוויסן פּלאַץ אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט.

כדי צו קריגן אַ קלאָרערן באַגריף וועגן דער ארץ ישראלדיקער אינדוסטריע, וועלן מיר פאַנאַנדערטיילן די אונטערנעמונגען, וואָס ווערן אַרומגענומען פון דעם לעצטן פאַר־מלחמה צענזוס פון דער אידישער אַגענטור, אויף צוויי קאַטעגאָריעס: וואַרשטאַטן, וואָס האָבן באַשעפטיקט ווייניקער פון צען אַרבעטער, און פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיקט צען אַרבייטער און מער. די ערשטע, וואָס האָבן געציילט 4050 האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די מערהייט פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, בעת די צאָל פון פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיקט צען אַרבייטער און מער, האָט באַטראָפן בלויז 1556. דערפאַר אָבער האָבן די קלענערע אונטערנעמונגען באַשעפטיקט בלויז 8022 פערזאָנען און האָבן פאַרמאָגט אַ גרונד־קאַפּיטאַל פון 573,330 פונט, בעת די גרעסערע אונטערנעמונגען האָבן באַשעפטיקט 21,964 און זייער גרונד קאַפּיטאַל האָט צוזאַמען באַטראָפן 11,063,791.

לויט אַ צענזוס וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1943 און האָט אַרומגענומען בלויז די גרעסערע אונטערנעמונגען, מיט צען אַרבייטער און מער, האָט די צאָל פון זייערע אַרבייטער באַטראָפן 45,850 אין פאַרגלייך מיט 20 680 אין 1937. די פאַרטיילונג פון די פאַכן לויט דער אינדוסטריע איז געווען ווי פאָלגט:

פאַך	צאָל אַרבעטער	פראָצענט פון אַלע אינדוסטריע־אַרבעטער
מעטאַל און מאַשינען	10,230	22.3
טעקסטיל און קליידונג	8,720	19.0
פראָדוקציע און שפייז	7,210	15.7
כעמישע אינדוסטריע	3,880	8.5
דימענטן אינדוסטריע	4,000	8.7
פאַפיר, דרוקערייען	2,150	4.7
לעדער אינדוסטריע	1,830	4.0
שטיין, צעמענט	1,860	4.1
האָלץ באַארבעטונג	1,790	3.7
עלעקטרישע קראַפט סטאַנציעס	1,290	2.8
עלעקטרישע מכשירים	670	1.5
פאַרשידענע פאַכן	1,520	3.5
ניט געצײלטע פאַבריקן	700	1.5
צוזאַמען	45,850	100.0

דער אנטייל פון די אידן אין דער ארץ ישראלדיקער אינדוסטריע איז אַ סך גרעסער, איידער זייער פראָצענט אין דער באַפעלקערונג. נאָך בעת דעם צענזוס פון 1931, זיינען 19,649 אידישע פאַרדינער, אָדער 42 פראָצענט פון די דאַמאָלסדיקע 46,735 פאַרדינער, וואָס זיינען געווען פאַרנומען אין אינדוסטריע און האַנטווערק, געווען אידן. דאַן האָבן אידן מיט זיך פאַרגעשטעלט נאָר 18 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. ביים היינטיקן טאָג איז דער פראָצענט פון אידן צווישן די באַשעפטיקטע אין דער אינדוסטריע אַרום 65, אין דער צייט וואָס זיי בילדן אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אויב מיר וועלן אויסשליסן פון אונזער חשבון די קליינע וואַרשטאַטן און די פרימיטיווע איינצלנע בעל מלאכות, וואָס באַשעפטיקן נישט קיין געדונגענע אַרבעטער, איז דער אידישער אַנטייל אין דער אינדוסטריע נאָך גרעסער. אין די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן מיט מעכאַנישער קראַפט, דערגרייכט דער אידישער אַנטייל ביז אַכציק פראָצענט.

מיט קליינע אויסנאַמען זיינען די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אָנגעהויבן געוואָרן אין אַ קליינעם פאַרנעם און מיט זייער אַ באַשרענקטן קאַפּיטאַל. אייניקע פון זיי זיינען דורכגעפאַלן, אָבער די וואָס האָבן איבערגעלעבט זייערע ערשטע שווערקייטן האָבן צוביסלעך אויסגעברייטערט זייער מאַרק, און אַנגעקליבן געניג מיטלען פאַר אויסברייטערונג און טעכנישע פאַרבעסערונג. אידישע אינדוסטריאַליסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין בריות אין אויסזוכן אַפּזאַץ־מערק פאַר זייערע סחורות אין די שכנותדיקע לענדער און אין צופאַסן זייער פראָדוקציע צום געשמאַק און געוואוינהייטן פון זייער באַפעלקערונג.

עלעקטריפיקאַציע פון ארץ ישראל

די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פונם לאַנד איז די פּאַלעסטיין עלעקטריק קאָרפּאָריישאָן מיט אַ גרונד קאַפּיטאַל פון פינפצען מיליאָן דאָלאַר. די קאָמפּאַני פאַרמאָגט אַ קאָנצעסיע אויף דער אַנטוויקלונג פון הידראָ־עלעקטרישער קראַפט איבערן לאַנד. איר קאָנצעסיע באַציט זיך אויף גאַנץ ארץ ישראל מיט דער אויסנאַמע פון ירושלים, וואו אַן אַלטע קאָנצעסיע, וועלכע איז באַוויליקט געוואָרן פון דער טערקישער רעגירונג צו אַ גריך, איז איבערגעגעבן געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג אין די הענט פון אַן ענגלישער קאָמפּאַני.

די הויפּט־קוועלע פון עלעקטרישער וואַסער־קראַפט אין ארץ־ישראל איז דער ירדן, וואָס פאַלט אויף אַ שטרעקע פון בלויז 160־150 מייל פון אַ הויך פון 5500 פוס ביז צו דער טיפעניש פון 1290 פוס אונטער דעם שפּיגל פון מיטל־לענדישן ים. די קאָמפּאַני נוצט אָבער בלויז אַ טייל פון דער עלעקטרישער וואַסער־קראַפט, וואָס מען קאָן קריגן פונם ירדן, און קריגט אַרויס די מערסטע ענערגיע, וואָס זי פאַרקויפט, פון קראַפט־סטאַנציעס, וואָס באַנוצן זיך מיט אייל, וואָס ווערט געבראַכט דורך אַ פּייפּ־ליניע, וואָס ציט זיך פון די אייל־קוועלן פון איראַק צום פּאָרט פון חיפה. זי פאַרקויפט איצט אַרום צען מיליאָן קילאָוואַט שטונדן אַ חודש, וואָס איז בערך פיר מאָל מער, איידער די עלעקטריע, וואָס זי באַקומט פון איר ערשטער קראַפט־סטאַנציע אויפן ירדן.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען אינזשינער פנחס רוטענבערג, דער פאָטער פון ארץ־ישראל עלעקטריפיקאַציע האָט איבערגעגעבן זיינע פּלענער דער אַלגעמיינער עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט אין בערלין, האָבן די עקספּערטן פון דער דאָזיקער וועלט־באַרימטער געזעלשאַפט, וועלכע איז אגב אַמאָל געגרינדעט געוואָרן פונם איד עמיל ראַטענוי, צוריקגעוויזן זיין פאָרשלאָג אַלס פאַנטאַסטיש. פון וואַנען האָבן זיי געפרעגט, וועט ער קריגן גענוג קאָסטאָמער — בעלנים אויף צו פאַרברויכן די 30,000 קילאָוואַט שטונדן, וועלכע ער האָט געפּלאַנט אַרויסצוקריגן פון זיין ערשטער עלעקטרישער סטאַנציע אויפן ירדן?

ביים היינטיקן טאָג פאַרקויפט די פּאַלעסטיין עלעקטריק קאָרפּאָריישאָן פיר מאָל מער עלעקטריע, איידער זי קריגט פונם ירדן און דער פאַרלאַנג נאָך עלעקטרישער ענערגיע וועט זיך זיכער מוזן פאַרגרעסערן, מעט וועט מוזן באַלד נאָך דעם קריג בויען אַ ריי נייע קראַפט־סטאַנציעס צו באַפרידיקן דעם שטייגענדן באַדאַרף.

פיל אין ארץ ישראל באַקלאָגן זיך, אַז עלעקטריע קאָסט דאָרט טייערער איידער אין די מערסטע אַנדערע לענדער און אַז דאָס איז אַן ערנסטער חסרון פאַר איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט. עס שיינט, אַז דאָס נעמט זיך הויפּטזעכלעך פון די מאָנאָפּאָליסטישע פרייזן וועלכע ארץ

ישראל מוז איצט צאָלן פאַר הייצונג־איל. מען האָפט, אַז דער קאַנאַל פונם מיטלענדישן ים צום ים המלח, וואָס ווערט געפּלאַנט פונם לאודערמילק פּלאַן פאַר דער טעכנישער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל, וועט געבן אַ טיילוויַזן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע.

פאַרן יאָר 1941 האָט די עלעקטריק קאָרפּאָריישאָן פּאָרקויפט 103 מי־ליאָן קילאָוואַט שטונדן. פון דעם איז 33 מיליאָן פאַרנוצט געוואָרן אויף באַוואַסערונג, 33 מיליאָן פאַר אינדוסטריע און 37 מיליאן פאַר באַלייכטונג. דער פאַרקויף פון עלעקטריע אין 1944 וועט, זעט אויס, לויט צייטווייליקע אָפּשאַצונ־גען, איבערשטייגען דעם סך־הכל פון 120 מיליאָן קילאָוואַט שטונדן.

די פּראָדוקציע פון דער קלענערער קאָמפּאַני, וועלכע האָט די קאָנצעסיע פאַר ירושלים איז אַרום אַכט פּראָצענט פון דער אידיש־געגרינדעטער פּאַלעס־טיין עלעקטריק קאָרפּאָריישאָן.

די קאָנצעסיע פון ים המלח

די צווייטע אינדוסטריעלע קאָמפּאַני לויט איר גרויס, און אפשר די ער־שטע לויט אירע אויסזיכטן אין דער צוקונפט, איז די פּאַלעסטיין פּאָטאַש סינ־דיקאַט לימיטעד, וועלכע איז פונקט ווי די עלעקטרישע קאָמפּאַני אַ רעזולטאַט פון אידישער אויפבוי־איניציאַטיוו. די געזעלשאַפט, וועמענס קאַפּיטאַל באַ־טרעפט 3,700,000 דאָלאַר, איז געגרינדעט געוואָרן פון אינזשינער משה נאָוואָ־מאַיסקי, וועלכער שטאַמט, פונקט ווי רוטענבערג פון רוסלאַנד, וואו ער איז אַמאָל טעטיק געווען אַלס אַ מינען אינזשינער אין די גאָלד־גרובן אין סיביר. זיין קאָמפּאַני פאַרמאָגט די קאָנצעסיע אויף דער עקספּלואַטאַציע פון די מינע־ראַלן, וואָס זיינען אויפגעלייזט אינם וואַסער פון ים המלח, אָדער געפינען זיך אויפן גרונד פון דאָזיקן מערקווירדיקן לעיק. זי האָט אויך דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויסצונוצן די מינעראַלן, וואָס קאָנען געפונען ווערן אינם באָדן אויף אַ געוויסער שטרעקע אַרום דעם ים המלח.

ביים היינטיקן טאָג באַשרענקט זיך די געזעלשאַפט מיט אַרויסנעמען די מינעראַלן, וואָס זיינען אויפגעלייזט אין וואַסער. דאָס ווערט געטאָן דורך לאָזן דאָס וואַסער זיך אויסטרוקענען אין גרויסע פלאַכע באַסיינען און אַרויסנעמען מיט מעכאַנישע לאָפּעטעס דעם פלאַסט פון קאַרנאַליט, וואָס בלייבט אויף זיין גרונט. פון דאָזיקן קאַרנאַליט ווערן אויף אַ כעמישן אופן אַרויסגענומען פּאָטאַש, בראָמין און אַ פּאָר אַנדערע וויכטיקע מינעראַלן. דאָס וואַסער פון ים המלח אַנטהאַלט אויך ריזיקע מאַסן פון מאַגנעזיום, אַ גרינגער מעטאַל, וואָס האָט במשך פונם איצטיקן קריג געקראָגן אַ גרויסע אינדוסטריעלע וויכטיקייט. דער דאָזיקער מעטאַל ווערט אָבער נאָך ניט אַרויסגענומען פונם ים המלח, ווייל דאָס

וואָלט פאַרלאַנגט אַזאַ מאָס ביליקע עלעקטרישע קראַפט, וועלכע ארץ־ישראל פאַרמאָגט נאָך נישט.

אינם לויף פון איר אַנטוויקלונג האָט די פּאָטאַש קאָמפּאַני אויפגעבויט אַ גרויסן אַרבייטס־קעמפּ ביים זידליכן ברעג פון ים המלח, נאָענט צו די חורבות פון מסדה, דער פעסטונג, וואָס איז געווען דער צענטער פונם לעצטן אידישן ווידערשטאַנד קעגן דער רוימישער הערשאַפט. דאָרט געפינט זיך אויך אַ באַרג, וואָס באַשטייט פון הוילן זאַלץ, און וועלכן די אַראַבער פאַרבינדן מיט דער ביבלישער געשיכטע וועגן לוט׳ס ווייב.

די מערסטע מינעראַלן, וואָס ווערן אַרויסגענומען פונם ים המלח ווערן עקספּאָרטירט, אָבער אַ טייל פון זיי הויבט מען שוין אָן נוצן אין לאַנד זעלבסט פאַר אינדוסטריעלע צוועקן. פּאָטאַש ווערט גענוצט פאַר דער פאַבריקאַציע פון קינסטלעכער מיסט און בראָמין ווערט געברויכט פון דער פאַרמאַצעווטישער אינדוסטריע פאַר פאָטאָגראַפישע ארטיקלען און אַנדערע צוועקן.

דער כמות פון די מינעראַלן אינם ים המלח איז פאַקטיש אומערשעפּלעך. מען האָט אויסגערעכנט, אַז לויט זייערע איצטיקע פּרייזן, זיינען זיי ווערט מער ווי די נאַציאָנאַלע איינקונפט פון גאַנץ אַמעריקע. אַלענפאַלס איז דאָ גענוג מינעראַלן, כדי אָנצוהאַלטן זייער עקספּלואַטאַציע פאַר הונדערטער יאָרן אין אַ פיל גרעסערן פאַרנעם ווי איצט.

אינם לעצטע יאָר פרן קריג, אין 1939, האָט ארץ ישראל עקספּאָרטירט 73,527 טאָן פּאָטאַש און 589 טאָן בראָמין, אינם ווערט פון 428,000 פונט. קיין ציפערן פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן קאָנען נישט געגעבן ווערן, ווייל זיי ווערן איצט באַטראַכט אַלס אַ מיליטערישער סוד. מען ווייסט אָבער, אַז די פּראָדוקציע און עקספּאָרט פון די ביידע מינעראַלן איז שטאַרק געשטיגן פאַר דער צייט פון קריג.

די פירער פון פּאַלעסטיין פּאָטאַש טראָגן זיך אַרום מיט גרויסע פּלענער פאַר דער נאָך־מלחמה צייט. זיי פּלאַנען צו פאַרגרעסערן דאָס פּראָדוצירן מאַגנעזיום און צו נוצן די רוי־מינעראַלן פונם ים המלח אַלס אַ באַזע פאַר אַ גרויסער כעמישער אינדוסטריע, וואָס זאָל ווערן אַ וויכטיקער יסוד פאַר ארץ ישראל׳ס וויטערדיקן עקאָנאָמישן וואוקס.

איינע פון די שוועריקייטן וועלכע דער פּאַלעסטיין פּאָטאַש דאַרף בייקומען איז דער מאַנגעל פון ביליקן טראַנספּאָרט צום מיטלענדישן ים. מען רעדט וועגן בויען אַ באַן פון ים המלח צום טאָל פון בית שאן, וואו זי וועט צוקומען צו דער איצטיקער העדזשאַס באַן וואָס גייט קיין חיפה. אַן אַנדער פּלאַן איז צו בויען אַ קייבל־וועג קיין ירושלים, פון וואַנען די פּראָדוקטן פון ים המלח וועלן וייטער גייען מיט דער באַן.

ס׳איז זייער וואַרשיינלעך, אַז אקאבא, דער נייער פּאָרט, וואָס ווערט גע־בויט אויפן רויטן ים, וועט דינען אַלס אַן עקספּאָרט־צענטער פאַר ים המלח־פּראָדוקטן, וואָס וועלן געשיקט ווערן קיין אינדיע, דעם וויטן מזרח און אויסט־ראַליע. די מעלה פון אקאבא, וואָס קאָן גרינג דערגרייכט ווערן מיט טראָקס פונם זידלעכן ברעג פון ים המלח, באַשטייט אין דעם, וואָס די פּראָדוקטן פון ים המלח און אַנדערע ארץ ישראלדיקע אינדוסטריען, וועלן קאָנען פון דאָרטן עקספּאָרטירט ווערן, אויסמיידענדיק דעם הויכן אָפּצאָל פון שיפן, וואָס פאָרן דורך דעם סועץ־קאַנאַל.

ביים היינטיקן טאָג ווערט דער ים המלח באַטראַכט אַלס די וויכטיקסטע מינעראַל־קוועלע פונם לאַנד. עס זיינען אָבער דאָ נאָך עטלעכע מינעראַלע רייכטימער, וועמענס אויסנוצונג הויבט זיך ערשט איצט אָן. איינער פון זיי איז אַ גרויסער אונטערערדישער שוועבל־אוצר ביי עזה, וואָס ווערט שוין עקס־פּלואַטירט, דערווייל אין אַ קליינעם פאַרנעם פון אַן ענגליש אַראַבישער קאָמ־פּאַני. נאָך וויכטיקער זיינען פלאַסטן פון פאָספאַט, וואָס געפינען זיך אויףביידע זייטן ירדן. צוזאַמען מיטן פּאָטאַש פון ים המלח וועלן זיי געבן ארץ ישראל די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן איר אייגענע כעמישע מיסט, פאַרגרעסערנדיק דער־מיט אין אַ גרויסער מאָס די אַגריקולטורעלע פּראָדוקציע פונם לאַנד. מען רעדט אויך שטאַרק וועגן אָיל־קוועלן, וועלכע מען זאָל האָבן געפונען אין דער געגענד צווישן חברון און ים המלח. די רעגירונג, זאָגט מען, זוכט צו דערשטי־קען די דאָזיקע נייעס, כדי אָפּצוהיטן די אויל־קוועלן פון איראַק אין וועלכע זי האָט אַ פינאַנציעלן אינטערעס פון שטאַרקער קאָנקורענץ. ס׳איז אָבער שווער צו זאָגן, אויף וויפיל די דאָזיקע קלאַנגען זיינען ריכטיק.

נעבן דער אידישער קאָלאָניע מנחמיה זיינען פאַראַן גרויסע פלאַסטן פון גיפּס, וואָס ווערן שוין אויסגענוצט פאַר דער דאָרטיקער בוי־אינדוסטריע. דאָס לאַנד איז בכלל רייך אין נאַטירלעכע בוי־מאַטעריאַלן, — אויסגעצייכנטע שטיי־נער, מאַרמאָר־באַזאַלט און אַנדערע אויסגעצייכנטע שטיינער, ווי אויך אין מאַ־טעריאַלן פאַר דער פּראָדוקציע פון קאַלך, אַלעבאַסטער, ציגעל און צעמענט.

די פאַרטיילונג פון די אינדוסטריען

די מערסטע אידישע אינדוסטריען פון ארץ ישראל זיינען קאָנצענט־רירט אין דריי שטעט: תל־אביב, חיפה און ירושלים. לויטן אינדוסטריעלן צענזוס, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון דער אידישער אַגענטור אין 1937, זיינען דעמאָלט געווען אין די דריי דערמאָנטע שטעט 4466 אידישע אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 5605, וועלכע האָבן צו־זאַמען באַשעפטיקט 21,820 אַרבייטער פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 30,040. זיי האָבן מיט אַנדערע ווערטער פאַרמאָגט אַכציק פּראָצענט פון די אידישע אונטערנעמונגען, מיט 73 פּראָצענט פון די באַשעפטיקטע אין זיי. די פאָלגענדע

טאַבעלע, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן גרונד פונם צענזוס פון 1937, גיט אַ גענויערן באַגריף וועגן דער צעטיילונג פון דער אידישער אינדוסטריע לויט שטעט (פּראָדוקציע און אינוועסטירטער קאַפּיטאַל ווערן געגעבן אין פונטן).

שטאָט	צאָל אונטערנעמער	צאָל באַשעפטיקטע	פּראָדוקציע־ווערט	אינוועסטירטער קאַפּיטאַל
תל אביב	2,681	12,470	3,411,840	2,456,600
חיפה	718	4,740	2,076,830	1,910,710
ירושלים	1,067	4,610	956,290	675,980
גאַנץ ארץ ישראל	5,605	30,040	9,109,330	11,637,300

זינט דעם צענזוס פון 1937, זיינען די דאָזיקע אַלע ציפערן שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן. די פאַרטיילונג פון דער אינדוסטריע לויט שטעט האָט זיך אָבער ווייניק געענדערט. חיפה בלייבט אַלץ די שטאָט פון די בערך גרעסערע אונטערנעמונגען, בעת ירושלים פאַרמאָגט אַ מאַסע קליינע וואַרשטאַטן, וואָס באַשעפטיקן בלויז אַ פּאָר געדונגענע אַרבייטער, אָדער קומען אינגאַנצן אויס אָן געדונגענער אַרבייט. תל אביב פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ לויט דער צאָל פון אירע אונטערנעמונגען, אָבער חיפה שטייגט זי איבער מיט זייער דורכשניטלעכער גרויס.

די אינדוסטריע אין חיפהער געגנט

איינע פון חיפה׳ס גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען איז אַ צעמענט פאַבריק, „נשר״, וועלכע גיט אַרויס כמעט דעם גאַנצן צעמענט, וואָס ווערט פאַרברויכט אינם לאַנד. זי באַשעפטיקט 600 אַרבייטער. איר יערלעכע פּראָדוקציע האָט פאַר דער מלחמה באַטראָפן 300,000 טאָן. וואַרשיינלעך, האָט זי איבערגעשטיגען די דאָזיקע ציפער אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן.

„שמן״, די גרעסטע פאַבריק פון אָיל און זייף אין נאָענטן מזרח, געפינט זיך אויך אין חיפה. אויסער פלאַנצונגס־אָיל און זייף, וואָס האָבן געקראָגן אַ גוטן נאָמען אין די שכנותדיקע לענדער, פּראָדוצירט זי אויך אָיל־פאַרבן, גליצערין, ציין־פּולווער, גאָל־קרים, און נאָך אַזעלכע פּראָדוקטן. די פאַבריק, וועלכע עקזיסטירט שוין פערציק יאָר, נוצט אָרטיקן אָליוו־אָיל, ווי אויך רויע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן אימפּאָרטירט פון ווייטן מזרח.

צום אונטערשיד פון „שמן״, איז „אתא״, די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריק אין ארץ ישראל, געגרינדעט געוואָרן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר פאַרן איצטיקן קריג. זי ליפערט אַ גרויסן טייל פון די שטאָפן פאַר ארץ ישראל׳ס וואַקסנדער קליידער־אינדוסטריע.

אין יאָר 1925 האָט אַ אידישער שוועבעלעך־פאַבריקאַנט פון ליטא גע־

גרינדעט אַ שוועבל־פֿאַבריק אין עכו, ביי חיפה. שפּעטער איז זיין פֿאַבריק אָפּ־געקויפט געוואָרן פונם שוועדישן וועלט־טראַסט, וואָס האָט דעמאָלט מאָנאָפּאָ־ליזירט די שוועבל־פּראָדוקציע אין דער וועלט. ווען דער טראַסט האָט צוזאַ־מענגעבראָכן, איז די פֿאַבריק צוריק אַריבער אונטערן אָרטיקן אידישן קאָנט־ראָל.

די ארץ ישראלדיקע זאַלץ־קאָמפּאַני, פּראָדוצירט זאַלץ דורך אויסוועפּן ים־וואַסער אין אַטליט, ביי חיפה. זי גיט אַרויס יעדעס יאָר אַרום 30,000 טאָן זאַלץ.

מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק האָט באַראָן ראָטשילד אויסגעבויט אין חיפה אַ גרויסע מיל און מצה־פֿאַבריק, וועלכע באַשעפֿטיקט עטלעכע הונדערט אַרבייטער.

צו די גרויסע פֿאַבריקן פון דער חיפה׳ער געגענד באַלאַנגט אויך „וואולקאַן״, אַן אייזן־גיסעריי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דייטשע אידן, אָבער איז שפּעטער אַריבער אין די הענט פון ״סולל בונה״ — דער גרויסער קאָנטראַקטאָר־אָרגאַניזאַציע פון דער „הסתדרות״. דער „סולל בונה״ בויט אויך דאָרט אַ קעראַמישע פֿאַבריק, וואָס וועט באַזאָרגן ארץ ישראל מיט כלים און סאַניטאַרישע איינריכטונגען.

אַנדערע אידישע פֿאַבריקן אין דער חיפה׳ער געגענד פּראָדוצירן טעק־סטיל שטאָפן, בוי־מאַטעריאַלן, עסענצן, מאַשינען, דראָט, עלעקטרישע איינ־ריכטונגען, הילצערנע מכשירים, אייזערנע מעבעל, כעמישע שטאָפן, פּלאַסטי־שע אַרטיקלען, פּאַפּיראָסן און סיגאַרן און אַנדערע אַרטיקלען.

די מערסטע פֿאַבריקן, וואָס זיינען געבויט געוואָרן אין חיפה אין די לעצטע 10־15 יאָר, זיינען געלעגען אין דער אינדוסטריעלער זאָנע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אויפֿן לאַנד פונם נאַציאָנאַל פֿאָנד צו צפון פון חיפה. אָפּקוי־פנדיק דאָס מערסטע לאַנד אין יענער געגענד אין דער צייט, ווען מען האָט עס געקאָנט קריגן פֿאַר אַ בערך ביליקן פּרייז, האָט דער נאַציאָנאַל פֿאָנד אַראָפּגע־דריקט דערמיט די לאַנד־ספּעקולאַציע אין דער חיפה׳ער געגענד און פֿאַרזאָרגט די וואַקסנדע אינדוסטריע מיטן נויטיקן פּלאַץ פֿאַר מעסיקע יערלעכע צאָלונגען. די דאָזיקע ווייטזיכטיקע פּלאַנירונג האָט שטאַרק געהאָלפֿן די חיפה׳ער איינ־דוסטריען דורך פֿאַרקלענערן זייער קאַפּיטאַל־באַדאַרף אין די קריטישע יאָרן פון זייער גרינדונג.

חיפה, וואו עס ענדיקט זיך די גרויסע פּייפּ־ליניע, וואָס ברייגגט דעם אָיל פון איראַק צום מיטלענדישן ים, איז געוואָרן אויך דער צענטער פון גרוי־סע ראַפֿינעריעס, ווי אויך פון כעמישע פֿאַבריקן, וואָס נוצן אויס דעם ניוועץ פונם ראַפֿינירטן אָיל, אַלס אַ טייל פון זייער רויען מאַטעריאַל. אין לויף פון דער איצטיקער מלחמה האָבן די ראַפֿינעריעס פון חיפה געליפֿערט גאָר אַ גרוי־

סען טייל פונם אָיל, וואָס איז פאַרנוצט געוואָרן פון די אַליאירטע נייווים און לופט־כוחות אַרום דעם מיטלענדישן ים. דאָרט געפינען זיך אויך גרויסע באַן־וואַרשטאַטן, וואָס באַדינען די באַנען פון ארץ ישראל, עבר הירדן און אַמאָל אויך פון די שכנותדיקע לענדער.

תל אביב אַלס אינדוסטריע צענטער

כאָטש פיל ארץ ישראלדיקע עקאָנאָמיסטן זיינען איבערצייגט, אַז חיפה מיט איר מאָדערנעם פּאָרט און ברייטן הינטערלאַנד, וועט מיט דער צייט ווערן דער גרעסטער אינדוסטריע־צענטער אין נאָענטן מזרח, פאַרנעמט אָבער דערווייל תל אביב דעם ערשטען פּלאַץ אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פונם לאַנד. דער ערשטוינלעכער וואוקס פון תל אביב׳ס אינדוסטריע ווערט געוויזן אין דער פאָלגענדער טאַבעלע, וועלכע גיט אָן די צאָל פון אירע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען אין געוויסע יאָרן:

יאָר	די צאָל פון אונטערנעמונגען
1919	24
1926	152
1931	294
1933	1,511
1937	2,456
1943 (געשאַצט)	3,200

לויט אַ פאַרלעסלעכער אָפּשאַצונג פאַרמאָגט היינט תל אביב בערך די העלפט פון אַלע אידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין ארץ ישראל.

די מערסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון תל אביב זיינען וואַר־שטאַטן, וואָס באַשעפטיקן פון צוויי ביז פינף אַרבייטער. עס זיינען דאָרט אָבער אויך דאָ אַ פּאָר הונדערט נישט קשה׳דיקע פאַבריקן. צו זיי געהערן די זייד־פאַבריקן פון זאָקס און דעלפינער, וואָס באַשעפטיקן יעדע צו פינף הונ־דערט אַרבייטער. די זאָקן־פאַבריק „לאַדזיה״, באַשעפטיקט אַרום 600 הונ־דערט אַרבייטער און אַ טייל פון איר אויסאַרבייטונג ווערט ערפאָלגרייך פאַר־קויפט אין סיריע און איראַק. עטלעכע גאַנץ גרויסע פאַבריקן פון שאָקאָלאַד און קאָנפעקטן באַשעפטיקן אַ היבשע צאָל אַרבייטער און זייערע פּראָדוקטן קריגן אַ אָפּזאַץ־מאַרק אין אַנדערע לענדער פון נאָענטן מזרח.

די פּראָדוקציע פון פרוכט־זאַפטן איז אויסגעוואַקסן מיט דער צייט אין אַ גאַנץ באַדייטנדע אינדוסטריע. אַ טיפּישע פאַבריק פון דעם מין איז „אסיס״, וועלכע פאַרנוצט אַ טייל פון דער ציטרוס־ערנטע, וואָס קאָן צוליב די אָדער אַנדערע אורזאַכן ניט עקספּאָרטירט ווערן. אַנדערע פאַבריקן מאַכן כל־ערליי ביי־פּראָדוקטן פון מאַראַנצן, וואָס פאַלן פון די בוימער. אינם יאָר 1941 האָט

דער ווערט פון פּרוכט, וואָס מען האָט אויסגענוצט פאַר אַזעלכע ביי־פּראָדוקטן באַטראָפן 780,000 פונט. מען האָט געמאַכט דערפון וויטעמינס, פּעקטין, עסענץ־איל, עסענצן, מאַרמעלאַד, געטראַנקען א. אַז. וו.

אין תל־אָביב געפינט זיך אויך דער צענטער פון ארץ־ישראל׳ס וואַק־סנדיקער קליידער־אינדוסטריע. יעדן יאָר קומט דאָרט פאַר אַ מאָדע־אויס־שטעלונג, וואָס ציט צו קונים פון די אַלע אַרומיקע לענדער. עס האָט זיך אויך אין תל־אָביב אַנטוויקלט די פּראָדוקציע פון שיך, האַנט־בייטלען און אַנדערע לעדער פּראָדוקטן, ווי אויך די פּראָדוקציע פון לעדער און טאַנין־שטאָפן.

זייער אַן אינטערעסאַנטע אונטערנעמונג איז די פּראָדוקציע פון קינסט־לעכע ציין, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין תל אביב פון אַן אַמעריקאַנער איד, מר. בלום. זי איז אינטערעסאַנט דערפאַר, ווייל זי איז אַ טיפּישער ביי־שפּיל פון אינדוסטריען וואָס זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן פאַרן דרויסנ־דיקן מאַרק, און אויפן יסוד פון אימפּאָרטירטע רויע מאַטעריאַלן. מען האָט זיך לכתחילה באַצויגן צו דער דאָזיקער אונטערנעמונג מיטן גרעסטן ספק, ווייל מען האָט נישט געזען קיין אָרטיקן באַדאַרף פאַר אירע פּראָדוקטן. היינט אָבער באַ־שעפטיקט די דאָזיקע ציין־פאַבריק 200 אַרבייטער, און אירע פּראָדוקטן ווערן שטאַרק געשעצט פון די דענטיסטן אין לאָנדאָן. בלום׳ס ערפאָלג ווערט אָפט אויסגענוצט פון די ארץ ישראלדיקע עקאָנאָמיסטן, אַלס אַ באַווייז, אַז מען קאָן דאָרט אָרגאַניזירן אינדוסטריען, וואָס זיינען נישט אויסשליסלעך אָנגעוויזן אויפן אָרטיקן מאַרק, אָדער אויף אָרטיקע רוי־מאַטעריאַלן. דאָס באַציט זיך באַזונדערס אויף פּראָדוקטן אין וועלכע די קאָסטן פון אַרבייט שפּילן אַ פּיל גרעסערע ראָל, איידער די קאָסטן פון רויע מאַטעריאַלן אָדער טראַנספּאָרט.

אַן אַנדערע, און פיל ברייטערע אָנווענדונג פונם דאָזיקן כלל, איז די דימענט־אינדוסטריע, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע יאָרן. די שטיינדלעך ווערן געבראַכט פון דרום־אַפריקע מיט אַן עראָפּ־לאַן, און די אינדוסטריעלע דימענטן, וואָס ווערן פון זיי פּראָדוצירט, ווערן מערסטנס געשיקט קיין אַמעריקע, וואו זיי ווערן גענוצט אין דער מלחמה־אינ־דוסטריע. אויך אין דעם פאַל זיינען די קאָסטן פון טראַנספּאָרט נישטיק אין פאַרגלייך מיטן ווערט פונם פאַרענדיקטן פּראָדוקט. ס׳איז דעריבער נישטאָ קיין עקאָנאָמישער גרונד, פאַרוואָס די דאָזיקע אינדוסטריע, וואָס איז מערסטנס איינ־געפירט געוואָרן אין ארץ ישראל, נאָך היטלערס אינוואַזיע פון בעלגיע און האָלאַנד, זאָל נישט בלייבן דאָרט אויף שטענדיק. די דימענט־אינדוסטריע באַשעפטיקט 3600 אַרבייטער, און די מערסטע וואַרשטאַטן געפינען זיך אין תל אביב און נתניה.

אַ גרויסער טייל פון דער תל אביבער אינדוסטריע געפינט זיך אין רמת גן, אַ פאָרשטאָט, וואָס געפינט זיך אַ פּאָר מייל צום צפון־מזרח פון דער אידי־שער שטאָט, תל אביב. מען פאַבריצירט דאָרט זיידענע שטאָפן, זאָקן און אונ־

טערזועשׁ, אַלומיניום־כלים, טשוועקעס און דראָט, פּרוכט־זאַפטן, וואַסער־רע־רען פון צעמענט, ספּירט, לעדער, עלעקטרישע מאַשינען, מעבעל, שיך. און פּלאַסטישע אַרטיקלען. אין רמת גן איז אויך פאַראַן אַ כסדר וואַקסנדיקע כע־מישע אידוסטריע, וועלכע פּראָדוצירט סאָדא, קינסטלעכע מיסט, פּליסיקייטן פאַר באַשפּריצן בוימער, אינסעקטן־פּולווער, ציין־פּאַסטע, היזוען, שיך־טינט, און כל־ערליי פאַרבן. די דאָזיקע פאַבריקן זיינען מערסטענס קליין, אָבער זיי אַנטוויקלען זיך גאַנץ גיך.

תל אביב האָט אַ היבשע צאָל פון מאָדערנע דרוקערייען. עס ווערן דאָרט געדרוקט ניין טעגלעכע צייטונגען, אַ פּאָר צענדליג אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן, און אַרום 500 ביכער אַ יאָר.

אַ נייע אינדוסטריעלע פאָרשטאָט, קרית עבודה, האָט זיך אויסגעבויט צום דרום פון תל־אָביב, אין דער שכנות פון מקוה־ישראל, דער עלטסטער אַגריקולטורעלער שול פון ארץ־ישראל. עס געפינט זיך דאָרט שוין אַ באַדיי־טנדע צאָל פון וויכטיקע פאַבריקן.

אינדוסטריאַליזאַציע פון דערפער

די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון תל אביב האָט איבערגעוואַקסן די ראַמען פון דער כסדר וואַקסנדיקער שטאָט. די צוויי עלטסטע אידישע קאָ־לאָניעס, פּתח תקוה און ראשון לציון, וואָס זיינען ביידע בערך צען מייל פון תל אביב, איינע צום מזרח, און די אַנדערע צום דרום, ווערן אַלץ מער און מער אינדוסטריאַליזירט, און ווי עס זעט אויס איז זיי באַשערט צו ווערן אַמאָל אינ־דוסטריעלע פאָרשטעט פון דער צוקונפטיקער גרויס־שטאָט.

אין ראשון לציון געפינט זיך די עלטסטע אידישע אינדוסטריע פון ארץ־ישראל. דאָס זיינען די וויין־קעלערס און די קאָניאַק דיסטילערי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון באַראָן ראָטשילד, אַרום איבער פופציק יאָר צוריק. ס׳איז איינער פון די גרעסטע און מאָדערנסטע וויין־קעלערס אין דער וועלט. ער קאָן פּראָדוצירן אַ סך מער וויין, איידער דער איצטיקער באַשרענקטער שטח פון אידישע ווינגערטנער גיט אַרויס. האָט דעריבער דער קאָלאָניסטן קאָ־אָפּעראַטיוו, וואָס פאַרוואַלטעט דעם קעלער, פאַרדונגען אַ טייל פונם איבעריקן פּלאַץ צו אַ ביר־ברויערייַ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון עלזאַסיש־אידישע פאַכלייט פון שטראַסבורג. די ברויעריי, וואָס נוצט צום טייל אַרטיקע פּראָ־דוקטן, די גערשטן פון דער עזה־געגענד, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אויסערגעוויינלעכער ערפאָלג. אים לויף פון קריג זיינען געבויט געוואָרן נאָך צוויי ברויערייען, און זיי האָבן זיך נישט צו קלאָגן אויפן מאַנגל פון געברויך. זייער פּראָדוקציע ווערט פאַרברויכט סיי פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג און

סיי אויך פונם פיל פּאַרביקן, אָרטיקן מיליטער, וואָס געפינט זיך איצט אין ארץ ישראל.

אין ראשון לציון געפינט זיך אויך אַ פאַבריק פון גאָל־מעסערלעך, „אקאווא", וואָס נוצט שוועדישן שטאָל אַלס רוי־מאַטעריאַל און האָט מצליח געווען אין דער פאַרשפּרייטונג פון אירע פּראָדוקטן סיי אין ארץ ישראל, און סיי אויך אין אַלע אַרומיקע לענדער. אקאווא איז אַ ווייטערדיקער ביישפּיל פון אַן אינדוסטריע, וועלכע האָט ערפאָלג נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז באַזירט אויף אימפּאָרטירטן רויען מאַטעריאַל.

די אַנדערע פּראָדוקטן פון ראשון לציון זיינען, גלאָז־פלעשער, מעבעל, שיך, קינסטלעכע מיסט, און ציטרוס־עקסטראַקטן.

פתח תקוה, די עלטעסטע אידישע קאָלאָניע, און נתניה, אַ בערך יונגע קאָלאָניע, וואָס ליגט ביים מיטלענדישן ים, צווישן חיפה און תל־אָביב, ווערן אויך פאַרוואַנדלט אין אינדוסטריעלע שטעטלעך. פתח תקוה האָט איצט אַ באַפעלקערונג פון 25,000, און זי גיט אַרויס בוי־מאַטעריאַלען, קליידער און אַנדערע אינדוסטריעלע אַרטיקלען. נתניה איז גלייכצייטיק מיט תל־אָביב גע־וואָרן דער צענטער פון דער דימענט־אינדוסטריע, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין ארץ ישראל פאַר דער צייט פון קריג. זי מאַכט אויך קאָנסערוון פון גרינס און פיש און זי פאַרמאָגט די אָנהויבן פון פאַרשידענע אַנדערע אינדוסטריען.

גלייכצייטיק מיט די גרויסע וויין־קעלערן אין ראשון לציון, האָט ראָט־שילד אויסגעבויט אַ קלענערע וויין־פאַבריק אין זכרון יעקב. עס זיינען אויך געבויט געוואָרן קאָאָפּעראַטיווע וויינקעלערס אין רחובות און ראשון לציון.

אַן אינטערעסאַנטע אינדוסטריע, וואָס איז באַזירט אויף אָרטיקער אַג־ריקולטור, איז די פּראָדוקציע פון עסענצן און אַראָמאַטישע עקסטראַקטן פון בלומען און בלעטער. די ערשטע פאַבריק פאַר דעם צוועק איז געבויט געוואָרן פון באַראָן ראָטשילד אין בנימינה, אַ קאָלאָניע אין שומרון, צו דרום פון זכרון יעקב. אירע פּראָדוקטן, וואָס ווערן אויסגעפּרעסט פון זשאַסמין, נאַרציסוס און זשעראַניום־בלומען, פלעגט מען פאַר דער מלחמה שיקען קיין פראַנקרייך, וואו מען האָט זיי גענוצט אין דער פּראָדוקציע פון טייערע פּאַרפיומען.

אינדוסטריע אין ירושלים

אין פאַרגלייך מיט תל אביב און חיפה, איז ירושלים שטאַרק צוריק־געשטאַנען אין איר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. די הויפּט־אורזאַכע איז די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון דער אַלטער שטאָט, וועלכע איז ווייט פונם ים, און האָט אויך ביז לעצטנס שטאַרק געליטן צוליב מאַנגל פון וואַסער אין די טרוקע־נע זומער־חדשים. כאָטש די וואַסער־פראַגע איז געלייזט געוואָרן מיט אַכט יאָר צוריק, דורך אַן אַקוועדאַקט, וואָס האָט געבראַכט קיין ירושלים די וואַסער

פון אַדזשא (ירקון), וואָס פאַלט אריין אין ים ביי תל אביב, איז אָבער דאָס וואַסער דאָרט נאָך טייער, און פיל פאַבריקן, וואָס מוזן האָבן אַ סך וואַסער פאַר זייער פּראָדוקציע, קאָנען דעריבער ניט עקאָנאָמיש אַרבייטן אין ירושלים.

ירושלים אַלס די הייליקע שטאָט פון דריי רעליגיעס, האָט אָבער פון שטענדיק אָן צוגעצויגען אַ גרויסע צאָל פון פּילגרימען און טוריסטן, און זי האָט אויך אַ באַדייטנדע באַפעלקערונג פון מיסיאָנערן, לערער און סטודענטן פון אַלע עקן וועלט. די דאָזיקע פרעמדע קאָלאָניע, וואָס האָט אַ בערך הויכן סטאַנדאַרט פון לעבן, איז אין לעצטן דור שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן דורך אַ גרויסע צאָל פון רעגירונגס־באַאַמטע. פאַרמאָגענדיק אַ גרויסן פּראָצענט פון איינוואוינער, וואָס האָבן אַ בערך הויכע און געזיכערטע הכנסה, פאַרמאָגט ירושלים אַן אינערלעכן מאַרק אויף כל ערליי אַרטיקע פּראָדוקטן פאַר בעסערע האַנטווערקער מכל המינים. אַזוי ארום זיינען דאָרט אַנטשטאַנען אַ ריי פון וואַרשטאַטן, וועלכע זיינען, הגם קליין אין דורכשניט, דאָך צוזאַמענגענומען אַ באַדייטנדער צווייג פון איר עקאָנאָמישן לעבן.

די וויכטיקסטע אינדוסטריע פון ירושלים בלייבט די פּראָדוקציע פון אָנדענק אַרטיקלען פאַר טוריסטן און פאַרן פאַרקויף אין אויסלאַנד. די אַרטיסטישע מדרגה פון די דאָזיקע אָנדענק־אַרטיקלען, וואָס טראָגן אַ רעליגיעזן אָדער האַלב רעליגיעזן כאַראַקטער, איז אין לעצטן דור שטאַרק פאַרבעסערט געוואָרן צוליב דעם גוטן איינפלוס פון דער קונסט־שול „בצלאל“, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין ירושלים, אין אָנהויב פונם איצטיקן יאָרהונדערט. איר גרינדער, פּראָפעסאָר באָריס שאַץ, האָט זיך שטאַרק באַמיט אויפצולעבן די אַלטע קונסט פון פיליגראַן־אַרבייט אויף זילבער, און צו אַנטוויקלען אַרטיסטישע גראַווירונגען אויף שטיין און קופּער, טעפּיך־וועבעריי, און בעסערע מינים פון האַלץ־שניצעריי. ער האָט אין דעם פּרט דערגרייכט אַ באַדייטנדן ערפאָלג און די ווירקונג פון זיין שולע פילט זיך נישט נאָר צווישן אידישע נאָר אויך צווישן אַראַבישע קונסט־האַנטווערקער אין ירושלים.

אין די לעצטע עטלעכע יאָרן האָבן אידישע אימיגראַנטן פון צענטראַל־אייראָפּע אָנגעהויב גרינדן אין ירושלים גרעסערע און מער מאָדערנע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. עטלעכע פאַרמאַצעווטישע לאַבאָראַטאָריעס פון ירושלים האָבן אין משך פון קריג אַרויסגעגעבן די מערסטע רפואות, אין וועלכע ס'האָבן זיך געניטיקט די אַליאירטע אַרמייען אין נאָענטן מזרח. עס געפינען זיך דאָרט אויך עטלעכע גרויסע דרוקערייען, אַ פאַר טעפּיך־פאַבריקן, אַ גרויסע ביסקוויט־פאַבריק און עטלעכע טאַבאַק־פאַבריקן.

בדרך כלל איז אָבער א ספק צי ירושלים וועט ווען־ניט־איז ווערן אַ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער, וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן מיט תל אביב און חיפה. די אַלטע הויפּט־שטאָט וועט וואַרשיינלעך הויפּטזעכלעך בלייבן אַ שטאָט פון רעליגיע, וויסנשאַפט און רעגירונג, און איר אַנטוויקלונג וועט גיין

לאַנגזאַמער, אידער פון די שטעט, וואָס ליגן ביים ברעג ים. ווייניק באַרירט פון דער לעצטער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל זיינען די אַלטע אידישע קהילות פון טבריה און צפת. זייער צוקונפטיקער וואוקס איז הויפּטזעכלעך אָפּהענגיק פון דער אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג אין גליל, וואו מען ריכט זיך אויף אַ גרויסע אידישע קאָלאָניזאַציע נאָכן קריג.

בדרך כלל קאָן געזאָגט ווערן, אַז די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון ארץ־ישראל, אין דער שכנות פון די קאָנטינענטן פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע, און גלייך ביים סועץ קאַנאַל, איז זייער גינסטיק פאַר אַ גרויסער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט. צום גרויסן טייל איז דאָס אָבער אָפּהענגיק פון ארץ ישראל׳ס עקאָנאָמישע באַציאונגען מיט די שכנותדיקע לענדער און פון דער מאָס פון האַנדלס פרייהייט, וואָס וועט עקזיסטירן אין דער צוקונפטיקער וועלט.

קאַפּיטל זיבן

האַנדל, טראַנספּאָרט און פינאַנסן

אינם אָנהויב פון דער ארץ ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע, האָט מען גע־שטרעבט, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך, צו פאַרמיידן האַנדל, די באַשעפטיקונג, וואָס שפּילט אַזאַ אָנטשיידנדע ראָלע אינם אידישן לעבן אין גלות. די דאָזיקע שטעלונג האָבן באַזונדערס געגומען די „בילויצעס״, וואָס האָבן געגרינדעט די ערשטע אידישע קאָלאָניע אינם לאַנד. זיי האָבן געטרוימט וועגן אַ נייעם סאָרט אידישן ישוב, וואָס זאָל אינגאַנצן באַזירט ווערן אויף אַקערבוי און פי־זישער אַרבייט. זיי האָבן שאַרף פאַרדאַמט די ווייניקע צווישן זיי, וואָס האָבן דעמאָלט זיך באַזעצט אין די שטעט און זיך פאַרנומען מיט האַנדל.

מיטן וואוקס פון די אידישע אַגריקולטורעלע ישובים האָט די דאָזיקע שטעלונג געמוזט געביטן ווערן. האַנדל איז צוביסלעך אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ וויכטיקער צווייג פון מענטשלעכער טעטיגקייט. דער וואוילשטאַנד און די סאַמע עקזיסטענץ פון די יונגע קאָלאָניעס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אָפּהענגיק פון זייער פעאיקייט צו אָרגאַניזירן אויף אַ קאָמערציעלן אופן דעם פאַרקויף פון זייערע פּראָדוקטן אין אויסלאַנד.

ביים היינטיקן טאָג פאַרנעמט האַנדל אַ גאַנץ וויכטיקן פּלאַץ אינם עקאָ־נאָמישן לעבן פון אידישן ארץ ישראל. אין פאַרגלייך אָבער מיטן גלות, איז דער פּלאַץ פון האַנדל אינם ארץ ישראלדיקן אידישן לעבן, אַ מער באַשרענק־טער און נאָרמאַלער. לויט דער פאָלקס־ציילונג פון נאָוועמבער 1931, זיינען צווישן הונדערט באַשעפטיקטע אידן 13 געווען פאַרנומען אין האַנדל. אין דייטשלאַנד זיינען אָבער אין דער זעלבער צייט 49 פּראָצענט פון די אידישע פאַרדינער געווען פאַרנומען מיט האַנדל, אין טשעכאָסלאָוואַקיי האָט דער דאָ־זיקער פּראָצענט באַטראָפן 46, אין אונגאַרן —40, אין רומעניע — 37 און אין פּוילן — 35. אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע טיפּישע גלות־לענדער פאַרנעמט האַנדל ביי די ארץ ישראלדיקע אידן אַ דריי מאָל קלענערן פּלאַץ. אַזוי ווי ציוניזם איז אין גאַר אַ גרויסער מאָס געווען געריכטעט געגן דעם איבערוואוקס פון האַנדל אינם אידישן גלות־לעבן, דאַרף דער קלענערער פּראָצענט פון האַנדל אין ארץ ישראל באַטראַכט ווערן אַלס איינער פון זיינע גרעסטע דער־גרייכונגען.

אין די יאָרן פון 1933־1936, ווען די אידישע אימיגראַציע האָט דער־

גרייכט איר גרעסטן פאַרנעם, האָט דער פּראָצענט פון קרעמער אינם ישוב אַנגעהויבן עטוואָס שטייגן. לויט אַן אָפּשאַצונג פון דער אידישער אַגענטור, האָט דער דאָזיקער פּראָצענט דערגרייכט ביים אָנהויב פון 1936 צו 17, אַנ־שטאָט 13 אין 1931. עס שיינט אָבער, אַז אַ טייל פון די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל, האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ צייטווייליקער באַשעפטיקונג, ביז זיי וועלן זיך נישט אַרומקוקן און אויס־געפינען עפּעס אַנדערש. אייניקע האָבן געמוזט ליקווידירן סחורות, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון חוץ־לאָרץ אָנשטאָט מזומנע געלט. כאָטש מיר האָבן ניט קיין באַשטימטע ציפערן וועגן שפּעטערדיקע יאָרן, איז אונזער איינדרוק, אַז דער איצטיקער פּראָצענט פון באַשעפטיקטע אין האַנדל איז ערגיץ־וואו צווישן 13 און 17.

דער אויסלענדישער האַנדל

דער אויסלענדישער האַנדל פון ארץ ישראל ווייזט אַרויס אַ גרויסן איבערוואָג פון אימפּאָרט איבער עקספּאָרט. דאָס קאָן מען זען פון דער פאָל־גנדער טאַבעלע, וועלכע גיט אַן ארץ ישראל׳ס אויסלענדישן האַנדל (אין פונטן) פאַר די צען יאָרן פאַרן קריג. פאַר פאַרגלייך צוועקן האָבן מיר אויך אַריינגענומען אין דער דאָזיקער טאַבעלע די ציפערן פאַר 1913, דעם לעצטן יאָר פאַרן ערשטן וועלט־קריג:

יאָר	אימפּאָרט (פאַר געברויך)	עקספּאָרט און רע־עקספּאָרט
1913	1,616,000	1,093,000
1930	6,985,000	2,078,000
1931	5,940,000	1,823,000
1932	7,769,000	2,381,000
1933	11,122,000	2,911,000
1934	15,133,000	3,501,000
1935	17,853,000	4,516,000
1936	13,979,000	4,268,000
1937	15,904,000	6,450,000
1938	11,357,000	3,684,000
1939	14,633,000	5,466,000

מיר געבן דאָ נישט די ציפערן פאַר דער מלחמה־צייט, ווייל זיי זיינען ניט פולשטענדיק, און געבן ניט קיין ריכטיקן באַגריף וועגן דער לאַגע. זיי אַנטהאַלטן נישט די כעמישע שטאָפן פונם ים המלח און אפילו די אינדוסטרי־עלע דימענטן, וואָס זיינען עקספּאָרטירט געוואָרן פון ארץ־ישראל, ווייל די דאָזיקע סחורות זיינען באַטראַכט געוועזן אַלס מיליטערישער סוד. זיי לאָזן אויך אַרויס אַלע סחורות , וואָס זיינען אימפּאָרטירט אָדער עקספּאָרטירט

געוואָרן פון דער מיליטערישער מאַכט, כאָטש איייניקע פון די אַריינגעבראַכטע פּראָדוקטן זיינען פאַרנוצט געוואָרן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אויסער דעם האָט דער מאַנגל פון שיפן און דער אָפּשטעל פאַר אַ לאַנגער צייט פון יעדן האַנדלס־פאַרקער איבערן מיטלענדישן ים, זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף ארץ־ישראלס אויסלענדישן האַנדל.

זיך אומקערנדיק צו די ציפערן וועגן דעם האַנדל אין די פריערדיקע מער נאָרמאַלע יאָרן, ווערט מען קודם כל איבערראַשט דורך דעם גרויסן איבערוואָג פון אימפּאָרט איבערן עקספּאָרט. דער דאָזיקער איבערוואָג פאַר־אורזאַכט אַ שטענדיקן אַרויספיר פון געלט צו צאָלן דערמיט פאַר אימפּאָר־טירטער סחורה. בעיקר איז דאָס דאָזיקע געלט געקומען פון אינוועסמענטס פון אידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען נישט געווען אויסגערעכנט אויף אַ באַלדיקער איינקונפט. ווען איינער, למשל, פלאַנצט אַ פרדס, דאַרף ער גלייך האָבן מאַשינען אויף צו בויערן אַ ברונעם, און צו באַאַרבייטן דאָס לאַנד. מיט זיין פלאַנצן שאַפט ער אַ פאַרלאַנג נאָך רערן פאַר באַוואַסערונג, טראַקס פאַרן טראַנספּאָרט פון זיינע בוי־מאַטעריאַלן, האָלץ פון באַראַקן, ווי אויך שפּייז און קליידונג פאַר זיינע אַרבייטער. די מערסטע פון די דאָזיקע אַרטיקלען מוזן געבראַכט ווערן פון אויסלאַנד גלייך; אין דער זעלבער צייט טראָגט נאָך נישט דער יונגער פרדס גאָרנישט אַריין. עס וועט נעמען גאַנצע זעקס יאָר ביז זיין פּרוכט וועט אָנהויבן פיגורירן אינם עקספּאָרט פונם לאַנד, אויס־גלייכנדיק דערמיט דעם אימפּאָרט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליב זיין פלאַנצונג. אין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס באַציט זיך דאָס אויך אויף פאַבריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען. אין דער צוקונפט וועלן אייניקע פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען ווערן פיליכט אַ קוואַל פון עקס־פּאָרט. דערוויל אָבער פאָדערן זיי אַ סך מאַשינען און אַנדערע מאַטעריאַלן פון אויסלאַנד, אין דער צייט ווען זייערע פּראָדוקטן ווערן אין דער ערשטער צייט געברויכט כמעט אויסשליסלעך אינם לאַנד אַליין.

די גרויס פון די אידישע אינוועסטיציעס אין ארץ־ישראל קאָן גע־מאָסטן ווערן לויט די ציפערן וועגן אימפּאָרטירטן אידישן קאַפּיטאַל. לויט דער קאָנסערוואַטיווער אָפּשאַצונג פון מר. קלאַרק, דעם פאַרוואַלטער פון די פּאַלעסטינער אָפּטיילונגען פון דער ענגלישער באַרקלאַי־באַנק, האָט דער קאַפּיטאַל, וועלכן אידן האָבן אַריינגעבראַכט קיין ארץ ישראל פאַר די צען יאָר פון ענדע 1919 ביז אָנהויב 1929, באַטראָפן נישט ווייניקער פון פערציק מיליאָן פונט. נעמענדיק אין באַטראַכט די שפּעטערדיקע ציפערן, וועלן מיר נישט זיין ווייט פונם אמת, אויב מיר וועלן אָננעמען דעם סך הכל פון אידישע אינוועסטמענטס פאַר דער צייט צווישן די צוויי מלחמות, צווישן 1919 און 1939, אַלס 105 מיליאָן פונט. אפילו אין דער צייט פון דער איצ־טיקער מלחמה האָט אידישער קאַפּיטאַל נישט אויפגעהערט צו פליסן קיין

ארץ ישראל און דער מינימום פון אידישע אינוועסטמענטס זינט דער באַל־פור דעקלאַראַציע ביזן סוף פון 1943 דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן אין 125 מי־ליאָן פונט. דאָס מערסטע פונם דאָזיקן געלט איז געקומען פון פּריוואַטע קוועלן, אָבער אַרום אַ פערטל פון דעם, אָדער איבער 150 מיליאָן דאָלאַר אין אַמעריקאַנער געלט, איז געקומען פון ציוניסטישע און אַנדערע אידישע עפנטלעכע פאָנדן.

די צוטיילונג פון אימפּאָרטירטע סחורות

די ארץ ישראלדיקע סטאַטיסטיק טיילט פאַנאַנדער די אימפּאָרטירטע סחורות אין דריי גרויסע קאַטעגאָריעס. די ערשטע באַשטייט פון שפּייז־געטראַנקען און טאַבאַק. די צווייטע פון רויע מאַטעריאַלן און אַרטיקלען פון ווייניק אויסגעאַרבעטע סחורות. די דריטע פון סחורות, וואָס זיינען פאַב־ריצירט געוואָרן אין גאַנצן, אָדער צום גרעסטן טייל אין די לעצטע דריי יאָר. פאַרן קריג האָבן די אימפּאָרטירטע סחורות קיין ארץ ישראל זיך צוטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן:

(די צאָלן אין א״י פונטן):

	1937	1938	1939
שפּייז, געטראַנקען, טאַבאַק	4,147,841	3,209,287	3,755,794
רויע מאַטעריאַלן און ווייניק אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען	1,607,888	1,138,375	1,480,914
פאַבריצירטע סחורות	10,089,860	6,978,617	9,362,443
ניט קלאַסיפיצירטע סחורות	58,077	30,684	33,671
בסך הכל, אימפּאָרט	15,903,666	11,356,963	14,632,822

ווען מען לייענט זיך אויפמערקזאַם אַריין אין די דאָזיקע ציפערן, זעט מען, אַז דער אימפּאָרט פון פאַבריצירטע סחורות מאַכט אויס כמעט צוויי דריטל פונם ארץ ישראלדיקן אימפּאָרט. אויף וויפיל די דאָזיקע סחורות באַ־שטייען פון מאַשינען און בוי־מאַטעריאַלן, וואָס ווערן גענוצט פאַרן אויפבוי פונם לאַנד, איז דאָס אַ קאָנסטרוקטיווער אימפּאָרט, וואָס וועט מיט דער צייט באַרייכערן דאָס אידישע היימלאַנד. אויף וויפיל אָבער עס האַנדלט זיך וועגן אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך, ווי למשל, מלבושים, ווערט זייער אי־בערמעסיקער אימפּאָרט באַטראַכט אַלס ניט־געוואונשן און שעדליך. עס גייט אָן אינם לאַנד אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר „תוצרת הארץ״, וואָס האָט דעם צוועק צו געוואוינען די באַפעלקערונג צו אַרטיקע סחורות און העלפן דער־מיט דער יונגער אינדוסטריע צו שלאָגן שטאַרקערע וואָרצלען אין לאַנד.

אין די יאָרן פון גרויסער אימיגראַציע, איז אָבער אַ געשטייגערטער געברויך פון אויסלענדישע פאַבריק־סחורות אַ נאַטירלעכע זאַך. די ניי־אָנ־געקומענע בעל הבית׳טע האָט אירע געוואוינהייטן און אייגנרעדענישן און זי

פאַרלאַנגט אָפט די שפּייז־אַרטיקלען און סחורות צו וועלכע זי איז צוגע־וואוינט אין איר פריערדיקן לאַנד. יעדע שיף מיט נייע אימיגראַנטן מיינט אָבער אַ פאַרגרעסערונג אינעם געברויך פון אויסלענדישע סחורות. ס'איז שווער צו פועלן ביי דער ניי־אָנגעקומענער בעל הבית'טע, אַז זי זאָל פאַר־בייטן די פּראָדוקטן צו וועלכע זי איז צוגעוואוינט אין איר פריערדיקער היים מיט ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן און היזיז־אַרטיקלען. ס'איז אויך שווער פאַר איר צו פאַרשטיין, אַז דער באַזונדערער קלימאַט פון ארץ ישראל פאָדערט אַנדערע מינים שפּייז און אַנדערע שפּייז־געוואוינהייטן. לײַדער איז אין די פאַר־מלחמה־יאָרן ווייניק געטאָן געוואָרן, צוצופּאַסן די טאָג־טעגלעכע גע־וואוינהייטן פון די אימיגראַנטן צו די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פונם לאַנד. די ניי־אָנגעקומענע בעל הבית'טע, און זי איז דאָך די יעניקע וואָס קויפט איין די סחורות אין וועלכע די אימיגראַנטן־פאַמיליע נויטיגט זיך, פאַרשטייט מערסטנס ניט די אָפּיציעלע שפּראַך פונם ישוב און לעבט אין איר אייגענער גייסטיקער וועלט. זי פאָדערט ביים שפּייז־קרעמער די זעלבע פּראָדוקטן און אַמאָל אויך מיט די זעלבע טרייד־מאַרקס ווי זי פלעגט זיי קריגן אין אויס־לאַנד. אין נאָרמאַלע יאָרן ווערט איר וואונטש ערפילט. ארץ ישראל איז ביז אַהער געווען אַ לאַנד פון פרייען האַנדל און אינעם קלענסטן געשעפט האָט מען געקאָנט קריגן סחורות פון דער גאַנצער וועלט.

אין אַ גרויסער מאָס איז ארץ־ישראל'ס האַנדלעס־דעפיציט געווען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון גיכן אויפבוי, פונם באַדייטנדן טוריסטן־פאַרקער און פון איר ראָל, אַלס דאָס הייליקע לאַנד פאַר קריסטן און אידן. דאָס אַלץ האָט אַריינגעצויגן אין לאַנד אַ סך געלט, מיט וועלכן זי האָט געצאָלט פאַרן איבערפלוס פון אויסלענדישע סחורות. פונדעסטוועגן איז דער פאַר־נעם פון איר האַנדעלס־דעפיציט, וואָס האָט באַטראָפן 350 מיליאָן דאָלאַר אין די צען יאָר פאַרן קריג, גרעסער אידער אַזאַ קליין לאַנד קאָן זיך דויערנד פאַרגינען.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די איבערנאַטירלעכע גרויס פון ארץ ישראל'ס האַנדעלס־דעפיציט רופט אַרויס אַן ערנסטע זאָרג ביי די וויטזיכטיקע עקאָנאָמיסטן פונם לאַנד. דער פאַקט, וואָס דער ארץ ישראל'־דיקער עקספּאָרט האָט אין די בעסטע יאָרן פאַרן קריג קוים באַטראָפן אַ דריטל פון איר אימפּאָרט, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע באַוועגונג צו פאַר־קלענערן דעם אימפּאָרט און פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט. דאָס ווערט באַ־טראַכט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פונם ישוב אין דער קומענ־דיקער נאָך־מלחמה־צייט. כאָטש די ערוואַרטעטע מאַסן־אימיגראַציע וועט וואַרשיינלעך ברענגען אַ צייטווייליקן וואוקס פון אימפּאָרט, מוז מען אין דער זעלבער צייט טאָן אַלץ מעגלעכעס צו פאַרגיכערן די אינדוסטריעלע אַנטוויק־

לונג פון לאַנד, וואָס קאָן מיט דער צייט העלפן צו פאַרבעסערן דעם האַנדעלס־באַלאַנס.

אויסלאַנד־האַנדל און דער מאַנדאַט

די באַמיאונגען, וואָס מען האָט געמאַכט פאַרן קריג צו פאַרבעסערן דעם האַנדלס־באַלאַנס פון ארץ־ישראל, זיינען שטאַרק געשטערט געוואָרן צו־ליב דער ספּעציעלער לאַגע, אין וועלכער דאָס לאַנד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך די באַשטימונגען פונם פעלקער־בונד־מאַנדאַט וועגן ארץ ישראל.

לויט די באַשטימונגען פונם מאַנדאַט האָט ארץ־ישראל געמוזט זיין אָפן אין דער גלייכער מאָס פאַר אַלע מלוכות פון דער וועלט, לכל־הפחות פאַר די יעניקע פון זיי, וואָס געהערן צום פעלקער־בונד, אָדער האָבן וועגן דעם ספּעציעלע אָפּמאַכן (אַמעריקע). די דאָזיקע גלייכקייט האָט גאָרנישט צו טאָן דערמיט, צי אַ געוויסע מדינה קויפט יאָ, אָדער קויפט נישט ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן. ענגלאַנד, וועלכע נעמט צו מערסטע ארץ ישראלדיקע מאַראַנצן, האָט נישט אין איר האַנדל מיט ארץ ישראל קיין שום פאָרצוג נישט איבער אַ לאַנד, וואָס לאָזט נישט אַריין קיין ארץ־ישראלדיקע פּראָדוקטן בכלל.

די דאָזיקע לאַגע האָט אַרויסגערופן אין ארץ־ישראל אַ גאַנץ שטאַרקע באַוועגונג פאַר דער ענדערונג פון די האַנדלס־באַשטימונגען פונם מאַנדאַט. די פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג געבן צו, אַז די פאַרפאַסער פון דעם מאַנ־דאַט־סיסטעם האָבן בשעתם, פאַרבינדנדיק עס מיטן פרינציפּ פון אַבסאָלוטער האַנדלס־גלייכקייט, געהאַט גאַנץ גוטע כוונות. זיי גלויבן אָבער, אַז דער דאָ־זיקער פּרינציפּ, וואָס שטאַמט פון ווילסאָנס אידעאַליסטישע חלומות איז לחלוטין נישט צוגעפּאַסט פאַר אונזער נאַציאָנאַליסטיש־עגאָאיסטישער וועלט, מיט אירע הויכע טאַריפן און קוואָטעס. וואָלט טאַקע אין דער וועלט געהערשט אַן אמתע האַנדלס־פרייהייט, וואָלט ארץ ישראל מיט איר גינסטיקער געאָג־ראַפישער לאַגע אַ סך געוואונען פון דעם. אָבער ארץ־ישראל, אַלס אַ קליי־נינקער אינזל פון פרייען האַנדל, אין מיטן פון אַ וועלט, וואָס איז אָפּגעשפּאַרט פאַר איר דורך טאַריף־צוימען און האַנדל־באַשרענקונגען, קאָן נאָר פאַרלירן פון אַזאַ סאָרט איינזייטיקער „פרייהייט", — דאָס הייסט פון פרייען אימפּאָרט און דערשטיקטן עקספּאָרט.

ווען נאָר אַ מלוכה איז אַראָפּ פון גאָלד־סטאַנדאַרט, און גענומען וואַרפן איר אנטווערטעטע סחורה אויפן וועלט־מאַרק, איז ארץ ישראל געווען איינע פון די וויניקע לענדער, וואָס קען זיך נישט ווערן קעגן דעם. זי איז שוצלאָז געווען אפילו אינעם פאַל, ווען אַ רעגירונג האָט סובסידירט דירעקט איר עקס־פּאָרט קיין ארץ ישראל.

מיט אַ יאָר צען צוריק, בעת אַ באַזוך אין ארץ־ישראל האָב איך געהערט

קלאָגן פון פּי־ציכטערס אויף דער שטאַרקער קאָנקורענץ פון לאַטווישער פּוטער, וועלכע איז פאַרקויפט געוואָרן אין ארץ־ישראל פאַר אַ פּרייז, וואָס וואָלט געוועזן אַ דירעקטער פאַרלוסט פאַרן אַרטיקן לאַנדווירט. די לאַטווישע רעגי־רונג האָט סובסידירט אירע פּוטער־עקספּאָרטן אַזוי ברייטלעך, אַז זי האָט גע־קענט פאַרקויפן די דאָזיקע פּוטער אין יפו, נאָך אַלע טראַנספּאָרט־הוצאות און טאַריף, ביליקער ווי אין ריגע. אין דער זעלבער צייט איז אויך קיין ארץ ישראל אימפּאָרטירט געוואָרן אויסטראַלישע פּוטער, וועלכע קריגט נישט פון איר רעגירונג אַזאַ ברייטהאַרציקע הילף. אויסטראַליע איז טאַקע אַ בריטישע דאָמיניאָן, און אגב האָבן אירע סאָלדאַטן גענומען דעם אַנטשיידנדן אָנטייל אין דער עראָבערונג פון ארץ־ישראל, פונדעסטוועגן איז די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג צוליב די באַשטימונגען פונם מאַנדאַט נישט באַרעכטיקט געוועזן צו הויבן דעם טאַריף אויף לאַטווישע פּוטער, נישט טרעפנדיק — אין נאָך אַ גרעסערער מאָס — די פּוטער פון אויסטראַליע. וואָלט דער טאַריף געהע־כערט געוואָרן, וואָלט די אויסטראַלישע פּוטער וואַרשיינלעך פאַרשוואונדן פון מאַרק, אין דער צייט, ווען די לאַטווישע וואָלט זיך דורכגעשטופּט. אויב אָבער דער טאַריף וואָלט נישט געהעכערט געוואָרן, וואָלטן די ארץ ישראלדיקע מילך ווירטשאַפטן סוף כל סוף שטאַרק געשעדיקט געוואָרן דורך אומגלייכער און סובסידירטער קאָנקורענץ. פאַר דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג איז דאָס געוועזן אַ גאַנץ שווערע פראַגע...

דער אומגלייכער האַנדלס־צושטאַנד

די אומגלייכהייט פונם ארץ־ישראלדיקן האַנדלס־צושטאַנד איז באַזונ־דערס קלאָר געוואָרן, ווען אייניקע אייראָפּעאישע רעגירונגען, היטנדיק דעם ווערט פון זייער וואַקלדיקער וואַליוטע, האָבן איינגעפירט כל־ערליי באַשרענ־קונגען פאַרן אַרויספירן געלט פון זייער לאַנד. די דאָזיקע אַלע לענדער אימ־פּאָרטירן קיין ארץ ישראל אַ סך מער, איידער זיי עקספּאָרטירן פון דאָרטן. זיי פלעגן קריגן פון ארץ ישראל בערך באַדייטנדע סומעס געלט, אין דער צייט, ווען דער ווערט פון זייערע אייגענע איינקויפן איז געוועזן אַ סך, אַ סך קלענער. פונדעסטוועגן האָט זיך נישט איינמאָל געטראָפן, אַז דאָס ביסל געלט, וואָס זיי זיינען שולדיק געווען די ארץ ישראלדיקע עקספּאָרטערן, איז פאַר־האַלטן געוואָרן, אין דער צייט, ווען די פיל גרעסערע סומען, וואָס איז געקומען זיי פאַר דער סחורה, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל, איז אויפ־געמאַנט געוואָרן אין פולן פאַרנעם. איז אַנטשטאַנען די פאָדערונג, אַז מען זאָל פאַרהאַלטן אַ קליינעם טייל פונם געלט, וואָס איז געקומען די דאָזיקע לענדער פאַר זייער אין ארץ ישראל פאַרקויפטע סחורה, כדי אָפּצוצאָלן די ארץ ישראלדיקע עקספּאָרטערן פאַר זייערע מאַראַנצן. די באַטרעפנדע רעגי־

רונגען האָבן אָבער נישט מסכים געווען צו אַזאַ מין פּראָצעדור (וועלכע איז, אגב, אָנגענומען אין אייניקע לענדער), און די ארץ ישראלדיקע רעגירונג האָט אויפן גרונט פונם מאַנדאַט געמוזט זיי געבן רעכט. דער פּועל־יוצא איז, אַז פּיל אייראָפּעאישע לענדער האָבן באַקומען פון ארץ ישראל בערך באַדייטנדע סומען פון וואַליוטע, אין דער צייט, ווען זיי אַליין האָבן געשלאָסן זייערע טויערן פאַר ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן, וועלכע זיי באַטראַכטן אַלס „לוקסוס": „פּאַרוואָס זאָל רומעניע", האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר אַן אָנגעזעענער ארץ־ישראלדיקער עקספּאָרטער אין 1935, „אַרויפלעגן אַ פאַרבאָט אויף אונזערע מאַראַנצן, און פאַרהאַלטן ביי זיך דאָס ביסל געלט, וואָס עס קומט אונז פאַר אונזער קליינעם עקספּאָרט אַהין, אין דער צייט ווען זי שיקט אהער אַ צען מאָל גרעסערע סומע פון אירע אייגענע פּראָדוקטן, און קריגט דערפאַר מזומנע געלט? איז טאַקע אונז באַשערט צו זיין דער דאַמפּינג פּלאַץ פון דער וועלט?"

אויסער די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָבן פאַרן קריג מיסגעברויכט ארץ ישראל'ס שוצלאָזיקייט, אין וועלכער ארץ ישראל איז אַריינגעשטעלט געוואָרן לויט די באַשטימונגען פונם מאַנדאַט, אויף צו שיקן אַהין אַ באַדייטנדע סומע פון זייערע טיילווייז סובסידירטע סחורות, שליסנדיק אין דער זעלבער צייט זייערע גרעניצן פאַר ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן, האָט מען זיך אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג שטאַרק באַקלאָגט אויף יאַפּאַן, וועלכע איז אַ דאַנק אירע נידעריקע לוינען אימשטאַנד געווען צו וואַרפן אירע סחורות אויפן ארץ ישראלדיקן מאַרק פאַר ביליקע פּרייזן, נישט קויפנדיק אין דער זעלבער צייט גאָרניט אין ארץ ישראל. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עטלעכע פאַבריקן, און בפרט פון די זיידענע סחורות, האָבן געמוזט זיך שליסן צוליב דער דאָזיקער אומגלייכער קאָנקורענץ.

סאָוועט־רוסלאַנד און טערקיי האָבן גענוצט זייערע מאָנאָפּאָלן פון אויסלענדישן האַנדל, אַלס אַ וואָפן פאַר איינזייטיקן אימפּאָרט קיין ארץ ישראל. אין דער צייט פון מלחמה האָט אָבער טערקיי אָנגעהויבן קויפן אין ארץ ישראל סחורות, וועלכע זי האָט נישט געקאָנט קריגן אין די מלחמה־פירנדע אייראָפּיאישע לענדער. הויפּטזעכלעך האָבן די טערקן באַשטעלט אין ארץ ישראל שיך און שטיוועל פאַר זייער מיליטער. אינם יאָר 1943 האָט ארץ ישראלס האַנדל מיט טערקיי זיך אויסגעגליכן צום ערשטן מאָל. צי וועט אָבער טערקיי נאָך דער מלחמה אָנהאַלטן אירע באַשטעלונגען אין ארץ ישראל, אויב דער האַנדעלס־סטאַטוס פונם לאַנד וועט פאַרבלייבן ווי געווען, איז אַ גרויסע פראַגע.

אַמעריקעס האַנדל מיט ארץ־ישראל איז אויך זייער איינזייטיק. כאָטש אין די לעצטע פאַר יאָרן פאַרן קריג, האָט אַמעריקע, טיילווייז, צוליב אָרגאַניזירטן פאַרקויף דורך ציוניסטישע קוועלן, אָנגעהויבן געברויכן עטוואָס

מער ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן, איז איר אימפּאָרט קיין ארץ ישראל נאָך אַלץ געווען צען מאָל גרעסער.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט די ציפערן וועגן ארץ ישראל׳ס האַנדל מיט אַמעריקע, פאַר די זיבן יאָרן פאַרן קריג (אין פונטן):

יאָר	אימפּאָרט קיין א״י	עקספּאָרט פון א״י
1933	837,081	21,418
1934	1,283,484	30,667
1935	1,499,109	15,855
1936	1,007,973	22,107
1937	1,099,061	35,223
1938	969,573	108,541
1939	1,953,457	145,772

אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט

שטייענדיק פאַר די דאָזיקע אַלע פאַקטן, זיינען די ארץ ישראלדיקע עקאָנאָמיסטן שטאַרקע אַנהענגער פון אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אינם האַנדלס סטאַטוס פון לאַנד. זיי לעגן זייערע גרעסטע האָפנונגען אויף דער פאַרוואַנד־לונג פון ארץ ישראל אין אַ אידישע קאָמאָנוועלטה. אָבער אין נויט וואָלטן זיי בעסער געוואָלט פון ריין עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַן ענגלישע קאָלאָניע, אָדער נאָך בעסער, אַ „זיבנטע דאָמיניאָן״ איי־דער זי זאָל בלייבן ביי איר איצטיקן מאַנדאַט־סיסטעם.

אַלס אַ בריטישע דאָמיניע וואָלט ארץ־ישראל געקראָגן אַ פּאָרצוג אינם פאַרקויף פון איר ציטרוס־פּרוכט אויפן ענגלישן מאַרק. זי וואָלט אויך אימשטאַנד געווען צו שליסן האַנדלס־אָפּמאַכן מיט יעדן לאַנד באַזונדער, און גראד איר גרויסער אימפּאָרט וואָלט דאַן געוואָרן אַ וואָפן אויף צו קריגן פון אויסלענדישע רעגירונגען באַדייטנדע הנחות פאַר ארץ ישראל׳ס אַגרי־קולטורעלע און אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. דאָס וואָלט פאַרגרעסערט ארץ ישראל׳ס אויפנאַם־פעאיקייט און איר גאַנצע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג וואָלט אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף געזונטערע יסודות.

נישט קוקנדיק אָבער אויף ארץ ישראל׳ס גרויסע האַנדלס־דעפיציטן פון די פריערדיקע יאָרן, זיינען ארץ־ישראל׳ס עקאָנאָמישע עקספּערטן ווייט פון צו זיין פּעסימיסטיש וועגן דער צוקונפט. כאָטש די ציטרוס־אינדוסטריע לעבט איצט איבער זייער אַ שווערן קריזיס, זעען די מערסטע פון זיי גרויסע מעגלעכקייטן פאַר ציטרוס־עקספּאָרט פון אירע פּרוכטן נאָכן קריג. זיי פאַר־רופן זיך אויפן כסדר־וואַקסנדן געברויך פון ציטרוס־פּרוכטן אין דער גאַנצער וועלט. ס׳איז אַ פאַקט, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער פּראָדוקט, וועמענס געברויך איז געשטיגן אין די ערגסטע יאָרן פונם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס

פון 1929־1933. אפילו אין די אייראָפּייאישע לענדער מיט זייערע קוואָטעס און אַנדערע באַשרענקונגען, איז דער פאַרלאַנג נאָך מאַראַנצן געשטיגן אין די צען יאָר פאַרן קריג.

אויפן גרונד פונם דאָזיקן רעקאָרד איז די הערשנדע מיינונג אין ארץ־ישראל, אַז דער פאַרלאַנג נאָך ציטרוס־פּרוכט וועט שטאַרק שטייגן אין דער נאָך־מלחמה׳דיקער אייראָפּע. מיר טרעטן אַריין אין אַ וויטעמין־עפּאָכע פון מענטשלעכער געשיכטע און אפילו אין אָרימע לענדער ווייסט מען שוין די וויכטיקייט און נוצלעכקייט פון ציטרוס־מאַראַנצן און אַנדערע מינים פון ציט־רוס־פּרוכט. פונקט אַזוי ווי פריער האָט די אומבאַקאַנטע קאַרטאָפעל ערא־בערט די וועלט מיט 300 יאָר צוריק, הויבט איצט אָן די ציטרוס־פּרוכט איר טריאומף־מאַרש איבער דער וועלט. דער אונטערשיד אָבער איז, וואָס מאַ־ראַנצן אָבער, צום אונטערשיד פון קאַרטאָפעל, וואַקסן נישט אין יעדן קלימאַט. בלויז דריי לענדער אין אייראָפּע קאָנען פלאַנצן מאַראַנצן און די גוטסקייט פון די פּרוכט קומט נישט צו די פּראָדוקטן פון ארץ־ישראל.

נאַטירלעך, זיינען אָבער די דאָזיקע ערוואַרטונגען באַזירט אויף דער האָפענונג, אַז אייראָפּע וועט נאָכן קריג קומען צו זיך און איר וויטערדיקע אַנט־וויקלונג וועט אַנגיין אויף אַ נאָרמאַלן עקאָנאָמישן שטייגער. אויב די אייראָ־פּעאישע לענדער זאָלן זיך אָבער ווייטער אָפּצוימען איינע פון דער אַנדערער דורך קינסטלעכע האַנדלס־צוימען, וועט זייער לעבנס־סטאַנדאַרט בלייבן ניד־ריק און ציטרוס וועט נאָך אַלץ דאָרט באַטראַכט ווערן אַלס אַן איבעריקער לוקסוס.

אינדוסטריע און אויסלענדישער האַנדל

בדרך כלל שאַפט דער כסדרדיקער וואוקס פון דער ארץ ישראלדיקער אינדוסטריע און די גרעסערע פּראָדוקציע פון איר אַגריקולטור אַ גרעסערן שאַנס אויף אַ מער נאָרמאַלן האַנדלס־באַלאַנס אין דער צוקונפט. אין די לעצ־טע יאָרן פאַרן קריג איז דער געברויך פון געוויסע אויסלענדישע אַרטיקלען פאַרקלענערט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון ארץ־ישראל׳ס טעכנישן און איני־דוסטריעלן פּראָגרעס. די שוך־אינדוסטריע וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין תל אביב, האָט, למשל, געבראַכט צו אַ קלענערן אימפּאָרט פון שיך. דער אימ־פּאָרט פון צעמענט איז אַראָפּגעפאַלן, ווען דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבן אויסאַר־בייטן גענוג צעמענט פאַר זיינע אייגענע נויטן. אַן ענלעכע ערשיינונג האָט זיך געמערקט אינם אימפּאָרט פון קליידער, גלאָז, ביר, זייף, פּאַרפיום און אַזוי ווייטער.

די מלחמה האָט געגעבן דער דאָזיקער געוואונשענער אַנטוויקלונג אַ

נייעם שטופּ. ווען ארץ ישראל איז געוואָרן אָפּגעשניטן פון די אייראָפּעאישע אינדוסטריע־צענטערן, און ס׳איז געוואָרן אַלץ שווערער צו אימפּאָרטירן גע־וויסע אַרטיקלען, וועלכע דאָס לאַנד פלעגט באַשטעלן פון אויסלאַנד, האָבן אָרטיקע פאַבריקאַנטן אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן ערזאַץ־אַרטיקלען. נישט קאָ־נדיק אויף דעם באַשרענקטן אויסוואַל פון רויע מאַטעריאַלן, האָבן אייניקע פון די ערזאַץ־אַרטיקלען זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ גוט. אויפן גרונד פון דער דאָזיקער ערפאַרונג זיינען ארץ ישראלדיקע עקאָנאָמיסטן ביי דער מיי־נונג, אַז נאָכן קריג וועט מען קענען פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט פון אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך און פאַרגרעסערן אנשטאט דעם דעם אימפּאָרט פון מאַשינען, וועלכע דאָס לאַנד דאַרף יאָ האָבן.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די אי־בעראַרבייטונג פון אויסלענדישע רוי־מאַטעריאַלן, וואָס זיינען איבערגעאַר־בייט געוואָרן אין פאַרטיקע סחורות.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָבן ארץ ישראלדיקע פאַבריקן אי־בערגעאַרבייט אַ כסדר שטייגנדיקע מאַסע פון אויסלענדישע רויע מאַטערי־אַלן. זייף,למשל, איז געמאַכט געוואָרן פון אינדישער אימפּאָרטירטער קאָפּרא (קאָמאָניס־פּעטס), און זיידענע שטאָפן פון יאַפּאַנעזישער רויער זייד. אַ דאַנק איר גינסטיקער געאָגראַפישער פּאָזיציע קאָן ארץ ישראל קריגן אַזעלכע מאַטעריאַלן, וואָס שטאַמען פון לענדער אַרום דעם פּאַציפישן, אָדער אינדישן אָקעאַן, פאַר בערך ביליגע פּרייזן, וואָס ערלויבן איר ערפאָלגרייך צו קאָנקו־רירן מיט אַנדערע אינדוסטריע־לענדער. ווען די ענערגישע אינדוסטריע־פירער פון ארץ ישראל וועלן מיט דער הילף פון זייערע פעאיקע פּליטים־אַרבייטער אַנטוויקלען אַזעלכע אינדוסטריען אין אַ גרויסן פאַרנעם, וועט דאָס זיך אָפּרופן צו גוטן אויף ארץ ישראל׳ס אויסלענדישן האַנדל.

ארץ־ישראל׳ס וויכטיקסטער עקספּאָרט־אַרטיקל פאַרן קריג זיינען גע־ווען מאַראַנצן און גרייפּ־פרוכט. צוויי דריטל פון ארץ־ישראל׳ס עקספּאָרט פאַרן קריג האָבן אויסגעמאַכט ציטרוס־פרוכט — מאַראַנצן און גרייפּ־פרוכט. דעם צווייטן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער עקספּאָרט פון אינדוסטריעלע אַרטיקלען, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פון עקספּאָרט באַלאַנגען וויין, זייף, רפואות און וויטעמינס, דימענטן, קליידונג, קאָניאַק, אָליוו־אָיל, צעמענט, זאָקען, קעז, פרוכט־זאַפט, שאָקאָלאַד און קאָנפעקטן, ביסקוויטן, האַנט־טאַשן, קליידונג, שיך, ווי אויך כל־ערליי קונסט־אַרטיקלען פון פּערלמוטער, זילבער און אָליוו־האָלץ.

אויסער ציטרוס־פרוכט עקספּאָרטירט ארץ ישראל, אין קלענערע מאָסן אַ פּאָר אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען, ווי למשל מעלאָנען (אַרבוזן)

און מאַנדלען. אין יאָרן פון גוטער גערעטעניש פירט אויך אַרויס דאָס לאַנד בעבלעך, סעזאַם, דורא און גערשטן.

אין די לעצטע יאָרן האָט ארץ ישראל אָנגעהויבן אויך עקספּאָרטירן אַלץ שטייגנדע סכומען פון פּאַטאַש, בראָמין און אַנדערע מינעראַלען, וואָס ווערן געוואונען פונם וואַסער פון ים המלח.

דער גרעסטער געברויכער פון ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן איז ענג־לאַנד, וועלכע נעמט צו 55 פּראָצענט פון איר גאַנצן עקספּאָרט. ענגלאַנד פאַרנעמט אויך דעם ערשטן פּלאַץ אינם אימפּאָרט קיין ארץ ישראל. אַ צייט־ווייליקע אויסנאַמע זיינען געווען די פּאַר לעצטע יאָרן פאַרן קריג, ווען דייטשלאַנד האָט איבערגעשטיגן ענגלאַנד אין דער סומע פון אימפּאָרטירטע סחורות. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון היטלערס אידן־פאַרפאָלגונג. באַ־מיענדיק זיך אַרויסצוראַטעווען כאָטש אַ טייל פון זייער פאַרמעגן פון היטלער־דייטשלאַנד און שטייענדיק פאַרן פאַרבאָט אַרויסצופירן פון דאָרטן מזומנע געלט, האָבן אידישע עמיגראַנטן געזוכט צו ראַטעווען, וואָס עס האָט זיך געלאָזט דורך מיטנעמען דייטשע סחורות און פאַרקויפן זיי פאַר יעדן מעגלעכן פּרייז אין ארץ ישראל און אין די אַרומיקע לענדער. אין 1933 איז פאַר דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אידישע אָרגאַניזאַציע „העברה", וועלכע האָט מיטן וויסן פון די נאַציס אָרגאַניזירט די פאַרוואַנדלונג פון איינגעפּראַרענע אידישע דעפּאָזיטס אין דייטשלאַנד אין עקספּאָרט־סחורות פון די דייטשע אידן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל. די נאַציס האָבן צוגע־נומען אַ גרויסן טייל פונם דאָזיקן קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון שווערע שטייערן אויף „אַנטלויפנדן קאַפּיטאַל", אָבער עפּעס איז פאָרט געבליבן פאַר די פּליטים, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט זיך צו איינאָרדנען אויפסניי אינם נייעם לאַנד.

ווען מען באַטראַכט אָבער די אָפיציעלע ציפערן פאַר די לעצטע צוויי פאַר־מלחמה־יאָרן אין וועלכע דייטשלאַנד פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ אין ארץ־ישראלדיקן אימפּאָרט, דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז די דאָזיקע ציפערן שליסן נישט איין די סחורות, וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט אימפּאָר־טירט פאַרן מיליטער און אירע אייגענע נויטן. ווען מען זאָל צורעכענען דעם דאָזיקן סאָרט רעגירונגס־אימפּאָרט, וואָס איז כמעט אינגאַנצן געקומען פון ענגלאַנד, צום אימפּאָרט פון פּריוואַטן געברויך, וועט ענגלאַנד וואַרשיינלעך נאָך אַלץ אָנהאַלטן דעם ערשטן פּלאַץ אין אימפּאָרט פון ארץ ישראל.

די פאָלגענדע טאַבעלע אַנטהאַלט די פאַרטיילונג פונם אימפּאָרט אין די צוויי לעצטע פאַר־מלחמה יאָרן לויט דעם אורשפּרונג פון די וויכטיקסטע לענדער פון וואַנען די סחורות זיינען געקומען. די ציפערן זיינען אין ארץ־ישראלדיקע פונטן:

לאַנד פון אורשפּרונג	אימפּאָרט פאַרן יאָר 1937 — ווערט פון אימפּאָרט	פּראָצענט	אימפּאָרט פאַרן יאָר 1938 — ווערט פון אימפּאָרט	פּראָצענט
ענגלאַנד	2,518,669	15,8	1,495,800	13,2
ענגלישע קאָלאָניעס	713,331	4,6	726,417	6,4
דייטשלאַנד	2,628,226	16,5	1,644,838	14,5
רומעניע	1,372,044	8,6	1,253,021	11,0
סיריע	1,374,450	8,6	1,104,953	8,9
אַמעריקע	1,099,061	6,9	969,573	8,5
עגיפּטן	630,520	3,7	405,249	3,6
פּוילן	475,269	3,0	419,478	3,7
טשעכאָסלאָוואַקיע	473,527	3,0	347,298	3,1
בעלגיע	495,372	3,1	338,568	3,0
יאַפּאַן	494,013	3,1	303,402	2,7

דער עקספּאָרט פון ארץ ישראל אין פאַרשידענע לענדער ווערט אָנגע־געבן אין דער פאָלגנדער טאַבעלע, וועלכע אַנטהאַלט דעם ווערט פונם עקס־פּאָרט אין יעדן לאַנד און דעם פּראָצענט פונם ארץ ישראלדיקן עקספּאָרט, וואָס דאָס דאָזיקע לאַנד נעמט צו.

לאַנד	עקספּאָרט פון יאָר 1938 — ווערט פון עקספּאָרט	פּראָצענט	עקספּאָרט פון יאָר 1937 — ווערט פון עקספּאָרט	פּראָצענט
ענגלאַנד	3,150,283	54,2	2,468,854	49,2
ענגלישע קאָלאָניעס	105,670	1,8	144,921	2,9
סיריע	625,258	10,7	412,825	8,2
האָלאַנד	324,825	5,6	402,040	8,0
בעלגיע	177,344	3,1	229,539	4,6
פּוילן	154,384	2,7	133,981	2,7
עגיפּטן	99,243	1,7	101,725	2,0
רומעניע	112,784	1,9	115,966	2,3
פראַנקרייך	139,422	2,4	82,413	1,6
דייטשלאַנד	106,094	1,8	73,837	1,5
טשעכאָסלאָוואַקיע	76,825	1,3	90,318	1,8

ווען מען פאַרגלייכט די ציפערן פון עקספּאָרט מיט די פון אימפּאָרט באַ־מערקט מען, אַז אייניקע לענדער, וואָס האָבן געשיקט אַ סך סחורה קיין ארץ־ישראל, האָבן ווייניק געקויפט פון איר. טיפּיש אין דעם פּרט איז דייטשלאַנד וועלכע האָט פאַר די צוויי לעצטע יאָרן פאַרן קריג עקספּאָרטירט קיין ארץ ישראל סחורה אויף 4,273,064 פונט, אין דער צייט ווען דער ווערט פון די ארץ ישראלדיקע סחורות, וואָס זי האָט פאַר דער זעלבער צייט געקויפט פון ארץ ישראל האָט באַטראָפן בלויז 179,931 פונט, דאָס הייסט אַרום פיר פּראָ־

צענט פון איר דייטשן עקספּאָרט קיין ארץ ישראל, און דייטשלאַנד איז אין דעם פּרט נישט געווען די איינציקע אויסנאַמע.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט אָן ארץ ישראל'ס עקספּאָרט אין געוויסע לענדער אין פאַרגלייך מיט איר אימפּאָרט פון זיי. די ציפערן באַציען זיך אויף די צוויי יאָרן 1937, און 1938:

לאַנד	עקספּאָרט פון א"י	אימפּאָרט קיין א"י	פּראָצ. פון עקספּאָרט צום אימפּאָרט
דייטשלאַנד	179,931	4,273,064	4.2
רומעניע	228,750	2,625,065	8.5
עגיפּטן	200,968	1,035,769	19.4
אַמעריקע	143,764	2,068,634	6.9
יאַפּאַן	71,527	797,415	9.0
איראַק	20,375	533,995	3.8
סאָוועטן פאַרבאַנד	8,468	188,606	4.5

אין דער דאָזיקער טאַבעלע וואַרפט זיך אין די אויגן דער גאָר קליינער פאַרנעם פון ארץ ישראל'ס האַנדל מיט רוסלאַנד. מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָט רוסלאַנד פאַרברויכט אַ היבש ביסל פון ארץ ישראלדיקן וויין און לימענס, אָבער נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע האָט דער דאָזיקער עקספּאָרט זיך פּאַקטיש אָפּגעשטעלט.

בדרך כלל גערעדט, איז די דערגרייכונג פון אַ מער נאָרמאַלן האַנדלס באַלאַנס אָפּהענגיק אין גאָר אַ גרויסער מאָס פונם פּאָליטישן סטאַטוס פון ארץ ישראל נאָכן קריג. ווען דאָס לאַנד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אידישע קאָמאָנ־וועלטה, וועט איר צוקונפטיקע רעגירונג קאָנען פאַרהאַנדלען מיט פאַרשידענע לענדער וועגן צונעמען אַ געוויסע קוואָטע פון ארץ ישראלדיקע פּראָדוקטן.

שיפס־פאַרקער און האַפנס

די גיכע אַנטוויקלונג פון דעם ארץ־ישראלדיקן האַנדל האָט אַרויסגע־רופן אַ געוואַקסענעם שיפס־פאַרקער. פאַר דער מלחמה זיינען די ארץ־ישראלדיקע פּאָרטן באַזוכט געווען פון שיפן פון דער גאַנצער וועלט. לויט נאַציאָנאַליטעט, האָבן אין ארץ־ישראלדיקן שיפס־פאַרקער דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנומען די איטאַליענער, דעם צווייטן די ענגלענדער, דעם דריטן די פראַנ־צויזן.

ביז די לעצטע עטלעכע יאָרן איז דער ארץ־ישראלדיקער שיפס־פאַר־קער קאָנצענטרירט געווען אין די האַפנס פון חיפה, און יפו. אין די לעצטע פאַר יאָרן פאַרן קריג איז צו זיי צוגעשטאַנען דער ניי־געבויטער פּאָרט תל־אביב. חיפה באַדינט דעם צפונדיקן טייל פון לאַנד און דורך איר פּאָרט

גייען אויך דורך אַ סך טראַנזיט־סחורות פאַר סיריע, עבר הירדן און אפילו דער וויטער איראַק. יפו, צוזאַמען מיטן נייעם האַפן פון דער שכנותדי־קער תל־אָביב, באַדינען דעם דרומדיקן טייל פון לאַנד, איינגערעכנט ירושלים. מיט יאָרן צוריק איז יפו געווען דער ערשטער און כמעט דער איינ־ציקער פּאָרט פונם לאַנד, ער האָט אָבער לעצטנס פאַרלאָרן זיין פירנדיקן פּלאַץ צוליב זיין שלעכטער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט און דעם מאַנגל פון שוץ קעגן די שטאַרקע ווינטערדיקע ווינטן. זייט דעם יאָר 1931, ווען אין חיפה איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ מאָדערנער פּאָרט, וואָס קאָן אַריינעמען די גרעסטע שיפן, וואָס גייען איבערן מיטלענדישן ים, איז אַ גרויסער טייל פון יפו'ס אַמאָליקן פאַרקער אַריבער צו זיין צפון'דיקן קאָנקורענט, און ס'איז אַ סברה, אַז דער נייער האַפן פון תל־אָביב, וואָס פאַרנעמט איצט דעם דריטן פּלאַץ אין לאַנד, וועט באַלד נאָכן קריג זיך אַרויפּרוקן אויפן צווייטן פּלאַץ.

פיל ארץ־ישראלדיקע עקאָנאָמיסטן וואָלטן געוואָלט אויסמיידן די דער־וואַרטעטע קאָנקורענץ צווישן די שכנות'דיקע פּאָרטן פון יפו און תל־אָביב דורך פאַראייניקן דיביידע פּאָרטן אין איין גרויסן האַפן, וואָס ליגן ביי דער גרעניץ פון ביידע שטעט און באַדינען זיי ביידע. זיי ווייזן אָן, אַז יפו וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין מאָדערנער האַפן צוליב די ריזיקע און טיילווייז־באַהאַלטענע פעלזן, וואָס געפינען זיך דאָרט צווישן דעם ברעג אין אָפענעם ים. זיי שלאָגן דעריבער פאָר איבערצוטראָגן דעם האַפן פון יפו צו דער גרע־נעץ פון תל־אָביב און אויסבויען דאָרט אַ גרויסן האַפן, וואָס זאָל ליגן צום טייל אין איין שטאָט, און צום טייל אין דער אַנדערער צו באַפרידיקן אַזוי אָרום ביידענס נויטן. אויב דער דאָזיקער פּלאַן זאָל אָנגענומען ווערן, וועט דער נייער בוי פון געמיינזאַמען האַפן זיך דאַרפן אָנהויבן גלייך נאָכן קריג. אויב ניט וועלן די תל־אָביב'ער תושבים אַריינלעגן אַזוי פיל געלט אין דער אויסבעסערונג פון זייער האַפן, אַז עס וועט זיך נישט לוינען אים אויפצוגעבן.

פאַר דער מלחמה האָט די רעגירונג זיך געהאַלטן ביים שטאַנדפּונקט, אַז דער חיפה'ער האַפן איז גענוג פאַר אַזאַ קליינעם לאַנד און ס'איז דעריבער נישט נויטיק צו „פאַרשווענדן“ געלט אויף אויסבויען מאָדערנע האַפענס אין יפו אָדער תל אביב. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז שטאַרק באַקעמפט גע־וואָרן פון אָרטיקע אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע פירער, סיי אידן און סיי אַראַבער. מען האָט אָנגעוויזן, אַז דער האַפן אין חיפה שליסט נישט אויס די נויטיקייט פון אַ צווייטן מאָדערנעם האַפן אין דער געגענט פון יפו־תל־אביב, וואו עס געפינען זיך די מערסטע אינדוסטריען פונם לאַנד, און וואו עס גע־פינען זיך אויך זיינע גרעסטע ציטרוס־פּלאַנטאַציעס.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט אונז אַ באַגריף וועגן דער באַוועגונג פון

פראַכט אין די צוויי וויכטיקסטע האַפנס פון ארץ ישראל פאַר די לעצטע זעקס יאָהרן פאַרן קריג.

יאָר	האַפן פון חיפה		האַפן פון יפו	
	אָנגעלאָדן	אויסגעלאָדן (אין טאָנען)	אָנגעלאָדן	אויסגעלאָדן
1934	97,756	589,203	120,967	486,974
1935	138,427	787,309	171,819	402,263
1936	165,207	756,723	115,302	135,493
1937	296,492	698,430	152,427	126,843
1938	291,438	502,853	149,766	113,041
1939	343,161	653,171	153,856	112,711

אין די יאָרן 1934 און 1935 האָט קיין האַפן אין תל אביב בכלל נישט עקזיסטירט, און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז זיין פאַרקער איז אין אָנהויב געווען גאָר אַ נישטיקער. אָבער ער איז געשאַפן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט די אַראַבישע אַטאַקעס פון 1936, ווען אידן האָבן געמוזט אויסמיידן דעם האַפן פון יפו צוליב זייער אייגענער זיכערהייט. נאַטירלעך, האָט ער אין אָנהויב נישט געהאַט קיין מינדעסטע באַקוועמליכקייטן און ס'וואָלט אוממעגלעך געווען אויסצולאָדן און אָנצולאָדן דאָרט אַ באַדייטנדע מאַסע פון סחורות, אָבער שוין אינם יאָר 1939 אויפן פערטן יאָר פון זיין גרינדונג, האָט דער האַפן פון תל אביב אָנגעהויבן ערנסט קאָנקורירן מיטן האַפן פון יפו. אין די יאָרן 1938־ און 1939 האָט מען דאָרט אויסגעלאָדן מער סחורות, איידער אין יפו, און אַלע סימנים ווייזן, אַז תל אביב גייט ווערן אַן ערשט קלאַסיקער האַפן נאָכן איצ־טיקן קריג.

ווען מען קוקט זיך אויפמערקזאַם אַריין אין דער פריערדיקער טאַבעלע זעט מען, אַז די וואָג פון אויסגעלאָדענע סחורות איז דאָרט געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די וואָג פון אָנגעלאָדענע סחורות. דאָס איז אַ נאַטירלע־כער רעזולטאַט פון דעם איבערוואָג פון אימפּאָרט איבער עקספּאָרט. אגב אַנט־האַלט נישט די פריערדיקע טאַבעלע קיין ציפערן וועגן דער אָנלאָדונג פון איל און איל־פּראָדוקטן אינם האַפן פון חיפה, וואו עס ענדיקט זיך די פּייפּ־ליניע פון די איל־פעלדער פון איראַק. ווען מען וועט אַריינרעכענען די ציפערן וועגן דעם איל־פאַרקער, וועט דער איבערוואָג פון אויסלאָדונגען איבער אָנ־לאָדונגען אַרויסקומען קלענער.

דער אַלגעמיינער טאָנאַזש פון די שיפן, וואָס האָבן באַזוכט די ארץ־ישראלדיקע פּאָרטן האָט דערגרייכט דעם מאַקסימום פון זיבן און אַ האַלב מיליאָן טאָן אינם יאָר 1935, וואָס איז געווען אַ רעקאָרד־יאָר פון אויפבוי און פּראָספּעריטי. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער שיף־פאַרקער געפאַלן ביז אַ דורכשניט פון פינף מיליאָן טאָן אַ יאָר.

צווישן די 1800 דאַמף־שיפן, וואָס האָבן באַזוכט די ארץ ישראלדיקע פּאָרטן אינם יאָר 1938, דעם לעצטן נאָרמאַלען יאָר פאַרן קריג, זיינען 360 געווען ענגלישע, 284 איטאַליענישע און 217 פראַנצויזישע שיפן. דעם נעכסטן פּלאַץ האָבן פאַרנומען די שיפן פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, דענעמאַרק מיט 148 שיפן, נאָרוועגיע 97 שיפן און שוועדן 92 שיפן. די מערסטע שיפן פון די דאָזיקע לענדער זיינען געווען פאַרנומען מיט פירן די ארץ ישראלדיקע מאַראַנצן קיין אייראָפּע. פון די לענדער אויפן מיטלענדישן ים, איז עגיפּטן געווען פאַרטראָטן מיט 108 שיפן, רומעניע און גריכנלאַנד צו 87. די דייטשן האָבן געשיקט קיין ארץ ישראל 90 שיפן, די אַמעריקאַנער 59, די האָלענדער 62 און די רוסן 28. דער יונגער האַנדלס־פלאָט פון ארץ ישראל איז פאַר־טראָטן געווען מיט 81 שיפן.

לויטן טאָנאַזש איז די צוטיילונג געווען אַנדערש, איידער לויט דער צאָל פון די באַזוכנדיקע שיפן. כאָטש למשל די צאָל פון די איטאַליענישע שיפן — 284 — איז געווען אַ סך קלענער ווי די צאָל פון די ענגלישע שיפן, איז אָבער די דורכשניטלעכע גרויס פון אַן איטאַליענישער שיף געווען אַ סך גרעסער. אַזוי אַרום איז דער געמיינזאַמער טאָנאַזש פון די איטאַליענישע שיפן געווען 1.176 .000 טאָן אין פאַרגלייך מיט 1.029.000 טאָן פון די ענגלישע שיפן. די 59 אַמעריקאַנער שיפן האָבן צוזאַמען געהאַט אַ טאָנאַזש פון 338 טויזנט טאָן, אין דער צייט ווען דער טאָנאַזש פון 108 עגיפּטישע שיפן איז געווען בלויז 83 טויזנט טאָן.

שטרעבנדיק צו קריגן פּאָזיציעס אין אַלע צווייגן פון מענטשלעכער טעטיקייט, אפילו ווען זיי זיינען אַמאָל פרעמד געווען צו אידן, האָבן די פירער פונם ישוב אַרויסגעוויזן אין די לעצטע עטלעכע יאָרן אַ גרויסן אינטערעס צו דער אַנטוויקלונג פון ים־פאַרקער. מען האָט געקויפט עטלעכע קליינע שיפן, פון 500 ביז 1000 טאָן, און אָנגעהויבן זיי נוצן פאַר אָרטיקן ברעג־פאַר־קער מיט סיריע, עגיפּטן און ציפּרוס. דערנאָך האָבן אידישע קאַפּיטאַליסטן געקויפט אַ פּאָר גרעסערע שיפן, פון פינף ביז צען טויזנט טאָן, צו נוצן זיי פאַר אימיגראַנטן פאַרקער פון אייראָפּע.

כאָטש די דאָזיקע אָנהויבן זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן פון דער מלחמה, גייט אויך איצט אָן אַ סיסטעמאַטישע צוגרייטונג פון אָפיצערן און מאַטראָסן פאַרן קומענדן אידישן האַנדלס־פלאָט. אַ ספּעציעלע ים־שולע איז געשאַפן געוואָרן ביים טעכניקום אין חיפה.

ס'איז אויך פאַראַן אַ באַדייטנדע צאָל פון אידישע פּאָרט־אַרבייטער, טרעגער, אָנלאָדער, מאַטראָסן אויף פּאָרט־שיפלעך, און פיל פון זיי האָבן זיך שטאַרק ספּעציאַליזירט אין זייער פאַך. פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָט אַ היבשע צאָל ארץ ישראלדיקע יונגעלייט וואָלונטירט אין דער ענגלישער נייווי און האַנדלס־פלאָט. אויסער דער הילף פאַר די אַליאירטע האָבן זיי

דערביי אין זיינען זיך צו צוגרייטן צו אַ צוקונפט אויפן ים, וועלכער וועט זי־כער נאָכן קריג ווערן אַ מקור פון פרנסה פאַר אַ גרויסער צאָל פון ארץ ישראלדיקע אידן.

באַנען און שאָסייען

די ארץ ישראלדיקע באַנען זיינען נישט גענוג צו באַפרידיקן די וואַק־סנדע פאַרקערס־באַדערפענישן פונם לאַנד, אָבער דאָס ווערט גוטגעמאַכט דורכן כסדר וואַקסנדן אויטאָמאָביל־פאַרקער. אינם יאָר 1940 האָט די ארץ ישראלדיקע באַן־נעץ באַטראָפן 634 קילאָמעטער, איצט איז די דאָזיקע לענג עטוואָס גרעסער צוליב דער פאַרענדיקונג פון אַ נייער באַן, וואָס פאַרייניקט חיפה מיט ביירוט אין סיריע. אויסגעבויט לכתחילה צוליב מיליטערישע צוועקן, וועט זי, שאַפנדיק אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט די טערקישע באַנען, זיך אַרויסווייזן צו זיין זייער נוצלעך פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם לאַנד נאָכן קריג.

די וויכטיקסטע באַן פון ארץ ישראל איז די, וואָס פאַרבינדט ארץ ישראל מיט עגיפּטן. זיך אָנהויבנדיק ביים סועץ־קאַנאַל, שניידט זי דורך דעם האַלב אינזל פון סיני, און קומט אַריין קיין ארץ ישראל צו דרום פון עזה. פון דאָרטן גייט זי דורך לוד קיין חיפה. די דאָזיקע באַן צוזאַמען מיט דער באַן פון יפו קיין ירושלים, וואָס שניידט זי איבער אין לוד, האָט די דאָרט נאָר־מאַלע ברייטקייט צווישן די רעלסן, 144 סענטימעטער. אַן אַנדער באַן פון חיפה קיין סעמאַק, וועלכע איז דער אָנהויב פון דער באַרימטער העדזשאַס־באַן, איז געבויט שמאָלער, 105 סענטימעטער און דער אונטערשיד צווישן די צוויי באַנען איז איינער פון די גרעסטע חסרונות פון דער ארץ־ישראלדיקער באַן־סיסטעם. צוליב דעם דאָזיקן אונטערשיד מוז מען איבערלאָדן אין חיפה די פראַכט וואָס ווערט געשיקט פון דרום ארץ ישראל קיין סיריע און דאָס איז אַן איבעריקע הוצאה און צייט־פאַרלוסט.

ערב דעם אויסברוך פון דעם איצטיקן קריג, האָט ארץ ישראל פאַרמאָגט 2277 קילאָמעטער פון געפלאַסטערטע אויטאָמאָביל־וועגן אין פאַרגלייך מיט 1249 קילאָמעטער אין 1936 און בלויז 450 קילאָמעטער אין 1921. קיין פרטים וועגן די וועגן, וואָס זיינען געבויט געוואָרן אין דער איצטיקער מלחמה־צייט האָבן מיר ניט, אָבער זיי שיינען צו זיין גאַנץ באַדייטנד. די צאָל פון רעגיס־טרירטע אויטאָמאָבילן און טראָקס האָט ביים אויסברוך פון קריג באַטראָפן 15,955 אין פאַרגלייך מיט 6126 אין 1933, און בלויז 400 אין 1922. צווישן זיי זיינען 1271 אויטאָבוסן, וואָס ווערן מערסטנס געטריבן פון אידן און באַלאַנ־גען מערסטנס צו די אידישע קאָאָפּעראַטיוון.

די וויכטיקייט פון אויטאָבוסן אין ארץ ישראלס אינערלעכן פאַרקער

ווערט קלאָר פון דער פאָלגנדער טאַבעלע, וועלכע גיט די צאָל פון די פּאַסאַ־זשירן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון צווישן־שטאַטישע באַסעס און באַנען:

יאָר	פּאַסאַזשירן אויף באַסעס	פּאַסאַזשירן אויף באַנען
1939	8,600,000	701,000
1940	10,311,000	1,401,000
1941	13,517,000	2,203,000

עראָפּלאַנען קאָנען נישט פאַרנעמען קיין גרויסן פּלאַץ אין דעם אי־נערלעך ארץ־ישראלדיקן פאַרקער, ווייל די שטרעקעס צווישן די דאָרטיקע שטעט זיינען בערך קליין און די עקאָנאָמיע איז דעריבער אונבאַדייטנד. ווען איינער זאָל וועלן פליען מיט אַן עראָפּלאַן פון תל אביב קיין חיפה, וועט די צייט וועלכע עס וועט אים נעמען צו קומען צום לופט־פעלד פון תל־אביב און פונם לופט־פעלד אין חיפה, זיך אויסגלייכן מיט דער צייט וואָס ער וועט געווינען דורך פליען מיט דער לופט.

דערפאַר אָבער איז ארץ ישראל צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע אַ וויכטיקער פאַרבינדונגס־גליד אינם אינטערנאַציאָנאַלן לופט־פאַרקער צווישן אייראָפּע מיט אינדיע און אויסטראַליע. נאָך פאַרן קריג איז דאָס לופט־פעלד ביי עזה געוואָרן באַזוכט פיר מאָל אַ וואָך פון האָלענדישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ רעגולערע פאַרבינדונג מיט אינדאָנעזיע.

די ענגלישע לופט־קאָמפּאַניס האָבן אויך געמאַכט ארץ ישראל פאַר אַן אומבאַדינגטער סטאַנציע פון די עראָפּלאַנען, וואָס זיי האָבן געשיקט קיין אינדיע און וייטן מזרח. אַ עגיפּטישע לופט־ליניע האָט אַן אַ רעגלמעסיקן לופט־פאַרקער צווישן עגיפּטן און די וויכטיקסטע שטעט פון ארץ ישראל. זיכער וועט לופט־פאַרקער שטאַרק באַנוצט ווערן פאַר ארץ ישראל׳ס פאַר־בינדונגען מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

מיט אַ קורצער צייט פאַרן קריג האָט די ארץ ישראלדיקע רעגירונג אויסגעבויט אַ גרויסן לופט־פּאָרט אין לוד, צוועלף מייל פון תל אביב, און ער איז איצט געוואָרן דער וויכטיקסטער לופט־פּאָרט פון ארץ ישראל.

זוכנדיק אויסצונוצן יעדע מעגלעכקייט פאַר עקאָנאָמישער אויסשפּריי־טונג, האָבן די אידן אין ארץ ישראל אָרגאַניזירט אַ גרויסע לופט־געזעלשאַפט, און אָרגאַניזירט צוויי פליער־שולן, אַ פּאָר גלאַידינג קלובן, ווי אויך קורסן פאַר עראָפּלאַן־מעכאַניקער. דאָס וועט זיכער אַמאָל שטאַרק צונוץ קומען.

געלט־פאַרקער און קרעדיט

ארץ ישראל האָט איר אייגענע געלט סיסטעם, וואָס איז באַזירט אויפן ענגלישן פונט. דער ארץ ישראלדיקער פונט, וואָס הייסט לירה אין העברעאיש

און דינאַר אין אַראַביש, איז גלייך אין זיין ווערט צום ענגלישן פונט, און ער איז געצוואונגען גענוגנד געדעקט דורך דעם גוטן צושטאַנד פון די ארץ ישראלדיקע רע־גירונגס־פינאַנסן, ווי אויך דורך גרויסע ארץ ישראלדיקע דעפּאָזיטן אין לאָנ־דאָן. כאָטש ארץ ישראל האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן קיין גאָלדענע מטבעות, האָט דער ווערט פון איר פונט אויף קיין האָר נישט אָפּגעווייכט פונם ענגלישן פונט. אין די אויסלענדישע באַנקן און אין ארץ־ישראל גופא האָט מען אפילו געצאָלט פאַר אים אַ קליינע פּרעמיע אין פאַרגלייך מיטן ענגלישן פונט.

די דאָזיקע לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט צוליב דעם גרויסן מלחמה־יקרות אין ארץ ישראל. דער ארץ ישראלדיקער פונט אין ארץ ישראל קויפט היינט אַ סך ווייניקער ווי דער ענגלישער פונט אין ענגלאַנד. ס'איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס וועט סוף כל סוף ברענגען צו דער דעוואַלואַציע פונם ארץ ישראלדיקן פונט אין פאַרגלייך מיט זיין עלטערן ענגלישן ברודער. אָבער דערווייל איז דאָס אַ שטרייט־פראַגע.

צום אונטערשיד פונם ענגלישן פונט, וואָס איז צעטיילט אויף צוואַנ־ציק שילינגען, איז דער ארץ ישראלדיקער פונט צעטיילט אויף הונדערט פּיאַסטער, אָדער אויף טויזנט מילים. אַ מטבע פון פופציק מיל ווערט אָנגע־רופן אַ שילינג, אָבער אָפיציעל עקזיסטירט נישט אין ארץ־ישראל אַזאַ מטבע.

צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער ארץ ישראל־דיקער ווירטשאַפט, איז אויך שטאַרק געוואַקסן די געלט־צירקולאַציע אין לאַנד, זי האָט זיך אויפגעהויבן פון 2,118,000 פונט אין 1929 ביז 6,561,000 אין 1935, ווען דער אויפבוי פונם לאַנד האָט דערגרייכט צו אַ מאַקסימום. אין די נעכסטע פאַר יאָרן, ווען די אַראַבישע אומרוען האָבן פאַראַרעמט דאָס לאַנד איז די געלט־צירקולאַציע ווידער געפאַלן, אָבער שפּעטער אין פאַרבינ־דונג מיטן קריג האָט זי אָנגעהויבן ווייטער וואַקסן. זי האָט דערגרייכט כמעט צו 11 מיליאָן פונטביים סוף פון 1940, צו 13 מיליאָן מיט אַ יאָר שפּעטער, און צו 34 מיליאָן אינם אָנהויב פון 1944. דאָס מאָל איז דאָס אַ ניט נאָרמאַלער וואוקס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אינפלאַציע פון מלחמה־צייט.

קרעדיט און בענק

אין פאַרגלייך מיט די מער־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז קרעדיט אין ארץ ישראל גאַנץ באַשרענקט. ארץ ישראל איז ביז אַהער נישט אימשטאַנד געווען אויסצובויען אַ שטאַרקע קרעדיט־סיסטעם, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף די אָנגעקליבענע אָפּשפּאָרונגען פון איר אייגענער באַפעלקערונג. די אָפּגעשפּאָרטע געלטער פון די אַראַבישע פויערים זיינען מערסטנס באַגראָבן און געהאַלטן אין ליימענע טעפּ און אַנדערע באַהאַלטענע פלעצער. און די אידי־

שע אימיגראַנטן האָבן ניט קיין אָפּשפּאָרונגען, וואָס קאָנען דויערנד אַריינגע־לייגט ווערן אין בענק און געניצט ווערן אַלס יסוד פאַר אַן אַלגעמיינעם קרעדיט־סיסטעם. אויב זיי האָבן יאָ עפּעס אָפּגעשפּאָרט, ווערט דאָס באַלד אַריינגעלייגט אין אַ הויז, אין אַ גאָרטן, אין אַ ווירטשאַפט א. אַז. וו.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, מוז דאָס געלט פאַר היפּאָטעקן און אנדע־רע לאַנג־צייטיקע אינוועסטירונגען געבראַכט ווערן פון אויסלאַנד. אויסלענ־דישער קאַפּיטאַל היט זיך אָבער, בדרך כלל, פון לאַנג־דויערנדע אינוועסטי־רונגען אין ווייטע לענדער, סיידן זיי זאָגן צו אַ הויכן פּראָצענט. פון דער אַנ־דערער זייט קאָן נישט קיין אַגריקולטור אין קיין שום לאַנד (און ארץ ישראל איז נישט קיין אויסנאַם) געבויט ווערן אויף טייערן קרעדיט.

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס קרעדיט האָט געשפּילט אַ בערך קליינע ראָלע אינם אויפבוי פון ארץ ישראל. די מיטלען פאַר דעם זיינען געקומען פון מזומענע געלט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון די אימיגראַנטן, אָדער פון די ציוניסטישע פאָנדן, וואָס זיינען געקליבן געוואָרן פון נדבות.

באַטירלעך שליסט דאָס נישט אויס די נוצונג פון קאָמערציעלן קרע־דיט פאַר לויפנדע געשעפטס־צוועקן. אָבער אפילו אַזעלכע קורצע הלוואות איז שווערער צו קריגן אין ארץ ישראל, איידער אין פיל אַנדערע לענדער און די ציַנזן אויף זיי זיינען זייער הויך. ביז לעצטנס פלעגען אפילו די גרויסע בענק נעמען פון אַכט ביז צען פּראָצענט אַ יאָר אויף קאָמערציעלע קרעדיטן.

די צוויי גרעסטע בענק פון ארץ ישראל זיינען אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק און די באַרקליי׳ס באַנק. די ערשטע באַנק איז אַ אידישע, און איר קאַפּיטאַל איז געזאַמעלט געוואָרן מיט אַ יאָר פערציק צוריק פון די ציוניסטן אין פאַרשי־דענע לענדער. זי האָט ביים היינטיקן טאָג אַ גרונד־קאַפּיטאַל פון 861,000 פונט און אירע דעפּאָזיטן האָבן ביים סוף פון 1942 באַטראָפן פערצן מיליאָן פונט. האָבנדיק איר הויפּט־אָפיס אין תל אביב פאַרמאָגט זי בראַנטשעס אין יפו, ירושלים, חיפה, צפת, טבריה, פתח תקוה, חדרה און רחובות. אַ דאַנק איר געניטער פירערשאַפט האָט זי אַ סך פּראָפיטירט פון ארץ ישראל׳ס עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג פאַרן קריג. זי האָט אַוועקגעלייגט באַדייטנדע רע־זערוון און זי באַטייליקט זיך אָפט, מיט דער גאַראַנטיע פון דער אידישער אַגענטור, אין קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען, וואָס שטייגן איבער די ראַמען פון אַ געוויינלעכער באַנק.

באַרקליי׳ס באַנק איז איינע פון ענגלאַנדס „גרויסע פיר״. און אַ דאַנק אירע גרויסע פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד שפּילט זי אַ גרויסע ראָלע אין ארץ ישראל׳ס אויסלענדישן האַנדל. איר ארץ ישראלדיקער הויפּט־אָפיס איז אין ירושלים און זי פאַרמאָגט אויך אָפּטיילונגען אין עטלעכע אַנדערע שטעט.

פון די אַנדערע אויסלענדישע בענק אין ארץ ישראל איז די וויכטיקסטע ביי היינטיקן טאָג די אָטאָמאַן־באַנק, וועלכע איז אמאָל געווען די רעגירונגס־באַנק פון דער טערקישער אימפעריע. די באַנקאָ די ראָמאַ, וועלכע האָט אויסער געוויינלעכע פינאַנץ־געשעפטן, געהאַט די דעפּאָזיטן פון די פיל קאַטוילישע אינסטיטוציעס אינם הייליקן לאַנד, איז געוואָרן פאַרמאַכט נאָכן אויסברוך פון קריג, אָבער זי וועט וואַרשיינלעך צוריק אויפלעבן.

מיט עטלעכע יאָרן פאַרן אויסברוך פון קריג, האָט די פוילישע פּ. ק. אָ. (פּאָלסקאָ קאַסאָ אָשטשעדנאָשטשי), אַ האַלב אָפּיציעלע רעגירונגס־באַנק, גע־עפנט אַ צווייג אין תל־אָביב. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די פוילישע רעגירונג האָט זיך געטראָגן מיט פּלענער וועגן אַ גרויסן האַנדל־און שיפס־פאַרקער מיט ארץ־ישראל. די האָלענדער האָבן דאָן אויך געעפנט אין חיפה אַן אָפּטיילונג פון איינער פון זייערע גרעסטע באַנקען, די יוניאָן־באַנק.

אָרטיקע בענק

די אָרטיקע באַנקען פון ארץ ישראל, מיט צוויי קליינע אויסנאַמען, זיי־נען אין אידישע הענט. די וויכטיקסטע פון זיי איז די פאָלקס־באַנק (קופּת עם) פון תל אביב, וועלכע געגרינדעט אַלס אַ קרעדיט יוניאָן פאַרן ערשטן וועלט־קריג, האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אין אַ גאַנץ גרויסע אַקציען־געזעל־שאַפט מיט אָפּטיילונגען אין די וויכטיקסטע ארץ ישראלדיקע שטעט.

אייניקע פון די קלענערע בענק קוקן נישט אויס צו זיין גענוג שטאַרק, און זייער טעטיקייט רופט אַרויס ספקות ביי מענטשן, וואָס האָבן געזעען דאָ אין אַמעריקע, מיט אַ יאָר צוועלף צוריק, ווי אַזוי דאָס סיסטעם פון ניט־גע־זיכערטע, קליינע בענק האָט געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם עקאָנאָמישן קרי־זיס דאָ אין אַמעריקע. דאָך ווערן אייניקע פון די דאָזיקע בענק געשטיצט פון גאַנץ סאָלידע אָרגאַניזאַציעס, און דאָס דינט אַלס אויסגלייך פאַרן בערך קליי־נעם גרונד־קאַפּיטאַל. אויסער דעם האָט די רעגירונג אין די לעצטע צען יאָר אָנגענומען אַ שטרענגן באַנק־געזעץ, וואָס מאַכט שווערער די ערעפנונג פון נייע בענק, און האָט געשטעלט אייניקע פון די קלענערע בענק פאַר דעם אויס־וואַל, אָדער צו ליקווידירן זיך, אָדער צו פאַראייניקן זיך מיט אַנדערע אינסטי־טוציעס אין גרעסערע בענק. וואַרשיינלעך וועט ארץ־ישראל אַרויסקומען פונם איצטיקן קריג מיט אַ שטאַרקערן באַנק־סיסטעם, איידער פריער.

ארץ ישראל פאַרמאָגט עטלעכע היפּאָטעקן־בענק, וועמענס טעטיקייט ווערט געפירט אויף אַ הויכן סטאַנדאַרט פון זיכערהייט. די גרעסטע פון זיי איז די „דזשענעראַל מאָרטגיידזש באַנק", וועלכע איז פּאַקטיש אַ טאָכטער־געזעל־שאַפט פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק. לויט איר באַריכט פאַר 1942, אָפּע־רירט זי מיט אַ קאַפּיטאַל פון צוויי און האַלב מיליאָן פונט, פון וועלכע אַרום

אַ פינפטל באַשטייט פון אַקציעס און איבער צוויי מיליאָן פון אָבליגאַציעס. אַ דאַנק די גרויסע סומען פון אומטעטיקן קאַפּיטאַל, וואָס געפינען זיך איצט אין לאַנד, איז די באַנק אימשטאַנד געווען מיט אַ יאָר צוריק אויסצובייטן אי־רע אַלטע אָבליגאַציעס, וואָס האָבן געטראָגן זעקס פּראָצענט אַ יאָר מיט נייע אָבליגאַציעס, וואָס צאָלן בלויז פיר פּראָצענט. דאָס האָט איר געגעבן די מעג־לעכקייט צו פאַרביליקן אירע נייע מאָרטגיידזשעס פון אַכט ביז זעקס פּראָצענט אַ יאָר. דאָס איז נאָך אויך מער ווי אַ נאָרמאַלע ווירטשאַפט קאָן טראָגן, אָבער ס'איז פאָרט אַ שריט פאָראויס.

די צווייטע לויט איר וויכטיקייט איז די מאָרטגיידזש־און קרעדיט־באַנק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן. אַן אַנדער אַנגעזעענע היפּאָטעקן־באַנק איז די דרום־אַפרי־קאַנער „בנין קאָמפּאַני" וואָס ספּעציאַליזירט זיך אויף בוי־הלוואות אין די שטעט און גרעסערע קאָלאָניעס.

די עקזיסטירנדיקע מאָרטגיידזש־קאָמפּאַניס זיינען פונדעסטוועגן נישט אימשטאַנד צו באַפרידיקן דעם באַרעכטיקטן היפּאָטעקן־באַדאַרף פון לאַנד. כאָטש זיי האָבן זיך אַנטוויקלט גאַנץ גיך, ליידן זיי נאָך אַלץ צוליב מאַנגל פון קאַפּיטאַל. די גרינדונג פון אַ גרויסער מאָרטגיידזש־באַנק, וואָס זאָל קאָנען אָפּערירן מיט קלענערע פּראָצענטן, איז נאָך אַלץ איינע פון די דרינגענדסטע נויטן פון ארץ ישראל, און דאָס וועט זיך באַזונדערס שטאַרק אַרויסווייזן נאָכן אָנהויב פון דער מאַסן־אימיגראַציע, וואָס ווערט דערוואַרטעט נאָכן סוף פונם איצטיקן קריג. דער פּראָצענט אויף די מאָרטגיידזשעס וואָלט געקאָנט אַראָפּ־געלאָזט ווערן, ווען זיי וואָלטן געווען פאַרזיכערט דורך אַן עפנטלעכע גאַראַנ־טיע, וואָס זאָל געשאַפן ווערן פון עפנטלעכע אידישע פאָנדן. געבויט לויטן מוסטער פון דער אַמעריקאַנער „עף עיטש עי" (פעדעראַל האוזינג אַדמיניס־טריישאָן), וואָלט אַזאַ בערך קליינער גאַראַנטי־פאָנד געווען גענוג צו פאַרזי־כערן אַ פיל גרעסערע סומע פון מאָרטגיידזשעס. נאַטירלעך, וואָלט דער קלע־נערער אינטערעס אויף מאָרטגיידזשעס במילא געבראַכט צו אַ ביליגערן קרע־דיט אויפן געוויינלעכן קאָמערציעלן פעלד.

אַן אַנדער שוועריקייט, וואָס שטייט אין וועג פון אַ נאָרמאַלער אַנט־וויקלונג פון מאָרטגעידזש־קרעדיט אין ארץ־ישראל, איז די איבערגעטריבענע זאָרג פון דער ארץ ישראלדיקער געזעצגעבונג פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרענדאַטאָרן. אָנגענומען נאָך די אומרוען פון 1929 מיטן צוועק איינצושטילן דעם געשריי פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן וועגן דער כלומרשטער פאַר־טרייבונג פון אַראַבישע אַרענדאַטאָרס דורך אידישע לאַנד־קויפער, האָט די דאָזיקע געזעצגעבונג געבראַכט דערצו, אַז די גרויסע פינאַנץ־אינסטיטוציעס אין לאָנדאָן, וואָס האָבן געהאַט געפּלאַנט אַריינצולייגן אַ סך געלט אין ארץ ישראלדיקע מאָרטגיידזשעס, האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

נאָך ערנסטערע שוועריקייטן פאַר דער אויסברייטערונג פון מאַרט־גיידזש־קרעדיט, וועלן זיכער אַרויסקומען פונם געזעץ קעגן אידישע לאַנד־קניות, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפן סמך פונם ווייסן פּאַפּיר. אַזוי ווי דער דאָזיקער געזעץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מיטן קריג, ווען נאָרמאַלע באַנק־טעטיגקייט איז סיי ווי באַשרענקט געוואָרן דורך די מלחמה־אומשטענדן, האָט ער ביז אַהער נישט געהאַט קיין שטאַרקן איינפלוס אויף דער קרעדיט־סיטואַציע. אויב דער ווייסער פּאַפּיר זאָל בלייבן אין קראַפט נאָכן קריג, ווען די באַנק־טעטיקייט וועט אַננעמען אַ מער־נאָרמאַלן כאַראַקטער, וועט ער זיכער ברענגען דערצו, אַז באַנקירן וועלן זיך אָפּזאָגן צו לייען געלט אויף אַראַבישן לאַנד־באַזיץ, ווייל זיי וועלן נישט זעען קיין פריען מאַרק פאַר זיי. די רעגירונג וועט אין אַזאַ פאַל מוזן איבערנעמען די פינאַנסירונג פון מאַרט־גיידזשעס און זי וועט דאָס נישט קאָנען טאָן אָן ריזיקע פאַרלוסטן.

פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן

אַן אַנדער פעלד פון פינאַנציעלער טעטיקייט, וואָס קריגט אַלץ גרעסע־רע וויכטיקייט אין ארץ ישראל, איז פאַרזיכערונג (אינשורענס). ביז לעצטנס זיינען גרויסע סומען אַרויסגעפירט געוואָרן יעדעס יאָר פון ארץ ישראל אַלס פּרעמיעס אויף פּאָליסיס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אויסלענדישע געזעלשאַפטן, וואָס אָפּערירן און זיינען טעטיק אין ארץ ישראל. עס זיינען דע־ריבער געגרינדעט געוואָרן עטלעכע אָרטיקע פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַניס, וואָס שטרייכן אונטער אין זייערע אַנאָנסן, אַז דאָס געלט, וואָס ווערט זיי אָנפאַר־טרויט, בלייבט אין לאַנד און ווערט גענוצט פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל.

די וויכטיקסטע פון ארץ ישראל׳ס אַסעקוראַציע געזעלשאַפטן איז די „דזשודיא לאַיף״, וואָס איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן פון אַ גרופּע פון אַמע־ריקאַנער ציוניסטן און איז שפּעטער אַריבער אין די הענט פון אָרטיקע קאַ־פּיטאַליסטן. דערנאָך קומען די אַלגעמיינע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט פון ארץ ישראל „ציון״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אָרטיקער איניציאַטיווע, און „הסנה״, די קאָאָפּעראַטיווע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער הסתדרות. די אַלע דריי געזעלשאַפטן האָבן זיך אַנטוויקלט אין די לעצטע יאָרן און זייערע ווייטערדיקע אויסזיכטן שיינען צו זיין זייער גוט.

תל אביב האָט אויך אַ בירזשע, וועלכע איז דערווייל באַשרענקט מיט אָרטיקע ווערט־פּאַפּירן. די שאַפונג פון אַזאַ אינסטיטוציע האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אַ היבשע אונצופרידנהייט צווישן די ארץ ישראלדיקע פּיאָנערן, וואָס האָבן אַן אַלט־איינגעזעסענעם אומצוטרוי צו אַזעלכע פאָרמען פון פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם. די אידישע אַגענטור און אפילו די הסתדרות, וואָס זיינען פאַר־

אינטערעסירט אין אַ גיכן מאַרק פאַר זייערע ווערט־פּאַפּירן, האָבן אָבער גע־נומען צו איר אַ פריינטלעכע שטעלונג.

קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט

די מערקווירדיקסטע ערשיינונג אין ארץ ישראל׳ס קרעדיט־לאַגע איז דער גיכער וואוקס פון קאָאָפּעראַטיוון קליין־קרעדיט. ביים סוף פון 1941 זיינען אין ארץ ישראל געווען 225 ליי און שפּאַר קאַסעס מיט 87,000 מיטגלידער. אין דעם גייען נישט אַריין אַ פאַר צענדליק אַרבייטער קאַסעס וואָס שטייען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער הסתדרות.

בלויז איין שפּאַר־קאַסע האָט ביזן היינטיקן טאָג באַנקראָטירט אין ארץ־ישראל, און דאָס איז זיכער אַ באַווייז, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט פון ארץ ישראל איז באַזירט אויף געזונטע יסודות.

כאָטש די הלוואות וואָס ווערן געגעבן פון די ליי־קאַסעס ווערן הויפּט־זעכלעך באַזירט אויף דער פּערזענלעכער ערלעכקייט פון זייערע מיטגלידער, מיט דער דערגענצנדער זיכערהייט פון גאַראַנטיע פון איינעם אָדער צוויי גוט־זאָגער, איז דער פּראָצענט פון נישט באַצאָלטע הלוואות זייער קליין.

די מערסטע ליי־און שפּאַר־קאַסעס זיינען פאַראייניקט אין צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס קאָאָרדינירן זייערע אַרבייטס־מעטאָדן און זיכערן אַן אָפטן קאָנטראָל פון זייערע ביכער.

די עקאָנאָמישע וויכטיקייט פון ארץ ישראל׳ס קרעדיט יוניאָנס איז זייער גרויס. זיי העלפן שטאַרק אין דער כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון די קליי־נע הילפס־ווירטשאַפטן, וואָס אַרבייטער פאַרמאָגן אין די שטעט און קאָלאָניעס. זיי העלפן דעם אַרבייטער, דעם קליינעם בעל מלאכה און קליינעם געשעפטס־מאַן אין נויט, און זיי ווערן ברייט גענוצט פון ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, אויף צו קריגן מיט דער גוט־זאָגונג פון קרובים און לאַנדסלייט, די מיטלען פאַר זייער ערשטער איינאָרדענונג אין לאַנד.

די קרעדיט־יוניאָנס ווערן געשטיצט פון דער צענטראַלער באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל און פון דער אַרבייטער באַנק, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער הסתדרות. די אַרבייטער־באַנק וועלכע איז פון קליינע אָנהייבן אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנץ אָנגעזעענער באַנק, גיט קרעדיט נישט צו יחידים, נאָר צו קבוצות, קבוצים, קאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן און בוי־געזעלשאַפטן.

דער אונטערשטער סך הכל איז, אַז ווי וויכטיק עס זאָלן נישט זיין די אידישע דערגרייכונגען אויפן פינאַנציעלן פעלד, זיינען די רעזולטאַטן אויפן דאָזיקן פעלד פאַרט קלענער פון די דערגרייכונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. דאָס איז אַ פעלד, וואו דער ציוניזם האָט נאָך פאַר זיך אַ זייער גרויסע אויפגאַבע.

קאַפּיטל אַכט

אידן אַלס בויער פון שטעט

פון אַלע אויפטואונגען אין ארץ ישראל, איז אַממערסטן באַרימט אין דער וועלט די נייע און מאָדערנע שטאָט תל אביב, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ פּלאַץ, וועלכער איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק געווען אַ אמתער מדבר. מיט איר באַפעלקערונג פון 220,000 און דעם שנעלן טעמפּ פון איר ווייטערדיקן וואוקס האָט תל־אָביב אַלע אויסזיכטן צו ווערן איינע פון די גרעס־טע שטעט אויפן מיטלענדישן ים.

לכתחילה איז תל אביב געגרינדעט געוואָרן אינם יאָר 1909 פון אַ גרופּע אידישע איינוואוינער פון יפו, וואָס האָבן געוואָלט שאַפן אַן אייגענע „גאָרטן־שטאָט", וואו זיי זאָלן קאָנען לעבן אין מער סאַניטאַרישע באַדינגונגען, אידער אין דער אַלטער שטויביקער אַראַבישער שטאָט. די פאָרשטאָט איז אָבער שפּעטער געוואָקסן אַזוי גיך, אַז ביים היינטיקן טאָג האָט מען דעם איינדרוק, אַז יפו מיט אירע ניינציק טויזנט מערסטנס אַראַבישע איינוואוינער איז גאָר אַ פאָרשטאָט פון תל אביב... לעצטנס האָבן זיך אידן גענומען בויען אַ שנעל וואַקסנדן שטאָטישן ישוב („בית וגן") אויף דער אַנדערער זייט פון יפו, צווישן מקוה ישראל און דעם ים. אַזוי אַרום ווערט די אַלטע יפו אַלץ מער פאַר־וואַנדלט אין אַן אַראַבישן אינזל אין מיטן פון אַ קאָמפּאַקטער אידישער גרויס־שטאָט.

ביים אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האָט דאָס יונגע שטעטל געהאַט 1313 איינוואוינער און אינם יאָר 1920 איז די דאָזיקע צאָל געשטיגן ביז 3004. אין 1922 איז זי דערגאַנגען ביז 15,185, און אין נאָוועמבער 1931, בעת דער פאָלקס־ציילונג האָט זי באַטראָפן 45,564. זינט יענער צייט האָט זיך איר באַ־פעלקערונג פאַרפינפאַכט, און זי באַטרעפט איצט אַרום 220.000.

דער הייזער־בוי אין תל אביב איז כסדר געשטיגן צוזאַמען מיט איר אַלץ וואַקסנדער באַפעלקערונג. אָנהויבנדיק מיט 50 דירות, האָט תל אביב ביים אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג געהאַט 182 הייזער. אינם יאָר 1920 האָט די בוי־טעטיקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין די מלחמה־יאָרן פון 1919־1914, זיך ווידער באַנייט, און זי האָט אָנגענומען אַן אַלץ גרעסערן פאַר־נעם. אין דעם איינעם יאָר, 1922, איז די צאָל פון אירע הייזער אַרויפגע־שפּרונגען פון 242 ביז 1007!

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער פאַרנעם פון הייזער־בוי אין תל־אביב נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער אימיגראַציע. אין די יאָרן פון גרויסער אימיגראַציע, איז דער אויפבוי פון תל־אָביב אַנגעגאַנגען אין אַ שטורמישן טעמפּ. אין די צייטן פון פאַרקלענערטער אימיגראַציע, איז די בוי־טעטיקייט אַראָפּ־געפאַלן. אַזוי אַרום האָט דאָס יאָר 1925, וואָס האָט געשאַפן אַ נייעם רעקאָרד אין דער אידישער אימיגראַציע, הויפּטזעכלעך פון פוילן, אויך געוועזן גלייכ־צייטיק אַ רעקאָרד־יאָר אין תל אביבער בוי־טעטיגקייט. אין יענעם יאָר אַליין האָט מען דאָרט אויפגעבויט 552 קליינע און 6348 וואוין־צימערן, וואָס האָבן צוזאַמען פאַרנומען אַ שטח פון צוויי און האַלב מיליאָן קוואַדראַט פוס. שפּעטער, ווען די אימיגראַציע, צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס פון 1927־1928, האָט זיך שאַרף פאַרקלענערט, האָט דער הייזער־בוי אין תל־אָביב זיך פאַרלאַנגזאַמט. דער נעכסטער רעקאָרד אין תל אביב׳ס בוי־טעטיגקייט איז געקומען נאָכן יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און די אימיג־ראַציע קיין ארץ ישראל האָט זיך ווידער פאַרגרעסערט אין זייער אַ גרויסער מאָס. אינם יאָר 1933 האָט מען אין תל אביב צוגעבויט 3,798,210 קוואַדראַט פוס, אין 1934 האָט די בוי־טעטיגקייט דערגרייכט צו 4,623,887, און אין 1935 האָט זי דערגרייכט איר גרעסטן רעקאָרד פון 4,845,085 קוואַדראַט פוס.

זייט 1936, מיטן אָנהויב פון די אַראַבישע אומרוען און די כסדרדיקע באַשרענקונגען פון אידישער אימיגראַציע, איז די בוי־טעטיגקייט צוריק גע־פאַלן, און פונם אָנהויב קריג איז זי נאָך מער באַשרענקט געוואָרן צוליב דעם מאַנגל פון בוי־מאַטעריאַלן און דער פאַרנומענקייט פון די אַרבייטער אין מלחמה אינדוסטריעז.

נישט קוקנדיק אויפן גרויסן פאַרנעם פון דער בוי־טעטיגקייט אין תל אביב, איז זי שטענדיק געווען קלענער איידער דער באַדאַרף אין דירות. די אימיגראַציע איז כסדר אָנגעגאַנגען אין אַ גרעסערן פאַרנעם, איידער דער הייזער־בוי, און אַ דאַנק דעם האָט זיך דאָרטן געשאַפן אַ שאַרפער דירות־מאַנגל. נאָך אינם יאָר 1928 האָט די שטאָט פאַרמאָגט 1.8 נפשות אויף יעדן צימער, און אינם יאָר 1935, ווען אימיגראַציע און הייזער־בוי האָבן דערגרייכט זייער הויך־פּונקט, זיינען שוין דאָרט געווען דריי נפשות אויף איין צימער. דאָס איז אַ ציפער, וואָס ווערט געוויינלעך דערגרייכט אין שטעט, ווען מענס באַפעל־קערונג איז פּלוצלונג פאַרדאָפּלט געוואָרן אַ דאַנק אַ פאַרפּלייצונג אָדער אַן ענליכן אומגליק אין דער אַרומיקער געגנד. און אי׳ז עס נישט געווען נאָך אַן ערגערע קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטריבן אידישע פּליכטלינגע צו די טויערן פון דעם אידישן היימלאַנד?

די ענגשאַפט אין תל אביב איז נישט פאַרקלענערט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, און לעצטנס ווייזט זי גאָר אַרויס אַ נייגונג צו פאַרגרעסערן זיך

צוליב דעם שטראָם פון פּליטים, וואָס קומען אַריין פון דער היטלער אויסגע־רויבטער אייראָפּע. טיילווייז ווערט זי פאַרגרינגערט דורכן פאַקט, וואָס אַ טייל פון תל אביב׳ס אָרימערער באַפעלקערונג, און בפרט באַציט זיך דאָס אויף די ניי־אָנגעקומענע פּליטים, וואוינט „ציטוויילינק״ אין באַראַקן און ביידלעך. דאָך בלייבט תל אביב איינע פון די אַם מערסטן אָנגעפילטע שטעט אין דער וועלט.

אינם יאָר 1922 איז תל אביב אָנערקענט געוואָרן פון דער רעגירונג אַלס אַ באַזונדערע שטאָט, מיט איר אייגענער שטאָט־פאַרוואַלטונג. איר ביודזשעט איז כסדר געוואַקסן נאָך גיכער ווי איר באַפעלקערונג. ער האָט שוין אינם יאָר 35־1936 באַטראָפן 437,000 פונט און האָט דערמיט איבערגעשטיגן די פאַראייניקטע ביודזשעטן פון ירושלים, חיפה און יפו. אין 41־1942 האָט דער ביודזשעט פון תל אביב דערגרייכט אַ הכנסה פון 596,000 פונט מיט אַ הוצאה פון 580,000 פונט. דער לעצטער ביודזשעט פון דער אַל־אידישער שטאָט פאַר 43־1944 האָט ווייט איבערגעשטיגן אַ מיליאָן פונט.

די מערסטע הכנסות פונם תל אביבער שטאָט־ראַט קומען פון שטייערן און אָפּצאָל פאַר וואַסער. אירע גרעסטע אויסגאַבן זיינען פאַר געזונטהייט און סאַניטאַרישן דינסט, פאַר ערציאונג און קולטור, פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און ליפערונג פון וואַסער. פאַטערס פון תל אביב באַקלאָגן זיך, וואָס די רע־גירונג באַהאַנדלט די אַל־אידישע שטאָט אַלס אַ רייכע שטאָט, וואָס קאָן באַצאָלן פון איר אייגענער קעשענע פאַר זאַכן, וואָס ווערן אין די אַנדערע שטעט פונם לאַנד געדעקט פון דער רעגירונגס־קאַסע. דער בייטראָג פון דער רעגירונג צו די אויסגאַבן פון תל אביב באַטרעפט אַרום זעקס פּראָצענט, ווייניקער ווי אַ צענטל, אין דער צייט וואָס אין אַנדערע שטעט באַטייליקט זיך די רעגירונג מיט אַ גרויסן טייל פון זייער ביודזשעט. די דאָזיקע האַלטונג איז באַזונדערס אומגערעכט דערפאַר, ווייל תל אביב האָט אַ רייע פון ספּעציעלע אויסגאַבן, זאָרג פאַר ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן און פאַר פאַמיליעס פון אידישע סאָל־דאַטן, פון וועלכע אַנדערע שטאָט־פאַרוואַלטונגען טרייסלען זיך אָפּ, און אירע איינוואוינער דעקן דערצו אַ פיל גרעסערן טייל פון די ארץ ישראלדיקע רע־גירונגס־איינגאַמען איידער עס וואָלט באַדאַרפט אויספאַלן אויף זייער חלק, אויב זייער בייטראָג וואָלט געווען אין איינקלאַנג מיט זייער צאָל.

דער כסדרדיקער וואוקס פון תל אביב, די גיכע פאַרגרעסערונג פון אירע איינגאַמען, האָבן געגעבן דער שטאָט זייער אַ גוטע רעפּוטאַציע אין דער לאָנדאָנער „סיטי״ (בערזע). מען האָט דאָרט לעצטנס ערפאָלגרייך פאַרהאַנדלט וועגן אַ שטאָטישער אָנלייע פון פינף מיליאָן פונט אויף דריי און אַ האַלב פּראָ־צענט. דאָס מערסטע געלט וועט גיין פאַר ברוקירן גאַסן און קאַנאַליזאַציע, אָבער גרויסע סומען זיינען אויך באַשטימט געוואָרן פאַר שול־געביידעס, פאַר

אַ גרויסן שפּיטאָל, פאַר ביליקע דירות, פּאַרקן און שפּיל־פּלעצער. די אַרבייט אויף די אַלע פּראָיעקטן וועט זיך אָנהויבן גלייך נאָכן סוף פונם קריג.

די ערשטע שטאָט־אַנלייע פון תל אביב איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק אין אַמעריקע. זי איז שוין לאַנג צוריקגעצאָלט געוואָרן מיט אַ באַדייטנדן פּראָצענט.

אויסברייטערונג און איבער־ספּעקולאַציע

מיטן כסדרדיקן וואוקס פון דער באַפעלקערונג איז דער שטח פון תל אביב אַלץ ברייטער געוואָרן. אַרומיקע זאַמד־פעלדער און ציטרוס־פּלאַנטאַציעס זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן און צוטיילט געוואָרן אין בוי־פּלעצער. דאָס האָט געבראַכט צו אַ ווילדער באָדן־שפּעקולאַציע, וועלכע איז באַזונדערס גע־שטיצט געוואָרן דורך דער ארץ ישראלדיקער לאַנד־געזעצגעבונג, וואָס דער־לויבט צו האַלטן אַגריקולטורעלע באָדנס אַרום שטאָטישע ישובים, נישט צאָ־לנדיק פאַר זיי קיין שטייערן, וואָס זאָלן זיין בהסכם מיט זייער געשטיגענעם ווערט. דער פּועל־יוצא פון די ספּעקולאַטיוו־געשטיגענע גרונט־פּרייזן איז הויכע דירה־געלט, וועלכע איז אין פיל פאַלן איבער די כחות פון די דורכ־שניטלעכע איינוואוינער מיט זייערע באַשרענקטע פאַרדינסטן.

די דאָזיקע שווערע לאַגע ווערט טיילווייז פאַרגרינגערט אַ דאַנק די צאָלרייכע בוי־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס מאָביליזירן די באַשיידענע אָפּשפּאָרונגען פון זייערע מיטגלידער מיטן צוועק צו באַזאָרגן זיי מיט אַן אייגענער היים. די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון הויבן אָן זייער טעטיקייט מיט זאַמלען באַשטימטע מאָנאַטלעכע סומען פון זייערע מיטגלידער. ווען זיי קלויבן אָן אַ געהעריקן מינימום, זוכן זיי צו קויפן אַ גרעסער שטיק לאַנד אין אַ פאַרשטאָט, וואו די באָדן־פּרייזן זענען נאָך נישט אַרויפגעשרויפט געוואָרן ביזן הימל אַריין. דער צווייטער שריט איז צו באַזאָרגן די מיטגלידער מיט אַנלייען, וואָס זאָלן מעג־לעך מאַכן פאַר זיי צוטרעטן צום בוי. מערסטנס איז די געזעלשאַפט נישט בכח צו בויען פאַר אַלע אירע מיטגלידער מיט אַמאָל. אָפט ווערן די ערשטע קאַנדידאַטן צו קריגן די בוי־אַנלייען אויסגעקליבן דורך גורל. דערווייל גייען די איבעריקע מיטגלידער אָן מיט זייערע מאָנאַטלעכע אָפּצאָלונגען, און די דאָ־זיקע צאָלונגען, פאַרגרעסערט דורך די סומען, וואָס ווערן צוריקגעצאָלט פון די מער גליקלעכע מיטגלידער, וואָס זיינען שוין באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ היים, שאַפן נייע פאָנדן פאַר ווייטערדיקער און גיכערער בוי־טעטיגקייט. נאַ־טירלעך, נוצן אויס אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון אויסער אייגענע מיטלען, דעם מעגלעכן מאַקסימום פון מאָרטגיידזש־קרעדיט.

אין פיל פאַלן זיינען אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון צופרידן צו דינגען לאַנד פונם נאַציאָנאַל־פאָנד, אַנשטאָט צו דערווערבן אים אַלס אייגנטום. דער צוועק

פונם נאַציאָנאַל־פאָנד ביים איינקויף פון שטאָטישן באָדן איז בעיקר געווען אַראָפּצוקלאַפּן די באָדן־ספּעקולאַציע. עס שיינט אָבער, אַז דער שטח וואָס דער נאַציאָנאַל־פאָנד פאַרמאָגט אין תל אָביב און אַנדערע שטעט (מיטן אויסנאָם פון חיפה) איז נישט גענוג כדי צו האָבן אַן ערנסטע ווירקונג אויף דער לאַגע. אפילו די אייגנטימער פון הייזער, וואָס שטייען אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד, זיינען אָפּט אַריינגעצויגן געוואָרן אין טומעל פון ספּעקולאַציע. נאַטירלעך קאָנען זיי נישט פאַרקויפן דעם באָדן אויף וועלכן עס שטייט זייער הויז. זיי בויען אָבער אויף אים נייע געביידעס אָדער שטעלן אַרויף אַ צווייטן שטאָק איבער זייער הויז און פאַרדינגען די צוגעבויטע דירות פאַר די הויכע דירה־געלט, וואָס איז אָנגענומען אין תל אביב. ס'איז דעריבער פאַראַן אַ מיינונג, אַז דער פאַרזוך צו באַקעמפן די ספּעקולאַציע דורכן באָדן־געזעץ פון נאַציאָנאַל־פאָנד, קאָן נישט געלונגען אין די שטעט און דאַרף דעריבער באַשרענקט ווערן מיט דאַרפישע זידלונגען.

אויב אָבער דער באָדן־באַזיץ פונם נאַציאָנאַל־פאָנד אין תל אביב האָט נישט געהאָלפן אין קאַמף געגן ספּעקולאַציע, ווערט ער פאַרטיידיקט דערמיט, וואָס ער פאַרביליקט דעם פרייז פון די דירות פאַר אַזעלכע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, וואָס וואָלטן זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו אַן אייגענער דירה, אויב זיי דאַרפן באַצאָלען דעם פולן ספּעקולאַטיוו־אויפגעבלאָזענעם פרייז פאַרן נויטיקן באָדן.

די מערסטע בוי־חברות אין תל אביב זיינען אָנגעשלאָסן אין צענטראַל־אָפּיס פון שטאָטישע אַרבייטער־זידלונגען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דער הסתדרות. ביזן אָנהויב פון 1940 האָט דער דאָזיקער אָפּיס געהאָלפן בויען 3125 דירות פאַר די מיטגלידער פון די אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטן. אין תל אביב אַליין האָט דער דאָזיקער אָפּיס אויסגעבויט 1450 דירות און נאָך 300 האַלטן איצט ביים געבויט־ווערן. אויסער דעם זיינען אויסגעטיילט געוואָרן בוי־פּלעצער פאַר נאָך 2426 מיטגלידער, וואָס פּלאַנען זיך שטעלן צו בויען גלייך נאָכן קריג.

אַמאָל זיינען די מערסטע פון די דאָזיקע הייזער געבויט געווען פאַר איינצלנע פאַמיליעס. לעצטנס מערקט מען אָבער די נייגונג צו בויען גרע־סערע קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט־הייזער, וואו יעדער מיטגליד פאַרמאָגט די דירה אין וועלכער ער וואוינט ; ער טיילט אָבער דעם באָדן און דעם אַרומיקן גאָרטן מיט די אַנדערע איינוואוינער פונם הויז.

מיט אַ יאָר צען צוריק האָבן די פירנדע בירגער פון תל אביב מיטן פאַרשטאָרבענעם מעיאָר דיזענגאָף אין דער שפּיץ אָרגאַניזירט אַ האַלב־פּריוואַטע געזעלשאַפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. זייער פּלאַן איז געווען צו בויען גרויסע שטרעקעס לאַנד אַרום תל אביב, צוגרייטנדיק דערמיט פּלאַץ פאַר איר ווייטערדיקן וואוקס. כאָטש די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אונ־

טערגענומען אַ פּאָר נוצלעכע טעטיקייטן, איז אָבער איר אויפגאַבע גרעסער פון אירע כוחות. די אַנטוויקלונג פון תל אביב אָן צו פיל באָדן־ספּעקולאַציע, איז איינער פון די שווערסטע פּראָבלעמען פאַר וועלכע עס שטייט דער ארץ ישראל־דיקער ישוב.

די רעגירונג האָט גענומען אַ האַנט אין דער לאַגע דורך אַ געזעץ וואָס האָט באַשרענקט רענט־העכערונגען אין תל אביב און ירושלים, און מיטן אויס־ברוך פון קריג איז דער דאָזיקער געזעץ אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף אַנדערע שטעט. דער צוועק פונם דאָזיקן געזעץ איז אַ גאַנץ גוטער, אָבער ער וועט זיין ווייניק ווירקזאַם, כל זמן די רעגירונג האָט נישט גענומען דעם נעכסטן לאָ־גישן שריט דורך צווינגען דעם פּאַרקויף פון אַגריקולטורעלע שטחים אַרום די שטעט, שאַפנדיק דערמיט די מעגלעכקייט צו בויען ביליק קאָאָפּעראַטיווע הייזער מיט אַ נידעריקערן רענט.

אַ דאַנק דעם גיכן וואוקס פון תל אביב און דעם באַשרענקטן שטח, וואָס איז געשטאַנען אין רשות פון דער וואַקסנדיקער שטאָט, האָבן זיך אייניקע פון אירע פּאַרשטעט אויסגעבויט אויף לאַנד, וואָס באַלאַנגט צום שטח פון דער אַראַבישער יפו. צוזאַמען מיט די אַלטע אידישע קוואַרטאַלען אין יפו, וואָס זיינען נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין תל אביב, ווען די אַל־אידישע שטאָט האָט געקראָגן איר מוניציפּאַלן טשאַרטער, וואוינען איצט אין די גרעניצן פון יפו פון 35 ביז 40 טויזנט אידן, וואָס בילדן אַרום 40 פּראָצענט פון איר באַ־פעלקערונג. צוזאַמען ציילן די צוויי שכנותדיקע שטעט תל אביב און יפו אַרום 320,000 איינוואוינער פון וועלכע 250,000 זיינען אידן און די איבעריקע 70,000 אַראַבער.

שטאָט און פּאַרם אין ארץ ישראל; תל־אביב׳ס עקאָנאָמישע יסודות

פיל ציוניסטן פלעגן קוקן אויפן וואוקס פון תל אביב מיט געמישטע געפילן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די אַל־אידישע שטאָט ציט אַוועק אַ צו גרויסן פּראָצענט פון די ניי־אָנקומענדיקע אימיגראַנטן. מען האָט אָפט געהערט די מיינונג, אַז „תל אביב איז געבויט אויף זאַמד״, אַז זי האָט נישט אונטער זיך קיין פעסטע עקאָנאָמישע יסודות און אַז דער איבערפלוס פון מיטל־קלאַס און „ווייסע קאָלנערס״ קאָן אַמאָל שטעלן אין געפאַר איר צוקונפט.

אין דער דאָזיקער קריטיק איז דאָ אַ קערנדל אמת. ס׳איז אָבער אויך אמת, אַז אין די לעצטע צען־פופצן יאָר האָט זיך אין תל־אביב אויסגעבויט אַ וויכטיקע און אַלץ וואַקסנדיקע אינדוסטריע, וועלכע האָט פאַרשטאַרקט די עקאָנאָמישע יסודות פון דער שטאָט. אייניקע פון אירע סחורות האָבן געפונען אַ מאַרק נישט נאָר אין ארץ ישראל נאָר אויך אין די שכנותדיקע לענדער.

נאָך אינם יאָר 1937, האָט תל־אָביב, לויטן אינדוסטריעלן צענזוס וואָס איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן פון דער אידישער אַגענטור, פאַרמאָגט 3104 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָס האָבן באַשעפטיקט צוזאַמען 15,090 פערזאָן. דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָט באַטראָפן 3,800,000 פונט, און זייער יערלעכע פּראָדוקציע 4,500,000 פונט. אין 1942 איז די צאָל פון תל אביב׳ס אונטערנעמונגען דערגאַנגען צו 3,500 מיט 27,000 אַרבייטער, און דער קאַפּיטאַל, וואָס איז געווען אין זיי אינוועסטירט איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף ניין מיליאָן פונט.

כדי נאָך מער צו פאַרברייטערן די עקאָנאָמישע יסודות פון תל אביב, האָבן אירע פירער זיך שטאַרק באַמיט צו מאַכן זי אַלס אַ צענטער פון טוריסטן־פאַרקער, פון ספּאָרט און האַנדלס־אויסשטעלונגען. זיי האָבן אין דעם פּרט געהאַט אַ באַדייטנדן ערפאָלג. פאַרן קריג האָט אַנגעהויבן שם׳ען תל אביב׳ס פורים־קאַרנאַוואַל, וואָס פלעגט ברענגען אַ סך באַזוכער פונם גאַנצן לאַנד, ווי אויך אידישע טוריסטן פון אייראָפּע. נאָך ערפאָלגרייכער איז אין דעם פּרט געווען די „מכביאַדע״, אַ אידישער אַטלעטישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט לויטן פּלאַן פון זיינע גרינדער אָפּגעהאַלטן ווערן אין תל אביב יעדן צווייטן יאָר. נאָך אַ וויכטיקע אונטערנעמונג פון דעם מין איז געווען דער מזרח־יריד, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט אַ גרויסן ערפאָלג אין 1934 און אין 1936. אינם יריד פון 1934 האָבן זיך באַטייליקט 2895 פירמעס, פון וועלכע 675 זיינען געווען פון ארץ־ישראל.

מען סטאַרעט זיך אויך צו פאַרשאַפן דער שטאָט אַ גוטע רעפּוטאַציע אַלס ים־קוראָרט, און צוציען דערמיט אַ גרויסע צאָל באַזוכער אין די זומער־דיקע חדשים. מען פּלאַנט אויך צו פאַרוואַנדלען תל אביב אין אַ מיטל־פונקט פון מוזיק און קונסט.

אין דער צייט פון קריג זיינען די דאָזיקע באַמיאונגען נאַטירלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיי ווערן אָבער איצט באַנייט אין נאָך אַ גרעסערן פאַרנעם.

דער האַפן פון תל־אביב

דער וואוילשטאַנד פון תל אביב וואָלט שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן אַז איר עקאָנאָמישער פּראָגרעס וואָלט געשטעלט געוואָרן אויף געזונטערע פיס, אויב איר האַפן־פּראָבלעם וואָלט געלייזט געוואָרן אויף געזונטערע יסודות. דער שכנותדי־קער פּאָרט יפו, וואָס האָט במשך פון יאָרן געדינט אַלס דער פּאָרט פון תל אביב, האָט ניט קיין דאַמבע וואָס זאָל אים באַשיצן פון די שטורעמס, און די געפערלעכע פעלזן ביים ברעג מאַכן אים באַזונדערס געפערלעך אין דער ווינטער־צייט. אויסער דעם האָט ער פאַרלאָרן זיין נוצלעכקייט זייט

די אומרועז פון 1936, וואָס האָבן זיך פּאַקטיש דאָרט אָנגעהויבן. דער נייער האַפן פון תל אביב, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן נאָך די אומרועז, ווען אַ צאָל פון תל אביבער אידן זיינען דערהרגעט געוואָרן אינם יפו׳ער האַפן, איז צו קליין, כדי אַריינצונעמען דעם גרעסערן שיפס־פּאַרקער, וואָס וועט זיכער זיך אָנהויבן נאָך דער מלחמה.

פאַר דער מלחמה האָט די רעגירונג געשטערט דער אַנטוויקלונג פון תל אביבער האַפן מיט דער טענה, אַז ער שטערט דעם עקאָנאָמישן וואויל־שטאַנד פון דער שכנותדיקער אַראַבישער שטאָט יפו. ס׳איז אָבער שווער צו ערוואַרטן, אַז זי זאָל אָנהאַלטן די דאָזיקע שטעלונג נאָך דער מלחמה. אַ שטאָט מיט כמעט אַ פערטל מיליאָן איינוואוינער, וואָס איז געלעגן ביים ים און פאַר־מאָגט אַ וואַקסנדן האַנדל און אינדוסטריע, האָט דאָס רעכט אויף אַן אייגענעם האַפן. אויב די רעגירונג וועט נישט לייזן די פראַגע דורך שאַפן אַ געמיינזאַמען גרויסן האַפן אויף דער גרעניץ פון ביידע שטעט, — און דאָס שיינט מיר צו זיין די בעסטע לייזונג, — וועט זי מוזן מער אַנטקעגנקומען דעם באַרעכטיקטן פאַרלאַנג פון תל אביב נאָך אַן אייגענעם האַפן. ביים היינטיקן טאָג איז די לאַגע אין דעם פּרט זייער מאָדנע. די סחורות וואָס גייען דורך תל אביב צאָלן די זעלבע שטייערן ווי די וואָס גייען דורך אַנדערע האַפנס, אָבער די הוצאות פונם האַפן ווערן געדעקט אויסשליסלעך דורך פּריוואַטע בירגער פוי דער אַל־אידישער שטאָט.

שפּראַכן אין תל־אביב; דער שפּראַכן־געמיש

תל־אָביב, מיט איר 99 פּראָצענטיקער אידישער באַפעלקערונג, איז די נאַציאָנאַלסטע, אָבער אויך אין דער זעלבער צייט — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — די אינטערנאַציאָנאַלסטע שטאָט אין דער וועלט. טראָץ דעם, וואָס די שטאָט איז כמעט אינגאַנצן אַ אידישע, גיבן די פאַרשידענע אידן וואָס קומען פון פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט און רעדן פאַרשידענע שפּראַכן, דער שטאָט צו אַן אייגנאַרטיקן, אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. לויט אָפיציעלע ציפערן, זיינען פולע 71 פּראָצענט פון די איינוואוינער פון תל אביב געבוירן געוואָרן אין חוץ לארץ. אויב מיר וועלן אָראָפּרעכענען פון די איינ־וואוינער פון תל אביב די קינדער און מיר וועלן רעכענען נאָר די דערוואַקסענע, וועט דער פּראָצענט פון די פרעמד־געבוירענע דערגרייכן ביז 85!

ביי 70 פּראָצענט פון די פרעמד־געבוירענע איינוואוינער פון תל אביב קומען פון דריי לענדער — פּוילן, רוסלאַנד און דייטשלאַנד. די איבעריקע קומען פון ליטע, רומעניע, תימן, גריכנלאַנד, טערקיי, בולגאַריע, טשעכאָסלאָ־וואַקיע, לעטלאַנד, סיריע, פּערסיע, די פאַראייניקטע שטאַטן און אַ צאָל אַנ־דערע לענדער.

דער איבערגעוויכט פון די פרעמד־געבוירענע אין תל אביב מוז זיך אומפארמיידלעך אפשפיגלען אין דער גרויסער פארשידנהייט פון שפראכן, וואס ווערן דארט גערעדט. ווען איינער מיט א גוטן חוש פאר שפראכן זאל אוועקשטעלן זיך אין א פארנאכט אויף א טראטואר פון אלענבי־גאס, דער הויפט־שפאציר־גאס פון תל־אביב, און זיך איינהערן צו די לשונות פון דעם שפאצירנדן עולם, וואלט ער האבן דעם איינדרוק פון א שפראך־בבל. זיין איינדרוק וואלט געווען, אז די אממערסטן באנוצטע שפראכן זיינען אידיש און העברעאיש, אויף וועלכע עס ווערט געפירט איבער א העלפט פון אלע גע־שפרעכן, און נאך דעם קומען דייטש, פויליש, רוסיש, ענגליש און אראביש, וואס ווערן גערעדט מער־ווייניק אין א גלייכער מאס. אראביש ווערט באזונדערס ברייט באנוצט פון די אריענטאלישע אידן, וואס בילדן בערך 12 פראצענט פון אלע איינוואוינער פון תל אביב. ווייניקער ווערט געהערט פראנצויזיש, לאדינא (אדער שפאניאליש), רומעניש און א צאל אנדערע שפראכן. בדרך כלל וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאגן, אז אויב איינער זאל רעגיסטרירן הונדערט געשפרעכן אויף א תל אביבער גאס, וועלן זיי זיין נישט ווייניקער, ווי אין צען פארשידענע שפראכן.

תל אביב איז אבער נישט נאר א שפראכלעכער בבל, נאר אויך א שפראכלעכער שמעלץ־טאפ. א דאנק דער אויסגעצייכנטער שול־סיסטעם, געלונגט תל אביב צו באגרעניצן די פיל־שפראכיקייט פון אירע איינוואוינער בלויז צום עלטערן דור. דער נייער, אונטערוואקסנדער דור ווערט דערצויגן אויפן יסוד פון דער העברעאישער שפראך. אויסער דעם העלפט פיל מיט די תל אביבער פרעסע, די טעאטערס און דאס הויך־אנטוויקלטע עפנטלעך לעבן צו פארשפרייטן א גרויסע קענטעניש פון העברעאיש אויך צווישן דעם עלטערן דור.

תל־אביב און יפו; דער קאנטראסט

לויטן אויסערלעכן אויסזען, איז תל־אביב א פולשטענדיק איירא־פעאישע, אדער ריכטיקער, אן אמעריקאנער שטאט אין מיטן פון איבערוויגנדן אראבישן נאענטן מזרח. אמת, די ארטיקע ארכיטעקטן האבן אין פיל פאלן אריינגעפירט דעם אריענטאלישן סטיל אין די געביידעס, אבער א פיל גרעסערע צאל הייזער איז געבויט אין גייסט פון דער העכסט־מאדערנער ארכי־טעקטור, אימיטירנדיק ס׳רוב די מאדעל־פארשטעט פון דייטשלאנד, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאכט. אין אלגעמיין פילט זיך א זייער טיפער קאנטראסט צווישן דער שכנותדיקער אראבישער יפו און דעם אידישן תל־אביב, מיט אירע גלייכע, גוט־פלאנירטע גאסן, וואס ווערן געהאלטן מוסטער־

האָפט ריין און מיט איר אייראָפּעאיש־געקליידעטן עולם, וואָס איילט זיך צו זיינע געשעפטן אָדער אַרבעט.

תל־אָביב האָט אָבער אויך ערנסטע חסרונות, וואָס שטאַמען לויט מיין מיינונג, פון איבערוואָג פון „ריעל־עסטייט"־אינטערעסן ביים גרינדן און אויס־בויען די שטאָט. די שטאָט האָט צום ביישפּיל, נישט קיין ריכטיקן פּאַרק וואָס זאָל באַדינען דער אויסגעוואַקסענער באַפעלקערונג, און איר נאַטירלעך־שיינער ים־ברעג איז פּאַרמיאוסט דורך אָנגעוואָרפענע געביידעס אָן דעם מינדעסטן פּלאַן און אין אַ שלעכטן געשמאַק. די שטאָט־טאַטעס פון תל־אָביב אנערקענען איצט די דאָזיקע חסרונות און באַמיען זיך זיי אויסצובעסערן.

דאָס נייע ירושלים

אויסער תל אביב האָבן די אידן געהאַט נאָך עטלעכע געלעגנהייטן צו ווייזן זייערע פעאיגקייטן אַלס שטאָט־בויער. זיי האָבן פאַקטיש איבערגעבויט ירושלים דורך אַרומרינגלען די אַלטע, אַרומגעמויערטע שטאָט, מיט אַ רייע ניי־געבויטע, מאָדערנע פאָרשטעט. די דאָזיקע פּאָרשטעט האָבן זיך אַלץ מער אויסגעברייטערט און צוזאַמענגעריקט, ביז זיי האָבן ביסלעכווייז קאָנ־צענטרירט אַרום זיך דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע לעבן פון ירושלים, און זיי זיינען עס געוואָרן דאָס איצטיקע אייגנטלעכע ירושלים.

די ערשטע פאָרשטעט זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט, אָבער ערשט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט די שטאָט זיך אָנגעהויבן בויען לויט אַ באַשטימטן, פון פאַכלייט אויסגעאַרבייטן פּלאַן. ברייטע און שיין־אויסגעלייגטע דורכפאַר־גאַסן, מיט פיינע, מאָדערנע הייזער, ענדערן צוביסלעך דעם גאַנצן אויסזען פון דער אַלטער, היסטאָרישער שטאָט. די ברייטע אויסנוצונג פון אָרטיקן גראַניט־שטיין, וואָס גיט די געביידעס אַ מערקווירדיק אימפּאָנירנדן אויסזען, דער אייגנאַרטיקער חן פון די יהודה־בערג, אויף וועלכע די שטאָט איז צעוואָרפן, און דער פאַקט, וואָס די וויכ־טיקסטע געביידעס פון ירושלים זיינען אויסגעבויט געוואָרן פון פאַרשידענע אויסלענדישע פעלקער, און רעליגיעזע אָרדנס, וואָס האָבן יעדע אַריינגע־בראַכט זייער אייגנאַרטיקן סטיל און אייגענע אַרכיטעקטאָנישע אידייען — האָבן אַלע צוזאַמען געהאָלפן געבן ירושלים אַן אייגנאַרטיקן חן און אַ פאַר־שידנאַרטיגקייט, וואָס פאַרוואַנדלט איר אין איינע פון די שענסטע און איב־ספּירירענדיקסטע שטעט פון דער וועלט.

די אַנטוויקלונג פון ירושלים איז געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס גע־שטערט צוליב דעם מאַנגל אין וואַסער, באַזונדערס אין די הייסע זומער־חדשים. ערשט אין אָנהויב 1936 איז געוואָרן פאַרענדיקט דער אויפבוי פון אַ וואַסער־ליניע (אקוועדוקט) פון טייך ירקון, וואָס איז געוואָרן געבויט אין

משך פון 4 יאָר. דער אקוועדוקט, וואָס איז טיילוויז פינאַנסירט געוואָרן פון דער רעגירונגס־הלוואה, באַקומען אין לאָנדאָן, האָט באַזייטיקט די לעצטע שטערונג פאַר דער שנעלער אַנטוויקלונג פון ירושלים, וועמענס אור־אַלטע גלאָריע האָט אָנגעהויבן צו ווערן פאַרטונקלט דורך דעם אויפגעקומענעם תל־אָביב.

מיט אירע 142 טויזנט איינוואוינער, פון וועלכע 85 טויזנט זיינען אידן, שטעלט ירושלים איצט פאַר מיט זיך די צווייט־גרעסטע שטאָט אין ארץ ישראל, אָבער זי פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם ערשטן פלאַץ אַלס אַ צענטער פון תורה און קולטור. די אידן האָבן פיל בייגעשטייערט צום רום פון ירושלים אַלס גייס־טיקן צענטער, אויפבויענדיק דאָרט די העברעאישע אוניווערזיטעט, וועמענס געביידע הויבט זיך אויף מאַלעריש אויפן שפּיץ פון הר הצופים. די אידן האָבן אויך אויפגעבויט דעם ראָטשילד־הדסה שפּיטאָל, דער מאָדערנסטער שפּיטאָל אין נאָענטן מזרח.

אין רעזולטאַט פון ירושלים׳ס לעצטער אַנטוויקלונג, זיינען אויפגעבויט געוואָרן פאַרשידענע מאָדערנע פאַבריקן, און גרעסערע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען ווערן געפּלאַנט צו ווערן אויפגעבויט אין דער צוקונפט. מיט דער הילף פון דער הסתדרות זיינען דאָ אויפגעבויט געוואָרן 300 דירות פאַר אַר־בייטער.

דער וואוקס פון חיפה

אַ באַדייטנדע אויפבוי־אַרבייט האָבן די אידן אויפגעטאָן אין חיפה, אַ שטאָט, וואָס אַנטוויקלט זיך שנעל, צוליב איר גינסטיקער געאָגראַפישער לאַ־גע, אין איינע פון די גרעסטע פּאָרטן ביים מיטלענדישן ים. פון אירע 120 טויזנט איינוואוינער, זיינען 65 טויזנט אידן, 35 טויזנט מאַכמאַדאַנער און 20 טויזנט קריסטן. פאָלגנדיק דעם ביישפּיל פון תל־אָביב, האָט אַ גרופּע חיפה׳ר אידן אָנגעהויבן בויען, בערך אין דער זעלבער צייט, אַ פאָרשטאָט וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „הדר הכרמל״ (די פּראַכט פון כרמל). מאַלעריש געלעגן אויפן אַראָפּגאַנג פון כרמל־באַרג, און האָבנדיק אַ שיינעם אַרויסבליק צום ים און די אַרומרינגלנדע טאָלן, איז הדר הכרמל אין דער ערשטער צייט באַ־שטאַנען בלויז פון וואוין־הייזער. איצט, אָבער, איז שוין די הויפּט־גאַס אָנ־געפילט מיט געשעפטן און ביוראָס, און עס שאַפט זיך אַ שטאַרקער איינדרוק, אַז אַ טייל פון די געשעפטן פון דער אייגנטלעכער שטאָט וועט אַהין ווערן אַריבערגעטראָגן.

ס׳איז פונדעסטוועגן אומוואַרשיינלעך, אַז הדר הכרמל זאָל ווען עס איז ווערן אַ צווייטע תל־אָביב. איר שטח איז נאַטירלעך באַשרענקט צוליב דעם באַרג אין הינטערגרונד, און אויסער דעם, איז דאָס געשיכטלעכע לעבן פון

חיפה צו ענג פאַרבונדן מיטן פּאָרט, און קען ניט צוגענומען ווערן פון זיין דירעקטער שכנות.

אַלס צוגאָב צום הדר הכרמל, האָבן אידן אויפגעבויט אַ רייע פאָרשטעט ביים ים־ברעג צווישן חיפה און דער אַלטער, היסטאָרישער שטאָט עכו, ניין מייל צו צפון. בוי־קאָאָפּעראַטיוון, אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון דער הסתדרות, האָבן דאָרט אויפגעבויט 1500 אַרבייטער־הייזער אויף אַ באָדן, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין זייער רשות פון נאַציאָנאַל־פאָנד, ביי פיר מייל פון דער שטאָט און אַנדערע 600 הייזער זיינען אין דער זעלבער געגנט אויפגעבויט געוואָרן דורך יחידים. אַ צאָל פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין זעלבן ים־אויסגוס (מפרץ חיפה), אין דער געגנט צווישן די אַרבעטער פאָרשטעט און דער אייגנטלעכער שטאָט. דאָרט געפינען זיך די וויכטיקסטע פאַבריקן פון דער וואַקסנדער פּאָרט־שטאָט, ווי די צעמענט פאַבריק „נשר", די אויל־פאַבריק „שמן", די גרויסע טאַנקען, ראַפינעריעס און לאַדונג־סטאַנציעס פון דער „איראַק־פּעטראָלעאום קאָמפּאַניע", די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן פון דער רעגירונג, רוטענבערגס עלעקטריציטעט־סטאַנציע און א רייע אַנדערע וויכטיקע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. די דאָזיקע געגנט וואַקסט זיך פאַנאַנדער אַלס דער אינדוסטריעלער צענטער פון דער שנעל־וואַקסנדער פּאָרט־שטאָט חיפה.

צו דרום פון חיפה איז אַנטשטאַנען אַ נייע אידישע פאָרשטאָט „בת גלים" (די טאָכטער פון כוואַליעס), וואָס וועט וואַרשיינלעך ווערן דער אָנהויב פון אַ וויכטיקער אויסברייטערונג פון דער שטאָט אין דער דאָזיקער ריכטונג.

כאָטש די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון חיפה גראַוויטירט צו איר נייעם פּאָרט, און עס גייט אָן אַ ברייטע בוי־טעטיגקייט אין דער געגנט פון פּאָרט, ציט אויך צו דער הר־הכרמל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין געזונטן און פאַרהעלטנישמעסיק קילערן קלימאַט. פיל איינוואוינער וואָס האָבן דאָרט אויפגעבויט פיל פיינע מאָדערנע הייזער. אויפן צפונדיקן אָראָפּגאַנג פון כרמל האָבן די אידן מיט 20 יאָר צוריק געגרינדעט נאָך אַ פאָרשטאָט „נוה שאנן". פיל הייזער־גרופּן און איינצלנע הייזער זיינען אויך אויפגעבויט געוואָרן אויפן סאַמע שפּיץ פון כרמל־באַרג.

די פאָרשטעט פון הר הכרמל זיינען שנעל געוואָרן זייער פּאָפּולער ביים פאַרמעגלעכן טייל פון חיפה'ר איינוואוינער. דאָרט איז איינגעשטעלט אַ רעגולערע באַס־פאַרבינדונג צווישן שפּיץ פון באַרג מיט דער אייגנטלעכער שטאָט. דער באַרג ווערט אויך באַטראַכט אַלס אַ פאַסנדער זומער־פּלאַץ, וואָס ציט צו אין די הייסע חדשים פון יאָר אַ היבשע צאָל געסט פון גאַנצן לאַנד, וואָס זוכן אפּרו און שוץ פון דער צו ברענענדער זון אין די קילע שיפּועים פון כרמל־באַרג. די קופּת־חולים — די קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות,

האָט דאָ אויפגעבויט אַ זומער סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון ב. באַראַכאָוו; עס זיינען דאָ אויך אויפגעבויט געוואָרן אַ צאָל פּריוואַטע האָטעלן און פּענסיאָנען פאַר אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם. דער ווערט פון כרמל אַלס אַפּרו־פּלאַץ איז באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דער אינטענסיווער באַוואַלדערונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ווערן דורכגעפירט אויף אים דורך אידישע געזעלשאַפטן מיט בערך 25 יאָר צוריק.

נישט קוקנדיק אויף איר גרויסער אַראַבישער באַפעלקערונג, איז די מאָדערנע אַנטוויקלונג פון חיפה הויפּטזעכלעך צו פאַרדאַנקען אידן. אַזוי למשל, האָבן די אידן אין די דריי יאָר ווען אין ארץ ישראל האָט געהערשט די פּראָס־פּעריטי, אויסגעבויט 16,533 צימערן און 579 געשעפטן, אין דער צייט ווען די קריסטן האָבן דאַן אויפגעבויט נאָר 4,483 צימערן און 403 געשעפטן און די מוסולמענער נאָר 1,948 צימערן און 152 געשעפטן. מיט קליינע ענדערונגען ווערט די דאָזיקע פּראָפּאָרץ צווישן אידן, קריסטן און מאַכמעדאַנער אָנגע־האַלטן ביזן היינטיקן טאָג.

די שטעט פון גליל

אַ מאָדערנע וואוין־פאַרשטאָט איז אויך אויפגעבויט געוואָרן פון די אידן אין טבריה, די שטאָט אין גליל, וואָס איז באַרימט מיט אירע מינעראַלע קוואַלן, וועמענס הייל־מעגלעכקייטן זענען געוואָרן שטאַרק גערימט אין משך פון לאַנגע דורות. געלעגן אויף אַ באַרגל פון 500 פוס, וואָס בליקט אי־בער דער גאַנצער שטאָט, איז קרית שמואל, מיט איר געזונטערן קלימאַט, באַ־וואוינט פון די מער פּראָגרעסיווע איינוואוינער פון דער דאָזיקער אָפּגעשטאַ־נענער אַלטער שטאָט.

אַן אַנדער פאַרשלאָפענע שטאָט איז צפת, הויך אין די בערג פון גליל. נישט קוקנדיק אויף איר פיינעם באַרג־קלימאַט, איז די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז אין משך פון פיל דורות באַטראַכט געוואָרן פון פרומע אידן אַלס צענטער פון תורה, איצט באַוואוינט פון ווייניקער אידן ווי פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. עטלעכע פּרוּוון צוריק אויפצולעבן די אַלטע שטאָט דורך פאַרשטאַרקן און מאָדערניזירן איר עקאָנאָמיש לעבן, זיינען נישט געקרוינט געוואָרן מיט אַ עפעקטיוון ערפאָלג.

געוויסע האָפנונגען ווערן איצט געלייגט פון די איינוואוינער פון צפת אויפן פּלאַן צו פאַרוואַנדלען דעם שכנותדיקן באַרג כנען, איינע פון די פיינ־סטע געגענדן אין לאַנד, אין אַ זומער־קוראָרט פאַר די איינוואוינער פון די זון־פאַרברענטע ארץ־ישראלדיקע טאָלן. דער דאָזיקער פּלאַן, וואָס איז שוין געוואָרן אויסגעאַרבעט נאָך פאַר 1914, האָט באַקומען אַ באַדייטנדן שטויס פאַרויס אַ דאַנק פרוי שרה לווי פון סינגאַפּור, אַ רייכע פרוי, וואָס איז פאַר־

אינטערעסירט אין ווידעראויפבוי פון דער פאַרנאַכלעסיקטער שטאָט. אויפן שפּיץ פון הר כנען האָט זי אויסגעבויט צוואַנציק הייזער און אַנדערע האָבן געפאָלגט איר ביישפּיל. עס זעט אויס, אַז די אַלטע שטאָט איז אויפן וועג צו ווערן צוריק אויפגעלעבט.

פּלענער אויפצובויען אַ נייעם שטאָטישן ישוב ביי חברון, באַרימט צוליב די קברים פון די אבות, וואָס געפינען זיך דאָרט, זיינען געוואָרן צונישט געמאַכט דורך די בלוטיקע געשעענישן אין אויגוסט, 1929, וואו עס זיינען געפאַלן די גרעסטע צאָל אידישע קרבנות בעת די אויגוסט געשעענישן.

אַן אַנדער ניט דערפאָלגרייכער פּראָיעקט איז געוואָרן אָנגעהויבן ביי עפולה, אַן אייזנבאַן־סטאַנציע אין האַרץ פון עמק־יזרעאל, וואו די „אַמעריקען זייאָן קאָמענוועלטה" האָט אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד און געלייגט דעם יסוד פון אַ שטאָט אונטערן נאָמען „עיר יזרעאל" וואָס איז געוואָרן ברייט רעקלאַמירט אַלס די „צווייטע תל־אביב". ווייזט אויס, אַז די נייע שטאָט האָט ניט געהאַט קיין געזונטן עקאָנאָמישן פונדאַמענט, און אויסערדעם האָבן אירע גרינדער באַהאַנדלט דעם גאַנצן ענין ווי אַ „ריעל עסטייט"־אונטערנעמונג און האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גענוגנדע אחריות און פאַרשטענדעניש פאַר די ספּעציעלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון ארץ ישראל.

פּיל קאָלאָניעס אין דער פּלאַנטאַציע־געגנט זיינען אָריגינעל געגרינדעט געוואָרן אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, אָבער זיינען שפּעטער געוואָרן אינדוסטריאַליזירט אין משך פון זייער אַנטוויקלונג און האָבן איצט באַקומען דעם סטאַטוט פון שטעט. דאָס איז, למשל, געשען מיט פּתח תקוה, ראשון לציון, רחובות, נתניה און עטלעכע אַנדערע קאָלאָניעס.

אַראָפּרעכענדיק די עטלעכע אומגעלונגענע פּרואוון, איז דער אַלגעמיינער איינדרוק פון די ארץ־ישראל אידן אַלס שטאָט־בויער, זייער אַ גינסטיקער. אין זייער אַ קורצער צייט האָבן זיי באַוויזן אויפצובויען אַ נייע בליענדע שטאָט, תל־אביב, וואָס ווערט מיט רעכט פאַררעכנט אַלס די גרעסטע שטאָט פון נאָענטן מזרח; זיי האָבן אויך גענומען די איניציאַטיוו און געשפּילט אַ דעצידירנדע ראָל ביים מאָדערניזירן אַנדערע שטעט אין ארץ ישראל. דער ווערט פון די דאָזיקע באַדייטנדע דערגרייכונגען, ווערט אפילו צוגעגעבן פון די שטאַרקסטע קעגנער פון די אידישע אָנשטרענגונגען אין ארץ ישראל.

קאַפּיטל ניין

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין ארץ ישראל

דער וויכטיקער פּלאַץ, וואָס די קאָאָפּעראַטיוון פאַרנעמען אינם אויפ־בוי פון ארץ ישראל, איז איינער פון די מערקווירדיקסטע שטריכן פון דעם אידישן אויפבוי־ווערק. אין ערגיץ ווערט דער קאָאָפּעראַטיווער פּרינציפּ ניט באַנוצט אַזוי פילזייטיק און דערפאָלגרייך ווי צווישן די אידן אין ארץ ישראל. אויף אַ באַפעלקערונג פון 550,000 אידן זיינען דאָ 1,000 אידישע קאָאָפּעראַ־טיוון פון דער אַלגעמיינער צאָל פון איבער 1.088 קאָאָפּעראַטיווע געזעל־שאַפטן, וואָס זיינען רעגיסטרירט געוואָרן אין א״י, צום סוף פון יאָר 1941.

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז נישט בלויז באַגרענעצט צו קאָנסום־קראָמען און קליינעם קרעדיט. אירע אַמביציעס גייען פיל ווייטער ווי שפּייז־געשעפטן, בעקערייען און קרעדיט־אַנשטאַלטן, וואָס זענען דער הויפּט יסוד פון קאָאָפּעראַטיוון אין אַנדערע לענדער. דער וויכטיקער הויפּט־שטריך פון דער קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישראל איז, וואָס זי דרינגט טיף אַריין אין דער אַגריקולטורעלער און אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פון לאַנד.

די ווייטערדיקע טאַבעלע וויזט אונז דעם כח פון דער אידישער קאָ־אָפּעראַציע אין יאָר 1940, אויפן גרונד פון ציפערן פון 996 אידישע קאָאָפּע־ראַטיוון *)

דער געזעלשאַפט	צאָל קאָאָפּעראַטיוון	צאָל מיטגלידער	אייגענער קאַפּיטאַל אין פונטן	געבאָרגטע פאָנדן (איינגעשלאָסן דעפּאָזיטן)
קרעדיט				
שטאָטישער	45	65,676	474,303	1,345,804
דאָרפישער	172	21,297	171,731	617,469
לאַנדווירטשאַפט				
קאָלאָניזאַציע	221	21,569	583,338	2,954,187
אָפּזאַץ	122	17,384	717,319	1,382,845
באַוואָסערונג	59	4,342	197,647	122,663
אינדוסטריעלע פּראָדוקציע און קאָנטראַקטאָר־קאָאָפּעראַטיוון	105	2,659	273,144	556,438
טראַנספּאָרט	28	1,200	306,981	253,944
הייזער־בוי	156	11,880	737,854	932,670
קאָנסום	78	11,438	157,424	353,732
געגנזייטיקע פאַרזיכערונג	4	892	14,940	12,234
פאַרשידענע	6	144,838	153,039	29,038
צוזאַמען	996	303,175	3,788,741	8,663,183

*) „סטאַטיסטיקעל עבסטרעקט פאָר פּאַלעסטיין", 1941.

אפילו פאַר 1914 האָבן די ארץ ישראלדיקע פּיאָנערן, אומדערשראָקן פון דורכפאַל פון ענלעכע אונטערנעמונגען אין אַלע טיילן פון דער וועלט, אויסגעבויט פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע ישובים, באַזירט אויפן יסוד פון קאָלעקטיווער אַרבייט און די קאָלעקטיווע פאַרטיילונג פון פּראָדוקטן. עס זיינען אויך געלייגט געוואָרן די יסודות פון די ערשטע אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון אין ארץ ישראל — די האַלץ־פאַבריק „כרמל", די מעטאַל־פאַבריק „עמל", ביידע אין חיפה. נאָך 1918 איז דער קאָאָפּעראַטיווער פּרינציפּ געוואָרן אויסגעברייטערט אויך אויף הייזער־בוי, שאָסיי־בוי, אויסטרוקענונג פון זומפּן, עקספּאָרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, פלאַנצונג פון ציטרוס־פּרוכט פון אייגנטימער, וואָס וואוינען אין אויסלאַנד, און אויף די געביטן פון טראַנספּאָרט, באַנק־וועזן און פאַרזיכערונג.

לאַנדווירטשאַפטלעכער אָפּזאַץ

דער ערשטער קאָאָפּעראַטיוו אין ארץ ישראל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1896 מיטן צוועק צו פאַרקויפן דעם ווין פון די אידישע קאָלאָניעס. זייערע קעלערס, בעיקר אין ראשון לציון, נעמען אַריין איבער 8 מיליאָן ליטער ווין און זייער יערלעכער פאַרקויף באַטרעפט איבער 200,000 פונט. דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו איז געוואָרן שטאַרק געטראָפן פאַרן ערשטן וועלט־קריג צוליב דעם שליסן פון די וויכטיקסטע צוויי מערק, וואָס האָבן זיינער־צייט אָפּגענומען דעם גרעסטן טייל פון ארץ ישראלדיקן ווין. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און דער סאָוועטן־רעזשים האָט פאַרשלאָסן רוסלאַנד, און די פּראָהיבישאָן האָט פאַרמאַכט דעם אַמעריקאַנער מאַרק.

80 פּראָצענט פון גאַנצן ציטרוס־פּרוכט פון די ארץ־ישראלדיקע פּרדסים ווערט עקספּאָרטירט אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון יסוד. נאַטירלעך, האָט דער קריזיס, וואָס האָט געטראָפן דער אינדוסטריע מיטן אויסברוך פון קריג, אויך אַרומגענומען די ציטרוס־קאָאָפּעראַטיוון. פיל פון זיי האָבן געהאַט פאַר־העלטעניסמעסיק גרויסע פאָנדן, באַזונדערס אין לענדער, וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן דורך די נאַציס. ווייטער זיינען גרויסע סומען געוואָרן פאַר־פּרוירן אין פאָרם פון אַוואַנסן צו די ציטרוס־פלאַנצער ביז דער נאָענסטער גערעטעניש. די דאָזיקע גערעטעניש (דער סעזאָן פון 1940־41) האָט געפוילט אויף די בוימער, ווייל ס'איז ניט געווען קיין מאַרק פאַר אראַנזשען אין דער מלחמה־געטראָפענער אייראָפּע. די קאָאָפּעראַטיוון, גערדיקט דורך די בענק, האָבן זיך געפונען אין אַ אויסערסט שווערער לאַגע. „פּרדס", דער גרעסטער און עלטסטער פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס פלעגט פאַרקויפן אויף אויסלענדישע מערק ביי 35 פּראָצענט פון דער גאַנצער אידישער ציטרוס־גערעטעניש, האָט געמוזט ווערן ליקווידירט, הגם זיין פאַרמעגן האָט איבער־

געשטיגן זיינע חובות. די ליקווידאַציע איז געוואָרן דורכגעפירט אויף אַ בכבודיקן אופן, ווייל אַלע חובות זיינען געוואָרן אינגאַנצן באַצאָלט, און גע־וויסע סומען זיינען געוואָרן צוריקגעצאָלט די מיטגלידער פאַר זייערע אַקציעס.

אפשר וועט דער מוסר השכל פון דער דאָזיקער פּאַסירונג נישט זיין אומזיסט. מען נעמט אין אַלגעמיין אָן, אַז נאָכן קריג וועט דער אַפּזאַץ פון דער ארץ־ישראלדיקער ציטרוס־פּרוכט אַמבעסטן ווערן אָרגאַניזירט, ווען די קליינע קאָאָפּעראַטיוון וועלן זיך צוזאַמענשמעלצן אין איין גרויסער געזעלשאַפט. דאָס וואָלט פאַרקלענערט די הוצאות און וואָלט פאַרזיכערט די ציטרוס־פּלאַנצער אַ שטאַרקערע פּאָזיציע אין די אויסלענדישע אַפּזאַץ־מערק.

„תנובה"

דער פאַרקויף פון די אידישע דאָרפישע פּראָדוקטן אויפן היימישן מאַרק פון ארץ ישראל, ווערט אין גרעסטן טייל דורכגעפירט דורך „תנובה", דער קאָאָפּעראַטיווער פאַרקויפס־אָרגאַניזאַציע פון די אידישע אַרבייטער־דערפער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926. דער ערפאָלג פון „תנובה" איז באמת אויסערגעוויינלעך. אין 1931 האָט דער פאַרקויף פון מילך, מילך־פּראָדוקטן, ירקות, אייער, עופות, באַנאַנען א. אַז. וו. באַטראָפן 141,856 פונט. אין צען יאָר שפּעטער האָט דער פאַרקויף דערגרייכט די יערלעכע סומע פון 1,500,000 פונט.

„תנובה" האַלט אויס פאַרשידענע מאָדערנע מאַלקערייען, באַזאָרגט מיט די נייסטע מעכאַנישע ערפינדונגען. זי פּראָדוצירט אויך אַ זיסן געטראַנק, געמאַכט פון האָניק און האָט אויך אָנגעהויבן פּראָדוצירן קאָנדענסירטע פּרוכט. די פּעאיקע איבערגעגעבענע פירער פון „תנובה" האָבן אַוועקגעשטעלן נאָכן קריג באַאַרבעטנדע אינדוסטריען, וואָס וואָלט פאַרגרעסערט די מערק פאַר די ארץ ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אין ארץ ישראל גופא ווי אין אויסלאַנד. וועגן דער אויסגעצייכנטער רעפּוטאַציע, וואָס „תנובה" האָט זיך ערוואָרבן קען אַמבעסטן עדות זאָגן דער פאַקט, אַז אפילו די א"י רעגירונג באַנוצט זיך מיט איר אַפּצוזעצן די מילכיקע פּראָדוקטן פון אירע עקספּערי־מענטאַלע פערמעס און פון אירע צוויי לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן.

דער אייגנאַרטיקער שטריך פון דער אידישער קאָאָפּעראַטיווער באַ־וועגונג איז דער פאַקט, וואָס די צענטראַלע אַפּזאַץ אָרגאַניזאַציעס זיינען גע־שאַפן געוואָרן נאָך איידער ס'האָט עקזיסטירט אַ נעץ פון קאָנסום־קאָאָפּע־ראַטיוון. די דאָזיקע פּראָצעדור, וואָס שטייט אין פולן געגנזאַץ צום אָנגע־נומענעם מעטאָד פון אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיוון אין אַנדערע לענדער, איז צו פאַרדאַנקן די ספּעציפישע מאָטיוון, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די ארץ ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס. דער ריין־קאָאָפּעראַטיווער

אידעאַל, די שטרעבונג צו אָרגאַניזירן די צעטיילונג אָן דער הילף פון פּריי־וואַטן האַנדל, איז אין ארץ־ישראל אָפּגעשטופּט געוואָרן אויפן צווייטן פּלאַץ דורך אַן אַנדערן אוּן מער ספּעציפישן מאָטיוו — דורך דער נויטיקייט אָוועק־צושטעלן די אַרבייטער־זידלונגען אויף אַ מער פּראָפיט־ברענגנדן פונדאַמענט און דערמוטיקן דערמיט די ווייטערדיקע אידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד. די קבוצות האָבן נישט געקאָנט וואַרטן ביז עס וועט זיך שאַפן אַ נעץ פון אָרטיקע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס וועלן זיין גרייט צוצונעמען זייערע פּראָדוקטן. זיי האָבן געמוזט גלייך אָרגאַניזירן זייער פאַרקויף אונטער אַלע אומשטענדן. אַזוי, האָבן אויך אין פיל אַנדערע פאַלן די נאַציאָנאַלע מאָטיוון באַוואויגן אין פּראָצעס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע דרייסט צו עקספּערימענטירן מיט נייע סאָציאַלע מעטאָדן.

קאָאָפּעראַטיווע קראָמען

„תנובה”, אָרגאַניזירט אַלס אַ צענטראַלע אָפּזאַץ־געזעלשאַפט איידער ס׳האָבן זיך געשאַפן אָרטיקע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, האָט נאַטירלעך געמוזט זיין אָפּהענגיק אין דער ערשטער רייע פון פּריוואַטע קרעמער און מילך־פאַרקויפער. פיל קאָאָפּעראַטיוון האָבן פאַראורטיילט די דאָזיקע פּראָצעדור, וואָס איז אַ וויכטיקער אָפּנייג פון אַנטי־קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פון די קאָאָפּעראַטיוון און זיי האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל שנעל צוטרעטן צו אָרגאַניזירן לאָקאַלע קאָנסום־פאַראיינען, כדי צו באַזייטיקן די אומנאָרמאַלע סיטואַציע.

אין די לעצטע יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן שטאַרקע באַמיאונגען צו פאַרפולקאָמען דאָס קאָאָפּעראַטיווע סיסטעם פון ארץ ישראל דורך אָרגאַניזירן די קאָנסומענטן אין לאָקאַלע קאָאָפּעראַטיוון. די דאָזיקע באַמיאונגען האָבן געהאַט פיל ערפאָלג אין די דערפער, אָבער אין די שטעט איז זי נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך; די קאָנקורענץ פון קליינעם קרעמער איז דאָ צו שאַרף. פאַקטיש זיינען די באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן קאָנסום־פאַריינען אין די שטעט נישט געווען אַזוי פאַרעקשנט ווי די ענלעכע באַמיאונגען אין די דערפער. די פירער פון דער ארץ ישראלדיקער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג האָבן, זעט אויס, נישט געהאַלטן אַז ס׳איז אומפאַרמיידלעך נויטיק צו שאַפן אַ קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע פון קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן אין די שטעטישע צענטערן, אויב דער פּריוואַטער האַנדל דאַרט פירט דורך זיינע פונקציעס אויף אַ באַפרידיקנדן אופן. פון נאַציאָנאַלן געזיכטס־פונקט באַטראַכטן זיי די רואינירונג פון קליינעם קרעמער אַלס אַ קלאַפּ, וואָס קאָן נישט ווערן גענוגנד קאָמפּענסירט דורכן וואוקס פון די קאָאָפּעראַטיוון.

אַן אַנדער סיבה, וואָס וואָלט געקאָנט דערקלערן די צווייטראַנגיקע באַדייטונג פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישראל, איז געוואָרן קלאָר

אַנגעוויזן דורך נ. באַרו. אין אַן אַרטיקל איבער דער קאָאָפּעראַטיווער באַ־וועגונג אין ארץ־ישראל שרייבט ער *):

„אין לענדער, וואָס מאַכן דורך אַ פּראָצעס פון גיכער קאָלאָניזאַציע, זיינען די מוחות פון די אימיגראַנטן פאַרנומען מיט בויען זייער אייגענע צוקונפט. זיי זיינען דעריבער מער פאַראינטערעסירט אין באַפרידיקן זייערע באַדערפעניש אַלס פּראָדוצירער און זיי געבן זיך וויניקער אָפּ מיט זייערע אינטערעסן אַלס געברויכער".

מיטן אויסברוך פון קריג האָבן אָנגעהויבן שנעל שפּרינגען אין דער הויך די פּרייזן און ס'האָט זיך באַוויזן דער „שוואַרצער מאַרק". דאָס האָט גע־צוואונגען די ארץ ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צו ווידמען מער אויפמערקזאַמקייט דער פאַרברויך־קאָאָפּעראַציע. אין רעזולטאַט פון די גע־מאַכטע אָנשטרענגונגען, האָבן די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון אָנגעהויבן שנעלער וואַקסן, ווי דאָס באַווייזט די פאָלגנדע טאַבעלע.

יאָר	צאָל קאָאָפּעראַטיוון	צאָל מיטגלידער	קאַפּיטאַל (אין פונטן)	יערלעכער פאַרקויף (אין פונטן)
1931	11	772	3,350	38,000
1939	57	9,400	51,000	341,000
1942	92	25,000	100,000	1,100,000

ס'רוב קאָנסום־פאַראיינען אין ארץ ישראל געפינען זיך אין די דער־פער, וואו זיי וויזן אַרויס אַן אינטערעסאַנטע טענדענץ צו קאָמבינירן זייערע פונקציעס, באַזאָרגנדיק גלייכצייטיק פאַרברויכס־אַרטיקלען פאַר די קאָלאָ־ניסטן און אָפּזעצנדיק זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. די זעלבע קראָם, וואָס פאַרקויפט שיך, טעקסטיל־סחורות, צוקער און רייז אירע מיט־גלידער נעמט ביי זיי אָפּ זייער מילך, אייער און האָניק און שיקט עס איבער צו „תנובה". דורכן דאָזיקן אייגנאַרטיקן מעטאָד, זוכן די פירער פון די דאָזיקע פאַרברויך־פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוון צו דערגרייכן באַדייטנדע אָפּשפּאָרונגען פאַר זייערע מיטגלידער, סיי אַלס קאָנסומענטן און סיי אַלס פּראָדוצירער.

אַ וויכטיקער טייל פון די שטאָטישע פּראָדוקטן, וואָס ווערן אָפּגעזעצט אין די דאָרפישע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, ווערט פאַרקויפט דורך „המשביר" די קאָאָפּעראַטיווע הורט־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות. אין 1942 האָט „המשביר" פאַרקויפט סחורות אין ווערט פון 1,285,000 פונט אין פאַרגלייך מיט 543,000 פונט אין 1939 און 90,000 פונט אין 1933. „המשביר" פאַרקויפט ניט צו יחידים. אַלע זיינע האַנדלס־טראַנזאַקציעס ווערן אינגאַנצן דורכגעפירט מיט לאָקאַלע קאָאָפּעראַטיוון און לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות.

*) „צוקונפט", פאַרלאַג 1933, זייט 85־84.

פּראָדוציר־און באַדין־קאָאָפּעראַטיוון

פיל וויכטיקער זיינען די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. אויסער די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פאַרמס (קבוצות), האָבן עקזיסטירט אין אָקטאָבער 1941 46 פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. די דאָזיקע צאָל שליסט נישט איין די קאָנ־טראַקט קאָאָפּעראַטיוון אין דער בוי־אינדוסטריע און אַ גרויסע צאָל אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס זיינען רעגיסטרירט אַלס קאָאָפּעראַטיוון, אָבער זיינען פּאַקטיש שותפות־אונטערנעמונגען מיט אַ גרויסער צאָל שותפים.

פון די 46 פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, פאַרנעמען זיך 4 מיט מעטאַל־אַרבייט, 4 מיט האָלץ־אַרבעט, 5 אַרבייטן אויס בוי־מאַטעריאַלן, 5 קליידונג און שיך, 5 זיינען דרוקער־קאָאָפּעראַטיוון, 7 בעקערייען, 3 קיכן און די איבע־ריקע 13 אַרבייטן אויס פאַרשידענע אַנדערע פּראָדוקטן. אַלע קאָאָפּעראַ־טיוון האָבן אין 30־טן סעפּטעמבער 1942 געציילט 613 מיטגלידער און האָבן געהאַט 397 לוין־אַרבייטער. זייער גאַנצער אומזאַץ־קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן 123,928 פונט און זייער יערלעכער אומזאַץ האָט באַטראָפן 251,361 פונט.

צו אַ באַזונדער קאַטעגאָריע געהערן די טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען די דערפאָלגרייכסטע צווישן די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון. עס עקזיסטירן אַזעלכע 21 קאָאָפּעראַטיוון, פון וועלכע 7 זיינען פּאַסאַזשיר־קאָ־אָפּעראַטיוון מיט 911 מיטגלידער און 666 באַשעפטיקטע אַרבייטער. די משא קאָאָפּעראַטיוון ציילן 212 מיטגלידער און 60 לוין־אַרבעטער. די 21 טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון פאַרמאָגן אַ קאַפּיטאַל פון 548,374 פונט און זייער אומזאַץ באַטרעפט 905,185 פונט.

אין קעגנזאַץ צו די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות, זיינען די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון געבויט נאָר אויף קאָלעקטיווע אַרבייט און זיינען נישט פאַר־אינטערעסירט אין דער אָרגאַניזירונג פון זייער קאָנסומפּציע. זייערע מיט־גלידער וואוינען נישט אין קאָלעקטיווע דירות און עסן נישט אין קאָלעקטיווע קיכן; זייערע קינדער ווערן אויך נישט דערצויגן אין קאָלעקטיווע קינדער־הייזער. זיי לעבן וואו און ווי אַזוי זיי געפעלט. ווען זיי שליסן זיך אָן אין קאָאָפּעראַטיווע הייזער, אָדער קרעדיט־געזעלשאַפטן, טוען זיי עס אַלס יחידים, אָן יעדן צוואַנג פון פאַך־קאָאָפּעראַטיוו, צו וועלכן זיי געהערן. נאָך מער, די מיטגלידער פון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אין די שטעט באַקומען נישט קיין גלייכן חלק פון די פאַרדינסטן, ווי דאָס געשעט אין די קאָלעקטיווע קבוצות. די געהעלטער אין די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון זיינען פאַרשידנאַר־טיקע, אָפּהענגיק פון כאַראַקטער פון דער אַרבעט און פון די פאַך־קענטעניש. אָבער ס'איז דאָך דאָ אַ גלייכע באַטייליקונג אין די פאַרדינסטן, וואָס בלייבן נאָכן אויסצאָלן די געהעלטער און אָראָפּנעמען אַלע פּראָדוקציע־הוצאות. די

דאַזיקע רוחים ווערן געוויינלעך צוריקגעגעבן די קאָאָפּעראַטיוון און זיי דינען פאַר דער פאַרגרעסערונג און אויסברייטערונג פון דער אונטערנעמונג.

די אַנוועזנהייט פון לוין־אַרבייטער און לערן־אינגלעך אין די קאָאָפּע־ראַטיוון זעט אויס צו זיין אַן ערנסטע אָפּווייכונג פון די שטרענגע קאָאָפּע־ראַטיווע פּרינציפּן. אָבער די קאָאָפּעראַטיוון באַרעכטיקן זייער פּראַקטיק מיט פאַרשידענע מאָטיוון. זיי דערקלערן, אַז די לוין־אַרבייטער, וועמענס צאָל איז קלענער ווי דער פון די לערן־אינגלעך, אַרבייטן נאָר אַלס סעזאָן־אַרבייטער און כדי צו באַפרידיקן צייטווייליקע נויטן. די קאָאָפּעראַטיוון זיינען נישט געניגט צו נעמען די אחריות פאַר נייע מיטגלידער, סיידן זיי זיינען אַבסאָלוט זיכער, אַז זיי קענען ווערן באַזאָרגט מיט שטענדיקער אַרבייט. אויסער דעם, האַלטן ס׳רוב קאָאָפּעראַטיוון זיך באַרעכטיקט אויסצופּרובירן אין משך פון אַ פּאָר חדשים די פאַך־פעאיקייט און די סאָציאַלע צוגעפּאַסטקייט פון אַ נייעם קאַנדידאַט צום קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכן ער וויל זיך אָנשליסן. געוויינלעך, ווערט אַ לוין־אַרבעטער, וועמענס אַרבעט און פּערזענליכקייט האָבן זיך אַרויס־געוויזן צו זיין צופרידנשטעלנד פאַר די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו, אָנ־גענומען אַלס פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פאַרן סוף פון יאָר. דאָס אנגאַ־זשירן אין דער אַרבייט לערן־אינגלעך ווערט באַרעכטיקט דערמיט, אַז דאָס אנטזאָגן זיך זיי אָנצונעמען, וואָלט געשעדיקט די אויפבוי־אינטערעסן פון לאַנד, וואָס נויטיקט זיך אין דער גרעסט־מעגלעכסטער צאָל פון קוואַליפי־צירטע אַרבייטער.

טראָץ די אַלע דערקלערונגען, קריטיקירן פיל ארץ ישראלדיקע אַר־בייטער־פירער די באַשעפטיקונג פון לוין־אַרבייטער, וואָס זיי באַטראַכטן אַלס אַ צווישנשטופע פאַר דער שטופנווייזער טראַנספאָרמירונג פון די קאָאָפּע־ראַטיוון אין פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. זיי קוקן אויך מיט גרויס זאָרג אויף דער טענדענץ צו פאַרגרעסערן די אינוועסטירטע סומע פון נייע מיטגלידער אַלס פאַרבאַדינג פון זייער אָנשלוס אין קאָאָפּעראַטיוו. אין פיל פאַלן — ווי אין די טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון — דערגייט די אינוועס־טיציע סומע פון נייע מיטגלידער ביז 1000 פונט, ס׳רוב דערפון מוז אָבלי־גאַטאָריש זיין אין מזומן. פון אַ ריינעם געשעפטס־שטאַנדפונקט קען דאָס ווערן באַרעכטיקט, נעמענדיק אין אַכט, די באַדייטנדע קאַפּיטאַל־ווערטן, וואָס זיינען געוואָרן אקומולירט אין די קאָאָפּעראַטיוון אין רעזולטאַט פון דער אַרבייט פון די עלטערע מיטגלידער. די פאַרהעלטעניסמעסיק־הויכע לוינען און די זיכערקייט פון שטענדיקער באַשעפטיקונג, וואָס איז דערגרייכט גע־וואָרן דורך אַ צאָל קאָאָפּעראַטיוון, מוז אויך גענומען ווערן אין אַכט. דער ניי אַריינגענומענער מיטגליד פילט, אַז די דאָזיקע פאַרצוגן זיינען גענוג צו־ציענד, ס׳זאָל זיך לוינען אפילו צו מאַכן אַ געוויסע פינאַנסיעלע אָנשטרענגונג.

דאָך, טראָגט אין זיך די באַשעפטיקונג פון לוין־אַרבייטער אַ געוויסע געפאַר פאַר דער צוקונפט פון די אונטערנעמונגען אַלס קאָאָפּעראַטיוון. און פאַרשידענע רפואות, נישט אַלע פון זיי צו פּראַקטישע, ווערן פאָרגעלייגט דורך דערפינדערישע מוחות צו באַזייטיקן די דאָזיקע שאָטן־זייטן פון די קאָאָפּעראַטיוון.

פאַקטיש, וואַקסט לאַנגזאַם אָבער כסדר די צאָל פון לוין־אַרבייטער אין די פּראָדוציר און טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון, טראָץ אַלע וואָרנונגען פון די הסתדרות־פירער. אין 1935 האָט די צאָל מיטגלידער פון די קאָאָפּעראַטיוון באַטראָפן 1,105 און די צאָל פון לוין־אַרבעטער 370; אין 1940 איז די צאָל מיטגלידער אויסגעוואַקסן ביז 1,730 און די צאָל לוין־אַרבייטער ביז 1,108. רעכענענדיק אין פּראָצענטער, איז די צאָל מיטגלידער געוואַקסן מיט 57 פּראָצענט, און די צאָל לוין־אַרבייטער מיט 175 פּראָצענט.

אַלע טראַנספּאָרט קאָאָפּעראַטיוון זיינען פאַראייניגט אין אַ צענטראַלער געזעלשאַפט, וואָס קאָאָרדינירט די פּאַרקער־פּלענער, בויט גאַראַזשן פאַר די אויטאָס, האַלט אויס רעפּאַראַציע־וואַרשטאַטן און אָרגאַניזירט די באַשטעלונגען פון די נויטיקע מאַטעריאַלן; זי העלפט אויך בויען הייזער פאַר די מיטגלידער אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון יסוד. אין אַלגעמיין, צייכענען זיך אויס די טראַנספּאָרט קאָאָפּעראַטיוון מיט זייערע פּינקטלעכע רייזע־פּלענער און זיי באַמיען זיך, אויף וויפיל עס דערלויבן זיי די מיטלען, צו באַזאָרגן די א״י־דיקע באַפעלקערונג מיט באַקוועמע און שנעלע טראַנספּאָרט־פאַרבינדונגען.

דער פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַציע איז אויך געוואָרן אָנגעווענדט מיט באַדייטנדן דערפאָלג ביים אַריינפירן אידישע אַרבייטער אין די ארץ ישראלדיקע פּאָרטן. אין דאָזיקן נייעם פעלד האָבן די אידן באַפאַרצוגט צו אַרבייטן אַלס פעסט־צוזאַמענגעשלאָסענע גרופּן, טיילנדיק צווישן זיך די פאַרדינסטן אויף אַ גלייכן אופן.

קאָנטראַקט־קאָאָפּעראַטיוון; דורכפאַל און ווידעראויפלעבונג

איינער פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג זיינען די קאָנטראַקט־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס נעמען זיך אונטער פאַר אַ באַשטימטער סומע דורכצופירן אַ באַשטימטע גרויסע אַרבעט, למשל, אויפשטעלן אַ געביידע אָדער פלאַנצן און באַאַרבייטן אַ פּרדס.

אין די קאָנטראַקט קאָאָפּעראַטיוון האָבן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער דערגרייכט געוויסע קענטיקע דערפאָלגן, אָבער זיי האָבן אויך געליטן פיינלעכע דורכפאַלן און אַנטוישונגען. דער גרעסטער קלאַפּ איז געווען דער דורכפאַל אין 1927, פון „סולל בונה״, אַ קאָאָפּעראַטיוו וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין בויען הייזער און שאָסייען אויף אַ קאָנטראַקט־יסוד. דער

דורכפאַל האָט נעגאַטיוו באַאײַנפלוסט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון קאָ־אָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אין דער בוי־אינדוסטריע פאַר לאַנגע יאָרן. די סבות פון דורכפאַל פון „סולל בונה״ ליגן בעיקר אין דער צו ברייטער אַנט־וויקלונג פון קאָאָפּעראַטיוו און דאָס געבן לאַנג־טערמיניקע קרעדיטן צו בוי־אונטערנעמער. נאָך מער שעדליך איז געווען די טענדענץ צו באַטראַכטן זיך נישט נאָר אַלס אַ קאָנטראַקט אונטערנעמונג, נאָר אַלס אַ מין דעפּאַרט־מענט פון עפנטלעכע אַרבעטער, וואָס מוז אונטער אַלע אומשטענדן באַשעפ־טיקן נויטליידנדע אַרבעטער אין דער צייט פון אַרבייטסלאָזיקייט. דערצו האָט נאָך דער „סולל בונה״ אָנגעהויבן זײַן טעטיקייט אין אַ צייט, ווען ארץ־ישראל האָט געהאַט גאַנץ ווייניק ערפאַרענע בוי־פאַכלייט, און ער האָט פּאָק־טיש גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ שול פאַר נישט ערפאַרענע אַרבעטער. אַזאַ סאָרט ערציאונג קאָסט רבי־געלט, נישט דעם תלמיד, נאָר דעם לערער.

נאָך אַ פויזע פון עטלעכע יאָר, בעת וועלכער די קאָנטראַקט־אַרבעט פון דער הסתדרות איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ פאַרקלענערטן פאַרנעם דורך דריי לאָקאַלע קאָנטראַקט אָמטן (משרד קבלני), אין תל־אביב, חיפה און ירושלים, האָבן די אָריגינעלע גרינדער פון „סולל בונה״ באַשלאָסן אין 1934 צוריק אויפצולעבן די אַנשטאַלט אַלס אַ צענטראַלע קאָנטראַקט אַגענטור. די נייע אָרגאַניזאַציע האָט אײַנגעהאַלטן דעם אַלטן נאָמען, אַלס באַווײַז, אַז אַ צייטווײַליקער דורכפאַל קען נישט צווינגען די ארץ־ישראלדיקע קאָאָפּעראַ־טיווע באַוועגונג אָפּצוטרעטן פון אירע אָריגינעלע צילן. דאָס מאָל איז „סולל בונה״ געווען אַ פולשטענדיקער ערפאָלג, דער ווערט פון אירע דורכגעפירטע אַרבעטן איז כסדר געוואַקסן ביז ער האָט דערגרייכט אין 1940 די אַלגעמיינע סומע פון 1,750,000 פונט. „סולל בונה״ באַשעפטיקט דורכשניטלעך צווישן 7000 און 10,000 אַרבעטער, האַלטנדיק פיל פון זיי אויף שטענדיקע פּאָסטנס מיט רעגולערע חודשדיקע געהעלטער. די מלחמה האָט געבראַכט נייע פאַר־גרעסערטע מעגלעכקייטן פאַר „סולל בונה״, וואָס פירט דורך וויכטיקע אַר־בעטן אין שכנות׳דיקע לענדער אויסער ארץ־ישראל פאַר מיליטערישע צוועקן.

אין די לעצטע יאָרן, האָט „סולל בונה״ זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען אין אַן אַלץ וואַקסנדער מאָס מיט בויען און פאַרוואַלטן אינדוסטריע אונטערנעמונ־גען. דערמוטיקט פון דערפאָלג ביים פּראָדוצירן בוי־מאַטעריאַלן נאָכן דעראָ־בערן אייגענע שטיין־ברעכערייען, האָט „סולל בונה״ שפּעטער איבערגענומען די מעטאַל־גיסערײַ פון „וואולקאַן״, וואָס האָט פּראָדוצירט וואַנעס, וואַסער־און גאַז־רערן און ענלעכע אַרטיקלען, און דאַן האָט זי אָפּגעקויפט די פאַבריק „פעניציע״, וואָס האָט אויסגעאַרבעט פענצטער־גלאָז. די בײַדע פאַבריקן באַ־שעפטיקן בײַ 600 אַרבעטער. דער הויפּט־טייל פון די פּראָדוקטן פון בײַדע פאַבריקן ווערט באַנוצט דורך „סולל בונה״ אין אירע אייגענע הייזער־פּראָ־יעקטן, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ געזונטע עקאָנאָמישע פאַרבינדונג מיט אירע אַנדערע אַקטיוויטעטן.

צוזאַמען מיט די אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות האָט זיך „סולל בונה" באַטייליקט אין אויפשטעלן אַ צוקער פאַבריק אין עמק יזרעאל, ווי אויך אַ פאַבריק פאַר פּראָדוצירן פּרוכט־זאַפטן און ווערטפולע אוילן. דער פאַקט, וואָס דער „סולל בונה" האָט אַזוי ווייט זיך אינטערעסירט אין אַנדערע אַקטיוויטעטן, וואָס זיינען מחוץ דעם נאָרמאַלן טעטיקייטס־קרייז פון דער געזעלשאַפט, האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן זכוח אין די קרייזן פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָאָפּעראַציע.

די טרויעריקע דערפאַרונג פון „סולל בונה" איז געווען אַ נוצלעכע לעק־ציע פאַר די ארץ־ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיוון. איצט, פירן די קאָנטראַקט־קאָאָפּעראַטיוון דורך זייער אַרבעט נאָר אויפן יסוד פון מזומן־צאָלונגען, אָדער לכל הפחות, אַ באַגרענעצטן און אַבסאָלוט־געזיכערטן קרעדיט. זיי פּרובירן נישט מער זיך אונטערצונעמען אַלע אַרבעטן אונטער אַלע באַדינגונגען. זיי באַגרענעצן זייערע אַקטיוויטעטן נאָר צו אַרבעטן, וואָס ברענגען אַ רוח און זיי מיידן אויס אַן אומפאַסיקע קאָנקורענץ מיט פּריוואַטע אונטערנעמער. פּאַקטיש, פאַרלאַנגען די גרעסערע ארץ־ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיוון העכערע פּרייזן פאַר זייערע פּראָיעקטירטע בוי־אַרבעטן ווי זייערע פּריוואַטע קאָנקו־רענטן. זיי טענהן, אַז זיי קאָמפּענסירן פאַר זייערע העכערע פּרייזן מיט בעסער אויסגעפירטע אַרבעט.

אַ וויכטיקער קאָאָפּעראַטיוו אין דער ארץ־ישראלדיקער קאָנטראַקט קאָאָפּעראַציע איז „יכין", די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיווע קאָנטראַקט געזעלשאַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין 1927. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פלאַנצן אָראַנזשען־ביימער, פאַר אייגנטימער, וואָס וואוינען מחוץ ארץ־ישראל. אין 1936, האָט דער שטח פון ציטרוס־פלאַנצונגען פון „יכין" באַטראָפן 6,400 דונאַם, און דער ווערט פון דער דורכגעפירטער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט האָט באַטראָפן 120,000 פונט. שפּעטער איז אָבער אָנגעקומען דער קריזיס אין דער ארץ־ישראלדיקער ציטרוס אינדוסטריע, און „יכין" באַשעפטיקט איצט נאָר ביי 800 אַרבעטער.

אויסער דער טעטיקייט פון פלאַנצן און אַכטונג געבן אויף ציטרוס־פלאַנצונגען, פאַרקויפט אויך „יכין" דורך איר טאָכטער־געזעלשאַפט „יכין־אקספּורט", ציטרוס־פּרוכט אין אויסלאַנד, באַזונדערס פון די ביימער, וועלכע געפינען זיך אונטער איר אויפזיכט. אַ צווייטע טאָכטער־געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן אין 1941, צו קאָנסערווירן פּרוכטן און ירקות און צוגרייטן איינגעמאַכטס און קאָנסערוון.

פון קאָאָפּעראַטיוון צו קאָלעקטיווער עקאָנאָמיע

הגם אָנגעגעבן אַלס קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, שטעלן „סולל בונה" „יכין" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס נישט פאָר מיט זיך קיין קאָפּעראַטיוון אין אָריגינעלן זין פון דעם וואָרט, ווייל זיי זיינען נישט דאָס אייגנטום און ווערן נישט פאַרוואַלטעט דורך זייערע מיטגלידער. ס'איז אמת, אַז די אַרבעטער פון „סולל בונה" קענען טענהן, אַז זיי זיינען יאָ די אייגנטימער פון דער געזעלשאַפט, אָבער דאָס קענען זיי טאָן נאָר אַלס מיטגלידער פון דער הסתדרות, דער אַלגעמיין־אידישער אַרבעטער פעדעראַציע, וואָס איז דער אייגנטלעכער אייגנטימער פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס דאָזיקע קאָלעקטיווע אייגנטום־רעכט, ווערט אָבער געטיילט דורך אַלע מיטגלידער פון דער הסתדרות, אַלץ איינס צי זיי זיינען לערער, דענטיסטן אָדער אַרבעטער. די אַרבעטער פון „סולל בונה" האָבן נישט קיין דירעקטע, פעסט־באַשטימטע אינטערעסן אין זייער אָרגאַניזאַציע, און זיי קענען ווערן באַשעפטיקט און אָפּגעזאָגט ווי אין יעדער פּריוואַטער אונטערנעמונג.

די באַציאונג צווישן די אַרבעטער און דער לייטונג אין די הסתדרות־קאָאָפּעראַטיוון האָט אין זיך אַן עלעמענט פון חבר'שאַפט, וואָס איז נישט בנמצא אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אָבער רעדנדיק אין פאָרמעלע טערמינען, האָט נישט דער אַרבעטער אין די הסתדרות־קאָאָפּעראַטיוון קיין באַזונדערע רעכט. זיין שוץ איז נישט גרעסער ווי די וואָס עס באַקומען אַלע מיטגלידער פון דער טרעד־יוניאָן פון זיין פאַך.

די אַלגעמיינע מיינונג אין ארץ ישראל איז, אַז די דאָזיקע קאָלעקטיווע קאָאָפּעראַטיוון וואָס געהערן צום גאַנצן אַרבעטער כלל, שטעלן מיט זיך פאָר אַ העכערע פאָרם פון קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע. אַ קאָאָפּעראַטיוו וואָס געהערט נישט בלויז צו זיינע מיטגלידער, נאָר צום גאַנצן אַרבייטער־כלל, קען געניסן פון גרעסערער עקאָנאָמישער סטאַביליטעט און סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, לויט דער מיינונג פון די פירער פון דער הסתדרות. אַזוי, למשל, וואָלט „סולל בונה" געווען דאָס אויסשליסלעכע אייגנטום פון זיינע מיטגלידער, וואָלט מען דאַן פּרובירט צו פאַרטיילן זיינע באַדייטנדע רעזערוון צווישן די מיטגלידער, לאָזנדיק דער געזעלשאַפט הילפלאָז אין יאָרן פון עקאָנאָמישן אומגליק. אָבער, ביי דעם איצטיקן געבוי פון דער קאָאָפּעראַציע, קענען ווערן פאַרקוקט אינדיווידועלע אינטערעסן פון פאַרהעלטעניסמעסיק קליינע גרופּן און מען קען שטעלן אין צענטער די ברייטערע אינטערעסן פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־כלל דורך פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס און אַריינדרינגען אין אַלץ נייערע צווייגן, וואָס פּראָדוצירן בוי־מאַטעריאַלן, וואָס איז אַ נויטווענדיקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון „סולל בונה".

לויט דער דאָזיקער מיינונג, איז דער ענדגילטיקער ציל פון אַ קאָ־אָפּעראַטיוו נישט באַגרענעצטע מיטגלידערשאַפט דורך פאַרהעלטעניסמעסיק קליינע גרופן נאָר דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום דורכן גאַנצן אַרבעטער־כלל פון לאַנד. אַזוי, אַז ווען די הסתדרות זאָל פאַרמאָגן די נויטיקע פאָנדן, וואָלט זי באַדאַרפט אָפּקויפן דאָס גאַנצע אַקציע־קאַפּיטאַל, וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן אין די אַלע הסתדרות־קאָאָפּעראַטיוון און אַזוי אַרום ווערן זייער אויס־שליסלעכער בעל־הבית.

באַאיינפלוסט דורכן דאָזיקן שטאַנדפּונקט, האָט זיך אַנטוויקלט אַ טענ־דענץ צו שאַפן קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ ברייטערן אויסבליק ווי ביז איצט. אַ פאָרם פון דאָזיקן נייעם טיפּ קאָאָפּעראַטיוו איז דער, וואָס איז אָרגאַניזירט אין די קבוצות אַלס אינטעגראַלער טייל פון זייער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע. אַ וואַקסנדע צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען אַנטשטאַנען אויף דעם באַזיס אַלס טייל פון די קבוצות. איינער פון די וויכטיקסטע טרייב־כחות פון זייער אַנטשטייאונג איז דער פאַקט, אַז די דאָרפישע אינדוסטריען העלפן פאַרלייכטערן דעם מאַנגעל אין אַרבעטער בעת דעם הויך־סעזאָן אין דאָרף. די קבוצות שאַפן געוויינלעך אַזעלכע אינדוסטריע־פאַבריקן, וואָס מען קען באַדינען מיט אַ מינימום אַרבעטער אין דער צייט פון סעזאָן אויף די פעלדער און ס׳זענען דאָרט נויטיק וואָס מער אַרבעטס־הענט. נאָך אַ מעלה האָבן די פאַבריקן וואָס זיי פאַרשטאַרקן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די קבוצות.

אַלס אַ ווייטערדיקער שריט אין דער אויבן אָנגעצייכנטער אַנטוויק־לונג דאַרף מען באַטראַכטן די שאַפונג פון פאַבריקן דורך די לאַנד־פאַרבאַנדן פון די קבוצות, אנשטאט דורך די לאָקאַלע קבוצות. די גרעסטע און אַמבי־ציעזסטע אָנשטרענגונג האָט געמאַכט אויף דעם געביט דער „קבוץ־ארצי״, דער קבוצים־פאַרבאַנד פון „השומר הצעיר״, איינע פון די גרופן וואָס געהערן צו דער הסתדרות. דער קבוץ־ארצי באַנוצט זיך מיט פאָנדן פון זיינע קבוצות און שטאַטישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן, און איז אַריינ־געדרונגען אין דער אינדוסטריע אין אַ ברייטן פאַרנעם. אין אַ צאָל פאַלן האָט ער געשלאָסן אַ שותפות מיט פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ נייעם, ביז דאַן אומבאַקאַנט געוועזענעם טיפּ פון אינדוסטריע־אונ־טערנעמונגען. אַ טיפּישערביישפּיל פון אַזאַ אונטערנעמונג איז „נעמן״, אַ פאַבריק, וואָס פּראָדוצירט ליים־ציגל. איבער 70,000 פונט איז געוואָרן אינ־וועסטירט אין דער פאַבריק, אַ גרויסער טייל דורך פּריוואַטן קאַפּיטאַל. ס׳רוב פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן אין די דאָזיקע פאַבריקן זיינען אינדוסטריע־ספּע־ציאַליסטן פון דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע; זיי דינען אַלס פאַרוואַל־טער און טעכנישע ראַטגעבער אין די פאַבריקן און זיי באַטראַכטן זייער אינ־וועסטירטן קאַפּיטאַל אַלס אַ צוגאַב־קוואַל פון באַשיידענער הכנסה.

די פירער פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג ווייזן אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכע צופּאַסונס־פעאיקייט צו נייע באַדינגונגען און אַ גרייטקייט צו עקספּערימענטירן מיט נייע פאָרמען פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, ווי ס׳ווערט קלאָר פון די נייעסטע אַנטוויקלונגען, וואָס מיר האָבן פריער געשילדערט. די דאָזיקע גרייטקייט אַראָפּצוגיין פון באַקאַנטן אויסגעטראָטענעם וועג, איז איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע און באַדייטונגספולסטע כאַראַקטער־שטריכן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין ארץ־ישראל.

נאָך אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע אין דער ראַם פון דער הסתדרות, דער קבוץ המאוחד, וואָס רעפּרעזענטירט גרופּן, וואָס געהערן צו דער ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטער פּאַרטיי (מפא״י), הויבט אויך אָן אָרגאַניזירן אינדוסטריע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצים. די דאָזיקע פאַבריקן זיינען אַנגעשלאָסן אין די קבוצים און שטעלן נישט פאָר מיט זיך קיין סעפּאַראַטע איינהייטן אין די שטעט, ווי ס׳איז דער פאַל מיט אַ צאָל פאַבריקן פון „קבוץ ארצי״.

באַוואָסערונג־קאָאָפּעראַטיוון

אַן אַנדער וויכטיקער מין פון קאָאָפּעראַציע זיינען די באַוואָסערונגס־געזעלשאַפטן, וואָס מאַכן לעצטנס דורך אַ באַזונדערס שנעלע אַנטוויקלונג. גראָבן און אינסטאַלירן אַ מאָדערנעם ברונעם מיט מעכאַנישער קראַפט קאָסט, אָפּהענגיק פון לאָקאַלע באַדינגונגען, פון פינף ביז צען טויזנט דאָלאַר און מען דאַרף האָבן קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַר אויסגראָבן און אכטונג געבן אויף די ברונעמער. דאָס איז אַ צו גרויסע אויסגאַבע פאַר אַן איינצלנעם ציטרוס־פלאַנצער. דער דורכשניטלעכער פּרדס אין ארץ ישראל איז פון פינף ביז זעקס אַקער און ער באַנוצט נאָר פון 10 ביז 15 פּראָצענט פון וואסער וואָס דער ברונעם שטעלט צו. נעמען זיך דערפאַר צונויף עטלעכע אַזעלכע אייגנ־טימער און זיי בויען צוזאַמען אַ געמיינזאַמען ברונעם אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

נישט זעלטן טרעפט זיך, אַז אַזאַ וואַסער־קאָאָפּעראַטיוו נעמט אַרום נישט איין ברונעם נאָר עטלעכע. דאָס פאַרזיכערט די פלאַנצערס מיט אַ מער רעגלמעסיקער ליפערונג פון וואסער. אויב צוליב אומערוואַרטעטע ענדע־רונגען אונטער דעם באָדן, זאָל איין ברונעם אָנהויבן פלוצים געבן ווייניקער וואַסער, איז וואַרשיינלעך, אַז די שכנות׳דיקע ברונעמער וועלן גראָד צוליב דער זעלבער סיבה אָנהויבן געבן מער וואַסער. אַזוי אַרום ווערן די פלאַנצערס פאַרזיכערט מיט אַ מער רעגלמעסיקער צושטעלונג פון וואַסער.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין וואַסער־קאָ־

אָפּעראַטיוון, וואָס באַדינען אַ צאָל דערפער און קבוצות און באַזאָרגן מיט וואסער אַ פאַרהעלטעניסמעסיק גרויסן שטח. „מקורות" איז אַ טיפּישער ביי־שפּיל פון אַזאַ סאָרט באַוואַסערונגס־קאָאָפּעראַטיוו. „מקורות" איז אַנטשטאַ־נען אין 1935 אַלס געזעלשאַפט צו באַזאָרגן מיט וואסער דעם מערב־טייל פון עמק יזרעאל, מיט אַ קאַפּיטאַל פון 30,000 פונט, הויפּטזעכלעך געשאַפן דורכן קרן־קימת און „ניר". דער קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט איז אין 1942 געוואַקסן ביז 60,000 פונט און דער באַטרעף פון זיינע אינוועסטיציעס אין וואסער־אינסטאַלאַציעס איז געווען 120,000 פונט. 5 מיליאָן קוביק מעטער וואסער איז געוואָרן פאַרקויפט אין 1942, אין פאַרגלייך מיט 1 מיליאָן קוביק מעטער אין 1941. סוף 1940 האָבן עקזיסטירט אין לאַנד 65 באַוואַ־סערונגס קאָאָפּעראַטיוון, אַלע אידישע.

קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־פאַרזיכערונג

און אַנדער פעלד, אין וועלכן ס'איז אַריין די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין ארץ־ישראל, איז לעבנס־פאַרזיכערונג. מיט דער אַקטיווער הילף פון דער הסתדרות איז אין 1924 געגרינדעט געוואָרן דער לעבנס־פאַרזיכע־רונגס־קאָאָפּעראַטיוו „הסנה". אַ באַדייטנדער טייל פון זיין גרונד קאַפּיטאַל איז געגעבן געוואָרן פון די מיטגלידער פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע.

הגם די אויסזיכטן פון „הסנה" זיינען נאַטירלעך באַשרענקט צוליב דעם פאַקט, וואָס די אַרבעטער אין אַ ניי און בערך אָרעמען לאַנד ווי ארץ־ישראל, זיינען נישט אימשטאַנד אָוועקצולייגן באַדייטנדע אָפּשפּאָרונגען פאַר אַ ווייטער צוקונפט, האָבן דאָך די פירער פון „הסנה" באַוויזן אָוועקצושטעלן זייער אָרגאַניזאַציע אויף אַ געזונטן יסוד, אויסטרעטנדיק אַ וועג פאַר איר ווייטערדיקער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט. סוף 1941 האָט „הסנה" געציילט 6,975 מיטגלידער מיט דער אַלגעמיינער פאַרזיכערונגס־סומע פון 1,141,880 פונט, אין פאַרגלייך מיט 2,472 מיטגלידער און 384,600 פונט פאַרזיכערונגען צום סוף 1935. איינע פון די סיבות פון דער גרינדונג פון „הסנה" איז געווען דער וואונטש איינצוהאַלטן אין לאַנד אַ טייל פון קאַפּיטאַל, וואָס גייט פון דאָרט אָוועק צו אויסלענדישע פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן. דער קאַפּיטאַל פון „הסנה" ווערט מערסטנס אינוועסטירט אין ערשטע היפּאָ־טעקן אין ארץ־ישראל.

„הסנה" איז נישט די איינציקע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, וואָס אָפּערירט טיילווייז מיט געלט פון אויסלאַנד. עס זיינען דאָ עטלעכע אַנדערע ביישפּילן, וואו אידישע אַרבעטער פון חוץ־לארץ האָבן זיך

באַטייליקט פינאַנציעל אין אויפבוי פון ארץ־ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס.

די דאָזיקע טענדענץ ווערט שאַרף קריטיקירט מצד געוויסע אָבסער־וואַטאָרן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, וואָס האַלטן זיך ביים אָרטאָדאָק־סישן גלויבן, אַז יעדער קאָאָפּעראַטיוו מוז זיך אינגאַנצן שטיצן אויף די פּי־נאַנציעלע קוועלן פון זיינע מיטגלידער.

די דאָזיקע קריטיק איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז יעדער אידישער קאָ־אָפּעראַטיוו אין ארץ־ישראל דאַרף ווערן באַטראַכט נישט נאָר אַלס אַ נייע און בעסערע פאָרם פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אַלס אַן אינ־סטרומענט פאַרן אויפבוי פון לאַנד. די פירער פון די ארץ־ישראלדיקע קאָ־אָפּעראַטיוון גלויבן אויפריכטיק, אַז אַ באַדייטנדער טייל פון זייערע אידישע אַקציאָנערן אויסער ארץ ישראל, זיינען מחויב — פריער צי שפּעטער — צו קומען אין אידישן היימלאַנד. צוליב דעם זעען זיי נישט קיין אומגליק דערין, וואָס אידישע אַרבעטער אין חוץ לארץ אינוועסטירן געלטער אין אַק־ציעס פון „הסנה", „נחשון", „ניר", אַרבעטער־באַנק און ענלעכע קאָאָפּעראַ־טיווע אינסטיטוציעס.

די מורא פאַר אויסערלעכער פינאַנציעלער באַטייליקונג איז געוויינ־ליך געשטיצט אויף דער השערה, אַז אַזאַ באַטייליקונג קומט פון קאַפּיטאַ־ליסטישע אינטערעסן, וואָס קענען פריער־שפּעטער אַריינבאַקומען אין זייערע הענט די קאָנטראָל איבער די קאָאָפּעראַטיוון און מעגליך ענדערן זייער פריי־ערדיקן סאָציאַלן כאַראַקטער. די דאָזיקע מורא איז אַבסאָלוט גרונדלאָז ווען עס האַנדלט זיך וועגן די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל. זייערע אויסלענדישע אַקציע־אייגנטימער זיינען נישט קיין באַנקירן אָדער קאַפּיטאַליסטן, נאָר אַרבעטער און, אין אַקלענערער מאָס, קליינע ביזנעס־לייט און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס. זייער אינדיווידועלער אינוועסט־מענט איז צו אומבאַדייטנד מ'זאָל מורא האָבן פאַר אַ פּרואוו פון זייער זייט איבערצונעמען די קאָנטראָל פון די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס ווערן דורך זיי גע־שטיצט. אויסער דעם, ווערן די וויכטיקסטע קאָאָפּעראַטיוון אין ארץ־ישראל געשיצט פון אַזאַ עווענטועלן פאַרזוך דורך פאַרשריפטן אין זייערע סטאַטוטן, וואָס זיכערן אַז אַ באַדייטנדער טייל פון זייערע קאָנטראָל־אַקציעס זאָל זיך שטענדיק געפינען אין די הענט פון דער הסתדרות.

עס עקזיסטירן אויך צוויי פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן, איינע אין יהודה, און די צווייטע אין גליל.ביידע עקזיסטירן שוין אַ היבש ביסל יאָרן, און זיי פירן זייערע געשעפטן אויף אַ זייער פעסטן און קאָנסערוואַטיוון יסוד.

קרעדיט־פאַראייגען

זייער ערפאָלגרייך זיינען די רעזולטאַטן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אויפן געביט פון קרעדיט. די אַרבעטער־באַנק אין תל־אביב און אַ גרויסע נעץ פון ליי־און שפּאַר־קאַסעס אין גאַנצן לאַנד, שפּילן אַ גאַנץ היבשע ראָל אין ארץ־ישראלדיקן עקאָנאָמישן לעבן.

דער פינאַנציעלער אויפשטייג פון די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון שפּיגלט זיך אָפּ אין וואוקס פון זייערע דעפּאָזיטן און אָפּשפּאָרונגען. סוף 1941 האָבן עקזיסטירט 225 קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, דערפון 174 אין די דערפער. זיי האָבן צוזאַמען געציילט 86,973 מיטגלידער און 699,521 פונט אין אייגענעם קאַפּיטאַל, פון וואָס 247,266 פונט איז געווען אַקציע־קאַפּיטאַל. אויסער דעם האָבן זיי אָפּערירט מיט געבאָרגטע געלטער אויף אַ סכום פון 1,827,639 פונט, דאַרונטער 1,218,952 פונט פון די אַריינגעטראָגענע דעפּאָזיטן. זיי האָבן דורכגעהאַלטן זיגרייך די שווערע יאָרן פון די אַראַבישע אומרוען און די מלחמה פּאַניק פון די יאָרן 1939־1940.

אַן אומגעוויינלעכער טיפּ פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון זיינען די ליי־קאַסעס פון דער הסתדרות. אין יוני, 1942, האָבן עקזיסטירט אַזעלכע 20 קאַסעס, פון וועלכע 17 האָבן זיך געפינען אין די קאָלאָניעס. זייער אייגענער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן 58,024 פונט, זייערע רעזערוון 139,418 פונט און זייער צאָל מיטגלידער 26,801. די ליי־קאַסעס שטייען אונטער דער אויפזיכט פון דער אַרבעטער־באַנק פון וועלכער זיי באַקומען ראַט און הילף.

די אַרבעטער ליי־קאַסעס מאַכן נאָר קליינע פּערזענלעכע הלוואות, וואָס ווערן געוויינלעך געגעבן אויף פּראַקטישע צוועקן און אויף לאַנגע מאָנאַטלעכע אויסצאָלונגען — ביז 5 יאָר.

הייזער־בויענדע פאַראייגען

קיין באַשרייבונג פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג טאָר נישט פאַרפעלן די הייזער־בויענדע פאַראייגען, וועמענס צוועק איז צו העלפן זייערע מיטגלידער, ס׳רוב אַרבעטער, בעל־מלאכות און קליינע געשעפטסלייט, צוצוקומען צו אַן אייגענער היים. דאָס רוב פון די דאָזיקע פאַראייגען ווערן אָנגעפירט פון דער הסתדרות, וואָס האָט פאַרן דאָזיקן צוועק געשאַפן אין 1929 אַ ספּעציעלע „ביוראָ פאַר שטאָטישע אַרבעטער־זידלונגען״.

סוף 1941, האָבן די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון געהאַט אויפגעבויט 3,125 דירות פאַר זייערע מיטגלידער און אַחוץ דעם געזיכערט באָדן־שטחים און באַזאָרגט מיט דירות נאָך 8,500 מיטגלידער, טייל אין פאַמיליע־הייזער, די איבעריקע אין קאָאָפּעראַטיווע וואוין־הייזער. די פירער פון דער קאָאָפּעראַטי־

ווער באַוועגונג באַפאַרצוגן דעם לעצטן טיפּ פון הייזער, וואָס איז, ווי זיי גלויבן, ווייניקער באַדראָט צו דעגנערירן אין מעגלעכע הייזער־שפּעקולאַציעס, ווי ס׳איז דער פאַל מיט די איין־פאַמיליע־הייזער, אויף וועלכע דער אייגנטימער האָט אומבאַגרענעצטע אייגנטום־רעכט.

די פאָלגנדע ציפערן ווייזן אָן ווי עס זיינען איינגעטיילט די קאָאָפּע־ראַטיווע אַרבעטער הייזער אין די באַזונדערע שטעט:

סך־הכל	פּלעצער אין רעזערוו	פּאַרטיילטע פּלעצער	געבויטע דירות	שטאָט
5,176	1,300	2,426	1,450	תל־אביב
5,005	2,500	1,005	1,500	חיפה
610	300	135	175	ירושלים
10,791	4,100	3,566	3,125	סך־הכל

דער גאַנצער קאַפּיטאַל, וואָס איז געוואָרן אינוועסטירט אין די הייזער אין די אַרבעטער־פּאַרשטעט, איז אין דעצעמבער 1941 אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף 1,400,000 פונט. ביי 52 פּראָצענט פון דער דאָזיקער סומע זיינען קאַ־פּיטאַלן, אינוועסטירט פון אַרבעטער אַליין און דאָס איבעריקע זיינען הלוואות, געזיכערט דורך היפּאָטעקן. דער גרעסטער טייל פון די הלוואות איז גענומען געוואָרן אין ארץ־ישראלדיקע היפּאָטעקן־בענק און אין ענגלישע פאַרזיכע־רונגס־געזעלשאַפטן. דער פּראָצענט וואָס עס צאָלן די קאָאָפּעראַטיוון פאַר די גענומענע הלוואות איז קלענער ווי דער וואָס עס צאָלן פּריוואַטע הייזער־בויער, ווייל די קרעדיט אינסטיטוציעס באַטראַכטן די דאָזיקע הלוואות פאַר ווייניקער ריזיקאַליש.

ס׳איז אויך דאָ אַ צאָל הייזער־בוי קאָאָפּעראַטיוון, וואָס עקזיסטירן אויסערהאַלב דער הסתדרות. אויסער דעם, ווערן געבויט אין אַ קלענערן מאַסשטאַב קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין אַ צאָל גרעסערע קאָלאָניעס, באַזונדערס אין דער אראַנזשען־זאָנע, וואו די אַרבעטער האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָוועקצולייגן געוויגנדע אָפּשפּאָרונגען פאַר דעם צוועק. דער צענטראַלער אָפיס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער הסתדרות, באַגרענעצט זיין טעטיקייט נאָר צו די שטעט. דאָך, איז ביזן קריגס־אויסברוך אָנגעגאַנגען אַ גרויסע טע־טיקייט פון קאָאָפּעראַטיוון הייזער־בוי אין די קאָלאָניעס, אונטער דער ליי־טונג פון דער הסתדרות און ביי דער טיילווייזער אונטערשטיצונג פון עפנט־לעכע פאָנדן.

דער אמתער כוח פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָאָפּעראַציע איז גע־וואָרן איבערצייגנד דעמאָנסטרירט, ווען זייערע צאָלונגען זיינען אָנגעגאַנגען

אומאונטערבראָכן בעת די אַראַבישע אומרועז און די דאָן פאָלגנדע דעפּרעסיע. דער דאָזיקער פייגער רעקאָרד האָט אויך אָנגעהאַלטן שפּעטער אין קריטישסטן פעריאָד פון קריג. דאָס ווערט אילוסטרירט דורך דער פאָלגנדער טאַבעלע.

יאָר	טעטיקע קאָאָפּ.	דערפון האָבן באַריכטעט	צאָל מיטגלידער	אייגענער קאַפּיטאַל אין פונטן	הלואה־פאָנדן אין פונטן
1935	729	422	185,588	2,049,444	7,474,055
1936	830	592	215,107	2,553,429	8,619,336
1937	984	707	241,668	3,207,999	9,981,345
1938	993	879	274,897	3,514,539	9,946,266
1939	1,028	941	287,851	3,383,433	8,930,306
1940	1,097	996	303,175	3,788,741	8,663,283

קאָאָפּעראַציע צווישן אַראַבער

פאַקטיש זיינען אַלע קאָאָפּעראַטיוון אין ארץ ישראל אידישע; עס עקזיסטירט נאָך נישט צווישן די אַראַבער קיין באַדייטנדע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. די רעגירונג האָט די לעצטע צייט געמאַכט באַדייטנדע אָנשטרענגונגען צו שאַפן אַ געוויסן סאָרט קרעדיט־פאַראייניגן אין די אַראַבישע דערפער און זיך דערקלערט גרייט אונטערצושטיצן די אַראַבישע קאָאָפּעראַטיוון מיט באַדייטנדע סומען און סובסידיעס.

עס וואָלט נאָך געווען פריצייטיק צו מאַכן אַן ענדגילטיקע פעסטשטעלונג וועגן זייער ערפאָלג אָדער דורכפאַל. עס זעט אָבער אויס, אַז די פּרואוון פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן די אַראַבער, טרעפן אָן אויף די גרעסטע שוועריקייטן. דער אַראַבישער פויער האָט נישט קיין צו גרויסן צוטרוי צו דער ערלעכקייט פון זיינע אייגענע לאַנדסלייט — פויערים. ער פלעגט זיך שטענדיק נאָך מער היטן צו געטרויען זיין געלט די אָרטיקע לערער אָדער גייסטליכע אַלס די איינציקע אין דאָרף, וואָס קענען שרייבן און רעכענען, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין די לאָגישע לידערס פון די דאָרפישע קאָאָפּעראַטיוון. זיין פריערדיקע ערפאַרונג מיט די דאָזיקע לייט גיט אים ניט צו קיין שטאַרקן חשק, ער זאָל זיי שענקען זיין צוטרוי. דער אַראַבישער פויער ווערט גלייכער האַלטן זיינע אָפּשפּאָרונגען פאַרשטעקט ערגעץ וואו אין אַ קרוג אין אַ ווייטן ווינקל פון זיין סאָד. עס דאַרפן פאַרגיין יאָרן פון ערציאונג און פּראָפּאַגאַנדע, ביז דער אַראַבישער פויער וועט ווערן געניינט זיך אָנצושליסן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און טרויען אים זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע אָפּשפּאָרונגען.

הגם די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַראַבער האָט זיך באַדייטנד פאַרבעסערט אין די לעצטע עטלעכע יאָר אין רעזולטאַט פון די הויכע פּרייזן,

וואָס זיי קריגן פאַר זייערע פּראָדוקטן, איז נישטאָ קיין ספק, אַז אַ קאָאָפּעראַ־טיווע אָרגאַניזאַציע וואָלט נאָך מער פאַרגרעסערט די רוחים פון אַראַבישן פּויער. מען דאַרף האָפן, אַז די צייט וועט ביסלעכווייז גובר זיין אַלע שוועריקייטן, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג טרעפט אָן צווישן די אַראַבער. דאָס פעלד פון עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע וואָלט דאַן געווען אַ וויכטיקער נייטראַלער שטח, אויף וועלכן ס׳וואָלט זיך שפּעטער אויך אַנטוויקלט אַ פּאָליטישע קאָאָפּעראַציע צווישן די ביידע הויפּט־פעלקער פון ארץ־ישראל — אידן און אַראַבער.

קאַפּיטל צען

די קאָלעקטיוועווירטשאַפטן

קיין אידישע דערגרייכונג אין ארץ־ישראל האָט נישט אַרויסגערופן אַזאַ געשפּאַנטן אינטערעס צווישן די עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן אין אַנ־דערע לענדער, ווי די דאָרטיקע „קבוצות״, וואָס ווערן אָפט באַטראַכט אַלס סאָציאַליסטישע אָאַזיסן אין מיטן פון אַרומרינגלענדן קאַפּיטאַליסטישן מדבר.

דער אַלגעמיינער אינטערעס, וואָס די דאָזיקע קבוצות האָבן אַרויס־גערופן איז געוואָרן נאָך פאַרשטאַרקט, ווען מען פלעגט זיי אָפט פאַרגלייכן מיט די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען צו סאָציאַליזירן די לאַנדווירטשאַפט אין איינער פון די גרעסטע לענדער אין דער וועלט — אין ראַטן־רוסלאַנד. ס'איז אָבער דאָ אַ דראַסטישער אונטערשיד צווישן די קבוצות אין ארץ ישראל און דעם „קאָלכאָז״ אין רוסלאַנד, אַן אונטערשיד, וואָס ווערט לייכט דער־קלערט מיט זייער באַזונדערער אָפּשטאַמונג און צילן. בעת דער קאָלכאָז איז געשאַפן געוואָרן אַלס אינסטרומענט פון אַ באַשטימטער רעגירונגס פּאָליטיק און איז אַנטשטאַנען דורך אַ שטאַרקער אַנווענדונג פון מלוכה־געוואַלד, איז די קבוצה אַ רעזולטאַט פון פרייוויליקע אָנשטרענגונגען פון יחידים, וואָס זיינען נישט געצוואונגען געוואָרן אויסצוקלייבן דווקא די דאָזיקע פאָרם פון קאָלאָניזאַציע. בעת די עיקר־באַרעכטיקונג פון קאָלכאָז איז רוסלאַנדס ווילן צוצואיילן די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, איז די שאַפונג פון דער קבוצה בעיקר געוואָרן מאָטיווירט פון נאַציאָנאַל'ע צילן און אידעאַלן. די ענטוזיאַסטן פון דער קבוצה, און די שעפער פון קאָלכאָז, האָבן זיך באַטראַכט אַלס די גרינדער פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג. אָבער זיי האָבן געלייגט מער געוויכט אויף די נאַציאָנאַלע מאָטיוון — די נויטיקייט צו לייזן די פראַגע פון אידישער אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט און געפינען אַ פּראַקטישע פאָרם פאַר נייע זידלונגען אין ווילדע און געפערלעכע געגנטן פון לאַנד.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, זיינען די קבוצות, נישט קוקנדיק אויף זייער סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, געשטיצט געוואָרן אויך פון נישט־סאָציאַליסטישע טיילן אין דער ציוניסטישער באַ־וועגונג. די מערהייט פון די דעלעגאַטן צו די פאַרשידענע ציוניסטישע קאָנ־גרעסן, האָבן זייענדיק ווייט פון צו זיין סאָציאַליסטן, פאַרשטאַנען אַז ביי די

ערשטע עטאַפּן פון דער קאָלאָניזאַציע, ווערט דורך קאָלעקטיווע אָנשטרענ־גונגען פון אַ גרופּע דערגרייכט גרעסערע רעזולטאַטן ווי דאָס וואָס קען דער־גרייכט ווערן דורך צעשפּליטערטע פּרואוון פון אינדיווידועלע פּאַרמער. זיי זיינען, אויסער דעם, געווען אַנטוישט פון די רעזולטאַטן פון די אַלטע ראָט־שילד־קאָלאָניעס, וואו די קאָלאָניסטן זיינען אָפּטמאָל געוואָרן דעגראַדירט צו דער מדרגה פון טיפּישע פּלאַנטאַטאָרן, וואָס שטעלן זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן העכער פון די נאַציאָנאַלע גוטן, עקספּלואַטירן ביליקע אַראַבישע אַרבעטער און מיידן אויס דעם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער מיט זיין העכן לעבנס־ניוואָ. די ציוניסטישע פירער האָבן פאַרשטאַנען, אַז קאָלאָניעס, וואָס ווערן געשאַפן אויפן אינדיווידואַליסטישן יסוד, וועלן נישט שאַפן קיין גרויסע מעגלעכקייטן פאַר נייע אידישע אימיגראַנטן און זיי האָבן דערפאַר אַ זייער באַגרענעצטן ווערט פון אַ ריין ציוניסטישן געזיכטס־פּונקט.

די הילף, וואָס די מיטל־קלאַס ציוניסטן האָבן געגעבן די סאָציאַליס־טישע קבוצות, איז שפּעטער געוואָרן באַרעכטיקט דורך זייערע דערגרייכונגען. די קבוצות האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ ווערטפולע שול אויסצובילדן קוואַ־ליפיצירטע קאָלאָניסטן, און זיי האָבן געלייזט דאָס פּראָבלעם פון ביליקער אַראַבישער אַרבעט אויף אַ ראַדיקאַלן וועג — דורך באַזייטיקן בכלל יעדע געדונגענע אַרבעט. אויסער דעם, האָבן די קאָלעקטיווע ישובים זיך אַרויס־געוויזן אַלס אַ העכערע מדרגה אין פאַרגלייך מיט די פּריוואַטע קאָלאָניעס ביים גובר זיין די שוועריקייטן פון אַריינדרינגען אין נייע, געפערלעכע, דורך ווילדע בעדואינער שבטים באַוואוינטע ראַיאָנען, און אין פלעצער, וואו ס׳האָט זיך גענויטיקט אַ ריזיקע פאַרבערייטונגס־ אַרבעט פאַר צוגרייטן דעם באָדן, אויסטרוקענען די מאַלאַריע פאַרפעסטעטע זומפּן א. אַז. וו.

דאָס אינערלעכע לעבן אין די קבוצות

די קבוצה איז אַ טיפּישע קאָמונע, וועמענס פאַרמעגן און איינקונפט געהערן אָן שום אויסנאַם צו אַלע מיטגלידער צוזאַמען, און וואו אפילו די צו־טיילונג פון פּראָדוקטן איז אָרגאַניזירט אויף אַ קאָלעקטיווען אופן. יעדער מיטגליד איז גלייך באַטייליקט אין אַלגעמיינעם איינקונפט, וואָס ווערט צע־טיילט נישט אין פאָרם פון געלט, נאָר פון פּראָדוקטן און לעבנס־באַדערפע־נישן. אפילו פאַפּיראָסן קויפן נישט די רויכנדע מיטגלידער פאַר זיך אַליין. זיי קריגן זיי פון אַ געמיינזאַמען סקלאַד, וואָס ווערט באַזאָרגט דורך דער פאַרוואַלטונג פון דער קבוצה.

מזומנים קריגן איינצלנע מיטגלידער נאָר פאַר אויסנאַמס־צוועקן, וואָס ווערן באַשטעטיקט דורך דער פאַרוואַלטונג פון דער קבוצה. אין מערסטע קבוצות איז, למשל, אָנגענומען, אַז יעדער מיטגליד איז באַרעכטיקט צו אַ

וואַקאַציע איין מאָל אין אַ יאָר, און די דאָזיקע וואַקאַציע ווערט מערסטנס פאַרבראַכט אין תל־אָביב, וואו מען קען נישט אויסקומען אָן מזומן געלט. די מערסטע קבוצות דערלויבן דערפאַר אויך אַ געוויסע געלט־אויסגאַבע אויף צו שטיצן נויט־ליידנדע עלטערן פון זייערע מיטגלידער.

דער אינערליכער קאָמוניזם פון דער קבוצה *), באַציט זיך אָבער נישט אויף אירע באַציאונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט. אַלס קאָלעקטיוו, פאַרקויפט זי אירע פּראָדוקטן פאַר געלט, און באַנוצט דאָס געלט אויף צאָלן חובות, איינקויפן מאַשינען, אויסבעסערן די ווירטשאַפט און צו באַזאָרגן אירע מיטגלידער מיט באַשיידענע לעבנס־נויטווענדיקייטן.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער קבוצה איז די גע־מיינזאַמע קיך מיט אַ דערבייאיקן עס־זאַל, וואָס איז געוויינלעך אויך דער סאָציאַלער צענטער פון דער קבוצה. דאָס עסן פאַר די קינדער ווערט צוגע־גרייט אין אַ באַזונדערער קיך און די קינדער ווערן סערווירט אין זייער איי־גענעם עס־זאַל אין קינדער־הויז (בית ילדים), וואָס איז געוויינלעך די גרעס־טע און באַקוועמסטע געביידע אין דער קבוצה.

דאָס פּראָבלעם פון קינדער

בעת מיינע וואַנדערונגען דורך ארץ ישראל, בין איך געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן פּראָבלעם פון קינד אין דער קבוצה. איך מוז צוגעבן, אַז א געוויסע צייט האָב איך געקוקט אויפן דאָזיקן פּראָבלעם מיט אַ באַדייטנדן פאָראורטייל. מיין איינדרוק פון אַ צושויער איז געווען, אַז די דערציאונג פון קינדער אויסער דער היים פון זייערע עלטערן, אפילו ווען זי זאָל אַרויסברענגען אַ מער סאָציאַל־געשטימטן דור, דאַרף זיך שלעכט אָפּרופן אויף די צאַרטע באַציאונגען און אינטימער ליבע צווישן עלטערן און קינדער. אין דער איצ־טיקער תקופה פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען די אומבאַרמהערציקייט פון מלוכה־צוואנג און די גרויזאַמע איינזייטיקייט פון מאַסן־אַקציעס ווערן אידעאַליזירט אין פיל טיילן פון דער וועלט, דאַרף יעדע אָפּשוואַכונג פון די אינדיווידועלע באַנדן צווישן עלטערן און קינדער ווערן באַטראַכט מיט דער גרעסטער זאָרג.

אָבער וואַנדערנדיק איבער די קבוצות און זיך צוקוקנדיק נענטער צו די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער, בין איך גליקליך צוצוגעבן, אַז מיין מורא איז געווען איבערטריבן. די באַזונדערע פאַרבינדונג צווישן

*) דער באַגריף „קאָמוניזם” ווערט לגבי די ארץ־ישראלדיקע קבוצות אָנגעווענדעט אין אַן ענגן עקאָנאָמישן זין און האָט ניט קיין שיכות צום פּאָליטישן קאָמוניזם. די קבוצות זענען קאָמוניסטיש אין זייער עקאָנאָמישער סטרוקטור, הגם זייערע מיטגלידער שטעלן זיך, בדרך כלל, קעגן דעם קאָמוניזם אַלס אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם.

מוטער און קינד ווערט נישט אָפּגעשוואַכט צוליב דער גרעסערער היימישקייט צווישן דעם קינד און די אַנדערע מיטגלידער פון דער קבוצה. זינט די צאַרט־סטע חדשים, ווען די מאַמע באַזוכט איר פּיצל קינד עטלעכע מאָל טעגליך אויף אַנזויגן עס, לערנט זיך אויס דאָס קינד צו אונטערשיידן צווישן דער אינטימער ליבע פון זיינע עלטערן און דער פריינטלעכער באַציאונג צו אים מצד די דערציערינס און די אַנדערע מיטגלידער פון דער קבוצה.

די אויסהאַלטונג פון קינדער־הייזער איז בערך טייער. דאָס דערציען אַ קינד אין אַ קבוצה קאָסט מערער אין דאָלאַרן און סענטן גערעכנט, ווי אין אייראָפּעאישע דערפער. איך צווייפל, צי דאָס דורכשניטלעכע קינד פון אַ שטאָ־טישער מיטל־קלאַס־פאַמיליע אין אייראָפּע באַקומט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און אינדיווידועלע דערציאונג, ווי עס באַקומט אַ קינד אין דער ארץ־ישראל־דיקער קבוצה.

די הויכע קאָסטן פון קינדער־דערציאונג אין דער קבוצה, איז אָפט איינע פון די טענות, וואָס די קעגנער פון דער קבוצה האָבן צו איר. זיי אַרגומענטירן, אַז אַזאַ אָרעם לאַנד ווי ארץ ישראל קען זיך נישט פאַרגינען אַזאַ קאָסטשפּי־ליקע ערציאונג פאַר זיינע קינדער.

די מיטגלידער פון די קבוצות וואַרפן אָפּ די דאָזיקע טענות מיט דער גרעסטער ענטשיידנקייט. זיי באַהויפּטן, אַז זייער סיסטעם פון קינדער־ער־ציאונג, צאָלט זיך אויס אפילו פון אַ ריין־פינאַנסיעלן שטאַנדפּונקט, ווייל עס ווערט אַזוי ארום געשפּאָרט פיל געלט, וואָס וואָלט אין אַן אַנדער פאַל גע־דאַרפט ווערן אויסגעגעבן פאַר מעדיצינישער באַהאַנדלונג פאַר די קינדער און זייערע מאַמעס. די מאַמעס וואָלטן נישט אימשטאַנד געווען צו אַרבעטן אויפן פעלד, ווען די זאָרג פאַר די קינדער וואָלט ביי זיי נישט איבערגענומען געוואָרן דורך די געניטע קינדער־דערציערינס פון „בית ילדים". אויסער דעם, מוז ארץ־ישראל האָבן אַ באַזונדערס שטאַרקן דור פון מענער און פרויען, וואָל זאָל זיין פעאיק אין אַלע הינזיכטן פאַרטצוזעצן די פליסיקע אַרבעט פון די איצטיקע פאָנערן. די קבוצה מיטגלידער גלויבן, אַז זייערע קינדער־היימען ווען אַרויסברייינגען אַ שטאַרקערן און פליסיקערן דור, איידער די היימישע קינדער־צימערן פון די פריוואַטע קאָלאָניסטן.

די פרוי אין דער קבוצה

די פּאָזיציע פון דער פרוי אין דעם קבוץ איז אייגנאַרטיק. זי לעבט דאָרט אויפן יסוד פון פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג מיטן מאַן. זי האָט נישט נאָר אַ גלייכע שטימע אין אַלע באַשלוסן פון דער קבוצה, נאָר זי ווערט אויך אין אַ באַדייטנדער מאָס באַטייליקט אין אַלע צווייגן פון אַגריקולטורע־לער טעטיקייט.

אין איניקע קבוצות האָט מען אפילו געשטרעבט צו באַפרייען די פרוי פון כסדר׳דיקער הויז־אַרבעט דורך באַשטימען אַ קליינע צאָל פון מענער און פרויען פאַר די פאַרשידענע הויז־און קיך אַרבעטן. שפּעטער האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ עקסטרעמער פּאָליטיק. די הויז־און קינדער־ווירטשאַפט ווערן איצט בכלל באַטראַכט אַלס די טעריטאָריען פון די פרויען, אָבער די פרויען באַטייליקן זיך פונדעסטוועגן אין אַלע סאָרטן לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, ווען עס קומט דערצו זייער ריי.

די אַרבעטס־צעטיילונג צווישן די מיטגלידער פון דער קבוצה איז איינע פון אירע וויכטיקסטע פּראָבלעמען. זאָל די אַרבעט ווערן פאַנאַנדערגעטיילט לויט דער ריי, און געבן יעדן א מעגלעכקייט צו נעמען אַ גלייכן אַנטייל אין משך פון יאָר אין אַלע פאַרשידענע אַרבעטס־צווייגן, אָדער זאָל מען דער־מוטיקן אַ ספּעציאַליזאַציע אין דער אַרבעט, אַז יעדער מיטגליד זאָל שטענ־דיק זיין באַגרענעצט צו איין באַשטימטן אַרבעטס־צווייג?

אין די ערשטע יאָרן האָט מען בעסער באַנוצט דעם ערשטן וועג פון גלייכער אַרבעטס־פּאַרטיילונג. דאַן האָט מען זיך באַטראַכט ווי אַ מין לאַנד־ווירטשאַפטלעכע שולע, און מען האָט געוואָלט, אַז יעדער מיטגליד, אָן אויס־נאָם, זאָל זיין היימיש אין אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, אויפן ווייץ־פעלד און אין גאָרטן, אין די גרינס־גערטנדלעך, מילך־ווירטשאַפט און אין הינער־שטייג. איצט אָבער האָט מען זיך אין די מייסטע קבוצות אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן סיסטעם. די קבוצות באַטראַכטן זיך שוין פאַר אַנטגילטיק־עטאַב־לירטע אונטערנעמונגען, וואָס מוזן קודם כל זיך קענען אַליין אויסהאַלטן. די קבוצות באַשטימען איצט בעסער דערפאַרענע מענטשן אויף שטענדיקע אַר־בעטס־פּלעצער, ווי למשל, ביים אַכטונג געבן אויף די בוימער, אויף די הי־נער־שטייגן א. אַז. וו. איך האָב, למשל, אין די קבוצות באַגעגנט אייזל־טריי־בער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער אַרבעט אין משך פון פיל יאָרן, און איך האָב זיך באַקענט מיט ציטרוס־פּלאַנצער, ספּעציאַליסטן, וואָס שטייען נישט אָפּ פון די בעסטע פּרוואַטע קאָלאָניסטן אין די ציטרוס־געגנטן פון לאַנד.

דאָס פּראָבלעם פון פאַרוואַלטונג

נאָך אַן אינטערעסאַנט פּראָבלעם פון דער קבוצה איז דער מעטאָד פון דער פאַרוואַלטונג. זאָל די קבוצה ווערן פאַרוואַלטעט דורך אַן אויסגע־ווילטן מענטש אָדער דורך אַ קאָמיטעט? זאָל דער קאָמיטעט ווערן אויסגע־ווילט אויף איין יאָר אָדער אויף צוויי יאָר, אָדער פאַר אַ קלענערן צייט־טערמין? זאָלן אַלע קבוצה־מיטגלידער האָבן די מעגלעכקייט אַנטיילצונעמען פריער־שפּעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קבוצה?

אין דער הינזיכט האָבן די קבוצות דורכגעמאַכט אַ גרינטלעכע עוואָלוציע. מיט יאָרן צוריק, האָט דער מדבר פון בוך, וואָנדערנדיק איבער די קבוצות פון ארץ־ישראל, זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע קבוצות, וואו מען האָט שטרעבנדיק אָנצוהאַלטן אַ הונדערט פּראָצענטיקע דעמאָקראַטיע, איינגעפירט אַ נייעם סיסטעם פון פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געגעבן יעדן מיטגליד אַ קליינע מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין דער פאַרוואַלטונג. אין אַזעלכע קבוצות פלעגט מען אויסקלייבן אַ פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט יעדן חודש. כדי אָבער יעדן חודש זאָל נישט זיין קיין שפּאָגל־נייע פאַרוואַלטונג, פלעגט מען ביי יעדער וואַל אויסקלויבן אַ העלפט פון קאָמיטעט אויף אַ טערמין פון צוויי חדשים. קיין מיטגליד האָט נישט געקענט אויסגעקליבן ווערן אויף אַ צווייטן טערמין, כל־זמן אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער קבוצה זיינען נישט געווען אין דער פאַרוואַלטונג. אויסער דעם פלעגט מען אַלע מער־וויניק וויכטיקע באַשלוסן אָננעמען אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג נאָך דער אַרבעט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז זייענדיק קעגנער פון קאָמוניזם אַלס אַ פּאָליטישע טעאָריע, זיינען די מיטגלידער פון די קבוצות כמעט די איינציקע מענטשן אין דער וועלט, וואָס האָבן ווען עס איז געמאַכט אַן ערנסטן פּרואוו צו פאַרוויקלעכן לענינס באַרימט וואָרט, אַז „יעדע קעכין דאַרף אומשטאַנד זיין צו פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה"... ס'איז אַ סברה, אַז לענין אַליין האָט באַטראַכט זיין באַרימט וואָרט אַלס אַ פּרינציפּ, וואָס קען נישט באַלד אָנגעווענדעט ווערן אין דער פּראַקטישער פּאָליטיק; ער האָט עס וואַרשיינלעך באַטראַכט פאַר אַ חלום פון אַ זייער ווייטער צוקונפט.

אַזאַ איבערטריבענע אָנווענדונג פון דעמאָקראַטישע פּרינציפּן איז געוואָרן פאַרוואָרפן מיט יאָרן שפּעטער. כמעט אַלע פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטן ווערן איצט געוויילט אויף אַ יאָר צייט. און די אַלגעמיינע מיטינגען קומען אויך פאַר אַ סך זעלטענער ווי פריער. חוץ דעם, קלויבן אויס ס'רוב פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטן אין קאָנצענטרירער (מרכז), וואָס איז אייגנטלעך דאָס דעמאָקראַטישע וואָרט פאַרן טראַדיציאָנעל־פאַרהאַסטן וואָרט „פאַרוואַלטער"... מען דאַרף אָבער, למען האמת, צוגעבן, אַז דער דאָזיקער מרכז אַרבעט אין ענגן קאָנטאַקט מיט דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט און זיין אייגענע מאַכט איז אַ גאַנץ באַגרענעצטע.

נישט קוקנדיק אויף דער אַלגעמיינער גלייכהייט, איז אין יעדער קבוצה דאָך פאַראַן אַ גרופּע פון עלטערע מיטגלידער, געוויינטלעך פון אירע גרינדער, וואָס געניסן אַ באַדייטנדן מאָראַלישן אויטאָריטעט ביי די מיטגלידער און האָבן פאַקטיש די אַנטשיידענע דעה איבער די ענינים. די מורא ווידער אויסצוקלויבן איצט אַ חבר אין פאַרוואַלטונג אָדער אַלס מרכז, איז איצט אַ סך קלענער, ווי מיט יאָרן צוריק. איך האָב אָפּט באַגעגנט מיטגלידער פון פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטן און מרכזים, וואָס זיינען געבליבן צו 3־4 יאָר אין זייער

אַמט, ארויסווייזנדיק אָפט באַדייטנדע אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן און אַ ברייטע איניציאַטיוו.

דאָס מענטשן־מאַטעריאַל

די קבוצות זיינען עפּעס מער ווי אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע. זיי שטעלן מיט זיך פאָר, אַ באַזונדערן טיפּ פון געמיינזאַמען קאָמוניסטישן לעבן אין בעסטן זין פון וואָרט. נישט נאָר אַרבעטן זייערע מיטגלידער צוזאַמען, נאָר זיי לעבן אויך צוזאַמען און זיי טיילן אַלע טאָג־טעגלעכע פריידן אוןליידן. זיי זענען פּאַקטיש איין גרויסע פאַמיליע, אין וועלכער די פעדים פון בלוט זענען פאַרביטן געוואָרן דורך פעדים פון לאַנגער און אויסגעפּרואווטער פריינטשאַפט און געמיינזאַמען אידעאַל.

דער דערפאָלג פון די קבוצות אין ארץ־ישראל, נישט קוקנדיק אויפן דורכפאַל פון ענלעכע עקספּערימענטן אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דערקלערט זיך הויפּטזעכלעך מיט זייער אויסגעצייכנטן מענטשן־מאַטעריאַל. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז דער דערפאָלג פון אַ קבוצה הענגט אָפּ דערפון, אויף וויפיל אירע מיטגלידער זיינען צוגעפּאַסט איינער צום אַנדערן און צו אַ קאָלעקטיוון לעבן. די קבוצה איז דערפאָלגרייך נאָר דאַן ווען זי באַשטייט פון אַ באַשרענקטער און דורכגעזיפּטער גרופּע פון אידעאַליסטיש־געשטימטע חברים.

סוף 1940 האָבן עקזיסטירט 79 קבוצות מיט אַ באַפעלקערונג פון 22,114 פערזאָן, אין פאַרגלייך מיט 40 קבוצות און אַ באַפעלקערונג פון 8,900 אין 1935. די דורכשניטלעכע צאָל מיטגלידער אין אַ קבוצה איז געווען 280 מאַן, פון וועלכע 186 זיינען געווען דערוואַקסענע און די איבעריקע קינדער און אָפּהענגיקע *).

ס'איז נישטאָ קיין גלייכפאָרמיקייט אין דער גרויס פון די קבוצות. טייל זיינען גרויסע, מיט 300 און מער מיטגלידער, און אַנדערע ציילן נאָר וויניקער ווי הונדערט מיטגלידער.

די אַנטשטייאונג פון די קבוצות

די עלטסטע קבוצה אין ארץ־ישראל איז „דגניה", געגרינדעט אין 1910 אין עמק הירדן. זי איז געשאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס האָט אָפּגעדונגען פון נאַציאָנאַל־פאָנד אַ שטיק לאַנד און זיך

*) די אויביקע ציפערן שליסן נישט איין 48 ישובים אין שכונות פון שטעט און גרויסע קאָלאָניעס, וואָס האַלטן זיך בעיקר אויס פון לוין־אַרבעט און נאָר אין אַ קלענערער מאָס פון די פּראָדוקטן פון זייערע אייגענע קליינע פאַרמעס. דער געבוי פון די דאָזיקע ישובים, וואָס ווערן געווייגלעך אָנגערופן קבוצים, וועט שפּעטער דערקלערט ווערן.

באַזעצט דאָרטן אויף קאָלעקטיווע יסודות. נישט קוקנדיק אויפן גאָר־הייסן קלימאַט פון דער אַרומיקער געגנט און די אַפּטע פיבער־קראַנקייטן, זיינען די חלוצים פון דגניה געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט ביי זייער עקספּערימענט און האָבן סוף־כּל־סוף דערגרייכט אַזאַ מאָס פון דערפאָלג, אַז זייער קבוצה איז שפּעטער געוואָרן אַ באַגייסטערנדער ביישפּיל פאַר אַנדערע קבוצות פון דעם מין.

אפילו נאָך פאַר דער גרינדונג פון דגניה, האָט דער ניינטער ציוניס־טישער קאָנגרעס (דעצעמבער 1909), באַוועגט דורך דער שווערער לאַגע פון די אידישע אַרבעטער אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס, באַשלאָסן צו מאַכן אַן עקספּערימענט מיט קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע לויטן פּלאַן פון באַקאַנטן עקאָנאָמיסט, פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער פון דייטשלאַנד. אָבער אָפּענ־היימערס פּראָיעקט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין מרחביה, אין עמק־יזרעאל, איז נישט געווען קיין דערפאָלג. אייניקע פון זיינע אָנהענגער זאָגן, אַז דער פּלאַן, וואָס איז אויפגעגעבן געוואָרן ביים אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג, האָט געדאַרפט ווערן פאַרגעזעצט נאָך עטלעכע יאָר, און דאַן וואָלט דער פּראָיעקט ענדלעך יאָ מצליח געווען, נישט קוקנדיק אויף די ערשטע שוועריקייטן.

אונזער איינדרוק אָבער איז, אַז אָפּענהיימערס פּלאַן האָט נישט געקענט געלונגען, ווייל זיין אידעע פון אַן אויטאָראַטיווער פאַרוואַלטונג, וואָס שטאַמט פון אַ פּרייסישן הינטערגרונט, איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַרן שטאַרק אומ־אָפּהענגיקן כאַראַקטער פון אידישן קאָאָפּעראַטאָר, ספּעציעל נאָך אין ארץ־ישראל. דאָס איז, וואַרשיינלעך, אויך די אורזאַך פאַרוואָס אַלע שפּעטערדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון זיינען געפירט געוואָרן נישט לויט אָפּענ־היימערס סיסטעם, נאָר לויטן דערפאָלגרייכן פּלאַן פון דגניה, וואָס פאַרלאָזט זיך שטאַרק אויף דער איניציאַטיוו און שכל־הישר פון די מיטגלידער אַליין.

בדרך כלל האָבן די קבוצות מצליח געווען איבער אַלע דערוואַרטונגען. אמת, יעדע קבוצה האָט געמוזט במשך פון אַ לאַנגער צייט געשטיצט ווערן פינאַנסיעל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס דערקלערט זיך אָבער מייסטנס דערמיט, וואָס די קבוצות האָבן באַלד ביי זייער גרינדונג נישט גע־קריגן דעם נויטיקן מינימום פון געלט, וואָס זאָל אַוועקלייגן אַ פעסטן יסוד פאַר זייער צוקונפטיקן וואוילשטאַנד.

אייניקע קבוצות, למשל, האָבן אין אָנהויב נישט געהאַט אפילו קיין געלט צו גראָבן אַ ברונעם און האָבן געמוזט יאָרן־לאַנג אָנפירן זייער ווירט־שאַפט אָן דער קלענסטער מעגלעכקייט פון קינסטלעכער באַוואַסערונג. זיי האָבן אפילו אַמאָל נישט געהאַט קיין אייגענע וואַסער אויף טרינקען און אָפּ־וואַשן זיך און האָבן געמוזט שלעפּן וואַסער פון די אַרומיקע דערפער. אין איין קבוצה האָט מען מיר געוויזן אַ חשבון, אַז מיטן געלט, וואָס מ׳האָט דאָרט 6 יאָר דורכאַנאַנד אויסגעגעבן אויף אויסהאַלטן אַ פּאָר פּרדות (מולען) און אַ

וואַסער־פירער, וועמענס איינציקע אַרבעט איז געווען צו ברענגען וואַסער פון אַ שכנות'דיקן אַראַבישן דאָרף — וואָלט מען שוין געקענט אויסגראָבן צוויי גרויסע ברונעמער, און די קבוצה וואָלט געהאַט וואַסער נישט נאָר פאַר טרינקען, נאָר אויך פאַר אַ טיילוויז־באַוואַסערטער ווירטשאַפט! פונדעסטוועגן האָט געדויערט 6 יאָר איידער דער קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטמענט פון דער אידישער אַגענטור, וואָס האָט געשאַפן די דאָזיקע קבוצה, האָט געגעבן די נויטיקע סומע געלט צו גראָבן אַ ברונעם און אינסטאַלירן די וואַסער־איינריכטונג. נאַטירלעך, האָט די דאָזיקע אומנאָרמאַלע לאַגע אין די ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ זיך געמוזט אָפּרופן אויף דער פּראָדוקטיוויטעט פון אירע פעלדער, און דאָס איז געווען די סיבה פון שווערע דעפיציטן, וואָס וואָלטן געקענט ווערן אויסגעמיטן.

די דערפאַרונג פון די קבוצות, ווי אויך פון פּריוואַטע קאָלאָניסטן, האָט איבערצייגנד באַוויזן, אַז מענטשן מיט אַ הויכן סטאַנדאַרד פון פּערזענלעכע באַדערפענישן קענען נישט מצליח זיין אין דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט, אויב זיי האָבן נישט די מעגלעכקייט פון אָנהויב אָן צו אינוועסטירן גרעסערע סומען אין דער פאַרבעסערונג פון באָדן און דורכפירן אַ כאָטש טיילווייזע באַוואַסערונג פון זייערע פעלדער. אין יעדן פאַל, וואו די דאָזיקע ערשטע אינוועסטירונג איז נידעריקער פון נויטיקן מינימום, מוז מען דערוואַרטן פיל גרעסערע יערלעכע דעפיציטן.

די גרויסע מערהייט פון די קבוצות שטייט ביים היינטיקן טאָג אויף זייערע אייגענע פיס, און די מערסטע פון זיי האָבן אפילו באַדייטנדע פּראָפיטן. די אַגריקולטור האָט דאָרט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה און פיל פון די וויכטיקע אויסבעסערונגען, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט, דאַרף מען צו פאַרדאַנקען די קבוצות. באַזונדערס האָבן זיי אויפגעטאָן אַ וויכטיקע פּיאָנערישע אַרבעט אין דער מילך־ווירטשאַפט, אין עופות־צוכט און אין די גרינס־פעלדער.

אויסוואַל פון מיטגלידער

דער מענטשן־מאַטעריאַל פון אַ טיפּישער קבוצה, וואָס באַשטייט פון 100 ביז 125 מענער און פרויען, איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגן קענגזייטיקן אָפּקלויב, וואָס הויבט זיך געוויינלעך אָן מיט עטלעכע יאָר פאַר איר אייגנטלעכער גרינדונג. אָפט האָט די קבוצה אָנגעהויבן מיט אַ קערן פון מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען אויף אַ הכשרה־פאַרם אין גלות, איידער זיי זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל, אָדער מיט אַ גרופּע פון נאָענטע חברים, וואָס האָבן זיך באַפריינדעט זייענדיק געמיינזאַם באַשעפטיקט ביי אַ געמיינזאַמער בוי־אַרבעט אין לאַנד. געוויינלעך זיינען די מיטגלידער פון אַזאַ גרופּע

אויך געווען צוזאַמענגעבונדן דורך פעדים פון געמיינזאַמער אידעאישער אָנגעהעריקייט; אַפּט זיינען עס אויך „לאַנדסלייט״, מענטשן וואָס קומען פון דער זעלבער געגנט, ערגעץ־וואו אין אייראָפּע.

ווען אַזאַ גרופּע פון קעגנזייטיק צוגעפּאַסטע חברים איז געקומען צום באַשלוס צו שאַפן אַ קבוצה, פלעגן זיי מודיע זיין זייער כוונה דעם „מרכז״ פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פון דער הסתדרות, וואָס פאַרטרעט די אינטערעסן פון די דאָזיקע גרופּן פאַרן קאָלאָניזאַציע־דע־פּאַרטמענט פון דער אידישער אַגענטור. געוויינלעך נעמט עס אַ 2־3 יאָר ביז אַ גרופּע וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס אַ קומענדע קבוצה איז אימ־שטאַנד אַרויפצוגיין אויפן באָדן, ווייל די פאָנדן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע זיינען שטענדיק ווייט נישט גענוגנד, און די רייע פון די קאַנ־דידאַטן אויף ווערן קאָלאָניזירט איז שטענדיק אַ גאַנץ לאַנגע.

אין דער צייט וואָס די קומענדע קאָלאָניסטן מוזן וואַרטן אויף זייער ריי, זעצן זיי געוויינלעך פאָרט זייער אַרבעט אַלס אַ געשלאָסענע גרופּע. די דאָזיקע צווישנצייט פון וואַרטן גיט זיי אַ גענוגנדע מעגלעכקייט אויסצופּרואוון זייער פּסיכאָלאָגישע פעאיקייט צום קאָלעקטיוון לעבן און זייער קעגנזייטיקע צופּאַסונג. נישט איין מאָל האָט די דאָזיקע אויספּרואוו־צייט זיך געענדיקט מיט מחלוקתן און אויפלייזונג פון דער גרופּע. געוויינלעך אָבער, האָבן אַזעלכע גרופּן, מיט טיילווייזע קליינע ענדערונגען אין זייער באַשטאַנד, דורכגעהאַלטן די וואַרט־צייט און געוואָרן נאָך מער פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט צו אַ געמיינ־זאַמען לעבן, — וואָס איז דער עיקר־באַדינג פאַר זייער דערפאָלג אַלס אַ קבוצה.

מיט דער כסדר'דיקער אויסבעסערונג פון באָדן און דער פאַרגרעסע־רונג פון באַוואַסערטן שטח, צוליב וואָס עס ווערט פאַרגרעסערט די אינטענ־סיווע קאָלאָניזאַציע און עס ווערט באַדייטנד פאַרגרעסערט די לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּראָדוקציע באַקומט שוין די קבוצה נאַטירלעך די מעגלעכקייט אויפ־צונעמען אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער. די קבוצה האַנדלט דאַן נישט אַזוי עגאָאיסטיש ווי דער פּריוואַטער פאַרמער, וואָס וואָלט אין ענלעכע באַדינ־גונגען זיך אַנטזאָגט אויפצונעמען נייע מיטגלידער אויף די זעלבע באַדינגונגען פון די אַלטע מיטגלידער. נאַטירלעך מוז מען ביים אַריינעמען נייע מיטגלי־דער זיין זייער פאַרזיכטיק אַריינצונעמען בלויז אַזעלכע חברים, וואָס זיינען גייסטיק און מאָראַליש צוגעפּאַסט צום אייגנאַרטיקן ענג־צוזאַמענגעפּאַסטן קאָמונאַלן לעבן אין דער קבוצה. אין געוויסע פאַלן ווערט אַ נייער חבר צו־געלאָזט נאָר אַלס אַפּליקאַנט אויף אַ צייטווייליקן יסוד, אָן שום פאַרפליכטונג וועגן זיין ענדגילטיקער מיטגלידערשאַפט. נאָכן אָפּאַרבעטן עטלעכע חדשים אַלס לערלינג, באַשליסט די קבוצה וועגן אַריינעמען אָדער נישט אַריינע־מען אַלס שטענדיקן מיטגליד. אויב דער באַשלוס איז אויף „ניין״, קריגט ער אַ

געוויסע אַנטשעדיקונג פאַר זיין אַרבעט און ער מוז זוכן אַרבעט אַנדערשוואו. אָן אַזאַ פּאַרזיכטיקן אויסוואַל פון נייע חברים, וואָלט נישט געוואָרן געזיכערט די קאָנטינואיטעט פון דער אַרבעט, און די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער קבוצה וואָלט אפשר געשטעלט געוואָרן אין קאָן.

קליינע און גרויסע קבוצות

עס הערשן גרויסע חלוקי דעות צווישן די אָנהייגער פון דער גרויסער קבוצה — אַ טיפּישער ביישפּיל פון אַזאַ קבוצה, איז, למשל, עין חרוד מיט אירע 480 דערוואַקסענע מיטגלידער — און די פּאַרטייזיקער פון דער קליינער קבוצה מיט אַ מער־באַגרענעצטער מיטגלידערשאַפט. די ערשטע גלויבן, אַז אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע האָט וויכטיקע טעכנישע מעלות אין פאַרגלייך מיט די קליינע קבוצות, און קאָן דעריבער אַרויסגעבן מער־פּראָדוקטיווע און הע־ 480 דערוואַקסענע מיטגלידער — און די פּאַרטייזיקער פון דער קליינער איבערוועגן לויט זייער מיינונג די מעגלעכע חסרונות, ווי אַ מער־קאָמפּלי־ צירטע פאַרוואַלטונג און די וווּנטשעלע אָפּשוואַכונג פון דער ענגער חברשאַפט, וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער קליינער קבוצה. זיי שטרייכן אויך אונטער די גרעסערע מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן קולטורעל און גייסטיק אין אַ גרויסער קבוצה. עין חרוד, למשל, האָט גענוג מוזיקאַליש־ געניינגטע מיטגלידער, כדי אָנצוהאַלטן אַן אייגענעם אָרקעסטער; פאַר אַ קליינער קבוצה איז עס אַן אוממעגלעכער חלום.

די אָנהענגער פון דער קליינער קבוצה טענהן אָבער, אַז אַ באַגרענעצ־ טער מענטשן־קאָלעקטיוו דערלויבט מער־שאַפנדע איניציאַטיוו פון זיינע מיטגלידער, און דאָס קאָמבינירט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל מיט דעם גייסט פון פּריוואַטער איניציאַטיוו. וואָס נוגע די קולטורעלע מעלות פון דער גרויסער קבוצה, קען מען זיי מיט דער צייט גובר זיין דורך איינשטעלן נאָענטע קולטור־באַציונגען צווישן שכנות'דיקע קבוצות, וואָס וועלן סיי־ווי קעגנ־ זייטיק דערנענטערט דורך דעם אויפבויען בעסערע וועגן און דער אַנטוויקלונג פון מאָטאָר־פאַרקער.

קבוצה און קבוץ

די טיפּישע קבוצה איז אַ באַזונדערער, אויטאָנאָמער עקאָנאָמישער אָרגאַניזם, וואָס שטייט אינגאַנצן אויף זיינע אייגענע פיס. זי צאָלט מיטגלידס־ אָפּצאָל דער הסתדרות און באַטייליקט זיך פּראָפּאָרציאָנעל אין די אויסגאַבן פון דער קופּת־חולים (קראַנקען־קאַסע פון דער הסתדרות) און ענלעכע אינ־ סטיטוציעס. זי באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט אנדערע קבוצות אין דער קאָ־ אָפּעראַטיווער איינקויף־אָרגאַניזאַציע „המשביר" און אין „תנובה" — דער

געמיינזאַמער פּאַרקויפס־אָרגאַניזאַציע פון די פּראָדוקטן פון די אַרבעטער־דערפער. זי העלפט אויך אַמאָל אַרויס אַ ייִנגערע קבוצה מיט אַ הלוואה, אָן פּראָצענט, אין פאָרם פון ווייץ, פלאַנצונגס־צווייגלעך (שתילים) און אַנדערע אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן אָדער מאַשינען. אויסער אָבער אַזעלכע אַלגעמיינע בייטראַגן און קעגנזייטיקער הילף, איז יעדע קבוצה אַ געשלאָסענער קאָאָפּעראַטיווו, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף אירע אייגענע מיטגלידער און נוצט אויס זיינע רווחים צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די מיטגלידער און פאַרשענערן די פאַרם.

אויסער אָבער אַזעלכע אויטאָנאָמע קבוצות, האָבן די אידישע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל אויך געשאַפן אַנדערע פאָרמען פון קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען צום אונטערשיד פון דער קבוצה, אַ טייל פון אַ גרעסערער און ברייטערער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „קבוץ״. אַזאַ קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפט איז אָפט דער אַוואַנגאַרד פון אַ גרעסערער גרופּע מערסטנס שטאָטישע אַרבעטער, וואָס שטרעבן צו באַזעצן זיך אויפן לאַנד. די מערסטע מיטגלידער פון אַזעלכע קבוצים וואוינען נאָך אין שטאָט, וואו זיי אַרבעטן אין פאַרשידענע פאַכן; זייערע אָפּשפּאָרונגען ווערן אָבער אַריינגעלייגט אין זייער געמיינזאַמער לאַנדווירטשאַפט, וואו עס אַרבעטן די יעניקע מיטגלידער פון קבוץ, וואָס האָבן די אויפגאַבע צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דער שפּעטערדיקער באַזעצונג פון אַלע זיינע מיטגלידער. מיט אַנדערע ווערטער, די קאָלעקטיווע לאַנדווירשאַפטן, וואָס געהערן צו קבוצים, זיינען דער אָנהויב פון פיל גרעסערע זידלונגען, וואו עס וועלן מיט דער צייט געפינען פלאַץ אַלע מיטגלידער פון גאַנצן קבוץ.

פיל מענטשן נעמען זיך אונטער צו דערגרייכן דעם זעלבן ציל פון ווערן לאַנדווירטן אויף אַ אינדיווידועלן וועג, דורך זייערע קרובים אָדער פריינט אין די דערפער, וואָס באַאַרבעטן פאַר זיי אַ שטיקל סאַד ביז עס ברענגט פּרוכט. עס זיינען אויך דאָ אין ארץ־ישראל אַגריקולטורעלע קאָנטראַקטאָרס, וואָס נעמען אונטער אַזאַ אויפגאַבע אויף אַ ריין־געזעלשאַפטלעכן יסוד. די רעאַליזירונג פון דער זעלבער אידעע אין אַ ברייטער קאָלעקטיווער פאָרם, איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

די דערשיינונג פון אַ שטאָטישן אַרבעטער, וואָס שפּאָרט זיך אָפּ דעם ביסן פון מויל, — אָפט מאָל מקריב זייענדיק די נויטיקסטע לעבנס־באַדערפענישן — פאַר אַ צוקונפטיקער קאָלעקטיווער היים, וואו ער וועט אַמאָל ווערן אַ מיטגליד, און דאָס געטרויען מיטן גאַנצן האַרץ זיינע אָפּשפּאָרונגען צו חברים, וואָס געפינען זיך שוין אויפן באָדן, איז לויט מיין מיינונג איינע פון די איבעראַשענדסטע באַווייזן פון קאָאָפּעראַטיוון גייסט פון נייעם ארץ־ישראל.

אין אַנדערע ווערטער, דער קבוץ איז אַ קאָאָפּעראַטיווע זידלונגס־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשטייט טיילווייז פון שטאָטישע לוין־אַרבעטער און טיילווייז פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וואָס העלפן איינער דעם אַנדערן אין דער געמיינזאַמער שטרעבונג צו בויען זייער צוקונפט אויפן לאַנד.

עס זיינען דאָ צוויי פונדאַמענטאַלע פאָרמען פון קבוץ. איינער באַשטייט, למשל, פון 70 בוי־אַרבעטער אין חיפה און 30 לאַנד־אַרבעטער אין עמק יזרעאל, וואו די לעצטע האָבן די אויפגאַבע צו לייגן דעם יסוד פאַר אַ קאָלעקטיוון ישוב פאַר אַלע 100 מיטגלידער, וואָס געהערן צום קבוץ. דער אַנדערער באַשטייט פון אַ גרופּע געשאַפן אין די פאַרשטעט פון אַ קאָלאָניע פון פּריוואַטע לאַנד־ווירטן, וואו די מערסטע מיטגלידער אַרבעטן אַלס לוין־אַרבעטער, אָבער אַ צאָל חברים פון קבוץ אַרבעטן שוין אין דער זעלבער קאָלאָניע אויף זייער אייגענעם באָדן, וואָס איז פאַרן קבוץ באַשטימט געוואָרן פון קרן־קימת.

צום אונטערשיד פון ערשטן טיפּ, וואָלט מען דעם דאָזיקן צווייטן און מער פאַרשפּרייטן טיפּ געקענט אָנרופן „באַזעצטער קבוץ", ווייל אַלע זיינע מיטגלידער לעבן צוזאַמען אין דער זעלבער קאָלאָניע. זייערע אָפּשפּאָרונגען דאַרפן נישט ווערן אָפּגעשיקט ערגעץ אַנדערש, נאָר זיי ווערן אינוועסטירט אויפן אָרט ביי דעם שטופנווייזן אויפבוי פון זייער אייגענעם קאָלעקטיוון ישוב. זיי קריגן שוין איצט אַרויס אַ היבשן טייל פון זייער שפּייז־באַדאַרף פון אייגענעם באָדן, פאַרגרעסערנדיק דערמיט זייערע אָפּשפּאָרונגען אין אינוועסטיציעס. אגב, שטרעבן גאָרנישט די מערסטע פון די באַזעצטע קבוצים צוליבן מאַנגל אין באָדן, אויסצומיידן בכלל געדונגענע אַרבעט, אפילו אין דער וויי־טערער צוקונפט. זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זיי וועלן שטענדיק זיך מוזן שטיצן אויף אַ געוויסן פּראָצענט פון געדונגענער אַרבעט, אַריינגע־מענדיק אין דער זעלבער צייט אַן אַלץ־וואַקסנדע צאָל פון זייערע מיטגלידער אין דער אייגענער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט.

די פּראָבלעמען פון קבוץ

אין זיין אינערלעכן לעבן איז אַזאַ „באַזעצטער קבוץ" אינגאַנצן ענלעך צו דער קבוצה מיט איר קאָמונאַלער קיך, קאָמונאַלע פאַרטיילונג פון קליידער א. אַז. וו. און מיט דער געמיינזאַמער קינדער־ערציאונג. דער פאַקט אָבער, וואָס דער קבוץ אין קעגנזאַץ צו דער קבוצה, האָט נישט גענוג אַרבעט פאַר אַלע זיינע מיטגלידער אויפן אייגענעם באָדן, און דער גרעסטער טייל פון זיי מוז אָנקומען צו לוין־אַרבעט, שאַפט אַ פּראָבלעם, וואָס עקזיסטירט נישט אין דער קבוצה. דאָס איז דער ווידערשפּרוך צווישן דער גלייכער פאַרטיילונג אין דעם קבוץ און דעם אומגלייכן לוין מחוץ דעם קבוץ.

שטודירנדיק די באַדינגונגען אין קבוץ, איז דער מחבר געוואָרן באַ־

זונדערס פּאַראינטערעסירט אין דאָזיקן פּראָבלעם. מיטגלידער וואָס זיינען באַשעפטיקט אין פּריוואַטע פּרדסים און וואַרשטאַטן, באַקומען נישט נאָטיר־לעך דעם זעלבן לוין. אַ דערפאַרענער גערטנער, למשל, באַקומט טאָפּלט אַזוי פיל ווי דער פּשוטער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער. דער קבוץ אָבער דערוואַרט, אַז יעדער פון זיינע מיטגלידער זאָל אַריינברענגען אין דער גע־מיינזאַמער קאַסע די זעלבע סומע און ער אַנטזאָגט זיך צו געבן אַ בעסער־פאַרדינענדן אַרבעטער בעסערע שפּייז, בעסערע לעבנס־באַדינגונגען אָדער מער טאַשן־געלט ווי ס'איז באַשטימט פאַר די ווייניקער־פאַרדינענדע מיטגלי־דער. זיינען אָבער די העכער־באַצאָלטע מיטגלידער צופרידן מיט אַזאַ צו־שטאַנד ? פאַדערן זיי נישט אַ טייל פון זייערע עקסטראַ פאַרדינסטן פאַר זיי־ערע עקסטראַ נויטן ?

בדרך כלל קען מען אויף דער פראַגע ענטפערן מיט אַן אַנטשידענעם „ניין". דער אידעאַליסטישער גייסט פון די קבוץ־מיטגלידער און זייער אי־נערלעכע דיסציפּלין האָט נישט דערלויבט אַז דאָס אַנגערירטע פּראָבלעם זאָל ווערן צו ערנסט. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז דער פּראָצענט פון העכער־קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין די קבוצים, איז נידעריקער ווי צווישן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד. געוויינלעך שליסט זיך אין קבוץ נישט אָן דער שטאַטישער אַרבעטער, וואָס האָט אַ גאַר־הויכן לוין; ער געפינט אַנדערע וועגן ווי צו רעאַליזירן זיין חלום פון באַזעצן זיך אויפן לאַנד. אויב אָבער, ער שליסט זיך יאָ אָן אין קבוץ, איז ער פאַרויס גוט באַקאַנט מיט די פּרינציפּן און אידעאָלאָגיע פון דער אָרגאַניזאַציע און איז גרייט זיך זיי אונטערצואוואַרפן. ער פאַרלאַנגט דערפאַר נישט קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס אַלס שכר פאַר זיין העכערן אַרבעטס־לוין.

הילף פאַר קרובים

אין איניקע פאַלן אָבער, האָבן די נישט־גלייכע פאַרדינסטן פון די קבוץ מיטגלידער אַרויסגערופן געוויסע שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס. דאָס איז געקומען בעיקר אין רעזולטאַט פון אַלגעמיינעם ווילן פון די מיט־גלידער אַרויסצוהעלפן זייערע נויטבאַדערפטיקע קרובים אין מזרח־אייראָפּע. קוואַליפיצירטע פאַך־לייט, וועמענס פאַרדינסטן זיינען העכער ווי דער דורכ־שניט, פאַרלאַנגען אַ טייל פון זייערע עקסטראַ פאַרדינסטן אויף אונטערשטיצן זייערע נויטליידנדע עלטערן אין גלות. דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז מיר, למשל פאָרמולירט געוואָרן אין אַן אינטימען געשפּרעך מיטן מחבר דורך אַ אומצופרידענעם מיטגליד פון אַ גרויסן קבוץ אין יהודה:

„איך בין אַן עלעקטראָ־אַרבעטער", האָט ער מיר געזאָגט, „פאַרן לעצטן יאָר האָב איך אין דורכשניט פאַרדינט 60 פיאַסטער אַ טאָג, בעת די מערהייט פון אונזערע חברים מאַכן נישט מער ווי 25 פיאַסטער. פאַר מיר פערזענלעך פאָדער איך נישט אפילו קיין איבעריקן פאַפיראָס. איך גלויב אין סאָציאַליזם און בין גרייט זיך אונטערצוואַרפן די געזעצן פון קאָלעקטיוו, אפילו דאַן ווען זיי ווייזן זיך מיר אויס צו זיין פאַר מיר פערזענלעך אומבאַקוועם. אָבער צי האָב איך דאָס רעכט אָפּצולייגן באַדייטנדע סומעס געלט אין אונזער געמיינזאַמע קאַסע, אין דער צייט ווען מיינע עלטערן גייען אויס פאַר הונגער אין אַדעס? איך פאָדער בלויז דאָס רעכט אַראָפּצונעמען פון מיינע פאַרדינסטן כאָטש 2 פונט אַ חודש, אויף שיקן זיי צו מיינע עלטערן".

די פירער פון די קבוצים ווערן דורך אַזעלכע פאָדערונגען געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע. זיי לייקענען נישט די מאָראַלישע קראַפט פון אַזאַ טענה. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אָבער מורא, אַז אויב מען וועט דערלויבן די מינדעסטע אומגלייכהייט צווישן די מיטגלידער, וועט דאָס ברענגען צו אַ טיפן דורכברוך אין אַלע זייערע פרינציפן און שטעלן דערמיט דעם גאַנצן קבוץ אין אַן ערנסטער סכנה.

„ביז איצט" האָבן זיי געטענהט, „איז אונזער קבוץ געווען געבויט אויפן פרינציפ אַז יעדער איינער אַרבעט לויט זיינע פעאיקייטן און פאַרברויכט לויט זיינע דרינגענדע באַדערפענישן. אויב אָבער מיר זאָלן גיין העלפן אונזערע עלטערן, מוזן מיר עס טאָן אין איינקלאַנג מיט זייערע נויטן, אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק פון די העכערע אָדער ווינציקערע לוינען פון זייערע קינדער אין קבוץ. צווישן די מיטגלידער מיט ווינציקע לוינען זיינען דאָ פיל, וועמענס עלטערן זענען אפשר אין דער ערגסטער לאַגע. טאָרן זיי נישט פאַלן אַלס קרבן ווייל זייערע קינדער פאַרדינען ווייניקער פון די אַנדערע".

אין די מערסטע קבוצים ווערט דאָס דאָזיקע מאַטערנדע פראָבלעם געלייזט דורך דער שאַפונג פון ספּעציעלע קאָמיסיעס „פאַר הילף פאַר קרובים". די קאָמיסיע האָט אין איר רשות אַ געוויסע מאַנאַטלעכע סומע געלט, וואָס דער קבוץ האַלט פאַר מעגלעך צו אַסיגנירן פאַרן דאָזיקן צוועק. זי באַטראַכט געענוי די בקשות פון די חברים וועגן הילף פאַר זייערע עלטערן, אָדער אַנדערע נאָענטע קרובים. זיי לייענען די בריוו, וואָס קומען פון זיי און באַשליסן וועלכע פאַלן זיינען די סאַמע דרינגענדסטע און זיי באַשטימען די סומע וואָס מען דאַרף שיקן אין יעדן פאַל. אין פרינציפ זיינען די קאָמיסיעס אינסטרואירט זיך צו רעכענען נאָר מיט דער נויט פון די עלטערן, נישט רעכענענדיק זיך מיט די פאַרדינסטן פון זייערע קינדער אין קבוץ. איז אָבער די קאָמיסיע אימשטאַנד שטרענג זיך צו האַלטן ביים דאָזיקן פרינציפ אין פאַל, ווען אַ בעסער־פאַרדינענדער מיטגליד דראָט צו פאַרלאָזן דעם קבוץ, אויב זיינע

עלטערן וועלן נישט ווערן אויסגעהאַלטן אין דער ערשטער רייע? עס זעט אויס, אַז די פּראַקטישע נויט־לאַגע צווינגט נישט איינמאָל צו מאַכן אויסנאַמען אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן. עס זיינען שוין פאָרגעקומען עטלעכע פאַלן ווען וווערטפולע מיטגלידער פון אַ קבוץ האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַר־לאָזן דעם קבוץ אויף 1־2 יאָר מיט דער פאַרשטענדיקונג, אַז זיי וועלן גיין אין שטאָט אויף אַ פּריוואַטן פּאָסטן און אַזוי אַרום קענען אָפּשפּאָרן די נויטיקע סומע אויף קענען אַריבערברענגען זייערע עלטערן קיין ארץ־ישראל.

צענטראַלע קבוצים

די ביז־איצט באַשריבענע קבוצים באַשטייען פון אַ באַשרענקטער צאָל מיטגלידער, וואָס בויען אויס מיט געמיינזאַמע כוחות זייער קומענדיקע ווירטשאַפט. דאָס וואָרט „קבוץ" ווערט אָבער אין ארץ־ישראל באַנוצט אויך צו באַצייכענען די פאַראייניקונג פון עטלעכע אָרטיקע קבוצים אָדער קבוצות אין אַ ברייטערע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אָן מיט איר טעטיקייט איבערן גאַנצן לאַנד. עס זיינען דאָ צוויי ברייטערע לאַנד־קבוצים, וועמענס הויפּט־שטרעבונג איז אויסצושפּרייטן די געמיינזאַמקייט פון גיטער און אַרבעט וואָס עקזיסטירט אין די גרענעצן פון דער איינצלנער קבוצה אָדער קבוץ אויף עטלעכע אַזעלכע איינהייטן, וואָס זיינען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד.

דער עקסטרעם־ראַדיקאַלער עקספּערימענט פון דעם מין איז דער קבוץ ארצי, וועמענס מיטגלידער געהערן צום „השומר הצעיר", אַ מערקוויר־דיקע אָרגאַניזאַציע — ריכטיקער פּאַרטיי — וואָס פאַראייניקט אין זיך אַן אייגענעם סאָרט קאָמוניזם מיט אַ שאַרף אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַליזם. איך גלויב נישט, אַז ערגעץ־וואו אין דער וועלט זאָל זיין אַן אַנדער ביישפּיל פון אַזאַ ראַדיקאַלער אַנווענדונג פון קאָמוניסטישע פּרינציפּן, — אין עקאָנאָמישן און נישט־פּאָליטישן זין פון וואָרט — אין טאָג־טעגלעכן פּראַקטישן לעבן.

אין „קבוץ ארצי", וואָס האָט סוף 1941 געציילט 5,561 מיטגלידער, זיינען דאַן געווען אַנגעשלאָסן 44 קבוצות און קבוצים, צושפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. די מיינסטע מיטגלידער, מוזן צוליבן מאַנגעל אין מיטלען פאַר קאָלאָניזאַציע, נאָך זיין באַשעפטיקט אַלס לוין־אַרבייטער אין די שכנות'דיקע שטעט און קאָלאָניעס. דער „קבוץ ארצי" פאַרמאָגט אויך אַ צאָל האַנדווער־קער־וואַרשטאַטן און פאַבריקן. די דאָזיקע פאַבריקן, וועמענס אָריגינעלער ציל איז געווען צו באַזאָרגן די מיטגלידער מיט קאָלעקטיוו־אויסגעאַרבעטע סחורות האָבן ביסלעכווייז אויסגעברייטערט זייער טעטיקייטס־קרייז און אָנ־געהויבן פּראָדוצירן אויף פאַרן אַלגעמיינעם מאַרק.

אַן אַנדערע און מער־פּראַקטישע אַנווענדונג פון זעלבן קאָלעקטיוון פּרינציפּ שטעלט מיט זיך פאָר דער „קבוץ המאוחד", וועמענס מיטגלידער געהערן צו דער מער מעסיקער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי" (מפא"י). דער „קבוץ המאוחד" איז מער געניגט צו טאָלערירן די בערכדיקע אומגלייכקייט פון די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען אין אים אַנגעשלאָסן. די דאָזיקע בערכ׳דיקע אומגלייכהייט אין לעבנס־סטאַנדאַרט איז אַ רעזולטאַט פון פאַרשידענע קלימאַטישע און באָדן־באַדינגונגען אין די איינצלנע קבוצות און פון דער פאַרשידנקייט פון דער צייט ווען די קבוצות זיינען געגרינדעט געוואָרן און אפשר באַזונדערס פון פאַקט, דאָס ווען אייניקע פון די אַנגעשלאָסענע קבוצות זיינען שוין פול עטאַבלירט, זיינען נאָך די אַנדערע נאָך אַלץ אָפּהענגיק פון דער הכנסה פון דער אויסערלעכער לוין־אַרבעט פון זייערע מערסטע מיטגלידער.

אַ געוויסע אויסגלייכונג אין מאַטעריעלן מצב פון די באַזונדערע קבוצות, וואָס זיינען אַנגעשלאָסן אין קבוץ המאוחד, ווערט דערגרייכט דורכן צענטראַלן פאָנד, צו וועלכן עס שטייערן ביי אַלע קבוצות. דער פאָנד פאַרטיילט הלוואות צו די אַנדערע, וויניקער סטאַביליזירטע קבוצות, וואָס קענען נאָך נישט באַקומען הלוואות פון די געוויינלעכע באַנק־קוועלן.

פאָלגנדיק דעם ביישפּיל פון „קבוץ ארצי" האָט דער „קבוץ המאוחד" געשאַפן עטלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און עס הערשט די טענדענץ די דאָזיקע אַרבעט כסדר באַדייטנד אויסצוברייטערן.

סוף 1941 זענען אין „קבוץ המאוחד" געווען איינגעשלאָסן 38 קבוצות מיט 8,957 מיטגלידער.

ביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען נאָך בערך גאַנץ יונגע; זיי געפינען זיך אין מיטן פון אַ עוואָלוציע, וואָס דאַרף, צוליב זייער אומגעוויינלעכן כאַראַקטער, ווערן נאָכגעפאָלגט מיט דעם גרעסטן אינטערעס מצד די טעאָרעטיקער פון די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונגען אין דער גאַרער וועלט.

ארגון און מושב עובדים

אַרבעטער וואָס זיינען בכוח אָפּצושפּאָרן עפּעס געלט פאַר זייער צוקונפטיקער באַזעצונג אויף באָדן און האָבן גלייכצייטיק ניט קיין חשק צו נעמען אויף זיך די אַלע שטרענגע באַשרענקונגען פון קאָמוניסטישן לעבן אין קבוץ, האָבן געשאַפן אַן אייגענע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייער חלום צו ווערן קאָלאָניזירט. אָפּוואַרפנדיק די קאָלעקטיווע פּרינציפּן פון קבוץ, קולטיווירן די דאָזיקע גרופּן, וואָס ווערן געוויינלעך אָנגערופן „ארגון", אינדיווידועלע שטיקלעך באָדן פאַר זייערע מיטגלידער. דער „ארגון" האָט געוויסע שטופּן וואָס מאַכן אים ענלעך צום קבוץ; זיינע

מיטגלידער זיינען אויך מערסטנס שטאָטישע אַרבעטער, וואָס שפּאָרן געלט און באַשטימען אַ גרופּע פון זיינע חברים צו זיין דער אַוואַנגאַרד פון זיין קו־מענדן אַגריקולטורעלן ישוב. ווען אָבער די נויטיקע צוגרייטונגען זיינען שוין פאַרענדיקט און דער באָדן איז פאַרטיק צו ברייננגען איינקונפט, שאַפן נישט די מיטגלידער פון ארגון, וואָס קומען פון דער שטאָט, קיין קבוצה, ווי עס טוט עס דער קבוץ, נאָר זיי באַאַרבעטן דאָס לאַנד אויף אַן אינדיווידועלן אופן. דאָך קען מען נישט אַוועקשטעלן די דאָזיקע קאָלאָניסטן, וואָס באַזעצן זיך אויפן באָדן פון קרן קימת, וואָס ווערט זיי נישט איבערגעגעבן אַלס זייער פּריוואַטער אייגנטום, אין דער זעלבער קאַטעגאָריע ווי די פּריוואַטע קאָלאָניסטן, וואָס באַזעצן זיך אויף זייער אייגענעם באָדן. די מיטגלידער פון אַ ארגון, וואָס באַ־זעצן זיך אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד באָדן ווערן קאָנטראָלירט דורך שטרענגע געזעצן, וואָס פאַרבאָטן די באַנוצונג פון לוין־אַרבעט; זיי האָבן אויך נישט די מעגלעכקייט צו באַלעבאַטעווען מיט דעם קאָלאָניזירטן באָדן ווי זיי געפעלט צוליב צוועקן פון רווח. די דאָזיקע קליינע לאַנדווירטן האַלטן זיך אויך ביי קאָ־אָפּעראַטיווע פּרינציפּן ביים איינקויפן שטאָטישע סחורות און ביים פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און אויך ביי דער באַנוצונג פון שווערע לאַנדווירטשאַפט־לעכע מאַשינען. לעצטנס איז אין די דאָזיקע קאָלאָניעס אַפילו שטאַרק געוואָרן די טענדענץ צו באַאַרבעטן זייערע ברויט־פעלדער אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, באַשרענקנדיק זייערע אינדיווידועלע אָנשטרענגונגען צו מילך־ווירטשאַפט, עופות־צוכט, גרינס־גערטנדלעך און פּרוכט־בוימער.

אַ קאָלאָניע פון אַזעלכע האַלב־קאָלעקטיוויסטישע לאַנדווירטן איז אין ארץ־ישראל באַקאַנט אונטערן נאָמען „מושב עובדים״ (אַרבעטער קאָלאָניע). אַ דערפאָלגרייכער ארגון איז דער איבערגאַנג צו אַ מושב עובדים, פּונקט ווי דער וועג פון אַ קבוץ פירט צו דער קבוצה. אין אַנדערע ווערטער, דער קבוץ (מיט דער אויסנאַמע פון „באַזעצטן קבוץ״, וואָס מיר האָבן פריער באַשריבן) און דער ארגון ווערן באַטראַכט אַלס פאַרבערייטונגס שטופן פאַר די ביידע באַקאַנטע הויפּט־פאָרמען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע; די קבוצה און דער מושב עובדים *).

געלט פון אויסלאַנד אין קבוץ

די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל קוקן קרום אויפן באַזיץ פון עקסטראַ געלט פון זייערע מיטגלידער, אַפילו ווען דאָס געלט קומט פון

*) די אויביקע דעפיניציע פון קבוץ, צום אונטערשיד פון דער קבוצה, ווערט נישט שטענדיק ריכטיק אָנגעווענדעט אין פּראַקטישן לעבן. אַ צאָל גרופּן, און באַזונדערס די פון „השומר הצעיר״, רופן אָן זייערע קאָלעקטיוון „קבוץ״ אפילו נאָך דאָן, ווען אַלע מיט־גלידער זיצן שוין אויפן באָדן און קיינער איז נישט מער אַנגאַזשירט אין לוין־אַרבעט. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ באַדייטנדע צעמישונג אין דער טערמינאָלאָגיע פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע.

אויסערלעכע קוועלן (קרובים, ירושות א. אַז. וו.). אין פיל פאַלן איז שטרענג פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע געלטער.

כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַן אינטערעסאַנטע דערפאַרונג מיט פינף דאָלאַר, וואָס אַמעריקאַנער עלטערן פון אַ חלוץ האָבן דורך מיר איבערגעשיקט זייער זון אין ארץ־ישראל אַלס מתנה. קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָב איך געשריבן דעם יונגנמאַן אין חדרה, אַז איך וויל אים איבערגעבן די מתנה פון זיינע על־טערן. דער ענטפער איז געווען פאַר מיר באמת אומדערוואַרטעט: ער קען ניט אָננעמען די מתנה פון זיינע עלטערן ווייל דאָס איז קעגן די פרינציפן פון קבוץ: ער וועט זיך באַראַטן מיט זיינע חברים און זיי וועלן האָפנטליך קומען צו אַ באַפרידיגנדן באַשלוס וואָס צו טאָן מיט דעם געלט.

אין אַ חודש אָדער צוויי חדשים אַרום ווען איך האָב באַזוכט חדרה און די חלוצים פון אַמעריקאַנער קבוץ, האָט מיר דער יונגערמאַן וואָס איז געווען גליקלעך אָפּצונעמען אַ האַרציקן גרוס פון זיינע עלטערן, מיר דערציילט מיט פרייד אַז דאָס פראָבלעם מיט די 5 דאָלאַר איז געוואָרן געלייזט אויף אַ גליק־לעכן אופן. זיין קבוץ האָט באַשלאָסן איינצוקויפן ביכער אין לאָנדאָן און ער וועט מסכים זיין אָנצונעמען די סומע אַלס אַ ביישטייער פאַרן פאָנד איינצוקויפן אַ ביבליאָטעק פאַרן קיבוץ...

די קבוצות און דער מיטל־קלאַס

ווי מיר האָבן פריער דערציילט, זיינען די קבוצות אין דער ערשטער צייט געשטיצט געוואָרן נישט נאָר פון די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס נאָר אויך פון בירגערלעכע ציוניסטן, וואָס האָבן הויך אָפּגעשאַצט דעם נאַ־ציאָנאַלן אידעאַליזם פון די קבוצות און זייערע גרויסע מעלות אין דער פיאָ־נערישער קאָלאָניזאַציע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, איז דער פריערדיקער ענטוזיאַזם פון די בירגערלעכע ציוניסטן פאַר די קבוצות און קבוצים געוואָרן אָפּגעקילט. די הויפּט־סיבה איז געווען דער פאַקט, וואָס אין די לעצטע יאָרן פאַרן איצטיקן קריג האָט דער אידישער מיטל־קלאַס אין מזרח־אייראָפּע אויפגעהערט קוקן אויפן ציוניזם פון אַ סענטימענטאַלן אָדער אַבסטראַקט־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. די וואַקסנדע פאַרפאַלגונגען און די אָפּשוואַכונג פון דער אידישער עקאָנאָמישער לאַגע האָט פאַרוואַנדלט דעם ציוניזם אין אַ פּראַקטישע רעטונג פאַר גרויסע צאָלן פון רואינירטן אידישן מיטל־קלאַס. און זיינע פאַרשטייער אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן זיינען געוואָרן אַלץ מער פאַראינטערעסירט מיט דער קאָלאָניזאַציע פון אידישן מיטלשטאַנד, וואָס איז נאַטירלעך נישט געווען גענויגט זיך אָנצושליסן אין קבוצות נאָר געחלומט וועגן ווערן פּריוואַטע קאָלאָניסטן.

קריטיק פון דער קבוצה

די פונדאַמענטאַל געענדערטע באַציאונג צו די קבוצות דריקט זיך אויס אין אַ וואַקסנדער קרטיק איבער די דערגרייכונגען און מעטאָדן פון די קבוצות. פיל פון די דאָזיקע טענות פון די קריטיקער מעג מען פשוט איגנאָרירן אַלס בייזוויליקע אָדער נאַרישע רכילות־טרייבעריי. דערצו געהערט, למשל, די אָפּט־פאַרשפּרייטע לעגענדעס — ספּעציעל אין אוסלאַנד — וועגן דעם ... אוממאָראַלישן לעבן אין די קבוצות, וואָס שטאַמט מכלומרשט פון זייער קאָלעקטיוון כאַראַקטער. אויפן גרונט פון פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען איז דער מחבר אימשטאַנד צוריקצוווייזן די דאָזיקע לעגענדע מיט דער גרעסטער אַנטשידנהייט. די הייליקייט פון פאַרהייראַטן לעבן ווערט אין די קבוצות רעספּעקטירט נישט ווייניקער ווי איבעראַל און אויך די באַציאונגען צווישן די ניט־פאַרהייראַטע מיטגלידער שטייען אויף אַן אויסערגעוויינלעך הויכער מדרגה. אויב נישט אַלע פאַרהייראַטע פּאָרלעך זיינען געשטאַנען אונטער דער חופּה, האָט דאָס צו טאָן אויסשליסלעך מיט רעליגיעזע איבערצייגונגען, און מאַכן פון דעם אַן ענין פון מאָראַל איז פשוט נישט ערלעך.

מען קען אָבער האָבן אַן אַנדער סאָרט קריטיק, וואָס איז ווערט אַן ערנסטערע באַהאַנדלונג. דאָס האָט באַזונדערס אַ שייכות צו דער טענה, אַז די פּרינציפּן פון דער קבוצה שטערן איר אויסברייטערונג. די עקאָנאָמיש דערפאָלגרייכע קבוצה, הערן מיר טענהן, אַבסאָרבירט נישט קיין נייע קאָלאָניסטן אין דער זעלבער גרויסער מאָס, ווי עס טוט אַ דערפאָלגרייכע פּריוואַטע קאָלאָניע. טייל מענטשן גלויבן, אַז די קבוצה צוליב די שאַרפע באַגרענעצונגען אין דער אויפנאַמע פון נייע מיטגלידער, קען נישט ווי געהעריק אויסנוצן די גינסטיקע געלעגנהייטן, וואָס שאַפן זיך אין לויף פון זייער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. זי קען נישט, למשל, שטאַרק אויסברייטערן איר אינטענסיוו־באַאַרבעטן שטח מיט אַ געוויסן פּראָדוקט, וואָס קען ברענגען גוטע רווחים. די קבוצה טוט דאָס נישט, כל זמן זי איז נישט זיכער, אַז איר שטענדיקע מיטגלידערשאַפט וועט זיין גענוג פאַר דער פאַרגרעסערטער סעזאָן־אַרבעט אין דער צייט פון שניט. אויסמיידנדיק דאָס באַנוצן פון צייטווייליקער לוין־אַרבעט, איז די קבוצה גלייכצייטיק נישט גענייגט איבערצונעמען אַ שטענדיקע אחריות דורך אויפנעמען נייע מיטגלידער, ניט האָבנדיק די זיכערקייט, אַז זי וועט פאַר זיי האָבן שטענדיקע אַרבעט אויף אַ באַצאָלטן יסוד.

אַנדערע קריטיקירן די קבוצה דערמיט, וואָס זי גיט נישט קיין געלעגנהייט פאַר דער באַנוצונג פון קרעמער, בעלי מלאכות און אַנדערע נישט־לאַנדווירטשאַפטלעכע עלעמענטן, וואָס העלפן שטאַרק אויסברייטערן די פּריוואַטע קאָלאָניעס. אַזוי, למשל, האָבן אויסגעקוקט די טענות, וואָס ס'האָט אַרויסגערוקט אין אַ געשפּרעך מיט מיר מר. ב. א קליינער קרעמער אין טבריה.

„קוק אויף דגניה", האָט ער מיר געזאָגט. „די דאָזיקע קבוצה איז באַרימט אין דער גאַנצער וועלט און ס'איז כמעט נישטאָ קיין אידישער טו־ריסט, וואָס זאָל נישט האַלטן פאַר זיין חוב צו באַזוכן די קבוצה קומענדיק קיין ארץ־ישראל. ווען דגניה וואָלט געווען אַ פּריוואַטע קאָלאָניע, וואָלט שוין דאָרט לאַנג געווען איינגעאָרדענט אַ רעסטאָראַן, און ס'וואָלט זיכער געווען אַ וואונדערבאַר געשעפט. אין די פריערדיקע יאָרן, ווען דער טוריסטן־שטראָם איז נישט געווען אַזוי גרויס, פלעגן די קבוצה־מיטגלידער לייזן דאָס פּראָבלעם איינלאַדנדיק פשוט און האַרציק יעדן באַזוכער צו זייער קאָלעקטיוון מאָלצייט. די איבערגעטריבענע גאַסט־פריינטלעכקייט איז שטענדיק געווען אַ שווערע לאַסט פאַר אַן אָרעמער קבוצה. איצט וואָלט דאָס געווען אַבסאָלוט אוממעג־לעך".

„איצט", האָט מר. נ. פאַרגעזעצט „וואָלט נישט געווען דרינגנד נויטיק צו עפענען אין דגניה אַ פּריוואַטן רעסטאָראַן, וואָס וואָלט דאָך זיכער געווען אַ גרויסער דערפאָלג? בדרך אגב, וואָלט אַזאַ רעסטאָראַן אויך געגעבן דער קבוצה אַ הכנסה־ברייַנגענדן מאַרק פאַר אירע אייער, מילך און ירקות. פאַר־וואָס זאָל מען נישט געבן קיין מעגלעכקייט אַ ליטישע פאַמיליע פון דייטשע פּליטים צו מאַכן אַ שיין לעבן אויף דעם אופן, נישט דאַרפנדיק דערויף פאַר־ווענדן קיין איין פּעני פון עפנטלעכע געלטער?".

די פירער פון די קבוצות האָבן אָנגעהויבן אָנערקענען די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער קריטיק און זיי פּרוואוון צו לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אויף אַן אופן, וואָס זאָל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן זייערע קאָלעקטיווע פּרינ־ציפּן. אַזוי אַרום, האָבן זיי פאַרן אויסברוך פון קריג מסכים געווען מען זאָל אויפבויען רעסטאָראַנען און טוריסטן־הייזער אין די מערסט־באַזוכטע קבוצות — דגניה און עין חרוד, — בתנאי, אַז זיי געהערן צו עפנטלעכע אינסטיטו־ציעס, למשל, דעם טוריסטן־דעפּאַרטמענט ביי דער אידישער אַגענטור.

אין אַנדערע ווערטער, די וויכטיקסטע קריטיק קעגן די קבוצות באַ־שטייט אין דער טענה, אַז זיי שטייערן ניט ביי זייער חלק ביים אויפנעמען נייע אימיגראַנטן, וואָס איז דער וויכטיקסטער ציל און דער גרונד־שטיין פון דער גאַנצער אידישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ־ישראל.

אויף דער קריטיק ענטפערן די פאַרטיידיקער פון די קבוצות אויף צוויי אופנים. פון איין זייט, זאָגן זיי, אַז עס טאָר נישט ווערן איגנאָרירט דער פאַקט, אַז דער גרעסטער וואוקס פון דער באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען אין יענע פּריוואַטע קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך אין ציטרוס־גאַרטל פון לאַנד. מיט אַ קליינעם אויסנאַם געפינען זיך אַלע קבוצות אויסער דעם דאָזיקן גאַרטל. כדי צו זיין גערעכט, מוז זייער וואוקס ווערן פאַרגליכן מיט יענע, פּריוואַטע קאָלאָניעס, וואָס מאַכן אויך אַ לעבן פון דער תבואה־קולטור, מילכ־וואַרג און ירקות. ביי אַזאַ איינציק־ריכטיקן פאַרגלייך וועט זיך אַרויסווייזן

אַז די קבוצים נעמען אַריין נייע אימיגראַנטן אין אַ פאַרגרעסערטן פאַרנעם ווי די פריוואַטע קאָלאָניעס.

אַ צווייטער אַרגומענט פון די קבוצות־פאַרטיידיקער ווייזט אָן אויף דער פעאיקייט צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די מיטגלידער אומאָפּהענגיק פון די פאַרמעגן־אינטערעסן וואָס שעדיקן אַזאַ וואוקס אין די פריוואַטע קאָלאָניעס. אַזוי, למשל, האָט דגניה, איינפירנדיק נייע אינטענסיווע מעטאָדן פון לאַנד־ווירטשאַפט, דערמעגלעכט צו באַשעפטיקן אַ גרעסערע צאָל מענטשן אויף אַ קלענערן שטח און באַפרייט גלייכצייטיק אַ גרויסן טייל פון אָריגינעלן באָדן־שטח פאַר נייע קבוצות אין איר שכנות. קיין פריוואַטע קאָלאָניע וואָלט קיינ־מאָל נישט געטיילט זיך מיט אַ טייל פון איר באָדן נאָר דערפאַר ווייל זי איז נישט פעיק עס אַליין צו באַאַרבעטן.

די פאַרטיידיקער פון די קבוצות שלאָגן אויך אָפּ די טענות פון זייערע קריטיקער אָנווייזנדיק אויף דער וויכטיקייט פון אויפשטעלן אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין די קבוצות. דורך איינשליסן אינדוסטריע אין קרייז פון אירע אַקטיוויטעטן, פאַרקערפערט נישט נאָר די קבוצה איר אויפנאַמס־מעגלעכקייט פאַר נייע אימיגראַנטן, נאָר זי דערוועֶרבט אויך אַ רעזערוו פון אַרבעטס־קראַפט, וואָס קען אין דרינגענדע נויט־פאַלן ווערן באַנוצט פאַר עקסטרע אַרבעטן אויף די פעלדער אין דער סעזאָן־צייט.

אנערקענענדיק די ריכטיקייט פון די דאָזיקע אַרגומענטן, האַלטן מיר דאָך אַז די אויפנאַמס־פעיקייט פון די קבוצות קען ווייטער פאַרגרעסערט ווערן דורך אַ מער־ליבעראַלע אָנווענדונג פון אַ צאָל פון זייערע פרינציפּן. זיי דאַרפן נישט איינשמעלערן זייער קאָלעקטיוון כאַראַקטער, און דאָך מער ענערגיש אויסנוצן אַלע עקאָנאָמישע אויפנאַמס־פעיקייטן פאַרן שנעלערן וואוקס פון זייער באַפעלקערונג, דערפילנדיק דערמיט אין נאָך אַ גרעסערער מאָס דעם אידעאַל, וועמען זיי האָבן צו פאַרדאַנקען זייער אַנטשטייאונג און עקזיסטענץ.

קאַפּיטל עלף

דערציאונג און קולטור

צום אונטערשייד פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע מאָדערנע לענדער, עקזיסטירט נישט אין ארץ ישראל קיין אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע קינדער־דערציאונג. די מערסטע מאַכמעדאַנישע קינדער באַזוכן בכלל נישט קיין שולע, און אזוי ווי די מאַכמעדאַנער בילדן די מערהייט פון דער באַפעלקערונג, דערפירט עס צו אַ הויכער מדרגה פון אַנאַלפאַבעטיזם אפילו ביים אונטערוואַקסנדן דור.

אין אַזאַ אַלגעמיין אָפּגעשטאַנענע לאַנד האָבן די אידן באַוויזן נישט נאָר אָנצוהאַלטן דעם סטאַנדאַרד פון אַלגעמיינער דערציאונג, וואָס האָט צווישן זיי געהערשט אין אייראָפּע, נאָר אויך אויסצובויען אַ מאָדערנע שול־סיסטעם, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט די גאָר־פּראָגרעסיווע לענדער פון דער וועלט. ס׳איז שווער צו געפינען א יידיש קינד אין ארץ ישראל, וואָס באַזוכט נישט וועלכע ס׳איז שולע. דאָס איז אַ גרויסער אויפטו, באַזונדערס ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אַלע יידישע שולן זענען געשאַפן געוואָרן פון די אידן אַליין, אָן שום ווערטלעכער הילף מצד דער רעגירונג.

די אָפיציעלע ציפערן וועגן די שולן אין ארץ ישראל זעען אויס אַזוי *):

	יינגלעך		מיידלעך		צוזאַמען	
	1938־39	1939־40	1938־39	1939־40	1938־39	1939־40
מאַכמעדאַנער	50,278	52,594	12,912	14,345	63,190	66,939
קריסטן	12,688	13,665	10,835	11,661	23,523	25,326
אידן	40,405	42,769	38,892	40,709	79,217	83,478
אַנדערע	552	557	164	146	716	703
צוזאַמען	103,893	109,585	62,723	66,861	116,646	176,446

די „אַנדערע" אין דער טאַבעלע נעמען אַרום, הויפּטזעכלעך, דרוזן און באהאיס, וואָס געהערן נישט צו קיינע פון די וויכטיקסטע רעליגיעזע געמיינדעס פון לאַנד.

*) „סטאַטיסטיקעל אַבסטרעקט פאָר פּאַלעסטיין", 1941.

הגם עס זענען דאָ אין ארץ ישראל צוויי מאַכמעדאַנער אויף איין ייד, איז די צאָל יידישע קינדער, וואָס באַזוכן שולן, נאָך אַלץ העכער, ווי די צאָל פון די מאַכמעדאַנישע קינדער. אינטערעסאַנט איז דערביי דער גרויסער אונטערשייד אין שול־באַזוך פון ייִנגלעך און מיידלעך ביי די מאַכמעדאַנער. בכלל באַקומען נאָר 32 פּראָצענט מאַכמעדאַנישע קינדער אַ שול־ערציאונג, דער פּראָצענט פון ייִנגלעך, וואָס באַקומט אַ שול־ערציאונג איז 48 און פון מיידלעך קוים 13 פּראָצענט.

דער שול־באַזוך פון די קריסטלעכע קינדער אין ארץ ישראל איז זייער אַ הויכער. ער דערגרייכט ביי 94 פּראָצענט פון אַלע שול־פליכטיקע קריסט־לעכע קינדער.

די אידישע שולן

צוויי דריטל פון די יידישע קינדער באַזוכן די פאָלקס־שול־נעץ, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און איז אין 1932 געוואָרן איבערגענומען פון ועד הלאומי. אין אָנהייב 1942 האָט די צאָל אידישע קינדער, וואָס האָט באַזוכט די שולן פון ועד הלאומי באַטראָפן 62,807 אין פאַרגלייך מיט 58,692 מיט אַ יאָר פריער, די צאָל פון די לערער האָט באַטראָפן 1,800. די שול־נעץ האָט איינגעשלאָסן 198 קינדער־גערטנער, 204 פאָלקס־שולן, 25 מיטל־שולן, 5 לערער־סעמינאַרן און 5 פאַך־שולן.

אויסער די שולן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון ועד־הלאומי האָבן נאָך עקזיסטירט אין 1940 320 פּריוואַטע שולן מיט 25,791 שילער.

אַ טייל פון די פּריוואַטע שולן זענען געגרינדעט געוואָרן פון נישט־ציוניסטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, וואָס זענען געווען פאַר־אינטערעסירט נישט נאָר בכלל אין דערציען יידישע קינדער, נאָר זענען אויך געווען באַהערשט פון פאַרלאַנג צו באַקענען די יידישע קינדער פון ארץ ישראל מיט דער קולטור און שפּראַך פון זייערע לענדער. די גרעסטע פון די דאָזיקע אומאָפּהענגיקע שולן געהערן צו דער „אַליאַנס איזראַעליט" (כל ישראל חברים). אין אירע שולן לערנען זיך 4,172 קינדער. זיי בילדן אַ טייל פון אַ גרויסער נעץ פון שולן, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָרגינעל געגרינדעט איבערן גאַנצן מזרח מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן די פראַנצויזי־שע קולטור צווישן די אידישע קינדער אין אָריענט. אַ גרויסע שול פאַר מיידלעך, געשאַפן פון דער „אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיישן" געהערט צו דער זעלבער קאַטעגאָריע שולן.

די דאָזיקע אַלע שולן זענען אַנטשטאַנען נאָך פאַרן אויפקום פון פּאָ־ליטישן ציוניזם, אָבער זיי האָבן זיך איצט צוגעפּאַסט צום נאַציאָנאַלן גייסט

פון ישוב. אַזוי, אַז די העברעאישע שפּראַך איז איצט איבעראַל די הערשנדע אונטעריכטס־שפּראַך, און די אויסלענדישע שפּראַכן, צוליב וועלכע די שולן זיינען אָריגינעל געשאַפן געוואָרן, ווערן נאָר געלערנט אַלס אַ למוד און פאַר־נעמען אַ צווייטראַנגיקן פּלאַץ אין למודים־פּלאַן.

צווישן די פּריוואַטע שולן, זענען די וויכטיקסטע די תלמוד תורות, וואָס ווערן מערסטנס באַזוכט דורך ייִנגלעך. זיי לייגן וויכטיקער אַכט אויף לערנען אַלגעמיינע למודים, לייגנדיק דעם הויפּט־געוויכט אויף רעליגיעזער ערציאונג. טראָץ דעם, זענען זיי נאָך אַלץ נישט גענוג כשר אין די אויגן פון דער עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישער „אגודת ישראל״, וואָס האַלט אויס אירע אייגענע 10 שולן. אויסער דעם עקזיסטירן נאָך אַ צאָל אַנדערע פּרימיטיווע רעליגיעזע שולן, אויסגעהאַלטן דורך פאַרשידענע גרופּן פון אָריענטאַלישע אידן. ס׳רוב געפינען זיי זיך אין ירושלים.

ס׳איז זייער איבעראַשנד צו הערן, אַז אַ היפּשע צאָל יידישע קינדער באַזוכן נאָך אַלץ די קריסטלעכע מיסיאָן־שולן. די אָפיציעלע סטאַטיסטיק גיט אָן, אַז אין די מיסיאָן־שולן האָבן אין יאָר 1939־40 געלערנט 897 יידישע און 3.956 מאַכמעדאַנישע קינדער. אין אַלע יידישע שולן האָבן אָבער אין 1940 נאָר געלערנט 22 נישט־יידישע קינדער.

דער שול־בודזשעט

דער גאַנצער בודזשעט פון די יידישע גוזעלשאַפטלעכע שולן אין ארץ ישראל האָט אין יאָר, וואָס האָט זיך געענדיקט אין סעפּטעמבער 1942, באַ־טראָפן 517.940 פונט. די רעגירונג האָט דערויף בייגעשטייערט 56.000 פונט און די יערלעכע סובסידיע פון דער יידישער אַגענטור האָט באַטראָפן 50.000 פונט. דער גרעסטער טייל פון דער איבעריקער סומע — 411,940 פונט איז געדעקט געוואָרן דורך די יידישע קהילות אין פאָרם פון שכר־למוד און סובווענצן פון די שטאָטישע און דאָרפישע יידישע ראָטן.

די שולן, געשאַפן דורך פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס, ווערן בדרך כלל אויסגעהאַלטן דורך נדבות פון אויסלאַנד. די שולן פון דער „אַליאַנס איז־ראַעליט״, וואָס זענען פריער געוואָרן אויסגעהאַלטן דורך פאָנדן פון פראַנק־רייך, ווערן איצט אויסגעהאַלטן פון ועד הלאומי. דער פריער אָנגעגעבענער שול־בודזשעט פון ועד הלאומי שליסט נישט איין די דאָזיקע פּריוואַטע שולן, ווי אויך נישט די יידישע העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן. דער גאַנ־צער בודזשעט פון די יידישע ערציאונגס־אינסטיטוציעס האָט אין שול־יאָר 1941־42 באַטראָפן בערך 900.000 פונט.

די יידן אין ארץ ישראל וואַרפן פאָר דער רעגירונג, אַז זי גיט נישט די געעריקע סומע פאַרן אידישן שול־וועזן, ווי עס קומט די אידן לויט זייער

פראָצענט פון דער באַפעלקערונג. די 56,000 פונט, וואָס די אידן האָבן באַקו־מען אין 1941 מאַכט אויס קוים 20 פראָצענט פון אַלגעמיינעם ערציאונגס־בודזשעט פון דער א״י־רעגירונג, וואָס האָט באַטראָפן 285,272 פונט. אין 1941 זענען פון 176.446 שילער, וואָס זענען געוואָרן רעגיסטרירט אין אַלע ארץ ישראל׳דיקע שולן, 83.478 — אָדער 47 פראָצענט געווען יידישע קינדער. די דיספּראָפּאָרציע איז קלאָר און אָן יעדער באַרעכטיקונג.

דער פאַקט, אַז די רעגירונג האָט נאָך נישט געשאַפן קיין פאַסיקע שול־סיסטעם מיט שול־צוואַנג פאַר די מאַכמעדאַנער, גיט נאָך נישט קיין גרונט צו דיסקרימינירן קעגן די יידן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט זייערע שולן אָן יעדער מיטהילף פון דער רעגירונג. דרך אגב, ווייזט דער אלגעמיינער בוד־זשעט פון דער ארץ ישראל־רעגירונג אַ באַדייטנדן איבערפלוס אפילו אין די ערגסטע יאָרן פון קריזיס, און ס׳איז דערפאַר נישטאָ קיין לאָגישע באַרעכטי־קונג פאַרוואָס דאָס פּראָספּערירנדע ארץ־ישראל זאָל זיין מער אָפּגעשטאַנען אין דער דערציאונג פון זיין מאַכמעדאַנישער באַפעלקערונג ווי טערקיי, וואו די צוואַנגס־בילדונג איז איינגעפירט געוואָרן נאָכדעם ווי מוסטאַפאַ קעמאַל איז געוואָרן דער פירער פון דעם לאַנד.

די לעצטע יאָרן האָט די רעגירונג פאַרגרעסערט אירע סובווענצן פאַרן אַראַבישן שול־וועזן. די ארץ ישראל־רעגירונג באַשטימט אַ טייל פון איר יערלעכן איבערשוס, וואָס קומט ווי ס׳איז אלגעמיין אַנערקענט פון די יידישע קעשענעס אין רעזולטאַט פון דער יידישער אויפבוי־אַרבעט, אויף אויסבויען שולן אין די אַראַבישע דערפער.

די נישט־גענוגענדע שטיצע פון דער ארץ־ישראל רעגירונג פאַר יידישע שולן, ווערט שאַרף קריטיקירט מצד די פירער פונם יידישן ישוב. אָט ווי אַן אָנגעזעענער לערער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם אין אַ געשפּרעך מיטן מחבר:

„יעדעס לאַנד מוז דעקן זיינע בילדונגס־הוצאות פון זיינע אייגענע הכנסה־קוואַלן. בפרט ארץ־ישראל, אַ לאַנד מיט אַזאַ גרויסן איבערפלוס אין זיין רעגירונגס־בודזשעט, האָט אודאי נישט קיין מאָראַליש רעכט צו נעמען פון אויסלאַנד געלט פאַר עפענטלעכער בילדונג. אַזעלכע אויסלענדישע ביי־טראָגן קען מען נאָך באַרעכטיקן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אָדער וועגן אַ העברעאישער אוניווערזיטעט, וואָס קאָן נאָך קוואַליפיצירט ווערן אַלס אַ קולטורעלער לוקסוס. אָבער אַז קינדער זאָלן מוזן זיך לערנען לייענען און שרייבן דורך געלט וואָס קומט פון אויסלאַנד, דאָס איז אַ זאַך וואָס שטעלט דער ארץ ישראל־רעגירונג אין זייער נישט קיין שיינעם ליכט״.

די אויפלעבונג פון העברעאיש

די אונטעררי‏כטס־שפּראַך אין כמעט אַלע יידישע שולן אין ארץ ישראל איז העברעיש, וואָס איז פאָרמעל אנערקענט פון דער רעגירונג אַלס די שפּראַך פון אָרטיקן יידישן ישוב.

הונדערטער יאָרן האָט די שפּראַך פון דער ביבל געלעבט נאָר אין תפילות און אין רעליגיעזע ספרים און איז געוואָרן זעלטן באַנוצט דורך די יידן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. די איצטיקע אויפלעבונג פון העברעאיש אין ארץ ישראל נישט נאָר אין די שולן, טעאַטערס און צייטונגען, נאָר אויך אין די שעפּער, גאַסן און אין די קאָלאָניעס, איז איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען פון אונזער דור!

מיט 60 יאָר צוריק, ווען די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן זענען געקומען קיין ארץ ישראל, איז העברעיש בדרך כלל באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טויטע שפּראַך. די מערסטע אימיגראַנטן זענען געקומען פון לענדער, וואו די יידן האָבן גערעדט אויף זייער מוטער־שפּראַך — יידיש. דורך די יאָרהונדערטער ווען יידיש איז געוואָרן גענוצט פון די יידן אַלס זייער פאָלקס־שפּראַך, האָט דער דאָזיקער לכתחילה׳דיקער דייטשער דיאַלעקט אין זיך איינגעזאַפּט אַן אוצר פון העברעאישע ווערטער און פיל סלאַווישע פאָרמען און רעדנסאַרטן. ביסלעכווייז האָט זיך ענטוויקלט אַן אייגענע גראַמאַטיק, וואָס האָט יידיש שטרענג אָפּגעשיידט פון איר שטאַם־שפּראַך — דייטש — די זעלבע אַנטוויקלונג וואָס ס׳האָבן דורכגעמאַכט דאַטש (האָלענדיש) אָדער שוועדיש. דער גרונד־אונטערשיד פון דייטש איז ווייטער געוואָרן אונטערגעשטראָכן דורכן באַנוצן די העברעאישע שרייב־אַרט פון רעכטס אויף לינקס סיי אין געדרוקטע ספרים און סיי אין שריפטלעכער קאָרעספּאָנדענץ.

מיט צוויי דורות צוריק, ווען די אידעע פון יידישן רענעסאַנס האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן וואָרצלען אין די מזרח־אייראָפּעאישע געטאָס, האָט יידיש נאָך נישט געהאַט דערגרייכט די אויסערגעוויינלעכע אַנטוויקלונג וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די לעצטע פופציק יאָר. דאַן איז נאָך נישט געהאַט דערשינען אין יידיש קיין איין טעגלעכע צייטונג. נאָר אַ קליינע צאָל ביכער זענען געדרוקט געוואָרן אין יידיש און זייער אינהאַלט האָט געקענט אַפּעלירן נאָר צום פּרימיטיוון, נישט־געבילדעטן עולם. די יידישע משכילים, וואָס האָבן זיך דערצויגען אויפן שטודיום פון די העברעאישע קלאַסיקער, האָבן געקוקט אויף יידיש ווי אויף אַ זשאַרגאָן, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט צו קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אַ העכערן גראַד. די אויפקומענדע אינטעליגענץ, וואָס איז געוואָרן אויפגעהאָדעוועט אין ניט־אידישע שולן, איז אויך געווען פיינטלעך צו אידיש. זי האָט איר באַטראַכט אַלס אַ שטערונג פאַר דער

קולטורעלער און שפּראַכלעכער אַסימילאַציע פון די אידישע מאַסן, וואָס איז דאַן געווען אין זייערע אויגן די אידעאַלע לעזונג פון דער אידן־פּראָגע.

שפּעטער איז דער אַסימילאַציע־שטראָם געוואָרן שאַרף אָפּגעשטעלט דורך די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם פון דרויסן און די נאָכפאָלגנדע נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע צווישן די יידן. פיל כמעט־אַסימילירטע יידן האָבן אָנגעהויבן פאַרוואָרפן זייער פריערדיקע שטעלונג און אונטערגעשטראָכן זייער טרייהייט צום אידישן פאָלק און זייער ווילן זיך צו באַטייליקן אין זיין היסטאָרישן גורל. דאָך, האָט דער אויפשטייג פון די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען נישט דערפירט צו אַ פאַרשטאַרקטער אָנשטרענגונג אַז די גערעדטע פאָלקס־שפּראַך זאָל ווערן דער קוואַל פון אַ נייער נאַציאָנאַלער קולטור. צו שטאַרק איז נאָך געווען די פאַראַכטונג צו אידיש מצד די בעסער־סיטואירטע און מער־אויפגעקלערטע אידן. אנשטאט אויפהייבן אידיש, האָט די נאַציאָנאַלע רענע־סאַנס באַוועגונג געפונען איר הויפּט־אויסדרוק אין דער אָנשטרענגונג אויפצולעבן די אַלטע העברעאישע שפּראַך, און פאַרוואַנדלען די שפּראַך פון די אַלטע רעליגיעזע ספרים אין אַ שפּראַך פון מאָדערן־וועלטלעכער קולטור.

העברעאיש אין גלות

כדי בעסער צו פאַרשטיין די אייגנאַרטיקע סיטואַציע איז וויכטיק צו וויסן, אַז העברעאיש, הגם אַרויסגעשטויסן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין פולקאָם־טויטע שפּראַך, ווי לאַטייניש אָדער דאָס קלאַסישע גריכיש. הגם דער ייד האָט זיך באַנוצט מיט יידיש אין זיינע טעג־לעכע געשפּרעכן מיט זיינע ברידער־יידן, און האָבנדיק צו טאָן מיט די גויעשע ענינים האָט ער גערעדט די לאַנד־שפּראַך אָדער אירע רויע דאַרפישע דיאַ־לעקטן, האָט דער אָרטאָדאָקסישער ייד פונדעסטוועגן שטענדיק געקענט אביסל העברעאיש. דאָס באַנוצן העברעאיש אַלס די שפּראַך פון תפילות איז געווען זייער עקסטענסיוו, למשל, ווי לאַטיין ביי אַ קאַטוילישן קירכן־גייער. דאָס יידישע דאַווענען פאָדערט אַ גאַר־אַקטיווע באַטייליקונג פון יחיד, און דער דורכשניטלעכער דאַוונער פון אַמאָליקע דורות, אפילו אויב ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, האָט ער מער־ווייניקער פאַרשטאַנען דעם פירוש המילות. ביים יידישן דאַוונער האָט דערפאַר העברעאיש נישט געקענט אויס־קוקן אַזוי טויט ווי לאַטיין אין די אויגן פון קאַטוילישן קירכן־גייער.

אויסערדעם, איז העברעאיש אויך געוואָרן פיל באַנוצט אין גלות פאַר כל־ערליי דאָקומענטן, — אין הקדמות צו די קהילות־פּנקסים, אין חתונה־כתובות, אין רעקאָמענדאַציע־בריוו א. א. וו. אפילו אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינד פלעגט דער אַמאָליקער ייד פון דורכשניטלעכער אינטעליגענץ באַטראַכטן דאָס באַנוצן זיך מיט העברעאיש, מעג זיין מיט שרעקלעכע גראַ־

מאַטישע גרייזן — אַלס א סימן פון „גוטן טאָן". העברעאיש פלעגט אויך אָפט ווערן באַנוצט אין שריפטלעכן געשעפטס־פאַרקער צווישן ברידער־יידן.

די פּרעסע און די ליטעראַטור

מיט דער ווייט־פאַרשפּרייטער, הגם נישט גענוגענדער קענטעניש פון העברעאיש אַלס יסוד, האָבן די אָנשטרענגונגען פון די אידעאָלאָגן פון אידישן נאַציאָנאַליזם אין די 70־ער און 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אויפ־צולעבן די ביבל־שפּראַך אַלס מיטל פון אלגעמיינער אויפקלערונג, אָנגעטראָפן אַ באַגייסטערטע צושטימונג. אין 1881, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ביל"ו־באַוועגונג, האָט רוסלאַנד אַליין געהאַט 2 טעגלעכע העברעאישע צייטונגען: „המליץ" און „הצפירה", וואָס האָבן געהאַט אַ גענוג־גרויסע צירקולאַציע און געהאַט אַ גאָר־גרויסן איינפלוס אויף די יידישע מוחות. אפילו יידן, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען די העברעאישע טאָג־פּרעסע, זענען געוואָרן אומדירעקט באַאיינפלוסט דורך זייערע אַרטיקלען און נייעס, וואָס פלעגן אָפט ווערן דיסקוטירט אין די בתי מדרשים, וואָס זענען דאַן געווען עפּעס מער ווי געבעט־הייזער; זיי זיינען געווען אמתע פאָלקסטימלעכע קלובן, וואו יידן האָבן באַהאַנדעלט אַלע פראַגן פון זייער אייגענעם לעבן און פון דער דרויסנדיקער וועלט־פּאָליטיק.

עס האָט אויך עקזיסטירט דעמאָלט אַ גאַנץ היפּשע העברעאישע פּאַר־לאַג־טעטיקייט. געשיכטע, פּאָפּולער־וויסן, רייזע־באַשרייבונגען, נאָוועלן, וואו ליבע־ראָמאַנסן זענען געוואָרן פלינק און בריה'דיק צוזאַמענגעוווירצט מיט השכלה־פּראָפּאַגאַנדע, האָט געפונען אַ באַגייסטערטן לעזער־עולם צווישן די יינגערע און בעסער־דערצויגענע יידישע פאָלקס־קרייזן. אין זיינע פרייע שעהן פלעגט דער ישיבה־בחור לייענען זשעדנע אָפטמאָל פאַרבאָטענערהייט די לעצטע העברעאישע נאָוועלן, וועלכע האָבן אויסער זייער ראָמאַנטישן אינהאַלט, אויך געהאַט דעם אויפקלערנדן ציל דורכצודרינגען זייערע אָפּ־געשטאַנענע לייענער מיט די מאָדערנע אידעען וועגן קולטור, וויסן און רע־ליגיעזער פרייהייט.

די העברעאישע ליטעראַטור פון יענער צייט האָט געהאַט צווישן אירע פאָנען־טרעגער אויך אַ צאָל שרייבער מיט טאַלאַנט און פּראָמינענץ. יהודה לייב גאָרדאָן, אַ קרעפטיקער פּאָעט און אַ שאַרף־סאַטירישער שרייבער, האָט מיטגעהאָלפן צושטערן די טראַדיציאָנעלע יסודות פון דער אולטראַ־פרומער יידישקייט און איר ווידערשטאַנד קעגן וועלטלעכן וויסן און פרייען געדאַנק. אַן אַנדער טאַלאַנטירטער שרייבער, אברהם מאַפּו, האָט אויפגעפלאַמט די פאַרשטעלונגס־קראַפט און נאַציאָנאַלע געפילן פון דער יידישער יוגנט, שילדערנדיק לעבעדיק אין זיינע הויך־ראָמאַנטישע היסטאָרישע נאָוועלן די

אַמאַליקע גלאָריע פון פאָלק ישראל, און פרץ סמאָלענסקי, אַ לײדנשאַפטליך־פּלאָמיקער פּובליציסט האָט בײגעשטײערט צו דער קריטיק פון דער קעגנוואָרט און דער אידעאַליזאַציע פון דער אַמאַליקער גרױסקײט פון ישראל זײַן פּאָזיטיװן רוף צו שאַפן אַ גרױסע און אומאָפּהענגיקע אידיש־נאַציאָנאַלע צוקונפט.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז געװען אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך, אַז די ערשטע חובבי ציון, האָבן ענג פאַרקניפּט זײער ציוניסטישן אידעאַל מיט דעם דראַנג אױפצולעבן העברעאיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון קומנדן ארץ ישראל. זײ האָבן געהאַלטן, אַז פאַרלאָזנדיק דעם פאַרהאַסטן גלות מיט זײַנע פּרנסות און מנהגים, מוז מען אױך לאָגיש זיך אָפּטרײסלען פון דער טיפּישער גלות־שפּראַך. ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, װאָס העברעאיש איז פון אָנהױב אָן אָנגענומען געװאָרן אַלס די לערן־שפּראַך פון די יידישע שולן אין ארץ ישראל און אַלס יסוד פון אַ נײַער קולטור אינם אַלט־נײַעם לאַנד.

עװאָלוציע פון אידיש

מיט יאָרן שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ באַדײטנדע איבערענדערונג אין די קעגנזײַטיקע פּאָזיציעס פון יידיש און העברעאיש אין גלות. אין משך פון די לעצטע 50 יאָר, האָט יידיש, אַ שפּראַך פון אַן אַנערקענטן קולטורעלן הינטערגרונד, אומדערװאַרטעט אַנטװיקעלט אַ װיכטיקע ליטעראַטור און דער־װאָרבן אַ װאַקסנדע באַדײטונג אין פּאָליטישן און אין קולטורעלן לעבן פון די דערװאַכטע אידישע פאָלקסמאַסן. די אידישע אַרבעטער באַװעגונג האָט דורכ־געדרונגען די אָפּגעשטאַנענסטע פאָלקס־שיכטן מיטן כוח פון פּראָפּאַגאַנדע אין דער יידישער שפּראַך און אַזױ אַרום מיטגעהאָלפן אױפצוהײבן יידיש צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור־שפּראַך. אפילו די ציוניסטישע באַװעגונג, מיט איר גאַנצער איבערגעגעבנהײט צו העברעאיש, איז געװאָרן געצװאונגען אונטערן דרוק פון מוזן רעדן צום פאָלק אין זײַן אײגענער שפּראַך, צו געבן אַ גרױסן בײשטײער צום קולטורעלן פּראָגרעס פון יידיש.

די באַנוצונג פון יידיש אַלס אַ מיטל פון ליטעראַטור און ערציאונג האָט אױך באַקומען אַ מעכטיקן שטױס פאָראױס מיט דער קאָנצענטראַציע פון גרױסע מאַסן יידישע אימיגראַנטן אין די פאַראײניקטע שטאַטן. די ערשטע אימיגראַנטן אין די פאַראײניקטע שטאַטן זײַנען געקומען פון צװישן די אָרעמס־טע און אָפּגעשטאַנענסטע יידן פון מזרח־אײראָפּע. פּלוצלונג איבערגעפּלאַנצט אין אַ נײַער סביבה, האָבן זײ דערפילט אַ דרינגנדע באַדערפניש אין אַ טעגלעכער צײַטונג אַלס מיטל פון אַלגעמײנער אינפאָרמאַציע און אַ טריבונע פון װאַנענט זיך צו קענען צוזאַמענרעדן מיט זײערע ברידער־אימיגראַנטן. זיך צופּאַסנדיק צו אַ נײַעם לעבנס־ניװאָ, פיל העכער װי זײער לעבנס־שטײַ־

גער אין דער אַלטער היים, האָבן זיי אויך פאַרלאַנגט פאַרווילונג אין זייער אייגענער שפּראַך. דער אומגעווײַנלעכער וואוקס פון דער יידישער פרעסע און טעאַטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געוועזן דער דירעקטער רעזולטאַט פון די געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען. די פּאָזיציע פון אידיש איז ווייטער גע־וואָרן פאַרשטאַרקט דורכן אויפשטייג פון די קליינע פעלקער אין מזרח־איירפּאָפּע. פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, למשל, איז די יידישע אינטעליגענץ אין ליטע געווען גרייט אָנצונעמען רוסיש אַלס זייער טעגלעכע רעד־שפּראַך אנשטאט אידיש. נאָכן אומשטורץ פון צאַרישן רוסלאַנד, ווען רוסיש האָט אויפגעהערט צו זיין די דאָמינירנדיקע שפּראַך פון פרייען ליטע, האָבן די אי־דישע „אַסימילאַטאָרן" ניט געפילט מער קיין ענטוזיאַזם פאַר ליטוויש, מיט אי־רע מער־באַגרענעצטע קולטור־מעגלעכקייטן ווי זיי האָבן עס אַמאָל געפילט פאַר רוסיש, וואָס איז געוואָרן באַזייטיקט אַלס אַלטערנאַטיוו. די אידישע אינ־טעליגענץ האָט זיך דערפאַר צוריקגעקערט צום אידיש, וואָס האָט, פאַקטיש, אין דער צווישנצייט זיך דערוואָרבן אַ פיל העכערן סטאַנדאַרט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג.

די דערשטוינענדע טראַנספאָרמאַציע פון יידיש אין אַ ברייט־באַנוצ־טער ליטעראַטור שפּראַך, איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע געשעענישן פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע; דאָס איז פונקט אַזוי פענאָמענאַל ווי די אויפלעבונג פון העברעאיש אין ארץ ישראל.

אַנטוויקלונג פון העברעאיש אין ארץ ישראל

דער גרויסער פאָרטשריט, וואָס יידיש האָט געמאַכט אין גלות האָט אָבער ניט באַוואויגן די חלוצים אין ארץ־ישראל צו ענדערן זייער אָריענטאַציע אויף העברעאיש. די ציוניסטישע פירער אין ארץ ישראל האָבן ארויסגע־וויזן ווייניק גלויבן אין דער צוקונפט פון יידיש. די מערסטע פון זיי האָבן באַטראַכט דעם שנעלן אויפשטייג פון יידיש אַלס אַ צייטווייליקער באַרג־אַרויף, נאָך וואָס עס וועט קומען אַ פאַרשטאַרקונג פון דער אַסימילאַציע. זיי זענען פעסט איבערצייגט, אַז פריער צי שפּעטער וועט אידיש ווערן אַרויס־געשטופּט דורך רוסיש אין ראַטן־רוסלאַנד, דורך פּויליש אין פּוילן, דורך ענג־ליש אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער דער פאָרטשריט פון העברעאיש אין ארץ ישראל טראָגט דערפאַר אַ פּערמאַנענטן כאַראַקטער. די טראַגישע געשעע־נישן אין איצטיקן קריג, ווען די גרעסטע אידיש־רעדנדע ישובים זענען גע־וואָרן אויסגעראָטן אין היטלערס מערדער־לאַגערן, האָבן ווייטער אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציע פון אידיש און פאַרקלענערט אירע שאַנסן צו פאַרשטאַרקן איר פּאָ־זיציע אין קולטור־לעבן פון ארץ ישראל.

די ציוניסטישע אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן העברעאיש אַלס פונ־

דאמענט פון נייעם ארץ ישראל, זענען געוואָרן פאַרשטאַרקט דורך דעם כאַראַקטער פון דער אימיגראַציע, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער היים. די יידן, וועמענס שפּראַך איז ניט געווען יידיש, זענען רעפּרעזענטירט אין דער אימיגראַציע, אין אַ גרעסערער מאָס, ווי עס קומט זיי לויט זייער פּראָצענט־צאָל אין וועלט־יידנטום. אַ שפּראַכלעכע קלאַ־סיפיקאַציע פון די אימיגראַנטן, וואָס זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל אין די יאָרן צווישן 1932 און 1941, באַווייזט דאָס זייער בולט. אַנגעמענדיק, אַז אַלע יידן וואָס זענען געקומען פון מזרח־אייראָפּע און 90 פּראָצענט פון די יידן, וואָס זענען געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן גערעדט יידיש, און אַנגעמנדיק ווייטער, אַז 50 פּראָצענט פון די עמיגראַנטן פון אַזעלכע לענ־דער ווי דייטשלאַנד, עסטרייך און עגיפּטן, זענען פּאַקטיש געווען רוסישע אָדער פּוילישע אידן, וואָס רעדן אידיש, האָט נאָך אַלץ די צאָל פון די נישט־רעדנדע יידן באַטראָפן, בערך, 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער אי־מיגראַציע קיין ארץ ישראל.

דער פיל־שפּראַכיקער כאַראַקטער פון דער יידישער אימיגראַציע קיין ארץ ישראל, ווערט באַטראַכט פון די דאָרטיקע קולטור־טוער אַלס דער הויפּט־קוואַל פון דער שטאַרקייט פון זייער פּאָזיציע און די גרעסטע פאַרזיכערונג אין ערפאָלג פון זייערע באַמיאונגען. זיי טענה׳ן, אַז אַריענטאַלי־שע און מערב־אייראָפּעאישע אידן וואָלטן ניט איבערגעגאַנגען צו אידיש, אפילו ווען מען וואָלט זי מיט יאָרן צוריק פּראָקלאַמירט אַלס די אָפיציעלע שפּראַך פון ישוב. זיי וואָלטן געבליבן ביי די כל־ערליי שפּראַכן און דיאַלעקטן פון זייערע היים־לענדער, און דאָס אידישע ארץ־ישראל וואָלט געוואָרן אַן אמת׳ער בבל פון שפּראַכן. אָן אַן אויסשליסלעכער און אַן איינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָלט דער יידישער ישוב פיל פאַרלוירן אין זיין פּאָליטישער און קול־טורעלער באַדייטונג. דער גאַנצער אויפבוי פון יידישן ישוב וואָלט געשטעלט געוואָרן אין אַן ערנסטער געפאַר.

נאָך אַ מאָמענט פאַרשטאַרקט די שאַנסן פון העברעאיש אין ארץ ישראל. דער פאַקט, וואָס ביים פאַרטיילן די אַרבעטער סערטיפיקאַטן קיין ארץ ישראל ווערן באַפאָרצוגט די יעניקע קאַנדידאַטן, וואָס קענען אַביסל העברע־איש. די ציוניסטישע באַאַמטע אין די גלות־לענדער וואָס זענען ממונה אויף פאַרטיילן די אימיגראַציע־סערטיפיקאַטן, באַטראַכטן אַ מינימום פון העברע־איש ווימן אַלס וויכטיקן פאַרבאַדינג פאַר געבן אַ סערטיפיקאַט.

ס׳איז אָבער נישטאָ קיין יסוד צו גלויבן, אַז דער דערשטוינענדער פּראָגרעס פון העברעאיש אין ארץ ישראל איז אַ רעזולטאַט נאָר פון שפּראַכ־לעכע אָדער היסטאָרישע אייגנשאַפטן פון העברעאיש. עס זעט אויס, אַז די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון די אַראַבישע מאַסן און דער פאַקט, אַז די יידישע קאָלאָניסטן האָבן דערגרייכט אַ גרויסע מאָס פון עקאָנאָמישע אומ־

אָפּהענגיקייט פון זייערע אַראַבישע שכנים, זענען די וויכטיקסטע דערקלע־רונגען פאַרן שנעלן אויפשטייג פון העברעאיש *).

ווי ס'זאָל נישט זיין, איז העברעאיש שטאַרק פאַרוואָרצלט אין ארץ ישראל און ס'איז זייער אומוואַרשיינלעך, אַז עס קען ווערן אַרויסגעשטויסן דורך ווייטערדיקער איינוואַנדערונג. אויב מען קען רעדן וועגן אַ געפאַר פון אַרויסשטויסונג פון העברעאיש, קען עס גיכער קומען פון ענגליש אָדער אַראַביש ווי פון יידיש. אָבער אויך די דאָזיקע עווענטואַליטעט זעט אויס צו זיין אַ גאָר ווייטע און גאָר שוואַכע צוקונפט־פּערספּעקטיוו.

שול־פּראָגראַם

דער פּראָגראַם פון די יידישע שולן אין ארץ ישראל אַנטשפּרעכט מער־ווייניקער דעם פּראָגראַם פון ענלעכע שולן אין אַנדערע לענדער. די שוועריקייט פון לערנען מיט קינדער אין אַ שפּראַך, וואָס ווערט מייסטנס נישט געברויכט פון זייערע עלטערן, ווערט בייגעקומען דורך אַ גרויסער צאָל פון קינדערגאַרטענס, וואו קליינע קינדער לערנען זיך אויס צו רעדן העברעאיש, איידער זיי קומען אַריין אין דער פאָלקס־שולע.

אין די העברעאישע שולן ווערט ענגליש געלערנט אַלס די וויכטיקסטע פרעמדע שפּראַך. דאָס לערנען ענגליש איז פאַרפּליכטענד אין די מיטל־שולן און אין די העכערע קלאַסן פון די פאָלקס שולן. פראַנצויזיש, וואָס איז אַמאָל געווען אין ארץ ישראל די „פאַרמיטלונגס־שפּראַך" צווישן די אַנגעהעריקע פון פאַרשידענע אויסלענדישע גרופּן, וואָס פאַרשטייען זיך נישט קעגנזייטיק, איז איצט אַראָפּ אויפן צווייטן פּלאַץ. זי ווערט נאָך עקסטענסיוו באַנוצט דורכן עלטערן דור, אָבער דער יינגערער דור נוצט אַמערסטן ענגליש, וואָס ווערט אַלץ מער די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון לאַנד.

---

*) אַלס אַן אַלגעמיינער כלל זיינען די שאַנסן פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט איינצוהיטן איר עטנישע אייגנאַרטיקייט אין אַ באַשטימט לאַנד אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס פון קולטורעלער סופּעריאָריטעט (אָדער אינפעריאָריטעט) אין באַצוג צו דער מערהייטס־באַפעלקערונג פון לאַנד. אַזוי למשל, האָבן די דייטשע קאָלאָניסטן אין טראַנסילוואַניע, זייענדיק אַרומגערינגלט אין משך פון הונדערטער יאָרן דורך אַ מערהייט פון רומענער און אונגאַרן, געהאַט אַ גרעסערן שאַנס איינצוהיטן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, ווי זיי האָבן עס געהאַט צווישן די אַנגלאָ־זאַקסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — טראָץ דעם, וואָס זייער באַזעצונג אין צפון־אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן פיל שפּעטער.

אַן אַנדער וויכטיקער פאַקטאָר איז די נאָענטקייט פון עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט און דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין דעם פאַרנעם פון זייער עקאָנאָמישער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט. אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וואָס באַשטייט פון פויערן און אַרבעטער, וואָס לעבט אין ענג־געשלאָסענע געמיינדעס, האָט פיל־בעסערע שאַנסן איינצוהיטן איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, ווי אַ מינדערהייט פון הענדלער, צעשפּרייט און צעזייט צווישן די מיטגלידער פון אַ מערהייטס־נאַציע, וואָס האָט מיט איר אַ טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט דורך איר האַנדלס־פאַרקער.

אַראַביש ווערט געלערנט אין די העכערע קלאַסן פון די מיטל־שולן. דער למוד פון אַראַביש פאַרנעמט אָבער נישט דעם זעלבן וויכטיקן פּלאַץ, ווי דער למוד פון ענגליש. די גראַדואַנטן פון די העברעאישע מיטל־שולן, סיידן זיי האָבן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט זייערע אַראַבישע שכנים, זענען געוויינלעך נישט אימשטאַנד צו לייענען אַן אַראַבישע צייטונג און פאַר־שטייען מייסטנס נישט דאָס אַראַביש, וואָס ווערט גערעדט אויף דער גאַס. אין די לעצטע יאָרן איז אָבער פאַרשטאַרקט געוואָרן דער למוד פון אַראַביש אין די העברעאישע שולן און אויף דעם געביט קען מען פאַרצייכענען אַ היפּשן פּראָגרעס.

דאָס לערנען פון תנ״ך פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אַלע העב־רעאישע שולן. די מיינסטע לערער באַטראַכטן דאָס נישט אַלס אַ רעליגיעזן למוד, נאָר אַלס אַ וויכטיקע קולטור־קוועלע און אַ גאָר גרויסע הילף פאַר באַקענען זיך בעסער מיט העברעאיש. אין די מיטל־שולן און אין די העכערע קלאַסן פון אייניקע פאָלקס־שולן, ווערן אויך געלערנט פראַגמענטן פון משנה און גמרא. דאָס לערנען רעליגיע, אין ענגן זין פון וואָרט, איז פּרינציפּיעל באַגרענעצט צו די אַזוי גערופענע רעליגיעזע שולן, די תלמוד־תורה׳ס און ישיבות, אָבער, כדי אַנטקעגנצוקומען די פאַרלאַנגען פון די פרומע עלטערן, ווערט אויך אין די פאָלקס־שולן געלערנט מיט די קינדער ברכות, דאַווענען א. א. וו.

אין אַלגעמיין איז די יידישע שול־סיסטעם אין ארץ ישראל נישט אַזוי שטרענג ווי דאָס מלוכה׳שע שול־סיסטעם אין אַנדערע לענדער. עס דערלויבט געוויסע אָפּווייכונגען פון פונדאַמענטאַלן שול־פּראָגראַם. אַ צאָל שולן ווערן אָנגעפירט דורך אָנהענגער פון ביידע פליגלען פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג: פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און דעם רעליגיעזן „מזרחי״. הגם די שולן פון די אַרבעטער־ישובים און פון מזרחי בלייבן אונטערגעוואָרפן דער אַלגעמיינער אויפזיכט פון דערציונגס־דעפּאַרטמענט פון ועד הלאומי, האָבן זיי אַ געוויסע מאָס פון אינערלעכער אויטאָנאָמיע, וואָס ווערט קלאָר אָפּגעשפּיגלט אויך אין די ברייטע רעכט, וואָס ווערט זיי געגעבן אין דער פראַגע פון לערנען תנ״ך און רעליגיע.

פון די 66,739 שילער, וועלכע האָבן געלערנט אין די העברעאישע פאָלקס־שולן אין 1942, האָבן 14,661 געלערנט אין די אַרבעטער־שולן און 14,486 אין די שולן פון „מזרחי״. די איבעריקע האָבן געלערנט אין די אַלגעמיינע שולן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציפישע אידעאָלאָגישע קאָנטראָל.

לאַנדווירטשאַפטלעכע דערציאונג

פיל שולן זענען אַרומגערינגלט פון גערטנער, וואו די קינדער ווערט געלערנט געוויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. מען הערט אָבער אָפט זיך באַקלאָגן, אַז די דאָזיקע שול־גערטנער ווערן אָנגעפירט זייער אַמאַטאָריש און די קינדער, וואָס ענדיקן אפילו די דאָרפס־שולן, קריגן נישט קיין גענוגנדע אויסבילדונג אין אַגריקולטור. מען פאַרלאַנגט, אַז די שולן זאָלן האָבן ספּעציעלע לערער פאַר אַגריקולטור און ס׳זאָל ווערן אָבגעגעבן מער צייט פאַרן דאָזיקן למוד. מערסטנס ווערן די דאָזיקע פאַרלאַנגען אָנערקענט אַלס באַרעכטיקט מצד די פירנדע דערציאונגס־אויטאָריטעטן, אָבער עס זעט אויס, אַז די באַגרענעצטע שול־בודזשעטן באַשווערן שטאַרק די דורכפירונג פון פאַרלאַנגטן פּראָגראַם.

ענלעכע אָנקלאַגעס הערט מען אָפט אויך אין די שולן פון די פּריוואַטע קאָלאָניעס. אין די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, אין די קבוצות, איז די לאַגע אין דעם זין פיל בעסערע. פּראַקטישע אַגריקולטור ווערט דאָרט געלערנט אָנהויבנדיק פון קינדערגאָרטן. די קינדער פלאַנצן פאַרשידענע ירקות פאַר זייערע אייגענע קיכן, וואָס זענען אָפּגעזונדערט פון די קיכן און עס־צימערן פון די דערוואַקסענע. די קינדער העלפן לויט דער רייע דער קעכין אין איר אַרבעט; זיי וואַשן די טעלער נאָכן עסן און רייניקן די עס־צימערן נאָך יעדן מאָלצייט. אין די קבוצות־שולן ווערט אויך געלערנט אביסל סטאָלערײַ און אַנדערע עלעמענטאַרע פאָרמען פון האַנדווערקעריי. די קינדער אין די דאָזיקע שולן געניסן פון אַ גרויסער מאָס פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג און דער געפיל פאַר אחריות און רייפער באַטראַכטונג איז אַנטוויקעלט אין די שולן אין אַן אײַבערראַשנד־הויכער מאָס. די מיטגלידער פון די קבוצות זענען שטאָלץ מיט זייערע שולן און זיי באַטאָנען, אַז זיי האָבן דערפילט דעם טרוים פון פּראָגרעסיווע דערציער אין אַנדערע לענדער אויפצושטעלן דערפאָלגרייכע אַרבעטס־שולן.

עס זענען אויך פאַראַן אין ארץ ישראל עטלעכע ספּעציעלע שולן פאַר אַגריקולטור און דאָרפס־ווירטשאַפט. די וויכטיקסטע פון זיי איז מקוה ישראל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1870 פון דער „אַליאַנס". די דאָזיקע שול, וועלכע איז אגב אויך די עלטסטע אידישע אַגריקולטורעלע זידלונג אין ארץ ישראל, נעמט אָן בלויז קינדער, וואָס האָבן געענדיקט אַ פאָלקס־שול. זי גיט זיי אַ 3־יאָריקן קורס פון אַגריקולטור און גיט זיי אַ גרינטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע דערציאונג, ווי אויך אַלגעמיינע ידיעות. ביז 1910 זענען אַלע למודים געפירט געוואָרן אין פראַנצויזיש, אָבער דאַן איז איינגעפירט געוואָרן העברעאיש אַלס די הויפּט־שפּראַך און פראַנצויזיש

אַלס די צווייטע שפּראַך. די שול נעמט אויף 250 תלמידים און אויסער דעם סטעף באַשעפטיקט זי אויך א באַדייטנדע צאָל אַרבעטער אויף אירע פעלדער.

די אינטערנאַציאָנאַלע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע, די וויצ"א, האָלט אויך אויס אַן אויסגעצייכנטע אַגרי־קולטורעלע שול פאַר מיידלעך אין נהלל, עמק יזרעאל. די שול איז געגרינדעט געוואָרן פון חנה מייזל, איינע פון די וויכטיקסטע פרויען אין ארץ ישראל. דער צוויי יאָריקער קורס פון דער שול גיט אַ פּראַקטישע אויסבילדונג פון מאָלקעריי, עופות־צוכט און גערטנע־ריי. די פאָדערונגען פאַרן אריינטריט זענען בערך די זעלבע ווי אין מקוה ישראל.

צוויי אַנדערע אַגריקולטור־שולן, איינע אין בן־שמן, ביי לוד, און די אַנדערע ביי זכרון יעקב, זענען איינגעריכטעט הויפּטזעכלעך פאַר יתומים. די ערשטע ווערט געשטיצט פון דער „אידישער ווייזן־הילפע" אין בערלין, און די אַנדערע פון דער „הדסה". זיי פאַרמאָגן באַדייטנדעווירטשאַפטן, וואו די שילער ווערן דערצויגן צו פּראַקטישער אַגריקולטור אינם לאַנד.

נאָך אַ וויכטיקע אַגריקולטורעלע שול איז געוואָרן געגרינדעט פון דער א"י־רעגירונג מיט אַ טייל פונם געלט, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַלס צוואה פון ה' כדורי, אַ רייכן באַגדאַדער ייד. אזוי ווי דער פאַרשטאָרבענער נדבן האָט נישט אָנגעוויזן בפירוש אין זיין צוואה, אַז דאָס געלט גייט פאַר אַ אידישער שול, הגם דאָס איז וואַרשיינלעך געווען זיין כונה, — האָט די רעגי־רונג צעטיילט דאָס געלט אויף צוויי גלייכע חלקים: אַ העלפט פאַר אַ אידישער אַגריקולטור־שול און אַ העלפט פאַר אַן אַראַבישער. די אַראַבישע שול, ביי תול־כרם, איז געעפנט געוואָרן אין יאַנואַר 1931; די אידישע שול, נעבן היסטאָרישן הר תבור, אין גליל התחתון, איז געעפנט געוואָרן ערשט אין אָנ־הויב 1934.

דער פאַרבאַנד פון אידישע קאָלאָניסטן האָט אויך געעפנט אַן אַגריקול־טור־שול אין פרדס חנה, ביי חדרה. איר הויפּט־ציל איז צו געבן אַ פּראַקטישע דערציאונג די יעניקע פון זייערע זין, וואָס ווילן ווייטער אָנגיין מיטן אַגריקול־טורעלן באַרוף פון זייערע עלטערן.

פאַך־בילדונג

פּראָפעסיאָנעלע און פאַך־בילדונג איז נאָך נישט אַנטוויקעלט אין דער זעלבער מאָס ווי די לאַנדווירטשאַפטלעכע ערציאונג. עס זענען דאָ אַ פאַר פאַך־שולן וואָס טון אַ וויכטיקע אַרבעט, קוואַליפיצירנדיק דעם אונטער־וואַקסנדן דור אין פאַרשידענע צווייגן פון דער שטאָטישער אינדוסטריע. איי־נע פון זיי, גערופן אויפן נאָמען פון מאַקס פיין, איינעם פון די פירער פון די „פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן" אין אַמעריקע און איינער פון די

גרינדער פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ ישראל, ווערט מייסטנס גע־שטיצט פון אַמעריקאַנער פאַנדן. עס עקזיסטירן אויך אַ פּאָר פּריוואַטע האַנ־דעלס־שולן און עטלעכע אָוונט־קורסן פאַר פאַרשידענע פאַכן, אָבער עס בלייבט נאָך פיל אויפצוטאָן אויפן דאָזיקן וויכטיקן געביט.

די וויכטיקסטע טעכנישע שול אין ארץ־ישראל איז דער טעכניקום אין חיפה, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט 31 יאָר צוריק פון „הילפס־פאַראיין פון דייטשע אידן" מיט דעם געלט, געשאָנקען פון קלמן וויסאָצקי פון מאָסקווע און י. שיף פון ניו־יאָרק. אין אָנהויב פון 1914 איז די אינסטיטוציע געווען אַ שטורעם־צענטער אין קאַמף פון די ארץ־ישראלדיקע אידן קעגן דער דאָמינירונג פון אויסלענדישע שפּראַכן אין די שולן פון ארץ־ישראל. זיי האָבן געקעמפט מיט דער גרעסטער פאַרביטערטקייט קעגן דער טענדענץ פון „הילפס־פאַראיין" צו מאַכן פון טעכניקום אַ פאַרפּאָסטן פון דייטשער קולטור אין נאָענטן מזרח דורך באַנוצן דייטש אַלס די אונטעריכטס־שפּראַך פון די למודים.

דער טעכניקום איז יעצט פונקט אַזוי העברעאיש און נאַציאָנאַל אין זיין כאַראַקטער ווי אַלע איבעריקע אידישע שולן אין לאַנד. עס ווערט געגעבן זיין כאַראַקטער ווי אַלע איבעריקע אידישע שולן אין לאַנד. עס ווערט געגעבן אַ 4 יאָריקער קורס אין אינזשענירונג און אַרכיטעקטור. 260 שילער באַזוכן דעם טעכניקום. אַלס תלמידים ווערן אויפגענומען נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געענדיקט אַ מיטל־שול.

מיט 5 יאָר צוריק האָט דער טעכניקום געעפנט אַ ים־אינסטיטוט מיטן צוועק אויסצובילדן ים־אָפיצירן, נאַוויגאַטאָרס און שיף־בויער. די ערשטע קלאַס האָט גראַדואירט אין 1942. עס ווערן אויך אָנגעפירט קורסן פאַר ים־אויסבילדונג אין חיפה, תל־אביב און נתניה.

די רעגירונג האָט לעצטנס אָנערקענט די וויכטיקייט פון טעכניקום און פאַר אים באַשטימט אַ פאַרהעלטענישמעסיק גרויסע סובסידיע; אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז טעטיק אַ געזעלשאַפט מיטצוהעלפן דעם אינסטי־טוט אין זיין אַרבעט.

דער העברעאישער אוניווערסיטעט

נישט קוקנדיק אויף די 19 יאָר, וואָס זיינען אַריבער זינט דער אָפי־ציעלער דערעפענונג, איז דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים נאָך אַלץ נישט אימשטאַנד צו דערפילן געוויסע פּראַקטישע אויפגאַבן פון אוניווערסיטעטן אין אַנדערע לענדער. כאָטש זיינע ערציאונגס־מעגלעכ־קייטן ווערן אַלץ ברייטער, גיט ער נאָך אַלץ נישט, למשל, פולע קורסן אין מעדיצין און יוריספּאָנדענץ. זיין לערן־פּראָגראַם איז אַ מאָדנער מיש־מאַש

פון געווײנלעכע און העכערע קורסן, אָן אַ קלאָרן און געפּלאַנטן צוזאַמענהאַנג צווישן זיי.

אַמבעסטן פֿאַרגעשריטן זײַנען די שטודיעס אין הומאַניסטישן פֿאַקולטעט. ער שליסט איין דעם אינסטיטוט פֿאַר אידישע שטודיען, שולן פֿאַר אָריענטאַלישע שטודיען און הומאַניסטיק און אַ דעפּאַרטמענט פֿאַר ערציאונג. די וויכטיקסטע קורסן זענען איבער העברעאישע פילאָלאָגיע, תנ״ך און תלמוד, העברעאישע ליטעראַטור, אידישע פילאָזאָפיע, אידישע געשיכטע, איסלאַמישע קולטור, אַראַבישע שפּראַך און ליטעראַטור און עגיפּטאָלאָגיע.

דער דעפּאַרטמענט פֿאַר וויסנשאַפֿטן שליסט איין עקזאַקטע וויסנשאַפֿטן (מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע), ביאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן (באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, ביאָכעמיע), געאָלאָגיע און מעטעראָלאָגיע, און געוויסע מעדיצינישע קורסן (באַקטעריאָלאָגיע, פּאַראַזיטאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע). די מעדיצינישע קורסן זײַנען דער יסוד פֿאַר אַ מעדיצינישער שול, וואָס זאָל דאָ געעפֿנט ווערן אין דער צוקונפֿט.

אַ צאָל וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען אָנגאַזשירט אין פֿאָרשונגס־אַרבעטן, זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם העברעאישן אוניווערסיטעט. די פֿאָרשונגס־אַרבעט איבער די קלימאַטישע, היגיענישע און אַגריקולטורעלע פּראָבלעמען פֿון ארץ־ישראל, ווערט געפֿירט באַזונדערס אינטענסיוו. אַ גאַר וויכטיקן פּלאַץ פֿאַרנעמט די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע עקספּערימענטאַלע סטאַנציע פֿון דער אידישער אַגענטור אין רחובות און אַ קלענערע סטאַנציע אין גליל.

די מײנסטע פֿון די דאָזיקע פֿאָרש־אינסטיטוציעס העלפֿן איצט מיט אויף פֿאַרשידענע אופנים דער קריגס־פֿירונג פֿון די אַליאירטע אַרמייען אין מזרח. די אוניווערזיטעט אַרבעט אויס באַדײַטנדע קוואַנטומס פֿון סערומס און אײַנשפּריצונגען פֿאַר די אַרמיי־כוחות אין צפֿון־אַפֿריקע און געוויסע מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן זײַנען אויך געוואָרן געשיקט קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

די אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק, אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַן ענטוזיאַסטישן געלערנטן, דער פֿאַרשטאָרבענער ד״ר יוסף כאַזאַנאָוויטש פֿון ביאַליסטאָק, פּוילן, וועלכער האָט געווידמעט זײַן לעבן און פֿאַרמעגען אויף זאַמלען ביכער, וועלכע ער האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל. אין 1941 האָט די ביבליאָטעק געציילט איבער 360,000 בענדער, — צווישן זיי פיל זעלטענע און ווערטפֿולע ביכער און מאַנוסקריפּטן. די ביבליאָטעק פֿאַרמאָגט, למשל, איינע פֿון די פֿולקאָמנסטע זאַמלונגען פֿון דער אַלט־אַראַבישער ליטעראַטור, געשאָנקען דורך ד״ר איגנאַץ גאָלדציער, דער פֿאַרשטאָרבענער פּראָפֿעסאָר פֿון סעמיטישער פילאָלאָגיע אין בודאַפּעסט.

דער העברעאישער אוניווערזיטעט־פאַרלאַג האָט פאַרעפנטלעכט העב־רעאישע איבערזעצונגען פון קלאַסישע פילאָזאָפן און אַ צאָל אָריגינעלע ווי־סנשאפטלעכע אַרבעטן איבער אידישע און אַלגעמיינע ענינים.

טראָץ דעם מאַנגל אין מיטלען, האָט דער אוניווערזיטעט דורכגעפירט געוויסע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, מיט אַ גאָר באַדייטנדן דערפאָלג. ער האָט אויך קאָאָפערירט אין דער אַרכעאָלאָגישער אַרבעט, דורכגעפירט אין ארץ־ישראל דורך עטלעכע פון די פירנדע אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע און אייראָפּע.

אין אַקאַדעמישן יאָר 1940־41 איז דער אוניווערזיטעט באַזוכט געוואָרן פון 65 דאָקטאָר־קאַנדידאַטן און 1053 סטודענטן. 347 סטודענטן האָבן באַקומען זייער מיטל־שול בילדונג אין ארץ־ישראל, 213 אין פוילן, 188 אין דייטשלאַנד און עסטרייך, 119 אין טשעכאָסלאָוואַקיע, 67 אין רומעניע, 58 אין אונגאַרן און 61 אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער. פיל סטודענטן אַרבעטן בייטאָג אויף מאַכן אַ לעבן און זיי באַזוכן די אוניווערזיטעט ביינאַכט.

דער לערער־סטעף איז באַשטאַנען פון 39 רעגולערע פּראָפעסאָרן, 28 לעקטאָרן, 15 אַסיסטענטן און אינסטרוקטאָרן און 48 אַנדערע וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטער.

קריטיק פון אוניווערסיטעט

דער אוניווערזיטעט ווערט אָפט שטאַרק קריטיקירט אין ארץ־ישראל. טייל וואָלטן געוואָלט זען אין אים אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל ברענגען מער פּראַקטישן נוצן. וואָס האָט דער ישוב, למשל, פון אַ קאַטעדרע פון אינטער־נאַציאָנאַלן שלום — טענהן געוויסע קריטיקער — ווען עס זיינען נישטאָ קיין פאַסיקע מעגלעכקייטן פאַר אַ סיסטעמאַטישן שטודיום פון עלעמענטאַרער רעכט?

„ארץ ישראל איז אַ קליין לאַנד”, האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גע־שפּרעך מיטן מחבר אַן אַגראָנאָם, וואָס האָט געקריגן זיין העכערע בילדונג אין דייטשלאַנד. „אויב מיר דאַרפן האָבן אַן אוניווערזיטעט, טאָרן מיר זיך נישט פאַרקוקן אויף אָקספאָרד, אָדער קאָלומביע, נאָר אויף די באַשיידענע אוני־ווערזיטעטן פון בולגאַריע אָדער גריכנלאַנד. מיר נויטיקן זיך אין אַ אוני־ווערזיטעט, וואָס זאָל אונז באַזאָרגן נישט מיט סתם אינטעליגענטן מיט הויכע פּרעטענזיעס, נאָר מיט פשוטערע און מער פּראַקטישע פּראָפעשאָנעלס, וואָס זאָלן זיין פעאיק פאַר נוצלעכער און פּראַקטישער אַרבעט”.

די מיינסטע פון די איצטיקע פירער פון דעם אוניווערזיטעט מיט ד”ר חיים וויצמאַן בראש האלטן נישט, אַז די דאָזיקע קריטיק איז באַרעכטיקט. זיי זיינען איבערצייגט, אַז זייער סיסטעם פון בויען אינסטיטוטן און קאַטעדרעס

אַן אַ דירעקטן, אינערלעכן צוזאַמענהאַנג, און לאָזן זיי מיט דער צייט זיך אַליין צופּאַסן איינער צום אַנדערן, וועט אין לעצטן סך הכל ברענגען צו פיל בעסערע רעזולטאַטן. זיי באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צום פאַרלאַנג איינצושטעלן אַ „פאַבריקל פון פּראָפעסיאָנעלע פאַך־לייט", וואָס שטרעבן נישט צו דערוועררבן העכערע קולטורעלע ווערטן. זיי גלויבן, אַז דאָס וואָלט נישט געשטימט מיטן העכערן אידעאַל וועגן אַ גרויסן אידישן וויסנשאַפטס־צענטער, וואָס זאָל פאַרווירקלעכן דעם אַלטן אידישן הייליקן טרוים פון „מציון תצא תורה". אַ העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים קען נישט געבויט ווערן לויטן אַנגענומענעם שאַבלאָן; ער מוז זיין „עפּעס אַנדערש"...

עס שיינט, אַז ס'איז אויך דאָ אַ פּראַקטישער אַרגומענט, וואָס רעדט לטובת דעם דאָזיקן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט פון ד"ר ווייצמאַן און זיינע פריינט. דער אוניווערזיטעט ווערט דאָך נישט אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג, און ער באַקומט אויך נישט גרעסערע סובסידיעס פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס, ווי, למשל, די אידישע אַגענטור. זיין קיום איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון פּריוואַטע מעצענאַטן. די פינאַנסיעלע פאַרוואַלטער פון דער אוניווערזיטעט, און באַזונדערס ד"ר י. ל. מאַגנעס, דער דירעקטאָר פון דעם אוניווערזיטעט און דער מענטש וואָס טראָגט פאַר איר די גרעסטע אחריות זינט זיין גרינדונג, גלויבן, אַז זיי קענען לייכטער קריגן אַ מעצענאַט פאַר אַ קאַטעדרע וועגן רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, אָדער פאַר אַן אויסטערליש קלינגענדן „אינסטיטוט פון אינטערנאַציאָנאַלן שלום", איידער פאַר אַ פּראָסטן און מערנויטיקן קלאַס פון ציווילע רעכט. ווי לאַנג דער איצטיקער מעטאָד פון פינאַנסירן דעם אוניווערזיטעט וועט נישט ווערן געענדערט, וועלן די פירער פון אוניווערזיטעט וואַרשיינלעך מוזן פאַרטזעצן זייער איצטיקן סיסטעם פון שאַפן אַן אינסטיטוט נאָך אַן אינסטיטוט, אַ געביידע נאָך אַ געביידע, האָפנדיק אַז מיט דער צייט וועלן אויך קומען פּראַקטישע פאַרבעסערטע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון דער אינסטיטוציע.

די דאָזיקע האָפענונג האַלט, זעט אויס, ביים ווערן רעאַליזירט אין רעזולטאַט פון די אַנשטרענגונגען וואָס ווערן איצט געמאַכט צו זאַמלען נויטיקע פאָנדן פאַר אַ מעדיצינישן פאַקולטעט, וואָס וואָלט, אויב ער וועט ווערן געשאַפן, געגעבן דעם אוניווערזיטעט אַלס אַ גאַנצן אַ מער פּראַקטישע באַדייטונג.

אַלס ערשטער שריט אויפן וועג פון אויפשטעלן די דאָזיקע קאָסטבאַרע אינסטיטוציע, איז אויפגעבויט געוואָרן אויפן הר הצופים אין דער נאָענטער שכנות פון דעם אוניווערזיטעט, אַ גרויס און אולטראַ־מאָדערן שפּיטאָל (ראָטשילד הדסה־אוניווערזיטעט שפּיטאָל). ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ מעדיצינישע שול אונטער דער לייטונג פון באַרימטע געלערנטע, ווי זאָנדעק, האַלבערשטעדטער און ווערטהיימער, אַלע — באַקאַנטע אידיש־דייטשע פּראָפע־

סאַרן, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע קאַטעדרעס אין דייטשלאַנד צוליב דעם נאַצי־רעזשים.

דער צופלוס פון אָנגעזעענע דייטשע געלערנטע, אַרויסגעטריבענע פון דייטשלאַנד, האָט באַדייטנד פאַרגרעסערט די צוקונפטיקע מעגלעכקייטן פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט. ס'איז דאָ אַ גענוגנדע סיבה צו גלויבן, אַז טראָץ די פעלערן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין די ערשטע גרינדונגס־טעג, וועט דער אוניווערזיטעט סוף־כל־סוף אויסוואַקסן אין אַ וויכטיקער אינסטיטוציע פון העכערער בילדונג און וועט ביישטייערן אין אַ באַדייטנדער מאָס צו דער קולטורעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון נייעם ארץ־ישראל.

די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון אוניווערזיטעט ווערט עפעקטיוו פאַר־שטאַרקט דורכן דניאל זיף פאַרשונגס־אינסטיטוט, וואָס איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן אין רחובות, דעם 3־טן אַפּריל 1944. דער אינסטיטוט פאַרנעמט זיך מיט פאַרשונגס־אַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן פון כעמיע. אויסער ריינע וויסנשאַפט, ווערט געלייגט דער הויפּט־געוויכט אויף וויסנשאַפטלעכע פּראָב־לעמען, פאַרבונדן מיט דער אינדוסטריעלער אויסנוצונג פון די נאַטירלעכע און אַגריקולטורעלע קוועלן פון לאַנד. אין שפּיץ פון אינסטיטוט, געגרינדעט דורך אַ גרופּע לאָנדאָנער אידן, שטייט ד״ר חיים ווייצמאַן, וועלכער איז נישט נאָר אַ באַרימטער ציוניסטישער פירער נאָר אויך אַ פּראָמינענטער כעמיקער מיט וויכטיקע אַנטדעקונגען אויף זיין וויסנשאַפטלעכן קרעדיט.

טעאַטער אין ארץ ישראל

די גראַנדיעזע אַרבעט, וואָס ווערט אויפגעטאָן פון די ארץ־ישראלדיקע שולן פאַר דער אויפלעבונג פון העברעאיש, ווערט ווירקזאַם געשטיצט דורך טעאַטער און דער טעגלעכער פּרעסע.

פאַר אַ באַפעלקערונג פון 550,000, פון וועלכער פיל פאַרשטייען נאָך נישט העברעאיש, באַזיצט דאָס ארץ־ישראלדיקע אידנטום עטלעכע אויסגע־צייכנטע טעאַטער־טרופּעס. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז קיינע פון די טע־אַטער טרופּעס ווערט נישט געשטיצט דורך אַ פּריוואַטן אימפּרעסאַריאָ. אַלע זענען זיי קאָאָפּעראַטיווע אַנסאַמבלס, וואָס זענען קודם כל אָפּהענגיק פון דער עפנטלעכער אונטערשטיצונג, כדי צו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ.

דאָס וויכטיקסטע טעאַטער אין ארץ־ישראל איז די „הבימה". גע־שאַפן בעת דער רוסישער רעוואָלוציע אין מאָסקווע, האָט די „הבימה" באַלד געקריגן אַ וועלט־נאָמען צוליב דער זעלטענער קינסטלערישער קוואַליטעט פון אירע פאַרשטעלונגען. אין בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן און ניו־יאָרק איז „הבימה" באַגריסט געוואָרן אַלס אַן אָנזאָג פון אַ נייער עפּאָכע אין דער טעאַט־ראַלישער קונסט.

אין 1929, זיינען די וויכטיקסטע אַרטיסטן פון דער „הבימה" אַרײַנגעקומען קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבן געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זייער טעטיקייט. זיי האָבן אַן אייגענע טעאַטער־געביידע אין תל־אָביב, געשאַפן דורך פרייוויליקע ביישטייערן און זיי פירן אָפט דורך טורנעען אין די שטעט און קאָלאָניעס.

איר גרעסטן וועלט־רום האָט זיי „הבימה" באַקומען פון „דבוק" פון ש. אַנסקי. שפּעטער האָט זיך די „הבימה" אויסגעצייכנט אין אַ רייע היסטאָרישע דראַמען פון אידישן אינהאַלט און אין איבערזעצונגען פון דער קלאַסישער דראַמע, באַזונדערס פון שעקספּירן.

נאָך אַ וויכטיקע טעאַטער־טרופּע איז דער „אוהל" (געצעלט), אַן אַרבעטער טעאַטער, געשאַפן דורך דער הסתדרות. געגרינדעט, לכתחילה, דורך אַמאַטאָרן, וואָס זיינען אויף צומאָרגנס נאָך דער פאַרשטעלונג געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זיך איצט דער „אוהל" פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער־טרופּע, אין וועלכער די הויפּט־ראָלן ווערן געשפּילט דורך פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן. זיין רעפּערטואַר שליסט איין דראַמען, וואָס באַהאַנדלען סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון אידישן לעבן אין ארץ־ישראל. אויסער איר אָריגינעלן רעפּערטואַר, שפּילט זי אויך איבערזעצטע פּיעסן מיט אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע טענדענצן. „אוהל" האָט אויך אויפגעפירט גלענצענדע פאַרשטעלונגען פון קלאַסישע און ביבלישע דראַמעס. דער אַרטיסטישער ניוואָ פון טעאַטער איז געוואָרן הויך אָפּגעשאַצט פון קריטיקער און פון דער פּרעסע בעת זיינע טורנעען אין פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע.

אַן אייגנאַרטיקע טעאַטער־אונטערנעמונג איז דער „מטאטא" (דער בעזעם), וועלכער ספּעציאַליזירט זיך אין סאַטירע אויף אַקטועלע ארץ־ישראלדיקע טעמעס.

אַן אַנדער אינטערעסאַנטער טעאַטראַלער עקספּערימענט איז דער „תיאטרון לילדים", וואו קינדער זיינען נישט נאָר צושויער, נאָר אויך דאָס רוב אַרטיסטן. ער שטייט אָבער אונטער דער אָנפירונג פון אַ דערוואַקסענעם און זייער פעאיקן רעזשיסאָר.

אַלע די טעאַטערן זיינען קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, וואָס געניסן אַ געוויסע מאָס פון עפנטלעכער שטיצע. די „הבימה", למשל, איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון מיטגלידערשאַפט. אין תל־אָביב אַליין זיינען דאָ טויזנטער צאָלנדע מיטגלידער, וואָס צאָלן איין אַ געוויסן יערלעכן ביישטייער און קריגן דערפאַר זייערע בילעטן פאַר אַ רעדוצירטן פּרייז.

אַרטיסטיש שטייט דער העברעאישער טעאַטער אין ארץ־ישראל אונטער אַ שטאַרקן רוסישן איינפלוס. נישט אומזיסט איז דער ערשטער רעזשיסער פון „הבימה", דער פאַרשטאָרבענער וואַכטאַנגאָוו, געווען אַ רוס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַן אַרמענער. ער איז אַזוי באַגייסטערט געווען פאַרן געדאַנק

פון דראַמע אין דער ביבלישער שפּראַך, אַז ער האָט אָפּגעגעבן איר זיין זעלטענעם טאַלאַנט און אומדערמידלעכע ענערגיע.

מוזיק, מאָלעריי, סקולפּטור

געוויסע אָנשטרענגונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אויסצודריקן דעם גייסט פון נייעם ארץ־ישראל אין דער מוזיק. אָרטיקע מוזיקער האָבן אין די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט עטלעכע טאַלאַנטירטע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זיינען טיילווייז באַגרינדעט אויף אַלטע אידישע מאָטיוון, און טיילווייז אויף אָריענטאַלישע און ספּעציעל אַראַבישע נגונים. אַן אָרטיקע אָפּערא־געזעלשאַפט האָט פאַרפאַסט עטלעכע העברעאישע איבערזעצונגען פון איטאַליענישע און פראַנצויזישע אָפּערעס. אַן אָנהויב איז אויך געמאַכט געוואָרן מיט דער אויפפירונג פון אָריגינעלע ארץ־ישראלדיקע אָפּערעס. סימפאָניעס און אָראַטאָריעס זיינען אויפגעפירט געוואָרן פאַר אַן ענטוזיאַסטישן פּובליקום איבער גאַנץ ארץ־ישראל. מיט עטלעכע יאָר צוריק זענען געשאַפן געוואָרן פערמאַנענטע סימפאָנישע אָרקעסטערס אין ירושלים און אין תל־אָביב. דער תל־אָביבער אָרקעסטער האָט געהאַט דעם כבוד צו ווערן דיריזשירט ביי זיין ערשטן עפנטלעכן אויפטריט, אין אָקטאָבער 1936, דורך דעם וועלט־באַרימטן דיריגענט אַרטור טאָסקאַניני. עס עקזיסטירן אויך פּריוואַטע מוזיק־שולן אין די גרעסטע שטעט. אין ירושלים איז געשאַפן געוואָרן אַ מוזיקאַלישע קאָנסערוואַטאָריע.

צווישן די אימיגראַנטן אין די לעצטע 25 יאָר זיינען אויך געווען פאַרשידענע וועלט־באַרימטע מאָלער. ארץ־ישראל אַליין האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע טאַלאַנטירטע מאָלער, פיל פון זיי האָבן אויסגעשטעלט זייערע בילדער אין ניו־יאָרק און פּאַריז מיט באַדייטנדן דערפאָלג. פון די מער באַרימטע ארץ־ישראלדיקע קינסטלער מעג מען דאָ דערמאָנען פּאַן, רובין, גוטמאַן, ניומאַן און וויטנבערג. די קונסט־שאַפונגען פון די דאָזיקע מאָלער, הגם זיי זיינען נישט פריי פון פראַנצויזישע און אַנדערע אייראָפּעאישע איינפלוסן, שטעלן מיט זיך אָפּט פאַר אמתע אָריגינאַליטעט, וואָס דערלויבט צו האָפן אויף אַ ספּעציעלע „פּאַלעסטינער שולע״ פון מאָלעריי, וואָס זאָל אויסדריקן די אייגנשאַפטן פון פאָלק און לאַנד און זאָל קאָנען אין אַ געוויסער מאָס פאַרגליכן ווערן מיט דער „שפּאַנישער שול״. ארץ־ישראל, אַ לאַנד פון מערקווירדיקע לעבעדיקע קאָלירן און פאַרשידענע קעגנזייטיק־ווירקנדע קולטורן, שיינט צו געבן יינגע אַרטיסטן פיל געלעגנהייטן פאַר אינספּירירנדער שאַפונג.

די קונסט־ערציאונג אין ארץ־ישראל ווערט בעיקר רעפּרעזענטירט דורך דער קונסט־שול „בצלאל״ אין ירושלים. די דאָזיקע שול האָט געלייסטעט וויכטיקע פאַרדינסטן, באַאיינפלוסנדיק די אַרטיסטישע אינדוסטריען פון ארץ־ישראל.

פּרעסע פֿאַרלאַגס־טעטיקייט, ראַדיאָ

כמעט אַלע אידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין ארץ־ישראל ווערן פֿאַר־עפֿנטלעכט אין העברעאיש. עס דערשיינען איצט 8 העברעאישע טאָג־צייטונגען און אַ גרויסע צאָל וואָכנבלעטער און מאָנאַטס־שריפֿטן.

די העברעאישע צייטונגען זײַנען, בדרך כלל, ערשט אין אָנהויב פֿון זייער אַנטוויקלונג. זייער טיראַזש איז פֿאַרהעלטעניסמעסיק קליין און ביז לעצטנס איז קיין צייטונג נישט געווען קיין קאָסטן־דעקנדע אונטערנעמונג. דירעקט אָדער אומדירעקט, זענען זיי געוואָרן סובסידירט דורך אָרגאַניזאַציעס אָדער יחידים. אין די לעצטע יאָרן האָבן די צייטונגען פֿאַרגרעסערט זייער צירקולאַציע און האָבן אָנגעהויבן באַנוצן פֿיל מער אַנאָנסן. די סיבה איז: די פֿאַרגרעסערטע אימיגראַציע. אַדאַנק דעם האָבן זיי זיך אויך געקענט באַפֿרייען פֿון די פֿריערדיקע דעפֿיציטן.

די ארץ־ישראלדיקע צייטונגען ווערן געוויינלעך געדרוקט אין אַ גרע־סערן פֿאָרמאַט ווי די געוויינלעכע אַמעריקאַנער פּרעסע, אָבער, בדרך כלל, האַלטן זיי נישט מער ווי 6 זייטן. טראָץ מאַנגעל אין פּלאַץ באַוויזן זיי צו געבן אַ געטרײַע אָפּשפּיגלונג פֿון די וויכטיקסטע וועלט־געשעענישן. זיי האָבן לעבעדיק־געשריבענע עדיטאָריעלס, קורצע פּאָליטישע אַרטיקלען און פֿע־לעטאָנען אויף אַקטועלע טעמעס. אַ גוטע פּראָפּאָרץ פֿון זייער לעזע־שטאָף ווערט אָפּגעגעבן פֿאַר לאָקאַלע פּראָבלעמען און אינפֿאָרמאַציע.

עס דאַרף דאָ אויך ווערן באַמערקט, אַז די העברעאישע שפּראַך איז איינע פֿון די קאָנדענסירטסטע שפּראַכן אין דער וועלט. אַ צייטונגס־זייט אין העברעאיש אַנטהאַלט אין זיך 50 ביז 60 פּראָצענט מער לייען־מאַטעריאַל ווי אַן ענלעכע זייט פֿון זעלבן פֿאָרמאַט אין ענגליש.

עס וואָלט געווען שווער צו פֿאַרגלייכן די ארץ־ישראלדיקע העברע־אישע פּרעסע מיט די פֿירנדע טאָג־צייטונגען פֿון די הויפּט־שטעט פֿון דער וועלט. מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן אַז די פּרעסע פֿון ארץ ישראל האָט אַן עולם פֿון בלויז 550,000 נפֿשות, פֿון וועלכע פֿיל האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אויס־צולערנען גענוג העברעאיש כדי צו קענען לייענען אין דער שפּראַך אַ צייטונג.

טראָץ די אַלע אינערלעכע שוועריקייטן, ווײַזט אַרויס די ארץ־ישראל־דיקע פּרעסע אַ ברייטן אינטערעסן־קרייז און זי שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ דער־ציונגס־מיטל פֿון ערשטקלאַסיקער באַדייטונג. די העברעאישע צייטונגען אין ארץ־ישראל בויען, בדרך כלל, נישט אויף סענסאַציעס. קיין צייטונג קען נישט ווערן קלאַסיפֿיצירט אַלס אַ „געל בלעטעל" ענלעך צו די ביליגערע בלעטער אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. זיי רעדן צו אַן ערנסטן לע־זער עולם און זיי היטן אָפּ זייער געפֿיל פֿון זעלבסטווירדע און גוטן געשמאַק.

די פֿאַרשפּרייטעסטע טאָג־צייטונג אין ארץ־ישראל איז דער „דבר",

אָרגאַן פון דער הסתדרות. זי דערשיינט צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט. „דבר" האָט לעצטנס געפייערט איר 18 יאָריקן יובל פון איר עק־זיסטענץ און ווערט באַטראַכט אַלס אַ גלענצנדע צייטונג, וואָס קען אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט די בעסטע אַרבעטער צייטונגען אין איראָפּע.

די עלטסטע העברעאישע טאָג־צייטונג איז דער ליבעראַלער „הארץ", וואָס דערשיינט אָן איבערייס די לעצטע 25 יאָר. לויט איר צירקולאַציע קומט זי נאָכן „דבר". זי איז אַ וויכטיקער אָרגאַן פון דער עפנטלעכער מיינונג. פיל פּלאַץ ווידמעט זי פאַר ליטעראַרישע איבערזיכטן און אַנדערע קולטור־טעמען.

די אַנדערע וויכטיקע טאָג־צייטונגען זיינען דער „הבוקר" (דער מאָרגן), וואָס רעפּרעזענטירט דעם קאָנסערוואַטיוו־באַלעבאַטישן שטאַנדפּונקט; דער „הצופה" (דער וועכטער), אָרגאַן פון רעליגיעזן „מזרחי". די רעוויזיאָניסטן גיבן אַרויס זייער טאָג־צייטונג, דעם „המשקיף" (דער אָבסערוואַטאָר) און דער „השומר הצעיר" דעם „משמר" (די וואַך). אַלע די אויסגערעכנטע צייטונגען דערשיינען אין תל־אָביב.

ארץ־ישראל פאַרמאָגט אויך אַ היפּשע צאָל פון וועכנטלעכע און מאָ־נאַטלעכע אויסגאַבן, אייניקע פון זיי פאַרטרעטן באַשטימטע פּאַרטייען און אידעען; אַנדערע טראָגן אַ מער־ליטעראַרישן כאַראַקטער. עס דערשיינען אויך פיל אויסגאַבן, וואָס פאַרטרעטן באַשטימטע פּראָפעסיאָנעלע גרופּן און עקאָנאָמישע אינטערעסן.

אין ירושלים גיבן אידן אַרויס אַ ענגלישע טאָג־צייטונג מיטן נאָמען „פּאַלעסטיין פּאָסט". כאָטש זי דערשיינט אין ענגליש, קאָן זי פּאַקטיש באַ־טראַכט ווערן אַלס אַ אידישע צייטונג. זי ווערט רעדאַגירט פון ציוניסטן און גיט אָפּ א סך פּלאַץ צו די אידישע פּראָבלעמען אין לאַנד.

אַ באַזונדער פּראָגרעס איז דערגרייכט געוואָרן אויפן פעלד פון העב־רעאישער פאַרלאַגס־טעטיקייט. נישט ווייניקער פון 500 ביכער אַ יאָר ווערן יערליך אַרויסגעגעבן אין ארץ־ישראל. די מערסטע פון זיי זיינען איבערזע־צונגען פון פרעמדע שפּראַכן. ס'איז כמעט נישטאָ קיין איין וויכטיקע נאָוועלע, וואָס זאָל דערשיינען אין וועלכער עס איז שפּראַך, זי זאָל נישט גלייך איבער־זעצט ווערן אין העברעאיש. ביכער פון סאָציאָלאָגישן אינהאַלט האָבן אויך אַ ברייטן לעזער־קרייז. די מערסטע פאַרלאַגן זיינען פּריוואַטע געשעפטן, וואָס מוזן זיך אַליין אויסהאַלטן. עס זיינען אָבער דאָ עטלעכע פאַרלאַגן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן און ווערן אויסגעהאַלטן פון אָרגאַניזאַציעס ווי די הסתדרות, דער השומר הצעיר א. אַז. וו.

ביז 1936 האָט ארץ־ישראל נישט געהאַט קיין אייגענע ראַדיאָ סטאַנציע און די ראַדיאָ־ליבהאָבער האָבן זיך געמוזט באַגנוגענען מיט ראַדיאָ־אוידיציעס

פון אויסלאַנד. איצט, אָבער, האָט די ארץ־ישראל רעגירונג געעפנט אן איי־גענע ראַדיאָ־סטאַנציע, לעבן רמלה, אין צפון פון ירושלים. די דאָזיקע סטאַנ־ציע באַנוצט זיך מיט אַלע 3 אָפיציעלע שפּראַכן פון לאַנד *).

לענדער אין זייער פּיאָנערן פּעריאָד האָבן נישט געוויינלעך קיין סך צייט פאַר קולטור. דער פאַקט, אַז דאָס ארץ־ישראלדיקע אידנטום, זייענדיק איבערן קאָפּ באַלאָדן מיט דרינגענדע אויפבוי־אַרבעטן, האָט באַוויזן, טראָץ זיין קליינער צאָל, צו אַנטוויקלען אַזעלכע באַדייטנדע קולטורעלע אויפטוען, זאָגט פאַר ריזיקע קולטור־דערגרייכונגען אין דער ווייטערער צוקונפט.

---

*) ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גערייצטער שטימונג אין ארץ־ישראל, אַז אפילו אַזאַ נוצלעך מיטל פון קולטורעלער באַדייטונג ווי די ראַדיאָ, האָט גלייך אַרויסגערופן נאַ־צאָנאַלע עמפינדליכקייט און דערוואַכטע חשדים. גלייך נאָך דעם ווי די סטאַנציע האָט זיך געעפנט, האָבן די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן ליידנשאַפטלעך פּראָטעסטירט קעגן באַנוצן דעם העברעאישן נאָמען פון לאַנד „ארץ־ישראל", צוגלייך מיטן ענגלישן „פּאַלעסטינע" און אַראַבישן „פיליסטין". די רעגירונג האָט דאַן באַשלאָסן צו באַנוצן דאָס וואָרט „ירושלים", אַלס דער נאָמען פון דער סטאַנציע, נישט דערמאָנענדיק בכלל דעם נאָמען פון לאַנד. דאָס האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אַ נייעם פּראָטעסט־שטורם מצד די אידן.

קאַפּיטל צוועלף

אידישע מעדיצינישע טעטיקייט אין ארץ ישראל

בעת מיינע וואַנדערונגען איבער ארץ ישראל, בין איך אַמאָל אריינ־געקומען אין אַ נידעריקן פּלאַץ, וואָס ווערט אַנגערופן אין אַראַביש „וואַדי על מאַט״, דער טאָל פון טויט. די געגנט, וואָס ליגט צו מזרח פון דער בליענ־דער קאָלאָניע נהלל, האָט אויסגעקוקט צו זיין געזונט און פרוכטבאַר און ס'איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז דער נאָמען זאָל האָבן אַ שייכות מיט דער ווירקלעכקייט. דאָך האָט אַמאָל דער דאָזיקער נאָמען געהאַט זיין באַרעכטי־קונג. אַלטע אַראַבער אין דער געגנט דערציילען וועגן אַ קאָלאָניע פון דייטשע טעמפּלערס, וואָס איז דאָ אויסגעשטאָרבן פון מאַלאַריע מיט אַ אַכציק יאָר צוריק. זיי ווייזן אָן אויף די חורבות פון אַמאָליקע אַראַבישע דערפער, וואָס זיינען פאַקטיש פאַרניכטעט געוואָרן דורך שטאַרקע עפּידעמיעס. די איבער־געבליבענע יחידים זיינען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע בערג, וואו זיי האָבן אויפגעבויט נייע דערפער.

קיין שפור פון מאַלאַריע איז איצט מער נישטאָ אין דעם אַמאָל פאַר־פעסטעטן טאָל. די אידישע קאָלאָניסטן פון די דערבייאיקע אידישע דערפער, נהלל און כפר יהושע, באַאַרבעטן רואיק זייערע פעלדער און נעמען אַראָפּ אַ רייכע גערעטעניש; עס גייט זיי איצט, זעט אויס, גאָרנישט אָן מער די צו שלעכ־טע רעפּוטאַציע פון זייער געגענט. זייערע קינדער זענען פונקט אַזוי שטאַרק און געזונט ווי אומעטום. זיי באַטראַכטן די מאַלאַריע אַלס אַ געשיכטע פון פאַרצייטן, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו דער איצטיקע לאַגע אין דער געגנט.

די דאָזיקע גרינטלעכע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די היגיע־נישע באַדינגונגען אין דער געגנט, איז אינגאַנצן דער רעזולטאַט פון אידי־שער סאַניטאַרישער אַרבעט. די טיפע בלאָטע פון נידעריקסטן פלאַץ אין „טאָל פון טויט״, וואָס איז במשך פון דורות געווען אַ אידעאַלער פלאַץ פאַר מיליאָנען מאָסקיטן, איז אויסגעטריקנט געוואָרן דורך די טויט־פאַראַכטנדע חלוצים, וועלכע זיינען געקומען אין דער געגנט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק. חוץ דעם, איז יעדעס טייכעלע, יעדע קאַלוזשע פון רעגן־וואַסער סיסטעמאַ־טיש באַשפּריצט געוואָרן מיט נאַפט, און יעדעס פאַרבאָרגענע ווינקעלע איז דורכגעזוכט געוואָרן צו פאַרניכטן די אייערלעך פון די עפּידעמיע־ברענגנדע אינזעקטן.

נאָך יאָרן פון וויסנשאַפטלעך־דורכגעפירטער סאַניטאַרישער אַרבעט, איז דער נהלל ראַיאָן איצט אַזוי געזונט ווי יעדער אַנדערער טייל פון לאַנד. דער טויט־ברענגענדער שונא איז געוואָרן באַזיגט!

דערגרייכונגען פון „הדסה"

אין טבריה האָב איך געטראָפן אַ פרוי, אַ דאָקטאָר פון דער „הדסה". ד"ר ס. — איז אַן אויגן־ספּעציאַליסט, וועמענס הויפּט־אַרבעט איז צו באַקעמפן די אויגן־קראַנקהייטן, וואָס האָבן פריער געווילדעוועט צווישן די קינדער פון דאָזיקן אויסערגעוויינלעך־הייסן ראַיאָן. זי האָט מיר געגעבן עטלעכע דערשטוינענדע ציפערן איבער דעם פּראָגרעס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין קאַמף קעגן דער טראַכאָמע, די פאַרשפּרייטסטע און אַנשטעקנדסטע קראַנקהייט צווישן די ארץ־ישראלדיקע קינדער. דער אַלגעמיינער פּראָצענט פון אויגן־לײַדנדע צווישן די שילער, וואָס באַזוכן שולן, איז געפאַלן אין די לעצטע 20 יאָר פון 35 פּראָצענט ביז 6 פּראָצענט.

די אידישע געזונדהייטס־טעטיקייט אין ארץ־ישראל ווערט פינאַנסירט אויפן זעלבן אופן ווי די אידישע דערציאונגס־אַרבעט: דורך פּריוואַטע מיטלען, און יעדער וועזנטלעכער הילף מצד דער רעגירונג. פאַר די לעצטע 25 יאָר איז דער הויפּט־מקור פון הכנסה געווען די „הדסה", וואָס איז ענג־פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די „הדסה" האַלט אויס דעם גרעסטן שפּיטאָל אין ארץ־ישראל, דעם ראָטשילד־הדסה אוניווערזיטעט שפּיטאָל אויפן הר הצופים, אין ירושלים, און אַ קלענערן שפּיטאָל פאַר טובערקולאָז־קראַנקע אין צפת, און נעמט אַן אנטייל אין דעקן די בודזשעטן פון די שטאָטישע און קהלה־שפּיטאָלן אין תל־אביב און אין חיפה. אויסער דעם פירט זי אָן אין ס'רוב שטעט מיט אַ רייע אַנשטאַלטן פאַר קימפּעטאָרינס און קינדער היגיענע. מיט דער הילף פון די פאָנדן, געשאָנקן פון פאַרשטאָרבענעם נאַטאַן שטרויס פון ניו־יאָרק, האָט „הדסה" אויפגעשטעלט צוויי אויסגעצייכנטע געזונדהייטס־צענטערן אין ירושלים און אין תל־אביב — די איינציקע אינסטיטוציעס פון דעם מין איבער גאַנצן נאָענטן מזרח.

ביי איר שפּיטאָל אין ירושלים האַלט „הדסה" אויס אַ שול פאַר פלעגערינס מיט 80 שילערינס. דאָ האָט זי אויך געשאַפן אַ אינסטיטוט פאַר פאַרמאַצאָלאָגיע, וואָס וועט האָפנטלעך אַמאָל ווערן אַ טייל פון מעדיצינישן פאַקולטעט פון דעם ירושלימער אוניווערזיטעט.

די „הדסה" פאַרטיילט אָדער סובסידירט 30,000 שול־אָנבייסנס אַ טאָג און האַלט אויס 33 שפּיל־פּלעצער פאַר קינדער אין די שטעט און גרעסערע קאָלאָניעס. איר דעפּאַרטמענט פאַר שול־היגיענע האָט די אויפזיכט איבער 60,000 קינדער און 450 שולן.

די באטייליקונג פון „הדסה" אין ארץ־ישראלס אַנטי־מאַלאַריע־אַקטי־וויטעטן (אַן אַרבעט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון דער „הדסה"), איר הילף אין אויסראָטן טראַכאָמע און טובערקולאָז, און איר הילף ביים אויסהאַלטן די פּאַרש־טעטיקייטן אויף די געביטן פון קלימאַט און געזונטהייט, דורכגעפירט דורך דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, זיינען ווייטערדיקע וויכטיקע ביישטייערונגען פון דער דאָזיקער גלענצענד־טיכטיקער אָרגאַניזאַציע פאַרן געזונדהייטס־ווערק אין ארץ־ישראל. זינט 1918 האָבן די מעדיצינישע אויסגאָבן פון דער „הדסה" אין ארץ־ישראל, אויסער אירע פיל אַנדערע אַקטיוויטעטן, אַמווייניקסטן איבערגעשטיגן די סומע פון 3 מיליאָן פונט.

יאָרן־לאַנג האָט דער מעדיצינישער בודזשעט פון דער „הדסה" אי־בערגעשטיגן דעם גאַנצן בודזשעט פון געזונדהייטס־דעפּאַרטמענט פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג. אין די לעצטע יאָרן, אָבער, איז „הדסה" גע־וואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַנדערע אַקטיוויטעטן (ווי יוגנט־עליה, וואָס ראַטעוועט קינדער פון דייטשלאַנד און נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע) און האָט איבערגעגעבן אַ טייל פון אירע מעדיצינישע פונקציעס צו לאָקאַלע אינסטי־טוציעס און מוניציפּאַליטעטן. הגם זי פאַרנעמט נישט מער איר אַמאָליקן דאָ־מינירנדן פּלאַץ אין ארץ־ישראלס געזונדהייטס־אַרבעט, איז זי נאָך אַלץ דער פירער ביים אַוועקשטעלן הויכע סטאַנדאַרטן פון געזונדהייטס־אַרבעט, וואָס דינען ווי אַ ציל און אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע מעדיצינישע אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל.

די קופּת־חולים — קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות

די וויכטיקסטע לאָקאַלע געזונדהייטס־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, איז די „קופּת חולים" —די קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות. אין 1941 האָט איר בודזשעט באַטראָפן 353,536 פונט. איר גאַנץ געלט קומט פּאַקטיש פון די הסתדרות מיטגלידער — ס׳רוב דורך שטערן, און טיילוויז אַלס האָנאָראַר — און פון אַרבעטס־געבער, וואָס פאַרפליכטן זיך צו געבן אַזעלכע אָפּצאָלן דורך קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט זייערע אַרבעטער. אין אַ טייל פון אירע אַק־טיוויטעטן איז ביי־הילפיק די „הדסה", אין דער פאָרם פון רעדוצירטע פּרייזן פאַר באַנוצן אירע שפּיטאָלן.

די „קופּת חולים" האַלט אויס צוויי גרויסע שפּיטאָלן, איינעם אין עפולה, אין עמק יזרעאל און אַ צווייטן אין פּתח תקוה, אין יהודה. זי האָט 3 גרויסע קליניקס מיט עקס־רעי מכשירים אין די שטעט, 5 ראַיאָן־קליניקס אין די קאָלאָניעס און 420 אַפּטייקן, קליניקס און קינדער הייל־סטאַנציעס, ס׳רוב אין די דערפער. זי האַלט אויך אויס 13 ציין־קליניקס, 70 ראַיאָן אָפּ־

טייקן און 5 סאַנאַטאָריעס פאַר קראַנקע, וואָס דאַרפן זיך דערהאָלן. די צוויי גרעסטע סאַנאַטאָריעס זיינען אויפן הר הכרמל, אין חיפה און אין מוצא, נעבן ירושלים.

אין 1943 האָט די קופת חולים געציילט 112,000 מיטגלידער. צוזאַמען מיט די משפחה־מיטגלידער, האָט די קופת־חולים געהאַט די מעדיציניש אויפזיכט איבער 200,000 נפשות, וואָס האָבן געקענט געניסן פון איר מע־דיצינישער הילף. די קופת־חולים באַשעפטיקט 382 דאָקטוירים, — טייל פון זיי זיינען נאָר טיילווייז דורך איר באַשעפטיקט — און אַ גרויסע צאָל פון דענטיסטן, קראַנקן־שוועסטער, אַפּטייקער און כעמיסטן. סך הכל באַשעפ־טיקט די קופת חולים 1,335 פּערזאָן.

אין ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין געזעץ פון פאַרפליכטנדער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דער פאַקט, וואָס אַזאַ באַדייטנדע געזונדהייטס־אָרגאַניזאַציע, ווי די קופת חולים קען ווערן אויסגעהאַלטן אויף אַ פרייוויליקן יסוד, זאָגט גוט עדות וועגן די אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַר־בעטער באַוועגונג.

דער דערפאָלג פון דער קופת חולים האָט דערמוטיקט די פּריוואַטע קאָלאָניסטן פון דעם אַראַנזשן־גאַרטל אויך צו שאַפן זייער אייגענעם קראַנקן־פאָנד. דער דאָזיקער קראַנקן־פאָנד איז נאָך אַ קליינע אָרגאַניזאַציע און איר בודזשעט ווערט טיילווייז געדעקט דורך דער „הדסה" און דורך דער „פּיקא". אירע גרינדער האָפן אָבער צו פאַרגרעסערן אירע אַקטיוויטעטן דורך ווערבירן נייע הונדערטער קאָלאָניסטן, וואָס הויבן ביסלעכווייז אָן אָפּצושאַצן דעם ווערט פון קאָאָפּעראַציע ביים באַשיצן דאָס געזונט.

אויסער דעם, סובסידירן פאַרשידענע קאָלאָניע־ראַטן זייערע אָרטיקע דאָקטוירים און זיי נעמען ביי זייערע לאָקאַלע פּאַציענטן נאָר אַ זייער באַשיי־דענעם האָנאָראַר. עס עקזיסטירן אויך אין ירושלים 4 אידישע שפּיטאָלן, וואָס געהערן נישט צו דער שפּיטאָלן־גרופּע פון דער „הדסה" און ווערן אויסגע־האַלטן דורך נדבות פון פרומע אידן אין דער גאַנצער וועלט.

אין ירושלים עקזיסטירט אויך אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע מיט 80 בעטן, וואָס ווערט בעיקר אויסגעהאַלטן פון לאָקאַלע פאָנדן. אַן ענלעך שפּיטאָל מיט 60 בעטן עקזיסטירט אויך אין תל־אָביב. אויסער די דאָזיקע שפּיטאָלן, וואָס באַדינען נאָר די אידישע באַפעלקערונג, האַלט אויס די רע־גירונג 2 משוגעים אַנשטאַלטן אין בית לחם מיט סך־הכל 157 בעטן. זיי זיי־נען פאַקטיש רעזערווירט פאַר אַראַבער. די דאָזיקע אַלע אינסטיטוציעס זיי־נען איבערגעפּאַקט און זיי זיינען געצוואונגען אָפּצוואַרפן די בקשות פון קראַנקע, וואָס ווילן אַנקומען אין די שפּיטאָלן.

פריוואַטע און רעגירונגס־שפּיטאָלן

סך הכל האָט ארץ־ישראל 12 אידישע שפּיטאָלן מיט 1,800 בעטן, פון וועלכע 5 מיט 506 בעטן געפינען זיך אין ירושלים. בדרך כלל איז דאָס אידישע שפּיטאָל־וועזן אין ארץ־ישראל פון אַ פיל גרעסערן פאַרנעם ווי דאָס שפּיטאָל־וועזן פון דער רעגירונג *). עס עקזיסטירן נאָר 8 רעגירונגס־שפּיטאָלן אין גאַנצן לאַנד מיט סך הכל 663 בעטן **).

די באַגרענעצטע רעגירונגס־סטטיסטיק אויפן געביט פון שפּיטאָל־וועזן, ווערט טיילוויז דערגענצט דורך אַ צאָל ניט־אידישע פריוואַטע שפּיטאָלן, די מיינסטע אויסגעהאַלטן דורך מיסיאָנערן. 16 אַזעלכע שפּיטאָלן מיט 950 בעטן באַדינען כמעט אויסשליסלעך די אַראַבישע באַפעלקערונג. פיל פון זיי האָבן אַ הויכן מעדיצינישן ניוואָ און טוען זייער נוצלעכע אַרבעט.

די פירער פון „הדסה" ווייזן אָן מיט שטאָלץ אויפן הויכן דורכשניט פון פּאַציענטן אין אירע שפּיטאָלן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מעדיצינישע אינסטיטוציעס, וואָס באַווייזט אויף דער בעסערער רעפּוטאַציע, וואָס די „הדסה"־אַנשטאַלטן האָבן צווישן דער ארץ־ישראלדיקער באַפעלקערונג. אַזוי, למשל, איז די דורכשניטלעכע טעגלעכע צאָל פון פּאַציענטן אין ראָטשילד הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים געווען אין 1940 283 פּערזאָן, אין דער צייט, ווען די נאָרמאַלע אויפנאַמס־פעאיקייט פון שפּיטאָל איז 272 פּערזאָן. ענלעכע באַדינגונגען עקזיסטירן אויך אין אַ צאָל אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס. דער „הדסה"־שפּיטאָל אין צפת האָט אַ טעגליכן דורכשניט פון 60 פּאַציענטן אויף אַ אויפנאַמס־פעאיקייט פון 58; דער שפּיטאָל פון קופּת חולים אין עפולה האָט אַ דורכשניט פון 74 פּאַציענטן אויף אַ אויפנאַמס־פעאיקייט פון 72. אין קופּת־חולים שפּיטאָל אין פּתח תקוה באַטרעפט דער טעגלעכער דורכשניט פון פּאַציענטן 135, אין דער צייט ווען דער שפּיטאָל קען נאָרמאַל אויפנעמען 85 קראַנקע.

די דאָזיקע ציפערן באַווייזן, אַז די אידישע שפּיטאָלן זענען צו שטאַרק איבערגעפּאַקט און אַז טראָץ דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון אידישן שפּיטאָל־וועזן זיינען די אידישע שפּיטאָל־בויטן ווייט פון זיין צופרידנשטעלנד. אין שאַרפן קאָנטראַסט צו די פריער אָנגעוויזענע ציפערן, האָבן די עלטערע שפּיטאָלן פון

*) די אויביקע ציפערן וועגן אידישע שפּיטאָלן שליסן נישט איין די 4 סאַנאַטאָריעס פון דער קופּת חולים און די משוגעים שפּיטעלער.

**) דער „סטאַטיסטיקעל עבסטרעקט פאַר פּאַלעסטיין" פון 1940 מישט צוזאַמען די רעגירונגס שפּיטאָלן צוזאַמען מיט די מוניציפּאַלע שפּיטאָלן, באַהאַלטנדיק אַזוי אַרום די שפּיטאָל־סטטיסטיק פון דער רעגירונג. עס עקזיסטירט נאָר איין מוניציפּאַלער שפּיטאָל — דער פון תל־אָביב. אַזוי ווי דער דאָרטיקער שפּיטאָל ווערט אויסגעהאַלטן פון אידן, און נישט ווי די איבעריקע רעגירונגס שפּיטאָלן דורך דער ארץ־ישראל־רעגירונג, דאַרף מען דעם דאָזיקן שפּיטאָל פּאַקטיש צורעכענען צו די אידישע מעדיצינישע אינסטיטוציעס.

ירושלים (שערי צדק, משגב לדך און בקור חולים) אַ געמיינזאַמען טעגלעכן דורכשניט פון 118 פּאַציענטן, אין דער צייט ווען זיי קענען אויפנעמען 234.

די טעטיקייטן פון די אידישע געזונדהייט־אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל ווערן איבערוואַכט און קאָנטראָלירט דורכן געזונדהייטס־דעפּאַרטמענט פון ועד הלאומי — דער אידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין ארץ־ישראל. דער דע־פּאַרטמענט איז צוזאַמענגעשטעלט פון 7 מיטגלידער, וואָס רעפּרעזענטירן דעם אידישן צבור און די דאָקטוירים און אין אים גייען אויך אַריין פאָרשטייער פון דער הדסה, קופּת־חולים און די קראַנקן־קאַסע פון די קאָלאָניסטן.

דער הוצאה־בודזשעט פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס און די לאָקאַלע געמיינדע ראַטן פאַר געזונדהייט־צוועקן, ווערט קאָנסערוואַטיוו געשאַצט אויף 650,000 פונט אַ יאָר. דאָס שליסט נישט איין די נאָך גרעסערע סומע, וואָס אידן גיבן אויס פאַר פּריוואַטער מעדיצינישער באַדינונג.

די צאָל פון די אידישע פּראַקטיצירנדע מעדיצינער איז די לעצטע צוויי צענדליק יאָר זייער שטאַרק געוואַקסן, ווי דאָס באַווייזט די פאָלגנדע טאַבעלע:

יאָר	דאָקטוירים	דענטיסטן	פאַרמאַצעווטן	אקושערקעס
1921	274	43	99	51
1932	658	214	192	333
1935	2,084	493	318	445
1940	2,185	712	467	443

דער גרויסער צוואוקס פון דער צאָל דאָקטוירים צווישן 1932 און 1935, איז בעיקר דער רעזולטאַט פון דער דייטשער אימיגראַציע. אין 1940 איז געווען איין דאָקטאָר אויף יעדע 700 איינוואוינער, און 80 פּראָצענט פון אַלע דאָקטוירים זיינען געווען אידן.

די רעזולטאַטן פון דער אידישער געזונדהייטס־אַרבעט ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דער לעבנס־סטאַטיסטיק פון לאַנד. די שטערבלעכקייטס־ראַטע ווייזט אויף אַ כסדרדיקע פאַרקלענערונג צווישן אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג. אויך די שטערבלעכקייטס־ראַטע פון די מאַכמעדאַנער, וואָס איז העכער ווי די פון קריסטן און אידן, איז געפאַלן אין אַזאַ מאָס, אַז זי איז אַ דערפרייענדערביישפּיל פאַר אַלע שכנותדיקע לענדער.

שטערבליכקייטס־ראַטע
(אויף יעדע 1000 איינוואוינער)

יאָר	צוזאַמען	מאַכמעדאַנער	קריסטן	אידן
1923	23.5	28.7	15.7	14.7
1928	26.9	31.7	18.6	11.9
1933	20.1	24.1	14.0	9.2
1938	15.0	18.7	12.5	8.1
1939	13.9	17.4	11.5	7.6

ערשט מיט אַ דור פריער האָט ארץ ישראל געהאַט, ווי אירע אַלע שכנותדיקע לענדער, אַ הויכע שטערבליכקייט־ראַטע פון קינדער. איצט, איז אַדאַנק דער כסדר־וואַקסנדער ווירקונג פון דער אידישער געזונדהייטס־אַק־טיוויטעט, די קינדער שטערבליכקייט אין ארץ־ישראל באַדייטנד געפאַלן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מזרח־לענדער. צווישן דער אידישער באַפעלקערונג איז די שטערבליכקייט־ראַטע פון קינדער פון די נידעריקסטע אין דער וועלט. די שטערבליכקייטס־ראַטע פון 54 אויף 1000 געבוירענע קינדער קען זיך גינסטיק פאַרגלייכן מיט 45 טויט־פאַלן אויף טויזנט געבוירענע קינדער אין אויסטראַליע, און 46 אין איסלאַנד. ארץ־ישראל געפינט זיך אין דער הינזיכט אין אַ בעסערער לאַגע ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס מאַכט אויס 65 טויט־פאַלן אויף יעדע 1000 געבוירענע קינדער און ענגלאַנד מיט 69 טויט־פאַלן.

שטערבליכקייטס־ראַטע פון קינדער
(אויף יעדע 1000 געבורטן)

יאָר	צוזאַמען	מאַכמעדאַנער	קריסטן	אידן
1923	185	199	135	125
1928	186	203	158	96
1933	144	157	128	80
1938	112	128	104	59
1939	107	122	101	54

בעת די מאַכמעדאַנישע שטערבלעכקייטס־ראַטע איז נאָך אַלץ אַ פאַר־העלטניסמעסיק־הויכע, האָלט זי אָבער כסדר אין פאַלן אין די לעצטע 16 יאָר. זי איז אומבאַדינגט נידעריקער ווי די לעצטע פארמלחמה ציפערן פון מאַלטאַ, ציילאָן און עגיפּטן, הגם אַלע די דריי אויסגערעכנטע לענדער האָבן זיך געפונען אין משך פון לאַנגע דורות אונטער דער בריטישער הערשאַפט.

זייער אינטערעסאַנט זענען אויך די ציפערן איבער די געבורטן ביי אַלע דריי פאָלקס־גרופּן אין ארץ ישראל. עס מערקט זיך אָן אַלגעמיינע ירידה פון די געבורטן, באַזונדערס ביי דער אידישער באַפעלקערונג, ווי דאָס ווייזט אונז קלאָר די פאָלגנדע טאַבעלע:

געבורטן־ראַטע
(אויף יעדע 1000 איינוואוינער)

יאָר	צוזאַמען	מאַכמעדאַנער	קריסטן	אידן
1923	46.7	50.2	35.6	36.5
1928	50.1	55.2	39.6	34.9
1933	44.3	49.9	36.1	29.0
1938	39.9	47.2	34.3	26.3
1939	38.0	46.4	31.3	23.0

די ירידה פון די אידישע געבורטן איז אויסגעפאַלן גלייכצייטיק מיט דער באַגרעניצונג פון דער עמיגראַציע, און דאָס ווערט, מיט רעכט, באַטראַכט מצד די אידן אין ארץ ישראל אַלס אַ געפערלעכע דערשיינונג פאַר דער אידישער פּאָזיציע אין ארץ־ישראל. דער נאַטירלעכער צואוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג איז קלענער ווי דער פון דער אַראַבישער. בעת די שטערבלעכקייט צווישן די מאַכמעדאַנער איז א דאַנק דער אידישער געזונטהייטס־אַרבעט געפאַלן שנעלער ווי די ירידה פון געבורטן — וואָס זעט אויס צו זיין דער נאַטירלעכער רעזולטאַט פון ציוויליזאַציע — איז די אידישע געבורט־ראַטע געפאַלן פיל שנעלער ווי די טויט־ראַטע, וואָס איז שוין סיי ווי געווען איינע פון נידעריקסטע אין דער וועלט. אין לעצטן רעזולטאַט קומט אויס, אַז דער אידישער נאַטירלעכער צוואוקס, יואָס האָט זיך אַמאָל אויסגעגלייכט מיט דעם מאַכמעדאַנישן, איז איצט נאָר אַ העלפט פון מאַכמעדאַנישן צוואוקס.

ראַטע פון נאַטירלעכן צואוואוקס

יאָר	צוזאַמען	מאַכמעדאַנער	קריסטן	אידן
1923	21.4	21.5	19.9	21.8
1928	23.2	23.5	21.1	23.0
1933	24.3	25.8	22.1	19.8
1938	24.9	28.5	21.8	18.2
1939	24.1	29.0	19.8	15.5

די געזונטהייטס־תנאים אין ארץ ישראל און אין די שכנותדיקע לענדער

דער פענאָמענאַלער וואוקס פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ארץ ישראל איז אין גינסטיקן קאָנטראַסט צו דער סיטואַציע אין אַנדערע אַראַבישע לענדער, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט באַפרייט געוואָרן פון דער טערקישער הערשאַפט. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק וועגן איראַק, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן פון פּאַלעסטינע און זייערע באַזאָרגטע פריינט אין לאָנדאָן אַלס אידעאַל, וואָס וואָלט דערגרייכט געוואָרן ווען דער ציוניזם און די באַלפור־דעקלעראַציע וואָלטן זיי נישט געשטאַנען אין וועג.

אָפיציעלע ציפערן וועגן דער באַפעלקערונג־באַוועגונג אין איראַק איז שווער צו געפינען. עס זעט אויס, אַז זינט דער בריטישער מאַנדאַט איבער איראַק איז געוואָרן אָפיציעל אָפּגעשאַפט, זענען אין אויסלאַנד בכלל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַזעלכע ציפערן. דאָך, קען מען אויפן גרונט פון ציפערן פון די פריערדיקע באַריכטן, וואָס דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר אין איראַק האָט צוגעשטעלט דער פעלקער־ליגע, פעסטשטעלן, אַז די צאָל פון

טויט־פאַלן אין די דריי גרעסטע שטעט פון איראַק — באַגדאַד, מאָסול און באַסראַ — האָט אין די יאָרן 1924־1928 באַדייטנד איבערגעשטיגן די צאָל פון געבורטן.

די אַלגעמיינע ציפער פון טויט־פאַלן אין די דריי שטעט אין דעם דערמאָנטן 5 יאָר־פעריאָד האָט באַטראָפן 47,990 אין פאַרגלייך מיט 38,865 געבורטן.

אָננעמענדיק, אַז אין דער סטאַטיסטיק זענען אַריינגעפאַלן מעגלעכע פעלערן, בלייבט אַלץ אומבאַשטרייט דער פאַקט, אַז די אראַבער פון איראַק זענען פאַקטיש געוואָרן פאַרקלענערט אין צאָל, אין דער צייט, ווען זייערע ברידער אין ארץ ישראל האָבן געהאַט די גרעסטע ראטע פון נאַטירלעכן צו־וואוקס אין דער גאַנצער וועלט! דרך אגב, שטעלט דער אָנגעווענדעטער פאַר־גלייך־מעטאָד איראַק אין אַ פיל בעסערער פּאָזיציע; די ציפערן פאַר איראַק נעמען נאָר אַרום די באַפעלקערונג אין די גרויסע שטעט, וואו עס געפינען זיך די מיינסטע שפּיטאָלן פון דער רעגירונג און פון די מיסיאָנערן, אין דער צייט ווען די ציפערן וועגן ארץ־ישראל שליסן איין אפילו די פאַרוואָרפנס־טע דערפלעך, וואו די סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען, נאַטירלעך, נישט אַזוי גוט ווי אין די שטעט.

די ראטע פון קינדער־שטערבלעכקייט האָט אין די גרעסטע שטעט אין איראַק אין 1928 באַטראָפן: 307 אין באַגדאַד, 399 אין מאָסול און 263 אין באַסרא, אין פאַרגלייך מיט 153 אין ארץ ישראל. פיל קראַנקהייטן וואָס זענען שוין לאַנג געוואָרן אויסגעוואָרצלט אין ארץ ישראל, ווי למשל, פּאָקן, זענען נאָך אַלץ ווייט־פאַרשפּרייט אין איראַק.

אפילו עגיפּטן, אַ בליענד לאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרהעלטניס־מעסיק ציוויליזירטן רעזשים אין די לעצטע 60 יאָר, איז ווייט הינטערשטע־ליק הינטער דעם געזונט־סטאַנדאַרט, וואָס איז אין אַ פיל קורצערן צייט־פעריאָד דערגרייכט געוואָרן אין ארץ ישראל. ערשט לעצטנס האָט דער פריערדיקער דירעקטאָר פון סאַניטאַר־וועזן אין אַלעקסאַנדריע, עפנטלעך דערקלערט, אַז די עגיפּטישע ציפערן וועגן קינדער־שטערבלעכקייט זענען די העכסטע אין דער וועלט און אַז טובערקולאָז מאַכט אָן מורא׳דיקע חורבנות אין די ענג־געפּאַקטע שטעט. צוליב די מאַלאַריע־עפּידעמיעס אין אויבערשטן טייל פון עגיפּטן האָבן די מיליטער־אָרגאַנען געמוזט אויסבראַקירן די מיינסטע יונגעלייט, אין פריזיוו־עלטער אַלס נישט פּאַסיק צו דינען אין דער אַרמיי („פּאַלעסטיין ענד די מידל איסט״, יוני, 1944, זייט 115).

ארץ ישראל אַלס אַ קור־פּלאַץ

באַדייטנדע אָנשטרענגונגען זענען געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן צו אַנטוויקלען ארץ־ישראל אַלס אינטערנאַציאָנאַלן קור־פּלאַץ. פיל

דאָקטוירים האַלטן, למשל, אַז צוליב זייער טרוקענעם קלימאַט זענען אייני־קע געגנטן פון לאַנד זייער צוגעפּאַסט פאַר האַלדז און נאָז־קראַנקהייטן, וועל־כע ווערן קורירט דורך קלימאַט־ענדערונג. די דאָקטוירים האַלטן, אַז די געגנט פון ים־טבריה איז פּונקט אַזוי גוט פאַר סינוס־קראַנקהייטן, ווי דער שטאַט אַריזאָנאַ, אין אַמעריקע. זיי האַלטן אויך, אַז ארץ ישראל איז גוט אַלס קור־אָרט פאַר מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דער ערשטער סטאַדיע פון שווינד־זוכט און אַז געוויסע געגנטן האָבן אַ גוטע ווירקונג אויף ליידנדע פון רעוו־מאַטיזם, פּאָדאַגרע און קרובה'שע קראַנקהייטן.

באַזונדערע האָפענונגען ווערן געלייגט אויף דער אַנטוויקלונג פון די ארץ־ישראלדיקע הייל־קוואַלן, וואָס געפינען זיך מיינסטנס אין דער וואולקאַ־נישער פּאַרטיפונג פון עמק־הירדן. אייניקע פון די דאָזיקע הייל־קוואַלן — חמי־טבריה, גדרה, קאַליראָע — האָבן נאָך אין דער צייט פון די רוימער גע־האַט אַ גרויסן שם ווייט אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל און זיי זענען געוואָרן עקסטענסיוו אויסגענוצט פאַר קוראַציע־צוועקן.

די מינעראַל־קוואַלן פון טבריה ליגן אויפן ברעג פון היסטאָרישן ים כנרת, און אַ קליינע שטרעקע צו דרום פון דער שטאָט טבריה. די שטאָט מיט די הייל־קוואַלן איז אויפגעבויט געוואָרן פון קעניג הורדוס, וועלכער האָט זיי אָנגערופן לכבוד דעם דאָמאָלטיקן רוימישן קייזער טיבעריוס. אַרום די קוואַלן האָט הורדוס געהייסן בויען גרויסע באָד־אַנשטאַלטן, און ער אַליין איז געווען איינער פון זייערע ערשטע און פלייסיקע פּאַציענטן.

דער הויפּט־קוואַל פון טבריה קומט פון זיינע טיפע באָדן־שיכטן און האָט אַ שטענדיקע טעמפּעראַטור פון 61.5 גראַד צעלזיוס (142 פּאַרענהייט). די האַרטע טיילן אין זיין וואַסער אַנטהאַלטן 17 פּראָצענט זאַלץ, 9 פּראָצענט קאַלציוס כלאָריד, 2.5 פּראָצענט מאַגנעזיוס־כלאָריד, ווי אויך באַדייטנדע חלקים פון מאַגנעזיום־סולפאַט, קאַלציום־סולפאַט און אַנדערע מינעראַלן.

פון גאָר אַלטע צייטן ווערן די חמי טבריה באַטראַכט אַלס אַן אויס־געצייכנטער הייל־מיטל קעגן רעוומאַטיזם און כל־ערליי געלענקן־קראַנק־הייטן. לויט דער מיינונג פון ד"ר בוכמאַן פון טבריה, וועלכער האָט אַ סך געאַרבעט אויף אויספאָרשן די דאָזיקע קוואַלן, גיבן זיי אויך גוטע רעזול־טאַטן ביי געוויסע פרויען־און הויט־קראַנקהייטן. לויט זייער מינעראַלישן אינהאַלט זענען זיי ענליך צו די באַרימטע קוואַלן פון אַאַכען און וויסבאַדן אין דייטשלאַנד און פּיסטיאַן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ס'איז אַ סברה, אַז די הייל־נדע ווירקונג פון די טבריה־קוואַלן איז נאָך גרעסער.

די קוואַלן פון דער אַמאָליקער גדרה, וואָס ווערט איצט גערופן על־כאמע, געפינען זיך אין סאַמע מזרח'דיקן טייל פון ארץ־ישראל נעבן דער גרענעץ פון סיריע און עבר הירדן. זיי פליסן כסדר פון די בערג און נאָכן אָנפילן פון דריי גרויסע באַסיינען, פליסט דאָס וואַסער צום דערבייאיקן

טייך ירמוק. יעדער פון די דאָזיקע דריי באַסיינען האָט אַן אַנדער טעמפּעראַטור און אַן אַנדער מינעראַלישן אינהאַלט. אַלע אָבער אַנטהאַלטן אין זיך אַ סך שוועבל און בערך וויניק זאַלץ. דער ערשטער באַסיין האָט אַ טעמפּעראַטור פון 48 צעלזיוס און אַנטהאַלט אין זיינע מינעראַלישע אָפּלאַגערונגען 26 פּראָצענט פון מאַגנעזיום־סולפיד, דער צווייטער באסיין האָט אַ טעמפּעראַטור פון 40 גראַד און 35 פּראָצענט פון שוועבל־מאַגנעזיום און דער דריטער באַסיין האָט אַ טעמפּעראַטור פון בלויז 34 גראַד, אָבער זיין שוועבל־אינהאַלט איז 40 פּראָצענט.

מען האַלט, אגב, אַז די קוואַלן פון על־כאַמע זענען באַזונדערס נוצלעך ביי כל־ערליי הויט־קראַנקהייטן און די אַראַבער גלויבן אפילו, אַז זיי העלפן ביי ווענערישע קראַנקהייטן. דאָס וואַסער פון על־כאַמע ווערט אויך פיל באַנוצט פאַר טרינק־קורן און עס שיינט ווירקלעך צו העלפן אין געוויסע פאַלן.

די היסטאָרישע קוואַלן פון קאַליראָע געפינען זיך אויפן מזרח־ברעג פון ים המלח, אין אַ געגנט וואָס געהערט איצט צו עבר הירדן. עס זענען דאָ פיל מינעראַל־קוואַלן אין דער געגנט, אָבער די היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגן האָבן נאָך נישט פעסטגעשטעלט וועלכער איז דער היסטאָרישער קוואַל קאַליראָע. ס׳איז אַ סברא, אַז די מינעראַל־קוואַלן ביי די ברעגן פון ים המלח האָבן צוליב שפּעטערדיקע געאָלאָגישע ענדערונגען אָנגעוואוירן אַ געוויסן טייל פון זייער אַמאָליקן מינעראַלישן אינהאַלט. ס׳קען אָבער זיין, אַז מיט דער הילף פון מער־גרינטלעכע אויספאָרשונגען און טעכנישע פאַרפאָלקאָמונגען, וועט מען באַווייזן צו באַנייען די אָריגינעלע קראַפט פון די דאָזיקע מינעראַל־קוואַלן.

ים המלח אַלס באַד־פּלאַץ

אַ גוטער ערזאַץ פאַר די קוואַלן פון קאַליראָע, וואָס קענען ביים היינטיקן טאָג ניט אויסגענוצט ווערן ווי געהעריק, איז דאָס וואַסער פון ים המלח זעלבסט מיט זיין גרויסן אינהאַלט פון כל־ערליי זאַלצן און מינעראַלן. דער פּאָטאַש־סינדיקאַט, וואָס האָט די קאָנצעסיע אויף אויסנוצן די מינעראַלישע רייכטימער פון ים המלח, פירט איצט דורך וויכטיקע אויספאָרשונגס־אַרבעטן וועגן די מעדיצינישע אייגנשאַפטן פון זיין וואַסער. אין אַ ביכל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער מעדיצינישער געזעלשאַפט אין ארץ ישראל, ווערט באַהויפּטעט, אַז דאָס וואַסער פון ים המלח העלפט אַ סך ביי פונקציאָנעלע קראַנקהייטן און אויך ביי געוויסע אָרגאַנישע נערוון־ליידן. די ערפאַרונג האָט אויך באַוויזן, אַז דאָס באָדן זיך אין ים המלח האָט אַ גוטע ווירקונג אויף פאַרשידענע מעטאַבאָלישע קראַנקהייטן, וואָס רופן זיך אָפּ אויפן וואוקס פון מענטשלעכן קערפּער. ס׳איז אַ סברה, אַז די הייל־ווירקונג

פון ים המלח־וואסער ווערט פאַרגרעסערט דורך דעם אויסערגעווענלעך־ווארעמען און טרוקענעם קלימאַט פון דער געגנט, וואָס איז אין די ווינטער חדשים ענלעך צום קלימאַט פון העליאָפּאָליס, דעם באַרימטן קלימאַטישן קור־אָרט אין עגיפּטן. מיט יאָרן צוריק איז דאָ אויפגעבויט געוואָרן אַ מאָ־דערנער האָטעל מיט מאָדערנע באַד־איינריכטונגען, וואָס ווערט באַטראַכט דורך אייניקע ארץ־ישראל׳דיקע דאָקטוירים אַלס דער אָנהויב פון אַ זייער וויכטי־קער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט.

דער ערשטער און צוזאָגנדיקער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל אַלס קור־פּלאַץ, איז געמאַכט געוואָרן מיטן באַקומען אַ קאָנצעסיע צו עקספּלואַטירן די מינעראַלישע קוואַלן פון טבריה. די קאָנצעסיאָנערן ווילן אויפבויען מאָדערנע האָטעלן אין דער געגנט אַרום די קוואַלן און מאָדערני־זירן די אַלע באַד־איינריכטונגען. זיי בויען אויף, למשל, אַריינאָטעם־אַפּאַ־ראַטן, וואָס זאָלן איינזאַפּן דעם דאַמף פון די הייסע קוואַלן, און אים אויס־נוצן פאַר היילן כראָנישע קאַטאַרן און ענלעכע קראַנקהייטן.

עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען אויפצושטעלן באַד־פּלע־צער ביים ברעג פון מיטלענדישן ים. דער וויכטיקסטער פאַרזוך פון דעם מין איז געמאַכט געוואָרן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון תל אביב.

פיל געאָלאָגן זענען טיף איבערצייגט, אַז די באַשריבענע מינעראַל־קוואַלן זענען בלויז אַ טייל פון ארץ ישראל׳דיקן רייכטום אין היילנדע קוואַלן. זיי גלויבן, אַז אַ סיסטעמאַטישע אויספאָרשונג פון אַלע ברונעמער און אַנדע־רע וואַסער־קוואַלן וועט אַרויסווייזן נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן פון דעם מין. אויף יעדן פאַל, זעט עס אויס, אַז ארץ ישראל, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט אין אַלטערטום מיט אירע געזונטמאַכנדע הייל־קוואַלן, וועט צוריק פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ צווישן די געזונטהייטס־קוראָרטן פון דער וועלט.

די רעפּוטאַציע פון אַ לאַנד אַלס מעדיצינישער פּילגרים־פּלאַץ הענגט אָבער אָפּ נישט נאָר פון אירע מינעראַל־קוואַלן און קלימאַטישע באַדינגונגען, נאָר אויך פון דער מדרגה, אויף וועלכע עס שטייען דאָרט די מעדיצינישע אַנשטאַלטן און אויטאָריטעטן. דער פּרעסטיזש פון דייטשלאַנד אַלס מעדיציני־שער וועלט־צענטר איז, למשל, אויפגעבויט געוואָרן נישט נאָר אויף אירע מינעראַלישע הייל־קוואַלן, נאָר אויך אויף דעם הויכן סטאַנדאַרד פון אירע שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריומס און אויף דער אויסערגעווענלעכער פעאיקייט און געוויסנהאַפטיקייט פון אירע דאָקטוירים.

ווי ס׳איז באַקאַנט, איז אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע דאָקטוירים געווען אידן, וועלכע זענען געוואָרן אַרויסגעטריבן פון זייער געבורטס־לאַנד דורכן גרויזאַמען נאַצי־רעזשים. כ׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ באַדייטנ־דער טייל פון דער דאָזיקער ווערטפולער אימיגראַציע געפינט איר אָרט אין

ארץ ישראל. אַזוי אַרום האָט ארץ ישראל, וואָס האָט אויך פריער שטאָלצירט מיט איר בערך־גרויסער צאָל וויסנשאַפטליך־געשולטע מעדיצינער, געקריגן איצט אַ גרעסערן שאַנס אויף צוציען צו זיך קראַנקע פון אַרומיקע לענדער און אפילו פון ווייטע מדינות.

די אויסזיכטן פון ארץ ישראל אַלס אַ קוראָרט־פּלאַץ און מעדיצינישער צענטער זענען שטאַרק דערמוטיקענדע.

קאַפּיטל דרייצן

אידישע אויטאָנאָמיע און פּאַרטייען

נאָך מיט יאָרן צוריק, פאַרן ערשטן וועלט־קריג, האָבן די ארץ־ישראל'דיקע אידן געפילט די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ רעפּרעזענטירנדע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין באַרעכטיקט צו רעדן אין זייער נאָמען סיי פאַר דער נישט־אידישער מאַכט און סיי פאַר די אידישע ישובים אין גלות.

אמת, נאָך פון אַמאָליקע צייטן האָט אין ארץ ישראל אונטער דער טערקישער מאַכט עקזיסטירט אַן אָפיציעלע אידישע רעפּרעזענטאַנץ, אין דער פּערזאָן פון חכם באשי, דעם הויפּט־רב פון לאַנד. ביי איר גאַנצער אָפּגעשטאַנענקייט און דעספּאָטיזם, איז די אַמאָליקע טערקיי געווען אויף איר שטייגער ליבעראַל צו רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. בהסכם מיט דער דאָזיקער טראַדיציאָנעלער פּאָליטיק, האָבן די אָרטיקע אידן אונטער דער אָנפירונג פון זייער חכם באַשי און זיין ועד הרבנים, גענאָסן פון אַ אַ געוויסער מאָס פון קולטורעלער און רעליגיעזער אויטאָנאָמיע.

דער דאָזיקער מיטלאַלטערלעכער סאָרט פון אויטאָנאָמיע האָט אָבער נישט געקענט צופרידנשטעלן דעם נייעם מאָדערנעם ישוב מיט זיינע ברייטע נאַציאָנאַלע השגות און זיין פּראָגרעסיוון בליק אויפן לעבן בכלל. די ארץ־ישראל'דיקע אידן זענען געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף אַוועקשטעלן אַ מער־פּראָגרעסיווע און נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ, סיי כלפּי די נישט־אידישע הערשער פון לאַנד און סיי כלפּי די אידישע קהילות און אָרגאַניזאַציעס אין גאָר דער וועלט, פון וועמען ס'איז און אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק דער ווייטערדיקער אויפבוי פון לאַנד.

אין 1903 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּאַרזוך צונויפצורופן אַן אספּת הנבחרים (רעפּרעזענטאַנטן־פאַרזאַמלונג) פון ארץ־ישראל'דיקן אידנטום. די דאָזיקע אסיפה, וואָס איז גערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון מ. מ. אוסישקין, האָט אָבער פאַרטראָטן נאָר אַ מינדערהייט פון דאַמאָלסטיקן ישוב. די גרעסערע קהלות — ירושלים, חברון, טבריה, צפת — האָבן זיך נישט באַטייליקט. די רעליגיעזע פירער פון די דאָרטיקע קהלות,

וואָס זיינען מערסטנס באַשטאַנען פון חלוקה־אידן, האָבן געקוקט מיט חשד אויף די ציוניסטן מיט זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און אַמביציעס. נאַטירלעך, האָט די אספת הנבחרים פון יענער צייט נישט געקאָנט דעריבער אַנערקענט ווערן אַלס אַן אויטאָריטעטע עפנטלעכע קערפּערשאַפט און זי האָט נאָר געהאַט אַ שוואַכע מאָראַלישע אויטאָריטעט.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט די אידעע וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע געקריגן נייע פליגל און פּאָפּולאַריטעט צווישן די אידן פון ארץ־ישראל. דערמוטיקט דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און די מינדערהייט־רעכט, וואָס אידן האָבן דעמאָלט געקריגן אין אייניקע לענדער פון מזרח־איראָפּע, האָבן די אידישע פירער פון ארץ־ישראל דורכגעפירט אין אָנהויב 1920 אַלגעמיינע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן צו אַ נייער און מער אויטאָראַטיווער אידישער פאַרטרעטונג. די אויסגעקליבענע דעלעגאַטן האָבן זיך דערקלערט אַלס די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג (אספת הנבחרים) און אויסגעקליבן אַ שטענדיקן נאַציאָנאַלן ראַט (ועד הלאומי), וואָס איז מיט 8 יאָר שפּעטער, נאָך לאַנג־פאַרשלעפּטע פאַרהאַנדלונגען מיט דער בריטישער אַדמיניסטראַציע, אַנערקענט געוואָרן אַלס די אַנערקענטע רעפּרעזענטאַנץ פון ארץ־ישראלדיקן אידנטום אין לאָקאַלע ענינים.

עס זיינען געווען אַ רייע סיבות, פאַרוואָס עס האָט געדויערט גאַנצע 8 יאָר ביז דער ועד הלאומי האָט באַקומען די אָפיציעלע אַנערקענונג פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג. איינע פון זיי איז געווען דער אָפּזאָג פון דער ענגלישער מאַכט צו געבן דעם ועד לאומי באַשטימטע רעכט, ספּעציעל דאָס רעכט פון אָבליגאַטאָרישער באַשטימונג. אַן אַנדער שוועריקייט איז געווען די קעגנערשאַפט פון די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן צו געבן פרויען וואַל־רעכט. די דאָזיקע פראַגע האָט צום סוף דערפירט צו אַ שפּאַלטונג צווישן דער ארץ־ישראלדיקער אָרטאָדאָקסיע. דער מער־מעסיקער „מזרחי" האָט זיך אונטערגעגעבן דעם „גייסט פון דער צייט", אין דער צייט ווען די מער עקסטרעמע „אגודת ישראל" איז געבליבן ביי איר אָפּאָזיציע, און איז טאַקע געבליבן אויסער דער „כנסת ישראל", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון ארץ־ישראלדיקן אידנטום.

די כנסת ישראל

ענדלעך איז אין יאָר 1928 דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעץ, וואָס אַנערקענט אָפיציעל די „כנסת ישראל", וואָס נעמט אַרום אַלע אידן פון לאַנד, אויסער די יעניקע וואָס ווילן בפירוש נישט געהערן צו איר. די מיטגלידער פון דער „כנסת ישראל" דאַרפן פעריאָדיש אויסקלויבן זייער „אספת הנבחרים", וואָס זאָל פון איר זייט באַשטימען אַ שטענדיקן ועד הלאומי, וואָס זאָל פאַר־

האַנדלען מיט דער רעגירונג וועגן אַלע לאָקאַלע אינטערעסן פון ארץ־ישראל־דיקן אידנטום.

די מיטגלידערשאַפט פון דער „כנסת ישראל״ איז נישט קיין אָבליגאַטאָרישע. דאָס איז געווען די הנחה פון דער רעגירונג צו דער „אגודת ישראל״, וואָס איז געבליבן מחוץ דעם כלל־ישראל, ניט נאָר צוליב דעם שוין דערמאָנטן העפטיקן ווידערשטאַנד צו פרויען־רעכט, נאָר אויך צוליב איר קעגנערשאַפט צו דער באַטייליקונג פון נישט־גלויביקע אידן אין אידישע קהילות. האַלטנדיק, אַז אידן זיינען בעיקר אַ רעליגיעזע און נישט קיין נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט, פאַרשטייען זיי נישט וואָס האָט אַן אַפּיקורס צו טאָן אין דער אידישער קהילה. די אגודה האָט אויך מורא געהאַט זיך צו אידענטיפיצירן מיט די אַפּיקורסישע ציוניסטן אין פאַרשידענע אינערלעך־אידישע פראַגן. די „אגודת ישראל״ פאַרמאָגט איצט דעריבער אַ סעפּאַראַטע געמיינשאַפט מיט באַזונדערע קהילות, וואָס זיינען אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון ועד הלאומי. סך הכל בילדן זיי אָבער וויניקער פון 5 פּראָצענט פון ארץ־ישראלדיקן אידנטום און זיינען קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין די אַלטע קהילות פון צפת און טבריה און אין אַלטן טייל פון ירושלים.

אין קעגנזאַץ צו די אָריגינעלע פּאָדערונגען, האָט די כנסת ישראל נישט באַקומען דאָס רעכט אָבליגאַטאָריש צו באַשטייערן אפילו די אידן, וואָס האָבן נישט געמאָלדן אָפיציעל וועגן זייער אַרויסטריט, און אירע הכנסות מוז זי שעפּן פון פרייוויליקע ביישטייערונגען פון די לאָקאַלע אידישע קהילות און מוניציפּאַליטעטן. אַ טייל פון אירע אויסגאַבן ווערט געדעקט דורך אַ קליינער סובסידיע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון פאָנדן, געזאַמעלט אין אַנדערע לענדער.

דער ועד הלאומי און די אידישע אַגענטור

געווינלעך, הערשט אַ ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן ועד הלאומי, וואָס פאַרטרעט דעם ארץ־ישראלדיקן אידישן ישוב און די ארץ ישראל־עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, וואָס פאַרטרעט דעם אינטערעס פון וועלט־אידנטום צו דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. אָפיציעל, געהערן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע צו דער קאָמפּעטענץ פון דער אידישער אַגענטור, וואָס איז אויטאָריזירט געוואָרן דורכן ארץ־ישראל מאַנדאַט צו רעפּרעזענטירן די אידישע אינטערעסן פאַר די לאָקאַלע רעגירונגס־אָרגאַנען און פאַר דער בריטישער רעגירונג. פּראַקטיש אָבער, נעמט דער ועד הלאומי אָפט מאָל איבער די איניציאַטיוו אין געווויסע אַקציעס, און די אידישע אַגענטור שליסט זיך שפּעטער אָן.

אין די לעצטע יאָרן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די באַדייטונג פון ועד הלאומי, וועלכער נעמט כסדר אַלץ מער איבער געוויסע פונקציעס, וואָס זייַנען פריער אויסגעפירט געוואָרן דורך דער אידישער אַגענטור, באַזונדערס די פיין־אויסגעבויטע נעץ פון העבראַישע שולן, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איז אין יאָר 1933 איבער־גענומען געוואָרן פון ועד הלאומי.

אַ ענלעכע עוואָלוציע איז פאָרגעקומען מיט די געזונדהייטס־אַקטיווי־טעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט דעם שנעלן וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג און שאַרף־אויסגעוואַקסענער נויטווענדיקייט אויס־צובויען די נעץ פון מעדיצין־אַנשטאַלטן, איז די "הדסה", וואָס האָט פאָרמעל פריער פינאַנסירט ס׳רוב אידישע שפּיטאָלן און געזונדהייטס־אַנשטאַלטן, גע־ווען געצוואונגען צו באַגרענעצן איר טעטיקייטס־קרייז. "הדסה" איז געוואָרן אַלץ מער אַבסאָרבירט פון אַנדערע וויכטיקע ציוניסטישע אַקטיוויטעטן ווי קינדער־אימיגראַציע און נאַציאָנאַל־פאָנד, און זי האָט איבערגעגעבן געוויסע מעדיציניש אַקטיוויטעטן צו לאָקאַלע קאָמיטעטן, אָנגעפירט דורכן געזונד־הייטס־דעפּאַרטמענט פון ועד הלאומי.

לאָקאַלע אויטאָנאָמיע

פון דער ערשטער רגע אָן, האָבן די אידישע קאָלאָניסטן אָרגאַניזירט זייערע ישובים אויפן יסוד פון ברייטער לאָקאַלער אויטאָנאָמיע. די טערקישע מאַכט, וואָס האָט זיך געזאָרגט בעיקר וועגן איינמאָנען אירע שטייערן, האָט זיך נישט געמישט אין אינערלעכן לעבן פון די קאָלאָניעס. אייניקע פון זיי האָבן אפילו געדרוקט אייגן געלט, וואָס האָט געקענט אויסגעביטן ווערן אויף טערקישע זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. די דאָזיקע באַנקנאָטן, פאַרלייכ־טערנדיק דעם אָפטן מאַנגל אין מזומן געלט, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב דעם אַלט־פרענקישן פינאַנץ־סיסטעם פון דער טערקישער רעגירונג, זיינען גערן אָנגענומען געוואָרן נישט נאָר פון די קאָלאָניעס, נאָר אויך אין די אַרומיקע אַראַבישע דערפער. די באַוואַכונג פון די קאָלאָניעס, איז געלעגן אין די הענט פון אַ אידישער האַלב־מיליטערישער אָרגאַניזאַציע "השומר", וואָס האָט זיך פאַקטיש פאַרוואַנדלט אין אַן אייגענער אידישער פּאָליציי, וואָס איז שטיל־שווייגנד אָנערקענט געוואָרן פון דער טערקישער מאַכט אין לאַנד.

נאַטירלעך, איז אונטער דער מער מאָדערנער ענגלישער הערשאַפט פאַרשוואונדן די נויטווענדיקייט צו דרוקן אייגן געלט, און די קאָלאָניעס האָבן זיך אויך געמוזט געזעגנען מיט זייער אייגענער פּאָליציי. די קאָלאָניעס האָבן אָבער פונדעסטוועגן איינגעהאַלטן ברייטע רעכט אין אַנדערע אָרטיקע ענינים און די דאָזיקע לאָקאַלע אויטאָנאָמיע איז איצט דער רוקנביין פון אידישער זעלבסט־רעגירונג אין ארץ־ישראל.

דער משפט השלום

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע מאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די אידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין ארץ־ישראל, זיינען די אויטאָנאָמע פרידנס־געריכטן (משפט השלום), וואָס עקזיסטירן כמעט אין יעדן אידישן ישוב. דער לעגאַלער סטאַטוט פון די דאָזיקע געריכטן, צו וועמען די מייסטע אידן אין ישוב ווענדן זיך מיט זייערע ציווילע קאָנפליקטן, איז ענלעך צום אַרביטראַזש אין אַנדערע לענדער. זייערע באַשלוסן זענען בינדענד בלויז אין פאַל ווען די צוויי שטרייטנדע צדדים האָבן פאַרן אָנהויב פון משפט זיך פאַרפליכטעט צו פאָלגן דעם אורטייל.

דער הויפט־אונטערשיד צווישן משפט השלום און אַ געוויינלעכן אַר־ביטראַזש געריכט, באַשטייט אין דעם, וואָס אין משפט השלום קלויבן נישט אויס די שטרייטנדע צדדים זייערע אייגענע שופטים. די מיטגלידער פון משפט השלום ווערן אויסגעקליבן פון דעם אָרטיקן אידישן ישוב אויף אַ באַשטימטער צייט, און ווען איינער קומט צום משפט השלום, מוז ער זיך אונטערגעבן דעם אורטייל פון די ריכטער, וואָס זיינען בשעת־מעשה אין אַמט. אין די שטעט באַשטייט, געוויינלעך, דער משפט השלום פון איין פראָפעסיאָנעלן מיטגליד, אַ געענדיקטער יוריסט, וואָס קריגט באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט און פון צוויי אַנדערע בירגער, וואָס באַטראַכטן זייער דינסט אין משפט השלום אַלס אַ גע־זעלשאַפטלעכע פליכט. געוויינלעך, קלויבט מען אויס אַ גרעסערע צאָל פון אַזעלכע ערן־ריכטער אויף אַ יאָר צייט, און יעדער פון זיי דינט איין חודש. די משפטים קומען הויפטזעכלעך פאָר אין אָוונט און די הוצאות פון געריכט — געוויינלעך זיינען זיי גאַנץ מעסיקע — ווערן געדעקט דורך באַשטימטע אָפּצאָלונגען, וואָס ווערן גענומען פון די שטרייטנדע צדדים.

רעליגיעזע אויטאָנאָמיע

די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע פון די ארץ־ישראלדיקע אידן ווערט שטאַרק קאָמפּליצירט צוליב דער טענדענץ פון די אימיגראַנטן אין נייע לענ־דער זיך צו גרופּירן אין אייגענע קליינע שולעכלעך פון לאַנדסלייט. הגם די דאָזיקע אָפּזונדערונג ווערט געטאַדלט פון די פירער פון ארץ־ישראל־ישוב, אַלס אַ שטערונג פון נאַציאָנאַלער צונויפשמעלצונג און איניקייט, פונדעסט־וועגן זיינען אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי תל־אָביב און ירושלים פאַראַן באַ־זונדערע בתי תפלה פאַר אימיגראַנטן פון די פאַרשידנסטע לענדער, צווישן וועלכע מיר טרעפן אידן פון אַזעלכע פאַרוואָרפענע לענדער, ווי קאַווקאַז, פערסיע, קורדיסטאַן און בוכאַראַ.

אויסער די דאָזיקע לאָקאַלע צעטיילונג, ווערט דאָס ארץ־ישראלדיקע אידנטום צעטיילט אין צוויי הויפט־גרופּן: אשכנזים, אָדער אייראָפּעאישע אידן,

און די אָריענטאַלישע אידן, וואָס קומען פון די באַלקאַן־לענדער און פון אָרי־ענט. צווישן די אָריענטאַלישע אידן בילדן די ספרדים, וואָס שטאַמען פון די פאַרטריבענע פון שפּאַניע אין 1492, די גרעסטע גרופּע. אין רעליגיעזע פראַגן איז אַלזאָ דאָס ארץ־ישראלדיקע אידנטום אָנגעפירט פון צוויי באַ־זונדערע הויפּט־רבנים, איינעם אַן אשכנזישן און איינעם אַ ספרדישן. אוי־סער דעם ווערט דער הויפּט־רב פון דער אָפּגעזונדערטער „אגודת ישראל" אָפיציעל אָנערקענט אַלס גלייכבאַרעכטיקט מיט די צוויי הויפּט־רבנים פון דער כנסת ישראל.

כדי בייצוקומען די רעליגיעזע טיילונג פון די גלויביקע אידן אין ארץ־ישראל, האָט מען די לעצטע 15 יאָר פּרובירט שאַפן ברייטערע אָרטיקע קהילות, וואו עס זיינען פאַרטראָטן סיי אייראָפּעאישע און סיי אָריענטאַלישע אידן פון אַלע געמיינדעס. אַזעלכע קהילות זיינען געשאַפן געוואָרן אין ירושלים, תל־אָביב און חיפה, וואו זיי האָבן אַ באַדייטנדן ערפאָלג.

אַ מערקווירדיקער קאַמף איז פאָרגעקומען בעת דער גרינדונג פון אַזאַ קהילה אין דער אַל־אידישער שטאָט תל־אָביב. די אַרבעטער פּאַרטיי האָט געקעמפט קעגן איר שאַפונג, פאָדערנדיק, אַז די רעליגיעזע ענינים זאָלן שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און די רעליגיעזע גרופּן האָבן, פאַרקערט, געפאָדערט זייער פולשטענדיקע אָפּטיילונג פון דער מוניציפּאַליטעט. די אַרבעטער פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז די אויפזיכט פון דער דעמאָקראַטיש־געוויילטער שטאָט־פאַרוואַלטונג איבער די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, וועט אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון די עקסטרעמע פאַנאַטיקער אויף זיי. די בירגערלעכע פּאַרטייען און אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן האָבן אָבער געטענהט, אַז ס'איז נישט קיין יושר צו געבן די נישט־פרומע אידן אַ דעה אין ריין־רעליגיעזע ענינים.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס אין דאָזיקן קאַמף זיינען די פּאָזיציעס פון די פּאַרטייען געווען פונקט פאַרקערט ווי אין די מערסטע אַנדערע לענדער. אוי־מעטום זיינען די ליבעראַלן, ווי באַקאַנט, פאַר דער אָפּטיילונג פון דער קירכע פון דער מלוכה, בעת די קאָנסערוואַטאָרן זוכן זייער אָפיציעלע פאַראייניקונג. ווי מיר האָבן פריער אָנגעדייטעט, האָט זיך דער קאַמף געענדיקט מיטן זיג פון די רעליגיעזע אידן, וואָס האָבן איצט אין דער ריין־אידישער תל־אָביב אַ באַזונדערע קהילה, אומאָפּהענגיק פון שטאָט־ראָט.

בדרך כלל, ווערן רעליגיעזע ענינים רעגולירט אויפן יסוד פון אַ פאַר־אָרדנונג וועגן רעליגיעזע קהילות, וואָס איז ערשינען אין יאָר 1926. באַזירט אויף די אַמאָליקע טערקישע געזעצן, שאַפט די דאָזיקע פאַראָרדנונג אַ רבנישן ראָט (ועד הרבנות) און רבנישע געריכטן, מיט ברייטער יוריסדיקציע אין פּערזענלעכע און פאַמיליען־באַציאונגען. חתונות, גטן, ירושות, צוואות, אַלי־מאָניע און אַפּיטרופּסות איבער מינדעריאָריקע, זיינען אינגאַנצן איבערגעגעבן

אין רשות פון די רעליגיעזע געריכטן, וואָס דאַרפן אַנטשיידן די דאָזיקע פראַגן אויפן גרונט פון די רעליגיעזע דינים פון יעדער געמיינדע. אין פאַל פון פרייוויליקער צושטימונג פון די אין באַטראַכט־קומענדע צדדים, קאָן די קאָמ־פעטענץ פון די דאָזיקע רעליגיעזע געריכטן אויסגעשפּרייט ווערן אויך אויף אַנדערע פראַגן, וואָס באַרירן פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן.

די מאַכט פון די דאָזיקע געריכטן איז אָבער באַגרענעצט בלויז אויף ארץ־ישראלדיקע בירגער, וואָס זיינען מיטגלידער פון דער כנסת ישראל. אַ איד פון אַמעריקע, למשל, קאָן נישט קריגן פון זיי קיין געזעצלעך־גילטיקן גט. די אָרגאַניזאַציע פון די דאָזיקע געריכטן און די וואַלן פון די הויפּט־רבנים איז נישט דירעקט אָפּהענגיק פון דער כנסת ישראל, דאָס מיינט, אַז אין די ראַמען פון דער כנסת ישראל האָבן די רעליגיעזע אידן אַ באַשטימטע רעליגיעזע אויטאָנאָמיע.

פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּן

אין פּאָליטישער הינזיכט זיינען די ארץ־ישראלדיקע אידן צעטיילט אין פאַרשידענע פּאַרטייען, וועמענס קעגנזייטיקע אָפּאָזיציע ווערט באַזונדערס שאַרף אין דער צייט פון די וואַלן צו דער אספת הנבחרים. די איינציקע גרופּע, וואָס שטייט געוויינלעך מחוץ די פּאַרטייען, זיינען די מיינסטע אָריענטאַלישע אידן, וואָס פאַרלאַנגען אַ פאַרטרעטונג אין די אידישע אויטאָנאָמע אינסטי־טוציעס אויפן יסוד פון זייער אורשפּרונג. די ספרדים און תמנים, דיביידע הויפּט־גרופּן פון די אָריענטאַלישע אידן, פיגורירן אין די וואַלן צו דער אספת הנבחרים און באַטייליקן זיך אין ועד הלאומי אַלס פאַרשטייער פון זייערע געמיינדעס.

נישט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער פּאַרטייאישער צעטיילונג, האָט די גרויסע מערהייט פון די ארץ־ישראלדיקע אידן געשאַפן אַ פּאַראייניקטן פראָנט ביי די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן אין די שטעט מיט אַ געמישטער אידיש־אַראַ־בישער באַפעלקערונג. געמיינזאַמע אידישע ליסטעס, געבויט אויף אַ ברייטן בלאָק, וואָס האָט זיך אַנגעהויבן פון דער קלעריקאַלער אגודת ישראל און זיך געענדיקט מיט דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן ביי די שטאָט־ראַט וואַלן אין ירושלים, חיפה, טבריה און יפו. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז די אידן האָבן געקריגן 6 מאַנדאַטן פון 12 אין ירושלים, 4 פון 12 אין חיפה, און 4 פון 7 אין טבריה, און אין יפו מיט איר איבערוויגנדער אַראַבישער מערהייט האָבן די אידן באַקומען 2 אויף 10 מאַנ־דאַטן.

די אידן, וואָס בילדן 65 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין ירושלים, פירן לעצטנס אַ שטאַרקן קאַמף, אַז זיי זאָל איבערגעגעבן ווערן דער אַמט

פון שטאָט־מעיאָר, אָבער די רעגירונג, וואָס האָט דאָס רעכט צו באַשטימען דעם שטאָט־מעיאָר אין איינקלאַנג מיט דער לעצטער וואַל־אָרדינאַציע צו די שטאָט־ראָטן, האָט אָפּגעוואָרפן די גערעכטע אידישע פאָדערונג.

די אַרבעטער־פּאַרטיי

די מערסטע אידישע פּאַרטייען אין ארץ־ישראל זיינען נישט פון אָר־טיקער אָפּשטאַמונג. זיינען אַן אָפּצווייגונג פון די פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס עקזיסטירן צווישן אידן אין גלות.

די וויכטיקסטע אויסנאַמע פון דאָזיקן כלל איז די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי (מפא״י — מפלגת פועלי ארץ־ישראל). לויט איר אידעאָ־לאָגישער סטרוקטור שיידט זי זיך אָזוי אָפּ פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער, אַז אנשטאט צו זיין באַאיינפלוסט פון ענלעכע אידישע פּאַרטייען אין גלות, איז זי גאָר געוואָרן אַ קוועלע פון באַדייטנדן איינפלוס אויף דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויסער ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל איז זי די שטאַרקסטע און אַמבעסטן אָרגאַניזירטע אידישע פּאַרטיי.

דער איינפלוס פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי (מפא״י), אויפן ארץ־ישראל־דיקן לעבן, ווערט בעיקר דורכגעפירט מיט דער הילף פון דער „הסתדרות הכללית״, די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבע־טערשאַפט. פאָרמעל אומפּאַרטייאיש, ווערט די הסתדרות, וועמענס מיטגלי־דערשאַפט איז אומפאַרגלייכלעך גרעסער איידער פון דער מפא״י, פּאַקטיש דאָמינירט דורך דער לעצטער און דאַרף באַטראַכט ווערן כמעט אַלס איר ווערקצייג אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

די מפא״י איז אַנטשטאַנען דורך דער פאַראייניקונג פון צוויי פריער־דיקע אַרבעטער פּאַרטייען, דער „אחדות העבודה״ און דעם „הפועל הצעיר״. די ערשטע שטאַמט פון דער אַמאָליקער פועלי ציון־פּאַרטיי, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין ארץ־ישראל אינם יאָר 1906, אַלס אַן אָפּטיילונג פון די פועלי ציון אין גלות. די אַנדערע, געגרינדעט בערך אין דער זעלבער צייט, האָט אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ זיך נישט באַטראַכט אַלס סאָציאַליסטיש, זי איז אפילו געווען קעגן שטרייקן און קעגן באַטייליקן זיך אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נאָך דער צוזאַמענשמעלצונג פון די ביידע פּאַרטייען איז זייער יורש, די „מפא״י״, אַריינגעטרעטן אין צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל אַלס זיין פּאַלעסטינער סעקציע. די מיטגלידער פון „הפועל הצעיר״ האָבן אויפגעגעבן זייער פריערדיקן ווידערשטאַנד צום דאָזיקן אַנ־שלוס, באַקומענדיק אַ גענוגנדע פאַרזיכערונג, אַז די נייע פאַראייניקטע פּאַרטיי, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1929, וועט אָפּהיטן איר ציוניסטישן כאַראַקטער און גייסט.

די ראָל פון דער אַרבעטערשאַפט אין נאַציאָנאַלן לעבן

אין איר פּראַקטישער פּאָליטיק וואַרפט די מפא״י געוויינלעך אָפּ דעם מאַרקסיזם אַלס אַן אידעאָלאָגיע פון עקסטרעמען קלאַסן־קאַמף. אירע פירער באַטראַכטן די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל אַלס דעם אַוואַנגאַרד פון גאַנצן פאָלק, וואָס טראָגט אויף זיך די אחריות פאַרן גורל פון אידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצן און מוז דעריבער קאָאָפּערירן מיט אַנדערע קלאַסן. די מפא״י נעמט דעריבער אַן אַקטיוון אַנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואו אירע פירער טרעפן זיך מיט די פאַרשטייער פון אַנדערע אידישע גרופּן אין אַ גע־מיינזאַמער אָנשטרענגונג צו שאַפן די אידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. ביי די וואַלן צו די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן (1937, 1939) איז זיי געלונגען אויסצואווילן מער דעלעגאַטן ווי יעדע אַנדערע פראַקציע און זיי האָבן געשפּילט, אין אַ גרויסער מאָס, די דאָמינירנדע ראָל אין קאָנגרעס. אין דער איצטיקער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, אויסגעוויילט אויפן לעצטן קאָנ־גרעס, זיצט אַ זייער שטאַרקע גרופּע פון אַרבעטער־פאַרשטייער, וואָס איבט אויס אַ גרויסע מאָס פון קאָנטראָל אויף דער גאַנצער אַרבעט, הגם די אַר־בעטער־גרופּע האָט נישט דאָרט קיין פאָרמעלע מערהייט.

די מפא״י, איז אויך שטאַרק פאַרשטראָטן אין דעם ועד הלאומי, וואָס איז דער פּערמאַנענטער קאָמיטעט פון דער אספת הנבחרים, ווי אויך אין די שטאָטישע און קאָלאָניע־ראַטן. אין פיל פאַלן האָבן די אַרבעטער־פירער אַרויסגעוויזן זייער גרייטקייט אַליין מוותר צו זיין אויף דער נאַטירלעכער טענדענץ פון יעדער פּאַרטיי צו באַקומען אַן אויסגעשפּראָכענע מערהייט, נישט וועלענדיק מען זאָל איר באַשולדיקן אין דיקטאַטאָרישע טענדענצן. די מפא״י פאַרשטייט, אַז אַזוי לאַנג ווי דער ועד הלאומי און די אַנדערע ענלעכע אידישע קערפּערשאַפטן פאַרמאָגן נישט קיין צוואַנגס־רעכט, און זיי מוזן זיך אין אַ גרויסער מאָס רעכענען מיטן מאָראַלישן איינפלוס, קען נישט אַן אַר־בעטער מערהייט אינגאַנצן איבערנעמען די מאַכט, וואָס וואָלט נאָר אַרויס־גערופן אַן אַנטאַגאָניזם צום ועד הלאומי מצד די בירגערלעכע גרופּן און ס׳וואָלט אין אַ גרויסער מאָס געוואָרן אַרונטערגעריסן זיין אויטאָריטעט. די מפא״י־פירער רעכענען קלוג אויס, אַז די אַרבעטערשאַפט קען מער דערגרייכן דורך אַן אַלגעמיין־אָנערקענטן נאַציאָנאַל־ראַט, וואו זיי האָבן נאָר 40 פּראָ־צענט פון אַלע שטימען, ווי דורך אַן אימפּאָטענטער קערפּערשאַפט, וואו זיי מעגען אפילו האָבן 60 פּראָצענט שטימען.

איינמאָל האָט די מפא״י, געוואונען אַן אַבסאָלוטע מערהייט ביי די וואַלן צו דער וואַקסנדער שטאָט תל־אביב און איינער פון אירע פירער, ד. בלאָך איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט. נאָכן אָנהאַלטן עטלעכע יאָר די קאָנטראָל איבער דער שטאָט־פאַרוואַלטונג,

האָט די אַרבעטערשאַפט שפּעטער פאַרלוירן איר מערהייט אין שטאָט־ראָט, ווייל ס'איז געוואָרן באַשטימט אַ נייע וואַל־אָרדינאַציע, וואָס איז געווען ווייניקער דעמאָקראַטיש און האָט געגעבן וואַל־רעכט גאָר צו די יעניקע, וועלכע האָבן באַצאָלט אַ הויכן מינימום פון שטאָט־שטייערן. די דאָזיקע ענדערונג אין דער וואַל־אָרדינאַציע איז דורכגעזעצט געוואָרן דורך דער רעגירונג אויף דער עקשנותדיקער פאָדערונג פון די בירגערלעכע גרופּן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז די אַרבעטער־לייטונג פון שטאָט־ראָט וועט דערפירן צום רואין פון צוטרוי צו דער וואַקסנדער שטאָט. איצט האָט די מפא״י 6 פון 13 מיטגלידער אין שטאָט־ראָט.

אין לויף פון די לעצטע יאָרן האָט די מפא״י, פאַרגרעסערט איר דירעקטע באַטייליקונג אין אַלע אַקציעס פון ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די מפא״י פירער האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו באַטראַכטן פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיין־אידישן געזיכטספּונקט. זיי האָבן אויך דערוואָרבן אַ רייכע דערפאַרונג אין באַהערשן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין דער הסתדרות ווי אין ישוב בכלל.

אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע האָט זיך די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אין דער פּאַרטיי אין רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג, וואָס די פּאַרטיי האָט דורכגעמאַכט אויף רעכטס. די אָפּאָזיציע, באַקאַנט אונטערן נאָמען „סיעה ב׳״ שטרייכט אונטער דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי און פאַרלאַנגט אַ גרעסערע אומאָפּהענגיקייט פון די אַנדערע אידישע גרופּן אין לאַנד. פריער איז די אָפּאָזיציע געווען טעטיק נאָר אינערהאַלב דער פּאַרטיי, אָבער אין די לעצטע דריי יאָר איז זי געוואָרן מער אויסגעשפּראָכן און ראַדיקאַל. די אָפּאָזיציאָנערן האָבן געשטימט צוזאַמען מיט די לינקע אָפּאָזיציע־גרופּן אויף די הסתדרות באַראַטונגען און האָבן אַזוי אַרום געשטעלט אין געפאַר די קאָנטראָל פון דער מפא״י אויף דער הסתדרות. אין יוני, 1944, האָט זיך דער דאָזיקער אינערלעכער קאַמף פאַרענדיקט מיט אויסשליסן די אָפּאָזיציע פון דער מפא״י. עס זעט אויס, אַז מיר שטייען פאַר אַ נייער פּאַרטייאישער אומשיכטונג אינערהאַלב דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. די „סיעה ב׳״ וועט זיך צוזאַמענשמעלצן מיט די מער־לינקערע גרופּן אין דער הסתדרות.

„אַלגעמיינע ציוניסטן״

אַ באַדייטנדן איינפלוס האָבן אויך אויפן אידישן לעבן אין ארץ ישראל די אַלגעמיינע ציוניסטן. זיי באַטראַכטן זיך פאַר ריינע ציוניסטן, וואָס אָנערקענען נישט קיין קלאַסן־קאַמף און זעצן פאָר די ריין־ציוניסטישע טראַדיציעס פון פּינסקער און הערצל. זייער איינפלוס מעסט זיך נישט לויט דער צאָל אָרגאַניזירטע מיטגלידער. פאַקטיש, זענען זיי די לעצטע יאָרן געוואָרן אָפּגע־

שוואַכט, פאַרלירנדיק מיטגלידער סיי צו דער וואַקסנדיקער אַרבעטער־באַ־וועגונג פון איין זייט און סיי צו די רעוויזיאָניסטן פון דער צווייטער זייט. אפילו די וואָס זיינען געבליבן טריי דער באַוועגונג זיינען פּאַקטיש צעטיילט אין צוויי זיך באַקעמפנדע גרופּן. די „גרופּע אלף", וואָס שטיצט די הסתדרות און די „גרופּע בית", וואָס באַקעמפט איר אַנטשידן. נישט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער אָפּשוואַכונג און אומאייניקייט, פאַרמאָגן נאָך די אַלגעמיינע ציוניסטן אַ גרויסן איינפלוס, און זיי ציילן נאָך אין זייערע רייען די וויכטיקסטע פירער פון וועלט־ציוניזם און זיי האַלטן די שליסל־פּאָזיציעס אין די אינסטי־טוציעס, וואָס די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג האָט געשאַפן אין ארץ־ישראל, ווייל זיי שפּילן די ראָל פון פאַרמיטלער צווישן די עקסטרעמע פראַקציעס פון ביידע זייטן. זיי האָבן דעם צוטרוי פון יענע מיטל־קלאַס אידן אין די גלות־לענדער, וואָס נישט געהערנדיק דירעקט צו דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, זיינען זיי דאָך איר וויכטיקסטער פינאַנסיעלער אָנשפּאַר.

הגם די אַלגעמיינע ציוניסטן טענהן געוויינלעך, אַז זיי שטייען איבער אַלע פּאַרטייען, שטעלן מיט זיך פאָר -- באַזונדערס די גרופּע ב' — די טי־פּישע פאַרשטייער פון קליין בירגערטום. דאָס ווערט קלאָר באַוויזן פון זייער ענגער פאַרבינדונג מיט געוויסע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די דאָזיקע קלאַסן אין ארץ־ישראל. די וויכטיקסטע פון זיי איז די פאַראייניקונג פון די קאָלאָניסטן (התאחדות האכרים), וואָס נעמט אַרום די פאַרמער פון די אַלטע קאָלאָניעס און די פּריוואַטע ציטרוס־פּלאַנצער פון די נייערע קאָלאָניעס. די דאָזיקע קאָלאָניסטן באַשעפטיקן לוין־אַרבע־טער — צום גרויסן טייל אַראַבישע און באַקעמפן שאַרף די הסתדרות און איר פּאָליטיק.

די רעוויזיאָניסטן

נאָך שטאַרקער זיינען די אינטערעסן פון די בירגערלעכע באַזיצנדע קלאַסן פאַרטראָטן פון די רעוויזיאָניסטן, וואָס ווערן אָפט באַצייכנט אַלס דער אידישער מין פון פאַשיזם. דער מחבר האָט קיינמאָל נישט אַקצעפּטירט די דאָזיקע דעפיניציע, ווייל ער זעט נישט די מעגלעכקייט פון אַ פאַשיסטישן רעזשים ביי אַ פאָלק, וואָס לעבט נישט אין די ראַמען פון זיין אייגענער מלוכה. די רעוויזיאָניסטן אַליין זאָגן, אַז זיי זיינען נישט קיין פאַשיסטן נאָר בלויז שטאַרקע נאַציאָנאַליסטן, וואָס פאָדערן מער אייניקייט צווישן די קלאַסן מיטן צוועק צו דערגרייכן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל.

פאַשיסטן אָדער נישט, אָבער דער פאַקט איז, אַז די רעוויזיאָניסטן נאָכמאַכנדיק פיל אויסערלעכע סימבאָלן און קונצן פון פאַשיזם, געבן זייערע קעגנער אַ גוטע געלעגנהייט צו באַצייכענען זיי אַלס אַזעלכע; באַזונדערס

פּראָוואָצירנד ווירקט אין דער הינזיכט זייער אומפּאָרם, וואָס, ווי זייערע קעגנער באַהויפּטן, דערמאָנט היטלערס ברוינע העמדלעך. הגם די רעוויזיאָניסטן קאָנען באַווייזן, אַז זייערע אוניפאָרמען האָבן זיי אַנגעהויבן טראָגן נאָך פאַר דעם אויפקום פון נאַציזם, האָט די פאַרביטערונג וואָס די דאָזיקע ענלעכקייט האָט אַרויסגערופן געהאָלפן צו פאַרגיפטן זייערע באַציאונגען מיט אַנדערע אידישע גרופּן. סימנים פון פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע קען מען אויך זען, אין זייער טערמינאָלאָגיע. זייערע צוויג־גרופּן ווערן איינגעטיילט אין „קאָמפּאַניעס", אונטער דער פירונג פון „קאָמאַנדירן" און זיי האָבן אפילו זייער אייגענעם מין פון אַ מיליטערישן סאַלוט.

דער אמתער יסוד פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג זעט אויס צו זיין נישט פאַשיזם, נאָר יאוש אין דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם ציוניזם אַלס אידנשטאַט אין די איצטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען אין ארץ־ישראל. איר הויפּט־פירער און פאַרשטאַרבענער לידער, זשאַבאָטינסקי, פלעגט שטענדיק אויסדריקן זיין איבערצייגונג, אַז ארץ־ישראל וועט קיינמאָל נישט ווערן אידיש, ווי לאַנג ענגלאַנד וועט נישט אָפּשטעלן די אַראַבישע אימיגראַציע פון די שכנותדיקע לענדער און נישט אַקטיוו מיטהעלפן אין אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. אַזוי, למשל, האָט ער פאָרמולירט זיין אני מאמין אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען איבער דער לאַגע אין ארץ־ישראל:

„ס'איז ביטער עס צו זאָגן, אָבער עס איז אַן אמת: ווען מיר קוקן אויף דער גאַנצער סיטואַציע פון שטאַנדפּונקט פון דער אידישער שטאַטס־אידעע, מוזן מיר צוגעבן, אַז אַלע אונזערע ריזיקע אָנשטריינגונגען זיינען געווען נוצלאָז. אמת, מיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ערשטקלאַסיקע קאָלאָניזאַטאָרן; מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר זיינען פעאיק צו שאַפן נייע אונטערנעמונגען מיטן כוח פון אונזער אינטעליגענץ און קאַפּיטאַל און מיר האָבן אויך באַוויזן אונזער פעאיקייט צו אַרבעטן אין שוויס פון אונזער געזיכט, אָבער דער רעזולטאַט — דער היסטאָרישער און אַנטגילטיקער רעזולטאַט — דראָט צו פאַרבלייבן די ביטערסטע אַנטוישונג אין אונזער געשיכטע".

זשאַבאָטינסקי האָט ווייטער אָנגעוויזן, אַז טראָץ דער אידישער קאָלאָניזאַציע, איז דער אַבסאָלוטער צוואוקס פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין די לעצטע 25 יאָר נישט געווען קלענער ווי דער אידישער צוואוואוקס. אַזאַ לאַגע מוז סוף־כל־סוף פירן צו אַן אַראַבישער מלוכה, נישט צו קיין אידישער. דער רעוויזיאָניסטישער פירער איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט פאַרויסצוזען פאַר די אידן אין ארץ־ישראל דעם זעלבן גורל פון זייערע ברידער אין היטלער־דייטשלאַנד.

די פאַרצווייפלונג פון די רעוויזיאָניסטן זעט אויס צו זיין קלאָרער ווי די לייזונג וואָס זיי האָבן פאָרגעלייגט. זיי האָבן פאַרלאַנגט צו פאַרשטאַרקן דעם דרוק אויף ענגלאַנד און אונטערשטיצן די אידישע פאָדערונג מיט אַן

אַלוועלטלעכן אידישן פּראָטעסט־שטורם קעגן ענגלאַנד, אויפטרייסלנדיק די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט. פון דער צווייטער זייט, זיינען זיי געווען גרייט פּאָרצולייגן ענגלאַנד אַלס אַן אַנטשיידיקונג פאַר אַ וויט־גייענדער פּראָ־אידישער פּאָליטיק, די אַקטיווע באַטייליקונג פון אידישע לעגיאָנערן ביים איינהאַלטן אָרדענונג אין ארץ־ישראל און אין גאַנצן נאָענטן מזרח. בכלל, האָבן זיי שטאַרק באַטאָנט די ראָל פון אידן אַלס די פאַרבינדעטע פון דער מערב־ציוויליזאַציע אינם מזרח. צוליב דעם האָבן זיי אויפגעפאָדערט די אי־דישע יוגנט צו דיסציפּלין און דערציען אַ קאַמף־גייסט אין אירע רייען, באַ־נוצנדיק פאַשיסטישע קונצן און סימבאָלן, וואָס האָבן אַמאָל געגעבן זייער באַוועגונג דעם אַנבליק פון אַ „אידישן פאַשיזם״.

אַן אַנדער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון רעוויזיאָניזם איז זיין בי־טערע קעגנערשאַפט צום מאַרקסיזם און צו קלאַסן־קאַמף און דאָס פּרעדיקן „נאַציאָנאַלע איינקייט״, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן דורך אָבליגאַטאָרישן אַרביטראַזש, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דורך צוואַנגס־געזעצן, וואָס ווערן פעסטגעשטעלט דורך אַ פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער אָנפירונג. דאָ ווערט די ענלעכקייט צווישן רעוויזיאָניזם און פאַשיזם קלאָר און איבערצייגנד.

דער נאַטירלעכער פּועל יוצא פון דער דאָזיקער שטעלונג איז געווען דער ביטערער קאַמף פון די רעוויזיאָניסטן קעגן דער אַרמיי פון דער אָרגאַניזיר־טער אַרבעטערשאַפט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער הסתדרות און אירע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און דאָ האָט דער קאַמף צווישן די רעוויזיאָניסטן און דער אַרבעטערשאַפט דערגרייכט זיין קלימאַקס. די רעוויזיאָניסטן האָבן באַשולדיקט די הסתדרות און מאַרקסיזם אין נאַציאָנאַלן פּראַט און זיינען דורך דער הסתדרות געוואָרן באַצייכנט אַלס סטרייקברעכער און „געלע״.

די רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אַלס אַ פראַק־ציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיינען דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן זיך געשטעלט אויסער אירע רייען. אין פרילינג 1935 האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פון ציוניסטישן קאָנגרעס און אין הערבסט פון זעלבן יאָר האָבן זיי געגרינדעט די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויף אַ ספּעציעלן קאָנ־גרעס אין ווין. דער אַרויסטריט פון די רעוויזיאָניסטן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן נאָך דעם, ווי ס'איז דורכגעפאַלן אַ פּרואוו פון די הסתדרות־פירער אין ארץ־ישראל דורכצופירן אַ צייטווייליקן אָפּמאַך צווישן די פירער פון ביידע גרופּן — זשאַבאָטינסקי פון די רעוויזיאָניסטן און בן־גוריון פון דער הסתדרות. דער פאַרגעלייגטער אָפּמאַך האָט זיך באַצויגן אויף אַרבעטס־באַ־ציאונגען און אַרבעטס־קאָנפליקטן אין ארץ־ישראל און איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן אין אַ פּלעביסציט פון די הסתדרות־מיטגלידער. דאָס צוריקווייזן דעם אָפּמאַך איז באַנוצט געוואָרן פון די עקסטרעמע רעוויזיאָניסטן אַלס אַן אויסרייד פאַר דער לאַנג־געפּלאַנטער שפּאַלטונג. דער אַנטאַגאָניזם צווישן די רעוויזיאָניסטן

און אַרבעטער־פליגל אין ציוניזם, איז היינט פונקט אַזוי שאַרף ווי פריער, הגם עס זיינען געוואָרן זעלטענער די פיזישע געוואַלדטאַטן צווישן זייערע מיטגלידער נאָך דעם ווי די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַרלאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און זיך געשטעלט אין אַ לאַגע פון זעלבסט־איזאָלאַציע.

דער מער־מעסיקער פליגל פון די רעוויזיאָניסטן האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אָפּגעוואָרפן די עקסטרעמע פירערשאַפט פון זשאַבאָטינסקי און געשאַפן אַן אייגענע „אידנשטאַט־פּאַרטיי", וואָס איז געבליבן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נאָך זשאַבאָטינסקיס אַרויסטריט. עס זעט אויס, אַז זייערע רייען האָבן זיך פאַרגרעסערט דורך פיל איבערלויפער פון די רעוויזיאָניסטישע עקסטרעמיסטן, אָבער בדרך כלל זיינען זיי אַ שוואַכע גרופּע אָן באַדייטנדן איינפלוס אין ארץ־ישראל און אין גלות.

ציוניזם און רעליגיע

אַן אַנדער פּאַרטיי, וואָס איז פאַרטראָטן אין די אידישע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס פון ארץ־ישראל, איז דער „מזרחי", דער רעליגיעזער פליגל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער מזרחי האָט נישט קיין גרויסע צאָל מיטגלידער אין ארץ־ישראל; פיל אָרטאָדאָקסישע אידן געהערן דאָרט צו דער „אגודת ישראל", וואָס באַציט זיך מיט אומצוטרוי צום ציוניזם און זיין גאַנצער טעטיקייט און קוקט אויפן מזרחי ווי אויף אַ געפערלעכע קאָנצעסיע צו אפיקורסישע אידעאַלען. אויסער דעם זיינען דאָ פיל ציוניסטן, וועלכע הגם זיי זיינען אַליין פונקט אַזוי פרום ווי דער מזרחי, האַלטן זיי נישט, אַז עס דאַרף עקזיסטירן אַ באַזונדערע רעליגיעזע פראַקציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי געהערן דערפאַר צו די אַלגעמיינע ציוניסטן און אַמאָל אויך צו דער מפא"י, וואו מען באַציט זיך צו רעליגיעזע איבערצייגונגען מיט דער נויטיקער אַכטונג.

טראָץ דער קליינער צאָל אָנהענגער, פאַרנעמט דער „מזרחי" אַ חשובן פּלאַץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, אַדאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיט שטאַרקערע רעליגיעזע גרופּן אין די גלות־לענדער און אַדאַנק דעם באַדייטנדן איינפלוס וואָס ער פּרעטענדירט צו האָבן אויף די ביישטייערער צו די ציוניסטישע פאָנדן.

אַדאַנק דעם דאָזיקן איינפלוס, איז דעם מזרחי געלונגען צו באַקומען די קאָנטראָל איבער אַ גרויסן טייל פון די אידישע פאָלקס־שולן אין ארץ־ישראל און ער האָט אויך אַן איינפלוס אויפן לערן־פּראָגראַם פון אַנדערע שולן. ער פירט אויך אַן ענערגישן קאַמף פאַר דעם אַבליגאַטאָרישן דורכפירן אין אידישן לעבן אין ארץ־ישראל פון אַ רייע רעליגיעזע פאַראָרדענונגען, ספּעציעל וועגן שמירת שבת.

אויף די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט דער מזרחי פאַרלאַנגט — און טיילווייז דערגרייכט — גאַראַנטיעס, אַז די דינים וועגן כשרות זאָלן ווערן שטרענג דורכגעפירט אין אַלע ישובים, וואָס געפינען זיך אויף קרן־קימת באָדן און אין אַלע ישובים, וואָס ווערן אונטערשטיצט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע חתונה־געהאַטע פּאָרלעך אין די קבוצות, אפילו די נישט־רעליגיעזע, מוזן נעמען חופּה וקדושין. ער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דורכפירן ספּאָרט־שפּילן אין שבת, אויפגעפאָדערט די פאַרוואַלטונגען פון די ריין־אידישע ישובים שטרענג צו פאַרבאָטן יעדן גאָסן־פאַרקער אין שבת און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויך פאַרבאָטן דאָרט צו רויכערן עפנטלעך אום שבת און די שולדיקע באַשטראָפן. אין פיל פאַלן איז ער זאָגאַר געגאַנגען אַזוי ווייט צו פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג זי זאָל דורכפירן די דאָזיקע שטראָפן. אָבער די רעגירונג איז, אַפּנים, נישט גרייט נאָכצוגעבן די דאָזיקע פאָדערונגען, האַלטנדיק אַז זיי שטייען אין אַ סתירה צו די פאַרשריפטן פון ארץ־ישראל־מאַנדאַט, וואָס גאַראַנטירן די פולע געוויסנס־פרייהייט פאַר אַלע בירגער פון לאַנד.

וואָס מיינט אומטאָלעראַנץ?

די מיליטאַנטישע אָרטאָדאָקסיע טייטשט אָבער אויס די פאַרשריפטן וועגן געוויסנס־פרייהייט אויף איר אייגענעם וועג.

„מיר האָבן" טענהן זיי „גאַרנישט אויסצוזעצן, אַז אַ איד זאָל ביי זיך אין דער היים רויכערן אום שבת. דאָס דאָזיקע רעכט ווערט אים גאַראַנטירט דורכן פּונקט אין די מאַנדאַט־געזעצן, וואָס גאַראַנטירט די פרייהייט פון געוויסן. אָבער ווען ער באַווייזט זיך אויף דער גאַס מיט אַ רויכערדיקן ציגאַר אין מויל, באַליידיקט ער דאָן די געפילן פון זיינע שכנים און ער פאַרשאַפט זיי גרויסע מאָראַלישע פאַרביטערונג. זיין אייגענע געוויסנס־פרייהייט באַרעכטיקט נישט דאָס אָנוואַרפן מאָראַלישע יסורים אויף זיינע שכנים".

די קעגנער פון מזרחי וואַרפן אָפּ די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע פון געזעץ אַלס אַ סאָפיסטיש פּשטל. זיי טענהן, אַז אין גלות, וואו די אידן בילדן אַ הילפלאָזע מינדערהייט, קען אַזאַ אינטערפּרעטאַציע ווערן לייכט אויסגענוצט אַלס אַ פּרעצעדענט פאַר ווייטערדיקע ווילקירלעכע אויסטייטשונגען. פאַקטיש, זיינען אין מיטלאַלטער פיל אידישע מנהגים פאַרבאָטן געוואָרן נישט דערפאַר, ווייל מען קען עפּעס אָנווענדן קעגן די מנהגים אַליין, נאָר ווייל זיי באַליידיקן מכלומרשט זייערע נישט־אידישע שכנים.

די פירנדע אידישע אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל, איינגעשלאָסן די הסתדרות, פּרובירן ווייכער צו מאַכן די פאָדערונגען פון מזרחי, זיי נאָכגעבנדיק טיילווייז. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד צו־

געזאָגט שטרענג אַכטונג צו געבן אַז שמירת שבת זאָל ווערן אָפּגעהיט אין די ישובים, וואָס געפינען זיך אויף זיין באָדן. אויך די קאָאָפּעראַטיווע רעס־טאָראַנען פון דער הסתדרות האָבן מסכים געווען צו איינפירן כשרות אין זייערע קיכן. די אפיקורסים אין די קבוצות ווערן דרינגענד געבעטן דורך די אַרבעטער־פיִרער אויסצומיידן יעדע עפנטלעכע האַנדלונג וואָס קען אַנ־רירן די רעליגיעזע געפילן פון די פרומע אידן אין די אַרומיקע שטעט, און נישט צו געבן אַזוי אַרום אַ מעגלעכקייט פאַר אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן די ציו־ניסטישע פאָנדן אין די גלות־לענדער. אין פיל פאַלן האָבן די אַרבעטער גע־פאָלגט זייערע פירער. ס׳איז נישטאָ קיין לאַנד אין דער וועלט, וואו די נישט־גלויביקע זאָלן אַרויסווייזן אַזאַ פריווויליקן רעספּעקט פאַר די רעליגיעזע איבערצייגונגען פון אַנדערע, ווי אין די אידישע שטעט און דערפער אין ארץ־ישראל.

באַמיענדיק זיך צו קריגן אַן אַנהאַלט צווישן די אַרבעטער וואָס שפּילן אַזאַ אַנטשיידענע ראָל אין אויפבוי פון ארץ־ישראל, האָט דער מזרחי מיט יאָרן צוריק געגרינדעט אַן אייגענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „הפּועל המזרחי״, וועמענס מיטגלידער באַטייליקן זיך אויך לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך אין גע־וויסע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות. דער „הפּועל המזרחי״ האָט אַ רייע קבוצות און אַרבעטער־לאַגערן, פון פרומער יוגנט. עס איז כדאי צו פאַר־צייכענען, אַז די מזרחיסטישע קבוצים קאָפירן נאָך אין זייער אינערלעכן לעבן אַלע פירונגען פון די סאָציאַליסטישע קבוצים, איינגעשלאָסן זייער גלייכע צעטיילונג פון פּראָדוקטן א. אַז. וו. פיל קבוצים פון „הפּועל המזרחי״ האָבן דעמאָנסטרירט זייער חלוצישן גייסט אונטער די געפערלעכסטע באַדינגונגען בעת די אַראַבישע אומרוען אין 1936־38 און זיי ווערן אין אַלגעמיין באַטראַכט אַלס ווערטפולע מיטגלידער פון דער ארץ־ישראלדיקער חלוצישער מחנה.

אגודת ישראל

ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, האָט די אגודת ישראל, די מיליטאַנטישע אָרטאָדאָקסיע, נישט אַקצעפּטירט דעם ציוניזם אין זיין איצטיקער פאָרם און נעמט נישט קיין אָנטייל אין די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער זיין איינפלוס. דאָס איז נוגע דער אספת הנבחרים, ווי דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. לויט די אויפפאַסונגען פון די אגודהניקעס, איז שיבת ציון אַן ענין פאַר דער געטליכער השגחה און נישט פאַר פּאָליטישע פּאַרטייען, באַזונדערס פאַר אַפּיקורסים. זיי אַנטזאָגען זיך צו באַטראַכטן די איצטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס דעם מכשיר פון רבונו של עולם דורכצופירן דעם צוריקקער פון פאָלק ישראל אין הייליקן לאַנד.

די אָפּאָזיציע פון דער אגודת ישראל צו די ציוניסטישע צילן האָט ציי־

טנוויז אַנגענומען אַ ביטער־שאַרפֿן און אַקטיוון כאַראַקטער. מיט 20 יאָר צו־ריק איז דער קאַמף דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אגודת ישראל האָט פֿאַר־פּלייצט די פֿעלקער־ליגע, ענגלאַנד און די ארץ־ישראל אַדמיניסטראַציע מיט מעמאָראַנדומס און פּראָטעסטן קעגן די ציוניסטן, וואָס ווילן פֿאַרכאַפּן די הערשאַפֿט איבערן ישוב אין זייערע הענט. די אגודה־פֿירער האָבן כסדר אונ־טערגעשטראָכן אַז די ציוניסטן מיספּרעזענטירן די אמתע מיינונגען פֿון אי־דישן פֿאָלק און אַז די אגודת ישראל, וואָס רעדט אין נאָמען פֿון די פֿרום־אָר־טאָדאָקסישע מאַסן, וואָס בילדן מכלומרשט די איבערוויגנדע מערהייט פֿון אידישן פֿאָלק, דאַרף אָנערקענט ווערן פּונקט ווי די אידישע אַגענטור צו רעפּ־רעזענטירן דאָס אידישע ארץ־ישראל.

די דאָזיקע שטעלונג איז נאַטירלעך געוואָרן אונטערשטיצט דורך די אַנטיציוניסטישע קאָנסערוואַטיוון אין ענגלאַנד און געוואָרן אויפגעכאַפּט מיט ענטוזיאַזם מצד די אַראַבישע פּאַלעסטינישע פֿירער. דאָס האָט געשאַפֿן אין די ציוניסטישע קרייזן דעם איינדרוק, אַז די אַגודה פֿירט דורך אַ פֿאַררעטע־רישע פֿאַרברידערונג מיט די גרעסטע שונאים פֿון ציון. אין 1925 האָט די פֿאַרביטערונג קעגן דער אגודה געפֿינען איר אויסדרוק אין דער דערמאָרדונג פֿון ד״ר ישראל דע־האַן, אַ פּראָפֿעסאָר פֿון האָלאַנד, וואָס איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ סאָציאַליסט און שפּעטער אַריבער צו דער „אגודה״ און איז גע־וואָרן איר עקסטרעמסטער און פֿאַנאַטישסטער פֿירער. די מערדער פֿון דע־האַן זיינען נישט געפֿינען געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג, אָבער קיינער אין ארץ־ישראל צווייפֿלט נישט, אַז זיין מאָרד איז פֿאַראורזאַכט געוואָרן דורך זיין עקסטרעמען קאַמף קעגן ציוניזם, וואָס האָט אים דערפֿירט צו האַנדלונגען, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן אין לאַנד אַלס נאַציאָנאַלער פֿאַרראַט.

דורכפֿאַלנדיק אין זייערע פּרואוון אַרויסצושטויסן דעם ציוניזם פֿון זיין פּאָזיציע אַלס אָנערקענטע רעפּרעזענטאַנץ אין ארץ־ישראלדיקע ענינים, האָט די אגודת ישראל ביסלעכוויז שלום געמאַכט מיט איר צווייט־ראַנגיקער פּאָזיציע. ווען די אידן אין ארץ־ישראל האָבן באַקומען אַ מין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וואָס דריקט זיך אויס אין דער אספת הנבחרים און ועד הלאומי, האָט די אגודת ישראל, בלייבנדיק אויסער דער אויטאָנאָמיע, זיך צופֿרידנגע־שטעלט מיט דעם רעכט וואָס מ׳האָט איר דאַן געגעבן צו בילדן אַ באַזונדערע רעליגיעזע קהילה. אַזוי אַרום האָט די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע אָנערקענט איר פּאָזיציע אַלס אַ מינדערהייט אין אַ מינדערהייט און אָפּגעזאָגט זיך פֿון אירע פֿריערדיקע פּרעטענציעס צו רעדן אין נאָמען פֿון כלל ישראל.

אין לויף פֿון יאָרן איז די אָפּאָזיציע פֿון דער „אגודה״ צו דעם ציוניזם געוואָרן אָפּגעשוואַכט און לעצטנס זיינען נישט פֿאַרגעקומען מער קיין פֿאַקטן פֿון אַן אַקטיוון קאַמף קעגן די ציוניסטישע אַספּיראַציעס אויף ארץ־ישראל. פֿאַרקערט, דער פֿריער פֿאַרהאַסטער ציוניזם האָט אָנגעהויבן זיך אַריינגנבענען

אין די אגודה־רייען אין אַ באַהאַלטענער פאָרם. ביי פאַרשידענע געלעגנ־הייטן האָבן די אגודה־פירער דערקלערט זייער ווילן מיטצוהעלפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון די ציוניסטישע צילן, אויב נאָר די ציוניסטן וואָלטן זיך שטרענג געהאַלטן ביי די רעליגיעזע מצוות און מנהגים.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די ארץ־ישראלדיקע פירער פון דער אגודת־ישראל דערקלערט זייער גרייטקייט צו אַקצעפּטירן די פירונג פון דער אי־דישער אַגענטור אין אַלגעמיין־אידישע פראַגן -- נישט רעליגיעזע — זיי האָבן אונטערשטיצט די פּאָליטישע אַקציע קעגן די וואקסנדע אַנטי־אידישע גזירות און קאָאָפּערירט מיט דער אַגענטור בעת די אַראַבישע אומרוען אין 1936־38 אין אַלע נויטיקע אַקציעס.

אין פּוילן און אין די אַנדערע לענדער, וואו די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל איז אפילו פאַרן אויסברוך פונם איצטיקן קריג דיקטירט געוואָרן פון שווערע עקאָנאָמישע נויטן, איז דער אגודת ישראל אָנגעקומען זייער שווער אָפּצוהאַלטן די יוגנט, וואָס איז טיילווייז געווען אָנגעשטעקט מיט ציוניסטישע אידעען, זי זאָל שטיין פון דער ווייטנס און זיך נישט אָנשליסן אין די אַפּי־קורסישע חלוצים־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן צוגעגרייט די אידישע יוגנט פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. כדי דאָס אויסצומיידן, האָבן די אגודה־פירער אַליין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן קבוצים פאַר פרומע חלוצים און פאַרלאַנגען פאַר זיי אימיגראַציע־סערטיפיקאַטן. אויף אַ קאָנפערענץ פון דער אגודת ישראל אין 1936 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די שאַפונג פון אַ ספּעציעלן פאָנד צו קאָלאָניזירן אידן אין ארץ־ישראל אויף רעליגיעזע יסודות. הגם דער דאָזי־קער פאָנד האָט נישט געהאַט געבראַכט קיין גרויסע פּראַקטישע רעזולטאַטן, האָט ער אָבער מיטגעהאָלפן צו ברענגען די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע אידע־אָלאָגיש נאָענטער צום ציוניזם. אין ארץ־ישראל זיינען געשאַפן געוואָרן עטלעכע קליינע ארגונים פון יונגע אגודה־מיטגלידער. לויט זייערע סאָצי־אַלע אַספּעקטן דערמאָנען זיי אויף אַן איבעראַשנדן אופן די אפּיקורסישע קבוצים. אין 1943 איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קאָלאָניע פון דער אגודה־יוגנט אויפן נאָמען פון חפץ־חיים, און אין זומער 1943 זיינען די ערשטע אגודה־חלוצים אַרויף אויף דעם באָדן פון קרן קימת.

די קאָאָפּעראַציע פון דער אגודת ישראל מיט די פריער־פאַרהאַסטע ציוניסטן איז געוואָרן נאָך נאָענטער נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס „ווייסע פּאַ־פּיר" אין 1939 און מיטן אויסברוך פון איצטיקן קריג. ס'איז דאָ אַ גוטער גרונט צו האָפן, אַז אין יעדער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט נאָכן קריג פאַראיי־ניקן די אידישע באַמיאונגען פאַר ארץ־ישראל, וועט די אגודת ישראל פאַר־נעמען איר באַרעכטיקטן פּלאַץ.

די לינקע אָפּאָזיציע — די פּועלי־ציון

איבערגייענדיק פון דער רעכטער אָפּאָזיציע אינם ארץ־ישראלדיקן ישוב צו דער לינקער, שטויסן מיר זיך אָן אין דער ערשטער רייע אויף די פּועלי ציון, אַן אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס האָט פּאַראייניקט אין זיך אַן אייגענעם מין פון ציוניזם מיט אַן אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישן קוק אויף אַלגעמיינע פּראָבלעמען. די ארץ־ישראלדיקע פּועלי ציון ווערן אָפט באַצייכנט אַלס „לינקע״, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאָר דעם לינקן פליגל פון דער אַמאָל פאַראייניקטער פּועלי־ציון באַוועגונג. אין יאָר 1920 האָט די פּועלי־ציון באַוועגונג, אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון קאָמוניזם, זיך צושפּאָלטן, און פון איר רעכטן פליגל האָט זיך, נאָך פאַרשידענע ענדערונגען און נייע פאַראייניקונגען, ענדליך געגרינדעט די איצטיקע אַרבעטער־פּאַרטיי פון ארץ־ישראל (מפא״י). דער לינקער פליגל איז געבליבן ביים אַלטן נאָמען — „פּועלי ציון״ און שטעלט מיט זיך פאָר די הויפּט־אָפּאָזיציע צווישן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער צו דער מעסיקער פּאָליטיק פון דער מפא״י.

גוטהייסנדיק טעאָרעטיש דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט וועגן קלאַסן־קאַמף און דיקטאַטור, זיינען די פּועלי־ציון דאָך קיינמאָל נישט אָנערקענט געוואָרן פון דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַלס עכטע קאָמוניסטן און זיי ווערן פון אים, פאַרקערט, שטאַרק פאַרדאַמט פאַר זייער נאַציאָנאַליסטישער אַפּיקורסות. אין קעגנזאַץ צו די אָפּיציעלע תּלמידים פון מאָסקווע איז ארץ־ישראל, באַטייליקן זיך די פּועלי־ציון אין דער הסתּדרות און זיינען, בדרך כלל, מסכּים מיט איר אַלגעמיינער שטרעבונג מיטצוהעלפן דעם אידישן אויפבוי פון לאַנד. זיי האָבן אויך אָנטייל גענומען אין די וואַלן צו דער אספת הנבחרים און צו די לאָקאַלע אידישע קערפּערשאַפטן. דאָך האָבן זיי זיך פאַר לאַנגע יאָרן נישט באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וועמען זיי באַטראַכטן אַלס אַ ספּעציפישן אינסטרומענט פון קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט. אויפפאָדערענדיק די אידישע אַרבעטער אין די גלות־לענדער צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, גלויבן זיי פונדעסטוועגן, אַז די דאָזיקע אַרבעט וואָלט געקענט בעסער ווערן אָדורכגעפירט דורך סעפּאַראַטע פאָנדן פון דער אַרבעטערשאַפט און דירעקטע קאָאָפּעראַטיווע־לאַניזאַטאָרישע טעטיקייטן, אומאָפּהענגיק פון אַנדערע אידישע פאָלקס־גרופּן.

די לינקע אָפּאָזיציע קריטיקירט אויך שאַרף די אַקטיווע פירער פון דער הסתּדרות פאַר זייער אַראַבישער פּאָליטיק, וואָס שטערט לויט איר מיינונג צו דער פאַראייניקונג פון אידישע מיט אַראַבישע אַרבעטער. די הסתּדרות־פירער ווערן, בכלל, באַשולדיקט אין „שטעלן די קלאַסן־מיטאַרבעט מיט דער אידישער בורזשואַזיע״ איבער די באַלדיקע אינטערעסן פון די אַרבעטער. די פּועלי־ציון באַקעמפן אויך די פּאָליטיק פון מאַכן העברעאיש

אַלס די איינציקע שפּראַך פון ישוב. זיי באַקלאָגן זיך שטאַרק אויף רדיפות קעגן אידיש, די שפּראַך פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין די גלות־לענדער, און זיי גלויבן אַז די באַזייטיקונג פון אידיש אין ארץ־ישראל, וועט סוף־כל־סוף דערפירן צו אַ נאַציאָנאַלער פאַרפרעמדקייט צווישן די אידן אין ארץ־ישראל און די אידן אין גלות.

די ציוניסטישע באַאַמטע, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רשות די פאַר־טיילונג פון אַרבעטער־סערטיפיקאַטן פאַר א״י־דיקער איינוואַנדערונג, פלעגן אין די פריערדיקע יאָרן נישט זיין געניגט צו געבן די דאָזיקע סערטיפי־קאַטן צו פּועלי־ציון מיטגלידער צוליב זייער עקסטרעמער איינשטעלונג אין ציוניסטישע פראַגן. די דאָזיקע דיסקרימינאַציע האָט נאַטירלעך אַרויסגע־רופן שטאַרקע פּראָטעסטן מצד די לינקע פּועלי־ציון.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די פּועלי־ציון געביטן אין אַ געוויסער מאָס זייער פריערדיקע טאַקטיק. זיי האָבן צוריק זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין ציוניסטישן קאָנגרעס און אין אַנדערע ציוניסטישע אַקטיוויטעטן. זיי האָבן זיך אויך צוריקגעצויגן פון זייער פריערדיקער פשרהלאָזער שטעלונג אין באַציאונג צו אידיש. אנשטאט צו באַטאָנען, אַז דער ארץ־ישראלדיקער ישוב איז אַ צוויי־שפּראַכיקער קבוץ, וואו אידיש וועט פאַרנעמען אַ גלייכן פּלאַץ מיט העברעאיש, פאַרטיידיקן זיי איצט פשוט נאָר די רעכט פון אידיש אויפן יסוד פון טאָלעראַנץ און זיי גיבן שטילערהייט צו אַז העברעאיש פאַרנעמט די פירנדע הויפּט־פּאָזיציע אין אינערלעכן לעבן פון ישוב. די פּועלי־ציון פּאַרטיי הויבט זיך אויך אָן צו באַציען אַלץ מער סימפּאַטיש צו דער קאָאָפּע־ראַטיווער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וואָס זיי האָבן פריער פאַרשריגן אַלס אַ סאָרט אוטאָפּישער סאָציאַליזם, וואָס וויל שאַפן סאָציאַליסטישע אינזלען אין אַ ים פון קאַפּיטאַליזם. בדרך כלל, האָט די פּאַרטיי אָפּגעוואָרפן אירע מיינסטע קאָמוניסטישע טעאָריעס און אָריענטירט זיך אַלץ מער און מער אויף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

השומר הצעיר

די מיינונגען פון פּועלי־ציון וועגן קלאַסן־מיטאַרבעטערשאַפט און אַראַבישער פראַגע ווערן אין אַ גרויסער מאָס געטיילט דורך די מיטגלידער פון „השומר הצעיר״, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנטע מישונג פון עקסטרעמען ציוניזם מיט סאָציאַלן ראַדיקאַליזם. נישט זייענדיק קיין פּאַרטיי מיט אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענער פּראָגראַם, האָט פונדעסטוועגן דער „השומר הצעיר״ אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אַ גרויסן טייל פון די חלוצים, וואָס גרייטן זיך אין גלות פאַר ארץ־ישראל. די שאַרפסטע צעטיילונגס־ליניע צווישן די פּועלי־ציון און דעם „השומר הצעיר״ איז דער עקסטרעמער העברעאיזם

פון די לעצטע. אַמאָל האָבן זיך די בײדע לינקע גרופּן שטאַרק פאַנאַנדער־גענאַנגען אין זײער באַציאונג צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. בעת די פּועלי ציון האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין ציוניסטישן קאָנגרעס, איז דער „השומר הצעיר״ שטענדיק געווען פאַר דער אַקטיוויסטער באַטייליקונג אין אים.

אין קעגנזאַץ צו די פּועלי ציון, נעמט דער „השומר הצעיר״ אַן אַק־טיוון אנטייל אין דעם קאָאָפּעראַטיוון אויפבוי פון ארץ־ישראל, וואָס פלעגט אַמאָל באַצייכנט ווערן פון די הונדערט־פּראָצענטיקע מאַרקסיסטן פון די לינ־קע פּועלי ציון אַלס אַן אוטאָפּישער פּאַרזוך אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אין מיטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אַלע מיטגלידער פון „השומר הצעיר״ אין ארץ־ישראל זײנען אײנגעשלאָסן אין „קבוץ ארצי״, אַן אַלץ־אַרומ־נעמענדער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס שײנט צו זײן דער ווײטגײענדסטער סאָציאַ־ליסטישער עקספּערימענט אין מיטן פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דער קבוץ ארצי קען ווערן באַצײכנט אַלס אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין מיניאַטור.

דער „השומר הצעיר״ האָט פאַרשטאַרקט זײן כוח אין דער הסתדרות בײ די וואַלן אין 1941. ער האָט פאַרנומען דעם צווייטן פּלאַץ נאָך דער מפא״י, באַקומענדיק 16,911 שטימען — 19.2 פּראָצענט פון אַלע שטימען — און דערוויילט 77 דעלעגאַטן, אין פאַרגלײך מיט 278 דעלעגאַטן פון דער מפא״י. מיטן צוועק ווײטער צו שטאַרקן זײן פּאָליטישן אײנפלוס, גיט ער איצט אַרויס אַ טעגלעכע צײטונג אין תל־אָביב.

„השומר הצעיר״ נעמט אַ פירנדן אַנטייל אין אַלע באַמיאונגען צו פאַר־בעסערן די באַציאונגען מיט די אַראַבער. ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אנטייל אין דער „וויקטאָרי־ליגע פאַר רוסלאַנד״, אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו העלפן רוסלאַנד אין קריג. אויסער אירע געוויינלעכע הילפס־טעטיקייטן, פּרוּווט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע צו פאַרבעסערן די ביז־איצטיקע אומפרײנטלעכע שטעלונג פון סאָוועט־רוסלאַנד צו די אידישע אַס־פּיראַציעס אין ארץ־ישראל.

די קאָמוניסטן

אויפן גאַר־עקסטרעמען פליגל פון אידישן עפנטלעכן לעבן אין ארץ־ישראל שטײען די קאָמוניסטן, וואָס זײנען פריער געווען פאַרבאָטן פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע און זײנען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. מענטשן, באַשולדיקטע אין געהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ אָדער העלפן אין איר אומלעגאַלער פּראָפּאַגאַנדע פלעגן געוויינלעך ווערן אַרויס־געשיקט פון לאַנד.

די ארץ־ישראלדיקע קאָמוניסטן האָבן אויסער דאָס אויספאַלגען גע־טריי אַלע פּונקטן פון קאָמוניסטישן פּראָגראַם, אויך באַקעמפּט די גאַנצע אי־דעע פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים. זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייער פליכט צו העלפן די אַראַבער אין זייער קאַמף קעגן ציוניזם, וועמען די קאָמוניסטן באַטראַכטן אַלס אַן אינסטרומענט פון בריטישן אימפּעריאַליזם. דאָס איז די סיבה, צוליב וועלכער די קאָמוניסטן אין ארץ־ישראל, וואָס זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין שטאַרקע גרופּע, זיינען געוואָרן ביטער פאַרהאַסט און באַ־קעמפּט דורך דער גרויסער מערהייט פון אידישן ישוב. זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי דערמוטיקן אַראַביש־אידישע אומרועןאַלס מיטל צו באַקעמפן דאָס ציוניסטישע אויפבוי־ווערק.

ווען די אַקטיווע קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע צו אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים ווערן פאַרקלענערט נאָכן קריג? — דערויף איז שווער צו געבן אַ קלאָרע תשובה. פיל מענטשן אין ישוב גלויבן, אַז סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט ביסלעכ־וויז ווערן מער גענייגט צו האָבן אַן אויער פאַר די פאָדערונגען פון אַ אידיש ארץ־ישראל און דאָס וואָלט זיכער שטאַרק באַאיינפלוסט די שטעלונג פון די לאָקאַלע קאָמוניסטישע פאַרטייען — די ארץ־ישראלדיקע בתוכם.

פּאַרטייען און נאַציאָנאַלע אייניקייט

פאַר אַ אידישער באַפעלקערונג פון 600,000 אידן, קאָן אַזאַ גרויסע צאָל פון פאַרטייען, אויסקוקן אַלס אַ היפּש ביסל צופיל. מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען כמעט אַלע אַנטשטאַנען נישט אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן, נאָר זיי שטעלן מיט זיך פאָר אָן אָפּשפּיגלונג פון אידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין אַנדערע לענדער. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די אידן זיינען אַן עקסטעריטאָריעלע נאַציע, וואָס איז צעשפּרייט איבער פיל לענדער און געפינט זיך דעריבער אונטער דער ווירקונג פון פאַרשידענע קולטורן און עקאָנאָמישע אומשטענדן. דאָס מוז נאַטירלעך זיך אָפּשפּיגלען אין פאַרשי־דענע וועלט־אנשויאונגען און פאַרטייען, וואָס גלויבן אין זיי.

אויפמערקזאַמע באַאָבאַכטער זאָגן אָבער, אַז אין ארץ־ישראל ווערן די אונטערשידן צווישן די פאַרטייען שטומפּיקער, נישט שאַרפער. אַלס ביי־שפּילן פון קעגנזייטיקער צופּאַסונג, וויזן זיי אָן פון איין זייט אויף דעם פאַר־זוך פון די אָרטאָדאָקסן נאָכצומאַכן די מעטאָדן פון דער הסתדרות דורך שאַפן קאָלאָניעס, וואָס שליסן אויס געדונגענע אַרבעט; פון דער אַנדערער זייט לויבן זיי שטאַרק דעם עכטן דרך ארץ, וואָס די הסתדרות ווייזט אַרויס צו די רע־ליגיעזע געפילן פון די פרומע אידן. מיט אַן אויסנאַם פון דער קליינער גרו־פּע פון עקסטרעמע קאָמוניסטן, באַטראַכטן זיך אין עצם אַלע אידן פון ארץ־ישראל אַלס טרעגער פון אַ היסטאָרישער מיסיע צו שאַפן אויפסניי אַ אידיש

היימלאַנד אין לאַנד פון אידישן עבר. די געטליכע השגחה פון די עקסטרע־מע אָרטאָדאָקסן און די „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" פון די מאַרקסיסטישע פועלי ציון זיינען אין עצם בלויז צוויי פאַרשידענע דערקלערונגען פון איין און דער זעלבער ערשיינונג.

אין ארץ־ישראל דערציילט מען אַ מעשה וועגן עטלעכע אידישע קאָ־מוניסטן, וואָס האָבן כסדר, אין איינקלאַנג מיט זייער פּאַרטיי פּראָגראַם, גע־העצט אַראַבער קעגן אידן; ווען אָבער ס'איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם פון 1929, זיינען די זעלבע קאָמוניסטן צוגעשטאַנען צו דער אידישער זעלבסט־שוץ. זיי האָבן אויף אַ מאָמענט פאַרגעסן זייער אייגענע טעאָריע, אַז דאָס איז נישט קיין פּאָגראָם, נאָר אַן אויפשטאַנד, אַ פאַלש־געפירטער אויפשטאַנד פון די אונטערערדישע אַראַבישע מאַסן קעגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם און זיינע ציוניסטישע משרתים...

אַזאַ פאַרגעסלעכקייט פון באַליבטע טעאָריעס אין מאָמענט פון ווירק־לעכער נאַציאָנאַלער געפאַר, איז אַ כאַראַקטעריסטישערביישפּיל פון דער פּראַקטישער סאָלידאַריטעט פון ארץ־ישראלדיקן אידנטום אין דער צייט פון עקסטרעמער נויט. נישט קוקנדיק אויפן אָמאָל־פאַרביטערטן כאַראַקטער פון זייערע פּאַרטיי־שטרייטן און קלאַסן־קאַמפן, זיינען די אידן פון ארץ־ישראל דאָך געבליבן אַן אויסגעצייכנטער ביישפּיל פון אַ פּיאָנערישער גרופּע, וואָס ברעכט זיך קרעפטיק דורך איר וועג צו אַ געמיינזאַמער צוקונפט.

קאַפּיטל פערצן

די ציוניסטישע באַוועגונג

די אַלגעמיינע אָנפירונג פון דער אידישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל געפינט זיך אין די הענט פון דער אידישער אַגענטור, וועלכע האָט באַקומען אַן אָפיציעלן סטאַטוס אין ארץ־ישראל־מאַנדאַט צו רעפּרעזענטירן אין ארץ־ישראל די אינטערעסן פון וועלט־אידנטום. זינט 1929, איז די אידישע אַגענטור, וואָס איז פריער געווען אידענטיש מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, געוואָרן מער רעפּרעזאַנטאַטיוו, אַריינגעמענדיק אויך אַ צאָל פון די נישט־ציוניסטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען וויליג מיטצוהעלפן דעם אויפבוי פון אַ אידיש ארץ־ישראל. פּאַקטיש האָט אָבער דער אנטייל פון די „נישט ציוניסטן" אין דער אַרבעט פון דער אידישער אַגענטור נישט אָנגענומען קיין גרויסן פאַרנעם. די אידן וואָס זענען אָנהענגער פון ארץ־ישראל־אַרבעט זענען געוויינלעך נישט קיין שטערונג זיך אָנצושליסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זענען נישט קיין נויטיקייט צו אָרגאַניזירן באַזונדערע נישט־ציוניסטישע גרופּן. די אידן ווידער, וועלכע האָבן אַ פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צו ארץ־ישראל, איז נישט, בדרך כלל, לייכט צו באַוועגן זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער ציוניסטישער טעטיקייט, אפילו ווען זי אַרבעט אונטער דער מאַסקע פון דער „אומפּאַרטייאישער" אידישער אַגענטור. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דערפאַר פאַר אַלע אירע באַשטרעבונגען און צילן געבליבן דער פירנדער אינסטרומענט פאַר די אידישע אינטערעסן אין ארץ־ישראל, פונקציאָנירנדיק הויפּטזעכלעך אונטער דער פירמע פון דער אידישער אַגענטור.

דער באַזעלער פּראָגראַם

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1897 דורך ד״ר טעאָדאָר הערצל, דעם פאַרשטאָרבענעם פירער פון פּאָליטישן ציוניזם. דער הויפּט־ציל פון פּאָליטישן ציוניזם איז פאָרמולירט געוואָרן אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין אויגוסט, 1897, און איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער באַזעלער פּראָגראַם, וואָס לייענט זיך ווי פאָלגט:

„דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן פאַרן אידישן פאָלק אַן עפנטלעך־רעכטליך־געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל".

כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָט דער באַזעלער פּראָגראַם אַריינגענומען אין זיך די „דערמונטערונג פון דער אידישער אַגריקולטור און אינדוסטריע אין ארץ־ישראל״ דורך דער „אָרגאַניזירונג פון וועלט־אידנטום אין אָרטיקע און אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן״, די „פאַרשטאַרקונג פון אידישן נאַציאָנאַלן געפיל״ און באַזונדערס דורך „פּאָליטישע שריט צו קריגן די צושטימונג פון די געהעריקע רעגירונגען פאַר דער רעאַליזאַציע פון ציוניזם״.

אויפן זעלבן קאָנגרעס איז אָנגעצייכנט געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרישע סטרוקטור פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז מער־ווייניק געבליבן אין קראַפט ביז צום היינטיקן טאָג. איר העכסטער אָרגאַן איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס ווערט יעדע צוויי יאָר אויסגעקליבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות דורך אַלע אָנהענגער פון ציוניזם, וועלכע זיינען גרייט צו צאָלן אַ „שקל״, וואָס ווערט באַנוצט אויף צו דעקן די הוצאות פון דער אָרגאַניזאַציע. די סומע פון פאַרקויפטע שקלים ווערט געוויינלעך באַטראַכט אַלס די מאָס פון שטיצע וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַקומט פון די אידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט.

אין נאָרמאַלע צייטן ווערט דער ציוניסטישער קאָנגרעס אָפּגעהאַלטן יעדע צוויי יאָר. אַזוי ווי דער שקל דינט אַלס אַ מיטל פון רעגיסטראַציע פאַר די באַטייליקטע אין די וואַלן צום קאָנגרעס, שטייגט די צאָל פאַרקויפטע שקלים אין אַ קאָנגרעס־יאָר און זי פאַלט באַדייטנד אין אַ געוויינלעך יאָר. אַזוי איז למשל, אין 1933, אַ קאָנגרעס־יאָר, פאַרקויפט געוואָרן 691,393 שקלים אין פאַרגלייך מיט 152,214 שקלים מיט אַ יאָר פריער. אין 1935, אויך אַ קאָנגרעס־יאָר, זיינען פאַרקויפט געוואָרן 976,811 שקלים אין פאַרגלייך מיט 239,829 אין 1934. אַזוי ווי דער סטאַטוט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זעט פאָר, אַז יעדער שקל־צאָלער מוז אַלט זיין איבער 18 יאָר און זיך אונטערשרייבן אונטער דעם באַזעלער פּראָגראַם, וואָלט אויסגעקומען, אַז די צאָל פאַרקויפטע שקלים אין אַ קאָנגרעס־יאָר רעפּרעזענטירט די מאַקסימאַלע קראַפט פון דער אָרגאַניזאַציע, בעת די קלענערע ציפערן פון די נישט־קאָנגרעס־יאָרן שפּיגלען אָפּ די צאָל פון די גאָר איבערגעגעבענע מיטגלידער. פאַקטיש אָבער, ווערן די סטאַטוט־פאָרשריפטן נישט שטאַרק אָפּגעהיט און ס'איז בכלל אוממעגלעך צו האָבן אַ ריכטיקע קאָנטראָל אויף דער פאַרטיילונג פון די שקלים. דער מחבר קען פערזענלעך פיל פירנדע ציוניסטן וואָס האָבן זיך מכמה יאָרן געמאַכט אַ מנהג צו קויפן אַ שקל פאַר יעדן איינעם פון זיינע פאַמיליע־מיטגלידער, אַריינגערעכנט אפילו זייג־קינדער. עס וואָלט געווען אוממאָטירלעך צו ערוואַרטן אַ פּראָטעסט קעגן אַזאַ מנהג מצד די אַקטיווע פאַרטיי־טוער, וואָס זיינען קודם כל פאַראינטערעסירט אין גרעסערע איינקונפטן פון שקל־פאַרקויף פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. געוויינלעך

ווערן די שקלים פאַרקויפט יעדן איד אין אַ קאמפיין, וואָס שיידט זיך נישט אונטער פון אַלע צדקה־קאמפיינס, וואו מען פאַרלאַנגט נאָר געלט און מען פרעגט נישט קיין איבעריקע שאלות.

אָפּגעבנדיק זיך אַ דין וחשבון וועגן דער נישט־זיכערקייט פון דאָזיקן לויזן סיסטעם פון באַשענקן מיט שטים־רעכט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, שטעלן די לאָקאַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פיל שטרענגערע פינאַנסיעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע פאָדערונגען פון זייערע אייגענע מיטגלידער. נאַטיר־לעך, איז די צאָל פון אַזעלכע אָרגאַניזירטע ציוניסטן, וואָס געהערן צו אַ לאָ־קאַלער אָרגאַניזאַציע אָדער צו איינער פון די אַפּיליאירטע ציוניסטישע פע־דעראַציעס, וואָס זיינען פאַרטראָטן אין קאָנגרעס, פיל קלענער איידער די צאָל פון די שקל־צאָלער.

דער כוח פון ציוניזם

אויב די צאָל פון די שקל־צאָלער איבערשטייגט די צאָל פון אָרגאַני־זירטע ציוניסטן, איז זי פונדעסטוועגן פיל וויניקער פון דער צאָל אידן, וואָס סימפּאַטיזירן מיטן ציוניזם און געבן אים זייער מאָראַלישע און אפילו זייער פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג. 80 פּראָצענט פון דער אידישער פּרעסע אין אַלע שפּראַכן און אין אַלע לענדער סימפּאַטיזירט, למשל, מיט דער אידעע פון ארץ־ישראל אויפבוי. די פעאיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון די פאַרבונדענע מיט איר קערפּערשאַפטן צו מאָביליזירן די אידישע עפנטלעכע מיינונג איז איבעראַשענד. וואָס־נוגע פּאָליטישע סימפּאַטיעס, איז דער ציוניזם פולשטענדיק באַרעכטיקט צו רעדן אין נאָמען פון דער מערהייט פון וועלט־אידנטום. יעדער ערנסטער קריזיס אין ארץ־ישראל האָט קלאָר באַ־וויזן מיט וועמען עס שטייען די אידישע מאַסן און מיט וועמען עס זענען זיי־ערע סימפּאַטיעס.

די אַנטשיידונגען פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן ווערן אויסגעפירט דורך אַן אַלגעמיינעם ראַט, וואָס הייסט געוויינלעך אַקציאָנס־קאָמיטעט און פון דער עקזעקוטיווע. ס'רוב מיטגלידער פון אַלגעמיינעם ראַט ווערן אויסגעווילט אויפן קאָנגרעס אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות. יעדע פראַקציע איז באַרעכ־טיקט צו אַ מיטגליד אויף יעדע פינף דעלעגאַטן. דערצו ווערן נאָך קאָאָפּ־טירט אין אַקציאָנס־קאָמיטעט זיבן מיטגלידער פון ועד הלאומי אין ירושלים און פון די פאַרוואַלטונגען פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע אינסטיטוציעס — קרן־היסוד און נאַציאָנאַל־פאָנד. צוזאַמען האָט דער אַקציאָנס־קאָמיטעט ביי 70 מיטגלידער, צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. ער האַלט געוויינלעך אָפּ זיינע זיצונגען איין מאָל אָדער צוויי מאָל צווישן איין קאָנגרעס און צווייטן.

די לויפנדע אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווערט אָנגע־

פירט פון דער עקזעקוטיווע, מיט איר הויפּט־אָפיס אין ירושלים. אַ אָפיס עקזיסטירט אויך אין לאָנדאָן, פון וואַנען ער פירט אָן מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט, באַזונדערס אין ענגלאַנד. אַ קליינע צאָל נישט־ציוניסטן, וואָס בילדן צוזאַמען מיטן ציוניסטישן טייל די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, איז פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. פאַרן קריג האָט עקזיסטירט אין גענף (שווייץ) אַ פּערמאַנענטע רעפּרעזענטאַנץ פון דער אידישער אַגענטור. איצט איז געעפנט געוואָרן אַ אָפיס פון דער אידישער אַגענטור אין וואַשינגטאָן, אונטערשטרייכנדיק אַזוי אַרום די וואַקסנדע וויכטיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין די ענינים פון דער ציוניסטישער וועלט־פּאָליטיק.

די סטרוקטור פון ציוניזם

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז צונויפגעשטעלט פון צוויי פאַרשידענע טיפּן פון אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען דאָ אין פאַרשידענע לענדער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען דירעקט אונטערוואָרפן דער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן. עס זיינען אָבער פאַראַן אויך עטלעכע אויטאָנאָמע פעדעראַציעס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער פון מזרחי, וועמענס אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע נישט דירעקט, נאָר דורך זייערע „וועלט־פאַרבאַנדן". די לעצטע האָבן נישט נאָר זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס אין יעדן לאַנד מיט אַ באַדייטנדער אידישער באַפעלקערונג, נאָר זיי באַמיען זיך אויך צו שאַפן אַ וואָס גרעסערע צאָל אָרטיקע צווייגן אין די נאַדייטנדע שטעט פון די דאָזיקע לענדער.

אין אַ צאָל לענדער איז אָבער געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערע אייניקייט דורכן שאַפן פעדעראַטיווע קאָונסילס, וואָס נעמען אַרום אַלע ציוניסטישע גרופּן אין לאַנד. באַזונדערס איז דאָס נוגע די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט איצט איבערגענומען די פירנדיקע ראָל אין אַלע אַלוועלטלעכע אידישע אַקטיוויטעטן אין רעזולטאַט פון חורבן פון די אידן אין אייראָפּע.

די ציוניסטישע אייניקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געפונען איר אויסדרוק אין ציוניסטישן עמערזשענסי קאָונסיל, מיטן הויפּט־אָפיס אין ניו־יאָרק. אינעם קאָונסיל זיינען אַנגעשלאָסן די אַלגעמיינע ציוניסטן, הדסה, פּועלי־ציון און מזרחי. דער עמערזשענסי קאָונסיל פאַרקלענערט אָבער נישט די אויטאָנאָמיע פון די באַזונדערע גרופּן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע אָדער אפילו אין דער זאַמלונג פון זייערע אייגענע פאָנדן, אַלס צוגאָב צו די פאָנדן וואָס ווערן אָנגעפירט דורכן „יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל", אַלס דער פינאַנציעלער אינסטרומענט פון דער אידישער אַגענטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָלט געקענט באַצייכנט ווערן, צוליב איר אומגעווײנלעכער סטרוקטור, אַלס אַ פֿרייע אַליאַנץ פֿון אויטאָנאָמע גרופּן, וואָס זיינען פֿאַראייניקט אין אַ געמיינזאַמע שטרעבונג אויפֿצובויען ארץ־ישראל אַלס אידישע נאַציאָנאַלע היים. כדי צו שאַפֿן איינהייט צווישן די דאָזיקע פֿאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן אין זייערע באַציאונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט, פֿאַרביטן די סטאַטוטן פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די אויטאָנאָמע פֿעדעראַציעס צו פֿירן וועלכע עס איז אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע פֿאַרהאַנדלונגען מיט אויסערלעכע קערפּערשאַפֿטן — באַזונדערס מיט ענגלאַנד אַלס די מאַנדאַטן־מאַכט און מיט דער פֿעלקער־ליגע. געוויינלעך ווערט דער דאָזיקער פֿאַרבאָט אויסגעפֿאָלגט דורך די אָנגעשלאָסענע פֿאַרבאַנדן. אין פֿאַלן אָבער ווען די דאָזיקע וועלט־פֿאַרבאַנדן זיינען דאָך עובר אויפֿן דאָזיקן פֿאַרבאָט, קוקט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, געוויינלעך, אויף דעם דורך די פֿינגער, — בפֿרט אויב עס האַנדלט זיך וועגן שריט, וואָס ווערן נישט באַטראַכט אַלס שעדליך פֿון אַלגעמיין־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט.

ציוניסטישע דיסציפּלין

אין איין פֿאַל אָבער האָט די סיסטעמאַטישע פֿאַרלעצונג פֿון דער ציוניסטישער דיסציפּלין זיך געענדיקט מיט אַן אָפֿיציעלער שפּאַלטונג. אין 1932, זיינען די רעוויזיאָניסטן געוואָרן באַשולדיקט דורך די איבעריקע ציוניסטישע גרופּן, אַז זיי האָבן דורכגעפֿירט אַ סעפּאַראַטן קאַמפּיין פֿאַר אַ פּעטיציע צו דער ענגלישער רעגירונג. די אָפֿיציעלע ציוניסטישע לייטונג האָט באַשטראָפֿט די רעוויזיאָניסטן דורך אויסשליסן זייערע פֿאַרשטייער פֿון די ארץ־ישראל אַמטן, וואָס קאָנטראָלירן די אַרבעטער־אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. אויף דעם גרונט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אַזאַ שאַרפֿער קאַמף, אַז ס׳איז שוין געוואָרן אוממעגלעך צו דערפֿירן צו אַ שלום, ביז ס׳איז געקומען צו אַ פֿאָרמעלן ברוך אין פֿרילינג פֿון 1935. די רעוויזיאָניסטן האָבן אונטער דער פֿירונג פֿון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי פֿאַרלאָזן די ציוניסטישע רייען און געגרינדעט די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

אַלע נאָכפֿאָלגנדע אָנשטרענגונגען צו פֿאַרהיילן דעם ריס, זענען געווען אַ דורכפֿאַל. די רעוויזיאָניסטן האָבן טאַקע נישט באַוויזן צו ווערן אַזוי שטאַרק ווי די „אַלטע" ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי האָבן געהאַט פֿאַרן קריג אַ באַדייטנדן ערפֿאָלג אין פֿאַרשידענע לענדער אין מזרח־אייראָפּע. אין די לעצטע 3 יאָר האָבן זיי אָנגעפֿירט, מיט אַ צווייפֿלבאַרן ערפֿאָלג, אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר אַ אידישער אַרמיי און אַנדערע צילן. זיי זיינען געוואָרן שאַרף קריטיקירט דורך אַנדערע ציוניסטישע קערפּערשאַפֿטן פֿאַר שאַפֿן אין וואַשינגטאָן אין 1944 דעם „היברו קאָמיטע פֿאַר

נישאַנאַל ליבעריישאַן" (העברעער־קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפריאונג), וואָס פרעטענדירט צו זיין דער פאָרשטייער פון אַ ניי־געבוירענער, העברע־אישער נאַציע, וואָס שיידט זיך אונטער פון געוויינלעכן באַגריף „אידן".

הגם יעדע אָרגאַניזאַציע האָט די פולע רעכט איינצוהאַלטן איינקייט אין אירע רייען דורך איינצוימען מינדערהייטן וואָס מאַכן אָבסטרוקציעס, איז דער באַדינגטער אָפּזאָג פון געבן סערטיפיקאַטן צו רעוויזיאָניסטן צוליב זייער אומפאַראַנטוואָרטלעכער האַנדלונג, געוואָרן שאַרף קריטיקירט מצד געוויסע ציוניסטישע קרייזן, וועלכע שטייען, געוויינלעך גאַנץ ווייט פון רעוויזיאָניזם. געוויסע קריטיקער פון באַשלוס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס באַדייט מיסברויכן מיטן רעכט, וואָס די אַגענטור האָט באַקומען צו פאַרטיילן אימיגראַציע־סער־טיפיקאַטן לויט איר איינזען. די רעכט פון אידן צו קומען קיין ארץ־ישראל — האָבן זיי געטענהט — איז געגעבן געוואָרן דעם אידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצן און טאָר נישט ווערן אויסגענוצט אַלס אַ מתנה פאַר לאָיאַליטעט צו דער אָדער יענער ציוניסטישער אַדמיניסטראַציע. אויב ענגלאַנד זאָל ווילקירלעך באַ־גרענעצן די אימיגראַציע און האַלטן פאַר נויטיק דורכצופירן אַ געוויסן אָפּ־קלויב פון מענטשן, קען דער דאָזיקער אָפּקלויב ווערן דורכגעפירט נאָר אויפן יסוד פון פיזישע און פאַכלעכע קוואַליפיקאַציעס אָבער בשום אופן טאָרן דאָרטן נישט אַריינגעמישט ווערן פּאָליטישע אני מאמינס און איבער־צייגונגען.

ווען כ'האָב באַמערקט אַ וויכטיקן אַנהענגער פון דער איצטיקער ציו־ניסטישער אַדמיניסטראַציע וועגן דער דאָזיקער קריטיק, האָט ער נאָר געהויבן מיט די פּלייצעס און געזאָגט: „דאָס פּאָליטישע לעבן ווערט אין ערגעץ נישט געפירט אויף אַזעלכע אַלטרואיסטישע פּרינציפּן"...

פינאַנסיעלע מיטלען; דער קרן־היסוד

די ציוניסטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל ווערט הויפּטזעכלעך פינאַנ־סירט פון צוויי קוואַלן: דער קרן־היסוד און דער קרן־קימת. דער לעצטער איז דער עלטערער פאָנד; ער איז געגרינדעט געוואָרן לאַנג פאַרן ערשטן וועלט־קריג, און איז איינער פון די ערשטע פּראַקטישע ארץ־ישראל אויפטוען פון פּאָליטישן ציוניזם. זיין אָריגינעלער ציל צו קויפן באָדן פון אַראַבישע לאַנד־באַזיצער, איז שפּעטער געוואָרן אויסגעברייטערט אויך אויף דורכפירן פאַר־שידענע אויסבעסערונגס־אַרבעטן אויפן באָדן און אַנדערע פאָרבאַדינגונגען פון קאָלאָניזאַציע.

דער קרן־היסוד האָט געדאַרפט שאַפן די פאָנדן פאַר אַלע אַנדערע אַק־טיוויטעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, איינשליס־לעך קאָלאָניזאַציע אויפן באָדן, געקויפט דורכן קרן־קימת. דער קרן־היסוד

איז אַביסל אינגער; ער איז געשאָפן געוואָרן אין 1920 אויף אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.

די פולע הכנסה פון קרן־היסוד פון סעפטעמבער 1921 ביז סעפטעמבער 1939 האָט באַטראָפן 7,355,674 פונט אָדער ביי 36 מיליאָן דאָלאַר. די דאָזיקע סומע האָט באַקומען דער הויפּט־אָפּיס אין ארץ־ישראל. עס זיינען נישטאָ קיין ציפערן וועגן די ברוטאָ־סומען, וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרן אין די גלות־לענדער און מען קאָן נישט מאַכן קיין גענויען סטייטמענט וועגן פּראָצענט פון די געמאַכטע הוצאות ביים זאַמלען דעם פאָנד. מען קאָן אָבער זי־כער רעכענען, אַז די זאַמעל־הוצאות פון קרן־היסוד, זיינען צוליב דער ווייט־פאַרשפּרייטער אָרגאַניזאַציע און די פאַרהעלטעניסמעסיק קליינע סומען פון די ביישטייערונגען, בערך גרויסע. דער קרן־היסוד דעקט אַ באַדייטנדן טייל פון די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־קאָסטן, ווייל זיי זענען ענג־פאַרבונדן מיט דער זאַמעל־טעטיקייט פאַר די פאָנדן.

ביז 1939, האָט דער קרן־היסוד געשאַפן אין ארץ־ישראל 111 דערפער מיט אַן אַלגעמיינעם באָדן־שטח פון 345,415 דונאַם און אַ באַפעלקערונג פון 28,909 נפשות. די אַלגעמיינע צאָל אידישע דערפער אין ארץ־ישראל האָט ביים אויסברוך פון קריג באַטראָפן 252 מיט אַ באַפעלקערונג פון 137,000 נפשות. די 141 דערפער וואָס שטייען נישט אין רשות פון קרן־היסוד, זיי־נען געשאַפן געוואָרן דורכן באַראָן ראָטשילד, דער פּיקא, און פּריוואַטע קאָ־לאָניסטן. בעת די קרן־היסוד דערפער זיינען אַלע הויפּטזעכלעך לאַנדווירט־שאַפטלעכע, זיינען אַ טייל פון די איבעריקע דערפער האַלב־אינדוסטריעלע לויט זייער כאַראַקטער.

די ראָל פון קרן־היסוד אין דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע איז געוועזן פיל גרעסער אין די לעצטע יאָרן. כמעט אַלע 40 דערפער, וואָס זענען אַנטשטאַנען נאָך 1939 האָבן באַקומען אַ געוויסע שטיצע פון קרן־היסוד און אין פיל פאַלן זיינען די גאַנצע גרינדונגס־הוצאות, אויסער דעם באָדן, וואָס איז געקויפט געוואָרן דורכן קרן־קימת, געדעקט געוואָרן דורכן קרן־היסוד.

הגם די לאַנדווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען זען נישט אויס צו זיין זייער איינדרוקספול, ווען מען פאַרגלייכט עס מיט די הכנסות פון קרן־היסוד, מוזן מיר אָבער געדענקען, אַז די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע איז נאָר איינע פון די פיל אַקטיוויטעטן פון דאָזיקן אַלץ־אַרומנעמענדן פאָנד. נאָר 31 פּראָצענט פון זיין נאָך־מלחמה בודזשעט איז אַוועק פאַר קאָלאָניזאַציע — 2,723,160 פונט פון דער אַלגעמיינער סומע פון 8,737,055 פונט.

אויפן צווייטן אָרט נאָך קאָלאָניזאַציע, גייען די אויסגאַבן פאַר דער־ציאונג. דאָ זיינען איינגעשלאָסן די העברעאישע אוניווערזיטעט, דער טעכ־ניקום און די נאַציאָנאַל ביבליאָטעק. פון 1921 ביז 1931, איז אַוועק אויף דער־ציאונגס־צוועקן אַ פערטל פון אַלע קרן־היסוד אויסגאַבן און אין געוויסע

יאָרן האָט עס זיך אויסגעגלייכט מיטן בודזשעט פאַר קאָלאָניזאַציע. אין די סאַמע לעצטע יאָרן, זינט די אידן אין ארץ־ישראל האָבן איבערגענומען אַ גרויסן טייל פון דערציאונגס־בודזשעט, גיט דער קרן־היסוד שוין אויס אַנט־שפּרעכנד קלענערע סומען פאַר דערציאונג.

אַן אַנדערע וויכטיקע פּאָזיציע אין בודזשעט, איז אימיגראַציע און הכשרה פון די אימיגראַנטן. דאָס באַטרעפט 12 פּראָצענט פון אַלע אויסגאַבן אין פאַר־מלחמה־פעריאָד. דער גרעסטער טייל פון דעם געלט איז אויסגעגעבן געוואָרן צוצוגרייטן חלוצים אין גלות פאַר אַרבעט אין ארץ־ישראל. אין גע־ווויסע פאַלן האָט דער קרן היסוד געדעקט זייערע רייזע־הוצאות, און אין אַנ־דערע פאַלן געדאַרפט זיי אויסהאַלטן אין לאַנד ביז זיי האָבן געפונען אַרבעט.

נאָך 10 פּראָצענט פון בודזשעט איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַרבעט און הייזער־בוי; 8 פּראָצענט איז אויסגעגעבן געוואָרן פאַר שטאָטישע ישובים, האַנדל און אינדוסטריע. אין די דערפרעסיע יאָרן, ווי 1927, 1937 און 1938, איז אַ באַדייטנדער טייל פון בודזשעט אויסגעגעבן געוואָרן צו שאַפן דרינ־גענדע אַרבעטן פאַר די אַרבעטסלאָזע און אפילו פאַר דירעקטער הילף.

די אויסגאַבן פאַר הייזער־בוי דעקן בעיקר דעם בוי פון דירות פאַר ווייניק־פאַרדינענדע דאָרפס־אַרבעטער. די פאַרהעלטעניסמעסיק־קליינע אינ־ווועסטירונגען פון קרן היסוד, צוזאַמען מיט די אָפּשפּאָרונגען פון דער אַרבעטער באַנק, האָבן מעגלעך געמאַכט די פינאַנסירונג פון בוי־פּראָיעקטן, וואָס וואָלטן אַנדערש געבליבן נאָר אויפן פּאַפּיר.

הגם די אינדוסטריע, וואָס באַשעפטיקט איצט מער אימיגראַנטן ווי די לאַנדווירטשאַפט, ווערט בעיקר פינאַנסירט דורך פּריוואַטן קאַפּיטאַל, קומט נאָך אויס דער ציוניסטישער באַוועגונג צו דעקן געוויסע אויסגאַבן אויפן גע־ביט פון אינדוסטריע, אמת, נאָר אין געציילטע פאַלן. אַזוי, למשל, העלפט מען אַרויס נייע אימיגראַנטן, וואָס ווילן גרינדן נייע פאַבריקן, אָבער עס פעלט זיי אויס דערפאַר דער נויטיקער קאַפּיטאַל.

די אויסגאַבן פאַר געזונדהייט און סאָציאַלע הילף פאַרקלענערן זיך שטופנווייז. די מערסטע טעטיקייט אויף די געביטן איז איבערגענומען געוואָרן דורך לאָקאַלע אינסטיטוציעס אונטער דער פירונג פון ועד הלאומי.

נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע און זיכערקייט איז אַן אַנדער פּאָזיציע, וואָס פאַרשלינגט 6.7 פּראָצענט פון אַלע פאַר־מלחמה־אויסגאַבן. די דאָזיקע פּאָזי־ציע שליסט איין פּאָליטישע אויסגאַבן, זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציעס א. אַז. וו.

בדרך כלל הערשט אַ קלאָרע טענדענץ אין בודזשעט פון קרן היסוד צו שניידן די אויסגאַבן פאַר עפנטלעכע צוועקן און נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן אַמאָל פאַרשלונגען אַ פולע העלפט פון גאַנצן בודזשעט און זיך קאָנצענטרירן אויף אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

די פאָלגנדע טאַבעלע באַווייזט דאָס קלאָר *):

בודזשעט פון קרן היסוד

	1929—1921		1939—1929		1944—1939	
	פונט	פראָצ.	פונט	פראָצ.	פונט	פראָצ.
אימיגראַציע און הכשרה	426,396	10.0	643,035	14.4	1,709,851	23.6
דאָרפישע קאָלאָניזאַציע	1,227,302	28.8	1,495,858	33.4	2,044,688	23.2
אַרבעט, און הייזער־בוי	442,446	10.4	451,797	10.1	706,595	9.8
שטאָטישע איינאָרדענונג	343,346	8.0	337,514	7.5	460,283	6.3
ערציאונג און קולטור	1,015,227	23.8	640,574	14.3	410,342	5.4
געזונטהייט און סאָצ. הילף	329,117	7.7	45,706	1.0	35,909	0.5
נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע און זיכערקייט	249,149	5.9	508,938	11.4	1,651,403	22.8
אַדמיניסטראַציע און פאַרשיד.	229,250	5.4	351,400	7.9	256,278	3.4
צוזאַמען	4,262,233	100.0	4,474,822	100.0	7,275,349	100.0

אין 1934 האָט דער קרן היסוד באַקומען אַ הלוואה פון אַ מיליאָן פונט פון דער לאָיד־באַנק אין לאָנדאָן. די הלוואה איז געוואָרן געזיכערט דורך די הכנסות פון קרן־היסוד'ס לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמעגנס אויף אַ פעריאָד פון 15 יאָר, מיט אַן אינטערעס פון 4 פראָצענט. די הלוואה איז געוואָרן אויס־גענוצט אויף דעקן נישט־באַצאָלטע חובות און די אַנטגילטיקע קאָנסאָלידאַ־ציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, געגרינדעט מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די הלוואה איז געוואָרן שטאַרק באַגריסט אין די אידישע קרייזן אַלס איבערצייגנדער באַווייז איבער דער פינאַנסיעלער אחריות פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג און פון איר הויכער רעפוטאַציע אין די נישט־אידישע באַנק־קרייזן פון ענגלאַנד.

דער קרן קימת

די הכנסות פון קרן־קימת פון זיין גרינדונג אין 1901 ביז דעצעמבער 1942 האָבן באַטראָפן 7,620,540 פונט. ווי אין פאַל פון קרן־היסוד, אַנטשפּרעכט די דאָזיקע סומע די הכנסות פון די לאַנד־צענטראַלעס פון קרן־קימת, נאָכן אָראָפּנעמען די לאָקאַלע קאַמפּיין־הוצאות. די פולע איינשטייערונגען פון וועלט־אידנטום פאַרן קרן־קימת שטייגן וואַרשיינלעך איבער די אויבן־אָנגעגעבענע סומע מיט 25 פראָצענט.

טראָץ דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן די אידן אין אייראָפּע, האָט דער קרן קימת באַוויזן גוטצומאַכן דעם שאָדן, וואָס ער האָט געליטן

*) דאָס ציוניסטישע פיסקאַלע יאָר הויבט זיך אָן דעם 1טן אָקטאָבער, און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס די יאָרן 1929 און 1939 ווערן איבערגעחזרט אין דער טאַבעלע.

נאָכן פאַרלירן די הכנסות פון אייראָפּע, דורך פאַרגרעסערן זיינע הכנסות אין אַנדערע לענדער. ער האָט זאָגאָר ד׳ערגרייכט אַ רעקאָרד־ציפער אין דער גרויס פון זיינע יערלעכע בודזשעטן. אין די יאָרן 1940־1942 האָט די טאָטאַלע הכנסה פון קרן־קימת באַטראָפן 2,255,909 פונט, אָדער ביי 30 פּראָצענט פון זיין אַלגעמיינער הכנסה אין משך פון זיינע 40 יאָר עקזיסטענץ. דער פאַר־העלטעניסמעסיק גוטער מצב פון פאָנד אין די לעצטע קריגס־יאָרן איז בעיקר צוצושרייבן זיין וואַקסנדע פּאָפּולאַריטעט צווישן די אידן אין די פאַראייניגטע שטאַטן, וועלכע ווערן אַלץ מער באַוואוסטזיניק איבער דער נויטווענדיקייט פון פאַרגרעסערטן באָדן־קויף אין ארץ־ישראל, כדי קעגנצואווירקן די וואַק־סנדע באַגרענעצונגען פאַר דער אידישער אַנטוויקלונג אין לאַנד.

דער גרעסטער טייל פון די איינקונפטן פון קרן קימת און קרן היסוד אין די פאַראייניקטע שטאַטן קומען פון יונייטעד דזשואיש אַפּיל. די דאָזיקע פאָנד־זאַמעל־אָרגאַניזאַציע זאַמעלט געלט נישט נאָר פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל נאָר אויך פאַר הילף פאַר פּליטים אין די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַר הילף פאַר די ליידנדע אידן אויף יענער זייט ים. דער נאַציאָנאַל־פאָנד זעצט אָבער פאָר צו זאַמלען עקסטרא פאָנדן דורך זאַמעל־פּושקעס אין אידישע הייזער, בלומען־טעג און ענלעכע מעטאָדן. געוויסע הכנסות שעפּט ער פון צוואות און „צוואות לעבאָטן". אין די קריטישע טעג נאָכן אַרויס־געבן דאָס „ווייסע פּאַפּיר", האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד דורכגעפירט אַ אידישע הלוואָה אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דרום־אַפריקע, אַלס אַ רעזערוו־פאָנד פאַר מעגלעכע נזיט־פאַלן. די אַלגעמיינע אינוועסטמענטס פון קרן־קימת אין ארץ־ישראל באַטרעפן איצט 7 מיליאָן פונט. 80 פּראָצענט פון דער סומע איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף קויפן באָדן, פון וואָס נאָר איין אַכטל איז אַוועק אויף קויפן באָדן אין די שטעט. די איבעריקע 20 פּראָצענט איז געוואָרן באַנוצט פאַר באַוואַלדונג, וואַסער־אינסטאַלאַציעס, פאַרבעסערן דעם באָדן, בוי פון שטאָטישע און דאָרפס־בנינים, פון אַרבעטער־הייזער א. אַז. וו.

אין אָקטאָבער 1943 האָט דער קרן קימת פאַרמאָגט 657,267 מעטרישע דונאָם באָדן. דער דאָזיקער באָדן, באַזונדערס דער באָדן אין די שטעט, פאַר־שטעט און פּלאַנצונגס־זאָנעס, איז באַדייטנד געשטיגן אין ווערט זינט מען האָט אים געקויפט. אַ גאָר קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג גיט אָן, אַז דער איצטיקער ווערט פון נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן, אַראָפּרעכענענדיק די אַלע פאַרבעסערונגען, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט מיט אייגענע הוצאות אָדער מיט דער הילף פון קרן־היסוד, באַטרעפט ביי 12 מיליאָן פונט. אין דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן פאַרמעגן זיינען איינגעשלאָסן 9000 דונאָם פון וועלדער, וואו עס זיינען גע־פּלאַנצט געוואָרן 2 מיליאָן בוימער.

געוויסע ציוניסטישע אַקטיוויטעטן ווערן דורכגעפירט אין ארץ־ישראל דורך אויטאָנאָמע קערפּערשאַפטן, וועמענס הכנסה קומט פון זאַמלונגען אין די

גלות־לענדער. די וויכטיקסטע פון זיי איז דאָס צענטראַל־ביוראָ פאַר דער קאָלאָניזירונג פון דייטשע אידן, אָרגאַניזירט אין 1933. דאָס ביוראָ אַרבעט אין ענגער קאָאָפּעראַציע מיט דער אידישער אַגענטור, אָבער עס באַזיצט ספּעציעלע פאָנדן, געזאַמעלט פאַר דייטשע אידן, ס׳רוב אין מערב־אייראָפּע. דאָס ביוראָ האָט אויפגעשטעלט אַ צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס פון פאַרשידענע טיפּן קבוצות, אַרבעטס־דערפער, מיטל־קלאַס־ישובים, און האָט אויף פאַרשידענע וועגן מיטגעהאָלפן די קאָלאָניסטן אויפצושטעלן אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען אין די שטעט.

די „הדסה״ איז אַן אַנדער וויכטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אירע אַקטיוועטעטן אויטאָנאָם. אויסער איר פריער־געשילדערטער מעדיצינישער טעטיקייט, האָט זי איבערגענומען דעם גרעסטן טייל פון בודזשעט פון דער „עלית הנוער״, וואָס ראַטעוועט קינדער פון היטלער־אָקופּירטן אייראָפּע און גרייט זיי צו פאַר פּראָדוקטיווע אַרבעט אין ארץ־ישראל. איבער 11,000 קינ־דער זיינען געוואָרן אַריינגעבראַכט דורך דער אָרגאַניזאַציע ביז 1944.

אין דער זעלבער קאַטעגאָריע פון האַלב־אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, איז די אינטערנאַציאָנאַלע פרויען־אָרגאַניזאַציע (וויצ״א), וואָס האַלט אויס אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע מיידל־שול אין נהלל און אַנדערע מיידל־פאַרמס. זי פירט אויך אָן קורסן פאַר הויז־ווירטשאַפט און גערטנעריי אין 150 ישובים און 100 שולן.

אַן אַנדערע ציוניסטישע קערפּערשאַפט, וואָס פירט אָן איר אייגענע פאָנד־זאַמלונגס־אַרבעט אין גלות איז די הסתדרות. רעפּרעזענטירנדיק די ארץ־ישראלדיקע אידישע אַרבעטערשאַפט, איז זי גלייכצייטיק אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער גאַנצער ציוניסטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. די אַקטיווי־טעטן פון דער הסתדרות ווערן אונטערשטיצט סיי פון די ציוניסטישע אַלגע־מיינע פאָנדן און סיי פונם געלט, וואָס ווערט געזאַמעלט אין ספּעציעלע קאַמ־פּיינס אין די גלות־לענדער. אין אַמעריקע פירט דורך די דאָזיקע פונקציע דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל (געווערקשאַפטן־קאַמפּיין).

אַ וויכטיקער אינסטרומענט פון דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין ארץ־ישראל איז די „פּאַלעסטיין לאַנד דעוועלאָפּמענט קאָמפּאַני״ (חברת הכשרת הישוב), אַ האַלב־אָפיציעלע אַגענטור איך קויפן באָדן. זי העלפט מיט קויפן באָדן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און אויך פאַר פּריוואַטע אָרגאַניזאַ־ציעס און יחידים, וועלכע זיינען גרייט צו קאָאָרדינירן זייער לאַנדקויף טע־טיקייט מיט דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אידישע קאָלאָניאַל־באַנק

אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע געגרינדעט אין לאָנדאָן אַ באַנק, וואָס האָט געזאָלט זיין דער הויפּט־פונדאַמענט פון איר קומענדער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט. דער קאַפּיטאַל פון דעם דאָזיקן באַנק, „דזשואיש קאָלאָניאַל טראַסט״, איז געזאַמעלט געוואָרן דורך איינציקע אַקציעס, צו 1 פונט יעדע, פון אידן אין דער גאַנצער וועלט. ס׳רוב געלט פון דער באַנק איז געגעבן געוואָרן פון די ברייטע און אפילו אָרע־מע אידישע מאַסן. אין די מערסטע פאַלן האָט מען אויסגעצאָלט אַן אַקציע אין לויף פון אַ יאָר אָדער צוויי, און פיל פון די דאָזיקע אַקציאָנערן האָבן גאָר גע־מוזט אָפּשטעלן זייערע צאָלונגען אין מיטן. די דאָזיקע טיילוויז איינגעצאָלטע אַקציעס האָבן שפּעטער געהאָלפן צו דעקן די אָרגאַניזאַטאָרישע און אַנדערע הוצאות פון דער באַנק.

נישט קוקנדיק אויפן ענטוזיאַסטישן אָפּרוף פון די ציוניסטישע מאַסן אויף הערצל׳ס רוף צו קויפן אַקציעס, איז דער אידישער „קאָלאָניאַל טראַסט״ נישט געווען קיין פינאַנסיעלער ערפאָלג. אנשטאט דעם אויטאָריזירטן קאַ־פּיטאַל פון צוויי מיליאָן פונט, האָט ער זיך געמוזט באַגנוגענען מיט 395,239 אַרויסגעגעבענע 1־פונטיקע אַקציעס.

די ביזנעס־אָפּעראַציעס פון דער באַנק זיינען אויך געווען אַ דורכפאַל. די באַנק האָט געליטן גרויסע פאַרלוסטן ביים ערשטן וועלט־קריג צוליב אומ־גליקלעכע אינוועסטיציעס. דאָס איז די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס די באַנק האָט נאָך אַ רייע דערפאָלגלאָזע באַמיאונגען זיך אַוועקצושטעלן אויף אַ פּראָפיט־באַזיס, זיך צום סוף געמוזט ליקווידירן אין 1933. די דאָזיקע ליקווידאַציע איז נישט געווען פיינלעך, ווייל די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, איר פריערדיקע טאָכטער־געזעלשאַפט, האָט איבערגענומען אַלע חובות אין הויך פון 473,319 פונט, לויט דעם געשעפטס־באַריכט פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, פאַר־עפנטלעכט דעם 31־טן דעצעמבער 1934. כדי צו דעקן אַ טייל פון די חובות, האָט די קאָלאָניאַל־באַנק איבערגעגעבן דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק איר גאַנצן פּאָרטפעל פון הלוואות און אַוואַנסן, אין באַטרעף פון 572,162 פונט. אַזוי ווי די מיינסטע הלוואות זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס „צווייפלהאַפטע״ אין באַנק־באַריכט, איז די דאָזיקע פינאַנס־אָפּעראַציע זיכער געווען אַ באַ־דייטנדער קרבן פאַר דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק.

זינט דער ליקווידאַציע פון אירע באַנק־געשעפטן, האָט די אידישע קאָלאָניאַל־באַנק פאַרגעזעצט איר עקזיסטענץ אַלס אַ „האָלדינג קאָמפּאַני״ פאַר דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, און איז דער אייגנטימער פון דער מערהייט אַקציעס פון דער לעצטער. צוליב דעם גרויסן דערפאָלג פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, איז די קאָלאָניאַל־באַנק געווען בכוח צוריק צו צאָלן אַ

גרויסן טייל פון זייערע חובות, און אירע אַקציעס, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק אויסגעקוקט צו זיין ווערטלאָז, האָבן צוריק באַקומען אַ געוויסן ווערט.

די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק

די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1907 אַלס אַ טאָכטער־געזעלשאַפט פון דעם „קאָלאָניאַל טראַסט" פאַר פּראַקטישע פינאַנץ־אָפּעראַציעס אין ארץ־ישראל, האָט געהאַט אַ פיל־בעסערן מזל ווי איר „מוטער". אַדאַנק דעם אַלגעמיינעם וואוקס פון לאַנד און דעם וואויל־שטאַנד וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך די נייע אימיגראַנטן, איז די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, וואָס איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אַלס די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין קאָמפּאַניע, ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אין אַ שטאַרקן פּי־נאַנסיעלן אנשטאַלט, וואָס איבט אויס אַ גאַנץ באַדייטנדן איינפלוס אויפן עקאָ־נאָמישן לעבן פון לאַנד. פאָרמעל ווערט די געזעלשאַפט קאָנטראָלירט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרמאָגט די גרינדער־אַקציעס פון דעם קאָלאָניאַל־טראַסט, פון וואַנענט עס שטאַמט דער מערסטער קאַפּיטאַל פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק. אָבער די לעצטע האָט ביסלעכווייז דער־גרייכט אַ פּאַקטישע זעלבסטשטענדיקייט פון אויסערלעכן קאָנטראָל. אידישע געשעפטסלייט אין ארץ־ישראל קלאָגן זיך גאַנץ אָפט אויף די גאָר שווערע באַדינגונגען, וואָס די אַפּ"ב שטעלט פאַר די בעלנים אויף קרעדיטן. אָבער די פירער פון דער באַנק טענה'ן, אַז ביי די הערשנדע באַדינגונגען אין לאַנד קען נאָר די גרעסטע שטרענגקייט און פאָרזיכטיקייט ביים אויספירן די התחיבותן פון דער באַנק זיכערן איר ווייטערדיקע עקזיסטענץ און דעם דער־פאָלג פון זייער פינאַנסיעלער אינסטיטוציע.

אויסקלייב און צוגרייטונג פון אימיגראַנטן

פאַרן קריג האָט די קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיך אָנגעהויבן נאָך אין גלות, וואו ספּעציעלע אַמטן האָבן אויס־געקליבן די אימיגראַנטן, וואָס זיינען פּאַסיק פאַר ארץ־ישראל. די ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט די פולע יוריסדיקציע איבער דער צאָל פון אַרבעטס־אימיגראַנטן, וואָס ווערן יערלעך אַריינגעלאָזט קיין ארץ־ישראל, אָבער זי האָט איבערגעגעבן דער אידישער אַגענטור דאָס פולע פאַקטישע רעכט צו פאַרטיילן די אַרבעטער־סערטיפיקאַטן. די דאָזיקע טיילווייזע קאָנטראָל פון דער אידי־שער אַגענטור איבער אימיגראַציע איז אָפיציעל נאָר חל אויף אַרבעטער־אי־מיגראַנטן. אָבער, למשל, קאַפּיטאַליסטן וואָס האָבן 1000 פונט, קוואַליפי־צירטע בעלי מלאכות מיט קלענערע סומען, און קרובים פון ארץ־ישראל־איינ־וואוינער, וועמענס אויסהאַלטן אין לאַנד ווערט גאַראַנטירט דורך זייערע קרו־

בים, זיינען נישט אַרונטערגעפאַלן דער יוריסדיקציע פון די ציוניסטישע פּאַלעסטינאַ־אַמטן. פּאַקטיש אָבער, האָבן די פּאַלעסטינע־אַמטן געהאט באַראַטונגס־רעכט אויך ביים באַשטימען דעם גורל פון די דאָזיקע סאָרטן אימיגראַנטן.

בדרך כלל, פלעגן נישט די פּאַלעסטינאַ־אַמטן אויסקלויבן אימיגראַנטן צווישן פריער אומבאַקאַנטע אַפּליקאַנטן. די גרויסע מערהייט פון די אַרבעטער־אימיגראַנטן זיינען נאָך לאַנג פאַר זייער עולה זיין קיין א״י, געווען צוגעגרייט פאַר זייער נייעם לעבנס־שטייגער אין ארץ־ישראל אַרבעטנדיק אויף הכשרה־פאַרמס אָדער אין וואַרשטאַטן אין די גלות־לענדער *).

די דאָזיקע הכשרה־גרופּן זיינען געווען פאַראייניקט אין גרעסערע קערפּערשאַפטן, אַנגעשלאָסן אין איינע פון די ציוניסטישע פּראַקציעס, וועלכע האָבן אויסגעשולט יונגע מענטשן אַלס חלוצים אין פאַרשידענע הכשרה־פּלעצער. נאַטירלעך האָט די גרעסטע ראָל געשפּילט אין דער הכשרה־אַרבעט דער אַרבעטער־פליגל, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער הסתדרות, וואָס באַשטייט אַליין פון חלוצים, וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד מיט יאָרן צוריק. די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַר זייער אָפּשפּאַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויך געגרינדעט אין די גלות־לענדער אַ צאָל הכשרה־פּלעצער און אויף דעם סמך פאַרלאַנגט אַ באַדייטנדע צאָל פון די אַרבעטער־סערטיפיקאַטן.

די אַרבעטער־ציוניסטן האָבן געטענהט, אַז די עליה־קאַנדידאַטן פון די אַנדערע גרופּן האָבן נישט באַקומען קיין גרינטלעכע הכשרה און די מחלוקת האָט פאַרשאַרפט דעם געראַנגעל איבער דער פאַרטיילונג פון דער באַגרענעצטער צאָל סערטיפיקאַטן.

אפילו די אָנהענגער פון דער הסתדרות האָבן נישט געווירקט אַלס אַ פאַראייניקטע קערפּערשאַפט אין דער הכשרה־אַרבעט. אויסער דעם „החלוץ״ — דער אַלגעמיינער חלוצים־אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט דורך דער מפא״י און אירע שוועסטער־פאַרטייען אין די גלות־לענדער, האָבן כמעט איבעראַל עקזיסטירט חלוצים־גרופּן פון ״השומר הצעיר״ און אַנדערע אידעאָלאָגישע גרופּן, וואָס ווירקן אין די ראַמען פון דער הסתדרות. אַלע די גרופּן זיינען נאַטירלעך געוואָרן פול אַנערקענט דורך זייער מוטער־אָרגאַניזאַציע און האָבן באַקומען אַ פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל פון די אַרבעטער־סערטיפיקאַטן.

אויסער דער הכשרה אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין די שטאָטישע

---

*) נאַטירלעך האָט מען נישט געקענט פאָדערן קיין הכשרה פון די פּליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע געבורטס־לענדער זיך צו ראַטעווען פון היטלערס פאַרניכטונגס־קאַמפּיין.

פאַכן, האָבן אַלע ציוניסטישע חלוצים־אָרגאַניזאַציעס שטאַרק אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון לערנען העברעאיש. די חלוצים־פירער אין די גלות־לענדער זיינען טאַקע איבעראַל געווען פונקט אַזוי שטאַלץ אויף זייער דערפאָלג ביים אויסלערנען די חלוצים העברעאיש, ווי אויף זייערע דערגרייכונגען ביים דערלערנען נייע פאַכן.

דער מאָראַלישער כוח פון דער חלוצישער באַוועגונג

דער אינטערעסאַנטסטער כאַראַקטער־שטריך פון דער הכשרה איז איר סיסטעמאַטישע שטרעבונג פּסיכאָלאָגיש צו ברעכן דעם טיפּישן אידישן דראַנג צו לייכטע שטאָטישע פּראָפעסיעס. בעת ס'איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר אַ שטאָטישער יוגנט, ספּעציעל פון קליינע קרעמער אָדער האַנטווערקער, וועמענס העכסטע לעבנס־אַמביציע איז צו זיכערן די צוקונפט פון זייערע קינדער, צו קוקן קרום אויף פיזישע לאַנגווייליקע אַרבעט און שטרעבן גלייכער צו קאָלעדזש־בילדונג און „העכערע" פּראָפעסיעס, האָבן די ציוניסטן שטענדיק קריטיקירט דעם דאָזיקן טיפּיש־אידישן כאַראַקטער־שטריך אַלס די גרעסטע געפאַר פאַר דער צוקונפט פון אידנטום. דאָס איינצוימען דעם דאָזיקן פאַנאַטישן דראַנג צו „העכערע פּראָפעסיעס", איז געוואָרן פאַרלאַנגט אַלס אַ דרינגנדע נויטווענדיקייט אויב מען וויל אויסמיידן דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין די גלות־לענדער, הגם מען קען פאַרשטיין אַז דער מאָטיוו פון דאָזיקן דראַנג איז זייער אַ נאָבעלער און ער איז רירנד און רייך אין קרבנות־גרייטקייט אין פיל אינדיווידועלע פאַלן. אין קיין פלאַץ ווערט נישט די באַמיאונג אויפצוהויבן די חשיבות פון פיזישער אַרבעט צווישן דעם אונטערוואַקסנדן דור דורכגעפירט מיט אַזאַ עקשנות, און מען קאָן זאָגן, שטרענגקייט, ווי אין די הכשרה־פאַרמס פון „החלוץ". די פירער פון די פאַרמס האָבן געשטרעבט צו שיקן קיין ארץ ישראל נישט נאָר מענטשן, וואָס זיינען קערפּערליך צוגעוואוינט צו פיזישער אַרבעט נאָר מענטשן וואָס זאָלן אויך זיין פּסיכאָלאָגיש צוגעוואוינט צו דער אידעע פון דער העכסטער וויכטיקייט פון די פּראָזאַישע אויפגאַבן, וואָס וואַרטן אויף זיי אין ארץ־ישראל. ס'איז שווער צו געפינען אין דער וועלט אַ באַוועגונג, וואָס רעוואָלוציאָניזירט אַזוי ראַדיקאַל דאָס גאַנצע לעבן און געדאַנק פון אירע מיטגלידער, ווי עס טוט עס די חלוצים באַוועגונג.

אָט איז, למשל, אַ קליינער אָבער פילזאָגנדער פאַקט, וואָס ווייזט דעם אומגעווײנלעכן גייסט פון די דאָזיקע חלוצים. דער „השומר הצעיר" פאַרווערט זיינע מיטגלידער נישט נאָר צו טרינקען — דאָס איז פאַרשטענדלעך, נאָר אויך צו רויכערן בשעת דער הכשרה אין גלות. ווען איך האָב איינעם פון זייערע פירער געפרעגט, וואָס איז דער צוועק פון אַזאַ פאַרבאָט, האָט ער

מיר דערקלערט, אַז זיי פאַרדאַמען נישט דאָס רויכערן פון אַ פּיזישן אָדער מאָראַלישן שטאַנדפונקט; זיי ווילן בלויז וויזן אַ גוטן ביישפּיל פאַר די אינגע מיטגלידער פון זייער אָרגאַניזאַציע (די סקויטן, וואָס זיינען אונטער 17 יאָר), און זיי האַלטן, בכלל אַזאַ „פּראָהיבישן" פאַר אַ גוטער כאַראַקטער־ערציאונג. ווער עס קען נישט גובר זיין אַזעלכע קליינע געוואוינהייטן אין נאָמען פון אַ העכערן אידעאַל, דער זאָל בעסער פאַרלאָזן זייערע רייען...

די אָנפירונג פון הכשרה דורך עטלעכע באַזונדערע, צווישן זיך נאָר לויז־פאַרקניפּטע אָרגאַניזאַציעס, קען אין פלוג, אויסזען אַלס אַ כאַאָטישע און איבעריקע פאַרשווענדונג פון ענערגיע, אָבער די ציוניסטישע פירער באַ־טראַכטן דאָס מכלומרשטע כאַאָטישע סיסטעם אַלס דאָס בעסטע אונטער די מעגלעכע אומשטענדן. זיי גלויבן, אַז אַן ענגערע רעגימענטאַציע פון דער חלוצישער באַוועגונג וואָלט פון איר צוגערויבט איר ספּאָנטאַנישע קראַפט, וואָס איז איר גרעסטע מעלה. בעסער, זאָגן זיי, איז צו האָבן עטלעכע באַזונ־דערע גרופּן, וואָס שטרעבן פּאַקטיש צו איין און דעם זעלבן צוועק, איידער פאַראייניקן זיי מיט צוואַנג. אַזאַ פאַראייניקונג וואָלט פאַרשטאַרקט אין אַן איבערטריבענער מאָס די פאַראַנענע אומפאַרמיידלעכע רייבונגען אנשטאָט זיי אונטערדריקן.

כדי צו קאָאָרדינירן די טעטיקייטן פון די באַזונדערע חלוצים־גרופּן און צו פאַרטיילן צווישן זיי די אימיגראַציע־סערטיפיקאַטן אויף אַ גלייכן און גערעכטן אופן, זענען די ציוניסטישע ארץ־ישראל־אַמטן אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטונג. יעדער ארץ־ישראל־אַמט ווערט אָנגעפירט פון אַ קאָמיטעט, אין וועלכן די פאַרשידענע פראַקציעס פון דער באַוועגונג זיינען פאַרטראָטן פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל שטימען, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די זעלבע לענדער ביי די לעצטע וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. אויסער דעם קלויבן אויס די חלוצים־אָרגאַניזאַציעס לויט אַן אַל־געמיינער פאַרשטענדיקונג, צו איין פאַרטרעטער אין ארץ־ישראל־אַמט.

הכשרה

די צאָל חלוצים אויף הכשרה אין אייראָפּע האָט אין די יאָרן 1937־1938, באַטראָפן לויט די באַריכטן, אָפּגעגעבן צום 21־טן ציוניסטישן קאָנ־גרעס (אין 1939) 17,877. זייער צעטיילונג לויט די באַזונדערע לענדער האָט אויסגעזען אַזוי:

פוילן	10,105
דייטשלאַנד	3,600
רומעניע	1,367
טשעכאָסלאָוואַקיע	1,215
עסטרייך	410
לעטלאַנד	393
ליטע	325
אונגאַרן	247
אַנדערע לענדער	215
צוזאַמען	17,877

אַ הכשרה־אַרבעט, הגם אין אַ זייער באַשיידענער פאָרם, איז אויך אָנ־געפירט געוואָרן אין די אַנדערע טיילן פון דער וועלט. אַזוי, למשל, האָבן פאַרן קריג עקזיסטירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן דריי פערמעס וואו 120 חלוצים זענען צוגעגרייט געוואָרן פאַר זייער צוקונפטיקער מיסיע אין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך געלערנט נישט נאָר לאַנדווירטשאַפט, נאָר זיי זיינען אויך געוואָרן צוגעוואוינט צום קאָלעקטיוון לעבן, וואָס הערשט אין די ארץ־ישראלדיקע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס.

עס זיינען אויך געווען, באַזונדערס אין פוילן, אַ צאָל הכשרה־קבוצים פון די רעוויזיאָניסטן. זיי זיינען נישט געווען איינגעשלאָסן אין דער ציוניס־טישער סטאַטיסטיק, צוליב דעם אַרויסטריט פון די רעוויזיאָניסטן פון דער אָפיציעלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די פריערדיקע אָנגעגעבענע ציפערן שעפּן אָבער ווייט נישט אויס די גאַנצע פאַר־מלחמהדיקע מיטגלידערשאַפט פון די חלוצים־אָרגאַניזאַציעס, ווייל נישט אַלע חלוצים זענען געווען אויף הכשרה. די מיינסטע מיטגלידער האָבן געוואַרט אויף זייער רייע אַריינצוקומען אין די הכשרה־פּלעצער און דערווייל האָבן זיי פאָרגעזעצט זייער נאָרמאַלע אַרבעט אָדער שטודיום. פאַר דער פאַקטישער הכשרה האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ יאָר אָדער צוויי פון פאָרבאַרייטנדער ערציאונג, בעת וועלכער די חלוצים זיינען געוואָרן אידעאָ־לאָגיש צוגעגרייט פאַרן קומענדן לעבן אין ארץ־ישראל. אַ טייל פון די דאָזיקע צוקונפטיקע חלוצים פאַרלאָזן די רייען פריער, איידער עס קומט זייער צייט פאַר ווירקלעכע הכשרה. אייניקע ווערן אַנטמוטיקט דורך די שטרענגע פאָדערונגען פון דער אָרגאַניזאַציע, אַנדערע בייטן זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען און נאָך אַנדערע ווערן אַנערקענט פון אייגענע חברים אַלס נישט פּאַסנד פאַר ארץ־ישראל. בדרך כלל איז די שול פון חלוציזם אַ גאַנץ שטרענגע און נישט אומ־זיסט גיט זי אַרויס אַ מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט און איז פעאיק אריבערצוטראָגן אַלע שוועריקייטן און זיי בייקומען.

אין פיל פאַלן האַלט זיך די הכשרה אויס פון זיך אַליין. די צוקונפטיקע חלוצים ווערן אָפט באַשעפטיקט אויף גרויסע מאַיאָנטקעס אָדער אויף פאַבריקן;

אין אַנדערע פֿאַלן אָבער, מוזן זיי שאַפֿן זייערע אייגענע וואַרשטאַטן און שאַפֿן אַרבעטער־לאַגערן מחוץ זייערע וואוין־שטעט. זייערע אויסגאַבן ווערן נאָר טיילווייז געדעקט דורכן פֿאַרקויף פֿון די פּראָדוקטן פֿון די פֿאַרמס און וואַר־שטאַטן. מיינסטנס מוזן זיי אָבער דערגאַנצט ווערן דורך סובסידיעס פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַ באַדייטנדע פּראָפּאָרץ פֿון געלט, וואָס עס גיט אויס דער קרן היסוד פֿאַר אימיגראַנטן, ווערט אינוועסטירט אין הכשרה־פּלע־צער אין די גלות־לענדער.

נישט אַלע וואָס האָבן באַקומען אַרבעטער־סערטיפֿיקאַטן, האָבן באַקו־מען זייער פֿאַכלעכע הכשרה אין די דאָזיקע חלוצים־גרופּן. אין פֿיל פֿאַלן האָבן די ארץ־ישראל אַמטן אונטערן דרוק פֿון דער דרינגענדער פֿאָדערונג פֿון ארץ־ישראל נאָך קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, פֿאַרטיילט סערטיפֿיקאַטן צו ער־פֿאַרענע בוי־אַרבעטער אָדער פֿאַבריק־עקספּערטן וואָס האָבן נישט דורכגע־מאַכט קיין הכשרה אין די חלוצים־לאַגערן. אין פֿיל פֿאַלן האָבן זיי אויך גע־מוזט זיך רעכענען מיט די פֿאָדערונגען פֿון יחידים וואָס זיינען נישט געווען אַנגעשלאָסן אין די חלוצים־גרופּן. מיינסטע אַרבעטער־סערטיפֿיקאַטן זיינען אָבער דאָך פֿאַרטיילט געוואָרן צווישן די מיטגלידער פֿון די החלוץ־אָרגאַני־זאַציעס, וואָס זיינען ס'רוב באַשטאַנען פֿון יונגע מענטשן פֿון מיטל־קלאַס־פֿאַמיליעס וואָס האָבן פֿריער זיך קיינמאָל נית פֿאַרנומען מיט פֿיזישער אַרבעט.

פֿריער פֿלעגט די מערהייט פֿון די חלוצים באַקומען רייזע־הוצאות קיין ארץ־ישראל פֿון די חלוצים־גרופּן, וואָס זיינען סובסידירט געוואָרן צו דעם צוועק דורכן קרן־היסוד. דאָס איז געווען נויטיק בעיקר דערפֿאַר, וואָס די עלטערן פֿון די חלוצים זיינען אַרויסגעטרעטן געגן דעם אַז זייערע קינדער זאָלן זיך לאָזן קיין ארץ־ישראל אַלס חלוצים אנשטאט זיך צו פֿאַרנעמען אין גלות מיט לייכטערע אַרבעטן און זיי האָבן זיך דערפֿאַר אַנטזאָגט צו געבן זיי־ערע קינדער די נויטיקע רייזע הוצאות, אפֿילו דאַן ווען זיי זיינען געווען גאַנץ פֿאַרמעגלעך.

אין די לעצטע יאָרן איז געשען אַ דעציִדירטע ענדערונג אויף דעם גע־ביט. דער שנעלער וואוקס פֿון אַנטיסעמיטיזם און די וואַקסנדע שוועריקייטן אויסצולערנען אידישע יוגנט אַ פֿאַך, האָט געווינען פֿיל אידישע עלטערן פֿאַר די אידעאַלן פֿון זייערע קינדער, די חלוצים. פֿיל פֿון די עלטערן זיינען שפּע־טער רייך באַלוינט געוואָרן פֿון זייערע חלוצישע קינדער אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן אַרויסגעראַטעוועט זייערע עלטערן פֿון די נעגעל פֿון הונגער־טויט און פֿאַרניכטונג.

דער קריג און די פֿאַרניכטונג פֿון די אידישע קהלות אין היטלער־אָקו־פּירטן אייראָפּע, האָט צעשטערט דעם גרעסטן טייל פֿון די דערגרייכונגען פֿון דער חלוצישער הכשרה. אויסערדעם, איז געוואָרן אומפֿאַרמיידבאַר אַ פֿאַל־

קאַמע ענדערונג אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון דער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. די אַלגעמיינע איינשטעלונג פון די ציוניסטן איצט איז, אַז די גרויסע מאַסן פון די אויסגעוואָרצלטע אידן וועלן שטראָמען קיין ארץ־ישראל, אומאָפּהענגיק צי זיי האָבן פריער יאָ דורכגעמאַכט הכשרה אָדער נישט.

די מייסטע ארץ־ישראלדיקע עקאָנאָמיסטן וואָס האָבן זיך פאַרטראַכט איבערן דאָזיקן פּראָבלעם גלויבן, אַז די לעבן־געבליבענע קרבנות פון די נאַצי־רדיפות, וועלן פאַרשטעלן מיט זיך די שטאַרקסטע עלעמענטן פון אייראָפּעאישן אידנטום. זיי וועלן אַרויסווייזן אַ גרויסע צופּאַסונגס־פעאיקייט צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל, און זיי וועלן זיך אַרויסווייזן אַלס אַ זייער ווערטפולער עלעמענט פאַר דער אויפבוי־אַרבעט פון לאַנד.

די דאָזיקע מיינונג ווערט, זעט אויס, באַשטעטיקט דורכן רעקאָרד פון די פּליטים, וואָס האָבן באַוויזן זיך דורכצורייסן קיין ארץ־ישראל אין משך פון קריג. טראָץ דעם וואָס די אַלע פּליטים זיינען געווען אינגאַנצן אָן יעדע מיטלען און פיל פון זיי האָבן זיך געניטיקט אין ספּעציעלער פּלעגע צוריקצושטעלן זיך אויף די פיס און ווערן צוריק אַרבעטס־פעאיק, האָט אַן איבעראָשנדע צאָל פון די געראַטעוועטע אידן זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון נייעם לאַנד און זיי שטייען איצט אויף זייערע אייגענע פיס.

אימיגראַציע פון קאַפּיטאַליסטן

אין קעגנזאַץ צו די אַרבעטער, איז די איינוואַנדערונג פון קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט מער פון 1,000 פונט, נישט געוואָרן דירעקט קאָנטראָלירט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. יעדער איינער, וועלכער האָט געקענט באַווייזן אַז ער האָט די פאַרלאַנגטע סומע פון טויזנט פונט, איז געווען לעגאַל באַרעכטיקט צו באַקומען אַ וויזע דירעקט פון ענגלישן קאָנסול, אויב נאַטירלעך די קוואָטע פון דאָזיקן טיפּ קאַפּיטאַליסטן־סערטיפיקאַטן איז אין געגעבענעם מאָמענט נישט געווען אויסגעשעפּט.

פונדעסטוועגן, האָבן מייסטע קאַפּיטאַליסטישע אימיגראַנטן זיך אויך באַנוצט מיט דער הילף פון די ציוניסטישע ארץ־ישראל־אַמטן. זיי האָבן באַקומען גענויע ידיעות וועגן זייערע איינאָרדנונגס מעגלעכקייטן אין לאַנד דורך די ציוניסטישע אינפאָרמאַציע־ביוראָס און אָפטמאָל פלעגן זיי בעטן הילף ביים דורכפירן די פאָרמאַליטעטן פון באַקומען די וויזע אָדער טראַנספערירן זייער קאַפּיטאַל. פאַר אימיגראַנטן פון לענדער מיט אַ נאָרמאַלן וואַלוטע־פאַרקער, איז די פראַגע וועגן געלט־טראַנספער קיין ארץ־ישראל בכלל נישט געווען קיין פּראָבלעם. אָבער אין לענדער פון וואַנענט ס'איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצופירן געלט אָדער דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן — באַזונדערס אין לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע — האָט די ציוניסטישע אָר־

גאַניזאַציע געוויינלעך געהאַט די מעגלעכקייט צו טראַנספערירן באַגרענעצטע געלט־סכומען קיין ארץ־ישראל.

אַ באַזונדערס אייגנאַרטיקע סיטואַציע איז אויף דעם געביט אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד. נאָך דער פינאַנציעלער פּאַניק אין 1931, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער גאַנצער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל צוליב דער נישט־סטאַביליטעט פון רייכסמאַרק. מיט 2 יאָר שפּעטער, ווען די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט, האָבן די ציוניסטן געשלאָסן אַ טראַנספער־אָפּמאַך מיט דער רייכסבאַנק. אַדאַנק דעם דאָזיקן אָפּמאַך האָט מען געקענט טראַנספערירן געלט קיין ארץ־ישראל אין פאָרם פון סחורות, וואָס זיינען עקספּאָרטירט געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל און אירע שכנותדיקע לענדער. אַ אַזוי־גערופענער טראַנספער־אָפּיס אין תל־אביב האָט פאַרקויפט די לאָקאַלע אימפּאָרטערן רייכסמאַרק וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמעלט אויף זיין קאָנטע אין בערלין, דער־האַלטנדיק דערפאַר אַלס חלוף ארץ־ישראלדיקע פונטן וואָס די ארץ־ישראל־אימפּאָרטערן וואָלטן געדאַרפט פאַרנוצן איינקויפנדיק זייערע באַשטעלטע סחורות אין אויסלאַנד. דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט געגעבן די מעגלעכקייט דעם דייטשן איד וואָס האָט זיך געוואָלט באַזעצן אין ארץ־ישראל צו באַקומען פאַר דעם געלט אין בערלין אַן אַנטשפּרעכנדן סכום פון ארץ־ישראלדיקע פונטן מיט וואָס ער האָט געקענט אָנהויבן פירן נייע געשעפטן אין זיין נייעם וואוין־פּלאַץ. אמת, ער האָט דערפאַר געדאַרפט אָפּצאָלן די נאַציס אַ העלפט פון זיין קאַפּיטאַל אַלס אַ מין „פליטה"־שטייער, און פון באַקומענעם סכום האָט ער אויך פאַרלוירן אַ טייל צוליב דעם קינסטלעך־הויכן טויש־ווערט פון רייכסמאַרק אין דייטשלאַנד. טראָץ די דאָזיקע פאַרלוסטן, וואָס זיינען געוואָרן ווייטער פאַרשטאַרקט דורך דער שנעלער צוואַנגסווייזער ליקווידאַציע פון די אידישע געשעפטן אין דייטשלאַנד, איז דער „טראַנספער" וואָס מ'האָט פאַרגעלייגט די אידן אין דייטשלאַנד געווען איינער פון די זייער ווייניקע וועגן צו ראַטעווען לכל הפּחות אַ טייל פון זייער קאַפּיטאַל מיט וועלכן זיי האָבן ווידעראַמאָל גע־קענט אָנהויבן אַ ניי לעבן אין ארץ־ישראל.

דער דאָזיקער טראַנספער־אָפּמאַך האָט אַרויסגערופן אַ ביטערן וכוח אין דער אידישער פּרעסע אין גאַר דער וועלט. פיל שרייבער און פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשולדיקט די ציוניסטן אַז זיי קאַפּיטולירן פאַר היטלערן און אַז זיי ברעכן דעם אַלוועלטלעכן אַנטי־נאַצי באָיקאָט אויפצווינגנדיק האַנ־דעלס־באַציאונגען צווישן ארץ־ישראל און דייטשלאַנד. די דאָזיקע באַשול־דיקונגען זיינען, זעט אויס, געווען באַזירט אויפן פאַקט, אַז דער דייטשער עקס־פּאָרט קיין ארץ־ישראל האָט זיך שאַרף פאַרגרעסערט אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג. די ציוניסטן האָבן, נישט לייקענעדיק אַז דער דאָזיקער וואוקס איז אַרויסגערופן געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס דורכן טראַנספער־אָפּמאַך, פאַרטיי־דיקט זייער אַקציע מיט דעם אַרגומענט, וואָס דייטשלאַנד האָט נישט באַקומען

פאַר די עקספּאָרטירטע סחורות מזומן געלט אין אויסלענדישער וואַליוטע. דער טראַנספער האָט דערפאַר נישט געבראַכן דעם באָיקאָט, וועמענס הויפּט־ציל איז געווען צוריקצוציען פון דייטשלאַנד די אויסלענדישע וואַליוטע אין וואָס אירע קריגס־אינדוסטריעס און איר באַוואָפנונגס־פּראָגראַם האָבן זיך אַזוי דרינגנד גענויטיקט. זיי האָבן אויך אָנגעוויזן אויף דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון די דייטשע אידן, וואָס קענען נישט ווערן געראַטעוועט בלויז מיט פּרינציפּן. אַרום און אַרום האָט די סומע וואָס איז געוואָרן אַריינגעבראַכט קיין ארץ־ישראל אַדאַנק דעם טראַנספער באַטראָפן 8 מיליאָן פונט (40 מיליאָן דאָ־לאַר) אין די זיבן יאָר פאַרן אויסברוך פון קריג.

אורטיילנדיק דעם דאָזיקן וכוח אין ליכט פון די שפּעטערדיקע אַנט־וויקלונגען, דאַכט זיך אַז דער אָרגאַניזירטער טראַנספער פון אידישן קאַפּיטאַל קיין ארץ־ישראל איז געווען אַ באַרעכטיקטע און ברכה־ברענגענדע אַקציע. מען דאַרף נאָר באַדויערן, וואָס ענלעכע אָפּמאַכן זיינען נישט געשלאָסן געוואָרן אין אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב אין אַנדערע לענדער, וואָס וואָלט דערמעג־לעכט אָפּצוראַטעווען אַ גרעסערע צאָל דייטשע אידן פון פאַרניכטונג.

ס׳איז אפילו אַ גרויסער ספק צי דער טראַנספער אָפּמאַך האָט באמת געבראַכט אַ גרויסע ברכה פאַר די דייטשע קריגס־הכנות. דער אמת איז גראַד פאַרקערט: דאָס ווידמען אַ גרויסן טייל פון איר אינדוסטריעלער אַקטיוויטעט אויף אויסאַרבעטן סחורות פאַר אויסלענדישן געברויך, האָט געמוזט פירן צו אַן אַנטשפּרעכנדער פאַרקלענערונג פון דער קריגס־פּראָדוקציע.

אימיגראַציע

דער אויפשטייג און די ירידה פון דער אידישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל אין די לעצטע 20 יאָר ווערט אילוסטרירט פון דער פאָלגנדער טאַבעלע:

יאָר	צאָל אימיגראַנטן	יאָר	צאָל אימיגראַנטן
1923	7,421	1933	30,327
1924	12,856	1934	42,359
1925	33,801	1935	61,854
1926	13,081	1936	29,727
1927	2,172	1937	10,536
1928	2,178	1938	12,868
1929	5,249	1939	16,405
1930	4,944	1940	4,547
1931	4,075	1941	3,647
1932	9,553	1942	3,078

די אויבן־געבראַכטע ציפערן זיינען נאָר פון אָפיציעל־רעגיסטרירטע אימיגראַנטן און זיי שליסן נישט איין די ניט־וויזע אימיגראַנטן פון די לעצטע

יאָרן, וואָס זיינען געווען געצוואונגען דורך פאַרשידענע אומשטענדן אַריינצו־קומען אין לאַנד אָן אַ דערלויבעניש פון די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען. די צאָל פון די דאָזיקע אימיגראַנטן ווערט געשאַצט אויף בערך 10 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אימיגראַנטן.

קאָלאָניזאַציע אַקטיוויטעטן

די וויכטיקסטע ציוניסטישע טעטיקייט אין אייגנטלעכן ארץ־ישראל איז דאָס קויפן באָדן דורכן נאַציאָנאַל־פאָנד און באַזעצן חלוצים מיט דער הילף פון די פאָנדן פון קרן־היסוד. געטריבן דורך פאַרשידענע אומשטענדן, האָט אָבער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זיך נישט געקענט באַגרענעצן צום דאָזיקן אמת׳דיק פונדאַמענטאַלן ציל. זי האָט אויך איבערגענומען דאָס אידישע שול־סיסטעם אין ארץ־ישראל, די געזונדהייטס־טעטיקייט און אפילו גענומען אויף זיך די לאַסט פון אונטערשטיצן די קאָמונאַלע און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס. אין 1918 זיינען די ציוניסטישע פירער געווען צו האָפנונגספול וועגן די צו־קונפטיקע פינאַנציעלע מיטלען פון זייער אָרגאַניזאַציע. וואָלטן זיי פאָראויס־געזען די גרענעצן פון זייערע מעגלעכקייטן, וואָלטן זיי דאַן נישט געווען אַזוי גרויסמוטיק צו באַפרייען די רעגירונג פון אירע פליכטן אויסצוהאַלטן די ער־ציאונגס און געזונדהייטס־אינסטיטוציעס, לכל הפחות אין דער מאָס צו וועלכער די אידן זיינען געווען צוגעוואוינט אין זייערע הימ־לענדער. עס בלייבט אַ פאַקט אַז די דאָזיקע פאַרשידענע התחיבותן האָבן אָפּט פאַרשלינגען אַ נישט־אַנטשפּרעכנדן גרויסן טייל פון די ציוניסטישע פאָנדן און האָבן איבערגעלאָזט ווייניק מיטלען פאַר דער אייגנטלעכער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

איינער פון די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע ציוניסטישע פירער, דער פאַרשטאָרבענער מ. מ. אוסישקין, האָט אַמאָל געמאַכט אַ סך הכל איבער דער לאַגע אין אַ ברוטאַל־אָפענער פאָרם: „אַ קבוצה וואָס איז נאָך נישט געגרינדעט געוואָרן שווייגט, אָבער אַ לערער, וועמענס געהאַלט איז הינטערשטעליק, שרייט נאַטירלעך הויך וועגן דעם". אַזוי ארום האָבן די ציוניסטישע טעטיקייטן וואָס זיינען פריער באַטראַכט געוואָרן אַלס אונטערגעאָרדענט צו דער הויפּט־אַרבעט, שפּעטער דערוואָרבן פּריאָריטעט־רעכט אין די יאָרן פון פינאַנציעלן קלעם. פון דער צווייטער זייט זיינען געווען פּעריאָדן, ווען דער מאַנגעל אין קאָלאָני־זאַציע האָט אָפּגעקילט דעם ענטוזיאַזם פון די ביישטייערער אין די גלות־לענ־דער, מאַכנדיק שווער דאָס זאַמלען גענוגנדע פאָנדן צו קענען דעקן די לויפנדע נויטן פון די עקזיסטירנדע אינסטיטוציעס, און באַשטימען גרעסערע סומען פאַר נייער קאָלאָניזאַציע אין אַן אמת־ברייטן פאַרנעם. אַזוי אַרום זיינען די זאַמ־לונגען פאַרן קרן־היסוד — דער הויפּט־פאָנד פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, געוואָרן אַריינגעצויגן אין אַ כשוף־קרייז מיט דעם רעזולטאַט, וואָס די

הכנסות זיינען געפאַלן אפילו אין די יאָרן פון דער גרעסטער וועלט־פּראָספּע־ריטי. די זאַמלונגען, וואָס האָבן אין די יאָרן 1926־1927 דערגרייכט אַ רע־קאָרד פון 514,008 פונט, האָבן אָנגעהויבן כסדר צו פאַלן און זיינען דערגאַנגען ביז 90,975 פונט אין יאָר 1932־1933.

זינט דאַן האָבן די זאַמלונגען פאַר די ציוניסטישע פאָנדן, אונטערן פּסי־כאָלאָגישן איינדרוק פון דער כסדר־וואַקסנדער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, אָנגעהויבן כסדר צו שטייגן אַלץ העכער, אָבער עס האָט געדויערט נאָך 5 יאָר ביז זיי האָבן דערגרייכט די הויך פון 1926. דער דאָזיקער כסדרדיקער באַרג־אַרויף איז געוואָרן פאַרגעזעצט אין די ווייטערדיקע יאָרן אין רעזולטאַט פון וואַקסנדן אינטערעס פאַרן ציוניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזוי, אַז די זאַמלונגען זיינען אויסגעוואַקסן פון 516,511 פונט אין 1937־1938 ביז 568,990 פונט אין 1938־1939.

געוויסע ציוניסטישע פירער און באַזונדערס ד״ר חיים וויצמאַן, וועל־כער איז געווען אַזוי אינסטרומענטאַל ביים באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט געזוכט צו לייזן דאָס פינאַנס־פּראָבלעם דורך שאַפן אַ גרעסערע אידישע אַגענטור, וואָס זאָל איינשליסן די אידן פון די איינפלוסרייכע און פאַרמעגלעכע קרייזן וואָס זיינען ביז דאַן געווען גלייכגילטיק צו דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל. אין אויגוסט, 1929, איז זיי געלונגען צו שאַפן די אידישע אַגענטור, 50 פּראָצענט פון ציוניסטן און 50 פּראָצענט פון ניט־ציוניסטן, וועלכע זיינען, נישט אידענטיפיצירנדיק זיך אינגאַנצן מיט די פּאָליטישע צילן פון ציוניזם, דאָך געווען גרייט צו העלפן אויפן עקאָנאָמישן געביט.

דער פינאַנסיעלער רעזולטאַט האָט אָבער אַנטוישט פיל ציוניסטן. זיי האָבן געטענהט, אַז די נישט־ציוניסטישע מיטגלידער פון דער אידישער אַגענ־טור האָבן נישט באַוויזן צו פאַראינטערעסירן די יעניקע רייכע אידן, וועמען זיי האָבן מכלומרשט רעפּרעזענטירט, הגם אין צייטן פון נויט האָט די אַגענ־טור יאָ געזאַמעלט עקסטרא פאָנדן אויסער די קאַנאַלן פון קרן היסוד. דער וויכטיקסטער פון די דאָזיקע צייטווייליקע פאָנדן איז געווען דער נויט־פאָנד, געשאַפן נאָך די אומרוען פון 1929. דער דאָזיקער נויט־פאָנד האָט געגעבן די־רעקטע הילפס־סומען יחידים, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער פאַרמעגן אָדער אַנדערע פּרנסה־קוואַלן אין רעזולטאַט פון די אומרוען, געהאָלפן באַזעצן נייע 1,000 קאָלאָניסטן (התישבות האלף) און געווען אינסטרומענטאַל אין אַ רייע אַנדערע קאָלאָניזאַטאָרישע אַקטיוויטעטן. אַזוי אַרום האָט ער טיילוויז געדינט אַלס אַנטשעדיקונג פאַר דער פינאַנסיעלער שוואַכקייט פון דער איי־גנטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ענלעכע רעזולטאַטן זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך ספּעציעלע זאַמלונגען, דורכגעפירט זינט דאָס איינפירן דעם נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד.

קריטיק און פֿאַרטיידיקונג פֿון דער ציוניסטישער פּאָליטיק

פיל דענקענדע אידן, מיט וועמען דער מחבר האָט געהאַט אַ געלעגנ־הייט צו שמועסן בעת זיינע רייזעס איבער ארץ־ישראל, האָבן קריטיקירט די טענדענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איבערצונעמען אויף זיך אַלע אויפגאַבן און לאָסטן וואָס דאַרפן נאָרמאַל ווערן אויסגעטראָגן פון דער אָרטי־קער רעגירונג. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך, לויט זייער מיינונג, זיך נישט געדאַרפט אַנגאַזשירן אין דערציאונגס־אַרבעט און סאַניטאַרישע טעטיקייט אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם. וואָלט זי פון אַנהויב אָן זיך אַנטזאָגט צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע לאַסטן, וואָס געהערן דאָך פאַקטיש צו דער רעגירונג, וואָלט די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג זיך נישט געקענט אויסדרייען פון איר אחריות פאַר אידישער דערציאונג און מעדיצינישע הילף און זי וואָלט זי געמוזט נעמען אויף זיך. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָלט דאַן געווען אימשטאַנד צו באַנוצן אַ פיל־גרעסערן טייל פון אירע הכנסות פאַר די צוועקן פון אייגנטלעכער קאָלאָניזאַציע.

די דאָזיקע קריטיקער גלויבן נישט, אַז די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג וואָלט דערלויבט, אַז די אידישע שולן און סאַניטאַר־אַנשטאַלטן זאָלן פאַלן צו דער מדרגה פון די אַראַבישע. פאַרקערט, זיי האַלטן, אַז דאָס אַריינגעמען די אידישע שולן מיט זייער העכערן סטאַנדאַרט אין שול־סיסטעם פון דער רעגירונג, וואָלט נאָר געהאָלפן אויפצוהויבן דעם איצטיקן נידעריקן ניוואָ פון די אַראַבישע שולן. אין ערגסטן פאַל, וואָלט אַ געוויסער קרבן מצד די אידן אויפן געביט פון ערציאונג, זיך פיל מער אויסגעצאָלט דורכן פיל־שנעלערן וואוקס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע.

אַ טייל פון די דאָזיקע קריטישע טענות זיינען געוואָרן אויס אַקטועל נאָך 1933, ווען מייסטנס שול־און געזונדהייטס־אַקטיוויטעטן פון די ציוניס־טישע קערפערשאַפטן זיינען געוואָרן איבערגענומען דורכן ועד הלאומי. אין די לעצטע 10 יאָר האָט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פאַרנומען אַ פיל גרעסערן פלאַץ אין ציוניסטישן בודזשעט ווי פריער. אויסערדעם האָט מען זינט 1936 אָנגעהויבן צו באַנוצן נייע און מער־עקאָנאָמישע מעטאָדן פון קאָלאָניזאַציע.

די ציוניסטישע דערגרייכונגען ווערן אויך קריטיקירט מצד מענטשן, וואָס טענהן, אַז די אידישע איינוואַנדערונג אין די לעצטע יאָרן האָט מייסטנס אָנגעשוואָלן די רייען פון האַנדל און אינדוסטריע אין די שטעט און זייער ער־פאָלג קען נישט פאַררעכנט ווערן אויפן חשבון פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. די דאָזיקע קריטיקער באַהויפּטן, אַז נישט נאָר האָט די שטאָטישע אינדוסטריע זיך אַנטוויקלט אומאָפּהענגיק פון דער אָפיציעלער ציוניסטי־שער אָנשטרענגונג, נאָר אַז אפילו אַ טייל פון פּראָגרעס פון די אידישע דער־

פער, ספעציעל פון די ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, דאַרף פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו.

ציוניזם און פּריוואַטע איניציאַטיוו

די פּאַרטיידיקער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האַלטן אַז די דאָזיקע קריטיק איז אומבאַגרינדעט. זיי שטרייכן אונטער דעם מאָראַלישן און פּאָליטישן איינפלוס, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך אפילו פאַר די דערגרייכונגען וואָס מאַכן אין פּלוג, דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען אינגאַנצן פון אים אומאָפּהענגיק. ס׳איז, למשל, אמת, אַז תל־אָביב איז אויפגעבויט געוואָרן דורך פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אָבער די איניציאַטיוו פאַר דער שאַפונג פון דער אַל־אידישער שטאָט איז געוואָרן געגעבן דורך די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, און די פינאַנסיעלע מיטלען פאַרן קויף פון ערשטן באָדן און פאַר בויען די ערשטע הייזער, זיינען געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון אַ ציוניסטישער באַנק, דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין קאָמפּאַני. נאָך מער, די גאַנצע וויזיע פון תל־אָביב אַלס אַ שטאָט וואָלט נאָר געבליבן אַ בלויזע פאַנטאַזיע אָן דעם שטויס פון דער ציוניסטישער אידעע.

גלייכצייטיק נעמען די הייסע פאַרטיידיקער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויך קרעדיט פאַר רוטענבערגס עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט און פאַרן פּאָטאַש־סינדיקאַט —ביידע גרעסטע און דערפאָלגרייכסטע פּריוואַטע אונטערנעמונגען אין לאַנד. זיי זיינען איבערצייגט אַז אָן דער מאָראַלישער און פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די ערשטע שטופן פון זייער אַנטשטייאונג, וואָלטן די גרינדער פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען נישט געווען געזאַמעלט דעם נויטיקן קאַפּיטאַל, אָדער זייערע פּלענער וואָלטן נישט געוואָרן פאַרווירקלעכט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נעמט פאַר זיך אַזוי אַרום דעם קרעדיט פאַר אַלץ וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך די אידן אין ארץ־ישראל, ווייל אפילו דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וואָלט נישט געהאַט דעם מוט צו גיין פאָרויס אָן דער פאַרזיכערונג פון די כסדרדיקע ציוניסטישע אַנשטרענגונגען פאַרן אויפבוי פון לאַנד.

די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונז

טראָץ די גרויסע אויסבעסערונגען, וואָס זיינען לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן דורך דער אידישער אַגענטור אין אירע קאָלאָניזאַציע־מעטאָדן, בלייבט דאָס פּראָבלעם פון פאַרגרעסערן די נעטאָ־רעזולטאַטן פון דער קאָלאָניזאַציע אַלס די וויכטיקע אויפגאַבע פאַר דער צוקונפט.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם וועט ווערן באַזונדערס וויכטיק אויב ס׳וועט

זיין אַ מאַסן־אימיגראַציע נאָכן סוף פון קריג. אויב הונדערטער טויזנטער אויסגעוואָרצלטע און היימלאָזע פליטים פון אייראָפּע וועלן דערגרייכן די ברעגן פון ארץ־ישראל קורץ נאָך דער פאַרענדיקונג פון קריג, וועט עס זיין אוממעגלעך איינצוואָרדענען די מיינסטע פון זיי גלייך נאָכן קומען אין לאַנד אויף באָדן, אין דער אינדוסטריע אָדער אין אַנדערע סטאַבילע באַשעפטיקונגען. מען דאַרף לאָגיש פאָראויסזען, אַז מען וועט זיי מוזן באַשעפטיקן ביי צייטווייליקע אַרבעטן, ווי עפנטלעכע אַרבעט, אַזוי לאַנג, ביז די געקומענע פליטים וועלן קענען ווערן אַבסאָרבירט אין דער נאָרמאַלער ווירטשאַפט פון לאַנד.

זאָלן די אידן נאָכן קריג באַקומען דאָס רעכט דורכצופירן אַ גרויסצוגיקן רעאַביליטאַציע־פּלאַן פאַר ארץ־ישראל, וואָלטן געשאַפן געוואָרן די מעגלעכקייטן פאַר גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן אין פאַרבינדונג מיט די עלעקטריפיקאַציע־און באַוואַסערונג־פּראָיעקטן. די אידישע אַגענטור וואָלט דאַן געהאַט צוויי באַזונדערע קאַנאַלן פאַר אירע קאָנסטרוקטיווע טעטיקייטן: זי וואָלט געקענט אָרגאַניזירן גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן און זי וואָלט גלייכצייטיק געשאַפן אַרבעט דורך אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפטלעכע דאָרפס־ווירטשאַפט און די פאַרשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אויב עס זאָל קומען צו אַזאַ אַנטוויקלונג, וועלן די ציוניסטישע פאָנדן וואָרשיינלעך דאַרפן ווערן פאַרשטאַרקט דורך אַ מין אידישע נאַציאָנאַלע הלוואָה, מיט דעם אידישן פאַרמעגן אין ארץ־ישראל אַלס אַ זיכערונג. די דרינגנדע נויט פון אידישער מאַסן־עמיגראַציע פון אייראָפּע אין נאָך־קריגס־פּעריאָד מוז אויך צווינגען אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, געשאַפן דורך די פאַראייניקטע פעלקער, אויסצושטרעקן זייער האַנט פון הילף פאַר דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל.

אויף יעדן פאַל גייען איצט די ציוניסטישע טעטיקייטן אַרויס פון זייער פריערדיקן באַגרענעצטן טעטיקייטס־פעלד און גייען אַריין אין אַ פּעריאָד פון גרויסע אונטערנעמונגען און נאָך גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן.

קאַפּיטל פופצן

די אַרבעטער באַוועגונג

דער גרויסער אנטייל פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג ביים אויפלעבן די נאַציאָנאַלע היים איז אפשר די מערקווירדיקסטע ערשיינונג פון נייעם ארץ־ישראל. די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל אַנטזאָגן זיך צו באַטראַכטן בלויז אַלס דער קוואַל פון געדונגענער פיזישער אַרבעט, אַנגע־פירט דורך דער איניציאַטיוו און די מוחות פון אַנדערע. אַנטפּלעקנדיק מערק־ווירדיקע פעאיקייטן פאַר עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי באַוויזן אויפ־צובויען זייערע אייגענע קבוצות אין דאָרף און כל־ערליי קאָאָפּעראַטיוון אין אַלע צווייגן פון עקאָנאָמישן לעבן. דאָס האָט געגעבן דער אידישער אַרבעטער־שאַפט אַן אומגעהויערן פּרעסטיזש און איר שטאַרקער איינפלוס פילט זיך איצט אין דעם גאַנצן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד.

אייניקע דערגרייכונגען פון די אידישע אַרבעטער, בפרט די וואָס האָבן צו טאָן מיט קאָאָפּעראַטיוון, קבוצות און געזונדהייטס־טעטיקייט, זיינען שוין געשילדערט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. דאָס בילד פון די אידישע אויפטואונגען אין ארץ־ישראל וועט אָבער נישט זיין פולשטענדיק אָן אַ גענויער באַשרייבונג פון דער הסתדרות, דער זייער קאָנסטרוקטיווער אַלגעמיינער אי־דישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, וואָס איז דער צענטראַלער נערוו פון די אַלע פריער באַשריבענע אויפטוען.

די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן אין דעצעמבער 1920 אַלס אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער, מענער און פרויען. זי האָט געזאָלט, נישט אָפּשאַפנדיק די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, פאַר־טיידיקן די געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון אַלע אַרבעטער און פאַרווירקלעכן זייער געמיינזאַמע שטרעבונג צו נעמען אַ פירנדיקן אַנטייל אין אויפבוי פון לאַנד.

די רייען פון דער הסתדרות זיינען אָפן נישט נאָר פאַר געדונגענע אַר־בעטער, נאָר אויך פאַר אַלע, וואָס לעבן פון זייער אייגענער פיזישער אָדער גייסטיקער אַרבעט, נישט באַנוצנדיק זיך מיט געדונגענער הילף. אַזוי אַרום נעמט די הסתדרות אַריין אויסער „אַרבעטער" אין גענויען זין פון וואָרט, אויך פיל קאָלאָניסטן און אַ בערך גרויסע צאָל פון אַנגעשטעלטע, לערער,

דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, אַפּטייקער, טעכניקער, אַדוואָקאַטן און אַנ־דערע פּראָפעסיעס.

די צילן פון דער הסתדרות

די טעטיקייט פון דער הסתדרות איז פיל מער פאַרצווייגט ווי די טע־טיקייט פון פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון, למשל, דעם טיפּ פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר. די אָרגאַניזירונג און פאַרשטאַרקונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז בלויז איינע פון אירע פיל אַנדערע פונקציעס. אויסער דעם שאַפט די הסתדרות קאָלעקטיווע אַרבעטער־ווירטשאַפטן, אי־בערוואַכט זייער ווייטערדיקן פּראָגרעס און באַזאָרגט זיי מיט פינאַנסיעלע מיטלען; זי פירט אָן מיט פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אין דער אינדוסטריע און טראַנספּאָרט; זי נעמט אונטער קאָנטראַקט־אַרבעטן אין דער לאַנדווירט־שאַפט און אין הייזער־בוי אין שטאָט און אין דאָרף; זי אָרגאַניזירט הייזער־בוי־קאָאָפּעראַטיוון און האָט אַ ספּעציעלע ביוראָ צו קאָאָרדינירן זייערע טע־טיקייטן; זי קאָנטראָלירט די אַרבעטער־באַנק און צענדליקער ליי־און שפּאַר־קאַסעס; זי האָט געשאַפן אַ ברייט־פאַרצווייגטע געזונדהייטס־אָרגאַניזאַציע — די „קופּת חולים" מיט אייגענע קליניקס, שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס; זי האַלט אויס אַרבעטער־שולן און דערמוטיקט קולטור־טעטיקייטן, ווי לעקציעס, טע־אַטער, מוזיק א.אַז. וו.; זי אַנטוויקלט אַ ברייטע פאַרלאַגס־אַרבעט און גיט אַרויס אַן אייגענע טעגלעכע צייטונג; זי שטיצט ספּאָרט־קלובן און אין פאַל פון אַן אַראַבישן אויסברוך האָט זי דעם פאַקטישן קאָנטראָל איבער דער אי־דישער זעלבסטשוץ (הגנה); זי רעגולירט און אָרגאַניזירט די אַרבעטער־אי־מיגראַציע דורך שאַפן גרופּן פון חלוצים אין גלות און זיי צוגרייטנדיק פאַר זייערע צוקונפטיקע אויפגאַבן אין ארץ־ישראל. אויסער דעם פירט די הסתדרות אָן מיט פאַרשידענע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן אין און מחוץ ארץ־ישראל און אין פיל פאַלן פאַרנעמט זי דעם פּלאַץ פון די פּאָליטישע פּאַרטייען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.

כדי צו פאַרשטיין גענוי דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דער הסתד־רות, מוז מען נעמען אין אַכט דעם פאַקט, אַז די הסתדרות פאַרטרעט נישט די אינטערעסן פון די לוין־אַרבעטער אין אַ סטאַביליזירט לאַנד, נאָר זי שטרעבט אַרויפצולייגן דעם שטעמפּל פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־שאַפט אויף אַ לאַנד, וואָס איז נאָך אין פּראָצעס פון אויפבוי. מען מוז געדענ־קען, אַז די הסתדרות איז מער אַ קאָלאָניזאַציאָנס־אַגענטור ווי אַ פאַרבאַנד פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אויב די דאָזיקע בײדע פונקציעס שטויסן זיך צוזאַמען געווינט די אויבערהאַנט דער אויפבוי־אינטערעס פון לאַנד. ביים אויסבילדן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ביים שאַפן קאָאָפּעראַטיוון, ביים אַר־

גאַניזירן הייזער־בוי־געזעלשאַפטן און דורכפירן קאָנטראַקט־אַרבעטן אויף אַ קאָלעקטיוון יסוד, שטענדיק געדענקען די פירער פון דער הסתדרות אין דער נויטווענדיקייט דורכצוברעכן אַ וועג פאַר נייער איינוואַנדערונג כדי צוצואיילן דעם אויפבוי פון נאַציאָנאַלן היימלאַנד. אויב עפּעס אַ פּראָיעקט זעט אויס נישט צו ליגן אין די אינטערעסן פון ציוניזם — ווי די אַרבעטערשאַפט אינ־טערפּרעטירט אים — ווערט ער גלייך אָפּגעוואָרפן.

מיט אַנדערע ווערטער, די הסתדרות איז נישט נאָר אַן אויסדרוק פון קלאַסן־אינטערעסן נאָר אויך אַ ווערקצייג פון ציוניזם. איר אינטערנאַציאָ־נאַליזם איז פּונקט אַזוי אויפריכטיק און שטאַרק ווי אירע סאָציאַליסטישע אידעאַלן — אָפּטמאָל נאָך שטאַרקער.

די אַלגעמיינע צילן פון דער הסתדרות זיינען קלאָר אויסגעדריקט אין פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי איר גרינדונג אין דעצעמבער 1920.

„אין דער ערשטער רייע שטרעבט די הסתדרות צו אַ שאַפן אַ נייעם טיפּ פון אידישן אַרבעטער און זאָרגט דערפאַר, אַז אינם לויף פון דער קאָלאָ־ניזאַציע זאָל דער אידישער אַרבעטער, וועלכער איז אַ רעזולטאַט פון קאָלאָ־ניזאַציאָנס־פּראָצעס אין לאַנד, קריגן דעם פּלאַץ, וואָס עס קומט אים. — די הסתדרות שליסט איין אַלע אַרבעטער, וואָס לעבן פון זייער אייגענער אַרבעט אָן עקספּלואַטירן אַנדערע; זי רעגולירט אַלע אינטערעסן פון די אַרבעטנדע מאַסן אויפן פעלד פון פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, קאָלאָניזאַציע און ערציאונג מיטן צוועק אויפצובויען אַ אידישע אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל".

די „רעליגיע פון אַרבעט"

די גרייטקייט פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער זיך נישט צו באַגרע־נעצן בלויז מיט דירעקטע עקאָנאָמישע אינטערעסן אַלס קלאַס, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי זיינען מערסטנס געקומען אין לאַנד נישט סתם צו זוכן אַרבעט, נאָר צו פאַרווירקלעכן אַן אידעאַל. אַן אויסערגעוויינלעכער גרויסער פּראָצענט פון זיי האָבן אין גלות גאָר געהערט צו פאַרמעגלעכע מיטל־קלאַס־פאַמיליעס. די מיינסטע פון זיי זיינען אין זייערע היימאַט־לענדער געווען מיטגלידער פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָדער פון „החלוץ". די פירנדע מיטגלידער פון דער הסתדרות זיינען מענער און פרויען וואָס האָבן אויסגעביטן פּראָפעסיאָנעלע קאַריערעס אין זייערע געבורטס־לענדער אויף דער שווערער אויפגאַבע פון פּערזענלעכער באַטייליקונג אין אויפבוי פון אידישן היימלאַנד. אונטער דעם פּאַרלאַטעטן בגד פון לאַנד־אַרבעטער, וואָס פירט דעם אַקער־אייזן אונטער דער גליענדער ארץ־ישראלדיקער זון, אַנטדעקט מען אָפט אַ געוועזענעם לערער פון רוסלאַנד, אַ געוועזענעם אַדוואָקאַט פון פּוילן, אַ פיינעם מוזיקער פון טשעכיע. אַזעלכע מענטשן ווערן געטריבן

קיין ארץ־ישראל נישט נאָר צוליב נאַציאָנאַלע אידעאַלן נאָר אויך דורך אַ סאָרט „רעליגיע פון אַרבעט״, וואָס דריקט זיך אויס אין לעבן פון די קאָלעק־טיווע קבוצות אין ארץ־ישראל, וואָס האָט געווינען פיל באַגייסטערטע אָנ־הענגער אין פאַרשידענע גלות־לענדער *).

דער קולטור־ניווא פון די חלוצים ווערט אילוסטרירט דורך ציפערן איבער דער ערציאונג פון די אַרבעטער־אימיגראַנטן, רעגיסטרירט אין אי־מיגראַציע־ביורא פון דער הסתדרות. זיי ווייזן אַ גרויסן פּראָצענט פון מענער, וואָס האָבן באַקומען מער פון אַ פאָלקס־שול־ערציאונג פאַרן קומען קיין ארץ־ישראל. אין דער הינזיכט, ווי אין פיל אַנדערע, איז דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־צבור ווירקליך אַ זעלטענע ערשיינונג.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז ביי אַזאַ צוזאַמענשטעל פון מענטשן־מאַטעריאַל און אונטער אַזאַ פירערשאַפט, האָט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו די פּראָזאַאישע טעגלעכע אינטערעסן פון אירע מיטגלידער. זי באַטראַכט זיך אַלס אַן אָרגאַן פון חלוצים, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דער כסדרדיקער אידישער איינוואַנדערונג און אַזוי ארום פאַרזיכערן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון לאַנד. דאָס איז די סיבה וואָס די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג זעט אויס צו זיין די איינציקע אין דער וועלט, וואָס פּראָטעסטירט לײדנשאַפטלעך קעגן באַגרענעצן די איינוואַנדערונג פון אַרבעטער פון דרויסן.

אַן אַנדער אויסערגעוויינלעכער שטריך פון דער הסתדרות איז דער פאַקט, וואָס די פרויען פון די אַרבעטער באַטייליקן זיך אין דער הסתדרות מיט די זעלבע גלייכע רעכט ווי זייערע אַרבעטענדע מענער. אַ באַדייטנדער טייל מיטגלידער פון דער הסתדרות ווערן פאַררעכנט אַלס „ווייבער פון אַר־בעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט נאָר אין הויז־אַרבעט״. דער דאָזיקער איי־גנאַרטיקער „אָפּנויג״ פון די אָנגענומענע געוועקשאַפטלעכע מנהגים, איז דער לאָגישער רעזולטאַט פון אויפפאַסן די הסתדרות אַלס אַ מין אַרבעטער־געזעלשאַפט אין פּראָצעס פון אַנטשטייאונג.

די אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישע אַרבעטער; ברית פּועלי ארץ ישראל

די הסתדרות איז אַן אויסשליסלעך אידישע אָרגאַניזאַציע. אירע פי־רער פאַרשטייען אָבער די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע לויג־

*) די דאָזיקע „רעליגיע פון אַרבעט״ איז פאָרמולירט געוואָרן דורכן פאַרשטאָרבענעם אהרן דוד גאָרדאָן, אַן אינטעלעקטואַל וואָס האָט אין די שפּעטיקע פּערציקער איבערגעלאָזט אַ גוטע און לייכטע שטעלע אין רוסלאַנד און געוואָרן אַ פּויער אין ארץ־ישראל. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פיל־גערימטער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע דגניה, און זיין שטרענגער מאָראַלישער איינפלוס, אויסגעדריקט אין זיינע רעדעס און שריפטן, פילט זיך אין ארץ־ישראל ביז צום היינטיקן טאָג.

אַרבעטער, סיי פון נאַציאָנאַלן און סיי פון קלאַסן שטאַנדפונקט. פון איין זייט, וואָלט די אָרגאַניזירונג פון די אַראַבישע אַרבעטער זיי אָפּגעזונדערט פון די שאָוויניסטישע איינפלוסן פון די עפענדיס, די גרויסע לאַנד־באַזיצער, וואָס האַלטן זיי כסדר אין איין אויפרייצן קעגן די אידן, און פון דער אַנדערער זייט, וואָלט עס אויפגעהויבן דעם לעבנס־שטאַנדאַרט פון די אַראַבישע אַרבעטער, באַשיצנדיק אַזוי אַרום די העכערע לוין־סקאַלע, וואָס די אידישע אַרבעטער האָבן זיך אויסגעקעמפט. עס הערשט אין ארץ־ישראל דער אַלגעמיינער געפיל, אַז דער עקסטרעם־נידעריקער לוין־ניוואָ פון די מוראדיק־עקספּלואַטירטע אַראַבישע אַרבעטער מוז פריער־שפּעטער זיך אָפּרופן שלעכט אויף איינשטעלן און איינהאַלטן בעסערע אייראָפּעאישע — אָדער גאָר אַמעריקאַנער — לעבנס־באַדינגונגען פאַר די אידישע אַרבעטער און די ניי־געקומענע אידישע איינוואַנדערער.

הגם אַלע אַנערקענען דעם גרויסן נוצן וואָס מ׳קען האָבן פון אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער, איז נאָך דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט געוואָרן געלייזט אין אַ גענוגנדער מאָס. די הסתדרות האָט געשאַפן צו דעם צוועק דעם ברית פועלי ארץ־ישראל (פאַרבאַנד פון ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער), ווי ער ווערט אויפגעפאַסט דורך זיינע אידישע גרינדער, דאַרף דער פאַרבאַנד, אין וועלכן אידן און אַראַבער זיינען גלייכבאַרעכטיקט, ווערן צעטיילט אין צוויי אויטאָנאָמע סעקציעס מיט אַ פולשטענדיקער אויטאָנאָמיע אין אינערלעכע פראַגן. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע צעטיילונג זאָל אויך ווערן דורכגעפירט אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זיינען אַנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד. די הסתדרות באַטראַכט זיך אַלס די אידישע סעקציע פון פאַרבאַנד און די אַראַבישע מיטגלידער פון פאַרבאַנד האָבן דאָס רעכט זיך צו פאַראייניקן אין אַן ענלעכער אָרגאַניזאַציע, ווען זייערע לאָקאַלע גרופּן וועלן ווערן גענוג שטאַרק צו קענען שאַפן אַן אַראַבישע סעקציע אין לאַנד־מאַסשטאַב. גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די סאָציאַלע הילפס־אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות און בפרט די קופת חולים און די ליי־קאַסעס זאָלן אין פאַל פון נויטווענדיקייט אויך געבן הילף די אַראַבישע מיטגלידער פון „ברית פועלי ארץ ישראל“.

ביז אַהער זיינען די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון די באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער אין פאַרבינדונג מיט דער הסתדרות, נישט געווען איבעריק דערפרייענדע. די שוואַכקייט באַשטייט לויט אַ הסתדרות באַריכט בעיקר אין דער נידעריקער קולטור־מדרגה, דעם אָרעמען לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַראַבישע אַרבעטער און דעם שעדליכן איינפלוס, וואָס עס האָבן אויף זיי די איצטיקע פירער פון דער אַראַבישער געזעלשאַפט. חוץ דעם, האָט די הסתדרות נישט באַשטימט פאַר דעם צוועק קיין גענוגענדע צאָל חברים,

וואָס זיינען פּאַסיק אָנצופירן אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיינס צווישן די אַראַבישע אַרבעטער" *).

די בערך בעסטע רעזולטאַטן האָט דער „ברית פועלי ארץ־ישראל" דערגרייכט אין חיפה, וואו די אַרבעטער פוןביידע פעלקער באַגעגענען זיך אָפט ביי בוי־אונטערנעמונגען, ספּעציעל אין פּאַרט, און אויף דער אויל־ליניע פון דער „איראַק פּעטראָלעאום קאָמפּאַני". אויסער דעם געפינען זיך צווישן די אַראַבישע אַרבעטער אין חיפה אַ גרעסערע צאָל קריסטן, וואָס זיינען בכלל מער קולטורעל פּאָרגעשריטן און געניסן פון אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט ווי די מאַכמעדאַנישע אַראַבער.

די דערגרייכונגען פון „ברית פועלי ארץ ישראל" אין אַנדערע שטעט זיינען געווען ווייניקער בולט. אמת, אין אַ געוויסער צייט איז געלונגען דעם פאַרבאַנד צו אָרגאַניזירן באַדייטנדע צאָלן אַראַבישע אַרבעטער אין יפו און אין ירושלים און עס זיינען אויך אָנגעקומען פיל אָנפראַגן וועגן אָרגאַניזירן זיך פון אַנדערע שטעט. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַרשידענע וויכטיקע סטרייקן פון אַראַבישע אַרבעטער, אָנגעפירט אָדער לכל הפחות אונטערשטיצט פון דער הסתדרות. צווישן זיי דאַרף מען דערמאָנען דעם סטרייק פון אַראַבישע אַרבעטער אין דער צעמענט פאַבריק „נשר", ביי דער „איראַק פּעטראָלעאום קאָמפּאַני", דעם סטרייק פון עטלעכע הונדערט אַראַבישע וועבער אין מעדשידעל, דער צענטער פון דער פּרימיטיווער אַראַבישער טעקסטיל־אינדוסטריע.

די הסתדרות האָט אין אירע באַמיאונגען אויסצונוצן די דאָזיקע וויכטיקע אָנהייבן פאַר שאַפן אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישע אַרבעטער אין קאָאָרדינאַציע מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער הסתדרות, אָנגעטראָפן אַ וואַקסנדן ווידערשטאַנד מצד די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן. די לעצטע האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זייער אייגענע אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַ שטרענגן נאַציאָנאַלן און אפילו רעליגיעזן יסוד. אין פיל פאַלן האָבן די מער ראַדיקאַלע עלעמענטן צווישן די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אפילו דורכגעפירט עטלעכע נישט ערנסט־מיינענדע סטרייקן, כדי צו פאַרוויקלען די אַראַבישע אַרבעטער אין אַ קאַמף קעגן דער אידישער אימיגראַציע.

אַן אַנדער גרופּע, וואָס שטעלט זיך קעגן די הסתדרות־באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער, זיינען די קאָמוניסטן. פּרעדיקנדיק אינטערנאַציאָנאַליזם אין דער טעאָריע, דערמוטיקן זיי אין דער פּראַקטיק די אָרגאַניזירונג פון אויסשליסלעך אַראַבישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אונטערשטרייכנדיק אויסער זייערע עקאָנאָמישע צילן — די נויטיקייט צו באַקעמפן די ענגלענדער און באַזונדערס די אידן, וואָס ווערן פאַרשריגן אַלס די „מיט־

*) באַריכט פון ועד הפועל פון דער הסתדרות פאַרן יאָר 1931־1932, תל־אביב, פעברואַר 1933, זייט 273.

העלפער פון בריטישן אימפעריאַליזם״. די קאָמוניסטן דערקלערן, אַז אַפילו אַ לויזע קאָאָפּעראַציע מיט דער מעכטיקער הסתדרות וואָלט נאָר פאַרוואַנדלט די אַראַבישע אַרבעטער אין אַ ווערקצייג אין די הענט פון די ציוניסטישע „ארײַנדרינגער״.

צוזאַמען מיט דער נאַטירלעכער נישט־גענייגטקייט פון די קולטורעל־אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע אַרבעטער צו נעמען אויף זיך די לאַסט פון אַ פּער־מאַנענטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט רעגולערע שטייערן און אַנדערע התחיבותן, שטערן די איינפלוסן פון די פריער־געשילדערטע גרופּן אויסצובויען אַ מאָדערנע שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון דער אַראַבישער אַרבעטערשאַפט. אין יעדער וויכטיקער שטאָט עקזיסטירן נאָר עטלעכע יוניאָנס, אָפּטמאָל זײַנען זיי אָרגאַניזירט לויט פאַכן און אָפּטמאָל נעמען זיי אַרום אַלע אַרבעטער פון אַלע פאַכן. טייל יוניאָנס שטייען אונטער נאַציאָנאַליסטישן איינפלוס, אַנדערע ווערן אונטערשטיצט דורך דער הסתדרות, און נאָך אַנדערע ווערן קאָנטראָלירט דורך קירכעס און רעליגיעזע געזעל־שאַפטן. אַרום און אַרום ציילן די אַלע גרופּן ביי 6000 אַרבעטער און זיי מאַכן אַ פּרימיטיוון און נעבעכדיקן איינדרוק.

דער איינציקער וויכטיקער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, אין וועלכן די אידישע און אַראַבישע אַרבעטער זײַנען אָרגאַניזירט אין איין קערפּערשאַפט אָן דער הילף פון דער אַביסל קאָמפּליצירטער ראַם פון נאַציאָנאַלע סעקציעס — איז דער פאַרבאַנד פון אייזנבאַן, פּאָסט און טעלעגראַף־אַרבעטער. געגרינדעט אין 1920, איז דעם פאַראיין געלונגען איינצוהאַלטן די אחדות פון אירע מיטגלי־דער די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ. אונטערשטיצט נאָך אַ געוויסער וואַק־לעניש מצד דער הסתדרות, און אַנערקענט דורך די מאַכט־אָרגאַנען אַלס די לעגיטימע רעפּרעזענטאַנץ פון אַלע באַן, פּאָסט און טעלעגראַף־אַרבעטער, איז דעם פאַראיין געלונגען אין פאַרשידענע פאַלן צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פון זײַנע מיטגלידער.

די אַראַבישע פּאָליטיק פון דער הסתדרות

זייענדיק אין ארץ־ישראל, האָט דער מחבר געהערט פאַרשידענע קריטישע מיינונגען וועגן דער אַראַבישער פּאָליטיק פון דער הסתדרות פון פאַר־שידענע דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן. די קריטיק פון רעכטס האַלט יעדע הילף פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישע אַרבעטער אַלס גע־פערלעך פאַר די אידישע אינטערעסן. די דאָזיקע קריטיקער גלויבן, אַז טראָץ אַלע פאַרזיכטס־מיטלען פון דער הסתדרות, וועלן די אַראַבישע פּראָפעסיאָנע־לע פאַראיינען ווי נאָר זיי וועלן ווערן שטאַרקער און מער אומאָפּהענגיק, באַ־קעמפן די אידישע איינוואַנדערונג. זיי האַלטן, אַז די אַראַבישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ מין „גולם״, וואָס וועט זיך סוף־כל־סוף ווענדן קעגן זײַנע

אידישע באַשאַפער. דורכן דערמוטיקן דעם וואוקס פון ברודערלעכע אַראַבישע יוניאַנס, וועט, גלויבן זיי, די הסתדרות זיין לאַגישערוויז געצוואונגען אויפ־צוגעבן איר אַקטיוון קאַמף פאַר אויסשליסלעך אידישע אַרבעט אין אידישע אונטערנעמונגען. „נאַבלעס אָבליזש״: מען קען נישט אָרגאַניזירן קיין אַראַ־בישע אַרבעטער און לייקענען דערנאָך זייער אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכטיקונג ביי דער פאַרטיילונג פון אַרבעט.

די קריטיקער פון לינקס אַטאַקירן פון זייער זייט די אַראַבישע פּאָלי־טיק פון דער הסתדרות אַלס וואַקלדיק און אומלאָגיש. זיי מאַכן חוזק פון פּרינ־ציפּ פון נאַציאָנאַלע סעקציעס אין יעדן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט ווייזט, אַז פריער הויבט זיך די אַרבעטער־ באַוועגונג אָן באַנוצן מיט פּשוטע און ראַדיקאַלע מעטאָדן, און אַזאַ זאַך ווי אַ נאַציאָנאַלע סעקציע קאָן ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען נאָר זיין אַ רעזולטאַט פון אַ שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג. זיי קענען נישט זיין קיין דערפאָלגרייכער אַנהויב אויף איינשליסן אַפּגעשטאַנענע, נישט אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַזאַ אַרבעטער־באַוועגונג ווי די ארץ־ישראלדיקע. זיי גלויבן אויך, אַז ס׳איז לייכטער אַריינצוברענגען אַראַבישע ניט־אָרגאַניזירטע אַר־בעטער אין די עקזיסטירנדע פאַראיינען ווי צו שאַפן פאַר זיי אַ נייע „סעקציע״. אויסער דעם, וועט די צעטיילונג פון די אידן און די אַראַבער אין די יוניאַנס ערשט העלפן אַנצושטעקן די אַראַבישע אַרבעטער מיט שאָוויניסטישן גייסט, וואָס די הסתדרות האָט געוואָלט ביי זיי אויסוואָרצלען.

אויפן דאָזיקן גרונט לייגט פאַר דער לינקער פליגל פון דער הסתדרות, וואָס ווערט פאַרטראַטן דורך פועלי ציון און השומר הצעיר אַריינצונעמען די אַראַבער — אַמווייניקסטנס כאָטש די אָרטיקע אַראַבישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל גופא — אַלס יחידים אין די עקזיסטירנדע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט גלייכע רעכט ווי זייערע אידישע חברים. זיי גלויבן, אַז אַזאַ פּשוטער אָרגאַניזאַציע־מעטאָד וואָלט אַריינגעבראַכט אין דער אַרבעטער באַוועגונג אַ גרויסע צאָל אַראַבישע אַרבעטער אין פאַרשידענע פאַכן, וואו עס זיינען נישטאָ גענוג קאַנדידאַטן צו בילדן אַ באַזונדערע אַראַבישע סעקציע. זיי האַלטן אויך, אַז נאָכן ווערן אָרגאַניזירט, וועלן די אַראַבישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל זיך פאַראייניקן מיט זייערע אידישע חברים צום קאַמף קעגן אַראַבישע אונ־טערדריקער פון סיריע און עבר־הירדן, וועמענס נידעריקער לוין־סטאַנדאַרט איז די גרעסטע געפאַר פאַרן לוין־סטאַנדאַרט סיי פון די אידישע און סיי פון די אַראַבישע אַרבעטער אין לאַנד.

אויפן גרונט פון געשפּרעכן מיט עטלעכע פון די דאָזיקע קריטיקער, איז דער מחבר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט זייער גאַנצער פאַרמע־לער אַנערקענונג פון די אַראַבישע רעכט אויף גלייכהייט אין דער אַרבעט, וואָלטן זיי גלייכער געוואָלט פאַרזיכערן דעם איבערוואָג פון אידישע אַרבעטער

ביים אויפבוי פון לאַנד. נאַטירלעך האָב איך דאָ אין זינען די לינקע עלע־מענטן אינערהאַלב דער הסתדרות גופא, וועלכע זיינען מיט זייער גאַנצער טעאָרעטישער סימפּאַטיע מיט די קאָמוניסטן, שטאַרקע אַנהייגער פון אויפ־בוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, און ווערן דערפאַר פאַרדאַמט פון די קאָמוניסטן אַלס אפּיקורסים און אָפּאָרטוניסטן. די דאָזיקע איינגעגעסענע קאָמוניסטן האָבן קיינמאָל נישט סימפּאַטיזירט מיט דער אידעע פון אַ נאַציאָ־נאַלער היים, וואָס פאַרלאַנגט די פולסטע באַטייליקונג פון דער אידישער אַר־בעטערשאַפט אין אויפבוי פון לאַנד.

בעת די לאַנגדויערנדע אַראַבישע אומרועז אין 1936־1938, זיינען פיל פון די דאָזיקע חלוקי־דעות געוואָרן ריינע טעאָרעטישע מח־גימנאַסטיק. בעת פיל אַראַבישע אַרבעטער האָבן זיך קעגנגעשטעלט די באַמיאונגען פון זייערע „נאַציאָנאַלע באַפרייער" אַריינצוציען זיי אין אַנטי־אידישן קאַמף, און אַ טייל אַראַבער האָט זאָגאַר אונטערגעהאַלטן אומלעגאַל אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט דער הסתדרות, איז די מערהייט פון די אַראַבישע אַרבעטער געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון זייערע פריערדיקע אידישע חברים.

די מלחמה האָט געהאָלפן צוריק איינשטעלן די אָפּגעשוואַכטע פאַר־בינדונגען דורך די יאָרן פון די אומרועז. דאָך אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון אידיש־אַראַבישע אַרבעטער־באַציאונגען וועט זיך נויטיקן אין אַ גרינטלעכער רעוויזיע נאָכן קריג, אָפּהענגיק ווי ס'וועט אויסזען די פּאָליטישע סיטואַציע אין ארץ־ישראל.

בעת ס'איז נאָך צו פרי פאָראויסצוזען ווי די דאָזיקע רעוויזיע וועט אויסזען, ווייזן אַלע סמנים אַז ס'וועט קומען צו אַן ענגערער פאַרבינדונג און אַ גרעסערער עקאָנאָמישער איינקייט. פאַרבעסערטע אידיש־אַראַבישע באַ־ציאונגען וועלן אין לעצטן סך הכל פאַרשטאַרקן די האָפענונג אויף אַ בעסע־רער פאַרשטענדיקונג צווישן דיביידע פעלקער פון נייעם ארץ־ישראל.

די מיטגלידערשאַפט פון דער הסתדרות

די פאָלגנדע טאַבעלע ווייזט אונז די פאַנאַנדערטיילונג פון דער הסתד־רות־מיטגלידערשאַפט לויט די שטעט און די אַלגעמיינע מיטגלידער־צאָל אין די לעצטע יאָרן:

שטאָט	1932	1935	1941
תל־אָביב	8,914	32,650	37,328
חיפה	4,158	18,554	21,014
ירושלים	4,128	6,665	9,494
קלענערע שטעט	1,615	2,350	3,563
קאָלאָניעס	7,814	19,391	26,097
אַרבעטער־דערפער	3,449	6,208	21,748
צוזאַמען	30,078	85,818	119,154

די דאָזיקע ציפערן שליסן איין 28,473 פרויען פון מיטגלידער, נישט־באַשעפטיקטע ביי אויסערלעכער אַרבעט אין דער צייט פון דער ציילונג. די אַלגעמיינע מיטגלידער־צאָל שליסט אויך איין 7,991 מיטגלידער פון „הנוער העובד" — דעם יוגנט־פאַרבאַנד פון דער הסתדרות. אויב מיר זאָלן אויס־שליסן די דאָזיקעביידע לעצטע גרופּעס פון דער אַלגעמיינער מיטגלידער־צאָל, וועט נאָך אַלץ בלייבן 82,690 צאָלנדע מיטגלידער, וואָס מאַכן אויס 15 פּראָצענט פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג. ס'איז אַ גרויסער ספק, צי אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין וועלכן ס'איז לאַנד האָט אַרומגענומען אַזאַ הויכן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג; און אין דער הינזיכט מוז די הסתדרות ווערן קרעדיטירט מיט אירע באמת אומגעוויינלעכע דערגרייכונגען.

די פאַרטיילונג פון די שטאָטישע מיטגלידער פון דער הסתדרות לויט די פאַכן אין די שטעט פון תל־אָביב, חיפה און ירושלים, אין יאַנואַר 1941, ווערט באַוויזן אין דער וויטערדיקער טאַבעלע:

פאַך	מענער	פרויען	צוזאַמען
בוי און בוי־מאַטעריאַלן	7,145	81	7,226
מעטאַל־פאַכן	4,261	98	4,359
האָלץ־אינדוסטריעס	1,480	20	1,500
נאָדל־פאַכן	439	702	1,141
בעקער און קצבים	921	72	993
טעקסטיל	539	670	1,209
רעסטאָראַנען און האָטעלן	422	987	1,409
פרוכט־אינדוסטריען	774	473	1,247
דרוק און בינדעריי	621	216	837
גערטנעריי און פאַרמעריי	505	338	843
כעמישע אינדוסטריע	115	65	180
טאַבאַק־אינדוסטריע	75	191	266
לעדער־אינדוסטריע	509	65	574
מאלער	714	34	748
הויז־דינסט	11	1,887	1,898
טראַנספּאָרט	2,352	2	2,354
לערער און קונסט	606	532	1,138
ים־פאַכן	837	3	840
אייזנבאַן, פּאָסט, טעל.	310	1	311
מעדיצינישע פאַכן	436	1,224	1,660
טעכנישע פאַכן	666	17	683
באַדינונג	539	185	724
אָנגעשטעלטע און פאַרקויפער	4,530	1,638	6,168
פּאָליציי	653	2	655
קבוצים און פאַרשידענעס	4,292	2,174	6,466
צוזאַמען	33,752	11,677	45,429

לוינען און סטרייקן

אין אַלגעמיין, נעמט די הסתדרות־מיטגלידערשאַפט אַרום ביי 75 פּראָ־צענט פון אַלע אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. דער הויכער פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט עס געמאַכט מעגלעך צוצופּאַסן די לוינען צו די כסדרדיק־געשטיגענע לעבנס־קאָסטן אין די יאָרן פון קריג.

די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל, וואָס איז נאָך בדרך כלל אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד, וואָס געפינט זיך אין פּראָצעס פון איבערגעשטאַלטונג, שליסן אויס אַ לעבנס־סטאַנדאַרט, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דעם לעבנס־סטאַנדאַרט אין די העכסט אינדוסטריאַליזירטע לענדער. אָבער די הסתדרות האָט דאָך באַוויזן צו פאַרזיכערן אַ לעבנס־סטאַנדאַרט, וואָס קען זיך גינסטיק פאַרגלייכן מיט די יעניקע פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, פון וואַנען עס קומען די ארץ־ישראלדיקע חלוצים.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק איבער די פאַר־געקומענע סטרייקן און לאָקאַאוטן אין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1934־1941:

יאָר	צאָל קאָנפליקטן (אידישע אַרבעטער)	צאָל אַרבעטער (אידישע אַרבעטער)	פאַרלוירענע אַרבעטס־טעג (אידישע אַרבעטער)	צאָל קאָנפליקטן (אַראַבישע אַרבעטער)	צאָל אַרבעטער (אַראַבישע אַרבעטער)	פאַרלוירענע אַרבעטס־טעג (אַראַבישע אַרבעטער)
1934	39	1,826	16,573	2	225	700
1935	36	1,641	12,470	21	2,007	15,945
1936	11	531	1,255	4	605	10,370
1937	34	3,170	8,467	10	3,135	12,700
1938	72	1,588	12,149	2	288	2,000
1939	101	2,744	18,962	2	220	473
1940	83	2,186	21,946	2	35	162
1941	78	3,453	35,342	2	350	1,000

די לוינען און אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען די הויפּט־סיבה פון 50 פּראָצענט פון די קאָנפליקטן. אַנדערע אָפטע סיבות זיינען געווען באַשעפ־טיקונג פון נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אָפּזאָגן אַרבעטער, און ניט־רעגו־לערע אויסצאָלונגען פון געהאַלט.

אַלס אַ כלל, זיינען די אידישע אַרבעטער געווען מער דערפאָלגרייך ווי די אַראַבישע אַרבעטער, ווי מען קען דאָס זען פון די ווייטערדיקע ציפערן פון 5 יאָר־פעריאָד 1935־1941:

	אידישע אַרבעטער		אַראַבישע אַרבעטער	
	צאָל	פּראָצענט	צאָל	פּראָצענט
געווינען הויפּט־פאָדערונגען	207	52	12	28
אַרבעטער דורכגעפאַלן	63	16	17	41
קאָמפּראָמיס	126	32	13	31
צוזאַמען	396	100	42	100

אין פיל פאַלן זיינען געוואָרן געשלאָסן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, וואָס האָבן אַריינגענומען די אָנערקענונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און די אויסשליס־לעכע באַשעפטיקונג פון אַרבעטער, רעקאָמענדירט דורכן אַרבעטס־ביוראָ פון דער הסתדרות. די פאַראיינען האָט מען גלייכצייטיק אויך גאַראַנטירט אַ דעה אין פאַל פון אָפּזאָגן אַרבעטער. ווייטער, מוזן די אַרבעטס־געבער באַטייליקן זיך אין די מעדיצינישע קאָסטן פון דער קופּת חולים.

די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטס־געבער זיינען צווישן זיך שאַרף צעטיילט אין דער פראַגע וועגן זייער באַציאונג צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. טייל באַטראַכטן די הסתדרות ווי אַן אומזין און אַ שטערונג צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד און זיי שליסן אָפּמאַכן מיט דער הסתדרות נאָר דאַן ווען זיי זיינען געצוואונגען דאָס צו טאָן. אַנדערע לויבן, פאַרקערט, די הסתדרות פאַר איר שטעלונג אין פראַגן, וואָס זיינען נוגע דעם וואוילשטאַנד פון דער ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע.

די הסתדרות, זאָגן די דאָזיקע ליבעראַלע אַרבעטס־געבער, האַלט אָפּ די היץ־קעפּ צווישן די אַרבעטער פון אַרויסצושטעלן אומבאַרעכטיקטע פאָדערונ־גען. זוכנדיק דעם יסוד פאַר מעגלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר די אַרבע־טער, טראַכט זיך די הסתדרות אויך אַריין אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די איינגע אינדוסטריעס און זי באַמיט זיך, אויף וויפיל ס'איז מעגלעך, אויס־צומיידן יעדן סטרייק וואָס קען שעדיקן די אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. די דאָזיקע ליבעראַלע פאַבריקאַנטן פאַרשרייבן אויך אויפן קרעדיט פון דער הסתדרות, וואָס זי באַמיט זיך אויפצוהויבן די פּראָדוקטי־וויטעט פון די אַרבעטער דורך פאַך־ערציאונג און ענלעכע מעטאָדן. זיי באַ־וואונדערן אויך די פעאיקייט פון דער הסתדרות אויפצוצווינגען אַ גלייכע פאַרטיילונג פון די אַרבעטס־פּלעצער אין ציטן פון עקאָנאָמישן קריזיס.

אַרבעטער־ביוראָען

די שטאַרקסטע פּאָזיציע פון דער הסתדרות און דער גרעסטער מקור פון איר קראַפט זיינען די אַרבעטס־ביוראָען, וואָס זיינען פאַראַן אין יעדער שטאָט און אין יעדן גרעסערן דאָרף. די אַרבעטס־ביוראָען האָבן אַן אמת'ן

מאַנאַפּאָל אויף דעם אַרבעטס־מאַרק, באַזונדערס אין די נישט־קוואַליפיצירטע פאַכן. די פּרוואוון פון די אַרבעטס־ביוראָען אויפצוצוואונגען אַזאַ מאַנאַפּאָל, זיינען אָפט מאָל געווען די סיבה פון פאַרשידענע קאָנפליקטן מיט די אונ־טערנעמער און מיט דער הסתדרות.

כדי צו זיכערן מער־ווייניק איינהייטלעכע אַרבעטס־און לוין־באַדינ־גונגען, זיינען די אַרבעטס־ביוראָען פון דער הסתדרות אָפן פאָרמעל נישט נאָר פאַר די מיטגלידער פון דער הסתדרות, נאָר אויך פאַר יעדן אידישן אַר־בעטער, וואָס נעמט אָן זייערע סטאַנדאַרטן פון אַרבעטס־לוין, אַרבעטס־שטונדן און דעם פּרינציפּ פון גלייכער אַרבעטס־צעטיילונג.

ווי קוקט אָבער אויס די דאָזיקע טעאָרעטישע גלייכבאַרעכטיקונג אין פּראַקטישן לעבן? דאָס זעט אויס צו זיין אַ שמערצלעכע פראַגע. נאַטירלעך, אַז בעת אַ גוטער ווירטשאַפטלעכער קאָניוקטור, ווען עס פעלן אויס אַרבעטער, ווערט דער פּרינציפּ פון גלייכהייט אָפּגעהיט אויפן בעסטן אופן. עס הערן זיך אָבער פיל טענות, אַז אין צייטן פון אַ ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע, איז די באַהאַנדלונג פון די נישט־מיטגלידער פון דער הסתדרות נישט אַזוי ליבעראַל ווי זי דאַרף זיין.

דער מחבר האָט פּערזענלעך נישט געקריגן קיין קלאָרן באַווייז וועגן דער פּאַרטייאישקייט אָדער אומפּאַרטייאישקייט פון די אַרבעטס־ביוראָען. פון איין זייט וואָלט געווען נישט מער ווי מענטשלעך ווען די פאַרוואַלטער פון די אַרבעטס־ביוראָען זאָלן אין אַ צייט פון קריזיס אין זינען האָבן מער זייערע איי־גענע פריינט און חברים איידער פרעמדע און אַמאָל אויך פּאָליטישע שונאים. ס'איז אָבער פּונקט אַזוי מענטשלעך, אַז די קעגנער פון דער הסתדרות זאָלן לכתחילה זיין פול מיט פאַרדאַכט און איינזען פּאַרטייאישקייט אויך דאָרט, וואו די באַאַמטע פון די אַרבעטס־ביוראָען באַמיען זיך צו זיין אַזוי אומפּאַר־טייאיש ווי מעגלעך.

פרויען אין דער הסתדרות

די אָרגאַניזאַציע און פאַך־דערציאונג פון פרויען־אַרבעטער פאַרנעמט אויך אַ גרויסן פּלאַץ אין דער טעטיקייט פון דער הסתדרות. דאָס ווערט גע־טאָן מיט אַ טאָפּלטן צוועק: צו הויבן דעם קולטורעלן און לעבנס־סטאַנדאַרט פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערינס און סיי אויך, כדי צוצופּאַסן די נאָר וואָס איינגעוואַנדערטע מיידלעך צו לאַנדווירטשאַפט און אַנדערע פאַכן. די לעצטע אויפגאַבע איז באַזונדערס וויכטיק דערפאַר, ווייל ארץ־ישראל אַלס אַ פּיאָנעריש לאַנד, פאַרלאַנגט אַ גרעסערן אַנטייל פון פרויען אין דער ווירט־שאַפטלעכער טעטיקייט. אויסער דעם איז די הסתדרות נישט וויליק משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז אַ פרוי איז באַגרענעצט נאָר צו דער קיך און די קינ־

דער. זי וואָלט געוואָלט וואָס מער באַטייליקן די פרויען אין אַלע צווייגן פון עקאָנאָמישן לעבן, באַפרייענדיק זיי אין דער זעלבער צייט פון דער איינטאָניקער, לאַנגווייליקער הויז־אַרבעט.

כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל איז פון איין זייט נויטיק איבער־צודערציען די מיידלעך־אימיגראַנטן, וועמענס פריערדיקע פאַרבערייטונגען צום פּראַקטישן לעבן, זיינען געווײנלעך באַשטאַנען, אויסער אין אַלגעמיינער ערציאונג, אין די גרונט־כללים פון דער הויז־ווירטשאַפט. אָבער דאָס איז זייער ווייניק צו זיין גענוג. כדי צו פאַרזיכערן די פולע גלייכהייט פון די פרויען אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, איז אויך גלייכצייטיק וויכטיק צו שאַפן אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס זאָלן ווי ווייט מעגלעך באַפרייען די פרוי פון דער זאָרג פון הויז־אַרבעט. די הסתדרות שאַפט דערפאַר פאַר די אַרבעטער־פרויען אויסער הכשרה־פאַרמס אין די דערפער און פאַך־קורסן אין די שטעט, אויך קינדער־גערטנער און זויג־אַנשטאַלטן פאַר קינדער איבערן גאַנצן לאַנד.

בהסכם מיט די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון דער הסתדרות, ווערט איר טעטיקייט צווישן די פרויען אָנגעפירט פון אַן אויטאָנאָמען פרויען־ראַט (מועצת הפועלות), וואָס ווערט אויסגעקליבן אויף פעריאָדישע צוזאַמענפאָרן פון די פרויען־מיטגלידער פון דער הסתדרות. אין 1941 האָט די מועצת הפועלות געציילט 52,694 מיטגלידער. כמעט אַ העלפט פון זיי זיינען געווען באַשעפטיקט ביי אויסערלעכע אַרבעטן, מחוץ פון זייער היים.

שולן, מיידל־פאַרמס

צוזאַמען מיטן לאַנדווירטשאַפטלעכן דעפּאַרטמענט פון דער הסתדרות, האַלט אויס די מועצת הפועלות 9 שול־פאַרמס פאַר מיידלעך, וואו 405 מיידלעך האָבן באַקומען זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסבילדונג ביים אויסברוך פון קריג. דער הכשרה־קורס דויערט געווײנלעך איין יאָר. די דאָזיקע פאַרמס האָבן צוגעגרייט אַ גרויסע צאָל פון דערפאַרענע פעלד־אַרבעטער פאַר די קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. אין די מיידל־פאַרמס איז ביז 1939 געוואָרן אינוועסטירט ביי 120,000 פונט. בערך אַ העלפט פון דער סומע איז געוואָרן בייגעשטייערט פון דער וויצ״א; די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע האָט געגעבן 26,200 פונט און די אידישע אַגענטור 20,869 פונט. ביי 87 פּראָצענט פון אַלע פאָנדן, וואָס זיינען אינוועסטירט געוואָרן אין די מיידל־פאַרמס, איז געוואָרן בייגעשטייערט דורך די דאָזיקע דריי אָרגאַניזאַציעס.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס זייער הויפּט־ציל איז ערציאונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטערינס, האָבן די מיינסטע לערן־ווירטשאַפטן באַוויזן צו דעקן זייערע לויפנדע הוצאות דורך די הכנסות פון זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע

פּראָדוקטן. די וויכטיקסטע הכנסה־קוואַלן פון די לאַנד־ווירטשאַפטן זיינען יונ־גע בוימלעך און בלומען, אייער און הינער, גרינס־גערטנער און מילכיקס. אַ קלענערן איינקונפט האָבן זיי פון ברויט־ווירטשאַפט, האָניק און געדונגענע אַרבעט ביי שכנותדיקע קאָלאָניסטן.

אין די שטעט און אויך אין די גרעסערע קאָלאָניעס האָט די מועצת הפּועלות אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיוון, וואָס געבן באַשעפטיקונג אַרבעטסלאָזע פרויען, געשאַפן קינדער־היימען און קינדער־גערטנער, און אוונט קורסן פאַר אַלגע־מיינער און פאַכלעכער אויסבילדונג. עס זיינען פאַראַנען אייניקע קאָאָפּעראַ־טיווע רעסטאָראַנען, וועשערייען און שניידער־וואַרשטאַטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף און אונטער דער קאָנטראָל פון דער מועצת הפּועלות. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז די קינדער־היימען דעקן 70 פּראָצענט פון זייערע הוצאות דורך שכר למוד פון די עלטערן און נאָר די איבעריקע 30 פּראָצענט דאַרף געשאַפן ווערן דורך זאַמלונגען און סובסידיעס.

די וויכטיקייט פון פרויען־קאָונסיל פון דער הסתדרות באַשטייט נישט נאָר אין איר דירעקטער אַרבעט נאָר אפשר אין אַ גרעסערער מאָס אין דער גרויסער מאָראַלישער ווירקונג, וואָס זי איבט אויס אויף די פרויען אין לאַנד, אפילו אויף אַזעלכע וואָס שטייען ווייט אויסער אירע רייען. דער דאָזיקער איינפלוס לאָזט זיך שטאַרק פילן אפילו אין די רייכע פּריוואַטע קאָלאָניעס, וואו די פרויען הויבן אָן שטאָלצירן מיט זייערע הינער־שטיגן, גרינס־גערט־נער און אַנדערע הילפס־צווייגן פון דער דאָרפישער ווירטשאַפט — אַן אַרבעט, וואָס איז פריער געווען פאַרמיאוסט ביי די דאָזיקע קאָלאָניע־פרויען, וואָס זיינען געוואוינט געווען צו אַ שטאָטישן לעבנס־שטייגער. נאַטירלעך איז נאָך פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר פאַרשידענע אויסבעסערונגען און רעפאָרמען, אָבער דער דערגרייכטער פאָרטשריט איז ווירקלעך איבער אַלע דערוואַרטונגען.

די אַרבעטער־יוגנט

אַ גרויס געוויכט לעגט די הסתדרות אויף דער אָרגאַניזירונג פון די יונגע אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט, וואַרשטאַטן און פאַבריקן מיט דעם ציל צו באַשיצן זיי פון דערדריקנדער עקספּלואַטאַציע.

ווי אין אירע אַנדערע אַקטיוויטעטן, האָט די הסתדרות ביים שאַפן דעם פאַרבאַנד פון אַרבעטער־יוגנט („הנוער העובד") געהאַט אין זינען פיל ברייטערע צילן ווי די תיכפדיקע אויפגאַבן. די אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטער־יוגנט ווערט פאַרעכנט נישט נאָר פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן חוב נאָר אויך פאַר אַ נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט.

ביז 1914, פלעגן די קינדער פון די ארץ־ישׂראלדיקע קאָלאָניסטן פאַר־לאָזן דאָס לאַנד נאָכן אויסוואַקסן, צוגעצויגן דורך די שיינבאַרע פּערספּעק־

טיוון אין אַנדערע לענדער, ווי די פּאַראייניקטע שטאַטן, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע. אַנדערע, האָבן באַקומענדיק אַ העכערע בילדונג אין אויסלאַנד, מיט דער הילף פון זייערע רייכע עלטערן, זיך איינגעאָרדענט דאָרט אַלס דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן א. אַז. וו. אַזוי אַרום האָט דער טיפּיש־אידישער דראַנג נאָך העכערער בילדונג, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר די גרעסטע קרבנות ביי אָרעמערע עלטערן, פּאַקטיש מיטגעהאָלפן אַוועקצוטרייסן דעם אינגערן דור פון די קאָלאָניעס. אַ רייזנדער וואָס האָט באַזוכט אַזאַ קאָלאָניע פאַרן קריג, פלעגט זיך אָפּט אָנשטויסן אויף אַן עלטער פּאָרפּאָלק, וואָס האָבן באַאַרבעט זייער לאַנד מיט אַראַבישע אַרבעטער און האָבן זיך דערביי אַרומגעטראָגן מיט בריוו פון זייערע קינדער אין יאָהאַניסבורג אָדער מעלבורן. נאָך זייער טויט פלעגן די קינדער פון עבר־לים קומען צו באַזוכן דעם קבר פון די עלטערן, פאַרקויפן דערביי זייער אייגנטום און זיך טיילן מיט דער ירושה. אין אַנדערע פאַלן פלעגן די קינדער פון אַזעלכע קאָלאָניסטן אַוועקגיין אין די שטעט אין ארץ־ישראל גופא און זוכן פּראָפעסיעס, וואָס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט לייכטער און מער צוציענד ווי דאָס טרוקענע לעבן אין דער קאָלאָניע.

די דאָזיקע טענדענץ פון אינגן דור איז געוואָרן אָפּט שאַרף געטאַדלט מצד ציוניסטישע שרייבער און פּירער. דער ציוניזם, האָבן זיי געזאָגט, האָט נישט קיין צוקונפט אויב די קינדער וועלן זיך נישט קלאַמערן אין באָדן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פרוכטבאַר דורך דער שווערער פּראַצע פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבן אין די מיינסטע פאַלן מקריב געווען מיט זייער אוניווערזיטעט־קאַריערע פאַר דער אויפגאַבע פון העלפן אויפבויען ארץ־ישראל.

די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטער־יוגנט אונטער דער פירונג פון דער הסתדרות ווערט באַטראַכט פאַר אַ קרעפטיק געווער אין קאַמף קעגן די דאָזיקע שעדלעכע טענדענצן; זי דרינגט דורך דעם אונטערוואַקסנדן דור מיט אַ פלאַמענדער ליבע צום לאַנד און מיט כמעט אַ רעליגיעזן רעספּעקט פאַר פיזישער אַרבעט. דער איינפלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון „הנוער העובד", וואָס האָט געציילט 7,991 מיטגלידער אין סוף 1941, איז שטאַרק אפילו אויסער אירע אייגענע רייען. די שול־קינדער אין ארץ־ישראל חלומען נישט מער וועגן פּראָפעסיאָנעלע קאַריערעס אין אויסלאַנד. אפילו ווען זיי ווערן געשיקט קיין אויסלאַנד צו פאַרפולקאָמען זייער דערציאונג, דערוואַרטן זיי צוריקצוקומען אַהיים נאָכן פאַרענדיקן זייער שטודיום און אויסנוצן זייער דערוואָרבן וויסן פאַרן וואוילשטאַנד און אַנטוויקלונג פון זייער אייגן לאַנד.

דער ביישפּיל פון „הנוער העובד" האָט אויך אַ ברכה־ברענגנדן איינפלוס אויף די זין פון די קאָלאָניסטן, וואָס שטייען מחוץ דעם טעטיקייטס־קרייז פון דער אָרגאַניזאַציע. אַנשטאָט צו עמיגרירן קיין אויסלאַנד, האָבן איצט די זין פון די פּריוואַטע קאָלאָניסטן געגרינדעט אַן אייגענע קאָלאָניזאַציע־קערפּערשאַפט „בני בנימין". ווען די גיטער פון קאָלאָניסטן זיינען

נישט געגוג גרויס, כדי צו באַזאָרגן מיט חיונה מער ווי איינעם פון זיינע זין אָדער איידעמס, שטרעבט די „בני בנימין" צו באַזעצן זיינע איבעריקע קינדער אין אַנדערע קאָלאָניעס. מיט אַלע זייערע אונטערשידן פון דער הסתדרות, באַזונדערס אין פראַגן פון פּריוואַט־אייגנטום און אַראַבישע אַרבעט, מאַכן נאָך די איינגע קאָלאָניסטן־זין אומבאַוואוסטזיניק געוויסע מעטאָדן פון דער הסתדרות און זיי ווערן אין אַ געוויסער מאָס באַאיינפלוסט דורך איר אומדערמידלעכער פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער קדושה פון אַרבעט.

אפילו די עקסטרעם־רעליגיעזע טיילן פון ארץ־ישראלדיקן אידנטום האָבן נישט געקענט אויסמידן דעם איינפלוס פון דער הסתדרות. זייערע קינדער שליסן זיך אָן אין „הנוער העובד" אין אַלץ־גרעסערע צאָלן. אין אַנדערע פאַלן נעמען די רעליגיעזע פירער איבער די מעטאָדן פון די אפּיקורסים און זיי הויבן אָן אַליין אָרגאַניזירן אייגענע קאָלאָניזאַציע־גרופּן און פאַך־שולן.

דאָך וואָלט געווען נאַאיוו צו מיינען, אַז די דאָזיקע דערפרייענדע איבערקערעניש איז דערגרייכט געוואָרן בלויז דורך דער ציוניסטישער און אַרבעטער־פּראָפּאַגאַנדע. מיטן פולן אמת מוז מען אָנערקענען, אַז דער נייער גייסט צווישן דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט איז היפּשזעכלעך אַ רעזולטאַט פון די געענדערטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין חוץ לארץ. אַנדערע לענדער זיינען נישט מער אַזוי ברייט אָפן פאַר פרישער אימיגראַציע. די אוניווערזיטעטן אין איירופּע און אַמעריקע נעמען מער נישט אויף אויסלענדישע סטודענטן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און ס'איז נישטאָ מער קיין מעגלעכקייט פאַר אויסלענדער צו קריגן סקאָלערשיפּס אָדער לכל־הפּחות צו ווערן באַפרייט פון הויכן שכר למוד מיטן מאָטיוו אַז מען איז נישט פאַרמעגלעך. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך די באַדינגונגען אין ארץ־ישראל אָן שום ספק פאַרבעסערט; דער קולטורעלער ניוואָ פון לאַנד איז באַדייטענד העכער. די קאָמוניקאַציע איז פיל לייכטער און דאָס לעבן פון אַ קאָלאָניסט זעט שוין נישט אויס אַזוי טרוקן און מאָנאָטאָן ווי ס'האָט אויסגעזען מיט איינעם אָדער צוויי דורות פריער. ביידע, סיי די קינדער און סיי די עלטערן, זיינען יעצט אויפריכטיק איבערצייגט אין דער צוקונפט פון ארץ־ישראל און אויף יעדן פאַל זעען זיי נישט קיין בעסערע פּערספּעקטיוון ערגעץ אַנדערש.

די פאַך־ערציאונג פון אונטערוואַקסנדן דור

איינע פון די באַלדיקע אויפגאַבן פון „הנוער העובד" איז דאָס צופּאַסן די דערוואַקסענע יוגנט צו פאַכן און צו לאַנדווירטשאַפט און צו באַשיצן די אַרבעטער־יוגנט קעגן אומגערעכטער עקספּלואַטאַציע. צו דעם צוועק האַלט די הסתדרות אויס אַוונט שולן פאַר פאַכלעכער אויסבילדונג אין תל־אביב,

חיפה און ירושלים. די גרעסטע פאַך־שול עקזיסטירט אין תל־אביב, געשאַפן מיט די געלטער פון גענוערקשאַפטן קאַמפּיין אין אַמעריקע. די שול טראָגט דעם נאָמען פון מאַקס פּיין, דער פאַרשטאַרבענער אָרגאַניזאַטאָר פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט א סך געהאָלפן צו אָרגאַניזירן אין אַמעריקע דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל. צוליב דעם אויסערגעוויינלעכן נוצן פון דער שול, איז זי לעצטנס געוואָרן איינגעשלאָסן צווישן די געציילטע אידישע שולן, וואָס ווערן דירעקט סובסידירט דורך דער א״י רעגירונג.

די פאַך־שולן פון דער הסתדרות ווערן א סך געשטערט אין זייער אַרבעט צוליב די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען פון די לערן־אינגלעך אין לאַנד, וואָס בילדן די גרעסטע מערהייט פון זייערע שילער. דאָס געזעץ באַגרענעצט טאַקע די אַרבעטס־שעהן פון לערן־אינגלעך אין עלטער פון 13 ביז 16 צו 7 שעה א טאָג און פאַרביט צו אַרבעטן אין די אָוונט־שעהן, אָבער דאָס געזעץ ווערט אין די מערסטע פאַלן נישט אָפּגעהיט און די רעגירונגס־באַאַמטע ווייזן, זאָגט מען, נישט אַרויס גענוג אינטערעס, אַז דאָס געזעץ וועגן יוגנט־שוץ זאָל ווערן דורכגעפירט אין לעבן.

די קאָנטראָל איבער דער אַרבעטס־צייט און איבער די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די יוגנטלעכע, ווערט אין אַ גרויסער מאָס אויך געשטערט דערפאַר, וואָס אַ גרויסער פּראָצענט פון די אַרבעטנדע קינדער פון די מזרח־עדות, האָט גאַנץ נידעריקע באַגריפן פון לעבן און קולטור. דער איבערגעוויכט פון די מזרח־עדות צווישן די אַרבעטער־קינדער ווערט אויך אילוסטרירט דורכן פאַקט, אַז זיי בילדן די מערהייט צווישן די שילער אין די אָוונט פאַך־שולן פאַר אַרבעטער־קינדער אין חיפה און ירושלים, הגם די אייראָפּעאישע אידן (אשכנזים) בילדן די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דיביידע שטעט.

די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער הסתדרות

אַריינגעמענדיק אין זיך די גרעסטע מערהייט פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און האָבנדיק אַ גרויסע ווירקונג אויף די אַרבעטער־אימיגראַנטן, איז די הסתדרות גלייך נאָך איר גרינדונג געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער קאָלאָניזאַציע פון לאַנד. פאַקטיש איז די גאַנצע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר געפירט געוואָרן אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיטן קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטמענט פון דער הסתדרות (מרכז חקלאי). נישט נאָר האָט די הסתדרות אויסגעקליבן דעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר די נייע קבוצות און מושבי עובדים,

נאָר זי האָט אויך געהאַט אַן אַנטשידענע דעה אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע בכלל.

די ערשטע אַרבעטער־דערפער — די קבוצות ווי די מושבי עובדים — זיינען געשאַפן געוואָרן אויסשליסלעך מיט עפנטלעכע מיטלען, אָן דער געלט־באַטייליקונג פון די קאָלאָניסטן. די סיבה איז געווען נישט נאָר די גרויסע אָרימקייט פון די ערשטע חלוצים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו מאַכן געלט אַרבעטנדיק ביי לוין־אַרבעט איידער זיי זיינען געוואָרן קאָלאָזירט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די הסתדרות האָט געהאַלטן, אַז ווען אַ קאָלאָניסט אינוועסטירט זיין אייגן געלט אין דער פאַרם, מוז עס אומפאַרמיידלעך פירן דערצו, אַז ער זאָל ווערן אַ קליין־בירגער וואָס שטעלט זיין פּערזענלעכן אינטערעס איבער אַלץ.

דאָך האָט אָבער שפּעטער די הסתדרות, צוליב דעם מאַנגעל פון עפנטלעכע פאָנדן, זיך געזען געצוואונגען צו דערמוטיקן אַ טייל־אינוועסטמענט פון די קאָלאָניסטן ביים גרינדן נייע קאָלאָניעס. אַזוי, למשל, האָט ביי דער התישבות האלף, די קאָלאָניזירונג פון טויזנט אַרבעטער־פאַמיליעס, יעדער קאָלאָניסט געמוזט אַריינברענגען אַ מינימאַלע סומע פון זיין אייגן געלט. דאָס דאָזיקע געלט האָבן די אַרבעטער געבראַכט פון זייערע קליינע אָפּשפּאָרונגען אָדער אין געוויסע פאַלן זיינען די אָפּשפּאָרונגען געבראַכט געוואָרן פון אויסלאַנד. נאַטירלעך, דערמעגלעכט נישט דער אַנגענומענער לוין־ניוואָ אין ארץ־ישראל, הגם ער איז פיל העכער ווי אין שכנותדיקע לענדער, צו מאַכן גרויסע אָפּשפּאָרונגען, אָבער ווי באַשיידן די ביישטייערונגען פאַר זייער קאָלאָניזאַציע זאָלן נישט זיין אין יעדן באַזונדערן פאַל, אָבער צוזאַמען שטעלן זיי פאָר באַדייטנדע סומען. אויסערדעם פאַרגרעסערן זיי די מעגלעכקייט פון באַקומען דרויסנדיקע קאַפּיטאַלן, וואָס ווערן אינוועסטירט אין דער קאָלאָניזאַציע.

„ניר"

דער זעלבער צענטראַלער ציל ווערט אויך פאַרפאָלגט פון „ניר", די אַרבעטער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, געגרינדעט דורך דער הסתדרות אין 1925. „ניר" באַמיט זיך צו שאַפן אַן עפנטלעכן פאָנד, וואָס זאָל, זייענדיק אונטער דער אויסשליסלעכער קאָנטראָל פון דער הסתדרות, קענען באַנוצט ווערן אַלס אַ דערגענצונג צום בייטראָג פון די אַרבעטער פאַר זייער אייגענער קאָלאָניזאַציע. די גרונט־אידעע פון „ניר" איז, אַז די גרייטקייט צו אינוועסטירן אַ טייל פון איר אייגן געלט אין אַ געוואונטשענעם קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט, קאָן ווערן אין די הענט פון דער הסתדרות אַ מעכטיקער וואָפן צו פאַראינטערעסירן מיטן פּראָיעקט רייכע דרויסנדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן אינוועסטירן אין אים גרעסערע סומען.

אין לויף פון זיין ערשטן עקזיסטענץ־פעריאָד, האָט „ניר" אויסגע־קוקט צו זיין מער אַ אידעאַל ווי אַ פּראַקטישע אינסטיטוציע. אין אָנהויב פון 1933 האָבן אָבער די פירער פון „ניר" באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַר־וואַנדלען זייערע אַבסטראַקטע אידעען אין ממשותדיקע דערגרייכונגען. 15,000 אַקציעס זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין דעם יאָר, ס'רוב אויף אויסצאָלונגען, בעת אַ קורצן קאַמפּיין, דורכגעפירט נאָר אין לאַנד. דער פאַקט, אַז ס'רוב אַקציעס זיינען פאַרקויפט געוואָרן צו אַרבעטער איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך זיינע פירער אַלס אַ גענוגנדע סיבה פון צופרידנקייט מיט די רעזולטאַטן פון ערשטן אַפּעל.

בערך אין דער זעלבער צייט האָט „ניר" באַוויזן צו געבן די ערשטע גרעסערע הלוואות לאַנדווירטשאַפטלעכע גרופּן, באַזונדערס אין דער געגנט פון עמק חפר (וואדי כאַווארעט), איינע פון די נייעסטע און רייך־צוזאָגנדסטע קאָלאָניזאַציע־געגנטן אין לאַנד.

דער מחבר פון די שורות האָט געהאַט עטלעכע מאָל די געלעגנהייט צו דיסקוטירן איבער די אויסזיכטן פון „ניר" מיט זיין גייסטיקן לייטער, דעם פאַרשטאָרבענעם בערל קאַצענעלסאָן, איינער פון די איינפלוסרייכסטע פי־רער פון דער הסתדרות. איך בין געוואָרן שטאַרק באַאיינדרוקט פון זיין גלויבן אין דער צוקונפט פון „ניר" אַלס אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר זייער וויכ־טיקע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן. קאַצענעלסאָן איז גלייכצייטיק געווען איבער־צייגט, אַז נאָך דעם ווי „ניר" האָט באַוויזן גינסטיקע רעזולטאַטן אין זיינע ערשטע אונטערנעמונגען, וועט ער באַוויזן צו באַקומען באַדייטנדע פינאַנ־סיעלע אונטערשטיצונג פון די אידן אין די גלות־לענדער, וועלכע וועלן זי־כער זיך אָפּרופן מיט ענטוזיאַסטישער אונטערשטיצונג אויף יעדן באמת קאָנ־סטרוקטיוון שריט אין ארץ־ישראל.

אין 1941, איז דער קאַפּיטאַל פון „ניר" באַשטאַנען פון 99,749 געוויינ־לעכע אַקציעס און 144,172 באַפאָרצוגטע אַקציעס. אויסער זיין רעזערוו פון 105,062 פונט, האָט זיין אייגענער קאַפּיטאַל באַטראָפן 348,983 פונט. זיינע מיטלען זיינען געוואָרן ווייטער פאַרגרעסערט דורך הלוואות און אָבליגאַציעס אין דער הויך פון 176,247 פונט. ס'רוב פון די אָבליגאַציעס און אַ גרויסע טייל פון די אַקציעס זיינען געקויפט געוואָרן דורך אידישע פליטים פון דייטש־לאַנד, אַלס אַ טייל פון טראַנספער־אָפּמאַך, געשלאָסן מיט דייטשלאַנד כדי צו קענען גובר זיין די שטרענגע דייטשע באַגרענעצונגען ביים אַרויספירן קאַ־פּיטאַל. שפּעטער האָט די לייטונג פון „ניר" אויסגענוצט אַ טייל פון לויפנדן פּראָפיט אויסצולייזן אַ טייל פון די נישט־באַצאָלטע אָבליגאַציעס.

אין משך פון יאָר 1941, זיינען די הלוואות גאַראַנטירט דורך „ניר" אויסגעוואַקסן צום סכום פון 163,708 פונט. די מייסטע הלוואות זיינען געגעבן געוואָרן צו לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים פאַרן איינקויף פון מאַשינען, הייזער־

בוי און אַרבעטס־קאַפּיטאַל, ווי אויך פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון די לויפנדע חובות. „ניר״ האָט אויך אינוועסטירט באַדייטנדע סומען אין וואסער־געזעל־שאַפטן. טראָץ די שוועריקייטן מיט וועלכע פיל אַרבעטער־ישובים האָבן גע־האַט צו קעמפן אין די יאָרן 1936־1938, זיינען די צאָלונגען צו „ניר״ פאַר־געזעצט געוואָרן אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן. צום ערשטן יולי 1942 איז פון 158,439 פונט חובות פאַרן יאָר, געבליבן הינטערשטעליק נאָר אַ סכום פון 28,642 פונט, און די דערפאַרונג ווייזט, אַז ס׳רוב פון אַזעלכע חובות ווערן געוויינלעך אָפּגעצאָלט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע חדשים.

אויסער דעם, וואָס „ניר״ האָט באַוויזן צו שאַפן אַ גרויסן אַרבעטס־פאָנד פאַר קאָלאָניזאַציע, האָט אויך „ניר״ דערמוטיקט דירעקטע אינוועסטי־ציעס פון הסתדרות־מיטגלידער דורך זיין ספּעציעלער אָפּטיילונג, וואָס הייסט „שפּאָרונג דורך לאַנד״. דאָס געלט, וואָס ווערט איבערגעגעבן דער אָפּטיילונג דורך גרופּן פון „לאַנד־שפּאָרער״, ווערט איבערגעגעבן דעם אידישן נאַציאָנאַל פאָנד אויף צו קויפן פאַר זיי לאַנד. אין אַנדערע ווערטער, די לאַנד־שפּאָרער באַרגען פאַקטיש געלט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אויף צו קויפן פאַר זיי לאַנד, וואָס בלייבט דאָס אייגנטום פון נאַציאָנאַל־פאָנד; די שפּאָרער קריגן זייער געלט צוריק אין ראַטעס.

מיט דער אַנטוויקלונג פון „ניר״ איז די הסתדרות אַריין אין פעלד פון קאָלאָניזאַציע אין אַ גרעסערן פאַרנעם ווי פריער און זי איז דערמיט געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער פאַקטאָר אין אויפבוי פון אידישן היימלאַנד. ס׳איז דאָ אַ גרונט צו דערוואַרטן אַ ווייטערדיקן וואוקס פון דער „ניר״ קאָלאָניזאַציע גלייך נאָכן קריג.

קאַפּיטל זעכצן

אידן און ענגלאַנד

נאָך פיל יאָרן פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג און דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, איז די באַציאונג צו ענגלאַנד, דאָס וויגעלע פון פּאַרלאַמענטאַרישע רעכט און פערזענלעכע פרייהייט, מצד די אונטערדריקטע אידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, געווען פול מיט פאַרערונג און באַוואונדערונג. ס'איז דערפאַר נישט קיין וואונדער, וואָס שוין אין אָנהייב פון זייער באַוועגונג האָבן ציוניסטן געקוקט אויף ענגלאַנד, ווי אויף דעם נעסטן פריינט פון זייערע אידעאַלן.

דער דאָזיקער גלויבן איז דערמוטיקט געוואָרן דורך צאָלרייכע סימ־פּאַטיע־אויסדרוקן פון ענגלישע שריפטשטעלער און פּאָליטיקער, וואָס האָבן געפּרעדיקט ציוניזם נאָך מיט פיל יאָרן צוריק. אַ פּאָר ביישפּילן פון דער דאָ־זיקער פריער ענגלישער סימפּאַטיע פאַר דער גרינדונג פון אַ אידישער נאַ־ציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, זיינען אומבאַדינגט פון אַלגעמיינעם אינטע־רעס.

אין 1839, 42 יאָר פאַרן אָנהויב פון דער ביל״ו־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָט אַן אַנאָנימע גרופּע פון קריסטן, וואָס האָט זעט אויס, איינגע־שלאָסן עטלעכע פון די סאַמע פּראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן אין ענגלאַנד, זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו אַלע פּראָטעסטאַנטישע קעניגן, זיי בעטענדיק מיטצוהעלפן די ווידער־אויפריכטונג פון ארץ־ישראל אויפן לאַנד פון זיין היס־טאָרישער היים. דער בריוו, פול מיט ציטאַטן פון אַלטן און נייעם טעסטאַ־מענט, איבערפולט מיט אַרגומענטן וואָס צילן צו באַווייזן, אַז ס'איז געקומען די צייט מקיים צו זיין די נבואות פון תנ״ך וועגן שיבת ציון, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו לאָרד פּאַלמערסטאָן, דער זאַמאָלסדיקער אויסערן־מיניסטער פון דער קעניגין וויקטאָריאַ.

אַ יאָר שפּעטער, האָט לאָרד שעפטעסבורי, זיך געווענדעט מיט אַ מער אויספירלעכן בריוו צום זעלבן לאָרד פּאַלמערסטאָן, אין וועלכן ער האָט שטאַרק פאַרלאַנגט אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן צוריק באַזעצט דורכן אידישן פאָלק. ער האָט רעקאָמענדירט זיין פאַרשלאָג אַלס דאָס בעסטע מיטל צו פאַר־שטאַרקן דאָס געפיל פון זיכערקייט און שלום אין נאָענטן מזרח.

עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט דער רעווערענד א. ה. האַלינגוואָרט, אַפּעלירט צו דער ענגלישער רעגירונג וועגן זעלבן ענין. זיין בריוו איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער דאַמאָלסדיקער לאָנדאָנער פּרעסע און געהאַט אַ גוטן אָפּרוף.

משה מאָנטעפיאָרי, דער באַרימטער ענגליש־אידישער פילאַנטראָפּ, וועלכער האָט בערך אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט פאַרן עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג פון די אָפּגעשטאַנענע אידישע מאַסן אין נאָענטן מזרח, און באַזונדערס אין ארץ־ישראל, האָט באַקומען פיל אונטער־שטיצונג און דערמוטיקונג פון זיינע ענגלישע פריינט, וועלכע זיינען אין זייערע וויזיטס געגאַנגען פיל ווייטער פון מאָנטעפיאָרים פאַרזיכטיקן פלאַן פאַר באַלדיקער הילף.

אין יאַנואַר 1883, האָט קאָלאָנעל גאָלער, אַ פּראָמינענטער קאָלאָניאַל־אַדמיניסטראַטאָר, צו יענער צייט דער גובערנאַטאָר פון אויסטראַליע, דער־קלערט אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג:

„די געטלעכע השגחה האָט אַוועקגעשטעלט סיריע און עגיפּטן אין סאַמע דורכגאַנג צווישן ענגלאַנד און די וויכטיקסטע געגנטן פון איר קאָלאָניאַלן און אויסלענדישן האַנדל — אינדיע, כינע און אויסטראַליע... דערפאַר קומט דער רוף צו איר זיך אַרויסזאָגן קאַטעגאָריש פאַר אויסבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען אין די דאָזיקע ביידע לענדער... ענגלאַנד דאַרף זיך איצט נע־מען צו דער באַזעצונג פון סיריע מיט דער הילף פון איינציקן פאָלק, וועמענס ענערגיעס וועלן עקסטענסיוו און פּערמאַנענט זיין אויף דער וואַך — די אמתע קינדער פון באָדן, די זין פון ישראל" . . . *).

דאָ זעען מיר אַ טיפּישן ענגלישן אויסבליק — אידעאַליזם, קאָמבינירט מיט אַ קלוג־פּראַקטישן חוש און אייפּריקע אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס.

ס'זענען געווען נאָך ענלעכע אויסדרוקן אין דער ענגלישער פּרעסע און ליטעראַטור פון דעם פּעריאָד. איינע פון די בעסט־באַקאַנטע איז „דניאל דעראָנדאַ", אַ נאָוועלע פון דזשאָרדזש עליאָט, דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנט־לעכט אין 1876. יד פירנדע אידעע פונם בוך איז ד'ער ווילן צוריקאויפצושטעלן אידן אַלס אַ פאָלק אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער געדאַנק איז כסדר געוואָרן אויסגעדריקט דורך ד'איזראַעלי (לאָרד ביקענספילד), באַזונדערס אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, איז לאָרענס אָליפאַנט, אַ באַרימטער ענגלישער שרייבער און רעדנער, געווען זייער אַקטיוו ביים דערמוטיקן די גרינדונג פון די ערשטע אידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. ער איז אין זיינע באַמיאונגען געווען באַאיינפלוסט נישט נאָר פון זיין שטאַרקער סימפּאַטיע מיט די אונטער־דריקטע אידישע מאַסן, נאָר אויך פונם ווילן צו פאַרמיידן דעם פּאַנאַנדערפאַל

*) פּ. ענדרוס, האָלי לענד אנדער דהע מאַנדעיט, באַנד 1, ז. 293.

פון דער טערקישער אימפעריע. אָליפאַנט איז געווען שטאַרק פּראָ־טערקיש, און ער האָט געטענהט, אַז אַ אינטענסיווע אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל וועט פאַרפעסטיקן די יסודות פון דער אונטערגייענדער מלוכה. ער האָט אויסגעקליבן אַלס דעם בעסטן פּלאַץ פאַר אַ קאָלאָניזאַציע פון אידן, די געגנט פון גלעד, אין צפון־טייל פון איצטיקן עבר־הירדן, אַ קנאַפּ־באַפעל־קערטע געגנט מיט אַ פּרוכטבאַרן באָדן און אַ געזונטן קלימאַט. ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט די אָרגאַניזירונג פון אַ טשאַרטער־געזעלשאַפט, ענלעך צו דער איסט־אינדיע קאָמפּאַני, וואָס זאָל אָפּקויפן פון סולטאַן זיינע גרויסע פּערזענלעכע גיטער אין יענעם ראַיאָן און באַזעצן דאָרט אידישע קאָלאָניסטן פון אַנדערע פּראָווינצן פון טערקיי, ווי אויך פון רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע און אַנדערע לענדער. די קאָלאָניסטן וואָלטן געדאַרפט באַקומען טערקישע ביר־גערשאַפט אָבער וואָלטן געדאַרפט געניסן אַ באַדייטנדע מאָס פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

אָליפאַנטס פּראָיעקט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן קורץ נאָך די רו־סישע פּאָגראָמען אין 1881 *) האָט געפונען אַ גינסטיקן אָפּקלאַנג אין דער העברעאישער פּרעסע פון יענער צייט און האָט, ווייזט אויס, געגעבן אַ שטויס צו די ערשטע אידישע אָנשטרענגונגען פאַר פּראַקטישן ווידעראויפבוי פון אַ אידיש ארץ־ישראל. נאָך די פּאָגראָמען, איז אָליפאַנט אַוועק קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל דאָרט איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן, וועלכע פלעגן דאַן דורכפאָרן די טערקישע הויפּט־שטאָט אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל און ער האָט זיי געגעבן די וואַרעמסטע דערמוטיקונג און אונ־טערשטיצונג.

וואַד על אריש און אוגאַנדאַ

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער אידישער דראַנג נאָך אַן אייגענער היים האָט אָנגענומען די פאָרם פון „פּאָליטישן ציוניזם", האָט די ענגלישע עפנט־לעכע מיינונג זיך באַצויגן צו דער אידישער באַוועגונג מיט אַ באַדייטנדער סימפּאַטיע. די באַמיאונגען פון ד"ר הערצל, דעם גרינדער און פירער פון פּאָ־ליטישן ציוניזם, צו קריגן פון סולטאַן אַבדול האַמיד זיין הסכמה אויף אידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, זיינען געשטיצט געוואָרן פון איינפלוס־רייכע ענגלישע פירער. ווען זיינע באַמיאונגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, האָבן אייניקע ענגלישע פּאָ־ליטיקער פאָרגעלייגט אַ אידישע קאָלאָניזאַציע אין וואַד על אריש, אַ טייל פונם האַלב־אינזל פון סני, וואָס גרענעצט זיך מיט ארץ־ישראל, אָבער איז

*) ל. אָליפאַנט, גלעד, לאָנדאָן, 1879.

אונטער עגיפּטישער סואווערעניטעט. דער פּלאַן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַלס אומפּראַקטיש; וואָד על אריש — איז מערסטנס אַ מדבר, וואָס טויג נישט פאַר לאַנדווירטשאַפט. פונדעסטוועגן איז דער דאָזיקער פּלאַן געווען אין די אידישע אויגן אַ נייער באַווייז פון די ענגלישע סימפּאַטיעס פאַר ציוניזם און פאַר די אידן.

אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן האָט זיך דער דאָזיקער אידישער גלויבן אין ענגלאַנד אויסגעדריקט אין אַ בריוו פון ד״ר הערצל צו לאָרד מילנער, דער דאַמאָלסדיקער ענגלישער קאָלאָניאַל־מיניסטער. לאָרד מילנער איז געווען איינער פון די בריטישע מלוכה־מענער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר די ציוניסטישע צילן און זיינען געווען גרייט אים צו העלפן אין זיינע דיפּלאָמאַטישע באַמיאונגען. דער בריוו, דאַטירט דעם 3־טן יאַנואַר 1903, דריקט אויס הערצלס אויפריכטיקע באַוואונדערונג פאַר ענגלאַנד, דער פעסטונג פון ליבעראַליזם אין דער פאַר־מלחמהדיקער אייראָפּע און זיין אינערלעכע איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע ליבעראַלע מאַכט וועט אַמאָל שפּילן אַן ענטשיידענע ראָל אין דער אידישער געשיכטע.

„די פרייהייט און גלייכהייט פון די ענגלישע אידן, די גליקלעכע לאַגע אויך פון אויסלענדישע אידן אין די בריטישע קאָלאָניעס, און דער מענטשלעכער שוץ, וואָס די ענגלישע רעגירונג גיט אונז דורך אירע פּראָטעסטן קעגן די פאַרפאָלגונגען פון אונזערע ברידער, — דאָס אַלץ איז אַ גייסטיקער באַנד, וואָס פאַראייניקט אונז מיט אייער רומפול פאָלק. ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן אימשטאַנד זיין צו ווייזן אונזער דאַנקבאַרקייט צו דער גרויסער און גרעסערער ענגלאַנד״.

קורץ נאָך דעם ווי דער וואָד על אריש־פּלאַן איז דורכגעפאַלן, האָט ענגלאַנד געמאַכט אַ נייעם אָנבאָט פון אַ אידישער טעריטאָריע — פון אוגאַנדאַ, אַ ריזיקע און רייכע געגנט אין צענטראַל־אַפריקע. כאָטש דער אָנבאָט איז סוף־כל־סוף אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון די מערסטע ציוניסטן, טיילווייז צוליב סענטימענטאַלע און טיילווייז צוליב פּראַקטישע טעמים, איז דער פּראָיעקט דאָך געוואָרן הויך אָפּגעשאַצט פון די אידן אין דער וועלט אַלס אַ נייער באַווייז פון די ענגלישע סימפּאַטיעס מיט די ציוניסטישע צילן. דער טיפּישער קליינשטעטלדיקער איד אין מזרח־אייראָפּע האָט געקריגן אַ כמעט מיסטישן גלויבן, אַז אינם מאָמענט, ווען טערקיי וועט צעטיילט ווערן צווישן די גרויס־מאַכטן, און ענגלאַנד וועט איבערנעמען די הערשאַפט איבער ארץ־ישראל, וועט צוריק אויפגעריכט ווערן די אַלטע גלאָריע פון פאָלק ישראל אין זיין היסטאָרישער היימאַט.

ביי אַזאַ היסטאָרישן הינטערגרונט איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע, אַרויסגעגעבן פון ענגלאַנד אין סאַמע־קריטישן מאָמענט פון וועלט־קריג, איז באַטראַכט געוואָרן פונם דורכשניטלעכן איד

נישט אַלס אַ פּוסטער צוזאָג, וואָס האָט דעם צוועק צו דערגרייכן אַ צייטווייליקן מיליטעריש־פּאָליטישן פאָרצוג, נאָר אַלס אַ לאָגישער המשך פון פריערדיקע פאַרבינדונגען און סימפּאַטיעס.

פון דער אַנדערער זייט איז קיין שום גרויסע נאָציע נישט געווען אַזוי פּסיכאָלאָגיש רייף צו פאַרשטיין די שײַכקייט און גערעכטיקייט פון דער אידעע פון דער אידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, ווי די ענגלענדער. אין ער־געץ איז דער תנ״ך נישט אַזוי פיל געלייענט און באַליבט ווי ביי די פּראָטעס־טאַנטן פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און אין קיין לאַנד איז דער אַנטיסע־מיטיזם נישט אַזוי שוואַך איינגעוואָרצלט ווי צווישן די דאָזיקע אויפגעקלער־טסטע פעלקער פון דער וועלט.

ערשטער וועלט־קריג און ציוניזם

ס׳איז נישט שווער געווען צו איבערצייגן די ענגלישע שטאַטסמענער אַרויסצוגעבן אין דער צייט פון קריג עפּעס אַ דאָקומענט, וואָס זאָל צוזאָגן בריטישע הילף פאַר דער אויפשטעלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. אגב, איז דאָס געווען אַ צייט פון גרויסע, ברייט־האַרציקע האָפענונגען און צוזאָגן, ווען פעלקער אונטערדריקט דורכן שונא האָט מען נישט געזשאַלעוועט קיין הבטחות וועגן זייער פולשטענדיקער באַפרייאונג. די מלחמה איז דאַן געווען אין איר קריטישן פּעריאָד, און יעדעס ביסל הילף און סימפּאַטיע, האָט געהאַט אַ ווערט. איגנאָרירן, אונטער אַזעלכע באַדינ־גונגען אַ פאָלק פון 15 מיליאָן, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין צושפּרייטונג איבער דער וועלט, — און אפשר גראַד צוליב דעם, — האָט געהאַט אַ גאַנץ־באַשטימטן ווערט פאַרביידע קעמפנדע צדדים, וואָלט נישט געווען בהסכם מיט דער ליבעראַלער פּאָליטיק פון זעלבסטבאַשטימונג, וואָס איז בדרך כלל, אָנגענומען געוואָרן אין דער קריגס־צייט.

אויסער דעם האָבן די אַליאירטע געפילט די נויטיקייט צו געבן די אידן עפּעס אַ הבטחה גובר צו זיין די נאַטירלעכע אַנטיפּאַטיע פון די אידן פאַר דער קאָאַליציע, צו וועלכער ס׳האָט אויך געהערט דאָס צאַרישע רוסלאַנד. קיינער לייקנט ניט, אַז אין דעם ערשטן קריגס־פּעריאָד, האָבן די אידישע מאַסן אין די נייטראַלע לענדער, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן מורא געהאַט, אַז אַ זיג פון די עלייס וועט שטאַרקן און פאַרלייביקן דעם רעאַקציאָ־נערן, אידן־פאַרפאָלגערישן צאַרישן רעזשים. דער אומשטורץ פון צאַריזם אין צווייטן יאָר פון קריג האָט באַזייטיקט דעם דאָזיקן פּחד און געגעבן די פרייער פון די עלייס די מעגלעכקייט צו פאַרזיכערן די אויפריכטיקע און ענטוזיאַס־טישע אונטערשטיצונג פון אידן דורך עפּעס אַ פרייַנטלעכער דעקלאַראַציע.

אגב, האָבן זיך דאַן געטראָגן קלאַנגען אין די רייען פון די אַליאירטע,

אַז דייטשלאַנד וויל זיי פאַרלויפן דעם וועג דורך באַקומען די הסכמה פון טערקיי צו אַן אייגענער פּראָ־ציוניסטישער דעקלאַראַציע. די דאָזיקע קלאַנגען זיינען געווען באַזירט אויף פאַרהאַנדלונגען, וואָס דייטשע און עסטרייכישע ציוניסטן האָבן דאָן באמת געפירט מיט געוויסע דייטשע דיפּלאָמאַטן. די בריטישע מלוכה־מענער האָבן דערפאַר שטאַרק פאַרלאַנגט צו אַנערקענען די אידישע רעכט אויף ארץ־ישראל, נאָך איידער דייטשלאַנד קען צוריק אויפלעבן די אידישע סימפּאַטיען פאַר די צענטראַל־מלוכות דורך אַרויסגעבן איר אייגענע פּראָ־ציוניסטישע דעקלאַראַציע. אין דער זעלבער צייט האָט פּרעזידענט ווילסאָן געלאָזט וויסן אין לאָנדאָן, אַז וואַשינגטאָן וואָלט צופרידן געווען פון אַ בריטישער דעקלאַראַציע לטובת דעם ציוניזם, ווייל אַזאַ סאָרט דעקלאַראַציע וואָלט געשאַפן אַ גרויסע מלחמה־באַגייסטערונג צווישן די דריי מיליאָן אידן אין אַמעריקע.

כדי נאָך בעסער צו פאַרשטיין די לאַגע, מוז מען געדענקען, אַז פּאָליטישע הבטחות ווערן לייכטער געגעבן, אויב דער וואָס גיט זיי איז נישט אינגאַנצן זיכער אין זיין פעאיקייט צו האַלטן וואָרט. אין הערבסט פון 1917 זיינען די עלייס באמת געווען אין אַזאַ לאַגע. אַ שטודיום פון שפּעטער אַרויסגעגעבענע קריגס־טאָג־ביכער און דאָקומענטן באַווייזט, אַז אין פּעריאָד פאַר דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז די לאַגע פון די עלייס געווען גאָרנישט פוילגלדיק. די גרויסע רוסישע אַרמיי, וועלכע האָט אין אנהויב פון יאָר פאַרהאַלטן אויפן מזרח־פראָנט הונדערט דייטש־עסטרייכישע דיוויזיעס, האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצופאַלן, אין דער צייט ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט ערשט דורכגעמאַכט אירע מיליטערישע איבונגען אין דער היים. די פעאיקייט און אפילו דער ווילן פון די אַמעריקאַנער צו שיקן אין צייט אַן אמת־גרויסע אַרמיי קיין איראָפּע צו דעצידירן דעם אויסגאַנג פון קריג, איז געוואָרן באַצווייפלט נישט נאָר פון די דייטשן נאָר אפילו אויך פון די פירער פון די אַליירטע. כלפּי חוץ האָט מען כסדר געפּאָכעט מיט דער שווערד פון נצחון, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען בסוד־סודות געזוכט אַ קאָמפּראָמיס־אויסוועג פון דער לאגע אין די פאַראַנטוואָרטלעכסטע קרייזן פון די אַליירטע, אַלס דער וואַרשיינלעכער אויסגאַנג פון קריג. די מיטגלידער פון ענגלישן קאַבינעט זיינען אין זייערע הערצער נישט געווען זיכער צו יענער צייט, אַז זיי וועלן באמת זיין די הערשער איבער ארץ־ישראל, און אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען בערך לייכט צו באַפרידיקן די אידישע ביטע און אַרויסגעבן עפּעס אַ סימפּאַטישע פּראָ־אידישע דעקלאַראַציע.

בריטישע אויפפאַסונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע

נישט קוקנדיק אויף דעם באַדינגטן כאַראַקטער פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע — באַדינג האָט געהייסן: נצחון — האָבן די ענגלענדער פאַרשלעפּט

די פאַרהאַנדלונגען מיט די ציוניסטישע פירער אויף לאַנגע חדשים, זיך באַמיענדיק צו געפינען אַ פאָרמולע וואָס זאָל זיי בינדן וואָס ווייניקער מיט ממשותדיקע פאַרפליכטונגען. דער ענדגילטיקער נוסח פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אונטערשיידט זיך דערפאַר אין אַ גרויסער מאָס פון די אָריגינעלע אידישע פאָדערונגען. די מיטגלידער פון ציוניסטישן פּאָליטישן קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן ציל צו פירן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג, האָבן געוואָלט איינשליסן אין דער דעקלאַראַציע אַ צוזאָג „ווידער אויפצושטעלן ארץ־ישראל אַלס די נאַציאָנאַלע היים פון אידישן פאָלק". ווען ס'איז אָבער געקומען דער גליקלעכער טאָג, און די דעקלאַראַציע איז געוואָרן אונטערגעשריבן און געחתמעט דורך דער רעגירונג, האָט זי אַנטהאַלטן אין זיך דעם ווייניקער־בינדענדן און מער־צווייִדייטיקן צוזאָג וועגן פאַרלייכטערן דאָס אויפשטעלן אין ארץ־ישראל אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישן פאָלק".

וואָלטן די ציוניסטישע אונטערהאַנדלער געגוי פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אונטערשיד צווישן אָריגינעלן פּראָיעקט און דעם טעקסט פון דער געגעבענער באַלפור־דעקלאַראַציע, דאַן וואָלטן זיי וואַרשיינלעך אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון דער רעגירונג, אפילו דאַן ווען די איינציקע ברירה וואָלט געווען גאָרנישט קיין דעקלאַראַציע. די „ווידעראויפשטעלונג פון ארץ־ישראל אַלס די נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישן פאָלק" האָט אַ באַשטימטן זין, די „אויפשטעלונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל" איז אַ פּוסטע און אַ צווייִדייטיקע פראַזע, וואָס קען מיינען עפּעס, אָבער קען אויך מיינען גאָרנישט. די ערשטע פאָרמולע לייגט אַרויף אַ געוויסן אידישן כאַראַקטער אויף גאַנץ ארץ־ישראל, בעת די צווייטע, פאַקטיש אָנגענומענע פאָרמולע קען אויסגעטייטשט ווערן אַלס די שאַפונג פון אַ קליינעם אידישן ישוב אין מיטן פון דער אַרומיקער אַראַבישער מערהייט און די פּראָקלאַמירונג פון דעם דאָזיקן ישוב אַלס אַ נאַציאָנאַלע היים.

צי די ציוניסטישע לידער האָבן יאָ אָדער נישט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן חלוק — איין זאַך איז זיכער, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט עס זיכער קליפּ און קלאָר פאַרשטאַנען. אַן עדות דערפאַר איז דער פאַרשטאָרבענער גרויסער העברעאישער שרייבער און דענקער, אחד העם, וועלכער איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער פּאָליטישער קאָמיסיע אין לאָנדאָן.

אחד העם דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ציוניסטן האָבן, שוין נאָך דער פּובליקאַציע פון דער דעקלאַראַציע „פּרובירט אין די שפּעטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג פאָרמולירן איר צוזאָג אין זייער אייגענעם נוסח, פונקט ווי עס וואָלט נישט געווען קיין אינטערשיד, ווי אַזוי מען דריקט דאָס אויס. אויך דאָס מאָל האָבן זיי אָבער אין דעם ענטפער פון דער רעגירונג געפונען איבערגעחזרט דעם ווערטלעכן נוסח פון דער דעקלאַראַציע. דאָס ציינט

אַז דער אונטערשיד צווישן די דאָזיקע צוויי פאָרמען איז נישט סתם קיין האָר־שפּאַלטעריי. ס'איז נישט קיין פאַל, ווען איין און די זעלבע זאַך ווערט אויס־געדריקט אויף צוויי באַזונדערע אופנים; נאָר דער צוזאָג איז פאַקטיש געגעבן געוואָרן אין איין באַשטימטן נוסח, און איז נישט געגאַנגען אויף קיין האָר וויטער"...

ציוניסטישע פּאָליטיק נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע

נישט קוקנדיק אויף דעם שאַרפן אונטערשיד צווישן דעם אָריגינעלן און רעווידירטן נוסח פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט די אָפיציעלע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אינגאַנצן איגנאָרירט דעם דאָזיקן אונטערשיד. די אידישע מאַסן האָט מען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ענגלאַנד האָט באמת צוגעזאָגט, אַז אַ אידישע מלוכה זאָל געשאַפן ווערן גלייך נאָכן קריג. אָט איז, למשל, אַ כאַראַקטעריסטישער אויסצוג פון אַ רעדע פון פאַרשטאָרבענעם נחום סאָקאָלאָוו, פּרעזידענט פון דער אידישער אַגענטור, אויף אַ גרויסן דאַנקבאַרקייטס־מיטינג, אָפּגעהאַלטן אין לאָנדאָנער אָפּערן־הויז, דעם 1־טן דעצעמבער 1917, אַ חודש נאָכן פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע:

„די ציוניסטישע מאַסן זיינען דאַנקבאַר זיין מאַיעסטעטס רעגירונג פאַר דער אָפיציעלער און פאָרמעלער פאָרמולירונג פון זייערע צילן אין קלאָרע טערמינען, וואָס קענען נישט פאַלש פאַרשטאַנען ווערן... די קומענדע דורות וועלן לויבן די אייגנשאַפטן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דאָזיקן היסטאָרישן דאָקומענט, די קראַפט פון ווילן, דעם סענטימענט פון אויפריכטיקייט, די אומ־דערשיטערטע טרייהייט צום גייסט פון גערעכטיקייט, און די פריינטלעכע און גרויסמוטיקע סימפּאַטיע פאַר די אונטערדריקטע" *).

נאַטירלעך, האָבן אַזעלכע עקזאַלטירטע ערקלערונגען אַרויסגערופן אַ סך ענטוזיאַזם צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין גאַנצער וועלט און אין דער הינזיכט האָט די באַלפור־דעקלאַראַציע באמת פולשטענדיק באַרעכטיקט די דערוואַרטונגען פון אירע מחברים. פאַקטיש האָט די דעקלאַראַציע געווינען די פול־האַרציקסטע אידישע אונטערשטיצונג פאַר די עליים.

זיך שטיצנדיק אויף דעם שיינבאַרן צוזאָג פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, האָבן אייניקע ציוניסטישע פירער, בפרט אין אַמעריקע, אָנגע־הויבן שאַפן אַ אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל העלפן זי־ראָבערן ארץ־ישראל, און בלייבן דאָרט אַלס מיליטערישער רוקן־ביין פון קומענדיקן אידנשטאַט. אין ארץ־ישראל אַליין, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אין איר דרומדיקן טייל, וואָס איז שוין דאַן געווען אָקופּירט פון אַלענבייס אַרמיי, האָט די אידישע יוגנט מאַסנווייז געשטראָמט צו דער פאָן פון לעגיאָן.

*) נחום סאָקאָלאָוו, היסטאָרי אָוו ציאָניזם, באַנד 2, ז. 117.

עס שיינט איצט, אַז פאַרלאַזנדיק זיך אויפן ענגלישן צוזאָג צו העלפן אויפבויען ארץ־ישראל, האָבן די ציוניסטישע פירער נעגירט דעם לאַגישסטן און מער ניכטערנעם וועג, אויף וואָס זיי האָבן זיך באַדאַרפט לאָזן גיין פון דער ערשטער רגע אָן. זיי האָבן נישט באַוויזן אויסצונוצן די גרויסע באַגייסטער־רונג פון די אידישע מאַסן צו זיכערן אַ נאַציאָנאַלע הלואה אין אַ פאַרנעם, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די גרויסע פינאַנציעלע אָנשטרענגונגען פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן זיך דאַן באַטייליקט אין וועלט־קריג. אַ פלאַמענדער רוף צום וועלט־אידנטום פאַר אַ גרויסן קאָלאָניזאַציע־פאָנד, וואָס זאָל פאַרזיכערן די דורכפירונג פון די ציוניסטישע צילן אין אַ פאַרנעם וואָס איז נויטיק גע־וואָרן דורך די נייע פאָליטישע אויסזיכטן, וואָלט צו יענער צייט געהאַט אַ פיל גרעסערן אָפּרוף ווי שפּעטער אין די יאָרן נאָכן קריג.

די „אידישע קאָמיסיע"

אָבער אנשטאָט צו לייגן אַ עקאָנאָמישן יסוד פאַר זייער אַרבעט, האָבן די ציוניסטישע פירער דאַמאָלסט געלייגט זייערע אַלע האָפענונגען אויף פאָליטישע שריט, וואָס האָבן געזאָלט פאַרשטאַרקן זייער פּאָזיציע אין דער אידישער און נישט־אידישער וועלט. זיי האָבן באַקומען די דערלויבעניש פון דער ענגלישער רעגירונג צו שיקן קיין ארץ־ישראל אַ אידישע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיין דער פאַרבינדונגס־גליד צווישן דער אָרטיקער אידישער באַפעלקע־רונג און דער בריטישער מיליטערישער מאַכט, און לויט דער אידישער קאָנ־צעפּציע, האָט די דאָזיקע האַלב־אָפיציעלע קאָמיסיע, פאַרזאָרגט מיט געוויסע רעכט מצד דער ענגלישער רעגירונג, געדאַרפט ווערן מיט דער צייט דער פאָליטישער קערן פאַר דער קומענדיקער נאַציאָנאַלער היים. די אויפגאַבן פון דער קאָמיסיע זיינען אָבער אַזוי ענג באַשרענקט געוואָרן פון די ענגלישע באַ־אַמטע, אַז זי האָט אָנגעוואוירן דעם גרעסטן טייל פון איר פּאַקטישער פּאָלי־טישער באַדייטונג.

די אויפגאַבן פון דער קאָמיסיע זיינען פאַרמולירט געוואָרן אין די פאָל־גנדע 7 פונקטן:

1) צו שאַפן אַ פאַרבינדונגס־גליד צווישן די ענגלישע מאַכט־אָרגאַנען און דער אידישער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל.

2) צו קאָאָרדינירן די הילפס־אַרבעט אין ארץ־ישראל און צו העלפן אין דער רעפּאַטריאַציע פון די פאַרטריבענע און עוואַקואירטע אידן און פּליטים.

3) מיטצוהעלפן ווידעראויפבויען און אַנטוויקלען די קאָלאָניעס און בכלל אָרגאַניזירן די אידישע באַפעלקערונג.

4) מיטצוהעלפן די אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל ווידער אויפצונעמען זייער טעטיקייט.

5) העלפן איינשטעלן פריינטלעכע באַציאונגען מיט דער אַראַבישער און אַנדערע נישט־אידישע געמיינדעס אין ארץ־ישראל.

6) זאַמלען אינפאָרמאַציע און מיטטיילן וועגן מעגלעכקייטן פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די אידישע קאָלאָניעס און פון לאַנד בכלל.

7) אויספאָרשן די רעאַליזיר־מעגלעכקייט פון פּלאַן אויפצושטעלן אַ אידישן אוניווערזיטעט.

ווען די אידישע קאָמיסיע איז אונטער דער פירונג פון ד"ר חיים ווייצמאַן, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, דעם 4־טן אַפּריל, 1918, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין אַן אַנטוישנדער סיטואַציע. די מיליטעריש מאַכט, וואָס האָט רעגירט דאָס לאַנד, האָט נישט גענומען די באַלפור־דעקלאַראַציע צו ערנסט. זי האָט אפילו נישט געהאלטן פאַר נויטיק איר אָפיציעל צו פאַרעפנטלעכן אין ארץ־ישראל, טענהנדיק, אַז קיין זיג איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן, און ס'איז פריצייטיק צו פובליקירן אַ פּאָליטישע דעקלאַראַציע אין אַ לאַנד, וואָס געהערט נאָך יורידיש צום שונא.

דער גרעסטער טייל פון דער קאָמיסיע איז געווען ביי דער גרונד־שטיין־לייגונג פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט אויפן הר־הצופים, ביי ירושלים. די דאזיקע צערעמאָניע איז פאָרגעקומען דעם 24־טן יולי, 1918, ווען לודענדאָרף איז נאָך אין פראַנקרייך געווען דער אָנגרייפער.

ווייניקער ווי אַ יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, זיינען די טערקן געוואָרן אַרויסגעטריבן פון ארץ־ישראל און פאַרן שליסן וואָפנשטילשטאַנד, איז ארץ־ישראל אינגאַנצן געוואָרן באַזעצט דורך דער ענגלישער אַרמיי. פונדעסטוועגן איז דער פּאָליטישער סטאַטוס־קוואָ, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין מיטן פון קריג, געבליבן נישט געענדערט די לעצטע 20 חדשים. דער אידישער לעגיאָן, וואָס איז דאַן געשטאַנען אויפן באָדן פון ארץ־ישראל, איז אויפגעלייזט געוואָרן, הגם אַ באַדייטנדער טייל פון אַלענביס אַרמיי איז נאָך געשטאַנען אונטערן וואָפן. די אַמעריקאַנער לעגיאָנען, וואָס האָבן וואָלונטירט מיט דעם ציל צו בלייבן אין ארץ־ישראל העלפן אויפבויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים, זיינען געוואָרן פריינטלעך געראָטן צוריקצופאָרן קיין אַמעריקע. נייע אימיגראַציע איז געוואָרן פאַרבאָטן און מ'האָט נישט ערלויבט צו מאַכן קיין נייע לאַנד־קניות.

דער מאַנדאַט

ווען דער פעלקער־בונד האָט אָנגעהויבן באַשטימען מאַנדאַטן איבער לענדער, איז געווען נאַטירלעך, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן איבערגעגעבן צו ענגלאַנד. די ציוניסטישע פירער, וואָס האָבן צו יענער צייט שוין געהאַט איינגעזען די צווייטייטיקייט און אומקלאָרקייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע,

האָבן ביי דער געלעגנהייט זיך שטאַרק באַמיט צו קאָמפּענסירן דעם אומגענויגענדן טעקסט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע דורך אַ מער באַשטימטער פאָרמולירונג פון די אידישע רעכט אין טעקסט פון מאַנדאַט. זיי האָבן געדאַרפט גובר זיין אַ זייער ערנסטן ווידערשטאַנד און די רעזולטאַטן פון זייערע אָנשטרענגונגען זיינען געווען קלענער פון זייערע דערוואַרטונגען, אָבער אין פאַרגלייך מיט דער באַלפור־ דעקלאַראַציע, אַנטהאַלט דאָך דער מאַנדאַט מער־באַשטימטע פאַרפליכטונגען בנוגע דעם אידישן פאלק.

אין זייערע באַמיאונגען אַריינצופירן אין דעם מאַנדאַט ממשותדיקע גאַראַנטיעס פון די אידישע רעכט, זיינען די ציוניסטישע פירער אַרויסגעהאָלפן געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס דורך דער שטעלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אונטערשטיצט דורך אַן איבערוויגנדער סימפּאַטישער עפנטלעכער מיינונג, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג פאָרמעל אינדאָרסירט די אידישע אַספּיראַציעס אויף ארץ־ישראל און דאָס באַקרעפטיקט מאָראַליש דורך אַן איינשטימיקער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורכן 6־טן קאָנגרעס און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן פּרעזידענט האַרדינג, דעם דריטן סעפּטעמבער, 1922.

די פאָררעדע צום מאַנדאַט חזרט איבער דעם טעקסט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אָנערקענט דעם „היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג צווישן אידן און ארץ־ישראל און די אורזאַכן, וואָס באַוועגן זיי ווידער אויפצושטעלן זייער נאַציאָנאַלע היים אין יענעם לאַנד”. באַזונדערס וויכטיק איז דער פּאַראַגראַף צוויי פון מאַנדאַט, וועלכער פאַרפליכטעט די מאַנדאַט־מאַכט צו „שטעלן דאָס לאַנד אין אַזעלכע פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיכערן די שאַפונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים”.

דער פערטער אַרטיקל פון מאַנדאַט זעט פאָר די שאַפונג פון אַ „געהעריקער אידישער אַגענטור”, וואָס זאָל אָנערקענט ווערן אַלס „אַן עפנטלעכע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיך באַראַטן און קאָאָפּערירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון ארץ ישראל אין די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אַנדערע פראַגן, וואָס באַרירן די שאַפונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים און די אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אינם לאַנד”. דער זעלבער אַרטיקל אָנערקענט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס די צייטווייליקע אידישע אַגענטור און פאַרפליכטעט זי „צו זיכערן די קאָאָפּעראַציע פון אַלע אידן, וואָס זיינען וויליק מיטצוהעלפן אין דער אויפשטעלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים”.

דער אַרטיקל זעקס פון מאַנדאַט הייסט דער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד, באַוואָרנדיק די רעכט און די פּאָזיציעס פון אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג, צו „פאַרלייכטערן די אידישע אימיגראַציע אונטער פּאַסנדע באַדינגונגען און דערמונטערן, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער אידישער אַגענטור, די קאָמ־

פאַקטע באַזעצונג פון אידן אויף באָדן, אַריינרעכנענדיק מלוכה־לאַנד און נישט באַארבעטן באָדן, וואָס ווערט נישט פאַרלאַנגט פאַר עפנטלעכע צוועקן".

דער אַרטיקל 11 פון מאַנדאַט זעט פאָר, אַז די רעגירונג פון לאַנד קען אָפּמאַכן מיט דער אידישער אַגענטור דורכצופירן, אויף גערעכטע און גלייכע באַדינגונגען, עפנטלעכע אַרבעטן און בוי־טעטיקייטן, און אַנטוויקלען די נאַטירלעכע רייכטימער פון לאַנד, אויף וויפיל די דאָזיקע אויפגאַבן ווערן נישט איבערגענומען דירעקט פון דער אַדמיניסטראַציע.

דער מאַנדאַט גאַראַנטירט אויך די פרייהייט פון געוויסן און רעליגיעזן גלויבן, און אַנערקענט העברעאיש, צוזאַמען מיט ענגליש און אַראַביש, אַלס די אָפיציעלע שפּראַכן פון לאַנד.

איינע פון די פאַרשריפטן פון מאַנדאַט באַרעכטיקט דער מאַנדאַטן־מאַכט זיך אָפּצוזאָגן פון דורכפירן וועלכע ס'איז פון די מאַנדאַט־באַשטימונגען אין דער געגנט „צווישן דעם ירדן און דער מזרח'דיקער גרענעץ פון ארץ־ישראל". דאָס דאָזיקע רעכט איז באַלד אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו גרינדן דאָרט אַ באַזונדערע מלוכה, אונטערן נאָמען „טראַנס־יאָרדאַניע" (עבר הירדן) וואו די באַלפור־דעקלאַראַציע און די אידישע רעכט, וואָס פליסן אַרויס פון איר, זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס נישט־ווירקזאַם. עבר הירדן איז געשטעלט געוואָרן אונטער דערפאַרוואַלטונג פון אַן אַראַבישן פּרינץ, אָנגעפירט פון אַ ענגלישן „רעזידענט", וועלכער איז דער פאַקטישער הערשער פון לאַנד. אַלס קעניג פון עבר הירדן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַבדולאַ, דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם פייזאַל, וועלכער האָט געהאָלפן ענגלאַנד אין קריג קעגן טערקיי און איז דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיט דער קרוין פון איראַק. לעצטנס איז אַבדולאַ פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס דער קעניג פון עבר הירדן.

נאָכן וואַפנשטילשטאַנד

אין דער איבערגאַנגס־צייט צווישן וואַפנשטילשטאַנד און דעם אָננעמען פון מאַנדאַט, האָט זיך די פּאָליטישע סיטואַציע אין ארץ־ישראל מער קאָמפּליצירט דורך דעם וואָס ס'איז אַריינגעקומען אַ נייער פאַקטאָר. די אַראַבישע באַפעלקערונג פון לאַנד, וואָס איז ביז צו יענער צייט געווען גלייכגילטיק און אַמאָל גאָר פריינטלעך צו דער אידעע פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים, האָט אָנגעהויבן ווערן באַאיינפלוסט פון אַ שטאַרקער אַנטי־אידישער אַגיטאַציע, וואָס איז געקומען פון פאַרשידענע קוואַלן און איז אונטערשטיצט געוואָרן דורך פאַרשידנזייטיקע אינטערעסן. דער באַלדיקער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע איז געווען דער ערשטער אַנטי־אידישער פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים, אין אַפּריל 1920.

באַלד נאָכן פּאָגראָם אין 1920 איז געוואָרפן געוואָרן די באַשולדיקונג,

אַז די גיפטיקע אַגיטאַציע, וואָס האָט דערפירט צו דעם אומגליקלעכן אויס־ברוך, איז שטילערהייט געוואָרן דערמוטיקט פון דער ענגלישער מיליטער־מאַכט, וואָס האָט דאַן געהאַט די פולע קאָנטראָל איבערן לאַנד. מען האָט דאַן אָנגעוויזן, אַז אין ארץ־ישראל איז קיינמאָל פריער, במשך פון די 400 יאָר פון דער טערקישער הערשאַפט, נישט פאָרגעקומען קיין פּאָגראָם, און די אַראַבער וואָלטן קיינמאָל נישט געוואַגט צו אַטאַקירן די אידן ווען זיי וואָלטן נישט געווען אונטערן איינדרוק, אַז די מאַכט וועט זיי מוחל זיין זייערע פאַרברעכנס.

דער דאָזיקער גלויבן איז געוואָרן ווייטער פאַרשטאַרקט דורך דער עק־סטרעמער שטרענגקייט, וואָס די מיליטערישע מאַכט האָט אַרויסגעוויזן צו אַ גרופּע פון געוועזענע אידישע לעגיאָנערן, וועמענס איינציקער חטא איז באַ־שטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ אידישע זעלבסטשוץ בעתן פּאָג־ראָם. די אַקטיווע מיטגלידער פון דער דאָזיקער זעלבסטשוץ, אָנגעפירט פון לייטענאַנט זשאַבאָטינסקי — וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער פירער פון די רעוויזיאָניסטן — זיינען אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן פון אַ מיליטערישן געריכט צו לאַנגע יאָרן תפיסה. די דאָזיקע שטרענגע אורטיילן האָבן אַרויס־גערופן אַ שטאַרקע כוואַליע פון ברויזנדן פּראָטעסט, און זיינען דערנאָך אָפּגע־שאַפט געוואָרן, אָבער דער אַמאָליקער גלויבן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ענגלאַנד איז שטאַרק דערשיטערט געוואָרן.

די ציווילע אַדמיניסטראַציע פון ארץ־ישראל, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין זומער, 1920, באַלד נאָך די אומרועו, איז געווען אַ ווייטערדיקע אַנטוישונג פאַרן אידישן פאָלק. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען אַ ענגלישער שטאַטסמאַן פון אידישן גלויבן, האָבן די אידן נישט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די אַדמיניסטראַציע איז הויפּטזעכלעך פאַראינטע־רעסירט אין שטיצן די אידישע נאַציאָנאַלע היים.

הערבערט סעמועל און די אומרועו אין 1921

אַרויסגייענדיק פון אַ ברייטערן אידישן געזיכטספּונקט, איז דער פאַקט, וואָס הערבערט סעמועל, דער ערשטער הויך־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל איז געווען אַ איד, נישט געווען קיין מעלה נאָר גיכער אַ חסרון. אַ אידישער הויך־קאָמיסאַר, האָט מען געזאָגט, וועט זיין אַזוי פאָרזיכטיק אין זיינע באַמיאונגען צו ווייזן אומפּאַרטייאישקייט, אַז ער וועט שטיין אונטער אַ מאָראַלישן דרוק נאָכצוגעבן אפילו אומגערעכטע אַראַבישע פאָדערונגען.

אין די ערשטע חדשים פון זיין הערשאַפט, איז הערבערט סעמועל גע־ווען שטאַרק פאַרנומען מיט די אַדמיניסטראַטיווע רעפאָרמען און די שאַפונג פון אַ נייער, ציווילער רעגירונג, און ער האָט אויסגעמיטן אַלגעמיינע פּאָלי־טישע פאַרפליכטונגען. די לאַגע האָט זיך אָבער שטאַרק געביטן נאָך דעם

בלוטיקן אויסברוך פון מאַי 1921. דער אָנפאַל, וואָס איז אין די מיינסטע פאַלן געוואָרן אָפּגעשטויסן פון דער דרייסטער אידישער זעלבסט־שוץ, האָט זעט אויס, אַריינגעבראַכט די אַדמיניסטראַציע אין אַ פּאַניק־שטימונג. אונטער־געטריבן פון די אַנטי־ציוניסטישע באַאַמטע פון קאָלאָניאַל אָפּיס, האָט דער הויך־קאָמיסאַר געפּרואווט צו באַרואיקן די אַראַבער געבנדיק זיי וויכטיקע קאָנצעסיעס. ער האָט שטאַרק באַגרענעצט די אידישע איינוואַנדערונג און האָט אָנגעבאָטן די אַראַבער דאָס בעסטע רעגירונגס־לאַנד אין דער געגנט פון בית־שאַן, באַדן, וואָס האָט לויט די פאַרשריפטן פון מאַנדאַט, געדאַרפט ווערן רע־זערווירט קודם כל פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. ער האָט פּרובירט צורעדן די אַראַבער זיך צו באַטייליקן אין אַ לעגיסלאַטיוו ראַט, וואָס וואָלט זיי געגעבן אַ באַדייטנדן כח אין דער אַדמיניסטראַציע פונם לאַנד. ער האָט אפילו צוגע־זאָגט צו רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס זאָל מיינסטנס באַשטיין פון געקליבענע מיטגלידער פון אַדמיניסטראַ־טיוון ראַט. דאָס וואָלט פּאַקטיש געמיינט דאָס שטעלן די אימיגראַציע, דער וויכ־טיקסטער פאַרבאַדינג פאַר דער שאַפונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, אונטער אַ פּאַקטישן אַראַבישן קאָנטראָל.

סעמועלס פּלאַן פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט איז נישט דורכגעפירט גע־וואָרן. די אַראַבער האָבן אים אָפּגעוואָרפן, ווייל דער פּראָיעקט האָט ענטהאַלטן באַגרענעצונגען צו זיכערן די פאַרשריפטן פון מאַנדאַט. זיי האָבן אויך אָפּגע־וואָרפן דאָס אַריינגעמען אין לעגיסלאַטיוון ראַט אַ צאָל ענגלישע באַאַמטע, באַשטימט פון הויך־קאָמיסאַר, בטל מאַכנדיק אַ צו גרויסע אַראַבישע מערהייט צווישן די געוויילטע דעלעגאַטן. ווען די א״י רעגירונג האָט נישט וואַרטנדיק אויף דער אַראַבישער הסכמה, פאַרעפנטלעכט די קאָנסטיטוציע פון ארץ־ישראל און פאַראָרדענט וואַלן צום לעגיסלאַטיוון ראַט, האָבן די אַראַבער געענטפערט מיט באָיקאָטירן די וואַלן. ענדלעך, איז דעם 29־טן מאַי, 1923, דערשינען אַ נייער דעקרעט, וואָס האָט צייטווייליק אַנולירט די באַשטימונגען פון דער קאָנסטיטוציע וועגן דעם לעגיסלאַטיוון ראַט.

דאָס „ווייסע פּאַפּיר" פון 1922

בעת די פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער און אידן וועגן אַ לעגיס־לאַטיוון ראַט, איז דער מיין פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע געוואָרן ווייטער באַגרענעצט דורך אָפּיציעלע רעגירונגס־פּירושים. דער וויכטיקסטער פּירוש איז אַנטהאַלטן אין אַ בריוו פון קאָלאָניאַל־אָפּיס צו דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס „ווייסער פּאַפּיר". די דאָזיקע דערקלערונג איז שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון דער ענגלישער פּאָ־ליטיק אין ארץ־ישראל.

„מיר מוזן אייך אויפמערקזאם מאכן — זאגט דער דאזיקער וויכטיקער דאקומענט — אז די דעקלאראציע האט נישט אין זינען געהאט צו פארוואנדלען ארץ־ישראל אלס א גאנצע אין א אידישע נאציאנאלע היים, נאר אז אזא היים זאל געגרינדעט ווערן אין ארץ־ישראל".

נאך א ווייטערדיקער דערקלערונג, אז די „ציוניסטישע ארגאניזאציע האט נישט קיין דעה אין דער אלגעמיינער פארוואלטונג פון לאנד", האבן די מחברים פון „ווייסן פאפיר" געפילט זיי נויטווענדיקייט צו געבן די באלפור־דעקלאראציע אויך עפעס א פאזיטיוון אויסטייטש. זיי האבן דאס געטאן אויף דעם פאלגנדן מערקווירדיקן אופן:

„ווען אבער מען וועט פרעגן, וואס ווערט אייגנטלעך געמיינט מיט דער אנטוויקלונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל, קאן מען אויף דעם ענטפערן, אז דאס איז נישט די ארויפלייגונג פון אידישן נאציאנאלן כאראקטער אויף די איינוואוינער פון לאנד אלס א כלל, נאר די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון עקזיסטירנדן אידישן ישוב מיט דער הילף פון די אידן אין די אנדערע לענדער, כדי ער זאל ווערן א צענטער, מיט וועלכן דאס אידישע פאלק אלס א גאנצעס זאל קאנען שטאלצירן און זיין פאראינטערעסירט דורך רעלי־גיעזע און ראסן־מאטיוון. כדי אבער דער דאזיקער ישוב זאל זיך קענען פריי אנטוויקלען און געבן דעם אידישן פאלק די פולע מעגלעכקייט צו באווייזן זיינע פעאיקייטן, מוז ער וויסן, אז ער געפינט זיך אין ארץ־ישראל אויפן גרונט פון רעכט, און נישט פון טאלעראנץ"...

ארץ ישראלס הויך־קאמיסארן

נאך 5 יאר זיין אין ארץ־ישראל, האט הערבערט סעמועל פארלאזן זיין פאסטן אלס הויך־קאמיסאר. זיין פלאץ האט פארנומען לארד פלומער, איינער פון די בעסטע ענגלישע גענעראלן אין פאריקן וועלט־קריג. ס'איז כאראק־טעריסטיש, אז פלומער, דער נישט איד, האט איבערגעלאזט אויף דעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל א פיל בעסערן איינדרוק איידער סעמועל דער איד. ער האט געהערשט איבערן לאנד מיט אן אייזערנער האנט, און דאס איז אייגנט־לעך אלץ, וואס די אידן האבן פון אים דערוואַרט.

א פיל ערגערן איינדרוק האט איבערגעלאזט פלומערס נאכפאלגער, סער דזשאהן טשענסלאר. ער האט געשאפן דעם איינדרוק פון אן אנטי־ציוניסט, אנטשלאסן אונטערצוגראבן די אידישע פאזיציע אין ארץ־ישראל און שטערן דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים. דער דאזיקער איינדרוק איז באזונדערס פארשטארקט געווארן דורך זיין האלטונג נאך די בלוטיקע אראבישע אומרוען אין אויגוסט, 1929. ער האט זיך דאן, לויט דער אידישער מיינונג, באמיט צו לייגן די פאליטישע אחריות פאר די

דאָזיקע טרויעריקע געשעענישן אויף אידישע פּליטעס. אין מאָמענט פון אויס־ברוך פון די אומרוען איז אָבער טשענסלאָר געווען אויף וואַקאַציעס אין ענג־לאַנד, און די אידישע קריטיקער לייגן דעריבער אַרויף די דירעקטע אחריות פאַר דער טראַגעדיע אויף זיין געהילף, מר. הערי ליוק, וואָס האָט פאַרנומען טשענסלאָרס פּלאַץ, בעת זיין זומער־וואַקאַציע אין ענגלאַנד. נאָך לאַנג פאַר אויגוסט 1929 איז ליוק באַטראַכט געוואָרן אַלס אַנטיסעמיט, און זיין שייַ־באַרע גלייכגילטיקייט צו דער סכנה, וואָס האָט געהאנגען אין דער לופט מיט עטלעכע וואָכן פאַרן אויסברוך פון די אומרוען, האָט געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די מיינונג וועגן זיין פערזענלעכער שולד.

דער וויטערדיקער הויך־קאָמיסאַר, סער אַרטור וואוקאָפּ, האָט געהאַט אַ פיינעם נאָמען צווישן די ארץ־ישראלדיקע אידן וועדנדיק געשעצט אַלס אַ מענטש פון ווירדע און אויפריכטיקייט. באַזונדערס זיינען געוואָרן געלויבט זיינע אומדערמידלעכע באַמיאונגען צו פאַרגרעסערן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוויטעט פון לאַנד דורך איינפירן נייע סאָרטן פון פלאַנצן און הויז־חיות און דורך פאַרשפרייטן וויסן וועגן נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע מעטאָדן. פונדעסטוועגן האָט מען שטאַרק קריטיקירט זיין פּאָליטיק בעת די אַראַבישע אומרוען אין 1936־1938 אַלס נישט־אַנטשלאָסן און וואַקלדיק. מען האָט גע־זאָגט, אַז ער האָט געשטערט די באַמיאונגען פון די ענגלישע מיליטערישע כוחות, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צו מאַכן אָרדנונג אין לאַנד, אונטער־שטרייכנדיק, אַז זיי מוזן זיך באַגרענעצן נאָר אָפּצושטויסן די אַראַבישע אַטאַ־קעס און זיי טאָרן נישט פּרובירן אַרויסצויאָגן די באַנדעס פון זייערע באַהעל־טענישן אין די בערג.

דער איצטיקער הויך־קאָמיסאַר, סער העראָלד מאַקמעייקל, פריערדי־קער גובערנאַטאָר פון סודאַן, איז געוואָרן הויך־קאָמיסאַר נאָך וואוקאָפּ אין 1938. ער איז באַטראַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל אַלס די פאַרקערפּערונג פון גייסט פון ענגלישן קאָלאָניאַל באַאַמטנטום. קאָנסערוואַטיוו און באַגרענעצט, האָבן ענגלישע קאָלאָניאַלע באַאַמטע פאַרלוירן די דרייסטקייט פון די בויער פון דער אימפּעריע און זיי האָבן געיירשנט פון זיי נאָר די פאַראַכטנדע און לייכט־שעצנדע באַציאונג צו די „נייטיווס" און אַן אויסגעשפּראָכענעם געפיל פון איבערווערטיקייט איבער מיטגלידער פון אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער. מעקמייקל ווערט באַשולדיקט אין אַ שטרענגן פאַראורטייל קעגן די אידן און זייערע באַשטרעבונגען אויף ארץ־ישראל. אויף יעדן פאַל, האָט זיין אַדמי־ניסטראַציע אויסגעקוקט מער פיינטלעך צו די אידן ווי יעדע אַנדערע פריער־דיקע אַדמיניסטראַציע. ס'הערשט אַ געפיל, אַז ער איז נישט נאָר צופרידן מיטן דורכפירן די פאַרשריפטן פון „ווייסבוך", נאָר ער גיט נאָך צו דערצו מיט פייער זיין אייגענעם פירוש...

ביים איצטיקן מאָמענט, איז מאַקמייקל, נאָך עטלעכע מאָל פאַרלענגערן

זיין אַמטס־טערמין, געוואָרן פּאַרטראַטן דורך לאָרד גאָרט, אַן אויסגעצייכנטער מיליטערישער פירער מיט אַ זייער פיינעם רעקאָרד פון די צוויי וועלט־מלחמות. גאָרנישט איז באַקאַנט וועגן זיין שטעלונג צו ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען. די אידישע פירער זיינען אָבער געניייגט צו באַגריסן זיין באַשטימונג אַלס הויך־קאָמיסאַר אַלס פּאָרזיכערונג, לכל הפחות, אַז אָרדנונג און געזעץ וועלן ווערן אָפּגעהיט אין א״י, אין די קריטישע טעג ביים סוף פון איצטיקן קריג.

די פּאָליטיק פון קאָלאָניאַל אָפיס

זיך צוקוקנדיק נעענטער צו דער ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, דערזעט מען אָבער, אַז די אַלגעמיינע אידישע מיינונג וועגן די מעלות און האַלטונג פון די פאַרשידענע הויך־קאָמיסאַרן, איז נישט געוועזן גוט באַגרינדעט. עס איז פּונקט אַזוי איבערטריבן און אפשר גאָר אַן אַבסורד צו האַלטן סער טשענסלאָר פאַר דעם אונטערהעצער צום פּאָגראָם אין 1929, ווי אַריינצורעכענען זיין נאָכפאָלגער (וואָקאָפּ) צווישן די 12 גרעסטע וואוילטעטער פון וועלט־אידנטום *), דער אמת איז, אַז טשענסלאָר מיט אַלע זיינע חסרונות האָט באַצייטנס געבעטן די אידישע פירער נישט צו לאָזן פאַנאַטישע און אומפּאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן אַריינצושפּילן אין די הענט פון די אַראַבישע עקסטרעמיסטן דורך פאַנאַנדערבלאָזן צופיל די פראַגע וועגן כותל מערבי. פון דער צווייטער זייט, איז פּונקט אַזוי אמת, אַז אונטער דער וואָקאָפּ־אַדמיניסטראַציע זיינען די באַגרענעצונגען קעגן אידישער אימיגראַציע און באָדן־קויף געוועזן שטרענגער ווי ווען עס איז פריער. עס זעט אויס, אַז עס הערשט אַן אַלגעמיינע איינגעשטעלטע פּאָליטיק פון קאָלאָניאַל־אָפיס, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון די פּערזענלעכע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס פון הויך־קאָמיסאַר. געוויס, קען אַ טאַקטפולער און פריינטלעכער הויך־קאָמיסאַר מילדער מאַכן שפּאַנענדע סיטואַציעס און איבערבעטן אויפגעצאָרנטע און שמייכלען צו אומצופרידענע; אָבער ער האָט נישט די מאַכט דורכצופירן אַן אייגענע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק.

די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון קאָלאָניאַל־אָפיס און פון די פאַרשידענע רעגירונגס־דעפּאַרטמענטס אין ארץ־ישראל, ווערט נאָך אַלץ באַאיינפלוסט פון אַן אָפּן־סקעפּטישער און אָפט מאָל אפילו פיינטלעכער באַציאונג צו די אידישע אָנשטרענגונגען אין ארץ־ישראל. פאַקטיש איז אין דעם פאַל סקעפּטיציזם געוועזן דער פאָטער פון פיינטשאַפט! די אַלטע „ספּעצן” פון קאָלאָניאַל־אָפיס פלעגן באַטראַכטן דעם ציוניזם — ווייניקסטנס ביז דער גרויסער אימיגראַציע־כוואַליע פון 1933־1935 — אַלס אַ משוגעדיקע אידעע, וואָס האָט

*) „ניו־יאָרק טיימס”, 18־טער סעפּטעמבער, 1933.

נישט קיין שאַנסן צו ווערן פאַרווירקלעכט אין דער נאָענסטער צוקונפט און דערפירט נאָר צו דער קאָמפּליקאַציע פון דער פּאָליטישער סיטואַציע אין ענגלאַנד און אין נאָענטן מזרח. דערצויגן אויף אַ פאַרהעלטעניסמעסיק פּשוטער אָריענטאַלישער פּאָליטיק, אויסגעפּרואווט דורך דורות פון דערפאָלגרייכער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט, זיינען די ענגלישע קאָלאָניאַל-באַאַמטע געווארן נאַטירלעך געצייגט צו גלויבן, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג פון די לענדער אין נאָענטן מזרח, וואָס געפינען זיך אונטער ענגלישער קאָנטראָל, וואָלט געווען מער צופרידן מיט בריטישער הערשאַפט, ווען דער ציוניזם וואָלט נישט עקזיסטירט אין ארץ-ישראל און ענגלאַנד וואָלט נישט גענומען אויף זיך קיין שום התחיבות כלפּי די אידן.

ד״ר דזשאָן היינס האָלמס, אַ גוט-באַקאַנטער אַמעריקאַנישער גייסטליכער האָט פּינקטלעך אויסגעטייטשט די שטעלונג פון די ענגלישע באַאַמטע אין ארץ-ישראל. ער זאָגט:

„דער טיפּישער ענגלענדער האָט נישט קיין גלויבן אין ארץ-ישראל. ער באַטראַכט עס אַלס אַן אָרעם נעבעכדיק לאַנד, וואָס קען קיינמאָל נישט זיין בכוח אויסצוהאַלטן אַ גרויסע, בליענדע באַפעלקערונג. דאָס איז דער גרעסטער חסרון פאַר אידן צו האָבן אַלס אַ מאַנדאַטן-מאַכט מענטשן, וועלכע הערשן איבער אַנדערע אַראַבישע טעריטאָריעס און דאַרפן נאָכקומען זייערע פאַרלאַנגען״ *).

אידישע פעלערן און דער ענגלישער אָפּרוף

ס'איז געווען אַ צייט, גלייך נאָכן סוף פון פאַריקן קריג, ווען דער דורכשניטלעכער ענגלישער באַאַמטער איז גרייט געווען אָנצונעמען אַ גאָר פריינטלעכע און אָפענע שטעלונג צו די אידישע באַשטרעבונגען אין ארץ-ישראל. דאַן האָבן די ענגלענדער געגלויבט אין די גרויסע שעפערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פון אידישן פאָלק און דערוואַרט צו זען אַן אַנטשידענע אָנשטרענגונג צו זיכערן די שנעלע רעאַליזירונג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע דורך אַ ברייט-פאַרמאָסטענער אידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. אָבער די וואַקלדיקע פּאָליטיק פון די ציוניסטישע פירער, זייער אומפעאיקייט צו באַגרייפן גינסטיקע סיטואַציעס און זייער אומפעאיקייט צו קאָנצענטרירן באַצייטנס גרויסע געלט-מיטלען, האָט געמאַכט אַן אומגינסטיקן איינדרוק אויף די ענגלישע קאָלאָניאַל-פּאָליטיקער, וועלכע האָבן גלייך באַשלאָסן, אַז זיי האָבן איבערגעשאַצט דעם כוח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַז דער ציוניזם איז באמת געווען צו שוואַך צו פאַרווירקלעכן זיינע גרויסע אַמביציעס. די שפּעטערדיקע ציוניסטישע אָנשטרענגונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין

*) דזש. ה. האָלמס, „פּאַלעסטיין טודעי ענד טומאָראָו״, ניו-יאָרק, 1929.

אַ בערך ברייטער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, זיינען שוין געווען צו שפּעט, כדי צו פאַרניכטן דעם ענגלישן סקעפּטיציזם, וואָס איז אומפאַרמיידלעך שוין דער־גאַנגען ביז אָפענער קעגנערשאַפט, וואָס האָט שוין שפּעטער אָנגעהאַלטן טראָץ די נאָכפאָלגנדיקע ציוניסטישע דערגרייכונגען.

אויסער פּאָליטישע מאָטיוון, וואָס האָבן געבראַכט דעם טיפּישן ענגלישן קאָלאָניאַל־באַאַמטן — וואָס איז געוויינלעך אַ קאָנסערוואַטיווער און אַ „דאַי־האַרד״ צום אויספיר, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען אַן ערנסטער פעלער, זיינען אויך געווען ערנסטע פּסיכאָלאָגישע סיבות, וואָס האָבן געשאַפן רייבונגען און אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן די אידישע פירער און די ענגלישע באַאַמטע אין ארץ־ישראל. פאַרן בריטישן קאָלאָניאַל־באַאַמטן, וואָס איז געוואוינט צו האָבן צו טאָן מיט איינגעבוירענע (נייטיווס), וואָס קוקן אויף אים ווי אויף אַ העכערן מין פון מענטשלעכן וועזן, און באַמיען זיך צו געווי־נען זיין סימפּאַטיע דורך אונטערטעניקייט און חניפה, פאַר אַזאַ באַאַמטן זיינען די אידן אין ארץ־ישראל אַ נייע און אַן אומבאַקוועמע דערפאַרונג. אַנשטאָט צו בעטן טובות, ווי עס טוען „אָרנטליכע נייטיווס״, פאַרלאַנגען זיי רעכט; די אידישע פירער פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען געוויינלעך הויך־געבילדעטע מענטשן, זיינען נישט געניגט צו קוקן אויף דעם ענגלישן באַאַמטן אַלס אַ העכערן סאָרט מענטש. נישט קוקנדיק אויף זיין העפליכער האַלטונג, קריגט אַמאָל דער ענגלישער באַאַמטער אין זיין באַציאונג מיט זיי דעם איינדרוק, אַז זיי ווערן נישט פאַרציטערט פון זיין מכלומרשטער איבערוועטיקייט. די דאָזי־קע אומגעוויינלעכע ערפאַרונג רייצט אים אָן אַ שעור און אָפטמאָל האָט ער אפילו אַ באַהאַלטענעם געפיל פון גייסטיקער מינדערווערטיקייט. נאַטירלעך, אונטערדריקט ער דעם דאָזיקן אויגנבליקלעכן באַליידיגענדן געפיל דורך אָק־צענטירן זיין אייגענע איבערווערטיקייט, וואָס ער זוכט אַרויסצודריקן אויף די דאָזיקע גרינגשעצנדע אידן. דאָס מאַכט אים נאָך מער אַראָגאַנט. דער איד פילנדיק די דאָזיקע באַציאונג, טייטשט עס אויס אַלס אַ באַוואוסטזיניקע פיינטשאַפט און, פון דער צווייטער זייט, ווערט דער קאָלאָניאַל־באַאַמטער נאָך עטלעכע אַזעלכע דערפאַרונגען, באַהערשט דורך אַ שטאַרקן פאַראורטייל קעגן אַלץ, וואָס אידן טוען אין ארץ־ישראל.

ס׳איז אַ גרויסער ספק צי דער דורכשניטלעכער ענגלענדער ביי זיך אין ענגלאַנד, וואָלט אָנגענומען אַזאַ שטעלונג. אָבער די ענגלישע באַאַמטע, ווי נאָר זיי פאָרן אַרויס אין אויסלאַנד, נעמען שנעל אָן אַן אַנדער שטעלונג לגבי אַ רעגירט פאָלק. דער קאָלאָניאַל־באַאַמטער איז גענוג טיכטיק אויף אַ מעכאַנישן אופן; ער פאַרשטייט אויך אין אַ געוויסער מאָס די פּסיכאָלאָגיע פון פּרימיטיווע פעלקער. ער איז אָבער וויניקער געזיכערט פאַר דורכפאַלן, ווען ער שטויסט זיך אָן אין מער דעליקאַטע סיטואַציעס, געשאַפן דורך קאָנ־טאַקט מיט מענטשן פון אַ העכערן אינטעלעקטועלן ניוואָ און מיט אַן אויסער־

געוויינלעכן קאָמפּלעקס פון פּסיכאָלאָגישע רעאַקציעס. אָפן גערעדט, שיקט טאַקע נישט שטענדיק ענגלאַנד דעם העכסטן טיפּ באַאַמטן צו רעגירן אירע ווייט־פּאַרוואָרפענע קאָלאָניעס. ד״ר האָלמס, מאַכט אין זיין אויבן־ציטירטן בוך אַזאַ אינטערעסאַנטע אָבסערוואַציע וועגן דער שטעלונג פון אַ טייל ענג־לישע באַאַמטע מיט וועמען ער האָט געפירט געשפּרעכן אין ארץ־ישראל.

„פּונקט ווי די רוימער אין זייערע ערשטע באַגעגענישן מיט קריסטן, באַקומען די ענגלענדער אין זייערע קאָנטאַקטן מיט אידן, פון איין זייט נישט קיין גוטן און דערפאַר אַ פאַראַכטנדן איינדרוק און פון דער צווייטער זייט ווערן זיי געררייצט און ווערן אָפט פיינטלעך״.

דער לעצטער אויסדרוק פון דער ענגלישער ארץ־ישראל־פּאָליטיק, איז געווען דאָס „ווייסע פּאַפּיר״ פון 1939, וועמענס הויפּט־שטריך איז דאָס שאַפן אַ לאַגע פון אַן אייביקער אידישער מינדערהייט. אַן אויפמערקזאַמער שטודיום פון די דאָקומענטן פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג פון 1921 ביז 1939, פירט אָבער צו דער מסקנא, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק האָט שטופנווייז אָבער מע־טאָדיש געפירט צום „ווייסן פּאַפּיר״. עס זעט אויס, אַז געוויסע באַאַמטע אין קאָלאָניאַל־אָפיס האָבן פאָראויסגעזען אַזאַ דאָקומענט ווי דאָס „ווייסבוך״ נאָך מיט 15 אָדער 20 יאָר צוריק און אַז אַלע זייערע נאָכפאָלגנדע אַקציעס זיינען געווען אַ געדולדיקע צוגרייטונג פון דאָזיקן ציל.

עס איז דערפאַר אויפן אָרט די פראַגע, צי די ענגלישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל קען ריכטיק ווערן אויסגעטייטשט נאָר אַלס רעזולטאַט פון וועלן „אַפּיזן״ די פאַשיסטישע כוחות אין אייראָפּע. עס זעט אויס צו זיין קלאָר, אַז אַפילו איידער דער פאַשיזם און נאַציזם האָבן זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ וועלט־מאַכט, איז די טענדענץ פון דעם בריטישן באַאַמטנטום אין ארץ־ישראל געווען שטופנווייז צוריקצורופן די צו האַסטיקע און „אומפּראַקטישע״ הבטחות פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע

די קוים־באַהאַלטענע קעגנערשאַפט פון די בריטישע באַאַמטע צום גע־דאַנק פון א אידישער נאַציאָנאַלער היים, שפּיגלט זיך גאַנץ קלאָר אָפּ אין די באַריכטן פון די קאָמיסיעס, וואָס זיינען אין פאַרשידענע צייטן באַשטימט גע־וואָרן צו שטודירן די לאַגע אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער אַנטי־ציוניסטישער פאָראורטייל פילט זיך אויך אין באַריכט פון דער הייקראַפט־קאָמיסיע, וואָס האָט אונטערזוכט די לאַגע נאָכן פּאָגראָם פון מאַי, 1921. די קאָמיסיע האָט, אגב, געהאַט צווישן אירע מיטגלידער דעם זעלבן מ״ר. ליוק, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער באַטראַכט געוואָרן אַלס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די בלוטיקע געשעהענישן פון 1929. די הייקראַפט־קאָמיסיע האָט אין איר באַריכט מיט

אַ כּיוון אונטערגעשטראָכן יעדע נישט־פּאַראַנטוואָרטלעכע ערקלערונג פון געווויסע אידישע עקסטרעמיסטן וועגן די אַראַבער, איגנאָרירנדיק אין דער זעלבער צייט דעם מער־מעסיקן שטאַנדפּונקט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע ציוניסטישע פירער.

די שאו־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל נאָך די אומרוען פון 1929, איז געגאַנגען אַ שריט ווייטער, רעקאָמענדירנדיק אַ גרעסערע באַגרענעצונג פון דער אידישער אימיגראַציע און אַ פּאַקטישן פאַרבאָט פון די אידישע לאַנד־קניות. זי האָט זיך באַצויגן מיט פולן גלויבן צו די איבערגעטריבענע געשרייען פון די אַראַבישע אַגיטאַטאָרן וועגן דער מכלומר־שטער גרויסער צאָל פון „לאַנדלאָזע" אַראַבער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון באָדן דורך אידן וואָס האָבן איבן אָפּגעקויפט פון אָפּוועזנדע אַראַבישע פריצים. נאָך מער, זי האָט אויפגעפאָדערט די רעגירונג אָפּצוגעבן אַלע אירע פינאַנס־מיטלען פאַר דער באַזעצונג פון די דאָזיקע „לאַנדלאָזע", און נישט דערלויבן קיין אידישע אויסברייטערונג אין דער לאַנדווירטשאַפט, ביז די דאָזיקע אויפגאַבע וועט נישט ווערן דורכגעפירט. די מערהייט פון די מיטגלידער פון דער שאו־קאָמיסיע האָבן פּאַקטיש באַרעכטיקט די פּאָגראָמען פון 1929, דערקלערנדיק זיי בעיקר נישט מיט מאָכמעדאַנישן פאַנאַטיזם, וואָס איז אויפגעהעצט געוואָרן דורך דער פּאַטאַלער און בייזוויליקער אַגיטאַציע אַרום כותל מערבי, נאָר מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער אידישער אימיגראַציע און דורך די אידישע לאַנד־קניות.

דער מערהייט־באַריכט פון דער שאו־קאָמיסיע, אַרויסגעגעבן דורך איר אומפּאַרטייאישן פאַרזיצער און 2 פּאַרלאַמענטס־מיטגלידער — דער קאָנסערוואַטיסט, מר. בעטערטאָן און דער ליבעראַל, מר. האָפּקינס, איז שטאַרק באַקעמפט געוואָרן דורך זיין אַרבעטער־מיטגליד, דער פאַרשטאַרבענער מר. סנעל. סנעלס מינדערהייטס־באַריכט, געשטיצט אויף אַ שטאַרקער רייע פון פאַקטן און ציפערן, האָט איבערצייגנד אָנגעוויזן, אַז די אימיגראַציע האָט ניט פאַרערגערט די לאַגע פון די אַראַבישע פעלאַכן, נאָר פּאַקטיש פאַרבעסערט זייערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבנס־באַדינגונגען. זייענדיק מסכים צו דער נויטווענדיקייט צו באַזעצן די אַראַבישע „לאַנדלאָזע" אויפן באָדן, האָט ער אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אַז די מערהייט פון די „לאַנדלאָזע" האָבן פאַרלוירן זייער אייגנטום צוליב פאַרשידענע סיבות, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע. ער האָט אויך שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער אָנרעגונג, אַז די איינקומענדע אידישע קאַפּיטאַליסטן זאָלן ווערן געצוואונגען צו געבן אַרבעט אַלע אַראַבישע אַרבעטסלאָזע איידער זיי קענען אַריבערברענגען אידישע אַרבעטער פון אויסלאַנד. אַזאַ געזעץ, מיסגעברויכט דורך די אַראַבער פון די שכנותדיקע לענדער, וואָלטן געשטאַנען אין אַן אָפענער סתירה צו דער גאַנצער אידעע פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים.

סימפּסאָנס באַריכט

די אַנטי־ציוניסטישע מסקנות פון דער שאו־קאָמיסיע זיינען געוואָרן פולשטענדיק אָקצעפּטירט דורכן קאָלאָניאַל־מיניסטער, לאָרד פּאַספּילד (סידני וועב), וועמענס ווייסער פּאַפּיר איז געווען איינער פון די שעדליכסטע דאָקומענטן, וואָס זיינען ווען עס איז דערשינען וועגן אידישן ארץ־ישראל *). זיי זיינען ווייטער געוואָרן גענויער אויסגעאַרבעט אין דער פאָרם פון באַשטימטע פאָרשלאָגן דורך סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן, דעם ענגלישן קאָלאָניזאַציע־עקספּערט, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל נאָך דעם שאו־באַריכט, מיטן צוועק קלאָר צו מאַכן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אויפנאַמס־פעאיקייט פון לאַנד און די מעגלעכקייט פון ווייטערדיקער קאָלאָניזאַציע.

דער הויפּט־פעלער פון סימפּסאָנס מסקנות איז, לויט די ציוניסטישע קריטיקער, באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אָנגענומען דעם איצטיקן דורכשניט פון לאַנד, וואָס אַ פעלאַך דאַרף האָבן פאַר זיין חיונה אַלס דער אומבאַדינגטער מינימום פאַר דער צוקונפט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון שניידן דעם נויטיקן באָדן־מינימום דורך קינסטלעכע באַוואַסערונג און ראַדיקאַלע באָדן־פאַרבעסערונגען. לויט דער הערשענדער מיינונג פון עקספּערטן, איז די בעסטע צוזאָגענדסטע צוקונפט פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט געשטיצט אויף אַ הויך־אינטענסיווער באַאַרבעטונג פון קלענערע באָדן־שטחים.

זיך אָפּזאָגנדיק צו רעכענען זיך מיט דער מעגלעכער פאַרקלענערונג פון דעם מינימום־שטח דורך אינטענסיווע מעטאָדן פון באַאַרבעטן דעם באָדן, איז סימפּסאָן אומפאַרמיידלעך געקומען צום אויספיר, אַז די מעגלעכקייטן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע זיינען זייער באַגרענעצט און אַז די ווייטערדיקע באַזעצונג אויפן באָדן פון נייע אידישע אימיגראַנטן דאַרף ווערן אָפּגעלייגט ביז די אַראַבער וואָס האָבן ווייניק באָדן, אָדער זיינען אינגאַנצן „לאַנדלאָז" וועלן באַקומען זייער נויטיקן באָדן־מינימום. שפּעטער, האָט מר. לואיס פרענטש, אַן עקספּערט, וואָס מ'האָט צו דעם צוועק געבראַכט ספּעציעל אַזש פון אינדיע, איינגעשלאָסן סימפּסאָנס מסקנות אין זיין גענוי־אויסגעאַרבעטן לאַנד־אַנטוויקלונגס־פּלאַן.

די באַשלוסן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל נאָכן אויסברוך פון די אומרועז פון 1936, האָבן אין אַ גרויסער מאָס ווידערשפּראָכן די ערקלערונגען פון די פריערדיקע קאָמיסיעס. שטיי־

---

*) פאַר די אידען איז עס געווען אַן — אמת פאַרשפּעטיקטע — סאַטיספאַקציע ווען מיט 6 יאָר שפּעטער האָט דער זעלבער לאָרד פּאַספּילד, פאַרשטייענדיק אַז ער איז געוואָרן אַריינגעשלעפּט אין אַן אומגערעכטער שטעלונג צום ציוניזם, עפנטלעך פאַראורטיילט זיינע פריערדיקע אויספירונגען.

ענדיק פּנים אל פּנים מיט דער איבעראַשענדער ערשיינונג פון דער „פּראָס־פּעריטי", וואָס ארץ־ישראל האָט געגאָסן דווקא אין די יאָרן פון דער גרעס־טער אידישער איינוואַנדערונג. האָט די קאָמיסיע נישט געקענט איבערחזרן דעם אַלטן און דעם אָפּן־קאָמפּראָמיטירטן לאָזונג וועגן דעם שאָדן, וואָס די אַראַבער ליידן פון די אידישע אַריינדרייִנגער. די מיטגלידער פון דער קאָ־מיסיע האָבן דערפאַר זיך פאַרנומען אויף אַן אַנדער וועג. זיי האָבן צוגעגעבן אַן רעזערוואַציעס, אַז די אידישע איינוואַנדערונג איז געווען אַ ברכה פאַר דער ווירטשאַפט פון לאַנד און זי וואָלט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אויך ווייטער געבליבן אַזעלכע, אויב מען וואָלט דערלויבט אַ ווייטערדיקע אידישע אימיג־ראַציע. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אָנערקענט, אַז דער פּאָליטישער יסוד פון אַראַבישן ווידערשטאַנד — דער ווילן פאַר אומאָפּהענגיקייט — איז צו שטאַרק ער זאָל קענען ווערן באַזיגט דורך אַ עקאָנאָמישער מזל־ברכה. זיי האָבן פאָראויסגעזען אַ כסדרדיקן און נישט־פאַרמיידלעכן קאַמף, וואָס קען נישט ווערן געמילדערט דורך קעגנזייטיקע קאָנצעסיעס. די קאָמיסיע האָט אָפן צוגעגעבן, אַז דער דאָזיקער מצב איז אַ רעזולטאַט פון די ענגלישע וואַק־לעניש און ער איז געוואָרן באַדייטנד פאַרערגערט דורך דעם איינדרוק וואָס די אַראַבער האָבן באַקומען, אַז ענגלאַנד באַטראַכט זיך נישט ענדגילטיק פאַרפליכטעט צו שאַפן אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. דאָך איז די קאָמיסיע געווען גענייגט צו האַלטן, אַז דער אָנגעמאַכטער שאָדן לאָזט זיך מער נישט פאַרריכטן. זי איז דערפאַר געקומען צום אויספיר, אַז דער מאַנ־דאַט איבער ארץ־ישראל איז ווייטער מער נישט אַרבעטספעאיק און אַז די צעטיילונג פון לאַנד אויף אידישע און אַראַבישע מלוכות וואָלט געווען די איינ־ציקע אָננעמבאַרע לייזונג.

די קאָמיסיע האָט אַקצעפּטירנדיק דעם „צוואַנג פון אומשטענדן" אַלס איר יסודותדיקע הנחה, שוין ווייטער געגאַנגען אויפן זעלבן וועג אויך אין אַקטועלן פּלאַן פון צעטיילונג. אַזוי ווי די הויפּט־שוועריקייט דורכצופירן דעם צעטיילונגס־פּלאַן האָט אויסגעזען צו זיין דאָס באַקומען דערפאַר די אַראַבישע הסכמה, האָט מען אָנגעצייכנט אַזעלכע גרענעצן פאַר דער פאָרגעשלאָגענער אידישער מלוכה, וואָס זאָל געבן די אַראַבער די פולע קאָנטראָל איבער דעם גרעסטן טייל פון לאַנד. דער באַריכט פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט נאָכ־געפאָלגט די זעלבע טענדענץ נאָך אין אַ גרעסערער מאָס.

דאָס „ווייסע פּאַפּיר" פון מאַי, 1939, איז געווען די לאָגישע פאָרזע־צונג פון דער דאָזיקער פּשרה־פּאָליטיק. פּונקט ווי די קעניגלעכע קאָמיסיע, האָבן די מחברים פון „ווייסן פּאַפּיר" אָפן אָנערקענט די ברכה־ברענגענדע רעזולטאַטן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אויף דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט, דאָך האָבן זיי באַרעכטיקט זייערע פאַרגעלייגטע מאָסנאַמען לויט

דער טעאָריע פון „רעכט פון שטאַרקערן“. ענגלאַנד, האָבן זיי געטענהט, האָט נישט געוואָלט פאַרזאַמען די אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים ווייל דאָס שטייט אין קעגנזאַץ צו די אַראַבישע פאַרלאַנגען. פאַקטיש איז דאָס געווען זייער איינציקער אַרגומענט פאַר „פאַרפרירן“ די גרויס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל און דאָס שטופנווייזע איבער־געבן די אַראַבער די פּאָליטישע קאָנטראָל איבערן לאַנד.

ארץ ישראל און די בריטישע זיכערקייט

זעט אויס, אַז די פּאָליטיק פון „ווייסן פּאַפּיר“ איז געווען בעיקר גע־שטיצט אויפן גלויבן פון פיל ענגלישע באַאַמטע, אַז די אַראַבער וואָלט מען געקענט לייכטער געווינען, ווען עס וואָלט נישט עקזיסטירט די באַלפור־דעק־לאַראַציע און אירע פּאָליטישע אימפּליקאַציעס. דער דאָזיקער גלויבן איז אָבער נישט געשטיצט אויף אַ פעסטגעשטעלטן פאַקט. אפילו ווען מיר זאָלן אַריינגעמען אין חשבון די פאַרצייגענע אומרוען פון 1936, האָט ארץ־ישראל געגעבן די ענגלענדער ווייניקער „טראָבל“ ווי איראַק, וואו ס׳האָט נישט עק־זיסטירט אַזאַ קאָמפּליקאַציע ווי דאָס אידישע פּראָבלעם. אין איין אויפשטאַנד אין איראַק, אין זומער, 1920, זיינען געפאַלן מער קרבנות ווי אין אַלע אומרוען אין ארץ־ישראל זינט דעם ערשטן וועלט־קריג. לויט אָפיציעלע ציפערן, האָט די צאָל דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע אַראַבער אין דאָזיקן איינציקן אויפ־שטאַנד קעגן דער ענגלישער הערשאַפט, באַטראָפן 8,450, בעת די ענגלענדער האָבן פאַרלוירן 876 טויטע און 1,228 פאַרוואונדעטע. די מיליטערישע פאַר־לוסטן בעת דער פראַנצויזישער פאַציפיקאַציע פון סיריע זיינען געווען נאָך גרעסערע. ארץ־ישראל האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ פאַרלוסט אין פאַר־לוירענע לעבנס. פון דעם וואָפנשטילשטאַנד אין סוף פון ערשטן וועלט־קריג, ביז די אומרוען אין 1936־1938, זיינען געהרגעט געוואָרן גאַנץ ווייניק ענגלישע זעלנער, און אפילו בעת די לעצטע אומרוען זיינען די ענגלישע פאַרלוסטן געווען אַן ערך קלענער ווי די פאַרלוסטן בעתן אויפשטאַנד אין איראַק, אין 1920, און אין פראָ־נאַצישן אויפשטאַנד אין זעלבן לאַנד, אין 1941.

אין ליכט פון די דאָזיקע אומאָפּפרעגבאַרע פאַקטן, מוזן די געשרייען פון די ענגלישע קאָלאָניאַל־באַאַמטע וועגן די פּאָליטישע געפאַרן, וואָס זיינען אַנט־שטאַנען פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס שטעלט מכלומרשט אין געפאַר די אָרדענונג און רו אין ארץ־ישראל, אַנערקענט ווערן אַלס דער רעזולטאַט פון אַ בלינדן אַנטי־אידישן פאַראורטייל. די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע האָט געמעגט אַרויסרופן ביי די ענגלישע באַאַמטע געוויסע פּסיכאָלאָגישע אומבאַ־קוועמלעכקייטן, אָבער זי איז דאָך אַ זייער העלפנדער פאַקטאָר ביים אָפּהיטן

געזעץ און אָרדנונג אין לאַנד, בתנאי, אַז די ענגלענדער זיינען גרייט איר אויס־צונוצן פאַר דעם צוועק.

דאָך האַלטן די מיינסטע ענגלישע באַאַמטע ווייטער אונטער די מיינונג, וואָס איז לחלוטין נישט באַזירט אויף פאַקטן, אַז ענגלאַנד האָט גענומען אויף זיך אַ צו שווערע משא צוזאָגנדיק צו שאַפן אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל און זי איז דערפאַר באַרעכטיקט אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע משא אויסנוצנדיק דערפאַר אַלע דיפּלאָמאַטישע קונצן, סאַנקציאָנירט דורך דער פּראַקטיק פון דער דורות־אַלטער קאָלאָניאַלער אַדמיניסטראַציע. אמת, דער מער־פאַראַנטוואָרטלעכער ענגלישער באַאַמטער פאַרהאַסט אַזעלכע שווינדל־שטיק און באַטראַכט עס אַלס „די הייליקע פליכט פון ענגלאַנד אָפּ־צוהיטן איר פאַרטרויען צום אידישן פאָלק”, אָבער אפילו א סך פון די דאָזיקע באַאַמטע באַטראַכטן די באַלפור־דעקלאַראַציע אַלס אַ פעלער, וואָס דאַרף קאָ־רעגירט ווערן אויף עפּעס אַ „בכבודיקן אופן”.

אימיגראַציע און וואוילשטאַנד

די ארץ־ישראלדיקע אידן זענען נישט קיין באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ שטע־לונג מצד ענגלאַנד. זיי וואַרפן אָפּ אָנטשידן די קנאַפּ־האַרציקע פּריינטשאַפט פון די לאַנדאָנער פּאָליטישענס, וואָס פאַזירן אַלס גרויסע בעלי־טובות פון אי־דישן פאָלק, ווי פון די לאָקאַלע פּאַלעסטינער באַאַמטע מיט זייער שלעכט־פאַרמאַסקירטן בייזוויליקן צוגאַנג צו אידן. זיי ווייזן אָן מיט שטאָלץ, אַז ארץ־ישראל איז זיכער דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וועמענס בודזשעט ווייזט אַ באַדייטנדן איבערפלוס אפילו אין די ערגסטע יאָרן פון עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס, טראָץ דעם וואָס, עס זיינען אין דער צייט נישט איינגעפירט געוואָרן קיין נייע שטייערן און די מיינסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע שטייערן פון די פעלאַכן זיינען צוליב אומגערעטעניש געשאַנקן געוואָרן. אויסער דעם דאָ־זיקן באמת דערשטוינענדן פאַקט, איז ארץ־ישראל דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט כסדר פאַרגרעסערט זיין אויסערן־האַנדל אין די שווער־סטע יאָרן פון וועלט־קריזיס. אין דער פאַרבינדונג, איז זייער אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט די ארץ־ישראלדיקע רעגירונגס־בודזשעטן; זיי ווייזן אַ גרויסן איבערפלוס אין די יאָרן פון גרויסע אידישע אויפטוען און אַ דראַסטישע ירידה אין הכנסות אין די יאָרן, ווען די אַראַבישע אומרוען האָבן געשטערט דער אידישער אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד.

די פאָלגנדע טאַבעלע באַווייזט דאָס קלאָר:

פיסקאַל־יאָר	גאַנצע הכנסה אין פונטן	גאַנצע הוצאה אין פונטן	ריינער איבערפלוס אָדער דעפיציט
1931־32	2,783,442	2,374,862	+ 408,580
1932־33	3,015,917	2,516,394	+ 499,523
1933־34	3,985,492	2,704,856	+1,280,636
1934־35	5,452,633	3,230,010	+2,222,623
1935־36	5,770,457	4,236,207	+1,534,255
1936־37	4,640,821	6,073,502	+1,432,681
1937־38	4,897,356	7,331,646	—2,434,290
1938־39	5,937,280	5,804,854	+ 132,426
1939־40	6,868,226	6,004,738	+ 836,488
1940־41	8,478,382	7,450,355	+1,028,027

די גאַנצע הכנסה אין צען־יאָר־פעריאָד פון 1931 ביז 1941 איז געווען 51,830,006 פונט און די גאַנצע הוצאה 47,727,419 פונט. דער איבערפלוס האָט באַטראָפן 4,102,587 פונט און דאָס איז טראָץ די אומרועז אין עטלעכע יאָרן. דעם 31־טן מערץ, 1941, האָט דער אַקומולירטער איבערפלוס באַטראָפן 4,424,780 פונט, אַסומע, וואָס איבערשטייגט דעם גאַנצן עפנטלעכן חוב פון לאַנד. אפילו די שטאַרקסטע קעגנער פון ציוניזם צווישן די בריטישע באַאַמטע האָבן אָפן צוגעגעבן, אַז דער דאָזיקער מערקווירדיקער רעקאָרד איז אַ רעזול־טאַט פון דער אידישער אימיגראַציע און פון די אידישע קאָנסטרוקטיווע אויפ־טוען.

אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטן, איז גאָר־נישט קיין וואונדער, וואָס „ניר איסט ענד גרעיט בריטן", דער איינפלוסרייכער אָרגאַן פון דער ענגלי־שער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, האָט טראָץ איר געוויינלעך קילע באַציאונג צום ציוניזם, כאַראַקטעריזירט די אידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל אַלס אַ „הון, וואָס לייגט גאָלדענע אייער".

אפילו פאַרן אַרויסגעבן דאָס „ווייסע פּאַפּיר", וואָלטן אידן געוואָרן אויפגעצאָרנט, ווען ענגלישע באַאַמטע רעדענדיק וועגן ארץ־ישראל פלעגן זיך אַרויסשטעלן אַלס פילאַנטראָפן, וואָס זיינען געוואָרן די קרבנות פון זייערע פילאַנטראָפּישע נייגונגען.

לויט דער מיינונג פון די אידן, האָט ענגלאַנד גאָרנישט אויפגעטאָן פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, און אַלץ, וואָס איז דאָרט אויפגעטאָן געוואָרן פאַר די לעצטע 20 יאָר, איז דערגרייכט געוואָרן דורך אידישן קאַפּיטאַל און אידישע אָנשטרענגונגען.

„מיר הערוואָרטן נישט קיין הילף פון ענגלאַנד", האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך מיטן מחבר אַן אָנגעזעענער אַרכיטעקט אין חיפה. „אַלץ וואָס מיר ווילן פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, איז, אַז זי זאָל אויפהערן סאַבאָטירן אונזער אייגענע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. צוליב וואָס אַזאַ שטרענגע

אימיגראַציע־פּאָליטיק, אין דער צייט וואָס עס פעלן אונז פאַקטיש אויס אַר־בעטער? זאָל מען נאָר עפענען ברייטער די טויערן פון לאַנד און אָפּשטעלן די צולהכעיסדיקע באַדן־פּאָליטיק, וואָס שטערט די אַנטוויקלונג פון לאַנד. מיר וועלן שוין דאַן באַזאָרגן דאָס איבעריקע".

די אימיגראַציע־פּאָליטיק

אפילו אין די פּאַריקע יאָרן, ווען די טויערן פון לאַנד זיינען נאָך נישט געווען פאַרשלאָסן, האָט מען געהערט פיל קריטיק קעגן דער אימיגראַציע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. מען האָט געזאָגט, אַז אַ ריכטיקע אָנווענדונג פון די עקזיסטירנדע אימיגראַציע־געזעצן וואָלט דערמעגלעכט אַ גרעסערן צו־פלוס פון איינוואַנדערער. ס'איז אַ פאַקט, אַז אין דער צייט פון „פּראָספּעריטי" און אינטענסיוון הייזער־בוי זיינען געווען פיל פאַלן, ווען מענטשן וואָס האָבן געהאַט אונטערגעשריבן קאָנטראַקטן צו בויען הייזער אָדער פלאַנצן פּרדסים, האָבן געמוזט אָפּלייגן זייער אַרבעט ווייל דאָס לאָקאַלע אַרבעטס־ביוראָ האָט נישט געקענט צושטעלן די פאַרלאַנגטע צאָל אַרבעטער.

קעגן דער דאָזיקער קריטיק, רוקן געוויינלעך די אימיגראַציע־באַאַמטע אַרויס די טענה, אַז ביים באַשטימען די צאָל פון אימיגראַנטן, וואָס דאַרפן אַריינ־געלאָזט ווערן אין לאַנד, דאַרפן זיי זיך רעכענען נישט נאָר מיט אַ באַשטימ־טער גוטער עקאָנאָמישער קאָניוקטור נאָר אויך מיט דער מעגלעכקייט פון אַ עקאָנאָמישן קריזיס אין דער צוקונפט. אַזעלכע אַרגומענטן ווערן אָנטשידן אָפּ־געוואָרפן פון די פאַרשטייער פון ארץ־ישראלדיקן ישוב. זיי גלויבן, אַז דער גאַנצער וואוילשטאַנד פון לאַנד שטיצט זיך אויף אימיגראַציע און אַז איר צו־שטערנגע באַגרענעצונג וועט פאַראַליזירן דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן פון לאַנד. די ערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז קריזיסן הויבן זיך אָן אין צייטן פון אַ ירידה פון דער אידישער אימיגראַציע, נישט אין צייטן פון איר אויפשטייג.

פיל טענות רופט אויך אַרויס די שטיף־מוטערלעכע באַהאַנדלונג פון אידישע טוריסטן, וואָס ווערן כסדר פאַרדעכטיקט, אַז זיי פּרובירן אַרומצוגיין די אימיגראַציע־געזעצן כדי צו בלייבן אין לאַנד אויף שטענדיק. גאַנצע מח־נות פון טוריסטן האָט מען אָפּגעזאָגט אַריינצוקומען אין לאַנד נאָר צוליבן חשד, אַז זיי זיינען באַהאַלטענע אימיגראַנטן, כאָטש זייערע פּאַפּירן זיינען גע־ווען אין אָרדענונג, און ס'איז נישט געווען קיין קלענסטער באַוויז פון זייערע „פאַרברעכערישע כונות". ס'איז אמת, אַז אַ געוויסע צאָל פון אידישע טוריסטן זענען טאַקע געבליבן אין לאַנד, אָבער דאָס איז נישט קיין גענוגנדע סיבה אויס־צוגיסן דעם כעס אויף אַלע אַנדערע גוט־באַגלויבטע טוריסטן און זיי נישט אַריינלאָזן נאָר צוליבן דאָזיקן חשד. נאָך מער, פיל טוריסטן זיינען געבליבן אין לאַנד מיט דער בפירושער הסכמה פון דער רעגירונג, האָבנדיק צוגעשטעלט גע־

נוגנדע באַווייזן אַז זיי באַזיצן די נויטיקע סומע געלט, וואָס איז נויטיק כדי צו שטעלן זיי אין דער מדרגה פון אַ „קאַפּיטאַליסט", אָדער זיי האָבן באַקומען אַ שטענדיקן פּאָסטן, און ס'איז במילא אַוועקגעפאַלן דער חשד, אַז זיי וועלן פאַלן וועמען צולאַסט.

כדי צו שטערן טוריסטן צו פאַרבלייבן אין לאַנד אַן אַ דערלויבעניש, האָט מען אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פון יעדן טוריסט אַ משכון פון 60 פונט (360 דאָלאַר). דאָס געלט האָט געדאַרפט ווערן איינגעצאָלט איידער מען באַקומט די וויזע און איז געוואָרן פאַרפאַלן אויב דער טוריסט בלייבט אין לאַנד, נאָך דעם ווי זיין וויזע — געוויינלעך אַ 3 חדשים'דיקע — איז אויסגעגאַנגען.

פון אַדמיניסטראַטיוון שטאַנדפּונקט איז עס, בלי שום ספק, אַ גאַנץ שוואַכער מיטל צו שטערן טוריסטן צו פאַרבלייבן אין לאַנד נאָך דער ער־לויבטער צייט. עס בלייבט נאָר די פראַגע, צי אַ לאַנד ווי ארץ־ישראל, וועמענס עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון טו־ריסטן־פאַרקער, קען זיך ערלויבן צו שטערן דער טוריסטיק דורך אַזעלכע מיטלען. דער געוויינלעכער טוריסט האָט, אפילו ווען ער האָט נישט די מינד־סטע כוונה צו בלייבן אין לאַנד, ווייניק חשק איינצולייגן אַ געלט־גאַראַנטיע פאַרן רעכט צו באַזוכן ארץ־ישראל, אין דער צייט ווען אין אַלע אַנדערע לענ־דער איז ער זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט...

נאָך מער טענות האָט מען קעגן די אומגעהויער שטרענגע מיטלען וואָס מען נעמט אָן קעגן אידן, וואָס ווערן געכאַפּט ביים פאַרזוך אַריבערצוגיין אומלעגאַל די גרענעץ, אָדער וואָס ווערן אַרעסטירט נאָך דעם ווי ס'איז זיי געלונגען זיך דורכצוגנבענען אַהין. נישט נאָר ווערן די אומגליקלעכע אַרויס־געשיקט, נאָר מען פאַרמשפּט זיי נאָך דערצו פאַר דעם אַרויסשיקן אויף עט־לעכע חדשים תפיסה. דער פאַקט וואָס אַזעלכע אומלעגאַלע אימיגראַנטן, וואָס האָבן נאָך אַלעמען נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן פון מאָראַלישן שטאַנד־פּונקט, ווערן געהאַלטן צוזאַמען מיט פּראָסטע גנבים און רויבער, רעגט שטאַרק אויף די אידישע באַפעלקערונג פון לאַנד.

אַלס לעצטער באַווייז פון דער פיינטלעכער שטעלונג פון דער ענג־לישער אַדמיניסטראַציע צו אידישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל, ווייזן אָן די קריטיקער אויף דער ווייכקייט מיט וועלכער די זעלבע אַדמיניסטראַציע באַציט זיך צו די אַראַבישע אימיגראַנטן, וואָס גייען איבער די לאַנד־גרענעצן פון סיריע, עבר הירדן און עגיפּטן, — אַ מילדקייט, וואָס שטייט אין אַ שריי־ענדן קעגנזאַץ צו דער אויסערגעוויינלעכער שטרענגקייט וואָס מען ווייזט אַרויס ביים אָנווענדן די אימיגראַציע־געזעצן קעגן אידישע אימיגראַנטן און טוריסטן. פּאַקטיש, קען יעדער בעדואין, וואָס וויל אַריינקומען קיין ארץ־ישראל דאָרט זוכן אַרבעט אָדער געפינען דאָרט בעסערע פּאַשע פאַר זיין סטאַדע, עס טאָן אָן איבעריקע שוועריקייטן. די לאַנד־גרענעצן פון ארץ־ישראל זיינען

צו אויסגעשפרייט, מען זאָל זיי קענען באַוואַכן ביי יעדן פונקט, און די גרענעץ־וואַכן, ס׳רוב אַראַבער, מאַכן אַ קלאָרן אונטערשיד צווישן אַראַבישע איינוואוינער פון די שכנותדיקע לענדער און אידישע אימיגראַנטן פון יענער זייט ים.

די פּאַקטישע פרייע אַראַבישע אימיגראַציע פון סיריע און עגיפּטן האָט באַקומען אַ לעגאַלע רעגירונגס־הסכמה אין פאַל פון עבר הירדן. דאָס איז קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער דריטער סעסיע פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע אין יוני, 1933. אויף דער פראַגע פון דייטשן קאָמיסיע־מיטגליד, מ. רופּעל, צי די ציפער פון 212 מאַכמעדאַנישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַנגעגעבן געוואָרן אין באַריכט פון פאַריקן יאָר, איז קלענער פון דער ווירקלעכקייט און צי מיינט דאָס נישט, אַז די אימיגראַציע איבערן ירדן ווערט נישט קאָנטראָלירט, האָט מר. יאַנג, דער פאָרטרעטער פון דער ארץ־ישראל רעגירונג געענטפערט בזה הלשון:

„די דערקלערונג איז ריכטיק. אַראַבער וואָס קומען פון עבר־הירדן דאַרפן נישט האָבן קיין פּאַספּאָרטן״ *).

בדרך אגב, מוזן אידן, וואָס קומען אַריבער פון ארץ־ישראל קיין עבר־הירדן דורכגיין שטרענגע פאָרמאַליטעטן, און די רעגירונג, לויט דער אָפענער דערקלערונג פון מר. יאַנג ערמוטיקט נישט זייער באַזעצונג אין עבר־הירדן...

באָדן־פּאָליטיק

אַ שאַרפע קריטיק הערט מען אויך קעגן דער באָדן־פּאָליטיק פון דער ארץ־ישראל רעגירונג, וואָס האָט נאָך לאַנג פאַרן אַרויסגעבן דאָס „ווייסע פּאַפּיר״, געמאַכט אַלץ מער שווער פאַר אידן צו קויפן באָדן ביי אַראַבער. אַזוי, למשל, איז געוועזן אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט אַראָפּצוזעצן פון באָדן אַרענדאַטאָרס, וואָס זיינען אויפן לאַנד בערך אַ קורצע צייט. דאָס געזעץ ווערט אפילו אַנגעווענדעט אין געוויסע פאַלן אויף בעדואינער, וואָס האָבן פאַרנומען דעם באָדן צו פּאַשן דאָרט זייערע בהמות, אפילו נישט צאָלנדיק קיין רענט צום לאַנד־באַזיצער.

אַנערקענענדיק די מעלות פון אַזאַ געזעץ פון אַלגעמיין־סאָציאַלן שטאַנדפונקט, פרעגן אָבער די אידישע קריטיקער, פאַרוואָס ווערט נישט איינגעפירט אַ ענלעך געזעץ אין ענגלאַנד אָדער אין אַנדערע בריטישע דאָמיניאָנס, וואָס האָבן בדרך כלל דערגרייכט אַ פיל העכערע שטופע פון סאָציאַלער געזעצגעבונג? פאַרוואָס האָט מען גראַד אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד ווי ארץ־ישראל, אַ געוועזענע טערקישע פּראָווינץ, וואו 75 פּראָצענט פון דער מאַכמעדאַנישער

---

*) „רעפּאָרטס אָוו דהע פּערמאַנענט מאַנדייט קאָמישאָן״, סעשאָן 23, ז. 103.

באַפעלקערונג באַשטייט פון אַנאַלפאַבעטן, אַזוי ראַדיקאַל אָפּגעטרעטן פון די געוויינלעכע באָדן־געזעצן פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער?

פון דער צווייטער זייט, אויב מען האָט ארץ־ישראל שוין יאָ אויסגע־קליבן אַלס אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר העכסט פּראָגרעסיווע באָדן־געזעצן, טאָ פאַרוואָס פּירט מען אויך נישט איין אַ פּראָגרעסיוון סיסטעם פון באָדן־שטייער, וואָס זאָל פאַרבאָטן די גרויסע לאַנד־באַזיצער אַנצוהאַלטן גרויסע שטרעקעס לאַנד און נישט באַאַרבעטן זיי?

ערשט אין די לעצטע יאָרן איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין ארץ־ישראל דער אַלט־פּרענקישער לאַנד־שטייער „עשור", וואָס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין טערקיי נאָך מיט פיל יאָרן צוריק. לויטן דאָזיקן סיסטעם, איז די גאַנצע שטייער־לאַסט געליגן אויף די פּלייצעס פון די פּאַקטישע באַאַרבעטער פון באָדן, בעת די גרויסע לאַנד־באַזיצער וואָס האָבן ריזיקע אומבאַגרענעצטע באָדן־שטחים זיינען אינגאַנצן געוואָרן באַפרייט פון דער שטייער־פליכט. דאָס דאָזיקע מיטלאַלטערלעכע שטייער־סיסטעם וואָלט, למשל, באַפרייט אין אַמע־ריקע אַ פרייען פּלאַץ אויף דער פינפטער עוועניו אין ניו יאָרק פון יעדער שטייער־פליכט, אָדער פאַרלאַנגט נאָר אַ נישטיקע שטייער־סומע, און דער מאַ־טיוו וואָלט געווען: דער אייגנטימער האָט נישט קיין הכנסה פון זיין באָדן.

ווען די רעגירונג האָט ענדלעך באַשלאָסן אָפּצושאַפן דעם מעשר און איינפירן אַ ניי שטייער־סיסטעם, איז דער באָדן געוואָרן איינגעטיילט אין עט־לעכע קאַטעגאָריעס, און די שטייערן זיינען געוואָרן באַשטימט אומאָפּהענגיק פון דער גערעטעניש אין געגעבענעם יאָר. אַ שטודיום פון די שטייער־ראַטן באַווייזט, אַז אַלע סאָציאַלע חסרונות פון טערקישן „עשור" זיינען פּאַקטיש גע־בליבן אין דעם נייעם, מכלומרשט מאָדערנעם סיסטעם. די גרעסטע לאַסט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אייגנטימער פון ציטרוס־פּלאַנצונגען, אין דער צייט, ווען נישט־באַאַרבעטער באָדן בלייבט שטייער־פריי.

ס'איז טאַקע אמת, אַז פּרדסים ברענגען אין נאָרמאַלע צייטן מער איינ־קונפט, איידער אַנדערע סאָרטן פון אַגריקולטור, אָבער זייערע אייגנטימער האָבן דערפאַר באַרייכערט דאָס לאַנד מיט זייערע פּראָדוקטיווע אינוועסטיציעס. זיי האָבן אגב, דירעקט אָדער אומדירעקט, באַצאָלט גאַנץ גרויסע שטייערן; דער בענזין, וואָס איז פאַרברויכט געוואָרן ביי דער קינסטלעכער באַוואַסערונג פון די יונגע פּרדסים, האָט געגעבן דער רעגירונג מער ריינע איינקונפט אַלס דער „עשור" פון אַלע פעלדער אין לאַנד. פון דער צווייטער זייט, ווערט דער אומבאַאַרבעטער באָדן, נישט ברענגענדיק אפילו קיין דירעקטע איינ־קונפטן, אַלץ טייערער, און די דאָזיקע העכערונג פון זיין ווערט איז צום גרויסן טייל צו פאַרדאַנקען דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אין וועלכער די רעגירונג מיט אירע אויסגאַבן האָט אַ היבשן חלק. ביי אַזאַ לאַגע זעט נישט אויס עס זאָל זיין אַ גערעכטע סיבה, פאַרוואָס די אייגנטימער פון די דאָזיקע

אומאַנטוויקלטע באַדן־שטחים זאָלן נישט טראָגן אַ געהעריקן טייל פון די שטייער־לאַסטן.

אַלענפאַלס בלייבט דער ווידערשפּרוך צווישן די העכסט פּראָגרעסיווע געזעצן וועגן די אַרענדאַטאָרן און די העכסט־רעאַקציאָנערע לאַנד־שטייערן, אויך נאָך דער אָפּשאַפונג פון „עשור", און דאָס רופט אַרויס אַ סך אומצופרידנהייט צווישן די אידישע פּירער פון ארץ־ישראל. די הערשנדע מיינונג צווישן די אידן אין ארץ־ישראל איז, אַז אויב די אָפּוועזנדע לאַנד־באַזיצער זאָלן מוזן צאָלן באַדייטנדע שטייערן פאַר נישט־באַאַרבעטן באָדן, וואָלטן זיי נישט געקענט זיך פאַרגינען צו ספּעקולירן מיט פּוסטן לאַנד, וואַרטנדיק אויף העכערע פּרייזן און זיי וואָלטן עס געמוזט פאַרקויפן צו ווירקלעכע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען גרייט עס צו באַאַרבעטן און אַנטוויקלען דערמיט די פּראָדוקציע פון לאַנד.

„מיר זיינען גרייט אָנצונעמען די העכסט־פּראָגרעסיווע באָדן־געזעצן", האָט מיר געזאָגט איינער פון די אידישע פּירער, „אָבער בתנאי, אַז דער דאָזיקער פּראָגרעס זאָל באַנוצט ווערן אויך דעמאָלט, ווען ער איז אין אידישע אינטערעסן און נישט אויסשליסלעך דאַן, ווען ער ווירקט קעגן אונז. עס שיינט אָבער, אַז אונזער רעגירונג ווערט דאַן פּראָגרעסיוו, ווען דאָס קען שאַטן דער אידישער קאָלאָניזאַציע, און זי בלייבט עקסטרעם־רעאַקציאָנער, ווען דער פּראָגרעס וואָלט געדינט אונזערע אינטערעסן".

איבערגעטריבענער יושר

קיינער פון די אידישע פּירער מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען צו דיסקוטירן די פראַגע, איז נישט אַרויסגעטרעטן קעגן פּרינציפּ פון גערעכטער אַנטשעדיקונג פאַרן אַרענדאַטאָר, וואָס מוז פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן דורכן אייגנטימער. אַזאַ אַנטשעדיקונג האָט מען פריוויליק געצאָלט נאָך אין ערשטן פּעריאָד פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע און עס הערשט אַן אַלגעמיינע גרייטקייט צו העכערן די סומע אויף אַ גענוגנדן אופן, אַזוי, אַז דער אַרענדאַטאָר זאָל זיך קאָנען באַזעצן אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אָדער גאָר קויפן אַ ווירטשאַפט אין אַ שכנותדיק לאַנד, וואו די לאַנד־פּרייזן זיינען אַ סך נידעריקער ווי אין ארץ־ישראל. זיי קלאָגן זיך אָבער, אַז די אָרטיקע גאָווערנערס און דיסטריקט־אָפיסערס באַהאַנדלען אַזאַ לאַנד־סכסוך צווישן אידן און אַראַבער אויף אַ העכסט־פּאַרטייאישן און ווילקירלעכן אופן, איגנאָרירנדיק אינגאַנצן די געזעצלעכע אייגנטום־רעכט. אין אַ געשפּרעך מיטן מחבר, האָט מ. מ. אוסישקין, דער פאַרשטאָרבענער פּירער פון קרן־קימת, אַזוי פאָרמולירט די אידישע טענות:

„אין יעדן ציוויליזירטן לאַנד איז אָנגענומען, אַז ווען איינער האָט עפּעס אַ תביעה אויף באָדן, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדערן, דאַרף ער גיין אין גע־

ריכט; און דערוויל שיצט די פּאָליציי דאָס רעכט פון מאַן, וואָס האָט דעם פאַרמעלן פּאַרקויפס־קאָנטראַקט אויפן באָדן.

„אין ארץ־ישראל איז עס אבער אַנדערש. דאָ קען אַ באַנדע פון בעדואינער פאַרנעמען צו יעדער צייט אַ שטיקל אידיש לאַנד, וואָס איז נאָך נישט באַארבעט, טענהנדיק, אַז ס'איז אַמאָל באַארבעט געוואָרן דורך אַראַבער פון זייער שבט. אנשטאט צו פאַרטרייבן די בעדואינער פונם לאַנד און הייסן זיי זיך ווענדן צום געריכט, אַנטשיידעט אָפט דער דיסטריקט־פּאַרוואַלטער, אַז די בעדואינער זאָלן בלייבן אויפן באָדן, ביז דאָס געריכט וועט זיך ענטגילטיק פּאַנאַנדערקלייבן אין זייערע טענות. אין בעסטן פאַל באַשליסט ער, אַז ביידע צדדים זאָלן דערוויל נישט באַארבעטן דאָס לאַנד, וואַרטנדיק אויפן ענדגילטיקן אורטייל פון געריכט. און דערנאָך, ווען מיר געווינען שוין דעם משפּט, וואָס געדויערט געווינלעך עטלעכע יאָר, יאָגט זיך אויך נישט די רעגירונג צו דערוויטערן פון לאַנד די בעדואינער, וואָס האָבן עס פאַרנומען אָן די מינדעסטע רעכט. זי קומט אנשטאט דעם צו אונז מיט אַ פאָרשלאָג וועגן פאַרמיטלונג. אַלס רייכע מענטשן, זאָגט מען אונז, זאָלן מיר געבן די אָרעמע בעדואינער עפּעס אַן אַנטשעדיקונג איידער זיי וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס האָט קיינמאָל צו זיי נישט באַלאַנגט. און ענטשעדיקונג פאַרוואָס? פאַר נוצן עטלעכע יאָר אונזער לאַנד אָן אַרענדע־אָפּצאָל און אָן דעם מינדסטן יורידישן גרונט.

„איצט שטעלט זיך פאַר, — האָט וויטער פאַרגעזעצט אוסישקין מיט אַלץ וואַקסנדער פאַרביטערונג, — אַז איר קומט אין מיין הויז, פאַרנעמט אַ צימער, און זאָגט, אַז עס געהערט צו אייך אויפן גרונט פון ווירקלעכע אָדער איינגערעדטע רעכט. די פּאָליציי, אנשטאט ארויסצושטעצן אייך, און הייסן אייך גיין צום משפט, צווינגט מיך צו אַנערקענען דעם סטאַטוס קוואָ פון אייער אַריינדרינגונג און איך בין דאָס דער יעניקער, וואָס מוז גיין צום געריכט באַווייזן מיין אייגנטום־רעכט. אָט אַזוי ווערן לאַנד־סכסוכים באַהאַנדלט אין ארץ־ישראל.

„בדרך אגב, האָט ער געענדיקט זיין שמועס, — איז דאָס נישט דער אַלגעמיינער מנהג, וואָס ווערט אויטאָמאַטיש אָנגעווענדעט אין אַלע לאַנד־קאָנפליקטן. קיינמאָל וואָלט מען אַזוי נישט באַהאַנדלט אַן אַראַבישן לאַנד־אייגנטימער. ווען בעדואינער זאָלן זיך אויפן זעלבן אופן אַריינכאַפּן אויף אַן אַראַבישן שטיק באָדן, וואָלט די פּאָליציי זיי באַלד פאַרטריבן, נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע טענות. די דאָזיקע אומגעזעצלעכע פּראַקטיק ווערט אָנגעווענדעט נאָר כלפּי אידן".

אַן אַנדער איד אין ארץ־ישראל האָט מיר דערציילט וועגן אַ געוויסן אַראַבישן שבט, וואָס האָט געמאַכט די פאַרכאַפּונג פון אידישן באָדן פאַר אַ פּראָפיט־ברענגענדע באַשעפטיקונג. דער שבט שטעלט אויף זיינע ביידלעך

נאענט צו אידישע קאלאניעס, זוכענדיק ערגעץ־וואו א נישט־באארבעט שטיקל לאנד, וואס מ׳קען פארכאפן און טענהן אז דאס האט פריער געהערט צום שבט. אויב דאס געלינגט זיי, קריגן זיי געוויינלעך א געוויסע אנטשעדיקונג פון אי־דישן אייגנטימער, וואס איז גלייכער צופרידן צו האבן א באשרענקטן פארלוסט איידער ארייַנלאזן זיך אין לאנגע משפטים. נאך אזא „אויסגלייך״ וואנדערן זיי ווייטער, זוכענדיק א צווייטע גינסטיקע געלעגנהייט צו פארכאפן א שטיק באדן וואס „האט אמאל געהערט צו זיי״.

— „אין אמעריקע רופט איר דאס „רעקעט״, — האט מיר געזאגט א קאלאניסט, וועלכער איז א פלייסיקער לייזער פון א ניו־יארקער אידישער צייטונג.

אין נארמאלע אומשטענדן וואלט אזא לאנד־פאליטיק בכלל אוממעג־לעך געמאכט יעדע ווייטערדיקע קאלאניזאציע־טעטיקייט. אבער דער אידי־שער דראנג נאך ארץ־ישראל איז אזוי שטארק, אז די אימיגראנטן זיינען גרייט צו צאלן פארן באדן אין ארץ־ישראל פינף און מער מאל אזוי פיל, איידער עס וואלט געקאסט פרוכטבארער באדן פון דער זעלבער קוואליטעט אין די ארו־מיקע לענדער. דער דאזיקער איבערטריבענער פרייז איז גענוג הויך, כדי צו דעקן אויך די קאסטן פון כל־ערליי נגישות און „רעקעטס״.

עפנטלעכע ארבעטן

אן אנדער סיבה פון דער אידישער אומצופרידנהייט איז די אומגע־נוגנדע צאל פון אידן וואס ווערן באשעפטיקט אויף רעגירונגס־שטעלעס און ביי עפנטלעכע ארבעטן. די רעגירונג האלט זיך נישט אין די פרינציפן פון „מאקדאנאלד בריוו״, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן דעם 13־טן פעברואר, 1931, וואס האט געדארפט דינען אלס א וועג־ווייזער פאר דער ווייטערדיקער ענגלישער פאליטיק אין ארץ־ישראל. דער ציל פון בריוו, אדרעסירט צו ד״ר חיים וויצמאן, אלס דעם פרעזידענט פון דער אידישער אגענטור, איז געווען צו באזייטיקן דעם טיפן אומצוטרוי, וואס איז געשאפן געווארן אין אידישע קרייזן נאך דעם באריכט פון דער שאו־קאמיסיע און פאסווילדס „וויַיסן פא־פיר״, ביידע דאקומענטן, וואס זיינען געווען אנטשידן אומגינסטיק פאר אידן. צווישן אנדערע רעקאמענדאציעס האט דער מאקדאנאלד־בריוו פעסטגעשטעלט אז „וואס נוגע עפנטלעכע ארבעטן און שטאטישע ארבעטן, וואס ווערן פי־נאנסירט פון עפנטלעכע פאנדן, זאל גענומען ווערן אין אכט דער אידישער פארלאנג צו אן אנטשפרעכנדן טייל אין דער פאראנענער ארבעט, נעמענדיק אין באטראכט דעם אידישן ביישטייער צו די איינקונפטן פון דער רעגירונג״.

וואלט די צאל פון אידישע ארבעטער, באשעפטיקט אין רעגירונגס־ארבעטן אנטשפראכן דעם אידישן אנטייל אין די רעגירונגס־הכנסות, וואלטן

אידן געדאַרפט האָבן, לכל הפחות, אַ פולע העלפט פון אַלע באַשעפטיקטע. קיין פאַראַנטוואָרטלעכער אידישער פירער דערוואַרט נישט אַז מאַקדאָנאַלדס הבטחה זאָל ווערן פאַרווירקלעכט אין בוכשטעבלעכן זין. זיי דערוואַרטן אָבער, אַז דער אידישער פּראָצענט אין די רעגירונגס־אַרבעטן זאָל באַטרעפן לכל הפחות 33 פּראָצענט, וואָס אַנטשפּרעכט דעם פּראָצענט־זאַץ פון די אידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. פאַקטיש אָבער איז דער פּראָצענט פון אידישן אַנטייל אין די עפנטלעכע רעגירונגס־אַרבעטן פיל נידעריקער ווי זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אַ ענליכער מצב הערשט אין דער פּאָליציי, און אין דער גרענעץ־וואַך פון עבר־הירדן, וואָס ווערט בעיקר אויסגעהאַלטן פון ארץ־ישראלדיקע מיט־לען. אין 1936 זיינען אין די דאָזיקע ביידע פּאָליציי־איינהייטן געווען נאָר 397 אידן, אָדער 10 פּראָצענט אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 3,924. בילדענדיק 33 פּראָצענט פון דער ארץ־ישראלדיקער באַפעלקערונג, האָבן די אידן גע־בילדעט נאָר 10 פּראָצענט פון דער פּאָליציי און די זיכערהייטס־כוחות פון לאַנד. אין 1938 — אין דריטן יאָר פון די אַראַבישע אומרוען, ווען די ארץ־ישראל־רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו באַזייטיקן, טראָץ איר פּראָ־אַראַ־בישן פאָראורטייל, אַ טייל אַראַבישע פּאָליציאַנטן און אַנגאַזשירן אויף זייער אָרט ענגלישע פון אויסלאַנד געבראַכטע פּאָליציאַנטן, איז דער אידישער פּראָ־צענט אין די פּאָליציי־כוחות נאָך אַלץ געווען נידעריקער פון זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. עס זיינען דאַן געווען 766 אידישע פּאָ־ליציאַנטן אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 5,704, דאָס הייסט 13.4 פּראָצענט.

ענלעכע טענות ווערן געהערט וועגן דער נישט־גענוגנדער באַשעפ־טיקונג פון אידן אין דער פּאָסט, טעלעפאָן און טעלעגראַף, אויף די באַנען און אין אַנדערע צווייגן פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט.

די רעגירונג אַלס אַרבעטסגעבער

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די א״י־רעגירונג איז דער גרעסטער אַרבעטס־געבער פון לאַנד. צוזאַמען מיט די פּאָליציי־כוחות, האָט זי באַשעפטיקט פאַרן קריג נישט ווייניקער פון 20 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע אַרבעטער אין לאַנד. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די אידישע פירער ווייזן אַרויס אַזאַ גרויסן אינטערעס צו דער דיסקרימי־נאַציע, וואָס מען ווענדעט, זעט אויס, אָן קעגן אידישע קאַנדידאַטן אויף רע־גירונגס־שטעלעס.

ווען מען פרעגט העכערע ענגלישע באַאַמטע, פאַרוואָס זיינען פאַראַן אַזוי ווייניק אידן אין רעגירונגס־ביוראָס, לייקענען זיי שאַרף יעדע אבזיכט־לעכע אַנטי־אידישע דיסקרימינאַציע. זיי ערקלערן, אַז די קליינע צאָל פון

אידישע באַאַמטע דערקלערט זיך מיט דער קלײנער צאָל פון אידישע קאַנדי־דאַטן אויף רעגירונגס־שטעלעס און אַז דער פּראָצענט פון צוגענומענע צווישן די אידישע קאַנדידאַטן איז נאָך גרעסער אײדער ביי די נישט־אידן. אין אַנ־דערע ווערטער, זאָלן מער קוואַליפיצירטע אידן זיך ווענדן נאָך רעגירונגס־שטעלעס, וועט זיכער גרעסער זיין זייער פּראָפּאָרץ צווישן די רעגירונגס־באַאַמטע ווי אויך אין די עפנטלעכע אַרבעטן.

אין פלוג איז די דאָזיקע דערקלערונג אַ ריכטיקע. אידישע פירער זאָגן אָבער, אַז דער תוך פון דער פראַגע ליגט אין די גאָר־נידעריקע שכירות, וואָס ווערט געצאָלט די קלענערע רעגירונגס־באַאַמטע. לויט זייער מיינונג, באַקומען אַבזיכטלעך די ניי־אַנגאַזשירטע באַאַמטע אין דער ערשטער צייט אַזאַ נידעריקן געהאַלט, כדי די אידן זאָלן פאַרלירן דעם חשק צו גיין צו רע־גירונגס־אַרבעט.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז אנשטאַט צו צאָלן אירע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער דעם דענקבאַר נידעריקסטן לוין, אויף וועלכן עס רייסן זיך שוין איצט נישט אפילו אַראַבער, וואָלט די רעגירונג באַדאַרפט בעסער באַשטימען אַזאַ הויך פון שכירות, וואָס זאָל זיין צווישן אידישן און אַראַבישן לעבנס־סטאַנדאַרט. באַאורטיילענדיק די לאַגע לויט די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן פון דער רעגירונג, איז נישטאָ קיין סיבה פאַרוואָס די רעגירונג זאָל נישט הע־כערן די געהעלטער פון אירע אָנגעשטעלטע צו אַ מער מענטשלעכן לעבנס־ניוואָ.

אויב אָבער די רעגירונג האָט נישט קיין חשק, טראָץ איר גלענצענדע פינאַנסיעלע לאַגע, צו העכערן דעם געהאַלט פון אַלע נידעריקע באַאַמטע, זאָל זי כאָטש אַביסל העכערן דאָס געהאַלט פאַר די נידעריקע אידישע באַאַמטע. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט אַזאַ פאַרשלאָג אויסגעקוקט צו זיין אַן אומ־גערעכטע דיסקרימינאַציע קעגן די אַראַבער, אָבער אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע גיט די רעגירונג ענגלישע נידעריקע באַאַמטע כמעט אַ טאָפּלטן געהאַלט ווי אידישע און אַראַבישע באַאַמטע, וואָס האָבן די זעלבע קוואַליפיקאַציעס און פאַרנעמען די זעלבע פּאָסטענס? פאַרוואָס זאָל, למשל, אַן ענגלישער פּאָליציאַנט באַקומען גליך פון אָנהויב אַן 11 פונט אַ חודש, אין דער צייט ווען דער איד מיט דעם זעלבן אייראָפּעאישן לעבנס־סטאַנדאַרט באַקומט פאַר דער זעלבער אַרבעט נאָר 6 פונט אַ חודש? אויב די גערעכטיקייט פאַרלאַנגט, אַז אַלע רע־גירונגס־באַאַמטע, אָן אויסנאַם, זאָלן באַקומען דעם זעלבן געהאַלט פאַרן זעלבן אַמט, דאַרפן די ענגלענדער אויפהערן ווערן געשטעלט אין אַ פּריווילעגיר־טער לאַגע. אויב אָבער, פאַרקערט, אַזאַ דיסקרימינאַציע בלייבט ווייטער אין קראַפט, פאַרוואָס זאָל מען אידן און אַראַבער שטעלן אויפן זעלבן לוין־ניוואָ, און אויסקלויבן דערביי דעם סאַמע נידעריקסטן?

הגם די לוינען זיינען לעצטנס געוואָרן אַביסל געהעכערט, איז נאָך אַלץ געבליבן דער זעלבער גרויסער אונטערשיד צווישן אידישע און ענגלישע רעגירונגס־באַאַמטע פון דער זעלבער אַרבעטס־קאַטעגאָריע. דער אונטערשיד איז זאָגאַר געבליבן אויך אין מיליטער־דינסט. בעת קריג האָבן, למשל, אידישע פּריוואַטע פון ארץ־ישראל באַקומען וויניקער ווי די מאָביליזירטע ענגלישע זעלנער און די גראַטיפיקאַציעס פאַר די פאַמיליעס זיינען געווען אומבאַדינגט נידעריקער פון עקזיסטענץ־מינימום. די דאָזיקע דיסקרימינאַציע איז דערגאַנגען צו אַזאַ אַבסורד, אַז דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל וועלנדיק געבן די מעגלעך־שטאַרקסטע הילף פאַר דער קריגס־פירונג, האָט אַליין גענומען אויף זיך אַ טייל פון דער לאַסט אויסצוהאַלטן די משפּחות פון די אידישע פּריוואַטע.

רעגירונגס־בודזשעט און אימיגראַציע

בכלל באַטראַכטן עס די אידן אַלס אַ גרויסע עוולה, וואָס זיי געניסן נישט פון די רעגירונגס־אויסגאַבן אין פּראָפּאָרץ צו זייער אַנטייל אין די רעגירונגס הכנסות. זיי באַקלאָגן זיך אויף דער לחלוטין־אומגענוגנדער שטיצע, וואָס אידישע שולן און שפּיטאָלן באַקומען פון רעגירונגס־מיטלען, אין דער צייט, ווען די רעגירונג גיט אויס גאַנץ באַדייטנדע סומען אויף אַנדערע אַנשטאַלטן פון דעם מין און האָט נאָך אַ גרויסן געלט־איבערפלוס אין איר קאַסע. זיי באַטראַכטן אויך אַלס זייער נישט־יושרדיק, וואָס אידישע קאָלאָניעס קומט אָן מיט גרויסע שוועריקייטן איבערצוצייגן די רעגירונג צו באַטייליקן זיך אין די הוצאות פון פאַרבינדן די קאָלאָניעס דורך נייע וועגן מיט די מאָדערנע שאָסייען, אין דער צייט, ווען יעדער נייער וועג צו אַ אידישער קאָלאָניע ברענגט אַ באַדייטנדע פאַרגרעסערונג פון די שטייערן אויף אויטאָמאָבילן און בענזין, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין ארץ־ישראלדיקן רעגירונגס־בודזשעט.

דער אַלגעמיינער אָפּרוף פון די ענגלישע באַאַמטע אויף אַזעלכע טענות ווערט אַמבעסטן איבערגעגעבן אין אַ כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק, וואָס שטאַמט, זאָגט מען, פון הערבערט סעמועל, דעם ערשטן הויך־קאָמישאַנער פון ארץ־ישראל:

„אויב אידן ווילן ארץ־ישראל, וועלן זיי דערפאַר מער באַצאָלן, מער ווי ס'איז ווערט".

און די אידן טוען דאָס! זיי בעטן אָבער, אַז זייער גרייטקייט איבערצוצאָלן זאָל נישט ווערן צו שטאַרק מיסגעברויכט...

טראָץ די אַלע טענות און תביעות, איז די באַציאונג פון די ארץ־ישראל אידן צו ענגלאַנד — אין תוך — אַ פרייַנטלעכע. די מיינסטע אידישע פירער גיבן צו, האָבנדיק אין אויג דעם ענדגילטיקן ציל פון אַ אידישער קאָמאַנ־

ווּעלטה, אַז ס׳איז ראַטזאַם אַנצוהאַלטן ווייטער אין דער צווישנצייט אַן ענגלישן אָדער אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל. זיי גלויבן נאָך, אַז דאָס „ווייסע פּאַפּיר", ווי אַלע פריערדיקע באַגרענעצונגען, איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ מיספאַרשטענדעניש אָדער פון אַ צייטווייליקער „אַפּיזמענט"־פּאָליטיק כלפּי די אַראַבער. זיי האָפן שטאַרק אויף דעם מאָמענט, ווען ענגלאַנד, זיכער אין איר כוח, וועט אויפוואַכן צו פאַרשטיין אירע מאָראַלישע התחיבותן און איר אייגענעם אינטערעס אין אויפבוי פון אידישן היימלאַנד.

נאָך אַלץ פריינטלעך צו ענגלאַנד, פילן אָבער די אידן, אַז דאָס גאַנצע קאָנסטרוקטיווע ווערק, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט אין די לעצטע 25 יאָר איז דער רעזולטאַט נאָר פון זייערע אייגענע אָנשטרענגונגען און זיי אַנטזאָגן זיך צו פאַרשטיין פאַרוואָס זאָלן זיי ווערן באַטראַכט אַלס אַריינדרינגער און צווייט־קלאַסיקע בירגער אין זייער אייגענער צוקונפטיקער נאַציאָנאַלער היים. זיי גלויבן נאָך אַלץ, אַז ענגלאַנד — אַמאָל זייער האָפנונג און אידעאַל — וועט סוף־כל־סוף פאַרשטיין די יסודותדיקע גערעכטיקייט פון זייער זאַך און וועט נעמען מער ערנסט איר פאַרפליכטונג צו „שטעלן דאָס לאַנד אונטער אַזעלכע פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זאָלן זי־כערן די אויפשטעלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים".

קאַפּיטל זיבעצן

אידן און אַראַבער

מיט 60 יאָר צוריק, ווען די ערשטע ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן קאָלאָניזירן ארץ־ישראל, האָט די אַראַבישע פראַגע נישט אויסגעזען צו האָבן אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג, הגם ארץ־ישראל איז אפילו דאַן נישט געווען קיין גאַנץ אומבאַוואוינט לאַנד. מיט דעם אויסנאַם פון די אַלטע אידישע קהילות אין די הייליקע שטעט, איזאָלירטע ישובים פון קריסטלעכע מיסיאָנערן און אַ ביסל טערקישע באַאַמטע, איז די גאַנצע איבעריקע באַפעלקערונג פון לאַנד באַשטאַנען פון אַראַבער, מיינסטנס מאַכמעדאַנער. שטייענדיק אָבער אויף אַ גאַנץ־פּרימיטיווער שטופע פון קולטור, זיינען די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער צו יענער צייט ווייט געווען פון נאַציאָנאַלע אידעען.

דער נאַציאָנאַלער אורשפּרונג פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער איז געווען דאַן, און איז אויך איצט, אַ פראַגע פון וכוח. פיל היסטאָריקער און אַנטראָפּאָלאָגן האַלטן, אַז די מיינסטע ארץ־ישראל אַראַבער קומען נישט פון די סטעפּעס און מדבריות פון אַראַבישן האַלב־אינזל; פאַרקערט, איז אויך פאַראַן אַ סברה, אַז זיי שטאַמען גאָר פון די אַמאָליקע ידישע פויערים, וועלכע האָבן ביי די כסדרדיקע אַרויסטרייבונגען פון לאַנד, זיך ווי צוגעקלעבט צום ארץ־ישראלדיקן באָדן און זיך צוגעפּאַסט צוביסלעך צו די כסדרדיקע כוואַליעס פון די דעראָבערער פון לאַנד. די לעצטע דעראָבערער־כוואַליע האָט פאַרפלייצט ארץ ישראל צום סוף פון זיבעטן יאָרהונדערט און איז געקומען פון די גליענדע מדבריות פון אַראַבישן האַלב־אינזל, געטריבן דורכן פלאַמענדן ענטוזיאַזם פון דער נייער רעליגיע, געגרינדעט דורך מאַכאָמעד אין מעקאַ און מעדינאַ. די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, וואָס האָט ביי איר אָנהויב באַוויזן אַ דערשטוינענדע פעאיקייט צו דענאַציאָנאַליזירן דעראָבערטע פעלקער, האָט געמאַכט לייכט פאַר די דעראָבערישע אַראַבער אַרויפצולייגן דעם חותם פון זייער קולטור און שפּראַך אויף ארץ־ישראל, ווי אויף אַנדערע טיילן פון נאָענטן מזרח.

געוויסע היסטאָריקער גייען נאָך אַ שריט ווייטער און לייקענען אָפּ די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער אַראַבישער נאַציע, וואָס נעמט אַרום אַלע אַראַביש־רעדענדע לענדער. אַ ווייט־פאַרשפּרייטע טעאָריע האַלט, אַז אַראַביש איז די אוניווערסאַלע שפּראַך פונם אָריענט, וואָס שליסט נישט אויס די עקזיס־

טענץ פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע איינהייטן אין פאַרשידענע טיילן פון דער אַראַבישער וועלט. די אַראַבער פון מצרים און ארץ־ישראל זיינען, לויט דער טעאָריע, פונקט אַזוי נישט פון דער זעלבער נאַציע ווי עס זיינען עס נישט, למשל, די ענגלענדער און די אירלענדער. די אַראַבישע שפּראַך באַדייט פונקט אַזוי נישט אַ געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע אידענטישקייט ווי דאָס באַווייזט נישט די ענגלישע שפּראַך.

פונדעסטוועגן, פאַרבלייבט אַלס אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די גרויסע מערהייט פון דער ארץ־ישראלדיקער באַפעלקערונג באַטראַכט זיך אַלס אַראַבער און מוז פאַר אַלע פּראַקטישע צילן ווערן באַטראַכט אַלס אַזעל־כע.

דאָס אַראַבישע פּראָבלעם אין 19טן יאָרהונדערט

צוליב דער קולטורעלער אָפּגעשטאַנקייט פון די אַראַבער און דעם מאַנגעל פון נאַציאָנאַלן געפיל צווישן זיי, איז די באַפעלקערונג פון די אַראַ־בישע פּראָווינצן אין טערקיי באַטראַכט געוואָרן דורך די יאָר־הונדערטער פון טערקישער אונטערדריקונג ווי פּאָליטיש נישט עקזיסטירענד. אַקצעפּטי־רנדיק די דאָזיקע אָנגענומענע מיינונג, האָבן די ציוניסטישע פירער, וואָס זיינען דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן פּראָבלעם פון איינשטעלן צוקונפ־טיקע באַציאונגען מיט טערקיי און די גרויס־מאַכטן, קיינמאָל זיך נישט ערנסט פאַרטראַכט וועגן די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען אין ארץ־ישראל גופא. מיט קליינע אויסנאַמען האָט מען אָפּגעפּטרט די פראַגע מיט אַלגעמיין־ליבע־ראַלע פראַזן. אידן, אַלס פאָלק, וואָס ווערט איבעראַל גערודפט, וועלן זיך קיינמאָל נישט ערנידעריקן צו ווערן די אונטערדריקער פון אַן אַנדער פאָלק; אידן און אַראַבער געהערן צו דער זעלבער סעמיטישער ראַסע און דאַרפן לעבן ווי ברידער; ארץ־ישראל וועט ווייזן דער וועלט אַ ביישפּיל פון אמתער מענטשלעכקייט און נאַציאָנאַלער גלייכהייט א. אַז. וו.

די ווייניקע אַראַבישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן צו יענער צייט זיך אינטערעסירט מיט נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, האָבן באַטראַכט דעם ציוניזם פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן. טייל האָבן געקוקט אויפן ציוניזם ווי סתם אויף אַ פאַנטאַסטישער אידעע, וואָס רירט בכלל נישט אָן דעם פאַקטישן גורל פון די אַראַביש־רעדענדע לענדער. אייניקע האָבן דעם ציוניזם פאַרדאַמט אַלס אַ סאָרט אימפּעריאַליזם, וואָס איז פיינטלעך צו די אַראַבישע אינטערעסן. עס זיינען אָבער אויך געהערט געוואָרן פריינטלעכע און אפילו באַגייסטערטע שטימען פון אַראַבישע פירער, וועלכע האָבן געקוקט אויף דער אידישער אי־מיגראַציע קיין ארץ־ישראל, ווי אויף אַ ווערטפולן בייטראַג צו דער עקאָנאָ־מישער און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון נאָענטן מזרח.

אַט איז, למשל, אַן אויסצוג פון אַ ביכל פון פעריד קאַסאַב, אַ באַ־קאַנטער אַראַבישער שרייבער און בונטאַר, וואָס האָט געמוזט אַנטלויפן פון סיריע צוליב זיין קאַמף קעגן די טערקן:

„אויפן מזרח זיינען די אידן אין דער היים. דאָס לאַנד וועט ווערן זייער איינציק פאַטערלאַנד. זיי האָבן נישט קיין אַנדער לאַנד" *).

די אַראַבער און דער ערשטער וועלט־קריג

דער וועלט־קריג פון 1914־1918 האָט אַראָפּגעבראַכט די אַראַבישע פראַגע פון די הימלען פון אַבסטראַקטער טעאָריע צום טאָל פון פּראַקטישער פּאָליטיק. איינציקע הערשער פון אַראַבישן האַלב־אינזל האָבן גענומען אַן אַק־טיוון אַנטייל אין קריג, ס'רוב אויף דער ענגלישער זייט. אמת, זייער מלחמה־טעטיקייט איז אמווייניקסטען געווען באַאיינפלוסט דורך אידעאַליסטישע מאָ־טיוון, און אפילו לאָרענס אַליין, דער באַרימטער אָרגאַניזאַטאָר פונם „בונט אין מדבר", וועלכער איז בכלל נוטה צו אידעאַליזירן די אַראַבער, גיט צו, אַז דאָס ענגלישע גאָלד האָט געשפּילט די אַנטשיידענע ראָל אין זייער אויפשטאַנד קעגן טערקיי. ס'איז אָבער דאָך אַ פאַקט, אַז איינציקע פון ענגלאַנדס אַראַבישע פאַרבינדעטע האָבן יאָ געהאַט אַ מין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דער וויכטיק־סטער פון זיי, דער שעריף הוסיין פון מעקאַ, האָט, בעיקר געטריבן דורך די־נאַסטישע אַמביציעס, אַרויסגעקריגן אין 1916 אַ בריוו פון גענעראַל מאַק־מאַ־האָן, דעם דאַמאָלסטיקן בריטישן מיליטער־קאָמאַנדיר פון עגיפּטן, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַביסל אַ פאַרנעפּלטן צוזאָג וועגן אַ גרויסער אַראַבישער מלוכה, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע אַראַביש־רעדנדע פּראָווינצן פון טערקיי. ענלעכע צוזאָגן זיינען באַנוצט געוואָרן אין די גרעסטע שטעט פון נאָענטן מזרח מיטן צוועק אַנצופירן אַן אַנטי־טערקישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מער־קולטורעלע אַראַבער. ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט די דאָזיקע העכער־שטייענדע מינדערהייט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, וואָס האָט געפאָדערט די אומאָפּהענגיקייט און איי־ניגקייט פון די אַראַביש־רעדנדע לענדער.

פון דער אַנדערער זייט האָט דער וועלט־קריג אויפגעהויבן די אידישע האָפענונגען צום העכסטן גראַד פון ענטוזיאַזם. די באַלפור־דעקלאַראַציע מיט איר פאַרנעפּלטן און עלאַסטישן אינהאַלט, איז געוואָרן ברייט באַזונגען אַלס ענדגילטיקער צוזאָג פון אַ אידישער מלוכה. איניקע ציוניסטישע פירער האָבן פאַרלוירן די קעפּ און אין סתירה צו די אַמאָליקע דעקלאַראַציעס וועגן גלייכהייט און ליבעראַליזם, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן „ארץ־ישראל

*) פעריד קאַסאַב, די נייע אַראַבישע אימפּעריע, דער וואַטיקאַן און די מכלומרשטע אידישע וועלט־געפאַר (פראַנצויזיש), פּאַריז, 1906.

וואָס זאָל זיין אַזוי אידיש, ווי ענגלאַנד איז ענגליש און קאַנאַדע איז קאַנאַדיש״. איינער פון זיי איז אַרויסגעקומען מיט דער פאַנטאַסטישער אידעע צו באַזעצן די ארץ־ישראל־אַראַבער אין די געגנטן פון וועלכע „זייערע אור־עלטערן זיינען אַמאָל געקומען קיין ארץ־ישראל״.

אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכע האַלטונג, וואָס האָט זיך מער אויסגעדריקט אין גוזמאדיקע פּלוידעריי אײדער אין רעאַלע עוולות קעגן די אַראַבער, איז געקומען נאָר פון אַן אומבאַדייטנדער מינדערהייט און איז געוואָרן שאַרף גע־טאַדעלט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע פירער. דאָך, איז עס געוואָרן כיטרע אויסגענוצט מצד געוויסע קרייזן אויף צו שטערן די ביז דאַן פריינט־לעכע באַציאונגען צווישן די אידן און די אַראַבער. די אַראַבישע נאַציאָ־נאַליסטן האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט חשד אויף די אידן און זייער אומצוטרוי איז געוואָרן אַבזיכטלעך דערמוטיקט דורך אַ סיסטעמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע פון כוחות, וועלכע זיינען געווען אומפריינטלעך צו די אידן.

אויסלענדישע איינפלוסן

לעבנדיק צו יענער צייט אין ארץ־ישראל, האָט דער מחבר כסדר זיך אָנגעהערט מיט קלאַנגען, אַז פראַנצויזישע אַגענטן אין סיריע האָבן דערמו־טיקט די ארץ־ישראל־אַראַבער אָנצוהויבן פיינטלעכע אַקטן קעגן די אידן, אין דער זעלבער צייט, ווען אין פּאַריז האָבן ד״ר וויצמאַן און זיינע פריינט באַקומען די פייערלעכסטע פאַרזיכערונגען און סימפּאַטיע־דערקלערונגען. אויב די דאָזיקע קלאַנגען וואָלטן געווען אמת, וואָלט דער יסוד פון אַזאַ פּאָליטיק וואַרשיינלעך נישט געווען דער האַס צו די אידן נאָר דער ווילן אָנטקעגנצו־ווירקן יעדע אַנטי־פראַנצויזישע טעטיקייט פון די ענגלענדער אין סיריע. מיר טאָרן נישט פאַרזען דעם גוט־באַקאַנטן פאַקט, אַז די ענגלישע אַגענטן, האָבן באַנוצנדיק עמיר פייזאַל אַלס אַ ווערקצייג, זיך באַמיט צו ברעכן דעם סייקס־פּיקאָ־אָפּמאַך, לויט וועלכן פראַנקרייך איז געוואָרן דער בעל־הבית איבער סיריע, דורך אָנרעדן די אַראַבער צו פּראָקלאַמירן אַן אומאָפּהענגיקע מדינה אין דמשק. די פראַנצויזן האָבן גענומען נקמה דורך אונטערגראָבן די ענגלישע פּאָזיציע אין ארץ־ישראל. אַזוי אַרום זיינען די אידן געוואָרן דאָס כפרה־הינדל אינם קאַמף צווישן די גרויס־מאַכטן פאַר האָבן די אויבערהאַנט אין נאָענטן מזרח.

די ראָל פון אַ כפרה־הינדל איז שפּעטער ווידעראַמאָל צוגעפאַלן די אידן בעתן איטאַליענישן קריג אין אַביסיניע. צו יענער צייט, האָבן די ענג־ליש־איטאַליענישע באַציאונגען געהאַלטן ביי ווערן אָפּגעבראָכן. די איטאַל־יענישע ראַדיאָ־סטאַנציע אין באַרי פלעגט דאַן אַרויסשיקן טעגלעכע אַראַבישע בראָדקעסטס, הויפּטזעכלעך פול מיט אַנטי־ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע. די „אונ־

טערדריקונג פון די אַראַבער" אין פּאַלעסטינע און די „נאַציאָנאַלע געפאַר פון ציוניזם" זיינען געווען פון די באַליבטעסטע טעמען פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע אין באַרי.

ס׳איז אויך זייער וואַרשיינלעך, אַז איטאַליענישע אַגענטן האָבן געשפּילט אַ פּירנדע ראָל אין די אומרוען פון 1936־1938, וואָס איטאַליע האָט עווענטועל באַטראַכט אַלס אַ גוט מיטל אַפּצוציען די ענגלישע אויפמערקזאַמקייט פון דער לאַגע אין אַביסיניע...

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג, האָבן אויך די נאַציס אָנגעהויבן ווערן אַקטיוו פאַראינטערעסירט אין אַרויסרופן אומרוען אין ארץ־ישראל. אַרויסרופנדיק און אונטערשטיצנדיק אַנטי־אידישע באַוועגונגען איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן זיי נישט געקענט פאַרזען די מעגלעכקייטן, וואָס עס גיט זיי די אַראַבישע שנאה קעגן די אידישע אַספּיראַציעס אין ארץ־ישראל. אַראַבישע סטודענטן זיינען דערפאַר געוואָרן איינגעלאַדן קיין דייטשלאַנד, וואו זיי זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיט אַן אַזיאַטישער ווערסיע פון נאַציזם, קונציק צוגעפּאַסט צו זייער ראַסן־עמפּינדליכקייט; און די אַראַבישע צייטונגען אין ארץ־ישראל האָבן פלייסיק געדרוקט געקליבענע אויסצוגן פון היטלערס „מיין קאַמף", ספּעציעל די טיילן, וואָס באַהאַנדלען די אידן־פראַגע.

ס׳איז אַלגעמיין־באַקאַנט, אַז די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע, געצילט קעגן די ענגלענדער פּונקט אַזוי ווי קעגן אידן, האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין גאַנצן נאָענטן מזרח. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג, איז דער דורכשניטלעכער אַראַבער געווען איבערצייגט, אַז ענגלאַנד איז פאַרלוירן און אַז די צוקונפט פון דער אַראַבישער וועלט ליגט אין די הענט פון די נאַציס. דער פּראָ־נאַצישער רעוואָלט אין איראַק, אין מאַי, 1941, וואָס איז דער בולטסטער ביישפּיל פון דער דאָזיקער אַראַבישער שטעלונג, האָט געצוואונגען די ענגלענדער אַפּצוציען מיליטערישע כוחות פון די קאַמפס־פראָנטן אין קריטישסטן מאָמענט פון קריג. דער איינפלוס פון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אַלס אַ ביישטייערנדער פאַקטאָר אין דער עקסטרעמער שטעלונג פון די אַראַבישע פירער בעת דער ראונד־טייבל־קאָנפערענץ אין 1939, צענויפגערופן אין לאָנדאָן פאַרן אַרויסגעבן דאָס „ווייסע בוך", איז אויך קלאָר פון זיך אַליין.

דער וואַטיקאַן און דער ציוניזם

עס זעט אויס, אַז די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע איז, אויף וויפיל זי איז געווען געווענדעט קעגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, אויך געשטיצט געוואָרן דורך מעכטיקע רעליגיעזע אינטערעסן אויסער דעם איסלאַם. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער קאַרדינאַל באַרלאַסינאַ, דער פאַרטרעטער פון וואַטיקאַן אין ארץ־ישראל, גענומען אַן אָפענעם און אַקטיוון אָנטייל אין

דער פירערשאַפט פון דער אַראַבישער באַוועגונג, און זיינע אַנטי־ציוניסטישע אַרויסטריטן האָבן אַרויסגערופן אַ סך פירושים און פּראָטעסטן.

כדי צו זיין גערעכט, מוז מען זאָגן, אַז מיטן אויסנאַם פון דעם פאַל איז נישטאָ קיין באַצווינגענדער באַוויז פון וועלכער ס׳איז דירעקטער באַטיי־ליקונג פון וואַטיקאַן אין אַנטי־אידישער פּראָפּאַגאַנדע. ס׳איז אָבער דאָ אַ גע־נוגנדער באַווייז, אַז אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע איז דערמוטיקט געוואָרן דורך מיסיאָ־נערן פון פאַרשידענע סעקטעס אין ארץ־ישראל און דורך אויסערלעכע קער־פּערשאַפטן, וואָס האָבן געשטיצט זייער טעטיקייט.

ס׳איז נישט גאַנץ קלאָר, מיט וואָס דערקלערט זיך די קעגנערשאַפט צום ציוניזם אין די דאָזיקע קרייזן. ס׳איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס זאָל שטאַ־מען פון דער מורא פאַרן גורל פון די קריסטלעכע הייליקע פּלעצער אין ארץ־ישראל אין פאַל אַז די אידן וועלן באַהערשן דאָס לאַנד. אויב אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן די מעכטיקע און פאַנאַטישע מאַכמעדאַנישע הערשער געוויסנהאַפט געשטיצט די קריסטלעכע הייליקע ערטער אין ארץ־ישראל, זעט אויס פשוט משונהדיק און לעכערלעך די מורא, אַז גראַד די שוואַכע אידן וועלן פאַרכאַפּן די קריסטלעכע הייליגטימער. אויסער דעם וואָלט מען געקענט פאַרזיכערן אויף אייביק די אומבאַרירלעכקייט פון די הייליקע פּלעצער, דערקלערנדיק זייער פאָרמעלע אינטערנאַציאָנאַליזירונג. די אמתע סיבה פאַר דער שטיצע פון געוויסע רעליגיעזע גרופּן פאַר דער אַראַבישער באַ־וועגונג דאַרף דערפאַר ווערן געזוכט אין די פּאָליטישע אינטערעסן פון געוויסע רעגירונגען און די אויסווירקונג פון אייראָפּעאישן אַנטיסעמיטיזם אין נאָ־ענטן מזרח.

מאָסקווע און ארץ־ישראל

ווי עס זאָל נישט קלינגען מאָדנע, איז אָבער אַ פאַקט, אַז די אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז אויך געשטיצט געוואָרן דורך אַ גרופּע, וואָס שטייט אין אַלע אַנדערע פראַגן אין שאַרפן קעגנזאַץ צו די צילן און מעשים פון די מיסיאָנערן. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל, וועמענס פאַרשטייער אין ארץ־ישראל שטייען אויפן רעקאָרד אַלס אַקטיווע אונטערשטיצער פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, אויף וויפל ער איז גע־ווענדעט קעגן אידישן אויפבוי־ווערק. ווען נישט די אַלגעמיינע און זייער פאַרנעפּלטע קלאַסן־פּראַזעאָלאָגיע, וואָלטן פיל אויפרופן פון די ארץ־ישראל־דיקע קאָמוניסטן אויך געקענט אַרויסגעגעבן ווערן פון אַראַבישע שאָוויניסטן. די קאָמוניסטישע סימפּאַטיע פאַרן אַראַבישן נאַציאָנאַליזם איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט עקשנותדיק באַצייכנט די פּאָגראָמען פון 1929, וואָס זיינען געווען געריכטעט אויסשליסלעך קעגן אידן, אָן דעם קלענסטן מיין צו אַטאַ־קירן ענגלענדער — אַלס אַן „אויפשטאַנד פון די אַראַבישע אַרבעטער און

פויערים קעגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם און זיינע אידישע העלפער"...

די מאַטיוון, וואָס באַוועגן די קאָמוניסטן צו אַזאַ סאָרט פּאָליטיק אין ארץ־ישראל זיינען גאַנץ קלאָר. אויף וויפל דער קאָמאינטערן שפּיגלט אָפּ די אינטערעסן פון דער סאָוויעט־רעגירונג, איז ער צופרידן מיט יעדן אויפשטאַנד אין אַ ענגלישער קאָלאָניע אין אַזיע. חוץ־דעם, האָבן קאָמוניסטישע קאָנגרעסן כסדר זיך געהאַלטן ביי דער טעאָריע, אַז אַן אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער, אפילו ווען ער ווערט געפירט פון רעאַקציאָנערע גרופּעס, שוואַכט אָפּ די עקאָנאָמישע יסודות פון וועלט־קאַפּיטאַליזם און מאַכט דערמיט גרינגער דעם וועג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — דעם הייס־באַגערטן ציל פון מאָסקווע.

פון אַזאַ שטאַנדפּונקט ווערן די אידן אין ארץ־ישראל באַטראַכט, באַנוצנדיק אַן אויסדרוק פון אַ פאַרשטאָרבענעם רוסישן רעוואָלוציאָנער, בלויז אַלס „אייל אויף די רעדער פון דער וועלט־רעוואָלוציע".

הגם די קאָמוניסטן האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן זיך אָנגעשלאָסן אין אַנדערע קעגנער פון ציוניזם און געהעצט די אַראַבער קעגן די אידן, איז זייער פּאַקטישער איינפלוס קיינמאָל נישט געווען שטאַרק גענוג צו בילדן אַ וויכטיקן פאַקטאָר אויפן ארץ־ישראל־פראָנט. אמת, זייער אַנטי־ציוניסטישע שטעלונג האָט אַריינגעבראַכט אין זייערע רייען אַ צאָל פון יונגע אַראַבער, וועמען ס'האָט מער צוגעצויגן נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון ווי סאָציאַלע איבערצייגונגען. אָבער טראָץ די באַדייטנדע געלט־סומען, אויסגעגעבן פאַר פּראָפּאַגאַנדע צוועקן, האָבן די קאָמוניסטן נישט באַוויזן צו געווינען אַ באַדייטנדע צאָל אָנהענגער.

די אַנטי־ציוניסטישע שטעלונג פון די רוסישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען נאַטירלעך פיל וויכטיקער ווי זייערע ארץ־ישראלדיקע נאָכפאָלגער, מאַכט איצט, אָפּנים, אַדורך אַ באַדייטנדע פראָנט־ענדערונג. אָנגעזעענע סאָוועטישע באַאַמטע האָבן די לעצטע יאָרן באַזוכט ארץ־ישראל און געוואָרן שטאַרק באַווירקט פון די אידישע אויפטואונגען. פון דער צווייטער זייט האָבן די אידן אין ארץ־ישראל געגעבן זייער גרויסע ביישטייער פאַר דער רוסישער קריגס־הילף. די איבערגעגעבענע טעטיקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער וויקטאָרי־ליג פאַר רוסלאַנד איז געווען פאַרבונדן מיט סיסטעמאַטישע באַמיאונגען צו ברייגגען צו רוסלאַנדס באַפעלקערונג די אמתע פאַקטן וועגן אידישן ארץ־ישראל. געוויסע ציוניסטישע פירער זעען אויס צו זיין איבערצייגט, אַז דאָס נאָך־מלחמהדיקע רוסלאַנד וועט זיין אַן אויפריכטיקער פריינט פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. די נאָענטסטע צייט וועט באַווייזן צי עס איז טאַקע דאָ אַ גרונט פאַר אַזעלכע דערוואַרטונגען אָדער זיי זיינען נאָר פרומע ווינטשן.

די אַראַבישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז אויך געוואָרן דערמוטיקט אין אַ געוויסער מאָס דורך די ענגלישע קאָלאָניאַלע „דיי הארדס", סיי אין

לאָנדאָן און סיי אין ירושלים. דער ענגלישער קאָלאָניאַלער אַדמיניסטראַטאָר פון דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער שול מיינט, אַז ענגלאַנד וואָלט געקענט בעסער האַלטן אין דער האַנט די שוואַכע אַראַבישע מושלים אין נאָענטן מזרח אָן די קאָמפּליקאַציעס וואָס דאָס ציוניסטישע פּראָבלעם רופט אַרויס. ער קוקט אויך קרום אויף די ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע טענדענצן וואָס הערשן צווישן די אידן פון מזרח־איירָאָפּע. די דאָזיקע פאַקטאָרן האָבן געשאַפן צווישן די ענגלישע קאָלאָניאַל־באַאַמטע אין א״י און זייערע קאָנסערוואַטיווע פריינט אין לאָנדאָן אַ געוויסן האַס קעגן די אידישע צילן און אַן אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיע פאַר די אַראַבער. אפילו ווען די דאָזיקע שטעלונג האָט נישט אָנגענומען קיין אַקטיווע פאָרם, האָט זי באַדייטנד פאַרשטאַרקט די אַראַבישע אָפּאָזיציע צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

די אינערלעכע מאָטיוון פון דער אַראַבישער באַוועגונג

אויסער די אויסערלעכע איינפלוסן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אויסבילדן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן די פריער־פאַרשלאָפענע אַראַבער, ווערט די באַוועגונג ווייטער אַנטוויקעלט דורך דער אינערלעכער עוואָלוציע פון די אַראַבער אַליין. דער פּראָגרעס פון בילדונג, ווי לאַנגזאַם ער זאָל ניט זיין, האָט געשאַפן צווישן די אַראַבער אַן אינטעליגענץ, וואָס רייסט זיך פיבעריש נאָך רעגירונגס־פּאָסטענס. דאָס שאַפן אין ארץ־ישראל אַן אָרטיקע רעגירונג וואָלט וואַרשיינלעך געשאַפן נייע פּאָסטענס און וואָלט נאָך מער פריי געמאַכט פיל פּאָסטענס, וואָס ווערן איצט באַנוצט דורך ענגלענדער און אין אַ קלענערער מאָס דורך די אידן.

לויט דער מיינונג פון געוויסע אידישע שרייבער, האָט די אַראַבישע באַוועגונג באַקומען איר עיקרדיקע שטויס־קראַפט פון לאַנד־אייגנטימער און רייכע פּראָצענטניקעס. זיי האָבן עס, אָפּגעוואָרפן די אידישע אימיגראַציע צוליב איר „שעדליכן" איינפלוס אויף די אַראַבישע פעלאַכן, וועלכע זיינען געוועזן פאַקטיש פאַרשקלאַפט דורך די דאָזיקע אומפּראָדוקטיווע קלאַסן. די אידישע קאָלאָניזאַציע „דעמאָראַליזירט" די פעלאַכן און פאַרשטאַרקט זייער ווידערשטאַנד צו דער אומרחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע פון די עפענדיס.

אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג איז דאָ אַ גרויסע מאָס פון אמת. אָבער מען מוז אויך — למען האמת — צוגעבן, אַז יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג ווערט אין אָנהויב אָנגעפירט פון די מער־פאַרמעגלעכע עלעמענטן פון פאָלק. די פירער פון רוסישן ליבעראַליזם אין 19־טן יאָרהונדערט האָבן מייסטענס באַלאַנגט צו די העכערע קלאַסן און די פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע אין 1776 זיינען געווען די גרעסטע ערד־אייגנטימער און די רייכסטע אַדוואָקאַטן פון לאַנד. איןביידע ציטירטע פאַלן וואָלט עס נישט באַרעכטיקט

צו מאַכן דעם אויספיר, אַז די באַוועגונג איז געווען אַ רעאַקציאָנערע אין איר פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער.

פונקט אַזוי איז די אַראַבישע באַוועגונג אין איר אָנהויב געווען באַ־גרענעצט צו ערד־אייגנטימער, מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס, באַאַמטע און גייסטליכע. שפּעטער אָבער, איז צוגעקומען אַן אַלץ־וואַקסנדער קלאַס פון יוגנט, וואָס רייסט זיך צו רעגירונגס־פּאָסטענס און אַנדערע לייכטע שטעלעס. די דאָזיקע יוגנטלעכע אינטעליגענץ, מיט אויבערפלעכלעכער בילדונג, בילדעט איצט דעם רוקנביין פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם אין ארץ־ישראל. לויט איר סאָציאַלער סטרוקטור אַנטשפּרעכט די גרופּע דעם עלעמענט, וואָס איז געווען דער אַקטיווסטער ביים אויפשוואונג פון פאַשיזם אין איטאַליע און דער היטלער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד.

די מעטאָדן פון דער אַראַבישער באַוועגונג

דער הויך־פּונקט פון אַראַביש־אידישן שטרייט איז דערגרייכט געוואָרן אין דער צייט פון די בלוטיקע אַראַבישע אָנפאַלן אין די יאָרן 1921, 1929 און 1936־1938. אַזוי ווי אַזעלכע אָנגריפן קענען דאָך נישט דורכגעפירט ווערן אומבאַגרענעצט, איז די אַראַבישע אָפּאָזיציע געצוואונגען נאָך אַ געוויסער צייט איבערצוגיין צו וויניקער געוואַלטזאַמע פאָרמען. זי געפינט איר הויפּט־אויסדרוק אין אַן אינטענסיווער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַראַבישע עפענדים נישט צו פאַרקויפן אידן קיין באָדן, און דורך כסדרדיקע פאָדערונגען און דע־מאָנסטראַציעס צו פאַרבאָטן די אידישע איינוואַנדערונג. אין אָקטאָבער 1933, האָט אַזאַ דעמאָנסטראַציע אין יפו, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, נישט קו־קנדיק אויף דעם פאַרבאָט מצד דער רעגירונג, פאַראורזאַכט אַ בלוטיקע שלאַכט מיט דער פּאָליציי, און 30 דעמאָנסטראַנטן זיינען דערהרגעט געוואָרן. דאָס האָט געפירט צו קלענערע אויסברוכן אין ירושלים און אין חיפה.

אַ געוויסע צייט האָבן אַראַבישע פירער געפּרעדיקט נישט צו קאָאָפּע־רירן מיט דער רעגירונג ביז זי וועט נישט אָפּשאַפן די באַלפור־דעקלאַראַציע און אָפּשטעלן די ציוניסטישע טעטיקייט אין לאַנד. עס זיינען אפילו געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרוואון צו אָרגאַניזירן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, ענלעך צו גאַנדיס ווידערשטאַנד אין אינדיע. די דאָזיקע פּרוואון האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן דערפאָלג. און וואָלטן זיי אפילו געווען דערפאָלגרייך, וואָלטן זיי נאָר געווען אַ מעכאַנישע נאָכמאַכונג פון גאַנדיס מעטאָדן אָן אַ שפּור פון זיינע גייסטיקע צילן.

נישט באַוויזנדיק אויפצוהייבן זייער ווידערשטאַנד אויף אַ העכערן פּאָליטישן ניווא, זיינען די אַראַבישע עקסטרעמיסטן געווען געצוואונגען זיך צו כאַפּן צו מיטלען פון אָפענער געוואַלט — אַ מעטאָד, וואָס האָט אויס־

געזען צו זיין מער צוגעפּאַסט צום הינטערגרונט און כאַראַקטער פון זייערע נאָכפאָלגער. ענגלאַנדס וואַקלעניש ביים אונטערדריקן די אַראַבישע אָנגריפן און איר שיינבאַרע גרייטקייט צו באַנוצן אַזעלכע אויסברוכן אַלס אַן אויסרייד פאַר פּאָליטישע קאָנצעסיעס אויפן חשבון פון די אידן, האָט אין אַ געוויסער מאָס דערמוטיקט די אַראַבישע געוואַלדטאָטן.

דער שאַרפער ווידערשטאַנד, וואָס די אידישע זעלבסטשוץ (הגנה) האָט געשטעלט די ערשטע אַראַבישע אָנפאַלן, האָט געצוואונגען די אַראַבישע פירער אָנצוואווענדן אַ גאַנץ נייע טאַקטיק ביי די אומרוען אין 1936־1938. אויפן אָרט פון דורכפירן מאַסן־אַטאַקעס אין מיטן העלן טאָג אויף אידישע שטעט און קאָלאָניעס, וואָס וואָלטן זיכער צוזאַמענגעבראָכן דורך דעם העלדישן ווידערשטאַנד, האָבן זיי אָרגאַניזירט קליינע באַנדעס צו אַטאַקירן איינצלנע אידן אָדער קליינע גרופּן ביים דורכגיין אַראַבישע דערפער, אָפּשטעלן אידישע אויטאָס אויף די אָפענע וועגן און באַרויבן און דערהרגענען די פּאַסאַזשירן. פיל מאָל האָבן די אַראַבער געפּרוּווט צו פאַרברענען אידישע תבואה און פאַרניכטן סעדער ביים ראַנד פון די אידישע קאָלאָניעס. אויף די שאָסייען האָבן זיי צעוואָרפן טשוועקעס, שטעלענדיק אין געפאַר דעם אויטאָ־פּאַרקער. דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש, דורכגעפירט צומיינסטן ביינאַכט, האָט געצילט איינצושטעלן אין לאַנד אַ רעזשים פון טעראָר און אַזוי אַרום אָנטמוטיקן די ווייטערדיקע אידישע אימיגראַציע.

מען הערט אָפט פירן דעבאַטן איבער דער פראַגע אויף ווי וויט די אַנטי־אידישע מעשים פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן האָבן באמת די אַקטיווע אונטערשטיצונג פון די ברייטע מאַסן. מען הערט אין ארץ־ישראל פאַרשידענע תשובות אויף דער פראַגע. וויכטיקע טיילן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, בפרט אין ערטער, וואו ס׳איז פאַראַן אַ נאָענטער עקאָנאָמישער קאָנטאַקט צווישןביידע פעלקער, זעען אויס צו האָבן אַ קליינעם אינטערעס אין דער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אויסער דעם איז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם געוואָרן באַדייטנד אָפּגעשוואַכט דורך די אומאויפהערלעכע פערזענלעכע רייבונגען צווישן זיינע פירער. דער גרויס־מופטי פון ירושלים, וועלכער איז דער רעליגיעזער פירער פון די ארץ־ישראלדיקע מאַכמעדאַנער און איז דער פירנדיקער גייסט פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּראַקציע, וועלכער איז איצט דעמאַסקירט געוואָרן אַלס אַ נאַצי־אַגענט, האָט געהאַט פיל ביטערע קעגנער צווישן די איינפלוסרייכסטע אַראַבישע פאַמיליעס און שבטים. אויך אַנדערע פירער זיינען דער ציל פון שטאַרקע אַטאַקעס, וואָס באַרירן אפילו זייער פערזענלעכע ערלעכקייט. דערצו בענקען נישט די אַראַבישע קריסטן מיט זייער גאַנצער אָפּאָזיציע צו דער דראונג פון אַ אידישער הערשאַפט, נאָך דער ברירה פון ווערן אַ הילפלאָזע מינדערהייט אין אַ מאַכמעדאַנישער מלוכה. די שחיטות אין 1933 קעגן די אַסיריער אין איראַק, — די קריסטלעכע

מינדערהייט אין אומאָפּהענגיקן איראַק — האָבן נישט געהאָלפֿן צו פֿאַרטרייבן די דאָזיקע פֿאַרדאַכטן און שרעק.

ווי שטאַרק ס'זאָל נישט זיין די פֿאַרבאַרגענע אַראַבישע אָפּאָזיציע קעגן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם פֿון מופֿטי און זיינע אָנהענגער, באַגרענעצט זי זיך נאָר צו אַ פּאַסיוון ניט־צוהערן זיך צו זיינע באַפֿעלן און אינסטרוקציעס. די מייסטע מעסיקע עלעמענטן צווישן די אַראַבער זיינען טעראָריזירט געוואָרן דורך די עקסטרעמיסטן און האָבן נישט געוואָגט זיך אָפֿן קעגנצושטעלן די פּאָליטיק פֿון די נאַציאָנאַליסטן, אַפֿילו דאַן ווען די לעצטע זיינען געפֿאַלן צו דער מדרגה פֿון אָרויסרופֿן בלוטיקע אויסברוכן און דערמאָרדן אומשולדיקע מענטשן.

דער שטאַרקסטער ווידערשטאַנד צו דער דאָזיקער טאַקטיק פֿון די אַראַבישע עקסטרעמיסטן איז געוואָרן אַרויסגעוויזן אין 1938, נאָך דעם ווי די באַנדעס פֿון אַראַבישע „שטאַרקע" האָבן געוועגדעט זייער צאָרן קעגן הילפֿס־לאָזע אַראַבישע פֿעלאַכן און זיי געצוואונגען צו געבן זיי אונטער רעוואָלוער־דראָאונג געלט און שפּייז. די פֿעלאַכן זיינען געוואָרן אויפֿגעבראַכט פֿון צאָרן דורך די בלוטיקע עקזעקוציעס איבער גאַנצע פֿאַמיליעס, ווען יענע האָבן גע־וואָגט אָפּצוּוואָרפֿן די פֿאָדערונגען פֿון די מופֿטי־לייט און זיי האָבן דאַן אָרגאַ־ניזירט אין פֿאַרשידענע ראַיאָנען זעלבסט־שוץ־גרופּן און אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג און אַפֿילו מיט די אידן. די רע־גירונג האָט אָבער נישט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט פֿון איינשטעלן פֿריינטלעכע באַציאונגען צווישן די אידן און די אַראַבער און זי האָט זיך גאָר געכאַפּט צום „ווייסן פּאַפּיר" אַלס די איינציקע געבליבענע לייזונג פֿון ארץ־ישראל־פּראָבלעם.

אַראַבישער איינפֿלוס אויף אימיגראַציע און באָדן־פּאָליטיק

אין אַלגעמיין מוז מען אָנערקענען דעם באַדייטנדן איינפֿלוס פֿון דער אַראַבישער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. מען קען אויך נישט אָפּלייקע־נען דעם פֿאַקט, אַז אין זייער אָנשטרענגונג איינצוהאַלטן די כוואַליע פֿון אי־דישער אימיגראַציע און שטערן אַז גרויסע באָדן־שטחים זאָלן איבערגיין אין אידישע הענט, האָבן די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, געשטיצט פֿון איינפֿלוס־רייכע ענגלישע באַאַמטע אין לאָנדאָן און ירושלים, געהאַט אַ געוויסן ערפֿאָלג.

דער אַראַבישער קאַמף קעגן אידישער איינוואַנדערונג האָט דערגרייכט זיין ערשטן ערפֿאָלג נאָך די פּאָגראָמען אין 1921, ווען הערבערט סעמועל האָט מיט דער הסכמה פֿון קאָלאָניאַל־אָפּיס, אַרויסגעגעבן שטרענגע רעגולאַציעס, וואָס האָבן באַגרענעצט די אידישע אימיגראַציע צו עטלעכע באַשטימטע קאַטעגאָריעס. די אַזוי־גערופֿענע קאַפּיטאַליסטן, מענטשן, וואָס האָבן געקענט

באַווייזן, אַז זיי פֿאַרמאָגן נישט ווייניקער פֿון 1,000 פֿונט, און אַרבעטער, וואָס זיינען נויטיק פֿאַר די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען; די לעצטע, די חלוצים האָבן באַקומען אַ באַגרע־נעצטע צאָל פֿון אימיגראַציע־סערטיפֿיקאַטן, וואָס זיינען געוואָרן יערלעך אַרויסגעגעבן דורך דער ארץ־ישראל־רעגירונג. אויסער דעם האָבן געקענט באַקומען אַ באַשרענקטע צאָל סערטיפֿיקאַטן קוואַליפֿיצירטע מענטשן פֿון פֿרייע פּראָפֿעסיעס און געניטע בעלי־מלאכות, מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, און פּערזאָנען וועמענס עקזיסטענץ אין לאַנד ווערט פֿאַרזיכערט דורך נאָענטע קרובים, וואָס רופֿן זיי אַהין.

טעאָרעטיש איז די צאָל פֿון די יערלעך פֿאַרטיילטע אַרבעטער־סערטי־פֿיקאַטן געווען אָפּהענגיק פֿון דער פֿעאיקייט פֿון דער אידישער לאַנדווירט־שאַפֿט און אינדוסטריע אויפֿצונעמען נייע עולים. אין דער פּראַקטיק אָבער האָט דער אַראַבישער דרוק געפֿירט דערצו, אַז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט פֿאַרקלענערט די צאָל סערטיפֿיקאַטן וואָס האָט נישט אַנטשפּראָכן די נויטן פֿון די וואַקסנדע אידישע אינדוסטריען. פֿאַרברייטערנדיק דעם באָדן פֿאַר דראַסטישע אמיגראַציע־באַגרענעצונגען, וואָס זיינען דעקרעטירט געוואָרן אין „ווייסן פּאַפּיר“, האָבן די ענגלישע באַאַמטע נאָך מיט יאָרן פֿריער, פֿאַר 1939, אָנגעהויבן צו לייגן פֿיל שוועריקייטן אויפֿן וועג פֿון דער אידישער מאַסן־אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל.

אַ באַדייטנדן ערפֿאָלג האָבן די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אויך דער־גרייכט אין זייער פּראָפּאַגאַנדע קעגן לאַנד־פֿאַרקויף צו אידן. געוויס, זיינען נאָך איצט פֿיל אַראַבישע לאַנד־אייגנטימער גרייט צו פֿאַרקויפֿן זייער לאַנד, וואָס גיט זיי איצט זייער קליינע הכנסות. זיי פֿאַרלאַנגען אָבער פֿאַרן דאָזיקן באַגאַנגענעם „נאַציאָנאַלן פֿאַראַט“ משוגע־הויכע פּרייזן; און אפֿילו דאַן איז דער אידישער קונה געצוואונגען דורכצומאַכן אַ קאָמפּליצירטע און לאַנג־פֿאַר־שלעפּטע פּראָצעדור, וואָס צילט אויסצובאַהאַלטן דעם דירעקטן פֿאַרקויפֿער און אים שיצן פֿון טעראָר פֿון די מופֿטי־לייט. מען האָט מיר דערציילט וועגן פֿאַקטן, וואו אַן אַראַבישער לאַנד־אייגנטימער האָט פֿאַרקויפֿט זיין באָדן אַ פּיק־טיוון קונה, אַן אַראַבער פֿון אַ שכנותדיק לאַנד, וואוהין עס וועט נישט דער־גרייכן די האַנט פֿון נאַציאָנאַליסטישער נקמה, און דער מכלומרשטער „קונה“, וואָס ווערט נאַטירלעך גוט באַלוינט, פֿאַרקויפֿט ערשט דעם באָדן צו דעם אייגנטלעכן אידישן קונה. די דאָזיקע הויך־געשוואָלענע באָדן־פּרייזן, וואָס שטייען נישט אין קיין פּראָפּאָרץ צו דער דערוואַרטעטער הכנסה פֿון געקויפֿטן לאַנד, שטעלן וואַקסנדע און גרעסערע שוועריקייטן פֿאַר דער אידישער קאָ־לאָניזאַציע.

די אָנשטרענגונגען פֿון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן צו שטערן פֿאַר־קויפֿן אידן גרעסערע באָדן־שטחים, זיינען אין משך פֿון לאַנגע יאָרן געוואָרן

אונטערשטיצט דורך דער א״י־רעגירונג. זי האָט געעפנט איר אויער פאַר די אַראַבישע תביעות און טענות אַז די אומגליקלעכע אַראַבישע פּאַכטער ווערן אַראָפּגעשטויסן פון זייער באָדן צוליב די אידישע באָדן־קניות, און נאָך לאַנג פאַר דעם איצטיקן קריג איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט צו באַזייטיקן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּאַכטער אָדער די אומרעכטלעך־באַזעצטע קאָלאָניסטן פון לאַנד וואָס איז דורך זיי באַזעצט מינימום אַ יאָר צייט. אין תוך גענומען קען די סאָציאַלע אידעע פון אַזאַ געזעץ זיין גערעכט און פּראָג־רעסיוו, אָבער אונטער די איצטיקע באַדינגונגען האָט עס דעם רעזולטאַט אַז גרויסע שטחים פון פּרוכטבאַרן באָדן בלייבן אין די הענט פון קליינע צאָלן מענטשן, וואָס באַאַרבעטן זיי אויף אַ אויסערגעוויינלעך פּרימיטיוון אופן.

די דאָזיקע לאַנד־געזעצן זיינען נאָך געוואָרן ווייטער פאַרשטאַרקט דורך דער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק, וואָס האָט נאָך אפילו פאַרן אַרויס־געבן די פאַראָרדנונג פון פעברואַר 1940, געמאַכט אויסערגעוויינלעך שווער איבערצופירן באָדן אין אידישע הענט. די פאַראָרדנונג פון 1940 האָט פאַר־וואַנדלט דעם גרעסטן טייל פון ארץ־ישראל אין אַ פאַרבאָטענעם געביט, וואו מען טאָר נישט פאַרקויפן אידן קיין באָדן.

אַראַבישע אַרגומענטן קעגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע

ווי ווייט זיינען די אַראַבישע פירער באַרעכטיקט אין זייער ווידער־שטאַנד קעגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל?

דער פּאָפּולערסטער אַרגומענט פון די אַראַבער אין זייער דאָזיקן קאַמף איז, אַז די אידישע אימיגראַציע קומט פאַר אויפן חשבון פון דער איינגעבוי־רענער באַפעלקערונג און אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע טרייבט אַראָפּ אַראַבישע פּויערים פון זייער באָדן. דער אַרגומענט איז געוואָרן אַרויסגערוקט מיט דער גרעסטער באַטאָנונג בעת די זיצונגען פון דער שאַו־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל נאָך די בלוטיקע געשעענישן פון אויגוסט 1929.

איידער איך גיי זיך פאַרנעמען מיטן דאָזיקן עקאָנאָמישן אַרגומענט, וואָלט איך געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער פּרא דאָמאָ סוא. איך האָב שטענ־דיק זיך באַמיט ווי אַמשטאַרקסטן צו פאַרשטיין געגנוי די שטעלונג פון די אַראַ־בער און האָב קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט צו אָנערקענען די יעניקע פון זייערע טענות, וואָס האָבן אונטער זיך אַ געוויסע באַרעכטיקונג. אין געוויסע פאַלן זענען מיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן וועגן די אידיש־אַראַבישע באַ־ציאונגען געווען ניט אין איינקלאַנג מיט דער הערשנדער אידישער מיינונג. דאָך קען איך ניט צוגעבן די ריכטיקייט פון די עקאָנאָמישע אַרגומענטן, וואָס די אַראַבער רוקן אַרויס קעגן דער אידישער אימיגראַציע. פאַרקערט, איך בין איבערצייגט, אַז עקאָנאָמיש האָט די אַראַבישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל

נאָר געוואָסן, נישט פאַרלוירן, פון די אידישע אויפטוען אין לאַנד אין משך פון די לעצטע 60 יאָר.

דער בעסטער באַווייז איז אַ פאַרגלייך אין דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַראַבישע מאַסן אין ארץ־ישראל און אין שכנותדיקן עבר־הירדן, וואָס איז פאַרשלאָסן פאַר אידישער אימיגראַציע.

ארץ־ישראל, עבר־הירדן און סיריע

פאַרן ערשטן וועלט־קריג איז עבר־הירדן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ טייל פון ארץ־ישראל און דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַראַבישע מאַסן אויףביידע זייטן ירדן איז געווען מער־ווייניק דער זעלבער. אויב ס׳וואָלט געווען אמת, — ווי עס באַהויפּטען עס די אַראַבישע פּאָליטישענס און זייערע לאָנדאָנער בוזעם־פריינט — אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע פאַראָרעמט די אַראַבישע מאַסן, וואָלט דער לעבנס־סטאַנדאַרט אין עבר־הירדן באַדאַרפט איצט זיין אַ סך העכער, איידער אינם מאַנדאַט־טייל פון ארץ־ישראל. אמת איז אָבער פונקט דער היפוך. די נויט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין עבר־הירדן איז אַזוי גרויס, אַז די אָרטיקע פירער, נישט קוקנדיק אויף זייער מורא פאַרן טיטול „נאַציאָנאַלע פאַררעטער״, זיינען אַ פּאָר מאָל גאַנץ אָפן אַרויסגעטראָטן מיטן פאַרלאַנג צו עפענען דאָס לאַנד פאַר אידישער איינוואַנדערונג, אַלס דאָס איינציקע מיטל צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דחקות און פאַרוויסטונג.

חוץ דעם, אויב די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל וואָלט באמת פאַרערגערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַראַבער, וואָלט דאָך די עמיגראַציע פון אַראַבער פון ארץ־ישראל באַדאַרפט זיין גרעסער ווי פון די אַרומיקע לענדער. דער פאַקט אָבער איז, אַז סיריע, אַ לאַנד מיט דריי מאָל מער איינוואוינער ווי ארץ־ישראל, האָט געהאַט 8 מאָל אַזוי פיל אויסוואַנדערער. נאָך מער, גראַד אין די לעצטע יאָרן, ווייזט די עמיגראַציע פון ארץ־ישראל אַ שנעלע ירידה. אין דער צייט, ווען די עמיגראַציע פון סיריע איז נאָך אַלץ אַ באַדייטנדע, נישט קוקנדיק אויף די שטרענגע אימיגראַציע־געזעצן אין צענטראַל און דרום־אַמעריקע, וואָס זיינען פון שטענדיק אָן דער הויפּט־ציל פון דער אַראַבישער אימיגראַציע. אגב, איז די כמעט אָפּגעשטעלטע אַראַבישע עמיגראַציע פון ארץ־ישראל מער ווי קאָמפּענסירט געוואָרן דורך דעם גרויסן צופלוס פון אַראַבישע אימיגראַנטן פון די שכנותדיקע לענדער צום לאַנד פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע...

אידישע ווירקונג אויף אַראַבער

דער אמת וועגן דער מכלומרשטער פאַראָרעמונג פון די אַראַבישע פּויערים צוליב דער אידישער קאָלאָניזאַציע, ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מען

פאַרגלייכט אַראַבישע דערפער אין דער שכנות פון אידישע קאָלאָניעס מיט טיפּישע אַראַבישע דערפער אין ריין־אַראַבישע ראַיאָנען. אַ לעבעדיקע באַשרייבונג פון אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע דערפער געפינען מיר אין אַ בראָשור פון משה סמיליאַנסקי, דעם באַקאַנטן פירער פון די ארץ־ישראלדיקע קאָלאָניסטן *):

„אין די ווייטער־געלעגענע אַראַבישע דערפער איז פאַראַן געווינלעך בלויז איין ברונעם פאַרן גאַנצן דאָרף. דער דאָרפישער וואַסער־שעפער, געווינלעך אַ בלינדער, ציט אַרויס דאָס וואַסער אין אַ עמער, צוגעבונדן צו אַ לאַנגען שטריק. בלויז אין די רייכערע דערפער פאַרגינט מען זיך צו נוצן פאַר דער אַרבעט אַ מויל־אייזל אָדער אַ קעמעל.

די הייזער אין אַזאַ דאָרף זיינען ליימענע כאַלופּקעס אָן פענסטער און אָן ווענטילאַציע. אַ שיכט פון שטרוי אָדער ליים, אַרויפגעלייגט אויף צווייגן, בילדעט דעם דאַך. דאָס הויז איז צעטיילט אין צווייען. איין טייל, נידעריקער ווי דער אַנדערער, נעמט איין זיך אַריין די בהמות און דאָרט שלאָפט אויך דער באַטראַק, אויב דער פעלאַך האָט אַזאַ איינעם. אינם צווייטן טייל שלאָפט דער פעלאַך מיט זיין פאַמיליע אויף שטרויענע ראָגאָזשעס. ווינטער טשאַדעט דאָרט דאָס בהמה־מיסט, וואָס ווערט געברענט אין אַ פּרימיטיוון אויוון, אַנצואוואַרעמען די שטוב.

די הויז־בהמות פון פעלאַך באַשטייען געווינלעך פון אַן אויסגעמוטשעטן אייזל, אַ קו, וואָס קוקט אויס ווי די מאָגערע קי פון פרעה׳ס חלום און אַ פּאָר קליינע אָקסן. זיין ווערקצייג איז געווינלעך איין האָלצערנער אַקער.

אַרום דעם דאָרף ליגן בערג מיט מיסט, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין לויף פון דורות. דער פעלאַך ווייסט נישט, וואָס דערמיט צו טאָן. עס ווערט געשווענקט דורך די רעגנס, סיידן עס ווערט אָפּגעקויפט פון די אייראָפּעאישע קאָלאָניסטן אויף צו באַמיסטיקן זייערע פעלדער.

ווייץ ווערט געמאָלן מיט דער האַנט, מיט דער הילף פון פּרימיטיווע מיל־שטיינער. דאָס ברויט באַשטייט געווינלעך פון אַ טרוקענעם פלעצעל פון טונקעלער בוראַק־מעל. אויב עס בלייבט נאָך אַביסל ווייץ אין שפּייכלער, ווערט עס פאַרקויפט אויף צו באַצאָלן די חובות מיט ריזיקע פּראָצענטן צום עפענדי.

די קינדער פון פעלאַך לויפן אַרום האַלב־נאַקעט און באָרוועס. פיל פון זיי ליידן פון אויגן־קראַנקהייטן, און אַ סך פון זיי זיינען בלינד. די קליידער פון פעלאַך זיינען שמאַטעס. זיינע מנהגים און מאַניערן קענען ממש נישט באַשריבן ווערן. קיין קלענסטע סאַניטאַרישע איינריכטונגען זיינען אין דאָרף נישט פאַראַן...

---

*) „פּאַלעסטיין ענד ניר איסט עקאָנאָמיק מעגעזין“, נומ. 8, 1930.

די פרויען פון פעלאַך ווערן באַהאַנדעלט ווי זיינע בהמות און זיי קוקן אויס נישט בעסער פון זיי און די פרויען ווערן שנעל אַלט און קראַנק״.

אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע פרימיטיווע און אָפּשטויסנדע באַדינגונגען, ווייזן אַרויס די דערפער אַרום די אידישע קאָלאָניעס אַן ערמוטיקענדן פראָגרעס און וואוילשטאַנד. פיל פון די דערפער האָבן אָוועקגעוואָרפן זייערע אַמאָליקע ליים־כאַלופּקעס און אויף זייער פּלאַץ אויפגעשטעלט באַקוועמע געמויערטע הייזלעך מיט רויטע ציגל־דעכער, מיט שטאַלן פאַר די בהמות. די גאַסן אין אַזאַ דאָרף זיינען ברייטער און ריינער ווי פריער. די קינדער, נאָך באָרוועס, זעען אויס ריינער און געזונטער ווי פריער. דער פּראָצענט פון אויגן־קראַנקהייטן און פיבער־קראַנקע פאַרקלענערט זיך שנעל. די מעטאָדן פון אַגריקולטור זיינען שטאַרק מאָדערניזירט אונטערן איינפלוס פון זייערע אידישע שכנים. אין דער שכנות פון די אידישע קאָלאָניעס זעט מען אָפט מאָדערנע אָראַנזשען־בוימער און באַוואָסערטע גרינס־גערטענדלעך. די קוואַליטעט פון די בהמות און עופות ווערט אַלץ בעסער פון יאָר צו יאָר.

אין דעם דערמאָנטן באַריכט פון ה׳ סמיליאַנסקי געפינען מיר אַ גענויע באַשרייבונג פון איניקע דערפער, וואָס געפינען זיך אין דער שכנות פון די אידישע קאָלאָניעס אין דער ציטרוס־זאָנע פון ארץ־ישראל. אָט איז צום ביישפּיל אַן עקאָנאָמישער אַנאַליז פון דאָרף זאַרנוגאָ, וואָס גרענעצט זיך מיט רחובות:

„אַמאָל האָט דאָס דאָזיקע דאָרף פאַרמאָגט 13,000 דונאַם. אַ העלפט פון דאָזיקן לאַנד איז שפּעטער פאַרקויפט געוואָרן צו אידן. פאַרן פאַרקויפן באַדן האָבן די אַראַבער געקריגן פון 15 ביז 17 פונט אַ דונאַם (איבער 300 דאָלאַר אַן אַקער). מיטן דאָזיקן געלט און מיט אָפּשפּאָרונגען פון זייער אַרבעט אין רחובות, האָבן זיי פאַרפלאַנצט אַ היבשן טייל פון זייער פאַרבליבענעם באָדן מיט פּרדסים. אין 1929, האָט שוין דער שטח פאַרפלאַנצט מיט פרדסים באַטראָפן 1,176 דונאַם און איז זינט דאַן באַדייטנד געוואַקסן, אין דער צייט, ווען איידער די אידן האָבן אָנגעהויבן קויפן זייער באָדן, האָבן זיי נאָר געהאַט 80 דונאַם אָראַנזשען־פּלאַנטאַציעס. אויסער די אָראַנזשען־פּלאַנטאַציעס, האָט דאָס דאָרף באַאַרבעט 400 דונאַם פון באַוואָסערטע גרינס־גערטנער און עטלעכע הונדערט דונאַם פון ניט־באַוואָסערטע גרינס־גערטנער. די ירקות זיינען בעיקר פאַרקויפט געוואָרן צו די שכנותדיקע אידישע קאָלאָניעס. די פעלאַכן פון זארנוקא פאַרמאָגן איראָפּעאישע אַקערן, דרעש־מאַשינען און אַנדערע מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן פון זייערע אידישע שכנים. זיי באַאַרבעטן זייערע פּרדסים לויטן ראָט פון אידישע פאַכמענער״.

עס זיינען דאָ נאָך פיל ביישפּילן פון וואוילשטאַנד אין די אַראַבישע דערפער, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון זייער נאָענטקייט

צו די אידישע קאָלאָניעס. ס׳איז אויך נישטאָ קיין צווייפל, אַז דער לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבישע מאַסן אין די שטעט איז געשטיגען זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע קאָלאָניזאַציע. דער דורכשניטלעכער שטאָטישער אַראַבער אין ארץ־ישראל עסט בעסערע שפּייז און זעט אויס פאַרמעגלעכער און געזינטער, נישט נאָר פון דורכשניטלעכן איינוואוינער פון עבר־הירדן און איראַק, נאָר אפילו אויך פון אַן אַראַבער, וואָס קומט פון אַזאַ רייך לאַנד ווי עגיפּטן.

ציפערן וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל גיבן אַ ווייטערדיקן באַוויז וועגן ברכה־ברענגענדן איינפלוס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אויף דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די נישט־אידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז בדרך כלל געוואַקסן פון 673,388 אין 1922 ביז קרוב 1,050,000 אין 1941, אָבער דער גרעסטער צוואוקס איז צו פאַרצייכענען אין די אידישע ראַיאָנען פון לאַנד, בעת אין די אָרעמע אַראַבישע ראַיאָנען איז דער צוואוקס באַדייטנד קלענער. דער צוואוקס איז געשטיגן מיט 55 פּראָצענט פאַר דער גאַנצער אַראַבישער באַפעלקערונג אין לאַנד, אָבער אין שכם האָט ער נאָר באַטראָפן 35 פּראָצענט, אין חברון 24, אין עזה 23 און אין בית־לחם נאָר 18 פּראָצענט. אַלע די דאָזיקע פריער אויסגערעכנטע שטעט געפינען זיך אין ריין־אַראַבישע ראַיאָנען. אָבער גלייכצייטיק איז די אַראַבישע באַפעלקערונג פון יפו געשטיגן מיט 158 פּראָצענט; אין רמלה מיט 82 פּראָצענט און אין לוד מיט 91 פּראָצענט. די לעצטע צוויי שטעט זיינען אין יהודה, אין דער דירעקטער שכנות פון די גרויסע אידישע קאָלאָניעס.

דער באַריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע אין 1937, האָט פולשטענדיק אנערקענט די ווירקונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אויף דער אַראַבישער באַפעלקערונג. דער באַריכט שרייבט דאָס הויפּטזעכלעך צו צום איינפלוס פון קאַפּיטאַל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פּרוקטבאַרע ווירקונג אויפן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד; צו די ביישפּילן פון די אידישע אויפטוען אין דער לאַנדווירטשאַפט; צום וואוקס פון דער צאָל באַשעפטיקטע אַראַבער אין רעזולטאַט פון אידישן קאַפּיטאַל־צופלוס; צו דער אידישער טעטיקייט אויפן געביט פון באָדן־באַאַרבעטונג און קאַמף מיט דער מאַלאַריע; צו די אינסטיטוציעס ווי „הדסה״, וואָס ווערנדיק לכתחילה געגרינדעט צו העלפן דער נאַציאָנאַלער היים, האָבן זיי אויך געהאָלפן דער אַראַבישער באַפעלקערונג״ *).

די פּיל־קאָמיסיע האָט אויך אָנערקענט, אַז די אַראַבישע אינדוסטריע און ציטרוס־קולטור זיינען פינאַנסירט געוואָרן דורך קאַפּיטאַל, וואָס איז גע־

*) רעפּאָרט אָוו דהע פּאַלעסטיין ראָיאַל קאָמישאָן, 1937, ז. 138.

קומען פון אידן און אַז „דער וואוקס פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז אממערסטן קענטיק אין די ראַיאָנען, וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן פון דער אידישער אַנטוויקלונג".

אפילו מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, דער ענגלישער קאָלאָניען־מיניסטער, וועלכער איז אַממיינסטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם „ווייס־בוך", שילדערט אין איינעם פון זיינע באַריכטן צום פאַרלאַמענט די ווירקונג וואָס די אידישע קאָלאָניזאַציע האָט געהאַט אויף די אַראַבער מיט די פאָלגנדע כאַראַקטע־ריסטישע ווערטער: „ווען קיין ארץ־ישראל וואָלט נישט אַריינגעקומען קיין איין איד נאָך 1918, גלויב איך אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג פון לאַנד וואָלט דאַן נאָך באַטראָפן די זעלבע צאָל פון 600,000 (אנשטאָט איבער אַ מיליאָן איצט), וואָס זי האָט שטענדיק געציילט אונטער די טערקן. אַדאַנק דעם, וואָס די אידן וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד האָבן אַריינגעבראַכט אַ מאָדערנעם געזונדהייטס־דינסט און אַנדערע מעלות, זיינען פיל אַראַבישע מענער און פרויען וואָס וואָלטן געווען טויט געבליבן לעבן און די אַראַבישע קינדער וואָס וואָלטן קיינמאָל נישט דערזען די ליכטיקע שיין זיינען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן געזונטע מענטשן" *).

אַראַבישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל

אין די יאָרן פאַר די 1936־אומרוען זיינען די אידישע קאָלאָניעס וואָס האָבן באַשעפטיקט אַראַבישע ארבעטער ממש פאַרפלייצט געוואָרן פון אַראַ־בער פון חורן (אַ טייל פון סיריע), פון על־אריש, פון האַלב־אינזל סיני, און פון אַנדערע שכנותדיקע ראַיאָנען. די דאָזיקע ניי־געקומענע האָבן געזוכט אַרבעט אונטער אַלע באַדינגונגען און זייענדיק אויסגעהונגערט, זיינען זיי גרייט געווען צו נעמען אַרבעט פאַר אַ האַלבן פּרייז ווי די איצטיקע אַראַבער. די אַראַבער פון די דערפער וואָס ליגן בשכנות פון די אידישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן באַאַרבעט די אידישע פעלדער, האָבן מיט צאָרן זיך באַצויגן צו דער דאָזיקער מיאוסער קאָנקורענץ.

אין פּתח תקוה, די גרעסטע אידישע קאָלאָניע, וואָס באַשעפטיקט אַראַ־בישע אַרבעטער, האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביטערע קאַמפן צווישן די אָרטיקע אַראַבער און די חורנער **), וואָס האָבן ווי הייעריקן זיך אַריופגעוואָרפן אויף

---

*) פּאַרלאַמענטערי דעבעיטס, 24 נאָוועמבער, 1938, באַנד 341, זייט 1994.

**) „חורנער" רופט מען די איינוואוינער פון חורן, אָבער די ארץ־ישראל־אַראַבער רופן געוויינלעך אַזוי אַלע אַראַבער פון די אַרומיקע לענדער, וואָס קומען קיין ארץ־ישראל זוכן אַרבעט.

די אַרבעטס־פּלעצער אין דער קאָלאָניע. פון 3,220 אַראַבער, באַשעפטיקט ביי די פּתח־תּקוה׳ער קאָלאָניסטן אין פעברואַר, 1935, אין הויך־סעזאָן פון קטיף (ביים אָראַנזשן־ברעכן די פּאָמעראַנצן), זיינען געווען באַשעפטיקט נישט ווייניקער פון 1,470 אַראַבער פון די שכנותדיקע לענדער. די אָרטיקע אַראַבער קענען נישט מוחל זיין די ניי־געקומענע זייער גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר צען אָדער אַכט פּיאַסטער אַ טאָג, אין דער צייט ווען דער אָנגענומענער לוין פון אַ נישט־קוואַליפיצירטן אָרטיקן אַראַבישן אַרבעטער איז כמעט צוויי מאָל אַזוי הויך.

מיינער אַ פריינט אין פּתח תּקוה האָט מיר דערציילט וועגן אַ וכּוח וואָס ער האָט אַמאָל געהערט צווישן אַן אָרטיקן אַראַבישן אַרבעטער און אַן אימיגראַנט פון סיריע:

„פאַרוואָס בלייבט איר נישט אין אייער לאַנד — האָט מיט רעכט גע־פרעגט דער אָרטיקער — גלויבט איר, אַז עס איז גערעכט צו קומען אַהער און אַרויסשטופּן אונז פון דער אַרבעט, אָנבאָטנדיק ביליקערע לוינען?״

„ס׳איז פאַר דיר גרינג צו רעדן אַזוי — האָט געענטפערט דער חורנער. — איר האָט זיך צוגענומען אַלע „מאַסקובן״ *) און קיינעם פון זיי אונז נישט געגעבן. וואָלטן אייערע מאַסקובן געווען אין אונזער לאַנד, וואָלטן מיר גע־בליבן אין דער היים. מיר וואָלטן נישט געווען געטריבן דורך הונגער צו זוכן אַרבעט דאָ״.

אין אָנהויב 1935 האָבן 170 אַראַבישע שיף־אויסלאָדער אין יפו זיך ביטער באַקלאָגט אין זייערס אַ פּעטיציע קעגן דעם צופלוס פון די חורנער, וואָס, ביי זייער גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר די ביליקסטע פּרייזן, נעמען זיי צו די אַרבעט פון די אָרטיקע פּאָרט־אַרבעטער. די אונטערשרייבער פון דער פּעטיציע האָבן געבעטן דעם יפוער גובערנאַטאָר ער זאָל אַרויסגעבן אַ פאַר־אָרדנונג, וואָס פאַרבאָט צו באַשעפטיקן ניי־געקומענע אין יפוער פּאָרט ביז אַלע אָרטיקע אַרבעטער וועלן זיין באַזאָרגט מיט פאַסטענס אויף דעם איינ־געשטעלטן אַרבעטס־לוין.

בערך אין דער זעלבער צייט האָט דער „פּיליסטין״, אַ פאַרביסענע אַנטי־אידישע צייטונג אין יפו, אָנגעפירט אַ קאַמפּיין קעגן דער געפאַר פון טיפוס וואָס פאַרשפּרייט זיך פון דעם פּרימיטיוון און מיט טיפוס אָנגעשטעקטן לאַגער וואָס די חורנער האָבן אויפגעשטעלט לעבן יפו. צוליב די דאָזיקע אָנ־קלאַגן איז דער לאַגער באַזוכט געוואָרן פון געזונדהייטס־באַאַמטע, וועלכע האָבן דאָרט געטראָפן מוראדיק־שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען. זיי זיי־

*) „מאַסקוב״ מיינט בוכשטעבליך אַן איינוואוינער פון מאָסקווע. די אַראַבישע פויערים האָבן אַזוי אָנגערופן אַלע ערשטע אידישע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען בעיקר געקומען פון רוסלאַנד. אין דאָרפישן אַראַביש ווערט דאָס וואָרט איצט באַנוצט צו באַצייכענען אַלע אייראָפּעאישע אידן צום אונטערשיד פון די אָרטיקע אידן.

נעז געווען געצוואונגען צו שאַפן אַ קאַראַנטין און דורכפירן אַ דעזינפעקציע פון אַלע חורגער, פאַרברענען זייערע הייזלעך און זאַכן כדי צו ראַטעווען די שטאָט פון אַ באַפאַרשטייענדער געפאַר.

אין ליכט פון אַזעלכע פאַקטן איז עס אַ פשוטע פאַרדרייאונג פון אמת צו זאָגן אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט פאַראָרעמט די אַראַבער. דער אמת איז, אַז די אַראַבישע מאַסן אין גאַנצן נאָענטן מזרח זיינען אין אַזאַ אויסערגעוויינלעך־נעבעכדיקער לאַגע, אַז יעדער אויסלענדישער קאַפּיטאַל, וואָס עס זאָלן נישט זיין זיינע צילן און מעטאָדן, וועט נאָר אין אַ געווי־סער מאָס פאַרבעסערן זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

אידישע אימיגראַציע און אַראַבישע אַרבעטסלאָזיקייט

ביי דער געלעגנהייט איז אינטרעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז די אַראַבישע אַרבעטסלאָזיקייט אין ארץ־ישראל שטייגט געוויינלעך אין דער צייט, ווען ס'הערשט אַ שטילשטאַנד אין דער אידישער אימיגראַציע און זי פאַלט, ווען די אידישע אימיגראַציע שטייגט. לויט אָפיציעלע ציפערן פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג, איז אין יולי 1931, ווען די אידישע אימיגראַציע איז געווען אויף איר נידעריקסטער שטופע, געווען אין לאַנד 3,800 אַראַבישע אַרבעטסלאָזע און אין יולי 1933, נאָך צוויי יאָר פון כסדר־וואַקסנדער אידישער אימיגראַציע, איז די צאָל פון די אַראַבישע אַרבעטסלאָזע בלויז געווען 2,500. אין יולי 1935, ווען די אידישע אימיגראַציע האָט דערגרייכט איר הויך־פּונקט, זענען כמעט בכלל נישט געווען קיין אַרבעטסלאָזע אין די אַראַבישע ראַיאָנען פון לאַנד און די שאַרפע נאָכפראַגע נאָך אַרבעטס־הענט האָט אַריינגעבראַכט טויזנטער אַראַבער פון די שכנותדיקע לענדער. אין אַנדערע ווערטער, די שטייגנדע כוואַליע פון אידישער אימיגראַציע האָט אַנשטאָט אַרויסשטופן די אַראַבער פון זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס, גאָר געשאַפן פאַר זיי נייע געלעגנהייטן צו קריגן באַשעפטיקונג; און וואָס איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש, דאָס איז פאָרגעקומען גראַד אין סאַמע ברען פון עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס, ווען די אַרבעטסלאָזיקייט אין אַלע לענדער האָט איבעראַל דערגרייכט איר גרעסטע הויך.

די דערקלערונג פון דער דאָזיקער פּאַראַדאָקסאַל־גלענצנדער ערשיינונג איז אַן איינפאַכע. אידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל גייט שטענדיק האַנט ביי האַנט מיטן שטראָם פון אידישן קאַפּיטאַל. די אימיגראַציע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל זיינען אין דעם פאַל אָרגאַניש און קעגנזייטיק פאַרבונדן; זיי זיינען צוויי זייטן פון איין און דעם זעלבן פּראָצעס. ווען אפילו דער אַריינקומענדיקער יידישער קאַפּיטאַל זאָל באַשעפטיקן בלויז אידישע אַרבעטער — וואָס איז ווייט נישט שטענדיק דער פאַל — גיט ער דאָך אַ שטאַרקן שטופּ

דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן און דאָס רופט זיך במילא אָפּ אויף דער פּאַרגרעסערטער באַשעפטיקונג פאַר די אַראַבער. טויזנטער אַראַבער קריגן עקסטראַ אַרבעט אין די פּאַרטן און אויף די באַנען צוליבן פאַרגרעסערטן שיף־פּאַרקער; אַנדערע ווערן באַשעפטיקט ביי דער אויסאַרבעטונג און צושטעלונג פון בוי־מאַטעריאַלן; ביים אויסבויען וועגן און אַנדערע עפנטלעכע אַרבעטן — דאָס אַלץ וואָלט נישט מעגלעך געווען צו טאָן, ווען די רעגירונג וואָלט נישט געווען אין אַזאַ גוטער פינאַנסיעלער לאַגע אַדאַנק דעם צושטראָם פון אידישן קאַפּיטאַל. פאַקטיש, שאַפט דער אידישער קאַפּיטאַל אַרבעטס־מעגלעכקייטן נישט נאָר פאַר די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער נאָך אויך פאַר טויזנטער אַראַבישע אימיגראַנטן פון די ארומיקע לענדער.

געשטעלט פאַר אַזעלכע אייזערנע פאַקטן, האָבן די אַראַבישע פירער אַרויסגעוויזן אַ גרייטקייט אויפצוגעבן זייער אַלטע טענה וועגן דעם עקאָנאָמישן שאָדן, וואָס אידישע אימיגראַציע זאָל האָבן געבראַכט די אַראַבישע מאַסן בכלל. זיי געבן שוין זאָגאָר צו, אַז די אידישע אימיגראַציע האָט אין אַ געוויסער מאָס אויפגעהויבן דעם אַלגעמיינעם לעבנס־ניוואָ אין לאַנד. זיי זאָגן אָבער, אַז אַנטקעגן דער דאָזיקער אַלגעמיינער פאַרבעסערונג, שטייט די פאַראָרעמונג פון איין באַשטימטער גרופּע אַראַבער — די פעלאַכן, וואָס האָבן צוליב די אידישע לאַנד־קניות געמוזט פאַרלאָזן דעם באָדן, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט אַלס אַרענדאַטאָרס. טויזנטער אַזעלכע אַראַבער, געוועזענע אַרענדאַטאָרס זאָלן איצט זיין „לאַנדלאָז״ און זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז אַ סך ערגער ווי פריער.

די „לאַנדלאָזע״ אַראַבער

אין געוויסע פאַלן מעג די טענה אפשר זיין ריכטיק, אָבער בדרך כלל ווערט די דאָזיקע טענה גרינטלעך אָפּגעלייקנט דורך די לעבעדיקע פאַקטן. דאָס איז קלאָר באַוויזן געוואָרן אין 1930, ווען די ארץ־ישראל־רעגירונג האָט אונטערן דרוק פון דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע פעלאַכן, וואָס זיינען אַמאָל געוואָרן אַראָפּגעשטופּט פון זייער באָדן דורך אידישע לאַנד־קניות. די רעגיסטרירטע האָט מען צוגעזאָגט צו באַזעצן צוריק אויף ערד אויף די קאָסטן פון דער רעגירונג. נאַטירלעך האָבן די אַראַבישע פירער געוואָלט אויסנוצן די גלעגנהייט צו באַווייזן פאַר דער וועלט די שעדלעכע רעזולטאַטן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. זייערע בעסטע רעדנער האָבן זיך אָוועקגעלאָזט איבער די דערפער, כדי צוצורעדן יעדן פעלאַך, וואָס האָט ווען עס־איז געהאַט עפּעס צו טאָן מיט אידן, זיי זאָלן זיך פאַרשרייבן אַלס „לאַנדלאָזע״. נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען זיינען אַריינגעגעבן געוואָרן צו דער רעגירונגס־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן

דורכצופירן די צוריק־באַזעצונג פון די לאַנדלאָזע אַראַבער, 3236 אַפּליקאַ־ציעס. דער גרעסטער טייל פון זיי איז גלייך געוואָרן אָפּגעוואָרפן אַלס אומ־באַגרינדעט. אָנגענומען געוואָרן זיינען בסך הכל 656 מעלדונגען און דאָס איז זיכער דער מאַקסימום פון די „לאַנדלאָזע" אין גאַנצן לאַנד. מען דאַרף גע־דענקען, אַז די ענגלישע באַאַמטע, וואָס האָבן באַדאַרפט דורכפירן די צוריק־באַזעצונג, זיינען באַקאַנט מיט זייערע פּראָ־אַראַבישע סימפּאַטיעס; זיי האָבן זיכער באַהאַנדעלט די אַפּליקאַציעס לפנים משורת הדין. זיי וואָלטן זיכער נישט אָפּגעוואָרפן קיין איין טענה, וואָס האָט געהאַט וועלכע ס'איז באַרעכ־טיקונג.

די 656 לאַנדלאָזע, וועמענס טענות מ'האָט יאָ אָנערקענט, זיינען נישט געווען די אייגנטימער פון באָדן וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן די אידן. זיי זיינען קוים געווען אַרענדאַטאָרס, וועלכע פלעגן, בדרך אגב, צאָלן זייער הויכע אַרענדע־אָפּצאָלן די פריערדיקע אַראַבישע — ס'רוב אָבוועזנדע — לאַנד־אייגנטימער. די דאָזיקע אַרענדאַטאָרס האָבן נישט פאַרלאָזן דעם באָדן וואָס זיי האָבן געדונגען ביז זיי האָבן נישט באַקומען אַ באַדייטנדע געלט־אַנטשע־דיקונג פון די אידישע קויפער פון באָדן. מיינסטע פון זיי מאַכן איצט אַ בע־סער לעבן אין די שטעט ווי זיי האָבן געמאַכט אַלס אַרענדאַטאָרס אויף דעם פאַרלאָזטן מיט מאַלאַריע אָנגעשטעקטן באָדן, און הגם זיי האָבן זיך רעגיס־טרירט אויפן רעגירונגס־רעקאָרד אַלס לאַנדלאָזע, האָבן זיי פּאַקטיש נישט גע־וואָלט דינגען די ערד מיט וואָס די רעגירונג האָט זיי באַשאַנקען, סיידן מ'וועט זיי דערלויבן צו פאַרקויפן די ערד צו אידן...

אַט אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע, געשילדערט אין אַ באַריכט פון הויך־קאָמיסאַר צו דער פעלקער־ליגע:

„אַלע רעגיסטרירטע אַראַבער, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער וואונטש צו נעמען לאַנד אויף רעגירונגס־באָדן, זיינען באַזעצט געוואָרן. אָבער אויב נאָר אַ מינדערהייט האָט זיך פּאַקטיש באַזעצט אויפן באָדן, איז עס צוליבן פּאַקט, וואָס עס איז איצט דאָ פיל אַרבעט אין די שטעט און אין די אַרומיקע פּרדסים" . . . *).

אויף יעדן פאַל האָט שוין די רעגירונג באַזעצט אויף באָדן אַלע לאַנד־לאָזע אַראַבער, וואָס האָבן פּאַקטיש פאַרלוירן זייער חיונה צוליב די אידישע באָדן־קניות און זיינען געווען גרייט אַרויפצוגיין אויפן געגעבענעם באָדן און אויסנוצן די ליבעראַלע קרעדיט־באַדינגונגען וואָס מ'האָט זיי געגעבן. אַזוי אַרום איז באַזייטיקט געוואָרן דער איינציקער עקאָנאָמישער אַרגומענט קעגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע שיין פון אמת.

אין ליכט פון די פּאַקטן, קען דער דרוק פון די אַראַבישע פּאָליטישענס

---

*) רעפּאָרט אָוו דהע היי־קאָמישאָנער פאָר פּאַלעסטיין, 1934, ז. 58.

בנוגע די עקאָנאָמישע שאָדנס וואָס די אידישע קאָלאָניזאַציע ברייגט מכלו־מערשט די אַראַבער, נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַן אויפּריכטיקער אויסדרוק פון זייערע איבערצייגונגען.

פּאָליטישע טענות

פיל מער אויפריכטיק און ערנסט זען אויס די אַראַבישע קלאָגעס וועגן די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעזולטאַטן פון דעם אידישן אימיגראַציע־שטראָם קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע טענות וואָלטן געווען וואָגיקער, ווען זיי וואָלטן נישט געוואָרן באַגלייט פון אומבאַגרינדעטע עקאָנאָמישע תביעות. די אַראַבישע פירער וואָלטן געווינען מער סימפּאַטיע פאַר זייער זאַך, ווען זיי וואָלטן פּשוט ערקלערט, אַז זיי וואַרפן אָפּ די אידישע אימיגראַציע צוליב ריין־נאַציאָנאַלע סיבות, צוגעבנדיק אין דער זעלבער צייט, אַז די דאָזיקע אימיגראַציע לייגט פּאַקטיש פאַר זיי „גאָלדענע אייער“.

די פּאָליטישע קעגנערשאַפט פון די אַראַבישע פירער קעגן אידישער אימיגראַציע שטיצט זיך אויף דער הנחה, אַז די אידן צילן צו באַהערשן פול־שטענדיק דאָס לאַנד און באַרויבן די אַראַבער פון זייער איצטיקן נאַציאָנאַלן סטאַטוס.

קיינער וועט נישט אינגאַנצן אָפּוואַרפן די פּאָליטישע חשדים וואָס שטיצן זיך נישט אויף אַקטועלע פאַקטן נאָר אויף צוקונפטיקע מעגלעכקייטן. אַזוי לאַנג ווי רייבונגען צווישן פעלקער איז אַ פאַרשפּרייטע ערשיינונג אין דער גאַנצער וועלט, קען דאָס נישט ווערן אויסגעמיטן אויך אין ארץ־ישראל.

אין די פריערדיקע יאָרן האָבן די אידן, זעט אויס, נישט געפּרואווט גענוג שטאַרק אַנטקעגנצואווירקן די פיינטלעכע אַראַבישע אַגיטאַציע דורך פּאָזיטיווע אָנשטרענגונגען איינצושטעלן בעסערע באַציאונגען מיט זייערע אַראַבישע שכנים. זיי מוזן איצט פאַרגרעסערן די דאָזיקע באַמיאונגען צו דערפירן צו אַן ענגערער עקאָנאָמישער און קולטורעלער קאָאָפּעראַציע צווישן דיביידע פעלקער. די אַראַבער דאַרף מען געבן אַ מער פּראָמינענטן פּלאַץ אין אידישע שולן און ס'דאַרף אויך זיין אַ בעסערע פאַרשטענדיקונג אויפן געביט פון עקאָנאָמישער טעטיקייט. אַזוי, למשל, דאַרף די אָרגאַניזאַציע פון די שטאַטישע אַרבעטער ווערן געבויט אויף אַ צוויי־נאַציאָנאַלן יסוד און בכלל דאַרפן זיין ענגערע באַציאונגען צווישן אידן און אַראַבער וואָס געהערן דעם זעלבן פאַך אָדער פּראָפעסיע. מען דאַרף זיך אויך שטאַרק באַמיען איינצושטעלן מער האַרציקע סאָציאַלע קאָנטאַקטן צווישן די אידן און אַראַבער.

עס וואָלט געווען נאַאיוו אָנצונעמען, אַז דאָס בעסערע קענען פון אַראַביש און אַ גרעסערע פריינטלעכקייט צו אינדיווידועלע אַראַבער קען זיין אַ גענוגנדע סיבה כדי אויסצוואָרצלען די אַראַבישע אָפּאָזיציע צו די אידישע

צילן אין ארץ־ישראל. אַ פאָלק קען זיך קעגנשטעלן דעם צושטראָם פון איינ־וואַנדערער פון אַן אַנדער פאָלק אין זיין ביז איצט באַזעצטער טעריטאָריע, הגם די פרעמדע מעגן זיך באַנעמען אויסערגעווינלעך פריינטלעך און זיין די לייגער פון די „גאָלדענע אייער״. אויסער דעם זיינען פאַראַן נאָך אויסער־לעכע איינפלוסן וואָס וועלן נישט דערלויבן דער אַראַבישער באַוועגונג צו פאַר־לירן אירע איצטיקע אַנטי־אידישע טענדענצן.

די מאָראַלישע פראַגע

די גרויסע מאָראַלישע פראַגע וואָס פליסט אַרויס אין פאַרבינדונג מיטן אידיש־אַראַבישן קאָנפליקט אין ארץ־ישראל איז: האָט אַ פאָלק, וואָס בילדעט די מערהייט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע דאָס מאָראַלישע רעכט צו שליסן הערמעטיש די דאָזיקע טעריטאָריע פאַר איינוואַנדערונג פון דרויסן? נאָך קאָנקרעטער: זיינען מיר גענויגט צו אַנערקענען דאָס דאָזיקע רעכט אין ציטן, ווען די דאָזיקע איינוואַנדערונג איז דיקטירט דורך ביטערער, טראַ־גישער נויט און ווען זי איז נאָך דערצו עקאָנאָמיש נוצלעך פאַרן לאַנד, וואו־הין זי איז געווענדעט?

מיט אַנדערע ווערטער, האָבן נאָר בלויז די פעלקער, וואָס האָבן אין אַמאָליקע ציטן אויפגעשטעלט זייער הערשאַפט אויף באַשטימטע טעריטאָריעס און זיינען אימשטאַנד צו היטן זייערע גרענעצן מיט פאָליציייאישער געוואַלד, דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויף עקזיסטענץ? אָדער מוז דאָס דאָזיקע רעכט אַנערקענט ווערן אויך פאַר די יעניקע פעלקער, וואָס ווערן געטריבן פון זיי־ערע פריערדיקע וואוין־ערטער דורך פאַרניכטנדער געוואַלט, בפרט ווען זיי ווילן אַנטוויקלען די רעסורסן פון פרימיטיווע אָדער פאַרנאַכלעסיקטע לענדער פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט?

די רעכט פון הונט אויפן הויפן היי קענען נישט אַנערקענט ווערן אַלס מאָראַליש. נאַטירלעך, קאָן אָפּט די דאָזיקע ווירדיקע חיה צווינגען די וועלט צו אַנערקענען די דאָזיקע רעכט מיט דער הילף פון אירע ציין און נעגעל. פונדעסטוועגן ווערט דער מאָראַלישער כאַראַקטער פון אַזעלכע רעכט שטאַרק געלייקענט דורך דענקער און געוויסנהאַפטע מענטשן.

עס מוז, ליידער, געזאָגט ווערן, אַז אין די פריערדיקע דורות האָט מען זיך מער גערעכנט מיט דער נאַטירלעכער רעכט פון גערודפטע און הונגעריקע מענטשן צו זוכן פאַר זיך נייע היימען. טראָץ דעם עגאָאיזם און גרויזאַמקייט פון מיטלאַלטער, איז דאָס וואַנדערן פון יחידים, זוכנדיק שפּייז און זיכערהייט, געווען אַ סך ווייניקער באַשרענקט איידער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין יענע ציטן איז אַ פּאַספּאָרט געווען די פּריווילעגיע פון אַ שטאָלצן אַמבאַ־סאַדאָר, נישט קיין אומבאַדינגטער תנאי פאַרן עלענדן פליכטלינג. דאָ זעען

מיר אַ וויכטיקן ביישפּיל וואו אַ צוריקקער צו די מנהגים פון מיטלאַלטער וואָלט פּאַקטיש באַדייט אמתער פּראָגרעס...

נישט נאָר ברענגט די אידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל וואויל־שטאַנד און ציוויליזאַציע צו אַן אַלט לאַנד, וואָס איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אין לויף פון פיל דורות, נאָר זי באַדייט אויך אַ ראַדיקאַלער איבערבוי אינם אינערלעכן לעבן פון אַ היסטאָריש פאָלק, וואָס האָט דורך זיינע גלות־וואַנדערונגען באַקומען אַן איינזייטיקע און פאַרקריפּלטע עקאָנאָמישע סטרוקטור. אין ערגעץ ווערט נישט די דאָזיקע אַנאָרמאַלקייט, וועלכע איז, אַגב, אַ קוועלע פון פאַקטישע און מעגלעכע רייבונגען צווישן פעלקער, געהיילט אַזוי ראַדי־קאַל ווי אין ארץ־ישראל, וואו אידן זיינען ענדלעך אַזוי גוט פאַרטרעטן אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין אַנדערע געביטן פון שעפערישער אַרבעט. דאָס אַליין גיט אידן דאָס מאָראַלישע רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר זיך אַן אָפענע טיר קיין ארץ־ישראל.

דאָס רעכט פון אידן אויף ארץ־ישראל איז באַזירט אויף זייער רעכט צו לעבן און זייער פליכט צו אַרבעטן.

דער וועג צו אַ פאַרשטענדיקונג

נאָר אַזאַ אַרגומענטאַציע איז דער איינציקער ריכטיקער וועג צו פאַר־שטיין דאָס פּראָבלעם פון אידיש־אַראַבישע באַציאונגען אין ארץ־ישראל און צו קומען צו אַ גערעכטער און דויערנדער לייזונג. די אַראַבער מוזן אַנער־קענען דאָס רעכט פון די אידן צו באַזעצן זיך אויף וויסטע, פאַרנאַכלעסיקטע באָדנס, און אידן מוזן אויף אַלע געביטן אַנערקענען דעם גלייכן סטאַטוס פון די אַראַבער און העלפן אויפצוהויבן זייער עקאָנאָמישן און קולטורעלן ניוואָ. די אַראַבער זיינען באַרעכטיקט צו אַווירקלעך־איבערצייגנדע גאַראַנטיע, אַז ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער פאַרנעם פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין דער צוקונפט, וועלן זיי קיינמאָל נישט און אין קיין שום פּרט נישט ווערן צוריקגעשטופּט צו אַ צווייט־קלאַסיקער פּאָזיציע.

די אידן און די אַראַבער האָבן נאָך צו גיין אַ לאַנגן וועג כדי צו דער־גרייכן אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג. אָבער טראָץ דעם גאַנצן סם וואָס ס'איז אַריינגעשפּריצט געוואָרן אין זייערע מוחות דורך בייזוויליקער פּאַשיס־טישער פּראָפּאַגאַנדע, הויבן געוויסע אַראַבישע אינטעליגענטן אָן צו פאַרשטיין די טראַגישע כוחות, וואָס טרייבן אומברחמנותדיק די אידן קיין ארץ־ישראל. הגם זיי ווערן טעראָריזירט פון מופטיס מערדער און זיי ציטערן פאַר דער פּערספּעקטיוו צו ווערן אָנגערופן „נאַציאָנאַלע פאַרעטער", הויבן זיי דאָך אָן, לכל הפּחות אין פּריוואַטע שמועסן, צוצוגעבן די ברכה־ברייגענדע ווירקונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און די מאָראַלישע

קראַפט פון דער אידישער פּאָזיציע. פיל פון זיי וואָלטן אָן צווייפל געוואָרן אַק־טיווע פירער פון אַ נייער אַראַבישער פּאָליטיק אין מאָמענט ווען ענגלאַנד וואָלט אָנגעפאַנגען אַ קלאָרע פּאָליטיק פון אויפבויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים. די אידן, פון זייער זייט, הויבן אויך אָן אָנערקענען דעם כוח און באַ־דייטונג פון דער אַראַבישער באַוועגונג און זיי ווייזן אַרויס אַ גרייטקייט צו אַנטקעגנקומען איר אין אירע מער־באַרעכטיקטע טענות.

אַן אַרטיקל וואָס איך האָב געשריבן אין 1930 איז נאָך איצט אויפן פּלאַץ *). „מיר טאָרן זיך נישט האַלטן אין ארץ־ישראל ווי אייראָפּייער, וואָס זיינען געקומען עקספּלואַטירן אָן אָפּגעשטאַנען אָריענטאַליש לאַנד. מיר זיינען, און מיר מוזן מאַכן אויף אונזערע שכנים דעם איינדרוק פון אַ פאָלק, וואָס קערט זיך אום אין אָריענט מיט דער כונה צו סאָלידאַריזירן זיך מיט די אינטערעסן און באַשטרעבונגען פון די מזרח־פעלקער און העלפן זיי זיך אַרויפאַרבעטן צו אַ העכערן סטאַנדאַרט פון עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן".

נאָר מיט אַזאַ גייסטיקן צוגאַנג וועט זיין מעגלעך צו ברענגען אין איינקלאַנג די אידישע פאָדערונגען פאַר אַ קאָמאָנוועלטה אין ארץ־ישראל מיט דעם אַראַבישן חלום פון אַ פעדעראַציע פון מלוכות פון נאָענטן מזרח. צייט, געדולד און דער עקשנותדיקער גוטער ווילן זיינען די פאָרבאַדינגונגען פאַר דער דערגרייכונג פון דאָזיקן ערהאבענעם ציל.

*) „מענאָראַ זשורנאַל", יאַנואַר 1930, ז. 31.

קאַפּיטל אַכצן

עבר הירדן

עבר הירדן איז דער מזרחדיקער טייל פון היסטאָרישן ארץ־ישראל. אין 1922 איז זי געוואָרן אָפּגעטיילט פון ארץ־ישראל און געשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַזונדער אַדמיניסטראַציע, אָנגעפירט פון עמיר אַבדולאַ, אַן אַראַבישער פּרינץ פון העדזשאַס. אַבדולאַ, אַ ברודער פון פאַרשטאָרבענעם קעניג פייזאל פון איראַק, איז געוואָרן פּראָקלאַמירט אַלס דער קעניג פון עבר הירדן אַדאַנק די פּאַרדינסטן, וואָס זיין ברודער פייזאל און זיין פאָטער, דער שעריף הוסיין פון מעקאַ, האָבן געהאַט פאַר די ענגלענדער אין ערשטן וועלט־קריג. ער האָט אַרום זיך אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט, אַ געריכט און אַ סאָרט פּאַרלאַמענט. אָבער די אמתע מאַכט ליגט פאַקטיש אין די הענט פון ענגלישן „רעזידענט", וואָס איז אונטערגעוואָרפן דעם הויך־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל.

עבר הירדן איז ביים פּאָליטישן אָפּטיילן זיך פון אייגנטלעכן ארץ־ישראל געוואָרן געשלאָסן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. די פּאַראַגראַפן פון מאַנדאַט, וואָס זיכערן אידן דאָס רעכט צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל, זיינען פאָרמעל דערקלערט געוואָרן אַלס נישט־גילטיקע בנוגע עבר הירדן. די אידן האָבן אָבער קיינמאָל נישט אָנערקענט דעם דאָזיקן שריט פאַר גערעכט און אָנטגילטיק. טראָץ דער פאָרמעלער שפּאַלטונג, באַטראַכטן פיל אידן נאָך אַלץ עבר־הירדן אַלס אַן אינטעגראַלער טייל פון צוגעזאָגטן לאַנד. די דאָזיקע באַהויפּטונג ווערט טיילוויז אונטערשטיצט דורכן פאַקט, וואָס אפילו איצט, נאָך דער אָפּטיילונג פון ארץ־ישראל, געפינט זיך עבר־הירדן אונטער דער פאַקטישער השגחה פון הויך־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל.

אַן אַנדער יורידישער אַרגומענט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַר פאַרטיידיקן דעם דאָזיקן אידישן שטאַנדפּונקט; און נעמליך, אַז די פּאַראַגראַפן אין מאַנדאַט, וואָס זיכערן די רעכט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל זיינען נאָר געוואָרן סוספּענדירט אָבער נישט ענדגילטיק אַנולירט בנוגע עבר הירדן. געוויסע אידישע קרייזן קוקן אויס אויפן טאָג, ווען דער אומאויפהערלעכער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע וועט מיט דער צייט צווינגען ענגלאַנד ווידער צו דערקלערן די „אידישע פּאַראַגראַפן" פון מאַנדאַט אַלס גילטיק אויך אין עבר־הירדן.

וואָס עס זאָל נישט זיין אין דער צוקונפט, פאַרבלייבט אָבער איצט דער פאַקט, אַז עבר הירדן איז אַ באַזונדער לאַנד, באַוואַכט מיט חשד קעגן יעדער

אידישער עקספּאַנסיע און פאַרשלאָסן פאַר אידישער אימיגראַציע אפילו פון יחידים.

כדי צו פאַרשטיין גענוי די אייגנאַרטיקע באַציאונג פון עבר הירדן צו ארץ־ישראל, מחוץ מיר געדענקען, אַז די אָפּטיילונג פון די דאָזיקע בײדע לענדער איז פולשטענדיק נאָר אין באַצוג צו אידישער קאָלאָניזאַציע. אויף פיל אַנדערע געביטן, ווערט עבר הירדן פאַקטיש באַהאַנדלט ווי אַ טייל פון ארץ־ישראל. אזוי למשל, איז נישט אייגעפירט קיין טאַריף אויפן האַנדל צווישן בײדע לענדער און קיין שום אַנדערע האַנדעלס־באַגרענעצונגען. די גרענעץ צווישן די בײדע לענדער איז אָפן און דער בודזשעט פון עבר הירדן ווערט אין אַ היבשער מאָס געדעקט דורך קוים פאַרמאַסקירטע סובסידיעס פון ארץ־ישראל *).

שטח און באַפעלקערונג

די באַפעלקערונג פון עבר־הירדן ווערט אָפּגעשאַצט לויטן אָפיציעלן באַריכט פון ארץ־ישראלדיקן הויך־קאָמיסאַר פון 1938 אויף 300,214 פערזאָן. דער שטח פאַרנעמט בערך 37,740 קוואַדראַט מייל. דעם פאַרגלייך פון שטח און דער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל און עבר־הירדן ווייזן די פאָלגנדע ציפערן:

	שטח קוואַדראַט־מייל	באַפעלקערונג	צאָל באַפעלקערונג אויף אַ קוו. מייל
ארץ־ישראל	10,100	1,650,000	164
עבר־הירדן	37,740	300,214	8

די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז צוואַנציק מאָל אַזוי גרויס ווי אין עבר הירדן. מען טאָר אָבער דערבײַ נישט פאַרגעסן, אַז דער פּראָצענט פון מדבר־לאַנד, וואָס טויג לחלוטין נישט פאַר לאַנדווירט־שאַפט איז דאָרט אַ סך גרעסער איידער אינם אייגנטלעכן ארץ־ישראל. פּאַק־טיש קאָן באַנוצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפט נאָר 20 פּראָצענט פון עבר־הירדן׳ס באָדן, הויפּטזעכלעך צו מערב פון דער העדזשאַס־באַן, און עטלעכע מייל הינטער איר. אָבער אויך דאָרט איז די געדיכטקייט פון דער באַפעל־קערונג אַ פערטל ווי אין ארץ־ישראל — אַן אַרגומענט, וואָס ווערט אָפט באַ־נוצט אַלס אַ גרונד פאַר עפענען די טויערן פון עבר הירדן פאַר אידישער קאָ־לאָניזאַציע.

*) געברויכבאַרע ציפערן וועגן עבר הירדן זיינען נישט גענוגנד און פאַרעלטערט. די לעצטע ציפערן זיינען פון 1938, פאַרעפנטליכט אין באַריכט פון ארץ־ישראלדיקן הויך־קאָמיסאַר צו דער פעלקער־ליגע. עס זעט אָבער אויס, אַז זינט דאַן זיינען ניט פאַרגעקומען קיין וויכטיקע ענדערונגען.

90 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען מאַכמעדאַנישע אַראַבער. די איבעריקע 10 פראָצענט באַשטייט פון 20,000 קריסטן און 10,000 טשערקעסן. הגם די לעצטע זיינען איבערגעגעבענע מאַכמעדאַנער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון קאַווקאַז מיט אַ זעכציק יאָר צוריק ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דער רוסישער הערשאַפט, האָבן זיי נאָך אַלץ אויפגעהאַלטן זייער אייגנאַרטיקע קולטורעלע און ראַסישע כאַראַקטער־שטריכן, זיי האָבן נישט חתונה מיט אַראַבער. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ קרעפטיקע ראַסע און בילדן אַ גרויסן און צופאַרלעסיקן טייל פון עבר־הירדנס גרענעץ־וואַך.

עס זעט אויס, אַז אַ טייל פון די שיטער־באַזעצטע ראַיאָנען פון עבר־הירדן האָבן פרוכטבאַרן באָדן וואָס איז בעסער צוגעפּאַסט צו תבואה־קולטור ווי דער באָדן אין ארץ־ישראל. דער צפון־טייל פון לאַנד, דאָס ביבלישע גלעד, איז דערפאַר אויסגעקליבן געוואָרן פון באַרימטן ענגלישן פאָרשער, לאָרענס אָליפאַנט, אַלס די בעסט־פּאַסיקסטע טעריטאָריע פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע לויט אַ פּלאַן וואָס ער האָט פאָרגעלייגט אין 1879. עבר־הירדן פאַרמאָגט אויך מינעראַל־שיכטן פון פאָספאַט, וואָס זיינען זייער ווערטפול פאַר באַמיסטיקונגס־צוועקן. פון דער צווייטער זייט איז צווייפלהאַפט, צי עבר־הירדן מיט זיין שווערן באָדן, איז צוגעפּאַסט פאַר אינטענסיווער ציטרוס־קולטור פון דעם טיפ, וואָס איז דאָמינירענד אין די טאָלן ביים ים־ברעג פון ארץ־ישראל.

לעבנס־סטאַטיסטיק

די ציפערן וועגן די געבורטן און טויט־פאַלן פון די אַראַבער אין עבר־הירדן אין פאַרגלייך מיט די אַראַבער פון ארץ־ישראל, ווערן געגעבן אין דער פאָלגנדער טאַבעלע *):

יאָר	עבר־הירדן		ארץ־ישראל (מאַכמעדאַנער)	
	געבורטן־ראַטע	טויטן־ראַטע (אויף יעדע 1000 איינוואוינער)	געבורטן־ראַטע	טויטן־ראַטע (אויף יעדע 1000 איינוואוינער)
1932	35.5	20.0	49.0	26.3
1933	36.3	24.5	49.8	24.0
1934	35.8	26.5	46.6	26.7
1935	37.6	22.7	52.5	23.5
1936	40.0	22.0	53.1	20.0
1937	38.3	21.1	49.8	24.9
1938	42.8	18.8	47.2	18.7

*) ס׳איז ריכטיקער צו פאַרגלייכן עבר הירדן נאָר מיט דער מאַכמעדאַנישער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל און נישט מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון א״י, ווייל אַנדערש וואָלט דער אונטערשיד געווען נאָך מער שרייענד צום שאָדן פון עבר־הירדן.

אין 1938 האָבן אין גאַנץ עבר־הירדן עקזיסטירט נאָר 4 מיסיאָנערישע שפּיטאָלן מיט סך הכל 38 בעטן. אין ארץ־ישראל זיינען צו יענער צייט געווען 44 שפּיטאָלן מיט 2,870 בעטן, אָדער אַ שפּיטאָל־בעט פאַר יעדע 577 איינוואוינער אין פאַרגלייך מיט איין בעט פאַר יעדע 1,850 איינוואוינער אין עבר הירדן. די צאָל פון קליניקס אין עבר־הירדן איז אויך שרעקלעך נישט גענוגענד און דער קאַמף קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון עפּידעמישע קראַנקייטן איז גאַנץ שוואַך *).

אגב, האָט נישט עבר־הירדן קיין איין אַנשטאַלט פאַר משוגעים, און ווען די משוגעים ווערן צו ווילד, זעצט מען זיי אַריין אין טורמע צוליבן מאַנגל אין עפּעס בעסערס.

די קינדער־שטערבלעכקייט צווישן אַראַבער אין עבר־הירדן און צווישן די מאַכמעדאַנער אין ארץ־ישראל דעמאָנסטרירט די ווייטערדיקע טאַבעלע:

יאָר	עבר־הירדן (אויף יעדע 1000	ארץ־ישראל געבורטן)
1934	242	175
1935	211	148
1936	201	136
1937	203	179
1938	181	128

די וויכטיקע פאַרגלייך־ציפערן פון עבר־הירדן מיט ארץ־ישראל זיינען רעטזעלהאַפט אין אַ רייע געביטן. אַזוי למשל, באַווייזט עבר־הירדן אַ נידעריקערע געבורט־און שטערבלעכקייט־ראטע ווי די אַראַבער פון ארץ־ישראל, אָבער אַ באַדייטענד העכערע שטערבליכקייט פון קינדער. ס'איז באמת אַ רעטעניש פאַרוואָס זאָל זיין צווישן די אַראַבער אין עבר־הירדן אַ נידעריקערע שטערבליכקייטס־ראטע, טראָץ די מער־פּרימיטיווע סאַניטאַרע באַדינגונגען, ווי צווישן די מער־אַנטוויקלטע אַראַבער פון ארץ־ישראל. דער דאָזיקער פאַרגלייך זעט אויס צו זיין אומגלויבלעך אין ליכט פון די ציפערן וועגן דער גרעסערער קינדער־שטערבליכקייט אין עבר־הירדן. נאָך אַן אומפאַרמיידלעכע פראַגע מוז זיך שטעלן: פאַרוואָס זאָל אין עבר־הירדן די געבורטס־ראטע זיין קלענער ווי אין ארץ־ישראל און אפילו ווי אין עגיפּטן?

מען קען דערקלערן דעם דאָזיקן אומלאָגישן אונטערשיד צווישן די סטאַטיסטישע ציפערן וועגן געבורטן און טויט־פאַלן אין עבר־הירדן און אין ארץ־ישראל מיט צוויי אופנים. איין דערקלערונג איז, אַז געוויסע צאָלן פון

*) 2 פון די מיסיאָן־שפּיטאָלן מיט 76 בעטן, זיינען געווען איטאַליענישע און זיינען וואַרשיינלעך געשלאָסן געוואָרן ווען איטאַליע איז אַריין אין קריג. איצט מוז דערפאַר דער מאַנגל אין שפּיטאָל־בעטן נאָך זיין פיל גרעסער.

די געבורטן־און טויט־פאַלן אין עבר הירדן ווערן נישט רעגיסטרירט אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. די אַנדערע סברה איז, אַז די ציפערן זיינען יאָ ריכטיק, אָבער זיי באַציען זיך אויף אַ קלענערער באַפעלקערונג, איידער די וואָס ווערט אָנגעגעבן אין די אָפיציעלע אָפשאַצונגען. ס׳איז אַ סברה, אַז די באַפעלקערונג פון עבר־הירדן איז בערך אויף 10־15 פּראָצענט קלענער ווי ס׳איז אָנגעגעבן אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. די דאָזיקע סברה איז שוין איין מאָל אַרויסגערוקט געוואָרן אין אַ באַריכט פון הויך־קאָמיסאַר צום פעלקער־בונד פאַרן יאָר 1932.

די אויסערגעוויינלעך־קליינע צאָל שולן איז אַ וויטערדיקער סימן פון דער אָפגעשטאַנענקייט פון עבר־הירדן, אין פאַרגלייך מיט ארץ־ישראל.

אין 1938 זיינען געווען 8,208 שילער אין די רעגירונגס־שולן און 5,349 אין די פּריוואַטע און מיסיאָן־שולן פון עבר־הירדן. נאָר 18 פּראָצענט פון אַלע קינדער אין שול־עלטער באַזוכן שולן, די מייסטע פון זיי געפינען זיך אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. די איבעריקע 82 פּראָצענט באַקומען בכלל נישט קיין שול־ערציאונג.

די אויסזיכטן פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין עבר־הירדן

אפילו ווען די צאָל פון דער באַפעלקערונג פון עבר־הירדן זאָל זיין אַזאַ ווי זי איז אָנגעגעבן אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק — 300,214, איז נאָך אַלץ דאָ גענוג פּלאַץ דאָרט פאַר אַ וויטערדיקער קאָלאָניזאַציע. דער ווידער־שטאַנד צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע איז אַלזאָ נישט געקומען פון עקאָנאָ־מישע נאָר פון פּאָליטישע סיבות. ס׳איז דער אַלגעמיינער איינדרוק אין ארץ־ישראל, אַז די שטאַרקסטע קעגנערשאַפט צו דער קאָלאָניזאַציע פון אידן אין עבר־הירדן קומט נישט פון אַראַבישע הערשער אָדער פון די אָרטיקע שייכן, נאָר פון ענגלאַנד, וואָס האָט דעם פולן און פּאַקטישן קאָנטראָל איבערן לאַנד. די דאָזיקע מיינונג ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער געשיכטע מיטן אָפמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ צען יאָר צוריק צווישן מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און עמיר אַבדולא, וועלכער האָט מסכים געווען צו געבן די אידן אין אַרענדע אַ גרויסן שטח לאַנד, וואָס איז אים געשענקט גע־וואָרן דורכן פּאַרלאַמענט אין עבר־הירדן. דער אָפמאַך איז נישט דורכגעפירט געוואָרן צוליב דער קעגנערשאַפט פון דער ענגלישער רעגירונג צו אידישער קאָלאָניזאַציע אין עבר־הירדן.

קורץ נאָך די פאַרהאַנדלונגען מיטן עמיר, האָבן די ציוניסטישע פירער געהאַט עטלעכע קאָנפערענצן מיט די איינפלוסרייכע שייכן פון עבר־הירדן וועגן די מעגליכקייטן פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין זייער לאַנד. די דאָזיקע שייכן זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון מעטקאַל פּאַשאַ, אַ גרויסער לאַנד־באַזיצער

אין דרום־טייל פון עבר־הירדן, דאָס ביבלישע מואָב. אייניקע פון די דאָזיקע קאָנפּערענצן האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון פייערלעכע באַנקעטן, מיט הויך־קלינגענדע רעדעס וועגן דער פאַרברידערונג צווישן די צוויי קרובהשע פעלקער. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אייניקע פון די דאָזיקע שייכן וואָלטן שטאַרק געוואָלט, אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אין זייערע געגענטן און פאַרפּילפּאַכן דערמיט דעם ווערט פון זייערע גרויסע לאַנד־שטחים, פאַר וועלכע מ׳קען איצט בכלל נישט געפינען קיין קונים. ס׳איז אָבער אַ גרויסער צווייפל, צי פון די דאָזיקע קעגנזייטיקע גוטע וואונטשן וועט אַרויסקומען עפּעס ממשות־דיקעס, כל־זמן די אַלגעמיינע ענגלישע פּאָליטיק וועגן עבר־הירדן וועט נישט ווערן ראַדיקאַל געענדערט.

די אויסזיכטן פון אַזאַ ענדערונג זען נישט אויס צו זיין שיינבאַר ביים איצטיקן מאָמענט. דער אָפּמאַך פון 1935 צווישן דער ענגלישער רעגירונג און עמיר אַבדולאַ האָט איינגעפירט אַ פאַרבאָט אויף אימיגראַציע און אפילו אויף דער קאָלאָניזאַציע פון אידן אַלס יחידים. די דאָזיקע פאַראָרדנונג איז איצט אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע פון עבר־הירדן. לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער גוט־אינפאָרמירטער אַראַבישער צייטונג „אל־ליוואַ" איז דער פאַרבאָט פון אידישער קאָלאָניזאַציע געוואָרן איינגעשלאָסן אין אָפּמאַך אויף דער פאַ־דערונג פון דער ענגלישער רעגירונג. איבראַהים נאַישאַם, אַבדאַלאַס פרעמ־יער־מיניסטער, איז, זעט אויס, געווען קעגן דעם פאַרבאָט, אין וואָס ער האָט געזען אַ פאַרלעצונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון זיין לאַנד.

האַנדל און רעגירונגס־בודזשעט

די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון עבר־הירדן אין פאַרגלייך מיט ארץ־ישראל ווייזט זיך אַרויס באַזונדערס קלאָר, ווען מען באַקענט זיך מיט איר אומבאַדייטנדן אויסלאַנדס־האַנדל און די קליינע רעגירונגס־הכנסות.

איר אויסערן האַנדל האָט אַזוי אויסגעזען:

יאָר	אימפּאָרט	עקספּאָרט און רע־עקספּאָרט
1936	794,959	233,491
1937	934,211	525,828
1938	788,714	565,944

אַ געוויסער סכום פון אימפּאָרט איז נישט איינגעשלאָסן אין די אויי־ביקע ציפערן. די איראַק־פּעטראָלעאום קאָמפּאַניע, די ראַיאַל אינזשיניערס און אַנדערע זיינען באַפרייט פון דער פליכט צו צאָלן צאָל און דער אימפּאָרט פון די דאָזיקעביידע פּריווילעגירטע געזעלשאַפטן א. א. גרופּן, וואָס זיינען באַ־פרייט פון דער צאָל־פליכט האָט אין 1937 באַטראָפן 517,465 פונט.

ווייץ, די גרעסטע פּאָזיציע אין עבר־הירדן׳ס עקספּאָרט, איז אין 1938 אויסגעוואַקסן צו 57 פּראָצענט פון גאַנצן עקספּאָרט־באַטרעף. דער בעסטער אָפּזאַץ־מאַרק פון עבר־הירדנס ווייץ איז ארץ־ישראל, וואָס איז נאָך אַ באַווייז פון די ענגע עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן דיביידע לענדער, וואָס האָבן ביז דאָ נישט לאַנג געבילדעט אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איינהייט.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט אָן די פאַר־מלחמהדיקע הכנסות און הוצאות פון עבר־הירדן אין פאַרגלייך מיט די פון ארץ־ישראל:

יאָר	עבר־הירדן		ארץ־ישראל	
	הכנסות אין פונטן	הוצאות אין פונטן	הכנסות אין פונטן	הוצאות אין פונטן
1932־33	253,749	340,880	3,015,917	2,516,394
1933־34	261,492	374,769	3,985,492	2,704,856
1934־35	270,589	369,395	5,452,633	3,230,010
1935־36	313,847	381,300	5,770,457	4,236,202
1936־37	288,140	435,039	4,640,821	6,073,502
1937־38	358,160	462,710	4,897,356	5,804,854

אַן אַנאַליז פון עבר־הירדנס בודזשעט, באַזונדערס ווען מען פאַרגלייכט אים מיטן בודזשעט פון ארץ־ישראל, איז זייער באַלערנד. ער ווייזט, למשל, אַז אין נאָרמאַלע צייטן איז די דורכשניטלעכעביישטייערונג פון אַן איינוואוינער פון עבר־הירדן צו די רעגירונגס־הכנסות קרוב 1 פונט אין פאַרגלייך מיט 4 פונט, וואָס פאַלט אויס אויף אַן איינוואוינער פון ארץ־ישראל. דער בודזשעט פון עבר־הירדן האָט אַ שטענדיקן יערלעכן גרויסן דעפיציט, וואָס באַטרעפט אַ דריטל פון דער גאַנצער הכנסה, אין ז׳ער צייט ווען דער בודזשעט פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג האָט אַ באַדייטנדן עודף. די איינציקע אויסנאַמע זיינען געווען די יאָרן פון די אַראַבישע אומרוען, 1936־1938, און די ארץ־ישראל־רעגירונג האָט געקענט דעקן דאַן די דאָזיקע דעפיציטן מיט דעם בודזשעט־עודף פון די פריערדיקע יאָרן. דער דעפיציט פון עבר־הירדן איז, אָבער, אַן אָרגאַנישער, אַלץ איינס צי די יאָרן זיינען עקאָנאָמיש־גוטע אָדער שלעכטע. לויט אַן אָפּענער דערקלערונג וואָס דער געוועזענער הויך־קאָמיסאַר אַרטור וואוקאָפּ, האָט געמאַכט פאַר דער 27־טער סעסיע פון דער פּערמאַנענטער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פון פעלקערבונד, איז עבר הירדן אַ זייער אָרעם לאַנד און איז נישט בכוח צו צאָלן מער שטייערן ווי די וואָס זי באַקומט איצט. די רעגירונג מוז אָבער אָנגיין מיט אירע געשעפטן, אָבער צוליב דער אָרימקייט פון די שטייער־צאָלער קען זי עס טאָן נאָר דורך באַקומען אונטערשטיצונג.

ווי ארץ־ישראל דעקט עבר־הירדנס דעפיציט

אויסער די דירעקטע ענגלישע אונטערשטיצונגען, וואָס מאַכט דורכ־שניטלעך אויס יערליך איבער 100,000 פונט, ווערט דער בודזשעט פון עבר־הירדן אונטערשטיצט דורך באַהאַלטענע סובסידיעס פון דער קאַסע פון דער א״י־רעגירונג. אַזעלכע סובסידיעס ווערן געווייינלעך געגעבן אין דער פאָרם פון דער באַטייליקונג אין די קאָסטן פון עבר־הירדנס גרענעץ־פּאָליציי, אַ האַלב מיליטערישע פּאָליציי־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאָרמעל געשאַפן געוואָרן פאַרן געמיינזאַמען שוץ פון ביידע לענדער. די קריטיקער טענהן אָבער, אַז ארץ־ישראל נויטיקט זיך פּראַקטיש נישט אין אַזאַ געמיינזאַמער פאַרטיידיקונג, ווייל די גרענעץ צווישן עבר־הירדן איז פיל זיכערער ווי די גרענעץ צווישן עבר־הירדן און איראַק און צווישן עבר־הירדן און סאודס וואהאַביטן־מלוכה. אויסער דעם, האַלט ארץ־ישראל פּראַקטיש אויס אַ גרויסע גוט־אָרגאַניזירטע און מאָ־דערנע פּאָליציי מיט אַ גרויסן אנטייל פון ענגלישע פּאָליציאַנטן און האָט נאָך אויסער דעם אַ באַדייטנדן גאַרניזאָן פון ענגליש מיליטער. ס'איז דערפאַר שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס ארץ־ישראל זאָל זיך נויטיקן אין עבר־הירדנס גרענעץ־פּאָליציי, וואָס פירט פּראַקטיש דורך אירע פּאָליציי־פליכטן נאָר אין עבר־הירדן.

אָבער אפילו צוגעבנדיק געוויסע מיסטעריעזע סבות פאַר וואָס ארץ־ישראל מוז זיך באַטייליקן אין די אויסגאַבן פון עבר־הירדנס גרענעץ־ פּאָליציי, זעען נאָך אַלץ נישט די קריטיקער קיין באַרעכטיקונג פאַרוואָס ארץ־ישראל מוז צושטייער־געבן פאַרן דאָזיקן צוועק אַ פיל גרעסערע סומע ווי עבר־הירדן גופא. אין די פיר יאָר, צווישן 1935 און 1938, האָט ארץ־ישראל בייגעשטייערט פאַר אויסהאַלטן די גרענעץ־פּאָליציי דעם באַדייטנדן סכום פון 556,885 פונט, אין פאַרגלייך מיט נאָר 94,379 פונט, וואָס עבר־הירדן האָט אויסגעגעבן פאַר דעם צוועק. אין די ווייטערדיקע 3 יאָר איז ארץ־ישראלס אנטייל אויסגע־וואַקסן ביז 869,079 פונט, בעת עבר־הירדן'ס אנטייל אין בודזשעט פון דער גרענעץ־פּאָליציי איז געבליבן ניט געענדערט. און אפילו די דאָזיקע באַשיידענע סומע פון עבר הירדן איז געווען אינגאַנצן אַ פיקטיווע, ווייל זי איז געוואָרן געדעקט דורך אַ ספּעציעלער הלואה־אונטערשטיצונג וואָס עס האָט געגעבן די ענגלישע רעגירונג.

ס'איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז די גרויסע אונטערשידן אין אנטייל פון ביידע לענדער אין די קאָסטן פון עבר־הירדנ'ס גרענעץ־פּאָליציי, זיינען אַן אומבאַרעכטיקטע סובסידיע פאַר די קעשענעס פון עמיר אבדאַלאַס רעגירונג, אויסגעצאַפּט ביי די ענגלישע און ארץ־ישראלדיקע שטייער־צאָלער. אין משך פון די 20 יאָר זינט די גרענעץ־פּאָליציי איז געשאַפן געוואָרן, האָבן די סוב־

סובסידיעס פאַר איר וואָס גייען אויפֿן חשבון פון ארץ־ישראל באַטראָפֿן נישט וויניקער פון 3 מיליאָן פונט!

אַן אַנדער באַהאַלטענע סובסידיע פאַר עבר־הירדן ווערט געגעבן דורך אַריינגעמען אין באַן־נעץ די באַן־ליניעס פון ביידע לענדער, און אַזוי אַרום דאַרפֿן די ארץ־ישראלדיקע הכנסות־ברענגענדע אייזנבאַנען דעקן דעם דעפיציט פון דער העדזשאַס־באַן אין עבר־הירדן, וואָס ברענגט נאָר היבשע דעפיציטן. די דאָזיקע באַן, די איינציקע אין עבר־הירדן, איז אַ טייל פון דער באַרימטער באַן־ליניע, אויפֿגעבויט צו פֿאַרבינדן דמשק מיט מעקאַ און מעדינאַ, די הייליקע פלעצער פון אַראַביע. איצט אָבער, לויפֿט אָבער די דאָזיקע באַן, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן דורך דער טערקישער רעגירונג מיט בייטראָגן פון מאַכמעדאַנער פון דער גאַנצער וועלט, נאָר ביז אמאַן, און דער וויכטיקסטער טייל פון דער ליניע וואָס פֿירט קיין מעדינאַ איז אינגאַנצן פֿאַרלאָזט געוואָרן און ווערט נישט באַנוצט.

וואָלטן ארץ־ישראל און עבר־הירדן באמת באַהאַנדלט געוואָרן ווי איין לאַנד — טענהן ווייטער די קריטיקער — וואָלט קיינער נישט געהאַט דאַגעגן, אַז דער רייכערער טייל פון לאַנד זאָל העלפֿן טראָגן די לאַסט פון די אָרעמערע געגענטן. אַזוי למשל, איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז געוויסע דרום־ראַיאָנען פון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זאָלן אין דער אָדער אין יענער פֿאָרם באַקומען אַ פֿאַרהעלטעניסמעסיק־ גרעסערן טייל פון פעדעראַלן בודזשעט ווי עס פאַלט זיי אויס לויט דער גרויס פון זייערע בייטראָגן צו די הכנסות פון לאַנד. אָבער פֿאַרוואָס זאָל די הכנסה, וואָס קומט צומיינסטן פון די אידן אין ארץ־ישראל ווערן אויסגענוצט צו סובסידירן אַ לאַנד וואָס איז פּאַקטיש אויסער זייער תחום המושב? אין אַ תחום המושב איז דאָך עס פּאַקטיש. ווערט נישט אַ איד פון ארץ־ישראל אַזוי שטרענג אויסגעשלאָסן פון עבר הירדן ווי אַ איד פון אָדעס איז אין די צאַרישע צייטן אוסגעשלאָסן געוואָרן פון מאָסקווע?

קיין ענגלישער באַאַמטער האָט נאָך ווען עס איז געפּרוּווט צו געבן אַ לאָגישן און באַפֿרידיקנדן ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פּראַגע. אויב די אידן בלייבן ווייטער אויסגעשלאָסן פון עבר־הירדן, דאַרפֿן די סובסידיעס פון ארץ־ישראלדיקע הכנסות ווערן אומבאַדינגט אָפּגעשטעלט.

מעגלעכע ענדערונגען; אַבדאַלאַס אַמביציעס

דער אונטערשיד צווישן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון עבר־הירדן, וואָס ווערט געהאַלטן אין אַן אָפּגעשטאַנענעם, פֿאַרוואָרלאָזטן מצב, און ארץ־ישראל מיט איר שנעלער אַנטוויקלונג אין רעזולטאַט פון כסדרדיקן צופֿלוס פון קאַפּיטאַל, איז געקומען מער צום אויסדרוק אין די לעצטע יאָרן פֿאַרן קריג. אין 1933 האָבן, למשל, עבר־הירדן און ארץ־ישראל געליטן פון אַ גרויסער

טרוקעניש. אין ארץ־ישראל האָט די רעגירונג באַפרייט די פעלאַכן פון לאַנד־שטייערן און אפילו זיי געהאָלפן אין אַ באַדייטנדער מאָס מיט שפייז און זריעה! אָבער עבר־הירדן איז נישט געווען אימשטאַנד צו העלפן אירע פויערים אין אַ גרעסערן פאַרנעם. דערצו נאָך, האָבן די געליטענע פויערים אין ארץ־ישראל געקענט דערגענצן זייערע הכנסות דורך אַרבעטן ביי פּאַרטן, עפנט־לעכע אַרבעטן און אַנדערע בוי־פּראָיעקטן; די פעלאַכן פון עבר־הירדן האָבן נישט געהאַט די זעלבע מעגלעכקייטן אין זייער היימלאַנד. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען אַן אמתער הונגער אין אייניקע געגענטן פון אַבדאַלאַס מלוכה און פיל איינוואוינער האָבן דאַן עמיגרירט קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבן געקענט לייכטער געפינען אַרבעט און ברויט.

זינט 1918, האָט זיך די אַראַבישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל פאַר־טאָפּעלט, בעת די באַפעלקערונג פון עבר־הירדן איז פאַקטיש גאָר געפאַלן טראָץ דעם כסדרדיקן עודף פון געבורטן איבער די טויט־פאַלן. די פּערספּ־פּעקטיוו, אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל זאָל שטופּענוויייז דערפירן צו אַ וואַקסנדער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג אין עבר־הירדן איז אַן ערנסטע געפאַר, וואָס אַלאַרמירט עמיר אַבדאַלאַן און די קלע־נערע פעאָדאַלע שייכן פון זיין מדינה.

עס זעט אויס, אַז דער דאָזיקער אַמביציעזער עמיר האָט אַמאָל גע־טראַכט צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון זיין לאַנד דורך עפענען די טויערן פון עבר־הירדן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. כדי אָפּצושוואַכן דעם דערוואַרטעטן ווידערשטאַנד פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, האָט ער געהאָפט צו באַקומען געוויסע אַנגעזעענע פּאָליטישע קאָנצעסיעס פון די אידן. ער האָט געטראַכט, אַז די אידן וועלן מסכים זיין צו פאַראייניקן ארץ־ישראל און עבר־הירדן אין איין מלוכה, אונטער אַבדאַלאַס סצעפּטער, און דערפאַר זאָלן אידן באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו קאָלאָניזירן אין עבר־הירדן. דער דאָזיקער פּראָיעקט, וואָס איז פאַרזיכטיק געוואָרן לאַנסירט אין דער אַראַבישער פּרע־סע דורך אַבדאַלאַס געוויסע פריינט, איז נישט גוט אויפגענומען געוואָרן. די אידן זיינען נישט געווען גרייט צו טרויען אַבדאַלאַס הבטחות און די אַראַבישע עקסטרעמיסטן האָבן באַטראַכט דעם פּלאַן אַלס אַ פאַרראַט פאַר דער אַראַבי־שער זאַך. אויסער דעם האָט זיך דער פּלאַן אַנגעשטויסן אין דעם ווידערשטאַנד פון ענגלאַנד, וואָס איז קעגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין דער מזרח־זייט פון ירדן.

נאָך דעם דערשיינען פון „ווייס־בוך" האָט די אַראַבישע פּרעסע ווידער־אַמאָל פאַרגעלייגט צו פאַראייניקן ארץ־ישראל מיט עבר־הירדן, אָבער דאָס מאָל אָן וועלכע עס איז קאָמפּענסאַציעס פאַר די אידן, ווי עס איז פאַרגעלייגט געוואָרן אין עמיר אַבדאַלאַס פריער־דערמאָנטן פּלאַן. די אַראַבער האָבן פאַר־געלייגט צו פאַראייניקן ארץ־ישראל, עבר־הירדן און סיריע אין איין מלוכה

מיט דמשק אַלס די הויפּט־שטאָט. דאָס איבערוויגענד־קריסטלעכע לבנון, וועמענס פירער האָבן טראָץ זייער פאַרמעלע ליבע־דערקלערונג פאַר אַראַבישער איינהייט, נישט געהאַט קיין שטאַרקן חשק אַרונטערצופאַלן אונטער דער הערשאַפט פון מאַכמעדאַנער, איז געוואָרן אַרויסגעלאָזט פון דער דאָזיקער געפּלאַנטער קאָמבינאַציע. די אידן אין ארץ־ישראל האָבן, לויטן פּלאַן, געדאַרפט באַקומען מינדערהייטס־רעכט מיט דער קלאָרער פאַרשטענדעניש, אַז זיי טאָרן נישט ווייטער אויסברייטערן דעם שטח פון זייער טעטיקייט.

דער עיקר־ציל פון דאָזיקן נייעסטן פּלאַן איז נישט נאָר צו באַזאָרגן דעם עמיר אַבדאַלאַ מיט אַ גרעסערער מדינה, נאָר איינצושליסן די אידן אין די גרענעצן פון אַ גרעסערער אַראַבישער מלוכה, אין וועלכער זייער עקאָנאָמישע פּאָזיציע זאָל זיין שווערער ווי אין ארץ־ישראל, און וואו עס וואָלט געווען לייכטער זיי צו האַלטן אין אַן אונטערגעאָרדנטער פּאָזיציע.

מיט צען יאָר צוריק, האָט עמיר אַבדאַלאַ באַקומען פון ענגלאַנד אַ נייעם אָפּמאַך, וואָס האָט באַדייטנד אויסגעברייטערט זיינע אויטאָנאָמע רעכט. ער האָט באַקומען דאָס רעכט צו באַשטימען קאָנסולן אין אַנדערע אַראַבישע מלוכות, און וואָס איז נאָך וויכטיקער, די רעכט צו אַרויפלייגן אייגענע טאַריפן אויף אויסלענדישע סחורות.

אַפּנים, אַז די דאָזיקע וויכטיקע קאָנצעסיעס זיינען געגעבן געוואָרן דעם הערשער פון עבר־הירדן פאַרן פּרייז פון באַקומען די דירעקטע ענגלישע הערשאַפט איבער אקאבא, וואָס איז פריער אָנגעשלאָסן געוואָרן אין עבר־הירדן דורך די פריערדיקע הערשער פון העדזשאַס אונטערן דרוק פון ענגלאַנד.

דער אקאבא־פּראָיעקט

אקאבא איז אַ פאַרלאָזן דאָרף ביים אקאבא־גאָלף, אַ לאַנגער, אויסגעבויגענער איינגוס אין רויטן־ים. זיין וויכטיקייט ליגט אין פאַקט, וואָס נאָך דעם סועץ־קאַנאַל, איז עס דער נאָענטסטער פּאָרט פון אינדישן אָקעאַן צום מיטלענדישן ים און צום אַטלאַנטישן אָקעאַן. די ענגלישע אימפּעריאַליסטן מיינען, אַז ווען אקאבא וואָלט געווען פאַראייניקט מיט דעם מיטלענדישן ים דורך אַ באַן, — אָדער נאָך בעסער דורך אַ קאַנאַל — וואָלט עס פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער נעץ פון ענגלאַנדס אימפּעריע־פאַרבינדונגען מיט אינדיע און מיט דעם ווייטן מזרח. הגם אַ באַן־ליניע פון עזה קיין אקאבא וואָלט אין נאָרמאַלע צייטן נישט געקענט פאַרטרעטן אין אַ גענוגענדער מאָס דעם סועץ־קאַנאַל, וואָלט זי אָבער געוואָרן זייער וויכטיק, ווען מלחמה אָדער רעוואָלוציע וואָלטן צייטווייליק געשלאָסן די נאָרמאַלע פאַרבינדונגען מיטן מזרח דורך עגיפּטן. אַ צווייטער וועג קיין אינדיע און דעם ווייטן מזרח, וואָס ווערט נישט באַרירט דורך אומרוען אין עגיפּטן אָדער דורך דער שטעלונג פון די

אויסלענדישע אַקציאָנערן פון סועץ־קאַנאַל, וואָלט אָן צווייפל געליגן אין ענג־לאַנדס אינטערעס.

אין דער תקופה פאַרן איצטיקן קריג, ווען ענגלאַנד האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער מאַן, וואָס שטרעבט זיך צו באַפרייען פון געמאַכטע התחיבותן, האָט דער דאָזיקער אַמביציעזער פּראָיעקט אויסגעזען צו בלייבן נאָר אַ פּראָיעקט. אַזאַ קאַסטבאַרע און שווערע אונטערנעמונג ווי דער קאַנאַל פון עזה קיין אקאַבא קען נישט ווערן אונטערגענומען אין צייטן פון אַלגעמיינעם צוריקטריט. אָבער איינע פון די רעזולטאַטן פון קריג וועט וואַרשיינלעך זיין אַ פאַרשטאַרקטער און מער־פּראָגרעסיווער ענגלישער אימפּעריאַליזם. און אַזאַ אימפּעריאַליזם וועט זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קאָסטן און שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער רעאַליזירונג פון אַזאַ פּראָיעקט. דער קריג לערנט די ענג־לענדער, ווי אַנדערע פעלקער, צו אורטיילן איבער וויכטיקע פּראָיעקטן אין טערמינען פון אַרבעט, מערער ווי אין טערמינען פון געלט. נאָכן קריג וועלן זיכער זיין גענוג אַרבעטס־הענט, מעכאַנישע כוחות און טעכנישע מיטלען אין רשות פון אינזשינער אין אַ פיל־גרעסערער מאָס ווי די וואָס זיינען גע־שטאַנען אין רשות פון די בויער פון סועץ־קאַנאַל.

ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן דער מעגלעכקייט פון איינפירן אַ צווייג פון געפּלאַנטן אקאבא־קאַנאַל אין ים־המלח און אויסנוצן אים צו פּראָ־דוצירן עלעקטרישע קראַפט. דאָס וואָלט געווען אַ וואַריאַציע פון באַקאַנטן לאַודערמילק־פּראָיעקט, וואָס לייגט פאָר פאַרן זעלבן ציל אַ קאַנאַל, וואָס זאָל זיך ציען פון מיטללענדישן ים דורך עמק־יזרעאל צום עבר־הירדן.

אויסער דעם סטראַטעגישן ווערט, וואָלט אַ מאָדערנער פּאָרט אין אקאבא פאַרבינדן מיט באַן און מאָדערנע שאָסייען מיט ארץ־ישראל, געווען פון דע־צידירענדער באַדייטונג פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער אידי־שער נאַציאָנאַלער היים. ארץ־ישראל וואָלט געקענט טראַנספּאָרטירן אירע סחורות צו די וואַקסנדע מערק פון וויטן מזרח, נישט צאָלנדיק די איבערגע־טריבענע שטייערן פאַר דער רייזע דורכן סועץ־קאַנאַל.

אַ לייכט־צוגענגלעכער פּאָרט אין אקאבא וואָלט אויך סטימולירט אַ גרע־סערע עקספּלואַטאַציע פון די מינעראַלן פון ים־המלח. די גאַנצע אַנטוויק־לונג פון ארץ־ישראל אַלס אַ פאַרבינדונגס־גליד צווישן מזרח און מערב וואָלט באַקומען אַ דעצידירנדן שטויס פאָראויס.

ביז איצט איז די ענגלישע אַקטיוויטעט אין אקאבא געווען באַגרענעצט צום אויפבוי פון אַ שאָסיי מיט עזה, וואָס איז אינגאַנצן געבויט געוואָרן מיט געלטער פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג. איצט דינט דער שאָסיי נאָר סטראַ־טעגישע צוועקן, ווייל ער לויפט דורך אַ שיטער־באַוואוינט לאַנד, וואָס נוי־טיקט זיך בכלל נישט אין מעכאַנישער טראַנספּאָרטאַציע. די עקאָנאָמישע

אינטערעסן פון ארץ־ישראל וואָלטן בעסער באַדינט געוואָרן דורך אַ שאָסיי, וואָס זאָל פאַרבינדן אקאבא מיט ירושלים אָדער מאַכן אַ פאַרבינדונג וערגעץ־וואו לענג־אויס דעם שאָסיי פון ירושלים־תל־אביב.

אין אַלגעמיין דאַרף מען שטאַרק נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג פון אקאבא. די פאָרשער פון מזרח־ענינים וועלן זיכער ווערן מער באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן נאָמען אין די קומענדע יאָרן.

קאַפּיטל נײַנצן

ארץ ישראלס שכנים

ארץ־ישראל איז נישט קיין איזאָלירט לאַנד, וואָס איז אינגאַנצן אָפּ־הענגיק פון די אייגענע נאַטירלעכע רעסורסן און אינערלעכע באַציאונגען. איר עקאָנאָמישע און אפילו פּאָליטישע צוקונפט איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון די אַרומיקע לענדער. אַ קורצער איבערבליק איבער דער אַלגעמיינער לאַגע אין די דאָזיקע לענדער און זייערעווירטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט ארץ־ישראל, וועט אונז דעריבער אַ סך העלפן אָפּצושאַצן די צוקונפטיקע אויסזיכטן פון אידישן היימלאַנד.

די לענדער וואָס רינגלען אַרום ארץ־ישראל, זיינען אַלע מער־אָפּגע־שטאַנען אין זייער אַנטוויקלונג; זייערע איינוואוינער באַשעפטיקן זיך מייג־סטנס מיט לאַנדווירטשאַפט און זיי פאַרמאָגן נישט קיין מאָדערנע גרויס־אינדוסטריע. אַלע אימפּאָרטירן זיי די מיינסטע פון זייערע קאָנסומירטע סחו־רות אַריין פון אויסלאַנד — פון אייראָפּע און אין אַ קלענערער מאָס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און יאַפּאַן.

דאָס איז אָנווענדבאַר פאַר אַלע אַראַבישע לענדער וואָס ליגן בשכנות מיט ארץ־ישראל, אָבער נישט אַלע זיינען אָפּגעשטאַנען אין דער זעלבער גליי־כער מאָס. עגיפּטן און סיריע (איינגעשלאָסן לבנון) האָבן געמאַכט אַ געוויסן קולטורעלן און פּאָליטישן פּראָגרעס און האָבן אויך די אָנהייבן פון אַ מאָדער־נער אינדוסטריע. איראַק, וועמענס באַפעלקערונג לעבט אין אַ אויסערגעוויינ־לעכן שמוץ און נויט, טראָץ די גרויסע נאַטירלעכע רייכטימער פון לאַנד, האָט זיך זייער ווייניק אַנטוויקעלט. נאָך מער אָפּגעשטאַנען זיינען די לענדער פון אַראַבישן האַלב־אינזל. זיי געפינען זיך אויף דער פּרימיטיווסטער שטופע פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן.

די וואָרטזאָגער פון דער ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע האָפן, אַז ארץ־ישראל וועט מיט דער צייט ווערן דער הויפּט־קוואַל פון באַזאָרגען אינדוסטריע־לע אויסאַרבעטונגען פאַר די אַרומיקע אַראַבישע לענדער און אפילו באַזאָרגן אַ באַדייטנדן טייל פון די באַדערפענישן פון די ווייטערע טערקיי און פּערסיע. געפינענדיק זיך אינם געאָגראַפישן צענטער אויפן נאָענטן מזרח און נאָענט צום סועץ־קאַנאַל, — דער גרויסער האַנדעלס־וועג צווישן אייראָפּע מיט אינ־

דיע, אויסטראַליע און דעם ווייטן־מזרח — איז, לויט זייער מיינונג ארץ־ישראל דער לאַגישער פלאַץ פאַר אַ גרויסער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דער צו־פלוס פון אידישן קאַפּיטאַל מיט זיין אַגרעסיוון איניציאַטיוו־גייסט און מיט דער גרויסער עקאָנאָמישער דערפאַרונג פון זיינע טרעגער, קאָן פאַרוואַנדלען די דאָזיקע מעגלעכקייטן אין אַ ווירקלעכן פאַקט פריער, איידער די אַנדערע לענדער פונם נאָענטן מזרח וועלן אָנהויבן אַרויסקריכן פון זייער איצטיקער ריין־אַגריקולטורעלער שטופע.

נאַטירלעך וועלן שפּעטער די אַרומיקע לענדער, נאָכטועדיק דעם ביי־שפּיל פון ארץ־ישראל, אויך אָנהויבן בויען זייערע אייגענע פאַבריקן און פּרו־בירן פאַרבייטן אַ טייל פון דעם ארץ־ישראלדיקן אינדוסטריע־אימפּאָרט מיט זייערע אייגענע סחורות. שטיצנדיק זיך אָבער אויף היסטאָרישע ביישפּילן, גלויבט מען, אַז אַפילו אין אַזאַ פאַל, וועלן די אַרומיקע לענדער אָנקומען אין אַ באַדייטנדער מאָס צו דער הילף פון ארץ־ישראל פאַרן אויפבוי פון זייערע איי־גענע אינדוסטריען. אַזוי אַרום וועט ארץ־ישראל, אויב נאָר זי וועט זיין די ערשטע אויפן אינדוסטריעלן פעלד, אָנהאַלטן אין אַ גרויסער מאָס די דאָזיקע פּאָזיציע אויך נאָך די צוקונפטיקע ענדערונגען.

די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער האָפנונג שיינט אונז צו זיין די אומבאַדינגטע פאָראויסזעצונג פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל אין אַ ווירקלעך־גרויסן פאַרנעם. אויב דאָס זאָל נישט געשען, וועט די אידישע נאַציאָנאַלע היים בלייבן באַשרענקט אין פאַרנעם און נישט קריגן קיין ענטשיידנדע ווירקונג אויפן גורל פון אידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצן. דער באַאַרבעטונגס־פעאיקער שטח פון ארץ־ישראל און אירע אייגענע נאַטירלעכע רעסורסן, מעגן זיי זיין גרעסער ווי מ׳האָט פריער גערעכנט, האָבן זייערע באַשטימטע גרענעצן. די פיל בריי־טערע ציוניסטישע אַספּיראַציעס קאָנען נישט פאַרווירקלעכט ווערן אָן אַן עקאָ־נאָמישן „הינטערלאַנד" אין די אַרומיקע לענדער פון נאָענטן מזרח. אויב די אַרומיקע לענדער זאָלן, צוליב הויכן גרענעץ־אָפּצאָל און טאַריף־דיסקרי־נאַציע, אָדער צוליב אָרגאַניזירטער פיינדלעכקייט פון זייערע אַראַבישע איינ־וואוינער, זיין פאַרמאַכט פאַר די פּראָדוקטן פון די ארץ־ישראלדיקע פאַבריקן, וועלן די אידישע פּליגלען אין ארץ־ישראל ווערן גאָר געפערלעך אונטערגע־שניטן. דאָס איז, אגב, אויך דער וויכטיקסטער גרונט, פאַרוואָס אַ אידיש־אַראַבישע פאַרשטענדיקונג מוז באַטראַכט ווערן אַלס אַ זאַך פון ערשטראַנ־גיקער וויכטיקייט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַ־ציאָנאַלער היים.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַראַבישן נאָענטן מזרח, אויסער ארץ־ישראל, באַטרעפט 32 מיליאָן. אַ פולע העלפט פון דער צאָל וואוינט אין עגיפּטן און די איבעריקע זיינען פאַרטיילט צווישן די פאָרמעל אומאָפּהענגיקע קעניג־רייכן — איראַק, סאוד־אַראַביע און תימן, אין דעם בריטישן פּראָטעקטאָראַט

פון עבר־הירדן און איבער די פראַנצויזישע מאַנדאַטן־טעריטאָריעס פון סי־ריע און לבנון.

אויסער די אַראַבישע שכנים, וועט דאָס צוקונפטיקע ארץ־ישראל וואָר־שיינלעך אָנהאַלטן נאָענטע עקאָנאָמישע באַציאונגען מיט די נישט־אַראַבישע לענדער פון נאָענטן מזרח — מיט טערקיי און איראַן. הגם די דאָזיקע לענדער גרענעצן זיך נישט מיט ארץ־ישראל, האָבן זיי דורכגעמאַכט אַ שנעלע אַנט־וויקלונג אין די לעצטע צוואַנציק יאָר און זיי קענען ביי אַ פאַרבעסערטער קאָ־מוניקאַציע־סיסטעם, ווערן וויכטיקע מערק פאַר די ארץ־ישראלדיקע סחורות, אימפּאָרטירנדיק פון דאָרט אַלס אויסטויש די נויטיקע רוי־מאַטעריאַלן.

עגיפּטן, דאָס לאַנד פון בייוול

די רייכקייט פון עגיפּטן, דאָס אַלטע מצרים, איז בעיקר באַגרינדעט אויף קאָטאָן (בייוול), וואָס ווערט דאָרט קולטיווירט אונטער דער קינסטלעכער באַוואָסערונג פון דעם טייך נילוס. פאַר דער דעפּרעסיע פון 1930־1933, איז בייוול געווען פאַקטיש דער איינציקער וויכטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער הכנסה־צווייג פון עגיפּטן. דאָס אַקער־פּייאיקע לאַנד פון עגיפּטן איז באַגרע־נעצט צו די ראַיאָנען, וואָס קענען ווערן באַוואָסערט דורכן נילוס און די עגיפּ־טישע לאַנד־איינגנטימער האָבן נאַטירלעך באַפאָרצוגט די הכנסה־ברייגנגענדע בייוול־פעלדער ווי די אַנדערע ווייניקער פּראָפיט־ברייגנגענדע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. זייענדיק אין נאָרמאַלע צייטן דער אַמיינסטן־לוינענדער פּראָדוקט פאַר דער עגיפּטישער לאַנדווירטשאַפט, האָט אָבער די בייוול־פּראָ־דוקציע שטאַרק געליטן אין די קריגס־יאָרן פון 1930־1933, ווען סיי די פּרייזן און סיי דער פאַרברויך פון בייוול איז שטאַרק געפאַלן. זייענדיק געצוואונגען שטאַרק צו באַגרענעצן די בייוול־פּראָדוקציע, האָט עגיפּטן אָנגעהויבן צו אַנט־וויקלען אַנדערע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט און די פעלאַכן זיינען דער־מוטיקט געוואָרן צו פלאַנצן געוויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס זיינען פריער אימפּאָרטירט געוואָרן אין גרויסן פאַרנעם פון אויסלאַנד. די דאָזיקע באַמיאונגען זיינען געוואָרן שטאַרק אונטערשטיצט פון דער עגיפּטישער רעגירונג, און אויב די פּרואוון זאָלן זיך שטאַרק איינגעבן, איז עס עווענטועל עלול צו באַגרענעצן דעם ארץ־ישראלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן עקספּאָרט קיין עגיפּטן.

אַזוי למשל איז עגיפּטן געווען איינער פון די בעסטע מערק פאַר די ארץ־ישראלדיקע מאַראַנצן. אָבער אין די לעצטע צען יאָר האָט עגיפּטן אָנ־געהויבן פלאַנצן פּרדסים אין אַן אַלץ וואַקסנדער מאָס און דערצו האָט מען נאָך אַרויפגעלייגט אַן אָפּצאָל פון 5 פונט (25 דאָלאַר) אויף יעדן טאָן פון אימ־פּאָרטירטע אויסלענדישע ציטרוס־פּרוכט. דערצו גיט די רעגירונג אַן עקס־

פּאַרט פּרעמיע פון 15 פּיאַסטער (75 סענט) פאַר יעדן קעסטל פון עקספּאַרטירטע מאַראַנצן און אַ העלפט פון דעם סכום פאַר אַ קעסטל פון מאַנדאַרינען. אין רע־זולטאַט פון די אַלע באַמיאונגען, איז געפאַלן דער ציטרוס־אימפּאָרט פון ארץ־ישראל און געוויסע עגיפּטישע פּרוכטן, באַזונדערס מאַנדאַרינקעס, האָבן זיך אפילו באַוויזן אין אייראָפּע.

דער האַנדל פון עגיפּטן מיט ארץ־ישראל

זינט 1918, איז געפאַלן דער עגיפּטישער האַנדעל מיט ארץ־ישראל. אין אַ געוויסער צייט האָט עגיפּטן פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין ארץ־ישראלס אויסערן האַנדעל, אָפּנעמענדיק אַ דריטל פון איר עקספּאָרט און צושטעלענדיק אַ גרויסן טייל פון א״י־דיקן אימפּאָרט. אָבער אין די לעצטע 3 יאָר פאַרן אויסברוך פון איצטיקן קריג, האָט עגיפּטן נאָר געבילדעט 5 פּראָצענט פון ארץ־ישראלס אימפּאָרט און דער עקספּאָרט קיין עגיפּטן האָט נאָר באַטראָפן 2 פּראָצענט פון ארץ־ישראלדיקן עקספּאָרט.

דער האַנדעל פון ארץ־ישראל מיט עגיפּטן האָט אין די יאָרן 1937־1939 אַזוי אויסגעזען:

יאָר	אימפּאָרט פון עגיפּטן אין פונטן	עקספּאָרט קיין עגיפּטן אין פונטן
1937	630,648	99,243
1938	405,259	101,725
1939	599,648	97,350

אפילו דער אַבסאָלוטער ווערט פון עגיפּטענס האַנדעל מיט ארץ־ישראל איז שאַרף געפאַלן אין די לעצטע 15־20 יאָר. דאָס קען מען קלאָר זען, ווען מען פאַרגלייכט דעם האַנדעל אין די יאָרן 1937־1939 מיט דעם האַנדעל אין די יאָרן 1925־1927. דער אימפּאָרט אין 1937־1939 האָט באַטראָפן 1,635,417 פונט אין פאַרגלייך מיט 3,908,421 פונט אין דריי יאָר־פּעריאָד פון 1925־1927. דער עקספּאָרט אין די אַנטשפּרעכענדע פּעריאָדן איז געווען 298,318 פונט און 1,570,171 פונט; דער עקספּאָרט איז נאָך שנעלער געפאַלן ווי דער אימפּאָרט.

די ירידה פון עגיפּטענס האַנדעל מיט ארץ־ישראל איז בעיקר דער רע־זולטאַט פון ארץ־ישראלס וואַקסנדער אומאָפּהענגיקייט אַלס אַ האַנדעלס־צענטער. פריער האָט ארץ־ישראל געקויפט באַדייטנדע סכומען פון אייראָ־פּעאישע סחורות פון לאַנג־איינגעפונדעוועטע הורט־פירמעס אין עגיפּטן, אָבער דער דאָזיקער האַנדעל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מאָמענט, ווען די ארץ־ישראל־דיקע אימפּאָרטערן האָבן אָנגעהויבן צו האַנדלען דירעקט מיט אייראָפּע. אַז ס׳האָט אָנגעהויבן וואַקסן דער דאָזיקער דירעקטער אימפּאָרט פון אייראָפּע,

איז במילא געוואַקסן דער אַלגעמיינער האַנדעלס־אויסטויש צווישן ארץ־ישראל מיט די דאָזיקע אייראָפּעאישע לענדער.

דאָס ערקלערט אויך טיילווייז די ירידה פון עקספּאָרט קיין עגיפּטן. דאָך האָט די עגיפּטישע פּאָליטיק פון אַבזיכטלעכער דיסקרימינאַציע קעגן די ארץ־ישראלדיקע סחורות געהאַט אַ פיל גרעסערע ווירקונג. די עגיפּטער האָבן איינגעפונען, אַז עס לוינט זיי בעסער צו האַנדלען מיט לענדער וואָס קענען זיך נוקם זיין פאַר יעדער באַגרענעצונג פון זייער אימפּאָרט דורך ענלעכע מאָס־נאַמען קעגן אַריינפירן צו זיך עגיפּטישע סחורות. אין אַנדערע ווערטער, די עגיפּטישע רעגירונג האָט פאַרשטאַנען די הילפלאָזיקייט פון ארץ־ישראל אונטער די פאַרשריפטן פון מאַנדאַט און אויסגענוצט די סיטואַציע אויף אַ ראַדיקאַלן אופן. אַזוי אַרום האָבן ווין און אייל־זייף, (דאָס לעצטע איז, אגב, בעיקר אַ פּראָדוקט פון אַראַבישע פאַבריקן אין שכם), וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן אָפּזאַץ־מאַרק אין עגיפּטן, ביסלעכווייז פאַרלוירן זייער עגיפּטישן מאַרק.

די וויכטיקסטע עקספּאָרט־אַרטיקלען פון עגיפּטן קיין ארץ־ישראל זיינען צוקער, רייז, פרישע און געזאַלצענע פיש, טאָרף, אַספאַלט, רויען בייוול און צוקער־סיראָפּ. די וויכטיקסטע עקספּאָרט־אַרטיקלען פון ארץ־ישראל קיין עגיפּטן זיינען הויז־חיות (ס'רוב קעמלען), ווינטרויבן און ראַזשינקעס, מאַנד־לען, זייף און אייל (פון ירקות). מען עקספּאָרטירט אויך אין אַ קלענערער מאָס פאַרשידענע תבואות, ווי גערשטן, וועלפישער באַב, סעזאַם אדגל.

די פאַרבינדונגען פון ארץ־ישראל מיט עגיפּטן זיינען גוטע, אַזוי אַז די אויסזיכטן פאַר מער־ענגע האַנדלס־באַציאונגען צווישן דיביידע לענדער זיינען גוטע, אויב די עקאָנאָמישע באַציאונגען זאָלן ווערן געבויט אויפן יסוד פון פולער גלייכהייט. אַן עקספּרעס־צוג, וואָס פאַרלאָזט חיפה אין דער פרי, קומט אָן קיין קאַהירע שפּעט אין אָוונט. די באַן־ליניע, וואָס פאַרבינדט עגיפּטן מיט ארץ־ישראל דורכן וועג פון קאַנטאַרא, קען איבערפירן גרויסע מענגען סחורות, ווי דאָס איז באַוויזן געוואָרן אין דער צייט פון קריג. אויסער דעם קענען גרויסע פראַכט־לאַדונגען אין נאָרמאַלע צייטן ווערן טראַנספּאָרטירט פאַר נידעריקע פרייזן דורכן ים־וועג.

דער עגיפּטישער האַנדל ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע:

יאָר	אימפּאָרט אין פונטן	עקספּאָרט אין פונטן
1936	30,500,000	33,000,000
1937	37,100,000	38,400,000
1938	35,900,000	28,600,000
1939	33,000,000	32,400,000

אין תוך גענומען, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון עגיפּטן, טראָץ די וואָקלדיקע פּרייזן פון בייוועל, גאָר נישט קיין שלעכטע. אמת, איר אויסערן האַנדעל האָט אין די יאָרן פון נידעריקע בייוועל־פּרייזן געהאַט אַ באַדייטנדן דעפיציט. אָבער אפילו אין די שווערע יאָרן איז דער האַנדלס־דעפיציט געוואָרן באַלאַנסירט אין אַ גרויסער מאָס דורך דעם אומזעבאַרן צאָלונגס־באַלאַנס, וואָס איז אַדאַנק דעם אינטענסיוון טוריסטן־פּאַרקער געווען שטענדיק לטובת עגיפּטן. אין רעזולטאַט דערפון, האָט עגיפּטן געהאַט די מעגלעכקייט אפילו פאַר דער איצטיקער קריגס־פּראָספּעריטי צו פאַרקלענערן איר מלוכה־חוב ביז אַ אומבאַדייטנדער סומע. פאַקטיש איז דער מלוכה־חוב נאָך קלענער, ווייל אַ סומע פון 34 מיליאָן פונט ווערט געהאַלטן אַלס רעזערוו אין דער מלוכה־קאַסע. פאַרוואָס עגיפּטן צאָלט אַ באַדייטנדן פּראָצענט פאַר אירע הלוואות אין דער צייט ווען זי האָט אַ עודף אין דער קאַסע, איז ווירקלעך אַ רעטעניש. אפשר וואָלטן אירע ענגלישע פינאַנסיעלע „באַראַטער“ געקענט לייזן די דאָזיקע רעטעניש...

די פינאַנסיעלע לאַגע פון עגיפּטן איז געוואָרן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין איצטיקן קריג. הגם עגיפּטן איז פאָרמעל אַ פאַרבינדעטער פון ענגלאַנד, האָט זי קונציק זיך אַרויסגעדרייט פון יעדער פאַקטישער באַטייליקונג אין קריג. אפילו דאַן ווען ראָמעל איז געשטאַנען אויפן עגיפּטישן באָדן ביי אַלאַמעין, איז קיין עגיפּטער נישט מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין לאַנד; און די פאַרהעלטעניסמעסיק קליינע עגיפּטישע אַרמיי איז געוואָרן צוריקגעצויגען פון דער ליבישער גרענעץ אויסצומיידן שלאַכטן מיט די דייטשן. אָבער טראָץ עגיפּטענס שטרענגע אויסמיידונג פון קריג, איז איר אַרמיי אין די לעצטע עטלעכע יאָר געוואָרן שטאַרק מאָדערניזירט. דאָס איז געוואָרן דורכגעפירט מיט דער ברייט־האַרציקער הילף פון אַמעריקאַנער „לענד־ליס“, אַזוי אַז די אנגעשוואָלענע עגיפּטישע מלוכה־קאַסע איז דערמיט גאָרנישט געוואָרן באַלאַסטעט. אין דער זעלבער צייט, האָט עגיפּטן באַקומען באַצאָלט מיט דער ברייטער האַנט פאַר אַלץ וואָס די עליס־אַרמייען האָבן דאָרט געקויפט. ס'איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז עגיפּטן וואָלט יעצט געקענט אָן יעדער שוועריקייט אָפּצאָלן איר גאַנצן מלוכה־חוב.

עגיפּטענס פעסטע פינאַנסיעלע פּאָזיציע קומט אויך צום אויסדרוק אין דעם פאַרהעלטעניסמעסיק קליינעם סכום פון איר לאַנדווירטשאַפטלעכן היפּאָטעקן־חוב, וואָס האָט פאַרן קריג באַטראָפן נאָר 35 מיליאָן פונט. אין פאַרגלייך מיט דעם ווערט פון איר לאַנדווירטשאַפטלעך פאַרמעגן, וואָס ווערט געשאַצט אויף 600 מיליאָן פונט. זייער ווייניק לענדער קענען אָנווייזן אויף אַזאַ גינסטיקע באַציאונג צווישן ווערט פון אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס און די חובות וואָס ליגן אויף זיי.

דער עקאָנאָמישער מצב פון עגיפּטן איז אָבער דאָך זייער איינזייטיק.

ס'איז קוים דאָ נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט, וואו עס זאָל הערשן אַזאַ טיפער תהום צווישן די אויבערשטע און די נידעריקערע קלאַסן. די מיינסטע עקאָנאָמישע נוצן, וואָס עגיפטן האָט געגאָסן אין משך פון די 60 יאָר ענגלישע קאָנטראָל איבערן לאַנד, איז אַריינגעפאַלן צו עטלעכע טויזנט גרויסע גוטבאַזיצער און לעוואַנטינישע סוחרים אין די שטעט. די פעלאַכן, וואָס בילדן די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, פאַרמאָגן זייער ווייניק לאַנד און פראַצעווען פאַר די גרויסע לאַנד־אייגנטימער פאַר נעבעכדיקע לוינען. דער דורכשניטלעכער לוין פון לאַנד־אַרבעטער אין רייכן נילוס־טאָל איז פאַרן קריג געווען קוים די העלפט פון געצאָלטן לוין אין ארץ־ישראל. הגם שפייז קאָסט אין עגיפטן אויך ביליקער, איז דער אונטערשיד אין די לעבנס־קאָסטן צווישן די ביידע לענדער געווען נישט אַזוי גרויס ווי אין די געהעלטער, אַזוי, אַז די געהעלטער פון די עגיפּטישע פעלאַכן האָבן געהאַט אַ פיל־קלענערע קויפס־קראַפט אין ארץ־ישראל.

די פאָלגנדע טאַבעלע אילוסטרירט די פאַרטיילונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער אין עגיפטן. די ציפערן באַווייזן, אַז אַ קנאַפּע העלפט פון באַאַרבעטן באָדן אין עגיפטן געהערט צו איין פּראָצענט פון די לאַנד־אייגנטימער.

גרויס פון באָדן אין פעדאַנס *)	צאָל אייגנטימער	גאַנצער באָדן־שטח אין פעדאַנס	דורכשניטלעכער שטח אין פעדאַנס
1 אָדער ווייניקער	1,751,587	701,857	0.4
פון 1 ביז 5	571,133	1,213,258	2.1
פון 5 ביז 20	125,103	1,127,761	9.0
פון 20 ביז 50	21,179	645,888	30.6
איבער 50	12,248	2,180,203	178.0
צוזאַמען	2,481,250	5,868,907	2.3

די פאַראָרעמונג פון די עגיפּטישע פעלאַכן וואָלט אפשר געווען גרעסער ווען דער „איין־פעדאַן־געזעץ" וואָלט נישט עקזיסטירט. דאָס דאָזיקע געזעץ, אויפגעצוואונגען אויף אַ ווידערשפעניקער עגיפּטישער רעגירונג דורכן פאַרשטאָרבענעם פעלדמאַרשאַל קיטשנער, ווען ער איז געווען דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר אין עגיפטן, פאַרבאָט דעם פאַרקויף פון פאַרשולדיקטע קליינע דאָרפס־גיטער, אין גרויס פון איין פעדאַן און ווייניקער. די גרויסע לאַנד־אייגנטימער און די רייכע פּראָצענטניקעס, וואָס האָבן פאַראַדירט אַלס „פּריי־הייטס ליבענדע עגיפּטער" האָבן ביטער באַקעמפט דעם דאָזיקן באַשיידענעם כזית פון סאָציאַלער געזעצגעבונג אַלס אַן אויסלענדישע אינטערווענץ אין אינערלעכע עגיפּטישע ענינים.

*) אַ פעדאַן איז בערך איין אַקער.

דער טאַריף־בונד מיט סיריע

סיריע, דער וויכטיקסטער שכן אויף ארץ־ישראלס צפונדיקער גרענעץ, איז קלענער און אָרימער פון עגיפּטן. זי האָט אָבער פאַר ארץ־ישראל גאָר אַ גרויסעווירטשאַפטלעכע באַדייטונג צוליב דעם פרייען האַנדל, וואָס איז איינ־געשטעלט געוואָרן צווישן ביידע לענדער. דער צאָל־אָפּמאַך צווישן ארץ־ישראל און סיריע שטיצט זיך אויף די פאַרשריפטן פון די מאַנדאַטן, וואָס אָפּטיילענדיק פּאָליטיש די דאָזיקע פריערדיקע פּראָווינצן פון טערקיי, האָבן די מאַנדאַטן פאַר ארץ־ישראל און סיריע אין דער זעלבער צייט באַשטימט די פאַרטזעצונג פון זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען. צי די דאָ־זיקע פאַרבינדונגען וועלן אויך אָנהאַלטן נאָכן קריג, איז נאָך דערווייל שווער פאַראויסצוזען.

סיריעס אויסערן־האַנדל

דער פולער באַטרעף פון סיריעס אויסערן־האַנדל פאַר די יאָרן 1929־1938 ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער פאָלגנדער טאַבעלע:

יאָר	אימפּאָרט אין פראַנקן	עקספּאָרט אין פראַנקן
1929	1,286,000,000	535,000,000
1930־35	(אין דורכשניט) 852,000,000	252,000,000
1936	572,000,000	306,000,000
1937	1,026,000,000	514,000,000
1938	1,290,000,000	586,000,000

די וויכטיקסטע אַרטיקלען פון ארץ־ישראלדיקן עקספּאָרט קיין סיריע זיינען: זייף, וואַסער־מעלאָנען, סעזאַם־אייל, פרישע ירקות און אָראַנזשען. אויסער די דאָזיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, עקספּאָרטירט אויך ארץ־ישראל קיין סיריע קליידונג, פּאַפּיר־בייטלען און קאַרטאָן, האַנט־בייטלען, זאָקן און שרייב־מאַטעריאַלן.

ס׳רוב פון סיריעס עקספּאָרט קיין ארץ־ישראל באַשטייט אויך פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, ווי: ווייץ, גערשטן, פּאַסאָליעס, לינזן, קוקו־רוזע, דורא, סאמנא (סירישע פּוטער), אייער, לעבעדיקע עופות, ציבעלעס א. אַ. דער אינדוסטריעלער עקספּאָרט באַשטייט צומיינסטן פון טעקסטיל־סחורות, דעקאָרירט אין אָרטיקן אַראַבישן סטיל, וואָס זיינען ס׳רוב דער פּראָדוקט פון דער הויז־אינדוסטריע אין לבנון. אין די לעצטע צען יאָר האָט לבנון אויך אָנגעהויבן עקספּאָרטירן פאַרשידענע אַנדערע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, ווי קליידונג, רעיאָן, שיך, מעבל, ביר און פרוכט־זאַפטן.

*) פאַרן קריג איז דער טויש־ווערט פון ארץ־ישראלדיקן פונט געווען בערך 75־80 פראַנצויזישע פראַנק.

די פאָלגנדע טאַבעלע אילוסטרירט דעם האַנדעל צווישן ארץ־ישראל און סיריע:

יאָר	אימפּאָרט פון סיריע אין פונטן	עקספּאָרט פון סיריע אין פונטן
1937	1,371,450	625,258
1938	1,014,953	412,825
1939	1,355,203	389,223

פאַרבינדונגען מיט סיריע

מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז דער גרעסטער פּראַכט־פאַרקער צווישן ארץ־ישראל און סיריע פאָרגעקומען איבערן ים. אויסער רעגולערע שיפס־ליניעס — ס׳רוב איטאַליענישע און פראַנצויזישע — וואָס נעמען אַריין חיפה, יפו און ביירוט אין זייער רייזע־פּלאַן, זיינען געווען אַ גרויסע צאָל פון אַראַבישע זעגל־שיפן, וואָס פלעגן פאָרן האַרט ביי די ים־ברעגן פון דיביידע לענדער.

די באַן־פאַרבינדונג צווישן סיריע און ארץ־ישראל איז געווען די העדזשאַס־באַן וואָס פאַרלאָזט די גרענעצן פון ארץ־ישראל ביי על־האמא, וואו עס געפינען זיך די באַרימטע מינעראַל־קוואַלן אין דער מזרח־זייט פון ירדן. אַביסל ווייטער צו מזרח צעטיילט זיך די באַן אין צוויי צווייגן, איינער גייט קיין אַמאַן, די הויפּט־שטאָט פון עבר־הירדן, און דער אַנדערער גייט צו צפון — קיין דמשק, די וויכטיקסטע שטאָט פון סיריע. די שמאָלע רעלסן פון דער העדזשאַס־באַן באַגרענעצן אָבער באַדייטנד איר באַדייטונג.

זינט די וועגן צווישן די ביידע לענדער זיינען געוואָרן צוגעפּאַסט צום מאָטאָר־פאַרקער, האָט מען אָנגעהויבן באַנוצן משא־אויטאָס אין אַן אַלץ־גרעסערער מאָס. די קאָמוניקאַציע מיט סיריע איז ווייטער פאַרבעסערט געוואָרן די לעצטע 3 יאָר דורכן אויסבויען אַ נאַרמאַל־רעלסיקע אייזנבאַן־ליניע, וואָס גייט פון חיפה ביז ביירוט. די דאָזיקע ליניע איז די קורצסטע און פּראַקטישסטע פאַרבינדונג צווישן די וואַקסנדע אינדוסטריעלע צענטערן פון ארץ־ישראל און סיריע. זי איז אויך די בעסטע פאַרבינדונגס־ליניע פון די ארץ־ישראלדיקע אייזנבאַנען מיט באַגדאַד און מיט די באַן־ליניעס פון אַנאַטאָליע.

באַפעלקערונג און פּאָליטישער סטאַטוס

די באַפעלקערונג פון סיריע איז שאַרף צעטיילט אויף רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ליניעס. די מערהייט פון אירע איינוואוינער זיינען מאַכמעדאַנער וואָס רעדן אַראַביש, אָבער אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זיינען

קריסטן. די סירישע קריסטן זיינען די גרעסטע קריסטלעכע מינדערהייט אין מזרח. די מייסטע פון זיי זיינען קאָנצענטרירט אויף אַ שמאָלן שטח פון טעריטאָריע לענגאויס דעם מיטללענדישן ים, אַרום די שטעט פון ביירוט און טריפּאָלי. נאָך די שחיטות פון 1860, ווען אַ גרויסע צאָל קריסטן האָט פאַר־לוירן זייער לעבן דורך די פאַנאַטישע מאַכמעדאַנישע לאַנדסלייט, האָבן די גרויסע מלוכות געווירקט אויף דער טערקישער רעגירונג צו שאַפן פון די איבערוויגענד קריסטלעכע ראַיאָנען פון סיריע די האַלב־אויטאָנאָמע פּראָווינץ פון לבנון. די קריסטן פון לבנון זיינען צעשפּליטערט אין פאַרשידענע סעקטעס וואָס זיינען ווייט פון צו זיין פריינטלעך איינע צו דער אַנדערער; נאָר זייער געמיינזאַמע מורא פאַר די מאַכמעדאַנער האַלט זיי צוזאַמען.

אפילו די מאַכמעדאַנישע מערהייט פון סיריע איז ווייט פון צו זיין איינהייטליך. מחוץ די פאַרשידענע עטנישע מינדערהייטן, ווי די טערקן און טשערקעסן, באַשטייט זי אויך פון פאַרשידענע רעליגיעזע סעקטן, באַזונדערס די דרוזן און די מעטואַליסטן. פאַקטיש זיינען די דרוזן מער ווי אַ מוסולמאַנישע סעקטע. פיל געלערנטע באַטראַכטן זיי אַלס אַ באַזונדערע רעליגיעזע גרופּע מיט אַ רעליגיע, וואָס איז אַ משונהדיקער געמיש פון קריסטנטום, מאַכמעדאַ־נישע, אידישע און אפילו געצנדינערישע אמונות. זיי זיינען אַ קריגעריש און שטאָלץ פאָלק, וועמען אפילו די טערקן און די פראַנצויזן האָבן קוים מיט גרויסע שוועריקייטן באַוויזן צו האַלטן אין צוים. צי די שוואַכערע נאַציאָנאַלע רעגירונג פון סיריע וועט באַווייזן עס צו טאָן אָן בלוט־פאַרגיסונג, איז אַ שטרייט־פראַגע.

ביים איצטיקן מאָמענט איז דער פּאָליטישער סטאַטוס פון סיריע זיי־ער נישט קלאָר. געהערנדיק אָריגינעל צו טערקיי, איז זי נאָכן ערשטן וועלט־קריג אַריבער אונטערן מאַנדאַט פון פראַנקרייך. די מאַנדאַטאַר־מאַכט האָט ווייטער פאַרגעזעצט די עקזיסטירנדע צעטיילונג אין סיריע נאָר האָט צוגע־געבן עטלעכע ראַיאָנען מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג צו דער איבער־וויגנדיק־קריסטלעכער לבנון. לאַטאַקיע און דזשעבעל דרוז, צוויי פון די גרעס־טע ראַיאָנען, זיינען געוואָרן אָפּגעטיילט פון סיריע און געשטעלט געוואָרן אונטער דער דירעקטער פראַנצויזישער אַדמיניסטראַציע. די געבליבענע טע־ריטאָריע מיט אַ שטח פון 49,000 קוואַדראַט־מייל און אַ באַפעלקערונג פון 1,700,000 איז אין 1925 פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אַ באַזונדערע מלוכה אונ־טער דער אויפזיכט פון פראַנקרייך.

אַ ווייטערדיקער שריט צו דער אומאָפּהענגיקייט פון סיריע איז געמאַכט געוואָרן אין 1936, ווען אַ נייער אָפּמאַך האָט עטאַבלירט סיריע אַלס צוויי אומאָפּהענגיקע מלוכות: דאָס אייגנטלעכע סיריע און לבנון — אונטער דעם מיליטערישן שוץ פון פראַנקרייך. דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט האָט קיינ־מאָל נישט באַשטעטיקט דעם אָפּמאַך, אָבער ווען די פרייע פראַנצויזן האָבן

אַרויסגעשטויסן די ווישי־לייט פון סיריע אין 1941, האָבן זיי צוגעזאָגט אויפ־צוגעבן דעם מאַנדאַט איבער סיריע. אָבער אַ קאָנפליקט וואָס די פריַיע פראַנ־צויזן האָבן געהאַט מיט לבנון אין 1943 באַווייזט, אַז דע־גאָלס קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג באַטראַכט נישט די געגעבענע הבטחה אַלס בינדענד ביז זי וועט נישט ווערן ראַטיפיצירט דורכן צוקונפטיקן פראַנצויזישן פּאַרלאַ־מענט, און מיר מעגן מיט רעכט אָננעמען, אַז אפילו דאַן וועלן די פראַנצויזן פאַרלאַנגען דאָס רעכט צו האַלטן מיליטער אין סיריע און געוויסע גאַראַנטיעס, אַז די פראַנצויזישע אינטערעסן וועלן ווערן געשיצט.

די דאָזיקע פראַנצויזישע פאָדערונגען זען אויס צו רייצן די ענגלישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיקער, וואָס וואָלטן גלייכער געוואָלט אַז פראַנקרייך זאָל בכלל אַרויס פון דער סירישער סצענע כדי צוצוגרייטן די רעקאָנסטרוקציע פון נאָענטן מזרח אַלס די געשלאָסענע אינטערעסן־ספערע פון ענגלאַנד.

אין משך פון די יאָרן פון איר מאַנדאַט, האָט פראַנקרייך אַבזיכטלעך דערמוטיקט די איינוואַנדערונג פון אַרמענער פון טערקיי קיין סיריע. זי האָט אויך אַריבערגעבראַכט אַ באַדייטנדע צאָל אַסיריער, אַ קריגערישע קריסט־לעכע מינדערהייט פון מאָסול־ראַיאָן אין איראַק. הגם מען האָט קיינמאָל די דאָזיקע פעלקער נישט צוגעזאָגט קיין „נאַציאָנאַלע היים" אין סיריע, זיינען זיי אָבער אויפגענומען געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג מיט אַ האַר־ציקייט, וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן צו די אידן אין ארץ־ישראל... די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן האָבן כסדר באַשולדיקט פראַנקרייך אַז זי שטרעבט צו שאַפן אין סיריע אַן ענליך פּראָבלעם ווי עס האָבן געשאַפן די אידן אין ארץ־ישראל און אַזוי אַרום שאַפן אַ גלענצענדן אויסרייד אויף פאַרזעצן איר מאַנדאַט אויף אַן אומבאַגרענעצטער צייט... וואָס עס זאָלן נישט זיין די מאָ־טיוון, בלייבט אָבער דער פאַקט, אַז סיריע האָט אויפגענומען קרוב 100,000 אַרמענער, וועמענס געוויכט האָט פאַרשטאַרקט דעם כוח פון דער קריסטלע־כער מינדערהייט אין סיריע, וואָס בילדעט איצט קרוב 25 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

סיריעס עקאָנאָמישע שוועריקייטן זיינען נאָך מער קאָמפּליצירט. פּונקט ווי ארץ־ישראל, האָט דאָס לאַנד אַ גרויסן דעפיציט אין איר אויסלענדישן האַנדל. אין דער צייט אָבער, ווען ארץ־ישראל דעקט דעם דאָזיקן דעפיציט דורך דעם גרויסן אימפּאָרט פון אידישן קאַפּיטאַל אין רעזולטאַט פון דער אי־דישער אימיגראַציע, האָט אָבער סיריע נישט אַזעלכע קוואַלן פאַר איר אַנט־וויקלונג; די כסדרדיקע אויסשעפּונג פון אירע רעסורסן דורכן פאַסיוון האַנ־דעלס־באַלאַנס ווערט אַן ערנסטע סכנה פאַר איר גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן. אַ גרויסער טייל פון איר האַנדלס־דעפיציט איז געדעקט געוואָרן מיטן געלט, וואָס סירישע עמיגראַנטן אין צפון און דרום־אַמעריקע פלעגן שיקן צו זייערע קרובים אין דער אַלטער היים אָדער מיטברענגען ווען זיי פלעגן אויף זייערע

עלטערע יאָרן זיך צוריקקערן אַהיים. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע און דער פאַקט, וואָס די נייע עמיגראַציע פון סיריע איז געשטערט געוואָרן דורך וואַקסנדע לעגאַלע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן, האָט ווייטער פאַרערגערט די פינאַנסיעלע לאַגע פון סיריע. אַזוי אַרום איז סיריע געפאַלן אַלס קרבן פון וועלט־קריזיס אין אַ טאָפּלטער מאָס — אין דער שאַרפער ירידה פון ווערט פון די אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן, וואָס זיינען געווען איר וויכטיקסטער עקספּאָרט קיין אויסלאַנד און אין דער שנעלער ירידה פונם זייער וויכטיקן איינקונפט פון אירע זין אין אויסלאַנד *).

אונטער די איצטיקע באַדינגונגען ליגט סיריעס איינציקע ישועה אין דער אַנטוויקלונג פון איר אייגענערווירטשאַפט. דאָס ווערט אָבער שטאַרק באַשווערט צוליב דער אויסערגעוויינלעכער אָרימקייט פון אירע פּויערים, וואָס ווערן רואינירט אונטער דער לאַסט פון חובות, פאַר וועלכע די אָרטיקע פּראָצענטניקעס פאַרלאַנגען ביז 50 פּראָצענט אַ יאָר **). סיריע וועט ווייניק געניסן פון דעם וואָס זי איז געוואָרן אַ זעלבסשטענדיקע רעגירונג, אויב זי וועט נישט איינפירן אַ מינימום פון סאָציאַלע רעפאָרמען, פון וועלכע די סאַמע וויכטיקסטע דאַרף זיין אַ נייע פאַרטיילונג פון באָדן. אין איצטיקן מאָמענט זיינען די פירער פון ביידע רעגירונגען אין סיריע און אין לבנון די פעאָדאַלע ערד־אייגנטימער און געלט־לייער, וועמענס באַגריפן איבער סאָציאַלער גערעכטיקייט זיינען אויסערגעוויינלעך פּרימיטיוו.

טראָץ די פונדאַמענטאַלע שוועריקייטן, האָט סיריע אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן אַרויסגעוויזן געוויסע סימנים פון אַ וואַקסנדער אינדוסטריעלער אַקטיוויטעט. אַ טייל פון אירע פּראָדוצירטע סחורות זיינען אפילו עקספּאָרטירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, וואו זיי קענען פאַרקויפט ווערן ביליקער ווי די ארץ־ישראל סחורות צוליב די נידעריקע לוינען פון די סירישע אַרבעטער.

דער דאָזיקער פאַקטאָר פון ביליקע אַרבעטס־קאָסטן אין סיריע, שטעלט סיריע אין אַ בעסערער לאַגע ווי ארץ־ישראל ביים אויסנוצן די מעגלעכקייטן פון צאָל־אָפּמאַך צווישן די ביידע לענדער. אין ארץ־ישראל ווערט דערפאַר אָפט מאָל אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז דער ארץ־ישראלדיקער טאַריף־סיסטעם זאָל אויך ווערן אויסגעברייטערט אויף סיריע.

די ארץ־ישראלדיקע ווייט־בליקענדע עקאָנאָמיסטן און אפילו אַ טייל פון די דאָרטיקע אינדוסטריעלער זיינען אָבער ניט מסכים מיטן דאָזיקן שטאַנד־

---

*) די סירישע עמיגראַנטן האָבן ניט נאָר אַהיימגעשיקט וויכטיקע געלט־סומען, נאָר זיי האָבן אויך אין פיל פאַלן זיך אַליין צוריקגעקערט אין זייער היימלאַנד אויסצוגעבן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין אויסלאַנד אין די שיינע געגנטן פון לבנון. דאָס דאָזיקע געלט איז געווען אַ זייער באַדייטנדער עקאָנאָמישער ביישטייער אין לעבן פון אָרעמען לאַנד.

**) דאָדד, ע קאָנטראָלד עקספּערימענט אין רורעל היידזשיאין אין סיריע, ביירוט, 1934.

פונקט. זיי קריטיקירן די פאָדערונגען פון איינשטעלן אַ טאַריף און קוואָטעס אויף סירישע סחורות און זיי באַטראַכטן עס אַלס אַ קורצזיכטיקע פּאָליטיק דיקטירט פון ציטווייליקער שנאָה. זיי גלויבן, אַז די אידישע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל מוז און וועט קאָמפּענסירן אירע הויכע אַרבעטס־קאָסטן דורך בעסערע אַרבעטס־מעטאָדן און אַ בעסערע קוואַליטעט פון אירע סחורות. אויף יעדן פאַל, מוז די לייזונג פון די אינדוסטריע־פּראָבלעמען געזוכט ווערן אין דער ריכטונג פון אָראָפּנידערן די אייגענע פּראָדוקציע־קאָסטן און אויפהויבן די פעאיקייט פון קאָנקורירן מיט דער אינדוסטריע פון די שכנותדיקע לענדער. זיי האַלטן, אַז עס וואָלט געווען פאַר ארץ־ישראל אַן עקאָנאָמישער זעלבסטמאָרד זיך צו באַגרענעצן בלויז מיט איר אייגענעם אָפּזאַץ־מאַרק.

דאָך איז דאָס איינהאַלטן דעם צאָל־אָפּמאַך צווישן ארץ־ישראל און סיריע נישט אינגאַנצן אָפּהענגיק בלויז פון ארץ־ישראל. ווען סיריע וועט דערגרייכן איר אמתע אומאָפּהענגיקייט, וועט איר רעגירונג דאַרפן אָנקומען צו אַ טאַריף־סיסטעם, אַלס אַ מיטל צו הויבן די מלוכה־הכנסות. פונקט ווי די אַנדערע אַראַבישע רעגירונגען אין נאָענטן מזרח, שטעלט זיך סיריע שאַרף קעגן יעדן סאָרט פון הכנסה־שטייער, אָדער יעדן פּראָגרעסיוון שטייער־סיסטעם און זיי האָבן אויך מורא צו באַשטייערן די גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער. אונטער די דאָזיקע אומשטענדן זיינען טאַריפן און אַקציז־שטייערן די איינציקע לייזונג. דאָס איז, דרך אגב, די וויכטיקסטע סיבה פאַרוואָס אַלע געשפּרעכן וועגן אַ פאַרגעשלאָגענער אַראַבישער פעדעראַציע זיינען נאָך אַלץ געבליבן נאָר שיינע דעקלאַראַציעס.

ציפּערן און ארץ־ישראל

ארץ־ישראלס נאָענסטער אינזל־שכן אויפן מיטלענדישן ים — ציפּערן האַלט אָן אַ גאַנץ לעבעדיקן האַנדל מיט ארץ־ישראל, בעמענדיק אין אַכט די גרויס אין באַפעלקערונגס־צאָל פון דעם אינזל. אָבער דער ארץ־ישראלדיקער האַנדלס־באַלאַנס מיט ציפּערן איז נאָך ערגער ווי מיט די איבעריקע שכנותדיקע לענדער. אין 1937 זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן פון ציפּערן סחורות אין ווערט פון 84,265 פונט. אין גרעסטן טייל זיינען עס געווען פּי, קאַרטאָפּעל און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. דער עקספּאָרט האָט באַטראָפן 6,983 פונט.

דער איינזייטיקער האַנדל מיט ציפּערן דערקלערט זיך בעיקר, ווי אין פאַל מיט עגיפּטן, מיט דעם נישט־גלייכמעסיקן האַנדלס־סטאַטוט פון ביידע לענדער. ציפּערן, וואָס איז אַ פּשוטע ענגלישע קאָלאָניע, אָן אַ שטריק פון אַ מאַנדאַט איבער זיך, האָט באַוויזן צו באַשטימען אַ בערך העכערן טאַריף אויף ארץ־ישראלדיקע אינדוסטריע־פּראָדוקטן, אין דער צייט ווען ענגלישע סחורות

גענים פון פרעפערענץ־רעכט. ארץ־ישראל קען נישט אָפּצאָלן ציפּערן מיט דער זעלבער מטבע, ווייל זי איז געבונדן מיט די משונה׳דיקע האַנדלס־פאַר־שריפטן פון מאַנדאַט.

אָבער די ארץ־ישראלדיקע ענטוזיאַסטן צווישן די אינדוסטריעלער פרעגן זיך: ווען דען שטענדיק בלייבן אין קראַפט די איצטיקע האַנדלס־באַגרענעצונגען פון לאַנד? וועט דען נישט קומען דער טאָג, ווען ארץ־ישראל וועט קענען האַנדלען מיט אירע אַרומיקע שכנים אויפן יסוד פון האַנדעלס־גלייכהייט? די צוואַנגס־לאַגע פון שטייפע האַנדלס־פּרינציפּן איינגעמויערט אין מאַנדאַט וועט דאָך אַמאָל ווערן אַראָפּגענומען, און פאַר דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל וועלן זיך דאַן עפענען נייע האָריזאָנטן.

פלייסיקע שטודירער פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט באַטראַכטן ציפּערן נישט אַלס אַ צוקונפטיקן קונה נאָר אַלס אַ געפערליכן קאָנקורענט. לאַנד און אַרבעט זיינען דאָרט ביליקער און אַזוי ווי דער קלימאַט איןביידע לענדער איז כמעט דער זעלבער — זיינען דאָ אין ציפּערן אַלע פאָראויסבאַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון גרויסע אראַנזשען־פּלאַנטאַציעס. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן ארץ־ישראלדיקע אידישע צייטונגען באַריכטעט מיט גרויס זאָרג, אַז אייניקע ארץ־ישראל פלאַנצערס האָבן פאַרקויפט זייערע פרדסים אין ארץ־ישראל און איינגעקויפט אנשטאט דעם גרעסערע שטרעקן לאַנד אין ציפּרוס, וואו זיי פלאַנצן צו פלאַנצן יפו־מאַראַנצן און געניסן נאָך דערביי אויף די ענגלישע מערק פון דעם קאָלאָניאַלן פאַרצוג (פרעפערענס), וואָס ווערט נישט געגעבן פאַר די פראָדוקטן פון ארץ־ישראל.

די אַנטוויקלונג פון איראַק

צו איראַק, דעם אַראַבישן קעניגרייך, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין היסטאָרישן טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע (ארם נהרים), קאָן מען צוקומען פון ארץ־ישראל מיט צוויי וועגן. מיטן ים־וועג אַרום סועץ־קאַנאַל דורך אַדען און ביז באַסראַ, דעם פאָרט פון איראַק אויפן פערסישן ים־אויסגוס. דער צווייטער וועג פירט דורך דמשק און דעם סירישן מדבר ביזן טאָל פון טייך פרת.

ביידע וועגן זיינען נישט גינסטיק פאַר ענגע עקאָנאָמישע באַציאונגען. דער ים־וועג איז גאַנץ טייער, ווייל מען מוז דערביי אַרומרינגלען דעם גרויסן אַראַבישן האַלב־אינזל און באַצאָלן אַ גרויסן אָפּצאָל פאַר דורכגיין דעם סועץ־קאַנאַל. אויב דער קאַנאַל־אָפּצאָל שפּילט נישט אַזאַ ראָל פאַר די גרויסע שיפן, וואָס שנײַדן דורך די ימים צווישן איירופּע און דעם נאָענטן מזרח, זיינען זיי אָבער אַ גאַנץ שווערע לאַסט פאַר קלענערע שיפן, וואָס פאַרנעמען זיך נאָר מיט ברעג־פאַרקער. אויסער דעם איז נישטאָ קיין דירעקטער שיף־פאַרקער צווישן ביידע לענדער און יעדעס שטיקל סחורה, וואָס ווערט געשיקט קיין

איראַק, מוז ווערן איבערגעלאָדן אין פּאָרט־סאַאיד, אָדער אין אַן אַנדער פּאָרט אין סועץ־קאַנאַל. פון דער צווייטער זייט איז דער אויטאָמאָביל־פּאַרקער, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן בעיקר פאַר פּאַסאַזשירן פון דמשק קיין באַגדאַד דורכן סירישן מדבר, זייער טייער פאַר געוויינלעכן פּראַכט. דער אויפבוי פון דער לאַנג פּראָיעקטירטער אייזנבאַן פון חיפה קיין באַגדאַד וואָלט שטאַרק פאַרבעסערט די לאַגע, אָבער עס זעט אויס זייער צווייפלהאַפט צי די דאָזיקע באַן וועט ווען עס איז געבויט ווערן, סיידן זי זאָל דירעקט סובסידירט ווערן דורך דער ענגלישער רעגירונג. אין אונזער צייט פון כסדר־וואַקסנדן מאָטאָר־טראַנספּאָרט, לוינט זיך קוים צו בויען נייע גרויסע באַן־ליניעס פון ריינעם געשעפטס־שטאַנדפּונקט.

אויב דער פּלאַן פון דער חיפה־באַגדאַד־באַן זאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן, וואָלט אַ מאָדערנער שאָסיי פון ירדן ביזן פרת דורכן סירישן מדבר געווען אַ נויטיקער און פיל ביליקערער ערזאַץ. די נאַפט־רערן־ליניע וואָס איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן אין אָקטאָבער 1934, האָט צוויי אויסגאַנגען צום ים: איינער ביי טריפּאָלי, סיריע און דער אַנדערער, דער מער וויכטיקערער, ביי חיפה. אויב מען וואָלט אויפן וועג געשאַפן עטלעכע בענזין־סטאַנציעס מיט אַ ביליקן פּרייז, וואָלט דער מאָטאָר־טראַנספּאָרט פון אינדוסטריע־אַרטיקלען צווישן ארץ־ישראל און באַגדאַד, אויף אַ שטרעקע פון 500 מייל, געוואָרן אַ סך ביליקער און לוינענדער.

פּרוכטבאַרקייט און באַוואַסערונגס־אויסזיכטן

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1934 ציילט איראַק 3,561,000 נפשות אויף אַ שטח פון 143,320 קוואַדראַט־מייל. דאָס מאַכט אויס 25 איינוואוינער אויף אַ קוואַדראַט מייל„ אין פאַרגלייך מיט 100 אין ארץ־ישראל און 48 אין סיריע.

איראַק איז פון אור־אַלטע צייטן באַרימט געווען מיט איר אויסער־געוויינלעכער פּרוכטבאַרקייט. אָבער אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון איראַק האָט אַ זייער קליינעם רעגן־פאַל — דער יערלעכער רעגן־פאַל אין באַגדאַד איז בלויז 7 צאָל (אינטשעס) אין פאַרגלייך מיט 24 אין תל־אָביב — קען די נאַטירלעכע פּרוכטבאַרקייט פון באָדן ווערן אויסגענוצט נאָר אין פאַל, ווען דאָס וואַסער פון זיינע צוויי הויפּט־טייכן, די ביבלישע פרת און חדקל, וועלן ווערן ברייט אויסגענוצט פאַר קינסטלעכע באַוואַסערונג. לויט אַן אויספאָר־שונג פון באַרימטן ענגלישן אינזשינער ווילקאָקס, קען מען דאָרט באַוואַסערן 7 מיליאָן אַקער אין ווינטער און 3 מיליאָן אַקער אין זומער. דאָס איז אַ שטח כמעט אַזוי גרויס ווי אין עגיפּטן. אָבער נאָר אַ פינפטל פון איראַקישן באָדן ווערט איצט באַוואַסערט און די באַנוצטע מעטאָדן זיינען דערביי אויסערגעוויינלעך פּרימיטיוו.

אויב די באוואסערונגס־מעגלעכקייטן פון איראַק וואָלטן אויסגענוצט געוואָרן אין דער פולער מאָס, וואָלט איראַק געקענט קאָנקורירן מיט עגיפּטן אַלס קוואַל פון בייוול און אַנדערע סוב־טראָפּישע געוויקסן. אָבער דורכפירן די באַוואָסערונג אויף אַ ברייטערן פאַרנעם איז אַן אויפגאַבע, וואָס איז פאַר־בונדן מיט ריזיקע סומען געלט. אין עגיפּטן איז געוואָרן אויסגעגעבן בערך אַ פערטל ביליאָן דאָלאַר אויף באַוואָסערונגס־צוועקן זינט די ענגלענדער האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד אין 1881, און דאָס אַלטע עגיפּטישע באַוואָסערונגס־סיסטעם איז קיינמאָל נישט געוואָרן אַזוי שרעקליך פאַרנאַכלעסיקט ווי אין איראַק.

פאַר אַזאַ אָרעם לאַנד ווי עס איז דאָס היינטיקע איראַק איז אוממעג־ליך צו קענען מאָביליזירן די נויטיקע ריזיקע סומען פאַר דער דורכפירונג פון דעם באַוואָסערונגס־פּראָיעקט. עס וואָלט זיך אויך נישט געלוינט צו אינ־וועסטירן די דאָזיקע ריזיקע סומען ביי דער איצטיקער קליינער באַפעלקערונג אין לאַנד, וואָס עס האָט זיך יאָ געלוינט אין עגיפּטן מיט איר פיל געדיכטע־רער באַפעלקערונג. אפשר טראָגט דער דאָזיקער מצב אין זיך די קערנדלעך פון אַ צוקונפטיקער אידיש־אַראַבישער קאָאָפּעראַציע. די אידן וואָלטן געקענט העלפן אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע מעגלעכ־קייטן פון דאָזיקן פּאָטענציעל־רייכן לאַנד, נישט שאַפנדיק דערביי קיין ווייטער־דיקע שפּאַנונג און נישט אָרויסרופנדיק קיין פּאָליטישע תביעות אויפן לאַנד.

אגב האָט יעצט איראַק, פונקט ווי אַנדערע לענדער אין נאָענטן מזרח, אַן אייגענע אידישע באַפעלקערונג, וועמענס צאָל עס ווערט איצט געשאַצט אויף 95,000. כמעט אַלע אידן זיינען פון אָריענטאַלישער אָפּשטאַמונג און אַראַביש איז געוויינלעך זייער, און אָפט מאָל, איינציקע שפּראַך. זייערע באַ־ציאונגען מיט דער אָרטיקער אַראַבישער באַפעלקערונג זיינען אַמאָל געווען אויסגעצייכנט גוט, אָבער אין די לעצטע יאָרן זיינען זיי געוואָרן אָנגעשטרענגט דורכן אָפּקלאַנג פון אידיש־אַראַבישן קאַמף אין ארץ־ישראל. אַן ענלעכע סי־טואַציע איז אַנטשטאַנען אין סיריע מיט אירע 100,000 אידן און אין עטלעכע אַנדערע אַראַבישע לענדער.

טראָץ די רייכע נאַטירלעכע אוצרות פון איראַק, זיינען אירע פעלאַכן אפילו אָרעמער ווי אין עגיפּטן; די פעלאַכן און די קולי־קלאַסן, לעבן פאַר ווייניקער ווי איין פּעני אויף אַ מענטש אַ טאָג *), דירה־געלט פאַר אַ דורכשניט־לעך רויט ביידל אויף פּריוואַטן באָדן וואַקעלט זיך צווישן אַ שילינג און 18 פּעניס אַ חודש.

אויב די איראַקישע רעגירונג וועט אַמאָל גרייט זיין צו פּאַרווענדן די גרויסע רווחים וואָס זי באַקומט פון די נאַפט־קוואַלן פאַר באַוואָסערונג און

*) רעפּאָרט אָוו דהע עקאָנאָמיק קאָנדישן אין איראַק, 1933.

אַנדערע וויכטיקע רעפאָרמען, וואָלט דאָס לאַנד געקענט מיט דער צייט זיך אַרויסרייסן פון זיין איצטיקער אָרעמער און אָפּגעשטאַנענער לאַגע. אָבער די מיינסטע פאָרשער פון איראַקס עקאָנאָמישע פּראָבלעמען צווייפלען צי דאָס לאַנד קען אַרויפשטייגן צו אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט אונטער דער איצ־טיקער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע. הגם די פּראָ־נאַצישע איבערקערעניש פון 1941 איז געוואָרן צוזאַמענגעבראָכן דורך דער ענגלישער מיליטערישער קראַפט, זיינען די אויבערשטע קלאַסן פון איראַק נאָך אַלץ פאַשיסטיש. און אפילו ווען זיי סימפּאַטיזירן מיט די שונאים פון דער אַקס, זיינען זיי נאָך אַלץ נישט פעאיק צו דענקען אין טערמינען פון אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד. אונטער די אינערלעכע באַדינגונגען וועלן מן הסתם די גרעסערע הכנסות ווערן פאַר־פאַרוועגדעט אויפצושטעלן אַ גרויסע, הגם אומווירקזאַמע אַרמיי און אַ גרויסע ביוראָקראַטישע מאַשין.

איסערן־האַנדל

די פאָלגנדע טאַבעלע אילוסטרירט די אַנטוויקלונג פון איראַקס אויסערן האַנדל אין די לעצטע יאָרן, אָבער די ציפערן נעמען נישט אַריין דאָס אויל וואָס גייט דורך די נאַפט־רערן פון מאָסול. דאָס געלט, וואָס ווערט אַריינגע־בראַכט אין לאַנד דורך די אויסלענדישע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן די קאָנ־צעסיע איבערן מאָסולער אויל, דעקט פאַקטיש די דעפיציטן פון איראַקס האַנ־דעלס־בודזשעט.

יאָר	אימפּאָרט אין דינאַר *)	עקספּאָרט אין דינאַר
1936	7,200,000	3,500,000
1937	9,600,000	5,600,000
1938	9,400,000	3,700,000
1939	7,900,000	5,500,000
1940	8,500,000	3,900,000

איראַקס עקספּאָרט קיין ארץ־ישראל, וואָס באַשטייט אַממיינסטן פון תבואה, פּי. שעפּסן, פיש און טייטלען, איז שנעל אויסגעוואַקסן מיט דער פאַר־בעסערונג פון דער קאָמוניקאַציע צווישן ביידע לענדער. אָבער דער ארץ־ישראלדיקער עקספּאָרט קיין איראַק איז דאָך געבליבן אַנטוישענד קליין. די פאָלגנדע טאַבעלע ווייזט דעם האַנדל צווישן ארץ־ישראל און איראַק אין די יאָרן פון 1936־1938:

יאָר	אימפּאָרט פון איראַק	עקספּאָרט פון איראַק
1936	156,172	5,895
1937	361,160	12,049
1938	172,835	8,326

*) אַ דינאַר האָט דעם ווערט פון אַן ענגלישן פונט.

טראָץ דעם איצטיקן זייער אומגינסטיקן האַנדעלס־באַלאַנס, האָפן די עקאָנאָמיסטן, אַז אין דער צוקונפט וועלן זיך איינשטעלן מער־גלייכע עקאָנאָמישע צווישן־באַציאונגען צווישן דיביידע לענדער. זיי זיינען איבערצייגט, אַז איראַק וואָלט געקענט פּראָדוצירן אַ באַדייטנדע פּראָפּאָרץ פון די רוי־מאַטעריאַלן, וואָס וועלן איצט געבראַכט קיין ארץ־ישראל פון אנדערע לענדער און פאַרקערט, וואָלט ארץ־ישראל געקענט באַזאָרגן דאָס לאַנד פון פרת מיט פיל אינדוסטריעלע אַרטיקלען, וואָס ווערן איצט אַריינגעפירט פון איראָפּע.

טערקיי און אירע עקאָנאָמישע אַמביציעס

פון אַלע לענדער פון נאָענטן מזרח האָט טערקיי אונטער דער פירערשאַפט פון איר אמת־גרויסן פּרעזידענט דיקטאַטאָר, מוסטאַפאַ קעמאַל, אָנגענומען די ענערגישסטע מיטלען צו רעפאָרמירן אירע טראַדיציאָנעלע עקאָנאָמישע יסודות און צו דערגרייכן אַ הויכן סטאַנדאַרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער פּראָדוקטיוויטעט. די דאָזיקע מיטלען האָבן זיך פון איין זייט אויסגעדריקט אין אַ שטאַרקן פאַרזוך אויסצובויען די אָרטיקע אינדוסטריע און צו באַגרענעצן דעם אימפּאָרט צו דער גרויס פון עקספּאָרט, און פון דער אַנדערער זייט איז דערגרייכט געוואָרן אַ וועזנטלעכע פאַרבעסערונג אין די אַגריקולטורעלע מעטאָדן און אַ קענטיקע פאַרגרעסערונג פון די געטרעטענישן.

אָט זיינען די ציפערן וועגן טערקישן אויסערן האַנדל, אָנגעגעבן אין טערקישע פונט:

יאָר	אימפּאָרט טערקישע פונטן *)	עקספּאָרט טערקישע פונטן
1936	92,500,000	117,700,000
1937	114,000,000	138,000,000
1938	149,800,000	144,900,000
1939	118,200,000	127,400,000

דער ארץ־ישראלדיקער האַנדעל מיט טערקיי באַשטייט פון אימפּאָרט פון פּי און תבואה פון טערקיי און עקספּאָרט פון אינדוסטריע־סחורות. די ציפערן זעען אויס אַזוי:

יאָר	אימפּאָרט פון טערקיי ענגל. פונטן	עקספּאָרט פון טערקיי ענגל. פונטן
1935	338,807	6,646
1936	267,764	53,743
1937	254,159	114,656
1938	78,535	44,073

*) דער טערקישער פונט האָט סוף 1946 געהאַט דעם ווערט פון 35 סענט.

דאָ שווימט ווידער אַרויס דאָס פּראָבלעם פון ארץ־ישׂראלס אומנאָר־מאַלער האַנדעלס־לאַגע. אויב ארץ־ישׂראל וואָלט געהאַט אַ נאָרמאַלן האַנדלס־רוח, וואָלט זי געקענט אויפצווינגען טערקיי זי זאָל פֿאַרגרעסערן דעם אימ־פּאָרט פון ארץ־ישׂראל־סחורות. מיט זייער גאַנצן קאַמף פֿאַר זעלבסט־אויס־קום קענען נישט די טערקישע מלוכה־מענער דערוואַרטן, אַז זייער לאַנד זאָל קענען אויסקומען אָן צופֿיר פון פּראָדוקטן פון אויסלאַנד און זיי וואָלטן על פּי שׂכל בעסער געהאַנדעלט מיט זייערע שכנים אין נאָענטן מזרח. ווען מען גוטע עקאָנאָמישע לאַגע וואָלט אויך געהאָלפֿן צו פֿאַרזיכערן זייער אייגענעם וואַקסנדן וואוילשטאַנד.

די קינפטיקע מעגלעכקייטן פון אַ פֿאַרגרעסערטן האַנדל צווישן ארץ־ישׂראל און טערקיי זיינען באַוויזן געוואָרן אין משך פון איצטיקן קריג, ווען טערקיי האָט אָפּגענומען אַ וויכטיקן טייל פון ארץ־ישׂראלס אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. אין 1942 האָט דער עקספּאָרט פון ארץ־ישׂראל קיין טערקיי אפילו איבערגעשטיגן דעם ווערט פון פּראָדוקטן געקויפט אין טערקיי. אין אַ גרויסן טייל איז דער עקספּאָרט באַשטאַנען אין וועש פֿאַר דער טערקישער ציווילער באַפעלקערונג און שיך פֿאַר דער אַרמיי.

ס׳איז אָבער אַ ספק, צי ארץ־ישׂראל וועט קענען באַלאַנסירן איר האַנ־דעלס־בודזשעט מיט טערקיי אָדער אירע אַנדערע שכנים אין די מער־נאָר־מאַלע באַציאונגען פון נאָכן־קריג־פּעריאָד, סיידן זי וועט זיך באַפרייען פון די האַנדעלס־באַגרענעצונגען וואָס עס האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט די פֿאַר־שריפטן פון מאַנדאַט.

די ים־פֿאַרבינדונג צווישן טערקיי און ארץ־ישׂראל האָט זיך באַדייטנד פֿאַרבעסערט זינט עס זיינען געוואָרן פֿאַרפולקאָמט דער מאָדערנער פּאָרט אין חיפה און דער אויסגעברייטערטער האַפן אין מעסינאַ, אַזוי אַז אפילו לאַנג־זאַמע שיפן קענען דעקן די 250 מייל צווישן די ביידע פּאָרטן אין איין טאָג צייט.

דער אויפבוי פון אַן אייזנבאַן קיין באַגדאַד אָדער די אַנטוויקלונג פון אקאַבאַ אַלס אַ פּאָרט, וואָלט געבראַכט ארץ־ישׂראל אויך נענטער צו איראַן (פּערסיע), אַ לאַנד, וואָס גייט אויך דורך אַ באַדייטנדן פּראָצעס פון עקאָנאָ־מישן איבערבוי. די איצטיקע עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן די ביידע לענ־דער זיינען אומבאַדייטנד, אָבער עס זיינען דאָ געוויסע וויכטיקע פּראָדוקטן אין ביידע לענדער, אין וועלכע זיי קענען זיך קעגנזייטיק דערגענצן. די אינ־דוסטריעלער פון ארץ־ישׂראל נעמען דעריבער אַריין אין חשבון איראַן אַלס איינעם פון זייערע צוקונפטיקע מערק אויפן נאָענטן מזרח.

אין אַלגעמיין איז די געאָגראַפישע לאַגע פון ארץ־ישׂראל ביי די ברעגן פון מיטלענדישן ים און אין שכנות פון סועץ־קאַנאַל עלול צו שאַפן באַרעכ־

טיקטע האָפּנונגען פאַר דער עקאָנאָמישער גוטער צוקונפט פון לאַנד. צוליב דער נאָענטקייט צום סועץ־קאַנאַל, קען ארץ־ישראל באַקומען פאַר ביליקע פרייזן די רוי־מאַטעריאלן וואָס גייען דורכן קאַנאַל צו די אינדוסטריע־צענטערן אין אייראָפּע. פון דער צווייטער זייט וועלן אויסגעבויטע קאָמוניקאַציע־וועגן מיט די אינדוסטריעל נישט־אַנטוויקלטע לענדער שאַפן פאַר ארץ־ישראל אַ וואַקסנדן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר איר עקספּאָרט.

צוזאַמען גענומען, שטעלן מיט זיך פאַר די לענדער פון נאָענטן מזרח — ארץ־ישראל, עגיפּטן, סיריע, איראַק, טערקיי, איראַן, אַראַביע און ציפּערן — אַ געזאַמטע באַפעלקערונג פון איבער 60 מיליאָן מאַן און אַ אויסערן־האַנדל פון קרוב אַ ביליאָן דאָלאַר. ביי נאָרמאַלע און פרייַנטלעכע באַציאונגען האָבן די אַלע לענדער גרויסע מעגלעכקייטן פאַר פּראָגרעס און וואוילשטאַנד.

קאַפּיטל צוואַנציק

די אויפנאַמס־פעאיקייט פון ארץ ישראל

די ווירקונג פון קריג אויף דער אידישער לאַגע שטעלט אַוועק די פראַגע וועגן דער אויפנאַמס־מעגלעכקייט פון ארץ־ישראל אין צענטער פון אונזערע באַטראַכטונגען.

בכלל גענומען, איז די אויפנאַמס־פעאיקייט פון אַ לאַנד הויפּטזעכלעך אָפּהענגיק פון צוויי יסודותדיקע פאַקטאָרן. איינער איז דער כאַראַקטער פון לאַנד — זיין גרויס, קלימאַט, פּרוכטבאַרקייט, קאָמוניקאַציע־וועגן און די נאַטירלעכע אוצרות. דער צווייטער איז דער כאַראַקטער פון פאָלק, וואָס האָט בדעה זיך דאָרט צו באַזעצן — זיין קולטורעלער ניוואָ, זיינע שעפערישע פעאיקייטן און עקשנותביים דערגרייכן זיין ציל.

עס וואָלט געווען אַבסאָלוט פאַלש אָפּצושאַצן די אויפנאַמס־פעאיקייט פון אַ לאַנד אויפן יסוד פון זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן אַליין, איגנאָרירענדיק דעם כאַראַקטער פון זיינע איינוואוינער און קאָלאָניסטן. מען קען אפילו זאָגן, אַז דער מענטשלעכער פאַקטאָר שפּילט ביי דער באַזעצונג פון אַ לאַנד נאָך אַ וויכטיקערע ראָל ווי די ריין־געאָגראַפישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון לאַנד. די געשיכטע ווייסט פון פיל פאַלן, ווען פעאיקע און פלייסיקע פעלקער האָבן פאַרוואַנדלט שיינבאַר אָרעמע געגענטן אין הויך־אַנטוויקעלטע און בליענדע לענדער. ניי־ענגלאַנד, צום ביישפּיל, מיט איר מאָגערן באָדן און מאַנגל פון נאַטירלעכע רייכטימער, וואָלט קיינמאָל נישט געווען איינע פון די בליענדסטע געגנטן אין דער וועלט, ווען נישט די ענערגיע און ערפינדערישקייט פון אירע פּוריטאַנישע קאָלאָניסטן. און האָבן דען ניט די נאָרוועגער דורך דורות פון עקשנותדיקער אַרבעט באַוויזן צו דערגרייכן אַ הויכן קולטור־ניוואָ און וואוילשטאַנד אין אַ שיינבאַר האָפנונגסלאָז בערגיק לאַנד מיט אַ קאַלטן קלימאַט און אַ וויסטן באָדן?

פון דער צווייטער זייט זיינען דאָ ביישפּילן פון לענדער, וואָס זיינען פון דער נאַטור געבענטשט מיט אויסערגעוויינלעכע מעגלעכקייטן און דאָך זינקען זיי אין אָרימקייט צוליב דעם אומבייט פון דער באַפעלקערונג און די דאָזיקע לענדער זיינען אריינגעפאַלן אין די הענט פון אומאַנטוויקעלטע פעלקער. אַזאַ לאַנד, למשל, איז איראַק, דאָס היסטאָרישע מעסאָפּאָטאַמיע, דאָס „לאַנד צווישן

טייכן״ מיט איר אויסערגעווײנלעכער באָדן־פּרוכטבאַרקייט און צוגעפּאַסטקייט פּאַר באַוואַסערונג אין גרויסן מאַסשטאַב. אַמאָל האָבן דאָרט געוואוינט צווישן 15 ביז 20 מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן געגומען אַ פּירנדיקן אַנטייל אין דער וועלט־געשיכטע, אָבער איצט קען דאָס לאַנד קיים אויסהאַלטן 3 מיליאָן אַראַבישע איינוואוינער, וועמענס מערהייט לעבט אין אַ מצב פון אויסערגעוויינלעכער אָרימקייט און כראָנישער אונטערדערנערונג.

אור־אַלטע קולטור און איצטיקע ירידה

לאָז מען איצט אָנווענדן דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם כלל צו ארץ־ישראל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן די אידישע נאַציאָנאַלע היים. לויט אַלע היסטאָרישע און אַרכעאָלאָגישע באַווייזן, איז נישטאָ קיין ספק, אַז ארץ־ישראל האָט אַמאָל געהאַט אַ פּיל גרעסערע באַפעלקערונג ווי איצט. לויט יוסף פלאַוויאוס, דעם רוימיש־אידישן היסטאָריקער, האָט די באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל (אַריינגערעכנט עבר־הירדן) קורץ פאַר דער רוימישער דעראָבערונג געציילט צווישן זיבן און אַכט מיליאָן מאַן. אויב אפילו די דאָזיקע ציפערן זיינען איבערטריבן, גלויבן די מאָדערנע היסטאָריקער, לויט באַווייזן פון אַנדערע קוועלן, אַז די אור־אַלטע באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל האָט ווייט איבערגעשטיגן די צאָל פון צוויי מיליאָן וואָס לעבן איצט אין די היסטאָרישע גרענעצן פון „צוגעזאָגטן לאַנד״. די קאָנסערוואַטיווסטע אָפּשאַצונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער באַפעלקערונג פאַרן חורבן בית־שני גיבן אָן אַ ציפער צווישן 3 און 4 מיליאָן.

ווען אַזאַ בערך גרויסע באַפעלקערונג, ס׳רוב לאַנדווירטשאַפטלעך אין איר כאַראַקטער, האָט זיך געקענט אויסהאַלטן אין אַמאָליקן ארץ־ישראל, איז עס געווען אַדאַנק דער זאָרגפעלטיקער באַהאַנדלונג פון לאַנד אין די ביבלישע צייטן. די געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פון לאַנד באַווייזן, אַז די טאָלן פון ארץ־ישראל זיינען אין יענע צייטן געווען אינטענסיוו באַאַרבעט. די בערגשפּועים זיינען געוואָרן באַדעקט מיט טעראַסן און דאָרט זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן וויין־פּלאַנטאַציעס, פּרוכט־גערטנער ווי אויך תבואות. דער גרעסטער טייל פון מאָדערנעם ארץ־ישראל שטעלט מיט זיך פאַר אַ בילד פון פולשטענדיקער פאַרנאַכלעסיקונג אין פאַרגלייך מיט דער הויך־אַנטוויקלטער אור־אַלטער ציוויליזאַציע. מיט דער פאַרניכטונג פון די וועלדער און טעראַסן, האָבן די שטראָמיקע ווינטער־רעגנס אַוועקגעשלעפּט דעם באָדן און די פעלזןשטיינער אַראָפּ אין די טאָלן, אַזוי אַז די מיינסטע בערג זיינען געבליבן נאַקעט און וויסט. נעבן דעם ים־ברעג האָט די פאַרשווינדונג פון די אַמאָליקע גערטנער פאַרלייכטערט די באַוועגונג פון זאַמד־שטורמען, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די אינעווייניקסטע טיילן פון לאַנד. זיך טראָגענדיק כסדר קיין

מזרח, האָבן זיי ביסלעכווייז אָנגעפילט די בעקן פון די וואַסער־שטראָמען וואָס פליסן פון די בערג צום מיטללענדישן ים. אַזוי אַרום האָבן זיך אויסגעבילדעט גרויסע, זומפּן, נעסטן פון מאַלאַריע.

אַ טייל פון די זומפּן זיינען אויסגעטריקענט געוואָרן זינט די אידן האָבן אָנגעהויבן קאָלאָניזירן דאָס לאַנד מיט 60 יאָר צוריק, און אַ צאָל פון בערג זיינען שוין באַדעקט געוואָרן מיט טעראַסן. אָבער די דאָזיקע אויסבעסערונגען זיינען נישט גענוגענד צו ענדערן דעם גאַנצן כאַראַקטער פון לאַנד. ביי אַ כסדרדיקער אידישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, וועט דער באָדן פון ארץ־ישראל ביסלעכווייז צוריק באַקומען זיין אַמאָליקע פּראָדוקטיוויטעט און דאָס לאַנד וועט ווידער ווערן בכוח צו באַשפּייזן אַ פיל־גרעסערע באַפעלקערונג ווי איצט.

באַדייטנדע אידישע דערגרייכונגען

נישט נאָר היסטאָרישע באַווייזן נאָר אויך די ערפאַרונג פון דער לעצטער צייט באַווייזן די פּאָטענציעלע פּראָדוקטיוויטעט פון ארץ־ישראלדיקן באָדן. עס זיינען דאָ באָדן־שטחים, וואָס מען האָט פריער געהאַלטן פאַר בכלל אומ־נוצבאַר פאַר לאַנדווירטשאַפט, אָבער איצט, זינט די אידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך דאָרט באַזעצט, גיט דער זעלבער באָדן אַרויס אויסגעצייכנטע גערעטענישן.

קוים מיט אַ 40 יאָר צוריק האָט די מערהייט פון ים־טאָל צווישן תל־אָביב און חיפה אויסגעזען צו זיין אַ אומפּרוכטבאַרע וויסטע. איצט בליִען דאָרט די בעסטע ציטרוס־ביימער אין דער וועלט און אין נאָרמאַלע צייטן קען דאָרט אַ פאַמיליע זיך אויסהאַלטן בכבוד מיט 5־6 אַקער פון באַוואַסערטן באָדן.

עמק־יזרעאל, באַקאַנט אין די ביבלישע צייטן מיט זיין רייכער פּרוכט־באַרקייט, איז נאָך דער אַראַבישער דעראָבערונג פון לאַנד געוואָרן אַ נעסט פון מאַלאַריע און חורבן, אָבער איצט פּראָדוצירט ער שוין ווידער בשפע פאַר־שידענע תבואות און פּרוכטן. זיין איבערוויגענד אידישע באַפעלקערונג איז איצט פינף מאָל אַזוי גרויס ווי זי איז געווען פאַרן אָנהויב פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. ווען די פּלענער צו ברענגען אַ טייל פון וואַסער פון גליל העליון צום עמק־יזרעאל וואָלטן געוואָרן רעאַליזירט, וואָלט די איצטיקע, בערך גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג, געקענט ווערן פאַר־דרייפאַכט.

עס איז דאָ אַ קליינער טאָל מיטן נאָמען חולה אין צפון־טייל פון ארץ־ישראל. דער טאָל נעמט אַריין 40,000 אַקער לאַנד, ס'רוב אונטער וואַסער און באַדעקט מיט זומפּן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אידישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפטן אונטער דער פירונג פון אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד באַקומען די קאָנצעסיע צו אַנטוויקלען דעם דאָזיקן שטח, וואָס גייט אָן אַלס דער אומגע־זונטסטער פּלאַץ אין גאַנץ ארץ־ישראל. ווען די אַרבעט, פאַרטראַכט פון די אי־

דישע קאָנצעסיע־אייגנטימער וועט זיין פאַרענדיקט, וועט דער חולה־טאָל ווערן אַ רייכע פּראָדוקטיווע געגנט, וואו די תבואה־פעלדער, צעבליט אונטער דער וואַרימער זון און דער שפע פון וואַסער, וועלן ווערן געשניטן דריי אָדער פיר מאָל אַ יאָר, געבנדיק חיונה פאַר אַ באַדייטנדער דאָרפישער באַפעלקערונג. די חולה־קאָנצעסיע זאָרגט נישט נאָר פאַר דער קאָלאָניזירונג פון די אידן אויפן באַאַרבעטן באָדן נאָר אויך פאַר דער פּערמאַנענטער קאָלאָניזירונג פון דער אָרטיקער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס שלעפּט זיך יעצט אַרום איבער די מאַלאַריע־פאַרסמטע זומפּען מיט זייערע בופלאָקסן און לעבט אין אַ מצב פון אָרימקייט און אומגליק.

באַוואַסערונגס מעגלעכקייטן

בערך מיט אַ צען יאָר צוריק האָבן אַמעריקאַנער עקספּערטן (פּראָפעסאָר שטראַהאָרן און פּ. דזשוליוס פּאָהס) נאָכן דורכפירן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג פון די באַוואַסערונגס־מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל, באַריכטעט אַז אויסער דעם נגב, אין דרום־טייל פון ארץ־ישראל, מיט זיין שיטערער באַפעלקערונג און מדבר־קלימאַט, קען מען פולשטענדיק באַוואַסערן ביי 3,500,000 דונאַם מיט דער הילף פון די עקזיסטירנדע וואַסער־קוואַלן. אַן אַנדער אויספאָרשונג, דורכגעפירט אין 1928 דורך דעם „דזשווינט פּאַלעסטיין סוירוועי קאָמישאָן״, האָט אָפּגעשאַצט, אַז דער באַוואַסערונגס־פעאיקער שטח פון די גרעסטע טאָלן (עמק החוף, עמק יזרעאל, עמק עכו, עמק הירדן, דער חולה־טאָל) באַטרעפט 4 מיליאָן דונאַם. זינט דאַן זיינען געפונען געוואָרן נייע רייכע וואסער־אוצרות אין די אונטערשטע באָדן־שיכטן פון ארץ־ישראל און די אויסזיכט איבערצופירן דאָס ירדן־וואסער צום נגב פאַר באַוואַסערונגס־צוועקן ווערט איצט ווידעראַמאָל באַטראַכט פאַר אַ דורכפירבאַרע מעגלעכקייט. אַן אָפּשאַצונג פון 5,500,000 דונאַם אַלס דער באַוואַסערונגס־פעאיקער שטח פון ארץ־ישראל דאַרף דערפאַר ווערן באַטראַכט אַלס זייער קאָנסערוואַטיוו. ביים היינטיקן טאָג זיינען באַוואַסערט נאָר 420,000 דונאַם און הגם זיי שטעלן מיט זיך פאָר נאָר 6 פּראָצענט פון ארץ־ישראלדיקן באַאַרבעטן באָדן, פּראָדוצירן זיי פאַקטיש, אין טערמינען פון מאַרק־ווערט, ביי 40 פּראָצענט פון דער גאַנצער ארץ־ישראלדיקער שפּייז־פּראָדוקציע.

די דאָזיקע ביישפּילן און ציפערן זיינען גענוג צו געבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון די מעגלעכקייטן פון דער וואַקסנדער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט, בתנאי אַז די אידן זאָלן באַקומען פרייע הענט צו אַנטוויקלען די וואסער־אוצרות פון לאַנד און קאָלאָניזירן די נישט־גענוג אַנטוויקעלטע געגענטן פון לאַנד. אַזאַ באָדן־פּאָליטיק וואָלט געשאַפן מעגלעכקייטן אויף צו באַנוצן הונדערטער טויזנטער אידישע אימיגראַנטן אויפן באָדן און ס׳וואָלט

נאָך געבליבן באַדן צו באַזאָרגן די אַראַבישע פויערים מיט באַוואָסערטע פאַרמס, וואו זיי זאָלן קענען האָבן אַ בעסערע, זיכערע חיונה פון דער וואָס זיי קענען איצט אַרויסרייסן פון פאַרנאַכלעסיקטן באָדן.

ווייטער באַגרענעצן זיך די אָפּשאַצונגען וועגן ארץ־ישראלס אויפ־נאַמס־מעגלעכקייט נאָר אויפן שטח, וואָס ליגט צו מערב פון ירדן און זיי נעמען נישט אריין אין חשבון די 37,740 קוואַדראַט־מייל פון עבר־הירדן, וואָס איז ביז 1922 געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון ארץ־ישראל. אָבער אפילו דאָס לאַנד אין דער מערב־זייט פון ירדן, קען אויפנעמען מיליאָנען אידישע קאָלאָ־ניסטן. אַזוי שנעל ווי די 5 מיליאָן דונאַם פון ארץ־ישראל׳ס 26,319,400 דונאַם וועלן ווערן באַוואָסערט, — אַ שטח, וואָס איז נאָך נישט דער מאַקסימום פון באַוואָסערונגס־פעאיקן לאַנד — וועט די דאָרפס־באַפעלקערונג לייכט קענען אויסוואַקסן פון די איצטיקע 800,000 ביז איבער 2,000,000. רעכע־נענדיק קאָנסערוואַטיוו, וועט אַ מיליאָן צוגעוואַנדערטע דאָרפישע קאָלאָניסטן נאָך לאָזן אַ באָדן־רעזערוו פאַר די לאַנד־נויטן פון נאַטירלעכן צוואוקס פון דער אידישער און אַראַבישער דאָרפס־באַפעלקערונג.

דאָס קולטיווירן די בערג

בעת די אויסזיכטן אויף פאַרגרעסערן ארץ־ישראלס דאָרפס־באַפעל־קערונג זיינען בעיקר געשטיצט אויף באַוואָסערונג, איז עס אויך מעגלעך באַ־דייטנד צו פאַרגרעסערן די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוק־ציע דורך איינפירן מער־וויסנשאַפטלעכע פאַשע־מעטאָדן פאַר פי און קול־טיווירן ארץ־ישראל׳ס בערג־ראַיאָנען. הגם זיי זיינען נישט צוגעפּאַסט צו באַוואָסערונג, באַקומען די מייסטע באַרג־געגנטן פון לאַנד גענוג רעגן־וואַסער, וואָס דערמעגלעכט דעם וואוקס פון וועלדער און בוים־פּרוכטן. די דאָזיקע בוים־פּרוכטן קענען פאַרבעסערן ארץ־ישראלס שפּייז־באַלאַנס אויף פאַרשידענע אופנים. אַזוי למשל, קענען איילבירטן זייער פיין זיך צעבליען אויף די מייסטע בערג ווי נאָר די פאַרניכטונג פון בערג־באָדן וועט ווערן אָפּגעשטעלט. זיי קענען באַזאָרגן די שפּייז־קאַמער סיי מיט פּרוכט און סיי מיט אייל. יאהאַנעס־ברויט־בוימער זיינען אויך זייער ווערטפול פון שטאַנד־פונקט פון ארץ־ישראלס ערנערונג. הגם זייער פּרוכט איז נישט וויכטיק פאַרן מענטשלעכן געברויך, זיינען אָבער זייערע שויטן אַ קאָנצענטרירט און בשפע׳דיק שפּייז־מיטל פאַר מילך־קי און עופות.

דער באַאַרבעטער באָדן פון ארץ־ישראל באַטרעפט איצט 7,500,000 דונאַם, הגם נאָר אַ קליינער טייל דערפון — ביי 420,000 דונאַם — איז באַ־וואָסערט. די מיינונגען וועגן מאַקסימום פון קולטיווירבאַרן באָדן זיינען פאַר־שידנאַרטיק. ענגלישע עקספּערטן וואָס האָבן באַטראַכט אַלס „קולטיווירבאַר״

נאָר די לענדערייען, וואָס „קענען ווערן געבראַכט צו דער מדרגה פֿון ווערן קולטיווירט דורך די מיטלען פֿון דורכשניטלעכן אַראַבישן פּויער", האָבן אָנגעהויבן מיט אָפּשאַצונגען פֿון 12,500,000 דונאַם (די ציפֿער אָנגעגעבן דורכן באַדן־דירעקטאָר אין 1925) און פֿאַרענדיקט מיט אַן אָפּשאַצונג פֿון 8,044,000 דונאַם (דזשאָן האָפּ סימפּסאָן אין 1931). פֿון דער צווייטער זייט האָבן די אידישע עקספּערטן באַטראַכט אַלס „קולטיווירבאַר" יעדן באָדן וואָס קען ווערן געמאַכט ברויכבאַר דורך מאָדערנע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מעטאָדן און מאַשינען. זיי שאַצן דערפֿאַר אַז דער קולטיווירבאַרער באָדן באַטרעפֿט לכל־הפּחות 14,000,000 דונאַם. טייל גלויבן אַז ער קען זיין אַזוי גרויס ווי 17,000,000 דונאַם. די ערפֿאַרונג האָט באַוויזן, אַז אין אַלע פֿאַלן וואו שיינבאַר האָפֿנונגסלאָז לאַנד איז געוואָרן דערוואָרבן דורך אידן, איז די מאַקסימאַלע שאַצונג פֿון די ציוניסטישע עקספּערטן פֿאַקטיש דערגרייכט געוואָרן. מען קען דערפֿאַר מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז אויסער די מיליאָנען דונאַמס פֿון באַוואָסערונגס־פֿעאיקן באָדן, זיינען נאָך דאָ גרויסע שטחים אין די טאָלן און אין די בערג, וואָס קענען ווערן געבערענגט אונטער טרוקענער באַאַרבעטונג. אַזאַ באַאַרבעטונג פֿון באָדן, הגם זי קען נאַטירלעך זיין ווייניקער עקסטענסיוו ווי די באַאַרבעטונג פֿון באַוואָסערטן באָדן, וועט דאָך פֿאַרגרעסערן די אויפֿנאַמס־פֿעאיקייט פֿון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפֿט.

די אינדוסטריאַליזאַציע פֿון ארץ ישראל

די אידישע ערפֿאַרונג האָט באַוויזן, אַז אויף יעדער פֿאַמיליע וואָס באַזעצט זיך אויפֿן באָדן, קען מען איינאָרדענען נאָך 4 פֿאַמיליעס אין שטעט און אין דערפֿער, וואָס זאָלן מאַכן אַ לעבן פֿון אינדוסטריע, האַנדעל, ים־ווירטשאַפֿט, טראַנספּאָרט, אָדער פֿרייע פּראָפֿעסיעס. אַזוי ווי דער באָדן פֿון ארץ־ישראל קען באַשפּייזן אַמווייניקסטענס נאָך אַ מיליאָן לאַנדווירטן, וועלן די איבעריקע צווייגן פֿון מענטשלעכער מי זיין ביכולת אויפֿצונעמען נאָך פֿיר מיליאָן נייע אימיגראַנטן. אַזוי אַרום קען די גאַנצע אויפֿנאַמס־פֿעאיקייט פֿון ארץ־ישראל אפֿילו אין די ענגע גרענעצן פֿון דער מאַנדאַט־טעריטאָריע, לייכט דערגרייכן פֿינף מיליאָן נפֿשות.

דער דאָזיקער אַלגעמיינער אויספֿיר ווערט ווייטער באַוויזן דורך אַן איבערבליק איבער אַנדערע וויכטיקע צווייגן פֿון מענטשלעכער אַרבעט.

ביים אָנהויב פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, פֿלעגן די קעגנער פֿון ציוניזם אַרגומענטירן, אַז ארץ־ישראל קען נישט ווערן קיין וויכטיק אינדוסטריע־לאַנד, צוליב דעם מאַנגל פֿון אייזן און קוילן. די דערפֿאַרונג האָט אָבער שפּעטער באַוויזן, אַז די דאָזיקע שוועריקייט איז אַ סך ווייניקער ערנסט ווי מען האָט פֿריער גערעכנט. ס'איז קלאָר, אַז אַן אייזן און

קוילן, קען מען נישט אויסבויען קיין שווערע מעטאַלורגישע אינדוסטריעס, אָבער די אינדוסטריעלע צוקונפט, וואָס מען זעט פאַר פאַר ארץ־ישראל, שטיצט זיך צומיינסטן אויף לייכטע אינדוסטריען, וואָס באַדינען דירעקט דעם קונה אין לאַנד און פּראָדוצירן סחורות, וואָס זיינען צוגעפּאַסט פאַרן עקס־פּאָרט אין די שכנותדיקע לענדער פון נאָענטן מזרח. פיל אינדוסטריען ברויכן גאָרנישט צו האָבן גרויסע מענגען פון שטאָל. נאָך מער, אין די פאַבריקע צוואַנ־ציק יאָר האָבן אייזן און שטאָל פאַרלוירן זייער פריערדיקע ערשטע פּאָזיציע אין דער פּראָדוקציע פון מאַשינען און אַנדערע פאַבריק־פּראָדוקטן, ווי קופּער, ניקל, אַלומיניום, מאַגנעזיום און אַנדערע סאָרטן פון מעטאַל־מישונגען שפּילן אַן אַלץ וואַקסנדע וויכטיקע ראָל אין אינדוסטריעלן לעבן פון דער וועלט; אַט די אַנדערע מעטאַלן זיינען צוגענגליך פאַר ארץ־ישראל אין דער זעלבער מאָס ווי פאַר די אַנדערע אינדוסטריעלע לענדער.

גלייכצייטיק, זיינען במשך פון 60 יאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ארץ־ישראלדיקע קאָלאָניזאַציע, פאָרגעקומען וויכטיקע אַנטוויקלונגען אין דער וועלט־לאַגע פון באַהייצונג און מעכאַנישער קראַפט. קוילן האָבן אויפ־געהערט צו זיין דער אומבאַדינגטער פאַרבאַדינג פאַר אינדוסטריעלע צילן, ווי זיי זיינען עס געווען אין סוף פון לעצטן יאָרהונדערט. הייץ־אויל און הידראָעלעקטרישע קראַפט ווערן אַלץ מער און מער וויכטיק, און די דאָזיקעביידע ענערגיע־קוואַלן זיינען בנמצא אין ארץ־ישראל. די קראַפט, וואָס מ'קען אַרויסבאַקומען פון ירדנס וואַסער־פאַל פון דער הויך פון 3,000 פוס איבער דעם ים־ניוואָ ביז 1,300 פוס אונטער דעם ים־ניוואָ, דאַרף נאָך ווערן איינגאַנצן איינגעשפּאַנט און ס'איז אויך דאָ אַ וואַרשיינלעכקייט, אַז די גרויסע דיפערענץ אין ניוואָ צווישן דעם מיטלענדישן און דעם טויטן ים (ים המלח) וועט אויך קענען ווערן אויסגענוצט פאַר אַ גרויסער הידראָ־עלעקטרישער אַנטוויקלונג. וואָס נוגע הייץ־אויל, ווערט עס געבראַכט דורך די נאַפט־רערן אין אַלץ וואַק־סנדע מענגען פון די איראַק־פעלדער קיין חיפה וואו די ליניע ענדיקט זיך. די איראַק פּעטראָלעאום קאָמפּאַניע נוצט טאָקע איצט איר מאָנאָפּאָל־פּאָזיציע אַרויסצופּרעסן געזאַלצענע פּרייזן אין ארץ־ישראל, אָבער די לאַגע וועט, ווי עס איז צו דערוואַרטן, זיך ענדערן בקרוב. ס'איז נישטאָ קיין באַרעכטיקטע סיבה פאַרוואָס הייץ־אויל אין חיפה זאָל קאָסטן טייערער, ווי אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע. מעסיקע פּרייזן פאַר הייץ־אויל וועלן שטעלן די ארץ־ישראל אינדוסטריע אויף אַ געזונטן קאָנקורענץ־פעאיקן יסוד אויף אַלע וועלט־מערק.

מינעראַלע אוצרות

דער מאַנגעל פון אייזן און קוילן ווערט ווייטער אַנטשעדיקט דורך די ריזיקע מענגען פון נוצבאַרע מינעראַלן אין די וואַסערן פון ים־המלח. די דאַ־

זיקע מינעראַלן — פּאַטאַש, בראָמין, מאַגנעזיום, כלאָרין, און דאָס געוויינלעכע זאַלץ — הויבן אָן ווערן אַלץ מער וויכטיק אַלס יסודות׳דיקע מאַטעריאַלן אין דער מאָדערנער כעמישער אינדוסטריע. עס איז געוואָרן אָפּגעשאַצט, אַז דער ווערט פון די מינעראַלן אין די וואַסערן פון טויטן ים שטייגט איבער די יערלעכע נאַציאָנאַל־הכנסה פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויסער די מינעראַל־אוצרות פון טויטן ים, פאַרמאָגט ארץ־ישראל באַדייטנדע שיכטן פון שוועבעל און פאָספאַט, וואָס פאַרגרעסערט די אויסזיכטן פון לאַנד צו ווערן אַ וויכטיקער כעמישער צענטער. מיט די וויכטיקסטע באַשטאַנדטיילנדע עלעמענטן פון כעמישער באַמיסטיקונג מיט וואָס ס׳איז אַזוי רייך דער באָדן און די וואַסערן פון ארץ־ישראל, עפנט זיך אַ גרויסע מעגלעכקייט פון באַזאָרגן די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט מיט אומאויסשעפּבאַרע מענגען פון ביליקער באַמיסטיקונג, וואָס איז פון די וויכטיקסטע יסודות פון אַ שטאַרק פאַרגרעסערטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. אַזוי אַרום וועלן די מינעראַלע אוצרות פון ארץ־ישראל, קאָמבינירט מיט איר קלימאַט און באַמיסטיקונגס מיטלען, דערמעגלעכן די פּראָדוקציע פון שפּייז פאַר דער היימישער באַפעלקערונג און פאַר עקספּאָרט אין אַזעלכע ריזיקע צאָלן וואָס זען אויס פאַנטאַסטיש ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט דער גרויס פון דער איצטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון לאַנד.

די אידן זיינען געווען די פּיאָנערן אין דער אַנטוויקלונג פון די ארץ־ישראלדיקע קראַפט־רעסורסן און אויך אין אַרויסבאַקום פון די מינעראַלן פון די קאָנצענטרירטע וואסערן אין ים־המלח. ביידע אַרבעטען געפינען זיך נאָך איצט אין זייערע ערשטע סטאַדיעס. נאָכן קריג וועט די אידישע ענערגיע, אויב זי זאָל נאָר נישט געשטערט ווערן דורך קינסטלעכע באַגרענעצונגען, בלי שום ספק עקספּלואַטירן ארץ־ישראלס מינעראַל אוצרות און קראַפט־מעגלעכקייטן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם און אַזוי אַרום שאַפן אַ ברייטערע באַזע פאַר אַ גרויסער און כסדר וואַקסנדער אינדוסטריע.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע וועט אויך ווערן פאַרגרעסערט. אפילו איצט זיינען פיל ארץ־ישראלדיקע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען פאַרנומען מיט איבעראַרבעטן די פּראָדוקטן פון די פעלדער און גערטנער פון לאַנד. אָנהויבנדיק לכתחילה מיט תבואה־מילן, אייל־פּרעסן און וויין־קעלערס, שליסט איצט די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע אויך איין קאָנסערוון־פאַבריקן, די אויסאַרבעטונג פון מעדיצינען און וויכטיקע אוילן, דאָס אַרויסבאַקומען וויטאַמינען, דאָס פּראָדוצירן איינגעמאַכטס, פרוכט־זאַפטן און אנדערע שפּייז־מטעמים. די פּראָדוקציע פון אַלקאָהאָל און צוקער, וואָס האָט זיך לעצטענס אָנגעהויבן אין פרוכטבאַרן עמק יזרעאל, איז אַ ווייטערדיקער ביישפּיל פון לאַנדווירטשאַפט, וואָס שטיצט זיך אויף אינדוסטריע. מיט דעם

וואוקס פון ארץ־ישראלס באַוואַסערטן שטח, וועט די דאָזיקע אַרט פון אינדוסט־ריעלער אַקטיוויטעט זיך אַן אַ שעור פאַנאַנדערוואַקסן.

אָרטיקע און אימפּאָרטירטע רוי־מאַטעריאַלן

די ערפאַרונגען האָבן אָבער באַוויזן אַז די ארץ־ישראלדיקע אינדוסט־ריע־נויטן זיינען נישט שטענדיק אָפּהענגיק פון די אויפן אָרט פּראָדוצירטע רוי־מאַטעריאַלן. זייענדיק די אַקס פון דריי ערד־טיילן און זיך געפינענדיק אין נאָענטער שכנות מיטן סועץ־קאַנאַל, האָט ארץ־ישראל אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו באַקומען רוי־מאַטעריאַלן פון די רייכע לענדער פון אינדיע און דעם נאָענטן מזרח פאַר פּרייזן, וואָס שטייגן נישט איבער די פּרייזן וואָס ווערן געצאָלט אין די גרויסע אינדוסטריע צענטערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און איראָפּע. ארץ־ישראל האָט דערפאַר גרויסע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלען וויכטיקע אינדוסטריען, געשטיצט אויף אימפּאָרטירטע רוי־מאַ־טעריאַלן. דאָס פּאַסט זיך באַזונדערס פאַר דער אַנטוויקלונג פון די יעניקע אינדוסטריעס, וואו שיפס־קאָסטן שפּילן אַ זייער קליינע באַדייטונג אין דער פּרייז־קאַלקולאַציע. אויסער דעם, זיינען, צוליב דער נאָענטקייט צום סועץ־קאַנאַל, די טראַנספּאָרט־קאָסטן קיין ארץ־ישראל זייער נידעריק, אפילו ווען די שטרעקעס זיינען גרויסע.

אַ באַדייטנדע צאָל פון אַזעלכע אינדוסטריען אין ארץ־ישראל האָבן דעמאָנסטרירט זייער לעבנס־קראַפט און סטאַביליטעט אונטער שווערע באַ־דינגונגען. אין כמעט אַלע פאַלן איז זייער גרינדונג אויפגענומען געוואָרן מיט סקעפּטיציזם. אַזוי למשל, ווען מיט 25 יאָר צוריק איז געעפנט געוואָרן אין אַ פאָרשטאָט פון תל־אביב אַ פאַבריק פון קינסטלעכע ציין, האָבן מענטשן גע־טענהט, אַז ארץ־ישראל האָט נישט קיין מאַרק פאַר אַזאַ גרויסע צאָל קינסט־לעכע ציין וויפיל די פאַרהעלטעניסמעסיק גרויסע פאַבריק קען פּראָדוצירן. אָבער די פאַבריק באַזאָרגט איצט מיט איר פּראָדוקציע נישט נאָר די באַגרע־נעצטע מערק פון נאָענטן מזרח נאָר שיקט אויך איבער גרויסע סחורה־טראַנס־פּאָרטן קיין ענגלאַנד.

אַ פאַבריק פון גאָל־מעסערלעך איז געגרינדעט געוואָרן דורך צוויי אידישע עקספּערטן פון דייטשלאַנד אין ראשון לציון. אויך דאָ האָט מען דעם נייעם אויפטו מקבל פּנים געווען מיט צווייפל. ווייל די מעסערלעך זיינען גע־מאַכט פון אַ הויך־קוואַליפיצירטן שוועדישן שטאָל, האָבן זייער קאָנסערוואַ־טיווע עקאָנאָמיסטן געגלויבט, אַז די פאַבריק, וואָס דאַרף אימפּאָרטירן דעם שטאָל פון אויסלאַנד, וועט נישט בכוח זיין צו קאָנקורירן מיט דער פּראָדוק־ציע פון איראָפּע. אָבער די אונטערנעמונג איז געווען זייער דערפאָלגרייך, ווייל די קאָסטן פון אימפּאָרטירטן שטאָל בילדן נאָר אַ קליינעם טייל פון די אַל־

געמיינע קאָסטן פון די ראזיר־מעסערלעך. די הויפּט־פּאָזיציע פון די הוצאות איז גאָר די אַרבעטס־קראַפט, און די קאָסטן פון טראַנספּאָרטירן שוועדיש שטאָל צו דעם אָדער יענעם לאַנד איז אַ אומבאַדייטנדע פּאָזיציע אין דער אַל־געמיינער קאַלקולאַציע.

אַן אַנדערביישפּיל פון דעם טיפּ אינדוסטריע איז די אינדוסטריע פון שאַרפן און שלייפן דימענטן. די עטלעכע דיאַמאַנטן־פאַבריקלעך זיינען זיך ברייט צעוואַקסן נאָך דעם ווי היטלער האָט באַזעצט בעלגיע און האָלאַנד, דיביידע לענדער, וואו די איבערוויגענד־אידישע אינדוסטריע האָט פריער געבליט. די ארץ־ישראלדיקע דיאַמאַנטן־אינדוסטריע באַשעפטיקט איצט אי־בער 3,000 אַרבעטער און די דיאַמאַנטן, געשניטן אין ארץ־ישראל, ווערן באַ־נוצט אין גרויסע צאָלן אין די דעפענס־פאַבריקן פון אַמעריקע.

אידן אַלס אינדוסטריע־בויער

די פריערדיקע ביישפּילן באַווייזן, אַז אינדוסטריע אַרטיקלען, אין וועמענס פּראָדוקציע די אַרבעטס־קאָסטן זיינען גרעסער ווי די קאָסטן פון די רוי־מאַטעריאַלן, קענען פּראָדוצירט ווערן איבעראַל, וואו עס זיינען דאָ ביליקע טראַנספּאָרטאַציע מעגלעכקייטן און וואו פעאיקע און פלייסיקע מענטשן זיי־נען גרייט צו אַרבעטן. די ביידע פאַרבאַדינגונגען זיינען דאָ אין ארץ־ישראל. איר געאָגראַפישע לאַגע פאַרוואַנדעלט איר אין אַ נאַטירלעכן צענטער פון אינדוסטריע און האַנדל, און איר אינדוסטריעלע דערפאַרונג און פעאיקייטן, דאָס טעכנישע וויסן און — דאָס סאַמע וויכטיקסטע — די אומבאַשרייבלעכע נויט פון די אידישע אימיגראַנטן, זיינען אַ וויכטיקערביישטייער צו דער אינ־דוסטריעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד. יעדער איינער, וועלכער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו טרעפן די דאָזיקע מענטשן און צו זען זייער דראַנג צו דער־גרייכן אַן ערפאָלג, וועט נישט צווייפלען, אַז אַ גרויסע אידישע איינוואַנדערונג וועט ווייטער פאַרשטאַרקן די ארץ־ישראלדיקע אינדוסטריע. אַ ציוניסטישער פירער האָט אַמאָל געזאָגט: „דער אידישער אימיגראַנט וואָס קומט קיין ארץ־ישראל ברענגט אַריין מיט זיך אויפנאַמס־פעאיקייטן אין זיין באַגאַזש"... עס איז דאָ אַ סך אמת אין דאָזיקן וואָרט.

אפילו איצט, דערגרייכט די אידישע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל, טראָץ אַלע שוועריקייטן, אַ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג. סוף 1942, האָט די אידישע אינדוסטריע באַשעפטיקט 55,000 אַרבעטער און אין איר איז אינ־וועסטירט געוועזן 90 מיליאָן דאָלאַר. פאַר אַ באַפעלקערונג פון 550,000 נפשות איז עס אַ אימפּאָזאַנטע דערגרייכונג. די ארץ־ישראל אינדוסטריע האָט גע־בראַכט גרויס נוצן דער קריגס־פירונג פון די עלייס, צושטעלענדיק פאַר די אַרמייען צעמענט, דראָט־פאַרצוימונגען, עלעקטרישע באַטעריעס, קליידונג,

שיך, מעדיצינען, כירורגישע אינסטרומענטן און פיל אַנדערע נויטיקע מאַטע־ריאַלן.

ווען מיר שאַצן אָפּ די צוקונפטיקע אויפנאַמס־פעאיקייט פון דער ארץ־ישראל אינדוסטריע, מוזן מיר אויך אין אַכט נעמען דעם פאַקט, אַז אין לויף פון איר אַנטוויקלונג האָט זי געדאַרפט איבערקומען פיל שוועריקייטן, איינ־שליסנדיק אַ באַגרענעצטן לאָקאַלן מאַרק, דעם מאַנגעל פון טעכנישע מכשירים, פון נאָרמאַלע קרעדיט־באַדינגונגען און טאַריף־שוץ. ביי בעסערע פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס וואָלטן אין דעם פאַל געמיינט מער שוץ פאַר דער אָרטיקער אינדוסטריע און גלייכע רעכט אין אויסלאַנד פאַר אירע עקספּאָרטירטע סחו־רות, וואָלט די אַנטוויקלונג פון דער ארץ־ישראל־אינדוסטריע געגאַנגען פאָר־אויס מיט פיל שנעלערע טריט.

אין קעגנזאַץ צו לאַנדווירטשאַפט, איז שווער אָנצוגעבן אפילו אַ בערך־דיקע ציפער איבער דער אויפנאַמס־מעגלעכקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע. מיר קענען נישט געוויסנהאַפט אָפּשאַצן די מאַקסימאַלע צאָל פון אידן וואָס די אינדוסטריע וועט קענען באַשעפטיקן אין דער צוקונפט, אָבער אַלע פאָרשער פון ארץ־ישראלס ניי־צייטיקער עקאָנאָמישער געשיכטע זיינען פעסט איבערצייגט, אַז אירע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן זיינען זייער גרויס. אויב די צוקונפטיקע וועלט וועט זיין באַזירט אויף אַ פרידלעכן אויס־טויש פון סחורות און שאַפונגס־גייסט, וועט די אידישע ענערגיע און די אי־דישע נויטן פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין איינע פון די אַנטוויקעלטסטע אינ־דוסטריע־לענדער פון דער וועלט.

ים־אַקטיוויטעטן

די פירנדע עקאָנאָמישע פּלאַנירער פון ארץ־ישראל שטרייכן אונטער די נויטווענדיקייט פון אויפבויען אַ אידישן האַנדעלס־פלאָט, וואָס זאָל הויפּט־זעכלעך קורסירן אויף די וועגן וואָס פירן קיין און פון ארץ־ישראל. דער מאַנגל פון אַזאַ פלאָט איז געווען איינער פון די שוואַכסטע פּונקטן אין דער ארץ־ישראלדיקער אידישערווירטשאַפט. איטאַליענישע, פראַנצויזישע און גריכישע שיף־געזעלשאַפטן האָבן איבערגעפירט אידישע פּאַסאַזשירן קיין ארץ־ישראל און סקאַנדינאַווישע, האָלענדישע און ענגלישע דאַמפּערס האָבן מאָנאָ־פּאָליזירט דעם טראַנספּאָרט פון די ארץ־ישראלדיקע ציטרוס־פּרוכטן. דורך די דאָזיקע שיפס־קאָמפּאַניעס זיינען גרויסע סומען געלט וואָס אידן האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד איבערגעפירט געוואָרן אין אַנדערע לענדער. ווען אַן ארץ־ישראלדיקער האַנדעלס־פלאָט וועט באַדינען ארץ־ישראלס וואַקסנדן אויסערן האַנדל, וועלן נייע טויזנטער אידישע פאַמיליעס קענען מאַכן אַ לעבן פון ים, אַרבעטנדיק אַלס מאַטראָזן, שיף־בויער, שיף־אויסלאָדער און אַנדערע

ים־אַרבעטער. דורכן שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט דעם דאָזיקן וויכטיקן הכנסה־קוואַל, וועלן די ארץ־ישראל־אידן אין דער נאָענטער אָדער ווייטער צוקונפט ווערן אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין אינטערנאַציאָנאַלן ים־האַנדל אויך אויסערהאַלב ארץ־ישראל. ווען מיר געדענקען, אַז געוויסע אייראָפּעאישע לענדער שעפּן אַ דריטל פון זייער נאַציאָנאַלער איינקונפט פון שיפערײַ אין די אָפענע ווייטע ימים, קענען מיר אָפּשאַצן די גרויסע אויסזיכטן וואָס די דאָזיקע אַנטוויקלונגען קענען ברענגען פאַר דער וואַקסנדער אויפנאַמס־פעאיקייט פון ארץ־ישראל.

צוזאַמען מיט דער שאַפונג פון אַ אידישן האַנדעלס־פלאָט און וואָס גייט דערמיט צוזאַמען — שיף־בוי און פּאָרט־אַרבעט — קען געשאַפן ווערן אַ באַדייטנדער הכנסה־קוואַל דורך אַ גרויסער אַנטוויקלונג פון דער פישערײַ־אינדוסטריע. דאָס וואָלט געגעבן אַ מעגלעכקייט פאַר חיונה פאַר טויזנטער נייע אימיגראַנטן.

די אידן פון ארץ־ישראל האָבן שוין געמאַכט אַ התחלה אין דער אַנטוויקלונג פון די ים־פאַכן. איינגע מענטשן זיינען געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד צו קריגן ערפאַרונג אַלס מאַטראָזן, פישער, און שיף־פירער. אידישע און ניט־אידישע עקספערטן פון אייראָפּע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין ארץ־ישראל צו העלפן אידישע אַרבעטער וואָס זיינען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע ים־אַרבעטן מיט אַנווייזונגען און טעכנישע אָנפירונג. דער נייער פּאָרט אין תל־אָביב, געבויט איינגאַנצן דורך אידישער אַרבעט, איז געוואָרן אַ גרויסע שול פאַר ים־ערפאַרונג און אויסער דעם האָבן אידן איצט אַ גרויסן חלק אין די טעטיקייטן פון גרויסן פּאָרט אין חיפה, וואו מיט 20 יאָר צוריק האָט נישט געאַרבעט קיין איין איד. פישער־דערפער וואָס קאָמבינירן פישערײַ מיט לאַנדווירטשאַפט, זיינען געשאַפן געוואָרן ביי די ברעגן פון מיטלענדישן ים. די דאָזיקע התחלות, פּונקט ווי די אַרבעט פון אַ פּאָר טויזנט איינגע אידן אין ים און פּאָרט־אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער ענגלישער אַכטער אַרמיי, האָבן געשאַפן אַ וויכטיקן יסוד, אויף וועלכן מ׳קען ווייטער בויען אין דער צוקונפט.

ארץ ישראל אַלס טוריסטן־צענטער

עס זיינען דאָ אַ רייע אַנדערע צווייגן פון עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט, וואָס קענען פאַרגרעסערן ארץ־ישראלס אויפנאַמס־פעאיקייט נאָכן קריג. די הייליקע פלעצער האָבן שטענדיק צוגעצויגן גרויסע צאָלן פון טוריסטן. דער צופלוס פון באַרימטע מעדיציניש ספּעציאַליסטן, אַרויסגעטריבענע פון היטלער־דייטשלאַנד און די מאָדערנע איינריכטונגען פאַר היילן און וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג ביי דעם גרויסאַרטיקן „הדסה"־שפּיטאָל אין ירושלים, פאַרשאַפן

ארץ־ישראל אַלץ מער די רעפּוטאַציע פון אַ מעדיצינישן צענטער. דורכן פאַרטזעצן די באַמיאונגען אויף די געביטן פון מעדיצין און געזונדהייט און דורך דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל׳ס הייל־בעדער, די „חמי טבריה״, די קוואַלן פון גדרה, פון קאַליראָע, און פון ים המלח, קען מען פאַר־וואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ וויכטיקן צענטער פון היילונג און ערהאָלונג. יע־דער איינער וואָס ווייסט וואָס פאַר אַ ברכה די דאָזיקע הייל־קוואַלן האָבן גע־בראַכט פאַרן עקאָנאָמישן לעבן פון דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע, וועט ניט באַשולדיקן די ארץ־ישראל עקאָנאָמיסטן אין איבערטרייבונג ווען זיי ער־וואַרטן אַז טויזנטער מענטשן זאָלן געפינען באַשעפטיקונג אין רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון ענלעכע מעדיצינישע איינריכטונגען אין ארץ־ישראל.

דער האַנדל, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין עקאָנאָמישן לעבן פון די אַנדערע אידישע געמיינדעס, שפּילט נישט קיין אויסערגעוויינלעך גרויסע ראָל אין אידישן ארץ־ישראל. דאָס איז אַדאַנק דעם גרויסן נאכדרוק וואָס איז געלייגט געוואָרן פון די ערשטע א״י־חלוצים אויף לאַנדווירטשאַפט, אינדוסט־ריע, מינעראַלן־אויסגראָבונג און אַנדערע ערשטראַנגיקע און פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען. דער שטאַלץ פון אידישן ארץ־ישראל — און ס׳איז אַ באַרעכ־טיקטער שטאָלץ — איז די מער־נאָרמאַלע פאַרטיילונג פון מלאכות און באַ־שעפטיקונגען צווישן אידן נאָך צוויי דורות פון שווערער אַרבעט. אָבער אפילו אויסמיידנדיק צו אונטערשטרייכן די האַנדעלס־כאַראַקטעריסטיק פון די אי־דישע גלות־לענדער, מוז דאָך ארץ־ישראל, דענקענדיק רעאַליסטיש, דערוואַרטן אַ גרעסערע אַנטוויקלונג פון האַנדל אין דער צוקונפט. די אידישע נאַציאָ־נאַלע היים דאַרף ווערן אַ גרויסער האַנדעלס־וועג צווישן די ווייניק אַנטווי־קעלטע לענדער פון מזרח מיט זייער ריזיקן רייכטום פון רוי־מאַטעריאַלן און די אינדוסטריעל אַנטוויקעלטע לענדער פון אייראָפּע מיט זייער איבערפלוס פון פאַבריק־סחורות. אַזאַ סאָרט האַנדעל וועט אין לעצטן סך־הכל מיטהעלפן דער ציוויליזאַציע, אויפהויבן דעם לעבנס־ניוואָ און געבן דעם צוקונפטיקן אידישן ארץ־ישראל גרויסע מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן די אויפנאַמספּע־איקייט פאַר אידישער אימיגראַציע.

אַלגעמיינע מסקנות

די אובנדערמאַנטע פאַקטן און אַנאַליזן זיינען מחויב איבערצוצייגן די יעניקע, וואָס האָבן ספקות וועגן פאַרנעם פון ארץ־ישראלס אויפנאַמספּעאי־קייט. הגם די ציפערן וואָס באַהאַנדלען צוקונפט־פּראָבלעמען קענען נישט זיין וויסנשאַפטליך עקזאַקט, קענען מיר זיכער קומען צום אויספיר, אַז אויפן יסוד פון די שוין־געשאַפענע פאַקטן, דאַרף די פריערדיקע אָפּשאַצונג פון 5 מיליאָן נייע אימיגראַנטן ווערן אקצעפּטירט אַלס קאָנסערוואַטיוו. אפילו ווען די דאָ־זיקע צאָל פון נייע אימיגראַנטן וועט אַריינקומען קיין ארץ־ישראל, וועט נאָך

איר באַפעלקערונג־געדיכטקייט זיין קלענער ווי די פון בעלגיע אָדער האָ־לאַנד. ווען ארץ־ישראל וואָלט געהאַט אויף אַ קוואַדראַט־מייל אַזוי פיל איינ־וואוינער ווי בעלגיע, וואָלט זי געקענט האָבן אַ באַפעלקערונג פון 8,500,000 אנשטאָט די איצטיקע 1,650,000. ס'איז נישטאָ קיין סיבה פאַרוואָס ארץ־ישראל זאָל עווענטועל נישט קענען האָבן די זעלבע באַפעלקערונגס־געדיכטקייט ווי בעלגיע און אפילו איר נאָך איבערשטייגן. אמת, בעלגיע באַזיצט גרויסע שיכטן פון קויל און אייזן, וואָס זיינען נישטאָ אין ארץ־ישראל, אָבער בעלגיע באַזיצט נישט דערפאַר ארץ־ישראלס אומאויסשעפּבאַרע קוואַלן פון מינעראַלן און עס קען זיך נישט פאַרמעסטן מיט איר לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. דער געאָ־פּאָליטישער פּלאַץ פון ארץ־ישראל אין דער געגנט פון סועץ־קאַנאַל קען זיך אַרויסווייזן פאַר פּונקט אַזאַ וויכטיקע מעלה פאַר ארץ־ישראלס צו־קונפטיקער אַנטוויקלונג ווי דאָס געפינען זיך פון בעלגיע און האָלאַנד ביים ים־אַריינפאַל פון ריין און ביי די צוגאַנגען צום ענגלישן קאַנאַל. אויסער דעם זיינען די פעאיקייט, איבערגעגעבנהייט און ענערגיע פון אידישן פאָלק אין ארץ ישראל אויך אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דאַזיקן פאַרגלייך.

די מעגלעכקייטן נאָכן קריג

מיר האָבן נאָך נישט באַטראַכט דעם צייט־עלעמענט אין דעם גאַנצן פּראָבלעם. ווי לאַנג דאַרף עס דויערן אויפצונעמען 5 מיליאָן אידן אין ארץ־ישראל? דער ענטפער איז הויפּטזעכלעך אָפּהענגיק פון דער אינטעסיווקייט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע און פון דער שאַרפקייט פון דער אידישער נויטווענדיקייט אין אַ נאַציאָנאַלער היים. אַן אַנדער עקזיסטירענד פּראָבלעם איז די באַלדיקע אויפנאַמספעאיקייט פון ארץ־ישראל, וואָס דאַרף נישט באַ־טראַכט ווערן אַלס אידענטיש מיט די ענדגילטיקע אויסזיכטן אַלס אַ לאַנד פון אידישער קאָלאָניזאַציע. בעת די גרענעצן פון ארץ־ישראלס ענדגילטיקער אויפנאַמס־פעאיקייט ווערן באַשטימט דורך נאַטירלעכע און מענטשלעכע פאַק־טאָרן, וואָס מיר האָבן פריער ארומגערעדט, איז די מעגלעכקייט פון אויפנע־מען א גרויסע צאָל איינוואַנדערער באַלד נאָכן קריג אָפּהענגיק אינגאַנצן פון גרויסע אידישע און אינטערנאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען. זאָל אַ גרויסע כוואַ־ליע פון אידישער אימיגראַציע זיך אַ לאָז טאָן קיין ארץ־ישראל נאָכן קריג, וועלן פיל אימיגראַנטן מוזן ווערן צייטווייליק באַשעפטיקט ביי ברייט־גע־שאַפענע עפנטלעכע אַרבעטן איידער זיי וועלן זיין בכוח צו געפינען זייער פּלאַץ אין דער ארץ־ישראלדיקער וואַקסנדער אידישער ווירטשאַפט. די עלעק־טריפיקאַציע פון לאַנד, די גרויסע באַוואַסערונגס־אַרבעטן, דרענאַזש, דער בוי פון שאָסייען, דאָס קולטיווירן די בערג, זיינען וויכטיקע ביישפּילן פון אַזעלכע עפנטלעכע אַרבעטן. פאַרשידענע פּראָיעקטן פון באַוואַסערונגען און עלעק־

טריפיקאַציע־אַרבעטן און באָדן־אַמעלאָראַציעס אויף אַ ברייטן פאַרנעם זיינען איצט אין פּראָצעס פון פאַרבערייטונג. איינער פון זיי דער „לאודערמילק פּלאַן" פון „ירדן וועלי אַטאָריטי" האָט לעצטנס באַקומען פיל פּובליסיטי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ציוניסטן האָפן, אַז נאָכן דערוואַרטעטן קלאָר מאַכן ארץ־ישראלס פּאָליטישן סטאַטוס, וועט ווערן דערמעגלעכט די פאַרווירק־ליכונג פון אַזעלכע פּראָיעקטן, וואָס וועלן באַדייטנד פאַרגרעסערן די אויפ־נאַמספּעאיקייט פון ארץ־ישראל.

אַזעלכע ריזיקע אונטערנעמונגען קענען אָבער נישט ווערן פינאַנסירט דורך די באַגרענעצטע סומען, וואָס די ציוניסטישע אַגענטורן באַקומען יער־ליך פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. כדי צו קענען אויפנעמען די מאַסן־אימיג־ראַציע, וואָס ווערט דערוואַרט נאָכן קריג, וועט מען זיך נויטיקן אין אַן אויס־סערגעוויינלעכער אידישער אָנשטריינגונג אויסער דער הילף וואָס ווערט דערוואַרט פון די יונייטעד־ניישאָנס און לאַנג־טערמיניקע הלוואות. ס׳איז דאָ אַ גוטער גרונד צו גלויבן, אַז אויב די אידן וועלן באַזאָרגן די מיטלען פאַר דער ערשטער באַזאָרגונג פון די פליטים, וועט די אויסערלעכע וועלט מיטהעלפן דורכפירן די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונג. אָבער ווי שטענדיק אין דער אידישער געשיכטע וועלן אַליין אידן דאַרפן נעמען די איניציאַטיוו. די אידן מוזן העלפן זיך אַליין, אויב זיי ווילן האָבן באַרעכטיקטע האָפנונגען צו ווערן אַרויסגעהאָלפן פון אַנדערע.

אָנגענומען, אַז עס איז נישטאָ קיין מאַנגעל אין מאַטעריעלע מיטלען, וועט אפילו די באַלדיקע אויפנאַמספּעאַקייט פון ארץ־ישראל זיך אַרויסווייזן צו זיין פיל גרעסער ווי ס׳ווערט איצט דערוואַרט. אויפן יסוד פון פריערדי־קער ערפאַרונג קען מען רואיק אָננעמען, אַז זייער ניי לעבן אין ארץ־ישראל וועט דערמעגלעכן פאַר פיל שיינבאַר צובראָכענע אימיגראַנטן זיך צו ערהאָלן פיזיש און גייסטיק און צו אַנטפּלעקן אין זיך נייע שעפערישע כוחות. נאָך דעם ווי זיי וועלן פאַרלאָזן זייערע צייטווייליקע אַרבעטס־לאַגערן, וועלן זיי באַרייכערן די נאָרמאַלעווירטשאַפט פון לאַנד מיט זייער אַרבעט, וויסן און איניציאַטיוו.

פיל מאָל האָבן אין ארץ־ישראלס מאָדערנער געשיכטע די פּלענער און שאַצונגען פון די ציוניסטישע פירער אויסגעקוקט צו זיין פחדנותדיק־קליין אין פאַרגלייך מיט די שעפערישע כוחות פון די אַריינשטראָמענדע אידישע מאַסן. די הערשנדע קאָנצעפּציע וועגן ארץ־ישראלס אויפנאַם־פעאיקייט האָט כסדר געמוזט ווערן איבערגעווידירט צוליב די דערגרייכונגען וואָס זיינען געקומען אין רעזולטאַט פון אידישע פעאיקייטן און נויטן. ס׳איז נישטאָ קיין גרונד צו צווייפלען, אַז דאָס וועט אויך ווייטער זיין ריכטיק נאָך דעם איצטיקן קריג.

באַמערקונגען פון איבערזעצער

קאַפּיטל פיר

ארץ ישראל אין צווייטן וועלט-קריג

זייט 57.

זינט דעם אויסברוך פון קריג ביז אין מיטן 1947 זענען געגרינדעט געוואָרן 94 נייע קאָלאָניעס. סך הכל עקזיסטירן איצט 328 לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ישובים, פון זיי געפינען זיך 233 אויפן באָדן פון קרן קימת. פון די 328 קאָלאָניעס זענען 247 געגרינדעט אָדער אונטער־שטיצט געוואָרן פון קרן היסוד.

זייט 58.

די צאָל אידישע דערפער איז געוואַקסן פון 100 אין 1927, ביז 200 אין 1937, ביז 302 אין 1946 און 328 אין מיטן 1947. די צאָל ווירטשאַפטן איז געוואַקסן פון 4,100 אין 1927, ביז 12,000 אין 1936 און 20,000 אין 1944. דער וואוקס פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט ווערט אויך אילוסטרירט פון דער אַראָפּגעגנידערטער גרויס פון דער צאָל דור־נאָמען, וואָס איז נויטיק פאַר אַ בעאַרבעטער ווירטשאַפט. אין 1900 איז דער מינימום דונאַם פון אַ ווירטשאַפט געווען 148. דער מינימום איז גע־פאַלן ביז 78 דונאַם אין 1927, ביז 42 דונאַם אין 1936 און ביז 36 דונאַם אין 1941.

דער ווערט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע (אויסער ציטרוס־פּלאַנטאַציעס) איז געוואַקסן פון 640,000 פונט אין 1927 (לויט די פּראָדוקציע־פּרייזן פון 1937) ביז 4,050,000 פונט אין 1946. אין פאַרגלייך מיט 1927 אין דער ווערט פון דער פּראָדוקציע אין 1937 געשטיגן מיט 238 פּראָצענט און אין 1946 מיט 634 פּראָצענט. אין תש"ה (1944־45) האָט דער ווערט פון דער אידישער געמישטער לאַנדווירטשאַפט באַטראָפן 15.6 מיליאָן פונט און פון דער ציטרוס־ווירטשאַפט 1.2 מיליאָן פונט, סך הכל — 16.8 מיליאָן פונט. אין די לעצטע 20 יאָר איז דער אידישער באָדן־שטח געשטיגן אויף טאָפּלט, די צאָל אידן אין לאַנד מיט איבער 4 מאָל און דער ווערט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע מיט 6 און האַלב מאָל.

זייט 58.

די אידישע אינדוסטריע האָט זיך אין דער מלחמה־צייט פאַרטאָ־פּעלט. עס זענען געגרינדעט געוואָרן נייע 600 אינדוסטריע־אונ־טערנעמונגען, דערונטער פיל פאַבריקן, וואָס האָבן באַדינט די קריגס־

פראָדוקציע. די צאָל אידישע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע און האַנדווערק איז געשטיגן פון 38,000 אין יאָר 1939 ביז 66,000 אין 1945. מען דאַרף באַזונדערס אונטערשטרייכן דעם וואוקס פון דער פּראָדוקציע פון מאַשינען און אַרבעטס־כלים, וואָס דערמעגלעכט דער אינגער ארץ־ישראל׳דיקער אינדוסטריע צו ווערן אַביסל אומאָפּהענגיק פון אימפּאָרט פון אויסלענדישע מאַשינען. די צאָל אַרבעטער אין דעם דאָזיקן באַזונדערס וויכטיקן אינדוסטריע־צווייג איז געשטיגן פון 915, באַשעפטיקט אין 88 אונטערנעמונגען אין 1937, ביז איבער 4,000, באַשעפטיקט אין 208 אונטערנעמונגען אין יאָר תש״ו (1945־46).

זייט 58.

די צאָל געדרוקטע ביכער האָט שוין באַדייטנד איבערגעשטיגן די ביכער־פּראָדוקציע פון פאַרן קריג. אין יאָר תש״ה (1944־45) זענען דערשינען איבער 800 ביכער און בראָשורן וואָס איז געוועזן אַ וואוקס פון 25 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט אַ יאָר פריער. אין יאָר תש״ו (1945־46) זענען דערשינען איבער 1000 ביכער און בראָשורן, — אַ וואוקס פון 25 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיטן יאָר תש״ה.

זייט 59.

דער אינדעקס פון די לאַחדים פּרייזן אויף שפּייז־מיטלען איז לייד־ דער געשטיגן אין די וויטערדיקע יאָרן נאָך 1943. ער איז נאָר אַביסל געפאַלן אין 1944 אויף 285.1, איז אָבער ווידער געשטיגען אין 1945 ביז 312.5 און אין אויגוסט 1946 ביז 334.9 (אין פאַרגלייך מיט אויגוסט 1939).

דער אַלגעמיינער לעבנס־אינדעקס איז דערגאַנגען אין 1943 ביז 231.6, אין 1944 ביז 236.7, אין 1945 ביז 253.4 און אין אויגוסט 1946 ביז 266.8, דער גרעסטער טייל פון וואוקס פון יקרות פאַלט אויס, ווי מיר זעען, אויף שפּייז־מיטלען.

דער יקרות־אינדעקס אין ארץ ישראל איז פיל העכער ווי אין ענגלאַנד און אַמעריקע. אין ענגלאַנד האָט דער אינדעקס באַטראָפן אין 1943 — 131, אין 1944 — 132, אין דעצעמבער 1944 — 133. אין אַמעריקע האָט ער באַטראָפן אין 1943 — 124, אין 1944 — 125 און אין דעצעמבער 1944 — 127.

מען קען זיך ניט טרייסטן דערמיט, וואָס אין אַ רייע לענדער, אין נאָענטן מזרח, אַ טייל פון זיי — שכנים פון א״י, איז דער יקרות־אינדעקס נאָך מער געשפּרונגען אין דער הויך. אין לבנון איז דער יקרות־אינדעקס דערגאַנגען אין סעפּטעמבער 1945 ביז 582 און אין דעצעמבער 1945 ביז 632. אין איראַן איז ער דערגאַנגען אין דעצעמבער 1944 ביז 684 און געפאַלן אין יוני 1946 ביז 506. אין עגיפּטן איז דער יקרות־אינדעקס נאָר אַביסל העכער ווי אין ארץ ישראל; אין איראַק און אין טערקיי איז ער באַ־

דייטנד העכער ווי אין א"י, אָבער נאָך אַלץ פיל נידעריקער ווי אין לבנון און אין איראַן.

דער אַרבעטס־לוין פון אידישן אַרבעטער איז געשטיגן מיט 60 פּראָצענט צווישן יוני 1943 ביז סוף 1946. נאַטירלעך איז עס ווייט ניט גענוג אָנצוּיאָגן דעם שטאַרק געשטיגענעם אינדעקס פון לעבנס־מיטלען.

זייט 61.

פעלדמאַרשאַל גאָרט האָט אין א געוויסער מאָס באַרעכטיקט די אידישע דערוואַרטונגען. ער האָט אָבער דעמיסיאָנירט דעם צווייטן נאָוועמבער 1945, אָנגעבנדיק אַלס מאָטיוו זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד. (ער איז שפּעטער געשטאָרבן). נאָך אים האָט איבערגענומען דעם אַמט פון הויך־קאָמיסאַר, לייטענאַנט־גענעראַל אַלאַן גאָרדאָן קאַנינגהאַם, וועלכער איז אַריין אין אַמט דעם 21טן נאָוועמבער 1945.

קאַפּיטל פינף

אידן אַלס פאַרמער

זייט 69.

אין מיטן 1947 זענען געווען 328 אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים מיט א באַפעלקערונג פון איבער 160,000 נפשות און א באָדן־שטח פון איבער 1,820,000 דונאַם. אויף אַן אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג פון 650,000 בילדן די איבער 160,000 אידן וואָס וואוינען אין דאָרף 24.6 פּראָצענט.

אין די לעצטע 25 יאָר, (1920־1945) איז דער אידישער באָדן־באַזיץ אין א"י פאַרגרעסערט געוואָרן מיט 1,386,700 דונאַם. אין משך פון די יאָרן 1922־1944 איז די אידישע באַפעלקערונג אין די דערפער געשטיגן מיט 9 מאָל, אין די קליינע שטעט (וואָס זענען על פּי רוב זיך פאַרנאַנדערשפּרייטענדע קאָלאָניעס) מיט 7 מאָל, און אין די גרויסע שטעט מיט 6 מאָל אַזוי פיל.

זייט 71.

פון 1.812.000 דונאַם באָדן, וואָס האָט געהערט צו אידן אין אָנהייב 1947, האָט געהערט צום אידישן נאַציאָנאַל פאָנד (קרן קימת לישראל) 883,000 דונאַם, צו פּיק"א קרוב 500,000 דונאַם און דאָס איבעריקע צו פּריוואַטע געזעלשאַפטן און יחידים, דערפון 175,000 דונאַם באָדן פון קאָנצעסיעס, באַקומען פון דער רעגירונג. אין די לעצטע 10 יאָר איז דער אידישער באָדן־באַזיץ פאַרגרעסערט געוואָרן מיט 400,000 דונאַם. אין דער צייט ווען די אידישע באַפעלקערונג איז אין די 10 יאָר געוואַקסן מיט

50 פּראָצענט, האָט זיך דער אידישער באָדן־באַזיץ נאָר פאַרגרעסערט מיט 28 פּראָצענט.

אין די לעצטע 20 יאָר איז דער אידישער באָדן־באַזיץ געשטיגן אויף דאָפּלט, דער באָדן פון קרן קימת איז געשטיגן מיט 4 און א האלב מאָל און דער באָדן פון פריוואַטע געזעלשאַפטן און יחידים נאָר מיט א דריטל. אין די לעצטע 10 יאָר זענען אויך פיל באָדן־שטחים פון פּריוואַטע געזעלשאַפטן און יחידים אַריבער אין רשות פון קרן קימת.

65 פּראָצענט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע קומט פון ישובים, וואָס געפינען זיך אויפן באָדן פון קרן קימת.

זייט 69.

די וועלדער פון קרן קימת האָבן אין 1946 פאַרמאָגט 4,058,000 ביימער אויף א שטח פון 17,559 דונאַם אין 59 ראַיאָנען, אין פאַר־גלייך מיט 2,839,000 ביימער אין 1939 אויף א שטח פון 11,734 דונאַם אין 28 ראַיאָנען.

זייט 72.

אין יאָר 1938־39 זענען געווען 300,000 דונאַם פּרדסים, דערפון האָבן 155,000 דונאַם אָדער איבער 50 פּראָצענט געהערט צו אידן.
אין משך פון די קריגס־יאָרן האָט די ציטרוס־ווירטשאַפט צוליב דעם אָפּשטעלן פון שיפס־פּאַרקער, א. א. סבות געוואַלדיק געליטן. די הזקות אין די יאָרן ת״ש־תש״ה ווערן געשאַצט אויף 8־10 מיליאָן פונט. דער עקספּאָרט קיין אויסלאַנד איז צוריק באַנייט געוואָרן אין 1943־44 און אין 1946 האָט ער שוין באַטראָפן 4.6 מיליאָן קעסטלעך. אין יאָר תש״ז (1946־47) האָט די גערעטעניש שוין באַטראָפן איבער 10 מיליאָן קעסטלעך, דערונטער א העלפט אין אידישע פּרדסים. עס ווערט פאָראויסגעזען אז אין קומנדן יאָר תש״ח (1947־48) וועט זי באַטרעפן 12 מיליאָן קעסטלעך.

קרוב 50,000 דונאַם פּרדסים זענען רואינירט געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן, דער גרעסטער טייל אויף אידישן באָדן. אין 1944 זענען גע־ווען 250,000 דונאַם פּרדסים, דערפון 120,000 אין די הענט פון אידן — 46.7 פּראָצענט, און 130,000 אין די הענט פון ניט־אידן — 53.3 פּראָצענט.

זייט 74.

אין 1946 זענען 36,000 דונאַם געווען פאַרפלאַנצט מיט מאַנדלען.
די אידן האָבן נאָר געהאַט דערפון 500 דונאַם — 1.4 פּראָצענט.
128,000 דונאַם זענען געווען פּאַרפלאַנצט מיט פייגן. אויפן אידישן חלק איז נאָר אויסגעפאַלן 0.1 פּראָצענט. 40,000 דונאַם מיט איילבירטן, דערפון האָט 6,000 דונאַם געהערט צו אידן — 1.5 פּראָצענט.

פון 18,000 דונאַם עפּל האָבן אידן 33 פּראָצענט; פון 3,000 דונאַם טייטלען האָבן אידן 5 פּראָצענט; פון 3,000 דונאַם מילגרוימען האָבן

אידן 6 פראָצענט; פון 7,000 דונאַם פלוימען האָבן אידן 35 פראָצענט; פון 9,000 דונאַם באַנאַנעס האָבן אידן 49 פּראָצענט.

זייט 76.

דער אומזאַץ פון „תנובה" אין 1945 האָט באַטראָפן 4,949,000 פונט און אין 1946 — 5,992,000 פונט.

זייט 76.

קאַרטאָפל פלעגט מען פאַרן קריג אריינפירן אין גרויסע קוואַנטומס פון אויסלאַנד. אין יאָר תרצ"ח (1937-38) האָט מען אימפּאָרטירט 19 טויזנט טאָן. ביים היינטיקן טאָג ווערט דער גאַנצער קאַרטאָפל־פאַרברויך פון ישוב געדעקט פון אידישע דערפער. דער אידישער קאַרטאָפל־אָפּזאַץ אויפן אידישן מאַרק איז געשטיגן פון 2,420 טאָן אין 1938-39 ביז 16,000 טאָן אין 1944-45.

זייט 77.

דער בעאַרבעטער שטח פון דער אידישער געמישטער לאַנדווירטשאַפט (אַקערבוי, פּי־און עופות־צוכט און ירקות צום אונטערשייד פון דער ציטרוס־ווירטשאַפט) איז געשטיגן פון יאָר 1936 ביז 1945 מיט 74 פּראָצענט. דער באַוואַסערטער שטח פון פאַשע פאַר בהמות, גרינסן און קאַרטאָפל איז געוואַקסן פון 21,000 דונאַם אין 1936 ביז 77,000 דונאַם אין יאָר 1944-45. דאָס באַדייט אַ וואוקס פון איבער דריי און האַלב מאָל.

די שנעלע אַנטוויקלונג פון דער געמישטער לאַנדווירטשאַפט ווערט אויך קלאָר פון די ווייטערדיקע ציפערן: אין 1938-39 איז פּראָדוצירט געוואָרן 34,500,000 ליטער מילך און אין יאָר 1944-45 67,100,000 — אַ וואוקס פון 94 פּראָצענט. ירקות און קאַרטאָפל איז געשטיגן פון 18,000 טאָן אין זעלבן צייט־פּעריאָד ביז 33,000 טאָן — אַ וואוקס פון 83 פּראָצענט. אייער פון 60 מיליאָן ביז 83 מיליאָן — אַ וואוקס פון 38 פּראָצענט. פרוכטן (אויסער ציטרוס־פרוכט און ווינטרויבן) פון 5,700 טאָן ביז 11,200 טאָן — אַ וואוקס פון 105 פּראָצענט.

אין יאָר 1945-1946 איז די מילך פּראָדוקציע געשטיגן ביז 70 מיליאָן ליטער, דערפון 39 מיליאָן ליטער פון די אַרבעטער־דערפער. די צאָל קי איז געשטיגן פון 11,000 אין 1938-39 ביז 18,900 אין יאָר 1945-46, דערפון 10,000 קי אין די אַרבעטער־דערפער. אין 1945 זענען געווען אין די אידישע דערפער 14,300 קעלבער און 500 אָקסן. די צאָל עופות אין די אידישע דערפער האָט סוף 1945 באַטראָפן איבער 800,000.

אין 1939 האָט דער אידישער ישוב באַקומען נאָר 28 פּראָצענט פון זיין שפּייז־פאַרברויך פון אידישע דערפער. אין 1944 — 47 פּראָצענט.

זייט 77.

די שעפסן־סטאַדעס אין 72 אידישע דערפער האָבן אין סוף 1945 געציילט 15,642 שעפסן און 2,443 ציגן. אויסער זיי זענען געווען נאָך ביי 5,000 ציגן אין די קלענערע ווירטשאַפטן. פון די 72 דערפער פאַרנעמען זיך 52 נאָר מיט פאַשן שעפסן, 3 מיט פאַשן ציגן און 17 מיט פאַשן שעפסן און ציגן. אין יאָר תש״ו (1945־46) האָבן די שעפסן־סטאַדעס פּראָדוצירט 2,455,000 ליטער מילך. די יערלעכע פּראָדוקציע ווערט געשאַצט אין 300,000 פונט. 70 פּראָצענט פון דעם סכום קומט פון פאַרקויף פון מילך, וואָס ווערט געטאָן דורך „תנובה". די וואָל ווערט געשיקט צו א צענטראַלער פאַבריק „הצמר", וואָס בעאַרבעט עס אין פאַרשידענע וועב־שטאָפן.

זייט 78.

די ענטוויקלונג פון דער אידישער גרינס־ווירטשאַפט גייט אָן אומאונטערבראָכן אין די לעצטע יאָרן. אין 1927 האָט דער שטח פון די גרינס־גערטנער פאַרנומען נאָר 1,366 דונאַם. אין 1941 איז ער געשטיגן ביז 32,000 דונאַם און אין 1945 ביז 44,000 דונאַם.

אין 1937 האָט די אידישע גרינס־פּראָדוקציע נאָר באַטראָפן 8.3 פּראָצענט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט און אין יאָר 1944־45 — 14.6 פּראָצענט — דאָס באַדייט א וואוקס פון 76 פּראָצענט.

זייט 79.

די צאָל ביִנשטאָקן אין ארץ ישראל האָט אין 1946 באַטראָפן 32,250, דערפון אין אידישן סעקטאָר -- 25,900, — קרוב 81 פּראָצענט. אין די 10 יאָר צווישן 1934־35 און 1944־45 איז די צאָל ביִנשטאָקן אין דער אידישער לאַנדווירטשאַפט געוואָרן כמעט פאַרדאָפּלט. „תנובה" האָט אין יאָר תש״ו פאַרקויפט האָניק פאַר 59,400 פונט.

זייט 80.

דער אידישער פיש־פאַנג האָט זיך שטאַרק ענטוויקלט אין די מלחמה־יאָרן. דער פיש־פאַנג פון די ימים איז געשטיגן פון 20 טאָן אין 1939 ביז 460 טאָן אין 1946. אין דער צייט ווען דער ניט־אידישער פיש־פאַנג אויפן ים איז אין משך פון 1939 ביז 1945 נאָר געשטיגן מיט 43 פּראָצענט (ער האָט באַטראָפן אין 1945 — 1,975 טאָן), איז דער אידישער פיש־פאַנג געשטיגן מיט 23 מאָל! דער אידישער אנטייל אין אַלגעמיינעם פיש־פאַנג פון די ימים איז געשטיגן פון 1.3 פּראָצענט אין 1939 ביז 18.5 פּראָצ. אין 1945.

זייער שנעל האָט זיך אויך ענטוויקעלט דער אידישער פיש־פאַנג אין סאַדזעווקעס (פולס). ער האָט באַטראָפן 633 טאָן אין 1943־1944 און 1,280 טאָן אין 1945־46. 14,000 דונאַם זענען איצט באַדעקט מיט פיש־סאַדזעווקעס, דערונטער איבער 12,000 דונאַם אין 50 ארבעטער־דערפער.

אין יאָר 1945־46 האָט דער אַלגעמיינער פיש־פאַנג באַטראָפן 4,049 טאָן, דערפון איז 1,740 טאָן געקומען פון די אידישע פישער־סאָדזעוועס און פון אידישן פיש־פאַנג אין די ימים — ביי 43 פּראָצענט. אין פיש־פאַנג אויפן ים שפּילט אַ וויכטיקע ראָל די ים־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות „נחשון", וואָס האָט געהאַט אין 1946 8 פישער־שיפן. „תנובה" האָט פאַר־קויפט דעם ווייט־גרעסטן טייל פון דער אידישער פיש־פּראָדוקציע.

לעצטנס זענען געעפנט געוואָרן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע סטאַנציעס פאַר די פּראָבלעמען פון פיש־פאַנג. אין דער קבוצה שדות ים־קיסריה ווערט געעפנט אַ פישער־שול אויפן נאָמען פון חנה סענעש, די א"י־פּאַראַשוטיסטין, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן פון די נאַציס אין בודאַפּעסט, און אַן אַנשטאַלט „מעוז ים" אויפן נאָמען פון די 23 א"י־מאַטראָזן, וואָס זענען אומגעקומען אין קריג אויף אַ ים־רייזע קיין טריפּאָלי, סיריע, פאַרנדיק אהין אויפן אויפ־טראַג פון דער ענגלישער מיליטער־מאַכט.

קאַפּיטל זעקס

די אינדוסטריאַליזאַציע פון ארץ ישראל

זייט 82.

בערך 80 פּראָצענט פון דער אינדוסטריע אין ארץ ישראל געפינט זיך אין אידישע הענט. די צאָל אידישע אינדוסטריע־אונטערנע־מונגען איז געוואַקסן פון 1,556 מיט 21,964 אַרבעטער אין 1937 ביז 2,120 אונטערנעמונגען מיט 45,049 אַרבעטער אין 1943. דער ווערט פון דער יערלעכער פּראָדוקציע איז געשטיגן פון 7,691,940 פונט אין 1937 ביז 36,287,000 פונט אין 1943 און ביז קרוב 60 מיליאָן פונט אין 1936. דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל איז געשטיגן פון 11,063,970 פונט אין 1937 ביז 25 מיליאָן פונט אין 1946.

די אידישע טעקסטיל־אינדוסטריע האָט צו פאַרצייכענען אַ באַזונ־דערס שנעלע ענטוויקלונג: פון 1936 ביז 1942 איז די פּראָדוקציע געוואָרן פאַרדרייפאַכט. זי האָט באַטראָפן אין 1945 פיר מיליאָן פונט. די צאָל פאַב־ריקן איז געוואַקסן פון 86 אין 1937 ביז 247 אין 1942 ; די צאָל אַרבעטער איז געוואַקסן פון 1,508 אין 1937 ביז 5,632 אין 1943. די טעקסטיל־אינ־דוסטריע פאַרנעמט דעם דריטן פּלאַץ נאָך באַשפּייזונג און כעמישע אויס־אַרבעטונגען.

די כעמישע אינדוסטריע איז געשטיגן פון 73 פאַבריקן אין 1939 מיט 720 אַרבעטער ביז 172 פאַבריקן אין 1942 מיט 2,220 אַרבעטער. דער ברוטאָ־ווערט פון דער פּראָדוקציע איז געשטיגן פון 419,000 פונט אין 1939 ביז 2,021,000 פונט אין 1942.

זייט 86.

דער וואוקס פון דער אידישער אינדוסטריע ווערט אויך אילוסטרירט דורכן וואוקס פון פאַרברויך פון עלעקטרישער קראַפט דורך דער ארץ ישראלדיקער אינדוסטריע. דער פאַרברויך האָט באַטראָפן אין 1939 — 25,583,000 קילאָוואַט־שעהן; אין 1942 — 42,364,000 קילאָוואַט און אין 1945 — 68,181,000 קילאָוואַט.

זייט 89.

די צעמענט־פאַבריק „נשר" איז זינט דעם ערשטן יאַנואַר 1946 אַריבער אין די הענט פון „סולל בונה", וואָס האָט אָפּגעקויפט די פאַבריק בשותפות מיט אַ גרופּע קאַפּיטאַליסטן פון ארץ ישראל און מצרים פאַרן פּרייז פון איין מיליאָן פונט. די 600 משפּחות לעבן דירעקט פון דער פאַבריק, אויסער פיל הונדערטער משפּחות, וואָס לעבן פון איר אומדירעקט. אין משך פון די 21 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די פאַבריק פּראָדוצירט קרוב 2 און אַ האַלב מיליאָן טאָן צעמענט. ס'רוב בנינים אין לאַנד זענען געבויט מיטן צעמענט פון „נשר".

אויך די גרויסע אויל־פאַבריק „שמן" איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך „המשביר המרכזי" — דעם צענטראַלן קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו פון דער הסתדרות, בשותפות מיט אַ גרופּע פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, פאַרן פּרייז פון 750,000 פונט.

זייט 92.

די דימענט־אינדוסטריע איז זיך שנעל פאַרנאַנדערגעוואַקסן. אין 1941 האָבן עקזיסטירט 12 פאַבריקן מיט 1,200 אַרבעטער; אין 1945 — 33 פאַבריקן מיט 4,000 אַרבעטער און אין 1946 — 33 פאַבריקן מיט 4,600 אַרבעטער.

אין סוף 1946 האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריזיס אין דער דימענט־אינדוסטריע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואַקסנדער קאָנקורענץ פון די אַלטע דימענט־צענטערן, ווי בעלגיע א. א. און מיט דער אַלגעמיינער פאַרערגע־רונג פון דער לאַגע אין דער אינדוסטריע אין וועלט־מאַסשטאַב. דער עקספּאָרט פון די א"י־פאַבריקן וואָס האָט באַטראָפן אין 1945 קרוב 6 מיליאָן פונט איז געפאַלן אין 1946 ביז 5 און אַ האַלב מיליאָן פונט. די לאַגע איז געוואָרן נאָך ערגער אין 1947. אויך די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער האָט זיך פאַר־קלענערט. אַ רייע פאַבריקן זענען איבערגענומען געוואָרן דורך די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיוון, אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות.

זייט 93.

רמת גן, וואָס האָט אין חנוכה 1947 געפייערט זיין 25 יעריקן יובל, ציילט איצט ביי 13,000 איינוואוינער. דאָרט עקזיסטירן 60 פאַב־ריקן, וואָס באַשעפטיקן ביי 3,000 פּערזאָן. דער שטח פון רמת גן איז אויס־

געוואקסן פון 1,423 דונאם ביי דער גרינדונג ביז 4,244 דונאם. די בויער פון רמת גן חלומ'ען, אז זייער שטאט זאל ווערן מיט דער צייט די דריט־גרעס־טע אידישע שטאט מיט א באדן־שטח פון איבער 10,000 דונאם און א באפעלקערונג פון 200,000.

קרית עבודה האט אין אקטאבער 1946 געפייערט איר 10־יעריקע עקזיסטענץ. געגרינדעט אין 1936 בעת די אראבישע אומרועז, פארנעמט שוין איצט די שטאט א שטח פון 12,000 דונאם, נאכן פאראייניקן זיך מיט נאך א שטעטל חולון. איצט הייסט די פאראייניקטע שטאט חולון און ציילט איבער 8000 איינוואוינער. ס'איז פאראויסגעזען, אז אין די נאענטסטע יארן וועט די שטאט זיך שטארק פארנאנדערוואקסן און זי וועט ציילן 100,000 נפשות.

אויך אין נגב וועט מען באלד אנהייבן בויען א אידישע שטאט. ס'איז געשאפן געווארן צו דעם צוועק א ספעציעלע געזעלשאפט אונטערן נאמען „אפיקים בנגב", וואס שטעלט זיך די אויפגאבע אויפצובויען א אידישע שטאט אין דער געגנט פון באר שבע. די פלאנירער פון דער נייער שטאט זעען פאר א באפעלקערונג פון 50,000.

קאפיטל זיבן

האנדל, טראנספארט און פינאנסן

זייט 98.

דער אימפארט און עקספארט פון ארץ ישראל אין די מלחמה־יארן פון 1942־1945 האט באטראפן: אין 1942 — 19,746,000 פונט אימפארט (אריינרעכנדיק רויען אויל) און 8,676,000 פונט עקספארט; אין 1943 — 20,221,000 פונט אימפארט און 12,725,000 פונט עקספארט; אין 1944 — 27,904,000 פונט אימפארט און 14,638,000 פונט עקספארט; אין 1945 — 31,193,000 פונט אימפארט און 20,396,000 פונט עקספארט. (די אימפארט־ציפערן פאר די יארן 1943־45 שליסן ניט איין אויל).

דער ארץ ישראל'דיקער האנדלס־דעפיציט האט אין 1943 באטראפן 11,326,000 פונט; אין 1944 — 16,715,000 פונט און אין 1945 — 15,140,000 פונט. די באציונג פון אימפארט צו עקספארט האט באטראפן אין 1943 — 277 פראצענט; אין 1944 — 273 פראצ. און אין 1945 — 203 פראצענט. דאס מיינט, אז הגם דער עקספארט איז געשטיגן, איז גע־וואקסן דער האנדלס־דעפיציט, הגם ער איז רעלאטיוו געפאלן פארגלייכנדיק דעם אימפארט מיטן עקספארט.

זייט 100.

אין די יארן 1940־1946 איז אריינגעקומען איבער 60 מיליאן פונט אידישער פריוואטער און נאציאנאלער קאפיטאל. זינט דער באל־

פור־דעקלעראַציע ביז סוף 1946 האָבן אידן אינוועסטירט אין ארץ ישראל ביי 165 מיליאָן פונט.

זייט 105.

דעם האַנדל צווישן ארץ ישראל און די פּאַראייניקטע שטאַטן אין די מלחמה־יאָרן אילוסטרירן די ווייטערדיקע ציפערן: אין 1942, אימפּאָרט קיין א"י, 2,196,000 פונט (אויסער אויל), עקספּאָרט פון א"י, 868,000 פונט; אין 1943, אימפּאָרט 1,187,000 פונט און עקספּאָרט 2,339,000 פונט; אין 1944, אימפּאָרט 3,109,000 פונט און עקספּאָרט 2,384,000 פונט; אין 1945, אימפּאָרט 4,456,000 פונט און עקספּאָרט 4,895,000 פונט. (די אימפּאָרט־ציפערן זינט 1942 שליסן איין אויל).

זייט 112.

אין די מלחמה־יאָרן איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן די פּראַקטי־באַוועגונג אין די ארץ ישראל פּאָרטן. דער פּאָרט אין חיפה האָט אין 1943 אָנגעלאָדן 296,106 טאָן און אויסגעלאָדן 469,366 טאָן; אין 1944 — אָנגעלאָדן 283,076 טאָן און אויסגעלאָדן 479,164 טאָן; אין 1945 — אָנגעלאָדן 313,187 טאָן און אויסגעלאָדן 498,945 טאָן. דער פּאָרט אין יפו האָט אין 1943 אָנגעלאָדן 10,776 טאָן און אויסגעלאָדן 22,464 טאָן; אין 1944 — אָנגעלאָדן 7,943 טאָן און אויסגעלאָדן 8,886 טאָן; אין 1945 — אָנגעלאָדן 11,214 טאָן און אויסגעלאָדן 26,826 טאָן. דער פּאָרט אין תל אביב האָט אין 1943 אָנגעלאָדן 2,585 טאָן; און אויסגעלאָדן 3,110 טאָן; אין 1944 — אָנגעלאָדן 185 טאָן, אויסגעלאָדן 6,327 טאָן; אין 1945, אָנגעלאָדן 5,679 טאָן און אויסגעלאָדן 14,291 טאָן. (די ציפערן פון חיפה שליסן ניט איין אויל).

דער פּאָרט אין תל אביב האָט שוין אין ערשטן האַלבן יאָר פון 1946 אויסגעלאָדן 34,000 טאָן (אין פאַרגלייך מיט 6,000 טאָן אין דער זעלבער צייט אין 1945) און אָנגעלאָדן ביי 16,000 טאָן.

זייט 113.

דער „חבל ימי לישראל" (אידישע ים־ליגע) האָט אין 1946 גע־ציילט 200 פאַראייניגן מיט 24,000 מיטגלידער. ער האָט אויך געהאַט אָפּטיילונגען אין אויסלאַנד. אין 1945 איז ענטשטאַנען די ים־געזעל־שאַפט „צים" (צי ימי — ים פלאָט) מיט א גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון א האַלב מיליאָן פונט, געשאַפן בשותפות פון דער אידישער אגענטור און „נחשון" — די ים־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות.

אין 1947 איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט „קדם" בשותפות דורך „צים" און אַן אַלטער ענגלישער שיפס־געזעלשאַפט אין ענגלאַנד, מיט א קאַפּיטאַל פון א האַלב מיליאָן פונט. דער צוועק איז: צו שאַפן א אידישן פּאַסאַזשיר־פלאָט. די ערשטע שיף „קדמה" מיט א אידישער מאַנשאַפט פון 100 פּערזאָן קורסירט שוין אויף דער ליניע חיפה—מאַרסעיל. ס'איז אויס־

גערעכנט געוואָרן, אַז דער אידישער ישוב גיט צו פאַרדינען 4 מיליאָן פונט אַ יאָר צו ניט־אידישע שיפס־געזעלשאַפטן.

די ים־שול ביים טעכניקום ציילט 95 שילער און האָט שוין געהאַט 3 אַרויסלאָזן. עס עקזיסטירן אַ רייע ים ספּאָרט־פאַראיינען פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אין די העברעאישע שולן איז איינגעפירט געוואָרן אַלס אָבליגאַטאָריש דער למוד פון שווימען. אין חיפה האָט די אידישע ים־ליגע געשאַפן אַ היים פאַר אידישע מאַטראָזן.

זייט 114.

די ארץ ישראלדיקע אייזנבאַנען „צייכענען" זיך אויס מיט זייער שלימזלדיקער ווירטשאַפט. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די צאָל פּאַסאַזשירן איז געוואַקסן פון 674,721 אין 1939־40 ביז 2,990,255 אין יאָר 1945־46 און דער טראַנספּאָרטירטער פראַכט איז געשטיגן פון 847,445 טאָן אין 1939־40 ביז 2,157,765 טאָן אין 1945־46, האָבן די אייזנבאַנען אַ דעפיציט, וואָס האָט סוף מערץ 1945 באַטראָפן 484,704 פונט. געוויסע אייזנבאַן־רעלסן זענען שוין ניט געוואָרן געביטן 30־40 יאָר. דער באַן־טאַבאָר איז אין אַ שרעקלעך־אָפּגעלאָזענעם צושטאַנד. מען דאַרף האָבן ביי 8־10 מיליאָן פונט אויף צו ברענגען די אייזנבאַנען צו אַ בעסערן מעמד.

די אידן וואָס גיבן 70 פּראָצענט פון אַלע הכנסות פון די אייזנבאַנען, האָבן נאָר געבילדעט אין 1927 12 פּראָצענט פון 3000 באַשעפטיקטע אַר־בעטער און אין 1943 8 פּראָצענט (653 פּערזאָן) פון 7,746 באַשעפטיקטע אַרבעטער.

זייט 115.

אין 1945 זענען געווען 2,700 קילאָמעטער געפּלאַסטערטע אויטאָ־מאָביל־וועגן. די צאָל פּאַסאַזשירן אויף אויטאָבוסן און טעקסיס אויף צווישנשטעטישע וועגן איז געשטיגן פון 11.5 מיליאָן אין 1939 ביז 36.6 מיליאָן אין 1943 און 42.3 מיליאָן אין 1945. די צאָל פּאַסאַזשירן אויף אויטאָבוסן אין די שטעט איז געשטיגן פון 49.7 מיליאָן אין 1939 ביז 114.5 מיליאָן אין 1943 און 146.4 מיליאָן אין 1945. איבער צוויי דריטל פון אַלע פּאַסאַזשירן זענען אידן.

די אידישע פּאַסאַזשיר־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס געפינען זיך אַלע אונ־טער דער קאָנטראָל פון דער הסתדרות האָבן דורכגעמאַכט אַ שנעלע ענט־וויקלונג. די צאָל פּאַסאַזשירן אויף אידישע אויטאָבוסן אויף צווישנשטעטישע וועגן איז געשטיגן פון 10.56 מיליאָן אין 1939 ביז 28.75 מיליאָן אין 1943 און 34.35 מיליאָן אין 1945 — אַ וואוקס אין פאַרגלייך מיט 1939 אויף 325 פּראָצענט. די צאָל פּאַסאַזשירן אין די שטעט איז געוואַקסן פון 45.54 מיליאָן אין 1939 ביז 88.50 מיליאָן אין 1943 און 120.35 מיליאָן אין 1945 — אַ וואוקס אין פאַרגלייך מיט 1939 אויף 254 פּראָצענט.

איבער 10,000 אידישע נפשות מאַכן אַ לעבן פון טראַנספּאָרט־צווייג. ביי דער אידישער אַגענטור איז טעטיק אַ ספּעציעלער דעפּאַרטמענט פאַר

טראַנספּאָרטאַציע. (לשכת התחבורה), געגרינדעט סוף 1938. די געזעלשאַפטן „נוע" און „אביזר" העלפן פּראָדוצירן און איינקויפן מאַשין־טיילן פאַר די אויטאָבוסן.

זייט 116.

די געלט־צירקולאַציע האָט סוף 1944 באַטראָפן 44,958,000 פונט און סוף 1945 48,438,000 פונט.

זייט 117.

די דעפּאָזיטן אין די ארץ ישראלדיקע בענק האָבן אין 1939 באַטראָפן 19,920,000 פונט; אין 1942 — 23,742,000 פונט; אין 1943 — 38,690,000 פונט; אין 1944 — 63,025,000 פונט; אין 1945 — 80,117,000 פונט, און אין אַפּריל 1946 — 92,379,000 פונט. אַ באַדייטנדער טייל פון די דעפּאָזיטן אין די א"י־בענק האָט זיך געפונען אין ענגלאַנד. זייער סכום איז געוואַקסן פון 8 און אַ האַלב מיליאָן פונט אין יולי 1939 ביז 66 מיליאָן פונט אין סעפּטעמבער 1945.

זייט 117.

די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק האָט סוף 1945 געהאַט אַ גרונט־קאַפּיטאַל פון 1,161,000 פונט. אירע דעפּאָזיטן האָבן דאַן באַטראָפן 43,800,000 פונט, איבער אַ העלפט פון די דעפּאָזיטן אין אַלע ארץ ישראלדיקע בענק (26 אידישע און 2 אַראַבישע).

זייט 120.

„הסנה" איז איצט די גרעסטע אידישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. סך־הכל עקזיסטירן איצט אין ארץ ישראל 5 אידישע און איין אַראַבישע געזעלשאַפט. עס זענען אויך טעטיק ביי 40 אויסלענדישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. די 5 אידישע געזעלשאַפטן קאָנצענטרירן ביי 50 פּראָצענט פון דער גאַנצער לעבנס־פאַרזיכערונג און ביי 50 פּראָצענט פון דער פייער־פאַרזיכערונג. נאָך גאָר יונג איז די ים־פאַרזיכערונג, וואו אויסלענדישע געזעלשאַפטן האָבן דערהאַלטן דעם גאַנצן מאַרק.

קאַפּיטל אַכט

אידן אַלס בויער פון שטעט

זייט 122.

די אַל־אידישע שטאָט, תל אביב האָט געציילט אין 1944 — 166,000 און אין סוף 1946 185,000 איינוואוינער. צוזאַמען מיט די 35,000 אידן, וועלכע וואוינען אין די אידישע קוואַרטאַלן פון יפו, וואָס הגם פאָרמעל געהערן זיי צו יפו, זענען זיי אָבער פאַקטיש אַ טייל פון תל אביב, ציילט תל אביב 220,000 אידישע איינוואוינער. אין תל אביב וואוינען אויך אַ קליינע צאָל ניט־אידן.

זייט 123.

דער שטח פון תל אביב איז 12,650 דונאַם. דער באָדן־שטח פון פאַרגרעסערטן תל אביב איז 22,900 דונאַם. די צאָל הייזער איז געוואַקסן פון 139 אין 1914 מיט 1,000 צימערן ביז 2,946 הייזער מיט 18,600 צימערן אין 1926; 6,634 הייזער מיט 71,200 צימערן אין 1936 און 7,068 הייזער מיט 85,500 צימערן אין 1942. תל אביב האָט געהאַט אין 1943 400 גאַסן.

זייט 124.

דער בודזשעט פון תל אביב האָט אין יאָר תש"ו (1945־46) באַטראָפן אָנדערטהאַלבן מיליאָן פונט. פאַרן יאָר תש"ח (1947־1948) איז באַשטימט געוואָרן אַ בודזשעט פון צוויי און אַ האַלב מיליאָן פונט, דערונטער 10,000 פונט אַלס שטיצע פאַר די אידישע קוואַרטאַלן פון יפו. פון 1,037,000 פונט, וואָס איז איינגעפלאָסן אַלס הכנסה־שטייער פון גאַנץ ארץ ישראל אין פינאַנץ־יאָר 1942־43, איז 430,000 פונט אַריינגעקומען פון תל אביב. דאָך באַטייליקט זיך די רעגירונג נאָר מיט אומבאַדייטנדע סומען אין גרויסן בודזשעט פון תל אביב.

זייט 126.

די בוי־באַוועגונג אין די פיר גרויסע שטעט פון לאַנד (תל אביב, ירושלים, חיפה און יפו) האָט זיך די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרגרעסערט. אין 1939, אַ יאָר פאַרן קריג, האָט מען געבויט הייזער אויף אַ שטח פון 223,600 קוואַדראַט מעטער; אין 1940 — 151,700 קוו. מעטער; אין 1942 — 62,000 קוו. מעטער; אין 1944 — 82,900 קוו. מעטער; אין 1945 — 284,500 קוו. מעטער. דער העכסטער רעקאָרד אין הייזער־בוי איז פאַרצייכנט געוואָרן בעתן הויך־פונקט פון דער פינפטער עליה: אין 1934 איז געבויט געוואָרן אויף אַ שטח פון 1,064,000 קוו. מעטער און אין 1935 אויף אַ שטח פון 1,214,000 קוואַדראַט מעטער.

פון די 719,000 קוו. מעטער געבויט אין 1946 דאַרף מען רעכענען אויפן אידישן חשבון ביי 420,000 קוואַדראַט מעטער און אויפן אַראַבישן חשבון ביי 300,000 קוו. מעטער. אין די חדשים יאַנואַר־מאַי 1946 איז געבויט געוואָרן 8,000 צימערן פאַר 4 און אַ האַלב מיליאָן פונט אין פאַרגלייך מיט 2,700 צימערן פאַר 1.2 מיליאָן פונט אין זעלבן צייט־אָפּשניט אין יאָר 1945.

זייט 132.

ירושלים האָט געציילט אין 1945 — 157,080 איינוואוינער, דערפון 97,000 אידן, 31,000 מוסולמענער און 29,000 קריסטן. די אידן בילדן 61.7 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין 1946 האָט דער אידישער ישוב אין ירושלים געציילט 102,000 נפשות.

אין ירושלים געפינען זיך ביי 20 פאַרשידענע אידישע עדות. אַ גע־

נויע ציילונג פון די ירושלימער אידן איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער אידישער אַגענטור אין סעפּטעמבער 1939 און די רעזולטאַטן זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין בוך „יהודי ירושלים" פון ד"ר ד. גורביץ, ירושלים, 1940. די גרעסטע עדה איז פון די אשכנזישע אידן, וואָס האָט געציילט 42,576 נפשות — 52.66 פּראָצ. נאָך זיי קומען די ספרדים מיט 10,587 נפשות — 13.10 פּראָצ. אויפן דריטן אָרט גייען די פּרסים (אידן פון פּערסיע — איראַן) וואָס ציילן 5,706 נפשות — 7.06 פּראָצ. דאַן קומען די קורדן מיט 4,369 נפשות — 5.40 פּראָצ.; די בבלים (אידן פון בבל — מעסאָפּאָ־טאַמיע־איראַק) מיט 3,890 נפשות — 4.81 פּראָצ.; די תימנים מיט 3,772 נפשות — 4.67 פּראָצ.; די מערביים (אידן פון צפון אפריקא) מיט 2,499 נפשות — 3.09 פּראָצ.; די בוכאַרער מיט 1,872 נפשות — 2.44 פּראָצ.; די אידן פון חלב (סיריע) מיט 1,777 נפשות — 2.20 פּראָצ. און אַ רייע קלענערע עדות, צווישן זיי 1,038 באַרג־אידן פון קאַווקאַז, 60 אידן פון אינדיע, 19 קאַראַימער, 22 גרים געקומענע ס'רוב פון רוסלאַנד א. א. עדות.

זייט 132.

חיפה האָט געציילט אין 1944 — 60,000 אידן, איבער 36,000 מוסולמענער און איבער 27,000 קריסטן. צוזאַמען 128,800 איינ־וואוינער, דערפון 51.3 פּראָצענט אידן. אין 1946 האָט חיפה צוזאַמען מיט די פּאָרשטעט שוין געציילט 84,000 אידן. די אידן בילדן איצט איבער 60 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. לויט אַ סטאַטיסטיק דורכגעפירט אין מערץ 1938 זענען פון די 54,118 אידן געווען 46,633 אשכנזים (86.3 פּראָצענט), 6,622 ספרדים (12.2 פּראָצענט) און 613 מזרח־עדות (1.1 פּראָצענט). פון אַ האַלבן פּראָצענט איינוואוינער זענען ניט געקומען קיין תשובות אויף די אָנפראַגן.

דער בודזשעט פון חיפה האָט אין יאָר 1939־40 באַטראָפן 116,679 פונט. ער איז געשטיגן אין יאָר 1945־46 ביז 464,146 פונט, און אין יאָר 196־47 ביז 1,294,146 פונט. אין משך פון 8 יאָר איז דער בודזשעט פון דער אידישער קהילה איז אין די 8 יאָר געשטיגן מיט איבער 5 און אַ האַלב מאָל. חיפה פאַרנעמט אַ שטח פון 30,000 דונאַם און דער שטח פון פאַרגרע־סערטן חיפה איז קרוב 70,000 דונאַם.

זייט 134.

אין טבריה איז די אידישע באַפעלקערונג געוואַקסן פון 4,430 נפשות אין 1922 ביז 5,400 אין 1931 און 6,500 אין 1946. די אידן בילדן אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג, וואָס ציילט איבער 11,000 נפשות. אין ראַם פון די פּלענער צו פאַרגרעסערן דעם אידישן ישוב אין טבריה איז געשאַפן געוואָרן אין 1945 אַ געזעלשאַפט „מנורה", וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל אויסצוזוכן אַ נייעם קוואַרטאַל פון 200 הייזער פאַר 2000 איינוואוינער לעבן די „חמי טבריה" — די באַרימטע הייל־קוואַלן נעבן כנרת. טבריה פאַרנעמט אַ שטח פון 1804 דונאַם.

אין צפת איז לעצטנס כסדר געפאַלן די צאָל אידן. די אידישע באַפעלקערונג האָט געציילט אין 1922 — 2,990 נפשות; אין 1931 — 2,500 און אין 1946 — 2,300 נפשות. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג איז אין 1944 געווען 12,,000. די געזעלשאַפט „חברת פתוח צפת" — געזעלשאַפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון צפת, אין וועלכער עס נעמט אָן אַקטיוון אַנטייל „סולל בונה", האָט אין 1947 פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט. „סולל בונה" נעמט אויך אָן אַקטיוון אַנטייל אין דער געזעלשאַפט צו אַנטוויקלען טבריה (חברת פתוח טבריה).

קאַפּיטל ניין

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין ארץ ישראל

זייט 138.

„תנובה" האָט אין 1933 געהאַט אַקאַפּיטאַל פון 20,287 פונט; אין 1942 — 177,536 פונט; אין 1945 — 483,124 פונט, און אין 1946 — 624,118 פונט. דער פּדיון איז געוואַקסן פון 207,222 פונט אין 1933 ביז 2,071,000 פונט אין 1942 און 5,992,000 פונט אין 1946.

די אידישע לאַנדווירטשאַפט באַזאָרגט 50 פּראָצענט פון דער באַשפּייזונג פון ישוב. 34 פּראָצענט באַזאָרגט די „תנובה" און 16 פּראָצענט אַנדערע אידישע ווירטשאַפטן און פאַרקויפס־שטעלן. „תנובה" האַלט אויס 98 פאַרקויפס־שטעלן פון מילך. זי באַשעפטיקט איבער 600 אָנגעשטעלטע. זי האָט אויפגעבויט אַ רייע פאַבריקן צו בעאַרבעטן לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

„תנובה אקספּורט" האָט אין 1946־47 אָפּגעזעצט 835,000 קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט, דערונטער 546,000 קעסטלעך קיין אויסלאַנד.

זייט 140.

די צאָל קאָנסום פאַריינען איז אין 1946 געשטיגן ביז 106 מיט 200 קראָמען און 105,000 קונים. זייער אייגענער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן 260,000 פונט. זייער יערלעכער אומזאַץ — 5,084,000 פונט. זייער רוח — 40,000 פונט.

דער „המשביר המרכזי" איז אין 1946 געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט 510 אַרבעטער־דערפער, קאָנסום־פאַריינען, אַנשטאַלטן און קאָאָפּעראַטיוון, וואָס רעפּרעזענטירן צוזאַמען איבער 200,000 פּערזאָן. דער קאַפּיטאַל פון „המשביר המרכזי" איז געוואַקסן פון 5,694 פונט סוף 1931 ביז 110,366 פונט סוף 1940 און 600,000 פונט סוף 1946. זיין יערלעכער פּדיון איז געשטיגן פון 68,145 פונט אין 1931 ביז 599,510 פונט אין 1940 און 4,300,000 פונט אין 1946. זיין ריינער רוח האָט באַטראָפן אין 1946 — 60,000 פונט.

„המשביר המרכזי" האָט אַ רייע אייגענע פאַבריקן און ער באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט שותפים (קאַפּיטאַליסטן און אַנדערע הסתדרות־געזעל־שאַפטן) אין אַ רייע פאַבריקן און אונטערנעמונגען, דערונטער די באַרימטע אויל־פאַבריק „שמן" און אין דער צעמענט־פאַבריק „נשר", ביידע אין חיפה. „המשביר המרכזי" פאַרגרעסערט איצט זיין קאַפּיטאַל, כדי צו פינאַנסירן זיינע ברייטע עקספּאַנסיע־פּלענער.

זייטן 141־43.

די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פון דער הסתדרות זענען געוואַקסן פון 69 אין 1939 מיט 3,050 באַשעפטיקטע ביז 65 אין 1945 מיט 3,680 באַשעפטיקטע און 115 קאָאָפּעראַטיוון אין 1947 מיט 4,890 באַשעפטיקטע, דערפון 3,740 מיטגלידער און 1,150 קאַנדידאַטן, צייטווייליקע אַרבעטער, לערן־אינגלעך און בעאַמטע.

די גרעסטע קאָאָפּעראַטיוון זענען די פון פּאַסאַזשיר־טראַנספּאָרט. 6 קאָאָפּעראַטיוון ציילן 2,080 באַשעפטיקטע. אין 1946 האָבן די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון באַדינט 132 מיליאָן פּאַסאַזשירן און די צווישנשטאָטישע — 38 מיליאָן. די הכנסה האָט באַטראָפן 3 און האַלב מיליאָן פונט. דער אַר־בעטס־לוין — 1,700,000 פונט. אויפן צווייטן פּלאַץ גייען די 15 סחורות־טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון מיט 510 באַשעפטיקטע. זייער הכנסה האָט באַטראָפן אַ קנאַפּן מיליאָן פונט און דער אַרבעטס־לוין — אַ פערטל מיליאָן. עס עקזיסטירן אויך 2 טאַקסי־קאָאָפּעראַטיוון מיט 37 באַשעפטיקטע.

אין 10 קאָאָפּעראַטיוון פון בוי־מאַטעריאַלן זענען באַשעפטיקט 176 פּערזאָן. די יערלעכע הכנסה איז אַ פערטל מיליאָן פונט. דער אַרבעטס־לוין — 80,000 פונט. 11 קאָאָפּעראַטיוון פון עלעקטרי און מעטאַל באַשעפ־טיקן 98 מאַן. די יערלעכע הכנסה איז 70,000 פונט. דער אַרבעטס־לוין — 30,000 פונט. אין 10 קאָאָפּעראַטיוון פון האָלץ־באַאַרבעטונג זענען באַשעפ־טיקט 304 פּערזאָן. די יערלעכע הכנסה איז 300,000 פונט און דער אַרבעטס־לוין — 120,000 פונט. 7 קאָאָפּעראַטיוון פון באַקליידונג און שיך באַשעפ־טיקן 132 פּערזאָן. די יערלעכע הכנסה איז 260,000 פונט און דער אַרבעטס־לוין — 65,000 פונט. אין דרוקעריי און איינבינדער־קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטן 145 פּערזאָן. זייער יערלעכע הכנסה איז 125,000 פונט און 90,000 פונט באַ־טרעפט דער אַרבעטס־לוין. 10 בעקערייען באַשעפטיקן 106 פּערזאָן. זייער הכנסה באַטרעפט 300,000 פונט אַ יאָר און דער אַרבעטס־לוין — 70,000 פונט.

די קאָאָפּעראַטיווע רעסטאָראַנען באַשעפטיקן 266 פּערזאָן. זייער יערלעכע הכנסה איז 300,000 פונט און דער אַרבעטס־לוין — 70,000 פונט. די איינגסטע קאָאָפּעראַטיוון זענען די פון דימענט שלייפער. 500 מאַן זע־נען באַשעפטיקט אין די קאָאָפּעראַטיוון. עס עקזיסטירן נאָך 22 פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון מיט 536 אַרבעטער. דעם גרעסטן טייל האָבן אָרגאַניזירט

דעמאָביליזירטע זעלנער. זייער הכנסה איז אַ האַלבער מיליאָן פונט און דער אַרבעטס־לוין — אַ פערטל מיליאָן פונט.

די יערלעכע הכנסה פון אַלע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון (אויסער פון די דימענטן־שלייפער), באַטרעפט 6,605,000 פונט און דער אַרבעטס־לוין — 2,725,000 פונט. דער „מרכז הקואופרציה" פירט אָן מיט אַלע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, זיין פינאַנציעלער אינסטרומענט איז די קופת הקואופרטיבים מיט אַ קאַפּיטאַל פון 100,000 פונט. נאַטירלעך באַדינט זיך אויך דער מרכז מיט פאַרשידענע אַנדערע פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס. די געזעלשאַפט „נוע", וואָס קויפט איין אויטאָ־מאַשינען און אויטאָ־טיילן האָט אַ קאַפּיטאַל פון 50,000 פונט.

דער אייגענער קאַפּיטאַל פון די פּאַסאַזשיר און משא־טראַנספּאָרט קאָאָפּעראַטיוון האָט סוף 1946 באַטראָפן איבער 1,300,000 פונט.

די צאָל לוין־אַרבעטער איז די לעצטע עטלעכע יאָר כמעט ניט געשטיגן, וואָס איז אומבאַדינגט אַ פריידיקע ערשיינונג.

זייטן 144־45.

„סולל בונה", האָט ביז סוף 1946 דורכגעפירט אַרבעטן פאַר 25 מיליאָן פונט. אין 1946 האָט ער דורכגעפירט אַרבעטן פאַר 4,500,000 פונט און באַשעפטיקט דורכשניטלעך 6,000 אַרבעטער. „סולל בונה" האָט געשאַפן אין מיטן 1944 אַ טאָכטער־געזעלשאַפט „כור" (שמעלץ־טיגעל) אָנצופירן מיט אירע פאַבריקן. איר גרונט־קאַפּיטאַל באַטרעפט 750,000 פונט. פון די וויכטיקסטע פאַבריקן זענען „פעניציע" און „וואָול־קאַן". „פעניציע" וואָס איז איבערגענומען געוואָרן אין 1941 פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן נאָך דעם ווי די פאַבריק איז געווען געשלאָסן 6 יאָר צייט, האָט געהעכערט איר אומזאַץ פון 37,746 פונט אין 1942 ביז קרוב 230,000 פונט אין 1946. די פּראָדוקציע איז אין די פיר יאָר צייט געשטיגן אויף איבער 4 מאָל. אין מערץ 1947 האָט „פעניציע" געעפנט אַ פאַבריק פון פלעשער, וואו עס אַרבעטן 150 מאַן. אין דער פאַבריק איז אינוועסטירט געוואָרן 100,000 פונט.

די פאַבריק „וואָולקאַן" האָט געהעכערט איר פּראָדוקציע פון 125,562 פונט אין 1942 ביז איבער 430,000 פונט אין 1946. די צעמענט־פאַבריק „נשר", וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון „סולל בונה" אין 1946 האָט אויפגעהויבן איר פּראָדוקציע פון 175,000 טאָן צעמענט אין 1945 ביז 265,000 טאָן אין 1946. מען האָפט דורך איינפירן נייע טעכנישע רעפאָר־מען צו דערגרייכן אין 1948 אַ פּראָדוקציע פון איבער 460,000 טאָן.

„סולל בונה" האָט געשאַפן די געזעלשאַפט „שכון עממי", וואָס בויט הייזער פאַרן מיטל־קלאַס אין תל אביב און אומגעגנט. די געזעלשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 300,000 פונט האָט ביז 1946 אויפגעבויט הייזער פאַר 450,000 פונט. אין חיפה איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט „חברת בוני חיפה" און אַ צווייטע געזעלשאַפט בשותפות מיט פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן מיטן צוועק

צו בויען הייזער אין חיפה. אַ פּערטל מיליאָן פונט איז אינוועסטירט געוואָרן איןביידע געזעלשאַפטן. די געזעלשאַפט „בדולח" (קריסטאַל־גלאָז), געשאַפן צוזאַמען מיט „שכון", פאַרנעמט זיך מיט אויפבויען הייזער אין די קאָלאָניעס.

זייט 145.

„יכין" האָט אין 1946־47 עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד 300,000 קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט. איר טאָכטער־געזעלשאַפט „יכין, חברה לתעשית שימורים", האָט עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד, באַזונדערס קיין ענגלאַנד, איינגעמאַכטס און קאָנסערוון. אין 1946 האָט דער אומזאַץ פון „יכין" באַטראָפן 450,000 פונט.

„יכין" האָט געשאַפן מיט עטלעכע יאָר צוריק די געזעלשאַפט „חקל" (חברה קבלנית לחקלאות). די געזעלשאַפט באַאַרבעט ציטרוס־פּלאַנצונגען דורך אָרגאַניזירטע אַרבעטער־גרופּן — די אַרבעט, וואָס איז פריער געטאָן געוואָרן דורך „יכין". אין 1945 האָט „חקל" באַאַרבעט 8,300 דונאַם און אין יאָר 1946 — 10,568 דונאַם. ביי אַ מיליאָן קעסטלעך־פּרוכט האָט „חקל" פּראָדוצירט אין לעצטן ציטרוס־סעזאָן. די געזעלשאַפט האָט אויך געשאַפן אַ דעפּאַרטמענט פאַר גאָרטן־קולטור, וועמענס אויפגאַבע איז צו פלאַנצן גערטנער אין די פאָרשטעט, אין עפנטלעכע פּאַרקן א.א.וו. די געזעלשאַפט פּלאַנט אויך זיך צו פאַרנעמען מיט קאַמף קעגן באָדן־אָפּשווענקונג (עראָזיע).

זייט 149.

„מקורות" האָט געהאַט אין 1946 אַ קאַפּיטאַל פון 345,000 פונט און צוזאַמען מיט אירע פאַרקויפטע אָבליגאַציעס און אַנדערע פאָנדן, האָט זי אָפּערירט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 464,000 פונט. אין 1939 האָט „מקורות" באַזאָרגט 1,028,000 קוביק מעטער וואַסער; אין 1943 — 7,625,000; אין 1945 — 11,392,000 און אין 1946 — 14 מיליאָן קוביק מעטער.

„מקורות" האָט אין 1946 דורכגעפירט די באַוואַסערונג פון ראַיאָן פון עפולה און אָנגעהויבן עס דורכפירן אין ראַיאָן פון נען־חולדה־עקרון. פון באַזונדערער וויכטיקייט איז די טעטיקייט פון „מקורות" ביים לייגן וואַסער־רערן אין נגב. אָנהייב 1942 איז געשאַפן געוואָרן אַ פּלאַניר־אַמט ביי „מקורות" צו ענטוויקלען די באַוואַסערונגס־מעגלעכקייטן פון לאַנד. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ברייטער באַוואַסערונגס־פּלאַן פאַר עמק בית שאָן.

זייט 149.

„הסנה" האָט אין 1942 געהאַט 7,585 פאַרזיכערטע; אין 1944 — 11,964; אין 1945 — 14,008 און אין 1946 — 16,706. די אַלגעמיינע פאַרזיכערונגס־סומע איז געשטיגן פון 1,315,228 פונט אין 1942 ביז 2,277,265 פונט אין 1944; 3,071,637 פונט אין 1945 און 3,857,958

פונט אין 1946 — אַ העכערונג פון 26 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1945.

די פאָנדן פון „הסנה" זענען געשטיגן פון 184,432 פונט אין 1942 ביז 690, 296 פונט אין 1944; 400,996 פונט אין 1945 און 640,000 פונט אין 1946. „הסנה" העלפט מיט מיט אירע געלטער אין פאַרשידענע הסתדרות־טעטיקייטן באַרגנדיק זיי געלט פאַר גוטע פאַרזיכערונגען.

זייט 151.

די אַרבעטער־באַנק (בנק הפועלים), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1921, האָט דורכגעמאַכט אַ גלענצנדע ענטוויקלונג. איר אייגענער קאַפּיטאַל איז געשטיגן פון 91,091 פונט אין 1933 ביז 186,682 פונט אין 1939; 309,028 פונט אין 1944; 447,729 פונט אין 1945 און 506,731 פונט אין 1946. די דעפּאָזיטן זענען געוואַקסן פון 186,505 פונט אין 1933 ביז 466,034 פונט אין 1939; 2,175,913 פונט אין 1944; 2,765,909 פונט אין 1945 און 3,210,885 פונט אין 1946. די אַרויסגעגעבענע הלוואות זענען געשטיגן פון 242,564 פונט אין 1939 ביז 590,227 פונט אין 1939; 1,172,106 פונט אין 1944; 1,510,766 פונט אין 945 און 1,806,226 פונט אין 1946. 57 פּראָצענט פון אַלע הלוואות אין 1946 איז געגעבן געוואָרן די אַרבעטער־דערפער.

די געזעלשאַפט „אַמפּאַל" (אַמעריקן פּאַלעסטיין טריידינג קאָרפּאָריישאָן) האָט פאַרקויפט אין אַמעריקע אַ באַדייטנדע צאָל אַקציעס פון דער אַרבעטער־באַנק.

די לייַ־און שפּאָר־קאַסעס פון דער הסתדרות האָבן דורכגעמאַכט אַ שנעלע ענטוויקלונג. אין 1930 האָבן נאָר עקזיסטירט 7 קאַסעס מיט 5,600 מיטגלידער און אין סוף 1946 האָבן עקזיסטירט 20 קאַסעס (4 אין שטעט, 14 אין קאָלאָניעס און 2 אין מושבי עובדים) מיט 31,165 מיטגלידער. אין 1930 האָט זייער אייגענער קאַפּיטאַל באַטראָפן 7000 פונט און אין סוף 1946 האָט ער באַטראָפן 250,000 פונט. די דעפּאָזיטן און אָפּשפּאָרונגען האָבן אין 1930 באַטראָפן 12,000 פונט. אין 1946 זענען זיי געשטיגן ביז 4,107,000 פונט. אין 1930 זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן הלוואות אין הויך פון 29,000 פונט. אין 1946 — 2,083,000 פונט.

די הלוואות ווערן אַרויסגעגעבן פאַר יחידים צווישן 10 און 400 פונט, אָפּצוצאָלן צווישן 10 און 16 חדשים. קאָאָפּעראַטיוון און אַנדערע אינסטיטוציעס באַקומען גרעסערע הלוואות.

די לייַ־און שפּאָר־קאַסעס האָבן צוזאַמען מיט דער אַרבעטער־באַנק געהאָלפן שאַפן אַ פאָנד פון אַ האַלב מיליאָן פונט צו געבן הלוואות דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן. צוזאַמען מיטן מרכז החקלאי פון דער הסתדרות איז געשאַפן געוואָרן דער פאָנד „נוה עובד", וואָס האָט געהאָלפן שאַפן בוי־פּלעצער פאַר 3000 אַרבעטער אין די קאָלאָניעס.

זייטן 151־52.

„שכון" האט אויסער די 3,150 דירות, וואס ער האט אויפגעבויט ביזן קריגס־אויסברוך פאר 15,000 נפשות, אויפגעבויט זינט יו־לי 1945 ביז סוף 1946 (18 חדשים) נייע 3,000 דירות, דערונטער 1,500 פאר נייע עולים, 400 פאר דעמאביליזירטע זעלנער און 1,100 פאר אנדערע. ס'רוב דירות זענען געבויט געווארן אין קרית חיים (ביי חיפה) וואס איז געוואקסן אין 1945־46 פון 1,100 ביז 2,100 הייזער, און אין קרית עבודה, וואס איז געוואקסן פון 220 ביז 1,300 הייזער.

סך־הכל האט שוין „שכון" איבער 6,000 הייזער און דירות מיט א באפעלקערונג פון 25,000 נפשות.

„שכון" הייבט איצט אן רעאליזירן דריי נייע הייזער־בוי־פראיעקטן: קאאפעראטיווע הייזער אין מזרח־זייט פון תל אביב מיט 1,200 דירות; אין רושמיה, ביי חיפה מיט 1,200 דירות, און אין דער פארברייטערטער שכונת בארא‏כאוו מיט 800 דירות. אין 1947 זאלן אויפגעבויט ווערן 1,000 דירות אלס ערשטער עטאפ פון דאזיקן הייזער־בוי־פראגראם.

9,000 קאנדידאטן ווארטן אין דער רייע צו באקומען דירות דורך „שכון", דערונטער 3,500 דעמאביליזירטע סאלדאטן. „שכון" האט געשטעלט אין רשות פון קרן קימת א האלב מיליאן פונט און אזוי ארום דערווארבן וויכטיקע נייע בוי־שטחים אין די שטעט.

דער אקציע־קאפיטאל פון „שכון" האט אין 1946 באטראפן 170,000 פונט און דער קאפיטאל פון די רעזערוו־פאנדן — 215,000 פונט. קרוב 4 מיליאן פונט איז ביז איצט אינוועסטירט געווארן אין די הייזער, געבויט דורך „שכון".

די געזעלשאפט „נוה עובד", וואס איז געגרינדעט געווארן אין 1945 מיטן צוועק צו בויען הייזער אין די קאלאניעס איז פארבונדן מיט דער געזעל־שאפט „נוה עובד" (מימון) וועמענס קאפיטאל באטרעפט 100,000 פונט, וואס פינאנסירט די טעטיקייט פון „נוה עובד". אין 1946 זענען אויפגעשטעלט געווארן 187 הייזער און אין ערשטן קווארטאל פון 1947 נאך 205 הייזער. נאך 500 הייזער זאלן אויפגעבויט ווערן אין משך פון יאר 1947.

קאפיטל צען

די קאלעקטיווע ווירטשאפטן

זייט 161.

אין 1947 האבן עקזיסטירט 126 קבוצות מיט א באפעלקערונג פון 38,500 נפשות, וואס האבן באוואוינט א שטח פון 430,000 דונאם אין פארגלייך מיט 79 קבוצות אין 1940 מיט א באפעלקערונג פון 22,100 נפשות אויף א שטח פון 254,800 דונאם.

עס עקזיסטירן אויך 31 קבוצים, וואס גרייטן זיך ארויפצוקומען אויף

באַדן און ווערן קאָלאָניזירט. זיי מאַכן דורך זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה, אַרבעטנדיק אַלס קאָלעקטיווע גרופּן אין קאָלאָניעס און נעבן שטעט.

לויט דער אָפּשאַצונג פון מרכז חקלאי פון סוף 1946 איז אין די קבוצות אינוועסטירט געוואָרן 11.8 מיליאָן פונט אויסער די אינוועסטיציעס אין באָדן.

אַ רייע פאַבריקן און וואַרשטאַטן זענען ענטשטאַנען אין די קבוצות, וואָס ענטוויקלען זיך אויסגעצייכנט. סך־הכל עקזיסטירן אַזעלכע 104 קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, דערפון 32 פון מעטאַל, 13 פון פּרוכט־זאַפט און פּרוכט־קאָנסערוון, 3 טעקסטיל, 3 באַקליידונג, 36 האָלץ־בעאַרבעטונג, 3 לעדער, 2 דרוקערייען, 4 כעמישע פּראָדוקטן, 2 בוי־מאַטעריאַלן, און 6 פאַרשידענע.

אַ רייע טוריסטן־הייזער זענען לעצטנס ענטשטאַנען אין די קבוצות. זיי דינען אַלס אָפּרו־פּלעצער פאַר די איינוואוינער פון די שטעט אין די זומער־חדשים. 11 אַזעלכע אַנשטאַלטן עקזיסטירן שוין אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. זיי ציען צו טויזנטער באַזוכער אין די זומער־חדשים. דאָס עפנט אויך אַ נייעם הכנסה־קוואַל פאַר די קאָלעקטיווע אַרבעטער־דערפער.

זייט 166.

די קליינע קבוצות זענען פאַראייניקט אין חבר הקבוצות. געגרינדעט אין 1933 האָט ער אין סוף 1946 געציילט 34 ישובים מיט אַ באַפעלקערונג פון 8.500 נפשות. דער קרן הקבוצות, דער פינאַנציעלער אינסטרומענט פון „חבר הקבוצות", אָפּערירט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 75,000 פונט. ער גיט אַרויס די אויסגאַבן „ניב הקבוצה" און „אגרת".

זייט 170.

דער קבוץ ארצי פון „השומר הצעיר" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927. אין 1930 האָט ער געציילט 490 מיטגלידער. אין 1942 האָט דער קבוץ ארצי געציילט 7,515 נפשות און אין אָקטאָבער 1946 — 12,401 נפשות — אַ וואוקס פון 65 פּראָצענט אין 4 יאָר צייט. אין קבוץ ארצי זענען אַנגעשלאָסן 47 קבוצים פון וועלכע 41 געפינען זיך אין סטאַבילע ישובים און די איבעריקע געפינען זיך אויף הכשרה אין קאָלאָניעס און אין שטעט. אין די ישובים געפינען זיך 11,682 נפשות (94.2 פּראָצענט) און אין די קבוצים און די קאָלאָניעס און שטעט 719 נפשות (5.8 פּראָצענט).

דער „קרן השומר הצעיר" — דער פינאַנץ־אינסטרומענט פון קבוץ ארצי אָפּערירט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 100,000 פונט. דער קבוץ ארצי פירט אָן מיט עטלעכע גרויסע פאַבריקן בשותפות מיט פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן. אין די פאַבריקן איז אינוועסטירט געוואָרן ביי 300,000 פונט.

דער קבוץ ארצי גיט אַרויס אַן אייגענע טאָג־צייטונג „משמר" אין תל אביב און פירט אָן מיטן פאַרלאַג „ספרית פועלים", וואָס גיט אַרויס 3-4 ביכער אַ חודש.

זייט 171.

דער קבוץ המאוחד איז ענטשטאַנען אין 1929. אין 1936 זענען געווען אין אים אַנגעשלאָסן 26 קבוצים מיט 9,017 נפשות; אין 1946 — 52 קבוצים מיט 20,572 נפשות און אין 1947 — 58 קבוצים מיט איבער 22,000 נפשות, פון וועלכע 48 געפינען זיך אין סטאַבילע ישובים און 10 אין קאָלאָניעס און שטעט. אין 1946 זענען צוגעקומען נייע 6 ישובים, באַזונדערס אין נגב און אין גליל.

אין אָקטאָבער 1936 זענען געווען אין קבוץ המאוחד 1,306 קינדער וועמענס עלטערן זענען געווען חברים אין קבוץ און אין אָקטאָבער 1946 — 6,141 קינדער — א וואוקס פון 370,2 פּראָצענט. אויסער זיי האָבן זיך גע־פונען 829 קינדער־פּליטים. צווישן די 22,000 נפשות וואָס האָבן זיך געפו־נען אין קבוץ המאוחד אין 1947 געפינען זיך אויך 530 עלטערן פון חברים און 1,350 יוגנטלעכע וואָס ווערן דערצויגן אין קבוץ.

דער פאַרלאַג פון קבוץ המאוחד האָט צווישן מאי 1944 און מאי 1946 אַרויסגעגעבן 66 ביכער. עס דערשיינען רעגולער די 3 חודש־שריפט „מבפנים" און די אויסגאַבע „צרור המכתבים".

דער „קרן הקבוץ המאוחד" האָט א קאַפּיטאַל פון 150,000 פונט.

זייט 172.

די מושבי עובדים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין לאַנד־מאַסשטאַב אין 1925 אונטערן נאָמען „תנועת המושבים והארגונים". אין 1947 האָבן עקזיסטירט 69 מושבי עובדים מיט א באַפעלקערונג פון 16,000 נפשות, וואָס באַוואוינען א שטח פון 220,000 דונאַם. זינט 1939 זענען ענטשטאַנען 16 נייע מושבי עובדים און 55 נייע קאָלעקטיווע אַרבעטער־דערפער.

צווישן די 14,800 נפשות וואָס האָבן געלעבט אין די מושבי עובדים אין לעצטן קוואַרטאַל פון 1946, זענען געווען 6,300 קינדער פון די מושבי עובדים, 400 קינדער פּליטים און 410 יוגנטלעכע וואָס ווערן דערצויגן אין די מושבי עובדים.

קאַפּיטל עלף

דערציונג און קולטור

זייט 178.

אין די שולן, וואָס געפינען זיך אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון ועד הלאומי האָבן אין יאָר 1943־44 געלערנט 73,893 קינדער אין 579 שולן; אין יאָר 1944־45 — 80,273 קינדער אין 651 שולן; אין יאָר 1945־46 — 87.631 קינדער אין 719 שולן, דערפון 363 קינדער־גערטנער, 291 פאָלקס־שולן, 34 מיטל־שולן, 8 לערער־סעמינאַרן און 18 פאַך־שולן. אין יאָר 1946־47 האָבן געלערנט 93,200 קינדער אין 760 שולן.

די צאָל לערער איז געוואַקסן פון 2,590 אין יאָר 1943-44 ביז 4,318 אין יאָר 1945-46.

אין די לעצטע דריי יאָר זענען יעדעס יאָר צוגעקומען דורכשניטלעך 7,600 שילער. מען דערוואַרט, אַז אין תש״ח (1947-48) וועלן זיך געפינען 100,000 תלמידים אין די שולן פון ועד הלאומי.

פון די 93,200 קינדער אין יאָר 1946-47 האָבן זיך געלערנט 47,339 קינדער אין אַלגעמיין־ציוניסטישע שולן — 50.79 פּראָצענט; 23,668 אין די הסתדרות־שולן — 25.39 פּראָצענט און 21,347 אין מזרחי־שולן — 22.91 פּראָצענט. 846 קינדער אָדער 0.9 פּראָצ. לערנען אין שולן וואָס געהערן בשותפות צו אַלע דריי שול־ריכטונגען.

אויסער די 93,200 שילער אין די שולן פון ועד הלאומי האָבן געלערנט נאָך 24,000 אידישע שילער אין שולן וואָס זענען ניט אָנגעשלאָסן אין דער שול־נעץ פון ועד הלאומי. דערונטער 7000 אין תלמוד תורות, חדרים א.א.וו. 4000 אין די אַנשטאַלטן פון דער פראַנצויזישער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערזאַל" און פון דער ענגלישער „אגודת אחים" און 1000 אין פרעמדע שולן, וואָס אַ טייל פון זיי ווערט אויסגעהאַלטן דורך מיסיאָנערישע געזעלשאַפטן.

זייט 179.

דער שול־בודזשעט פון די שולן פון ועד הלאומי פאַרן יאָר 1945-46 האָט באַטראָפן: איבער אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט. דערפון האָט דער ערציונגס־דעפּאַרטמענט פון ועד הלאומי בייגעשטייערט 407,200 פונט. ביי 1,100,000 פונט איז איינגעפלאָסן פון שכר למוד און פון דערציונגס־שטייער פון די אידישע ישובים. דער בודזשעט פאַרן יאָר 1947-48 שטייגט איבער 2 מיליאָן פונט.

אין משך פון די 26 יאָר צווישן 1918-19 און 1944-45 איז געוואָרן אויסגעגעבן איבער 9 מיליאָן פונט אויף ערציונג אין די שולן וואָס שטייען אונטער דער קאָנטראָל פון די ישוב־אינסטאַנצן. דערפון האָט דער ישוב געגעבן 6.6 מיליאָן פונט (אָדער 72.6 פּראָצ.); די אידישע אַגענטור 1.6 מיליאָן (17.7 פּראָצ.) און די ארץ ישראל־רעגירונג נאָר 885,000 (9.7 פּראָצ.) אין 1946 האָט שוין די רעגירונג געדעקט 11 פּראָצענט פון בודזשעט.

זייט 190.

די שול אין מקוה ישראל האָט ביז מיטן 1947 דורכגעפירט 27 שול־אַרויסלאָזן. 2000 שילער האָבן באַקומען זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסבילדונג אין דער שול אין די 76 יאָר פון איר עקזיסטענץ.

אין 1921 האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע געשאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע אויספאָרש־סטאַנציע אין רחובות. די לייטונג פון דער סטאַנציע האָט קאָאָפּערירט מיט דער לייטונג פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט ביי

דער גרינדונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט ביי דער אוניווער־זיטעט. די סטאַנציע אין רחובות האָט אַ סטעף פון 92 פּערזאָן.

עס ווערן איצט געמאַכט הכנות אויסצוברייטערן דעם אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע למודים ביי דער ירושלמיער אוניווערזיטעט, וואָס איז צעטיילט צווישן רחובות און ירושלים און שאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַקולטעט ביי דער אוניווערזיטעט אויפן נאָמען פון באַראָן עדמונד ראָט־שילד. דער פאַקולטעט זאָל האָבן 200 תלמידים.

עס ווערן אויך געמאַכט הכנות צו שאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע הויך־שול אויפן נאָמען פון ארטור רופין.

זייט 191.

אין טעכניקום האָבן אין יאָר 1946 שטודירט 280 סטודענטן.

אין משך פון די 34 יאָר פון זיין עקזיסטענץ (1912־1946) האָבן גראַדואירט 500 סטודענטן. די ים־שול האָט אין 1946 געהאַט 95 סטודענטן. 30 האָבן גראַדואירט אין משך פון די לעצטע 8 יאָר.

זייט 192.

די אוניווערזיטעטס־ביבליאָטעק האָט אין יאַנואר 1946 געציילט 441,000 בענדער. 4,866 מאָל האָבן אויסגעבאָרגט ביכער אין יאָר תש״ה. די צאָל לייענער אין לייען־זאָל האָט באַטראָפן 48,264.

זייט 193.

אין דער ירושלימער אוניווערזיטעט האָבן אין יאָר תש״ה גע־לערנט 608 סטודענטן און אין יאָר תש״ו 854. אין 1946 האָבן שוין געלערנט איבער טויזנט. דאָס רוב תלמידים זענען גראַדואַנטן פון די ארץ ישראל׳דיקע מיטל־שולן. לעצטנס האָט אָנגעהויבן צוריק וואַקסן די צאָל סטודענטן וואָס קומען פון אַנדערע לענדער. ביז 1946 האָט די אוניווער־זיטעט ארויסגעלאָזט 651 דיפּלאָמירטע. דעם טיטול דאָקטאָר פילאָזאָפיע האָבן באַקומען 69 סטודענטן.

אין 1936 האָט די אוניווערזיטעט צוזאַמען מיט דער „הדסה" גע־שאַפן אַ פּרע־פאַקולטעט פאַר מעדיצין; עס ווערן איצט געמאַכט הכנות צו עפענען אַ מעדיצינישע פאַקולטעט. צום סוף פון 1948 זאָל מען שוין אָננעמען שילער אין דער מעדיצין־שול. די ערשטע שילער וועלן באַקומען זייערע דיפּלאָמען אַלס דאָקטוירים אין 1955. מען הייבט באַלד אָן בויען אַ שפּיטאָל פאַר לונגען־קראַנקע מיט 200 בעטן, אַלס טייל פון מעדיצינישן צענטר פון דער אוניווערזיטעט, וואָס באַשטייט איצט פון ראָטשילד־הדסה אוניווערזיטעט־שפּיטאָל, פון דער שול פאַר קראַנקן־שוועסטער אויפן נאָמען פון הענריעטע סאָלד און די פּרע־פאַקולטעט פאַר מעדיצין ביי דער או־ניווערזיטעט.

דער יערלעכער בודזשעט פון דער אוניווערזיטעט באַטרעפט איצט 425,000 פונט. די געזעלשאַפט „שוחרי האוניברסיטה" אין ארץ ישראל

האָט אין די לעצטע־פיר יאָר פאַרגרעסערט די צאָל פון אירע מיטגלידער פון 3,000 ביז 17,000. די הכנסות אין א"י, זענען געוואַקסן פון 3,000 ביז 40,000 פונט.

דער קאָמיטעט פאַר פאָלקס־בילדונג ביי דער אוניווערזיטעט האָט אין יאָר תש"ו אָרגאַניזירט 5,200 רעפעראַטן אין די שטעט, קאָלאָניעס און אַרבעטער־דערפער.

אין 1935 איז געשאַפן געוואָרן אין תל אביב א שול פאַר געזעץ און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ביז איצט האָט די שול אַרויסגעגעבן 61 גראַדו־אַנטן. די צאָל תלמידים האָט אין 1946 באַטראָפן — 130, די צאָל אינסטרוק־טאָרן — 34.

אין 1934 איז אַנטשטאַנען אין רחובות דער זיוו־אינסטיטוט מיט ד"ר חיים ווייצמאַן אַלס ערן־דירעקטאָר. דער אינסטיטוט פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, באַזונדערס אויפן געביט פון כעמיע. דער באַרימטער נאָבל־פּרייז־געווינער, פּראָפ. פּריץ האַבער, האָט געהאָלפן אויס־אַרבעטן דעם פּלאַן פון אינסטיטוט און אים אוועקגעשאַנקען זיין באַרימטע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק. דער סטעף באַשטייט פון 18 געלערנטע און 13 אַסיסטענטן. דער זיוו־אינסטיטוט גייט איצט באַדייטנד אויסברייטערן זיין טעטיקייט.

זייט 196.

„הבימה" האָט דעם 13טן סעפּטעמבער 1945 געפייערט דעם חנוכת הבנין פון איר פּראַכטפולן הויז „בית הבימה" אין תל אביב. דאָס אויסבויען דעם בנין האָט געקאָסט 85,000 פונט. גלייכצייטיק איז געעפנט געוואָרן די דראַמאַטישע שול פון דער „הבימה". ביז אָקטאָבער 1945 האָט „הבימה" אויפגעפירט 70 פּיעסן. עס עקזיסטירן א „חוג למען הבימה" און "חוג־הבימה לנוער" („הבימה"־יוגנט־קרייז). ביידע קרייזן אָראַנזשירן ספּעציעלע קונסט־אָוונטן פאַר זייערע מיטגלידער מיטן אָנטייל פון די „הבימה"־קינסטלער. „הבימה" גיט אַרויס א ספּעציעלן זשורנאַל „במה", אונטער דער רעדאַקציע פון ג. חנוך, געווידמעט דער טעאַטער־קונסט.

„אוהל" האָט אויך אַן אייגענעם בנין אין תל אביב אויפן נאָמען פון חיים אַרלאָזאָראָוו. אין מאַי 1947 האָט „אוהל" געפייערט זיין 20־יעריקע עק־זיסטענץ. אין די לעצטע 7 יאָר האָט „אוהל" געגעבן 2000 פאָרשטעלונגען פון אירע 60 פּיעסן, וואָס זענען באַזוכט געוואָרן דורך 2 מיליאָן צושויער. פון די דורכשניטלעכע 200 פאָרשטעלונגען, וואָס „אוהל" גיט יערלעך, זענען 40 פּראָצענט געגעבן געוואָרן אין די אַרבעטער־דערפער און אין קאָלאָניעס. עס עקזיסטירן א „חוג למען אוהל" און א יוגנט־קרייז. „אוהל" האָט אויך געעפנט א דראַמאַטישע סטודיע. דער יערלעכער בודזשעט פון „אוהל" איז 60,000 פונט, אָבער דאָס טעאַטער האָט נאָך אַלץ א דעפיציט.

דער נייער קאַמער־טעאַטער („תיאטרון קאמרי") האָט אין דער קור־צער צייט פון זיין עקזיסטענץ דערוואָרבן פיל אָנהענגער און האָט צוגעצויגן

א גרופּע יונגע און פּעיקע שוישפּילער — מייסטנס פון די ארץ ישראלדיקע סטודיעס — וואָס זענען געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אין ארץ ישראל. דאָס טעאַטער איז אולטראַ־מאָדערניסטיש. דער יונגער שוישפּילער און רעזשיסאָר פּאָסאָווסקי איז דער לייטער פון נייעם טעאַטער.

מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם נייעם רעוויו־טעאַטער „לי־לה־לו" (פאַר מיר, פאַר איר, פאַר אים) אונטער דער לייטונג פון ה. ווערדאָן, א אידישער פּליט פון פּוילן.

איבער 250 אַרטיסטן ציען זייער חיונה פון העברעאישן טעאַטער.

זייט 197.

די ארץ ישראל אָפּערע האָט אין מיטן 1946 געפייערט איר 5 יעריקן יובל. אין די 5 יאָר האָט זי אויפגעפירט 18 אָפּערעס און מוזיקאַלישע קאָמעדיעס מיט 150,000 באַזוכער.

די פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע פאַר מוזיק וואָס איז ענטשטאַנען אין 1942 אין תל אביב איז איצט טעטיק אין 16 ישובים. ביי 600 שילער און 22 לערער האָט די קאָנסערוואַטאָריע. עס ווערט געפּלאַנט איינצואָרדנען אין תל אביב א יערלעכן געזאַנג־טאָג מיטן אָנטייל פון די תלמידים פון אַלע טיילן פון לאַנד.

150 אַרבעטער־כאָרן און צענדליקער אָרקעסטערס ווערן אָנגעפירט דורכן מרכז לתרבות פון דער הסתדרות. אין די כאָרן נעמען אָנטייל 4000 מענער און פרויען. עס קומט פאָר פיל קורסן פאַר די דיריגענטן פון די כאָרן אין לאַנד און ראַיאָן־קאָנפערענצן פון די כאָר־אָנטיילנעמער. פון די איבער 30 אַרבעטער־אָרקעסטערס דאַרף מען באַזונדערס דערמאָנען די סימפאָנישע אָרקעסטערס אין תל אביב, עמק חפר און עמק הירדן און די קאַמער־אָרקעסטערס אין תל אביב און אין גבעת ברנר.

זייט 199.

אין 1947 זענען דערשינען אין ארץ ישראל 9 מאָרגן־צייטונגען, 2 נאָכמיטאָג און 2 אָוונט־צייטונגען. עס זענען אויך דערשינען 16 וואָכנבלעטער און א גרויסע צאָל פון מאָנאַטלעכע, פערטל־יערלעכע און אַנדערע פּעריאָדישע צייטשריפטן. פון די נייע טאָג־צייטונגען דאַרף מען דערמאָנען די „חדשות הערב", אַרויסגעגעבן פון הסתדרות־קרייזן; „עתון עממי" אין תל־אביב און „קול־העם", א טאָג־צייטונג פון די קאָמוניסטן.

דער „דבר" האָט דעם 6טן יוני 1947 געפייערט דאָס לעגן דעם גרונטשטיין פון אַן אייגענער געביידע. די צאָל אַרבעטער אין דער „דבר" דרוקעריי איז 76 אנשטאָט 7 ביי דער גרינדונג אין 1925.

דאָס פאַרלאַגס־וועזן איז אין א"י זייער ענטוויקלט. לויט אַן אָבערזיכט אין „דבר" עקזיסטירן ניט ווייניקער פון 30 פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס ביכער אויסער נאָך א 30 אָרגאַניזאַציעס און פאַרלעגער, וואָס גיבן אַרויס בראָשורן, פּעריאָדישע אויסגאַבן א.א.וו. אין יאָר תש"ו האָט דער יערלעך־

כער אומזאַץ פון העברעאישן ביכער־מאַרק באַטראַפן ניט ווייניקער פון אַ האַלב מיליאָן פונט און אַנדערע גיבן אָן אַ נאָך גרעסערע ציפער. פיל הונ־דערטער פאַמיליעס מאַכן אַ לעבן פון העברעאישן בוך. דורכשניטלעך ווערט אַ העברעאיש בוך אין ארץ ישראל פאַרשפּרייט אין 2,500 עקזעמפּלאַרן. פיל דרוקערייען האָבן באַשטעלט נאָכן קריג נייע מאָדערנע מאַשינען פון אויס־לאַנד, אָבער נאָר אַ קליינער טייל האָט די מאַשינען באַקומען. די דרוקערייען זענען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און מאַכן בדרך כלל זייער גוטע געשעפטן. אויך די אויסערלעכע זייט פון העברעאישן בוך האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרשענערט.

צו די גרעסטע פאַרלאַגן געהער דער „מוסד ביאליק", וואָס האָט אין משך פון זיינע 10 יאָר עקזיסטענץ אַרויסגעגעבן 200 וויכטיקע ביכער. „עם עובד", דער פאַרלאַג פון דער הסתדרות, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך בערל קאַצענעלזאָן אין 1942, האָט ביז סוף 1946 אַרויסגעגעבן 850,000 עק־זעמפּלאַרן פון פאַרשידענע ביכער אָריגינעלע און איבערזעצטע. אויך „ספרית פועלים", דער פאַרלאַג פון קבוץ ארצי פון „השומר הצעיר" און דער פאַרלאַג פון קבוץ המאוחד אַנטוויקלען אַ זייער רירעוודיקע פאַרלעגערישע טעטיקייט.

זייט 200.

די צאָל ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אין א"י איז געשטיגן פון 900 אין 1932 ביז 5,900 אין 1934; 20,388 אין 1936; 31,000 אין 1938; 56,000 אין 1945 און 103,110 אין 1947. 79 פּראָצענט פון אַלע אַפּאַראַטן געהערן צו אידן, 16 פּראָצענט צו אַראַבער און 5 פּראָצענט צו אַנדערע. די הסתדרות־געזעלשאַפט „גלים" (כוואַליעס) פּראָדוצירט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און ראַדיאָ־מכשירים. עס ענטשטייען איצט נאָך פאַבריקן. ביים טעכניקום אין חיפה און אין דער טעכנישער שול „מונטיפיורי" אין תל אביב עקזיסטירן העכערע קורסן פאַר ראַדיאָ־טעכניק.

קאַפּיטל צוועלף

אידישע מעדיצינישע טעטיקייט

זייט 201.

די צאָל מאַלאַריע־קראַנקע איז די לעצטע יאָרן באַדייטנד געפאַלן. אין 1944 זענען געווען 1,652 פאַלן; אין 1945 — 1,456 און אין 1946 — 528. ס'איז אויך געווען אַן ענלעכע פאַרקלענערונג אין דער צאָל פאַלן פון צוריקקערנדער מאַלאַריע. אין די ערשטע 2 חדשים פון 1947 זענען נאָר רעגיסטרירט געוואָרן דורך דער קופּת חולים 20 נייע פאַלן פון מאַלאַריע אין גאַנצן לאַנד.

זייט 203.

דער בודזשעט פון דער קופת חולים איז אויסגעוואקסן פון 283,540 פונט אין יאָר 1939 ביז 503,280 פונט אין 1942; 1,144,904 פונט אין 1944; 1,493,801 פונט אין 1945 און 1,800,000 פונט אין 1946. דער בודזשעט איז אין 1944 געדעקט געוואָרן 84.1 פּראָצענט פון דער ארבעטערשאפט אליין (מיטגלידס־אָפּצאָל, הילף פון הסתדרות־אינסטי־טוציעס), 14.5 פּראָצענט פון די ארבעטס־געבער, 0.8 פּראָצענט פון מוניציפּאַלע א. א. אנשטאלטן און 0.6 פּראָצענט פון פארשידענע קוואלן. די א"י רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן די גערעכטע פאָדערונג פון דער קופת חולים זיך צו באטייליקן אין איר בודזשעט. ערשט זינט 1947 האָט די ארץ ישראל־רעגירונג אָנגעהויבן באשטימען געוויסע סומען פאר די אינסטיטו־ציעס פון דער קופת חולים. אירע סובסידיעס באטרעפן קוים 1 פּראָצענט פון בודזשעט פון דער קופת חולים, דער גאנצער געזונטהייטס־ בודזשעט פון אידישן ישוב האָט אין 1946 באטראָפן 2,700,000 פונט. די ארץ ישראל־רעגירונג, וואָס האָט אין 1946 אויסגעגעבן ביי 600,000 פונט פאר געזונטהייט — האָט נאָר צוגעוואָרפן דעם אידישן ישוב נישטיקע סו־מען.

לויט די אויסרעכענונגען פון ד"ר ק. נברצקי אין זיין בוך „המאנדאט ומשק הארץ" האָט די א"י־רעגירונג אין משך פון די 12 יאָר צווישן 1932־33 און 1944־45 סך הכל געגעבן די געזונטהייטס־אינסטיטוציעס 177,423 פונט. פון 1918 ביז מערץ 1945 האָט דער אידישער ישוב אויסגעגעבן צווישן 11און 12 מיליאָן פונט פאר געזונטהייטס־צוועקן. די מאנדאט־רעגירונג איז געווען באטייליקט מיט דעם נישטיקן סכום פון קוים איבער 180,000 פונט!

זייט 204.

די קופת חולים האָט פארגרעסערט איר צאָל מיטגלידער פון 2000 אין 1920 און 26,702 אין 1933 ביז 35,000 אין 1935, 140,000 סוף 1944 און 181,467 אין נאָוועמבער 1946. די קופת חולים האָט באדינט 225,000 נפשות אין 1944; 251,600 אין מיטן 1945 און 290,000 נפשות אין 1946 — 45.3 פּראָצענט פון ישוב. זינט דעם אויסברוך פון קריג זענען צוגעקומען 111,000 נפשות, דערפון זענען געווען 30,000 ניט־מיטגלידער פון דער הסתדרות. אויך די מיטגלידער פון „הפועל המזרחי" געניסן פון דער מעדיצינישער הילף פון דער קופת חולים.

אין 1922 האָט די קופת חולים באשעפטיקט 45 פערזאָן; אין 1935 — 201; אין 1944 — 1,645; אין 1946 — 2,129, דערונטער 523 דאָקטוירים און 464 קראנקן־שוועסטער.

די קופת חולים האָט אין 1946 אויסגעהאלטן 7 שפּיטאָלן, 5 סאנא־טאָריעס (אין 1947 — 8), 3 צענטראלע, 44 ראיאָנע און 293 אָרטיקע הייל־אנשטאלטן און מעדיצין־סטאנציעס, 4 רענטגען אנשטאלטן, 139 אַפּטייקן און לאַבאָראַטאָריעס, 13 דענטיסטישע קליניקס, 12 עלעקטראָ־טעראַפּישע

אינסטיטוציעס, 30 סטאַנציעס פאַר זויג־קינדער. 45 פּראָצענט פון אַלע אי־דישע געבורטן זענען פאָרגעקומען אין די אַנשטאַלטן פון דער קופּת חולים. אין 1946 זענען געעפנט געוואָרן 45 נייע אַנשטאַלטן. די דאָקטוירים פון דער קופּת חולים באַהאַנדלען טעגלעך ביי 10,000 פּאַציענטן. די קופּת חולים גייט איצט אויפבויען אַ שפּיטאָל פאַר לונגען־קראַנקע אין שרון מיט 240 בעטן.

די קופּת חולים האָט אין 1930 געשאַפן דעם קרן נכות (אינוואַלידן־פאָנד). די צאָל פאַרזיכערטע אין פאָנד האָט באַטראָפן אָנהייב 1943 — 91,306 און סוף 1946 — 128,904. טראָץ דעם וואוקס פון דער צאָל פאַר־זיכערטע, איז דווקא געפאַלן די צאָל פון נייע קראַנקע. זייער צאָל האָט באַ־טראָפן אין 1944 — 219 און אין 1946 — 179. זינט 1932, ווען דער פאָנד האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, ביז סוף 1946, האָבן פון פאָנד גענאָסן 2,201 קראַנקע.

דער אינוואַלידן־פאָנד האַלט אויס 3 אַנשטאַלטן: „גהה" פאַר גייס־טיק־קראַנקע ביים ביילינסאָן־שפּיטאָל אין פּתח תקוה; דעם „בית לעווינ־שטיין" פאַר לונגען־קראַנקע און מגדיאל אין דעם „בית פיינסטון" אויפן נאָמען פון מאָריס פיינסטאָן, מיטגרינדער פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין רמות השבים פאַר כראָניש־קראַנקע. אין 1946 איז פאַרטאָפּלט געוואָרן די צאָל בעטן אין די אַנשטאַלטן פון „קרן נכות".

זייטן 7־206.

די שטערבלעכקייט איז ביי אידן אין די מלחמה־יאָרן ניט געפאַלן. זי האָט באַטראָפן אין 1940 — 3,730 (8.1 אויף יעדע טויזנט אידן); אין 1941 — 3,710 (7.8); אין 1942 — 4,119 (8.4); אין 1943 — 3,808 (7.7). אין 1944 איז די צאָל טויט־פאַלן ווייטער געפאַלן ביז 3,681 און אין 1945 ביז 3,595. ביי די מאַכמעדאַנער איז אין די ערשטע מלחמה־יאָרן די שטערבלעכקייט געפאַלן. זי האָט באַטראָפן 21.4 אויף יעדע טויזנט נפשות אין 1941 און 19.4 אין 1942. (אין פאַרגלייך מיט 24.8 אין 1937).

בדרך כלל איז די שטערבלעכקייט ביי אידן צווישן 1927 און 1942 געפאַלן אויף 40 פּראָצענט (פון 13.2 ביז 7־8). און ביי די מאַכמעדאַנער אין א"י אויף 35.6 פּראָצענט (פון 30.1 ביז 19.4).

זייט 207.

די קלענסטע קינדער־שטערבלעכקייט איז צו פאַרצייכענען צווישן די אידישע קינדער אין די אַרבעטער־דערפער. זי האָט באַטראָפן אין 1946 26 אויף יעדע 1000 געבורטן אין פאַרגלייך מיט 29 אין שוועדן, 31 אין ניי־זעלאַנד, 40 אין די פאַראייניקטע שטאַטן, 49 אין ענגלאַנד, 195 אין עבר הירדן, 203 אין עגיפּטן און 227 אין איראַק.

זייט 208.

די געבורטן־ראטע ביי אידן האָט די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן באַ־דייטנד צו שטייגן. זי האָט באַטראָפן אין 1941 20.67 (אויף יעדע טויזנט אידן); אין 1942 — 22.73; אין 1943 — 29.04; אין 1944 — 30.22; אין 1945 — 30.26. אין אַבסאָלוטע ציפערן איז די צאָל געבוי־רענע אידישע קינדער געשטיגן פון 10,297 אין 1937 ביז 10,884 אין 1942; 14,317 אין 1943; 15,583 אין 1944; 16,358 אין 1945 און 16,600 אין 1946.

אויך די געבורטן־ראטע ביי די מאַכמעדאַנער איז געשטיגן פון 49.22 (אויף 1000 מאַכמעדאַנער) אין 1941 ביז 52.40 אין 1943 און 54.23 אין 1945. ביי די קריסטן איז די געבורטן־ראטע געשטיגן פון 29.06 (אויף טויזנט קריסטן) אין 1941 ביז 32.63 אין 1943 און 32.65 אין 1945. די אַלגעמיינע געבורטן־ראטע פון אַלע א״י'דיקע איינוואוינער איז געשטיגן פון 38.58 אין 1941 ביז 43.48 אין 1943 און 44.83 אין 1945. זייט 208.

דער נאַטירלעכער צוזואוקס איז שטאַרק געשטיגן ביי אידן די לעצטע יאָרן. ער האָט באַטראָפן אין 1941 12.8 (אויף יעדע טויזנט אידן); אין 1942 — 14.1; אין 1943 — 21.3; אין 1944 — 23.0 און אין 1945 — 23.6 (די העכסטע ראטע פון אידישן נאַטירלעכן צוזואוקס איז געווען אין 1924 (25.5 אויף טויזנט). זינט 1941 איז דער נאַ־טירלעכער צוזואוקס ביי אידן געשטיגן מיט 84.4 פּראָצ. דער נאַטירלעכער צוזואוקס ביי די מאַכמעדאַנער איז געפאַלן פון 27.8 (אויף יעדע טויזנט מאַכמעדאַנער) אין 1941 ביז 25.3 אין 1942, איז ווידער געשטיגן ביז 33.3 אין 1943, 36.7 אין 1944 און 37.8 אין 1945. זינט 1941 איז דער נאַטירלעכער צוזואוקס ביי די מאַכמעדאַנער געשטיגן מיט 35.9. דער נאַ־טירלעכער צוזואוקס ביי די קריסטן איז געפאַלן פון 17.9 (אויף יעדע טויזנט קריסטן) אין 1941 ביז 15.6 אין 1942; איז געשטיגן ביז 20.9 אין 1943; 20.9 אין 1944 און 22.8 אין 1945. זינט 1941 איז דער נאַטירלעכער צוזואוקס ביי די קריסטן געשטיגן מיט 27.3 פּראָצענט. דעם העכסטן פּראָצענט פון געשטיגענעם נאַטירלעכן צוזואוקס האָבן צו פאַרצייכענען די אידן.

זייט 210.

אין די מלחמה־יאָרן זענען די חמי טבריה באַזוכט געוואָרן דורך 25־30 טויזנט קראַנקע אַ יאָר, דערונטער 6000 מיטגלידער פון דער קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות.

קאַפּיטל דרייצן

אידישע אויטאָנאָמיע און פּאַרטייען

זייט 222.

די פּאַרטייאישע כחות־פּאַרהעלטניסן אין ישוב שפּיגלען זיך אָפּ אין די וואַלן צו דער אספת הנבחרים און צום לעצטן 22־טן ציוניסטן־קאָנגרעס. ביי די וואַלן צו דער אספת הנבחרים דעם 1־טן אויגוסט 1944, האָבן געשטימט 203,000 מאַן פון די 280,000 וואַל־באַרעכטיקטע דערוואַקסענע אידן. די מפא״י, האָט באַקומען 73,687 שטימען — 36.8 פּראָצענט און באַקומען 63 מאַנדאַטן (פון 171); די „תנועת לאחדות העבודה" 18,168 שטימען — 9.1 פּראָצ. און 16 מאַנדאַטן; דער לינקער בלאָק" פון השומר הצעיר און לינקע פּועלי ציון האָט באַקומען 24,773 שטימען — 12.4 פּראָצענט און 21 מאַנדאַטן (15 דער „השומר הצעיר" און 6 די לינקע פּוע"צ); דער „הפּועל המזרחי" 19,372 שטימען — 9.7 פּראָצענט און 17 מאַנדאַטן; די פּאַראייניקונג פון אַלגעמיינע ציוניסטן (גרופּע א', די גרופּע ב' האָט בויקאָטירט די וואַלן) האָט באַקומען 4,723 שטימען — 2.4 פּראָצענט און 4 מאַנדאַטן; דער „העובד הציוני", וואָס שטייט נאָענט צו דער גרופּע א' פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און איז אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות — 3,693 שטימען. 1.8 פּראָצענט און 3 מאַנדאַטן; די „עליה חדשה" (פּאַרייניקונג פון מערב־אייראָפּעישע אַלגעמיינע ציוניסטן) האָט באַקומען 21,403 שטימען — 10.7 פּראָצ. און 18 מאַנדאַטן; דער „מזרחי" האָט באַקומען 7,752 שטימען — 3.9 פּראָצענט און 7 מאַנדאַטן; די אידנ־שטאַטס־פּאַרטיי 1,407 שטימען — וויניקער פון 1 פּראָצענט און 1 מאַנדאַט.

אויסער דעם האָט „וויצא" באַקומען 4 מאַנדאַטן, די תמנים 6, קאָמוניסטן 3, סוחרים 2 און א אומפּאַרטייאישע רעליגיעזע ליסטע 3 מאַנדאַטן.

ביי די וואַלן צום לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן סך הכל געשטימט 194,169 וויילער. די מפא"י האָט באַקומען 69,845 שטימען — 35.9 פּראָצענט און 28 מאַנדאַטן (פון 79); דער בלאָק אחדות העבודה און לינקע פּועלי ציון 24,346 — 12.3 פּראָצענט און 10 מאַנדאַטן; דער „השומר הצעיר" 23,944 — 12.3 פּראָצענט און 10 מאַנדאַטן; דער „הפּועל המזרחי" 19,176 — 10 פּראָצענט און 8 מאַנדאַטן; אַלע פיר ארבעטער־ליסטעס האָבן סך הכל באַקומען 137,311 שטימען — 70.7 פּראָצענט פון אַלע וואַל־באַטייליקטע.

פון די בירגערלעכע ליסטעס זענען געגאַנגען אויפן ערשטן אָרט די רעוויזיאָניסטן וואָס האָבן באַקומען 26,969 שטימען — 14 פּראָצענט און 11 מאַנדאַטן; די „עליה חדשה" 12,055 — 6.2 פּראָצענט און 5 מאַנדאַטן; די אַלגעמיינע ציוניסטן (א' און ב') 7,616 — 3.9 פּראָצענט און 3 מאַנדאַטן; דער מזרחי 5,238 — 2.7 פּראָצענט און 2 מאַנדאַטן, קלענערע גרופּן 4,985 — 2.5 פּראָצענט און 2 מאַנדאַטן.

זייט 223.

די „סיעה ב׳״ האָט שפּעטער געשאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַר־טיי, די „תנועה לאחדות העבודה״, וואָס האָט זיך אין 1946 פאַר־אייניקט אין א״י, מיט די לינקע פּועלי־ציון. עס פירן זיך איצט אונטערהאַנד־לונגען וועגן דורכפירן די פאַרייניקונג צווישןביידע גרופּן אין וועלט־מאַסשטאַב.

זייט 223.

די הסתדרות־פראַקציע אין תל־אביבער שטאָט־ראָט פירט שוין אַ לענגערע צייט אַ קאַמף, אַז עס זאָלן פאָרקומען נייע וואַלן צום שטאָט־ראָט. די וואַלן האָבן שוין געזאָלט פאָרקומען אין מאַי 1947. אָבער דער טערמין פון די וואַלן איז ווידער געוואָרן אָפּגעלייגט. זיי זאָלן שוין פאָר־קומען בקרוב. ביי די לעצטע וואַלן אין 1935 האָט זיך באַטייליקט נאָר אַ דריטל פון די וואַל־באַרעכטיקטע — 21,000 מאַן.

זייט 224.

ביידע גרופּן פון די „אַלגעמיינע ציוניסטן״ האָבן זיך ערב די וואַלן צום 22־טן ציוניסטישן־קאָנגרעס זיך פאַראייניקט. אויפן קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן די וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

זייט 226.

די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך אין מיטן 1946 צוריק אָנגעשלאָסן אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך באַטייליקט אין די וואַלן צום לעצטן ציוניסטן־קאָנגרעס.

זייט 229.

דער „הפועל המזרחי״ אין ארץ ישראל ציילט ביי 12,000 מיט־גלידער. אין 1930 האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע־טעטי־קייט פון דער אָרגאַניזאַציע. סוף 1946 האָבן עקזיסטירט 13 קבוצות און 9 מושבים מיט בערך 4 און אַ האַלב טויזנט נפשות. עס עקזיסטירן אויך 6 קבוצים און קאָלאָניעס, וואָס מאַכן דאָרט דורך זייער הכשרה, וואַרטנדיק אויף זייער רייע צו ווערן קאָלאָניזירט.

די מושבים זענען פאַרייניקט אין דעם „אגוד המושבים והארגונים״ וואָס האָט איר אייגענעם פאָנד „קרן מושבי הפועל המזרחי״ מיט אַ קאַפּיטאַל פון 5000 פונט. די קבוצים זענען אָרגאַניזירט אין „הקבוץ הדתי״. זיין פאָנד „קרן הקבוץ הדתי״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1940 באַזיצט אַ קאַפּיטאַל פון 13,000 פונט. ער האָט אויך אַ ספּעציעלן פאָנד אויפצושטעלן שול־געביידעס. „יניב״ איז אַ געזעלשאַפט צו געבן הלואות די מושבים אין קבוצים פון „הפועל המזרחי״ מיט אַ קאַפּיטאַל פון 25,000 פונט; דער פאָנד „סעד״ דינט צו געבן הילף נויטבאַדערפטיקע חברים; דער פאָנד „עודד״

צו העלפן די פאַמיליעס פון חברים אין פאַל פון טויט. ס'איז אויך דאַ א טריידיוניאָן־פאָנד צו העלפן די מיטגלידער אין פאַל פון סטרייקן, זאָרגט פאַר פאַך־אויסבילדונג א. א. וו. עס עקזיסטירן אויך פאָנדן צוזאַמען מיט דער אַגענטור צו געבן קרעדיטן מלאכה־ווארשטאַטן, און צו העלפן די קאָנסום־קראָמען פון דער אָרגאַניזאַציע.

די מיטגלידער פון „הפועל המזרחי" געניסן פון דער מעדיציניש ער הילף פון דער קופת חולים פון דער הסתדרות.

זייט 231.

די קבוצה פון די „פועלי אגודת ישראל" אויפן נאָמען פון חפץ חיים, ביי גדרה, האָט אין 1946 געציילט 237 נפשות אויף א שטח פון 1,858 דונאַם. ביז סוף תש"ו איז אין דער קבוצה אינוועסטירט געוואָרן 62,900 פונט. דער ישוב איז געגרינדעט געוואָרן אויפן באָדן פון קרן קימת מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון קרן היסוד.

זייט 234.

דער השומר הצעיר" האָט אין פעברואַר 1946 זיך פאַרייניקט מיט דער „סאָציאַליסטישער ליגע" און געשאַפן אויף זיין קאָנפערענץ אין חיפה די אַרבעטער־פּאַרטיי „השומר הצעיר". ביי דער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ איז געוואָרן אָנגעגעבן, אַז דער קבוץ פון השומר הצעיר ציילט ביי 9,000 חברים און די סאָציאַליסטישע ליגע 2,250 מיטגלידער אין די שטעט און קאָלאָניעס.

זייט 234.

די פּאַרטייאישע כחות־פאַרהעלטעניסן אין דער הסתדרות זענען אָפּגעשפּיגלט געוואָרן ביי די וואַלן צו דער לעצטער (6־טער) הסתדרות־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6־טן און 7־טן אויגוסט 1944. די מפא"י האָט באַקומען 57,130 שטימען — 53.7 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אָפּגעגעבענע שטימען (106,420) און באַקומען 216 מאַנ־דאַטן (פון דער אַלגעמיינער צאָל — 401); דער לינקער פראָנט (השומר הצעיר און די לינקע פועלי ציון) האָט באַקומען 21,959 שטימען — 20.7 פּראָצענט און 83 מאַנדאַטן; די „תנועה לאחדות העבודה" 18,840 שטימען — 17.7 פּראָצענט און 71 מאַנדאַטן; „עליה חדשה" 3,305 שטימען — 3.1 פּראָצענט און 12 מאַנדאַטן; דער „העובד הציוני" 3,066 שטימען — 2.9 פּראָצענט און 12 מאַנדאַטן; דער „העובד הדתי" (רעליגיעזע אַרבעטער־גרופּע אין דער הסתדרות) 1,137 שטימען — 1.2 פּראָצענט און 4 מאַנ־דאַטן; אַ רשימה פון תימנער 608 שטימען — 0.5 פּראָצענט און 2 מאַנדאַטן; די „תנועת העם" (אידנשטאַטס־פּאַרטיי) 252 שטימען — 0.2 פּראָצענט און 1 מאַנדאַט.

זייט 235.

די קאָמוניסטן זענען צוריק אריינגענומען געוואָרן אין דער הסתדרות אין מיטן 1945 נאָכן דערקלערן זיך פאַרן פּרינציפּ פון א אידישער נאַציאָנאַלער היים און אָפּטרייסלען זיך פון זייער פריערדיקער פּאָגראָמיסטישער פּראָ־אַראַבישער שטעלונג. א גרופּע קאָמוניסטן האָט זיך אָפּגעריסן פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פּ.ק.פּ.) און געשאַפן דעם „אגוד קומוניסטי", וואָס קעמפט פאַרן רעכט פון אידן אויף אימיגראַציע קיין ארץ ישראל און פאַר די אידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס אין ארץ ישראל. דער „אגוד" באַקעמפט שאַרף די אָפיציעלע ליניע פון דער פּ.ק.פּ. וואָס איז לעצטנס צוריק געוואָרן ענליך צו איר שטעלונג פאַרן קריג. דער פאָרשטייער פון „אגוד קומוניסטי", האָט דערקלערט פאַר דער אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע פון די „יונייטעד ניישאָנס", אז דער „אגוד" ציילט 900 מיטגלידער און ער גיט אַרויס א וואָכנבלאַט „אחדות" אין 3000 עקזעמפּלאַרן.

קאַפּיטל פּערצן

די ציוניסטישע באַוועגונג

זייט 238.

די צאָל פאַרקויפטע שקלים אין ניט־קאָנגרעס־יאָרן האָט באַטראָפן אין פאַרן מלחמה־יאָר תרצ"ח — 376,376; אין ערשטן מלחמה־יאָר ת"ש — 357, 794; אין תש"א — 306,418; אין תש"ב — 350,377; אין תש"ג — 413,802; אין תש"ד — 511,241; און אין יאָר תש"ה (1944-45) ביי 675,000. אין קאָנגרעס־יאָר תש"ו איז פאַרשפּרייט געוואָרן קרוב 2 מיליאָן שקלים אין פאַרגלייך מיט 1,042,000 שקלים אין יאָר תרצ"ט, דאָס לעצטע קאָנגרעס־יאָר פאַרן קריג. אין דער ערשטער רייע איז דאָס צו פאַרדאַנקען די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ס'איז פאַרקויפט געוואָרן 956,000 שקלים און ארץ ישראל וואָס האָט פאַרקויפט 300,000 שקלים אין פאַרגלייך מיט 167,000 אין 1939.

זייט 243.

די הכנסות פון קרן היסוד האָבן פון זיין גרינדונג ביז סעפּטעמ־בער 1945 באַטראָפן 14,532,306 פונט. די הכנסות פאַרן יאָר תש"ו (1945-46) האָבן באַטראָפן ווייטערדיקע 3,659,974 פונט. אויפן ערשטן אָרט גייען די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן געגעבן אין די 25 יאָר צייט 7,975,499 פונט אָדער 54.9 פּראָצענט; דאָס דרום אַפריקאַנער אידנטום 1,520,019 פונט אָדער 10.5 פּראָצ. דאָס אייראָפּעישע אידנטום, וואָס האָט פאַרן קריג געגעבן 25.8 פּראָצענט פון אַלע הכנסות פון קרן היסוד, איז גע־פאַלן אין די מלחמה־יאָרן ביז 2.1 פּראָצענט. דער ארץ ישראל־ישוב איז גע־

שטיגן פון 2.3 פּראָצענט פאַרן קריג ביז 6.4 פּראָצענט אין די מלחמה־יאָרן. אויך דאָס דרום־אַמעריקאַנער אידנטום איז געשטיגן פון 2.6 פּראָצענט ביז 4.6 פּראָצענט.

די הוצאות פון קרן היסוד צוזאַמען מיט דער אידישער אַגענטור האָבן אין די 25 יאָר באַטראָפן 19,971,974 פונט. אין די ערשטע 9 יאָר (אַפּריל 1921־סעפּטעמבער 1929) איז געוואָרן אויסגעגעבן 4,262,233 פונט; אין די וויטערדיקע 10 יאָר (אָקטאָבער־סעפּטעמבער 1945) 11,234,919 פונט. די הוצאות פאַרן יאָר תש"ו (אָקטאָבער 1945—סעפּטעמבער 1946) האָבן באַטראָפן איבער 6 און אַ האַלב מיליאָן פונט.

זייט 246.

די הכנסות פון קרן קימת האָבן אין די ערשטע 38 יאָר פון זיין עקזיסטענץ (1901—סעפּטעמבער 1939) באַטראָפן 4.7 מיליאָן פונט. אין די וויטערדיקע 7 יאָר (ביז סעפּטעמבער 1946) 10.5 מיליאָן פונט.

דער קרן קימת האָט אין 1914 פאַרמאָגט 16,000 דונאַם באָדן; אין 1927 — 197,000 דונאַם; אין 1936 — 370,000 דונאַם. און אין סעפּטעמבער 1946 — 867,000 דונאַם. זינט סעפּטעמבער 1939 האָט דער קרן קימת דערוואָרבן 390,000 דונאַם.

אין 1914 האָט דער קרן קימת נאָר פאַרמאָגט 4 פּראָצענט פון אַל־געמיינעם אידישן באָדן־באַזיץ (421,000 דונאַם); אין 1927 — 22 פּראָ־צענט (פון 903,000 דונאַם); אין 1936 — 27 פּראָצענט (פון 1,393,000 דו־נאַם) און אין סעפּטעמבער 1946 — 48 פּראָצענט (פון 1,807,000 דונאַם). ווען מ'רעכנט אָראָפּ די 175,000 דונאַם, וואָס אידן האָבן באַקומען פון דער רעגירונג אַלס קאָנצעסיעס, באַטרעפט דער אַנטייל פון קרן קימת אין אידישן באָדן־באַזיץ — 52 פּראָצענט.

זייט 247.

דורך דער „עלית הנוער" זענען ביז אָנהייב 1947 געבראַכט גע־וואָרן קיין ארץ ישראל 21,000 קינדער און יוגנטלעכע פון 38 לענדער, דערונטער 15,339 צווישן אָקטאָבער 1939 און סעפּטעמבער 1946. 13,000 וואָס האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה אין די אַנשטאַלטן און פאַרמס פון דער עלית הנוער, האָבן שוין גראַדואירט און באַזעצט געוואָרן אויף באָדן און איבער 8000 געפינען זיך איצט אין 172 אויסבילדונגס־צענטערן (93 קבוצות, 21 מושבים און 58 לאַנדווירטשאַפטלעכע דערציונגס־גרופּן).

31 ישובים זענען געשאַפן געוואָרן בעיקר דורך די גראַדואַנטן פון דער עלית הנוער; אין 20 ישובים בילדן זיי אַן אָנגעזעענעם טייל פון די קאָלאָ־ניסטן, און אין 29 אַלטע ישובים געפינען זיך קערן־גרופּן (גרעינים) פון גראַדואַנטן פון דער עלית הנוער.

זייט 255.

די חלוצישע באַוועגונג אין די אייראָפּעישע לענדער האָט צוריק אויפגעלעבט אונטער די טראַגיש־העראָישע לעבנס־באַדינגונגען פון די אידישע פּליטים און קריגס־קרבנות אין נאָך־היטלעריסטישן אייראָפּע. דער באַריכט פון דער ציוניסטישער ליטונג צום לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס גיט אָן אַ צאָל פון 43,400 מיטגלידער אין פאַרשידענע חלוצישע אָרגאַני־זאַציעס. די גרעסטע צאָל רעגיסטרירטע חלוצים געפינט זיך אין די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד און עסטרייך — 18,000, דאַן קומט איטאַליע מיט 5,000 ; אונגאַרן מיט 5,000 ; רומעניע—4,000 ; שוועדן—3,500 ; פּוילן— 3,000 ; טשעכיע — 1,500 ; סלאָוואַקיע — 1,500 ; פראַנקרייך — 1,000; בעלגיע — 500 ; האָלאַנד — 400.

אין די ענגליש־רעדנדע לענדער (ענגלאַנד, אמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע) זענען דאָ 2000 חלוצים. אין די מזרח־לענדער (טער־קיי, איראַן, עגיפּטן, צפון־אַפריקע, אינדיע) — 5000.

זייט 257.

די צאָל עולים אין 1943 איז געווען 8,507 ; אין 1944 — 14,464 ; אין 1945 — 13,121 ; אין די ערשטע 9 חדשים פון 1946 — 11,694 (אין די דאָזיקע ציפערן פאַר די יאָרן 1943־46 זענען אַריינגערעכנט אויך מעפּילים, — די „אומלעגאַלע" איינוואַנדערער).

זינט דער באַלפור־דעקלעראַציע ביז דעם ערשטן פערטל פון 1947 זענען אַריינגעקומען קיין א"י 416,000 אידן ; זינט דער פאַרעפנטלעכונג פון „ווייסבוך" אין מאַי, 1939 — 95,000 ; זינט דעם אויסברוך פון קריג אין סעפּטעמבער 1939 — 83,000 ; זינט דעם סוף פון קריג, אין מאַי 1945 — 30,000. זינט דער „בעווין־דעקלעראַציע" קעגן דער „אומלעגאַלער" אידישער עליה, אין נאָוועמבער 1945 — 22,000.

קאַפּיטל פינפצן

די אַרבעטער־באַוועגונג

זייט 269.

דאָס יאָרבוך „תו שין וו" פון „דבר" גיט אָן, אַז דער רעכטער „פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאַריין" ציילט ביי 10,000 מיטגלידער ; דער לינקער „אַרבעטער־קאָנגרעס" ביי 6,000 ; דער „ברית פּועלי ארץ ישראל" רעפּרעזענטירט ביי 5,000 אַראַבישע אַרבעטער. אין אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אייזנבאַן, פּאָסט און טעלעגראַף־אַרבעטער זענען אין 1944 געווען 700 אַראַבישע מיטגלידער.

זייט 271.

די צאָל מיטגלידער פון דער הסתדרות האָט אין 1942 באַטראָפן 126,300; אין 1943 — 133,000; אין 1944 — 139,000; אין 1945 — 149.852; אין אָנהייב פון 1946 — 164.000 און אָנהייב 1947 — 169,903. צוזאמען מיט 81,865 קינדער און 7,239 עלטערן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון זייערע קינדער — הסתדרות־מיטגלידער, האָט די הסתדרות־משפחה באַטראָפן אָנהייב 1947 — קרוב 260,000 נפשות.

87.9 פּראָצענט פון די הסתדרות־מיטגלידער זענען אשכנזים; 9.4 פּראָצענט — ספרדים און 2.7 פּראָצענט — תימנים.

אין פאַרלויף פון יאָר 1946 איז איינגעפלאָסן מיטגלידס־אָפּצאָל אין דער הסתדרות אין הויך פון 1,750,000 פונט. אין 1945 איז איינגעפלאָסן 1,300,000 פונט.

זייט 273.

די צאָל אַרבעטס־קאָנפליקטן אין די יאָרן 1942־45 ווערט אי־לוסטרירט דורך די ווייטערדיקע ציפערן. אין 1942, ביי אידן (קאָנפליקטן אין פאַבריקן מיט געמישטע אידישע און אַראַבישע אַרבעטער ווערן פאַררעכנט אויפן אידישן חשבון) 108 קאָנפליקטן אין 277 אונ־טערנעמונגען מיט 8,509 אַרבעטער און 137,594 פאַרלאָרענע אַרבעטס־טעג. ביי אַראַבער — 2 קאָנפליקטן אין 1 אונטערנעמונג מיט 331 אַרבעטער און 2,046 אַרבעטס־טעג. אין 1943, ביי אידן — 136 קאָנפליקטן אין 213 אונ־טערנעמונגען מיט 13,703 אַרבעטער און 117,747 אַרבעטס־טעג. ביי אַראַ־בער — 11 קאָנפליקטן אין 36 פאַבריקן מיט 4,143 אַרבעטער און 13,903 פאַרלאָרענע אַרבעטס־טעג. אין 1944, ביי אידן — 112 קאָנפליקטן אין 152 אונטערנעמונגען מיט 9,648 אַרבעטער און 183,249 פאַרלאָרענע אַרבעטס־טעג. ביי אַראַבער — 7 קאָנפליקטן אין 19 אונטערנעמונגען מיט 187 אַר־בעטער און 765 פאַרלאָרענע אַרבעטס־טעג. אין 1945, ביי אידן — 111 קאָנפליקטן אין 143 אונטערנעמונגען מיט 5,839 אַרבעטער און 99,892 אַר־בעטס־טעג. ביי אַראַבער — 8 קאָנפליקטן אין 134 אונטערנעמונגען מיט 224 אַרבעטער און 1,678 פאַרלאָרענע אַרבעטס־טעג.

זייט 276.

די מועצת הפועלות איז געגרינדעט געוואָרן אין 1922. זינט דאַן האָט זי דורכגעמאַכט אַ שנעלע אַנטוויקלונג. אין יאַנואַר 1944 האָט זי געציילט 62,000 מיטגלידער. אין סוף 1946 68,000, פון זענען 30,000 אַרבעטערינס אין די שטעט, קאָלאָניעס און אין די אַרבעטער־דערפער און ביי 38,000 זענען הויז־פרויען. (פיל פון זיי זענען באַשעפטיקט ביי טייל־אַרבעט).

אין די 9 פאַרמס פון דער מועצת הפועלות האָבן אין 1946 באַקומען זייער אויסבילדונג 765 פרויען. דער „ארגון אמהות עובדות" (פאַרבאַנד פון אַרבעטנדע מוטערס), וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער מועצת הפועלות פירט אָן

מיט א רייע קינדער־אינסטיטוציעס, וואו עס ווערט געזאָרגט פאַר 5000 קינדער. זייער יערלעכער בודזשעט איז איבער 100,000 פונט. אין די פאַך קורסן פון דער מועצת הפועלות לערנען זיך ביי טויזנט פרויען. לעצטנס זע־נען אופגעבויט געוואָרן א רייע אייגענע הייזער פאַר די אַנשטאַלטן פון דער מועצת הפועלות, וועמענס בודזשעט ווערט צום גרויסן טייל געדעקט דורך דער פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

אין די בתי חלוצות — הייזער פאַר נײַ־געקומענע פרויען — אויס־געהאַלטן דורך דער מועצת הפועלות און דער פרויען־ליגע פאַר ארץ ישראל אין אַמעריקע, האָבן ביז מיטן 1947 געפונען א היים און הכשרה איבער 20,000 פרויען. א פערט הויז ווערט איצט געבויט אין נתניה (שרון).

„דבר הפועלת", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער מועצת הפועלות זינט 1934, האָט א צירקולאַציע פון 8,000 עקזעמפּלאַרן.

זייט 278.

דער „הנוער העובד" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1924. אין 1944 האָט ער געציילט 13,000 מיטגלידער, דערפון זענען 7,000 געווען אָרגאַניזירט אין יוגנט־סעקציעס ביי פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין 1946 האָט ער געציילט 15,000 מיטגלידער. ביי 1,000 יוגנטלעכע באַקומען יערלעך זייער פאַך־אויסבילדונג א דאַנק דעם „הנוער העובד". 18 אייגענע ישובים האָבן געשאַפן די מיטגלידער פון „הנוער העובד". אין 1947 האָבן 1,500 יוגנטלעכע געלערנט אין די אָוונט־שולן פון „הנוער העובד".

זייט 279.

צום „הפועל", ספּאָרט־פאַרבאַנד פון דער הסתדרות, געהערן אויך פיל מיטגלידער פון „הנוער העובד". דער „הפועל" איז אַנטשטאַ־נען אין 1925 און איז שנעל געוואָרן די גרעסטע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל. „הפועל" האָט סוף 1946 געציילט 10,200 מיטגלידער, אָרגאַני־זירט אין 120 ברענטשעס אין שטעט, קאָלאָניעס און אַרבעטער־דערפער. „הפועל" האָט אַן אייגענעם „פלאָט" פון 33 ספּאָרט־שיפלעך, ווי אויך א רייע ספּאָרט־פּלעצער. ביי תל אביב איז אין אויגוסט 1947 געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון א גרויסן ספּאָרט־סטאַדיאָן אויפן נאָמען פון דוב האָז, א פּראָמינענטער פירער פון דער הסתדרות, וואָס איז אומגעקומען אין א אַווי־אַ־קאַטאַסטראָפע אין 1940.

זייט 280.

די הסתדרות פירט איצט אָן מיט 6 פאַך־שולן: אין תל אביב, (אויפן נאָמען פון מאַקס פיין), אין ירושלים, חיפה, חדרה, צפת און טבריה. סרוב שולן טראָגן איצט דעם איינהייטלעכן נאָמען „עמל" (אַר־בעט). אין יאָר תש"ז זענען געעפנט געוואָרן די „עמל"־שול אין טבריה און

די שול פאַר פאַכן פון שווער־אינדוסטריע אין חיפה, געשאַפן מיט די מיטלען פון דער אינטערנעשאַנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן אין אַמעריקע.

זייט 282.

דער אײגענער קאַפּיטאַל פון „ניר" האָט אין 1946 באַטראָפן 908,000 פונט. „ניר" האָט אויך אָבליגאַציעס פאַר 154,340 פונט.

אין 1946 האָט „ניר" אַרויסגעגעבן הלוואות פאַר קרוב 600,000 פונט.

„ניר" האָט לעצטנס געשאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, און געשאַפן צו דעם צוועק אַ ספּעציעלע אָפּטײלונג אין מרכז חקלאי.

קאַפּיטל זעכצן

אידן און ענגלאַנד

זייט 317.

דער אָנטייל פון די אידן אין דער פּאָליצײ איז אין די לעצטע יאָרן ווײטער געפאַלן. די צאָל ענגלישע פּאָליציאַנטן האָט אין 1937 באַטראָפן קרוב 1,200. אין 1946 איז זי געשטיגן ביז 6,000. די צאָל אַראַבישע פּאָליציאַנטן איז געפאַלן פון 800 אין 1937 ביז 600 אין 1946. דער אָנטייל פון די אידן אין דער פּאָליצײ איז געפאַלן פון 20 פּראָצענט אין 1937 ביז 6 פּראָצענט אין 1946.

עס איז אויך שטאַרק געפאַלן דער פּראָצענט פון די אידן צווישן די נוטרים (געהילפס־פּאָליצײ). אין 1941־42 זענען געווען איבער 6,000 אידישע נוטרים קעגן 2,500 אַראַבער. אין 1946 איז די צאָל פון די אידישע נוטרים געפאַלן ביז 3,000, און די צאָל פון די אַראַבישע נוטרים איז געשטיגן פון 2,500 ביז איבער 6,000.

זייט 319.

דער באַריכט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צום 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל גיט אָן, אַז דער אידישער אָנטייל אין די הכנסות פון דער רעגירונג אין יאָר 1944־1945 האָט באַטראָפן 65 פּראָצענט, אין דער צייט ווען די אידן האָבן נאָר געבילדעט 32 פּראָצענט פון אַלע אײנוואוינער פון לאַנד. דאָס באַדײט, אַז דער אידישער אָנטייל אין די רעגירונגס־הכנסות אין פּראָפּאָרץ צו דער איבעריקער באַפעלקערונג איז געווען פיר מאָל אַזוי גרויס אויף יעדן נפש.

בעתן קריג איז אײנגעפירט געוואָרן אַ נײער שטײער, דער הכנסה־שטײער, און דער חלק פון די דירעקטע שטײערן אין דער רעגירונגס־הכנסה איז געשטיגן פון 19 פּראָצ. אין 1938־39 ביז 42 פּראָצענט אין יאָר 1944־45.

דער אַנטייל פון די אידן אין הכנסה־שטייער האָט באַטראָפן 67 פּראָצענט אין יאָר 1944־45, אָדער 73 פּראָצענט, אויב מיר שליסן אויס פון חשבון די אויסלענדישע געזעלשאַפטן.

די רעגירונג האָט סך־הכל אויסגעגעבן אין די יאָרן 1939־40 און 1940־41 קוים איבער 12 פּראָצענט פון אירע בודזשעט־אויסגאַבן פאַר צוועקן פון אידישער ערציונג און געזונטהייט; אין 1943־44 איז עס געשטיגן ביז 14 פּראָצענט (166,000 פונט פון אַ בודזשעט פון 1,150,000 פונט) און אין 1944־45 — 13.3 פּראָצענט (200,000 פונט פון אַ בודזשעט פון 1,500,000 פונט). ריכטיק ווייזט אָן ד"ר קורט נבּרצקי, דער מחבר פון בוך „המנדט ומשק הארץ", פון וואַנען מיר שעפּן די אויבנדערמאָנטע ציפערן, אַז ס'איז געשען אַ געוויסער פאָרשריט אין פאַרגלייך מיט די פאַריקע יאָרן, אָבער אין דער לעצטער שורה איז דער פּראָצענטועלער אַנטייל פון דער רעגירונג אין די אידישע בודזשעטן פאַר געזונטהייט און דערציונג נאָך אַלץ נישטיק קליין.

דער אַנטייל פון דער רעגירונג אין יאָר 1943־44 אין אידישן געזונטהייטס־בודזשעט האָט באַטראָפן קוים 2 פּראָצענט. זינט דעם אָנהייב פון מאַנדאַט־רעזשים ביז מערץ 1945 האָט די א"י רעגירונג אויסגעגעבן איבער 180.000 פונט פאַרן אידישן געזונטהייטס־סיסטעם. ניט בעסער זעט אויס די לאַגע אויפן פעלד פון ערציונג. אין די 15 ביז 16 מיליאָן פונט, וואָס די אידן האָבן אויסגעגעבן פאַר ערציונג זינט דעם אָנהייב פון מאַנדאַט־רעזשים ביז מערץ 1945, האָט די רעגירונג זיך נאָר באַטייליקט מיט אַ קנאַפּן מיליאָן פונט.

די לעצטע יאָרן זענען די רעגירונגס־הוצאות פאַר אידישער ערציונג געשטיגן. זיי האָבן באַטראָפן 77,000 פונט אין יאָר 1941־42; 101,000 פונט אין יאָר 1942־43; 144,000 פונט אין יאָר 1943־44 און 172,000 פונט אין יאָר 1944־45. אין יאָר 1944־45 האָבן די אידן אַריינגעטראָגן ביי 11 מיליאָן פונט אין דער רעגירונגס־קאַסע.

כדאי איז צום סוף צו דערמאָנען, אַז אין יאָר 1944־45 האָט די א"י רעגירונג אויסגעגעבן 4,600,000 פונט אויף אָפּהיטן „געזעץ און אָרדנונג" און נאָר 550,000 פונט אויף געזונטהייט און 700,000 פונט אויף ערציונג...

קאַפּיטל אַכצן

עבר הירדן

זייט 348.

די אידישע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל איז געוואַקסן פון 84,000 אין 1922 ביז 175,000 אין 1931, 404,000 אין 1936, 592,000 אין 1945, 625,000 אין 1946 און 670,000 אין מיטן 1947.

דער פּראָצענט פון אידן צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז גע־וואקסן פון 11.0 אין 1922 און 1922 ביז 16.9 אין 1931, 28.2 אין 1936 און 33.6 אין 1946. אויב מען זאָל צורעכענען די 66,000 בעדואינער. וועט דער פּראָצענט פון אידן באַטרעפן 32.4 פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג.

אין די צען יאָר צווישן 1936 און 1946 איז דער ישוב געוואקסן מיט 50 פּראָצענט. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון ארץ ישראל האָט לויט די רעגירונגס־ציפערן באַטראָפן סוף 1946 — 1,864,000 און ווען מען זאָל צוגעבן די בעדואינער, וואָס ווערן געשאַצט אויף 66,000, וועט די צאָל איינוואוינער באַטרעפן 1,930,000 נפשות.

פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע קרייזן האַלטן אָבער, אַז די צאָל פון די מאַכמעדאַנער אין ארץ ישראל (1,035,000 צום סוף 1945) איז מורא'דיק איבערגעטריבן. דער יסוד פון דער רעגירונגס־סטאַטיסטיק איז די לעצטע פאָלקס־ציילונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1931. אין אידישן ישוב און צווישן אַ צאָל קריסטלעכע געמיינדעס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּער־זענלעכע רעגיסטראַציע, אָבער אין די מאַכמעדאַנישע דערפער און ביי אַ גרויסן טייל פון די מאַכמעדאַנער אין די שטעט האָט מען זיך באַנוגנט מיט „שאַצונגען" אויפן גרונד פון דער צעשפּילטער אָריענטאַלישער פאַנ־טאַזיע פון די אַראַבישע מוכטאַרן (עלטסטע), און ס'איז דאַן אויסגעקומען די געשוואָלענע ציפער פון 693,000 מאַכמעדאַנער. לויט דעם חשבון קומט אויס, אַז ביז 1945, דאָס הייסט אין משך פון 14 יאָר, איז די מאַכמעדאַ־נישע באַפעלקערונג געוואקסן מיט 50 פּראָצענט נאָר דורך נאַטירלעכן צו־וואוקס. אַזאַ זאַך האָט זיך נאָך נישט געטראָפן ביי קיין שום ישוב אין דער גאַנצער וועלט!

די ענגלישע באַאמטע זענען געווען פאַראינטערעסירט פאַר זייערע פּאָליטישע חשבונות אָנצוגעבן אַ גרעסערע צאָל מאַכמעדאַנער. ווי עס גיט אַליין צו דער סטאַטיסטישער רעגירונגס־באַריכט, באַקומען די מוכטאַרן פון די דערפער אַ געוויסע סומע פאַר מעלדן יעדן געבורט־און טויט־פאַל. איז ווענן טויט־פאַלן איילן זיי זיך ניט צו מעלדן, כדי נישט אַריינצופּלאָנטערן זיך אין איבעריקע אויספאָרשונגען וועגן קרימינעלע פאַרברעכנס און אויס־מיידן איבעריקע אָנפראַגן מצד דער פּאָליציי. אָבער דערפאַר צעלאָזט זיך ברייט די פאַנטאַזיע פון די מוכטאַרן ווען עס האנדלט זיך וועגן אָנגעבן די צאָל געבורטן... אין די אַראַבישע דערפער, וואו ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מער גרינטלעכע סטאַטיסטישע אויספאָרשונג, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די אָפיציעלע רעגירונגס־ציפערן זענען מיט 40־50 פּראָצענט העכער פון די פאַקטישע צאָלן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

דער פאַקטישער פּראָצענט־זאַץ פון דער אידישער באַפעלקערונג אין א"י איז פיל העכער ווי ער איז אָנגעגעבן אין די אָפיציעלע רעגירונגס־סטאַטיסטיקס — האַלטן קאָמפּעטענטע קרייזן אין ישוב.

קאַפּיטל נײַנצן

ארץ ישׂראלס שכנים

זייט 363.

דער האַנדל צווישן ארץ ישׂראל און עגיפּטן האָט אין די יאָרן 1942־1945 אַזוי אויסגעזען:

יאָר	אימפּאָרט פון עגיפּטן (אין טויזנטער ענגלישע פונט)	עקספּאָרט קיין עגיפּטן
1942	1,035	429
1943	2,011	632
1944	2,099	1,234
1945	1,313	1,114

זייט 368.

דער האַנדל צווישן סיריע און ארץ ישׂראל אין די יאָרן 1942־1945 ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די ווייטערדיקע ציפערן:

יאָר	אימפּאָרט פון סיריע (אין טויזנטער ענגלישע פונט)	עקספּאָרט קיין סיריע
1942	679	282
1943	1,460	469
1944	1,400	825
1945	1,623	1,017

זייט 372.

דער האַנדל מיט ציפּערן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די לעצטע יאָרן. דער אימפּאָרט פון ציפּערן איז געשטיגן פון 86,000 פונט אין 1939 ביז 195,000 פונט אין 1942, 471,000 פונט אין 1943, 518,000 אין 1944 און 618,000 פונט אין 1945. דער עקספּאָרט קיין ציפּערן איז געשטיגן פון 15,000 פונט אין 1938 ביז 70,000 פונט אין 1942, 197,000 פונט אין 1943, 353,000 אין 1944 און 214,000 פונט אין 1945.

זייט 376.

דער האַנדל צווישן ארץ ישׂראל און איראַק אין די יאָרן 1939־1945 האָט אַזוי אויסגעזען:

יאָר	אימפּאָרט פון איראַק (אין טויזנטער ענגלישע פונט)	עקספּאָרט קיין איראַק
1939	207	5
1942	642	104
1943	767	489
1944	3,329	384
1945	2,913	670

דער גרעסטער טייל פון אויסגעוואַקסענעם אימפּאָרט פון איראַק באַשטייט פון נאַפט און נאַפט־פּראָדוקטן.

זייט 377.

דער שטאַרק אויסגעוואַקסענער האַנדל צווישן ארץ ישראל און טערקיי אין די יאָרן 1939־1945 ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די וויי־טערדיקע ציפערן:

יאָר	אימפּאָרט פון טערקיי (אין טויזנטער ענגלישע פונטן)	עקספּאָרט קיין טערקיי
1939	92	9
1942	570	571
1943	1,372	710
1944	2,289	260
1945	2,562	224

אין די 6 יאָר 1940־1945 האָט ארץ ישראל אימפּאָרטירט פון די לענדער פון מיטעלן מזרח (אין נאַפט און נאַפט־פּראָדוקטן) פאַרן סכום פון 46.5 מיליאָן פונט און אהין עקספּאָרטירט פאַרן סכום פון 16 מיליאָן פונט. דער האַנדלס־דעפיציט פון ארץ ישראל האָט אַלזאָ באַטראָפן ביי 30.5 מיליאָן פונט. אין די יאָרן 1945־46 איז דער ארץ ישראלדיקער האַנדלס־באַלאַנס געוואָרן נאָך פאַרגרעסערט צוליבן אַראַבישן באָיקאָט. דער עקספּאָרט אין די לענדער פון מיטעלן מזרח באַטרעפט איצט נאָר אַ צענטל פון ארץ ישראל־עקספּאָרט. אויסער דעם געפאַלענעם עקספּאָרט צו די אַראַבישע לענדער, איז אויך געפאַלן דער עקספּאָרט קיין טערקיי און איראַן, דערפאַר איז גע־וואַקסן דער עקספּאָרט צו די אַנדערע לענדער פון מיטעלן מזרח, ווי ציפּערן, מאַלטאַ, אַדען, ואחרון־אחרון — אין אַ רייע אייראָפּעאישע לענדער, וואָס ליגן ביי די ברעגן פון מיטלענדישן ים.

אַ וויכטיקע טעטיקייט אויפן געביט פון פאַרשטאַרקן דעם עקספּאָרט פון ארץ ישראלדיקע אידישע סחורות האָט אַנטוויקלט דער „מכון לסחר חוץ" (אינסטיטוט פאַר אויסערן־האַנדל), וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער אידישער אַגענטור אין 1938. זיין אומזאַץ איז געשטיגן פון 42,000 פונט אין 1939 ביז 208,193 פונט אין 1942, 438,533 פונט אין 1943 און 868,465 פונט אין 1945.

די קעגן־אַקציע פון ישוב קעגן אַראַבישן באָיקאָט האָט שוין שטאַרק גע־שאָדט געוויסע אַראַבישע לענדער, באַזונדערס לבנון, וואָס האָט פיל געוואָנען פון אידישע טוריסטן אין די זומער־חדשים און פאַרלוירן אַ רייכן מאַרק פאַר אירע ירקות, און עגיפּטן, וואָס האָט שטאַרק דערפילט דעם אידישן קעגן־באָיקאָט קעגן אירע טעקסטיל, טאַבאַק, תבואה און אַנדערע סחורות.

געקליבענע ביבליאָגראַפיע

די פאָרליגנדע רשימה פון ביכער איבער ארץ־ישראל פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע וואָס זאָל קענען באַנוצט ווערן פון פאָרשער. די ערפאַרונג באַווייזט אַז אַזאַ ביבליאָגראַפיע איז פון קליינעם ווערט פאַר דעם געוויינלעכן לעזער.

איך האָב דערפאַר געהאַלטן פאַר נוצלעכער צו געבן אַ קורצע רשימה פון אויסגעקליבענע ביכער, נאָר אין ענגליש, וואָס זאָלן העלפן צו פאַרטיפן און פאַרברייטערן די ידיעות פון די לעזער פון דעם בוך. אַ טייל פון די רעקאָמענדירטע ביכער אַנטהאַלטן אַ מער גענויע ביבליאָגראַפיע פאַר ווייטערדיקער באַנוצונג מצד וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער.

דאָס אויסלאָזן אַ געוויס בוך פון דער געקליבענער ביבליאָגראַפיע דאַרף בשום אופן ניט ווערן אויסגעטייטשט אַלס אַ נעגאַטיווער אורטייל איבער זיין אינהאַלט. פיל ווערטפולע ביכער זיינען געוואָרן אויסגעמיטן אין דער רשימה ווייל זייער אינהאַלט ווערט גענוגנד געדעקט דורך אַן אַנדער בוך אין דער פאָרליגנדער ביבליאָגראַפישער רשימה.

דאָקומענטן, באַריכטן און סימפּאָזיומס

Joint Palestine Survey Commission, *Report of the Experts*. Boston, 1928.

Simpson, Sir John Hope. *Palestine, Report on Immigration, Land Settlement, and Development.* London, 1930.

Documents and Essays on Jewish Labor Policy in Palestine. Issued by the Histadruth. Telaviv, 1930.

Palestine, a Decade of Development. Annals of the American Academy of Political and Social Sciences. Philadelphia, November, 1932.

Plough Woman. Records of the Pioneer Women in Palestine. New York, 1932.

Jews and Arabs in Palestine. Symposium, by Hechalutz. New York, 1936.

Palestine Royal Commission, Report. London, 1937.

Memorandum to the Royal Commission. Submitted by the Jewish Agency for Palestine. London, 1936.

The Puzzle of Palestine. By David L. Popper. Foreign Policy Association. New York, 1938.

Great Britain and Palestine, 1915-1939. Royal Institute of International Affairs. London, 1939.

Paul L. Hanna. *British Policy in Palestine.* American Council for Public Affairs. Washington, 1942.

The Broken Pledge, The Case Against the White Paper. Jewish Frontier Association. New York, 1944.

פיל וויכטיקער מאַטעריאַל איז אויך פאַראַן אין די יערלעכע באַריכטן פון הויך־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל צו דער פעלקער־ליגע, ספּעציעל פאַר די יאָרן 1935-1938 און אין די באַריכטן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו די לעצטע פאַר־מלחמה־קאָנגרעסן (לוצערן, 1935; צוריך, 1937; גענף, 1939).

אַנדערע ביכער און פּאַמפלעטן

Andrews, F. F. *The Holy Land Under Mandate.* Boston, 1930.

Antonius, George. *The Arab Awakening.* Philadelphia, 1939.

Bardin, S. *Pioneer Youth in Palestine.* New York, 1932.

Ben Horim, Eliahu. *The Middle East.* New York, 1943.

Ben Shalom, Avraham. *Deep Furrows.* New York, 1937.

Bentwitch, Norman. *England in Palestine.* London, 1932.

Bentwitch, Norman. *Fulfillment in the Promised Land.* London, 1938.

Bonné, Alfred. *The Economic Development of the Middle East.* Jerusalem, 1943.

Brandeis, Louis D. *Essays on Zionism.* Issued by ZOA. Washington, 1942.

Burstein, M. *Self-Government of the Jews in Palestine.* Telaviv, 1934.

Granovsky, A. *Land Policy in Palestine.* New York, 1940.

De Haas, Jacob. *Palestine in the Last Two Thousand Years.* New York, 1934.

Herzl, Theodore. *The Jewish State.* Translated by Sylvia D'Avigdor. London, 1934.

Himadeh, Saïd. *The Economic Organization of Palestine.* Beirut, 1938.

Holmes, J. H. *Palestine Today and Tomorrow.* New York, 1929.

Horowitz, D., and Hinden, R. *Economic Survey of Palestine.* Telaviv, Jerusalem, 1938.

Hyamson. *Palestine, a Policy.* London, 1942.

Infield, Henrik F. *Co-operative Living in Palestine.* New York, 1944.

Jarvis, C. S., Major. *Yesterday and Today in Sinai.* London, 1938.

Keith, Roach A., and Luke, C. H. *The Handbook of Palestine and Transjordan.* London, 1937.

Kisch, Frederick H. *Palestine Diary.* London, 1938.

Konikoff, A. *Transjordan, an Economic Survey.* Jerusalem, 1943.

Levinson, Lotte. *Outline of Zionist History.* New York, 1943.
Lowdermilk, Walter C. *Palestine, the Land of Promise.* New York, 1944.
Machover, I. S. *Governing Palestine.* London, 1936.
Machover, I. S. *Jewish State, or Ghetto.* London, 1937.
Mintzner, G. *Jewish Labor Economy in Palestine.* Jerusalem, 1943.
Moine, E. *Palestine on the Cross Roads.* London, 1939.
Nardi, N. *Zionism and Education in Palestine.* New York, 1935.
Revusky, Abraham. *The Histadruth, a Labor Commonwealth in the Making.* New York, 1937.
Ruppin, Arthur. *Three Decades of Palestine.* Jerusalem, 1936.
Samuel, Maurice. *Harvest in the Desert.* Philadelphia, 1944.
Sidebotham, H. *British Policy and the Palestine Mandate.* London, 1929.
Smelansky, M. *Jewish Colonization and the Fellah.* London, 1930.
Stoloff, Rose N. *Co-operatives and Collectives in Paestline.* New York, 1935.
Ulitzur. *Twenty Years of the Keren Hayesod.* Jerusalem, 1940.
Van Paassen, Pierre. *The Forgotten Ally.* New York, 1943.
Wauchope, Sir Arthur G. *Communal Settlements in Palestine.* London, 1942.
Weisman, Herman L. *The Future of Palestine.* New York, 1937.
Wurm, Shalom. *The Kvutza.* New York, 1942.
Ziff, William B. *The Rape of Palestine.* New York, 1938.

•

ביבליאָגראַפיע
צו די „באַמערקונגען פון איבערזעצער"

א פערטל יאָרהונדערט הסתדרות, ניו־יאָרק, 1946.
אברמוביץ, ז. וגלפט י. המשק הערבי בארץ־ישראל ובארצות המזרח התיכון. תל־אביב, תש"ב.
אטיאש, משה. כנסת ישראל בארץ־ישראל. ירושלים, 1944.
ביין, אלקס. תולדות ההתישבות הציונית. תל־אביב, תש"ה.
לוח הארץ לשנת תש"ו. תל־אביב, תש"ו.
לנדסהוט, ז. הקבוצה. ירושלים, 1944.
נברצקי, ק. המאנדאט ומשק הארץ. מרחביה, 1946.
ספר השנה של העתונאים, תש"ו. תל־אביב, תש"ז.

פולק, אב. נ. הישוב העברי במוצאי המלחמה. מרחביה, 1945.
קניבסקי, י. בעית האוכלוסין והבטחון הסוציאלי. תל־אביב, תש"ז.
שמעוני, י. ערבי ארץ־ישראל. תל־אביב, תש"ז.
תו שין היא. תל־אביב, תש"ו.
תו שין וו. תל־אביב, תש"ז.

Mintzner, Gerhard. *Labor Enterprise in Palestine.* New York, 1947.

Nathan, Robert R., Gass, Oscar, and Creamer, Daniel. *Palestine, Problem and Promise.* New York, 1946.

Palestine Year Book, 5706, 5707. New York, 1945, 1946.

אינדעקס

אינדעקס

א.

אבדאלא, קעניג פון עבר הירדן, 295, 347, 351-52, 356-57.
אבדול האמיד, טערקישער סולטאן, 14, 286.
„אביזר", 408.
אביסיניע, 324.
אגודת ישראל, 178, 215-16, 219-20, 227, 229-231, 258.
אגריקולטור, זע לאנדווירטשאפט.
ארען, 373.
אדעסער קאמיטעט, 10.
„אוהל", 196, 421.
אונאנדא, 14, 286-87.
אויטאנאמיע, זע נאציאנאלע אויטאנאמיע.
אויל־קוואלן, 88.
אויל, אין ארץ ישראל, 88, 386; אין איראק, 375-76; אין יקרות, 89, 107; עסענץ־אויל, 74, 92, 94.
אויסטראליע, האנדל מיט א"י, 103.
אויסלאנדס־האנדל, זע עקספארט; אימפארט.
אויספארשונגס־קאמיסיעס, 38, 40, 303.
אויפנאמס־פייאיקייט, 24, 379-94; פון לאנד־ווירטשאפט, 66, 383-85; אינדוסטריע, 385-86, 388-90; מינעראל־קוואלן, 386-87; ים־אקטיוויטעטן, 390-91; טוריסטיק, 391-92; אנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, 392-94.
אונגארן, 97.
אוניאן באנק, האלאנד, 118.
אוניווערסיטעט, העברעאישער, 26, 57, 191-193, 243, 293, 420-21; געשיכטע, 26, 293; פאקולטעטן, תלמידים, לערער, 192-93; קריטיק און פארטיידיקונג, 193-94; מעדי־צינישער פאקולטעט, 202.
אוניווערסיטעט־ביבליאטעק, 192, 420.
אוסישקין, מ. מ., 214, 258, 314-15.
אחד העם, 6
„אחדות העבודה", 221.
אטאמאן באנק, 118.
„אטא", 89.
איבן סאוד, 351.
איבראהים אישאם, 352.
אידיש, 130, 181, 184-86, 322-33.
אידישע אגענטור, 29, 41, 47, 83, 98, 192, 237, 240, 276, 294; קאלאניזאציע, 242-245, 258-60; ערציאונג, 243-45, 276; ועד הלאומי, 216-17; געשיכטע, 259, 261-62; אימיגראציע, 242, 249-55.
אידישע אוויאציע, 115.
אידישע ארמיי, 53-56, 59, 241.
אידישע בריגאדע, 56.
אידיש־נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד, 149.
אידישע נאציאנאלע היים, 14, 25, 41, 43, 45, 50, 290-91, 296-98, 306-308.
אידישער נאציאנאל־פאנד, זע נאציאנאל־פאנד.
אידישע פאליציי, 53, 217, 317.
אידישער פלאט, 113, 390, 406.
אידישע קאלאניאל־באנק, 15, 248-49.
„אידישע קאמיסיע", 292-93.
אידישע קאמאנוועלט, 62, 319; זע אויך אי־דישע נאציאנאלע היים; באלפור־דעקלא־ראציע.
אידישע קרינס־אנשטרענגונג, 57, 319.
„אידנשטאט" פון ד"ר הערצל, 13.
אידנשטאטס־פארטיי, 227, 427, 429.
איטאליע, 36, 54, 324-25.
איילבירטן, זע אליוון.
אייזנבאנען, זע טראנספארט.
אייזנבאן־ארבעטער, 269, 432.
אייער, זע עופות־צוכט.
אימיגראציע, 24, 27-28, 34, 44-45, 48, 59, 297, 305-06, 310, 342; „אומלעגאלע" אי־מיגראציע, 48-49, 53, 311; פון ארבעטער, 241, 249-52; פון קאפיטאליסטן, 249, 255; פון קרובים, 249; סטאטיסטיק, 257; און די אראבער, 305-06, 331-33; ארץ ישראל־אמטן, 250-52, 255; און פראספעריטי, 308-09, 340-41.
אימפארט, 80, 98-100, 363, 368, 372, 376-377, 389, 437-39, 405; זע עקספארט.
אינדוסטריע, 27 34, 57-58, 60, 82-96, 244, 361, 585-86, 389-90, 397-98, 403-404; אין חיפה, 89-90; אין תל־אביב, 91-93; אין דערפער, 47, 93-94; אין ירושלים, 94-96; לאנדווירטשאפטלעכע, 79-80; אינוועסטי־ציעס אין, 82-83; און אויסלענדישער האנדל, 106-108; טעקסטיל, 89-90, 403; כעמישע, 403.
אינוועסטירונגען, 70-71, 82-83, 99-100, 405-406; אין לאנדווירטשאפט, 70-71; אין אינדוסטריע, 82-83, 343; אין הייזער־בוי, 152.
איסט אינדיע קאמפאני, 286.
איסלאם, זע מאכמעדאנער.
איק"א, 11-12.
איראן, זע פערסיע.

איראק, 45, 295, 325, 330-31, 347, 373-77, 379; האנדל מיט א"י, 110, 376-77, 438; געזונטהייט, 208-09; איריגאציע־מעגלעכקייטן, 374-75; אויסערן־האנדל, 376; באפעלקערונג, 374; אידן, 375.
איראק פעטראלעאום קאמפאניע, 268, 352, 386.
איריגאציע, זע באוואסערונג.
אלגעמיינע ציוניסטן, 223-24, 419, 427, 428.
„אלטניילאנד" פון ד"ר הערצל, 13.
אליאנס איזראעליט, 9, 178, 189, 419.
„אל־ליווא", 352.
אליוון, 74, 384, 400.
אליעזר בן יהודה, 18.
אליפאנט לארענס, 285-86, 349.
אלענביי, עדמונד, פעלדמארשאל, 26, 291, 293.
אלעקסאנדריע, 209.
אלקאהאל, 387.
אמאן, 355, 368.
אמאר־מעטשעט, 30.
אמעריקאנער אין ארץ ישראל, 34, 119, 246, 253, 293. זע אויך פאראייניקטע שטאטן.
אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, 264.
„אמפאל", 415.
אנגלא־דזשואיש אכאסיאיישאן, 178, 419.
אנגלא־פאסטיין באנק, 15, 117-19, 248-49, 261, 408.
אנגלא־פאלעסטיין קאמפאניע (א. פ. ק.); זע אנגלא־פאלעסטיין באנק.
אנטיסעמיטיזם, 4-6, 254.
אנסקי, ש., 196.
אסימילאציע, 6, 182, 185.
אסיריער אין איראק, 45, 330, 370.
אספת הנבחרים, 26, 214-16, 220, 229-30, 427; זע אויך נאציאנאלע אויטאנאמיע.
אפאץ־מארק, אינדוסטריע, 84.
אפטייקן, 203-04.
אפענהיימער, פראנץ, פראפ', 17, 162.
אפערע, זע מוזיק.
אקאבא, 88, 357-59, 378.
אקושערקעס, 206.
אראביש, 22, 322; אין העברעאישע שולן, 188, 192.
אראביש־אידישע באציאונגען, פארן ערשטן וועלט־קריג, 23, 322-23.
אראביש־אידישע באציאונגען, 343, 345, 361, 375.
אראבער, 8, 11, 23, 40-45, 225, 321-46; לאנדווירטשאפט, 68, 72; אויכברוכן, 24, 31, 36, 69, 229, 271, 295-99, 307, 317, 326-327, 329-30; אין 2טן קריג, 56; קאאפעראציע, 153; געזונטהייט, 204; ארבעטער, 11, 68, 232, 266-71, 432; עפענדים, 267; סטאטיסטיק, 206-08, 349-50; לעבנס־סטאנדארד, 60, 63, 68, 153-54, 201, 267, 337-340; לאנדלאזע, 304-05; ערציאונג, 177-178; אימיגראציע קיין א"י, 311-12, 337; אידישע אימיגראציע, 340-41; אפאזיציע צום ציוניזם, 328-34; שטיצע פון דרויסן, 36-37, 41, 324-27; אראבישע ארגומענטן, 333-34, 341-43; מאראלישע פראגע, 344-345.
אראבישע מלוכות און א"י, 41, 360-77; באיקאט אידן, 439.
אראנזשן־ווירטשאפט, 34, 65, 70, 72, 106, 261, 313, 349, 362-63, 373; זע ציטרוספרוכט.
ארביטראזש, 218.
ארבעטס־ביוראען, 274-75.
ארבעטער ארגאניזאציע, זע הסתדרות.
ארבעטער באנק, 121, 150-51, 415.
ארבעטס־לוין, 399.
ארבעטס־קאנפליקטן, 273, 433.
ארבעטער־יוגנט, זע „הנוער העובד".
ארבעטער־ציוניזם, זע הסתדרות; מפא"י; „השומר הצעיר"; פועלי־ציון.
ארבעטער קראנקן־פאנד, זע קופת חולים.
„ארגון אמהות עובדות", 433.
ארגון צבאי לאומי, 61.
אריענטאלישע אידן, 130, 186, 280, 375, 410.
ארמענער, 370.
ארענדאטארס, אראבישע, 312, 314, 341.
ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־פארטיי, זע מפא"י; סיעה ב', 223.
ארץ־ישראל־אמטן, זע אימיגראציע.
אשכנזים, 218-19.

ב.

באגדאד, 209, 368, 374, 378.
באדן: קויף־באגרעניצונגען, 304-05, 312-14, 332-33; שטייערן, 313-14; קאנסערווירונג, 381-82; מלוכה־באדן, 295, 297; זע נאציאנאל־פאנד.
באהאים, 177.
באר־פלעצער, 212.
באוואלדונג, 63, 68-69, 246, 400.
באוואסערונג, 36, 57-58, 63, 76, 78, 148-49, 336, 383-84.
באזעלער פראגראם, 237-38.
באלפור, ארטור דזשיימס, 21, 26.
באלפור־דעקלאראציע, 21, 43, 215, 284, 289-292, 293-320, 323, 329; טעקסט, 21; געשיכטע, 21-22, 289-92; אינטערפרעטאציע, 41-43, 289-98; באשטעטיקט דורך פאראייניקטע שטאטן, 289, 294. זע אויך מאנדאט; ענגלאנד.
באנאנעס, 75, 401.
באנען, 91, 114.
באנקא די ראמא, 118.
באנק־וועזן, 116-19, 408.
באסעס, זע טראנספארט.
באסרא, 209, 373.
באפעלקערונג, 8, 19-20, 337, 348, 381, 348-349.
באקליידונגס־אינדוסטריע, 89, 91-92, 94, 107, 272.
באר־טוביה, 49.
באר־שבע, 48, 57.
באראכאוו, בער, 16.

בארלאסינא, קארדינאל, 325.
בארקליי באנק, 117.
באשעפטיקונגס־סטרוקטור, אין אייראפע, 2-3, 97; אין ארץ־ישראל, 70, 97-98.
„בדולח", 413.
בודזשעט, פון ארץ־ישראל־רעגירונג, 309, 319, 353, 435-36; פון עבר־הירדן, 353; פון אידישער אגענטור, 243-45; פון תל־אביב, 409; פון חיפה, 410; פאר דערציאונג, 419, 436; קופת חולים, 203, 424; פאר געזונטהייט, 203, 424, 436.
בוי־באוועגונג, 27, 35-36, 244-45, 409; אין תל־אביב, 122-23; אין חיפה, 132-33; אין ירושלים, 131; בוי־מאטעריאלן, 88-89, 94.
בוכארא, 218.
ביל"ו, 7-8.
בינעז, זע האניק.
ביקאנכפילד, לארד (ד'יזראעלי), 285.
בית־לחם, 204, 337.
בית־שאן, 24, 78, 297.
בייוול, 362, 375.
בלאד, ד., מעיאר פון תל־אביב, 222.
ביירוט, 114, 368-69.
בן־גוריון, 226.
בן־יהודה, אליעזר, 18.
בנק הפועלים, זע ארבעטער־באנק.
בן־שמן, 190.
בני־בנימין, 278-79.
בנימינה, 94.
„בנין־קאמפאני" (פון דרום־אפריקאנער אידן), 119.
בעדואינער, 8, 32, 311-12, 315, 436.
בעטערטאן, ענגלישער רעפוטאט, 304.
בעלגיע, האנדל מיט ארץ־ישראל, 109.
בענדזשאמין, בריגאדיר־גענעראל, 56.
בענטוויטש, נארמאן, 19.
בערג, 384.
„בצלאל", 95, 197.
בראמין, 86, 387.
ברית פועלי ארץ־ישראל, 266-71.
בת־גלים, 133.

ג.

גאזא, זע עזה.
גאלרציער, ד"ר, איגנאץ, 192.
גאנדי, מאהאטמא, 329.
גארדאן, יהודה ליב, 184.
גארדאן, אהרן דוד, 266.
גארד, לארד, הויד־קאמיסאר, 61, 300, 399.
גדרה, 210, 392.
גורוויץ, ג., ד"ר, 410.
גיפס, 88.
גייסטיק־קראנקע, 204.
גלאז־אינדוסטריע, 94, 144.
גלות, 1, 96, 228.
גליל, 12, 39, 48, 57, 96, 192, 382.
גלעד, 286, 349.
געבורטן, 207, 426; קריסטן, 207, 426; מאכמעדאנער, 207, 426.
געווערקשאפטן־קאמפיין, 191, 247, 280, 425.
געזונטהייט־קאמיסיע...

געזעצגעבערישער ראט, 24-25, 36, 297.
געלט־סיכטעם, 116, 408.
געמישטע לאנדווירטשאפט, 57-58.
געריכטן, זע משפט השלום; רבנישע געריכטן.
גריכנלאנד, 56.
גרים, 410.
גרינס־ווירטשאפט, 77, 401-02.
גרעיפ־פרוכט, זע ציטרוס־פרוכט.

ד.

ד'איזראעלי, זע ביקאנספילד.
דאקטוירים, 204, 206.
„דבר", 198-99, 422.
„דבר הפועלת", 434.
דגניה, 17, 77, 161-62, 175-76, 266.
דזשודיא לייף אינשורענס קאמפאניע, 120.
דזשעבאל דרוז, 369.
דזשעמאל הוסייני, 45.
דזשעמאל פאשא, 20.
„דזשענעראל מארטגיידזש באנק", 118.
דיאמאנטן־אינדוסטריע, 58, 92, 389, 404.
דיזענגאף, מאיר, 126.
דייטשלאנד; אידן פון, 19, 35, 212; שטיצע אראבער, 37, 43; האנדל מיט ארץ־ישראל, 108-10, 256-57, 282; אין ערשטן וועלט־קריג, 289.
דירה־געזעצן, 127.
דמשק, 77, 355, 357, 368, 373-74.
דע גאל, טשארלס גענעראל, 370.
דע האז, ישראל, ד"ר, 230.
דענטיסטן, 203-94, 206.
דעפארטאציע פון אימיגראנטן, זע אימיגראציע, „אומלעגאלע".
דרום־אפריקאנער אין א"י, 92, 119.
דרוקעריי, 93, 95, 272.
דריטער אינטערנאציאנאל, זע קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל.

ה.

האאג, וועלט־געריכט, 46.
האז, דוב, 434.
האלאנד, האנדל מיט א"י, 109.
האנדל, 19, 97-110, 363, 368, 372, 376, 377, 437-39; אין גלות, 97; שוועריקייטן דורכן א"י מאנדאט, 102; האנדס־דעפיציט פון א"י, 101, 405, 439.
האניק, 79, 402.
האנדל, 78.
האפקינס, ענגלישער דעפוטאט, 304.
„הארץ", 199.
„הבוקר", 199.
„הבימה", 195-97, 421.
„הגנה", 31, 54, 245, 264, 296-97, 330.
„הדסה", 132, 190, 202-05, 217, 240, 337; „הדסה"־אוניווערזיטעט־שפיטאל, 194, 202, 391, 420; יוגנט־עליה, 247.
הדר הכרמל, 132.
הויד־קאמיסארן, 23, 226-30, 342, 346, 399.

הויד־שולן, 191-193, 420-21.
הוסעין, שעריף פון מעקא, 323, 347.
הורדוס, 30, 210.
„החלוץ", 250-55, 265, 432.
„היברו קאמיטע פאר נייטשאנעל לעברייזשאן", 241-42.
היטלער, אדאלף, 4, 27, 35-37, 389.
הייזער־בוי, זע בוי־באוועגונג.
הייקראפט־קאמיסיע, 303.
הייל־קוואלן, זע קור־פלעצער.
הייליקע פלעצער, 44, 326.
„הילפס־פאריין דער דויטשן יודן", 19, 191.
היפאטעקן־באנק, 118-20.
הירש, באראן, 12.
הכשרה, 244-45, 249-55.
„המשביר", 140, 404, 411-12.
„המשקיף", 199.
„הנוער העובד", 272-277, 280, 434.
„הסנה", 120, 149, 408, 414-15.
הסתדרות, 226, 228-29, 232-34, 247, 250, 263-83, 428, 430; בוי־טעטיקייט, 125-33; קאנטראל פון קאאפעראטיוון, 146-47; קולטור־ארבעט, 188, 196, 199, 264, 279-80, 419, 422-423; געזונטהייט, 203-204; פארטייען אין, 221, 427-429; רעוויזיאניסטן, 226, 250; אראבער, 232, 266; פראגראם, 265; אימיגראציע, 249-54; פרויען, 266, 275-77, 433; יוגנט, 277-80, 434; קאלאניזאציע, 280-83; סטאטיסטיק, 271-72, 433; לוינען און סטרייקן, 273-74, 433; ארבעטס ביוראען, 274-75; און רעליגיע, 288-29, 429.
העברעאיש, 18, 130, 181, 232, 295; העברעאיש און אראביש, 22; אין גלות, 182, 250; אויפלעבונג אין א"י, 185, 198; רעכט אונטערן מאנדאט, 295; באנוצונג דורך עמיגראנטן, 185-86.
העברעאישע אוניווערזיטעט, זע אוניווערזיטעט.
העברעאישע פרעסע, 183, 199, 422.
העברעאישע ליטעראטור, 183.
„העברה", זע דייטשלאנד.
הערזשאם, 347, 357, 368.
הערזשאם־באן, 114, 348, 355.
„העובר הדתי", 429.
„העובד הציוני", 427, 429.
הערצל, טעאדאר, 13-14, 223, 237, 286-87.
„הפועל", 434.
„הפועל הצעיר", 221.
„הפועל המזרחי", 229, 424, 427, 428-29; זע אויך מזרחי.
„הצופה", 199.
הר־הכרמל, 204.
הר־הצופים, 293.
הר־תבור, 190.
„השומר", 217.
„השומר הצעיר", 170, 199, 233-34, 250-51, 270, 427, 429.
„התאחדות האכרים", 224.

ו.

וועד על אריש, 286-87.
וואדי כאוואראט, זע עמק חפר.
וואהאביטן, 354.
וואודהעד קאמיסיע, 40.
„וואולקאן", 90, 413.
וואוקאפ, ארטור, הויך־קאמיסאר, 299, 300, 353.
וואטיקאן, 325-26.
וואכטאנגאוו, 196.
וואלוטע, זע געלט־סיסטעם.
וואכערמאן, אסקאר, 29.
וואפן־משפטים, 60.
ווארבורג, פעליקס, 29.
ווייוועל, ארטשיבאלד, פעלדמארשאל, 38, 56.
וויינטרויבן, 73.
וויין־פראדוקציע, 12, 74, 94, 107.
„ווייסער פאפיר", 33 40-45, 46, 60, 246, 297, 303, 306, 316, 338,
ווייץ, 75, 353.
ווייצמאן, חיים, 26, 29, 33, 194-95, 259, 293, 316, 324.
ווילסאן, הענרי, מייטלאנד, 56.
ווילסאן, וואודרא, 102, 289.
ווינגעיט, לארד, גענעראל, 37.
וויסאצקי, קלמן, 191.
וויצ"א, אינטערנאציאנאלע ציוניסטישע פרויען־ארגאניזאציע, 190, 247, 276, 427.
וויקטאריא, קעניגין, 284.
„וויקטארי ליג פאר רוסלאנד", 234.
ווישי־רעגירונג, פראנקרייך, 370.
ועד־הלאומי, 26, 239, 244, 260; ערציונג, 178, 188; געזונטהייט, 206, 217; ארגאניזירונג, 215-17; פארטייען, 222; אגודה, 229-230; זע אויך נאציאנאלע אויטאנאמיע.
ועד הרבנות, 219.
וועלדער, 63, 68.
וועלט־קריג: ערשטער, 19-20, 21, 288; צווייטער, 40-42.

ז.

זאלץ־געזעלשאפט, 90.
זאקן־פאבריק „לודזיא", 92.
„זיבעטע דאמיניע", 105.
זיו־אינסטיטוט, רחובות, 195, 421.
זייד־אינדוסטריע, 91, 107.
זייף־אינדוסטריע, 81, 107.
זיכערקייט, זע הגנה.
זכרון יעקב, 9, 94, 190.
זעלבסטשוץ, זע הגנה.
זשאבאטינסקי, זאב, 226-27, 241, 296.

ח.

„חבל ימי לישראל", 406-07.
חבר הקבוצות, 417.
חברון, 31, 135, 214, 337.
חברת הכשרת הישוב, 247.
חדקל, 374.
„חדשות הערב", 422.
חובבי־ציון, 9-10, 14-15.

חולה־טאל, 382־83.
חולה־קאנצעסיע, 36.
חולן, זע קרית עבודה.
חורן, 338.
חיפה, 36, 49־50, 81, 89־90, 202, 268, 368, 374, 410; אינדוסטריע, 89־90, 133; פארט, 111, 378; באפעלקערונג, 132; געשיכטע, 133; אידישע קווארטאלן, 133; בוי־באוועגונג, 134, 151, 409; קהילה, 219; שטאט־ראט, 220; הסתדרות, 271; בודושעט, 410; עדות, 410.
חיפה־באגדאד־באן, 374.
חכם באשי, 213.
חלוצים, זע „החלוץ".
חלוקה, 8.
חלוקה־אידן, 215.
חמי טבריה, 210, 392, 410, 426.
חפץ חיים, 231.
„חקל", 414.

ט.

טאבאק, 78.
טאלסטוי, לעא, 6.
טאמעיטאס, 78.
טאנטורא, 49.
טאסקאניני, ארטור, 197.
טאריף־סיסטעם, 102־105; זע אויך האנדל.
טבריה, 96, 134, 202, 210, 214, 216, 220, 410.
טובערקולאז, 203.
טוריסטן, 82, 95, 175, 310־11, 439.
טיבעריוס, 210.
טייטלען, 400.
טעאטער, 195־96, 130, 421־22.
טעכניקום, 19, 113, 191, 243, 420.
טעמפלערס, 201.
„טענעסי וואלי אטאריטי", 68.
טעקסטיל־אינדוסטריע, 89־90, 403.
טעראסן, 63, 382.
טערארער, פון אידישע עקסטרעמיסטן, 61; פון אראבישע, זע אראבישע אויסברוכן.
טערקיי, 12, 217, 286־87, 296, 313; האנדל מיט א"י, 103, 360, 377־78, 438; אויסערן־האנדל, 377־78.
טראכאמע, 202.
טראנספער, זע דייטשלאנד.
טראנספארט: באנען, 87, 91, 114־15, 407; אויטאס, 117, 407; שיפס־פארקער, 110־114; פארטן, 110־114, 406; לופט־פארקער, 115; קאאפעראטיוון, 412.
טרומפעלדאר, יוסף, 24.
טריפאלי, אין סיריע, 369, 374.
טרייד יוניאנס, זע הסתדרות.
טשארטער, 13.
טשעכאסלאוואקיע, 97; האנדל מיט א"י, 109.
טשעמבערליין, נעוויל, 40, 47.
טשענסלאר, דזשאן, הויך־קאמיסאר, 30, 298־300.
טשערטשיל, ווינסטאן, 46.
טשערקעסן, 349, 369.

י.

יאפאן, האנדל מיט א"י, 104, 109־10.
יהודה, 337.
יוגנט־עליה, 203, 217, 247, 431.
יוגנטלעכע ארבעטער, זע „הנוער העובד".
יונייטעד דזשואיש אפיל, 246.
יונייטעד פאלעסטיין אפיל, 240.
„יכין", 145, 414.
ים־פאכן, 113־14, 272, 339, 341.
ים־אינסטיטוט, 113, 191, 407.
ים־המלח, 68, 86־88, 211־12, 358, 386־87, 392; מינעראלן, 87, באדן אין, 211־12.
ים כנרת, 17, 80, 210.
ים־ליגע, זע חבל ימי לישראל.
ים־סוף (רויטער ים), 80.
יפו, 9, 17, 24, 81, 368, 409; פארט 111־12, 122; צאל אידן 127; שטאט־ראט, 220; אראבישע ארבעטער, 339.
ירדן, 17, 26, 68, 85, 374, 383, 386.
„ירדן וואלי אטאריטי", 67, 394.
ירקות, זע גרינס־ווירטשאפט.
ירושלים, 200, 214, 216, 359, 409; געזונט־הייט, 202, 204, 206; אינדוסטריע, 89, 94־95; הייזער־בוי, 152, 409; אידישע טיילן, 131; באפעלקערונג, 131; וואסער־פראבלעם, 131; קהילה, 219; שטאט־ראט, 220־221; הסתדרות, 271; עדות, 409־10.
ירמוק, 211.
ירקון, 95.
ישוב, זע נאציאנאלע אויטאנאמיע; אספת הנבחרים.
ישיבות, 58, 188.

כ.

כאזאנאוויטש, יוסף, 192.
כדורי, 190.
כותל המערבי, 30, 300.
כלארין, 387.
כנסת ישראל, 215־16, 220.
כעמישע אינדוסטריע, 58, 87, 272, 387, 403.
כעמישע באמיסטיקונג, 88, 387.
כפר יהושע, 201.

ל.

לאדינא, 130.
לאודערמילק, וואלטער, 67.
לאודערמילק־פלאן, 86, 358, 394.
לאטאקיע, 369.
לאויד באנק, 245.
לאנדווירטשאפט, 9־11, 163־81, 138, 382־83, 397; קלימאטישע באדינגונגען, 66־67; קולטיווירבארער שטח, 64; באוואסערונג, 67־68, 383־84; לאנדווירטשאפטלעכע ביל־דונג, 68, 189־90, 419; אינוועסטמענטס, 70־72, 243־44; צווייגן פון, 72־80; צווישן אראבער, 68־69, 335־37; אימפארט, 80־81, זע אויך אראנזשן־ווירטשאפט, קבוצות.
לאנדלאזע אראבער, 304־305, 341־42.
לאנד־קויף, זע נאציאנאל־פאנד.

לאקאוט, 273-74, 433.
לארענס, קאלאנעל, 323.
לבנון, 357, 367, 369-70, 371, 439.
לוד, 114, 337.
לוינעו, 281, 318-19.
לופט־פארקער, זע טראנספארט.
ליוק, הערי, 30, 299, 303.
„לי־לה־לו", 422.
ליי־קאסעס, זע קאאפעראטיוון; קרעדיט.
לימאנען, זע ארגאנזשן־ווירטשאפט.
לינקע פועלי־ציון, זע פועלי־ציון.
לעבנס־קאסטן, 58-59, 398.
לעבנס־סטאטיסטיק, פון ארץ ישראל, 206-08; פון איראק, 209; פון עבר־הירדן, 349-50.
לעניאן, אידישער, 22, 226, 291, 293.
לעגיסלאטיווער ראט, זע געזעצגעבערישער ראט.
לעדער־אינדוסטריע, 92-93, 272.
לעטלאנד, האנדל מיט א"י, 103.

מ.

מאגנעס, ד"ר, י. ל., 194.
מאגנעזיום, 86, 387.
מאכמעדאנער, 30-31, 177-80, 207-08, 268, 312, 321, 330, 349, 350, 368-69, 436-37; ערציאונג, 177-80; לעבנס־סטאטיסטיק, 207-08.
מאלאריע, 201, 203, 382, 423.
מאלעריי, 197.
מאנדלען, 74, 400.
מאנדאט אויף ארץ ישראל, 22, 293-95, 306, 320; האנדל־שטערונגען, 102; עבר־הירדן, 347; זע אויך באלפור־דעקלאראציע; ענגלאנד; פעלקער־בונד.
מאנדאט־קאמיסיע, 47, 312, 353.
מאנטגאמערי, בערנארד, פעלדמארשאל, 56.
מאנטעפיארע, משה, 285.
מאסול, 209, 370.
מאסול, אויל־פעלדער, 88, 90, 112, 376.
„מאסקווב", 329.
מאפו, אברהם, 183.
מאקדאנאלד, מאלקאלם, 338.
מאקדאנאלד, רעמזי, 33-34.
מאקדאנאלד־בריוו, 316.
מארמאר, 88.
מארקסיזם, 222.
מארשאל, לואי, 29.
מואב, 352.
מוזיק, 165, 197.
מוניציפאליטעטן, 44, 49, 222-23.
„מוכר־ביאליק", 423.
מוסטאפא קעמאל, 180, 377, 422.
מועצת הפועלות, 276-77, 433-34.
מופטי, פון ירושלים, 37, 40, 42, 330-31; אפאזיציע צום מופטי, 42, 331.
מוצא, 206.
מושב עובדים, 171-72, 280, 418.
מזרח־יריד, 128.
מזרחי, 188, 199, 215, 227-28, 240, 419, 427.
„מכון למסחר חוץ", 439.
מיטלענדישער ים, 68, 72, 87, 372, 378, 382, 386.
מילגרוימען, 400.
מילך־ווירטשאפט, 65, 68, 71-72, 76-77, 81, 103, 401.
מילנער לארד, 287.
מינעראלן, 86, 88, 387.
מינעראל־קוואלן, 211-12.
מיסיאנערן, 7, 179, 205, 209, 326, 350.
מיידל־פארמס, זע מועצת הפועלות.
מייזל, חנה, 190.
מכביאדע, 128.
מסדה, 87.
מעבל, 90, 93.
מעדינא, 355.
מעדיצין, 201-212.
מעדיצין־שול, זע אוניווערזיטעט.
מעדיצין־פראפעסיעס, 206, 272.
מעטאל־אינדוסטריע, 272.
מעטואליכטן, סעקטע אין סיריע, 369.
מעטקאל פאשא, 351.
מעלאנען, 73.
מעסאפאטאמיע, זע איראק.
מעסינא, 378.
מעקא, 347, 355.
מעק מאהאן, גענעראל, 323.
מעק מייקל, העראלד, הויך־קאמיסאר, 48, 60, 61, 299.
מפא"י (מפלגת פועלי ארץ ישראל), 171, 219, 221-23, 232, 250, 427, 429.
מקוה ישראל, 9, 93, 189, 419.
„מקורות", 148-49, 414.
מרחביה, 17, 162.
מרכז חקלאי, 280.
משוגעים, זע גייסטיק־קראנקע.
„משמר", 199, 417.
משפט השלום, 217.

נ.

נאבלוס, זע שכם.
נאדל־פאכן, זע באקליידונג.
נאוואמעייסקי, משה, 26, 86.
נאווראצקי, קורט, 424, 435.
נאטירלעכער צואוואוקס, 208, 426; קריסטן, 208, 426; מאכמעדאנער, 208, 426.
נאענטער מזרח, 360-79, 439.
נאפט־רערן־ליניע, זע איראק פעטראלעאום־קאמפאניע.
נאציאנאל־פאנד, 15, 71, 228, 231, 239, 242, 245-46, 283, 382, 397, 399-400, 416, 431; באדן־קויף, 22, 44, 48, 304; באוואלדונג, 69; באדן אין שטעט, 90, 126.
נאציאנאלע אויטאנאמיע, 26, 213-19.
נאציאנאלע ביבליאטעק, זע אוניווערזיטעט.
נאציאנאלע הלואה, 292.
נאציאנאלער קאמיטעט פארן ארבעטנדן ארץ־ישראל, זע געווערקשאפטן־קאמפיין.
נאציאנאלער קאונסיל, זע ועד הלאומי.
נאציס, 37, 42-53, 56, 108, 256, 325; באיקאט, 256-57.

נאשאשיבי, ראגעב, 42.
נגב, 39, 48, 57, 383, 405.
נהלל, 65, 190, 201־02, 247.
„נוה עובד", 415־416.
נוה שאנן, 133.
„נוע", 408, 413.
„נחשון", 150, 406.
ניט־ציוניסטן, 29, 237, 259.
נייע ציוניסטישע ארגאניזאציע, זע רעוויזיאניסטן.
נילום, 362.
„ניר", 150, 280־83, 435.
„נשר", 89, 268, 404.
נתניה, 50, 92, 94, 135.

ס.

סאוד־אראביע, 361.
סאוויעטן־פארבאנד„ זע רוסלאנד.
סאנאטאריעס, 204.
כא׳ רעמא, 22.
סאציאליזם אין ארץ־ישראל, זע מפא"י; השומר הצעיר; פועלי־ציון.
סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל, 221.
סאציאלע פארזיכערונג, 204.
סאקאלאוו, נחום, 291.
„סולל בונה", 90, 144, 146, 404, 411, 413.
סועץ־קאנאל, 55, 88, 114, 357־58, 360, 373, 378־79, 388, 393.
סזאלד, הענריעטע, 420.
סטרייקן, 273־74, 433.
כייקס־פיקא אפמאך, 324.
סימפסאן, דזשאן האופ, 32־33, 306, 385.
סיעה ב׳, 223.
סיריע, 210, 270, 285, 311־12, 324, 334, 357; האנדל מיט א"י, 109, 368, 371־72, 437־438; באפעלקערונג, 369; פאליטישער סטאטוס, 368־70; עקאנאמישע פראבלעמען, 370־72.
סמאלענסקי, פרץ, 184.
סמיליאנסקי, משה, 335־36.
סני, האלב־אינזל, 286, 338.
סנעל, לארד, 32, 304.
סעמאק, 114.
סעמועל, הערבערט, 23־25, 296־98, 319, 331.
סענעש, חנה, 403.
ספארט, 128.
„ספרית פועלים", 423.
ספרדים, 219־20, 410.
כקולפטור, 197.

ע.

עבר־הירדן, 13, 91, 111, 210־11, 270, 286, 295, 311־12, 334, 347־59, 381, 384; סטאטוס, 295, 347, 352־53; אידישע איינוואנדערונג, 334; באפעלקערונג, 348־50; אידישע קאלאניזאציע, 351־52, 356; געזונטהייט, 350־51; ערציונג, 351; בודזשעט, 352; האנדל, 352; גרענעץ־פאליציי, 317, 354; צוקונפט, 356־59.
עגיפטן, 285, 311־12; לאנדווירטשאפט, 65, 68, 366; האנדל מיט א"י, 109־10, 363־65, 437; געזונטהייט, 209; עקאנאמישע באדינגונגען, 362־66; סטאטיסטיק, 363־66; איריגאציע, 375.
עופות־צוכט, 63־65, 68, 75־76.
עזה, 48, 57, 88, 337, 357־58.
עין חרוד, 175.
עליאט, דזשארדזש, 285.
„עליה חדשה", 427, 429.
עלית הנוער, זע יוגנט־עליה.
עלעקטריפיקאציע, 26, 85־86, 261, 404.
„עם עובד", 423.
„עם עולם", 7.
עמיגראציע, פון מזרח־אייראפע, 3־7; פון ארץ ישראל, 334; פון סיריע, 334, 371.
עמערדזשענסי קאונסיל, זע ציוניסטישער עמערדזשענסי קאונסיל.
עמק החוף, 383.
עמק הירדן, 17, 210, 383.
עמק חפר, 282.
עמק יזרעאל, 25, 39, 46, 48, 57, 65, 73, 78, 162, 203, 358, 382־83, 387.
עמק עכו, 383.
ענגלאנד, 14, 20, 21־25, 32־34, 47־48, 59־62; „ווייסער פאפיר" פאליסי, 43־46, 47־53; נאך־מלחמה פלענער, 60־61; האנדל מיט א"י, 108־10; און אידן, 284־320, 352־58; אומרוען אין א"י, 296־97, 307; עבר־הירדן, 351, 356.
ענגליש אין העברעאישע שולן, 178, 188.
„ענטוויקלונגס־פלאן", 60.
עפל, 64, 400.
עפולה, 135, 205.
עפנטלעכע ארבעט, 262, 316־17.
עקאנאמישע קאנצעסיעס, 26.
עקאנאמישער קריזיס, 27.
עקספארט, סטאטיסטיק, 19, 87, 98־99, 105־110; פון ציטרוס־פרוכט, 72, 107־08; אינדוסטריעלער עקספארט, 84, 87, 91־92, 107־08; אין די פאראייניקטע שטאטן, 105; קיין ענגלאנד, 109; קיין סיריע, 109, 367, 438; קיין עגיפטן, 109, 363־64, 437, 438־439; קיין ציפערן, 372־73; קיין איראק, 376, 438; קיין טערקיי, 377, 438־39.
עקספערימענטאלע סטאנציעס, 64, 68, 192.
ערציאונג, 18־19, 26, 58, 177־80, 187־91, 217; סטאטיסטיק, 177־78, 418־19; בודזשעט, 179, 245, 419; רעגירונגס־הילף, 180; פראגראם, 187־88, 227; לאנדווירטשאפטלעכע, 189־90; פאר־בילדונג, 190־91, 279־80, 434; פרויען, 276־77; אוונט־שולן, 279; צווישן אראבער, 177־78, 328, 351.
„עתון עממי", 422.

פ.

פאגראמען, אין רוסלאנד, 15, 286; אין ארץ־ישראל, זע אראבער, אויסברוכן.
פאטאש, 387.

פּאַטאַש־סינדיקאַט, 86, 211, 261; זע אויך ים־המלח.
„פּאַטס" (פּאַלעסטיין אָקיופּײַד טעריטאָריעל סוירוויס), 55.
"פּאַטריאַ", 51.
פּאָליציי, אידן אין, 317־18, 435; זע אויך רעגירונג.
פּאַלמערסטאָן, לאָרד, 284.
„פּאַלעסטיין פּאָסט", 199.
פּאַלעסטינע־אַמט, זע אימיגראַציע.
פּאַלעסטיין אַמעריקען קאָרפּאָריישאָן, 119.
פּאַלעסטיין מאָרטגיידזש ענד קרעדיט באַנק, 119.
פּאַלעסטיין עלעקטריק קאָרפּאָריישאָן, 26, 85, 261.
פּאַספילד, לאָרד (סידני וועב), 33, 306.
פּאַרטישאָן, זע צעטיילונג.
פּאַרטן, 110, 113, 406.
פּאָרט סאַאיד, 374.
פּוילן, האַנדל מיט א"י, 109־10; פּ. ק. א., פּוילישע באַנק, 118.
„פּועלי אגודת ישראל", 429.
פּועלי־ציון, 15, 232־33, 240, 270, 427־28.
פּיאָנערן־פרויען, 276.
פּיטשעס, 74.
פּיין, מאַקס, 190, 280.
פּיל־קאָמיסיע, 39־40, 62, 305־06, 337־38.
פּינסקער לעאָ, 5־6, 223.
פּיק"א, 12, 71, 204, 243, 399.
פּלאַוויוס, יוסף, 381.
פּלומער, פעלדמאַרשאַל, 29, 298.
פּליטים, 49, 255, 262; זע אימיגראַציע.
פּערסיע (איראַן), 360, 362, 368.
„פּרדס", 137.
פּרדס חנה, 190.
פּרדסים, זע אָראַנזשן־ווירטשאַפט.
פּריוואַטע איניציאַטיוו, 27־28, 262.
פּרייזן, פון לעבנסמיטל, 58־59.
פּרעסע, זע העברעאישע פּרעסע.
פּרעפערענץ־רעכט, 373.
פּרת, 374.
פּתח־תקוה, 8־9, 135, 338־39; אינדוסטריע, 93־94; געזונטהייט, 205.

פֿ.

פֿאַר־שולן, 190־91, 280, 434.
פֿאַספֿאַט, 88, 349, 387.
פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿטן, 120.
„פֿאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפֿטן", 190.
פֿאַראייניקטע שטאַטן, 7, 22, 186, 288, 294; האַנדל מיט א"י, 104־05, 109־10, 113, 406; ציוניזם, 22, 288, 294.
פֿאַרלאַגן, 198־99, 398, 422־23.
פֿאַרמאַצעווטן, 206.
פֿאַרמאַצעווטישע פּראָדוקטן, 78.
פֿאַרמס, קאָלעקטיווע, זע קבוצות.
פֿאַרמער־פֿעדעראַציע, זע התאחדות האכרים.
פֿאַשיזם, 303, 329, 376.
פֿונט, ארץ־ישראלדיקער, 116.
פֿי־צוכט, 77, 401.
פֿײַגן, 74, 400.
פֿייזאַל, קעניג פֿון איראַק, 295, 324, 347.
פֿיינסטאָן מאָריס, 425.
„פֿיליסטין", 339.
פֿיש־פֿאַנג, 57, 79־80, 391, 402־03.
פֿישער־דערפֿער, 80.
פֿלוימען, 74, 401.
פֿעלאַכן, 38, 64, 66, 68, 328, 331, 335־36, 341־42; אין עבר־הירדן, 356; אין איראַק, 375; זע אויך לאַנדווירטשאַפֿט צווישן אַראַבער.
פֿעלקער־בונד, 22, 47, 102, 230, 241, 293־95, 342.
„פֿעניציע", גלאָז־פֿאַבריק, 144, 413.
פֿראַנצויזן, אין סיריע, 307, 324, 369־70.
פֿראַנצויזיש אין שולן, 178, 189.
פֿראַנקרייך, האַנדל מיט א"י, 109, 113.
פֿרויען, אין הסתדרות, 275־77; וויצ"א, 190, 247, 276; אין קבוצות, 158־59; אין דער הסתדרות, 276־77; זע הדסה.
פֿרוכט־זאַפֿט, 91, 107.
פֿרידנס־גערעכט, זע משפט השלום.
פֿרענטש, לואי, 33, 305.

צ.

צאָל אידן אויף דער וועלט, 2; אין ארץ־ישראל, 348, 436.
צוקער־רויערן, 78.
צוקער־פּראָדוקציע, 387.
„ציון", פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿט, 120.
ציוניזם, 13, 22־23, 39־40, 43־50, 178, 237־242, 260־61, 286־88; און אוגאַנדאַ, 286־287; און „ווייסן פּאַפּיר", 45־47; און פּריוואַטע איניציאַטיוו, 27־28, 262; און די אַראַבער, 321־22; אין גלות, 239־41.
ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, 237־40; אַקציאָנס־קאָמיטעט, 239; עקזעקוטיווע, 240; שקל, 238־39; זע אויך אידישע אַגענטור.
ציוניסטישער קאָנגרעס, 16, 39, 162, 222, 238, 252.
ציוניסטישע קאָמיסיע (פֿון 1918), 22.
ציוניסטישער עמוירדזשענסי־קאָונסיל, אין אַמעריקע, 240.
ציטרוס־פּרוכט, 34, 65, 70, 72, 106, 261, 313, 349, 362־63, 373, 400.
„צים", 406.
ציפֿערן, 113; האַנדל מיט א"י, 372־73, 438.
צעטיילונג, פֿון ארץ ישראל, 39־40, 306; זע פּיל־קאָמיסיע.
צענטראַלע באַנק פֿאַר קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, 121.
צפת, 31, 96, 134, 202, 205, 214־216, 411.

ק.

קאַירא, 364.
קאָאָפּעראַטיוון: קרעדיט, 121, 151, 415; אַפּזאַץ, 137־39; בוי, 125, 152; קאָנסום, 140, 411; פּראָדוציר, 141־43, 412־13; טראַנספּאָרט, 143; קאָנטראַקט, 143־44; באַוואַסערונג, 148; לעבנס־פֿאַרזיכערונג, 149; הייזער־בוי, 151־52; צווישן אַראַבער, 153־154.

קאאפעראטיווע קאלאניזאציע, 16־17, 57.
קאווקאז, 218.
קאליראע, 210־11, 392.
קאלאניאל־אפיס, זע ענגלאנד.
קאלאניזאציע, 17, 19־20, 57, 245, 258־60; פון דייטשישע אידן, 247; התישבות האלף, 259, 281; אראבישע ארגומענטן קעגן, 333־34; זע אויך אידישע אגענטור; ציוניסטישע ארגאניזאציע.
קאלעקטיווע אפמאכן, 274.
קאלעקטיווע ישובים, זע קבוצות.
קאמוניסטן, 232, 234־36, 268־69, 271, 427, 430.
קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל, 232.
קאנינגהאם, אלאן גארדאן, הויך־קאמיסאר, 399.
קאנגרעס, ציוניסטישער, זע ציוניסטישער קאנגרעס.
קאנטארא, 364.
קאנטראקט־קאאפעראטיוון, 143־44; זע אויך „סולל־בונה".
קאנסום־פאריינען, 411.
קאנסערווירונג פון פרוכט, 78.
קאצענעלסאן, בערל, 282.
קאראאימער, 410.
קארטאפל, 76, 401.
קארנאוואל אין תל־אביב, 128.
קבוץ ארצי, 147, 170, 234, 417.
קבוץ המאוחד, 171, 418.
קבוצות, 70, 75, 155־176, 228־29, 280, 416־417; ערשטע טריט, 17, 155־56, 161־62; אינדוסטריע אין, 70, 417; קינדער־ערציונג, 157; פרויען אין, 158־59; געשיכטע, 161־63; קליינע און גרויסע קבוצות, 165, 169; קבוצה און קבוץ, 165־67; הילף צו קרובים, 169; מיטגלידער פון, 163־164; קריטיק און פארטיידיקונג, 174.
„קדם", 406.
קהילות, 219.
„קול העם", 422.
קונסט, 195־97; קונסט־אינדוסטריע, 82, 95, 197.
קופת חולים, 133, 165, 203, 423־25.
קופת עם, 118.
קורדיסטאן, 218.
קור־פלעצער, 209־12.
קי, 401.
קיטשנער, לארד, 366.
„קיילעכדיקער טיש", זע ראונד־טייבל.
קינדער־היימען, 277; קינדער־גערטנער, 276־277; שטערבלעכקייט פון, 207, 209.
קאלאניסטן, 278.
קינסטלעכע מיסט, 87.
קינסטלעכע ציין, 92.
קיש, פרידריק, בריגאדיר־גענעראל, 56.
קלאסן־קאמף, 222, 226, 232.
קלימאט, 66־67.
קליידער־אינדוסטריע, 92.
קראנקן־שוועסטער, 204, 264.
קריסטן, אין ארץ־ישראל, 284־88, 321, 325־326; ערציונג, 177־78; סטאטיסטיק, 206־208; ארבעטער, 268; אין עבר־הירדן, 349; אין סיריע, 369־70; אין לבנון, 369.
קרית חיים, 416.
קרית עבודה, 93, 405, 416.
קרית שמואל, 134.
קרן היסוד, 71, 239, 242־45, 254, 258־59, 397, 430־31.
קרן נכות, 425.
קרן קימת לישראל, זע נאציאנאל־פאנד.
קרעדיט־סיסטעם, 116־119.
קרעדיט־פאריינען, זע קאאפעראטיוון; קרעדיט.

ר.

ראדיא, 199־200, 423.
ראונד־טייבל־קאנפערענץ, 42, 325.
ראזיר־מעסערלעך, 94, 388.
ראטענוי, עמיל, 85.
ראטשילד, עדמונד, באראן, 10־11, 71, 90, 93, 243, 420.
ראמעל ערווין, 365.
ראשון לציון, 9, 93־94, 135.
ראש־פנה, 9.
רבנישע געריכטן, 219.
רוימער, 210.
רוטענבערג, פנחס, 26, 85.
רויטער ים, 357.
רומעניע, האנדל מיט א"י, 103, 109.
רוסלאנד, 6, 9־10, 21, 57, 192, 288; האנדל מיט א"י, 103, 110; ציוניזם, 235, 326־27.
רופין, ארטור, 420.
רחובות, 94, 135, 192, 336, 420.
רייז, 76.
רמלה, 49, 337.
רמת־גן, 92, 404־05.
רעגירונג פון ארץ ישראל, 23, 34, 177, 179־180; העברעאישע שולן, 177, 179־80; געזונטהייט, 202־03; עפנטלעכע ארבעטן, 316; רעגירונג אלס ארבעטס־געבער, 317־318; בארן־פאליטיק, 44, 312־14, 331־33, 341־342; זע אויך ענגלאנד.
רעוויזיאניסטן, 61, 224־25, 241־42, 250, 253, 296, 428.
רעליגיע, 218־19, 228־29.
„רעליגיע פון ארבעט", 264.
רענטגען־אנשטאלטן, 424.

ש.

שאו־קאמיסיע, 32־33, 304־06, 316, 333.
שאסייען, 114.
שאפצוכט, 77, 401.
שבת־רו, 228־29.
שומרון, 57.
שוועבל, 88, 387.
שוועבל־פאבריק, 90.
שטח, פון ארץ ישראל, 66, 348; פון עבר־הירדן, 348.
שטרויס, נאטאן, 202.

שטערבלעכקייט, 206, 425; קינדער, 207, 209, 425; קריסטן, 206־07, 425; מאַכמעראַנער, 206־07, 425.
שיך־אינדוסטריע, 106.
שיף, יעקב, 191.
„שכון", 152, 414, 416.
„שכון עממי", 413.
שכונת בורוכוב, 416.
שכם (נאַבלוס), 81, 337, 364.
שמירת שבת, 227־29.
„שמן", 89, 404.
שעפטעסבורי, לאָרד, 284.
שפּאַניע, 36.
שפּאָר־און לייַ־קאַסעס, זע קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט.
שפּיטאַלן, 203־05.
שפלה, 67.
שקל, 238־39, 430.
שרון, 57.

ת.
תבואה־קולטור, 64־65, 75.
תוצרת הארץ, 77, 100.
„תיאטרון לילדים", 196.
„תיאטרון קמרי", 421.
תימנים, 220, 410, 427.
תל־אביב, 17, 19־20, 27, 222, 261, 359, 374, 408־09, 428; געזונטהייט, 202, 204; אינדוסטריע, 89, 91, 128; פּרעסע, 93; פּאַרט, 111־12, 128־29, 406; געשיכטע, 122; באַפעלקערונג, 122; בוי־באַוועגונג, 123, 152, 409; בודזשעט, 124, 409; קהילה, 219; רעליגיעז לעבן, 219; הסתדרות, 271, 428; ערציונג, 280; שטאָט־ראַט, 428.
תל־חי, 24.
תלמוד־תורות, 178, 419.
„תנובה", 76, 138־40, 401־02, 411.
„תנובה אקספּורט", 411.
תנ"ך, 188, 284, 287; זע אויך ערציונג.
„תנועה לאחדות העבודה", 427־29.
„תנועת העם", 429.